STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06934

ALGEMEYNE IDISHE GESHIKHTE

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

ערשטער טייל.

די עלטסטע געשיכטע (א).

פון דעם פאַרהיסטאָרישען אָדער וואַנדערונגספעריאָד ביז דער צושפאַלטונג פון אידישען פאָלק אויף צוויי מלוכות.

ווילנע, תר"ף—1920.

Printed in Poland

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס, 13.

אינהאלט פון ערשטען טייל.

די עלטסטע געשיכטע (א).

די אידען צווישען די קולטורפעלקער פון מזרח.

זייט

הקדמה 5

ערשטע אָבטיילונג.

דער פּאַרהיסטאָרישער אָדער וואַנדערונגס־פּעריאָד.

אַלגעמיינער איבערבליק 7

סעמיטען און עברים; זייערע טראַדיציעס וועגען דער אורצייט (קאַפּיט. I) 10

די אגדות וועגען די צייטען פון די אבות (קאַפּיט. II) 20

די בני־ישראל אין מצרים (קאַפּיט. III) 43

די בני־ישראל אין מדבר (קאַפּיט. IV) 55

צווייטע אָבטיילונג.

די העראָאישע עפּאָכע.

אַלגעמיינער איבערבליק 72

די ערָאבערונג פון כנען (קאַפּיט. I) 74

די צייט פון די שופטים און די הערשאַפט פון דער שבט־אָרדנונג (קאַפּיט. II) 85

דער איבערגאַנג פון שבט־אָרדנונג צו מלוכה־אָרדנונג (קאַפּיט. III) . 103

דריטע אָבטיילונג.

די פעראייניגטע מלוכה פון ישראל פאַר דער צייט פון די ערשטע מלכים און דער אָנהויב פון דער שפּאַלטונג.

אַלגעמיינער איבערבליק 114

דער קעניג שאול (קאַפּיט. I) 116

דער קעניג דויד (קאַפּיט. II) 131

שלמה'ס מלוכה (קאַפּיט. III) 149

די צעשפּאַלטונג און דער אָנהויב פון די צוויי מלוכות (קאַפּיט. IV) . 160

דרוקפעהלער
צום ערשטען טייל.

זייט	שורה		געדרוקט:	דאַרף זיין:
10	4	פון אונטען	ערשטער	לעצטער
68	10	„	גרוים	גרויִם
85	15	פון אויבען	ערשט	ערשטע
88	8	„	פערענטפערט	ענטפער
94	5	„	איבערגעטראָגען	אַריבערגעטראָגען
131	12	פון אונטען	צוטראָגען	צו טראָגען
133	6	פון אויבען	גאַנצע	גאַנצער
147	6	„	דער גאַנצעד פאָלק	דאָס גאַנצע פאָלק
152	13	„	צופאָהרען	צו פאָהרען
„	11	פון אונטען	חמה	חכמה
155	1	פון אויבען	שע שאַנק	שעשאַנק
161	8	פון אונטען	פעסטאויגגעשטעלט	פעסט אײַנגעשטעלט

הקדמה.

די אידישע געשיכטס־שרייבונג — אין דער נייער צייט איז זי, איבערהויפּט דייטשלאַנד, גרונטיג בעאַרבייט געוואָרען — האָט ביז אהער געהאַט איין גרונט פעהלער, וואָס פון אים זיינען ניט פריי אפילו די בעסטע חיבורים: צו ווינציג אָרט האָט אין איהר תופס געווען דאָס אינעווייניגסטע לעבען פונ׳ם פאָלק אין זיין גאַנצען היקף. די ערשטע העלפט פון אונזער היסטאָריע האָט מען זיך נוהג געווען צו שרייבן בעצם אלס רעליגיאָנס־געשיכטע: מ׳האָט געשילדערט די ענטוויקלונג פון אידישקייט, ווי אַזוי פון דער תורה און פון די נביאים איז זי אַריבער געגאַנגען צו דער גמרא; די צווייטע העלפט שטעלט מען פאַר בעצם אַלס ליטעראַטור־געשיכטע. מ׳גיט איבער אַ שילדערונג פונ׳ם אידישען לערנען און דיינקען, אַ שילדערונג פון ספרים, מחברים, גאונים, רבנים, מקובלים, פייטנים און פילאָזאָפען. דאָס, וואָס מ׳האָט דערציילט אויך וועגן דעם נאַציאָנאַלען לעבען און וועגען דער קולטור, אויסער רעליגיע און ליטעראַטור, איז ניט מעהר ווי אַ אגב־זאַך. אָט דער גרונטפעהלער האָט איבערהויפּט שעדליך געווירקט אויף דער געשיכטס־שרייבונג פון דער גלות־תקופה. די הערשענדע מיינונג איז געווען, אַז באַלד ווי ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס אידישע פּאָליטישע לעבען, איז שוין מעהר ניט געבליבען וואָס צו בעשרייבען אויסער צוויי פּרטים: א) ווי דאָס פאָלק האָט געליטען צרות און ב) ווי דאָס פאָלק האָט גייסטיג געשאַפען. גאַנץ ווייניג אָבער האָט מען זיך אינטערעסירט מיט דער פראַגע: ווי אַזוי האָט זיך דאָס פאָלק אין אַלע גלות־לענדער אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן, אַז עס האָט געלעבט אַלס אַ בעזונדער אומה מיט אַווטאָנאָמישע קהילות, מיט שולען און מיט כּלערליי אַנשטאַלטען, אחוץ אמונה־ענינים. געוויס האָט די אמונה שטאַרק געווירקט אויף די נאַציאָנאַלע איינהייט פון פאָלק, אָבער דאָס איז דאָך לויטער אַ גרויסער שילד, וואָס הינטער אים האָט זיך כּסדר געפורעמט אַ זעלבשטענדיגעס לעבען ניט גראָד אין בית־מדרש, נייערט און דער עיקר אין גאַס, אין שטוב און אין די קהל׳שע ענינים. אפילו אין עצם אידישקייט איז אויך דאָ אַ היבשער חילוק צווישען די השגות און מנהגים פון די אָנפיהרער (די רבנים) און צווישען די פון דער פאָלקסמאַסע, וואָס אָפטמאָל האָט זי אָן אַ זייט פון דעם אָפיציעלען וועג, געשאַפען איר אייגענעם שטייגער אין הילכות אידישקייט.

דאָס הויפּטציל פון מיין חיבור איז צו פעריכטען אָט דעם גרונטפעהלער. די היסטאָריע פון אונזער פאָלק, ווי אַזוי זי האָט זיך כּסדר ענטוויקעלט, טו איך שילדערען אין דריי צושטאַנדען: הן אַלס אַ אומה מיט אַ לאַנד און מיט אַ מלוכה, און הן אַלס אומה מיט אַ לאַנד אָבער אָהן אַ מלוכה און הן אַלס אַ אומה אָהן אַ מלוכה און אָהן אַ לאַנד. דער עיקר איז ביי מיר

צוצוקוקען זיך צום גאַנג פון דער היסטאָריע און צו ערקלערען, ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט אַזוינע געוואַלטיגע קריזיסען און ווי אַזוי אין יעדען צושטאַנד האָט עס געשאַפען די פּאַסענדע פאָרמען פון זיין אַווטאָנאָם=נאַציאָנאַלען לעבען. די אידישע ליטעראַטור=געשיכטע, וואָס איז אַ ענין פאַר זיך און דאַרף זיין געשריבען אין אַ בעזונדער בוך, אינטערעסירט מיך דאָ נאָר אין דער מאָס, ווי ווייט אין איר האָבען זיך אָגעשפּיגעלט דאָס פאָלקסלעבען און דער פאָלקסגייסט, און ניט גראָד דער גייסט פון יחידים, פון גרויסע מענשען. מיין שטאַנדפונקט אין געשיכטס=שרייבונג איז דער סאָציאָלאָגישער, דהיינו איך טו ערקלערען, ווי אַזוי אַ קיבוץ מענשען, וואָס רופט זיך אָן „אומה", האָט אין אַ משך פון טויזענטער יאָהרען זיך געבילדעט, זיך געביטען און זיך צוגעפּאַסט צו פערשיידענע אומשטאַנדען אין אַלע פרטים פון פריוואַטען און געזעלשאַפטליכען לעבען. מיין שיטה איז עוואָלוציאָניסטיש, דהיינו אַלע היסטאָרישע מאָמענטען ווערען ערקלערט אַלס צונויפגעבונדען אין דעם גאַנג פון דער אינעווייניגסטער ענטוויקלונג: ניטאָ קיין מופתים, ניטאָ קיין שפּרונגען פון איין מדריגה אויף דער אַנדערער, נייערט אַלץ ענטוויקעלט זיך בהדרגה לויט די אַלגעמיינע היסטאָרישע געזעצען; ס'וואַקסען מאַטעריעלע און גייסטיגע כוחות, אידייען, געפיהלען, שטרעמונגען, וואָס ווערען געשאַפען אין פאָלק און שאַפען דאָס פאָלקסלעבען אין יעדער תקופה.

ס'איז אַ לאַנגער וועג פון כמעט פיר טויזענט יאָהר, וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט. מיר וועלען גיין דורך אַלע צייטען פון דער וועלטגעשיכטע, דורך אַלע לענדער און פעלקער; מיר וועלען זיך צוקוקען, ווי ס'האָט געלעבט און ווי ס'האָט געהאַלטען מלחמה פאַר זיין קיום אַ קליין פאָלק, וואָס איז אייביג ווי די געשיכטליכע וועלט. געוויס איז עס אַ השגחה=זאַך, אָבער אין דעם זעלביגען זין, ווי ס'איז אַ השגחה=זאַך דער גאַנג פון די שטערן אין הימעל; ס'איז אַ גאַנג לויט אַלגעמיינע געזעצען, וואָס מ'האָט שוין ענדעקט און ערקלערט.

די „אַלגעמיינע אידישע געשיכטע", וואָס איז גענוג אידיש אין גייסט, ווערט פעראידישט אויך אין דער שפּראַך גראָד אין דער צייט, ווען איבער דער חשיבות פון אידיש קומט נאָך אַלץ פאָר די מחלוקת צווישען העברייאיסטען און אידישיסטען. אויף דער שאלה: צי איז אידיש מסוגל אויף איבערצוגעבען וויסענשאַפטליכע ענינים, איז דער גלייכסטער ענטפער צו שרייבען און צו דרוקען אויף אידיש אין אַלע געביטען פון ליטעראַטור.

שמעון דובנאָוו.

ערשטער טייל.

די עלטסטע געשיכטע.

א העכערער מדרגה. די זוכען אין דער אונטופיגער פערשיידענהייט פון די

די אידען צווישען די קולטור-פעלקער פון מזרח.

ערשטע אבטיילונג.

דער פארהיסטארישער אדער וואנדערונגס-פעריאד

(פון XX—XV יאהר-הונדערט לפי ערך).

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 1. אין דעם גראהען פאר-בעגינען פון דער וועלט-געשיכטע, אין יענער פרידאר צייט, בשעת עס איז שווער נאך צו אונטערשיידען, וואס איז ווירקליכקייט און וואס איז פאנטאזיע, בשעת די פערזאנען און געגענשטאנדען קומען פאר אזוי אונדייטליך און מטושטש, — ערשיינט פאר אונז די לעגענדארישע געשטאלט פון א וואנדער-שבט, וואס בעוועגט זיך פון די מדבריות פון אראביען (ערב) קיין מעסאפאטאמיען (ארם נהרים) און ווייטער, צו די ברעגען פון פאדער-אזיען. אויף דעם דאזיגען קליינעם שבט, אן אבצווייגונג פון דער סעמיטישער ראסע, ליגט עפיס א בעזונדערער חותם. ער פערנעמט זיך מיט האדעווען בהמות און לעבט אין דער פרייער נאטור — און פונדעסטוועגען ווירקען ניט אויף זיין נשמה די סטיכישע ערשיינונגען פון דער ארומיגער נאטור, וואס האבען אזוי געדריקט אויפ'ן בעוואוסטזיין פונ'ם פרימיטיווען מענשען און געמאכט איהם פאר א שקלאף פון דער קערפער-וועלט. אדרבה, דאס לעבען אין געצעלטען מאכט די דאזיגע סעמיטישע נאמאדען (וואנדערער) מסוגל צו אנאנשויאונג פון

נאַטור־ערשײַנונגען — אַן אײנציגע אַנפֿירענדע קראַפֿט; זי פֿילען, הגם ניט קלאָר, דעם פֿערבאָרגענעם װעלט־גײסט הינטער דעם זיכטבאַרען װעלט־קערפּער. די אַלע מטושטש'ע געדאַנקען זענען פֿערקערפּערט אין דעם פּאַטרי־אַרך אברהם, װאָס איז לױט דער ערצעהלונג פֿון דער תורה, געקומען אין נאָהענטע פֿערבינדונגען מיט גאָט (אלהים) אין יענע מאָמענטען, װען ער האָט אױפֿ'ן פֿרײַען פֿעלד „געקוקט אױפֿ'ן הימעל און געצעהלט די שטערען", אָדער „בײַם זונענאונטערגאַנג, בשעת דער שלאָף איז אױף איהם געפֿאַלען, און פֿון דער גרױסער פֿינסטערניש האָט איהם אָנגענומען אַן אימה". אין די דאָזיגע בילדער איז קלאָר אױסגעדריקט דער ערשטער, דער נאַטירליכער כאַראַקטער פֿון דער אידישער רעליגיע.

ס'האָבען אױך ניט געפֿעהלט קײן קינסטליכע, מענשליכע השפּעות. די אַלטע כאַלדעיע (ארץ כשדים), דורך װאַנען די דאָזיגע מערקװירדיגע סעמי־טישע פּאַסטוכער האָבען געװאַנדערט, האָט זײ געגעבען פֿאָרשטעלונגען פֿון איהר רײַכער מיטאָלאָגיע. די אײַנװאױנער פֿון סיריען (סוריא) און כנען, צװישען װעלכע די דאָזיגע נאָמאַדען האָבען זיך שפּעטער בעזעצט אונטער דעם נאָמען: עברים, האָבען זײ אױך מיטגעטײלט געװיסע רעליגיעזע בעגריפֿען און מנהגים. פֿונדעסטװעגען איז דער יסוד פֿון פֿרידערדיגען מאָנאָטעאיזם (אחדות אלהות) געבליבען אונבערירט; דער פּשוט'ער פּאַטריאַרכאַלישער לעבענספֿיהר, װאָס האָט זיך אײַנגעשטעלט בײַ זײ אונטער דער װירקונג פֿון דער דאָזיגער אידעע, האָט זיך פֿעסט געהאַלטען אין דעם ענגען קרײַז פֿונ'ם שבט. ערשט אין כנען דױבט אָן דער שבט עברים, װאָס איז אַרױסגעגאַנגען פֿון אַראַביען און מעסאָ־פּאָטאַמיען, זיך פֿונאַנדערצוטײלען אױף פֿערשײדענע אָבצװײַגונגען. עס בילדען זיך אײַנצעלנע משפּחות־גרופּען (בני־מואב, בני־עמון, אדום), װאָס בעזעצען זיך אױף שטענדיג אין דעם דאָזיגען לאַנד און װאָס גיסען זיך ביסלעכװײַז צונױף מיט די תושבים־געצענדיענער. בלױז אײן גרופּע בלײַבט געטרײַ דעם דער־הױבענעם גלױבען פֿון זײערע עלטערן: דאָס זענען די בני־יעקב אָדער בני־ישראל, װאָס װערען אַזױ אָנגערופֿען נאָך זײער דריטען עלטער־פֿאָטער אָדער פּאַטריאַרך. אָט די דאָזיגע גרופּע בני־ישראל, װאָס איז בעשטאַנען פֿון עטליכע ענג פֿערבונדענע שבטים, האָט געהאַט איהר בעזונדערע בעשטימונג: איהר איז געװען בעשערט אַנדערע ענטװיקלונגסװעגען, אַן אַנדער געשיכטליכער גורל, װאָס איבער איהם װעט נאָך גאַנצע יאָהרטױזענדער שטױנען די גאַנצע גלױבענדע און דענקענדע מענשהײַט.

גרױסע כאַראַקטערען בילדען זיך אונטער דער װירקונג פֿון שטאַרקע אײַנדריקען, צוזאַמענשטױסונגען און בעזונדערס פֿון לײַדען. די בני־ישראל הױבען אָן נאָך אין זײער פֿריהסטער יוגענד זײער לײַדענסגעשיכטע — אין מצרים. די איבערװאַנדערונג פֿון די בני־יעקב פֿון די ברעגען פֿון ירדן צו די ברעגען פֿון נילוס האָט געהאַט אַ בשטימענדע װירקונג אױף דער

בילדונג פֿינ'ם אידישען כאַראַקטער. די בעגעגעניש צווישען די בני־ישראל, די פּאַטריאַרכאַלישע נאָמאַדען, און די איינגעזעסענע עגיפּטער, וואָס האָבען געהאַט זייער אַלטע רעליגיע און פֿעסט איינגעשטעלטע קולטור, האָט געמוזט ברענגען צו אַ שאַרפֿען צוזאַמענשטוים. דער ריינער בעגריף פֿון גאָט־אלהים, אַלס דער וועלט־גייסט און וועלט־הערשער, האָט זיך צונויפֿגעשטויסען מיט דער נעפּעלדיגער מיטאָלאָגיע און דער אָבערגלויבישער געצענדיענעריי, וואָס איהר גרעבסטער אויסדרוק איז געווען דער „בהמות־דיענסט”; דער אונגעקינצעלטער גאָטעסדיענסט פֿון די פּאַסטוכער, וואָס איז בעשטאַנען בלויז אין עטליכע פּשוט'ע מנהגים, האָט זיך בעגעגענט מיט אַ פֿערוויקעלטען קולט פֿון לעבעדיגע און ניט־לעבעדיגע נאַטורקרעפֿטען, וואָס איז געווען די ערפֿינדונג פֿון קלוגע חרטומים (מאַגען) און כהנים; די פּאַטריאַרכאַלישע מדות פֿון די בני־ישראל זענען געווען דער שאַרפֿסטער הפֿוך צו די פֿערדאָרבענע מדות פֿון די עגיפּטער. אויף דעם סעמיט פֿלעגט מען קוקען מיט פֿעראַכטונג אין דער דאָזיגער סביבה, וואו ס'האָט געהערשט אַ מישמאַש פֿון ציוויליזאַציע און ווילדהייט. דער פּועל יוצא דערפֿון איז געווען דאָס, וואָס די עגיפּטישע מלכים האָבען די בני־ישראל פֿאַר קנעכט געמאַכט. דאָס לעבען צוזאַמען מיט די עגיפּטער האָט געהאַט אויף די בני־ישראל אַ צווייערליי ווירקונג: אַן אָנציהענדע און אַן אָבשטויסענדע. פֿון איין זייט האָט זיך געוויזען אַ נטיה נאָכצומאַכען די קולטורעלע מדות פֿון די תושבים, וואָס האָבען געמוזט מאַכען אַ גוטען איינדרוק אויף אַ געוויסען טייל פֿון די גרים; פֿון דער אַנדער זייט — האָט דער גאַנצער לעבענס־פֿיהר פֿון די עגיפּטער, זייערע גראָבע אָבערגלויבענס און די קאַסטען־אָרדנונג אָבגעשטויסען פֿון זיך די בעסטע פֿון די בני־ישראל. די פֿיינדליכע בעציהונגען פֿון די עגיפּטער צו די „גרים” און די צרות, וואָס די לעצטע איז אויסגעקומען אריבערצוטראָגען, האָבען געגעבען די איבערהאַנד דער אָבשטויסענדער קראַפֿט איבער דער אָנציהענדער. אָטאָ דאָ איז געלעגט געוואָרען דער ערשטער יסוד פֿון דעם אידישען פֿאָלקסבעוואוסטזיין, דעם בעוואוסטזיין פֿון זיין גייסטיגער בעזונדערהייט, אינדיווידואַליטעט. דער דאָזיגער בעוואוסטזיין איז לכתחלה זעהר שוואַך און לעבט בלויז אין דער נשמה פֿון עטליכע אויסדערוועהלטע, נאָר ביסלעכווייז ענטוויקעלט ער זיך, און פֿיהרט דאָס פֿאָלק פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט.

אויפֿ'ן גרונד פֿון דעם דאָזיגען בעוואוסטזיין ווירקט דער מחוקק און דער בעפֿרייער פֿון די בני־ישראל — משה. ער איז בעגייסטערט גלייכצייטיג אי מיט רעליגיעזע אי מיט נאַציאָנאַלע געפֿיהלען, און מיט די אייגענע געפֿיהלען בעגייסטערט ער זיינע מיטברידער. ער פֿערבינדט דאָס ווערק פֿון דער פֿאָלקס־בעפֿרייאונג מיט דעם מתן תורה. יציאת מצרים און די שפּעטערדיגע עראָבערונג פֿון כנען שאַפֿען אַ באָדען פֿאַר דער זעלבשטענדיגער ענטוויקלונג פֿון

אידישען פאלק. דער „מעמד־הר־סיני“ לעגט דעם יסוד צו דער היסטא־רישער ענטוויקלונג פונ'ם יודאאיזם.

די עפאכע, וואס ווערט בעשריבען אין דער איצטיגער אבטיילונג, האט ניט קיין גענויע כראנאלאגיע. איהר אנהויב פערלירט זיך אינ'ם חושך פון די פארהיסטארישע צייטען, און איהר סוף קומט אויס לפי ערך אין XIII—XV יאהרהונדערט פאר קריסטוס — די דאזיגע צייט איז אויך זעהר טונקעל אין היסטארישער הינזיכט. אין אנהויב פון דער דאזיגער עפאכע פיהרען די עברים, און שפעטער א בעזונדערע אבצווייגונג פון זיי, די בני־ישראל, א לעבען פון פרידליכע נאמאדען; זיי פערנעהמען זיך מיט האדעווען בהמות און טיילווייז מיט ערדארבייט. זיי געהען אריבער מיט זייערע סטאדעס פון לאנד צו לאנד, און אין איטליכען לאנד וואנדרעווען זיי אויך ארום פון איין ארט אויפ'ן צווייטען, זוכענדיג בעסערע ווייד פאר זייערע בהמות. א סך יאהרהונדערטען לעבען די בני־ישראל צווישען אנדערע פעלקער, אין פרעמדע לענדער, ניט האבענדיג קיין אייגען לאנד און קיין אייגענע מלוכה. ערשט בלויז נאך יציאת מצרים וואכט אויף ביי די בני־ישראל א שטרעבונג צו בעקומען אן אייגענע טעריטאריע. זיי קעהרען זיך אום דורכ'ן מדבר צוריק אין יענעם לאנד, וואו ס'האבען אמאל געלעבט זייערע עלטערזיידעס — די פאטריארכען, און וואו ס'זענען נאך געבליבען מקורב'ע צו זיי סעמיטישע שבטים: זיי שטרע־בען קיין כנען, וואס האט געדארפט ווערען זייער שטענדיגע וואוי־נונגסארט.

ערשטער קאפיטעל.

סעמיטען און עברים; זייערע טראדיציעס וועגען דער אורצייט.

די עברים אלס אבצווייגונג פון די סעמיטען. — די ענטשטעהונג פון דער וועלט. — די ערשטע מענשען. — דער אנהויב פון דער קולטור. — דער מבול. — דער דור־הפלגה. —

די עברים אלס אן אבצווייגונג פון די סעמיטען.

§ 2. גאר אין אלטע צייטען, בערך מיט פיער טויזענד יאהר צוריק, האט א גרופע פעלקער פון דער סעמיטישער ראסע איינגענומען דעם גאנ־צען געביט פון פארדער־ אדער מערב־אזיען. דער צענטר, פון וואנען די סעמיטען

שטאַמען אַרויס, איז געווען, לויט דער מיינונג פֿון איניגע געלעהרטע, דער צפֿון-געביט פֿון אַרמעניען, ביים פֿוס פֿון בארג אררט, און לויט דער מיינונג פֿון אַנדערע — דער דרום-טייל פֿון אַראַבישען האַלב-אינזעל, צווישען רויטען ים (ים-סוף) און פּערסישען אויסגוס. די לעצטע מיינונג ווערט איצט מעהר אָנערקענט אין דער וויסענשאַפֿט, וואָרום אַראַביען איז געווען אין אַלע שפּעטערדיגע צייטען דער מיטעלפּונקט פֿון ריינעם סעמיטיזם. אין משך פֿון אַ סך יאָהרהונדערטען פֿלעגען אַרויסגעהן פֿון די ווייטע סטעפּעס פֿון אַראַביען מאַסען וואַנדער-סעמיטען און שטרעבען נאָך די פֿרוכטבאַרע און ווייטע לענדער אין צפֿון- און מערבֿ-ווייט: קיין מעסאָפּאָטאַמיען, סיריען, פּאַלעסטינע און אפֿילו קיין ווייטען מצרים. אין די דאָזיגע לענדער זענען שוין פֿון לאַנג אָן געזעסען שבֿטים פֿון טוראַנער און קושיטער (כּוש) ראַסע, וואָס האָבען געהאַט זייערע פּרימיטיווע מלוכה-אַנשטאַלטען, זייערע אייגענע מנהגים און אמונות. די סעמיטען פֿון אַראַבישען האַלב-אינזעל פֿלעגען שטענדיג מאַסענווייז אָנפֿאַלען אויף זיי און פֿערנעהמען ערטער פֿון זייער טעריטאָריע; מחמת דעם זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען אין לעבען פֿון די אָרטיגע שבֿטים עלעמענטען פֿון אַ נייער קולטור: די תּושבֿים פֿלעגען אָננעהמען די שפּראַך פֿון די גרים און אַ סך פֿון זייערע מנהגים און טראַדיציעס. נאָר פֿון דער אַנדער זייט האָבען די אָנגעקומענע וואַנדער-סעמיטען זיך פֿעסט בעזעצט אויף די נייע ערטער, האָבען זיך ביסלעכווייז צונויפֿגעמישט מיט דער אָרטיגער בעפֿעלקערונג און האָבען אָנגענומען זייער אַלגעמיינע לעבענסאָרדנונג. אויף אַזאַ אופֿן האָבען זיך געבילדעט די גרויסע קולטורפֿעלקער פֿון פֿאָדעראַזיען: די כּשׂדים (בבֿליים) און אשור אין מעסאָפּאָטאַמיען, צווישען די טייכען חידקל און פּרת, די ארמים אין סיריען (סוריא), צווישען פּרת און מיטעללענדישען ים (ים הגדול), און די כּנענים (אמורים, חתּים, פֿעניציער און אַז. וו.) אין פּאַלעסטינע אָדער כּנען, צווישען ירדן און מיטעללענדישען ים. היות ווי אין די דאָזיגע לענדער איז די סעמיטישע שפּראַך געבליבען די הערשענדע, דערפֿאַר איז אָנגענומען אין דער היסטאָריע צו רעכענען די פֿעלקער, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, פֿאַר סעמיטישע. שטרעבענדיג ווייטער, קיין מערבֿ, איז אַ טייל פֿון די וואַנדער-סעמיטען אַריינגעדרונגען דורכ'ן אַראַבישען מדבר (מדבר-ערבֿ) קיין מצרים, די מעכטיגע מלוכה פֿון צפֿון-אַפֿריקאַ, און האָט דאָרטען געהערשט אין אַ משך פֿון עטליכע יאָהרהונדערטען אונטער דעם נאָמען „שאַסו“ אָדער היקסאָס.

אין די דאָזיגע אַלע לענדער האָבען די סעמיטען, איבערגעהענדיג פֿון וואַנדערלעבען צו אַ שטענדיגען ישובֿ אין צונויפֿמישענדיג זיך מיט פֿרעמדע שבֿטים, — מעהר אָדער ווייניגער אָנגעוואָרען זייער ריינעם ראַסען-טיפּ. ריין האָט זיך געהאַלטען די ראַסע נאָר אין יענע גרופּעס סעמיטען, וואָס האָבען נאָך אַליין געפֿיהרט אַ וואַנדערלעבען, פֿערנומען זיך מיט פֿיטערן און האָדעווען בהמות און האָבען געהאַלטען זיך ווייט פֿון די דאַמאָלדיגע בילדונגסצענטרען.

צו זיי האָט געהערט די גרופּע פֿון די תּרחיטען אָדער אַבֿרהמיטען, העמען מען האָט געגעבען דעם נאָמען נאָך זייערע ראשי-המשפּחה — תּרח און זיין זוהן אַבֿרהם. דער דאָזיגער שבֿט פֿון פּאַסטוכער האָט פֿון אוראַלטע צייטען אָן געוואַנדערט אויפֿ'ן גרעניץ פֿון אַראַביען און מעסאָפּאָטאַמיען, אין דער אונטערשטער שטרעמונג פֿון פּרת, ניט ווייט פֿון דער אַלטער שטאָדט אור-כּשׂדים. שפּעטער איז ער איבערגעוואַנדערט אין צפֿונית-מערבֿית פֿון מעסאָפּאָטאַמיען אָדער אַרם, און פֿון דאָרט איז אַ טייל פֿון איהם אַריינגעדרונגען אין פּאַלעסטינע אָדער כּנען. דאָ האָבען די גרים בעקומען אַ געמיינזאַמען נאָמען: ע ב ר י ם, דאָס הייסט: „מענשען פֿון יענעם ברעג", וואָס זענען געקומען פֿון יענער זייט טייך. אין דעם דאָזיגען פּאַסטוכער-שבֿט פֿון די עבֿרים זענען פֿערבליבען צום ריינסטען די טיפּישע שטריכען און די כאַראַקטער-בעזונדערהייטען פֿון דער סעמיטישער ראַסע. צוליעב זייער פֿרייען לעבען אין בעוועגליכע געצעלטען אָדער אונטער'ן פֿרייען הימעל, אין סטעפּעס און ווידען פֿון פֿערשיידענע לענדער, האָבען זיך די דאָזיגע נאָמאַדען אָנגעאייגענט אַ קלאָרערען קוק אויף דער וועלט און האָבען זיך צוגעוועהנט צו פּראָסטערע מדות, איידער יענע, וואָס האָבען געהערשט צווישען זייערע איינגעזעסענע קרובֿים. די וואַנדער-סעמיטען איז ניט געפֿעלען געוואָרען ניט די אויסוויינינגסטע בילדונג פֿון די כּשׂדים, ניט זייערע פֿערדאָרבענע מדות. שוין אין יענע אַלטע צייטען קאָן מען בעמערקען ביי די עבֿרים דעם קערנדיל פֿון דער מאָנאָטעאיסטישער אידעע און פֿון די העכערע זיטליכע בעגריפֿען, וואָס זענען מיט איהר פֿערבונדען. דער דאָזיגער קערנדיל איז נאָך זעהר שוואַך און האָט נאָך ניט קיין בעשטימטע פֿאָרמען, ער ווערט אָפֿטמאָלס פֿערשוואונדען אין נעפּיל פֿון געצענדינערישע אָנשויאונגען; נאָר פּאַמעליך ווערט ער צייטיג אונטער דעם דעקטוך פֿון די פּרימיטיווע אָנשויאונגען, און אין דער שפּעטערדיגער צייט וועט זיך פֿון איהם ענטוויקלען אַ געהויבענע וועלט-אָנשויאונג.

בשעת די עבֿרים האָבען געלעבט אין לאַנד פֿון די כּשׂדים, אין אַרם און כּנען, האָט געמוזט פֿאָרקומען אַ געגענזייטיגע ווירקונג צווישען זייערע אָנשויאונגען און דער וועלט-אָנשויאונג פֿון די תּושבֿים. וואַנדערנדיג צווישען פֿעלקער, נאָהענטע צו זיי לויט דער ראַסע און דער שפּראַך, האָבען די עבֿרים געמוזט איבערנעהמען אייניגע רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען פֿון די דאָזיגע פֿעלקער און איבערגעבען די לעצטע אייניגע פֿון זייערע אייגענע מנהגים. אַז די עבֿרים האָבען געהאַט אַ סך געמיינזאַמע טראַדיציעס מיט די שכנישע פֿעלקער, קאָן דערוויזען ווערען, א.ג.ב. אויך דערפֿון, וואָס עס איז פֿאַראַן אַן עהנליכקייט צווישען די ספּורים וועגען מעשׂה-בראשית ביי די עבֿרים און ביי די אשור-כּשׂדים. בשעת מיר פֿערגלייכען די ערצעהלונג פֿון „בראשית" מיט די ערצעהלונגען, וואָס געפֿינען זיך אויף די אשור-כּשׂדיישע דענקמעלער, קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז אַנומעלט זענען צווישען אַלע סעמיטישע פֿעלקער פֿון

פֿאָרעראַזיען געװען פֿערשפרײט אײנע און דיזעלביגע פֿאָרשטעלונגען װעגען דער בעשאַפֿונג פֿון דער װעלט און פֿון מענשען. שפּעטער, אין די היסטאָרישע צײַטען, זענען די דאָזיגע געמײנזאַמע פֿאָרשטעלונגען איבערגעאַרבײַט געװאָרען פֿון יעדען פֿאָלק לױט זײַן רעליגיעזער װעלט-אַנשױאונג, — און בײַ די שפּעטערדיגע אידען האָבען זײ בעקומען יענע העכסט-פּאָעטישע און זיטליכע פֿאָרם, װאָס אין איהר זענען זײ דערגאַנגען ביז אונז אין די ביכער פֿון תנ״ך[1].

די ענטשטעהונג פֿון דער װעלט

§ 3. אין חומש װערט דערצעהלט פֿאָלגענדעס װעגען דער בעשאַפֿונג פֿון דער װעלט און װעגען דעם אָנהױב פֿון לעבען אױף דער ערד:

גאָט האָט בעשאַפֿען דעם הימעל, די ערד און אַלץ, װאָס אױף זײ געפֿינט זיך, אין זעקס טעג. די ערד איז געװען לכתחלה װיסט און האָט געהאַט די געשטאַלט פֿון אַ פֿינסטערען תהום, און בלױז דער גײַסט פֿון גאָט האָט געשװעבט איבער׳ן װאַסער-כאַאָס. און גאָט האָט געזאָגט: „עס זאָל װערען ליכט!“ — און דאָס ליכט האָט זיך בעװיזען. דאָס איז געשעהן אין ערשטען טאָג פֿון דער יצירה. אין צװײטען טאָג האָט זיך געבילדעט די לופֿט-אױסשפּרײטונג און דער הימעל. אױפֿ׳ן דריטען טאָג האָט זיך, אױף גאָטס בעפֿעהל, אָבגעטײלט די װאַסער פֿון דער יבשה; די װאַסער האָט זיך אָנגעקליבען אין ימים, טײַכען און אָזערעס, און אױף דער יבשה האָבען זיך בעװיזען גראָזער, בױמער און אַנדערע נטיעות. אױפֿ׳ן פֿיערטען טאָג האָבען זיך בעװיזען די מאורות אױפֿ׳ן אױסשפּרײטונג פֿון הימעל; דער מאור הגדול, די זון, האָט אָנגעהױבען בעלײַכטען די ערד בײַ-טאָג, די קלענערע מאורות, די לבנה און די שטערען, האָבען בעלײַכט די ערד בײַ-נאַכט. אױפֿ׳ן פֿינפֿטען טאָג האָבען זיך בעװיזען די ערשטע לעבעדיגע בעשעפֿענישען: פֿיש אין װאַסער און פֿױגעל אין דער לופֿטען; און גאָט האָט זײ געבענשט און געזאָגט צו זײ: „פֿרוכפּערט אײַך און מעהרט אײַך!“ אױפֿ׳ן זעקסטען טאָג זענען געװאָרען בעשאַפֿען פֿערשײדענע בהמות און חיות אױף דער יבשה. צומאָלט איז בעשאַפֿען געװאָרען די העכסטע בעשעפֿעניש — דער מענש. גאָט האָט בעשאַפֿען דעם מענשען שטױב פֿון דער ערד, האָט אַרײַנגעבלאָזען אין איהם אַ לעבעדיגע נשמה, האָט איהם געגעבען כח און שכל, בכדי ער זאָל קענען געװעלטיגען איבער אַלע לעבעדיגע בעשעפֿענישען. דער ערשטער מענש איז אָנגערופֿען געװאָרען אָדם, אַלס אַ סימן, אַז ער איז בעשאַפֿען געװאָרען פֿון דער ערד

[1] זעה אינטען, § 96, װעגען דער שריפֿטליכער בעאַרבײַטונג פֿון די דאָזיגע לעגענדעס.

(אדמה). אויף אַזאַ אופֿן האָט גאָט אין זעקס טעג בעשאַפֿען די גאַנ־צע וועלט, די גאַנצע נאַטור — די לעבעדיגע ווי די טויטע. דעם זיבעטען טאָג האָט גאָט, ווי עס שטעהט געזאָגט אין חומש, „זיך אויסגערוהט פֿון זיין אַרבּייט". דעריבּער איז דער זיבּעטער טאָג אין וואָך — שבת — נאָך איצט ביי אונז אַ רוהעטאָג.

אין די אויסגראָבּונגען פֿון די אַלטע חרבות פֿון בבל און נינוה האָבּען די אַסיראָלאָגען געפֿונען ליימענע טאָוולען, בּעדעקט מיט קלינעסשריפֿט, וואו עס געפֿינט זיך אַנ׳ערצעהלונג, וואָס איז ענהליך צו דער אויבּענגעבּראַכטער. „אין יענע צייטען, ווען דאָס, וואָס איז אויבּען, האָט זיך נאָך ניט גערופֿען הימעל, און דאָס, וואָס איז אונטען, האָט נאָך ניט געהייסען ערד", — הויבּט זיך אָן די אַשוריש־כשדישע ערצעהלונג — האָט זיך אַפּס[2], דער אונבּע־גרענצטער אָבּגרונד, זיך פֿעראייניגט מיט תיאַמאַת[3], דעם כאַאָס פֿון אָקעאַן. פֿון זיי זענען אַרויסגעקומען משונה׳דיגע בּעשעפֿענישען, למשל, מענשען מיט פֿויגעלישע קעפּ, אָקסען מיט מענשישע פּנים׳ער, הינט מיט פֿיער גופֿים און אַנ׳עק פֿון אַ פֿיש. די דאָזיגע משונה׳דיגע בריות זענען דערנאָך פֿערשוואונדען געוואָרען לויט׳ן בּעפֿעהל פֿון די געטער, און די איצטיגע וועלט איז בּעשאַפֿען געוואָרען מדרגות׳ווייז, אין משך פֿון זיבּען טעג. אַזוי זענען געוואָרען בּעשאַפֿען די ערד, דער הימעל, די שטערען און פלאַנעטען, די בהמות און חיות און לסוף דער מענש, וואָס איז געוואָרען בּעשאַפֿען פֿון העכסטען גאָט עאַ.

די ערשטע מענשען.

§ 4. לויט די טראַדיציעס פֿון די סעמיטען, האָבּען די ערשטע מענשען געוואוינט אין דער געגענד צווישען חידקל און פרת, אין מעסאָפּאָטאַמיען („דאָס לאַנד צווישען צוויי טייכען"), און בפרט אין דרומ׳דיגען טייל פֿון איהר, אין לאַנד פֿון די כשדים. דאָ האָבּען די ערשטע מענשען געלעבּט אין אַ הער־ליכען גאָרטען, וואָס איז געוועזען אַרומגערינגעלט פֿון פֿיער גרויסע טייכען. אין מיטען דעם גאָרטען איז געשטאַנען דער הייליגער עץ הדעת. די איינ־וואוינער פֿון גאָרטען האָבּען געגעסען די פּירות פֿון דעם הייליגען בּוים, וואָס זיי האָבּען ניט געטאָרט טון. פֿאַר דעם דאָזיגען חטא זענען זיי אַרויסגעטריבּען געוואָרען פֿון זייער גן־עדן און זענען אַראָבּ אין טאָל פֿון די כשדים; דאָרט האָבּען זיי זיך אין גיכען פֿערמעהרט.

וועגען דעם לעבּען פֿון די ערשטע מענשען אויף דער ערד דערצעהלען די עלטסטע אידישע לעגענדעס פֿאָלגענדעס:

נאָכדעם ווי גאָט האָט בּעשאַפֿען דעם ערשטען מענשען, אָדם׳ען,

---

[2]) סערוואַנדט מיט׳ן העבּרעאישען אפס.

[3]) העבּרעאיש — תהום.

האָט ער איהם אַרײַנגעזעצט אין אַ שענעם גאָרטען, אין לאַנד עדן, פֿון מזרח־זײַט. דער גאָרטען איז געװאָרען בעװאַסערט פֿון אַ טײַך, װאָס האָט זיך צעטײלט אויף פֿיער שטראָמען: פּישון, װאָס פֿליסט אין לאַנד חוילה, װאו ס'געפֿינט זיך גאָלד; גיחון, װאָס רינגעלט אַרום דאָס לאַנד כּוש; חידקל, װאָס ציהט זיך אין מזרח־זײַט פֿון אשור, און דער טײַך פּרת. אין גאָרטען עדן האָבען געװאַקסען הערליכע אויבס־בּוימער. אין מיטען גאָרטען זענען געשטאַנען צװײ בּוימער, װאָס פֿון זײ האָט אײנער געהײסען דער „עץ החיים" און דער אַנדערער — דער „עץ הדעת טוב ורע". גאָט האָט געזאָגט צו אָדמ'ן: „דו מעגסט עסען די פּירות פֿון אַלע בּוימער, נאָר די פּירות פֿונ'ם עץ הדעת טאָרסטו ניט עסען".

גליקליך האָט אָדם געלעבט אין גאָרטען עדן, נאָר ער איז געװען אַלײן. און גאָט האָט בעשלאָסען: „ס'איז ניט גוט פֿאַר'ן מענשען צו לעבען אַלײן; מען מוז איהם בעשאַפֿען אַ געהילף" (לא טוב היות האדם לבדו נעשה לו עזר כנגדו). און גאָט האָט אַרױפֿגעװאָרפֿען אַ שלאָף אויף אָדמ'ן, און אַז ער איז אַנטשלאָפֿען געװאָרען, האָט גאָט אַרױסגענומען בײַ איהם אַ ריפּ. אויפ'ן אָרט פֿון ריפּ האָט ער אַרײַנגעזעצט אַ שטיק פֿלײש, און פֿונ'ם ריפּ האָט ער בעשאַפֿען אַ פֿרױ. און גאָט האָט צוגעפֿיהרט די דאָזיגע פֿרױ צו אָדמ'ן. װי נאָר אָדם האָט זי דערזעהן, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז בײן פֿון מײַן בײן און פֿלײש פֿון מײַן פֿלײש". די ערשטע פֿרױ האָט בעקומען אַ נאָמען חוה, דאָס הײסט: די מוטער פֿון אַלע לעבעדיגעס (אם־כל־חי). און אָדם און חוה האָבען אָנגעהױבען צו לעבען צוזאַמען אין גאָרטען עדן. זײ זענען געװען פֿרײַ פֿון זאָרג, אַזױ װי קינדער, און זײ זענען געװען בײדע נאַקעט און האָבען זיך ניט געשעמט.

נאָר זײער גליק האָט אָבער ניט לאַנג געדױערט. די בײזע שלאַנג האָט אָנגעהױבען אײַנצורעדען חוה'ן צו עסען די פּירות פֿונ'ם עץ הדעת, װאָס גאָט האָט פֿערזאָגט ניט צוצורירהען זיך צו זײ. די שלאַנג האָט בעהױפּטעט, אַז װען די מענשען װעלען עסען די פּירות פֿונ'ם עץ־הדעת, װעלען זײ זײַן, װי די געטער, און װעלען װיסען גוטעס און שלעכטעס. חוה האָט ניט געקאָנט בײַשטעהן דעם נסיון, האָט אָבגעריסען עטליכע פּירות פֿונ'ם גע'אַסר'טען בּוים און האָט זײ אויפֿגעגעסען; דערנאָך האָט זי געגעבען אויך אָדמ'ן, און ער האָט אויך געגעסען. און עס האָבען זיך בײַ זײ „געעפֿענט די אויגען", און זײ האָבען אָנגעהױבען צו פֿערשטעהן דאָס, װאָס זײ האָבען פֿריהער ניט פֿערשטאַנען. זײ האָבען צוערשט דערזעהן, אַז זײ זענען נאַקעט, און האָבען זיך געמאַכט גאַרטלען פֿון פֿײַגענבלעטער. און אַזױ װי זײ האָבען מורא געהאַט, אַז גאָט זאָל זײ ניט שטראָפֿען פֿאַר זײער חטא, האָבען זײ זיך בעהאַלטען

צווישען די ביימער פון גארטען. נאר דא האט אדם דערהערט גאטס קול: וואו ביזטו?" און אדם האט געענטפערט: „איך האב זיך פערשעמט פון וועגען מיין נאקעטקייט, און דערפאר האב איך זיך בעהאלטען". און גאט האט געפרעגט: „ווער האט דיר געזאגט, אז דו ביזט נאקעט? צי האסטו שוין ניט געגעסען פון די פירות פון יענעם בוים, וואס איך האב דיר פערזאגט ניט צו עסען?" און אדם האט זיך מודה געווען, אז ער האט געגעסען די פירות, וואס חוה האט איהם געגעבען. חוה האט זיך פערענטפערט דערמיט, וואס די שלאנג האט איהר איינגערעדט. און גאט האט פערשאלטען די שלאנג, און צו חוה'ן האט ער געזאגט: „פערמעהרען וועל איך פערמעהרען דיין טרויער; אין וועהטאגען וועסטו קינדער געבוירען, און דיין מאן וועט הערשען איבער דיר". און צו אדמ'ן האט ער געזאגט: „די ערד זאל זיין פערשאלטען פון דיינטוועגען; מיט צער וועסטו זיך דערנעהרען פון איהר אלע טעג פון דיין לעבען. אין שווייס פון דיין פנים וועסטו ברויט עסען, ביז וואנען דו וועסט זיך ניט צוריק אומקעהרען אין דער ערד, וואס פון איהר ביזט דו גענומען. ווארום דו ביזט שטויב און אין שטויב וועסטו זיך אומקעהרען".

אויף אזא אופן זענען די מענשען פאר זייער ערשטען חטא פער־משפט געווארען אויף ארבייט און צרות. גאט האט ארויסגעטריבען אדמ'ן און חוה'ן פון גארטען עדן, און זיי זענען געווארען געצוואונגען צו בעארבייטען די ערד, כדי צו האבען פון וואנען צו לעבען.

דער אנהויב פון דער קולטור.

§ 5. דאס קולטורלעבען אויף דער ערד האט זיך אנגעהויבען דעמאלט, בשעת די מענשען זענען געצוואונגען געווארען צו פערנעהמען זיך מיט פיזי־שער ארבייט, וכדי צו האבען חיונה. די קינדער פון אדם און חוה, קין און הבל, ערשיינען אין חומש אלס די פארשטעהער פון צוויי ארבייטס־צווייגען — ערד־ארבייט און בהמות־האדעווען. קין איז דער שטאמפאטער פון די ערד־ארבייטער, וואס זענען פעסט בעהעפט צו זייער שטיקעל ערד; הבל — איז דער טיפ פון א וואנדער־פאסטוך, וואס וואנדערעוועט ארום מיט זיינע סטאדעס פון ארט צו ארט. צווישען די פארשטעהער פון די דאזיגע ארבייטסצווייגען פיהרט זיך פון שטענדיג אן א מלחמה, וואס שטאמט ארויס פון דער פערשיידענהייט פון זייער לעבענספיהר. דער איינגעזעסענער סעמיט האט ניט ליעב געהאט דעם וואנדער־סעמיט, מחמת ער האט איהם געהאלטען פאר א ווילדען מענשען, און דער ערשטער האט ניט ליעב דעם ערדארבייטער, וויל ער רעכענט איהם פאר פערדארבען אין זיינע מדות. אזא מין אינוויינינסטע פיינדשאפט געפינען מיר נאך איצטער אויך אין די מזרח־לענדער צווישען די פעלאכען און די בעדואינען. אין די עלטסטע צייטען, איידער עס האט זיך געבילדעט די אי־

דישע מלוכה, האט געמוזט עקסיסטירען אזא מין פיינדשאפט צווישען די עברים-נאמאדען, וואס זענען געוועהנט געווארען צו א פשוטען לעבען פון פאסטוכער, און צווישען די סעמיטען, וואס האבען געוואוינט אין מעסאפאטאמיען און כנען און וואס האבען זיך אנגעאייגענט איינאיינעם מיט די גוטע זייטען פון דער קולטור, אויך איהרע שלעכטע זייטען. ווען מיר זאלען נעהמען אין בעטראכט אט די היסטארישע בעזונדערהייטען, וועלען מיר יעמאלט פערשטעהן דעם רעאלען זין פון דער ביבלישער מעשה וועגען קין און הבל.

„הבל איז געוועזען א היטער פון שאף, און קין איז געוועזען א ערדארבייטער“. און קין האט געבראכט א מנחה צו גאט פון די פירות פון זיין ערד, און הבל האט אויך געבראכט א מנחה פון זיינע בעסטע שאף. גאט האט אנגענומען הבלס מנחה, אבער קינס מנחה האט ער ניט אנגענומען. קין איז זיך זעהר מצער געוועזען דעריבער און האט מקנא געוועזען זיין ברודער. און אז די ברידער זענען אמאל געבליבען אין פעלד אליין, איז קין איבערפאלען זיין ברודער און האט איהם געטויט. און גאט האט געפרעגט קינ׳ן: „וואו איז דיין ברודער הבל?“ „איך ווייס ניט — האט קין געענטפערט: צי דען בין איך א היטער פון מיין ברודער?“ — „וואס האסטו געטאן?“ — זאגט גאט. „די בלוט פון דיין ברודער שרייט צו מיר פון דער ערד. פון היינט אן ביזטו פערשאלטען. די ערד, וואס האט געעפענט איהר מויל איינצושלינגען די בלוט פון דיין ברודער, וועט דיר שוין מעהר קיין פירות ניט טראגען, ווען דו וועסט זי בעארבייטען. דו וועסט זיין נע ונד אויף דער ערד“. און קין האט חרטה געקראגען אויף זיין טאט און האט געזאגט: „מיין זינד איז צו גרויס, אז מען זאל מיר קאנען מוחל זיין. דו האסט מיך היינט פערטריבען פון דעם דאזיגען לאנד, און איך מוז זיין נע ונד, און עס וועט זיין, אז איטליכער, וואס וועט מיר בעגעגענען, וועט מיך קאנען טויטען“. דאן האט גאט ארויפגעלעגט אויף קינ׳ען א סימן (אות), בכדי עס זאל איהם ניט טויטען יעטווידער, וואס וועט איהם בעגעגענען. קין האט זיך בעזעצט אין דעם לאנד נוד, אין מזרח-זייט פון עדן.

ניט האבענדיג קיין ערד און זענענדיג דערווייטערט פון ערדארבייט, האבען די מענשען אנגעהויבען בויען שטעדט און אויסטראכטען אלערליי מלאכות. קין האט געבוירען א זוהן חנוך; דערנאך האט ער אויסגעבויט א שטאדט און געגעבען איהר א נאמען נאכ׳ן זוהן. איינער פון קינס משפחה, יובל, איז געוועזען „דער פאטער פון אלע, וואס האלטען א הארף און א פלייט“, (אבי כל תופש כנור ועוגב), און אן-אנדערער, תובל קין, האט אויסגעטראכט די מלאכה פון שמידען כלים פון אייזען און קופער. אזוי זענען די מענשען מדרגות-ווייז אריבערגעגאנגען פון

2 דובנאוו, אידישע געשיכטע 1-טייל.

בהמות־האָדעווען צו ערדאַרבייט און פֿון ערדאַרבייט צים שטאָדטלעבען,
צו מלאכות און קונסטען.

לויט ווי דער חומש דערצעהלט, האָבען די ערשטע מענשען געלעבט זייט־געוועהנליך לאַנג. די פֿאָרשטעהער פֿון די צעהן ערשטע דורות, וואָס זענען אַרויסגעקומען פֿון אָדמ׳ן, האָבען געלעבט איטליכער פֿון דריי ביז ניין הונדערט יאָהר. לויט די אשורי׳ש־כשדי׳שע מעשיות, האָט דאָס לעבען פֿון די ערשטע צעהן מיטישע „מלכים" אָדער אבות פֿון דער מענשהייט געדויערט נאָך אַ סך לענגער — ביז עטליכע צעהנדליג טויזענד יאָהר.

דער מבול.

§ 6. וואָס שטאַרקער די מענשען האָבען זיך פֿערמעהרט, אַלץ פֿערדאָרבענער זענען זיי געוואָרען. שטאַרקע מענשען האָבען זיך שטאָלץ אָנגערופֿען: „געטער־זיהן" („בני־אלהים") און האָבען אונטערדריקט די שוואַכע, וואָס זיי האָבען זיי גערופֿען מענשען־זיהן. „און אַז די געטער־זיהן האָבען געזעהן די מענשען־טעכטער, אַז זיי זענען שען, האָבען זיי זיך גענומען (איבערגעוואַלד) פֿאַר פֿרויען אַלע, וואָס זענען זיי געפֿעלען געוואָרען". די מענשען האָבען געלעבט ניט לויט׳ן יושר; „די ערד איז פֿול געוואָרען מיט רויב" (ותמלא הארץ חמס).

און אַז גאָט האָט געזעהן, ווי פֿערדאָרבען די מענשען זענען, האָט ער בעשלאָסען זיי צו פֿערטיליגען, כדי אָבצורייניגען אַנ׳אָרט אויף דער ערד פֿאַר אַ נייעם, בעסערן מין מענשען. צווישען אַלע זינדיגע מענשען איז דעמאָלט געוועזען נאָר איין צדיק, נוח. גאָט האָט ענטפלעקט נוח׳ן, אַז ער האָט בדעה צו פֿערטיליגען אַלע בעוואָהנער פֿון דער ערד מיט אַ מבול, און האָט איהם אָנגעוויזען, ווי אַזוי זיך מציל צו זיין. „מאַך זיך — האָט גאָט געזאָגט נוח׳ן — אַ גרויסען הילצערנעם קאַסטען (תיבה) און בעדעק איהם מיט סמאָלע; דערנאָך טייל פֿונאַנדער די תיבה אינעווייניג אויף קעמערלעך און געה אַריין אַהין, דו מיט דיין משפחה. לאָז אַריין אויך אין תיבה צו פּאָר פֿון איטליכען מין חיות און בהמות, אַזוי אַז איטליכע פּאָר זאָל בעשטעהן פֿון אַ זכר און אַ נקבה[4]. דערנאָך גרייט אָן שפּייז אויף צו עסען פֿאַר דיר, דיין משפחה און אַלע בהמות אין דער תיבה". נוח האָט דאָס אַלצדינג געטאָן. אין זיבען טעג אַרום האָט זיך אָנגעהויבען אַ מורא׳דיגער מבול.

אין משך פֿון פֿערציג טעג און פֿערציג נעכט האָבען געגאָסען

---

4) לויט אַן אַנדער נוסח פֿון חומש־טעקסט (בראשית ז׳ ב׳), האָט ער בעדאַרפֿט נעהמען צו פּאָר פֿון דער „בהמה טמאה", פֿון דער „בהמה טהורה" האָט ער געדאַרפֿט נעהמען צו זיבען פּאָר.

שלאַקס-רעגענס. די וואַסער האָט בעדעקט די גאַנצע ערד ביז אַריבער די שפּיצען פון די העכסטע בערג, און די תּבֿה האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און איז געשוואומען איבער'ן פלאַך פונ'ם וואַסער. אַלע לעבעדיגע ברואים אויף דער ערד זענען אונטערגעגאַנגען פון דעם מבול. ס'זענען נאָר געבליבען לעבען די איינוואוינער פון דער תּבֿה. אין א צייט אַרום האָבען די רעגענס אויפגעהערט, די וואַסער האָט זיך אַראָבגעלאָזט, און די תּבֿה האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן באַרג אררט. נח האָט געעפענט דעם פענסטער פון זיין תּבֿה און האָט אַרויסגעלאָזט צוערשט א ראָב און דערנאָך א טויב. די פויגלען זענען אַוועקגעפלויגען און געקומען צוריק, כּל זמן די ערד איז נאָך געווען בעדעקט מיט וואַסער. איין מאָל, אַז די טויב, וואָס נח האָט אַרויסגעלאָזט, האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט צוריק אין דער תּבֿה, האָט נח פערשטאַנען, אַז דער מבול האָט אויפגעהערט. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער תּבֿה אינאיינעם מיט זיין משפּחה און האָט אַרויסגעפיהרט פון דאָרטען די בהמות און חיות. דערנאָך האָט ער געבויט א מזבח און האָט דערויף געבראַכט קרבנות פאַר גאָט אַלס דאַנק דערפאַר, וואָס ער האָט איהם מציל געווען פון מבול. נח'ס פרומקייט איז גאָט געפעלען געוואָרען, און ער האָט צוגעזאָגט נח'ן, אַז מעהר וועט ער שוין קיין מבול אויף דער ערד ניט שיקען. אַנ'עדות אויף דעם בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט די מענשען, וועט זיין דער רעגענבויגען, וואָס וועט זיך באַווייזען אין די וואָלקען אין א רעגענטאָג. און גאָט האָט געבענשט נח'ן און זיינע קינדער און האָט געזאָגט צו זיי אַזוי: „פרוכפּערט אייך און מעהרט אייך און דערפילט די ערד. עס זאָלען אייך זיין אונטערטעניג אַלע חיות פון דער ערד, אַלע פויגעל פון הימעל און די פיש אין ים; איהר מעגט געברויכען זייער פלייש אַלס שפּייז, אינאיינעם מיט די גרינסען פון פעלד. נאָר קיין מענשענס בלוט זאָלט איהר ניט פערגיסען, וואָרום דער מענש איז באַשאַפען אין צלם אלהים".

די אַגדה וועגען מבול איז געווען פערשפּרייט אין אַלטערטום צווישען אַלע פעלקער פון פאָדעראַזיען און אין די שפּעטערדיגע צייטען איז זי אַריבער, אין א פערענדערטער געשטאַלט, אין די גריכיש-רוימישע מיטאָלאָגיע. דער עלטסטער טעקסט פון איהר געפינט זיך אויף די טאָוולען מיט קלינעס-שריפט, וואָס מען האָט ניט לאַנג געפונען אין די חורבות פון נינוה. דאָרט ווערט די מעשה איבערגעגעבען אַזוי.

די מענשען זענען געוואָרען רשעים, און דער גאָט [illegible] האָט באַשלאָסען זיי צו פערטיליגען. דעם קעניג חסיסאַדראַ אָדער קסיסוטראַ, וואָס די אנדערע געטער האָבען געוואָלט איהם פערשוינען, האָט מען באַפוילען אויפבויען זיך א גרויסע שיף, אַריינגעהן אין איהר מיט זיין גאַנצער משפּחה

אין אַריינגעדמען אַהין „די לעבענס-זריעה פון אַלע בעשעפענישען". קסיסוטראַ האָט געפאָלגט דער עצה פון די געטער און האָט אויסגעבויט אַ גרויסע שיף, וואָס איז געווען בעדעקט פון אויסווייניג מיט סמאָלע; ער איז אַריין אַהין מיט זיין משפחה און האָט אַריינגעלאָזען אויך בהמות און חיות. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער מבול, וואָס האָט געדויערט זעקס טעג און זיבען נעכט. „אַז די וואַסערן האָבען אָנגעהויבען אַראָבלאָזען זיך — דערצעהלט קסיסוטראַ — האָב איך אַ קוק געטאָן אויפ'ן ים און האָב אָנגעהויבען וויינען, וואָרום איך האָב דערזעהן, אַז אַלע מענשען זענען אומגעביטען געוואָרען און שמוץ: אַרום מיר האָבען געשוואומען פגרים. איך האָב געעפענט אַ פענסטער, און אַז די ליכט האָט מיר אַ שיין געטאָן אין פנים, האָט מיך אָנגענומען אַ טרויעריגקייט; איך בין געזעסען, און טרערען האָבען זיך געקייקעלט איבער מיין פנים". די שיף האָט זיך אָבגעשטעלט אין לאַנד ניזיר. נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעוואַרט זיבען טעג, האָט קסיסוטראַ אַרויסגעלאָזען פון שיף אַ טויב, אַ שוואַלב און אַ ראָב. די טויב און די שוואַלב זענען געקומען צוריק, די ראָב האָט זיך אָבער ניט אומגעקעהרט. יעמאָלט האָט קסיסוטראַ אַרויסגעלאָזט פון שיף אַלע חיות און מענשען, איז אַליין אַרויס און האָט געבראַכט אַ קרבן די געטער. אַלע געטער איז דער קרבן געוואָרען געפעלען; נאָר בל, וואָס איז געווען אין כעס דערפאַר, וואָס ניט אַלע מענשען זענען אונטערגעגאַנגען, האָט געוואָלט טויטען די, וואָס זענען געבליבען לעבען. נאָר די תפלות פון קסיסוטראַ האָבען אָבער בערוהיגט דעם דערצאָרנטען גאָט; ער האָט מסכים געווען צו לאָזען לעבען די מענשען, וואָס זענען ניצול געוואָרען אויפ'ן שיף, און האָט צוגעזאָגט מעהר ניט שיקען קיין מבול. קסיסוטראַ'ן האָט בל צוגענומען צו זיך, און ער איז געוואָרען אַ גאָט. ביי די אַשורים און כשדים איז פאַרהאַן אַ טראַדיציע, אַז די שיף, וואָס אויף איהר זענען די מענשען ניצול געוואָרען פון מבול, האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איינעם פון די אַרמענישע בערג, צו וועלכע ס'געהערט אויך דער באַרג אַרדט, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש. די מאָהאַמעדאַנער „עולי-רגל" קלייבען נאָך עד היום אין די דאָזיגע בערג שטיקלעך אַספאַלט און געברויכען זיי פאַר קמיעות — זיי גלויבען, אַז דאָס זענען שטיקלעך סמאָלע, וואָס דערמיט איז געווען בעדעקט נוח'ס תיבה.

דער דור-הפלגה.

§ 7. נאָכ'ן מבול — ווערט דערצעהלט אין דער תורה — האָבען נוח מיט זיינע קינדער געלעבט בשלוה: זיי האָבען בעאַרבייט די ערד און געפלאַנצט וויינגערטנער. נוח האָט געהאַט דריי זיהן: שם, חם און יפת. מיט דער צייט זענען ביי זיי געבוירען געוואָרען קינדער און אייניקלעך, און די מענשען האָבען ווידער אָנגעהויבען זיך פער-

מזרח. בּיסלעכוויז האָבּען זיך געבּילדעט צאָהלרייכע משפּחות; די מעהר נאָהענטע צווישען זיך משפּחות האָבּען זיך פעראייניגט אין בּתי־אָבות אָדער שבטים. לכתחלה האָבּען די דאָזיגע שבטים געלעבּט צווישען זיך בּשלום און האָבּען אַלע גערעדט אויף איין שפּראַך. זייער עיקר־וואוינונגסאָרט איז געוועזען דער טאָל שנער (אין לאַנד כּשדים).

איין מאָל זענען די איינוואוינער פון דעם דאָזיגען טאָל געפאַלען אויף אַ דרייסטער המצאה. זיי האָבּען אָנגעהויבּען בּויען אַ שטאָדט, און אין איהר האָבּען זיי געוואָלט בּויען פון ציגעל אַ טורם, וואָס זיין שפּיץ זאָל דערגרייכען בּיזן הימעל. „דערמיט — האָבּען זיי געזאָגט — װעלען מיר זיך שטעלען אַ סימן, כּדי מיר זאָלען ניט צעשפּרייט ווערען איבּער דער גאַנצער ערד“. נאָר גאָט איז געוואָרען אין כּעס איבּער דער דרייסטער אונטערנעהמונג פון די מענשען. ער האָט „צעמישט די שפּראַך“ פון אַלע מענשען, דאָס הייסט ער האָט זיי געלאָזען רעדען איטליכען אויף אַ בּעזונדער שפּראַך, אַזוי אַז זיי האָבּען אויפגעהערט פערשטעהן איינער דעם אַנדערן. דעמאָלט זענען די מענשען געוואָרען געצוואונגען צו לאָזען זייער געבּיי, און זענען זיך צעגאַנגען אין ארבּע כּנפות העולם. די שטאָדט, וואָס זיי האָבּען אָנגעהויבּען בּויען, איז שפּע־טער אָנגערופען געוואָרען בּבל, וואָרום דאָרט האָט גאָט צעמישט די שפּראַך פון אַלע מענשען (כּי שם בּלל יהוה את שׂפת כּל הארץ[5]). דער־נאָך האָבּען זיך די מענשען צעשפּרייט אין פערשיידענע קאַנטען און האָבּען אָנגעהויבּען צו לעבּען אַלס פערשיידענע שבטים, וואָס איטלי־כער פון זיי האָט גערעדט אויף אַ בּעזונדערער שפּראַך.

וועגען דעם „דור־הפלגה“ איז אויך פאַרהאַן אַן אַלטע כּשדישע אגדה. זי דערצעהלט, אַז נאָכ'ן מבּול האָבּען זיך די מענשען בּעזעצט אין בּבל, און פון זיי איז אַרויסגעקומען אַ שבט ריזען. די דאָזיגע ריזען האָבּען מורד גע־ווען קעגען די געטער. זיי האָבּען אויסגעבּויט אַ הויכען טורם אויף דעם אָרט, וואו שפּעטער איז געשטאַנען בּבל. דער שפּיץ פון'ם טורם האָט שוין כּמעט דערגרייכט בּיז'ן הימעל. נאָר פּלוצלונג זענען געקומען די ווינטען צו־הילף די געטער, האָבּען אומגעוואָרפען די גאַנצע געבּיי. און די בּויער זענען אומגע־קומען אונטער די חורבות. די כּשדים האָבּען געהאַלטען, אַז דער דאָזיגער לע־גענדאַרישער טורם איז דערזעלבּיגער, וואָס איז געשטאַנען אין דער שטאָדט בּאָרסיפּא, אין דער סבּיבה פון בּבל. און וואָס איז בּעשטאַנען פון זיבּען גאָרענס.

לויט די אידישע טראַדיציעס, שטאַמען אָב אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד פֿון די דרײַ אָנגערופֿענע נח'ס זיהן. פֿון שם קומען אַרויס די פֿעלקער, וואָס לעבען אין פֿאָדעראַזיען, און וואָס ווערען אָנגערופֿען דעריבער סעמיטען, ווי די אידען, אַשורים, עלם, אַרמים, אַראַבער. פֿון חם שטאַמען אָב די עגיפּטער (מצרים), אַבעסיניער (כוש), טוראַנער און אַנדערע אַזיאַטישע און אַפֿריקאַנישע פֿעלקער; די כנענים, אַלס אַ געמישטער שבט, ווערען צוגערעכנעט צו די חמיטען, אָבער לויט זייער שפּראַך געהערען זיי צו דער סעמיטישער גרופּע. פֿון יפֿת איז אַרויסגעקומען די אַרישע אָדער אינדאָ-אייראָפּעאישע ראַסע. די דאָזיגע גרופּירונג פֿון די ראַסען שטעהט אין אַ סך פּרטים בהסכּם מיט די אויספֿיהרונגען פֿון דער מאָדערנער שפּראַכוויסענשאַפֿט.

מקורים: בראשית, קאַפּ. א׳—י״א; דברי-הימים-א׳; קדמוניות היהודים פֿון יוסף פֿלאַוויוס ספר א, קאַפּ. א׳—ו׳.

צווייטער קאַפּיטעל.

די אַגדות וועגען די צייטען פֿון די אָבות.

די תּרחיטען און אַבֿרהמיטען. — אַבֿרהם אין כנען און אין מצרים. — אַבֿרהמ'ס אַלדענטאַט; דער אונטערגאַנג פֿון סדום. — ישמעאל און יצחק. — דער בונד פֿון אַבֿרהמען. — יצחק'ס שדוך. — יצחק און זיינע זיהן. — יעקבֿ אין אַרם. — יעקבֿ און זיינע קינדער אין כנען. — יוסף און זיינע ברידער. — יוסף אין מצרים. — יוסף'ס ברידער און פֿאָטער אין מצרים. — אַלגעמיינע אויספֿיהרונגען. —

די תּרחיטען און אַבֿרהמיטען.

§ 8. דער סדר-היחוס פֿון די עבֿרים און זייערע וואַנדערונגען דורך פֿאָדעראַזיען איז פֿאָרגעשטעלט אין דער תּורה אויף פֿאָלגענדען אופֿן.

דער אור-אייניקעל פֿון שם איז געווען עבֿר, וואָס זיין נאָמען האָט דעם זעלביגען שורש, ווי דער וואָרט עבֿרים. דער פֿינפֿטער גליד נאָך עבֿר'ן איז געווען תּרח. תּרח מיט זיין שבט האָבען געוואוינט אין דער אונטערשטער שטרעמונג פֿונ'ם טייך פּרת אין דער שטאָדט אור (אור-כשדים). תּרח האָט געהאַט דריי זיהן: הרן, נחור און אַבֿרהם.

חרן איז געשטארבען, בשעת זיין פאטער האט נאך געלעבט, און אור־כשדים און האט איבערגעלאזט א זוהן, לוט'ן. נחור און אברהם האבען חתונה געהאט, נאר, לויט'ן מנהג פון יענע פאטריארכאלישע צייטען, האבען זיי זיך ניט אבגעטיילט פון דעם פאטערס משפחה, און דער פאטער איז געבליבען דער עלטסטער פונ'ם גאנצען בית־אבות, דאס הייסט א גרופע פון נאהענטע משפחות.

תרח און זיין בית־אבות האבען בעשלאסען איבערצו־וואנדערן קיין כנען. אויפ'ן וועג האבען זיי זיך אבגעשטעלט אין דער געגענד פון חרן, אין צפונית־מערבית־קאנט פון ארם, און האבען דארט געוואוינט א לענגערע צייט. אין גיכען איז דער אלטער תרח געשטארבען אין חרן, און זיין בית־אבות האט זיך פונאנדערגעטיילט. א טייל פון די תרחיטען מיט נחור'ן אן דער שפיץ זענען געבליבען אין ארם; אנ־אנדער טייל, אונטער אברהמ'ס אנפיהרונג, האט זיך געלאזט ווייטער, קיין כנען. לויט ווי דער חומש דערצעהלט, האט אברהם אונטערגענו־מען די דאזיגע רייזע אויף גאטס בעפעהל, וועלכער האט איהם אזוי געזאגט: „געה ארויס פון דיין געבארענלאנד און פון דיין פאטערס הויז אין דעם לאנד, וואס איך וועל דיר אנווייזען; און פון דיר וועט ארויס־קומען א גרויס פאלק". אברהם האט גענומען מיט זיך זיין ווייב שרה'ן, זיין פלימעניק לוט'ן און א סך אנדערע מיטגלידער פון זיין שבט און האט זיך געלאזען געהן קיין כנען, אדער פאלעסטינע, וואו עס האבען יעמאלט געוואוינט די חתים און אנדערע פעלקער.

אין די דאזיגע אלטע ערצעהלונגען איז אויסגעדריקט דער היסטארישער תמצית פון די יאהרהונדערטען־לאנגע ארומוואנדערונגען פון די סעמיטען אין די לענדער פון פאדעראזיען. די סעמיטישע נאמאדען־שבטים האבען זיך בע־וועגט פון כאלדעע פאזע די ברעגען פון פרת אין צפונית־מערבית'דיגער ריכטונג. אויפ'ן וועג פלעגען זיי זיך אבשטעלען אין די סטעפעס פון ארם אדער סוריא (סיריען), וואו דאס שטאדטלעבען איז ניט געווען אזוי שטארק ענטוויקעלט, ווי אין כאלדעע, און וואו ס'זענען געווען גינסטיגערע בעדינגונגען פאר האדעווען בהמות. די גרופע נאמאדען, וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען תרחיטען, האט א לאנגע צייט ארומגעוואנדערט אין דער סביבה פון דמשק און אין תרחאניטידע, וועמענס נאמען קלינגט גלייך, ווי דער נאמען פון דעם עלטערפאטער פון דער דאזיגער גרופע. איין טייל פון די תרחיטען האט זיך בעזעצט אויף שטענדיג אין סוריא (סיריען) און האט זיך צונויפגעגאסען מיט די ארטיגע איינוואוינער; אנ'אנדער טייל האט זיך אריבערגעקליבען קיין כנען. אט דער לעצטער טייל איז דאס געווען דער שורש, פון וועלכען עס שטאמט דער שבט פון די אברהמיטען, וואס פיהרט זיין יחוס פון תרח'ס זוהן, אברהמ'ן. די איינוואוינער פון כנען האבען אנגערופען די דאזיגע נאי־

אנגעקומענע מענשען — „עברים“, דאס הייסט געקומענע פון יענעם ברעג (פרת).

אנגעקומען אין כנען, האבען די אברהמיטען, פונקט ווי אלע איבעריגע נאמאדען, זיך געהאלטען ווייט פון מערב'דיגען ברעג פונ'ם ים, וואו ס'האט שפעטער געוואוינט דאס האנדעלספאלק — די פעניציער, און האבען געשטרעבט אין די אינעווייניגסטע סטעפען-געגענדען, מחמת זיי האבען געזוכט וייד פאר זייערע בהמות. דא פלעגען זיי איך ארומוואנדרעווען פון איין ארט אויפ'ן אנדערן, און אין יאהרען פון ניט-גערעטעניש פלעגען זיי איבערגעהן אויף די גרעניץ-לענדער, וואס האבען געהערט צו עגיפטען. נאר דער צענטר פון זייער ישוב איז געווען דרום-כנען, וואס האט שפעטער געהייסען דאס לאנד יהודה.

אין אידישען פאלק איז פארהאן א טראדיציע וועגען דריי דורות עברים, וואס האבען געלעבט אין כנען גאר אין אלטע צייטען, און די עלטסטע פון די דאזיגע דורות זענען בעוואוסט אונטער דעם נאמען אבות אדער פאט-ריארכען: אברהם, יצחק און יעקב. דאס לעבען פון די אבות איז בע-שריבען אין דער תורה, וואו עס איז פארגעשטעלט אין א ריינע בילדער, וואס עס איז נשתומכל צו ווערען פון זייער רויכען זיטליכען זין און זייער פאעטישער שענקייט. די אבות פון אידישען פאלק זענען ניט קיין האלב-געטער אדער מיטישע העראען, אזוי ווי די פארהיסטארישע העלדען פון אנ-דערע אלטע פעלקער. זיי זענען פשוט'ע בשר ודמ'ס, וואס צייכענען זיך אויס מעהר ניט דורך זייער הייליגקייט און ריינע מדות. דאס זענען העלדען פון גייסט, אמונה און אמת, ערהאבען אין זייער איינפאכקייט, פעסט אין אלע נסיונות פון לעבען, רוהיגע און רודפי-שלום. אט וואס דער חומש דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון די ערשטע אידישע פאטריארכען[1].

אברהם אין כנען און אין מצרים.

§ 9. נאכדעם ווי אברהם מיט זיין שבט זענען אריבערגעוואנ-דערט פון כאלדעע (אור-כשדים) אין ארם קיין כנען, האבען זיי לכתחלה ארומגעוואנדרעוועט מיט זייערע טשערעדעס איבער'ן גאנצען לאנד, אין דער ריכטונג פון צפון קיין דרום. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין די ערטער, וואו עס זענען שפעטער געווען די שטעדט: בית-אל און שכם, און האבען געוואוינט דארט אין געצעלטען. ניט ווייט פון שכם האט גאט זיך בעוויזען אברהמ'ן און האט צו איהם געזאגט: „דאס דאזיגע לאנד וועל איך אוועקגעבען דיינע קינדער“. ונעבען בית-אל האט אברהם גע-בויט א מזבח אינ'ם נאמען פון איינציגען גאט. דערווייל איז געווארען

---

1) [illegible] אזוי די דאזיגע ערצעהלונגען האבען זיך בעוויזען בכתב, זעה [illegible], § 96.

א הונגער אין כנען: ס׳איז גיט געווען קיין שפייז פאר מענשען און בהמות. אברהם איז מחמת דעם געווען געצוואונגען אויף א צייט אריבערצו־וואנדערן קיין מצרים. דא איז אברהמ׳ס משפחה ניצול געווארען פון א גרויסער סכנה. דער קעניג פון מצרים האט צוגענומען צו זיך אין הויף אברהמ׳ס ווייב, שרה׳ן. נאר באלד האט ער חרטה געקראגען איבער זיין מעשה און האט צוריק אפגעגעבען שרה׳ן איהר מאן. דעמאלט האט אברהם פערלאזען עגיפטען און האט זיך ווייטער בעזעצט אין כנען, אויפ׳ן פריהערדיגען ארט נעבען בית־אל, וואו עס איז געשטאנען דער מזבח, וואס ער האט געבויט. —

אברהם האט געלעבט אינאיינעם מיט זיין פלימעניק לוט; ביידע האבען זיי געהאט א סך געצעלטען פאר זייערע מענשען און גרויסע טשערעדעס קיה און שאף. אפט פלעגען ארויסקומען קריגערייען צווישען אברהמ׳ס און לוט׳ס פאסטיכער מכח דער וויד. און אברהם האט געזאגט צו לוט׳ן: „איב אונז איז ענג צו לעבען אינאיינעם, איז לאמיר זיך בעסער פונאנדערגעהן אין פערשיידענע זייטען“. לוט האט טאקע אזוי געטאן: ער איז אוועק מיט זיינע מענשען און מיט זיינע סטאדעס אין דער דרום־זייט פון ירדן, וואו עס האבען זיך געפונען דעמאלט די אינטערטעניג כדרלעמר מלך עילם (אין איראן), נאר אויפ׳ן דרייצעהנטען [שלאגען] זיינע געצעלטען נעבען חברון, אין דעם וועלדיל פון ממרא. דא האט ער געשלאסען א בונד מיט די ארטיגע עלטסטע פון די אמורים און האט געלעבט בשלום, אלס א׳עלטעזער (פאטריארך) פון א קליינעם שבט נאמאדען־עברים.

אברהמ׳ס העלדענטאט; דער אונטערגאנג פון סדום.

§ 10. באלד אבער איז אברהמ׳ס רוה געשטערט געווארען. די מלכים פון סדום און עטליכע אנדערע שכנישע שטעדט, וואס זענען געלעגען אין דרומ׳דיגען טאל פון ירדן, זענען צוועלף יאהר געווען אונטערטעניג כדרלעמר מלך עילם (אין איראן), נאר אויפ׳ן דרייצעהנטען יאהר האבען זיי קעגען איהם מורד געווען. דעמאלט איז דער קעניג פון עילם מיט זיינע פערבינדעטע אנגעפאלען אויף כנען, האט איינגענומען אונטערוועגס א סך לענדער און האט מנצח געווען די ווידערשפעניגע מלכים פון סדום. די זיגער האבען ארייגעכאפט א סך רויב און האבען גענומען געפאנגען אויך אברהמ׳ס פלימעניק, לוט׳ן, וואס האט געוואוינט אין סדום.

ווי אברהם האט דאס דערהערט, האט ער צונויפגעקליבען זיינע מענשען, א מאן דריי־הונדערט, און מיט דער הילף פון די שכנישע פירשטען האט ער נאכגעיאגט דעם קעניג פון עילם און זיינע חברים.

אבֿרהם האָט דעריאָגט דעם פֿיינד נעבן דמשק, האָט באַפֿרייט לוט'ן און די איבעריגע געפֿאַנגענע און האָט אָפּגענומען ביי די פֿיינד אַלצדינג, וואָס זיי האָבן אָנגערויבט אין סדום. און דער קעניג פֿון סדום האָט פֿאָרגעלייגט אבֿרהמ'ן, ער זאָל צונעמען פֿאַר זיך די גאַנצע רויב, וואָס ער האָט אָפּגענומען ביי די פֿיינד; נאָר אבֿרהם האָט געזאָגט: „איך שווער זיך, אַז איך וועל ניט נעמען פֿון דאָס דייניגע אפֿילו ניט קיין איין פֿאָדים און קיין איין שוך-בענדיל (מחוט ועד שרוך-נעל), אַחוץ דאָס, וואָס מיינע מענטשן האָבן אויפֿגעגעסן פֿאַר דער צייט פֿון דער מלחמה". דער דאָזיגער נצחון האָט אבֿרהמ'ן געמאַכט בערימט איבער גאַנץ כנען.

אָבער ניט לאַנג איז געווען בעשערט די שטעדט, וואָס אבֿרהם האָט זיי באַפֿרייט, צו בלייבן שטיין אויף זייערע ערטער. אין די דאָזיגע שטעדט — דערצעהלט דער חומש — זענען די מענטשן געווען מוראדיגע רשעים, שטאַרק אַריינגעטאָן אין גזלה, רציחה און זנות. גאָט האָט אַנטפּלעקט אבֿרהמ'ן, אַז די איינוואוינער פֿון סדום און עמורה זאָלען אין גיכען ווערען בעשטראָפֿט פֿאַר זייערע חטאים. נאָר אבֿרהם האָט אָנגעהויבן צו בעטען ביי גאָט, ער זאָל זיי ניט פֿערטיליגען, וואָרום אפֿשר וועט ער געפֿינען דאָרט עטליכע צדיקים. און גאָט האָט צו איהם געזאָגט: „אויב ס'וועלען זיך געפֿינען אין סדום כאָטש צעהן צדיקים, וועל איך די שטאָדט ניט פֿערניכטען". נאָר אין דער זינדיגער שטאָדט זענען אפֿילו קיין צעהן צדיקים ניט געווען. לוט'ן האָט מען געגעבען צו וויסען, אַז סדום דאַרף חרוב ווערען, און ער האָט באַלד פֿערלאָזען די דאָזיגע שטאָדט מיט זיין גאַנצער משפּחה. און גאָט האָט געלאָזט רעגענען איבער סדום און עמורה און אויף זייער גאַנצער סביבה שוועבעל און פֿייער. די שטעדט זענען אָפּגעברענט, די מענטשען זענען אומגעקומען, און דער גאַנצער קאַנט איז אומגעביטען געוואָרען אין אַ מדבר, ווי עס איז נאָך געבליבען עד היום אויף די ברעגען פֿון טויטען ים (ים-המלח). לוט מיט זיין משפּחה זענען אַנטלאָפֿען אין די בערג. דאָרט האָבען זיינע טעכטער געהאַט צוויי זיהן: מואבֿ און בן-עמי. דאָס זענען געווען די אָבֿות פֿון צוויי שבֿטים: מואבֿים און עמונים, וואָס אין שפּעטערדיגער צייט זענען זיי געוואָרען זעהר שטאַרק און האָבען געשאַפֿען בעזונדערע מלוכות אין מזרח-זייט פֿון ירדן.

ישמעאל און יצחק.

§ 11. אבֿרהם און זיין פֿרוי שרה זענען געווען שוין זעהר אַלט און קיין קינדער האָבען זיי אַלץ ניט געהאַט. לויט'ן מנהג פֿון די מזרח-לענדער, האָט אבֿרהם געהאַט נאָך אַ פֿרוי, איינע פֿון זיינע דינ-

שטען, הגר המצרית. הגר האָט איהם געבוירען אַ זוהן, און ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען ישמעאל. נאָר ניט דעם זוהן, וואָס איז געבוירען געוואָרען פון אַ שפחה, איז בעשערט געווען צו זיין אברהם'ס יורש און אַ פּאַטריאַרך פון שבט עברים. אַז אברהם איז שוין אַלט געווען כמעט הונדערט יאָהר, האָט איהם גאָט געגעבען צו וויסען, אַז אין גיכען וועט שרה האָבען אַ זוהן. אברהם האָט זיך צעלאַכט, וואָרום ער האָט געטראַכט, צי דען קאָן אַ הונדערט-יאָהריגער זקן האָבען קינדער, און צי דען קאָן די ניינציג-יאָהריגע שרה געבוירען? אויך שרה האָט געלאַכט, בשעת עס זענען געקומען איינמאָל צו זיי אין געצעלט דריי געהיימניספולע אורחים און האָבען אָנגעזאָגט, אַז אין אַ יאָהר אַרום וועט זי האַלטען אויף איהר שויס איהר אייגען קינד. נאָר די נבואה איז מקוים געוואָרען. אין אַ יאָהר אַרום, פּונקט אין דער צייט, האָט שרה געבוירען אַ זוהן, און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען יצחק. אויפ'ן אַכטען טאָג האָט מען איהם מל געווען. אברהם און אַלע איבעריגע מאַנסבילען פון זיין שבט האָבען זיך שוין פריהער מל געווען. (דער דאָזיגער מנהג פון מלה, וואָס איז פערשפּרייט משנים קדמוניות אין די הייסע מזרח-לענדער, איז שפּעטער אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ „בונדעסצייכען“ (אות-ברית) צווישען גאָט און די קינדער פון אברהם).

אַז יצחק איז געווען נאָך אַ קינד, האָט ער ליעב געהאַט זיך צו שפּיעלען מיט זיין ברודער ישמעאל'ן. שרה'ן איז ניט געפעלען געוואָרען, וואָס דער שפחה'ס זוהן האַלט זיך גלייך מיט איהר זוהן, און זי האָט געבעטען אברהמ'ען, ער זאָל אַרויסטרייבען ישמעאל'ן און זיין מוטער. אברהם האָט זעהר ניט געוואָלט צו-לייד-טון ישמעאל'ן, נאָר ער האָט געמוזט דערפילען שרה'ס פאָדערונג. ער האָט געהייסען הגר'ן אַוועקגעהן פון זיין שטוב צוזאַמען מיט ישמעאל'ן און האָט איהר געגעבען אויפ'ן וועג ברויט און אַ לעדערנעם לאָגיל מיט וואַסער.

הגר איז אַוועק מיט איהר זוהן אין מדבר, גאָר באַלד האָט זי זיך דאָרט פערבלאָנדזשעט. די וואַסער פון לאָגיל איז אויסגעגאַנגען, און הגר מיט איהר קינד האָבען ניט געהאַט וואָס צו טרינקען. דעמאָלט האָט הגר געלאָזען איהר זוהן אונטער אַ בוימיל, און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט פון דערווייטענס, מחמת זי האָט זיך געטראַכט: „איך וויל ניט זעהן, ווי דאָס קינד וועט שטאַרבען“. זי איז געזעסען און האָט געוויינט אויפ'ן קול. און זי האָט דערהערט די שטים פון גאָטס אַ מלאך (שליח): „וואָס איז מיט דיר, הגר? האָב ניט קיין מורא: גאָט האָט דערהערט די שטים פון דיין זוהן. שטעה אויף און נעהם דאָס קינד פאַר'ן האַנד, וואָרום פון איהם וועט אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק“. און הגר האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט דערזעהן אַ ברונים מיט

וואַסער; און זי איז צוגעגאַנגען צום ברונים, האָט אָנגעפילט דעם לאָגיל וואַסער און האָט אָנגעטרינקט איהר קינד. אַזוי איז ישמעאל אויס־מיט וואַסער אין האָט אָנגעטרינקט איהר קינד. אַזוי איז ישמעאל אויפגעוואַקסען אין דער מדבר. און ער איז געוואָרען אַ פלינקער רײַטער און אַ פייגענשיסער. ישמעאלים קינדער האָבען געוואוינט אין מדבר פארן, אין דרום־זײַט פון פאַלעסטינע, און שפּעטער זענען זיי אַרײַנגעדרונגען אין סלע־ערב. דעריבער ווערט ישמעאל עד היום גערעכענט פאַר דעם עלטערפאָטער פון די אַראַבער.

דער נסיון פון אברהמ'ן.

§ 12. אין יענער צײַט האָט אברהם זיך אַריבערגעקליבען פון חברון אין דער שטאָדט גרר, אין דרומית־מערבית־קאַנט פון פאַלעסטינע, וואו עס האָבען שפּעטער געוואוינט די פלשתים. לעבענדיג צווישען געצענ־דיענער, איז ער פונדעסטוועגען געבליבען געטרײַ דעם איינציגען גאָט. איינמאָל — דערצעהלט דער חומש — האָט גאָט געוואָלט אויספּרובען אברהמ'ן און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „נעהם דײַן איינציגען זוהן, יצחק'ן, און ברענג איהם מיר פאַר אַ קרבן אויפ'ן באַרג מוריה". אברהם האָט קײַן איבעריגען וואָרט ניט גערעדט. ער איז אויפגעשטאַנען אין דער־פריה, האָט אָנגעזאָטעלט זײַן אייזעל, האָט גענומען מיט זיך יצחק'ן און איז אַוועק אין דעם אָנגעוויזענעם אָרט. אַז אברהם האָט שוין גע־האָט צוגעגרייט אַלצדינג פאַר'ן קרבן, האָט יצחק איהם אַ פרעג געטאָן: „אָט איז האָלץ און פײַער, נאָר וואו איז דער שעפּס פאַר דער עולה?" ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ בעפעהל זײַן פאָטער האָט בע־קומען. און אברהם האָט איהם געבונדען, האָט איהם אַרויפגעלעגט אויף די האָלץ אויפ'ן מזבח — און האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט זײַן האַנד מיט'ן חלף, כדי צו קוילען איהם. נאָר אין דעם זעלביגען אויגענבליק האָט ער דערהערט אַ קול פון הימעל: „אברהם, הויב ניט אויף דײַן האַנד אויפ'ן יונגלינג און זאָלסט איהם גאָרנישט ניט טון. איצט ווייס איך, אַז דו ביזט אַ גאָטספאָרכטיגער מאַן, ווײַל דו האָסט צוליעב מיר געוואָלט מקריב זײַן דײַן איין־איינציגען זוהן". און אברהם האָט אויפגע־הויבען זײַנע אויגען און האָט דערזעהן ניט ווײַט אַ באַראַן, וואָס האָט זיך געהאַט פערפלאָנטערט מיט די הערנער אין אַ דאָרן. און ער האָט אַראָבגענומען זײַן זוהן פון מזבח און אַנשטאָט איהם האָט ער מקריב געווען דעם באַראַן. גאָט האָט ניט געוואָלט האָבען קײַן מענשליכע קרבנות, וואָס די געצענדיענערישע אײַנוואוינער פון כנען האָבען דעמאָלט געבראַכט זײַערע געצען. ער האָט מעהר ניט געוואָלט אויספּרובען זײַן ליעבלינג אברהמ'ן — און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער אידישער

פֿאַר־דעם איז אידם איבערגעגעבן מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה און ער איז גרייט אַלצדינג צו אָפּפֿערן, אַבי מקיים צו זיין גאָטס רצון.

יצחקס שדוך.

§ 13. באַלד איז שרה, אַבֿרהמ׳ס ווייב, געשטאָרבן, אין אַנ־עלטער פֿון 127 יאָהר. אַבֿרהם האָט בעוויינט זיין פֿרוי און האָט זי מקבר געווען ניט ווייט פֿון חבֿרון אין דער מערת־המכפלה, וואָס ער האָט אָבגעקויפֿט ביי דעם שבֿט חתים.

דערנאָך האָט אַבֿרהם אָנגעהויבן טראַכטען וועגן אַ שדוך פֿאַר יצחק׳ן. און ער האָט גערופֿען צו זיך זיין געטרייען קנעכט און הויז־פֿערוואַלטער (זקן ביתו), אליעזר פֿון דמשק, און האָט צו אידם אַזוי געזאָגט: „שווער זיך, אַז דו וועסט ניט נעהמען פֿאַר מיין זוהן אַ ווייב פֿון די טעכטער פֿון די כנענים, צווישען וועלכע מיר לעבען, נאָר דו וועסט געהן אין מיין געבאָרענלאַנד און דאָרט וועסטו אויסקלייבען אַ ווייב פֿאַר מיין זוהן". אֶליעזר האָט גענומען צעהן קעמלען און אַ סך טייערע חפֿצים און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין מעסאָפּאָטאַמיען אָדער אַרם.

אין אַ צייט אַרום איז ער צוגעפֿאָהרען צו דער שטאָדט, וואו עס האָבען געוואוינט אַבֿרהמ׳ס קרובֿים, די קינדער פֿון זיין ברודער נחור, וואָס איז אַמאָל פֿערבליבען אין אַרם נהרים. אֶליעזר האָט זיך אָבגעשטעלט מיט זיינע קעמלען חוץ׳ן שטאָדט, נעבען אַ ברונים. עס איז שוין געווען קעגען אָבענד, די צייט, ווען די מיידלעך פֿון שטאָדט געהען אַרויס צום ברונים שעפּען וואַסער. און אֶליעזר האָט ביי זיך אַזוי בעשלאָסען: „איך וועל בעטען איינע פֿון די מיידלעך, וואָס שעפּען וואַסער, זי זאָל מיר געבען צו טרינקען, און אויב זי וועט געבען צו טרינקען ניט נאָר מיר, נאָר אויך מיינע קעמלען,—דעמאָלט וועל איך וויסען, אַז די דאָזיגע מיידעל האָט גאָט בעשטימט יצחק׳ן פֿאַר אַ ווייב". פּלוצלונג האָט זיך בעוויזען זעהר אַ שענע מיידעל, מיט אַ קרוג אויפֿ׳ן פּלייצע. זי איז אַראָב צום ברונים, האָט אָנגעשעפּט דעם קרוג און איז אַרויפֿגעגאַנגען. אֶליעזר איז איהר אַנטקעגען געלאָפֿען און האָט צו איהר אַזוי געזאָגט: „גיב מיר צו טרינקען פֿון דיין קרוג". די מיידעל האָט באַלד אַראָבגעלאָזט איהר קרוג פֿון פּלייצע, האָט גע־געבען אֶליעזר׳ן צו טרינקען און האָט געזאָגט: „איצט וועל איך אָנשעפּען וואַסער אויך פֿאַר דיינע קעמלען, ביז זיי וועלען זיך אָנטרינקען". און זי האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזען צום ברונים און האָט אָנגעשעפּט וואַסער פֿאַר די קעמלען.

מיט פֿערגעניגען האָט אַבֿרהמ׳ס געטרייער קנעכט געקוקט אויף

דער שענער און גוטער מיידעל. נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעטרינקט אַלע קעמלען, האָט ער גענומען אַ גאָלדענע אויערינגעל און צוויי רינגען, האָט ער געגעבען דער מיידעל און האָט געפרעגט ביי איהר: „זאָג מיר, וועמענס טאָכטער ביזטו, און צי איז פאַראַן אין דיין פאָטערס הויז אַן אָרט אויף איבערנעכטיגען?" די מיידעל האָט געענטפערט, אַז זי הייסט רבקה, זי איז אַ טאָכטער פון בתואל און נחור'ס אַן איינינקעל, און אַז ביי זיי אין הויז איז פאַראַן אַן אָרט אויף איבערנעכטיגען און גענוג פוטער פאַר די קעמלען. דערנאָך איז זי געלאָפען אַהיים און האָט דערציילט איהר מוטער אַלץ, וואָס מיט איהר האָט זיך געטראָפען. דעמאָלט איז רבקה'ס ברודער לבן אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגען אליעזר'ן און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין זיין פאָטערס הויז. און אליעזר האָט דערצעהלט רבקה'ס עלטערן און איהר ברודער, אין וואָס בעשטעהט דער צוועק פון זיין קומען און האָט דערקלערט, אַז אַפּנים האָט גאָט אַליין בעשטימט רבקה'ן יצחק'ן פאַר אַ ווייב. בתואל און לבן האָבען געענטפערט: „אָט איז רבקה פאַר דיר; נעהם זי, און זאָל זי זיין אַ ווייב פאַר דיין בעל-הבית". און אליעזר האָט אַרויסגענומען גאָלדענע און זילבערנע חפצים און טייערע קליידער און האָט געגעבען דער כלה, איהר מוטער און איהר ברודער. אויפ'ן אַנדערן מאָרגען האָבען די עלטערן געבענשט רבקה'ן און האָבען זי אָבגעלאָזט מיט אליעזר'ן קיין כנען.

אַז אליעזר מיט רבקה'ן זענען צוגעפאָהרען צום אָרט, וואו עס זענען געשטאַנען אברהמ'ס געצעלטען, האָבען זיי בעגעגענט אין פעלד יצחק'ן. און אַז רבקה האָט זיך דערוואוסט, ווער דאָס איז, האָט זי גענומען אַ שלייער און האָט בעדעקט איהר פנים. יצחק האָט אַריינגעפיהרט רבקה'ן אין געצעלט פון זיינע עלטערן, זי איז געוואָרען זיין פרוי, און ער האָט זי ליעב געהאַט. —

אברהם האָט דערנאָך געלעבט איינינגע צייט, און איז געשטאָרבען, 175 יאָהר אַלט, און מען האָט איהם בעגראָבען נעבען שרה'ן אין דער מערת-המכפלה.

חוץ יצחק'ן און ישמעאל'ן, האָט אברהם נאָך געהאַט קינדער פון זיין פרוי קטורה, וואָס ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט נאָך שרה'ס טויט. די דאָזיגע קינדער האָט אברהם אַוועקגעשיקט אין די שכנישע לענדער, וואָס ליגען אין מזרח-זייט פון פאַלעסטינע. איינער פון זיי, מדין, איז געוואָרען דער עלטערפאָטער פון שבט מדינים, וואָס האָבען אַרומגעוואַנדערט אין מדבר סיני. ישמעאל, ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט געוואָרען, איז שוין פריהער אַוועק פון זיינע עלטערנס הויז און האָט זיך בעזעצט אין מדבר ערב. אויף אַזאַ אופן איז אין כנען געבליבען נאָר יצחק און זיין הויזגעזינד. נאָך אברהמ'ס טויט איז יצחק

געוואָרען דער עלטסטער פֿונ'ם שבֿט עבֿרים, וואָס איז באַשטאַנען דערמאָלס פֿון אַ גרופּע וואַנדערנדע משפּחות, וואָס האָבען געוואוינט בײַ אַגודה אין געצעלטען.

יצחק און זײַנע זיהן.

§ 14. יצחק האָט געוואוינט אין דרום־זײַט פֿון כנען, נעבען דער גרעניץ פֿון דער געגענד, וואו ס'האָבען שפּעטער געוואוינט די פּלשתים. ער האָט שוין וועניגער אַרומגעוואַנדערט, איידער אבֿרהם, און האָט זיך פֿערנומען ניט בלויז מיט האָדעווען בהמות, נאָר אויך מיט ערדאַרבייט. פֿון אָנהויב האָט יצחק געהאַט צוזאַמענשטויסונגען מיט זײַנע שכנים, די אָרטיגע אײַנוואוינער, וואָס האָבען אונטערדריקט זײַנע פּאַסטיכער און האָבען פֿערשאָטען די ברונימער, וואָס יענע האָבען אויסגעגראָבען. נאָר מיט דער צײַט האָט ער געשלאָסען שלום מיט אבֿימלך, דעם קעניג פֿון גרר, און האָט זיך געלעבט רוהיג.

פֿון זײַן פֿרוי רבֿקה האָט יצחק געהאַט אַ צווילינג — צוויי זיהן. איינער האָט געהייסען עשׂו, דער אַנדערער — יעקבֿ. אַז די קינדער זײַנען אויסגעוואַקסען, האָט מען אָנגעהויבען צו באַמערקען, אַז זיי אונטערשיידען זיך צווישען זיך אין זייערע כאַראַקטערען און נייגונגען. עשׂו האָט ליעב געהאַט זיך יאָגען נאָך ווילדע חיות און איז געווען אַן „איש שדה“, יעקבֿ איז געווען מעהר נוטה צו אַ פֿרידליכען לעבען פֿון אַ פּאַסטוך, ער איז געווען אַן „איש תם יושבֿ אוהלים“. און עס האָט געטראָפֿען אַמאָל, אַז עשׂו איז געקומען אַהיים פֿון געיעג מיעד און הונגעריג. דערזעהענדיג בײַ יעקבֿ'ן אַ טאָפּ לינזען (נזיד עדשים), האָט ער געבעטען בײַ איהם, ער זאָל איהם געבען צו עסען. נאָר יעקבֿ האָט צו איהם געזאָגט: „פֿערקויף מיר דערפֿאַר די בכורה“ (עשׂו האָט זיך גערעכענט פֿאַר'ן עלטסטען ברודער, און ער האָט געדאַרפֿט זײַן יצחק'ס יורש). עשׂו האָט געענטפֿערט: „איך שטאַרב פֿון הונגער; צוליעב וואָס זשע טויג מיר די בכורה?“ יעקבֿ האָט געגעבען דעם ברודער צו עסען, און עשׂו האָט זיך אַפֿילו ניט מצער געווען דעריבער, וואָס ער האָט פֿערקויפֿט די בכורה פֿאַר אַ טאָפּ לינזען. נאָר יצחק האָט עס כלומר'שט ניט באַמערקט, און האָט, ווי פֿריהער, געקוקט אויף איהם, ווי אויפֿ'ן עלטסטען. עשׂו פֿלעגט אָפֿט ברענגען פֿון געיעג ווילד, פֿלעגט צוגרייטען דערפֿון געשמאַקע מאכלים און עס ברענגען צום פֿאָטער. יצחק האָט עשׂו'ן מעהר ליעב געהאַט, רבֿקה אָבער האָט מעהר ליעב געהאַט יעקבֿ'ן.

אַז יצחק איז אַלט געוואָרען, און זײַנע אויגען האָבען אָנגעהויבען שוואַך ווערען, האָט ער איין מאָל גערופֿען צו זיך עשׂו'ן און האָט צו

איהם אַזוי געזאָגט: „מײַן זוהן, איך בין שוין זעהר אַלט, און ס'קאָן זײַן, אַז איך וועל באַלד שטאַרבען. דעריבער נעהם דײַן געוועהר, געה אַרויס אין פֿעלד אַרײַן, פֿאַנג ווילד און גרייט צו פֿון מײַנטוועגען די מאכלים, וואָס איך האָב ליעב; דערנאָך וועל איך דיך בענשען פֿאַר מײַן טויט". רבקה האָט געהערט די דאָזיגע ווערטער, און זי האָט זיך מצער געוועזען דעריבער, וואָס די ברכה וועט אָנקומען עשו'ן, און ניט איהר ליעבלינג יעקב'ן. זי האָט וועגען דעם דערצעהלט יעקב'ן און האָט איהם געגעבען אַן עצה צו בעקומען דעם פֿאָטערס ברכה פֿריהער פֿאַר עשו'ן דורך רמאות. לויט דער מוטערס עצה, האָט יעקב באַלד געבראַכט פֿון טשערעדע אַ פּאָר ציקלעך, און רבקה האָט צוגעגרייט יצחק'ס ליעבלינגס־געריכט. דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן יעקב'ן אין עשו'ס יונגער־מלבושים, האָט איהם אַרויפֿגעצויגען אויף די הענד די פֿעלען פֿון די ציקלעך (מחמת עשו'ס הענד זענען געוועזען האָריג), און האָט איהם געהייסען אַוועקטראָגען צום פֿאָטער דאָס צוגעגרייטע געריכט. און יעקב איז געקומען צום פֿאָטער און האָט צו איהם געזאָגט: „איך בין עשו, דײַן עלטסטער זוהן; איך האָב געטאָן, וואָס דו האָסט מיר געהייסען; איצט עס אָב און בענש מיך". דער בלינדער יצחק האָט אַרומגעטאַפּט דעם זוהן און האָט פֿערוואונדערט געזאָגט: „די שטים איז יעקב'ס שטים, און די הענד זענען עשו'ס הענד" (הקול קול יעקב והידים ידי עשו). פֿונדעסטוועגען האָט יצחק געגלויבט, אַז דאָס איז עשו, און האָט דעם זוהן אַזוי געבענשט: „זאָל גאָט דיר געבען דעם טוי פֿון הימעל און די פֿעטקייט פֿון דער ערד און אַ סך קאָרן און ווײַן (ויתן לך אלהים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש); זאָלען דיר דיענען פֿעלקער; זײַ אַ האַר איבער דײַנע ברידער (היה גביר לאחיך). — די דאָזיגע ברכה האָט געהאַט די קראַפֿט פֿון אַ צואה, וואָס לויט איהר האָט די מאַכט פֿון עלטסטען אָדער פּאַטריאַרך געדאַרפֿט איבערגעהן, נאָך יצחק'ס טויט, צו יעקב'ן. —

קוים איז יעקב אַרויסגעגאַנגען, איז עשו געקומען פֿון געיעג, האָט צוגעגרייט פֿון ווילד אַ געריכט און געבראַכט דעם פֿאָטער. יצחק האָט זיך דערשראָקען און האָט געפֿרעגט: „ווער זשע איז דאָ פֿריהער געוועזען און האָט בעקומען פֿון מיר די ברכה?" עשו האָט פֿערשטאַנען, אַז דער ברודער האָט שוין פֿערכאַפּט זײַן אָרט, און האָט מיט פֿערצווייפֿלונג אויסגעשריען: „אַ פֿאָטער, שוין זשע האָסטו נאָר איין ברכה? בענש מיך אויך". און יצחק האָט געענטפֿערט: „איך האָב שוין יעקב'ן געבענשט, ער זאָל זײַן אַ האַר איבער זײַנע ברידער (דאָס הייסט דער עלטסטער פֿון שבט). דיר וועל איך ווינשען, אַז דו זאָלסט לעבען פֿון דײַן שווערד (על חרבך תחיה); און אַז די הערשאַפֿט פֿון דײַן ברודער וועט זײַן צו

שווער פֿאַר דיר, וואָלסטו מיט דײַן קראַפֿט אַראָבוואַרפֿען פֿון דיר זײַן יאָך".

זינט יענער צײַט אָן האָט עשו פֿײַנט געקראָגען יעקבֿ'ן. „ער האָט פֿריהער בײַ מיר אויסגענאַרט די בכורה, און דערנאָך האָט ער צוגענומען די ברכה, וואָס איז געווען בעשטימט פֿאַר מיר",—האָט זיך עשו בעקלאָגט. און ער האָט בײַ זיך בעשלאָסען צו טויטען יעקבֿ'ן, ווי נאָר יצחק וועט שטאַרבען. אַז רבֿקה האָט זיך דערוואוסט וועגען עשו'ס פּלענער, האָט זי גערופֿען צו זיך יעקבֿ'ן און האָט צו אידם אַזוי געזאָגט: „אַנטלויף צו מײַן ברודער לבן קײַן חרן און בלײַב בײַ אידם, ביז וואַנען דײַן ברודערס כעס וועט איבערגעהן". יצחק האָט אויך געראָטען יעקבֿ'ן צו געהן קײַן ארם, דאָס איז צפֿון מעסאָפּאָטאַמיען, און זיך זוכען דאָרט אַ ווײַב צווישען די קרובֿים. יעקבֿ האָט געפֿאָלגט און איז אַוועק פֿון דער שטאָדט באר-שבֿע קײַן חרן.

יעקבֿ אין ארם.

§ 15. לאַנג איז יעקבֿ געגאַנגען פֿון דרום-כנען ביז חרן. אויפֿ'ן וועג נעבען בית-אל האָט ער זיך געלעגט נעכטיגען אין סטעפּ, מיט אַ שטײַן צוקאָפּענס, און איז אײַנגעשלאָפֿען. און ער האָט געזעהן אַ וואונדערליכען חלום. ער האָט געזעהן אַ לייטער, וואָס זײַן שפּיץ האָט דערגרייכט ביז'ן הימעל; און גאָטס מלאכים זענען געגאַנגען אויף אידר אַרויף און אַראָב. און יעקבֿ האָט דערהערט גאָטס שטים: „איך בין מיט דיר און וועל דיך בעהיטען אומעטום, וואו דו וועסט זײַן, און דערנאָך וועל איך דיך אומקערען צוריק אין דײַן געבאָרענלאַנד". אַז יעקבֿ האָט זיך דערוואַכט פֿון שלאָף, האָט ער געזאָגט: „געוויס איז גאָט פֿאַראַן אין דעם דאָזיגען אָרט, און איך האָב ניט געוואוסט". ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטײַן, וואָס איז געלעגען אידם צוקאָפּענס, פֿאַר אַ דענקמאָל, און דערנאָך איז ער געגאַנגען ווײַטער, געקרעפֿטיגט און ערמוטיגט.

צולעצט איז ער צוגעקומען צו אַ פֿעלד. אין מיטען פֿעלד איז געשטאַנען אַ ברונים, און אַרום אידם האָבען געלעגערט פּאַסטיכער מיט זייערע סטאַדעס שאָף. דאָס איז געווען אַ פֿעלד נעבען חרן. די פּאַסטיכער האָבען דערצעהלט יעקבֿ'ן, אַז זיי קענען זײַן פֿעטער לבנ'ן. בשעת מעשה איז געקומען אין פֿעלד רחל, לבֿנ'ס יונגערע טאָכטער, בדי אָנצוטרייַנקען אידרע שאָף. דער ברונים איז געווען בעדעקט מיט אַ גרויסען שטײַן, וואָס רחל'ן איז שווער געווען אידם אַראָבנעהמען. אַז יעקבֿ האָט זיך דערוואוסט פֿון די פּאַסטיכער, ווער די מיידעל איז, איז ער צוגעגאַנגען צום ברונים, האָט אַראָבגעקייקעלט דעם שטײַן און

3 דובנאָוו, אידישע געשיכטע 1-טייל.

האָט אָנגעטרײנקט רחלס שאָף. דערנאָך האָט יעקב דערצײלט רחלן, אַז ער איז איהר שוועסטערקינד, האָט זיך צעקושט מיט איהר און, פֿאַר איפֿרעגונג, האָט ער זיך צעווײנט. רחל איז אַוועקגעלאָפֿען אַהײם, און באַלד איז געקומען איהר פֿאָטער. לבן האָט צוגענומען דעם פּלימעניק זעהר פֿרײנדליך און האָט איהם אַרײנגעפֿיהרט אין זײן הויז. און יעקב איז געבליבען וואוינען אין לבנס הויז.

חוץ רחלן, האָט לבן נאָך געהאַט אַן עלטערע טאָכטער, לאהן. רחל איז געווען זעהר שען; לאה אָבער האָט געהאַט שוואַכע אויגען. און יעקב האָט ליעב געקראָגען רחלן און האָט געזאָגט צו לבנען: „איך וועל דיר דינען זיבען יאָהר, אויב דו וועסט מיר אָבגעבען דײן טאָכטער רחלן פֿאַר אַ ווײב". לבן האָט מסכים געווען דערויף. און יעקב האָט געדינט בײם פֿעטער זיבען יאָהר, און די דאָזיגע זיבען יאָהר האָבען איהם זיך אויסגעדוכט, מחמת זײן ליעבע צו רחלן, ווי עטליכע טעג. נאָר לבן האָט אָבגענאַרט זײן פּלימעניק. אַז די זיבען יאָהר זענען פֿאַרבײגעגאַנגען, האָט ער איהם געגעבען, אָנשטאָט רחלן — לאהן. און אַז יעקב האָט זיך אָנגעהויבען צו בעקלאָגען דעריבער, האָט לבן צו איהם געזאָגט: „אין אונזערע קאַנטען איז ניט אָנגענומען געוואָרען חתונה צו מאַכען די יונגערע טאָכטער פֿריהער פֿאַר דער עלטערער. זײ בײ מיר נאָך זיבען יאָהר — דאַן וועל איך דיר געבען אויך רחלן". יעקב האָט ווײטער געדינט און האָט, אויף אַזאַ אופֿן, בעקומען צווײ ווײבער. יעקבס אונגעליעבטער ווײב, לאהן, האָט גאָט געגעבען אַ סך קינדער; זי האָט געהאַט זעקס זיהן (ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבלון) און איין טאָכטער (דינה). רחל אָבער האָט קײן קינדער ניט געהאַט, און דערפֿון האָט זי זיך זעהר מצער געווען. ערשט אין אַ לאַנגער צײט אַרום האָט זי געבוירען אַ זוהן, יוספֿן. יעקב האָט נאָך געהאַט זיהן פֿון זײנע דינסטען — בלהה און זלפה; די ערשטע האָט געבוירען צווײ זיהן — דן און נפתלי, און די אַנדערע אויך צווײ — גד און אשר.

אַז יעקב האָט שוין געהאַט אַ גרויסע פֿאַמיליע, האָט ער מודיע געווען לבנען, אַז ער וויל זיך אומקעהרען צוריק אַהײם. לבן האָט ניט געוואָלט אָבלאָזען יעקבן, ווײל יעקב האָט גוט פֿערשטאַנען די מלאכה פֿון האָדעווען בהמות און ער האָט שטאַרק פֿערמעהרט לבנס סטאַדעס; ער האָט זיך געבעטען בײם פּלימעניק, ער זאָל בלײבען און האָט איהם צוגעזאָגט אַ בעלוינונג, וויפֿיעל ער וויל. לבן האָט געשאָנקען יעקבן אַ טײל פֿון זײנע סטאַדעס, און אין עטליכע יאָהר אַרום האָט זיך אָנגעקליבען בײ יעקבן אַ סך שאָף, ציגען, קעמלען, אײזלען און אויך אַ סך קנעכט און דינסטען. און אַזוי ווי לבן האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט אָבלאָזען יעקבן, איז יעקב אַוועק פֿון איהם אָהן זײן

וויסען מיט זיינע פרויען, קינדער, קנעכט און סטאַדעס. לבן מיט זיינע מענשען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און האָבען זיי דעריאָגט נעבען באַרג גלעד. און לבן האָט פאָרגעוואָרפען דעם פלימעניק, פאַר וואָס ער איז פון איהם אַנטלאָפען; נאָר יעקב האָט איהם געענטפערט, אַז צוואַנציג יאָהר האָט ער איהם געטריי געדיענט, און איצט וויל ער זיך אומקעהרען אַהיים מיט זיין פאַמיליע און מיט זיין פערמעגען, וואָס ער האָט עהרליך דערוואָרבען. נאָך אַ לאַנגען שטרייט האָבען דער פעטער מיט'ן פלימעניק געמאַכט שלום צווישען זיך. זיי האָבען צונויפגעלעגט אַ בערגיל פון שטיינער אין דער געגענד, וואָס איז אָנגערופען געוואָרען ג ל ע ד, אין מזרח־כנען, און האָבען זיך געגעבען אַ שבועה, אַז להבא וועלען זיי איינער דעם אַנדערן קיין בייז ניט טון. דערנאָך האָבען זיי זיך צעשיידט: לבן האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ארם, און יעקב מיט זיין פאַמיליע איז וויטער געגאַנגען זיין וועג קיין מערב־כנען.

יעקב אין זיינע קינדער אין כנען.

§ 16. בשעת יעקב האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין כנען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איהם וועט אויסקומען זיך צו טרעפען מיט זיין ברודער עשו, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָלט זיך נוקם זיין אָן איהם. דעריבער האָט ער געשיקט שלוחים פאַר זיך צו עשו'ן, וואָס האָט געוואוינט אויפ'ן באַרג שעיר, אין דרום־כנען, ער זאָל שלום מאַכען מיט איהם. פון די שלוחים האָט יעקב זיך דערוואוסט, אַז עשו געהט איהם אַנטקעגען מיט אַ חיל פון 400 מאַן. יעקב האָט זיך זעהר דערשראָקען און האָט מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל איהם מציל זיין פון עשו'ס הענד. דערנאָך האָט ער צעטיילט אַלע זיינע מענשען און סטאַדעס אויף צוויי טיילען. פין פאָרענט זענען געגאַנגען די קנעכט און די דיענסטען, וואָס זענען געווען בעשטימט פאַר אַ מתנה פאַר עשו'ן, און פון הינטען — יעקב'ס ווייבער און קינדער און די איבעריגע קנעכט און סטאַדעס. אַז עשו איז שוין געווען נאָהענט, איז יעקב אַרויסגעטראָטען, האָט זיך דערנעהנטערט צום ברודער און האָט זיך געבויגט פאַר איהם זיבען מאָל ביז צו דער ערד. עשו איז געוואָרען גערירט פון דעם ברודערס הכנעה, איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט איהם אַרומגענומען און געקושט זיך מיט איהם. און ביידע האָבען זיך צעוויינט. די פריהערדיגע שנאה איז מיט אַמאָל פערגעסען געוואָרען. דערנאָך האָבען זיך די ברידער צעשיידט: עשו האָט זיך צוריק אומגעקעהרט קיין שעיר און איז געוואָרען דער עלטערפאָטער פון שבט א ד ו מ י ם, וואָס האָבען געוואוינט אין דרום־זייט פון כנען. יעקב האָט אויף דערוויל אויפגע-

שלאָגען זיינע געצעלטען ניט ווייט פֿון דער שטאָדט שכם, אין צענטער פֿון כּנען.

דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ טרויעריגע פּאַסירונג. דעם שכם׳ס פֿירשטענס זוהן, וואָס האָט אויך געהייסען שכם, האָט אַוועקגערויבט יעקב׳ס טאָכטער, דינה׳ן, בשעת זי איז אַרויסגעגאַנגען אין שטאָדט שפּאַצירען. שכם האָט געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען, נאָר יעקב האָט ניט געוואָלט אָבגעבען זיין טאָכטער אַ כּנעני פֿאַר אַ ווייב, און דער יונגער פֿירשט האָט געהאַלטען דינה׳ן אין זיין הויז איבער געוואַלד. דעמאָלט האָבען יעקב׳ס צוויי זיהן, שמעון און לוי, בעוואָפֿענט זייערע מענשען און זענען איבערפֿאַלען די איינוואוינער פֿון שטאָדט. זיי האָבען געטויט דעם פֿירשטען פֿון שכם און זיין זוהן און זייער שוועסטער האָבען זיי בעפֿרייט און זענען אַוועק.

נאָך דער דאָזיגער מעשה האָבען די שכנישע שבטים אָנגעהויבען זיך בעציהען פֿיינדליך צו יעקב׳ס שבט. יעקב און זיין משפּחה זענען געוועזען געצוואונגען איבערצו־וואַנדערן ווייטער צו דרום צו, קיין בית־אל, אין אויף דעם אָרט, וואָס יעקב האָט אַמאָל איבערגענעכטיגט, בשעת ער איז אַנטלאָפֿען פֿון עשׂו׳ן, האָט ער אויפֿגעבויט אַ מזבח פֿאַר גאָט. ער האָט געהייסען זיין הויזגעזינד פֿערניכטען אַלע געצענבילדער, וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך פֿון ארם, פֿון לבן׳ס הויז. דאָ האָט זיך גאָט ווידער בעוויזען יעקב׳ן און האָט איהם געהייסען זיך אָנרופֿען פֿון היינט אָן ניט יעקב, נאָר ישׂראל (אין דעם וואָרט: ישׂראל געהט אַריין גאָטס נאָמען). פֿון דאָרט איז יעקב געגאַנגען ווייטער קיין חברון, וואו עס האָט נאָך געלעבט דער אַלטער יצחק, און האָט זיך אָבגעשטעלט אונטערוועגס נעבען דער שטאָדט בית־לחם. דאָרט האָט רחל געבוירען איהר צווייטען זוהן, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבען בנימין, און איז געשטאָרבען פֿון קינפּעט. יעקב האָט מקבר געוועזען זיין געליבטע פֿרוי און האָט אַוועקגעשטעלט ביי איהר קבר אַ מצבה. דערנאָך איז ער געקומען צו זיין פֿאָטער אין חברון און האָט זיך דאָרט בעזעצט. יצחק איז באַלד געשטאָרבען, אין אַן עלטער פֿון 180 יאָהר. און מען האָט איהם מקבר געווען נעבען רבקה׳ן אין דער מערת־המכפּלה, אין אברהם׳ס פֿאַמיליען־סקלעפּ.

יוסף און זיינע ברידער.

§ 17. מעהר פֿון אַלע זיינע צוועלף זיהן, האָט יעקב ליעב געהאַט יוסף׳ן, רחל׳ס עלטסטען זוהן. אַז יוסף איז אַלט געוועזען 17 יאָהר, האָט ער געהיט טשערעדעס שאָף אינאיינעם מיט זיינע ברידער. ער איז געוועזען זעהר שיין און האָט געטראָגען אַ זיידענע העמדיל

(כתונת פסים), וואָס דער פאָטער האָט איהם געשאָנקען. די ברידער האָבען מקנא געווען יוספ'ן און האָבען איהם פיינט געהאַט. און ער מיט זיין אויפפיהרונג האָט נאָך מעהר דערוועקט זייער קנאה. איינמאָל האָט יוסף געזעהן א חלום און האָט עס דערצעהלט זיינע ברידער: „איך האָב געזעהן אין חלום, אַז מיר אַלע בינדען סנאָפּעס אין פעלד; פלוצלונג האָט זיך מיין סנאָפּ אויפגעהויבען און איז געבליבען שטעהן, און אייערע סנאָפּעס האָבען זיך געשטעלט אַרום איהם און האָבען זיך פאַר איהם געבוקט". די ברידער זענען אין כעס געוואָרען און האָבען צו איהם געזאָגט: „שוין זשע רעכענסט דו צו הערשען איבער אונז?" און זיי האָבען נאָך מעהר פיינט געקראָגען יוספ'ן. אַ נ'אַנדער מאָל האָט יוסף דערצעהלט דעם פאָטער און די ברידער, אַז איהם האָט זיך געחלומ'ט, אַז די זון, די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך פאַר איהם. דער פאָטער האָט אויף איהם אָנגעשריען און האָט געזאָגט: „שוין זשע וועלען מיר אַלע: איך, דיין מוטער און דיינע ברידער, קומען זיך בוקען פאַר דיר?"

און עס האָט געטראָפען אַמאָל, אַז די ברידער האָבען געהיט די טשערעדעס אין שכם, האָט יעקב געשיקט אַהין יוספ'ן צו זעהן, וואָס די ברידער מאַכען און ווי זענען די טשערעדעס גאַנץ. אַז די ברידער האָבען דערזעהן יוספ'ן פון דערווייטענס, האָבען זיי געזאָגט: „אָט גערט דער בעל־החלומות. לאָמיר איהם טויטען און אַריינוואַרפען אין אַ גרוב און דעם פאָטער וועלען מיר זאָגען, אַז אַ חיה רעה האָט איהם צעריסען. יעמאָלט וועלען מיר זעהן, וואָס וועט אַרויסקומען פון זיינע חלומות". אַז ראובן, יעקב'ס בכור, האָט דאָס דערהערט, האָט ער איינגערעדט די ברידער, זיי זאָלען קיין בלוט ניט פערגיסען, נאָר זיי זאָלען יוספ'ן לעבעדיגערהייד אַריינוואַרפען אין אַ גרוב, וואָס געפינט זיך אין דער מדבר. ראובן האָט דאָס געזאָגט מיט'ן מיין, דערנאָך צו ראַטעווען יוספ'ן און צו ברענגען איהם צוריק צום פאָטער. ווי נאָר יוסף איז צוגעגאַנגען, האָבען די ברידער פון איהם אַראָבגענומען די זיידענע העמדיל און האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין גרוב, און אַליין האָבען זיי זיך געזעצט עסען. אין דער זעלביגער צייט איז פאַרביינגערייזט אַ האַנדעלסקאַראַוואַן פון ישמעאלים מיט קעמלען, בעלאָדענע מיט סחורה. לויט יהודה'ס עצה, האָבען די ברידער פערקויפט יוספ'ן פאַר אַ שקלאַף די ישמעאלים פאַר צוואַנציג זילבערשטיקער. די סוחרים האָבען מיטגענומען יוספ'ן מיט זיך. ראובן איז דערביי ניט געווען. אַז ער איז צוריקגעקומען און האָט דערזעהן, אַז יוסף איז ניטאָ אין גרוב, האָט ער פון פערצווייפלונג אויסגעשריען: „דער יונגלינג איז ניטאָ, וואוהין וועל איך מיך איצט אַהין־טון?" די ברידער אָבער האָבען גע-

נומען יוסף'ס העמדיל, האָבען זיי אָבגעטונקט אין בלוט פון אַ ציקעל, האָבען זיי געבראַכט צו יעקב'ן און האָבען געזאָגט: „אָט אָ דאָס האָבען מיר געפונען; דערקען, צי איז דאָס דיין זוהנס העמדיל?“ יעקב האָט דערקענט די העמדיל און האָט אויסגעשריען: „יאָ, דאָס איז מיין זוהנס העמדיל; אַ ווילדע חיה האָט איהם אויפגעגעסען; צעריסען איז יוסף!“ דער אומגליקליכער פאָטער האָט צעריסען אויף זיך די קליידער, און אַ סך צייט האָט ער בעוויינט זיין פערלאָרענעם זוהן. מען האָט געפרובט איהם טרייסטען, נאָר ער האָט גע'טענה'ט: „איך וועל זיך ניט טריי-סטען; פול מיט טרויער איבער מיין זוהן, וועל איך אין קבר אַריין“.

יוסף אין מצרים.

§ 18. יוסף'ן האָבען די ישמעאלים אַוועקגעפיהרט קיין מצרים און האָבען איהם דאָרט פערקויפט פאַר אַ שקלאַפען. געקויפט האָט איהם דער מצרי פוטיפר, וואָס איז געוועזען דער אויבערשטער פון דעם קעניגס לייבוואַך. דער ערהליכער און פעהיגער שקלאַף איז זעהר גע-פעלען געוואָרען זיין בעל-הבית. ער האָט ניט לאַנג געדיענט אַלס אַ פּראָסטער שקלאַף: באַלד איז ער געוואָרען בעשטימט פאַר אַ פער-וואַלטער איבער פוטיפר'ס הויז און אַ ממונה איבער זיין גאַנץ אייגענס. יוסף'ן וואָלט גאַנץ גוט געווען ביי זיין בעל-הבית, נאָר דאָ האָט זיך מיט איהם געטראָפען אַן אומגליק. מחמת זיין שענקייט איז ער שטאַרק געפעלען געוואָרען פוטיפר'ס ווייב, און זי האָט זיך געפרובט איהם אַראָבפיהרען פון וועג. נאָר דער איידעלער יוסף האָט זיך אָבגעזאָגט צו בעגעהן אַ פערברעכען קעגען זיין בעל-הבית. און עס האָט גע-טראָפען אַמאָל, אַז פוטיפר'ס ווייב איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו יוסף'ן. איז ער, ניט וועלענדיג מעהר הערען איהרע רייד, אַרויסגעלאָפען פון שטוב; דערביי האָט ער געלאָזען אין דער האַנד פון זיין בעל-הבית'טע זיין ראָק, פאַר וועלכען זי האָט געהאַט איהם אָנגעכאַפּט. די בעל-הבית'טע איז געוואָרען אין כעס, האָט אויפגעהויבען אַזאַ געשריי, אַז אַלע איהרע מענשען האָבען זיך צונויפגעקליבען, און האָט דערצעהלט, אַז יוסף האָט איהר געוואָלט בעליידיגען. אַז פוטיפר האָט דאָס דער-דערט, האָט ער געגלויבט זיין ווייב און האָט יוסף'ן אַריינגעזעצט אין תפיסה.

לאַנג איז יוסף געזעסען אין תפיסה, נאָר אויך דאָרט פלעגען זיך אַלע וואונדערן איבער זיין קלוגשאַפט און איידעלקייט. דער אויפ-זעהער איבער דער תפיסה האָט איהם געמאַכט פאַר אַן עלטסטען איבער אַלע געפאַנגענע. צווישען די געפאַנגענע האָבען זיך אויך געפונען צוויי קעניגליכע הויפבעדיענער: דער שר המשקים און דער שר האופים. איינ-

מאָל האָט זיך זיי ביידען געחלומ׳ט וואונדערליכע חלומות, און זיי האָבען זיך געווענדעט צו יוספ׳ן, ער זאָל זיי פּותר חלום זיין. אַז יוסף האָט אויסגעהערט די חלומות, האָט ער פֿאָראויסגעזאָגט דעם שר המשקים, אַז מען וועט איהם אין גיכען בעפֿרייען, און דעם שר האופים, אַז מען וועט איהם אויפֿהענגען. יוספ׳ס נבואה איז מקוים געוואָרען.

אין צוויי יאָהר אַרום האָט פּרעה אַליין, דער קעניג פֿון מצרים, געזעהן אַ וואונדערליכען חלום. איהם האָט זיך געחלומ׳ט, אַז פֿון טייך זענען אַרויס זיבען שענע און פֿעטע קיה און האָבען זיך געפּיטערט אין געמויזעכץ; נאָך זיי זענען אַרויס פֿון טייך זיבען מאָגערע קיה, און די מאָגערע קיה האָבען אויפֿגעגעסען די פֿעטע. ווייטער האָט זיך דעם קעניג געחלומ׳ט, אַז זיבען פֿולע זאַנגען אויפ׳ן פֿעלד זענען אויפֿגעגעסען געוואָרען פֿון זיבען ליידיגע זאַנגען. דער קעניג איז אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף זעהר צעטומעלט, האָט גערופֿען זיינע כהנים און חרטומים, נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט איהם ערקלערען דעם זין פֿון די דאָזיגע חלומות. דעמאָלט האָט דער שר המשקים, וואָס איז אַנומעלט געזעסען אין תּפיסה, דערצעהלט דעם קעניג, אַז אין דער תּפיסה געפֿינט זיך אַן עברי יוסף, וואָס פֿערשטעהט ריכטיג פּותר חלום צו זיין. פּרעה האָט געהייסען באַלד ברענגען יוספ׳ן אין פּאַלאַץ. אַז יוסף האָט אויסגעהערט פּרעה׳ס חלומות, האָט ער געזאָגט: „די זיבען פֿעטע קיה און די זיבען פֿולע זאַנגען בעטייטען זיבען יאָהר פֿון געראָטעניש, און די זיבען מאָגערע קיה און די זיבען ליידיגע זאַנגען בעטייטען זיבען הונגער-יאָהרען. פֿריהער וועלען זיין אין מצרים זיבען יאָהר פֿון געראָטעניש, און עס וועט זיין אַן איבערפֿלוס פֿון תּבואות; דערנאָך וועט זיין זיבען יאָהר נאָכאַנאַנד אַ ניט-געראָטעניש, און עס וועט זיין אַ גרויסער הונגער אין לאַנד. גאָט האָט דאָס אין חלום אָנגעזאָגט דעם קעניג, כדי ער זאָל ביי-צייטענס זיך פֿערוואָהרענען. זאָל דער קעניג בעשטימען מענשען, וואָס וועלען אין די געראָטענע יאָהרען אָנקלייבען די איבערפֿליסיגע תּבואות אין שפּייכלערס, און דעמאָלט וועט דאָס פֿאָלק אין די ניט-געראָטענע יאָהרען זיך קאָנען דערנעהרען מיט די זאַפּאַסען און וועט ניט שטאַרבען פֿון הונגער. די דאָזיגע קלוגע אויסטייטשונג איז זעהר געפֿעלען געוואָרען פּרעה׳ן. און ער האָט געזאָגט צו יוספ׳ן: „איצט זעה איך, אַז עס איז ניטאָ קיין קלוגערער מענש פֿאַר דיר. פֿון היינט אָן וועסטו זיין דער פֿערוואַלטער איבער מיין הויז, און דיין וואָרט וועט פֿאָלגען מיין גאַנץ פֿאָלק“. און פּרעה האָט געגעבען יוספ׳ן זיין זיגעלרינג, האָט אָנגעטאָן אויף איהם אַ גאָלדענע קייט און האָט געהייסען פֿיהרען איהם אין אַ רייטוואָגען איבער דער גאַנצער שטאָדט, און דערביי האָבען אַלע געמוזט זיך בוקען פֿאַר איהם.

אויך אַזאַ אופן איז יוסף געוואָרען אַ שני למלך. ער האָט חתונה געהאַט מיט אסנת, אַ טאָכטער פון אַ הויכען עגיפּטישען בעאַמטען, און הגט געהאַט מיט איהר צוויי זיהן: מנשה און אפרים. באַלד זענען אָנגעקומען די זיבען גראָטענע יאָהרען, לויט ווי יוסף האָט פאָראויסגעזאָגט. יוסף האָט צונויפגעקליבען גרויסע זאַפּאַסען תבואות; און שפּעטער, אַז עס זענען אָנגעקומען די ניט-געראָטענע יאָהרען, האָט ער פונאַנדערגעטיילט די תבואות צווישען דעם הונגערנדען פאָלק. אין מצרים איז געווען אַזוי פיעל תבואה, אַז אפילו פון אַנדערע לענדער איז מען געקומען אַהין קויפען.

יוסף׳ס ברידער און פאָטער אין מצרים.

§ 19. אין דער זעלביגער צייט איז געווען אַ גרויסער הונגער אויך אין כנען. אַז יעקב האָט זיך דערוואוסט, אַז אין מצרים איז פאַראַהאַן גרויסע זאַפּאַסען תבואה, האָט ער אַהין געשיקט זיינע צעהן זיהן צו קויפען דאָרט תבואה; דער יונגסטער זוהן, בנימין, איז געבליבען ביים פאָטער. אַז יעקב׳ס זיהן זענען אָנגעקומען אין מצרים, האָבען זיי זיך געווענדט צו יוסף׳ן, וואָס האָט פערוואַלטעט איבער דעם פערקויף פון דער תבואה. יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, נאָר זיי האָבען איהם ניט דערקענט; זיי איז אַפילו אויפ׳ן זינען ניט אַרויף, אַז דער דאָזיגער עגיפּטישער שני למלך איז דאָס זייער ברודער, וואָס איז פערפאַלען געוואָרען. יוסף האָט זיך געמאַכט, ווי ער דערקענט ניט זיינע ברידער און האָט זיי שטרענג אויסגעפרעגט: חער זיי זענען און צוליעב וואָס זענען זיי געקומען. די ברידער האָבען איהם דערצעהלט, אַז זיי זענען יעקב׳ס קינדער, אַז איין ברודער איז ביי זיי פערפאַלען געוואָרען, און איין ברודער איז געבליבען אין דער היים, און אַז געקומען זענען זיי פון כנען צו קויפען תבואה. יוסף האָט זיך פערשטעלט, אַז ער גלויבט כלומר׳שט ניט אין זייערע רייד, און האָט געזאָגט: „ניט אמת, איהר זייט מרגלים; איהר זייט געקומען אויסקוקען די שוואַכע ערטער פון אונזער לאַנד“. אומזיסט האָבען די ברידער געטענה׳ט, אַז זיי האָבען ניט קיין שלעכטען מיין; יוסף האָט צו די געזאָגט: „אויב איהר זייט ערליכע לייט, טאָ ברענגט צו פיהרען אהער אייער יונגסטען ברודער, און דערווייל זאָל בלייבען ביי מיר איינער פון אייך פאַר אַ משכון“. און די ברידער האָבען געזאָגט איינער צום אַנדערן: „איצט זענען מיר געשטראָפט געוואָרען פאַר אונזער פערברעכען קעגען אונזער ברודער (יוסף׳ן). מיר האָבען געזעהן, ווי ער האָט געליטען, מיר האָבען געהערט זיין בקשה, נאָר מיר האָבען אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאַט“. אַזוי האָבען זיי גערעדט צווישען

זיך, ניט וויסענדיג, אז יוסף, וואס זיי האבען איהם גערעכענט פאר א מצרי, פערשטעהט זייער שפראך. נאר יוסף האט געהערט זייערע רייד, האט זיך אבגעקעהרט אן א זייט און צעוויינט זיך שטילערהייד. דערנאך האט ער געהייסען אנפילען די ברידערס זעק מיט תבואה און אריינלעגען דארט צוריק די געלד, וואס זיי האבען מיט זיך געבראכט אויף קויפען תבואה. איינעם פון די ברידער, שמעון'ן, האט ער בעהאלטען ביי זיך, און די איבעריגע האט ער אבגעלאזען אהיים.

און די ברידער זענען געקומען אין כנען און האבען דערצעהלט יעקב'ן אלץ, וואס מיט זיי האט פאסירט. יעקב האט מיט ביטערניש געענטפערט: „איהר וועט מיך איינגאנצען אומברענגען; יוסף איז ניטא, שמעון'ען האט איהר געלאזען אין מצרים, און איצט ווילט איהר אויך אוועקפיהרען אהין בנימין'ען. ניין, איך וועל איהם ניט אבלאזען". נאר אז די געקויפטע תבואה איז געווארען אויפגעגעסען, און מען האט בעדארפט ווידער פאהרען קיין מצרים, איז ער געצוואונגען געווען נאכצוגעבען און האט אבגעלאזען בנימין'ען צוזאמען מיט אלע איבעריגע ברידער. דער זקן האט געבענשט זיינע זיהן און האט מתפלל געווען צו גאט, אז אין פרעמדען לאנד זאל זיך מיט זיי קיין בייז ניט טרעפען.

די ברידער זענען ווידער געקומען קיין מצרים און האבען זיך געשטעלט פאר יוסף'ן. „איז אייער אלטער פאטער געזונד?" — האט ער זיי געפרעגט. זיי האבען געענטפערט, אז דער פאטער איז געזונד, און האבען זיך געבוקט פאר דעם מושל פון מצרים. נאך איינינגע כלומרשטע פרובען אנצושרעקען די ברידער און בעהאלטען ביי זיך בנימין'ען, האט יוסף בעשלאסען זיך דערקענען צו געבען זיי. „איך בין אייער ברודער יוסף, וואס איהר האט איהם פערקויפט פאר א קנעכט" — האט ער זיי איינמאל געזאגט. די ברידער האבען זיך לכתחלה אזוי דערשראקען, אז זיי האבען איהם קיין ווארט ניט געקאנט ענטפערן; נאר יוסף האט זיי בערוהיגט און האט געזאגט: „זייט זיך ניט מצער, וואס איהר האט מיך פערקויפט, ווארום גאט האט מיך געשיקט אהער, כדי צו ראטעווען אייך דאס לעבען; ער האט מיך אוועקגעשטעלט פאר א בעל־יועץ ביי פרעה'ן און פאר א מושל איבער גאנץ מצרים. איצט געהט וואס גיכער צו מיין פאטער און פיהרט איהם אהער מיט זיין גאנצען הויזגעזינד און מיט אלע זיינע סטאדעס; איהר וועט אלע וואוינען ביי מיר". ווי יוסף האט דאס געזאגט, האט ער ארומגענומען זיינע ברידער און האט זיך צעקושט מיט זיי, און זיי אלע האבען געוויינט פאר פרייד. דערווייל האט פרעה זיך דערוואוסט, אז יוסף'ס ברידער זענען געקומען, און ער האט געהייסען געבען זיי גרויסע פוהרען אויף איבערפיהרען קיין מצרים יעקב'ן, זיין פאמיליע און זיין גאנץ פערמעגען.

די ברידער האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט קיין כנען צו יעקב'ן און האָבען איהם דערצעהלט, אַז יוסף לעבט נאָך, האָט ער פֿון אנהויב זיי ניט געגלויבט. נאָר דערנאָך, אַז ער האָט געזעהן די פֿוהרען, וואָס יוסף האָט געשיקט, האָט ער אויסגעשריען: „גענוג פֿאַר מיר! מיין זוהן יוסף לעבט נאָך. איך וויל געהן זעהן זיך מיט איהם, איידער איך וועל שטאַרבען". באַלד איז יעקב אַרויסגעפֿאָהרען פֿון באר־שבע קיין מצרים מיט זיינע פֿרויען, קינדער, אייניקלעך, קנעכט, סטאַדעס. סך־הכל זענען אָנגעקומען אין מצרים מיט יעקב'ן, ווי דער חומש גיט איבער, ביז זיבעציג נפשות. יוספֿ'ס בעגעגעניש מיט'ן פֿאָטער איז געווען ריהרענד. לויט יוספֿ'ס עצה און מיט פרעה'ס ערלויבניש האָט יעקב מיט זיין גאַנצער משפחה זיך בעזעצט אין דער פּראָווינץ ג ו ש ן. דאָ זענען געווען פֿעטע וויידען, און די עברים האָבען זיך געקענט פֿערנעהרען מיט האָדעווען בהמות, ווי פֿריהער. זיי האָבען געלעבט אָבגעזונדערט פֿון די מצרים, וואָס האָבען ניט ליעב געהאַט קיין פּאַסטוכער, ווייל זיי האָבען אַליין געדיענט אַ הייליגען אָקס (אַפּיס) און אַנדערע בהמות. אַז יעקב איז אָנגעקומען אין מצרים, איז ער אַלט געווען 130 יאָהר; ער האָט געלעבט נאָך זיבצעהן יאָהר. פֿאַר'ן טויט האָט ער געבענשט אַלע זיינע זיהן און אויך יוספֿ'ס קינדער, אֶפֿרים און מנשה. אַז יעקב איז געשטאָרבען, האָבען יוסף און די ברידער אַוועקגעפֿיהרט דעם געשטאָרבענעם פֿאָטער קיין כנען און האָבען איהם מקבר געווען אין דער מערת־המכפלה. יוסף האָט געלעבט הונדערט מיט צעהן יאָהר און פֿאַר'ן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מיט דער צייט זאָלען זיינע ביינער איבערגעפֿיהרט ווערען קיין כנען. לויט'ן עגיפּטישען מנהג האָט מען יוספֿ'ס קערפּער פֿערבאַלזאַמירט און מען האָט עס אַריינגעלעגט אין אַן אָרון, וואָס איז געוואָרען אַוועקגעשטעלט אין איינעם פֿון די עגיפּטישע קלעפּען.

אַלגעמיינע אויספֿיהרונגען.

§ 20. מיט דער איבערוואַנדערונג פֿון אַברהם'ן פֿון מעסאָפּאָטאַמיען הויבט זיך אָן די עפּאָכע פֿון די פּאַטריאַרכען, און מיט יעקב'ס איבערוואַנדערונג קיין מצרים ענדיגט זיך די דאָזיגע פּאָרהיסטאָרישע עפּאָכע. פֿון די ביבלישע ערצעהלונגען בעקומט זיך פֿאָלגענדער אַלגעמיינער בילד וועגען דעם אורצושטאַנד פֿונ'ם שבט עברים און וועגען זיין געאָגראַפֿישער פֿערשפּרייטונג. פֿון דעם אַלגעמיינעם שטאַם פֿונ'ם וואַנדערנדען סעמיטישען שבט טיילען זיך אָב ביסלעכווייז צווייגען אין דער געשטאַלט פֿון בעזונדערע פֿעלקער. פֿון דרום־מעסאָפּאָטאַמיען אָדער כּאַלדעע געהען איבער די תרח'יטען קיין אַרם. דאָ פֿערלאָזט דער עלטערפֿאָטער פֿון די עברים, אברהם, זיינע קרובים, וועלכע גי־

סען זיך צונויף שפעטער מיט די ארטיגע איינוואוינער, מיט די ארמים (דער שבט פון נחור און לבן הארמי), און וואנדערט איבער קיין כנען. אין כנען טיילט זיך אב פון אברהמ'ן די משפחה פון זיין פלימעניק לוט, וואס בעזעצט זיך אין דרום־זייט, ניט ווייט פון ים־המלח, און פאלט ארונטער אונטער דער השפעה פון די דארטיגע פערדארבענע מדות. פון לוט'ן קומען ארויס צוויי פעלקער: די עמונים און די מואבים, וואס פערנעהמען די געגענד צום מזרח־זייט פון כנען. פון אברהמ'ס זייטיגע זיהן שטאמען ארויס די ישמעאלים און מדינים, וואס וואנדערווען ארום אין די מדבריות פון אראבישען האלב־אינזעל פאזע דעם ים־סוף. איינער פון אברהמ'ס אייניקלעך, עשו, ווערט דער עלטער־פאטער פון דעם שבט אדומים, וואס האבען איינגענומען דעם סאמע דרומ־דיגען טייל פון אלטען כנען. די דאזיגע אלע שבטים, וואס זענען נאהענט צו די עברים, פערמישען זיך ביסלעכווייז מיט די ארומיגע פרעמדע פעלקער און מעהרען אן די ריינקייט פון זייער ראסע. די ריינקייט פון דעם ראסען־טיפ און פון די פאטריארכאלישע מדות פערבלייבט גאנץ דער עיקר אין יענעם שבט, וואס שטאמט אב דירעקט פון אברהמ'ן דורך זיין זוהן יצחק און זיין אייניקעל יעקב. דער דאזיגער שבט פיהרט א פאטריארכאלישען לעבען, ווי איין גרויסע משפחה, אונטער דער אנפיהרונג פון זייער עלטסטען (פאטרי־ארכען). די עברים וואוינען אין דרום־זייט פון כנען, ניט ווייט פון חברון, און פערנעהמען זיך מיט ערדארבייט און האדעווען בהמות. אמאל, מחמת א ניט־געראטענער יאהר אדער מחמת אנדערע סבות וואנדערט דער דאזיגער שבט איבער אין די שכנישע געגענדען, וואס שפעטער האבען זיי פערנומען די פלשתיים, אדער קיין מצרים; נאר אפילו צווישען פרעמדע פעלקער בעהאלט ער אויך זיין פשוט'ן פאטריארכאלישען לעבענספיהר. מיט די ארומיגע כנענישע פעלקער שליסען די עברים אבמאכען, און אפטמאלס העלפען זיי זיי אין זייערע מלחמות געגען פרעמדע פעלקער.

אין די צייטען פון די פאטריארכען ווערען די אידען פארגעשטעלט אלס פרידליכע נאמאדען, וואס וואוינען אין געצעלטען. אין וועג געהען זיי מרוב צופים, מעהר ניט זייערע מטלטלים פיהרען זיי איבער אויף אייזלען און קעמלען. זיי זענען גרויסע מכניסי־אורחים. ווען א רייזענדער קומט אריין אין ערגיץ א הויז, גיט מען איהם תיכף וואסער אויף אבצוואשען פון זיינע פיס דעם שטויב, און דערנאך זעצט ער זיך צום טיש עסען אינאיינעם מיט'ן בעל־הבית. זייער שפייז איז בעשטאנען פון פאלגענדע מאכלים: פלעצלעך פון מעהל (עוגות מצות), א יויך מיט פערשיידענע קערנער, מילך, פוטער, שאפען־אדער ציגען־פלייש און ווילד; זעלטען ווען פלעגען זיי טרינקען וויין. זייער קליידונג איז געוועזען א פשוט'ע, נאר אין א יומא דפגרא פלעגען זיי אנטון אויך פערשיידענע צירונגען; די פרויען פלעגען אנטון אויערינגלעך, רינגען און בראסלעטען. געוועהנליך האבען די עברים געהאט פיעל ווייבער; נאר עס

איז געווען אַ חלוק צווישען דער הויפּט־ווייב, וואָס האָט אָבגעשטאַמט פֿון אַ פֿרייער משפּחה, און צווישען דער נעבענפֿרוי אָדער פּלגש, וואָס מען פֿלעגט געהמען צווישען די דינסטען. ביים טיילען דעם פֿאָטערס ירושה האָבען די קינדער פֿון דער ערשטער גענומען אַ גרעסערען חלק, איידער די קינדער פֿון דער צווייטער.

די עלטסטע אָדער די פּאַטריאַרכען פֿונ׳ם שבט עבֿרים האָבען געגלויבט אין אַנ׳איינציגען גאָט, דעם בורא פֿון הימעל און פֿון דער ערד (אֵל, אלהים). זיי פֿלעגען בויען אין פֿערשיידענע ערטער מזבחות אינ׳ם נאָמען פֿון גאָט, און פֿלעגען אויף זיי ברענגען קרבנות פֿון שאָף אָדער ציגען. אַנדערש ווי די שכנישע שבטים, האָבען די עבֿרים כמעט ניט געהאַט ביי זיך קיין אָבגעבילדעטע גאָט. נאָר ווען־ניט־ווען בעגעגענט מען ביי זיי הויז־געצענבילדער, וואָס זיי האָבען איבערגענומען ביי די שכנישע פֿעלקער. אַזוי האָט יעקבֿ׳ס ווייב רחל, בשעת זיי זענען אַנטלאָפֿען פֿון איהר פֿאָטערס הויז, מיטגענומען מיט זיך איינינע הויז־געצענבילדער (תרפֿים); זי האָט עס געטאָן מסתמא מיט דעם מיין, אַז זיי וועלען זי בעשיצען אויפֿ׳ן וועג. די הייליגע רעליגיעזע בעגריפֿען פֿון די אידען זענען דעמאָלט געווען נאָך ניט ענטוויקעלט, צוגעפּאַסט צו דעם נידעריגען צושטאַנד פֿון פֿאָלק.

די ערצעהלונגען וועגען דער פֿאָרהיסטאָרישער עפּאָכע פֿון די פּאַטריאַרכען געהערען צו די ליכטיגע קינדערשע זכרונות פֿונ׳ם אידישען פֿאָלק. אָט אַזוי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס פֿאָלק זיין פֿריהעסטע יוגענד אין די שפּעטערדיגע, היסטאָרישע צייטען. די מעשיות וועגען דעם לעבען פֿון די אָבֿות האָבען געדיענט פֿאַר די אידען אַלס אַ מקור פֿון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער בעגייסטערונג. אין די פֿאָרשטעלונגען וועגען אבֿרהם, יצחק, יעקבֿ און יוסף זענען פֿערקערפּערט געוואָרען די אמת׳ען, וואָס האָבען געפֿינען זייער אויסדרוק אין דער תורה. איידער דאָס פֿאָלק האָט זיך אויסגעלערנט צו פֿערשטעהן די אַבסטראַקטע יסודות פֿון זיין רעליגיע, האָט עס געהאַט פֿאַר זיך אַ רייה פֿון לעבענס־בילדער, וואָס האָבען דייטליך געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף לעבען אין אמת און הייליגקייט. די דאָזיגע ערצעהלונגען וועגען דעם לעבען פֿון די עלטערן זענען אין משך פֿון אַ לאַנגער צייט איבערגעגעבען געוואָרען פֿון איין דור צום אַנדערן און זענען געווען די תורה פֿון דעם טייל שבט עבֿרים, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען „ישראל“.

מקורים: בראשית, קאַפּ. י״א—נ׳; קדמוניות היהודים, ספר א׳, קאַפּ. ח׳—ב׳ און ספר ב׳, קאַפּ. א׳—ד׳.

דריטער קאַפּיטעל.

די בני־ישראל אין מצרים.

דאס לעבען אין גושן. — דער שעבוד־מצרים. — משה'ס געבורט. — משה'ס יוגענד און זיין אנטלויפען קיין מדין. — משה'ס קאמפף פאר דער בעפרייאונג. — יציאת־מצרים. — היסטארישע אויספיהרונגען. —

דאס לעבען אין גושן.

§ 21. פון דרום־כנען, וואו די עברים האבען א לאנגע צייט געוואוינט, האט זיך א טייל פון זיי אונטער דעם נאמען בני ישראל אריבערגעקליבען קיין מצרים. די מיטגלידער פון דער דאזיגער גרופע, וואס האבען גערעכענט פאר זייער נאהענטסטען עלטערפאטער יעקב'ן אדער ישראל'ן, האבען זיך אנגערופען בני־ישראל, כדי זיך אבצושיידען פון די איבעריגע סעמיטישע שבטים, וואס האבען געפיהרט זייער יחוס פון אברהמ'ן; די לעצטע זענען געבליבען וואוינען אין כנען אדער נעבען זיינע גרעניצען און האבען זיך צונויפגעמישט מיט די ארטיגע איינוואוינער (די מואבים, אדומים און אז. וו.). בשעת די בני־ישראל זענען אנגעקומען אין מצרים, איז זייער צאהל געוועזען קליין; נאר אז זיי זענען דארט אבגעוועזען א לאנגע צייט, האבען זיי זיך פערמעהרט און זענען געווארען א גרויסער שבט.

די אויסווייניגסטע לעבענס־תנאים פון די בני־ישראל אין מצרים זענען געוועזען לכתחלה זעהר גינסטיגע. די בני־ישראל האבען געוואוינט ניט אין די אינעווייניגסטע געגענדען פון מצרים, נאר ניט ווייט פון דער מזרח־גרעניץ, וואס טיילט אב מצרים פון מדבר־ערב און פון דרום־כנען. דאס איז געוועזען דאס לאנד גושן, וואס ליגט אין מזרח־זייט פון נילוס — א לאנד א פרוכטבארעס און רייך מיט ווייד(ען). דא האבען די בני־ישראל געהאט גרויסע ווייד(ען) און האבען געקאנט ארומוואנדערען איבער דאס גאנצע לאנד. נאר ביסלעכווייז האבען זיך א סך פון זיי צוגעוועהנט צו אן איינגעזעסענעם לעבענס־אופן, האבען אנגעהויבען וואוינען אין היזער אנשטאט געצעלטען, האבען זיך פערנו־מיט ערדארבייט און מלאכות.

ביי אזעלכע גינסטיגע לעבענס־תנאים האבען די בני־ישראל זיך גיך פערמעהרט. זיי האבען זיך פונאנדערגעטיילט אויף שבטים, וואס איטליכער פון זיי האט געפיהרט זיין יחוס פון איינעם פון ישראל'ס צוועלף זיהן. דער גרעסטער און בעדייטענדסטער שבט איז געוועזען דער שבט יוסף, וואס האט זיך פונאנדערגעטיילט אויף צוויי שבטים: מנשה און אפרים (אנגערופען אזוי נאך די נעמען פון יוסף'ס ביידע זיהן). חוץ די דאזיגע דערמאנט דער חומש נאך פאלגענדע שבטים: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבלון, דן, אשר,

גד, נפתלי און בנימין. איטליכער שבט האָט זיך געהאַט זיין עלטסטען (ראש השבט), נאָר קיין אויבערשטער שר איבער אַלע שבטים איז ניט געווען. פונדעסטוועגען איז דער גייסטיגער בונד צווישען אַלע שבטים ניט איבערגעריסען געוואָרען. עס האָבען זיי פאַראייניגט די גלייכע אמונה און די זכרונות וועגען די אָבות — אברהם, יצחק און יעקב.

די בני־ישראל האָבען זיך ניט צונויפגעמישט מיט די עגיפטער; נאָר פונדעסטוועגען האָבען דער לעבענספיהר און די מדות פון די עגיפטער געהאַט אויף זיי אַ גרויסע ווירקונג. אין דער עלטסטער צייט זענען די עגיפטער געווען דאָס געבילדעטסטע פאָלק אין דער וועלט. זיי האָבען געהאַט גרויסע און רייכע שטעדט; גרויסאַרטיגע טעמפּלען פאַר זייערע געטער; כהנים, וואָס זענען געווען געניט אין פערשיידענע וויסענשאַפטען; זעלנער, וואָס האָבען געמאַכט וויטע קריגסצוגען. די עגיפּטישע מלכים האָבען געבויט אונגעהייערע פּאַלאַצען, פּיראַמידען און קברים־הייזער. די עגיפּטער האָבען דעמאָלט שוין געקענט אַ סך קינסטליכע מלאכות, ווי למשל, בויען הייזער, קינסטליך בעוואַסערן פעלדער, זיי האָבען שוין געהאַט אויסגעלערנט זיך די שרייב־קונסט. די בני־ישראל האָבען איבערגענומען פון די עגיפּטער איינעגע נוציגע קונסטען און מלאכות; אַנדערע האָבען אפילו נאָכגעמאַכט די עגיפּטישע רעליגיעזע מנהגים. פונדעסטוועגען האָבען קיין פריינדליכע בעציהונגען ניט געקאָנט זיין צווישען ביידע פעלקער; אדרבה, צווישען זיי האָט געהערשט אַ שטענדיגע פיינדשאַפט. די עגיפּטישע רעליגיע מיט איהר גראָבען געצענדיענסט און די פערדאָרבענע מדות פון די עגיפּטער האָבען אָבגעשטויסען פון זיך דעם גרעסטען טייל פון די בני־ישראל, וואָס האָבען היילינג אָבגעהיט די אידעע פון אחדות אלהות און ריינע מדות. די עגיפּטער ווידער האָבען מיט פעראַכטונג געקוקט אויפ'ן פרעמדען שבט, וואָס האָט זיך אָבגעשיידט פון זיי לויט זיין כאַראַקטער, רעליגיע און מנהגים. וואָס מעהר די בני־ישראל האָבען זיך פערמעהרט, אַלץ פיינדליכער האָבען זיך די עגיפּטער פערהאַלטען צו זיי. די עגיפּטישע מלכים און שרים האָבען אָנגעהויבען צו אונטערדריקען די בני־ישראל אַלס גרים, און דערנאָך האָבען זיי אָנגעהויבען צו בעגעהן זיך מיט זיי, ווי מיט אַנ'איינגענומענעם שבט, ווי בעלי־בתים מיט קנעכט. אָט וואָס דער חומש דערצעהלט וועגען דעם[1].

שעבוד־מצרים. משה'ס געבורט.

§ 22. אין אַ צייט אַ —, נאָכדעם ווי די בני־ישראל האָבען זיך בעזעצט אין מצרים, איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג, וואָס האָט פערגעסען יוסף'ס פערדיענסטען און האָט די עברים ניט ליעב געהאַט (מיקם

[1] זעה אונטען § 96.

מלך חדש אשר לא ידע את יוסף). ער האט געזאגט צו זיין פאלק: „אט דאס פאלק ישראל פערמעהרט זיך און קאן ווערען שטארקער פון אונז. אויב עס וועט זיך מאכען ערגיץ א מלחמה מיט אנאנדער מלוכה, קאנען די בני־ישראל צושטעהן צו אונזערע פיינד און וועלען מלחמה האלטען מיט אונז. לאמיר זיך בעמיהען, אז דער דאזיגער שבט זאל זיך ניט פערשטארקען" (הבה נתחכמה לו). און מען האט אנגעהויבען צווינגען די בני־ישראל צו שווערע ארבייטען. מען האט זיי געצוואונגען אקערן ערד, בויען שטעדט, פאלאצען און מצבות פאר די מלכים, צוגרייטען לייהם און ציגעל פאר די דאזיגע געביידעס. מען האט בעשטימט בעזונדערע אויפזעהער (שרי מסים), וואס האבען מיט כל העינויים השיים געטרייבען די בני־ישראל צו ארבייטען איבער די כחות. אויף אזא אופן זענען אויסגעבויט געווארען פאר פרעה'ן צוויי שטעדט: פיתום און רעמסס. נאר וואס מעהר מען האט געמאטערט די בני־ישראל, אלץ מעהר האבען זיי זיך געמעהרט, אויף להכעיס די עגיפטער. דעמאלט האט דער עגיפטישער קעניג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע נייגעבוירענע יונגלעך פון די בני־ישראל זאל מען דערטרינקען אין טייך, און נאר די מיידלעך זאל מען לאזען לעבען. דעם דאזיגען בעפעהל האט מען זעהר שטרענג געהאלטען. עס איז געווען זעהר נאהענט דערצו, אז דער גאנצער שבט זאל פערטיליגט ווערען.

אין יענער אונגליקליכער צייט איז ביי איינעם פון דעם שבט לוי, עמרם, געבוירען געווארען א יונגעל. די מוטער האט דריי חדשים לאנג בעהאלטען דעם נייגעבוירענעם, בכדי די עגיפטער זאלען ניט קאנען איהם געפינען און דערטרינקען; נאר סוף כל סוף איז שוין ניט געווען מעגליך איהם ווייטער צו בעהאלטען. דעמאלט האט די מוטער גענומען א קערביל, האט ארייגעלעגט אהין דאס קינד און האט עס בעהאלטען אין געדיכטען אייער אויפ'ן ברעג טייך. דעם קינדס שוועסטער, מרים, האט זיך געשטעלט פון דערווייטענס אום צוזעהן, וואס מיט איהם וועט זיין. אין יענער צייט איז פרעה'ס טאכטער מיט אירע דינסטען געגאנגען צום טייך זיך באדען. אז זי האט דערזעהן אין אייער דעם קערביל, האט זי געהייסען עס ברענגען צו איהר און עס עפענען. אז מען האט די קערבעלע געעפענט, האט מען געפונען דערין א קליינעם יונגעלע, זעהר א שענעם; דער יונגעלע האט געוויינט. פרעה'ס טאכטער האט רחמנות געקראגען איבער דעם קינד און האט געזאגט: „דאס איז מסתמא א קינד פון די עברים". דא איז צו איהר צוגעגאנגען מרים, וואס איז ביז אהער געשטאנען פון דערווייטענס, און האט געפרעגט: „אפשר זאל איך געהן רופען אנאם פון די עברים?" און אז זי האט בעקומען די ערלויבניש, איז זי אוועק און האט באלד געבראכט איהר

מוטער. און פרעה'ס טאָכטער האָט געזאָגט צו דער פרוי: „נעהם דאָס קינד און האָדעווע עס אויס פאַר מיר, איך וועל דיר דערפאַר באַלוינען". די מוטער האָט מיט פרייד גענומען דאָס קינד און האָט איהם אויפגעהאָדעוועט. אַז דער יונגעל איז אונטערגעוואַקסען, האָט מען איהם געבראַכט צו פרעה'ס טאָכטער, און זי האָט איהם געהאָדעוועט בײַ זיך, ווי אַנ'אייגען קינד. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען משה, דאָס הייסט: „אַרויסגענומענער פון וואַסער".

משה'ס יוגענד און זיין אַנטלויפען קיין מדין.

§ 23. דהגם משה האָט געלעבט פריי, אונטער דעם שוץ פון דער קעניגליכער פאַמיליע, פונדעסטוועגען האָט ער ניט פערגעסען די קנעכטשאַפט און די ליידען פון זיין פאָלק. מיט אַ געפיהל פון וועהטאָג און צאָרן האָט ער געזעהן, ווי מען אונטערדריקט זיינע ברידער, ווי מען צווינגט זיי צו שווערע אַרבייטען און באַליידיגט זיי אויף שריט און טריט. און עס האָט געטראָפען אַמאָל, אַז משה איז אַרויסגעגאַנגען באַקוקען די אַרבייט פון די בני-ישראל און האָט געזעהן, ווי אַ מצרי שלאָגט אַנ'עברי אַנ'אַרבייטער. דאָס האָט דערוועקט משה'ס צאָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, אַז קיינער איז ניטאָ — האָט ער גענומען און געהרג'עט דעם מצרי און האָט איהם באַגראָבען אין זאַמד. נאָר באַלד האָט פרעה זיך דערוואוסט פון דער מעשה און האָט געוואָלט משה'ן באַשטראָפען. דעמאָלט איז משה אַנטלאָפען פון מצרים אין שכנ'ישען מדבר, וואָס ליגט אין מזרח-זייט פון ים-סוף, און איז אָנגעקומען אין לאַנד מדין.

דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַנ'אָרט נעבען אַ ברונים. דאָ האָט ער דערזעהן, ווי צום ברונים געהען צו זיבען מיידלעך, שאָף-היטערקעס, און האָבען אָנגעהויבען אָנצוגיסען אַ קאָריטע מיט וואַסער כדי אָנצוטרייניקען זייערע שאָף. דאָס זענען געווען די טעכטער פון דעם מדינישען כהן יתרו. נאָר די מיידלעך האָבען נאָך ניט באַוויזען צו ענדיגען זייער אַרבייט — זענען געקומען צו לויפען פאַסטיכער און האָבען זיי אָבגעטריבען פון ברונים. משה האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די מיידלעך און האָט אָנגעטרייניקט זייערע שאָף. אַז די מיידלעך זענען געקומען אַהיים, האָבען זיי דערצעהלט דעם פאָטער, אַז אַ פרעמדער, וואָס קומט פון מצרים, האָט זיי היינט פערטיידיגט קעגען די גראָבע פאַסטיכער. יתרו האָט איינגעלאַדען משה'ן צו זיך אין שטוב און האָט זיך באַלד באַפריינדעט מיט איהם. משה'ן איז געפעלען געוואָרען דאָס לעבען צווישען די דאָזיגע פשוט'ע מענשען. ער האָט חתונה געהאַט מיט יתרו'ס טאָכטער, צפורה, און איז געוואָרען אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער

ברידלעכער משפחה פון פאסטוכער. פונדעסטוועגן האט ער אפילו דא אויך ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דער קנעכטשאפט פון זיינע ברידער אין מצרים און וועגען מיטלען, ווי אזוי זיי צו באפרייען.

איין מאל האט משה געהיט זיין שוועהרס טשערעדע און איז אוועק ווייט אין דער מדבר. ער איז צוגעגאנגען צום בארג חורב (סיני), און דא האט זיך איהם באוויזען א וואונדערבארע ערשיינונג. ער האט דערזעהן א געדיכטען דארן (סנה), וואס איז געווען ארומגערינגעלט מיט פייער און האט געברענט, נאר פארט איז ער ניט געווארען פערברענט. און ער האט דערהערט א קול פון דעם דארן: „זאלסט זיך ניט דערנעהנטערן אהער; ציה אראב די שוך פון די פיס, ווארום דו שטעהסט אויף א הייליגען ארט. איך בין דער גאט פון דיין פאטער, דער גאט פון אברהם, יצחק און יעקב. איך האב געזעהן דעם צער פון מיין פאלק אין מצרים און האב געהערט זיינע קרעכצען, און איך וועל איהם באפרייען פון די הענד פון די עגיפטער און אריינפיהרען איהם אין א גוטעס און גרויסעס לאנד, וואס פליסט מיט האניג און מילך (ארץ זבת חלב ודבש). און איצט געה: איך שיק דיך צו פרעה'ן, און דו וועסט ארויספיהרען מיין פאלק פון מצרים". משה האט אויסגעהערט די דאזיגע ווערטער מיט ציטערניש און יראת-הכבוד, און דערנאך האט ער מיט ענוות געזאגט: „ווער בין איך, אז איך זאל געהן צו פרעה'ן און באפרייען מיין פאלק? און אויב איך וועל קומען צו די בני-ישראל און וועל זיי זאגען, אז דער גאט פון אונזערע עלטערן האט מיך געשיקט, וועלען זיי דאך פרעגען: ווי איז זיין נאמען? וואס זשע וועל איך זיי ענטפערן?" — און גאט האט געזאגט: „איך בין דער, וואס איך בין[2] (אהיה אשר אהיה). אזוי זאלסטו זיי זאגען: דער, וואס איז, האט מיך צו אייך געשיקט" (אהיה שלחני אליכם). געה, זאג אן די בני-ישראל, אז איך וויל זיי באפרייען פון דער עגיפטישער קנעכטשאפט; דעם קעניג פון מצרים אבער זאלסטו זאגען, אז דער גאט פון די עברים פאדערט, ער זאל אפלאזען די בני-ישראל אין דער מדבר, כדי זיי זאלען דינען מיר אויף דעם דאזיגען בארג". משה האט ווידער געזוכט אויסרייד, אז ער איז א כבד-פה, און איהם וועט זיין שווער דורכשמועסען זיך מיט פרעה'ן. נאר גאט האט צוגעזאגט משה'ן זיין הילף און האט איהם געהייסען ארויסטרעטען אינאיינעם מיט זיין עלטערן ברודער אהרון.

[2] דער וואס עקזיסטירט אייביג. דעם נאמען פון גאט „יהוה" האבען די אור-אלטע אידען דערקלערט מיט'ן בעגריף פון אייביגען זיין (היה).

אויפגערעגט פון אַלצדינג, וואָס ער האָט געהערט, האָט משה צוריקגעקערט אין זיין שווערס הויז, האָט מיטגענומען זיין ווייב און קינדער און האָט זיך געלאָזען געהן פון מדין צוריק קיין מצרים.

משה׳ס קאַמפף פאַר דער בעפרייאונג.

§ 24. משה האָט זיך בעגעגענט מיט זיין ברודער אַהרון אין וועג, און ביידע האָבען זיך גענומען פאַר דער אויספירונג פון דער גרויסער אויפגאַבע, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלעגט געוואָרען. אַז זיי זענען אָנגעקומען קיין מצרים, האָבען זיי צונויפגעקליבען די עלטסטע פון שבטי בני־ישראל און האָבען זיי איבערגעגעבען די בשורה פון זייער ניכער בעפרייאונג. די אונגליקליכע בני־ישראל, וואָס זענען געווען אויסגעמוטשעט פון די שווערע אַרבייטען, האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט. דערנאָך זענען משה און אַהרון אַוועק צו פרעה׳ן און האָבען איהם אָנגעזאָגט דעם רצון פון זייער גאָט, אַז ער זאָל אָבלאָזען די בני־ישראל אין דער מדבר, כּדי זיי זאָלען דינען גאָט. נאָר פרעה האָט מיט כּעס געענטפערט: „ווער איז דאָס יאַהווע, אַז איך זאָל איהם פאָלגען? איך קען ניט יאַהווע און וועל די בני־ישראל ניט אָבלאָזען. איהר, משה און אַהרון, ציהט אָב דאָס פאָלק פון דער אַרבייט. אַוועק צו דער אַרבייט!“

דערנאָך האָט דער קעניג בעפוילען די עגיפּטישע אויפזעהער, אַז זיי זאָלען נאָך פערגרעסערן די צוואַנגס־אַרבייטען פון די בני־ישראל. פריהער פלעגט מען די אַרבייטער געבען שטרוי, וואָס זיי פלעגען דאָס צונויפמישען מיט ליים, כּדי צו מאַכען ציגעל; איצטער האָבען די אויפזעהער זיי געצוואונגען אַליין צו קלייבען שטרוי אויף די פעלדער, און פונדעסטוועגען האָבען זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען טעגליך צוגרייטען דעם זעלביגען סכום ציגעל, וואָס פריהער. כּדי בעסער אויפצופאַסען די אַרבייט, האָבען די עגיפּטישע אויפזעהער געשטעלט איבער די אַרבייטער אויפפּאַסער (שוטרים) פון די בני־ישראל גופא. און ווען די אַרבייטער פלעגען ניט בעוויזען פאַרטיג צו מאַכען דעם נויטיגען סכום ציגעל, פלעגען די עגיפּטער שלאָגען די אויפפּאַסער. און אַז די אויפפּאַסער האָבען בעגעגענט משה׳ן און אַהרונען, האָבען זיי געמאַכט זיי פאָרוואורפען, פאַרוואָס די האָבען זיך אַריינגעמישט און האָבען דערוועקט פרעה׳ס כּעס און האָבען נאָך געמאַכט ערגער די לאַגע פון׳ם אונטערדריקטען פאָלק.

דעמאָלט האָט משה, לויט גאָטס בעפעהל, בעשטימט איינצושרעקען דעם אַכזריות׳דיגען קעניג. מען האָט געמוזט בעוויזען פרעה׳ן, דעם געצענדיענער, אַז דער גאָט פון די בני־ישראל איז אַלמעכטיג,

אַז ער קאָן בעפרייען זיין פאָלק פון קנעכטשאַפט על־פּי נס און האָט בעשטראָפען די עגיפטער. און משה האָט אָנגעזאָגט פּרעה׳ן, אַז אויב ער וועט ניט אָבלאָזען די בני־ישראל, וועט גאָט שיקען איבער מצרים פערשיידענע מכות. דער קעניג האָט אַלץ ניט געפאָלגט — און די נבואה פון גאָטס שליח איז מקוים געוואָרען.

צוערשט איז די גאַנצע וואַסער פונ׳ם טייך (נילוס) פערוואַנדעלט געוואָרען אין בלוט, און די עגיפּטער האָבען ניט געהאַט קיין וואַסער צום טרינקען; אַלע פיש אין וואַסער זענען אויסגעפּגר׳ט, און די לופט איז מחמת דעם שטאַרק פערפּעסטיגט געוואָרען. אין אַ צייט אַרום האָבען זיך איינגעשניטען אין אַלע עגיפּטישע הייזער, אויף זייערע פעלדער, אין די טייכען און זומפּען זשאַבעס (צפרדע). פּרעה האָט זיך דערשראָקען, האָט געלאָזט רופען צו זיך משה׳ן און אהרונ׳ען און האָט צו זיי געזאָגט: „זייט מתפלל צו גאָט, ער זאָל צונעהמען די זשאַבעס פון מיר און פון מיין פאָלק; יעמאָלט וועל איך אָבלאָזען די בני־ישראל“. נאָר אַז זיין בקשה איז דערפילט געוואָרען, און די זשאַבעס זענען פערשוואונדען, האָט פּרעה ווידער ניט געוואָלט פריילאָזען די בני־ישראל.

יעמאָלט האָט גאָט געשיקט אויף מצרים אַ נייע מכה: דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדעקט געוואָרען מיט פליגעלעך (כנים), וואָס האָבען געביסען מענשען און בהמות. די חרטומים האָבען געזאָגט צו פּרעה׳ן: „דאָס איז גאָטס פינגער“ (אצבע אלהים הוא). נאָר דער קעניג האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי דאָס זייניגע. דערנאָך האָבען זיך בעוויזען אין לאַנד היישעריקען (ארבה), וואָס האָבען אויפגעגעסען אַלע תבואות אויף די פעלדער: עס האָט זיך פערשפּרייט אַ פּעסט (דבר), און אַלע בהמות זענען אויסגעפּגר׳ט; עס איז אַראָב אַ שטאַרקער האָגעל, וואָס האָט צעבראָכען בוימער און געטויט מענשען און בהמות; די קערפּער פון די עגיפּטער האָבען זיך בעדעקט מיט קרעץ (שחין); צולעצט איז אין מצרים געוואָרען אַ געדיכטע פינסטערניש (חשך), און אין משך פון דריי טעג האָבען מענשען ניט געזעהן איינער דעם אַנדערן און האָבען ניט געקאָנט אויפשטעהן פון זייערע ערטער. פון די דאָזיגע אַלע מכות האָבען געליטען נאָר די עגיפּטער, די בני־ישראל האָבען זיי ניט אַנגערירט. ביי איטליכער מכה פלעגט זיך פּרעה דערשרעקען, פלעגט רופען צו זיך משה׳ן און בעטען איהם, ער זאָל אַראָבנעהמען פון איהם די צרה, און פלעגט צוזאָגען צו בעפרייען די בני־ישראל. נאָר ווי נאָר דער אומגליק פלעגט פאַרביי, פלעגט ער ניט וועלען האַלטען וואָרט. נאָך דער נייגטער מכה — דעם דריי־טאָגיגען חשך, האָט דער קעניג שוין מסכים געווען אָבצולאָזען די בני־ישראל אין דער מדבר, בכדי זיי זאָלען דיענען

זייער גאָט. נאָר ער האָט געפאָדערט, אַז זייערע סטאַדעס זאָלען בלייבען אין מצרים. גאָר משה האָט איהם שטאָלץ געענטפערט: „אין גיכען וועסטו אונז אַלעמען אַבלאָזען און דו וועסט אַפּילו אונז נאָך אַליין געבען בהמות אויף צו ברענגען קרבנות אונזער גאָט“. און אַזוי איז טאַקע געוועזען.

נאָכדעם ווי גאָט האָט געשיקט אויף מצרים די צעהנטע און די לעצטע מכה—מכת-בכורות, ד"ה אַלע בכורים פון די עגיפטער זענען גע-שטאָרבען, צווישען זיי אויך פרעה'ס עלטסטער זוהן,—יעמאָלט איז דעם קעניגס האַרטע האַרץ ווייכער געוואָרען. אין מיטען נאַכט האָט ער געלאָזט רופען צו זיך משה'ן און אהרונ'ען און האָט זיך געבעטען ביי זיי, זיי זאָלען וואָס גיכער אַרויספיהרען די בני-ישראל פון מצרים. די עגיפּטער האָבען אויך אונטערגעאיילט די בני-ישראל און האָבען גע-מענ'עט: „געהט אַוועק פון אונז, כדי מיר זאָלען אַלע ניט אויסשטאַר-בען“. די בני-ישראל האָבען געפּייערט אַ נצחון: נאָך אַזאַ לאַנגער און שווערער קנעכטשאַפט האָבען זיי מיט אַמאָל בעקומען זייער פרייהייט צוריק.

יציאת-מצרים.

§ 25. די בני-ישראל האָבען זיך איילינ צוגעגרייט צום וועג. אין אַ פרידהלינגס-פריהמאָרגען, אין 15-טען טאָג פון חודש ניסן, זענען אַלע בני-ישראל, זעקס מאָל הונדערט טויזענד מאַן (ששים רבוא) שטאַרק, אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. צו זיי זענען צוגעשטאַנען אַ סך מענשען פון אַנדערע פעלקער (ערב-רב). משה איז געגאַנגען בראש פון די בעפרייטע. די בני-ישראל האָבען אַזוי געאיילט זיך צו פערלאָזען מצרים, אַז זיי האָבען אַפּילו ניט בעוויזען אויסצובאַקען פאַר זיך ברויט אויפ'ן וועג; זיי האָבען מיט זיך גענומען טייג, וואָס האָט נאָך ניט בעוויזען זויער צו ווערען און האָבען דערפון געבאַקען זיך מצות. (אַלס אַ זכר פאַר דער בעפרייאונג פון קנעכטשאַפט האָט משה איינגעשטעלט דעם יום-טוב פסח, וואָס געדויערט זיבען טעג, און אין משך פון דער צייט טאָרען די אידען ניט עסען קיין געזייערטע ברויט, קיין חמץ, נאָר זיי מוזען עסען מצות, אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבען געגעסען, בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים).

אַז די בני-ישראל זענען אַרויס פון מצרים, האָבען זיי זיך גע-לאָזט געהן צום מדבר, וואָס ליגט אין מיטען צווישען מצרים און כנען. אויב זיי וואָלטען געגאַנגען מיט דעם דאָזיגען גלייכען וועג, וואָלטען זיי גאָר אין גיכען אַנגעקומען אין כנען; נאָר משה האָט ניט געוואָלט געהן מיט'ן גלייכען וועג, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, אַז אַלע איינוואוי-

גער פון כנען זאלען ניט ארויסטרעטען אינאיינעם קעגען די בני-ישראל און זאלען זיי ניט פעריאגען. חוץ דעם האט ער געדארפט פיהרען דאס פאלק פארביי דעם היילינגען בארג חורב אדער סיני, וואו דאס בעפרייטע פאלק האט בעדארפט בעקומען פון גאט די תורה און געזעצען. דעריבער האט דער אנפיהרער פון די בני-ישראל זיי געפיהרט צוריק און האט זיך אבגעשטעלט מיט'ן פאלק ניט ווייט פון רויטען ים (ים-סוף), אויף דער גרעניץ פון מצרים, וואו עס איז געשטאנען דער טעמפעל פון עגיפטישען אבגאט בעל-צפון, דעם גאט פון'ם מדבר.

פאר דער צייט האבען די עגיפטער שוין בעוויזען צו בעגראבען זייערע זיהן, וואס זענען אויסגעשטארבען פון דער פעסט, און האבען שוין חרטה געקראגען, וואס זיי האבען אבגעלאזט די בני-ישראל, זייערע קנעכט. אז פרעה האט זיך דערוואוסט, אז די בני-ישראל האבען זיך אומגעקעהרט צוריק, צום גרעניץ צווישען מצרים און דעם מדבר, האט ער געמיינט, אז זיי בלאנדזשען ארום און אז דער גאט בעל-צפון האט זיי פערשפארט דעם וועג צום מדבר. און דעריבער האט דער עגיפטישער קעניג צונויפגעקליבען א גרויסען חיל פון פוספאלק און רייטער מיט קריגס-רייטוועגען און האט זיך געלאזט נאכיאגען נאך די בני-ישראל, בכדי צו צווינגען זיי זיך אומצוקעהרען קיין מצרים. די עגיפטער האבען אנגעיאגט די בני-ישראל ביים ים-סוף. ווי די בני-ישראל האבען דערזעהן דעם פיינד, האבען זיי זיך דערשראקען און א סך פון זיי האבען אנגעהויבען צו בונטעווען זיך קעגען משה'ן און האבען געטענה'ט: „צו ליעב וואס האסטו אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים? צי דען זענען דארט קיין קברים ניטא, אז דו האסט אונז ארויסגעפיהרט פון דארטען, בכדי אונז אומצוברענגען אין דער מדבר?“ נאר משה האט איינגעגעבען מוט די קליינמוטיגע און האט צו זיי געזאגט: „שרעקט אייך ניט. איהר וועט היינט זעהן דעם נס, וואס גאט וועט מיט אייך טון. איהר זעהט היינט דאס לעצטע מאל די עגיפטער!“

און א נס איז טאקע געשעהן. א שטארקער מזרח-ווינט האט א טריב געטאן אין א זייט די וואסער אין דעם שמאלען ים-דורכגאנג פון דעם ים-סוף, און דער גרונד פון ים איז כמעט טרוקען געווארען. די בני-ישראל זענען גיך אריבער איבער דעם דאזיגען גרונד, ווי אויף דער יבשה. און אז די עגיפטער האבען זיך א לאז געטאן נאך זיי, האט זיך די וואסער צוריק אומגעקעהרט אויף איהר פריהערדיגען ארט און אין איין כהרף עין איז דערטרונקען געווארען דער גאנצער עגיפטישער חיל מיט די רייטוועגען און מיט די פערד. גרויס איז געוועזען די פרייד פון די בני-ישראל, אז זיי האבען געזעהן דעם אונטערגאנג פון

זייערע פיינד; זיי האבען נאך מעהר געגלויבט אין גאט און אין משה'ן, זיין קנעכט.

אויפ'ן ברעג פון ים-סוף האט דאס בעפרייטע פאלק געזונגען א שבח און א לויב צו גאט, זיין בעפרייער; מען האט געבלאזען אין טרומייטען, מען האט געטאנצט פאר פרייד. די ליעד, וואס מען האט דעמאלט געזונגען, לויט ווי דער חומש גיט איבער, זאגען אלע אידען נאך עד היום אלע אין דערפריה צום דאווענען (אז ישיר).

די ליעד הויבט זיך אן מיט פאלגענדע ווערטער: „זינגט צו יאהווע, דען ער האט אויפגעטאן גרויסעס: דעם פערד אינאיינעם מיט זיין רייטער האט ער אריינגעווארפען אין ים!" און ווייטער ווערט געזאגט אין ליעד: „דיין האנד, א יאהווע, איז דערהויכט אין קראפט, דיין האנד, א יאהווע, צעשמעטערט דעם פיינד. און פון דיין אטעם האט די וואסער אין הויפענס זיך געשטעלט; די פליסיגע וואלען זענען שטעהן געבליבען, ווי א וואנד; פערגליווערט זענען געווארען די אבגרונדען אין מיטען פון ים. דער פיינד האט געזאגט: איך וועל נאכיאגען, איך וועל דעררייכען, איך וועל צעטיילען דעם רויב, איך וועל ארויסציהען מיין שווערד, מיין האנד וועט זיי פערטיליגען. נאר דו האסט מיט דיין אטעם א בלאז געטאן — און דער ים האט די פיינד בעדעקט: זיי זענען אונטערגעגאנגען, ווי בליי, אין די מעכטיגע וואסערן".

און משה'ס שוועסטער מרים האט גענומען א פויק אין דער האנד און האט א ליעד אנגעשטימט, און נאך איהר זענען אלע פרויען ארויס מיט פויקען, האבען געזונגען און געטאנצט. דאס פאלק האט זיך געפרעהט, דערמאנענדיג זיך, אז עס איז בעפרייט געווארען פון דער לאנגיאהריגער קנעכטשאפט און עס קעהרט זיך אום צוריק אין דאס לאנד פון זיינע עלטערן.

היסטארישע אויספיהרונג

§ 26. פון אלע וויסענשאפטליכע פארשונגען און ענטדעקונגען, וואס זענען ביז אהער געמאכט געווארען אין דער עגיפטאלאגיע (די וויסענשאפט וועגען עגיפטען), קאן מען נאך ניט גענוי פעסטשטעלען די צייט, ווען די בני-ישראל זענען געוועזען אין מצרים. נאר מען קאן אננעהמען פאר געוויס פאלגענדע אלגעמיינע הנחה: אז די בני-ישראל האבען זיך אריבערגעקליבען קיין מצרים פאר א דינאסטיע פון מלכים, וואס איז געוועזען צו זיי פריינדליך, און ארויס זענען זיי פון דארטען פאר א דינאסטיע, וואס איז געוועזען געשטימט פיינדליך קעגען זיי. ס'איז בעוואוסט, אז בערך מיט 2000 יאהר פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז א בעדייטענדער טייל פון מצרים איינגענומען געווארען פון סעמיטען, וואס האבען ארומגעוואנדערט אין דער

מדבר, וואָס די עגיפּטישע אויפשריפטען רופען זיי אָן שאַסו (נאָמאַדען, בעדויאינען), און די שפּעטערדיגע גריכישע שרייבער — היקסאָס. די היקסאָס האָבען געהערשט אין מצרים אין משך פון אַ דריי=פיער יאָהרהונדערטען. אַפּנים, אַז פאַר איינעם פון די מלכים פון דער היקסישער דינאַסטיע האָבען זיך די בני=ישראל בעזעצט אין מצרים. צוערשט האָט זיך בעזעצט דאָרט דער שבט יוסף, דערנאָך די איבעריגע שבטים, וואָס האָבען פערלאָזען די סטעפּעס פון דרום=כנען צוליעב די פעטע ווייַדען פונ'ם נאָהענטען גושן. אין גושן האָבען די בני=ישראל זיך פערנומען מיט האָדעווען בהמות און טיילוויַז מיט ערדאַרבייט, ביז וואַנען עס איז געקומען אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די היקסאָס אין מצרים.

אין דעם יאָהר 1600 לפני ערך האָבען די עגיפּטער אַראָבגעוואָרפען פון זיך די הערשאַפט פון דער פרעמדער דינאַסטיע, און איהר אָרט האָט פערנומען אַ מעכטיגע נאַציאָנאַלע קעניגליכע דינאַסטיע (די טעבאַנישע אָדער 18=טע). די שנאה פון די תושבים צו זייערע געוועזענע אונטערדריקער, די היקסאָס, האָט זיך אַריבערגעטראָגען אויך אויף אַלע איבעריגע סעמיטישע פאַסטיכער און בפרט אויף די בני=ישראל, וואָס האָבען געוואוינט אין גושן. די עגיפּטער האָבען געקוקט אויף די בני=ישראל, ווי אויף באַרבאַרען, וואָס זענען אָבגעפרעמדט פון דער העכערער עגיפּטישער קולטור און וואָס האַלטען זיך האַרטנאַקיג פאַר זייערע פּרימיטיווע מנהגים. און עס איז ביי זיי בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען די דאָזיגע נאָמאַדען פאַר קנעכט. די מלכים פון דער דאָזיגער דינאַסטיע, וואָס מיליאָנען שקלאַפען האָבען פאַר זיי געבויט שטעדט, גרויסאַרטיגע טעמפּלען, דענקמעלער און פּיראַמידען, האָבען אָנגעהויבען צוצוציהען צו די דאָזיגע צוואַנגסאַרבייטען אויך די בני=ישראל, וואָס האָבען געוואוינט אין גושן.

פון די צוויי שטעדט, וואָס די בני=ישראל האָבען אויסגעבויט, **פּיתום** און **רעמסס**, טראָגט די לעצטע דעם נאָמען פון די מלכים פון דער 19=טער דינאַסטיע, רעמסס I און II. דער גרעסטער טייל פאָרשער זענען נוטה צו דער הנחה, אַז טאַקע פאַר דעם קעניג **רעמסס** II (אין יאָהר 1300 לפני ערך), וואָס איז בערימט מיט זיינע עראָבערונגען און געביידעס, האָבען די בני=ישראל געהאַט אויסצושטעהן די שווערסטע צייטען פון זייער קנעכטשאַפט. ערשט פאַר זיין נאָכפאָלגער **מענעפּטאַ** I (און לויט דער מיינונג פון אַנדערע, שפּעטער, פאַר **סעטי** II), אַז די מאַכט פון מצרים האָט אָנגעהויבען שוואַכער ווערען מחמת די בונטען פון די קנעכט אין לאַנד און מחמת די איבערפאַלען פון נאָמאַדען=שבטים פון מדבר — האָבען די בני=ישראל זיך געקאָנט בעפרייען פון זייערע אונטערדריקער. זיי האָבען פערלאָזען מצרים אויף שטענדיג און זענען אַוועק אין די שכנישע מדבריות, וואו עס האָבען אַרומגעוואַנדערט נאָך אַנדערע סעמיטישע שבטים. אויף אַזאַ אופן קומט אויס לויט דער בערעכענונג פון די עגיפּטאָלאָגען, אַז די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים לפני ערך אין יאָהר 1250. נאָר אַנדערע דענקמעלער און בפרט די

ניי-ענטדעקטע אויפשריפטען, וואָס זענען שייך צו מצרין און כנען[4], בעשטע-טיגען צום טייל די פריהערדיגע מיינונג, וואָס שטימט מעהר איין מיט די אידישע קוועלען, — אַז די יציאת-מצרים איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָהרהונ-דערטען פריהער, דאָס הייסט בערך אין יאָהר 1495. און עס איז דערוויייל נאָך ניט אויפגעקלערט די פראַגע, וועלכע פון די סתירדיגע דאַטען איז די אמת'ע.

אלס בעפרייער פונ'ם אידישען פאָלק ערשיינט דער גרעסטער פון זיינע זיהן — משה. ער געהערט צו דעם שבט לוי, וואָס איז אפנים געשטאַנען נעה-ענטער צו די עגיפטער, ווי אלע אַנדערע שבטים פון די בני-ישראל. די פערקנעכטונג פון די בני-ישראל דערוועקט אין משה'ן אַ געפיהל פון רעליגי-עזער און נאַציאָנאַלער עמפערונג. ער פערלאָזט דאָס לאַנד פון דער קנעכט-שאַפט און לעבט אַ לאַנגע צייט אין דעם שכנישען מדבר, ניט וויים פונ'ם באַרג סיני אָדער חורב. דאָ האָבען געוואוינט די קינים, אַן אָבצווייגונג פונ'ם שבט מדינים, נאָהענטע קרובים פון די בני-ישראל. משה האָט חתונה מיט אַ טאָכטער פון אַ כהן פון דעם דאָזיגען שבט. ס'איז פאַראַן אַ השערה, אַז די קינים זענען לויט זייער אמונה געשטאַנען נאָהענט צום מאָנאָטעאיזם, האָבען געהאַלטען יאַהווע אלס זייער שבט-גאָט און האָבען צו איהם געדיענט אויפ'ן הייליגען באַרג סיני. אויף אַזאַ אופן האָט משה צוגעצויגען צו זיך די קינים אלס בונדעס-חברים. ערמוטיגט דורך דעם, האָט ער זיך אומגעקעהרט קיין מצרים און האָט דאָרט אויפגעהויבען דעם מוט ביי זיין אונטערדריקטען פאָלק. אַזוי ווי די עגיפטישע רעגירונג איז דענסטמאָל געוועזען שוואַך, האָט משה דאָס אויסגענוצט און אַרויסגעפיהרט די בני-ישראל אין דער מדבר. די בעפרייטע קנעכט האָבען זיך געלאָזט געהן צו די ערטער, וואו עס האָבען געוואוינט די קינים, צום הייליגען באַרג סיני.

אָטאָ די אַלע וויסענשאַפטליכע השערות קאָנען דיענען צום טייל אַלס בעשטעטיגונג און צום טייל אַלס ערקלערונג פון דעם היסטאָרישען תמצית פון די ביבלישע ערצעהלונגען וועגען דעם לעבען פון די בני-ישראל אין מצרים און דערנאָך אין דער מדבר.

מקורים: שמות, קאפ. א׳—ט״ו; קדמוניות היהודים, ספר ב׳, קאפ. ה׳—ח׳; נגד אפיון פון יוסף פלאוויוס, I, §§ 14—15 און 26—31 (די ערצעהלונג פונ'ם עגיפטישען כהן וועגען די מצורעים און היקסאס און וועגען זייער פערטרייבונג פון מצרים.)

---

4) זעה די היסטאָרישע אויסגראַבונגען צום סוף פון די צוויי פריהערדיגע קאפיטלען.

פֿיערטער קאַפּיטעל.

די בני־ישׂראל אין דער מדבר.

די רייזע צום בארג סיני. — דער מעמד־הר־סיני. — דער עגל־הזהב. — דער אוהל מועד און דער לאַגער פֿון די בני־ישׂראל. — די מרגלים. — קורח׳ס מרידה. — דאָס לעבען אין קדש. — די עראָבערונג פֿונ׳ם עבר־הירדן. — די צעטיילונג פֿון עבר־הירדן. — משה׳ס טויט. — היסטאָרישע אויספֿיהרונגען.

א. די רייזע צום בארג סיני.

§ 27 די ערצעהלונג פֿון חומש וועגען די וואַנדערונגען פֿון די בני־ישׂראל אין אַראַבישען מדבר געהערען צו די הייליגסטע טראַדיציעס פֿון אידישען פֿאָלק. דאָס איז דער תמצית פֿון די אַלע ערצעהלונגען, אויף וויפֿיעל ער פֿליסט אַרויס פֿונ׳ם איבערבליק איבער די געשעהענישען אין דעם סדר, ווי זיי זענען פֿאָרגעקומען אין א זייער אורזאַכליכען צוזאַמענהאַנג[1].

פֿונ׳ם ים־סוף, וואו עס איז פֿאָרגעקומען די לעצטע בעגעגעניש מיט די עגיפּטער, האָט משה געפֿיהרט די בעפֿרייטע בני־ישׂראל אין מדבר שור. דער וועג איז געוועזען משה׳ן בעקאַנט, ווארום ער האָט געפֿיהרט צום בארג סיני, וואָס ניט ווייט פֿון איהם האָט דער פֿיהרער פֿון די בני־ישׂראל געוואוינט אין זיין יוגענד.

אין דער מדבר האָבען די רייזענדע שטאַרק געליטען פֿון דוחק אין וואַסער. אין איין אָרט האָבען זיי געפֿונען וואַסער, נאָר מען האָט עס ניט געקאָנט טרינקען, מחמת עס איז געוועזען ביטער. דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהויבען צו בונטעווען זיך קעגען משה׳ן. דעמאָלט האָט משה אַריינגעוואָרפֿען אין וואַסער א שטיק האָלץ, און דאָס וואַסער איז געוואָרען זיס. שפּעטער האָבען די בני־ישׂראל געפֿונען אין דער מדבר אַן אָאַזיס, וואָס האָט געהייסען אֵלים; דאָרט זענען געוועזען וואַסער־קוואַלען און פּאַלמען־בוימער.

פֿון דאָרט זענען זיי געקומען אין מדבר סין, וואו זיי האָבען אָנגעהויבען פֿיהלען א דוחק אין שפּייז. און ווידער האָט דאָס פֿאָלק גע־בונטעוועט זיך קעגען משה׳ן מיט אהרונ׳ען און האָט געזאָגט: „אין מצרים זענען מיר געזעסען ביי טעפּ מיט פֿלייש און האָבען געגעסען ברויט אויף זאַט; איצט האָט מען אונז אַרויסגעפֿיהרט אין דער מדבר, כדי אונז אַלעמען צו לאָזען שטאַרבען פֿון הונגער". אויפֿ׳ן אַנדערן מאָר־גען זענען די בני ישׂראל אויפֿגעשטאַנען און האָבען דערזעהן, אַז אַרום

[1] זעה אונטען § 96.

זייער לאַגער איז די גאַנצע פלאַך פון דער ערד בעדעקט מיט אַ ווייסען שיכט פון אַזאַ מין זאַך, וואָס האָט געהאַט אַנ'אויסזעהן פון שניי. „דאָס איז ברויט, וואָס גאָט האָט אייך געשיקט — האָט משה געזאָגט צום פאָלק. איהר וועט עס צונויפקלייבען יעדען פריהמאָרגען צו איין מאָס פאַר איטליכען, און דעם זעקסטען טאָג פון דער וואָך זאָלט איהר צונויפקלייבען אַ צווייענדיגע מאָס, כדי צו האָבען אַ זאַפּאַס אויף שבת". די בני־ישראל האָבען אָנגעהויבען קלייבען די דאָזיגע שפּייז און האָבען איהר אַ נאָמען געגעבען מ ן [2]. פון דעם דאָזיגען מ ן האָבען זיי זיך געבאַקט זיסע פלעצלעך און האָבען געקאָכט יויך. דער מ ן פלעגט זיך בעווייזען איטליכען פריהמאָרגען, און אַרום האַלבען טאָג פלעגט ער שמעלצען און פערשוואונדען ווערען. ער האָט דערנעהרט די בני־ישראל פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבען אַרומגעוואַנדערט אין דער מדבר.

באַלד זענען די בני־ישראל אָנגעקומען אין אַ בערגיגער געגענד רפידים. דאָרט איז אויף זיי אָנגעפאַלען דער ווילדער שבט עמלקים, וואָס האָבען אַרומגעוואַנדערט אין דער מדבר. משה האָט אַרויסגעשיקט געגען די עמלקים אַ חיל אונטער דער אָנפיהרונג פון זיין געהילפען יהושע בן נון, אַ מיטגליד פון דעם שבט אפרים. דער יונגער אָנפיהרער האָט פערטריבען די עמלקים, און די בערוהיגטע בני־ישראל האָבען זיך געלאָזען ווייטער געהן.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי אָנגעקומען אין מדבר סיני. זיי האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער נעבען דעם הייליגען באַרג חורב אָדער סיני, וואו גאָט האָט זיך אַמאָל אַנטפּלעקט משה'ן אין דעם ברענענדיגען דאָרן. ניט ווייט דערפון איז געלעגען דאָס לאַנד פון מדינישען שבט, צווישען וועלכען דער פיהרער פון די בני־ישראל האָט פערבראַכט זיין יוגענד־צייט. אַז זיין שוועהר, דער מדינישער כהן יתרו, האָט זיך דערוואוסט וועגען משה'ס קומען, איז ער אַוועק צו איהם. יתרו האָט זיך דערפרעהט, אַז מען האָט איהם דערצעהלט, ווי אַזוי די בני־ישראל זענען בעפרייט געוואָרען פון עגיפּטישען יאָך. באַלד האָט ער בעמערקט, לעבענדיג צווישען די בני־ישראל, אַז משה איז פון מאָרגען פריה ביז שפּעט

---

2) אין דעם דאָזיגען טייל פון אַראַבישען מדבר טרעפען זיך אָן נאָך איצט אַזעלכע ...דפּער, וואו די צווייגען פון די בוימלעך זענען צייטענווייז בעדעקט מיט אַ מין סמאָלע, וואָס שמעלצט פון די זונענשטראַהלען און טריפט אַראָב אויף דער ערד. די אַראַבער־בעדואינען קלייבען עס צונויף זומער־צייט און עסען עס. עס האָט אַ געשמאַק פון האָניג. די אַראַבער רופען אָן די דאָזיגע זיסע שפּייז „מאַננא עש־שעמא“ (דאָס הייסט אַ מתנה פון הימעל), אָדער פּשוט „מאַננא“.

אין דער נאכט פערנומען מיט דער פערוואלטונג פון פאלק און מיט זיינע משפטים, און ער האט צו איהם אזוי געזאגט: „דו טוסט ניט גוט, וואס דו פערוואלטעסט איבער'ן פאלק איינער אליין: אויף אזא אופן וועסטו זיך איינמאטערן און דאס פאלק וועט פערמאטערט ווערען. איך גיב דיר אן עצה, אז דו זאלסט אויסקלייבען פון פאלק עהרליכע און פערשטענדיגע מענשען און זאלסט זיי בעשטימען פאר עלטסטע איבער איטליכע טויזענד, איטליכע הונדערט און איטליכע צעהן מענשען (שרי-אלפים ושרי מאות ושרי עשרות). זיי וועלען פערוואלטען איבער דעם פאלק און וועלען פונאנדערקלייבען אלע זייערע משפטים, און צו דיר וועט מען זיך ווענדען נאר אין זעהר וויכטיגע ענינים". משה'ן איז די עצה געפעלען געווארען און ער האט געטאן אזוי, ווי זיין שווער האט איהם פארגעשלאגען.

דער מעמד הר-סיני.

§ 28. ס'זענען פארביי צוויי חדשים צייט, זינט די בני-ישראל זענען ארויס פון מצרים. זיי זענען געווען א פריי פאלק און זענען געגאנגען קיין כנען, כדי דארט אנהויבען צו פיהרען א זעלבשטענדיגעם לעבען. נאר איידער זיי האבען אריינגעטראטען אין זייער אייגען לאנד, דאבען זיי אפריהער בעדארפט האבען געזעצען פון אמונה און פון געזעלשאפט-ליכען לעבען. ביז אהער האבען די בני-ישראל אבגעהיט דעם אלטען גלויבען אין איין-איינציגען גאט און די מנהגים, וואס זיי האבען גע-ירשעט פון די אלטע פאטריארכען. נאר קיין קלארע בעגריפען וועגען גאט און וועגען אמת'ען גלויבען האבען זיי נאך ניט געהאט; זיי האבען אויך ניט געהאט קיין בעשטימטע רעליגיעזע און געזעלשאפטליכע גע-זעצען. לעבענדיג א לאנגע צייט אין מצרים, האבען זיי זיך אנגעאיי-גענט אייניגע געצענדיענערישע מנהגים. מען האט דעריבער בעדארפט בעווייזען די בני-ישראל, אין וואס בעשטעהט דער אמת'ער גלויבען און מיט וואס שיידט ער זיך אב פון געצענדיענעריי.

אט אזוי די גרויסע געשעהעניש איז פארגעקומען ביים בארג סיני. אז די בני-ישראל האבען געהאט אויפגעשלאגען זייערע געצעלטען ניט ווייט פון דעם דאזיגען בארג, האט משה זיי צונויפגערופען און האט צו זיי אין גאטס נאמען אזוי געזאגט: „איהר האט געזעהן, וואס גאט האט געטאן מיט די עגיפטער. ער האט אייך געטראגען אויף אדלער-פליגלען און האט אייך צו זיך געבראכט. אויב איהר וועט פאלגען גאט און ערפילען זיינע געבאטען, וועט איהר זיין אן אויסדערוועהלט פאלק צווישען אלע פעלקער אויף דער ערד (והייתם לי סגולה מכל העמים); איהר וועט זיין א מלוכה פון כהנים און א הייליג פאלק". אז דאס

פֿאָלק האָט אױסגעהערט די דאָזיגע װערטער, האָט עס אױסגעשריען: „אַלצדינג, װאָס גאָט האָט געזאָגט, װעלען מיר טון!" (נעשה ונשמע.) דערנאָך האָט משה געהייסען די בני־ישראל זיך װאַשען און רייניגען אין משך פֿון צװײ טעג, כדי זיך צוצוגרייטען צו דעם גרױסען מאָמענט. אױפֿן דריטען טאָג אין דערפֿריה האָט משה אַרױסגעפֿירט די בני־ישראל פֿון לאַגער און האָט זײ אױסגעשטעלט אַרום דעם באַרג סיני, און האָט זײ אָנגעזאָגט, אַז אױפֿן באַרג גופֿא זאָל קיינער ניט אַרױף.

פֿונים סאַמע פֿריהמאָרגען אָן איז דער באַרג געװען איינגעהילט אין געדיכטע װאָלקען, און פֿון זײ פֿלעגען אָהן אױפֿהער זיך אַרױסרײסען בליצען מיט דונערן. דער שפּיץ פֿון באַרג סיני פֿלעגט אַלע װײלע אױפֿפֿלאַקערן; ער האָט װי געברענט, און אַ רױך איז פֿון אים געגאַנגען. משה איז אַרױף אױפֿן שפּיץ באַרג. אין מיטען די קלעפּ פֿון די דונערן און די פֿלאַקערן פֿון די בליצען, האָט זיך דערהערט פֿון שפּיץ באַרג גאָטס מעכטיגע שטים, און דאָס פֿאָלק האָט פֿערנומען פֿאָלגענדע װערטער, װאָס ענטהאַלטען אין זיך די גרונד־געבאָטען פֿון אידישען גלױבען (די עשרת הדברות):

א. איך בין יאַהװע, דיין גאָט, װאָס האָט דיך אַרױסגעפֿירט פֿון מצרים.

ב. זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע געטער, חוץ מיר; זאָלסט זיך ניט מאַכען קיין אָבגעטער און קיין בילדער און זאָלסט זיך צו זײ ניט בוקען.

ג. דו זאָלסט ניט דערמאָנען גאָטס נאָמען אומזיסט.

ד. דו זאָלסט היטען דעם טאָג פֿון שבת: זעקס טעג זאָלסטו אַרבײטען, און דעם זיבעטען טאָג זאָלסטו רוהען.

ה. דו זאָלסט אָבגעבען כבוד דיין פֿאָטער און דיין מוטער, בכדי דו זאָלסט לאַנג לעבען אױף דער ערד.

ו. דו זאָלסט ניט טױטען.

ז. דו זאָלסט ניט פֿיהרען קיין אונאָרנטליך לעבען.

ח. דו זאָלסט ניט גנבֿענען.

ט. דו זאָלסט ניט זאָגען פֿאַלשע עדות קעגען אַנאַנדער מענשען.

י. דו זאָלסט ניט גלוסטען קיין זאַך, וואָס געהערט צו אַנאַנדער מענשען.

דאָס פֿאָלק, וואָס איז געשטאַנען ביים באַרג סיני, האָט מיט ציטערניש אויסגעהערט די דאָזיגע גרויסע געבאָטען פֿון גלויבען, גוטסקייט און גערעכטיגקייט, און דערנאָך איז עס אוועק אין זיינע געצעלטען. משה איז נאָך פֿערבליבען אויפֿ'ן באַרג פֿערציג טעג און פֿערציג נעכט. אין משך פֿון אָט אָ דער צייט האָט גאָט איהם איבערגעגעבען נאָך א סך געזעצען, וואָס ווייזען אָן, ווי אזוי עס מוז זיך אויפֿפֿיהרען איטליכער פֿון די בני-ישראל הן בנוגע צום פֿאַמיליען-לעבען, הן בנוגע צום געזעלשאַפֿטליכען לעבען. כדי צו פֿעראייביגען די תורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען אויפֿ'ן באַרג סיני, האָט משה אויסגעקריצט די עשרת הדברות אויף צוויי שטיינערנע טאָוולען (לוחות), וואָס די אידען האָבען זיי בעדאַרפֿט היטען, ווי א הייליגטום. אַלע איבעריגע געזעצען זענען געוואָרען איינגעשריבען אין א בוך, וואָס איז אָנגערופֿען געוואָרען דער „בונדעס-בוך“ (ספֿר הברית), און שפּעטער האָט מען דאָס פֿאָרגעלייענט פֿאַר דעם פֿאָלק.

ער עגל הזהב.

§ 29. נאָר ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געווען אימשטאַנד צו בעגרייפֿען די אַלע גרויסע אמת'ן, וואָס זענען איהם געגעבען געוואָרען אויפֿ'ן באַרג סיני. צווישען די בני-ישראל האָבען זיך געפֿונען א סך אַזעלכע, וואָס האָבען צרויסגעטראָגען פֿון מצרים א פֿאַלשען גלויבען און א נטיה צום געצענדיענסט. די דאָזיגע פּראָסטע מענשען האָבען ניט געקאָנט בעגרייפֿען אַזאַ גאָט, וואָס איז ניט פֿאָרגעשטעלט אין א געוויסער זיכטבאַרער געשטאַלט. זיי האָבען געוואָלט, אַז דער גאָט פֿון די בני-ישראל זאָל זיין פֿאָרגעשטעלט אַזוי, ווי די געטער פֿון די היידען, אין דער געשטאַלט פֿון א געצענבילד, וואָס מען קאָן איהם זעהן און אָנטאַפּען מיט די הענד. אַז די דאָזיגע לייט האָבען דערזעהן, אַז משה קומט אַזוי לאַנג ניט צוריק, האָבען זיי אָנגעהויבען צו פֿאָ-

דערן פון אַהרוֹנ'ען, ער זאָל פאַרטיג מאַכען פאַר זיי גאָטס בילד און דער געשטאַלט פון אַ קאַלב, אַזוי ווי זיי האָבען דאָס געזעהן ביי די עגיפּטער. אַהרון איז געצוואונגען געווען צו טון דעם ווילען פון דעם המון. די בני־ישׂראל האָבען געבראַכט צו אַהרונ'ען זייערע גאָלדענע צירונג. ער האָט דאָס גאָלד צעשמאָלצען און האָט דערפון אויסגעגאָסען אין אַ פאָרעם אַ גאָלדענעם קאַלב. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען אַרום דעם עגל און האָט געשריען: „אָט דאָס איז אונזער גאָט, וואָס האָט אונז אַרויסגעפיהרט פון לאַנד מצרים!“ פאַר דעם געצענבילד האָט מען אויסגעבויט אַ מזבח און מען האָט דערויף געבראַכט קרבנות. דאָ האָט אויך דאָס פאָלק געמאַכט הוליאַנקעס.

דערוויילע זענען פאַרביי־געגאַנגען די פערציג טעג, וואָס משה האָט פאַרבראַכט אויפ'ן באַרג סיני, און ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין לאַגער פון די בני־ישׂראל; אין די הענד האָט ער געהאַלטען די צוויי לוחות, וואָס אויף זיי זענען אויסגעקריצט געווען די עשׂרת הדברות. נאָך פון דערווייטענס האָט ער דערהערט דעם גערויש פון אַ סך קולות. אַז ער איז אַריין אין לאַגער און האָט דערזעהן דאָס פאָלק טאַנצענדיג אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב, איז ער מורא'דיג אין כעס געוואָרען. ער האָט געטראָגען דעם פאָלק פון באַרג סיני די תורה פונ'ם אמת'ן גאָט, און מיט אַמאָל זעהט ער גאָר דאָס אייגענע פאָלק טאַנצענדיג אַרום אַ געצענבילד! פאַר כעס האָט משה אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד די שטיינערנע לוחות, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, און זיי זענען צעבראָכען געוואָרען אויף שטיקלעך. דעם גאָלדענעם קאַלב האָט ער גענומען, פאַרברענט אויהם, און די אַש אַריינגעוואָרפען אין וואַסער. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט ביים טויער פונ'ם לאַגער פון די בני־ישׂראל און האָט אויסגערופען: „ווער איז פאַר גאָט — דער זאָל קומען צו מיר!“ (מי לה' אלי) און עס זענען געקומען צו אויהם די לויים, וואָס האָבען זיך ניט געהאַט געמאַכט טמא מיט'ן געצענדיענסט. לויט משה'ס בעפעהל, האָבען זיך די לויים בעוואָפענט און זענען איבערפאַלען די אַנדערע פונ'ם גאָלדענעם קאַלב און האָבען פון זיי געטויט אַ דריי־טויזענד מאַן.

אַ לאַנגע צייט איז משה אין כעס געווען אויף די בני־ישׂראל פאַר דעם פערברעך, וואָס זיי האָבען אָבגעטאָן; נאָר דערנאָך, אַז ער האָט געזעהן, אַז דאָס פאָלק האָט חרטה, איז זיין כעס אָבגעגאַנגען און ער האָט געבעטען ביי גאָט, ער זאָל זיי מוחל זיין. לויט גאָטס בעפעהל האָט משה געמאַכט נייע לוחות און האָט אויף זיי אויסגעקריצט די עשׂרת־הדברות. ביים באַרג סיני האָט מען אויסגעבויט אַ מזבח פון צוועלף ניט־אויסגעהאַקטע שטיינער, לויט דער צאָהל פון די צוועלף

שבטים. אז משה איז דאָס אַנדערע מאָל אַראָב פון באַרג סיני מיט די נייע לוחות, איז זיין פּנים געווען אַרומגערינגעלט מיט שטראַהלען (קרן אור פּניו). די בני־ישראל זענען פול געוואָרען מיט יראת הכּבוד צו זייער גרויסען פיהרער און האָבען געגלויבט, אַז דורך זיין מויל רעדט צו זיי גאָט.

דער אוהל־מועד און דער לאַגער פון די בני־ישראל.

§ 30. בשעת די בני־ישראל האָבען געוואוינט אין מדבר־סיני, האָט משה געהייסען זיי אויפבויען אַ געצעלט, וואָס מען זאָל איהם קאָנען אַרומטראָגען און וואָס זאָל דינען אַלס אַ בית־המקדש פאַר'ן פאָלק, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אין דער מדבר. מיט פרייד האָבען די בני־ישראל זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. איטליכער האָט געבראַכט, וויפיעל ער האָט געקאָנט, בוי־מאַטעריאַל, וואָס איז בעשטאַנען פון פערשיידענע געוואַנד און פעלען פון חיות. השגחה געגעבען איבער די אַרבייטען האָבען צוויי מענער, וואָס האָבען זיך אויסגעלערנט אין מצרים די בוי־קונסט: בצלאל פון שבט יהודה און אָהליאָב פון שבט דן. באַלד איז דער געצעלט פאַרטיג געוואָרען. אין דעם דאָזיגען געצעלט איז געשטאַנען דער אָרון הקודש, וואָס איז געווען בעציערט מיט געפליגעלטע פיגורען (כּרובים), און אין דעם אָרון האָבען זיך געפונען די שטיינערנע לוחות מיט די אויסגעקריצטע עשרת הדברות — דאָס גרעסטע הייליגטום פון פאָלק. דער געצעלט איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ הויף (חצר), וואו עס איז געשטאַנען אַ מזבח. די גאַנצע געביי האָט זיך אָנגערופען אוהל־מועד אָדער משכּן. אַהרון און זיינע זיהן זענען בעשטימט געוואָרען פאַר כּהנים אין דעם משכּן, און אַ סך לויים זענען געווען דאָרט בעדינער. די כּהנים האָבען געהאַט זייער בעזונדערע קליידונג.

דער אוהל־מועד איז געשטאַנען אין מיטען לאַגער פון די בני־ישראל. דער דאָזיגער לאַגער האָט געהאַט אַנ'אויסזעהן ווי אַ קריגס־לאַגער, וואָרום די בני־ישראל האָבען זיך געגרייט איינצונעהמען כּנען. משה האָט אַרויפגעלעגט אַ חוב אויף אַלע געזונדע מאַנסלייט פון צוואַנציג יאָהר אָן און ווייטער אַריינצוטרעטען אין מיליטערדיענסט. אַלע שבטים האָבען געלאַגערט אַרום דעם אוהל־מועד אין דער זעלבער אָרדנונג, אין וועלכער זיי זענען געגאַנגען אין וועג. נעהענטער, ווי אַלע, צום אוהל־מועד זענען געשטאַנען די געצעלטען פון שבט לוי, וואָס צו איהם האָבען געהערט משה און אַהרון און אַלע בעדינער פון משכּן. אַרום דעם שבט לוי האָבען געלאַגערט די איבעריגע צוועלף שבטים, צו דריי פון איטליכער זייט; איטליכע דריי שבטים האָבען געהאַט זייער פאָהן (דגל מחנה יהודה א. אז. וו.). איטליכער שבט האָט גע־

האָט זיין איבערשטען (ראש המטה). אַז מען האָט בעדאַרפֿט זיך לאָזען אין וועג אַריין, פֿלעגען די כהנים בלאָזען אין שופֿרות, און דער גאַנצער לאַגער האָט זיך געלאָזט געהן אין דעם זעלביגען סדר, ווי ער איז געשטאַנען: די לויים זענען געגאַנגען אין מיטען און האָבען געטראָגען דעם אוהל־מועד און דעם אָרון, און אַרום זיי — די פֿיער מחנות מיט זייערע דגלים. צו די בני־ישראל פֿלעגט צושטעהן חובב, משה'ס שוואָגער מיט אַ חיל קינים. חובב האָט געוואוסט אַלע וועגען אין דער מדבר און האָט געדיענט די בני־ישראל אַלס געניטער וועגווייזער.

די מרגלים; קורח'ס מרידה.

§ 31. אונגעפֿעהר אַ יאָהר צייט האָבען די בני־ישראל געלעבט אין מדבר־סיני. נאָכדעם ווי זיי האָבען געפֿייערט דעם צווייטען פסח, זינט זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, האָבען זיי זיך פֿריהלינגסצייט ווייטער געלאָזט געהן קיין כנען און זענען אַריין אין מדבר־פּאַרן. נאָך עטליכע טאָג־רייזען זענען זיי אָנגעקומען אין אָאזיס קדש, ניט וויט פֿון די גרעניצען פֿון אדום, אין דרום־זייט פֿון כנען. זיי האָבען שוין באַלד בעדאַרפֿט אַריינטרעטען אין דאָס לאַנד, וואָס זיי איז צוגעזאָגט געוואָרען. די בני־ישראל האָבען אויפֿגעשלאָגען זייער לאַגער אין קדש, האָבען אויסגעקליבען פֿון זיך צוועלף מענשען, צו איינעם פֿון איטליכען שבט, און האָבען זיי געשיקט קיין כנען, כּדי זיי זאָלען אויספֿאָרשען דאָס לאַנד און דערגעהן, ווי איז דאָרט דער ערדבאָדען, דאָס פֿלאַנצענרייך און די בעפֿעלקערונג. צווישען די דאָזיגע מרגלים האָבען זיך געפֿינען דער יונגער קריגספֿיהרער יהושע בן נון פֿון שבט אפֿרים און כלב בן יפֿנה פֿון שבט יהודה.

די מרגלים זענען דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד פֿון דרום ביז צפֿון און האָבען עס אויסגעפֿאָרשט. נעבען חברון האָבען זיי אָפּגעריסען עטליכע פּירות פֿון די בוימער און צווייגען פֿון ווײנשטעקער פֿון אַ זעלטענער גרויס און האָבען עס גענומען מיט זיך, כּדי עס צו בעווייזען די בני־ישראל. אין פֿערציג טעג אַרום האָבען די מרגלים זיך צוריקגעקעהרט אין קדש און האָבען דערצעהלט פֿאָלגענדעס: „מיר זענען דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד כנען. דאָס לאַנד איז טאַקע זעהר פֿרוכטבאַר — אָט זענען איהרע פּירות; נאָר דאָס פֿאָלק, וואָס וואוינט דאָרט, איז זעהר שטאַרק, און עס האָט גרויסע בעפֿעסטיגטע שטעדט. מיר האָבען דאָרט אויך געזעהן ריזען, וואָס אין פֿערגלייך מיט זיי האָבען מיר אויסגעוויזען ביי זיך אין די אויגען, ווי די הייִשעריקען" (ונהי בעינינו כחגבים). דעריבער האָבען אַלע מרגלים, חוץ כלב און יהושע, גע'טענ'עט, אַז עס איז קיין שום האָפֿנונג ניטאָ איינצונעהמען כנען. די

רייד פון די מרגלים האבען אויפגערעגט די בני־ישראל; א סך האבען געוויינט, און די קליינמוטיגע מענשען, וואס האבען זיך נאך ניט געהאט אבגעוועהנט פון דער קנעכטשאפט, האבען געשריען, אז מען מוז זיך צוריק אומקעהרען קיין מצרים. יהושע און כלב האבען געפרובט צו בערוהיגען דאס פאלק און האבען געזאגט: „מיט גאטס הילף וועלען מיר דאס לאנד איינעהמען, הגם דארט וואוינען שטארקע מענשען. שרעקט אייך ניט פאר זיי!“ נאר דער אויפגערודערטער המון האט ניט געהערט די דאזיגע דרייסטע מרגלים און האט געוואלט זיי אפילו פערשטיינען.

פון דער גאנצער מעשה האט דער פאלקספיהרער משה גרויס צער געהאט. ער האט צילעצט פערשטאנען, אז מיט אזעלכע מענשען, וואס די לאנגע עגיפטישע קנעכטשאפט האט דערשלאגען זייער מוט, איז ניט מעגליך איינצונעהמען כנען, און אז מען מוז ווארטען ביז וואנען עס וועט אויסוואקסען א נייער דור, וואס האט זיך אויסגעהאדעוועט אין פרייהייט. ער האט מודיע געווען די בני־ישראל, אז זיי וועלען ארומוואנדרעווען אין דער מדבר נאך פערציג יאהר, ביז וואנען ס'וועט אויסשטארבען דער עלטערער דור, וואס איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, און עס וועט אויסוואקסען א נייער דור, וואס וועט האבען מעהר מוט און וועט זיין מעהר פעהיג איינצונעהמען כנען. אז דאס פאלק האט דאס דערהערט, איז עס זעהר טרויעריג געווארען. עטליכע דרייסטע מענשען האבען ניט געפאלגט משה'ן, האבען זיך אבגעטיילט פון לאגער און האבען זיך געלאזט געהן גלייך צו די בערג, צו כנען צו. נאר פון די בערג האבען זיך אראבגעלאזט די ווילדע עמלקים און האבען זיי צעטריבען.

נאך די אלע מעשיות האבען זיך דער גרעסטער טייל פון די בני־ישראל אונטערגעגעבען משה'ס ווילען; נאר אין א געוויסען טייל פון פאלק האט נאך געטליעט אן אונצופרידענקייט געגען דער אינבעגרענצטער ממשלה פון גרויסען פיהרער. די דאזיגע אונצופרידענקייט האט זיך אויסגעדריקט אין קורח'ס מרידה. צוויי־הונדערט און פופציג עלטסטע אונטער דער אנפיהרונג פון קורח, וואס קומט ארויס פון שבט לוי, און פון דתן און אבירם, וואס קומען ארויס פון שבט ראובן, זענען אויפגעשטאנען קעגען משה'ן מיט אהרונ'ען. „גענוג אייך צו הערשען! — האבען געשריען די מורדים. — אונזער גאנצע עדה איז הייליג; פאר וואס שטעלט איהר אייך העכער פאר'ן גאנצען פאלק?“ זיי האבען פארגעווארפען משה'ן, פארוואס ער האט ארויסגעפיהרט די בני־ישראל פון מצרים און אין כנען האט ער זיי נאך ניט אריינגעפיהרט, פארוואס ער לאזט זיי אלעמען אומקומען אין דער מדבר. דאס פאלק האט זיך צונויפגעקליבען ארום די געצעלטען פון די מורדים, און ס'איז געווען א סכנה,

אַז די מרידה זאָל אויסוואַקסען. דעמאָלט האָט משה געהייסען אינ׳ם נאָמען פון גאָט דעם פאָלק אָבטרעטען פון די געצעלטען פון די מענשען, וואָס האָבען זיך אַזוי שטאַרק פערזינדיגט. און ווי נאָר דאָס פאָלק האָט אָבגעטראָטען, איז געשעהן אַ נס: אויף דעם אָרט, וואו קורח און זיין עדה זענען געשטאַנען, האָט זיך אויפגעעפענט די ערד, און אַלע מורדים מיט זייערע געצעלטען, מיט זייער גאַנץ האָב-און-גוטס זענען איינגעזונקען געוואָרען. אַ סך פון די בני-ישׂראל, וואָס האָבען מיטגעפיהלט די מורדים, זענען אומגעקומען פון פעסט.

דאָס לעבען אין קדש.

§ 32. די בני-ישׂראל האָבען געוואוינט אין דער מדבר נאָך אַ יאָהר פערציג. זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דעם אָאזיס קדש און אין די כּמעפּעס, וואָס ליגען דערביי, נעבען דעם דרום-גרעניץ פון כּנען. געוואוינט האָבען זיי אין געצעלטען און האָבען געפיטערט שאָף. (אַלס זכר אָן דעם דאָזיגען לעבען אין דער מדבר, איז ביי די אידען אין די שפּעטערדיגע צייטען איינגעפיהרט געוואָרען דער מנהג צו בויען סכות (ביידלעך) אין האַרבסטיגען יום-טוב, וואָס האָט אויך בעקומען דעם נאָמען חג-הסכּות).

אין משך פון דער צייט איז דער אַלטער דור, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים צו-ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבען, און עס איז אויפגעוואַקסען דער נייער דור, וואָס משה האָט איהם דערצויגען אין גייסט פון אמת׳ן יראת-שמים און פרייהייט. משה האָט געווירקט ניט אַליין. ער האָט געהאַט אַרום זיך אַ פערזאַמלונג פון זיבעציג עלטסטע (שבעים זקנים), וואָס מיט זיי פלעגט ער זיך האַלטען אַן עצה אין אַלע וויכטיגע ענינים. די זקנים האָבען געהאָלפען משה׳ן פערוואַלטען איבער דעם פאָלק. אַהרון איז געווען דער כּהן גדול, און די לויים האָבען געדינט אין אוהל-מועד און האָבען געהאָלפען משה׳ן אין זיין לעדער-טעטיגקייט.

אַז די פערציג יאָהר, וואָס משה האָט בעשטימט פאַר דער וואַנדערונג אין דער מדבר, זענען שוין כּמעט געווען פאַרביי, האָבען די בני-ישׂראל אָנגעהויבען זיך צו דערנעהנטערן צו די גרעניצען פון כּנען. ביי די דאָזיגע גרעניצען, אין דרום-זייט און אין מזרח-זייט, האָבען געוואוינט די קריגערישע שבטים: אדומים, מואבים און עמונים. די בני-ישׂראל האָבען געפּרובט אַריינצודרינגען אין כּנען פון דרום-זייט; נאָר דאָ איז אַרויסגעטראָטען קעגען זיי דער כּנעני׳ישער קעניג ערד. נאָך אַ בלוטיגען קאַמפף האָבען די בני-ישׂראל געמוזט אָבטרעטען צוריק קיין קדש.

פון דאָרטען האָט משה געשיקט שלוחים צום קעניג פון אדום און האָט איהם געלאָזט זאָגען פאָלגענדעס: „אַזוי זאָגט דיין ברודער ישׂראל:

ערלויב אונז דורכצוגעהן דורך דיין לאַנד; מיר וועלען ניט געהן ניט איבער די פעלדער, ניט איבער די וויינגערטענער, מיר וועלען ניט טרינקען קיין וואַסער פון דיינע ברונימער, נאָר מיר וועלען געהן מיט׳ן גרויסען וועג (דרך המלך), ביז וואַנען מיר וועלען ניט אַרויס פון דיין געביט". נאָר דער קעניג פון אֶדום האָט אָבגעזאָגט די בקשה. דעמאָלט האָבען די בני־ישׂראל געמאַכט ווידער אַן אומוועג אין דער מדבר. אויפ׳ן וועג, אויפ׳ן בארג הור (הור ההר) איז געשטאָרבען אַהרון, און אויף זיין אָרט איז געוואָרען כהן־גדול זיין זוהן אֶלעזר. נאָך פריהער, אין קדש, איז געשטאָרבען משה׳ס שוועסטער מרים.

די עראָבערונג פונ׳ם עבר־הירדן.

§ 33. די בני־ישׂראל זענען פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי דעם לאַנד פון די אדומים און האָבען זיך אָבגעשטעלט אין מזרח־זייט פון כנען, ניט ווייט פון מואב. סיחון דער קעניג פון די אמורים האָט שוין פריהער געהאַט איינגענומען אַ בעדייטענדען טייל פון דעם דאָזיגען לאַנד. די בעזיצונגען פון די אמורים האָבען זיך געצויגען דעמאָלט פון דעם טייך אַרנון ביז צום טייך יבוק, פאַזע דעם מזרח־ברעג פון ירדן. משה האָט געשיקט שלוחים צו סיחון און האָט איהם געבעטען, ער זאָל דורכלאָזען די בני־ישׂראל דורך זיין לאַנד; נאָר סיחון האָט ניט ערלויבט. אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, די בני־ישׂראל זאָלען ניט אָנפאַלען אויף איהם, איז ער זיי אַרויס אַנטקעגען מיט אַ גרויסען חיל. די בני־ישׂראל האָבען איהם מנצח געווען אין שטרייט. דערנאָך זענען זיי אַריינגעדרונגען אין לאַנד, האָבען איינגענומען די הויפּטשטאָדט חשבון און אַלע איבעריגע שטעדט פון אַרנון ביז יבוק.

ערמוטיגט דורך דעם דאָזיגען נצחון, האָבען די בני־ישׂראל זיך געלאָזט געהן ווייטער צו צפון צו, אין דאָס לאַנד בשן. דאָרט איז קעגען זיי אַרויסגעטראָטען דער קעניג פון בשן, דער ריז עוג (עוג מלך הבשן), וואָס האָט געוואוינט אין דער שטאָדט אֶדרעי. נאָר די בני־ישׂראל האָבען איהם אויך מנצח געווען און האָבען איינגענומען דעם פרוכטבאַרען בשן. אויף אַזאַ אופן האָבען די בני־ישׂראל זיך שוין איינגעפעסטיגט אין דעם מזרח־קאַנט פון כנען, וואָס ליגט אויף יענער זייט ירדן.

דערווייל האָט בלק דער קעניג פון מואב זיך דערוואוסט, אַז די בני־ישׂראל האָבען איינגענומען דאָס שכנ׳ישע לאַנד פון די אמורים, און ער האָט מורא געקראָגען, אַז זיי זאָלען ניט אַריינכאַפּען אויך זיין לאַנד. דאָס אייגענע האָבען מורא געהאַט די פירשטען פון מדין, וואָס גרעניצט זיך מיט מואב. לויט בלק׳ס עצה, האָבען די עלטסטע פון מואב

און מדין אָנגעווענדעט אַנ'אייגענאַרטיגען אופן פון קאַמפף קעגען די בני־ישראל. זיי האָבען אַרויסגערופען פון אַרם דעם מכשף בלעמ'ן. און בלק האָט געזאָגט צו בלעמ'ן: „עס איז אַ פאָלק אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און האָט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס ליגט אין שכנות פון מיר. און איצט, גיה און פערשילט דאָס דאָזיגע פאָלק, ווארום עס איז שטאַרקער פון אונז, — און דעמאָלט וועלען מיר אפשר עס מנצח זיין און פערטרייבען עס פון די דאָזיגע לענדער. ווארום איך ווייס, אז הע־מען דו בענטשסט, דער איז געבענשט, און וועמען דו שילטסט, דער איז פערשאָלטען".

בלעם האָט לכתחלה מסכים געווען צו ערפילען בלקס בקשה, נאָר גאָט האָט איהם אין חלום בעפוילען, ער זאָל אַנדערש טון. אז דער קעניג פון מואב האָט אַרויפגעפיהרט דעם מכשף אויפ'ן שפיץ באַרג פסגה (על ראש הפסגה), פון וואַנען מען האָט געקאָנט זעהן דעם גאַנצען לאַגער פון די בני־ישראל, האָט בלעם אויסגערופען: „ווי קאָן איך שילטען דעם, וועמען גאָט האָט ניט פערשאָלטען, און ווי קאָן איך צאָרנען אויף דעם, אויף וועמען גאָט צאָרענט ניט?" (מה אקב לא קבה אל ומה אזעם לא זעם יהוה.) דעם אַנדערן מאָל איז בלעם אַזוי בעציובערט געווען, זעהענדיג דעם לאַגער פון די בני־ישראל, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען אויסצורופען: „ווי שען זענען דיינע געצעלטען, אָ יעקב, און דיינע וואוינונגען, אָ ישראל!" (מה טבו אהליך יעקב ומשכנותיך ישראל). אומזיסט האָט בלק געוואַרט, אז בלעם וועט פערשילטען די בני־ישראל; בלעם האָט זיי נאָר געבענשט און פאָראויסגעזאָגט זיי אַ גרויסע צוקונפט. דער קעניג פון מואב איז אין כעס געוואָרען אויפ'ן מכשף, און בלעם איז זיך אַוועק אַהיים.

אויף אַזאַ אופן זענען צו נישט געוואָרען די פּלענער פון די מואבים און מדינים קעגען די בני־ישראל. נאָר די נאָהענטע שכנות פון די דאָזיגע היידנישע פעלקער האָט געבראַכט אַ סך שאָדען די בני־ישראל אין אַנ'אַנדער פרט. אַ סך פון די בני־ישראל זענען געוואָרען מקורב מיט די מואבים און מדינים, האָבען זיך מתחתן געווען מיט זיי און האָבען געדינט זייער אָבגאָט, דעם בעל־פעור. אז משה האָט דערזעהן, אז די שלעכטע מדות פערשפרייטען זיך אַלץ מעהר צווישען פאָלק, האָט ער געהייסען די זקנים און די שופטים פון פאָלק צו פער־משפט'ן די זינדיגע אויף טויט. לויט משה'ס בעפעהל, איז אַנ'אָבטיילונג פון די בני־ישראל אָנגעפאַלען אויף די פיינדליכע מדינים און האָבען מחריב געווען זייער לאַנד.

די צעטיילונג פון עבר-הירדן; משה'ס טויט.

§ 34. אז דער געביט אויף יענער זייט ירדן איז איינגענומען געווארען, האבען די בני-ישראל זיך געגרייט אריבערצוגעהן דעם ירדן, כדי איינצונעהמען דעם אינווייניגסטען כנען. דא זענען געקומען צו משה'ן פארשטעהער פון די שבטים ראובן און גד און האבען צו איהם אזוי געזאגט: „די איינגענומענע לענדער האבען זעהר גוטע ווייזען, און מיר האבען א סך בהמות. דעריבער גיב אונז אב די דאזיגע לענדער פאר אונזער אייגענס און פיהר אונז ניט אריבער איבער'ן ירדן.“ דער-מאלט האט משה פארגעווארפען זיי, פארוואס זיי ווילען ניט איינאיינעם מיט די איבעריגע שבטים איינגעהמען כנען, נאר זיי ווילען זיך אב-טיילען פון גאנצען פאלק און זיך לעבען רוהיג אין דעם איינגענו-מענעם לאנד. נאר די בני-ראובן און די בני-גד האבען געענטפערט, אז זיי טראכטען גארניט זיך אבצוטיילען פון גאנצען פאלק. „מיר וועלען נאר – האבען זיי געזאגט – אויסבויען דא שטאלען פאר אונזער שאף און וואוינונגען פאר אונזערע פאמיליען. מיר אליין אבער וועלען זיך בעוואפענען און וועלען געהן אין קריג פאר אלע בני-ישראל; מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען צוריק אין אונזערע הייזער, ביז וואנען דאס גאנצע פאלק וועט ניט האבען איינגענומען דאס לאנד אויף יענער זייט ירדן“. נאכדעם ווי די בני-ראובן און די בני-גד האבען דאס צוגעזאגט, האט משה געהייסען אבגעבען זיי די לענדער פון אמורי און בשן. צו די דאזיגע צוויי שבטים איז נאך צוגעשטאנען א האלבער שבט מנשה, וואס האט איינגענומען דאס לאנד אין עבר הירדן, וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען גלעד.

אויף אזא אופן האבען די צוויי מיט א האלבען שבט איינגע-נומען דעם מזרח-טייל פון כנען, וואס גרעניצט פון צפון זייט מיט ארם, פון דרום-זייט מיט די לענדער פון מואב און עמון. מען האט נאך בעדארפט אריבערגעהן דעם ירדן, איינעהמען גאנץ מערב-כנען און צעטיילען עם צווישען די איבעריגע שבטים. נאר משה'ן איז ניט בעשערט געווען דאס צו טון. דער גרויסער בעפרייער און פיהרער פון די בני-ישראל האט שוין געשפירט, אז דער טויט גענעהנט זיך, און האט געוואוסט, אז ער וועט ניט אריינפיהרען דאס פאלק אין כנען. פאר'ן טויט פלעגט ער אפט צונויפקלייבען דאס פאלק און לערנען מיט איהם, ווי אזוי מען דארף לעבען לויט דעם אמת'ן גלויבען און ווי מען דארף „געהן אויפ'ן וועג פון גוטס און יושר“. זיין געהילף, יהושע בן נון, האט משה בעשטימט פאר אנ'אויבערשטען און א פיהרער פון פאלק.

צולעצט איז געקומען די טרויעריגע שעה פון געזעגענען זיך. משה האט פאראויסגעזאגט דעם פאלק זיין צוקונפט און האט געבענשט איטליכען שבט באזונדער. דערנאך איז ער ארויף אויפ'ן בארג נבו, וואס איז איינע פון די שפיצען פון דעם מואבי'שען בערג־קייט פסגה. פון דעם דאזיגען שפיץ בארג האט משה געקאנט זעהן א גרויסען טייל פון כנען; לאנג איז ער דא געשטאנען און געטרויערט איבער דעם, וואס איהם איז ניט בעשערט אריינצוקומען אין דאס לאנד פון זיינע עלטערן. באלד איז משה געשטארבען, 120 יאהר אלט, און מען האט איהם מקבר געווען אין מואבי'שען טאל (ערבות־מואב); וואו דער ארט פון זיין קבר געפינט זיך, ווייס קיינער ניט. די בני־ישראל האבען געוויינט זייער גרויסען לעהרער דרייסיג טעג. זיי האבען געפיהלט, וועמען זיי האבען דא פערלארען. „און עס איז ניט אויפגעשטאנען מעהר ביי די בני־ישראל אזא נביא, ווי משה“ — זאגט דער חומש. (ולא קם נביא עוד בישראל כמשה). משה איז געווען אי דער מחוקק, אי דער בעפרייער פון זיין פאלק און דורך זיין בעגייסטערטער לעהרע האט ער דאס פאלק געמאכט פאר אנ'אויסדערוועהלטען, גרויסען.

היסטארישע אויספיהרונגען.

§ 35. דער מדבר סיני און די דרום־זייט פון כנען, וואו די בני־ישראל האבען ארומגעוואנדערט עטליכע צעהנדליג יאהר (בערך פון יאהר **1495—1450**, לויט איין כראנאלאגיע, און בערך פון 1250—1200, לויט אנ'אנדערער)— איז געווען פאר זיי אנ'איבערגאנגספונקט צווישען מצרים און כנען, צווישען דעם לאנד פון קנעכטשאפט און דעם לאנד פון פרייהייט. דאס לעבען פון די בני־ישראל אין דער מדבר בעשטעהט פון צוויי מאמענטען: ערשטענס, פון דער קורצער צייט, וואס זיי האבען זיך געפונען נעבען בארג סיני, און, צווייטענס, פון דער לענגערער צייט, וואס זיי זענען געווען אין אאזיס קדש, ניט ווייט פון אדום און פון דער דרום־גרעניץ פון כנען.

צום בארג סיני זענען די בני־ישראל געגאנגען דירעקט פון מצרים, בשעת זיי האבען זיך נאך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער געדויבענער נאציאנאלער שטימונג, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך דער בעפרייאונג. דאס בעפרייטע פאלק האט געפיהלט א בעדערפעניש אין א פעסטער נאציאנאל־רעליגיעזער ארגאניזאציע, וואס זאל פעראייניגען זיינע פערשיידענע גרופען. פיל מיט האפענונגען און טונקעלע שטרעבונגען, איז עס געגאנגען נאך זיין גרויסען פיהרער. די פלוצלונגדיגע איבערקעהרעניש, וואס איז פארגעקומען אין זיין לעבען, האט געמוזט האבען אויף איהם די גרעסטע ווירקונג.

אז די בני־ישראל זענען ארויסגעגאנגען פון דער פרוכטבארער און בעלעבטער דעלטא פון נילוס, זענען זיי אריין אין דעם וויסטען, חושכ'דיגען

מדבר, וואו עס האָבען זיך ערהויבען, ווי מוראדיגע ריזען, הוילע פעלזען, וואָס ווייערע שפּיצען האָבען דערגרייכט ביז צו די וואָלקענס. דאָ, וואו עס איז כמעט ניט קענטיג געווען די גרעניץ צווישען הימעל און ערד, צווישען לעבען און טויט, האָט געמוזט שוועבען יאַהוועס גייסט. אויב נאָך ניט לאַנג, אין מצרים, האָט דאָס פאָלק געפיהלט אַ שווערען דרוק פון מענשליכער זייט, איז דאָ, אין דעם וויסטען, חיסטען סטעפ, האָט ער געפיהלט אַנאַנדערע, אַ העכערע מאַכט — די מאַכט פון איינציגען און אייביגען, וואָס זיין גייסט האָט, דוכט זיך, געשוועבט אין די דאָזיגע בערג-מאַסיוועז. צווישען דער שרעקעדיגער שטילקייט פון מדבר האָט דאָס פאָלק געהערט נאָר גאָטס שטים. די דאָזיגע שטים האָט בעזונדערס מעכטיג געהילכט אין די דונערקלעפּ, וואָס האָבען אַרויס-געריפען אַ פילמאָליגען הילכיגען ווידער-קול אין די בערג און וואָס האָבען נאָך שטאַרקער געמאַכט דעם פינסטערען כאַראַקטער פון דער אַרומיגער לאַנדשאַפט[3].

די בני-ישראל, וואָס זענען געווען פריי נאָר הילפסלאָזיג, ניט קיין קנעכט, נאָר אויך ניט קיין הערען, אומאָבהענגיג פון מענשען, נאָר אָבהענגיג פון די נאַטורקרעפטען, — האָבען געמוזט ווענדען זייער בליק צו דעם הערשער פון דער נאַטור און פון די מענשען. אָט דאָס איז געווען די שטימונג, וואָס האָט צוגעגרייט די בני-ישראל צו דעם גרויסאַרטיגען שוישפּיעל ביי דעם „באַרג פון גאָט“ (הר האלהים).

ביים באַרג סיני האָט דאָס פאָלק געהערט יענע אומשטערבליכע געבאָטען, וואָס זענען געוואָרען די גרונדשטיינער פון דעם שפּעטערדיגען געביי פון יודאַאיזם. דאָ איז צוערשט אָנגעמערקט דער איבערגאַנג פון דער מטושטשער נאַטירליכער רעליגיע פון די אָבות צו דער קלאָרער פּאָזיטיווער רעליגיע, צו דער דת משה וישראל. גאָט איז דער הערשער ניט בלויז איבער דער נאַטור, נאָר אויך איבער דעם מענשענס לעבען; ער איז ניט בלויז דער גאָט פון דער וועלט בכלל, נאָר אויך בפרט דער גאָט פון דער אידישער נאַציע, וואָס ער האָט זי אויסדערוועהלט פאַר אַ ווערקצייג פון זיין ווילען. „איך בין יאַהוועה, דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפיהרט פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט“ — אין דער דאָזיגער פאָרמעל איז אויסגעדריקט דער נאַציאָנאַלער תמצית פון דער תורה. דערנאָך ווערען בעשטימט גאָטס אַטריבוטען (סימנים): ער איז אומבעדינגט איינער, אומקערפּערליך; קיין פילגעטערייַ און קיין געצענדיענעריי ווערען ניט דערלאָזען. די שבת-רוה ווערט געבאָטען אלס אַ מיטעל אָבצוטון פון זיך די הויות העולם און אויפצו-וועקען אַ רעליגיעזע שטימונג. דער כבוד אָב ואם איז דער הויפּט-יסוד פון פאַמיליען-לעבען, און דער פערבאָט פון ליגען זאָגען, מאָרדען, פיהרען אַ לידערליך לעבען און מקנא זיין אַנדערע — איז דער יסוד פון זיטליכקייט און געזעלשאַפטליכקייט. דאָס זענען

---

[3] אויך די מאָדערנע רייזענדער, וואָס האָבען אויסגעפאָרשט דעם האַלב-אינזעל סיני, האָבען בעמערקט די דאָזיגע בעזונדערהייטען פון דער לאַנדשאַפט.

געוועזן די איבעריגע אמת׳ן פון דער רעליגיע און מאראל, וואס דאס פאלק האט זיי דענסטמאל ניט געקאנט פערשטעהן מחמת עס איז נאך ניט געוועזן גענוג ענטוויקעלט דערצו, נאר אין די שפעטערדיגע צייטען האבען זיי זיך מדרגות׳ווייז איינגעווארצעלט אין דעם בעוואוסטזיין פון די אידען און האבען זיי געמאכט פאר א „פאלק פון גייסט“ (עם הרוח).

ניט וועניגער בעדייטונגספול איז געוועזן דער אנדער מאמענט פון דעם לעבען פון די בני־ישראל אין דער מדבר — די צייט, וואס זיי זענען געוועזן אין קדש. דער דאזיגער אאזיס ניט ווייט פון דרום־כנען איז, אפנים, געוועזן דער צענטער פונ׳ם לאגער פון די בני־ישראל, וואס האט זיך געפונען דארט א לאנגע צייט. דא האט דאס פאלק, אונטער משה׳ס אנפיהרונג, צוערשט זיך צוגעוועהנט צו געזעצליכקייט און ארדנונג. לויט ווי די תורה דערצעהלט, האט משה פערוואלטעט איבער די בני־ישראל מיט דער הילף פון א ראט פון זקנים; ער האט בעשטימט אויבערשטע איבער איינצעלנע גרופען, און זיי האבען געהאט די אויפזיכט איבער דער ארדנונג און האבען פונאנדערגעקליבען די קלענערע משפטים. דא האבען געקאנט ווערען אויסגעארבייט און אנגעווענדט אין דער פראקטיק איניגע פון יענע סאציאלע און יורידישע געזעצען, וואס געפינען זיך אין דעם „בונדעס־בוך“ (ספר־הברית, דאס הייסט די קאפיטלען כ״א־כ״ג פון שמות); די דאזיגע געזעצען זענען דער גרונדקערן פון די חוקים פון דער תורה. די הויפטשטריכען פון די דאזיגע געזעצען זענען — מדת הרחמים בנוגע צו אלע שוואכע און ארימע, און א שטרענגע מדת הדין בנוגע צו די, וואס שעדיגען יענעמס רעכט. דער מחוקק בעשטימט הארטע שטראפען פאר אנפאלען אויף דער פערזאן און אייגענס פון מענשען, דערפאר אבער בעפעהלט ער צו בעציהען זיך מיט רחמנות און ליעבע צו יתומים, אלמנות און ארימע לייט. דער געזעץ פערטיידיגט די שוואכע קעגען דעם ווילקיר פון די שטארקע. די שטרעבונג צו דיסציפלינירען די מענשען איז דא פעראייניגט מיט דער שטרעבונג צו לייטערן מדות, אריינצופליסען אין זיי א געפיהל פון העכערן יושר און גוטסקייט. אויף די דאזיגע יסודות האט זיך ענטוויקעלט די גאנצע ווייטערדיגע ביבלישע געזעצגעבונג.

אין דעם לאגער נעבען קדש זענען אויך פעסטגעשטעלט געווארען די יסודות פון דעם אויסווייניגסטען רעליגיעזען דיענסט פון די בני־ישראל. א פאלקס־הייליגטום איז געוועזן דער ארון הברית, דאס הייסט דער ארון, וואו עס זענען געשטאנען די לוחות מיט די עשרת הדברות. בשעת די בני־ישראל פלעגען זיך אבשטעלען ערגיץ־וואו אין דער מדבר, פלעגט מען אוועקשטעלען דעם ארון אין אהל־מועד, דעם פערזאמלונגס־געצעלט, ווארום דארט פלעגט זיך דאס פאלק פערזאמלען צוליעב רעליגיעזע פייערליכקייטען. אז מען פלעגט איבערגעהן פון איין ארט אויפ׳ן אנדערן, פלעגען די לויים טראגען דעם ארון. בשעת די בני־ישראל האבען געפיהרט די מלחמות אין מזרח־כנען, פלע־

גען די לייב מיט'ן אָרון געהן פֿאַר דער מחנה, אַלס ציַיכען, אַז יאָהושע פֿיהרט זיין פֿאָלק. דערביי פֿלעגען זיך הערען אויסרופֿען: „שטעה אויף, אָ יאַהווע, און זאָלען דיינע פֿיינד צעשטרייט ווערען!" (קומה יהוה ויפֿצו אויביך). בעגייסטערט דורך דעם, וואָס דאָס הייליגטום געפֿינט זיך צווישען זיי, האָבען די בני־ישראל זיך געשלאָגען, ווי די העלדען, און האָבען אָבגעהאַלטען יענע גלענצענדע נצחונות, וואָס האָבען זיי געעפֿענט אַ וועג צו דעם געביט פֿון מזרח־כנען. דאָס זענען געווען הייליגע, רעליגיעזע מלחמות, מלחמות־יהוה — ווי די ביבעל דריקט זיך אויס.

אַזוי ווי די בני־ישראל האָבען קיין מעגליכקייט ניט געהאַט אַריינצודרינגען אין כנען פֿון דרום־זייט, וואו פֿון שנים קדמוניות האָבען געוואוינט די אדומים און אַנדערע מעכטיגע שבטים, האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צו דעם מזרח־ברעג פֿון ירדן און ים־המלח. דאָ איז ניט לאַנג פֿאַר דעם אָנקומען פֿון די בני־ישראל פֿאָרגעקומען אַ געשעהעניש, וואָס האָט זיי גרינגער געמאַכט איינצונעהמען די דאָזיגע לענדער.

דער שטאַרקער שבט אמורים, וואָס האָט געוואוינט אין אינעווייניגסטען כנען, איז אַריבער איבער'ן ירדן קיין מזרח, איז אַריינגעדרונגען אין דער געגענד, וואו עס האָבען געוואוינט די מואבים, האָט זי איינגענומען און דערנאָך האָט ער איינגענומען אַלע לענדער פֿון דעם ים־המלח ביז צום ים־כנרת (אָדערע גענעסאַרעט). איינער פֿון די אמורישע אָנפֿיהרער, דער קעניג סיחון האָט פֿערשפּרייט זיין ממשלה אויף דרום־זייט, דער אַנדערער, עוג — אויף צפֿון־זייט אין בשן. און אַז די בני־ישראל האָבען אָנגעהויבען פֿיהרען מלחמה מיט די דאָזיגע מלכים, האָבען, אַפֿנים, די אָרטיגע איינוואוינער אונטערגעשטיצט זיי אין זייער קאַמפֿ, און מיט זייער הילף האָבען די בני־ישראל אַרויסגעשטופּט די אמורים פֿון מזרח־כנען.

די בני־ישראל האָבען זיך פֿעסט איינגעלעבט אין די לענדער פֿון עבר־הירדן, וואו עס זענען געווען אַ סך ווייַדען, און איינגע שבטים פֿון זיי, וואָס האָבען זיך פֿערנומען בלויז מיט האָדעווען בהמות, האָבען אָנגעהויבען שוין צו בויען דאָרט פֿאַר זיך וואוינונגען. נאָר דער הויפּטלאַגער פֿון די בני־ישראל האָט זיך געפֿונען אין די טאָלען פֿון מואב (ערבות־מואב), אין מזרח־זייט פֿון ים־המלח, ניט ווייט פֿון דעם אָרט, וואו דער ירדן גיסט זיך אַריין אין איהם. דאָ, אויף דער גרעניץ, וואָס טיילט אָב דעם עבר־הירדן פֿון דעם אינעווייניגסטען כנען, איז געשטאָרבען דער גרויסער פֿאָלקס־פֿיהרער און מחוקק, משה. איז געשטאָרבען בייַם שוועל פֿון כנען, אין דעם מאָמענט, ווען די בני־ישראל האָבען זיך געגרייט אַריינצוטרעטען אַהין.

מקורים: שמות, קאפּ. ט"ז—כ"ד, ל"ב—ל"ד, מ'; במדבר, קאפּ. א'—ל"ז; דברים; דער היסטאָרישער טייל: קדמוניות היהודים, ספר ב' און ג'.

צווייטע אַבטיילונג.

די העראָישע עפּאָכע:

די עראָבערונג פון כּנען און די צייט פון די שופטים.

(לפי ערך פון XIII—XVI יאָהרהונדערט ביז דער העלפט פון XI).

אַלגעמיינער איבערבליק.

§ 36. פון דער געגענד, וואָס ליגט אין מזרח־זייט פון ירדן, האָבען די בני־ישראל זיך געלאָזט געהן קיין מערב, וואו עס איז געלעגען דאָס לאַנד, וואָס אהין האָבען זיי דער עיקר געשטרעבט. דאָס דאָזיגע לאַנד איז געווען צעטיילט צווישען אַ סך קליינע כּנענישע פירשטען, און איז געווען בעוואוינט פון שבטים פון דער סעמיטישער ראַסע, וואָס זענען געווען קרובים פון די בני־ישראל. אַזוי ווי די כּנענישע שבטים זענען ניט געווען פעראייניגט צווישען זיך אין אַ שטענדיגען בונד, איז דעריבער האָבען זיי ניט געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען קעגען די בני־ישראל. שפּעטער אַפילו האָבען זיך יאָ געביל־דעט פעראַנדען פון די כּנענישע מלכים, כּדי זיך צו פערטיידיגען, נאָר זיי האָבען שוין ניט געקאָנט אָבשטעלען דעם נצחון־גאַנג פון די בני־ישראל: זיי האָבען מעהר ניט געקאָנט איהם פערהאַלטען אויף אַ צייט אָדער איהם אָבווענדען אין אַנאַנדער זייט. די בני־ישראל האָבען איינגענומען כּנען ניט מיט אַמאָל, עס האָט געדויערט אַ סך יאָהרען. נאָך לענגער האָט געדויערט, ביז וואַנען דאָס לאַנד איז בעזעצט געוואָרען, און די בני־ישראל זענען איבערגעגאַנגען צו אַ פעסטען ישוב, צו ערד־אַרבייט.

וואָס מעהר די בני־ישראל זענען אַריבער צו אַ פרידליכען ישוב־לעבען, אַלץ שוואַכער זענען געוואָרען זייערע קריגערישע שטרעבונגען. די פריהערדיגע אחדות פון די שבטים, וואָס איז געווען אַרויסגערופען דורך דער נויטווענדיגקייט איינצונעהמען די טעריטאָריע, איז ביסלעכווייז פערשוואונדען געוואָרען, אויף ווי־פיעל איטליכער שבט האָט זיך בעזעצט אויף זיין חלק פון דער איינגענומענער

טעריטאריע. צווישען די חלקים פון די איינצעלנע שבטים האבען זיך אפט געפונען די בעזיצונגען פון די ארטיגע מלכים, וואס זיי האט זיך איינגעגעבען צו בעהאלטען א געוויסע זעלבשטענדיגקייט. די דאזיגע מלכים פלעגען אמאל שליסען צווישען זיך א בונד, בכדי צו קעמפפען מיט די בני־ישראל. צייטענווייז פלעגען אנפאלען אויף די בעזיצונגען פון די בני־ישראל וואנדער־שבטים פון די גרעניץ־לענדער אדער פון אראבישען האלב־אינזעל און פלעגען איינגעהמען דעם אדער יענעם געביט. אין אזעלכע פאלען, ווען עס איז געווען א סכנה פאר עטליכע שכנישע שבטים, פלעגען די לעצטע מאכען שלום צווישען זיך און פלעגען זיך פעראייניגען צום קאמפף מיט'ן אלגעמיינעם פיינד, אונטער דער אנפיהרונג פון איינעם פון זייערע עלטסטע אדער „שופטים“. נאר ווי נאר די סכנה פלעגט פארבייגעהן, פלעגט דער בונד זיך ווידער צעפאלען, און איטליכער שבט האט זיך ווייטער געלעבט זיין אייגען, פאטריארכאליש לעבען און האט ניט געדאגה'ט וועגען די איבעריגע.

אויף אזא אופן, איז אין די ערשטע יאהרהונדערטען, נאכדעם ווי די בני־ישראל זענען אריין אין כנען, האבען זיי ניט געבילדעט קיין איינהייטליכען מלוכה־ארגאניזם, און אפילו ניט קיין שטענדיגע פעדעראציע פון די איינצעלנע שבטים. איטליכער שבט האט זיך געלעבט בעזונדער און האט זיך געהאט זיין עלטסטען אדער שופט (אונגעפעהר אזוי, ווי די שייכען ביי די איצטיגע אראבישע שבטים). נאר מדריגות'ווייז געוועהנט זיך צו דאס נאמאדען־פאלק צו א ישוב־לעבען; עס בעגעגענט זיך מיט א פרימיטיווער קולטור און איז נאך ווייט פון א מלוכה־ארגאניזאציע.

אויך אין גייסטיגען געביט לעבט איטליכער שבט בעזונדער. דער בעגריף וועגען גאט איז בעגרענצט מיט די ראמען פון שבט. יאהווע רעכענט זיך פאר'ן שוץ־גאט פון ישראל אין דעם זעלביגען זין, ווי די כנענישע בעלים מכל המינים רעכענען זיך פאר די שוץ־געטער פון זייערע שבטים. אין די בעגריפען פון פאלק איז יאהווע געווען ניט דער איינציגער גאט, נאר איינער פון פיעל געטער, וואס אמאל לעבט ער מיט זיי בשלום, און אמאל קריגט ער זיך מיט זיי.

די בני־ישראל פלעגט אויך אויסקומען צו נעהמען אנ'אנטייל אין פרעמדע גאטעסדיענסטען, אויב דאס האבען געפאדערט די תנאים פון ארט. לעבענדיג אינאיינעם מיט די כנענים, פלעגען די בני־ישראל זיך בעטייליגען אין זייערע רעליגיעזע צערעמאניעס, וואס האבען געהאט א שייכות צו פערשיידענע פעראנדערונגען אין די נאטורערשיינונגען, צו פערשיידענע מאמענטען פון ערדארבייט און פאסטיכער־לעבען (זעה ווייטער, § 42). בכלל, איז אין שלום־צייטען פלעגט דער דיענסט פונים פאלקסגאט יאהווע געהן אינאיינעם מיט דעם דיענסט פון די ארטיגע געטער — פון די בעלים. נאר אין די צייטען פון מלחמה פלעגט ארויסקומען קריג וועגען דעם גאטעסדיענסט. אין אזעלכע מאמענטען פלעגט

איינער אָדער דער אַנדערער גאָטעסדיענסט בעקומען די איבערהאַנד. אויב די פרעמדע פֿעלקער מנצח זיינען די בני-ישראל, פֿלעגען די לעצטע אָננעהמען דעם גאָטעסדיענסט פֿון די זיגער. אַקוראַט ווי זיי פֿלעגען זיך אונטערגעבען זייערע מלכים און צאָהלען זיי אָבגאָב. פֿערקעהרט, אויב די בני-ישראל פֿלעגען מנצח זיין די פֿרעמדע, יעמאָלט האָט עס געהייסען, אַז יאַהווע האָט גובֿר געווען די בעלים, — און יעמאָלט פֿלעגט דער דיענסט צו יאַהווע זיך מעהר פֿערשפּרייטען צווישען פֿאָלק.

דאָס איז דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פֿון דער עפּאָכע, וואָס האָט געדויערט דריי יאָהרהונדערטען בערך; די דאָזיגע עפּאָכע קאָן אָנגערופֿען ווערען די „העראָאישע“, מחמת אין איהר אָנהויב טרעט אַרויס דאָס פֿאָלק אַלס העלד, אַלס ערשאָבערער פֿון כנען, און דערנאָך — די שופֿטים-העלדען, וואָס האָבען פֿערטיידיגט די איינגענומענע טעריטאָריע. ערשט צום סוף פֿון דער דאָזיגער עפּאָכע ווערט דער פֿאָלקסגייסט צייטיג, און עס בעווייזט זיך אַ שטרעבונג צו אַ פֿעסטער פֿעראייניגונג, לכתחלה צו אַ רעליגיעזער (שמואל און די נביאים-שול), און דערנאָך אויך צו אַ פּאָליטישער. די שופֿטים פֿון די איינצעלנע שבֿטים, וואָס האָבען געהערשט אין דער פּאַטריאַרכאַלישער צייט, טרעטען אָב זייער אָרט נאַציאָנאַלע מלכים, וואָס האָבען געגרינדעט די מלוכה פֿון ישראל. די העראָאישע אָדער האַלב-היסטאָרישע עפּאָכע ענדיגט זיך, און דאָס פֿאָלק טרעט אַריין אין היסטאָרישען פּאַזיס פֿון זיין לעבען.

ערשטער קאַפּיטעל

די ערשאָבערונג פֿון כנען.

דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער. — דער איבערגאַנג איבער'ן ירדן און ערשטע נצחונות. — די ערשאָבערונג פֿון צפֿון- און דרום-כנען. — די צעטיילונג פֿון כנען צווישען די שבֿטים. — היסטאָרישע סבֿרות.

דאָס לאַנד און זיינע איינוואוינער.

§ 37. דאָס לאַנד, וואָס די בני-ישראל האָבען געשטרעבט עס איינצונעהמען נאָך זייער אַרויסגאַנג פֿון מצרים און זייער וואַנדערונג אין דער מדבר, האָט געהאַט אין אַלטערטום פֿערשיידענע נעמען. אין דער תורה ווערט עס אָנגערופֿען לכתחלה ארץ-כנען און שפּעטער — ארץ-ישראל. די גריכען און די רוימער פֿלעגען עס רופֿען פּאַלעסטינע, די קריסטען — דאָס הייליגע לאַנד. דאָס דאָזיגע לאַנד איז געלעגען אויף דעם עקסטען מערב-קאַנט פֿון

אזיאַטישען קאָנטינענט, אויפֿ'ן וועג צווישען מעסאָפּאָטאַמיען און פֿאָרעראַזיען און מצרים און צפֿון-אַפֿריקע. לויט זיין פֿאָרם האָט ער פֿאָרגעשטעלט אַ קליינעם לענגליכען פּאַס ערד, וואָס פֿון מערבֿ-זייט איז עס געווען בּעגרעניצט פֿונ'ם מיטעללענדישען ים, פֿון מזרח- און פֿון דרום-זייט — פֿון דעם אַראַבּישען מדבּר, פֿון צפֿון-זייט — פֿון סיריען (סיריאַ) און מעסאָפּאָטאַמיען (אַרם-נהרים).

אויף דער צפֿון-גרעניץ פֿון כּנען דערהויבּען זיך איינע קעגען דער אַנדערער צוויי גרויסע בּערג-קייטען, וואָס זייערע שפּיצען זענען בּעדעקט מיט אייבּיגען שניי: לבנון און חרמון (אַנטי-לבנון). די וואַסערן, וואָס פֿליסען אַראָבּ פֿון די דאָזיגע בּערג, קלייבּען זיך צונויף און טייכלעך און בּילדען דעם הויפּט-טייך פֿון כּנען, דעם ירדן. דער טייך ירדן ציהט זיך, ווי אַ גלייכער פּאַס פֿון צפֿון קיין דרום, פֿליסט דורך די אָזיערעס: מי-מרום און ים-כּנרת און פֿאַלט אַריין אין דרום-זייט אין ים-המלח אָדער טויטען ים. דער טיפֿער טאָל, וואו עס פֿליסט דער ירדן, איז די גרעסטע נידערונג אויפֿ'ן ערד-קוגעל. ער ווערט אַלץ נידעריגער וואָס מעהר צו דרום צו און דאָרט, וואו דער ירדן פֿליסט אַריין אין ים-המלח, דערגעהט ער בּיז 1300 פֿוס אונטער דעם ים-פֿלאַך.

דער ירדן טיילט פֿונאַנדער דאָס גאַנצע לאַנד אויף צוויי טיילען: דער מזרח-טייל (גלעד) און דער מערבֿ-טייל (דער אייגענטליכער כּנען). דער ערשטער האָט געהאַט אַ שם מחמת זיינע לאָנקעס און ווייַדען, דער אַנדערער — מחמת זיין פֿעטער ערד, וואו עס האָבּען געוואַקסען תּבֿואות, ווייַנשטעקער, אויבּס-בּוימער, בּעזונדערס איילבּוימער. פּאַזע בּיידע בּרעגען פֿון ירדן ציהען זיך פֿון צפֿון קיין דרום אָבּצווייַגונגען פֿון בּערגקייטען — פֿון לבנון און חרמון. די דאָזיגע אָבּצווייַגונגען בּילדען אין מזרח-זייט די בּערג גלעד, און אין מערבֿ-זייט — אַ סך בּערגקייטען, וואָס זענען בּעוואוסט אין תּנ"ך אונטער דעם נאָמען הרי-נפֿתּלי, הרי-אפֿרים און הרי-יהודה. נעבּען די הרי-נפֿתּלי געפֿינען זיך די בּעריהמטע בּערג תּבֿור, כּרמל און גלבּוע, וואָס דערהויבּען זיך אין צפֿון-כּנען. צווישען די דאָזיגע בּערג ליגט דער שעגער טאָל יזרעאל. אין דרום-זייט פֿון איהם ציהען זיך די בּערג אפֿרים, וואָס פֿון זיי זענען בּעזונדערס בּעריהמט צוויי: „דער בּאַרג פֿון די בּרכות", הר-גרזים, און דער „בּאַרג פֿון די קללות", הר עיבל, ניט ווייַט פֿון דער שטאָדט שכם. צום מיטעללענדישען ים צו ווערט די דאָזיגע בּערגקייט נידעריגער און געהט איבּער אין טאָל שרון (עמק-השרון). מעהר צו דרום צו, פֿון ירושלים בּיז חבֿרון, ציהען זיך די הרי-יהודה, וואָס צו זיי געהערען דער בּאַרג ציון און דער הר-הזיתים. נאָך ווייַטער צו דרום ציהט זיך אַ הייַלער בּערג-געבּיט (דער נגבֿ), וואָס געהט בּיסלעכווייַז איבּער אין מדבּר, בּיז צום האַלבּ-אינזעל סיני.

אין דעם עבֿר-הירדן אָדער אין לאַנד גלעד געפֿינט זיך מעהר הויכלאַנד, וואָס לאָזט זיך אַראָבּ אין טעראַסען אין מערבֿ-זייט. מחמת דעם פֿליסען

אַלע וואַסערן פֿון גלעד און פֿון בשן אין דער מערבֿדיגער ריכטונג. די טײַכען ירמוק און יבוק פֿאַלען אַרײַן אין ירדן און מאַכען ברייטער זײַן שטרעמונג. דער טײַך אַרנון, וואָס פֿליסט פּאַראַלעל מיט זיי, פֿאַלט אַרײַן דירעקט אין ים־המלח. פֿון ביידע זײַטען פֿון אַרנון ציהען זיך די בערג פֿון מואָב, און מעהר צו דרום צו — די בערג פֿון אֶדום אָדער שעיר.

די נאַטור און דער קלימאַט פֿון כנען זענען זעהר פֿערשיידענאַרטיג. פֿון די בערגשפּיצען בלאָזען אַראָב קיהלע ווינטען, די לופֿט איז געוועהנליך ריין און דורכזיכטיג; נאָר אין די נידעריגען הערשט אין די זומערדיגע חדשים אַ טראָפּישע היץ. מחמת דעם איז אויך דאָס פֿלאַנצענרייך פֿערשיידענאַרטיג. פּאַלמען־בוימער, וואָס וואַקסען נאָר אין הייסען קלימאַט, בעגעגענט מען דאָ אינאיינעם מיט דעמבען, וואָס קאָנען ניט פֿערטראָגען קיין היץ.

דאָס וואַסער אינ'ם ים־כנרת איז זיס, און אין איהם געפֿינען זיך אַ סך פֿיש; אויף זיינע ברעגען וואַקסען טויטעלבוימער און אַנדערע איבס־בוימער. פֿערקעהרט, אין ים־המלח איז דאָס וואַסער אָנגעזעטיגט מיט זאַלץ און מיט אַנדערע מינעראַלען; קיין פֿיש קאָן ניט לעבען אין דעם דאָזיגען וואַסער; די ברעגען פֿון דער אָזיגער שטעלען פֿאָר מיט זיך אַ וויסטען מדבר, וואָס ווערט נאָר ערטערווייז אונטערבראָכען דורך פֿרוכטבאַרע אָאַזיסען (עין־גדי). די קליינע טײַכען און אָזערעס טריקענען אויס אין דער הייסער יאָהרעסצײַט, נאָר אין דער רעגענצײַט ווערען זיי פֿול מיט וואַסער, פֿערפֿלייצען די ברעגען און מאַכען די ערד פֿרוכטבאַר.

ווייניג לענדער זענען פֿאַראַן אויף דער ערדקוגעל, וואָס פֿעראייניגען אויף אַזאַ קליינעם שטח אַזאַ פֿיעל נאַטורשענהייטען, אַזאַ פֿערשיידענאַרטיגקייט פֿון קלימאַט און פֿלאַנצענרייך, ווי ארץ־ישראל. די אַלע בעזונדערהייטען האָבען געמוזט ווירקען אויפ'ן כאַראַקטער און גייסטיגען לעבען פֿון די בני־ישראל, וואָס האָבען דאָס לאַנד איינגענומען. דער קלימאַט, וואָס פֿערנעהמט אַן אָרט צווישען געמעסיגטען און הייסען, האָט געשאַפֿען אַ נטיה צו פֿיזישער אַרבייט, נאָר צוגלייך האָט די דרומ'דיגע נאַטור מיט איהרע שענהייטען געגעבען רייכע שפּייז פֿאַר'ן רעליגיעזען און פּאָעטישען געפֿיהל. זי האָט ניט געמאַכט די איינוואוינער שוואַך און אָבגעלאָזען, ווי אין די הייסע מזרח־לענדער, נאָר זי האָט אויך ניט דערלאָזט זיי ווערען פֿערגרעבט פֿון איבערמעסיגער פֿיזישער אַרבייט, ווי אין קאַלטען צפֿון. אין דעם דאָזיגען לאַנד האָט געדאַרפֿט זיך ענטוויקלען דאָס פֿאָלק, וואָס די אַלטע רעליגיעזע אַגדות האָבען עס אָנגערופֿען דאָס „אויסדערוועהלטע“, און די היסטאָריע האָט עס אָנערקענט פֿאַר אַן אייביגעס, אונפֿערטיליגבאַרעס.

אין יענער לאַנג־פֿערגאַנגענער עפּאָכע, בשעת די בני־ישראל האָבען זיך געקליבען איינצונעהמען כנען, זענען אויף איהרע גרעניצען געזעסען אַ רייהע קליינע, נאָר שטאַרקע פֿעלקער.

אויף דער צפונית=מערבית=גרעניץ, צווישען דעם בארג לבנון און דעם מיטעללענדישען ים, האבען געוואוינט די חתים, וואס האבען אין דער פארהיס-טארישער צייט געהערשט איבער א בעדייטענדען טייל פון סיריען און פאלע-סטינע. די חתים האבען, אפנים, געשטרעבט צו בעשאפען דא א גרויסע מלוכה, נאר אנטקעגען זיי זענען אויפגעשטאנען פון איין זייט די עגיפטער און פון דער אנדער זייט די ארמים. שפעטער איז זייער לאנד איבערגעגאנגען צו די פעניציער. וואס האבען געגרינדעט אויפ'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים א ריי'ה אינדוסטריעלע שטעדט (צור, צידון).

אין צפונית=מערבית פון כנען, הינטער דעם בארג חרמון, צווישען דער איבערשטער שטרעמונג פון ירדן און דעם באסיין פון פרת, האבען געוואוינט די ארמים, אדער סיריער. דאס איז געווען א צאהלרייכער סעמיטישער שבט, א נאהענטער צו די עברים. וואס זיין שפראך איז געווען זעהר נאהענט צו העבראאיש. די ארמים האבען ניט איין מאל געפרובט איינצונעהמען כנען און צייטענווייז האט עס זיי צום טייל זיך איינגעגעבען. שפעטער זענען די ארמים געווען די שטארקסטע געגנער פון די בני=ישראל אויף זייער צפון=גרעניץ.

נעבען דער מזרח=גרעניץ פון כנען זענען געלעגען די לענדער פון די עמונים און מואבים, און גאר אין דרום=זייט האבען געוואוינט די אדומים, הינטער זיי, אין אראבישען מדבר, האבען געוואנדערט די מדינים.

אט די אלע שבטים, וואס האבען געוואוינט צווישען כנען און דעם מדבר, הערען צוגערעכענט צו דער זעלביגער העבראאישער גרופע פון סעמיטען, וואס לכתחלה האבען צו איהר געהערט אויך די בני=ישראל. נאר די שפעטער-דיגע היסטארישע געשעהענישען האבען אוועקגעשטעלט א שארפע גרעניץ צווישען די און די בני=ישראל, — און דער נאמען „עברים" איז געבליבען אין דער געשיכטע נאר פאר די לעצטע.

אין דרומית=מערבית=ווינקעל פון כנען, צווישען איהם און דעם האלבאינזעל סיני, האט ארומגעוואנדערט דער רויבערישער שבט פון די עמלקים; א ביסעל העכער, אויפ'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים, האבען זיך בעזעצט (בערך אין XII יאהרהונדערט פאר קריסטוס) די פלשתים, וואס זענען שפעטער געווען די ערגסטע פיינד פון אידישען פאלק.

אין אינעווייניגסטען טייל פון כנען האבען געוואוינט איינציגע סעמיטישע שבטים, וואס זענען בעוואוסט אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען כנענים. צווישען זיי זענען געווען די ווילטיגסטע: די אמורים, וואס האבען איין צייט פערנומען אין לאנד א הערשענדע לאגע, דערנאך די יבוסים און די חוים.

איידער די בני=ישראל זענען געקומען, איז דאס לאנד געווען צעטיילט אין א סך קליינע מלוכות. איטליכע מלוכה איז בעשטאנען מ'רוב פון איין שטאדט מיט די דערביי'איגע דערפער, פעלדער און וויינגערטנער. קיין בעשטענדיגער בונד צווישען די מלוכות, בכדי צו פערטיידיגען דאס לאנד געגען אנפאלען

פֿון פֿײַנד איז ניט געװען ? פֿערקעהרט, די קלײנע מלכימלעך האָבען, װי עס װײַזט אויס, שטענדיג געפֿיהרט צװישען זיך קריג.

איז דעריבער, אז עס האָט זיך פֿערשפּרײט א קלאנג, אז פֿון מצרים דורך דעם מדבר געהט דאָס צאָהלרײַכע פֿאָלק ישראל, װאָס האָט שוין בעװיזען אײַנצונעהמען אויף יענער זײַט ירדן די שטאַרקע מלוכות פֿון סיחון און עוג, — זענען די אײנװאוינער פֿון אינעװײניגסטען כנען שטאַרק צעטומעלט געװאָרען. די זענען ניט געװען צוגעגרײט צו דעם דאָזיגען איבערפֿאַל, — און א סך פֿון זײ האָבען געמוזט, נאָך לאַנגע און בלוטיגע מלחמות, אָבטרעטען זײַערע לענדער די פֿעראײניגטע קרעפֿטען פֿון די בני־ישראל, װאָס האָבען געהאַלטען די דאָזיגע לענדער פֿאַר א ירושה פֿון זײַערע עלטערן.

דער איבערגאַנג איבער'ן ירדן און די ערשטע נצחונות.

§ 38. לויט װי דער תנ"ך דערצעהלט, האָבען די בני־ישראל אײַנגענומען דעם אינעװײניגסטען כנען אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿונ'ם מוטיגען קריגספֿיהרער פֿון שבט אפֿרים, יהושע בן נון. יהושע האָט געהאַט א שם פֿאַר א מוטיגען קריגספֿיהרער, נאָך בשעת משה האָט געלעבט. ער האָט מנצח געװען אין רפֿידים די װילדע עמלקים, װאָס זענען אָנגעפֿאַלען אויף די בני־ישראל נאָך זײַער אַרויסגאַנג פֿון מצרים (§ 27). ער איז געװען אײנער פֿון די מרגלים, װאָס משה האָט זײ געשיקט פֿון מדבר כדי אויסצופֿאָרשען כנען, און ער האָט זיך ניט דערשראָקען, אזוי װי דער גרעסטער טײל פֿון זײַנע חברים, פֿאַר דער שטאַרקײַט פֿון די אָרטיגע אײַנװאוינער (§ 31).

נאָכדעם װי משה איז געשטאָרבען, אין עבר־הירדן, האָט יהושע זיך באַלד געלאָזט געהן צום ירדן בראש פֿון אַלע שבטים פֿון די בני־ישראל. פֿאַר'ן אַריבערגעהן דעם ירדן האָט ער אַריבערגעשיקט מרגלים אויף יענער זײַט טײַך, אין דער שטאָדט יריחו און דער סביבה (ניט װײַט פֿון דעם אָרט, װאו דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים־המלח). אז די מרגלים האָבען זיך אומגעקעהרט, האָבען זײ דערצעהלט, אז די אײַנװאוינער פֿון יריחו און איהר סביבה האָבען זיך שוין אָנגעהערט װעגען די נצחונות פֿון די בני־ישראל אין לאַנד פֿון די אמורים, און האָבען שטאַרק מורא. דעמאָלט איז יהושע מיט די בני־ישראל אַריבער איבער'ן ירדן אין אזא אָרט, װאו דער טײַך איז געװען ניט טיעף. דער דאָזיגער איבערגאַנג האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פֿון א פֿײַערליכער רעליגיעזער פּראָצעסיע. פֿון פֿאָרענט זענען געגאַנגען די כהנים מיט גאָטס אָרון, נאָך זײ זענען אַרײַן אין טײַך אַלע בני־ישראל און זענען אַריבער אויף יענער זײַט. דערנאָך האָט דאָס פֿאָלק אויפֿגעשלאָגען זײַן לאַגער אויף דער מערב־זײַט, אין דער שטאָדט גלגל, נעבען יריחו. דאָס איז גע-

זוען אין פֿריהלינגסצײַט, אין דעם זעלבינען חודש ניסן, אין וועלכען די בני־ישראל זענען אַנומעלט אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים. דאָס פֿאָלק האָט געהאַלטען פסח אין גלגל.

פֿון דאָרט האָבען די בני־ישראל זיך געלאָזט געהן קײַן יריחו. די שטאָדט איז געוועזען שטאַרק בעפֿעסטיגט, און עס איז געוועזען שווער די אײַנצונעהמען. אין משך פֿון זעקס טעג זענען די בני־ישראל אין רעגעלמעסיגע רייהען אַרומגעגאַנגען אַרום די שטאָדטישע מויערן, און דערבײַ האָט מען פֿאַר זיי פֿאָראויסגעטראָגען דעם אָרון הקודש, ווי מען פֿלעגט דאָס טון אין די פֿריהערדיגע מלחמות, און די כהנים האָבען געבלאָזען אין טרומייטען. אויפֿ'ן זיבעטען טאָג, בשעת זיי האָבען געמאַכט די דאָזיגע הקפֿה און האָבען געבלאָזען אין שופֿרות און אַרויסגעלאָזט זיגס־געשרייען, — איז אַ טייל פֿון יריחו'ס מויערן אײַנגעפֿאַלען, און די בני־ישראל האָבען זיך אַרײַנגעריסען אין שטאָדט. די זיגער האָבען אויסגעהרגעט אַלע אײַנוואוינער פֿון יריחו, האָבען פֿערברענט זייערע הײַזער און מחריב געווען זייער אייגענס; נאָר גאָלד און זילבער און מעטאַלישע כלים האָט מען געלאָזען פֿאַר'ן אוהל־מועד.

פֿון יריחו זענען די בני־ישראל געגאַנגען צו דער שטאָדט ע י. ניט ווײַט פֿון דער דאָזיגער שטאָדט האָט יהושע אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע אָבטיילונג קריגסלײַט אין אַ בעהאַלטענעם אָרט, און אַליין מיט'ן איבעריגען חיל האָט ער זיך געשטעלט אין טאָל געגען שטאָדט, פֿון דער אַנדער זײַט. אַז די אײַנוואוינער פֿון עי זענען אַרויסגעטראָטען קעגען אים, האָט יהושע'ס חיל זיך געמאַכט אַנטלויפֿענדיג צום מדבר צו. די אײַנוואוינער פֿון עי האָבען זיי נאָכגעיאָגט און האָבען געלאָזען די שטאָדט אָפֿען. דעמאָלט זענען די בעהאַלטענע בני־ישראל אַרײַנגעדרונגען אין שטאָדט און האָבען זי אונטערגעצונדען. אַז די אײַנוואוינער האָבען דערזעהן דעם רויך פֿון דער ברענענדיגער שטאָדט, האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק אין שטאָדט, נאָר זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט געקאָנט ראַטעווען, ווארום די זיגער זענען שוין אַרויס פֿון שטאָדט אַנטקעגען זיי, און פֿון דער מדבר האָבען זיך אַ קעהר געטאָן קעגען זיי די בני־ישראל, וואָס זענען כלומר'שט אַנטלאָפֿען. אַלע אײַנוואוינער פֿון עי זענען אויסגעהרגעט געוואָרען, זייער מלך האָט מען אויפֿגעהאַנגען, און די שטאָדט האָט מען חרוב געמאַכט.

אַז די אײַנוואוינער פֿון דער נאָהענטער שטאָדט ג ב ע ו ן און פֿון די אַרומיגע דערפֿער האָבען דערהערט, אַז די בני־ישראל גרייטען זיך צו פֿערטיליגען אַלע אײַנוואוינער פֿון כנען, האָבען זיי אָנגעווענדט פֿאָלגענדע תחבולה. זיי זענען געקומען אין לאַגער פֿון די בני־ישראל אין אַלטע, צעריסענע קליידער און האָבען געזאָגט צו יהושע: „מיר זענען

געקומען פון אַ חיטען לאַנד, און אַזוי ווי מיר האָבען געהערט וועגען אייערע נצחונות, זענען מיר געקומען צו שליסען מיט אייך אַ בונד". יהושע און די עלטסטע פון פאָלק האָבען זיי געגלויבט, אַז זיי קומען ניט פון כנען, און האָבען זיך געשוואָרען זיי צו לאָזען לעבען. אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די דאָזיגע פרעמדע זענען איינוואוינער פון שכנישע כנענישע שטעדט, און זיי קומען אַרויס פון שבט חוים. די בני־ישראל האָבען די דאָזיגע שטעדט איינגענומען, אָבער די איינוואוינער האָבען זיי געלאָזען לעבען, מחמת זיי האָבען ניט געקאָנט עובר זיין אויף זייער שבועה. פונדעסטוועגען, בכדי זיי צו בעשטראָפען דערפאַר, וואָס זיי האָבען אים אָבגענאַרט, האָט יהושע געמאַכט די גבעונים פאַר קנעכט און האָט זיי בעשטימט פאַר האָלץ־העקער און וואַסערטרעגער.

די ערּאָבערונג פון צפון־ און דרום־כנען.

§ 39. אין דער זעלביגער צייט האָבען פינף מלכים פון דרום־כנען — דער מלך פון ירושלים, דער מלך פון חברון, דער מלך פון ירמות, דער מלך פון לכיש און דער מלך פון עגלון, דערוואוסט זיך, אַז די גרויסע שטאָדט גבעון האָט זיך אַליין אונטערגעגעבען די בני־ישראל, און האָבען צווישען זיך געשלאָסען אַ בונד, בכדי צו גיהן מלחמה האַלטען מיט די גבעונים. די לעצטע האָבען זיך געווענדט נאָך הילף צו יהושע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין זיין לאַגער, אין גלגל. דער פיהרער פון די בני־ישראל האָט איילינג זיך געלאָזט גיהן קעגען די פערבינדעטע מלכים, איז פלוצלונג אָנגעפאַלען אויף זיי און האָט זיי מנצח געווען. און עס איז פאַראַן אַ ליעד, וואָס דערצעהלט, אַז יהושע האָט געוואָלט ענדיגען די דאָזיגע שלאַכט, איידער עס וועט ווערען נאַכט, און האָט אויסגערופען: „אָ זון! בלייב שטעהן אין גבעון, און דו, לבנה, בלייב שטעהן איבער דעם טאָל אילון". (שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון). „און די זון איז שטיל געבליבען און די לבנה איז געבליבען שטעהן, ביז וואַנען דאָס פאָלק האָט זיך נוקם געווען אין זיינע פיינד". און אַז די כנענים זענען אַנטלאָפען געוואָרען אַראָב דעם באַרג בית חורון, האָט אַ פאַל געטאָן אַ שטאַרקער האַגעל און האָט דערהרגעט יענע, וואָס זענען גאַנץ געבליבען פון שווערד. די פערבינדעטע מלכים האָט מען גענומען געפאַנגען, און לויט יהושע'ס בעפעהל, האָט מען זיי אויפגעהאַנגען. זייערע לענדער, וואָס זענען געלעגען אין דרום־זייט פון כנען, האָבען די בני־ישראל איינגענומען.

די ידיעה וועגען די דאָזיגע נצחונות זענען דערגאַנגען צו די אויערן פון די מלכים פון צפון־כנען, וואָס צווישען זיי איז געוועזן דער שטאַרק־

סטער יבין מלך חצור. כדי צו פערטיידיגען זיין לאַנד קעגען דעם מעכטיגען פיינד, האָט יבין געשלאָסען א בונד מיט די שכנישע מלכים. די פערבינדעטע האָבען צונויפגעקליבען אַ גרויסען חיל, מיט אַ סך פערד און קריגס-רייטוועגען, און האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער ניט ווייט פון דער אָזערע מי-מרום. נאָר דער מוטיגער פיהרער פון די בני-ישראל האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען חיל. ער איז אָנגעפאַלען מיט זיין חיל אויף די פערבינדעטע און האָט זיי מנצח געווען; די, וואָס זענען אַנטלאָפען געוואָרען, האָט ער נאָכגעיאָגט ביז צידון; ביי די פיינדס פערד האָבען די בני-ישראל אויסגעשניטען די אָדערן און זייערע רייטוועגען האָבען זיי פערברענט. זיי האָבען חרוב געמאַכט און פערברענט יבינ'ס הויפטשטאָדט, חצור, און אין די איבעריגע שטעדט האָבען זיי אויסגעהרג'עט די איינוואוינער און פערנומען אַ סך רויב.

אויף אַזאַ אופן האָבען די בני-ישראל, נאָך לאַנג-יאָהריגע קריג, איינגענומען אַ גרויסען טייל פון כנען, פון ים-המלח אין דרום-זייט ביז דעם באַרג לבנון אין צפון-זייט. נאָר אַ סך בעפעסטיגטע שטעדט אין לאַנד, בעזונדערס אין צפון, זענען געבליבען ניט איינגענומען.

די צעטיילונג פון כנען צווישען די שבטים.

§ 40. אז דער גרעסטער טייל פון לאַנד איז שוין געווען איינגענומען, האָט מען בעדאַרפט אידם צעטיילען צווישען די שבטים. דער שבט ראובן, דער שבט גד און דער האַלבער שבט מנשה האָבען שוין געהאַט בעקומען זייערע חלקים נאָך פאַר משה'ס צייטען אויף יענער זייט ירדן, די לענדער גלעד און בשן. מען האָט בעדאַרפט מעהר ניט צעטיילען דעם אינעוויינגסטען כנען צווישען די איבעריגע שבטים.

די גרעסטע חלקים האָבען בעקומען די צוויי שטאַרקסטע שבטים: דער שבט אפרים און דער שבט יהודה. דער שבט אפרים, וואָס צו אידם האָט געהערט דער הויפט-אָנפיהרער פון די בני-ישראל, יהושע, האָט איינגענומען דעם גאַנצען מיטעלסטען טייל פון כנען, צווישען ירדן און דעם מיטעללענדישען ים, מיט די הויפט-שטעדט שכם און שילה. אין צפונית-מערבית-זייט פון אידם, ביז צום פוס פון באַרג כרמל, האָט זיך בעזעצט דער אַנדער האַלבער שבט מנשה. דער חלק פונים שבט יהודה האָט פערנומען דעם דרום-טייל פון לאַנד, צווישען ים-המלח און דעם מיטעללענדישען ים און פון די בערג אדום ביז ירושלים (ירושלים גופא און דער באַרג ציון איז געבליבען ביז דוד המלכ'ס צייטען אין רשות פון כנענישען שבט יבוסים). אַזוי ווי דער חלק פונים שבט יהודה איז געווען זעהר גרויס, האָט מען אַ געוויסען טייל דערפון אָבגעגעבען דעם שבט

שמעון — דאָס איז די שטיק ערד אין דרומית-מערבית-ווינקעל פֿון כנען, אויפֿן גרעניץ פֿון מדבר, וואו עס האָבען אַרומגעוואַנדערט די עמלקים. צווישען די בעזיצונגען פֿונ׳ם שבט יהודה אין דעם שבט אפֿרים, האָבען זיך בעזעצט צוויי קליינע שבטים: דער שבט בנימין און דער שבט דן. דער שבט בנימין האָט זיך בעזעצט אין דעם לאַנד, וואָס די בני-ישראל האָבען איינגענומען, באַלד ווי זיי זענען אריבער דעם ירדן, מיט די שטעדט גלגל און יריחו; דער שבט דן האָט זיך בעזעצט אין מערב-זייט פֿון זיי, צווישען די בערג אפֿרים און דעם ברעג פֿון מיטעללענדישען ים, וואו עס געפֿינט זיך די האַפֿען-שטאָדט יפֿו.

דעם צפֿון-טייל פֿון כנען האָבען פֿערנומען פֿיער שבטים: דער שבט יששכר, דער שבט זבלון, דער שבט אשר און דער שבט נפֿתלי. דער שבט יששכר, וואָס האָט זיך פֿערנומען מיט ערד-אַרבייט, האָט בעקומען דעם פֿרוכטבאַרען טאָל יזרעאל מיט די בערג גלבוע און תבור. דער שבט זבלון האָט געוואוינט נעבען ברעג פֿון ים און האָט שפּעטער איבערגענומען ביי די פֿעניציער די נטיה צום האַנדעל. מעהר צו צפֿון צו, אויך פֿאַנג דעם פֿעניציער ברעג, האָבען זיך געצויגען די בעזיצונגען פֿונ׳ם שבט אשר. דער שבט נפֿתלי האָט פֿערנומען דעם צפֿונית-מזרחית-ווינקעל פֿון כנען, דעם געביט פֿון די אָזיערעס מי מרום און ים-כנרת. נאָר דער שבט לוי, וואָס איז בעשטאַנען פֿון געלעהרטע און כהנים, האָט קיין בעזונדער חלק ניט בעקומען. די לויים האָבען בעקומען אין די בעזיצונגען פֿון פֿערשיידענע שבטים 48 שטעדט, וואו זיי האָבען בעדאַרפֿט וואוינען. אַלס כהנים און גייסטיגע פֿיהרער, האָבען די לויים בעדאַרפֿט וואוינען צעשפּרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד.

יאַהוועס טעמפּעל איז, ווי פֿריהער, נאָך בעשטאַנען פֿון דעם אוהל מועד. כל זמן עס האָט געדויערט די עראָבערונג פֿונ׳ם לאַנד, איז דער אוהל-מועד געשטאַנען אין גלגל; דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ מזבח. אַז כנען איז שוין געווען איינגענומען, האָט מען דעם פֿאָלקס-הייליגטום איבערגעטראָגען אין צענטער פֿון לאַנד — אין דער שטאָדט שילה, וואָס איז געלעגען אין לאַנד פֿון אפֿרים. דאָ איז דער אוהל-מועד מיטן מזבח געשטאַנען אַ לאַנגע צייט; דאָ פֿלעגען די כהנים און די לויים טון די עבודה, און קיין שילה פֿלעגען זיך צונויפֿקלייבען עולי-רגל פֿון אַלע קאַנטען פֿון כנען. אין שילה האָט געוואוינט דער כהן-גדול. פֿאַר יהושע׳ס צייטען זענען געווען כהנים-גדולים אהרונ׳ס זוהן און זיין איינקעל — אלעזר און פנחס.

נאָכדעם ווי כנען איז צעטיילט געוואָרען, האָט דער פֿאָלקספֿיהרער יהושע געוואוינט אין לאַנד פֿון זיין שבט — פֿון שבט אפֿרים. אַז יהושע איז אַלט געוואָרען, האָט ער צונויפֿגערופֿען די כהנים און די עלטסטע

פון אַלע שבטים קיין שכם. דער אַלטער פירער האָט דערמאָנט די פערזאַמלונג וועגען די גרויסע מעשים פון אַמאָל, וועגען די אָבות, וועגען זייער עגיפּטישער קנעכטשאַפט, וועגען יציאת-מצרים און וועגען דער וואַנדערונג אין דער מדבר. „און איצטער — זאָגט ער — האָט אייך גאָט געגעבען אַ לאַנד, וואָס איהר האָט אויף איהר ניט געאַרבייט, און שטעדט, וואָס איהר האָט זיי ניט געבויט, און איהר וואוינט אין זיי; ער האָט אייך געגעבען ווייַנגערטנער און איילבוימער, וואָס איהר האָט זיי ניט געפּלאַנצט, און איהר עסט זייער פרוכט. און איצט זייט גאָטספאָרכטיג און דינט צו יאַהווע מיט אַ ריינעם האַרצען; טוט אָב פון זיך די אָבגעטער, וואָס צו זיי האָבען געדינט אייערע עלטערן אויף יענער זייט טייך (פרת) און אין מצרים און דינט גאָט". און דאָס פאָלק האָט געענטפערט: „מיר וועלען דינען יאַהווע, אונזער גאָט, און מיר וועלען פאָלגען זיינע געבאָטען!" און יהושע האָט גענומען אַ גרויסען שטיין און האָט איהם אַוועקגעשטעלט אונטער אַ דעמב אַלס אַ זכר אַן דעם, אַז דאָס פאָלק האָט אויף דעם אָרט געגעבען אַ שבועה אָבצוהיטען גאָטס געבאָטען.

באַלד דערויף איז יהושע געשטאָרבען, 110 יאָהר אַלט, און מען האָט איהם מקבר געווען אין תמנת-סרח, אויפ'ן באַרג אפרים.

היסטאָרישע סברות.

§ 41. די היסטאָרישע ענטדעקונגען פון דער לעצטער צייט לאָזען דער-קלערען אין אַ געוויסער מאָס די פּאָליטישע לאַגע פונ'ם לאַנד כנען, אין דער צייט ווען עס איז איינגענומען געוואָרען פון די בני-ישראל. אין יאָהר 1887 האָט מען געפונען ביי די אויסגראָבונגען אין טעל-אַל-אַמאַרנא, אין עגיפּטען, אַ סך ליימענע טאָוועלעך מיט אויפשריפטען. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דערנאָך, ווען מען האָט זיי פונאַנדערגעקליבען, זענען דאָס בריעף פון די קליינע כנענישע מלכים צו די מלכים פון מצרים. די דאָזיגע בריעף געהערען צום XV און XIV יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס, און עס איז ניכר פון זיי, אַז אין יענער צייט זענען די כנענישע פירשטען געווען אונטערטאַן די עגיפּטישע מלכים, וואָס האָבען געהאַלטען אין אַ סך פונקטען פון כנען זייערע גאַרניזאָנען. אין די דאָזיגע בריעף דריקען אויס די אָבהענגיגע פירשטען זייערע אונטערטעניגע געפיהלען צו די פּרעה'ס, און אָפטמאָל בעטען זיי הילף קעגען פיינדליכע שכנים אָדער קעגען נאָמאַדען, וואָס פאַלען אָן אויף זייערע בעזיצונגען.

איינער פון די דאָזיגע פירשטען, אַבדי-חיבאַ פון ירושלים, איז מודיע אין זיין בריעף צו פּרעה'ן, אַז אין כנען (Kinohi) איז אַריינגעדרונגען דער וואַנדער-שבט האַביריי (Habiri), וואָס וויל דאָס לאַנד איינעמען, און בעקלאָגט זיך דערויף, וואָס מצד די עגיפּטער בעקומט ער ניט קיין הילף (בערך

אין יאָהר 1400). לויט עס איז ניכּר פֿון אַלץ, מיינט ער דאָ אונטער חאַבּירי די עבֿרים. אין אַנאַנדער עגיפּטישער אויפֿשריפֿט, וואָס געהערט צו אַ שפּעטערדיגער צייט (בערך צום יאָהר 1250), ווערט שוין גערעדט וועגען קריג פֿון פּרעה, מענעפּטאַ, דעם זוהן פֿון רעמסס II, געגען ישׂראל אין פּאַלעסטינע*).

אין די דאָזיגע אויפֿשריפֿטען הערט זיך דער ווייטער ווידער־קול פֿון יענער גרויסער פֿעלקערוואַנדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין כּנען צווישען XV און XIII יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס. אין משך פֿון אָט אָ די צוויי יאָהרהונדערטען געהערט די ממשלה פֿון מצרים איבער כּנען אַמאָל שטאַרקער און אַמאָל שוואַכער, און סוף כּל סוף ווערט זי אין גאַנצען בּטל. אין כּנען גופֿא זענען פֿאָרגעקומען אוּנאויפֿהערליכע מלחמות צווישען די אָרטיגע שבֿטים; די גרעסערע שבֿטים, דהיינו די חתּים (Hatti) און די אֶמורים, וואָס וועגען זיי ווערט דערמאָנט אין די עגיפּטישע אויפֿשריפֿטען, האָבען געשטרעבּט צו בּעפֿעסטיגען דאָרט זייער אויבּערהערשאַפֿט. אין דער זעלביגער צייט זענען אַרייַנגעדרונגען אין לאַנד די חאַבּירי פֿון דער מדבּר. צו דער גרופּע חאַבּירי האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געהערט ניט בּלויז די בּני־ישׂראל, נאָר אויך אַנדערע שבֿטים פֿון דער העבּרעאישער גרופּע סעמיטען. נאָר בּיסלעכווייז טיילען זיך די בּני־ישׂראל אויס פֿון דער דאָזיגער אַלגעמיינער גרופּע און פֿערענדיגען די עראָבערונג שוין זעלבּשטענדיג. די אינעווייניגסטע אַנאַרכיע, וואָס האָט געהערשט אין כּנען, האָט זיי גרינגער געמאַכט זייער אויפֿגאַבּע, — און צום סוף פֿון דעם אַנגעוויזענעם פּעריאָד שטעהען שוין די בּני־ישׂראל מיט בּיידע פֿיס אין דעם לאַנד אויף דער מערבֿ־זייט פֿון ירדן.

אַז כּנען איז איינגענומען געוואָרען נאָר פּאַמעליך און ניט אין גאַנצען מיט אַמאָל — דערין שטימען איין סיי דער תּנ״ך, סיי די נייע וויסענשאַפֿטליכע פֿאָרשונגען. מכּוח דעם, ווי אַזוי איז צוגעגאַנגען די עראָבערונג און בּעזעצונג פֿון לאַנד — זענען פֿאַרהאַן פֿערשיידענע השערות. איינינע, וואָס שטיצען זיך אויף געוויסע ראיות פֿון תּנ״ך, האַלטען, אַז דאָס לאַנד איז איינגענומען געוואָרען אין צוויי פּעריאָדען. צוערשט האָבען די בּני־ישׂראל איינגענומען דעם בּערגיגען טייל פֿון כּנען, וואו זיי, אַלס איינוואוינער פֿון מדבּר, איז געווען גרינגער צו פֿיהרען קריג מיט די אָרטיגע איינוואוינער; ערשט שפּעטער האָט זיי זיך איינגעגעבּען איינצונעהמען די טאָלען און די גרויסע שטעדט, וואו זיי האָבען אָנגעטראָפֿען אַ רעגעלמעסיג בּעוואָפֿענטען חיל און שטאַרקע פֿעסטונגען.

לויט ווי אַנדערע ווייטער מיינען, האָבען פֿערשיידענע שבֿטים אין פֿערשיידענע צייטען איינגענומען איינצעלנע טיילען פֿון כּנען. פֿון עבֿר־הירדן אָדער פֿון דעם דרומדיגען מדבּר איז צוערשט אַריינגעדרונגען אין לאַנד דער שבֿט יהודה, וואָס האָט איינגענומען דאָס לאַנד אין מערבֿ־זייט פֿון ים־המלח. דער

*) זי איז ענטדעקט געוואָרען אין די חורבות פֿון קאַרנאַק, אין מצרים, אין יאָהר 1895.

דאָזיגער שבט האָט זיך דערנאָך פֿעסט איינגעשלאָסען אין זיין חלק און האָט זיך אָבגעטיילט פֿון די איבעריגע שבטים. בראש פֿון די פֿעראייניגטע קרעפֿטען פֿון די בני־ישראל, וואָס זענען דערנאָך אריינגעדרונגען אין כנען, איז געשטאַנען דער שבט יוסף, דאָס הייסט דער עיקר דער שבט אפֿרים. ער האָט איינגענומען דעם צענטער פֿון לאַנד און האָט בעקומען דעם פֿאָרצוג, וואָס אין זיין לאַנד האָט זיך געפֿונען דער פֿאָלקס־היילינטום — דער אוהל־מועד מיט'ן אָרון. דאָס האָט געגעבען דעם שבט אפֿרים, וואָס צו אידם האָט געהערט אויך דער קריגספֿיהרער יהושע, א געוויסע איבערהערשאַפֿט איבער'ן פֿאָלק. נאָר די דאָזיגע איבערהערשאַפֿט האָט זיך בעצויגען נאָר אויף נאָהענטסטע שבטים און האָט בעקומען א בעדייטונג נאָר אין די שפּעטערדיגע צייטען. נאָר אין דער ערשטער צייט, באַלד נאָך דער עראָבערונג פֿון כנען, האָבען זיך די בני־ישראל געפֿונען אין דעם זעלבּיגען צושטאַנד פֿון אַנאַרכיע, ווי די כנענים, וועלכע זיי האָבען גובר געווען.

מקורים: ספר יהושע, קאַפּ. א'—כ"ד; שופטים, קאַפּ. א'; קדמוניות היהודים, ספר ה', קאַפּ. א'—ב'.

צווייטער קאַפּיטעל.

די צייט פֿון די שופטים און די הערשאַפֿט פֿון דער שבט־אָרדנונג.

די שבט־אָרדנונג ביי די בני־ישראל. — די ערשטע שופטים. — דער פּערטיידיגונגס־בונד פֿון די שבטים (דבורה). — ירובעל—גדעון. — אבימלך (א פּרוב איינצופֿיהרען דעם מאָנאַרכיזם). — יפֿתח (א גלעדישע מסורה). — שמשון הגבור (א דנישע מסורה). — די איבערוואַנדערונג פֿון די בני־דן. — די שטרייטען צווישען די שבטים.

די שבט־אָרדנונג ביי די בני־ישראל.

§ 42. בשעת די בני־ישראל זענען אריין אין כנען, האָט זיי פֿעראייניגט איין אַלגעמיינער ציעל — די עראָבערונג פֿונ'ם לאַנד. אַלע שבטים אָדער דער גרעסטער טייל פֿון זיי, האָבען צוזאַמען געשטריטען אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון זייערע געמיינזאַמע פֿיהרער און האָבען איינגענומען איין מדינה נאָך דער אַנדערער. נאָר אַז א בעדייטענדער טייל פֿון לאַנד איז שוין געווען איינגענומען און צעטיילט צווישען די שבטים, איז דער דאָזיגער אַלגעמיינער פֿאָלקס־בונד צעפֿאַלען. די פּאַסטיכער־שבטים, וואָס האָבען געוואוינט אין עבר־הירדן,

זענען געווען געאָגראַפיש אָבגעטיילט פון די שבטים, וואָס האָבען זיך באַזעצט אין אינעווייניגסטען כנען; אויך די לעצטע, פון זייער זייט, האָבען ניט געלעבט גלייך איינער נעבען דעם אַנדערן, נאָר צווישען זייערע חלקים האָבען זיך געפונען די בעזיצונגען פון די אָרטיגע איינוואוינער. דער גאַנצער ברעג פון ים און אויך אַ סך מדינות אין לאַנד, בעזונדערס אין די טאָלען, זענען ניט איינגענומען געוואָרען: אין זיי האָבען געוואוינט כנענים, וואָס האָבען אָבגעטיילט איין שבט פון די בני־ישראל פון דעם אַנדערן. אפילו אין חלק פון איטליכען שבט האָבען די בני־ישראל געוואוינט צעמישט מיט די כנענים; די בעזיגער האָבען געלעבט בשלום מיט די בעזיגטע, פלעגען זיך מתחתן זיין מיט זיי און איבערנעהמען זייערע מנהגים. אָפטמאָלס פלעגען זיך די בני־ישראל בעזעצען אין שטעדט, וואָס האָבען געהערט צו די כנענים, און דעמאָלט פלעגען זיי זיין אונטערטעניג דער אָרטיגער בעפעלקערונג. דאָס, וואָס די בני־ישראל זענען צעפאַלען אויף איינצעלנע שבטים און זענען געווען צעוואָרפען צווישען די אָרטיגע פעלקער, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפ'ן אויסערן און אינערליכען לעבען פון פאָלק.

די קריגערישע און ווילדע שבטים, וואָס האָבען געוואוינט ביי די גרעניצען פון כנען, פלעגען אָפט אויסנוצען דעם אומשטאַנד, וואָס דאָס פאָלק ישראל איז ניט פעראייניגט. די אַרמים, מואָבים, עמונים, מדינים, שפּעטער די פלשתים — האָבען איינע נאָך די אַנדערע אונטערדריקט די בני־ישראל; זיי פלעגען אָנפאַלען אַמאָל אויף איין שבט, אַמאָל אויף אַנ'אַנדערן, פלעגען זיי גובר זיין און נעהמען פון זיי צינז. אָפטמאָלס פלעגען די כנעניישע פירשטען גופא זיך פעראייניגען, בכדי צו פיהרען קריג מיט די שכנישע שבטים פון די בני־ישראל. אין אַזעלכע פאַלען פלעגט ביי די בני־ישראל ווידער אויפוואַכען זייער קריגערישער גייסט. אין דעם אָדער יענעם שבט פלעגט אויפשטעהן אַנ'עלטסטער (שופט) אָדער קריגספיהרער, וואָס פלעגט צונויפקלייבען עטליכע שבטים אונטער זיין אָנפיהרונג, האַלטען מלחמה מיט די פרעמדע אונטערדריקער און פלעגט בעפרייען זיין פאָלק פון שווערען יאָך. אַז די דאָזיגע בעפרייאונגס־קריג פלעגען זיך ענדיגען, פלעגט זיך דער בונד פונאַנדערפאַלען אויף איינצעלנע שבטים, וואָס איטליכער פון זיי האָט געלעבט זיין בעזונדער פאַטריאַרכאַלישע לעבען.

נאָך אַ לאַנגען וואַנדער־לעבען האָבען די בני־ישראל אָנגעהויבען זיך צוגעוועהנען צו אַ ישוב־לעבען פון ערד־אַרבייטער און ווייגערטנער. זיי האָבען זיך אַלץ מעהר צוגעבונדען צום לאַנד, וואָס זיי האָבען, לויט זייערע אַלטע טראַדיציעס, גערעכענט פאַר דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן. פון די אָרטיגע איינוואוינער האָבען זיי זיך אָבגעלערנט, ווי אַזוי מען בעדאַרף בעאַרבייטען די ערד, ביי זיי האָבען זיך ענטוויקעלט די קולטורעלע בעזונדערהייטען, וואָס זענען פערבונדען מיט דעם ערדבאָדען און מיט'ן קלימאַט. זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו די כנענים, וואָס זענען געווען זייערע קרובים לויט דער שפּראַך און לויט

דער ראסע, און זענען זיך מיט זיי מתחתן געווען; מחמת דעם האבען זיי אויך איבערגענומען זייערע רעליגיעזע מנהגים.

די רעליגיע פון די דעמאלטיגע כנענים איז געווען א פרימיטיווע, נא־טירליכע; זיי האבען געדיענט צו נאטור־קרעפטען, וואס באווייזען זיך אין אל־טעגליכען לעבען. עס זענען געווען ביי זיי שוץ־געטער פון ערדארבייט, פון גערטנעריי, פון וויינגערטנעריי; אט אלע די ארבייטען זענען געווען פערבונדען מיט געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס. איטליכער ארט — א שטאדט צי א דארף — האט געהאט זיין גאט, דעם „בעל־הבית“ פון ארט (בעל), און ווער ס'האט געוואלט וואוינען אין א געוויסען ארט, האט באדארפט דיענען דעם ארטיגען בעל. צוליעב רעליגיעזע צערעמאניעס פלעגט מען זיך צונויפקלייבען אויף א בארג (במה) אדער אין א וועלדיל; דארט האט זיך געפונען א מזבח, א שטיינערנער דענקמאל (מצבה) אדער א הייליגער בוים (אשרה). אין די גרויסע שטעדט, באזונדערס אין די, וואס ביים ברעג ים, זענען געווען געצענהייזער מיט מעהר געצענבילדער און מיט מעהר פערוויקעלטע צערעמאניעס. דארט האט זיך געפיהרט דער אונאנשטענדיגער געטעסדיענסט פון דער געטין אסטארטא (עשתורת) און דער בלוטיגער מנהג מקריב צו זיין די בכורים.

די בני־ישראל זענען ווייט געווען פון אזעלכע עקסטרעמע פארמען פון געצענדיענסט; נאר די פשוט'ע ארטיגע צערעמאניעס פון דעם בעלים־דיענסט, האבען זיי יא געמוזט באלד איבערנעהמען. מיט די דאזיגע ארטיגע געטער איז איטליכער פון די בני־ישראל תמיד געקומען אין בערירונג. צי האט ער גע־געסען ביי איין טיש מיט אן ארטיגען איינוואוינער, צי האט ער מיט איהם געמאכט געשעפט, אדער ער האט זיך מיט איהם מתחתן געווען — אין אלע אזעלכע פאלען האט ער געמוזט נעהמען אן אנטייל אין א רעליגיעזער צערע־מאניע, ער האט געמוזט דיענען דעם שוץ־גאט פון געגעבענעם ארט אדער פון געגעבענעם שבט. צי האט ער געאקערט אדער געזייהט תבואה, אדער געפלאנצט א וויינגארטען — שטענדיג האט ער געמוזט אויסערפילען די געוועהנליכע רעלי־גיעזע צערעמאניעס לכבוד די שוץ־געטער פון די דאזיגע ארבייטס־צווייגען. די הויפטליכע רעליגיעזע ימים־טובים זענען געווען פערבונדען מיט דער אומבייטונג פון די יאהרעס־צייטען און מיט זייער באדייטונג פאר דער ערדארבייט. דערמיט קאן דערקלערט ווערען דאס, אז די גרויסע ימים־טובים (שלש רגלים) האבען שפעטער געהאט פאר די בני־ישראל נים אזוי א נאציאנאל־היסטארישע, ווי א לאנדווירטשאפטליכע באדייטונג. (פסח אדער חג־האביב — לכבוד דעם צייטיג ווערען פון די זאנגען, שבעות אדער חג־הקציר — לכבוד דעם קארן־שניט און סכות אדער חג־האסיף — לכבוד דעם אויפקלייבען די ווייטרויבען.)

אין איין שורה מיט די ארטיגע גאטעסדיענסטען איז געשטאנען דער דיענסט צו יאהווע. לויט די בעגריפען פון די דעמאלטיגע בני־ישראל האבען אזעלכע דיפוכים פולקים געפאסט צוזאמען. יאהווע האט זיך גערעכענט פארן אלגעמיינעם

נאַציאָנאַלען גאָט פֿון ישׂראל, וואָס פֿערטיידיגט זיין פֿאָלק אין מלחמות מיט אַנדערע פֿעלקער, נאָר ניט פֿאַר'ן גאָט פֿון אַ וואָסער עס איז אָרט אָדער אַרבייטסצווייג. דאָס איז געווען דער איבערשטער גאָט פֿון דער נאַציע, וואָס אים האָט מען געקאָנט דינען אינאיינעם מיט פֿערשיידענע בעלים פֿון כּנען. אויפֿ'ן דינסט צו די בעלים האָט דאָס פֿאָלק געקוקט, ווי אויף אַ סכום פֿון אַלגעמיינאָנגענומענע אָרטיגע מנהגים, וואָס פֿון זיי קאָן מען זיך ניט אָבזאָגען, כּל זמן מען לעבט אין געגעבענעם אָרט. דער דינסט צו יאַהווע אָבער איז אַ טיעפֿערער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אַקט.

אַגבֿ, איז אויך דער דאָזיגער דינסט אין יענע צייטען געווען זעהר פּשוט. דעם משכּן אין שילה, וואָס האָט זיך געפֿונען אין לאַנד פֿון אֶפֿרים, פֿלעגט מען, אַפֿנים, זעלטען ווען בעזוכען, און דאָס נאָר די איינוואוינער פֿון די נאָהענטסטע ערטער. אָהין פֿלעגט מען אַמאָל קומען „צו פֿרעגען יאַהווע" (לשאל ביהוה) דורכ'ן כּהן וועגען דער צוקונפֿט, וועגען דעם ערפֿאָלג פֿון וואָסער עס איז אונטערנעהמונג וכדומה. דער כּהן האָט דאָ געשפּיעלט דער עיקר אַ ראָל פֿון אַ נביאות־זאָגער (אורים ותּומים). אין אַנדערע ערטער ערשיינט דער לוי אַלס פֿערמיטלער צווישען פֿאָלק און יאַהווע. די לויים פֿלעגען בויען אין פֿערשיידענע ערטער זייערע קליינע טעמפּלען, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער הויפּטליכער געצענבילד־אָראַקעל (אֵפֿוד), וואָס פֿלעגט נביאות זאָגען דורך דעם לוי אין יאַהווע'ס נאָמען, און קליינע הויז־געצענבילדער (תּרפֿים). אויף אַזאַ אופֿן זענען אַריינגעדרונגען אין דינסט צו יאַהווע היידנישע פֿאָרמען.

נאָר אין זעלטענע מאָמענטען, ווען די אָדער יענע שבֿטים פֿון די בני־ישׂראל פֿלעגען זיך פֿעראייניגען צוליעב אַ מלחמה קעגען אַלגעמיינעם שונא, פֿלעגט דער דינסט צו יאַהווע זיך מעהר פֿערשפּרייטען צווישען פֿאָלק. אויב די בני־ישׂראל פֿלעגען מנצח זיין, האָט דאָס געהייסען, אַז יאַהווע האָט מנצח געווען די געטער פֿון די איינגענומענע פֿעלקער. דער נאַציאָנאַלער נצחון פֿלעגט ווערען גערעכענט צו גלייכער צייט פֿאַר אַ רעליגיעזען, און די אויפֿהויבונג פֿון פֿאָלקסגייסט פֿלעגט אַרויסרופֿען אַ גאָטספֿאָרכטיגקייט בנוגע צו יאַהווע.

אַזעלכע מאָמענטען האָבען געדיענט אַלס סימנים פֿון דער צוקונפֿטיגער פֿעראייניגונג פֿון פֿאָלק. נאָר אין דער צייט, וואָס מיר בעשרייבען, האָט דאָס פֿאָלק ישׂראל נאָך איבערגעלעבט די צייט פֿון זיין פֿריהער יוגענד. עס איז נאָך ניט צייטיג געוואָרען, כּדי צו פֿערשטעהן די הויכע אמת'ען פֿון דער רעליגיע, וואָס משה האָט געגרינדעט, און איז שטאַרק נוטה געווען צו דער קינדישער אמונה, וואָס אַלע פֿעלקער האָבען אין אָנהויב פֿון זייער ענטוויקלונג. מחמת אויסענהייט פֿלעגט עס צונויפֿמישען פֿרעמדס מיט אייגענס, אָדער על־פּי הכּרח פֿלעגט עס זיך אונטערגעבען פֿרעמדס, אָבער בעוואוסטערהייד פֿלעגט עס זיך פֿון זיינס ניט אָבזאָגען. ווי ווייט די בני־ישׂראל האָבען זיך ניט אָבגעקעהרט פֿון דער געירש'ענטער נאַציאָנאַלער אמונה, פֿונדעסטוועגען איגנאָנצען זיך אויס־

מישען מיט די אַרומיגע היידנישע פעלקער האָבען זיי ניט געקאָנט. און זכרון פון פאָלק ישראל זענען נאָך געלעגען די טראַדיציעס פון דער פערגאַנגענהייט: וועגען די פרומע אָבות, וועגען דער בעפרייאונג פון דער עגיפּטישער קנעכט־שאַפט, וועגען מעמד־הר־סיני. די ערצעהלונגען וועגען די דאָזיגע געשעהענישען פלעגען ווערען איבערגעגעבען פון פאָטער צום זוהן און האָבען אונטערגעהאַלטען דעם פאָלקס גייסט אין צייטען פון אונאיינינקייט און שוואַכקייט. די „תורה־מורשה“, די געירשענטע תורה איז ניט פערשוואונדען, נאָר זי איז פערבליבען אין דער נשמה פון די ווייניגע אויסדערוועהלטע, וואָס זיי איז בעשערט געווען שפּעטער צו פעראייניגען דאָס פאָלק ישראל פּאָליטיש און רעליגיעז.

מיר געהען איצט איבער צו דער גענויער ערצעהלונג וועגען דער צייט פון די שופטים אויפ'ן גרונד פון היסטאָרישען עפּאָס, וואָס איז פערבליבען אין תנ"ך. די דאָזיגע עפּאָכע, וואָס איהר כראָנאָלאָגיע איז נאָך ניט אויפגעקלערט (XII—XV אָדער XI—XIII יאָהרהונדערט.) האָט געדויערט צוויי ביז דריי יאָהר־הונדערטען.

די ערשטע שופטים.

§ 43. נאָך יהושע'ס טויט האָט דאָס פאָלק ישראל ניט געהאַט קיין אַלגעמיינעם פיהרער. איטליכער שבט האָט זיך בעפעסטיגט אין זיין חלק און האָט געשטרעבט, נאָך די לאַנגיאָהריגע קריג, צו רוה און פרידען. נאָר די קריגערישע שבטים, וואָס האָבען געוואוינט נעבען די גרעניצען פון כנען, האָבען ניט דערלאָזט די בני־ישראל אויף א לאַנגער צייט אין רוה, וואָרום אָפט פלעגען זיי אָנפאַלען אויף זייערע בעזיצונגען.

צוערשט זענען אַריינגעדרונגען אין כנען פון צפון־זייט די אַרמים (סיריער) און אין משך פון אַכט יאָהר האָבען זיי אונטערדריקט די בני־ישראל. יעמאָלט איז אויפגעשטאַנען עתניאל, דער עלטסטער פון שבט יהודה; בראש פון א קליינעם חיל האָט ער פערטריבען די אַרמישע גאַרניזאָנען, וואָס זענען אָבגעשטעלט געוואָרען אין די שטעדט פון יהודה. ערמוטיגט דורך דעם, האָבען די בני־ישראל אָנגעהויבען מאַסענווייז זיך צונויפקלייבען אַרום דעם דאָזיגען העלד. עתניאל האָט זיך געלאָזט געהן מיט א גרויסען חיל קיין מעסאָפּאָטאַמיען, האָט מנצח געווען די אַרמים, האָט געטויט זייער קעניג כושן און האָט בעפרייט זיין פאָלק פון דער פרעמדער הערשאַפט. נאָך דער מעשה האָט א טייל פון די בני־ישראל אָנערקענט עתניאל'ן פאַר זייער שופט.

נאָר נאָך זיין טויט האָט זיך ווייטער איינגעשטעלט אַנאַרכיע. און אַז די אַרומיגע פעלקער האָבען דערזעהן, אַז צווישען די בני־ישראל איז קיין אחדות ניטאָ, האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען זיי צו בעאונרוהיגען. די מואבים פון עבר־הירדן זענען אַריבער דעם ירדן און האָבען פערכאַפּט יריחו און אַנדערע בעזיצונגען פון'ם שבט בנימין. א לאַנגע צייט האָט דער דאָזיגער שבט

געמוזט ליידען דעם דרוק פון די מואבים און געצאָהלט צינז זייער גרויזאַמען קעניג, עגלון. נאָר צולעצט איז אַרויסגעטראָטען אהוד, וואָס האָט בעשלאָסען צו בעפרייען זיין שבט. ער איז געקומען צו עגלון, דעם קעניג פון מואב, מיט דעם איסרייד, אַז ער האָט איהם געבראַכט מתנות פון די בני-ישראל; נאָר בשעת ער איז געבליבען מיט'ן קעניג אונטער פיער אויגען, האָט אהוד איהם דערשטאָכען. דערנאָך האָט אהוד צונויפגעקליבען אַ גרויסען חיל, האָט אויסגעהרג'עט אין יריחו אַלע מואבים און האָט פערטריבען די איבעריגע פון די בעזיצונגען פונ'ם שבט בנימין.

דער פערטיידיגונגס-בונד פון די שבטים (דבורה).

§ 44. בשעת די דרום'דיגע שבטים (יהודה און בנימין) האָבען זיך בעזיכערט קעגען אָנפאַלען פון פרעמדע, האָבען די צפון'דיגע שבטים (נפתלי, זבלון, יששכר, אשר) געמוזט פיהרען אַ קאַמפף מיט די אָרטיגע פעלקער. דעם צפון-טייל פון כנען האָבען די בני-ישראל ניט אינגאַנצען געהאַט איינגענומען, און אַ סך כנענים האָבען נאָך ווייטער געלעבט אין זייערע בעפעסטיגטע שטעדט אין מיטען פון די בעזיצונגען פון די בני-ישראל.

איינמאָל האָבען די מלכים פון די דאָזיגע פעלקער געשלאָסען צווישען זיך אַ בונד, כדי אָנצופאַלען אויף די שכנ'ישע בני-ישראל. בראש פון די דאָזיגע פערבינדעטע איז געשטאַנען יבין דער מלך פון חצור, וואָס האָט, אַ דאַנק זיין מוטיגען קריגספיהרער סיסרא, פערשפרייט זיין הערשאַפט איבער דעם גאַנצען לאַנד, וואָס צום צפון-זייט און מערב-זייט פון ים-כנרת. סיסרא איז אָנגעפאַלען אויף די שכנ'ישע שבטים פון די בני-ישראל, האָט זיי גובר געווען און שטאַרק אונטערדריקט. מחמת די בני-ישראל זענען געווען אונאייניג צווישען זיך און שוואַך בעוואָפענט, האָבען זיי ניט געקאָנט קעמפפען מיט דעם מורא'דיגען חיל פון די פערבינדעטע מלכים, וואָס איז געווען גוט בעוואָפענט און האָט געהאַט אַ סך קריגס-רייטוועגען. אַ סך פון די בני-ישראל פון די צפון'דיגע שבטים זענען אַנטלאָפען פון דעם דרוק פון די פיינד אין די לענדער פון זייערע ברידער, פון שבט אפרים.

אין יענער צייט האָט אויפ'ן באַרג אפרים געלעבט אַ ניט-געוועהנליכע פרוי, דבורה. זי האָט געהאַט אַ שם אין פאָלק מחמת איהר קלוגשאַפט, שטאַרקען כאַראַקטער און גוטע מדות. מ'האָט זי געהאַלטען פאַר אַ נביאה; צו איהר פלעגט מען קומען פרעגען עצות און אויף דין-תורה'ס. זיצענדיג אונטער אַ פאַלמען-בוים, האָט דבורה געלערנט און גע'משפט דאָס פאָלק.

אַז דבורה האָט דערהערט פון די, וואָס זענען אַנטלאָפען געוואָרען פון צפון, וועגען די אונטערדריקונגען, וואָס זייערע ברידער קומט אויס אויסצושטעהן מצד סיסרא'ן, האָט זי אָנגעהויבען רופען דאָס פאָלק צו אַ פעראייניגטען קאַמפף קעגען דעם אונטערדריקער. זי האָט גערופען צו זיך ברק'ן, אַ מאַן פון שבט

יששכר, אין האט איהם געהייסען געהן בראש פון א חיל קעגען סיסרא. זי אליין איז מיט זיי אויך מיטגעגאנגען אין מלחמה. די אלגעמיינע סכנה האט פעראייניגט די בני־ישראל. מוטיגער קריגסלייט פון די צפונ'דיגע שבטים און אויך פון אפרים, מנשה און בנימין, זענען זיך איילינג צונויפגעקומען אין טאל יזרעאל, וואו זיי זענען צוגעשטאנען צו ברק'ס חיל.

אז סיסרא האט דערהערט, אז די בני־ישראל האבען זיך בעוואפענט, האט ער צונויפגעקליבען זיינע רייטער און האט זיך געלאזט צום טייך קישון (נחל קישון), נעבען בארג כרמל. דא איז פארגעקומען דער ענטשיידענער קאמפף. סיסרא'ס חיל מיט זיינע שווערע רייטוועגען האט ניט געקאנט פריי זיך בעוועגען אין דער בערגיגער געגענד; פערקעהרט, דאס לייכטע פוספאלק פון די בני־ישראל האט געקאנט איהם דערלאנגען קלאפ אויף קלאפ. דער שונא איז געווארען להלוטין געשלאגען, סיסרא איז אנטלאפען געווארען צו־פוס און האט זיך בעהאלטען אין געצעלט פון יעל, וואס איז געווען די ווייב פון א קיניש'ען עלטסטען. יעל האט מ'כלומר'שט פריינדליך אויפגענומען סיסרא'ן, האט געגעבען איהם צו טרינקען מילך און האט איהם געגעבען אנ'עצה זיך צו לעגען אויסרוהען. נאר אז סיסרא איז אנטשלאפען געווארען, האט זי גענומען א שארפען צוואק פון געצעלט און מיט א האמער ארייגעהאקט איהם סיסרא'ן אין שארבען; סיסרא איז געשטארבען. די מאכט פון צפון־כנען איז געווארען געבראכען, און די בני־ישראל זענען אויף א סך יאהרען בעפרייט געווארען פון שווערען דרוק.

די „שירת־דבורה", וואס איז ערהאלטען געווארען אין תנ"ך, שילדערט אין העלע בילדער די בעגייסטערונג, וואס האט ארומגעכאפט די בני־ישראל אין דער צייט פון אט דעם גרויסען פערטיידיגונגס־קאמפף.

„הערט אויס, איהר מלכים! פערנעהמט, איהר שרים! איך זינג צו יאהווע, צום גאט פון ישראל... ס'איז ניט געווען קיין פיהרער אין ישראל, ביז וואנען איך, דבורה, בין אויפגעשטאנען, ביז וואנען איך בין אויפגעשטאנען, א מוטער אין ישראל... שטעה אויף, ברק, און פאנג דיין פאנג, דו זוהן פון אבינועם. אט זענען געקומען (קריגסלייט) פון אפרים, נאך זיי פון בנימין, פון זבולון זענען געקומען פיהרער און פון יששכר—פירשטען אינאיינעם מיט דבורה'ן. נאר ראובן איז זיך צו לאנג מיישב. וואס זשע הערסטו, ראובן, צווישען די געמארקען, בכדי צו הערען די געשרייען פון די סטאדעס? ראובן איז זיך צו לאנג מיישב. גלעד לאגערט אין עבר־הירדן, נאר פאר וואס זיצט דן אין די שיפען? אשר האט זיך בעזעצט אויפ'ן ברעג ים. זבולון איז א פאלק, וואס איז מקריב זיין לעבען אין שטרייט, און נפתלי—אויפ'ן שלאכטפעלד. ס'זענען געקומען מלכים, האבען געשטריטען, נאר קיין רויב האבען זיי ניט בעקומען. פון הימעל האט מען מלחמה געהאלטען, די שטערען פון זייערע שטעגען האבען מיט

סיסראַ מלחמה געהאַלטען... זאָל געבענשט זיין צווישען פֿרויען יעל, די פֿרוי פֿון חבר הקיני. וואַסער האָט ער געבעטען, מילך האָט זי איהם געגעבען. איהר לינקע האַנד האָט זי אויסגעשטרעקט צום צוואָק, די רעכטע האַנד — צום האַמער: זי האָט אַ קלאַפּ געטהאָן סיסראַ'ן, צעהאַקט איהם דעם קאָפּ און געשפּאָלטען זיין שלייף. דורכ'ן פענסטער'ל קוקט און יאָמערט סיסראַ'ס מוטער: פֿאַרוואָס זאַמען זיך אַזוי זיינע רייטער, פֿאַרוואָס קומען ניט זיינע רייטוועגען? איהרע שׂרות'טעס ענטפֿערן איהר אויך זי אַליין פֿערענטפֿערט זיך: געווים האָבען זיי געפֿונען און צעטיילען רויב, זיי צעטיילען צווישען זיך די געפֿאַנגענע פֿרויען און די פֿאַרביגע געוואַנטען. אַזוי זאָלען אונטערגעהן אַלע דיינע פֿיינד, יאַהווע, און דיינע פֿריינד זאָלען שיינען, ווי די זון אין איהר גאַנצער מאַכט".

ירובעל—גדעון.

§ 45. נאָך אַ לאַנגען משך צייט פֿון אַ רוהיגען לעבען, האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען פֿאַר די בני־ישראל קלאָגעדיגע צייטען. די מדינים־נאָמאַדען פֿון מזרח און די האַלב־ווילדע עמלקים פֿון דרום זענען „געקומען צו פֿליהען ווי היישעריקען" אויף די בעזיצונגען פֿון די בני־ישראל. זיי פֿלעגען זיך אריינרייסען אַהין אין דער צייט פֿון תבואה־שניט, פֿלעגען אַרומוואַנדרעווען אויף זייערע קעמלען איבער'ן גאַנצען לאַנד און פֿלעגען אויפֿשלאָגען זייערע געצעלטען, וואו נאָר זיי פֿלעגען ווען. אומעטום פֿלעגען זיי אויסראָטען די תבואות אויף די פֿעלדער, אַוועקטרייבען די בהמות און בדלות שטעלען די פֿרידליכע איינוואוינער. די בני־ישראל פֿלעגען בעהאַלטען זייער אייגענס אין הייהלען און בערג־שפּאַלטען. דאָס פֿאָלק האָט אינגאַנצען פֿערלאָרען דעם מוט.

אין דער זעלביגער צייט האָט געלעבט אין דער שטאָדט עפֿרה, ניט ווייט פֿון טאָל יזרעאל, אַ מאַן מיט'ן נאָמען ירובעל אָדער גדעון, אַ זוהן פֿון אַן ערדאַרבייטער יואש פֿון דער משפּחה אבי־עזר, וואָס געהערט צום שבט מנשה. פֿון זיין פֿאָטער האָט גדעון איבערגענומען דעם קולט פֿון דעם אָרטיגען אָבגאָט בעל, וואָס פֿון איהם האָט ער בעקומען זיין ערשטען נאָמען, נאָר שפּעטער האָט ער זיך פֿון דעם דאָזיגען קולט אָבגעזאָגט. דער פֿרעמדער דריק האָט דערוועקט אין גדעון'ס נשמה די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע געפֿיהלען. אונטער דער ווירקונג פֿון די דאָזיגע געפֿיהלען האָט ער אַמאָל ביי־נאַכט צעשטערט דעם מזבח פֿון בעל, וואָס האָט געהערט זיין פֿאָטער, האָט אָבגעהאַקט די אשרה, וואָס איז געשטאַנען דערביי, און האָט אויפֿגעבויט אַ נייעם מזבח לכבוד יאַהווע. די איינוואוינער פֿון שטאָדט האָבען געוואָלט טויטען גדעון'ען פֿאַר זיין חלול־הקודש, נאָר זיין פֿאָטער האָט איהם מציל געווען פֿון זייערע הענד.

באַלד איז פֿאָרגעקומען אַ צופֿאַל, וואָס האָט נאָך מעהר פֿערשטאַרקט גדעון'ס נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. איין מאָל, אַז די מדינים זענען אָנגעפֿאַלען

אויף די בני־ישׂראל, האָבען צוויי פֿון זייערע קריגספֿיהרער גענומען געפֿאַנגען גדעונ׳ס ברידער, און האָבען זיי אונברחמנות׳דיג דערהרג׳עט. גדעון איז אַריין אין כעס און האָט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין אָן די אונטערדריקער. ער האָט אָנגעהויבען רופֿען די בני־ישׂראל, זיי זאָלען זיך בעוואָפֿענען, כדי צו פֿערטיידיגען זייער פֿאָטערלאַנד. אויף זיין רוף האָבען זיך אָבגערופֿען טויזענדער קריגסלייט פֿון די שבֿטים: מנשה, זבֿולון, אָשר און נפֿתּלי.

אין דער צייט האָט דער חיל פֿון די מדינים געהאַט אויפֿגעשלאָגען זיין לאַגער אין טאָל יזרעאל און האָט זיך געגרייט צו פֿערוויסטען דאָס לאַנד. גדעון האָט בעשלאָסען צו בעפֿאַלען זיי פּלוצלינג. ער האָט אויסגעקליבען צווישען זיין חיל איינינע הונדערט קריגסלייט און האָט זיי געגעבען אין די הענד טרומייטען און ברענענדיגע פֿאַקעלן, וואָס זענען געווען בעהאַלטען אין קרוגען. די נאַכט, בשעת די פֿיינד זענען נאָך געשלאָפֿען, זענען די דאָזיגע קריגסלייט, אונטער גדעונ׳ס אָנפֿיהרונג, בעפֿאַלען זייער לאַגער, האָבען אַרויסגעשטעלט די פֿאַקעלן און אָנגעהויבען צו בלאָזען אין די טרומייטען און צו שרייען „א שווערד פֿאַר גאָט און פֿאַר גדעון!“ (חרב ליהוה ולגדעון). די מדינים האָבען זיך פֿון די געשרייען אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און האָבען זיך געלאָזט לויפֿען, מחמת זיי האָבען גערעכענט, אַז אויף זיי איז אָנגעפֿאַלען א גרויסער חיל. די בני־ישׂראל האָבען זיך געלאָזט נאָכיאָגען נאָך זיי און האָבען אויסגעהרג׳עט א סך מענשען. דערנאָך האָט גדעון פֿונאַנדערגעשיקט שלוחים צו אַלע שבֿטים, זיי זאָלען כאַפּען אויפֿ׳ן וועג די פֿיינד. דער שטאַרקער שבֿט אפֿרים איז אויך צוגעשטאַנען צו דער בעוועגונג און האָט גענומען געפֿאַנגען די אָנפֿיהרער פֿון די מדינים. נאָר גדעון האָט זיך ניט בעגנוגענט דערמיט אַליין, וואָס ער האָט פֿערטריבען די פֿיינד פֿון ארץ־ישׂראל: ער איז אַריבער מיט זיין חיל דעם ירדן און איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד פֿון די מדינים. דאָרט האָט ער צעשלאָגען א גרויסען חיל פֿון די מדינים און האָט גענומען געפֿאַנגען זייערע צוויי אָנפֿיהרער, זבח און צלמנע. גדעון האָט לכתחלה געוואָלט לעבען לאָזען די געפֿאַנגענע, נאָר אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבען דאָס געטויט זיינע ברידער, האָט ער געהייסען זיי טויטען.

מחמת דעם דאָזיגען גלענצענדען נצחון האָט גדעון בעקומען א שם צווישען פֿאָלק. די בני־ישׂראל האָבען פֿערשטאַנען, אַז זיי וואָלטען געווען שטאַרק, אויב זיי וואָלטען שטענדיג געהאַט אַזעלכע פֿיהרער, ווי גדעון. די פֿאָרשטעהער פֿון די צענטראַלע שבֿטים, וואָס האָבען געהאַט אויסגעקליבען איהם פֿאַר א שופֿט, האָבען איהם פֿאָרגעלעגט אָנצונעהמען דעם טיטעל קעניג פֿאַר זיך און פֿאַר זיינע יורשים. נאָר דער בעשיידענער פֿיהרער האָט געענטפֿערט: „ניט איך וועל הערשען איבער אייך, און ניט מיין זוהן וועט איבער אייך הערשען; גאָט וועט זיין אייער הערשער“. אלס זכר פֿון דעם נצחון איבער די פֿיינד, האָט גדעון אויסגעבויט אין דער שטאָדט עפֿרה א טעמפּעל, וואו עס איז גע־

שטאַנען אַ סטאַטוע פֿון יאַהווע. די דאָזיגע סטאַטוע איז געוואָרען אָבגעגאָסען פֿון דעם גאָלד, וואָס די בני־ישראל האָבען אָבגענומען ביי די מדינים.

אַבימלך. (אַ פּרוּוו אייננצופֿירען דעם מאָנאַרכיזם)

§ 46. גדעון איז געשטאָרבען זעהר אַלט און האָט איבערגעלאָזט אַ סך זיהן פֿון פֿערשיידענע פֿרויען. צווישען זיי איז געווען איינער, מיט'ן נאָמען אַבימלך, וואָס זיין מוטער האָט געשטאַמט פֿון דער שטאָדט שכם און האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסע משפּחה. אַבימלך איז געווען אַ גרויסער רודף־כּבוד און האָט געוואָלט ווערען אַ מלך איבער די בני־ישראל. צוליעב דעם האָט ער מיט דער הילף פֿון זיינע קרובים, די איינוואוינער פֿון שכם, געטויט אַלע זיינע ברידער, חוץ דעם יונגסטען — יותם, וואָס האָט בעוויזען צו אַנטלויפֿען. די איינוואוינער פֿון שכם האָבען אָנערקענט אַבימלך פֿאַר אַ קעניג. און אַז יותם האָט זיך דערוואוסט דערפֿון — דערצעהלט דער תנ"ך — האָט ער זיך געשטעלט אויף'ן באַרג גריזים און האָט געזאָגט צום פֿאָלק פֿאָלגענדען משל, וואו ער שטעלט אַנטקעגען די איידעלקייט פֿון גדעון'ען, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון קעניגליכען טיטעל, קעגען דער נידערטרעכטיגקייט פֿון אַבימלכ'ן, וואָס האָט זיך דערשלאָגען צו דעם דאָזיגען טיטעל מיט דער הילף פֿון רציחות און פֿערברעכענס:

„געגאַנגען זענען אַמאָל די בוימער זאַלבען איבער זיך אַ קעניג און האָבען געזאָגט צום איילבוים: „קעניג דו איבער אונז!" און דער איילבוים האָט געענטפֿערט: „שוין זשע וועל איך אויפֿהערען געבען מיין אייל, וואָס דורך איהם גיט מען אָב כּבוד גאָט און מענשען, און וועל זיך לאָזען אַרומוואַגלען צווישען די בוימער?" — און די בוימער האָבען געזאָגט צום פֿייגענבוים: „קום דו און קעניג איבער אונז!" און דער פֿייגענבוים האָט געענטפֿערט: „שוין זשע וועל איך אויפֿהערען געבען מיין זיסקייט און מיין זאַפֿט, און וועל זיך לאָזען אַרומוואַגלען צווישען די בוימער?" — און די בוימער האָבען געזאָגט צום ווייגשטאָק: „קום דו און קעניג איבער אונז!" און דער וויינשטאָק האָט געענטפֿערט: „שוין זשע וועל איך אויפֿהערען געבען מיין וויין, וואָס דערפֿרעהט גאָט און מענשען, און איך וועל זיך לאָזען אַרומוואַגלען צווישען די בוימער?" — און אַלע בוימער האָבען געזאָגט צום דאָרן: „קום דו און קעניג איבער אונז!" — און דער דאָרן האָט געזאָגט: „אויב איהר ווילט באמת מיך זאַלבען פֿאַר אַ קעניג איבער אייך, טאָ קומט און פֿערבאָרגט אייך אונטער מיין שאָטען; און אויב ניט, דאַן וועט אַ פֿייער אַרויס פֿון דאָרן און וועט פֿערטיליגען די צעדערן פֿון לבנון!"

אַבימלך האָט געקעניגט אינגאַנצען נאָר דריי יאָהר. די איינוואוינער פֿון שכם זענען געווען אונצופֿרידען מיט זיין דעספּאָטישער ממשלה און האָבען קעגען איהם מורד געווען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטיגער ברידער־קריג. די מורדים האָבען פֿערטריבען דעם קעניג פֿון שכם. דעמאָלט האָט אַבימלכ'ס חיל בעלעגערט די שטאָדט און זי איינגענומען. אַבימלך איז אַריינגעטראָטען אין

שכם, װי אין א פײנדליכער שטאדט, האט זי צעשטערט און אומגעהרגעט די אײנװאױנער. א טױזענד מאנסבילען און פרױען האבען זיך בעפעסטיגט אין טורם פון שכם (מגדל-שכם); אבימלך האט דעם דאזיגען טורם אונטערגעצונדען, און אלע מענשען, װאס האבען זיך דארט געפונען, זענען אומגעקומען.

דערנאך האט אבימלכ׳ס חיל בעלעגערט די שטאדט תבץ, װאו די אײנװאױנער האבען אױך מורד געװען קעגען קעניג און האבען זיך אײנגעשלאסען אין טורם. די בעלאגערער האבען געװאלט אונטערצינדען דעם טורם און זענען צוגעגאנגען צו איהם נאהענט. יעמאלט האט א פרױ אראבגעװארפען פון שפיץ טורם א שטיק פון א מיהל-שטײן און האט אבימלכ׳ן געשפאלטען דעם שארבען. אבימלך האט צוגערופען צו זיך זײן װאפען-טרעגער און האט צו איהם געזאגט: „ציה ארױס דײן שװערד און טױט מיך, כדי מען זאל ניט זאגען, אז א פרױ האט מיך געטױט“. און דער װאפען-טרעגער האט איהם דערשטאכען, און ער איז געשטארבען.

אזױ האט זיך אױסגעלאזען דער ערשטער פרוב אײנצושטעלען א קעניגליכע ממשלה צװישען די צענטראלע שבטים פון די בני-ישראל[1]. די פאטריארכאלישע שבט-ארדנונג איז נאך געװען צופיעל שטארק, אז זי זאל אפטרעטען איהר ארט פאר דער מאנארכישער ארדנונג, װאס איהר יסוד איז — א שטענדיגע און ניט בעגרעניצטע ממשלה.

יפתח (א גלעדישע מסורה).

§ 47. די פאסטיכער-שבטים, װאס האבען געװאױנט אױף דער מזרח-זײט פון ירדן, האבען געהאט שטענדיגע צוזאמענשטױסען מיט דעם שכנישען שבט עמונים. דער דאזיגער שבט, װאס אמאל האט גלעד געהערט צו איהם, האט בעטראכט די בני-ישראל אלס פרעמדע עראבערער און האט געמיהט זיך אפנעהמען בײ זײ די מדינות, װאס זײ האבען אײנגענומען נאך פאר די צײטען פון סיחון מלך האמורי. און עס איז געקומען א צײט, אז די עמונים זענען אזױ שטארק געװארען, אז לא די װאס זײ האבען אונטערדריקט די בני-ישראל אין גלעד, די בני-ראובן און בני-גד, נאר זײ האבען אפילו געהאט די העזה אריבערצוגעהן דעם ירדן און אנצופאלען אױף די שבטים פון אינעװײניגסטען כנען. דעמאלט האבען זיך צונױפגעקליבען די עלטסטע פון גלעד און האבען בעשלאסען מלחמה צו האלטען מיט די אונטערדריקער. פאר א פיהרער האבען זײ אױסגעקליבען דעם גבור יפתח.

יפתח איז געװען דער אונגעזעצליכער זוהן פון אײנעם אנאײנװאױנער פון גלעד. זײנע שטיפברידער האבען פערטריבען איהם פון פאטערס הױז און האבען

---

[1] דער נאמען „אבימלך“ האט אױך א סימבאלישע בעדײטונג: ער בעטײט „דער פאטער פון קעניג“, דאס הײסט דער בעגרינדער פון דער קעניגליכער ממשלה.

ביי איהם אָבגענומען די ירושה. יפתח איז אַנטלאָפען געוואָרען אין די שכנישע שטעפּעס און איז געוואָרען אַנאָנפיהרער פון אַ באַנדע רויבער. אַז די עמונים האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו בעדריקען די בני-ישראל, זענען די עלטסטע פון גלעד, יפתח'ס קרובים, געקומען צו איהם און האָבען געזאָגט: „קום און זיי ביי אונז אַנאָנפיהרער אין דער מלחמה מיט די בני-עמון". נאָר יפתח האָט זיי געענטפערט: „איהר האָט דאָך מיך פערטריבען פון מיין פאָטערס הויז; פאַרוואָס זשע זייט איהר געקומען צו מיר איצט, אַז איך איז שלעכט?" נאָר אַז די עלטסטע האָבען אָנגעהויבען זיך שטאַרק בעטען ביי איהם, האָט ער מסכים געווען צו נעהמען אויף זיך די קאָמאַנדע איבער דעם חיל פון די בני-ישראל. קודם כל האָט ער געשיקט צום קעניג פון די בני-עמון שלוחים, וואָס האָבען געפאָדערט, ער זאָל אַרויספיהרען זיין חיל פון די בעזיצונגען פון די בני-ישראל, וואָס ליגען אין צפון-זייט פונים טייך אַרנון. דער קעניג פון די בני-עמון האָט זיך אָבגעזאָגט צו דערפילען די פאָדערונג און האָט געטענה'ט, אַז די דאָזיגע מדינות האָבען אַמאָל געהערט די בני-עמון, נאָר די בני-ישראל, בשעת זיי זענען אַרויס פון מצרים, האָבען זיי אָבגענומען. יפתח האָט איהם ווידער געלאָזט זאָגען דורך די שלוחים, אַז די דאָזיגע מדינות האָבען די בני-ישראל איינגענומען לויט'ן ווילען פון יאַהווע. „דו קענסט הערשען — האָבען די שלוחים געזאָגט צום קעניג פון די בני-עמון — איבער די לענדער, וואָס דיין גאָט כמוש גיט דיר זיי; און איבער די לענדער, וואָס יאַהווע, אונזער גאָט, האָט אונז געגעבען, וועלען מיר הערשען". נאָר דער מלך פון די בני-עמון האָט פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסען.

דעמאָלט האָט יפתח בעשלאָסען אָנצוהויבען די מלחמה. ער איז אָנגעפאַלען מיט זיין חיל אויף די בני-עמון און האָט זיי מנצח געווען. די בני-עמון זענען פערטריבען געוואָרען פון לאַנד גלעד און האָבען מעהר ניט געהאַט די העזה צו בעפאַלען די בני-ישראל. יפתח איז אַלס זיגער אַריינגעטרעטען אין זיין געבורטס-שטאָדט מצפה-גלעד און איז געוואָרען אָנערקענט פאַר אַ שופט.

וועגען דער דאָזיגער מלחמה גיט איבער דער תנ"ך פאָלגענדע שרעקליכע, נאָר צוגלייך ריהרענדע פאָלקס-לעגענדע.

איידער יפתח איז אָנגעפאַלען אויף די פיינד, האָט ער אַזאַ נדר געטאָן: „אויב יאַהווע וועט איבערגעבען די פיינד אין מיינע הענד, און עס וועט זיין, דער וואָס וועט אַרויסגעהן פון מיין שטוב אַנטקעגען מיר, וועט ער געהערען צו יאַהווע און איך וועל איהם ברענגען פאַר אַ קרבן-עולה". און אַז יפתח האָט זיך נאָכ'ן גלענצענדען נצחון צוריקגעקעהרט אַהיים, איז איהם אַנטקעגען אַרויסגעגאַנגען זיין איינציגע טאָכטער מיט אַ פּויק אין דער האַנד. אַז יפתח האָט זי דערזעהן, האָט ער צעריסען זיינע קליידער און האָט אויסגעשריען: „אָ, מיין טאָכטער, דו האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט. איך האָב דאָך אַ נדר געטאָן פאַר יאַהווע, אַז דעם

ערשטען. וועמען איך וועל בעגעגענען ביים שוועל פֿון מיין שטוב ביים צוריקקעהרען, וועל איך ברענגען פֿאַר אַ קרבן, — און איצט קאָן איך שוין מיין וואָרט ניט ברעכען". און די מיידעל האָט געענטפֿערט: „מיין פֿאָטער, אויב דו האָסט געטאָן אַ נדר פֿאַר גאָט, דאַן טו מיט מיר, ווי דו האָסט צוגעזאָגט; וואָרום יהוה האָט דאָך דיר געהאָלפֿען זיך נוקם זיין אין דיינע פֿיינד, די בני-עמון. נאָר איינס וועל איך ביי דיר בעטען. לאָז מיך אָב אויף צוויי חדשים, און איך וועל אַרויפֿגעהן אויף די בערג און וועל דאָרט בעוויינען מיין יוגענד, איך מיט מיינע חבר'טעס".
יפֿתח האָט נאָכגעגעבען דער דאָזיגער בקשה, און זיין טאָכטער האָט אין משך פֿון צוויי חדשים פֿערבראַכט אויף די בערג און האָט זיך געזעגענט מיט איהר יונגען לעבען. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר פֿאָטער, און ער האָט מקיים געווען מיט איהר דעם נדר, וואָס ער האָט געטאָן.

פֿון יענעמאָלט אָן — דערצעהלט ווייטער דער תנ"ך — איז עס אַ מנהג אין ישראל, אַז יאָהר-אויס, יאָהר-איין געהען די טעכטער פֿון ישראל אין די בערג בעוויינען יפֿתח'ס טאָכטער פֿיער טעג אין יאָהר.
אַז דער קריג מיט די בני-עמון האָט זיך געענדיגט, האָט אויסגעבראָכען אַ קריג צווישען די איינוואוינער פֿון גלעד און דעם שבט אפֿרים. די שטאָלצע בני-אפֿרים האָבען פֿעראיבעל געהאַט אויף יפֿתח'ן, וואָס ער האָט זיי ניט גערופֿען צו נעהמען אַנטייל אין דער מלחמה קעגען די בני-עמון. זיי זענען אַריבער דעם ירדן און זענען אַריינגעדרונגען אין גלעד. דעמאָלט איז יפֿתח אַרויסגעטראָטען קעגען זיי מיט זיינע גלעדים, האָט זיי מנצח געווען און האָט זיי פֿונאַנדערגעטריבען. חוץ דעם האָט ער פֿערנומען אַלע בריקען איבער'ן ירדן. אַז עמיצער פֿון די בני-אפֿרים האָט געוואָלט אַריבער דעם ירדן, האָבען די גלעדים איהם געפֿרעגט, צי ער געהערט ניט צום שבט אפֿרים. מורא האָבענדיג פֿאַר זיין לעבען, פֿלעגט יענער ענטפֿערן, אַז ניין. יעמאָלט פֿלעגען די גלעדים בכדי איהם אויסצופּרובען, איהם הייסען אויסרעדען דעם וואָרט „שבולת" (שטראָם), וואָרום עס איז געווען בעוואוסט, אַז די בני-אפֿרים קאָנען ניט גוט אויסרעדען קיין ש און זאָגען אַלע מאָל: סבולת. אַזוי פֿלעגט מען דערקאָנען די בני-אפֿרים און מען פֿלעגט זיי טויטען באַלד אויפֿ'ן אָרט.
יפֿתח איז דערנאָך געווען אַ שופֿט אין גלעד זעקס יאָהר. נאָך איהם רופֿט אָן דער תנ"ך דריי שופֿטים, וואָס זענען געווען איינער נאָך אַנדערן: אבצן פֿון בית-לחם, אילון פֿון שבט זבלון און עבדון פֿון שבט אפֿרים.

שמשון הגבור (אַ דנישע מסורה).

§ 48. אַ נייער פֿיינד האָט אָנגעהויבען צו בעדריקען די בני-ישראל: דאָס זענען געווען די פּלשתים, וואָס האָבען פֿערנומען דעם דרומית-מערבית-ווינקעל

פון כנען. די פלשתים פלעגן בעפאלען די שכנישע לענדער פון די בני-דן און טיילווייז פון די בני-יהודה, האבען איינגענומען א טייל פון די לענדער און אונטערטעניג געמאכט זיך די איינוואוינער. די דרומ׳דיגע שבטים פון די בני-ישראל זענען ניט געווען גענוג שטארק, אז זיי זאלען זיך אנטקעגענ-שטעלען קעגען די פלשתים און האבען בהכנעה איבערגעטראגען דעם פרעמדען יאך. אין „ספר שופטים" זענען פאראן ערצעהלונגען נאר וועגען איין גבור, וואס ער אליין האט נקמה גענומען פון די פיינד פאר זיין אונטערדריקטען פאלק. דאס איז געווען שמשון פון שבט דן, וואס זיין לאנד האט זיך געגרעניצט מיט דעם לאנד פון די פלשתים.

שמשון איז געבארען געווארען אין א משפחה פון שבט דן, וואס האט געוואוינט אין דער שטאדט צרעה. לויט דעם ווילען פון זיינע עלטערן, איז שמשון פון קינדהייט אויף דערקלערט געווארען פאר א נזיר, דאס הייסט א געהייליגטער פון גאט, און דעריבער האט מען ניט גע-טארט איהם אבשערען די האר. פון יוגענד אן האט ער ארויסגעוויזען א ניט-געוועהנליכען כח. ער האט זיך גענומען א כלה פון די פלשתים, און עס האט אמאל געטראפען, אז ער איז געגאנגען אין דער שטאדט, וואו זיין כלה האט געוואוינט. אין מיטען וועג האט ער בעגעגענט א יונגען לייב, וואס האט געוואלט אויף איהם אנפאלען; נאר שמשון האט א כאפ געטאן דעם לייב און האט איהם צעריסען מיט די הענד, ווי א ציקעל.

באלד האט שמשון אנגעהויבען צו ווייזען זיין כח אין קאמפף מיט די שונאים פון זיין פאלק. אין אשקלון האט ער איינמאל דערהרג׳עט דרייסיג פלשתים. אנ׳אנדערש מאל האט ער געפאנגען דריי-הונדערט פיקס, האט צוגעבונדען צו זייערע עקען ברענענדיגע פאקעלן און האט די פיקס לויזגעלאזען אויף די פעלדער פון די פלשתים אין דער צייט פון תבואה-שניט; די גאנצע תבואה אויף די פעלדער איז פערברענט געווארען, און שמשון האט זיך בעהאלטען אין די בערג פון יהודה. דעמאלט זענען די פלשתים אריין אין כעס, זענען בעפאלען דאס לאנד פון יהודה און האבען געפאדערט, מען זאל ארויסגעבען זיי שמשון׳ען. די בני-יהודה האבען זיך דערשראקען און האבען געזאגט צו שמשון׳ען: „וואס האסטו אונז אבגעטאן? צי דען ווייסטו ניט, אז די פלשתים הערשען איבער אונז? מיר וועלען דיך בינדען און איבערגעבען אין זייערע הענד". און זיי האבען געבונדען שמשון׳ען די הענד מיט שטארקע שטריק און האבען איהם ארויסגעפיהרט פון זיין בעהעלטעניש. אבער ווי נאר די פלשתים האבען זיך דערנעהנטערט צו איהם, כדי איהם צו נעהמען, האט ער אנגעשטרענגט זיינע כחות, האט צעריסען די שטריק און איז אנטלאפען. אזוי ווי ער האט קיין געווער ביי זיך ניט געהאט, האט ער אויפגע-

הויבען פון וועג א קינבאק פון א געפגרטען אייזעל און דערמיט פלעגט ער הרג'ענען אלע פלשתים, וואס ער האט געטראפען אויפ'ן וועג.

איין מאל האט שמשון גענעכטיגט אין דער פלשתי'שער שטאדט עזה. די איינוואוינער פון שטאדט זענען דאס דערגאנגען און האבען פערשלאסען די טויערן פון שטאדט, בכדי אויף מארגען אין דערפריה צו פאנגען אידם. נאר שמשון איז אויפגעשטאנען אין מיטען נאכט, און אז ער האט דערזעהן, אז דער טויער פון שטאדט איז פערשלאסען, האט ער ארויסגעריסען דעם טויער מיט די ביישטידלעך מיט די ריגלען און האט עס אוועקגעטראגען אויף די אקסלען אויפ'ן שפיץ בארג קעגען חברון.

מחמת שמשונ'ס גבורות איז זיין נאמען גרויס געווארען צווישען די בני-ישראל, און זיי האבען אידם אויסגעקליבען פאר א שופט. די פלשתים אבער האבען געזוכט א מיטעל, ווי אידם אומצוברענגען. זיי האבען זיך דערוואוסט, אז ער האט ליעב א פלשתי'שע פרוי, מיט'ן נאמען דלילה. און די פלשתי'שע פירשטען זענען געקומען צו דער דאזיגער פרוי און האבען צו איהר אזוי געזאגט: „דערגעה פון שמשונ'ען, אין וואס בעשטעהט זיין גרויסע קראפט און ווי אזוי קאן מען אידם ביי־קומען; מיר וועלען דיר דערפאר געבען איטליכער צו טויזענד און הונדערט שקלים זילבער". און דלילה האט אנגעהויבען זיך בעטען ביי שמשונ'ען, ער זאל איהר אויסזאגען דעם סוד פון זיין קראפט. זי איז אזוי לאנג צוגעשטאנען צו אידם, ביז וואנען ער האט איהר אויסגעזאגט, פון וואנען עס נעהמט זיך זיין קראפט. פון קינדהייט אויף האט מען זיינע האר ניט געשארען, און ווי נאר מען וועט אבשערען זיינע לאנגע יאהר, דעמאלט וועט ער פערלירען זיין קראפט און וועט ווערען ווי א געוועהנליכער מענש. דלילה האט דאס איבערגעגעבען די פלשתים און האט זיי בעהאלטען ביי זיך אין שטוב. ביי־נאכט האט זי שמשונ'ען איינגעשלעפערט און דערנאך אידם אבגעשניטען די האר. מחמת דעם האט ער פערלארען זיין קראפט. יעמאלט זענען די פלשתים ארויס פון זייער בעהעלטעניש, האבען געפאנגען גענומען שמשונ'ען, געשמידט אידם אין קייטען און אויסגעשטאכען אידם די אויגען. דערנאך האבען זיי אידם אריינגעזעצט אין תפיסה אין דער שטאדט עזה, וואו ער האט געמוזט דרעהען מיהל־שטיינער.

א לאנגע צייט איז שמשון געזעסען אין תפיסה, און מיט דער צייט זענען זיינע האר צוריק אבגעוואקסען, און זיין כוח האט אנגעהויבען ווידער אומקעהרען זיך צו אידם. איין מאל האבען די פלשתים געמאכט א גרויסע חגא אין געצענהויז פון זייער אבגאט דגון, וואס זיי האבען געוואלט אידם דאנקען דערפאר, וואס ער האט „איבערגעגעבען אין זייערע

הענד זייער פיינד שמשונ׳ען". בכדי צו פערגרעסערן די שמחה, האָבען די פלשתי׳שע פירשטען געדיינגען ברענגען אין געצענדהויז דעם בלינדען שמשונ׳ען, בכדי ער זאָל לוסטיג מאַכען דאָס פערזאַמעלטע פאָלק. שמשונ׳ען האָט מען געבראַכט צו פיהרען אין געצענדהויז פון דגון, וואָס איז געווען פול געפּאַקט, און מען האָט איהם אַוועקגעשטעלט צווישען די זיילען. און שמשון האָט מתפלל געווען צו גאָט אין דער שטיל: „דערמאָן זיך אָן מיר, אָ יאַהווע, און גיב מיר כוח כאָטש דאָס לעצטע מאָל, כדי איך זאָל קענען נקמה נעהמען פון די פלשתים!" און די גאַנצע פריהערדיגע קראַפט האָט זיך אומגעקעהרט צו שמשונ׳ען. ער האָט אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענד די צוויי מיטעלסטע זיילען, וואָס אויף זיי האָט זיך געהאַלטען דער דאַך פונ׳ם געביי, האָט זיי אַ טרייסעל געטאָן, אויסרופענדיג: „זאָל איך אומקומען צוזאַמען מיט די פלשתים!" (תמות נפשי עם פלשתים). און די זיילען האָבען זיך איינגעבראָכען, דער דאַך איז באַלד איינגעפאַלען — און טויזענדער פלשתים זענען דערשטיקט געוואָרען אויף טויט. אַזוי איז שמשון אומגעקומען. דעם גבור׳ס קערפּער האָבען זיינע קרובים צוגענומען און האָבען איהם מקבר געווען צווישען צרעה און אשתאול.

די איבערוואַנדערונג פון די בני־דן.

§ 49. סוף כל סוף איז די שכנות פון די פלשתים געוואָרען אונערטרעגליך פאַר די בני־דן. און דעריבער האָבען אַ סך מענשען פונ׳ם שבט דן בעשלאָסען זיך אַריבערצוקלייבען פון זייער נחלה אין אַנאַנדער קאַנט, וואו זיי זאָלען זיין בעסער פערטיידיגט קעגען אָנפאַלען פון שונאים. זיי האָבען געשיקט קיין צפון־כנען מרגלים, וואָס זאָלען אויסזוכען דאָרט אַ טעריטאָריע, וואָס טויג אויף בעזעצען זיך דאָרט. ביים פוס פון באַרג חרמון, ניט ווייט פון די קוואַלען פון ירדן, האָבען די געפונען אַ שיינעם טאָל, וואו עס איז געשטאַנען די שטאָדט ליש. די איינוואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט זענען געווען צידונים, וואָס זענען געקומען פון פעניציער ברעג פונ׳ם מיטעללענדישען ים און האָבען געבילדעט אַ בעזונדערע קאָלאָניע. דאָס איז געווען אַן אינדוסטריעלעס פאָלק, וואָס האָט געלעבט שטיל און פרידליך („לויט דער געוועהנהייט פון די צידונים" — זאָגט דער תנ״ך) און האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט זיך צו פערטיידיגען קעגען אַ קריגס־אָנפאַל. אַז די מרגלים האָבען דאָס מודיע געווען די בני־דן, האָבען זיי זיך געלאָזט געהן קיין צפון מיט זייערע פאַמיליעס און מיט זייער האָב־און־גוטס. אַז זיי זענען אָנגעקומען אַהין, זענען זיי פלוצלונג אָנגעפאַלען אויף ליש, האָבען די שטאָדט פערברענט און די איינוואוינער פערטריבען. דערנאָך האָבען זיי איינגענומען די גאַנצע אַרומיגע געגענד און האָבען זיך דאָרט בעזעצט. די צעשטערטע שטאָדט ליש איז פון דאָס ניי אויפגעבויט

געוואָרען און האָט בעקומען דעם נאָמען דן. די בני־דן האָבען אויסגעבויט אין דער דאָזיגער שטאָדט א טעמפּעל פאַר יאַהווע, וואָס האָט זיי געגעבען דעם זיג; אָבער דער גאָטעסדיענסט אין דעם דאָזיגען טעמפּעל האָט זיך געפֿיהרט האַלב אויפ'ן היידנישען אופן.

וועגען דער ענטשטעהונג פון דעם דאָזיגען טעמפּעל דערצעהלט דער תנ"ך פאָלגענדעס.

אז די מרגלים פון די בני־דן זענען געגאַנגען קיין צפון, כדי צו זוכען א ניי לאַנד, זענען זיי אונטערוועגס, אין די בערג אפרים, אַריינגע־גאַנגען אין א טעמפּעל, וואָס האָט געהערט אַן אָרטיגען אייטוואוינער מיכה. אין טעמפּעל האָבען זיך געפֿונען א זילבערנע סטאַטוע פון יאַהווע (פּסל), אַן אָראַקעל (אפוד) און הויז־געטער (תרפים). דער כהן פונ'ם דאָזיגען טעמפּעל איז געוועזען א יונגער לוי, וואָס פלעגט דורכ'ן אפוד זאָגען נביאות. די מרגלים פון די בני־דן האָבען געפרעגט דעם כהן, צי וועלען זיי וואָס אויפטון מיט זייער רייזע. ער האָט זיי פאָר־אויסגעזאָגט אַן ערפֿאָלג. באַלד דערויף, ווי נאָר די בני־דן האָבען בע־קומען גוטע ידיעות פון זייערע מרגלים, האָבען זיי זיך געלאָזט געהן קיין ליש און האָבען געוואָלט האָבען דעם פּסל־מיכה ביי זיך. זיי זענען איבערפאַלען מיכה'ס שטוב, האָבען פערנומען אַלצדינג, וואָס האָט געהערט צום טעמפּעל, און האָבען עס אַוועקגעפיהרט אין זייער נייעם וואוינונגס־אָרט; אויך דעם לוי האָבען זיי גענומען מיט זיך. אז די בני־דן האָבען איינגענומען ליש, האָבען זיי אויסגעבויט א טעמפּעל און האָבען אַהין אַריינגעשטעלט דעם פּסל־מיכה. דער לוי יהונתן איז געבליבען ביי זיי דיענען אַלס כהן, און אויך זיינע קינדער זענען געוועזען כהנים נאָך איהם. דער טעמפּעל אין דן, אין צפון־קאַנט פון פאַלעסטינע, האָט עקסיסטירט נאָך א לאַנגע צייט.

די שטרייטען צווישען די שבטים.

§ 50. פון די איבען־געבראַכטע ערצעהלונגען קאָן מען זעהן, אז די שבטים פון די בני־ישראל פלעגען זיך פעראייניגען צו עטליכע איינאיינעם נאָר אין זעלכע פאַלען, ווען זיי האָבען געדאַרפט זיך פערטיידיגען קעגען אויסוויי־ניגסטע פיינד. אין די צייטען פון שלום אָבער פלעגען זיי זיין שטענדיג ניט פעראייניגט. ס'פלעגען אויך טרעפען, הגם זעלטען ווען, צווישען פערשיידענע שבטים איננערליכע סכסוכים און מלחמות. אין „ספר שופטים" זענען פערבלי־בען צוויי ערצעהלונגען וועגען קריג צווישען די איינצעלנע שבטים: די ערשטע — וועגען דעם שוין בעשריבענעם קריג צווישען די בני־אפרים און די בני־גלעד אין יפתח'ס צייטען; די צווייטע — שילדערט דעם קאַמפף פון עטליכע פערבינדעטע שבטים קעגען איינעם.

אין דרום-זייט, ניט ווייט פֿון ים-המלח, האָט געוואוינט אויף זיין קליינער נחלה דער שבט בנימין. איין מאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט נעכטיגען אין דער שטאָדט גבעה, וואָס געהערט צום שבט בנימין, אַ לוי פֿון געבּיט אפרים מיט זיין קעבּסווייב. איינינע איינוואוינער פֿון גבעה, מענשען פֿערווילדעטע און פֿערדאָרבּענע, האָבען ביי-נאַכט אַרומגערינגעלט די הויז, וואו דער לוי האָט גענעכטיגט, און האָבען געפֿאָדערט, אַז דער לוי זאָל אַרויסגעהן צו זיי. דער דערשראָקענער לוי האָט אַרויסגעשיקט צו זיי זיין קעבּסווייב. די נידערטרעכטיגע מענשען האָבען פֿערהאַלטען ביי זיך די פֿרוי אַ גאַנצע נאַכט, האָבען זי פֿערגעוואַלטיגט, און אַז דער מאָרגען איז געקומען, האָבען זיי זי אָפּגעלאָזט צו איהר מאַן. אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט דער לוי געפֿונען זיין קעבּסווייב טויט ביים שוועל פֿון טיר. ער האָט דעם טויטען קערפּער אַרויפֿגעלעגט אויף אַן אייזעל און איז אַוועקגעפֿאָהרען צו זיך אַהיים. געקומען אַהיים, האָט ער צעשניטען דעם קערפּער פֿון דער קעבּסווייב אויף צוועלף שטיקער און האָט זיי פֿונאַנדערגעשיקט צו אַלע שבטים, כּדי זיי צו געבּען וויסען וועגען דער נבלה, וואָס די איינוואוינער פֿון גבעה האָבען אָפּגעטאָן.

די בני-ישראל זענען אַריין אין כּעס און האָבען בּעשלאָסען צו בּעשטראָפֿען די שולדיגע. פֿערשיידענע שבטים האָבען געשיקט קריגס-לייט אינים לאַנד פֿון די בני-בנימין און האָבען געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלען אַרויסגעבּען די פֿערבּרעכער; נאָר די בני-בנימין האָבען זיך דערפֿון אָבּגעזאָגט. יעמאָלט האָבען די בני-ישראל געשוואָרען, אַז זיי וועלען זיך ניט מתחתן זיין מיט די בני-בנימין און וועלען נקמה נעהמען פֿאַר דאָס פֿערגאָסענע בּלוט. אַרום גבעה האָט זיך אָנגעהויבּען אַן ערבּיטערטער קריג. לכתחלה האָבען די בני-בנימין געהאַט די איבּערהאַנד, מחמת זיי זענען געווען גוטע בּויגענשיסער, נאָר צום סוף האָבען זיי ניט געקאָנט בּעשטעהן קעגען דעם צאָהלרייכען חיל פֿון די פֿערבּינדעטע און האָבען בּעקומען אַ גרויסע מפּלה. גבעה איז געוואָרען איינגענומען, טויזענדער בני-בנימין זענען אויסגעהרג'עט, און זייערע שטעדט צעשטערט געוואָרען.

אַז דער קריג איז געווען געענדיגט, האָבען די בני-ישראל זיך צונויפֿגעקליבּען אין בּית-אל. דאָרט האָבען זיי אָנגעהויבּען צו בּעדויערן די מפּלה פֿון זייערע בּרידער — די בני-בנימין. „שוין זשע וועט פֿון ישראל פֿערשווינדען אַ גאַנצער שבט?“ — האָבען זיי געזאָגט. ביי אַ סך פֿון די בני-בנימין, וואָס זענען געבּליבּען לעבּען, זענען די פֿרויען געשטאָרבּען פֿאַר דער צייט פֿון קריג. נאָר די בני-ישראל האָבען ניט געקאָנט עובר זיין אויף זייער שבועה און מתחתן זיין זיך מיט די בני-בנימין. דעריבּער האָבען די פֿאָלקס-עלטסטע אַרויסגעפֿונען אַזאַ מיטעל פֿאַר זיי. זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז די איינוואוינער פֿון שטאָדט יבש, אין גלעד, האָבען

ניט גענומען קיין אנטייל אין קריג, און ממילא זענען זיי פטור פון דער שבועה. דערפאר האבען די עלטסטע געשיקט קעגען דער דאזיגער שטאדט א חיל, וואס האט זי חרוב געמאכט און האט גענומען געפאנגען 400 מיידלעך. די דאזיגע מיידלעך האט מען אבגעגעבען פאר פרויען די בני-בנימין.

נאר אלץ האט נאך ניט געקלעקט קיין פרויען פאר דעם געשלאגענעם שבט. דעמאלט האבען די זקנים בעשלאסען אנצו-ווענדען רמאות. זיי האבען געזאגט צו די בני-בנימין: „אלע יאהר קומט פאר א יום-טוב אין שילה. געהט אהין און בעהאלט אייך צווישען די וויינגערטענער, און אז איהר וועט זעהן, אז די שטאדטישע מיידלעך געהען ארויס טאנצען, דעמאלט געהט ארויס פון אייערע בעהעלטענישען, כאפט אייך איטליכער א מיידעל און קעהרט אייך אום צוריק אהיים". די בני-בנימין האבען אזוי געטאן: זיי האבען גערויבט א סך מיידלעך אין שילה און האבען זיך ווייטער בעזעצט משפחות'ווייז אין זייערע נחלאות. געענדיגט האט עס זיך, אויף אזא אופן, דערמיט, וואס אז דער שבט בנימין איז געבליבען לעבען, און די בני-ישראל האבען זייער שבועה ניט עובר געווען, ווארום ניט זיי האבען זייערע טעכטער געגעבען די בני-בנימין. נאר די לעצטע האבען אליין זיי גענומען.

מקורים: ספר שופטים, קאפ. כ'—כ"א; קדמוניות היהודים, ספר ה', קאפ. ב'—י"א

דריטער קאפיטעל.

דער איבערגאנג פון שבט-ארדנונג צו מלוכה-ארדנונג.

די שטרעבונג צו פעראייניגונג. — עלי-כהן-גדול. — די מהומה-צייטען. — די וואהל פון קעניג. — שאול'ס נצחון; ער ווערט אנערקענט אלס קעניג.

די שטרעבונג צו פעראייניגונג.

§ 51. נאך דער לאנגער צייט, וואס די שבטים זענען געווען אבגעזונדערט איינער פון אנדערן, הויבט זיך אן ביסלעכווייז אין איינצעלנע טיילען פון פאלק צו דערוועקען זיך דאס בעוואוסטזיין פון דער רעליגיעזער און נאציאנאלער איינהייט. געשטארקט האבען זיך די דאזיגע שטרעבונגען צו פער-

איינגען זיך דורך דעם, וואָס פון אויסווייניג איז אַלץ מעהר געוואַקסען די סכנה מצד די פלשתים, וואָס האָבען זיך איינגעפעסטיגט אין דרומית-מערבית ווינקעל פון כנען, נעבען ברעג פון מיטעללענדישען ים.

לויט זייער אָבשטאַמונג האָבען די פלשתים געהערט ניט צו דער כנעניטישער ראַסע, נאָר צו דער פערשיידענאַרטיגער גרופּע פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט אין קליין-אַזיען און אויף די אינזלען פון אַרכיפּעלאַג. זיי האָבען זיך בעזעצט אין כנען בערך אין XII יאָהרהונדערט און האָבען דערנאָך איבערגענומען די שפּראַך פון די בעזיגטע שבטים. דער ברעג פון ים אין לאַנד פון די פלשתים האָט בנוגע צום האַנדעל ניט געהאַט קיין גרויסע בעדייטונג, וואָרום קיין נאַטירליכע האַפענס האָט ער ניט געהאַט; דערפאַר אָבער איז דאָס לאַנד געווען דער הויפּטליכער האַנדעלסוועג, וואָס איבער איהם זענען געגאַנגען קאַראַוואַנען מיט סחורות פון עגיפּטען קיין כנען און בבל און צוריק. מחמת דער ראָזיגער גינסטיגער לאַגע צווישען די מזרח'דיגע קולטור-צענטרען, איז טאַקע די קליינע מלוכה פון די פלשתים באַלד אויסגעוואַקסען. די לעצטע איז בעשטאַנען פון פינף הויפּט-שטעדט מיט זייערע פּראָווינצען: ע ז ה, ג ת, א ש ה ו ד, א ש ק ל ו ן און ע ק ר ו ן. בראש פון איטליכער שטאָדט איז געשטאַנען אַ בעזונדער פירשט, און צווישען די פירשטען איז געווען איינגעשטעלט אַ שטענדיגער בונד. אַזוי ווי די פלשתים זענען געווען אַ קריגערישעס פאָלק, וואָס איז נאָך געווען דערצו פּאָליטיש פעראייניגט, איז דעריבער זענען זיי געווען זעהר געפעהרליך פאַר די בני-ישראל, וואָס זענען געווען דער עיקר ערד-אַרבייטער און האָבען ניט געהאַט קיין שטענדיגע פעדעראַטיווע אָרדנונג. די זיהרעווודיגע פלשתים האָבען געשטרעבט צו בעקומען די איבערהערשאַפט איבער כנען.

נאָכדעם ווי די פלשתים האָבען אַרויסגעשטויסען די בני-דן פון שכנישען געביט, האָבען זיי זיך געלאָזט ווייטער קיין צפון, צו דעם צענטער פון די בעזיצונגען פון די בני-ישראל, אין די טאָלען שרון און יזרעאל. דער גרעסטער שבט — דער שבט אפרים, איז דאָ געשטאַנען אין סכנה. איהם צו פערטיידיגען זענען געווען פעראינטערעסירט אויך די איבעריגע שבטים, וואָרום זיין נחלה איז געלעגען אין צענטער פון לאַנד; חוץ דעם, איז דאָרט, אין דער שטאָדט שילה, געווען דער נאַציאָנאַלער היילינגטום פון די בני-ישראל — דער משכן מיט יאַהוועה'ס אָרון (ארון יהוה). און די בני-ישראל האָבען איינגעזעהן, ווי נויטווענדיג עס איז פאַר זיי זיך צו פעראייניגען. מען האָט געמוזט אַנטקעגענשטעלען אַנטקעגען דעם פלשתישען בונד דעם אַלגעמיינעם בונד פון די בני-ישראל. און אַזוי האָט זיך בישלעכווייז אָנגעהויבען פּאַקטיש צו פערווירקליכען די פעראייניגונג פון פאָלק — לכתחלה אין גייסטיגער הינזיכט, און דערנאָך אויך אין פּאָליטישער.

גראָד אין דער זעלביגער צייט (בערך אין יאָהר 1100—1150) הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון גייסטיגער בענייאונג ביים פאָלק ישראל. עס דערוועקט

זיך און ליַיטערט זיך אויס דער רעליגיעזער בעוואוסטזיַין. דער פּערזענלעכער משכּן אין שילה ווערט פֿון דאָס־ניַי דער צענטער, וואָס צו איהם שטרעבט אַ בעדיַיטענדער טייל פֿון פֿאָלק. אין די גרויסע ימים־טובֿים קלייבען זיך צונויף אַהין גרויסע מאַסען פֿון אַלע קאַנטען פֿון לאַנד. דער כּהן־גדול פֿון משכּן ווערט בעטראַכט פֿון פֿאָלק אַלס דער העכסטער גיַיסטליכער. די ווירקונג פֿון די כּהנים פֿון אַהרונ׳ס שטאַם ווערט אַלץ גרעסער. צולעצט קומט אָן אַ ציַיט, ווען איינער פֿון די כּהנים פֿון שילה פֿעראייניגט אין זיַין האַנד סיַי די גיַיסטיגע און סיַי די וועלטליכע מאַכט איבער אַ בעדיַיטענדען טייל פֿונ׳ם פֿאָלק ישׂראל.

עלי — כּהן־גדול.

§ 52. אין שילה האָט געלעבט אַ כּהן פֿון אַהרונ׳ס שטאַם, מיט׳ן נאָמען עלי, אַ קלוגער און אַ גאָטספֿאַרכטיגער מאַן. ער איז געווען צוגליַיכער ציַיט אי אַ כּהן־גדול אין משכּן־שילה, אי אַ שופֿט פֿון שבֿט אפֿרים. אַזוי ווי אין שילה פֿלעגען זיך צונויפֿקליַיבען אַ סך עולי־רגל פֿון אַלע עקען כּנען, דעריבער האָט עלי געקאָנט האָבען אַ ווירקונג אויך אויף די וויַיט־געלעגענע שבֿטים פֿון ישׂראל. ער האָט צוגעצויגען די בני־ישׂראל צו דיענען זייער נאַציאָנאַלען גאָט, יהוה, און אָפֿטמאָלס פֿלעגט ער זיי ערמוטיגען און בענשען צום קאַמפֿ קעגען די פֿרעמדע אונטערדריקער, בעזונדערס קעגען די פּלשתּים.

לכתּחילה האָט, ווי עס וויַיזט אויס, דער דאָזיגער קאַמפֿ געהאַט ערפֿאָלג, און די פּלשתּים האָבען ניט געקאָנט אָבנעמען נייע טעריטאָריעס ביַי די בני־ישׂראל. נאָר אַז עלי איז אַלט געוואָרען און האָט געמוזט איבערגעבען די פֿערוואַלטונג זיַינע זיהן, האָט זיך דער מצבֿ פֿערערגערט. עלי׳ס זיהן חפֿני און פּנחס, האָבען ניט געהאַט זייער פֿאָטערס מעלות. זיי האָבען ניט אויסגעפֿילט זייער פֿליכט אַלס גיַיסטיגע פֿיהרער פֿון פֿאָלק, נאָר זיי האָבען זיך מעהר ניט געמיהט אָנצוקליַיבען וואָס מעהר מתּנות און לעבען גוט, און דערמיט האָבען זיי געוויזען דעם פֿאָלק אַ שלעכטען ביַישפּיעל.

אין יענער ציַיט האָט זיך מיט די בני־ישׂראל געטראָפֿען אַ שווערע אומגליק. די פּלשתּים האָבען אַלץ מיט מעהר שטאַרקייט געמאַכט זייערע אָנפֿאַלען אויף דאָס לאַנד פֿון די בני־אפֿרים. עטליכע שבֿטים האָבען זיך פֿעראייניגט און זענען אַרויס אין מלחמה קעגען פֿיינד, וואָס זיַין הויפּט־לאַגער האָט זיך געפֿינען אין אפֿקה, אין טאָל שרון. דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט׳ן פֿיינד האָט זיך געענדיגט מיט אַ מפּלה פֿון די בני־ישׂראל. יעמאָלט האָבען די עלטסטע פֿון פֿאָלק בעשלאָסען צו נעהמען מיט זיך אין שלאַכט דעם הייליגען ארון־יהוה און טראָגען איהם פֿאַר׳ן חיל, כּדי צו ערוועקען אין די קריגסליַיט אַ רעליגיעזע בעגיַיסטערונג. און אַזוי האָט מען טאַקע געטאָן. עלי׳ס ביידע זיהן זענען אויך מיטגעגאַנגען. אַז די פּלשתּים האָבען זיך דערוואוסט דערפֿון, האָבען

זיי זיך דערשראָקן: זיי האָבן געמיינט, אַז איצט וועלן זיי שוין האָבן די מפּלה. דעריבער האָבן זיי צונויפֿגענומען אַלע זייערע קרעפֿטן און האָבן זיך געשלאָגן, ווי די העלדן. די בני־ישׂראל האָבן ווידער באַקומען אַ שרעקלעכע מפּלה און האָבן פֿאַרלאָרן אין שלאַכט 30,000 מענטשן. צווישן די דערהרגעטע זענען אויך געווען עלים בײדע זין, חפֿני און פּנחס. דער אָרון־הקודש איז אַרײַנגעפֿאַלן צו די פּלשתּים אין די הענד.

דאָס לעצטע האָט געמאַכט אויף די בני־ישׂראל אַ באַזונדערס שווערן אײַנדרוק. איין קריגס־מאַן איז געקומען צו לויפֿן פֿון שלאַכטפֿעלד קיין שילה; זײַנע קליידער זענען געווען צעריסן, און אין גאַנצן איז ער געווען באַדעקט מיט שטויב. אין דער זעלביקער צײַט איז דער אַלטער עלי געזעסן נעבן טויער פֿון שטאָט און האָט מיט גרויס ציטערניש געוואַרט אויף ידיעות וועגן דעם אויסגאַנג פֿון דער שלאַכט. דער אַנטלאָפֿענער (פּליט) איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אָנגעזאָגט די ביטערע בשׂורה: „ישׂראל איז אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿאַר די פּלשתּים, און אַ גרויסע מפּלה האָט דאָס פֿאָלק געהאַט, און אויך דײַנע צוויי זין, חפֿני און פּנחס, זענען געפֿאַלן, און דער אָרון־הקודש איז געפֿאַנגען". ווי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער, איז עלי פֿאַר איבערעגונג אַראָפּגעפֿאַלן הינטערווײַלעכס פֿון שטול, האָט צעבראָכן זײַן גענִיק און איז געשטאָרבן.

די מהומה־צײַט.

§ 53. דערווײַל האָבן די פּלשתּים, ערמוטיגט דורך זייער נצחון, זיך געלאָזט גיין אַליך ווײַטער אין לאַנד אַרײַן און זענען אַרײַנגעדרונגען אין די הייליקע שטאָט שילה. די שטאָט האָבן זיי מחריב געווען און דעם משכּן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען פֿון דער צײַט אָן, זינט די בני־ישׂראל זענען אַרײַן אין כּנען, האָבן זיי פֿאַרברענט. די כּהנים, וואָס האָבן געדינט אין משכּן, זענען אַנטלאָפֿן אין שטעדטיל נוֹב, אין גבֿול פֿון בנימין. פֿון יענער צײַט אָן האָט שילה אויפֿגעהערט צו זײַן דער רעליגיעזער צענטער פֿון פֿאָלק ישׂראל, און דער שבֿט אפֿרים האָט אָנגעוואָרן זײַן פֿריהערדיקע איבערהערשאַפֿט איבער אַלע איבעריקע שבֿטים.

דער אָרון הקודש האָט זיך געפֿונען אין געפֿאַנגענשאַפֿט בײַ די פּלשתּים; זיי האָבן אים אַוועקגעפֿירט קיין אַשדוד און אַרײַנגעשטעלט אין געצנהויז פֿון זייער אָבֿגאָט דגון. נאָר באַלד — דערציילט דער תּנ"ך — זענען די אַשדודים נישטאָכם געוואָרן איבער אייניקע וואונדערלעכע ערשײַנונגען. איינמאָל אין דער פֿריה, אַז מען איז געקומען אין געצנהויז פֿון דגון, האָט מען געפֿונען דעם אָבֿגאָט ליגנדיק אויף דער ערד. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ מקרה־זאַך — און האָבן אַוועקגעשטעלט דעם אָבֿגאָט צוריק אויף זײַן אָרט. אויף מאָרגן האָבן זיי ווײַטער געפֿונען דגונען ליגנדיק אויף דער ערד מיט אָבּ־

געבראכענע הענד און פיס. אין דער וועלכיגער צייט האט זיך פערשפרייט אין אשדוד און איהר סביבה אנאנשטעקענדיגע קראנקהייט. די אשדודים האבען אנגעהויבען צו שרייען, אז די דאזיגע אונגליקען האט זיי געבראכט דער ארון, און דעריבער מוז מען איהם אבשיקען אין אנאנדער ארט. דעם ארון האט מען איבערגעפיהרט אין דער שטאדט גת, נאר דא האט זיך בעוויזען די זעלביגע קראנקהייט; פון גת האט מען איהם איבערגעפיהרט קיין עקרון, נאר די איינוואוינער האבען זיך צעשריען: „שוין ווידער האט מען גענבראכט אהער צו אונז דאס הייליגטום פון גאט פון ישראל, כדי אונז אומצובריינגען?“

עמאלט האבען די פלשתים, לויט דער עצה פון זייערע כהנים, בעשלאסען אבצושיקען צוריק דעם ארון די בני־ישראל. זיי האבען ארויפגעשטעלט דעם ארון אויף א וואגען, האבען איינגעשפאנט אין איהם צוויי יונגע קיה, ארויסגעלעגט אויפ'ן וואגען גאלדענע פיגורען, כדי איבערצובעטען יאהווע און האבען געלאזט די קיה געהן. די קיה האבען דערפיהרט דעם ארון ביז צו דער גרעניץ־שטאדט בית־שמש, וואס ליגט אין יהודה. די איינוואוינער פון שטאדט האבען פייערליך בעגעגענט דעם ארון און האבען איהם געהאלטען אין פעלד. נאר באלד האט ביי זיי אויסגעבראכען א מגפה, און זיי האבען אבגעשיקט דעם ארון אין דער שטאדט קרית־יערים, וואס ליגט אויפ'ן גרעניץ צווישען יהודה און בנימין. דא איז דער ארון געשטאנען א לאנגע צייט אין הויז פון א פריוואטען מענשען, און די בני־ישראל פלעגען קומען אהין ברענגען זייערע קרבנות.

די אויסערע לאגע פון די בני־ישראל איז געווען ווידער א שווערע. א בעדייטענדען טייל פון מיטעל־ און דרום־כנען האבען די פלשתים געהאט איינגענומען. אין דער שטאדט גבעה, וואס געהערט צום שבט בנימין, איז געווען א פלשתים'שער שר. די פלשתים האבען געהאלטען אין א סך שטעדט גארניזאנען און האבען ניט ערלויבט די בני־ישראל צו האלטען ביי זיך געוועהר. אט די אונטערדריקונג מצד די פרעמדע, האט ארויסגערופען ביי די בני־ישראל א גרויסע נאציאנאל־רעליגיעזע בעוועגונג. עס האבען זיך בעוויזען בעגייסטערטע רעדנער — אדער נביאים, ווי מען האט זיי דעמאלט גערופען, — וואס פלעגען ארומגעהן איבער'ן לאנד און רופען דאס פאלק צו אינעווייניגסטער אויפלעבונג און צו א הייליגען קריג מיט די פרעמדע. בראש אט פון די נביאים איז געשטאנען שמואל.

שמואל.

§ 54. נאך אין יונגע צייטען, בשעת עלי האט געלעבט, איז איין מאל געקומען אין משכן פון שילה א יונגע פרוי און האט געשטעלט זיך מתפלל זיין אין דער שטיל. זי האט געהייסען חנה; געווען איז זי א פרוי פונ'ם לוי אלקנה, פון דער שטאדט רמה, וואס ליגט אויפ'ן גרעניץ צווישען אפרים און

בנימין. חנה האָט קיין קינדער ניט געהאַט און האָט מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל איהר געבען אַ זוהן; דערביי האָט זי אַ נדר געטאָן, אַז אויב זי וועט געבאָרען אַ זוהן, וועט ער, צייט ער וועט לעבען, דינען צו יאַהוועה. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט חנה געהאַט אַ זוהן, און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען שמואל.

אַז מען האָט דעם יונגעל ענטוועהנט, האָט די מוטער, כדי מקים צו זיין איהר נדר, געבראַכט איהם קיין שילה און האָט איהם אָבגעגעבען דעם כהן־גדול עלי, כדי ער זאָל זיין אונטער זיין השגחה. זיין יוגענד האָט שמואל פערבראַכט אין משכן פון שילה, וואו ער האָט געדינט, אַזוי ווי אַלע איבעריגע לויים. נאָר לויט זיינע פעהיגקייטען, איז ער געשטאַנען העכער פון זיינע חברים. ער האָט גוט געוואוסט די גאַנצע תורה, וואָס די לויים זענען געווען איהרע אָפיציעלע היטער, און ער האָט זעהר געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל זאָל ווערען דורכגעדרונגען מיט דער דאָזיגער הייליגער לעהרע. שמואל'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דווקא ער איז דאָס בערופען אויסצוקלעהרען זיינע בלאָנדזשענדיגע ברידער אויפ'ן ריכטיגען וועג. ער האָט געפיהלט אין זיך אַ רוח הנבואה. ניט איין מאָל פלעגען איהם פאָרקומען אין דער נאַכטליכער שטילקייט וואונדערליכע ערשיינונגען; פון די אינעווייניגסטע חדרים פון משכן, פלעגט ער הערען גאָטס שטים, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דעם פאָלק שטעהען פאָר שווערע נסיונות. און שמואל האָט דערלעבט צו זעהן די דאָזיגע פאָלקס־אומגליקען. ער האָט געזעהן די מפלה פון די בני־ישראל אין אפקה, ער האָט געזעהן, ווי דער אָרון איז געוואָרען גענומען געפאַנגען, ווי עלי איז געשטאָרבען, ווי שילה איז צעשטערט געוואָרען.

נאָך דער צעשטערונג פון משכן־שילה, האָט זיך געענדיגט שמואל'ס דינסט אַלס לוי: נאָר גראָד דעמאָלט הויבט זיך אָן זיין ברייטערע טעטיגקייט אַלס לעהרער און נביא. ער האָט גענומען געהן איבער'ן לאַנד, האָט געלערנט תורה און אויפגעוועקט דעם פאַטריאָטישען גייסט. ער האָט געוואָלט צו איבערצייגען די בני־ישראל, אַז צוליעב זייער רעטונג דאַרפען זיי זיך פעראייניגען גייסטיג, זיי דאַרפען זיך אומקעהרען צו דינען זייער נאַציאָנאַלען גאָט, און די גייסטיגע אחדות וועט שוין פיהרען צו דער פאָליטישער בעפרייאונג. דאָס פאָלק האָט זיך צוגעהערט צו שמואל'ס רייד און האָט איהם אָנערקענט אַלס פיהרער.

אויף אַזאַ אופן איז שמואל נאָך עלי'ס טויט געוואָרען דער פיהרער פון אַ בעדייטענדען טייל פון די בני־ישראל. זיין ערשטע טאַט איז געווען, צו שאַפען אַ נייעם רעליגיעזען צענטער אַנשטאָט שילה, וואָס איז צעשטערט געוואָרען. דערצו האָט ער אויסגעקליבען די שטאָדט מ צ פ ה, אין לאַנד פון בנימין. שמואל פלעגט אָפט צונויפקלייבען דאָס פאָלק אין מצפה און פלעגט דאָרט פיהרען אַ פייערליכען גאָטעסדינסט. דאָ פלעגט ער האַלטען זיינע פלאַמענדיגע פאַט-

ריאַטישע רעדעס, וואָס האָבען אַזוי שטאַרק געווירקט אויפ'ן פאָלק, וואָס האָט געקרעכצט אונטער דעם פרעמדען דרוק.

אַז די פלשתים האָבען דערהערט, אַז די בני־ישראל קלייבען זיך צונויף אין מצפה, האָבען זיי געשיקט אַהין אַ גרויסען חיל. די בני־ישראל האָבען זיך דערשראָקען, נאָר שמואל האָט זיי בעגייסטערט צום קאַמפף מיט די פיינד און האָט זיי צוגעזאָגט גאָטס הילף. בעגייסטערט דורכ'ן גלויבען אין גאָט, זענען די בני־ישראל אַרויסגעטראָטען קעגען די פלשתים און האָבען זיי צעשלאָגען. נאָך דער מעשה האָבען די פלשתים אויף אַ צייט אָבגעשטעלט זייערע אָנפאַלען אויף דאָס לאַנד פון די בני־ישראל. זיי האָבען געמאַכט שלום מיט די בני־ישראל, האָבען זיי אָבגעגעבען צוריק די שטעדט, וואָס זיי האָבען געהאַט פערכאַפּט, נאָר ווי עס ווייזט אויס — מיט דעם תנאי, אַז די בני־ישראל זאָלען צאָהלען זיי צינז. שמואל איז געוואָרען דער שופט פון די צענטראַלע שבטים.

שמואל האָט געוואוינט אין זיין געבורטס־שטאָדט רמה, נאָר ער פלעגט אַרומפאָהרען אויך איבער די אַנדערע שטעדט, וואו דאָס פאָלק פלעגט זיך צונויפקלייבען, כדי צו דינען גאָט. נאָך דער צעשטערונג פונ'ם משכן אין שילה, האָבען די כהנים און לויים, וואָס האָבען דאָרט געדינט, זיך צעשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. עלי'ס איניקעל, אחיטוב, האָט אַרויסגעראַטעוועט אַ טייל פון די הייליגע קליידער און געפעס פון צעשטערטען משכן און איז דערמיט אַנטלאָפען אין דער שטאָדט נוב, וואו ער האָט אויסגעבויט אַ צייטווייליגען קליינעם משכן. דער אָרון האָט זיך געפונען אין קרית־יערים, וואוהין ער איז אַריינגעקומען נאָך דער געפאַנגענשאַפט ביי די פלשתים. ס'זענען געווען נאָך מזבחות אין גלגל און אין בית־אל. שמואל פלעגט אַלע יאָהר בעזוכען די דאָזיגע ערטער, פלעגט מוסר'ן דאָס פאָלק, וואָס פלעגט זיך דאָרט צונויפקלייבען, פלעגט פונאַנדערקלייבען משפטים און ברענגען קרבנות אינאיינעם מיט די לויים. דער פשוטער המון האָט דער עיקר אָבגעגעבען כבוד שמואל'ן דערפאַר, וואָס ער האָט געקאָנט פאָראויסזעהן די צוקונפט, און האָט איהם אָנגערופען „דער זעהער" (הרואה).

אַרום שמואל'ן האָט זיך פערזאַמעלט אַ גאַנצע גרופּע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך אָנגערופען בני־הנביאים. דאָס זענען געווען בעגייסטערטע פּאַטריאָטען און געזעץ־לעהרער, וואָס האָבען מיט זייערע רעדעס געוועקט דעם נאַציאָנאַלען גייסט ביים פאָלק. אַזוי איז פאָרגעקומען מדרגות־ווייז דער פּראָצעס פון יענער גייסטיגער פעראייניגונג פון די בני־ישראל, וואָס האָט געמוזט זיין פאַר דער פּאָליטישער פעראייניגונג.

די וואַהל פון אַ קעניג.

§ 55. כל זמן שמואל האָט פערוואַלטעט איבער'ן פאָלק, האָט אין לאַנד געהערשט רוה און אָרדנונג. נאָר אַז ער איז אַלט געוואָרען האָט גע-

מוזט איבערגעבען די פֿערוואַלטונג זײַנע זיהן, איז די לאַגע פֿון פֿאָלק געוואָרען ערגער. שמואל'ס זיהן, פּונקט ווי עלי'ס זיהן, זענען געווען געלדגײַציגע, האָבען ניט אָבגעהיט קײן גערעכטיגקײט און גענומען שוחד; דאָס פֿאָלק האָט זיי פֿײַנט געהאַט. די אָרדנונג אין לאַנד איז געוואָרען שוואַכער; אין דער זעלביגער צײַט איז ווידער אַמאָל אויפֿגעשטאַנען אַ סכנה מצד אויסווייניגסטע שונאים. די פּלשתים האָבען ווידער אָנגעהויבען מאַכען אָנפֿאַלען אויף די מערבֿ'דיגע לענדער פֿון די בני־ישראל. די עמונים האָבען אָנגעהויבען בעאונרוהיגען די בני־ישראל פֿון מזרח־זײַט פֿון ירדן. הגם אַז די בײדע פֿעלקער זענען געווען קלײן, פֿונדעסטוועגען האָבען די געהאַט זײערע מלכים אָדער פֿירשטען־קריגספֿיהרער און אויך אַ שטענדיגע מלוכה־אָרגאַניזאַציע; פֿערקעהרט, דאָס פֿאָלק ישראל, וואָס איז געווען פֿיעל גרעסער פֿון זיי, האָט דאָס אַלץ ניט געהאַט. און מען האָט אָנגעהויבען אײַנצוזעהן, אַז גראָד דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבען ניט קײן אָרגאַניזאַציע, זענען די בני־ישראל אַזוי שוואַך אין פּאָליטישער הינזיכט. און דעריבער האָט זיך פֿערשפּרייט דאַן צווישען פֿאָלק דער געדאַנק, אַז מען מוז מאַכען אַ סוף צו דער פּאַטריאַרכאַלישער שבֿט־אָרדנונג, און מען מוז אויסקלײַבען אַ קעניג, וואָס זאָל פֿערוואַלטען איבער'ן פֿאָלק און אָנפֿיהרען זײַנע קריג קעגען די פֿרעמדע.

די עלטסטע פֿון די בני־ישראל — דערצעהלט דער תנ"ך — זענען געקומען צו שמואל'ן קײן רמה און האָבען צו איהם אַזוי געזאָגט: „דו ביזט שוין אַלט, און דײַנע זיהן געהען ניט אין דײַנע וועגען; זעץ איבער אונז אַ קעניג, און ער זאָל איבער אונז פֿערוואַלטען, בכדי מיר זאָלען לעבען, ווי די אַנדערע פֿעלקער". שמואל איז לכתחלה נשתומם געוואָרען איבער דער מאָדנער בקשה. ער האָט שטענדיג געהאַלטען, אַז די בני־ישראל זענען דאָס אויסדערוועהלטע פֿאָלק פֿון יאַהוועה, און יאַהוועה איז דאָס זײער אײנציגער קעניג; און מיט אַמאָל בעטען זיי זיך גאָר אַ פּשוט'ען קעניג, אַ בשר ודם, און ווילען זײַן גלײַך צו אַנדערע פֿעלקער! און שמואל האָט אָנגעהויבען צו בעווײַזען די עלטסטע, אַז זײער פּלאַן וועט צו קײן גוטס ניט פֿיהרען, און אַז דער צוקונפֿטיגער קעניג וועט אָבנעהמען בײַם פֿאָלק זײַן פֿרײַהײַט און אַ טײל פֿון זײַן אײגענס. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפֿען. די עלטסטע זענען בעשטאַנען אויף זײער מײנונג, אַז זיי דאַרפֿען האָבען אַ קעניג, וואָס זאָל מנצח זײַן די פֿײַנד און זאָל אײַנפֿיהרען אַנאָרדנונג אין לאַנד. צולעצט האָט שמואל זיך איבערצײַגט, אַז עס איז נויטיג צו דערפֿילען דעם ווילען פֿון פֿאָלק, וואָס האָט אַזוי הײס געשטרעבט צו פּאָליטישער פֿעראײניגונג. ער האָט אָנגעהויבען זוכען אַ פֿעהיגען און מוטיגען מענשען, וואָס זאָל זײַן ווערט צו זײַן אַ קעניג. באַלד האָט ער געפֿונען אַזאַ מענשען.

אין דער זעלבער צײַט האָט געוואוינט אין דער שטאָדט גבֿעה, וואָס געפֿינט זיך אין דער נחלה פֿון שבֿט־בנימין, די משפּחה פֿון אַ רײַכען ערד־אַרבײַטער קיש. דער דאָזיגער קיש האָט געהאַט אַ זוהן **שאול**, וואָס האָט

זיך אויסגעצייכענט דורך זיין העלדען מוט און דורך זיין שעהנקייט. צוגלייך מיט אנדערע מיטגלידער פון דער משפחה, האט שאול געאקערט די ערד און געהיט שאף.

איין מאל — דערצעהלט דער תנ"ך — זענען ביי קיש פערלארען געגאנגען עטליכע אייזעלינס, און שאול איז אוועק זיי זוכען. אונטערוועגס איז ער אריינגעגאנגען צום „איש-אלהים". צו שמואל הנביא, כדי צו פרעגען ביי איהם, צי וועט ער האבען הצלחה אין זיין וועג. בשעת'ן שמועס מיט שאול'ן, האט מען שמואל'ן מודיע געווען מן השמים, אז גראד אט דעם בעשיידענעם ערד-ארבייטער איז בעשערט צו זיין דער קעניג פון די בני-ישראל. און שמואל האט געזאגט צו שאול'ן: „טראכט שוין ניט מעהר וועגען די אייזעלינס, ווארום מען האט זיי שוין געפינען; און דיך דערווארט דער בעסטער גורל צווישען די בני-ישראל". און ער האט איהם פאראויסגעזאגט, אז ער וועט ווערען דער קעניג פון ישראל, און האט איהם אבגעלאזט אהיים. געהענדיג צוריק קיין גבעה, האט שאול אנגעטראפען אויפ'ן וועג א קאמפאניע פון בעגייסטערטע נביאים (חבל-נביאים לקראתו). און דא „איז אויף איהם ארויף גאטס גייסט" (ותצלח עליו רוח אלהים) — ווי דער תנ"ך דריקט זיך אויס — און ער איז געווארען גאר אן אנדער מענש. דער פרידליכער ערד-ארבייטער איז געווארען פערוואנדעלט, אונטער דער ווירקונג פון די בעגייסטערטע רייד פון די נביאים, אין א הייסען פאטריאט, וואס האט געחלומ'ט וועגען דער בעפרייאונג פון זיין נאציע.

באלד האט שמואל צונויפגערופען א פערזאמלונג אין מצפה, כדי אויסצוקלייבען א קעניג. מען האט געווארפען גורל, און דער גורל איז געפאלען אויף שאול'ן. אז שאול האט זיך בעוויזען דעם פאלק, איז ער אויסגעקומען מיט א גאנצען קאפ העכער פון אלע, וואס זענען געשטאנען ארום איהם. די פערזאמלונג האט איהם בעגריסט מיט אויסרופען: זאל לעבען דער קעניג! (יחי המלך). נאר א טייל פון פאלק איז געווען מיט איהם אונצופרידען און האט געטענה'ט: וואס קאן אונז דער דאזיגער העלפען? בכדי דאס גאנצע פאלק זאל איהם אנערקענען אלס קעניג, האט ער בעדארפט אויפטון וועלכע עס איז גבורות אין קריג.

פון מצפה איז שאול אוועק מיט זיין חיל קיין גבעה, וואו ער האט אנגעהויבען זיך גרייטען צו די קריג מיט די שונאים, וואס האבען געדריקט די בני-ישראל פון אלע זייטען.

שאול'ס נצחון; ער ווערט אנערקענט אלס קעניג.

§ 56. באלד האט שאול געהאט די געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען אין קריג און צו בעקומען א שם פאר א פאלקס-העלד. נחש, דער קעניג פון די בני-עמון, האט בעלעגערט די שטאדט יבש אין גלעד. די איינוואוינער פון

יבֿש, וואָס האָבן זיך שוין מיאש געווען פֿון יעדער מעגליכקייט באַפֿרייט צו ווערן, האָבן פֿאָרגעלעגט די עמונים זיך אונטערצוגעבן זיי בתנאי, אַז זיי וועלן זיי לאָזן לעבן און וועלן שליסן מיט זיי אַ בונד. נאָר אַזוי ווי די עמונים האָבן געזעהן, אַז די גלעדים האָבן קיין שום אויסוועג ניט, האָבן זיי געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן אָהן אַ שום תנאי. דער קעניג נחש האָט געלאָזט זאָגן די בעלעגערטע: „איך וועל מיט אייך שליסן אַ בונד ערשט נאָכדעם, ווי איך וועל איטליכן פֿון אייך אויסשטעכן די רעכטע אויג און וועל אייך מאַכן פֿאַר אַ שאַנד־פֿלעק אויף גאַנץ ישׂראל“. דעמאָלט האָבן די איינוואוינער פֿון יבֿש געבעטן נחש'ן, ער זאָל זיי לאָזן אַ קורצע צייט זיך מיישבֿ צו זיין, און אויב פֿאַר דער צייט וועט זיי קיינער ניט קומען צו הילף, דעמאָלט גיבן זיי זיך איבער אין זיינע הענד אָהן אַ שום תנאי.

און אַז נחש האָט דעראויף מסכּים געווען, האָבן די איינוואוינער פֿון יבֿש־גלעד געשיקט שלוחים צו די בני־ישׂראל, וואָס האָבן געוואוינט אין מערבֿ־זייט פֿון ירדן, כּדי צו בעטן פֿון זיי הילף. די שלוחים זענען אָנגעקומען אין גבֿעה, וואו שאול האָט געוואוינט, און האָבן דערצעהלט וועגן דער אומגליקליכער לאַגע פֿון די גלעדים. אַז דאָס פֿאָלק האָט אויסגעהערט די טרויעריגע בשׂורה, האָט עס זיך צעוויינט אויף'ן קול. בעת מעשׂה איז שאול געקומען מיט זיינע אָקסן פֿון פֿעלד אַהיים, און אַז ער האָט דערהערט דעם געוויין פֿון פֿאָלק, האָט ער געפֿרעגט, וואָס איז די סבה דערפֿון. אַז מען האָט אים דערצעהלט וועגן דער אומגליקליכער לאַגע פֿון די גלעדים, איז ער אַריין שרעקליך אין כּעס און האָט באַשלאָסן אומגעזאַמט צו געהן זיי צו הילף. און תּוך כּדי דבּור, האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר אָקסן, האָט זיי צעשניטן אויף שטיקער און פֿונאַנדערגעשיקט די שטיקער איבער'ן גאַנצן לאַנד, און דערביי האָט ער געהייסן אָנזאָגן: „אַזוי וועט געטאָן ווערן מיט די בהמות פֿון איטליכן פֿון די בני־ישׂראל, וואָס וועט ניט געהן אויף דער מלחמה נאָך שאול'ן און נאָך שמואל'ן“. ס'איז געוואָרן אַ גערודער צווישן גאַנצן פֿאָלק, און באַלד האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער חיל. בראש פֿון דעם דאָזיגן חיל איז שאול אַריבער דעם ירדן, איז פּלוצלונג באַפֿאַלן דעם לאַגער פֿון די בני־עמון, האָט זיי צעשלאָגן און באַפֿרייט די איינוואוינער פֿון יבֿש.

נאָך דעם דאָזיגן זיג, האָבן אַלע בני־ישׂראל מיט פֿרייד אָנערקענט שאול'ן אַלס קעניג, און מען האָט אים פֿייערליך געקרוינט אין דער שטאָדט גלגל.

אין גלגל — דערצעהלט דער תּנ"ך — האָט שמואל זיך געזעגנט מיט'ן פֿאָלק, וואָס ער האָט איבער אים פֿערוואַלטעט אַזוי לאַנג. און ער האָט געזאָגט צום פֿאָלק: „זאָגט איצט פֿאַר גאָט און פֿאַר'ן קעניג, אויב איך האָב אייך באַליידיגט און אונטערדריקט פֿאַר דער צייט, וואָס איך

האָב איבער אייך פערוואַלטעט, צי האָב איך ביי עמיצען אַבגענומען זיין אייזעל אָדער זיין אָקס, צי האָב איך גענומען שוחד?" און דאָס פאָלק האָט איינשטימיג אויסגערופען: ניין, דו האָסט אונז ניט בעליידיגט און אונטערדריקט! דערנאָך האָט שמואל געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט דערמאָנט דעם קעניג און דאָס פאָלק צו פיהרען זיך לויט גאָטס געזעצען און לעבען לויט'ן יושר. דערביי האָט ער צוגעזאָגט אויך להבא מתפלל צו זיין פאַר'ן פאָלק און צו זיין זיין גייסטיגער פיהרער.

מקורים: ספר שמואל־א', קאפ. א'–י"ב; קדמוניות היהודים, ספר ה', קאפ. י"א–י"ד און ספר ו', קאפ. א'–ו'.

דריטע אָבטיילונג.

די פֿעראייניגטע מלוכה פֿון ישראל פֿאַר דער צייט פֿון די ערשטע מלכים און דער אָנהויב פֿון דער שפּאַלטונג.

(בערך אין די יאָהרען 1067—928)

אַלגעמיינער איבערבליק.

§ 57. בערך אין דער העלפֿט פֿון XI יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס האָט זיך פֿערענדיגט דער איבערגאַנג פֿון די אידען פֿון דער פּאַטריאַרכאַלישער שבט־אָרדנונג צו אַ מלוכה־אָרדנונג. דאָס פֿאָלק האָט שוין געהאַט איבערגעלעבט צוויי פּעריאָדען: 1) די צייט, ווען עס האָט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענע טערי־טאָריע און האָט אַרומגעוואַנדערט אָדער אין ישוב־לענדער אָדער אין דער מדבר; און 2) די צייט, ווען עס האָט שוין געהאַט איינגענומען כנען, האָט זיך מדרגות׳ווייז צוגעוועהנט צו אַ ישוב־לעבען, נאָר קיין אַלגעמיינע אָרגאַני־זירטע מלוכה־אָרדנונג האָט עס נאָך ניט געהאַט. איצט טרעט עס אַריין אין דריטען פּעריאָד פֿון זיין היסטאָריע—אין פּעריאָד, ווען עס האָט אָנגעהויבען איינ־שטעלען זיין מלוכה־אָרדנונג.

דאָס אידישע פֿאָלק האָט דורכגעמאַכט זיין היסטאָרישע ענטוויקלונג לויט בעשטימטע געזעצען: דאָס וואַנדער־פֿאָלק ווערט פֿערוואַנדעלט אין אַ ישוב־פֿאָלק, און דערנאָך—אין אַ פּאָליטישע נאַציע. די נייע אומוואַנדלונג איז געווען נויטווענדיג ניט בלויז איבער אינעווייניגסטע, נאָר אויך איבער אויסווייניגסטע סבות. אין XI יאָהרהונדערט האָבען אַלע פֿעלקער, וואָס האָבען געוואוינט בשכנות פֿון די בני־ישראל, זיך פֿעראייניגט אין גרעסערע אָדער קלענערע פּאָ־ליטישע פֿערבאַנדען. די ארמים פֿון צפֿון־זייט, די פֿעניציער און פּלשתים פֿון מערב־זייט, די אדומים פֿון דרום־זייט, די בני־מואָב און בני־עמון פֿון מזרח־זייט— די אַלע האָבען אַרומגערינגעלט ארץ־ישראל און זענען גרייט געווען ביי יעדער געלעגענהייט אַהין אַריינצודרינגען. די איבערפֿאַלען פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער, בפֿרט פֿון די פּלשתים, האָבען, סוף כל סוף, געצוואונגען די איינצעלנע שבטים פֿון די בני־ישראל צו פֿעראייניגען זיך אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון אַ קעניג. דער פֿאָלקסווילען האָט זיך דייטליך אויסגעדריקט אין דער פֿאָדערונג, וואָס מען האָט געשטעלט שמואל הנביא: „זעץ איבער אונז אַ קעניג, וואָס זאָל הערשען איבער אונז, ווי דאָס איז איינגעפֿיהרט ביי אַנדערע פֿעלקער.“

דער מוטיגער שאול פֿון שבט בנימין (איש ימיני), דער ערשטער אויסדערוועהלטער פֿון פֿאָלק, האָט זיך איינגעפֿעסטיגט אויף זיין טראָן אַ דאַנק זיינע גבורות און די בעפֿרייאונגס-קריג. און אויך זיין ווייטערדיגע טעטיגקייט איז בעשטאַנען אין פֿיהרען קריג; זיין הויפּט-פֿערדיענסט איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אַ שטענדיגען חיל. נאָר אַלע קריג, וואָס ער האָט געפֿיהרט, זענען געווען פֿערטיידיגונגס-קריג.

און דער צייט פֿון צווייטען קעניג, דוד המלך, וואָס האָט געגרינדעט די גרויסע דינאַסטיע פֿון יהודה, שטייגט די אידישע מלוכה אויף אַ העכערע מדרגה. דאָס פֿעראייניגטע פֿאָלק פֿיהרט דאַן ניט בלויז פֿערטיידיגונגס-קריג, נאָר עס מאַכט אויך אַליין אָנפֿאַלען אויף אַנדערע פֿעלקער. עס ענטשטעהט אַ שטאַרקע קריגערישע מלוכה, וואָס לאָ די, וואָס זי פֿערהיט איהר אייגענע טעריטאָריע, נאָר שטרעבט אויך איינצונעהמען פֿרעמדע טעריטאָריעס. דוד'ס גבורים געהען בראש פֿון פֿאָלק און מאַכען אונטערטעניג די פֿריהערדיגע אונטערדריקער. איצט איז שוין די מלוכה פֿון ישראל אַרומגערינגעלט פֿון אָבהענגיגע קליינע מלוכות, וואָס מוזען צאָהלען צינז דעם הערשער פֿון שבט יהודה.

נאָך דעם דאָזיגען גלענצענדען פּעריאָד, קומט אָן אַ פּעריאָד פֿון אַ רוהיגער קולטורעלער און אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. פֿערזיכערט פֿון אויסווייניג, געהמט זיך דאָס פֿאָלק פֿאַר דער אויסבעסערונג פֿון אינעווייניגסטען לעבען. דער קריגסמאַן פֿון דוד'ס צייט טוט אויס פֿון זיך זיינע קריגס-געצייג און ווערט אַ פֿרידליכער בירגער. ער זיצט רוהיג „אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פֿייגענבוים" (איש תחת גפנו ותחת תאנתו), אָדער ער שיקט, מיט דער הילף פֿון די פֿעניציער, האַנדעלס-שיפֿען אין וויטען אופיר, דאָס לאַנד פֿון גאָלד און העלפֿאַנד-ביין. גיך וואַקסט דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער וואוילשטאַנד פֿון פֿאָלק. די בני-ישראל קאָנקורירען שוין איצט ניט מיט די קריגערישע פּלשתים, נאָר מיט די אינדוסטריעלע פֿעניציער. די אינדוסטריעלע קולטור שוואַכט אַ ביסעל אָב די קריגערישע נטיות ביים פֿאָלק, — און מחמת דעם האָט דאָס פֿאָלק ווידער צו ליידען פֿון די אָנפֿאַלען מצד אויסווייניגסטע פֿיינד.

נאָר די אויסווייניגסטע פֿיינד זענען ניט אַזוי געפֿעהרליך פֿאַר דער מלוכה, וואָס איז פּאָליטיש שטאַרק, ווי די אינעווייניגסטע מחלוקת, וואָס האָט זיך פֿון דאָס-ניי בעוויזען. די אַלטע סכסוכים צווישען די איינצעלנע שבטים טרעטען אַרויס פֿון דאָס-ניי און צעשטערען די מלוכה-איינהייט. די בני-אפרים, וואָס האָבען געהאַט אין דער צייט פֿון די שופֿטים די אויבערהערשאַפֿט איבער אַלע שבטים, זענען ניט צופֿרידען דערמיט, וואָס די דאָזיגע אויבערהערשאַפֿט איז אַריבער צום שבט יהודה, וואָס צו איהם האָט געהערט די קעניגליכע דינאַסטיע און אין זיין לאַנד איז געלעגען די נייע הויפּט-שטאָדט — ירושלים. ס'הויבט זיך אָן אַ אינעווייניגסטער קאַמפּף פֿאַר דער אויבערהערשאַפֿט. די בעוועגונג קעגען דער דינאַסטיע בעווייזט זיך שוין פֿאַר דוד'ס צייטען (דער אויפֿשטאַנד פֿון שבע

בן בכרי). דאס, וואס די אדמיניסטראציע איז צענטראליזירט און וואס אין שלמה'ס צייטען זענען די אבצאהלונגען געווען צו־גרויס, פערשטארקט נאך די דאזיגע בעוועגונג און פיהרט צו א טרויעריגען רעזולטאט. נאכדעם, ווי די אידישע מלוכה איז געוועזען פעראייניגט א צייט פון הונדערט יאהר, ווערט זי צעפאלען אויף צוויי בעזונדערע מלוכות — אפרים (ישראל) און יהודה.

קורץ, נאר בעדייטונגספול איז דער דאזיגער פעריאד אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק. פאר דער צייט פון די דריי מלכים — שאול, דוד און שלמה — ארבייט זיך אויס מדרגות־ווייז ניט בלויז די פאליטישע, נאר אויך די גייסטיגע אינדיווידואליטעט פון דער אידישער נאציע. דער קולט פון יאהווע פערשפרייט זיך איבער'ן גאנצען לאנד. אזוי ווי די מלוכה פעראייניגט אלע שבטים, פונקט אזוי ווערט אויך געשאפען א פעראייניגונג אין רעליגיעזען זין. די פאליטישע און רעליגיעזע צענטראליזאציע געהען האנד־ביי־האנד. די העכסטע מדרגה פון רעליגיעזער פעראייניגונג ווערט דערגרייכט דאן, ווען עס איז אויסגעבויט געווארען דער גרויסארטיגער בית־המקדש אין ירושלים. נאר דערמיט איז די גייסטיגע צענטראליזאציע אריבער די גרעניץ, וואס ביז איהר האט געקאנט דערגעהן א יונגעס פאלק, וואס ביי איהם האבען נאך אין דער שטיל געלעבט די רעשטען פון דער שבט־ארדנונג. די אנגעצויגענע סטרונע האט געפלאצט — און מיט דער פאליטישער שפאלטונג איז געגאנגען האנד־ביי־האנד די גייסטיגע. יאהווע בלייבט נאך אלץ דער גרויסער נאציאנאל־גאט פון אידישען פאלק, נאר מען דינט איהם שוין ניט נאר אין איין צענטראלען בית־המקדש, נאר אויך אין פערשיידענע טעמפלען און אין פערשיידענע פארמען. פאמעליך, און ניט מיט'ן גלייכען וועג געהט דאס אידישע פאלק צו די אייביגע אמת'ן פון זיין ערהאבענער רעליגיעזער וועלט־אנשויאונג.

ערשטער קאפיטעל.

דער קעניג שאול (בערך אין יאהר 1067—1055).

דער קריג מיט די פלשתים. — די אינעווייניגסטע ארדנונג. — דער קריג מיט די עמלקים. — דודס ערשטע גבורות. — שאולס קאמף קעגען דודן. — דודס נע ונד זיין. — שאולס טויט.

דער קריג מיט די פלשתים.

58. בשעת שאול איז געקרוינט געווארען פאר א קעניג, איז די לאגע פון פאלק ישראל געווען זעהר א טרויעריגע. די פלשתים האבען [illegible] איינ-

קענומען א סך שטעדט פון די בני־ישראל און האבען געהאלטען דארט זייערע גאַרניזאָנען. אפילו אין שאולס געבורטס־שטאָדט גבעה איז אויך געווען א פלשתישער גאַרניזאָן, און אזוי ווי די פלשתים האָבען געוואָלט אָבנעהמען די געוועהר ביי די איינוואוינער פון די איינגענומענע שטעדט, האָבען זיי אַרויסגעטריבען פון דאָרט אַלע שמידען, און די בני־ישראל האָבען ניט געהאַט, וואו צו שמידען זיך געוועהר, וואו אָנצושלייפען פאַר זיך א שווערד אָדער א שפּיז. דאָס אונטערדריקטע פאָלק האָט אַרויפגעלעגט אַלע זיינע האָפענונגען אויפ'ן נייעם קעניג, וואָס האָט שוין בעוויזען זיין מוט אין שטרייט מיט די בני־עמון. שאול האָט אין גיכען ערפילט די דאָזיגע האָפענונגען. ער האָט זיך ענערגיש געגרייט צו בעפרייען זיין פאָטערלאַנד פון פרעמדען יאָך.

די ערשטע צוויי יאָהר פון זיין קעניגען האָט שאול פערבראַכט דערמיט, וואָס ער האָט געקליבען א שטענדיגען חיל. ער האָט צונויפגעשטעלט אַן אָבטיילונג פון 3000 קריגסלייט. דאָס איז געווען דער הויפט־קערן פון זיין חיל, וואָס צו איהם האָבען געדאַרפט צושטעהן אין צייט פון מלחמה אַלע דערוואַקסענע בני־ישראל, וואָס זענען פעהיג צו טראָגען געוועהר. בראש פון דער דאָזיגער אָבטיילונג איז געשטאַנען שאול אַליין און זיין זוהן יונתן. דער יונגער בן־מלך האָט זיך אויסגעצייכענט דורך א ניט־געוועהנליכען מוט און איידעלקייט פון כאַראַקטער. יונתנ'ס גאַנצער טראַכטען און שטרעבען איז געווען נאָר בעפרייען זיין פאָטערלאַנד פון די אונטערדריקער, און ער האָט דער ערשטער געבראַכט צו אַן'ענטשיידענעם קריג מיט די פלשתים.

איין מאָל איז ער מיט זיינע קריגסלייט אַריינגעדרונגען אין גבעה און האָט דאָרט געטויט דעם אָנפיהרער פון פלשתישען גאַרניזאָן. באַלד האָט זיך פערשפרייט די בשורה, וועגען דער דאָזיגער העלדענטאַט איבער'ן גאַנצען לאַנד און האָט געדיענט אַלס סיגנאַל צום קאַמפף מיט די פיינד פון ישראל. אז די פלשתישע פירשטען האָבען זיך דערוואוסט פון דער מעשה, האָבען זיי זיך תיכף געלאָזט געהן קיין גבעה מיט א גרויסען חיל, מיט א סך רייטער און קריגס־רייטוועגען, און האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער אין מכמש, וואָס איז אָבגעטיילט פון גבעה דורך א טיעפען טאָל. דער לאַגער פון די בני־ישראל האָט זיך געפונען אין גבעה. אין פערגלייך מיט'ן פיינדס חיל איז שאולס חיל געווען אונבעדייטענד: נאָר ווינציג פאָלק איז צוגעשטאַנען צו איהם. אַזוי ווי די בני־ישראל האָבען קיין געוועהר ניט געהאַט, האָבען א סך פון זיי זיך בעהאַלטען פאַר די פיינד אין היהלען און אין בערג־שפאַלטען, אָדער זיי זענען אַנטלאָפען אין עבר־הירדן, קיין גלעד. נאָר דער קליינער הייפעל האָט א דאַנק זיין מוט און ליעבע צום פאָטערלאַנד אויפגעטאָן מעהר, איידער א גרויסער חיל.

די פלשתים האָבען זיך צעשטרייט אין דער סביבה פון מכמש, בכדי צו רויבען, און האָבען געלאָזען אין זייער לאַגער, ווי עס ווייזט אויס, נאָר א קליינע אָבטיילונג. די דאָזיגע אונפאָרזיכטיגקייט פון פיינד האָט אויסגענוצט יונתן.

דער לאַגער פֿון די פּלשתּים האָט זיך געפֿונען אויף אַ הויכען באַרג, וואָס מען האָט צו איהם כמעט ניט געקאָנט צוקומען, ווייל ער איז געווען אַרומגערינגעלט מיט טיפֿע אָבגרונדען. איין מאָל זענען יונתן און זיין וואָפֿען־טרעגער אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿ'ן באַרג, האָבען אָנגעהויבען צו שיסען מיט פֿיילען אין די פּלשתּים, און דערמיט האָבען זיי אויפֿגעהויבען אַ טומעל צווישען די לעצטע. די פּלשתּים האָבען געמיינט, אַז הינטער די דאָזיגע דרייסטע בויגען־שיסער געהט אַ גאַנצער חיל, — און זענען זיך צעלאָפֿען. און אַז שאול האָט דאָס בעמערקט, האָט ער מיט זיין חיל זיך געלאָזט נאָכיאָגען נאָך זיי און האָט אַ סך פֿון זיי געטויט. די בני־ישׂראל, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין די בערג, זענען אַרויס פֿון זייערע בעהעלטעניש, האָבען זיך בעוואָפֿענט מיט פֿלעקער און אייזענס, זענען אָנגעפֿאַלען אויף איינצעלנע היפֿלעך פּלשתּים און האָבען זיי אויסגעהרג'עט.

בכּדי ניט צו דערלאָזען, אַז די פּלשתּים זאָלען אַנטלויפֿען, האָט שאול דערקלערט, אַז דער שטרייט דאַרף זיך נאָך ציהען אָהן אַן אויפֿהער. אין נאָמען פֿון גאָט האָט ער בעשוואָרען זיינע קריגסלייט, זיי זאָלען זיך ניט צורירען צו די חפֿצים, וואָס די פֿיינד האָבען געלאָזען בשעת'ן לויפֿען, און בפֿרט ניט צו עסענוואַרג, ביז עס וועט ווערען אָבענד. די קריגסלייט האָבען געגעבען אַ שבועה צו ערפֿילען דעם דאָזיגען בעפֿעהל. אַ גאַנצען טאָג האָבען זיי נאָכגעיאָגט דעם פֿיינד. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָבען די אויסגעמאַטערטע קריגסלייט בעקומען די מעגליכקייט צו נעהמען צו זיך שפּייז. איינגעמאַטערט פֿון הונגער, האָבען זיי זיך גיריג אַ וואָרף געטאָן אויף די בהמות, וואָס די פּלשתּים האָבען געלאָזען, האָבען אָנגעהויבען קוילען און עסען די פֿרישע פֿלייש, אפֿילו ניט אָבגעשווייגט די בלוט, ווי דאָס האָט זיך געפֿאָדערט לויט'ן דין. שאול איז געווען דערמיט אונצופֿרידען און האָט אייליג פֿערריכט דעם פֿעהלער. ער האָט געהייסען אַוועקשטעלען אַ גרויסען שטיין אַלס אַ מזבח און קוילען דאָרט די בהמות; דערביי פֿלעגט מען געוויסע חלקים ברענגען פֿאַר אַ קרבן.

אַז דאָס פֿאָלק האָט זיך אָנגעזעטיגט מיט דער שפּייז, האָט שאול בעשלאָסען נאָך אין דער זעלביגער נאַכט נאָכיאָגען די פֿיינד. נאָר אַפֿריהער האָט דער כּהן אחיה, וואָס איז אויך געווען אין לאַגער, אָנגעפֿרעגט יאַהווע'ס אָראַקעל (אפֿוד), צי די שלאַכט וועט זיך איינגעבען; נאָר דער אָראַקעל האָט געשוויגען. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז צווישען די בני־ישׂראל איז אָבגעטאָן געוואָרען אַ חטא. מען האָט געוואָרפֿען גורל, בכּדי צו געפֿינען דעם בעל־חטא, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז יונתן, וואָס האָט ניט געוואוסט פֿון דער שבועה, האָט אָבגעשמעקט אַ ביסעל האָניג, וואָס ער האָט געפֿונען אין אַ בינשטאָק, אין מיטען פֿעלד. פֿאַר דער דאָזיגער עבירה, הגם ער האָט זי געטאָן בשוגג, איז יונתן געווען חייב מיתה; נאָר דער חיל האָט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל איהם מוחל זיין, ווייל איהם האָט מען געהאַט צו פֿערדאַנקען דעם

נצחון. דער ווילען פון פאלק איז דערפילט געווארען, און דער יונגער העלד האט ניט בעצאהלט מיט זיין לעבען פאר דעם פעהלער, וואס ער האט בעגאנגען. אזוי האט זיך געענדיגט דער בעדייטונגספולער טאג, וואס האט געבראכט די בני-ישראל א נצחון איבער די פלשתים.

דער רעזולטאט פון דעם דאזיגען נצחון איז געווען דאס, וואס די פלשתי'שע גארניזאנען האבען פערלאזען דאס לאנד. דאס פאלק ישראל איז געווארען אומאבהענגיג און האט געדאנקט און געלויבט זיין קעניג, דעם בעפרייער.

די אינעווייניגסטע ארדנונג.

§ 59. מחמת שאול'ס נצחונות איבער די פיינד פון דער נאציע, איז זיין ממשלה פערפעסטיגט געווארען. פאר א הויפט-שטאדט האט שאול געמאכט די שטאדט גבעה, וואס האט דעריבער בעקומען דעם נאמען גבעת-שאול. דער קעניג האט געהאט איין פרוי, אחינועם און עטליכע קעבסווייבער. פון דער ערשטער האט שאול געהאט פיער זיהן, וואס פון זיי שפיעלען א ראל אין דער געשיכטע צוויי: יונתן — דער עלטסטער און דער יונגסטער — אישבעל. אויך האט ער געהאט צוויי טעכטער: מירב און מיכל.

דער קעניגליכער הויף אין גבעה איז, אפנים, געווען זעהר פשוט איינגעארדענט. אין א יום-טוב. אדער ראש-חודש פלעגט מען אין הויף ברענגען קרבנות און איינלאדען צום קעניגליכען מאלצייט זיינע מקורבים און אלע חשוב'ע לייט. איטליכער פון די געסט האט זיך געהאט זיין בעשטימטען ארט ביים טיש; דער קעניג אליין פלעגט זיצען נעבען וואנד. דעם קעניגס מקורבים זענען געווען ס'רוב פונ'ם שבט בנימין. א בעזונדערס גרויסע ווירקונג האט געהאט אבנר, שאול'ס א נאהענטער קרוב, וואס האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען. אבנר איז געווען דער אויבערשטער אנפיהרער פונ'ם גאנצען חיל (ראש צבא).

אין דער צייט, וואס שאול האט געקיניגט, האט עקסיסטירט א קליינער רעליגיעזער צענטער אין נוב, ניט וויים פון גבעה. אין נוב האבען געוואוינט כהנים פון עלי'ס משפחה, וואס זענען איבערגעבליבען נאכדעם, ווי דער משכן אין שילה איז חרוב געווארען (§ 54). זיי האבען אויסגעבויט דארט א קליינעם טעמפעל, וואו עס האט זיך געפונען יאהוועס אנאראקעל (אפוד) און אנדערע הייליגע חפצים. בראש פון די כהנים און לייט אין נוב איז געשטאנען אחימלך, דער זיהן פון אחיטוב, אנאייניקעל פון עלי. אחימלך אדער אחיה[1] פלעגט מיטגעהן

[1] ס'איז פאראן א יסוד אנצונעהמען, אז אחיה און אחימלך, וואס ווערן דערמאנט אין שמואל-א׳ (קאפ. י"ד. ז, 8 און כ"א—כ"ב) איז דאס איין און די זעלביגע פערזאן.

מקורים: שמואל-א׳, קאפ. י"ב—ל"א; דברי-הימים-א׳, קאפ. ה׳—י׳; קדמוניות היהודים, ספר ו׳ קאפ. ו׳—ט"ו.

מיט שאול'ן אין זיינע ערשטע מלחמות און פלעגט אידם פאַראויסזאָגען די צו-קונפט. שאול האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָלען ווערען אָבגעהיט אַלע רעליגיעזע דינים. אָפטמאָלס איז ער געווען אַפילו צופיעל קנאי. ער האָט צום טייל פערטיליגט, צום טייל געצוואונגען אָנצונעהמען דעם אידישען גלויבען דעם שבט גבעונים, וואָס די בני-ישראל האָבען זיי אנומעלט, בשעת זיי האָבען איינגענומען כנען, געלאָזט לעבען. אַזוי ווי ער האָט געוואָלט אויס-וואָרצלען דעם געצענדינערישען אָבערגלויבען פון פאָלק, האָט ער אַרויסגעטריבען פון לאַנד אַלע מכשפים. נאָר זיין רעליגיעזע קנאות איז געווען נאָר צופעליג, און זי האָט ניט געשטערט שאול'ן אָבצוטון אַמאָל אַזעלכע מעשים, וואָס זיינען סותר געווען די יסודות פון שטרענגער טעאָקראַטיע. מחמת דעם זיינען פאָר-געקומען עטליכע סכסוכים צווישען שאול'ן און שמואל הנביא, דעם פאָרשטעהער פון טעאָקראַטישען פרינציפּ, און די דאָזיגע סכסוכים האָבען געפיהרט דערצו, אַז דער נביא און דער קעניג האָבען איבערגעריסען זייערע בעציהונגען.

דער ערשטער סכסוך צווישען שמואל'ן און שאול'ן איז פאָרגעקומען, לויט ווי דער תנ״ך דערצעהלט, נאָך ערב דער שלאַכט ביי מכמש. שאול איז דעמאָלט געווען מיט אַן אָבטיילונג קריגסלייט אין גלגל, וואו עס איז געשטאַנען יהושע'ס מזבח. שמואל הנביא האָט צוגעזאָגט צו קימען אין לאַגער פון די בני-ישראל אין גלגל, בכדי דאָרט צו ברענגען קרבנות און אויפהויבען דערמיט דעם מוט ביי די קריגסלייט. שאול האָט מיט אונגעהולד געוואַרט אויף אידם אין משך פון זיבען טעג, נאָר דער נביא איז ניט געקומען. אין מחמת דעם האָט דער מוט ביי די קריגסלייט אָנגעהויבען צו פאַלען; אַ סך פון זיי האָבען אָנגעהויבען אַוועקוואַרפען דעם לאַגער. דעמאָלט האָט שאול אַליין געבראַכט דעם קרבן אויפ'ן מזבח. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען שמואל; ער איז אַריין אין כעס און האָט שאול'ן אויסגערעדט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי אונגעדולדיג און ער האָט זיך צוגענומען די רעכט פון אַ כהן, און האָט אידם אַפילו פאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט פערלירען זיין טראָן.

דער אַנדער סכסוך צווישען קעניג מיט'ן נביא איז פאָרגעקומען שפּעטער, אין דער צייט פון קריג מיט די עמלקים.

דער קריג מיט די עמלקים.

§ 60. נאָך דער מפלה, וואָס די פלשתים האָבען בעקומען ביי מכמש, פלעגען די פלשתים נאָר מאַכען קליינע אָנפאַלען אויף די בני-ישראל. דערפאַר אָבער האָבען די בני-ישראל געהאַט אַ סך צו ליידען פון די פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט אויף דער דרום'דיגער גרעניץ. בעזונדערס פיעל האָבען זיי געהאַט אויסצושטעהן פון די איבערפאַלען מצד די ווילדע עמלקים, וואָס האָבען אַרומגעוואַנדערט צווישען דער דרום-גרעניץ פון כנען און דעם האַלב-אינזעל

סיני. די בני־ישראל האבען פון פיינט שטענדיג אן גערהאט די דאזיגע רויבער. אין שאול'ס צייטען איז די שנאה געוועזען אזוי גרויס, אז מען האט דערקלערט די עמלקים א הייליגען קריג. די בני־ישראל האבען בעשלאסען זיי עוקר מן השורש זיין. שאול האט צונויפגעקליבען א גרויסען חיל, איז בעפאלען די עמלקים, האט צעשטערט זייערע לאגערן, אויסגעהרג'עט א סך מענשען און גענומען געפאנגען זייער קעניג אגג.

אין תנ"ך ווערט וועגען דעם דאזיגען הייליגען קריג דערצעהלט פאלגענדעס.

איין מאל איז שמואל געקומען צו שאול'ן און האט צו איהם גע־זאגט אין גאטס נאמען: „געה און שלאג די עמלקים און פערטיליג אלצדינג, וואס זיי האבען; זאלסט ניט שוינען ניט קיין מאנסבילען, ניט קיין ווייבער, ניט קיין רינד, ניט קיין שאף, ניט קיין קעמלען, ניט קיין אייזלען". שאול האט צונויפגעקליבען א גרויסען חיל און האט זיך געלאזט געהן צו דער דרום־דיגער גרעניץ. אין לאנד פון די עמלקים האט געוואוינט דער שבט קינים, וואס האט געלעבט בשלום מיט די בני־ישראל. איידער שאול האט אנגעהויבען די מלחמה, האט ער זיי געגעבען צו וויסען, אז זיי זאלען ארויסגעהן פון דעם דאזיגען לאנד, בכדי זיי זאלען ניט געשלאגען ווערען אינאיינעם מיט די עמלקים. אז די קינים זענען אוועק, זענען די בני־ישראל אריינגעדרונגען אין לאנד פון די עמלקים, האבען אויסגעהרג'עט אלע מענשען און האבען פערטיליגט זייערע טשערעדעס און פערמעגען. נאר דעם קעניג פון עמלק, אגג'ן, האט שאול געפאנגען לעבעדיגערהייד, און דער בעסטער טייל פון די טשערעדעס איז אויך געבליבען גאנץ. שאול און זיינע קריגסלייט האבען געקראגען רחמנות אויף אגג'ן און האבען ניט געוואלט איהם טויטען; זיי איז אויך געוועזען א שאד צו פערניכטען די געבליבענע שאף און האבען זיי געלאזען ביי זיך, ניט קוקענדיג אויף שמואל'ס פערזאג.

אז שמואל איז געקומען אין לאגער, האט שאול איהם אנגעזאגט, אז גאטס בעפעהל איז דערפילט געווארען, אז דער פיינד איז געשלאגען און זיין האב און גוטס פערניכטעט. נאר שמואל האט שטרענג א פרעג געטאן: „וואס בעטייטען די קולות פון די שאף און די רינדער, וואס דער־גרייכען צו מיינע אויערן?" דער קעניג האט דערויף געענטפערט, אז ער האט געלאזען לעבען נאר אגג'ן, און אז דאס פאלק האט בעהאלטען א טייל פון די בהמות, וואס מען האט אבגענומען ביי די עמלקים, נאר אלע זענען גרייט צו ברענגען די דאזיגע בהמות פאר א קרבן צו גאט. און שמואל האט אויסגערופען: „גאט איז אנגענעהמער, ווען מען פאלגט איהם, איידער ווען מען ברענגט איהם קרבנות. דו האסט פערווארפען גאטס ווארט, און דערפאר האט גאט דיך פערווארפען, און דו וועסט מעהר ניט זיין קיין קעניג איבער ישראל". שאול האט חרטה געהאט אויף זיין זינד

און האָט געזאָגט: „איך האָב געזינדיגט; נאָר פֿונדעסטוועגן בעווייז מיר כּבוד פֿאַר דעם פֿאָלק און קעהר זיך אום מיט מיר, און איך וועל דינען גאָט". שמואל האָט איבערגעחזר'ט זיינע שטראָף-רייד, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט ער שאול'ס בקשה ערפֿילט. דערנאָך האָט ער געהייסען ברענגען צו איהם אגג'ן און האָט געזאָגט צו איהם: „דיין שווערד האָט אָבגעטויטעט קינדער ביי מוטערס, דערפֿאַר זאָל דיין מוטער זיין די אונגליקליכסטע צווישען פֿרויען". אגג'ן האָט מען אָבגעהאַקט דעם קאָפּ אין גלגל.

נאָך די אַלע געשעהענישען האָט שמואל זיך אומגעקעהרט קיין רמה, און שאול — קיין גבעה. פֿון דעמאָלט אָן האָבען שאול און שמואל זיך שוין מעהר ניט געזעהן. שמואל האָט בעשלאָסען, אַז גאָט וויל ניט האָבען אַזאַ קעניג, וואָס ערפֿילט ניט גענוי זיינע בעפֿעהלען, און אַז די בני-ישראל דאַרפֿען האָבען אַן אַנדערע קעניג, וואָס זאָל זיין פֿרימער פֿאַר שאול'ן.

דוד'ס ערשטע גבורות.

§ 61. נאָך דעם חורבן פֿון משכן-שילה, אַז דער צאָהלרייכער שבט אפֿרים האָט אָנגעוואָהרען זיין איבערהערשאַפֿט איבער די אַנדערע שבטים (§ 53), איז די איבערהערשאַפֿט אין דער מלוכה פֿון ישראל אַריבער צום שבט בנימין, וואָס צו איהם האָט געהערט דער קעניג שאול. דער פּאָליטישער צענטער איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען פֿון צפֿון קיין דרום. נאָר דאָ איז ער אויך ניט געבליבען לאַנג. בנימין איז נאָר געווען אַ מיטעל-גליד צווישען אפֿרים, וואָס האָט פֿערלאָרען די איבערהערשאַפֿט, און צווישען יהודה, וואָס האָט געדאַרפֿט זי אייננעמען. ביז שאול'ס צייטען האָט דער שבט יהודה געלעבט זיך אינגאַנצען אָבגעזונדערט; ער האָט ווייניגער פֿון אַלע שבטים געליטען פֿון די פֿיינדליכע איבערפֿאַלען און האָט זיך זעלטען-ווען אַריינגעמישט אין אַלגעמיינעם קאַמפּף פֿון פֿאָלק. צוערשט זענען די בני-יהודה אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם אינטערעסען-קרייז פֿון גאַנצען פֿאָלק ערשט פֿאַר שאול'ס צייטען, בשעת דער צענטער פֿון דער מלוכה האָט זיך נעהנטער צוגערוקט צו זייערע בעזיצונגען. אין דער מלחמה קעגען די עמלקים האָבען, ווי עס ווייזט אויס, די בני-יהודה גענומען אַ גרויסען אָנטייל. ווארים די עמלקים זענען געווען זייערע נאָהענטסטע שכנים, און דעריבער זענען די בני-יהודה געווען בעזונדערס פֿעראינטערעסירט זיי צו פֿערטיליגען.

באַלד נאָכ'ן קריג מיט די עמלקים איז אָנגעקומען אין שאול'ס הויף אַ מאַן, וואָס איהם איז געווען בעשערט צו ווערען דער גרינדער פֿון דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער דינאַסטיע און איבערצוגעבען די איבערהערשאַפֿט דעם שבט יהודה.

צווישען די קריגסלייט, וואס זענען געגאנגען מיט שאול'ן אין קריג, האבען זיך געפינען די זיהן פון א בכבוד'יגען זקן ישי, וואס האט געוואוינט אין דער שטאדט בית-לחם, וואס געהערט צו יהודה. ישי האט געהאט אכט זיהן. דער יונגסטער פון זיי, דוד, איז געווען א שענער בחור, א קלוגער און א מוטיגער. זיין יוגענד האט דוד פערבראכט אויף די לאנקעס, וואס ארום בית-לחם, וואו ער האט געהיט זיין פאטערס סטאדעס. דא פלעגט ער אפט זינגען פאסטיכער-ליעדער און שפיעלען אויף א הארף. די ארומיגע איינוואוינער האבען ליעב געהאט צו הערען זיין שפיעל און געזאנג. נאך אין זיין פריהערסטער יוגענד האט דוד זיך אויסגעצייכענט דורך א ניט-געוועהנליכען מוט: ער האט איינמאל דערהרג'עט א לייב און א בער, וואס האבען זיך אריינגעריסען אין זיין טשערעדע, בכדי אוועקצוריבען א שאף. צוגלייך דערמיט איז דוד געווען זעהר פרום און האט געהאט הויכע גייסטיגע שטרעבונגען. מחמת דעם האט שמואל געווענדט אויף איהם זיין אויפמערקזאמקייט. דער תנ"ך דערצעהלט, אז שמואל איז א מאל בעהאלטענערהייד געקומען קיין בית-לחם און האט פאראויסגעזאגט דוד'ן זיין גלענצענדע צוקונפט. דערביי האט ער איהם בעשפריצט מיט הייליגען בוימיל, אין דערמיט געזאלבט איהם פאר א קעניג.

בשעת איינעם פון די פלשתי'שע אנפאלען, האט דוד אפגעטאן זיין ערשטע העלדענטאט, וואס צוליעב איהר האט ער בעקומען א שם איבער'ן גאנצען לאנד.

דער תנ"ך דערצעהלט וועגען דער דאזיגער געשעהעניש אין פאלגענדער העלכט פאעטישער פארם.

עס האט געטראפען א מאל, אז די פלשתים האבען צונויפגעקליבען זייער חיל ניט ווייט פון בית-לחם און האבען זיך געגרייט אנצופאלען אויף די בני-ישראל. פערציג טעג זענען געשטאנען די פלשתים און די בני-ישראל איינע קעגען די אנדערע אויף צוויי בערג, און האבען אלץ ניט אנגעהויבען קיין שלאכט. יעמאלט איז ארויסגעטראטען פון פלשתי'שען לאגער א קריגסמאן פון זעהר א הויכען וואוקס, מיט'ן נאמען גלית, האט זיך געווענדט צו די בני-ישראל און האט אויסגערופען: „קלייבט אייך צווישען אייך א קריגסמאן, וואס זאל מיט מיר שטרייטען; אויב איך וועל איהם טויטען, יעמאלט וועט איהר זיין אונזערע קנעכט, טאמער זשע וועט ער מיך טויטען, וועלען מיר זיין אייערע קנעכט". אז דער קעניג שאול האט דאס דערהערט, האט ער געלאזט אויסרופען איבער'ן גאנצען לאנד, אז דער קריגסמאן, וואס וועט מנצח זיין דעם ריז גלית, יענער וועט בעקומען פאר א ווייב דעם קעניגס טאכטער און א סך רייכטימער. נאר אלע האבען אזוי מורא געהאט פאר דעם פלשתי'שען ריז, וואס איז געווען בעוואפענט פון קאפ ביז די פיס, אז קיינער האט זיך ניט דערוועגט אריינצוטרעטען מיט איהם אין קאמפף.

גלית פּלעגט דערווייל אַלע טאָג אַרויסטרעטן קעגן לאַגער פֿון די בני־ישראל, פּלעגט אַרויסרופֿן אַ שטרייטער קעגן זיך און חוזק מאַכן איבער דער פּחדנות פֿון די בני־ישראל. אין יענער צייט איז געקומען דער פּאַסטוך דוד פֿון בית־לחם, כּדי געוואָרהר צו ווערן וועגן ברידער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין לאַגער. אַז ער האָט דערהערט גלית׳ס עזות׳דיקע רייד, איז ער שטאַרק אַריין אין כּעס און האָט באַשלאָסן אַליין אַרויסצוטרעטן קעגן אים. אַלע האָבן זיך געוואונדערט איבער דוד׳ס דרייסטן באַשלוס, און שאול האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „ווי זשע וועסטו גיין קעמפֿן קעגן אַזאַ גבור, וואָס איז געוווינט צו מלחמה פֿון קינדווייז אויף?“ נאָר דוד האָט דערויף געענטפֿערט, אַז ער וויל פֿאַרטיידיקן דעם כּבוד פֿון זיין פֿאָלק און ער פֿאַרלאָזט זיך אויף גאָטס הילף. יעמאָלט האָט אים שאול געגעבן זיינע קעניגלעכע געווער, האָט אים אָנגעטאָן אויפֿן ברוסט אַ פּאַנצער, אַ קופּערנעם קיווער אויפֿן קאָפּ און האָט אים אַרומגעגורט מיט זיין שווערד. נאָר דוד איז געווען שווער זיך צו באַוועגן אין די דאָזיקע קריגס־קליידער, ווייל ער איז דערצו ניט געוווינט געווען. דעריבער האָט ער זיך אויסגעטאָן די קעניגלעכע וואָפֿן, האָט גענומען אין האַנט אַ שליידער־האָלץ, האָט אַריינגעלייגט אין זיין רענצל פֿינף שטיינער און האָט זיך געלאָזט גיין קעגן גלית־הפּלשתי.

אַז גלית האָט אים דערזען, איז ער אין כּעס געוואָרן און האָט אויסגעשריען: „שוין זשע בין איך אַ הונט, אַז דו גייסט קעגן מיר מיט אַ שטעקן?“ נאָר דוד איז ניט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך און איז גיך נעגאַנגען אַנטקעגן גלית׳ן. ניט ווייט פֿון אים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַרויסגענומען פֿון זיין רענצל אַ שטיין, האָט געצילעוועט אַ ווייַלע און האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שטיין גלייך גלית׳ן אין שטערן אַריין. גלית איז אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד, און אַחוץ זיין שווערע קריגסקליידונג האָט ער זיך ניט געקאָנט אויפֿהייבן. דוד האָט געוואָרפֿן אויף גלית׳ן נאָך עטלעכע שטיינער, דערנאָך איז ער צו אים צוגעלאָפֿן, האָט אַרויסגעכאַפּט ביי אים דעם שווערד און אָפּגעהאַקט אים זיין קאָפּ מיט זיין אייגענעם שווערד. אַז די פּלשתּים האָבן דערזען, אַז זייער גבור איז געפֿאַלן טויט, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זענען זיך צעלאָפֿן. שאול מיט זיין חיל האָבן זיי נאָכגעיאָגט און האָבן אויסגעהרג׳עט אַ סך פֿיינד.

דער דאָזיקער ניט־געוועהנלעכער נצחון האָט גרויס געמאַכט דוד׳ס נאָמען צווישן די בני־ישראל. אַז שאול און דוד האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון דער מלחמה, זענען די פֿרויען זיי אַרויס אַנטקעגן מיט געזאַנג און

טענץ און האָבען אויסגערופען: „שאול האָט געשלאָגען די טויזענדער, און דוד — צעהנדליגער טויזענדער“. (הכה שאול באלפיו ודוד ברבבותיו).

שאולס קאַמפּף קעגען דודן.

§ 62. דוד איז מחמת זיין מוט געוואָרען שאולס אַ וואָפּען-טרעגער. בעזונדערס איז שאולן געפעלען געוועזען דודס שפּיעלען אויף דער האַרף. שאול פלעגט אָפט ליידען אויף אַנפאַלען פון מעלאַנכאָליע אָדער, ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקען, „עס פלעגט זיין אויף איהם אַ בייזער גייסט פון גאָט“ (ותהי עליו רוח אלהים רעה). אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגט נאָר דודס שפּיעל קאָנען פערטרייבען די מרה שחורה פון קעניג. דער אייגעלער קעניגס-זוהן יונתן איז געוואָרען שטאַרק בעפריינדעט מיט דודן. דעם קעניגס יונגסטע טאָכטער, מיכל, האָט ליעב בעקומען דעם בית-לחמ'ער העלד — און אין גיכען איז זי געוואָרען זיין פרוי. נאָר דוד איז געווען ניט נאָר דער ליעבלינג פון הויף, נאָך מעהר ליעב געהאַט האָט איהם דאָס פאָלק. אַלצדינג, וואָס ער האָט געפּרובט טון, האָט זיך איהם איינגעגעבען. אַלס קריגס-אָנפיהרער האָט ער זיך בעטייליגט אין עטליכע שלאַכטען מיט די פלשתים, און שטענדיג פלעגט ער אַרויס אַלס זיגער.

שאול האָט, סוף כל סוף, אָנגעהויבען שטאַרק מקנא זיין דודן איבער דעם גרויסען נאָמען, וואָס יענער האָט בעקומען. אין די מרה-שחורה'דיגע מינוטען פלעגט זיך שאולן אויסדוכטען, אַז דוד בעמיהט זיך צוציהען צו זיך די ליעבע פון פאָלק, בכדי דערנאָך אַריינצוכאַפּען די קעניגליכע מאַכט. יעמאָלט פלעגט דער קראַנקליך-צערייצטער קעניג פיהלען אַזאַ שנאה צו זיין איידעם, אַז ער פלעגט זיין גרייט איהם צו טויטען. איינמאָל האָט דוד געשפּיעלט אויף זיין האַרף, בכדי צו צעשטרייען דעם קעניגס מעלאַנכאָליע. מיט אַמאָל איז דער לעצטער שטאַרק אַריין אין כעס און האָט אַ וואָרף געטאָן אויף דודן זיין שפּיז: דוד האָט באַלד אַ שפּרונג געטאָן אָן אַ זייט, און דערמיט האָט ער זיך געראַטעוועט פון טויט. דאָס האָט געצוואונגען דודן זיך צו דערווייטערן פון קעניגליכען הויף. שאולס זוהן, יונתן, האָט אפילו געפּרובט שלום מאַכען צווישען זיין פאָטער און דודן, אָבער דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבען.

איינמאָל האָט דער קעניג געהייסען זיינע דינער הרגענען דודן אין זיין אייגענער שטוב, פאַר-טאָג. זיין פרוי, מיכל, האָט זיך אָבער דערוואוסט וועגען דעם און האָט איהם שטילערהייד אַרויסגעלאָזט ביי-נאַכט דורכ'ן פענסטער און געהייסען איהם אַנטלויפען פון שטאָדט; און אַז די מערדער זענען פאַר-טאָג געקומען, האָבען זיי שוין דודן ניט געפונען. ער איז אַנטלאָפען קיין רמה, וואו עס האָט געוואוינט זיין בעשיצער, שמואל הנביא. דער קעניג האָט נאָכגעיאָגט דעם אַנטלאָפענעם, נאָר דוד האָט זיך בעהאַלטען אין פעלד, ניט ווייט פון רמה. אַהער פלעגט קומען צו דודן זיין געטרייער פריינד יונתן און פלעגט

איהם טרייסטען. אַמאָל אין אַ ראש-חודש, בשעת ביים קעניגליכען טיש זענען געזעסען אַלע מיטגליעדער פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע און די הויפֿלייט, האָט יונתן ווידער אַמאָל אָנגעהויבען בעטען זיך ביים פֿאָטער, ער זאָל מאַכען שלום מיט דוד'ן. נאָר שאול האָט מיט כעס אָנגעשריען אויפֿ'ן זוהן: „דו זאָלסט וויסען זיין, אַז כל זמן דוד לעבט, ביזטו ניט זיכער ניט מיט דיין לעבען, ניט מיט דיין טרון. ברענג איהם צו מיר, וואָרום ער איז חייב מיתה". יעמאָלט איז יונתן אַוועק צו דוד'ן און האָט איהם געגעבען אַן עצה צו בעהאַלטען זיך וואָס ווייטער, וואָרום דעם קעניגס צאָרן איז גרויס. ביים געזעגענען זיך האָבען די ביידע פֿריינד זיך אַרומגענומען, צעקושט זיך און האָבען לאַנג געוויינט.

דוד'ס נע ונד זיין.

§ 63. דוד האָט איצט געמוזט גאַנצע יאָהרען זיין נע ונד. צוערשט איז ער אַוועק קיין נוב, אין דער שטאָדט פֿון די כהנים (עיר-הכהנים). דער כהן-גדול אחימלך האָט איהם פֿריינדליך אויפֿגענומען און האָט איהם פֿערזאָרגט מיט שפּייז און מיט געוועהר. פֿון דאָרטען איז דוד געלאָפֿען ווייטער, צו דער פּלשתּישער גרעניץ, און האָט זיך בעהאַלטען אין אַ הייהל נעבען עדולם. דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפֿקלייבען אַרום איהם פֿערשיעדענע מענשען, אונצופֿריעדענע מיט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג — און האָבען איהם אויסגעקליבען פֿאַר זייער פֿיהרער. אַהער זענען אויך געקומען צו דוד'ן זיינע קרובים פֿון בית-לחם.

אַז שאול האָט דערהערט, אַז דוד איז אַנטלאָפֿען, איז ביי איהם זיין פֿריהעריגער חשד נאָך שטאַרקער געוואָרען. ער האָט דוד'ן ערקלערט פֿאַר אַ מורד-במלכות און האָט אָנגעהויבען אַכזריות'דיג צו רודפֿ'ן די אַלע, וואָס אויף זיי איז געפֿאַלען אַ חשד, אַז זיי האָבען מיט דוד'ן אַ מגע-ומשא. אין דער זעלביגער צייט האָט מען געמסר'ט שאול'ן, אַז דוד איז געוועזען אין נוב, און די כהנים האָבען איהם גוט אויפֿגענומען. דער קעניג האָט געהייסען ברענגען צו איהם קיין גבעה אחימלכ'ן און די אַנדערע כהנים פֿון נוב און האָט צו זיי געזאָגט מיט כעס: „פֿאַרוואָס האָט איהר געגעבען מיין פֿיינד, דוד'ן, שפּייז און אַ שווערד? פֿאַרוואָס האָט איהר געפֿרעגט גאָט פֿאַר אַ מענשען, וואָס איז מורד קעגען מיר?" אחימלך האָט געענטפֿערט, אַז די כהנים האָבען אָנגענומען דוד'ן פֿאַר אַ בכבוד'יגען גאַסט, ווייל ער איז דעם קעניגס איידעם, און זיי האָבען גאָרניט געוואוסט, אַז ער אַנטלויפֿט דאָס פֿאַר'ן קעניג. נאָר שאול האָט ניט געוואָלט הערען קיין שום פֿערענטפֿערונג. לויט זיין בעפֿעהל זענען דערהרג'עט געוואָרען אחימלך, זיין פֿאַמיליע און נאָך 85 כהנים. די שטאָדט נוב איז צעשטערט געוואָרען. געראַטעוועט האָט זיך נאָר איין זוהן אחימלכ'ס, אביתר, וואָס איז אַנטלאָפֿען געוואָרען צו דוד'ן און האָט גענומען מיט זיך דעם הייליגען „אפֿוד" פֿון דעם חרוב'ן טעמפּעל.

דערווייל איז דוד בראש פֿון אַ באַוואָפֿענטער באַנדע אַרומגעוואָגלט פֿון איין אָרט אויפֿ'ן אַנדערן, מ'רוב האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטען אין מדבר יהודה. צו דוד'ס באַנדע זענען צוגעשטאַנען עטליכע זיינע קרובים, וואָס זענען געקומען פֿון בית־לחם; צווישען זיי האָבען זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט דורך זייער מוט זיין שוועסטערס זיהן: יואָב און אבישי. צווישען דוד'ס קריגסלייט זענען געווען אויך פּלשתים און חתים. דוד האָט ניט געקאָנט בלייבען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט, ווארום אומעטום פֿלעגט איהם שאול נאָכיאָגען מיט אַ באַדייטענדען חיל. אין מדבר זיף האָט שאול כמעט געכאַפּט שוין דוד'ן, נאָר פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די פּלשתים זענען אָנגעפֿאַלען אויף דאָס לאַנד, און דער קעניג האָט געמוזט זיך אומקעהרען, בכדי אַרויסצוטרעטען קעגען די פֿיינד. אַז דער קריג האָט זיך געענדיגט, האָט שאול ווידער אָנגעהויבען יאָגען זיך נאָך דוד'ן, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערעוועט מיט זיין באַנדע אין מדבר, וואָס גרעניצט זיך מיט'ן ים־המלח, ניט וויט פֿון אָאַזיס עין־גדי. דאָ פֿלעגען דוד'ס און שאול'ס מענשען אָפֿטמאָלס נאָהענט צוזאַמענקומען, נאָר קיין ענטשיידענע שלאַכט איז צווישען זיי ניט פֿאָרגעקומען.

דער תנ"ך דערצעהלט זעהר אַ שענע מעשה פֿון דער צייט.

איין מאָל איז שאול אַריינגעגאַנגען אין אַ פֿינסטערער הייהל, וואָס אינעווייניג האָט זיך געפֿינען דוד מיט זיינע קריגסלייט. אין דער פֿינסטער האָט דער קעניג זיי ניט באַמערקט. און די קריגסלייט האָבען געזאָגט צו דוד'ן: „איצט האָט גאָט איבערגעגעבען דיין פֿיינד אין דיינע הענד; טו מיט איהם, וואָס דו ווילסט". נאָר דוד האָט געזאָגט: „חס ושלום! ווי קאָן איך דאָס אויפֿהויבען מיין האַנד קעגען מיין האַר, גאָטס געזאַלבטען!" ער איז נאָר צוגעגאַנגען שטילערהייד צו שאול'ן און האָט אָבגעשניטען אַ פּאָלע פֿון זיין אויבער־בגד. שאול האָט גאָרניט באַמערקט. אַז שאול איז אַרויסגעגאַנגען פֿון הייהל, איז דוד אַרויס נאָך איהם, (האָט איהם באַוויזען פֿון דערווייטענס די אָבגעשניטענע פּאָלע און האָט אויסגערופֿען: „דו רעכענסט מיך פֿאַר דיין פֿיינד, נאָר זעה: אָט ביזטו געווען אָקאָרשט ביי מיר אין די הענד, און איך האָב דיר קיין בייז ניט געטאָן. גאָט זעהט, אַז איך בין גערעכט; זאָל ער משפּט'ן צווישען אונז!" שאול איז געוואָרען גערירט פֿון דער דאָזיגער מעשה, האָט זיך צעוויינט און האָט געזאָגט: „צי הער איך דאָס דיין שטים, מיין זוהן, דוד? דו ביזט גערעכטער פֿאַר מיר, וואָס דו האָסט מיר גוטס געטאָן, און איך טו דיר נאָר שלעכטס. איך ווייס, אַז דו וועסט קיניגען איבער ישראל; נאָר שווער מיר צו, אַז דו וועסט מיינע קינדער ניט אויסהרג'ען נאָך מיין טויט". דוד האָט זיך געשוואָרען, און זיי זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

באַלד אָבער האָט שאול פֿערגעסען די גאַנצע מעשה, און האָט ווידער אָנגעהויבען רודף זײַן דוד'ן.

בערך אין יענער צײַט איז געשטאָרבען שמואל הנביא, דוד'ס בעשיצער. דוד האָט ניט געקאָנט לענגער בלײַבען אין יהודה, וואו שאול'ס קריגסלײַט האָבען איהם געקאָנט כאַפּען, און איז אַריבער מיט זײַן באַנדע, וואָס איז בעשטאַנען פֿון 600 מאַן, אין לאַנד פֿון די פּלשתים. אײנער פֿון די פּלשתּישע פֿירשטען, אָכיש, דער קעניג פֿון גת, האָט זײ גוט אױפֿגענומען, מחמת ער האָט גערעכענט, אַז דוד, אַלס שאול'ס אַ פֿײַנד, וועט העלפֿען די פּלשתים אין זײערע קריג קעגען די בני-ישראל. דוד האָט געבעטען אָכיש'ן, ער זאָל איהם און זײַנע מענשען אָבגעבען אַ בעזונדער אָרט אױף צו וואוינען דאָרט, און אָכיש האָט זײ אָבגעגעבען די שטאָדט צקלג. פֿון דאָרט פֿלעגט דוד מיט זײַן חיל אָפֿטמאָלס אָנפֿאַלען אױף די עמלקים און אַנדערע שבטים, וואָס האָבען געוואַנדערט אין דרום-זײַט פֿון כנען, און פֿלעגט אָבנעהמען בײַ זײ אַ סך רויב. אַזױ איז אַוועק כמעט אַ יאָהר צײַט.

צולעצט האָבען אַלע פּלשתּישע מלכים און פֿירשטען צונױפֿגעקליבען זײער חיל און זענען אַרױס אין קריג קעגען די בני-ישראל. אין די לעצטע רײהען פֿון זײַן חיל האָט אָכיש אַוועקגעשטעלט דוד'ן מיט זײַנע מענשען. נאָר אַז די אַנדערע פּלשתּישע פֿירשטען האָבען דאָס בעמערקט, האָבען זײ געזאָגט צו אָכיש'ן: „ווי קומען דאָ אַהער די עברים? דאָס איז דאָך דער זעלביגער דוד, וואָס וועגען איהם זינגט מען אין די לידער, אַז ער האָט געשלאָגען צעהנדליגע טױזענדער פּלשתים. ער קאָן אונז נאָר שטערען אין דעם דאָזיגען קריג. מיט וואָס זשע וועט ער איבערבעטען זײַן האַר (שאול'ן), אױב ניט מיט די קעפּ פֿון די דאָזיגע לײַט (פּלשתים)?" אָכיש איז געצוואונגען געוואָרען אָבצושיקען דוד'ן צוריק קײן צקלג.

נאָר דאָ האָט מיט דוד'ן געטראָפֿען אַ גרױסער אומגליק. בשעת דוד מיט זײַנע מענשען זענען ניט געווען אין צקלג, זענען אָנגעפֿאַלען אױף דער שטאָדט די ווילדע עמלקים, האָבען זי פֿערברענט און געפֿאַנגען גענומען אַלע פֿרױען און קינדער, וואָס זענען דאָרט געבליבען. אַז דוד און זײַנע קריגסלײַט האָבען דערזעהן די פֿערברענטע און פֿערוויסטע שטאָדט, האָבען זײ זיך צעווײנט. דער כהן אביתר, וואָס האָט זיך אױך געפֿונען צווישען דוד'ס מענשען, האָט אָבער געטרײסט דוד'ן און פֿאָרױסגעזאָגט איהם אין גאָטס נאָמען, אַז ער וועט דעריאָגען די רױבער און אָבנעהמען בײַ זײ דעם רױב. דוד האָט גענומען מיט זיך 400 מאַן און האָט נאָכגעיאָגט די עמלקים. ער האָט זײ געטראָפֿען אין פֿעלד, וואו זײ האָבען געגעסען און געטרונקען און האָבען זיך לוסטיג געמאַכט, און די געפֿאַנגענע פֿרױען און קינדער זענען געווען נעבען זײ. דוד'ס קריגסלײַט זענען בעפֿאַלען די רױבער און האָבען זײ אױסגעהרג'עט; זײערע פֿרױען און קינדער האָבען זײ בעפֿרײַט און צוריק אָבגענומען זײער האָב און גוטס.

שאולס טויט.

§ 64. אַז שאול האָט זיך דערוואוסט, אַז די פּלשתּים גרייטען זיך צו אַ נייעם קריג, האָט ער צונויפגעקליבען זיין חיל און האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אין טאָל יזרעאל, ביי די בערג גלבּוע. מיט שרעק האָט ער דערזעהן די פֿיינד. עפּיס האָט איהם דאָס האַרץ געזאָגט, אַז גאָט וועט זיך די מלחמה פֿאַר איהם ניט ענדיגען. ער האָט געפֿרעגט יאַהוועס אָראַקעל וועגען זיין גורל, אָבער ער האָט קיין ענטפֿער ניט בעקומען. יעמאָלט זאָט ער בעשלאָסען צו דערגעהן וועגען זיין צוקונפֿט ביי די אייגענע מכשפים, וואָס אַנמעלט האָט ער זיי אַליין פֿערטריבען פֿון לאַנד.

צוליעב דעם צוועק — דערצעהלט דער תּנ״ך — האָט ער זיך געווענדעט צו אַן אַלטער מכשפֿטע, וואָס האָט געוואוינט אין עין־דור. איין מאָל ביי־נאַכט האָט זיך דער קעניג פֿערקליידט, בכדי מען זאָל איהם ניט דערקענען, איז אַוועק צו דער מכשפֿטע און האָט איהר געבעטען, זי זאָל אַרויסרופֿען פֿון קבר שמואלן. באַלד האָט זיך אין דער סודות־פֿולער נאַכט־פֿינסטערניש בעוויזען די געשטאַלט פֿון אַ זקן, און שאול האָט דערקענט אין דער געשטאַלט שמואלן. און ער האָט דערהערט שמואלס צאָרניגע שטים: „צוליעב וואָס האָסטו מיך אין מיין רוהע געשטערט און געבראַכט אַהער?“ דער קעניג איז אַנידערגעפֿאַלען אויף די קניע פֿאַרן נביא און האָט אויסגערופֿען: „מיר איז שלעכט! די פּלשתּים פֿאַלען אָן אויף מיר, און גאָט האָט זיך אָבגעווענדעט פֿון מיר. זאָג מיר, וואָס זאָל איך טהון?“ שמואל האָט געענטפֿערט: „גאָט האָט טאַקע דיך פֿערלאָזען, ווייל דו האָסט איהם אַמאָל ניט געפֿאָלגט, און האָט דיין טראָן אָבגעגעבען דוד'ן. גאָט וועט איבערגעבען דיך און די בני־ישראל אין די פֿיינדס הענד; מאָרגען וועסט דו מיט דיינע זיהן זיין צוזאַמען מיט מיר“. שאול איז פֿערציטערט געוואָרען, דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, און איז געפֿאַלען אויף דער ערד. מיט גרויס מיה האָט די מכשפֿטע איהם איינגערעדט, ער זאָל עפּיס עסען און אָבפֿרישען דאָס האַרץ.

באַלד האָבען זיך די פּלשתּים דערנעהנטערט צום לאַגער פֿון די בני־ישראל. אין די בערג פֿון גלבּוע איז פֿאָרגעקומען אַ שרעקליכע שלאַכט. די פּלשתּים האָבען מנצח געווען. טויזענדער בני־ישראל זענען געפֿאַלען. יונתן און נאָך צוויי שאולס זיהן זענען דערהרג'עט געוואָרען פֿון די פּלשתּים. שאול האָט בעקומען אַ סך וואונדען. אַז ער האָט דערפֿיהלט, אַז זיין סוף איז נאָהענט, האָט ער געזאָגט צו זיין וואָפֿען־טרעגער: „ציה אַרויס דיין שווערד און דערשטעך מיך, בכדי די ערלים זאָלען ניט קומען און פֿון מיר שפּאָטען“. נאָר דער וואָפֿען־טרעגער האָט זיך ניט דערוועגט צו טויטען דעם קעניג. יעמאָלט האָט זיך שאול אַליין אַ וואָרף געטאָן אויף זיין שווערד און איז געשטאָרבען.

אויף'ן אַנדערן טאָג האָבען די פּלשתּים געפונען שאול'ס טויטען קערפּער און האָבען איהם אויפגעהאַנגען אויף די מויערן פון דער שטאָדט בית-שאן; דאָס האָט געדאַרפט דיענען אַלס סימן פון זייער נצחון. אַז די איינוואוינער פון דער שטאָדט יבש-גלעד, (די וועלכע, וואָס אין אָנהויב פון זיין קעניגען האָט שאול זיי געראַטעוועט פון די בני-עמון), האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָבען זיי געשיקט אַן אָבטיילונג קריגסלייט, וואָס זאָלען אַראָבנעהמען דעם פערשטאָרבענעם קעניגס קערפּער פון דער מויער פון בית-שאן. ביי-נאַכט האָבען די גלעדער קריגסלייט שטילערהייד אַראָבגענומען שאול'ס קערפּער, האָבען איהם געבראַכט קיין יבש און דאָרט האָט מען איהם מקבר געווען.

דוד, וואָס איז דענסטמאָל געווען אין צקלג, האָט זיך דערוואוסט וועגען שאול'ס און זיינע זיהנס טויט פון אַן עמלקי, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען פון שלאַכט-פעלד קיין צקלג. דער דאָזיגער עמלקי האָט געמיינט, אַז ער וועט דוד'ן פערשאַפען פרייד מיט דער בשורה, און האָט זיך אַפילו בערימט, אַז ער גופא האָט עס געהרג'עט דעם קעניג. נאָר דוד האָט אויף איהם אָנגעשריען: „ווי האָסטו געהאַט די העזה אויפצוהויבען דיין האַנד אויף גאָטס געזאַלבטען". — און האָט געהייסען איהם טויטען.

שאול'ס און יונתנ'ס טראַגישער טויט ווערט בעזונגען אין פאָלגענדען פּאָעטישען קלאָג-ליעד, וואָס דוד ווערט גערעכענט פאַר איהר מחבר.

„דיין צירונג, אָ ישראל, ליגט דערשלאָגען אויף דיינע בערג. ווי זענען די העלדען געפאַלען! דערצעהלט ניט אין גת, זאָגט די בשורה ניט אָן אין די גאַסען פון אשקלון, עס זאָלען די פּלשתּישע טעכטער ניט דערפרעהט ווערען, ס'זאָלען זיך ניט לוסטיג מאַכען די טעכטער פון די ערלים. איהר בערג, גלבוע! ס'זאָל אויף אייך קיין טוי און קיין רעגען ניט פאַלען, ס'זאָלען אויף אייך קיין גרינענדע פעלדער ניט זיין, וואָרום דאָרט איז פערפלעקט געוואָרען דער שילד פון די העלדען, שאול'ס שילד, וואָס איז מיט בוימיל ניט געשמירט געוואָרען. פאַר דער בלוט פון געפאַלענע, פאַר דעם פעט פון גבורים האָט זיך יונתנ'ס בויגען קיין מאָל ניט צוריקגעצויגען און שאול'ס שווערד קיין מאָל לעדיג צוריק ניט געקעהרט. שאול און יונתן, געליעבטע און טייערע צייט זייער לעבען, זיי זענען אויך דורכ'ן טויט ניט געשיידט. פאַר אָדלערס זענען זיי גרינגער געווען, און שטאַרקער פאַר לייבען. איהר טעכטער פון ישראל, בעוויינט שאול'ן, וואָס האָט אייך בעקליידט אין פּורפּור און איידעלע געוואַנט און בעפּוצט אייערע קליידער מיט גאָלד. אָ, ווי זענען געפאַלען די העלדען אין מיטען דער שלאַכט, יונתן אויף דיינע הויכע בערג — אַ דערשלאָגענער. וועה איז מיר איבער דיר, מיין ברודער יונתן! דו ביזט מיר אַזוי ליעב געווען; וואונדערבאַרער איז מיר דיין ליעבע געווען, ווי פרויען-ליעבע. אָ, ווי זענען די העלדען געפאַלען, די שטרייט-וואָפען — פערלאָרען געגאַנגען.

צווייטער קאפיטעל.

דוד'ס מלוכה (בערך אין יאהר 1055—1015).

אישבעל און דוד. — דוד אין ירושלים. — דוד'ס מלחמות. — דאס מלוכה- און פאלקס-לעבען. — דעם קעניגס פאמיליען-לעבען. — אבשלום'ס אויפשטאנד. — שבע בן-בכרי'ס מרידה. — דער קאמפף פאר דער קרוינס-ירושה.

אישבעל און דוד.

§ 65. נאך דעם העלדענטויט פון שאול'ן און זיינע דריי זיהן, איז נאך לעבען געבליבען שאול'ס יונגסטער זוהן, אישבעל אדער אישבשת[1]. אישבעל איז געוועזען א מענש א שוואכער און ניט קיין פעהיגער צו רעגירען, נאר איהם האט אונטערגעהאלטען דער גענייטער קריגס-פיהרער אבנר, וואס איז געוועזען שאול'ס א קרוב. דעם פערשטארבענעם קעניגס קרובים און אויך די איינוואוינער פון גלעד, וואס שאול האט זיי בעפרייט פונ'ם יאך פון די בני-עמון, האבען געפאדערט, אז קעניג זאל ווערען שאול'ס זוהן. אישבעל האט זיך אריבערגעקליבען אויף יענער זייט ירדן, אונטערן שוץ פון אבנר'ס חיל, און האט זיך בעזעצט אין דער גלעדי'שער שטאדט מחנים. דא האבען די בני-בנימין און די גלעדים איהם געקרוינט פאר א קעניג. די בני-אפרים און די צפונ'דיגע שבטים האבען איהם אויך אנערקענט. נאר איין שבט יהודה האט געהאלטען פאר דוד'ן, וויל זיי האבען איהם געהאלטען מעהר פעהיג צום רעגירען. אזוי ווי דוד איז געוועזען בעזיכערט, אז די בני-יהודה שטעהען אויף זיין צד, האט ער זיך באלד נאך שאול'ס טויט אריבערגעקליבען פון צקלג קיין חברון, וואס ליגט אין לאנד יהודה. אהין זענען געקומען די עלטסטע פון יהודה און האבען איהם געזאלבט פאר א קעניג (בערך אין יאהר 1055).

אויף אזא אופן האבען איצט די בני-ישראל געהאט גלייכצייטיג צוויי מלכים: דוד האט געקיניגט איבערן שבט יהודה, און אישבעל — איבער אלע איבעריגע שבטים. ס'איז ענטשטאנען אין לאנד א בירגער-קריג. כסדר פלעגען

---

1) אישבעל (דברי-הימים-א', ק' ח, 33 און ט'.) בעטייט „א מאן פון בעל", אישבשת (שמואל ב', קאפיטעל ב', 9 און ווייטער). — א מאן פון שאנד. דער ערשטער נאמען ענטהאלט דעם נאמען געטא פון היידנישען אבגאט. דער פרומער תנ"ך-שרייבער האט געהאלטען פאר א זינד אפילו צו דערמאנען דעם נאמען פון בעל און האט איהם פערביטען מיט'ן ווארט „בשת". דאס געפינען מיר נאך ביי אנדערע נעמען, למשל: ירובעל — מפיבשת.

פארקומען צוזאמענשטויסונגען צווישען די ארמעען פון די ביידע מלכים. דער אנפירער פון אישבעלס חיל איז געווען אבנר, און פון דודס חיל — זיין פלימעניק יואב. ס׳רוב פלעגען דודס אנהענגער געווינען די שלאכט. אפטמאלס פלעגט אויך פארקומען א קאמפף צווישען איינצעלנע גבורים פון ביידע צדדים.

אין איינער פון אזעלכע שלאכטען, וואס איז פארגעקומען נעבען גבעון, האט יואבס חיל מנצח געווען אבנרס חיל; נאר די שמחה איבער דעם נצחון איז פערשטערט געווארען איבער פאלגענדען טרויעריגען צופאל. יואבס ברודער, דער גבור עשהאל, וואס איז געווען „גרינג אויף די פיס, ווי א הירש אין פעלד”, האט נאכגעיאגט אבנרן. דער לעצטער האט זיך אבגעזאגט פון א צוויי־קאמפף מיט עשהאלן און האט אים געבעטען, ער זאל אבטרעטען. און אזוי ווי עשהאל האט ניט איינגעשטימט דערויף, האט אבנר אים דערשטאכען מיט זיין שווערד. אז יואב האט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האט ער בעהאלטען אין הארצען זיין שנאה, און האט בעשלאסען נקמה צו נעהמען פון זיין ברודערס מערדער.

באלד איז אישבעלס לאגע ערגער געווארען. ער האט זיך געקריגט מיט זיין אפיטרופס אבנרן איבער א משפחה־ענין. אבנר האט גענומען צו זיך אין שטוב ארײַן שאולס געוועזענע קעבסווייב, רצפה; אישבעל האט גערעכענט, אז דערמיט האט אבנר געזינדיגט קעגען מנהג העולם אדער קעגען זיינע קעניגליכע רעכט, און האט אים דערפאר אויסגערעדט. אבנר איז אין כעס געווארען און האט געזאגט: „איך טו א טובה שאולס משפחה און גיב דיך ניט איבער אין דודס הענט, און דו מאכסט מיר פארווארפען פאר דער דאזיגער פרוי! איך שווער זיך, אז איצט וועל איך אבנעהמען די מלוכה פון שאולס משפחה און וועל מאכען דודן פאר א קעניג איבער ישראל און יהודה, פון דן ביז באר־שבע[2].

און אבנר האט געהאלטען ווארט. ס׳קאן זיין, אז ער האט זיך באמת איבערצייגט דערין, אז דוד, אלס רעגירער, שטעהט א סך העכער פון אישבעלין. ער האט אנגעהויבען ענערגיש צו ארבייטען דערפאר, אז דאס גאנצע פאלק זאל זיך פעראייניגען אונטער דודס ממשלה. אידם האט זיך איינגעגעבען אריבערצוציהען אויף דודס צד די בני־בנימין און די עלטסטע פון אנדערע שבטים. דעמאלט איז ער אוועק קיין חברון, בכדי פערזענליך איבערצורעדען מיט דודן; נאר דא האט אויף אידם געווארט דער טויט. יואב, וואס האט געוואלט נקמה נעהמען פון אידם פארן טויט פון זיין ברודער עשהאל, האט ארייַנגענארט אבנרן אין א בעהאלטענעם ארט און האט אידם דערהרג׳עט ביים טויער פון חברון. דוד המלך האט זעהר בעדויערט דעם פלוצלינגדיגען טויט פון אבנרן, וואס

[2]) די שטאדט דן (דער אלטער ליש) איז געשטאנען אין עקסטען צפון פון ארץ־ישראל, און באר־שבע — אין עקסטען דרום. דעריבער בעטייט „מדן ועד באר־שבע” — פון איין עק פון דער מלוכה ביז צום צווייטען.

איז פֿון אַ גאַנצער געװאָרען זײַנער אַנאָנהענגער און האָט נאָר־װאָס אַריבער־געצױגען אױף זײַן זײַט אַ גרױסען טײל פֿון פֿאָלק. לױט װי דער תנ״ך דער־צעהלט, האָט דוד בעקלאָגט זײַן טױט אין פֿאָלגענדען קלאָג־ליעד, װאָס פֿון איהר איז געבליבען פֿאָלגענדער פֿערז: „שױן זשע האָט אבנר געמוזט שטאַרבען װי אַ נידערטרעכטיגער? דײַנע הענד זענען ניט געװען געבונדען, און דײַנע פֿיס זענען ניט געװען אין קײן קופּערנע קײטען געשמידט; דו ביזט געפֿאַלען, װי מען פֿאַלט פֿון נידערטרעכטיגע מענשענס הענד.

נאָך אבנר׳ס פֿערראַט האָט אישבעל, װאָס האָט געװאױנט אין מחנים, שױן קײנעם ניט געהאַט, װער עס זאָל איהם שטיצען. אַלע זײַנע פֿריהערדיגע אַנהענגער זענען ביסלעכװײַז פֿון איהם אָבגעפֿאַלען און זענען אַריבער אױף דוד׳ס צד. צולעצט האָבען צװײ הױפּט־לײַט פֿון שבט בנימין דערהרג׳עט אישבעל׳ן, בשעת ער איז געשלאָפֿען אױף זײַן בעט. דערנאָך האָבען זײ גענומען דעם קאָפּ פֿון דערהרג׳עטען און געבראַכט עס צו דוד׳ן קײן חברון, װײַל זײ האָבען געהאָפֿט צו בעקומען פֿון איהם אַ בעלױנונג דערפֿאַר. נאָר אַנשטאָט דעם האָט דוד געהײסען זײ טױטען. אישבעל׳ס קאָפּ אָבער האָט מען מקבר געװען אין חברון נעבען אבנר׳ס קבר.

דוד אין ירושלים.

§ 66. אַזױ איז דוד צו דרײַסיג יאָהר געװאָרען דער אײנציגער קעניג איבער דעם פֿאָלק ישראל. די עלטסטע פֿון אַלע שבטים זענען געקומען קײן חברון און האָבען איהם געקרױנט פֿאַר אַ קעניג. דאָס פֿאָלק האָט נאָך געדענקט דוד׳ס פֿריהערדיגע גבורות אין די מלחמות מיט די פּלשתים און האָט געהאָפֿט, אַז דער נײַער קעניג װעט איהם פֿערשאַפֿען רוהע און אומאָבהענגיגקײט. די דאָזיגע האָפֿנונגען זענען אינגאַנצען מקוים געװאָרען.

צוערשט איז דוד אַרױסגעטראָטען אין מלחמה קעגען די פֿרעמדע שבטים, װאָס האָבען נאָך געלעבט אין לאַנד. אױף דער גרעניץ צװישען שבט יהודה און שבט בנימין האָט פֿון שנים קדמוניות אָן געװאױנט דער קלײנער, נאָר שטאַרקער שבט יבוסים. דעם דאָזיגען שבט האָבען די בני־ישראל ניט געהאַט אײַנגענומען, בשעת זײ זענען אַרײַן אין כנען, און ער האָט זיך געלעבט אומאָבהענגיג אין זײַן בעפֿעסטיגטער שטאָדט ירושלים און אין דער סביבה. ירושלים געפֿינט זיך אױף אַ באַרג, װאָס איז אַרומגערינגעלט מיט טיפֿע טאָלען; אין זײַן דרומדיגען טײל דערהױבט זיך דער באַרג ציון, אױף װעלכען ס׳איז געשטאַנען אַ שטאַרקע פֿעסטונג. די יבוסים האָבען גערעכענט, אַז די דאָזיגע פֿעסטונג קאָן מען ניט בשום אופֿן אײַננעהמען. דוד איז אַרױס אין מלחמה קעגען די יבוסים און האָט, װי עס װײַזט אױס, געפֿאָדערט, אַז זײ זאָלען איהם מיט׳ן גוטען װילען איבערגעבען די פֿעסטונג; נאָר די יבוסים האָבען מיט חוזק געענטפֿערט, אַז די דאָזיגע פֿעסטונג װעלען אַפֿילו בלינדע און לאָהמע קעגען

פֿערטיידיגען. דעמאָלט האָט דוד'ס חיל בעלעגערט ירושלים און אין גיכען האָט ער איינגענומען די פֿעסטונג אויפֿ'ן בארג ציון. די יבוסים האָט מען פֿון דאָרטען אַרויסגעטריבען. דוד האָט זיך אַריבערגעקליבען פֿון חברון, וואו ער האָט אָבגעוואוינט זיבען יאָהר, קיין ירושלים און האָט געמאַכט די דאָזיגע שטאָדט פֿאַר זיין שטענדיגער רעזידענץ־שטאָדט. ער האָט זיך בעזעצט אין דער פֿעסטונג ציון, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען עיר־דוד (דוד'ס שטאָדט), און אַרום דער פֿעסטונג האָבען זיך בעזעצט די גבורים, וואָס האָבען מיטגעמאַכט זיינע פֿריהערדיגע קריגען און וואָס זענען איצט געוואָרען זיין לייב־גוואַרדיע. באַלד זענען אָנגעקומען פֿון דער פֿעניצישער שטאָדט צור בוי־מייסטערס און מויערער און האָבען אויסגעבויט פֿאַר דוד'ן אויפֿ'ן בארג ציון אַ פּאַלאַץ פֿון צעדער־האָלץ. ירושלים איז געוואָרען אַ גרויסע שטאָדט, און פֿון דוד'ס צייטען אָן איז זי געווען די הויפּט־שטאָדט פֿון דער אידישער מלוכה.

דוד האָט געוואָלט מאַכען זיין הויפּט־שטאָדט אויך פֿאַר אַ הייליגע שטאָדט. ער איז אַוועק מיט די לויים און מיט אַ גאַנצער מאַסע פֿאָלק קיין קרית־יערים און האָט גענומען פֿון דאָרט דעם אָרון־הקודש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען זינט שמואל הנביא'ס צייטען (§ 53). דעם אָרון האָט מען פֿייערליך אַריבערגעטראָגען אין עיר־דוד, און דערביי האָט מען געבלאָזען אין טרומייטען, און דאָס פֿאָלק האָט בעגלייט דעם צוג מיט פֿריידענסגעשרייען און מיט טענץ. אין עיר־דוד האָט מען דעם הייליגטום אַריינגעשטעלט אין אַ געצעלט, וואָס איז געווען בעהאַנגען מיט טייערע געוואַנט. נעבען אָרון האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ מזבח. פֿאַר אַ כהן־גדול אין דעם נייעם משכן איז בעשטימט געוואָרען אביתר, דער זוהן פֿון אחימלך, וואָס איז דערהרג'עט געוואָרען אין נוב; דער זעלביגער אביתר, וואָס האָט מיטגעמאַכט דוד'ס וואָגלונגען. דער אַלטער משכן איז נאָך פֿערבליבען אין גבעון, וואוהין מען האָט איהם איבערגעטראָגען נאָך פֿאַר שאול'ס צייטען, נאָכדעם ווי די שטאָדט נוב, די „עיר־הכהנים", איז צעשטערט געוואָרען; דאָרט איז געווען אַ כהן־גדול צדוק. דוד האָט איבערגעלאָזט צדוק'ן אויף דעם זעלביגען פּאָסטען, און אויף אַזאַ אופֿן האָבען איצט די בני־ישראל געהאַט צוויי טעמפּלען אין דער נחלה פֿון שבט בנימין און אין דער נחלה פֿון שבט יהודה.

בכלל האָט זיך זינט דער צייט אַלץ מעהר און מעהר איינגעשטעלט אין דער מלוכה אַ רעגעלמעסיגער גאָטעסדיענסט. אַ בעדייטענדען אָרט אין גאָטעסדיענסט הויבט אָן איצט צו פֿערנעהמען דער זינגען רעליגיעזע הימנען אָדער קאַפּיטלעך תהלים; די דאָזיגע קאַפּיטלעך תהלים פֿלעגען ווערען געזונגען פֿון כאָרען לויים, מיט דער בעגלייטונג פֿון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. דוד, וואָס איז אַליין געווען אַ זינגער און אַ שפּיעלער, האָט מסתמא אַליין אויך גענומען אַנטייל אין די דאָזיגע כאָרען, און אפֿשר האָט ער אַליין זיי דיריזשירט. דער דאָזיגער נייער אופֿן פֿון גאָטעסדיענסט האָט געמוזט ווירקען אויף דעם רעליגיעזען געפֿיהל פֿון פֿאָלק אין דעם זין, וואָס ער האָט עס מעהר פֿעראיידעלט.

דוד'ס מלחמות.

§ 67. נאָך דעם נצחון איבער שאולן אין יזרעאל, אין די בערג גלבוע, האָבען די פּלשתים, ווי עס ווייזט אויס, פון דאָס־ניי זיך אונטערטעניג געמאַכט די אידישע געגענדען, וואָס זענען געלעגען נעבען דער גרעניץ, אָדער זיי האָבען, ווייניגסטענס, געשטרעבט דערצו. אויף דוד'ן האָבען זיי צוערשט געקוקט, ווי אויף זייער פערבינדעטען און אונטערגעבענעם — און האָבען איהם געלאָזען צו רוה. אָבער אַז זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז דוד איז געוואָרען געקרוינט פאַר אַ קעניג איבערין גאַנצען פאָלק ישראל און אַז ער האָט זיך פערפעסטיגט אין זיין נייער הויפּט־שטאָדט ירושלים, זענען זיי אַרויס קעגען איהם מלחמה האַלטען.

אַז דוד האָט דערהערט, אַז די פּלשתים האָבען זיך דערנעהנטערט, האָט ער לכתחלה זיך איינגעשלאָסען אין זיין ירושלימ'ער פעסטונג. נאָר דערווייל זענען די פיינד אַריינגעדרונגען אין אינערן פון יהודה, האָבען איינגענומען דוד'ס געבורען־שטאָדט בית־לחם. און פון דאָרט האָבען זיי געשיקט קריגס־לייט צו פערוויסטען דאָס לאַנד. דעמאָלט איז דוד מיט זיין חיל אַרויס קעגען די פּלשתים, און אין בעל־פּרצים האָבען זיי בעקומען פון איהם אַ גרויסע מפּלה. די פיינד זענען אַנטלאָפען פון שלאַכט־פעלד און האָבען געלאָזען אַפילו זייערע געצענבילדער.

וועגען דעם מוט, וואָס דוד'ס הויפּט־לייט האָבען בעוויזען אין דער דאָזיגער שלאַכט, בעווייזט פאָלגענדע מעשה. אין דער צייט פון שלאַכט האָט זיך דוד'ן פערוואָלט טרינקען, נאָר וואַסער האָט מען געקאָנט בעקומען נאָר פון אַ ברונים נעבען דעם טויער פון בית־לחם, וואו עס איז געשטאַנען אַ פּלשתי'שע וואַך. דעמאָלט האָבען דריי גבורים פון דוד'ס לייב־וואַך איינגעשטעלט זייער לעבען, האָבען זיך דורכגעשלאָגען דורך דער פּלשתי'שער וואַך און האָבען געבראַכט צו טראָגען וואַסער פאַר דוד'ן. נאָר דער קעניג האָט געזאָגט: „חס ושלום! ווי קאָן איך דאָס טרינקען די וואַסער, וואָס מיינע מענשען האָבען עס געבראַכט צוטראָגען, איינשטעלענדיג זייער לעבען? דאָס וואָלט געוועזען דאָס אייגענע, ווי טרינקען זייער בלוט".

דוד'ס חיל האָט אָבגעהאַלטען נאָך עטליכע נצחונות איבער די פּלשתים אין דעם קריג, אין טאָל רפאים און אין אפס־דמים.

נאָר דוד האָט זיך ניט בעגענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט פערטריבען די פּלשתים פון זיין לאַנד. כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו פערטיליגען די דאָזיגע אַלטע שונאי־ישראל, איז דוד אַריינגעדרונגען אין לאַנד פון די פּלשתים און האָט איינגענומען די שטאָדט גת מיט איהר סביבה. אַ סך גבורות האָבען דוד'ס גבורים אַרויסגעוויזען אין דעם דאָזיגען קריג. אויף אַזאַ אופן איז נאָך יאָהרהונדערט־לאַנגע מלחמות דאָס פאָלק ישראל אינגאַנצען בעפרייט געוואָרען פון דער פּלשתי'שער אויבערהערשאַפט. זינט דוד'ס צייטען אָן איז די מאַכט פון דער פּלשתי'שער מלוכה צו־נישט געוואָרען. אין די פריהערדיגע צייטען

לעגען די בני־ישׂראל שטענדיג מורא האָבען פֿאַר די אָנפֿאַלען פֿון די פּלשתּים, איצט האָבען שוין די פּלשתּים מורא געהאַט פֿאַר די בני־ישׂראל. דאָס איינגענומענע געביט פֿון גת איז אַ געוויסע צייט געווען אונטערטעניג דוד'ן און האָט איהם געצאָהלט צינז.

אַז דער קריג מיט די פּלשתּים האָט זיך פֿערענדיגט, האָט דוד אונטערגענומען אַ רייהע מלחמות קעגען די מזרח'דיגע און דרום'דיגע שכנים פֿון ישׂראל. ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט די בני־מואָב, וואָס האָבען געוואוינט אין מזרח־זייט פֿון ירדן, און האָט איינגענומען זייער לאַנד. דער תּנ"ך דערצעהלט, אַז דוד איז זיך בּעגאַנגען מיט די בני־מואָב זעהר אַכזריות'דיג: מען האָט זיי אויסגעלעגט שורות־ווייז אויף דער ערד און געמאָסטען די שורות מיט שטריק, און פֿון איטליכע דריי שורות האָט מען צוויי אויסגעהרג'עט, און נאָר איינע לעבען געלאָזט. וואָס איז געווען די סבּה פֿון אַזאַ מין אַכזריות, איז ניט בּעוואוסט.

די שכנים פֿון די בני־מואָב, די בני־עמון, האָבען אַליין אַרויסגערופֿען אַ קריג קעגען זיך. אַז נחש, דער קעניג פֿון די בני־עמון, איז געשטאָרבען, האָט דוד, וועלכער האָט איהם געהאַט צו פֿערדאַנקען עפּיס אַ פּערזענליכע טובה, געשיקט שלוחים צו זיין זוהן חנון, בּכדי איהם מנחם אָבל זיין. חנון און די עלטסטע פֿון בני־עמון, וואָס האָבען געהערט וועגען דעם שרעקליכען סוף פֿון די בני־מואָב, האָבען חושד געווען די שלוחים, אַז זיי זענען געקומען אויסצופֿאָרשען דאָס לאַנד. דער קעניג חנון האָט געהייסען פֿערשטעהמען די שלוחים, אָבשניידען בּיי זיי די האַלבע בּערד און די קליידער בּיז די העלפֿט און אין אַזאַ לעכערליכען צושטאַנד זיי אַרויסשיקען פֿון זיין לאַנד. חנון האָט גוט געוואוסט, אַז דוד וועט איהם ניט מוחל זיין אַזאַ בּעליידיגונג, און האָט אָנגעהויבען צוגרייטען זיך צום קריג, און צוליעב דעם האָט ער געשלאָסען אַ בּונד מיט עטליכע אַרמישע מלכים. דוד האָט אַרויסגעשיקט זיין חיל אונטער יואָב'ס אָנפֿיהרונג קעגען דער הויפּט־שטאָדט פֿון די בני־עמון, רבּת־עמון. בּיי די טויערן פֿון שטאָדט האָט יואָב זיך צוזאַמענגעטראָפֿען פֿון איין זייט מיט די בני־עמון, פֿון דער אַנדערער זייט — מיט די אַרמים, וואָס זענען געקומען זיי צו־הילף. דעריבּער האָט יואָב צעטיילט זיין חיל אויף צוויי מחנות: איינע, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון זיין בּרודער אַבישי, האָט זיך אויסגעשטעלט קעגען די בני־עמון, די אַנדערע, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון יואָב'ן גופֿא, האָט זיך געווענדעט קעגען די אַרמים. דער אַרמישער הילפֿס־חיל איז געשלאָגען געוואָרען, און די עמונים האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט אין זייער הויפּט־שטאָדט און האָבען זיך דאָרט בּעפֿעסטיגט. אין גיכען האָט דער אַרמישער קעניג הדדעזר אַרויסגעשיקט נאָך אַ גרעסערן חיל קעגען די בני־ישׂראל. קעגען דעם דאָזיגען חיל איז דוד אַליין אַרויסגעטרעטען בּראש פֿון גאַנצען פֿאָלק, און בּיי חלאָם, אויף יענער זייט ירדן, האָט ער איהם מנצח געווען. דערנאָך איז דוד אַריינגעדרונגען אין לאַנד פֿון די אַרמים און

האָט איינגענומען איינע פֿון די אַראַמיישע הויפּט-שטעדט, ד מ ש ק, און איהרע איינוואוינער האָט ער גענויט צו צאָהלען איהם צינז. דערווייל האָט יואָב מיט זיין חיל בעלעגערט די הויפּט-שטאָדט פֿון די בני-עמון, רבה, און האָט זי איינגענומען דורך אַ שטורם. די בני-עמון האָבען זיך אונטערגעגעבען און האָבען, אַפּנים, געהאַט דעם זעלביגען סוף, ווי די בני-מואָב.

נאָך אַ גאַנצע רייה בלוטיגע שלאַכטען, זענען אויך אונטערטעניג געמאַכט געוואָרען די אדומים, וואָס האָבען געוואוינט אויף דער דרום-גרעניץ. דוד האָט אַוועקגעשטעלט זיינע פֿערוואַלטער (נציבים) אין די הויפּט-שטעדט פֿון אדום, און דאָס לאַנד איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ פּראָווינץ פֿון דער אידישער מלוכה. דער אָפּקלאַנג פֿון די דאָזיגע נצחונות הערט זיך אין די נבואות, וואָס ווערען צוגעשריבען בלעמ'ן: מואָב, עמון און אדום — די עלטערע צווייגען פֿון דער העברעאישער ראַסע זענען געוואָרען אונטערטעניג און האָבען געצאָהלט צינז דעם יונגערן — ישראל'ן.

דאָס מלוכה- און פֿאָלקס-לעבען.

§ 68. דוד האָט אויפֿגעהויבען די מלוכה פֿון ישראל אויף דער העכסטער מדרגה פֿון מאַכט, וואָס אין יענע צייטען איז זי געווען בעדינגט דורך דער קריגס-מאַכט. אַלע אַרומיגע פֿעלקער, וואָס האָבען פֿריהער בעדריקט די בני-ישראל, האָבען איצט געציטערט פֿאַר זיי. דער נאָמען פֿון דעם גרויסען קעניג פֿון ישראל איז געוואָרען גרויס איבער'ן גאַנצען מזרח. בכדי אונטערצוהאַלטען די אויסווייניגסטע מאַכט פֿון דער מלוכה, האָט דוד געמוזט אויסהאַלטען אַ גרויסען חיל. אין קריגס-צייטען האָט איטליכער שבט געמוזט אַרויסשטעלען אַ בעשטימטע צאָהל מענשען, וואָס זענען פֿעהיג צו מלחמה-דיענסט, פֿון 20 יאָהר אָן און עלטער. דער הויפּט-אָנפֿיהרער פֿונ'ם גאַנצען חיל איז געווען דוד'ס פּלימעניק יואָב. אַנדערע קריגס-פֿיהרער האָבען אָנגעפֿיהרט די איינצעלנע אָבטיילונגען. אַזוי איז בראש פֿון די געדונגענע אָבטיילונגען „כרתי ופלתי", וואָס זענען בעשטאַנען פֿון חתים און פּלשתים, איז געשטאַנען בניהו בן יהוידע. בניהו איז געווען צווישען די דרייסיג גבורים, וואָס האָבען געהערט צו דוד'ס סוויטע, וואָס וועגען זייערע גבורות ווערען דערצעהלט גאַנצע לעגענדעס.

די הויפּט-אויפֿגאַבע פֿון דוד'ס רעגירונג איז געווען איינשטעלען די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. נאָר אויך אין ציווילען לעבען בעמערקט זיך לעבעדיגקייט און ענטוויקלונג. פֿון די העכסטע ציווילע בעאַמטע, וואָס האָבען געהאָלפֿען דוד'ן אין זיין רעגירונג, זענען בעקאַנט: דער שרייבער אָדער קאַנצלער (סופֿר) ש ר י ה, דער סעקרעטאַר אָדער כראָניקער (מזכיר) י ו ש פֿ ט, און דער פֿערזענליכער בעל-יועץ פֿון קעניג א ח י ת ו פֿ ל. דער לעצטער איז געווען זעהר קלוג און שאַרפֿזיניג; אחיתופֿל'ס עצות האָבען זיך גערעכענט ווי די שפּרוכען פֿון אורים ותומים. ביים קעניגס הויף זענען נאָך געווען צוויי נביאים: ג ד און נ ת ן.

אין אַלע וויכטיקסטע דין־תּורה׳ס האָט דוד אַליין געגעבן אַן אָנטייל; אין זיין פּסק פֿלעגט ער אַלע מאָל אָבהיטען די יסודות פֿון שטרענגער גערעכטיקייט, אויף וויפֿיעל דאָס פֿלעגט דערלאָזען דאָס געוועדהייטס־רעכט, וואָס איז געווען איינגעוואָרצעלט ביים פֿאָלק.

איין מאָל האָט דוד געמוזט אַרויסטראָגען אַן אַכזריות׳דיגען פּסק־דין, מחמת דער פֿאָלקס־מנהג האָט דאָס געפֿאָדערט. אין לאַנד איז אַ לאַנגע צייט קיין רעגען ניט געווען, און דערפֿון איז געוואָרען אַ הונגער. דאָס פֿאָלק האָט דאָס באַטראַכט אַלס אַ שטראָף, וואָס גאָט האָט אַראָבגעשיקט אויף איהם פֿאַר עמיצענס חטאים. דער כּהן־גדול האָט דערקלערט, אַז דאָס פֿאָלק ליידט פֿאַר שאול׳ס זינד, וואָס האָט אויסגעהרג׳עט אַ סך גבעונים און האָט עובר געווען די אַלטע שבועה, וואָס די בני־ישראל האָבען געגעבען צו לאָזען זיי לעבען. יעמאָלט האָט דוד געלאָזט רופֿען די גבעונים און האָט זיי פֿאָרגעלעגט אַן אויסקויף פֿאַר דעם אונרעכט, וואָס מען האָט אָנגעטאָן זייער שבט; נאָר די גבעונים האָבען קיין אויסקויף ניט געוואָלט אָננעהמען און האָבען געפֿאָדערט, מען זאָל זיי ערלויבען נקמה צו נעהמען פֿון שאול׳ס קינדער, לויט דעם אַלטען פֿאָלקס־מנהג. דוד איז געווען גענויט נאָכצוגעבען דער דאָזיגער אַכזריות׳דיגער פֿאָדערונג. די גבעונים האָבען געכאַפּט צוויי זיהן שאול׳ס, פֿון זיין קעבסווייב ריצפּה, און פֿינף אייניקלעך זיינע און האָבען זיי אויפֿגעהאַנגען אויף אַ בערגיל, ניט וויט פֿון גבעת־שאול. דוד איז מעהר ניט בעשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל פֿערשוינען איין אייניקעל שאול׳ס, מפיבשת אָדער מריבעל, יונתנ׳ס אַ זוהן. אַלס אָנדענקען אָן יונתנ׳ס פֿריינדשאַפֿט האָט דוד זיך אָנגענומען צו זאָרגען פֿאַר זיין שוואַכען הינקעדיגען זוהן מפיבשת, האָט איהם געגעבען אַ הויז אין ירושלים צו וואוינען דאָרט, און האָט געהייסען טראָגען איהם שפּייז פֿון קעניגליכען טיש. פֿונדעסטוועגען זענען די בני־בנימין ניט געווען צופֿרידען מיט דוד׳ן און האָבען גערעכענט, אַז ער איז דאָס שולדיג אין דעם טויט פֿון שאול׳ס קינדער.

צו פֿרעמדלענדישע און פֿרעמדגלויביגע, וואָס האָבען געוואוינט אין דער מלוכה פֿון ישראל, האָט זיך דוד בעציהען מיט פֿולקומענער טאָלעראַנץ (סבלנות). צווישען חיל, ווי אויך צווישען די אָנפֿיהרער, האָבען זיך געפֿונען פֿרעמדלענדישע. אַ סך פֿון זיי האָבען ביסלעכווייז אָנגענומען זייערע בעזונדערהייטען און האָבען זיך צעמישט מיט די בני־ישראל. דערמיט קאָן ווערען דערקלערט דער פֿאַקט, וואָס די בעפֿעלקערונג אין ארץ־ישראל איז אַזוי גיך געוואַקסען. דער תּנ״ך דערצעהלט, אַז לויט דער פֿאָלקס־צעהלונג, וואָס דוד האָט געמאַכט, איז אין דער גאַנצער מלוכה אויסגעקומען העכער אַ מיליאָן מאַנסלייט, וואָס זענען פֿעהיג צו מיליטער־דיענסט. אויב מען זאָל זיך פֿערלאָזען אויף דער דאָזיגער ציפֿער, האָט די גאַנצע בעפֿעלקערונג בעדאַרפֿט בעשטעהן בערך פֿון פֿיער ביז פֿינף מיליאָן נפֿשות.

דעם קעניגס פאמיליען-לעבען.

§ 69. די צווייטע העלפט פון דוד'ס רעגירונג איז געווען פערטונקעלט דורך אונרוהען און מהומות, וואס האבען געהאט זייער שורש אין דעם קעניגס פאמיליען-לעבען. דוד האט געהאט א סך מעהר ווייבער און קעבסווייבער, איידער שאול. זיין ערשטע ווייב, מיכל, האט חתונה געהאט מיט אנאנדערן, אין יענער צייט, בשעת שאול האט דוד'ן גערודפ'ט. בשעת דוד האט ארומגעוואגעלט אלס א הויפט-מאן פון א באנדע מורדים, האט ער זיך בעגעגענט מיט דער קלוגער און שענער אביגיל, די פרוי פון נבל. דער דאזיגער נבל איז געווען רייך, נאר זעהר קארג. צווישען איהם און דוד'ס מענשען איז ארויסגעקומען עפיס א קריג, און זיי האבען איהם דערהרג'עט. דוד האט דאן חתונה געהאט מיט זיין אלמנה, וואס האט איהם שוין פריהער ליעב בעקומען. חוץ איהר האט ער געהאט נאך א פרוי, אחינעם פון יזרעאל. די דאזיגע ביידע פרויען האט דוד געהאט אין צקלג און דערנאך אין חברון. אין חברון האט ער גענומען נאך פיער פרויען. נאכדעם, ווי דוד איז אנערקענט געווארען פאר א קעניג איבער גאנץ ישראל, האט זיך אומגעקעהרט צו איהם זיין ערשטע פרוי, מיכל. אין ירושלים זענען צו זיין משפחה נאך צוגעקומען עטליכע ווייבער און קעבסווייבער.

פון אט די אלע ווייבער האט דוד געהאט קינדער. נאר איין מיכל האט קיין קינדער ניט געהאט. אלס טאכטער פון אומגעקומענעם קעניג און אישבעל'ס שוועסטער,— האט מיכל, אפנים, שוין מעהר ניט געפיהלט צו איהר קעניגליכען מאן די ליעבע, וואס זי האט אמאל געפיהלט בנוגע צום בעשיידענעם יונגלינג פון בית-לחם. בכלל זענען איהר אויך פרעמד געווען דוד'ס הויכע גייסטיגע שטרעבונגען.

דער תנ"ך שילדערט די בעציהונגען צווישען דוד און מיכל אין פאלגענדער שענער ערצעהלונג.

בשעת מען האט אריבערגעטראגען דעם ארון פון קרית-יערים קיין ירושלים, האט דוד פאר גרויס פרייד געטאנצט צווישען דער גאנצער פאלקסמאסע און האט גאר ניט געטראכט וועגען זיין קעניגליכער ווערדע. מיכל האט דאס געזעהן דורכ'ן פענסטער, און איהר איז עס שטארק ניט געפעלען געווארען, וואס דער קעניג טאנצט און איז זיך משמח אינאיינעם מיט'ן גאנצען המון. זי איז ארויס איהם אנטקעגען און האט צו איהם געזאגט מיט א טאן פון איראניע: „וויפיעל כבוד האט היינט געהאט דער קעניג פון ישראל, וואס האט זיך ארויסגעוויזען פאר די דיענסטען פון זיינע קנעכט, ווי עס ווייזט זיך ארויס ערגיץ א נישטווערדיגער מענש". דערויף האט דוד געענטפערט מיט פאלגענדע שטאלצווערטער: „איך האב זיך משמח געווען פאר גאט, וואס האט מיך אויסערוועהלט צו זיין א

פֿיהרער פֿון פֿאָלק ישראל, אַנשטאָט דיין פֿאָטער און זיין הויזגעזינד, און איך בין גרייט נאָך מעהר צו ערנידעריגען זיך; וואָס איז שייך צו די שפֿחות, וואָס דו האָסט דערמאָנט, איז, אַדרבה, פֿיהל איך זיך נאָך געעהרט דורך זיי".

דוד'ס עלטסטער זוהן איז געוועזען אמנון, דער זוהן פֿון אחינועם. נאָך איהם קומען: אבשלום, דער זוהן פֿון מעכה און אדוניה, דער זוהן פֿון חגית. שפּעטער האָט דוד געהאַט נאָך אַ זוהן פֿון אַ נייער פֿרוי — בת־שבע. אָט דעם יונגסטען זוהן, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען שלמה, איז בעשערט געוועזען צו קעניגען נאָך דוד'ן. די ערצעהלונג וועגען דעם, ווי אַזוי דוד האָט חתונה געהאַט מיט בת־שבע, איז איינע פֿון די וויכטיגסטע אין דער טראַדיציאָנעלער לעבענס־בעשרייבונג פֿון דוד'ן. דאָ ענטפּלעקט פֿאַר אונז דער תנ"ך אָפֿען, אָהן אַ שום חניפֿה, די שלעכטע זייטען פֿון דוד'ס כאַראַקטער.

איינמאָל, קעגען אָבענד, האָט דוד אַרומשפּאַצירט אויפֿ'ן פּלאַכען דאַך פֿון זיין הויף, און האָט דערזעהן פֿון דערווייטענס אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך געבאָדען. זי איז געוועזען זעהר שעהן. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, ווער זי איז, און איז דערגאַנגען, אַז דאָס איז בת־שבע, אַ פֿרוי פֿון הויפּטמאַן אוריה החתי, איינער פֿון דעם קעניג'ס קריגס־לייט. פֿערבלענדט פֿון בת־שבע'ס שענקייט, האָט דוד בעקומען צו איהר אַ שרעקליכע ליידענשאַפֿט און האָט געהייסען ברענגען זי צו פֿיהרען צו זיך אין הויף. אוריה איז יעמאָלט ניט געוועזען אין ירושלים, ער איז אויך געוועזען צווישען די קריגסלייט, וואָס האָבען בעלעגערט די שטאָדט רבת־עמון. בת־שבע האָט זיך ניט דערוועגט אַנטקעגענשטעלען זיך דעם קעניג'ס פֿערלאַנג. באַלד האָט דער קעניג זיך דערוואוסט, אַז בת־שבע וועט האָבען אַ קינד. לכתחלה האָט ער געפּרובט צו פֿערדעקען זיין חטא, און צוליעב דעם האָט ער אַרויסגערופֿען אוריה פֿון שלאַכט־פֿעלד קיין ירושלים, נאָר אַז זיין פּלאַן האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, האָט ער אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי אינגאַנצען אָבצוראַמען פֿון וועג אוריה'ן און נעהמען בת־שבע'ן פֿאַר אַ פֿרוי. עבירה גוררת עבירה — און דער קעניג האָט זיך ניט אָבגעשטעלט אַפֿילו פֿאַר אַ פֿערברעכען. ער האָט אָבגעשיקט אוריה'ן צוריק אין לאַגער און האָט איהם מיטגעגעבען אַ בריעף צו דעם אויבער־קאָמאַנדיר, יואָב'ן, מיט אַ געהיימען בעפֿעהל: אַוועקצושטעלען אוריה'ן אין געפֿעהרליכסטען אָרט פֿון דער שלאַכט און איהם ניט געבען קיין אונטערשטיצונג, ווען די פֿיינד וועלען מאַכען אַן אָנפֿאַל. יואָב האָט טאַקע אַזוי געטהאָן. אוריה איז אומגעקומען אין שלאַכט מיט די בני־עמון, און בת־שבע האָט אין זיבען געמוזט בעוויינען איהר מאַן. אַז די צייט פֿון אבלות איז פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט דוד צוגענומען בת־שבע'ן צו זיך אין הויף, און זי איז געוואָרען זיין פֿרוי.

די גאַנצע מעשׂה האָט שטאַרק פֿערדראָסען נתן הנבֿיא. און ער איז געקומען צום קעניג און האָט אידם דערצעהלט פֿאָלגענדעס. אין איין שטאָדט האָבען אַמאָל געלעבט צוויי מענשען, איינער אַן אָרימער און דער אַנדערער אַ רייכער. דער רייכער האָט געהאַט אַ סך שאָף און קעלבער, דער אָרימער אָבער האָט געהאַט נאָר איין קליינינקע שעפּעלע, וואָס ער האָט זי זעהר ליעב געהאַט; דאָס שעפּעלע איז געוואַקסען ביי אידם אין שטוב, האָט געגעסען און געטרונקען מיט אידם אינאיינעם און איז געווען ביי אידם, ווי אַן אייגען קינד. איין מאָל איז צום רייכען מאַן געקומען אַן אורח. דעם רייכען איז אַ שאָד געווען צו קוילען איינע פֿון זיינע שאָף, כדי צוצוגרייטען אַ געריכט פֿאַר זיין אורח, און ער האָט געשיקט צום אָרימען און אָבגענומען ביי אידם זיין איינציג שעפּעלע און האָט פֿון אידר געמאַכט אַ געריכט פֿאַר זיין אורח". אַז נתן האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האָט דוד מיט כעס אויסגעשריען: „דער דאָזיגער עושר, וואָס האָט ניט רחמנות געהאַט אויף זיין שכן, פֿערדיענט דעם טויט, און פֿאַר דאָס שעפּעלע דאַרף ער בעצאָהלען פֿיער מאָל אַזוי פֿיעל, ווי עס איז ווערט!" דעמאָלט האָט דער נבֿיא צו אידם געזאָגט: „דו אַליין האָסט אַזוי זיך בעגאַנגען, ווי דער דאָזיגער עושר. גאָט האָט דיך פֿאַר אַ קעניג געשטעלט איבער גאַנץ ישׂראל, האָט דיך מציל געווען פֿון שאולים הענד און זיינע פֿרויען דיר אָבגעגעבען, — און דו האָסט צוגענומען ביי אוריהן זיין איינציגע פֿרוי, און אידם אַליין האָסטו געטויט דורכ'ן שווערד פֿון די בני-עמון. דערפֿאַר וועט פֿאַר דיר אויסוואַקסען אַן אומגליק פֿון דיין אייגענער משפּחה, און קיין שווערד וועט קיין מאָל ניט אָבגעטאָן ווערען פֿון דיין הויז". דוד האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף זיינע מעשׂים און האָט אויסגערופֿען: „אמת, איך האָב געזינדיגט פֿאַר גאָט!" —

באַלד האָט בת-שבֿע געבאָרען אַ זוהן, נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס קינד קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. דערנאָך האָט בת-שבֿע געבאָרען נאָך אַ זוהן, וואָס נתן הנבֿיא האָט אידם אַ נאָמען געגעבען „ידידיה", דאָס הייסט גאָטס ליעבלינג. דאָס איז געווען שלמה, דער צוקונפֿטיגער קעניג פֿון ישׂראל.

אבשלומס אויפשטאַנד.

§ 70. דאָס, וואָס דוד האָט געהאַט אַ סך ווייבער, האָט געבראַכט דערצו, אַז אין די לעצטע יאָהרען פֿון זיין לעבען האָבען זיך פֿערפֿיהרט אין זיין הויף אַ סך אינטריגעס און סכסוכים. די פֿערזענליכע סכסוכים צווישען די מיטגלידער פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע זענען איבערגעגאַנגען אין אַ הויף-רעוואָלוציע און האָבען זיך פֿונאַנדערגעוואַקסען דערנאָך אין אַן אָרגאַניזירטען אויפשטאַנד. דודס עלטסטער זוהן, אַמנון, וואָס האָט זיך בעטראַכט אַלס צוקונפֿטיגער קעניג,

איז געווען אַ מענש מיט אַ ליידענשאַפֿטליכען און ניט־איינגעהאַלטענעם כאַראַקטער. ער האָט בעקומען אַ ליידענשאַפֿט צו זיין שטיף־שוועסטער תּמר, האָט זי איין מאָל אַריינגענאַרט צו זיך אין צימער און זי פֿערגעוואַלטיגט. דערנאָך האָט ער די מיידעל אַרויסגעטריבען פֿון שטוב, אַנשטאָט חתונה צו האָבען מיט איהר, ווי ער האָט דאָס געקאָנט, לויט׳ן מנהג פֿון יענער צייט און לויט ווי ער האָט בעדאַרפֿט, טוּן. (תּמר איז געווען הודים טאָכטער פֿון אַן׳אַנדער פֿרוי און איז געווען אַ לייבליכע שוועסטער נאָר פֿון אַבֿשלומ׳ן). תּמר האָט זיך בעקלאָגט פֿאַר אַבֿשלומ׳ן פֿאַר איהר בעליידיגונג, און יענער האָט בעשלאָסען נקמה צו נעהמען פֿון אַמנונ׳ען. אַבֿשלום האָט געמאַכט אַמאָל אַ מאָלצייט און האָט איינגעלאַדען צו זיך אין שטוב אַלע זיינע ברידער, צווישען זיי אויך אַמנונ׳ען. בשעת דער מאָלצייט האָבען אַבֿשלומ׳ס קנעכט דערהרג׳עט אַמנונ׳ען. אַז דוד האָט זיך דערוואוסט פֿון דער מעשה, איז ער געוואָרען זעהר אויפֿגעבראַכט קעגען אַבֿשלומ׳ן. אַזוי ווי אַבֿשלום האָט מורא געהאַט, דער פֿאָטער זאָל איהם ניט בעשטראָפֿען, איז ער אַנטלאָפֿען געוואָרען צו זיין זיידען פֿון מוטערס צד, תּלמי, דעם קעניג פֿון גשור, און איז אָבגעווען ביי איהם דריי יאָהר. פֿאַר דער צייט האָט דוד געהאַט שוין אַ ביסעל פֿערגעסען וועגען אַמנונ׳ס טויט; זיינע מקורבים, און בעזונדערס יואָבֿ, האָבען געבעטען ביי איהם, ער זאָל אַבֿשלומ׳ן מוחל זיין, און ער האָט איהם ערלויבט זיך אומצוקעהרען קיין ירושלים.

נאָר ווייניג פֿרייד האָט דוד׳ן פֿערשאַפֿט אַבֿשלומ׳ס צוריקקעהר. אַבֿשלום איז געווען אַ גרויסער רודף־כּבֿוד און האָט געוואָלט וואָס גיכער ווערען קעניג. ער האָט זעהר ליעב געהאַט דעם אויסווייניגסטען גלאַנץ. ער פֿלעגט אומפֿאָהרען איבער די גאַסען אין אַ גרויסאַרטיגען רייטוואָגען, און פֿאַר איהם פֿלעגען לויפֿען 50 לויפֿער. אַליין אַ העלדישער און אַ שענער מאַן, מיט לאַנגע געלאָקטע האָר, איז ער זעהר געפֿעלען געווען דעם פֿאָלק. דערמיט האָט אַבֿשלום זיך בענוצט צוליעב זיינע צוועקען. ער האָט זיך פֿאָרגענומען מורד צו זיין קעגען זיין פֿאָטער און פֿערכאַפּען פֿאַר זיך די איבערהערשאַפֿט. צוליעב דעם האָט ער זיך געמיהט מיט אַלע מיטלען צו דערוועקען ביים פֿאָלק אַנ׳אונצופֿרידענקייט קעגען דוד׳ן.

דער קעניג איז שוין געווען אַלט און האָט שוין ניט געקאָנט איינער אַליין פֿאַרטיג ווערען מיט אַלע מלוכה־ענינים, און האָט אָפֿטמאָלס ניט בעוויזען אויסצוהערען אַלע די בירגער, וואָס פֿלעגען קומען צו איהם מיט דין־תּורה׳ס אָדער בקשות. אַ סך פֿלעגען אַוועקגעהן פֿון איהם אונבעפֿרידיגט. אַז אַבֿשלום פֿלעגט טרעפֿען ווען עס איז אַזעלכע אונצופֿרידענע, פֿלעגט ער זיי זאָגען: „אייער ענין איז אַ גוטער און גערעכטער, און דער קעניג האָט אייך ניט אויסגעהערט; אַז איך וואָלט געווען אַ שופֿט אין לאַנד, און צו מיר וואָלט מען געקומען מיט אָנקלאַגען און משפּטים, וואָלט איך געמשפּט אַלעמען לויט׳ן יושר“. ביסלעכווייז האָט זיך אַבֿשלומ׳ן איינגעגעבען צו בעקומען אַ סך אַנ-

הענגער צווישען פֿאָלק און אויך צווישען די הויפּט-לייט. אויף אַבשלומס צד איז אויך אַריבער דודס קליגסטער בעל-יועץ, אחיתופל.

אַז אַבשלום האָט זיך געפֿיהלט גענוג שטאַרק, איז ער אַוועק מיט זיינע אַנהענגער קיין חברון. פֿון דאָרטען האָט ער פֿונאַנדערגעשיקט אַגיטאַטאָרען אין אַלע שטעדט און האָט געלאָזט אָנזאָגען: „אַז איהר וועט הערען דעם קול פֿון שופֿרות, זאָלט איהר מודיע זיין, אַז אַבשלום איז געוואָרען אַ קעניג אין חברון.“ צו אַבשלומ׳ן איז צוגעשטאַנען אַ גרויסע מאַסע פֿון פֿאָלק, און דער אויפֿשטאַנד איז אַלץ גרעסער געוואָרען.

דוד איז אינגאַנצען פֿערטומעלט געוואָרען, אַז ער האָט דערהערט וועגען זיין זוהנס מרידה. דער קעניג איז ניט געווען צוגעגרייט צו דעם דאָזיגען אינער-ווייניגסטען קריג און האָט מורא געהאַט, די מורדים זאָלען פּלוצלינג ניט אָנפֿאַלען אויף דער הויפּט-שטאָדט. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו פֿערלאָזען ירושלים און זיך צוגרייטען צו אַ קריג ווייט פֿון דעם אָרט פֿונ׳ם אויפֿשטאַנד. דוד איז אַרויס פֿון ירושלים מיט זיין פֿאַמיליע און מיט זיינע געקליבענע 600 קריגס-לייט. אַז דאָס פֿאָלק האָט דערזעהן, ווי זיין אַלטער קעניג פֿערלאָזט די הויפּט-שטאָדט, האָט עס געוויינט אויף׳ן קול. די כהנים-גדולים צדוק און אביתר האָבען גענומען דעם אָרון הקודש און האָבען געוואָלט בעגלייטען דעם קעניג; נאָר דוד האָט זיי געהייסען בלייבען מיט׳ן הייליגטום אין ירושלים. „אַז גאָט וועט וועלען— האָט דער קעניג געזאָגט—וועט ער מיך ברענגען צוריק אַהער, און איך וועל ווידער זעהן זיין וואוינונג; טאָמער זשע ניט, לאָז ער טון מיט מיר, ווי אין זיינע אויגען וועט זיין געפֿעלען“. דודס אַלטער פֿריינד, דער קלוגער חושי הארכי, וואָס איז געוואָרען זיין בעל-יועץ, נאָכדעם, ווי אחיתופל האָט קעגען איהם מורד געווען, האָט אויך געוואָלט געהן מיט דוד׳ן. נאָר דוד האָט צו איהם געזאָגט: „אויב דו וועסט געהן מיט מיר, וועסטו מיר נאָר פֿאַלען צו לאַסט. בעסער פֿערבלייב אין ירושלים, מאַך זיך כלומר׳שט, ווי דו ביזט געטריי אַבשלומ׳ן און זעה מבטל צו זיין אחיתופלס פּלענער. אַלץ, וואָס דו וועסט זיך דערוויסען, זאָלסטו איבערגעבען די כהנים צדוק און אביתר; זיי וועלען מיר שוין געבען צו וויסען אַלצדינג דורך שלוחים“.

אַז דוד איז אַוועק פֿון ירושלים, איז די פּאָליטישע בעוועגונג נאָך שטאַרקער געוואָרען. שאולס אייניקעל, מריבעל, וואָס איז געבליבען אין ירושלים, האָט אָנגעהויבען צו חלומ׳ן וועגען צוריק אויפֿלעבען זיין זיידענס דינאַסטיע. איי-נער שאולס אַ קרוב, שמעי בן גרא האָט אָנגעגעגנט דוד׳ן אויפֿ׳ן וועג און האָט אָנגעהויבען וואַרפֿען שטיינער אויף איהם און זיין סוויטע און שרייען: „געה אַוועק, געה אַוועק דו בלוט-דאָרשטיגער און נידערטרעכטיגער מענש! איצ-טער האָט גאָט דיר בעצאָהלט פֿאַר׳ן בלוט פֿון שאולס הויז, ביי וועמען דו האָסט אָפּגענומען די מלוכה; גאָט האָט איבערגעגעבען די הערשאַפֿט דיין זוהן אַבשלומ׳ן, און איצט ביזטו אין אַ צרה“. דודס פּלימעניק אבישי האָט געוואָלט

דערהרגענען דעם מתוצף. נאָר דער קעניג האָט איהם אָבגעשטעלט: „אויב מיין אייגענער זוהן איז מיך רודף, וואָס זאָל שוין טון דער דאָזיגער בן־ימיני? לאָזט איהם; זאָל ער שילטען, אויב גאָט האָט איהם אַזוי געהייסען" (פערזוכען אין טיעפען צער, איז דוד מיט זיין חיל געגאַנגען ווייטער, אין דער ריכטונג צום ירדן.

דערווייל איז אַבשלום מיט אַ גאַנצער מאַסע אָנהענגער אריינגעטרעטען אין ירושלים. ער האָט פערנומען דעם קעניגס פּאַלאַץ און אַפילו זיין הארעם און האָט זיך ערקלערט פאַר אַ קעניג. אחיתופל האָט איהם געגעבען אַן עצה, ער זאָל אומגעזאַמט צונויפקלייבען אַ חיל און זיך לאָזען נאָכיאָגען נאָך דודן, איידער יענער האָט נאָך בעוויזען זיך צוצוגרייטען צום קריג. אַז חושי הארכי האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָזיגער געפעהרליכער עצה, איז ער געקומען צו אַבשלומען און, מאַכענדיג דעם אָנשטעל, ווי ער איז כלומרשט אַבשלומ'ס בעסטער פריינד, האָט ער איהם איינגערעדט, ער זאָל ניט פאָלגען אחיתופל'ס עצה. „דו ווייסט — האָט ער געזאָגט, — אַז דיין פאָטער און זיינע קריגס־לייט זענען העלדען און איצט זענען זיי נאָך צערייצט, ווי חיות אין וואַלד, און ביים ערשטען צוזאַמענשטויס וועט דיין חיל בעקומען אַ מפּלה. וואַרט אָב, ביז וואַנען סוועט זיך אַרום דיר צונויפקלייבען גאַנץ ישראל פון דן ביז באר־שבע; דאַן וועלען מיר, אונטער דיין אָנפיהרונג, אָנפאַלען אויף קעניגס חיל און מיר וועלען מיט אַמאָל מאַכען פון איהם אַ סוף". אַבשלום האָט געפאָלגט חושי'ס עצה, און ביי איהם האָט זיך אַפילו ניט דערוועקט קיין חשד, אַז יענער וויל מעהר ניט געבען דודן צייט אויף צוצוגרייטען זיך צום דערשטיקען דעם אויפשטאַנד. נאָר דער קלוגער אחיתופל האָט דאָס גראָד פערשטאַנען. ער איז שוין געווען גרייט צו שיקען נאָכיאָגען דודן; נאָר חושי'ס שלוחים האָבען מודיע געווען דעם קעניג וועגען דער סכנה — און ער איז איילינג אַריבער דעם ירדן און האָט זיך אָבגעשטעלט אין גלעד. און אַז אחיתופל האָט דערזעהן, אַז אַבשלום פאָלגט ניט זיין עצה, האָט ער פערשטאַנען, אַז זיין מפּלה איז ניט אויסצומיידען. דעריבער האָט ער איהם פערלאָזען, איז אַוועק צו זיך אַהיים און האָט זיך דערוואָרגען.

פאַר דער צייט, וואָס אַבשלום איז געזעסען אין ירושלים און האָט גאָרנישט ניט אויפגעטאָן, האָט דוד אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אין עבר־הירדן, אין דער שטאָדט מחנים, וואו עס איז אַמאָל געווען אישבעל'ס און אבנר'ס רעזידענץ, און האָט געקליבען קרעפטען צו אַן ענטשיידענער שלאַכט מיט די מורדים. צולעצט האָט אַבשלום אויך צונויפגעקליבען אַ גרויסען חיל און איז אַריבער דעם ירדן. דער חיל פון די מורדים איז געווען גרויס, נאָר ער האָט זיך געפיהרט ניט אויסגערעכענט, פערקעהרט, דודס געניטע הויפּט־לייט, בעזונדערס יואָב און אבישי, האָבען געפיהרט דעם קאַמף פאָרזיכטיג און אויסגערעכענט.

די ענטשיידענע שלאכט איז פארגעקומען אין וואלד אפרים, וואו דוד׳ס חיל האט מנצח געווען, און אבשלומ׳ס חיל האט זיך געלאזט לויפען. אבשלום גופא איז אנטלאפען געווארען אויף א מוילאייזעל. אז ער איז אריין אין געדיכטען וואלד, האט ער זיך פערטשעפעט מיט זיינע האר אין די צווייגען פון א הויכען דעמב: זיין מוילאייזעל איז אוועקגעלאפען, און ער איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. אין א ווײלע ארום איז צוגעגאנגען יואב און האט איהם דורכגעשאסען מיט דריי פיילען. אבשלומ׳ס קערפער האט מען אראבגענומען פון בוים, אריינגעווארפען אין א גרוב און ארויפגעשאטען אויף איהר א הויפען שטיינער.

דוד האט אזוי פיעל צער געהאט פון זיין זוהנס שרעקליכען סוף, אז ער האט אפילו פערגעסען אן דער פרייד פונ׳ם נצחון. זיין פאטער-געפיהל האט אין ערשטען אויגענבליק פערטויבט אלע פאליטישע חשבונות. דער אלטער קעניג איז געזעסען איינער אליין אין זיין צימער און האט מיט טרערען אין די אויגען געשעפטשעט: „א, מיין זוהן אבשלום! בעסער וואלט איך פאר דיר געשטארבען!“

שבע בן בכרי׳ס מרידה.

§ 71. נאך אבשלומ׳ס טויט איז דוד נאך א געוויסע צייט פערבליבען אין עבר-הירדן, ווייט פון זיין הויפט-שטאדט. אבשלומ׳ס טויט האט געמאכט א שלעכטען איינדרוק אויף זיינע אנהענגער און האט ארויסגערופען ביים פאלק א שטימונג פאר דוד׳ן. אומעטום האט מען געקאנט הערען אזעלכע רייד: „דער קעניג האט אונז געראטעוועט פון אונזערע פיינד, די פלשתים, און איצט מוז ער זיין פערוואגעלט ווייט פון זיין געבארענלאנד. אבשלום, וואס מיר האבען איהם געקרוינט פאר א קעניג, איז דאך געשטארבען, פארוואס זשע זאמען מיר נאך צוריקצורופען דעם קעניג?“ די פריהערדיגע מורדים האבען חרטה גע-קריגען אויף זייערע מעשים. די עלטסטע פון אלע שבטים, חוץ פונ׳ם שבט יהודה, האבען בעשלאסען צו בעגעגענען דוד׳ן פייערליך, ווען ער וועט אריבער דעם ירדן, און ערקלערען איהם זייער אונטערטעניגקייט.

נאר אז זיי זענען געקומען צום ירדן, האבען זיי זיך דערוואוסט, אז די עלטסטע פון שבט יהודה, דוד׳ס קרובים, האבען זיך שוין געפעדערט, אריבער-געפיהרט דעם קעניג איבערן ירדן און בעזועצט איהם אין גלגל. דערפון איז ארויסגעקומען א סכסוך. די עלטסטע פון אלע איבעריגע שבטים האבען פאר-געווארפען די בני-יהודה דערין, אז די לעצטע האבען צוגענומען דעם קעניג פאר זיך און שטילערהייד איהם אריבערגעפיהרט דעם ירדן, ניט ווארטענדיג אויף די שלוחים פון די איבעריגע שבטים. די בני-יהודה האבען געענטפערט, אז זיי האבען דאס געמאכט, ווייל זיי זענען דעם קעניגס קרובים. די דאזיגע דינאסטישע

נאה פֿון די בני־יהודה האָט די בני־ישׂראל אַרײַנגעבראַכט אין כּעס. זיי האָבן דערקלערט, אַז די צען שבֿטים פֿון ישׂראל האָבן צען מאָל מער רעכט אויפֿן קעניג, ווי דער איין שבֿט יהודה. עס האָט זיך אויפֿגעוועקט פֿון דאָס נײַ דער אַלטער שטרײַט צווישן די שבֿטים, און די מערהייט האָט פּראָטעסטירט געגן דער איבערהערשאַפֿט פֿונם מיעוט.

יעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן צווישן פֿאָלק, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אין גלגל, אַ בן־ימיני, מיט'ן נאָמען שבֿע בן בכרי. ער האָט געבלאָזן אין טרומייט און האָט אויסגערופֿן: „מיר האָבן נישט וואָס צו טון בײַ דוד'ן און קיינע בעציהונגען מיט בן־ישי! צעגייט זיך איטליכער אין זײַן געצעלט, ישׂראל!“ (אין לנו חלק בדוד ולא נחלה לנו בבן ישי איש לאהליו ישׂראל). דאָס איז געווען אַן אָנרוף צו אַ נײַער מרידה. די אומצופֿרידענע מערהייט האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דוד'ן און איז אַוועק נאָך שבֿע'ן; נאָר די בני־יהודה זענען געבליבן אויפֿן קעניגס צד און האָבן איהם באַגלייט פֿון גלגל ביז ירושלים.

אַז דוד איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער געהייסן זײַנע קריגס־פֿירער צונויפֿקלײַבן אַ חיל, נאָכיאָגן שבֿע'ן און פֿונאַנדערטרײַבן די מורדים, אײדער זיי וועלן באַוויזן צו פֿאַרנעמען די באַפֿעסטיגטע שטעדט. דעם קעניגס חיל, אונטער יואָבֿס אָנפֿיהרונג, האָט זיך דורכגעטראָגן, ווי אַ שטורם, איבערן גאַנצן לאַנד. אין איטליכער שטאָדט, וואָס ער פֿלעגט זיך דערנעענטערן צו איהר, פֿלעגט די באַפֿעלקערונג זיך אונטערגעבן דוד'ן. ניט אונטערגעגעבן האָט זיך נאָר איין באַפֿעסטיגטע שטאָדט אָבֿל, אין צפֿון־זײַט פֿון לאַנד, אין נחלה פֿון שבֿט דן. דאָרט האָבן זיך אײַנגעשלאָסן שבֿע מיט זײַנע אָנהענגער. יואָבֿ האָט באַלעגערט די שטאָדט און האָט געוואָלט זי נעהמען אין שטורם. יעמאָלט זענען די אײַנוואוינער אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך. זיי האָט געראַטעוועט איין קלוגע פֿרוי. זי איז אַרויף אויף דער שטאָדט־מויער און האָט אויסגערופֿן: „אין נאָמען פֿון די פֿרידליכע און געטרײַע בני־ישׂראל פֿרעג איך: שוין זשע ווילט איהר חרובֿ מאַכן אַן אַלטע שטאָדט אין ישׂראל (עיר ואם בישׂראל)?“ יואָבֿ האָט געענטפֿערט, אַז ער וועט די שטאָדט ניט אָנריהרן, אויב די אײַנוואוינער וועלן איהם מיט'ן גוטן ווילן איבערגעבן דעם מורד שבֿע. די אײַנוואוינער האָבן דערויף אײַנגעשטימט. זיי האָבן בײַ שבֿע אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אַראָפּגעוואָרפֿן עס פֿון מויער צו יואָבֿ'ן. יעמאָלט איז יואָבֿ מיט'ן חיל אָפּגעטראָטן פֿון שטאָדט. דער אויפֿשטאַנד איז צולעצט אײַנגעשטילט געוואָרן, — און דאָס לאַנד האָט זיך אויף אַ צײַט באַרוהיגט. דער פֿײַער פֿון ברודער־קריג איז אָבער נאָר פֿון אויסנווייניג אײַנגעשטילט געוואָרן, נאָר טיעף אונטערן אַש האָבן נאָך געטליעט די פֿונקען פֿון שׂנאה צווישן די צפֿונדיגע און דרומדיגע שבֿטים. שפּעטער האָבן די דאָזיגע פֿונקען געדאַרפֿט זיך פֿונאַנדערברענען און פֿיהרן צו דער גרויסער צעשפּאַלטונג צווישן יהודה און ישׂראל.

דער קאמפף פאר דער קרוינס-ירושה.

§ 72. דוד איז אויף דער עלטער געווען קראנק און האט בעדארפט רוה. נאר איהם איז ניט בעשערט געווען צו געניסען רוה אפילו אין די לעצטע יאהרען. ס'זענען ענטשטאנען מחלוקות איבער דער קרוינס-ירושה. נאך אמנונ'ס און אבשלום'ס טויט, האט בעדארפט זיין דער קרוינס-יורש אדוניה, דער זוהן פון חגית. בכדי צו בעווייזען, אז ער שטעהט העכער פאר אלע אנדערע פרינ־צען, האט אדוניה אנגעהויבען לעבען מיט דער גדלות פון א קעניג; פונקט ווי אבשלום, פלעגט ער פאהרען איבער די גאסען אין א רייכען רייטוואגען, און פאר איהם זענען געלאפען פופציג לויפער — דאס איז, אפנים, געווען די פריווילעגיע פונ'ם קרוינ-יורש. אויף אדוניה'ס צד, אלס דעם געזעצליכען יורש, זענען געשטאנען די חשובסטע לייט אין דער מלוכה: דער קריגס-פיהרער יואב, דער כהן-גדול אביתר און עטליכע פרינצען פון דער קעניגליכער פאמיליע.

אין דער זעלביגער צייט האט זיך אין הויף געבילדעט נאך א פארטיי, וואס האט געוואלט ארויפזעצען אויפ'ן טרוין דוד'ס יונגסטען זוהן פון זיין ליעבלינגס-פרוי בת-שבע — שלמה'ן. בראש פון דער דאזיגער פארטיי זענען גע־שטאנען דער הויפטמאן פון דער קעניגליכער וואך בניהו און דער אנדער כהן-גדול צדוק. פאר שלמה'ן האבען בעזונדערס אגיטירט זיין מוטער בת-שבע און דער נביא נתן. זיי זענען צוגעשטאנען צום אלטען קעניג, וואס איז, אפנים, ניט גאר פעסט געווען ביי דער דעה, ער זאל געבען א שבועה, אז ער וועט איבערגעבען די מלוכה שלמה'ן.

אז אדוניה און זיינע אנהענגער האבען זיך דערוואוסט וועגען די אינטריגעס פון צד שכנגד, האבען זיי ריזיקירט אויף א דרייסטען שריט, וואס האט אבער מבטל געווען אלע זייערע פלענער.

איין מאל, אז מען האט געווארט שוין, אז דוד זאל אין גיכען שטארבען, האט אדוניה געמאכט א פאראד-מאלצייט מיט קרבנות. אויף דער מאלצייט האט מען איינגעלאדען אלע חשובע לייט און פרינצען, נאר שלמה'ן מיט זיינע אנ־הענגער האט מען ניט גערופען. דא האבען אדוניה'ס אנהענגער איהם אויסגע־רופען פאר א קעניג, שרייענדיג: „ס'זאל לעבען דער קעניג אדוניה!" דער קלאנג וועגען דעם האט אויפגערודערט און בעליידיגט שלמה'ס צד. די קעניגין בת-שבע און נתן הנביא זענען באלד אוועק צו דוד'ן, האבען איהם דערצעהלט די מעשה, און זענען בעשטאנען דערויף, אז דער קעניג זאל אונגעזאמט בעקאנט מאכען זיין ווילען, אז די הערשאפט געהט אריבער צו שלמה'ן. אויף דוד'ס בעפעהל, האט מען דעם יונגען שלמה'ן דורכגעפיהרט רייטענדיג איבער דער גאנצער שטאדט, אין דער בעגלייטונג פון די כהנים און דעם חיל, ביז צום טייך גיחון; דארט האט איהם דער כהן-גדול צדוק געזאלבט פאר א קעניג. באלד איז דוד געשטארבען, נאכדעם ווי ער האט געקעניגט פערציג יאהר.

אין אידישען פאלק איז פערבליבען אויף אייביג דער אנדענקען וועגען דוד'ס

שטורמישער, נאָר רוהם-רייכער מלוכה און וועגען דער פּערזענליכקייט פון אָט דעם גרויסען קעניג. דוד האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר'ן אידישען פאָלק; ער האָט פעראייניגט די צוואָרפענע שבטים פון ישראל, ער האָט אויפגעהויבען די מלוכה פון ישראל אויף אַ מדרגה פון אַ מעכטיגער קריגס-מאַכט און האָט מעהר איינגעפעסטיגט אין פאָלק דעם קולט פון נאַציאָנאַלען גאָט.

אמת, אין דודס כאַראַקטער זענען געווען פעהלערן, נאָר דערפאַר האָט ער אויך געהאַט גרויסע מעלות; לא די, וואָס ער איז געווען אַ מוטיגער קריגס-העלד און אַ קלוגער רעגירער, נאָר ער איז אויך געווען זעהר אַ פע-היגער מענש, אַ גבור פון גייסט. אין דעם דאָזיגען שטרענגען קריגס-פיהרער, אין דעם געוועזענעם הויפטמאַן פון אַ באַנדע, האָט געלעבט אַ נשמה פון אַ פּאָעט. דוד — ווי דער תנ"ך שילדערט איהם — האָט מיט'ן גאַנצען האַרצען געגלויבט אין גאָט, פלעגט בהכנעה אַריבערטראָגען אַלע פורעניות, ווייל ער האָט געזעהן אין זיי דעם פערדיענטען שטראָף פאַר זיינע זינד, ער איז ניט געווען שטאָלץ, האָט מוחל געווען די, וואָס האָבען איהם שלעכטס געטאָן. ער האָט אפילו בעקלאָגט דעם אונטערגאַנג פון יענע מענשען, וואָס זענען געוואָרען זיינע דם-שונאים, ווי שאול'ן און אבשלומ'ן. ער האָט אפילו ניט געוואָלט מעהר פיהרען דעם פּראָסטען לעבען פון אַ דאָרפס-מענשען, ווי שאול, און איז ניט געבליבען אין בית-לחם, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען קעניג; כּדי צוצוגעבען מעהר גלאַנץ זיין קעניגליכער מאַכט, האָט דוד אויסגעבויט פאַר זיך אין ירושלים אַ פּאַלאַץ מיט אַ האַרעם און אַרומגערינגעלט זיך מיט הויפלייט און לייב-וואַך. נאָר דער דאָזיגער אויסווייניגסטער גלאַנץ האָט איהם אַליין ניט פערבלענדט און האָט ניט צעשטערט זיין גייסטיגען גלייכגעוויכט. אין קעניג דאָבען זיך פעראייניגט גדלות און ענוות. ווען ער פלעגט אַמאָל תשובה טון אויף זיינע זינד, וואָס ער האָט געטאָן, פלעגט זיך דאָס אויסדריקען ביי איהם אין אַזאַ פאָרם, וואָס ריהרט אָן ביים האַרצען.

די שפּעטערדיגע דורות האָבען פערגעסען דודס חסרונות. ביי זיי אין זכרון זענען נור פערבליבען די גרויסע מדות טובות פון דעם דאָזיגען קעניג, וואָס איז פון אַ פּאַסטוך דערהויבט געוואָרען צו זיין אַ קעניג און איז נאָך אויפ'ן טרון געבליבען אַ מענש. די שפּעטערדיגע דברי-הימים זאָגען וועגען איטליכען גוטען קעניג: „ער איז געגאַנגען אין ריכטיגען וועג, אַזוי ווי זיין עלטער-פאָטער דוד"; וועגען אַ שלעכטען קעניג האָט מען געשריבען: „ער האָט געטאָן שלעכטס און איז ניט געגאַנגען אין די וועגען פון קעניג דוד".

מקורים:

פון קאפּ. 1. שמואל-א', קאפּ. י"ב—ל"א; דברי-הימים-א', קאפּ. ה'—י'; קדמוניות היהודים, ספר ז' קאפּ. ו'—ט"ו.

פון קאפּ. 2. שמואל-ב', קאפּ. א'—כ"ד; מלכים-א', קאפּ. א'—ב'; דברי-הימים א, קאפּ. י"א—י"ב; קדמוניות היהודים, ספר ז'.

דריטער קאפיטעל.

שלמה'ס מלוכה (בערך אין די יאהרען 1015—977).

די אייערליכע פערוואלטונג. — די ענטוויקלונג פון אינדוסטריע. — בנין בית־המקדש. — דער גלאנץ פון הויף און די בעלאסטונג פון פאלק. — פאליטישע שוועריגקייטען.

די אייערליכע פערוואלטונג.

§ 73. אין אנהויב פון שלמה'ס קעניגען האט זיך פערענדיגט דער לעצטער אקט פון דער דראמע, וואס האט זיך אבגעשפיעלט אין דער קעניגליכער פאמיליע קורץ פאר דוד'ס טויט. שלמה האט ניט געקאנט פיהלען זיך רוהיג אויף זיין טראָן, כל־זמן עס האבען נאך געלעבט זיין שטיף־ברודער, דער קרוין־פרעטענדענט אדוניה, און זיינע אנהענגער, יואב און אביתר. פון אויסווייניג האט אדוניה, כלומר'שט זיך אונטערגעגעבען; נאר שלמה האט געהאט א יסוד איהם חושד צו זיין, אז ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט וועט דער פרעטענדענט זיך געבען די מיה אריינצוכאפען דעם טראָן, מיט דער הילף פון דעם צד, וואס האט איהם מיטגעפיהלט. דעריבער האט שלמה אויסגענוצט א צופעליגען אנגעבערעכענטען שריט מצד אדוניה'ן, אום איהם אומצוברענגען. אדוניה'ן האט זיך פערוואלט חתונה האבען מיט דער יונגער, שענער מיידעל אבישג, וואס האט בעדינט דעם אלטען קעניג דוד אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען. שלמה האט איינגעפונען, אז דערמיט שטעלט אדוניה ארויס זיין מיין צו פערכאפען די קעניגליכע ירושה (דאס אייגענע, וואס האט געמיינט אישבעל, בשעת אבנר האט געוואלט נעהמען צו זיך שאול'ס קעבסווייב). ער האט געהייסען דעם אויבערשטען פון זיין לייב־וואך, בניהו בן יהוידע, טויטען אדוניה, — און דער בעפעהל איז אונגעזאמט אויסגעפיהרט געווארען.

דערנאך האט דער קעניג געהייסען טויטען אויך יואב'ן, וואס איז געשטאנען אויף אדוניה'ס צד. יואב איז אנטלאפען אין משכן און האט זיך געזעצט נעבען מזבח. נאר אפילו דער מקום קדוש האט ניט געקאנט איהם ראטעווען. אויף דעם קעניג'ס בעפעהל, איז בניהו אריין אין משכן און האט געהייסען יואב'ן ארויסגעהן; יואב האט ניט געפאלגט, און בניהו האט איהם געטויט דארט אויפ'ן ארט. דעם כהן־גדול אביתר'ן, אדוניה'ס צווייטען אנהענגער, האט שלמה אראבגעווארפען פון זיין שטעל און פערטריבען פון ירושלים אין דער שטאדט ענתות. אזוי זענען אומגעקומען דוד'ס עלטסטע חברים, וואס האבען געהאט דאס אונגליק זיך אריינצומישען אין קאמפף פאר דער קרוין־

ירושה. נאָך דער מעשה — זאָגט דער תנ"ך — „האָט זיך די ממשלה פֿערפֿעסטיגט אין שלמה'ס הענד".

נאָך די ערשטע אונרוהיגע צייטען פֿון שלמה'ס קיניגען, הויבט זיך אָן א צייט פֿון שלום, א צייט פֿון קאָלאָניזאַציאָנס-אַרבייט... א צייט פֿון קאַלבעדיגער, לעבעדיגער אַרבייט, וואָס דער קעניג האָט זיך איהר איבערגעגעבען מיט זיין גאַנצער יוגענדליכער היץ. שלמה איז אַלט געווען א יאָהר 20 אָדער 25, אַז ער איז געוואָרען קעניג. זיין פֿאָטער האָט איהם איבערגעלאָזט א גרויסע מלוכה, וואָס דורך לאַנג-יאָהריגע מלחמות איז די געווען געזיכערט געגען די אָנפֿאַלען מצד די שכנישע פֿעלקער. מען האָט בעדאַרפֿט איינהיטען און ענטוויקלען דאָס, וואָס איז דערוואָרבען געוואָרען דורך דוד'ס מלחמות, געבען דעם פֿאָלק די מעגליכקייט זיך צו פֿערנעהמען מיט פֿרידליכע טועכצען: ערדאַרבייט און מלאכות. דאָס האָט שלמה דערגרייכט. שלמה איז געווען ניט קיין קריגערישער, נאָר א פֿרידליכער קעניג; זיין נאָמען גיפֿא בעווייזט דאָס על-פּי רמז (שלמה — שטאַמט פֿונ'ם וואָרט שלום). אויב דוד איז גרויס געווען אַלס קריגס-העלד, האָט שלמה בעקומען דעם שם פֿון א קלוגען שופֿט און פֿערוואַלטער.

דער תנ"ך דערצעהלט פֿאָלגענדע מעשה וועגען שלמה'ס א פּסק-דין, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון דער מזרח'דיגער וועלטאָנשויאונג.

איין מאָל זענען צום קעניג שלמה געקומען מיט א דין-תורה צוויי פֿרויען. איינע פֿון זיי האָט דערצעהלט: „איך וואוין מיט דער דאָזיגער פֿרוי אין איין שטוב. ניט לאַנג האָב איך געהאַט א יונגעל, און אין דריי טעג אַרום האָט מיין שכנה אויך געהאַט א יונגעל; חוץ אונז, איז קיינער אין שטוב ניט געווען. איינמאָל ביי-נאַכט איז דער דאָזיגער פֿרויס קינד געשטאָרבען, ווייל זי האָט איהם אַליין שלאָפֿענדיגערהייד דערשטיקט. זי איז אויפֿגעשטאַנען אין דער שטיל, האָט אַראָבגענומען פֿון מיין בעט מיין קינד און האָט עס אַוועקגעלעגט נעבען זיך און איהר טויט קינד האָט זי אַוועקגעלעגט נעבען מיר. איך האָב די גאַנצע צייט געשלאָפֿען און האָב גאָרניש בעמערקט. אין דער פֿריה בין איך אויפֿגעשטאַנען בכדי אָנצוזייגען דאָס קינד און האָב דערזעהן, אַז עס איז טויט; איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין זיין צורה און האָב דערזעהן, אַז דאָס איז ניט דער יונגעל, וואָס איך האָב געבוירען". די אַנדערע פֿרוי האָט גע־טענה'ט: „ניין, דאָס איז ניט אמת: מיין זוהן איז געבליבען לעבען, און דיינער איז טויט". אַזוי האָבען געשטריטען צווישען זיך ביידע פֿרויען, און עס איז שווער געווען צו דערגעהן, ווער עס זאָגט דעם אמת. יעמאָלט האָט שלמה געהייסען ברענגען א שווערד און האָט געזאָגט צו זיינע דינער: „צעשניידט דעם לעבעדיגען יונגעל אויף צוויי העלפֿ־טען און גיט אָב איטליכער פֿרוי א העלפֿט". ווי ער האָט נאָר אויס־גערעדט די דאָזיגע רייד, האָט איינע פֿון די ביידע פֿרויען אויסגערופֿען:

„איך בעט דיך, אדוני מלך, צעשנייד נית דאָס קינד, זבעסער גיב עס אָב לעבעדיגערהייד מיין שכנה!“ די אַנדערע אָבער האָט געשריען: „זאָל עס ביי אונז ביידען נית בלייבען; שניידט!“ יעמאָלט איז קלאָר געוואָרען, אַז די ערשטע, וואָס האָט רחמנות געקראָגען אויפֿ׳ן קינד און האָט געבעטען אידם נית צו שניידען, איז דאָס די אמת׳ע מוטער. און שלמה האָט געהייסען אָבגעבען דאָס קינד איהר. דער גאַנצער פֿאָלק האָט זיך געוואונדערט איבער שלמה׳ס חכמה.

דער תנ״ך דערצעהלט נית נאָר וועגען שלמה׳ס פּראַקטישער קלוגשאַפֿט, עס ווערט אויך דערמאָנט וועגען זיינע גרויסע טעאָרעטישע קענטענישען. שלמה איז געווען קליגער פֿאַר אַלע חכמים פֿון מזרח-לאַנד און אַפֿילו פֿון די געלעהרטע עגיפּטישע כהנים. ער האָט פֿערפֿאַסט משלים און לידער: „ער האָט גערעדט וועגען בוימער, וועגען בהמות, וועגען פֿייגלען, וועגען ווערימלעך, וועגען פֿיש“. (וידבר על העצים... על הבהמה ועל העוף ועל הרמשים ועל הדגים). אין דער פֿאָרשטעלונג פֿון אידישען פֿאָלק איז שלמה׳ס נאָמען פֿערבונדען מיט׳ן ספר „משלי“, אַזוי ווי דוד׳ס נאָמען — מיט׳ן ספר „תהלים“.

אין שלמה׳ס צייטען האָט זיך פֿערענדיגט דער פּראָצעס פֿון דער אויסערליכער פֿעראייניגונג פֿון אַלע שבטים אין איין בירגערליכער געזעלשאַפֿט. אַנשטאָט וואָס פֿריהער איז די מלוכה געווען צעטיילט לויט די שבטים, און איטליכער שבט איז געוואָרען רעגירט פֿון זיין אייגענעם עלטסטען, איז עס איצט טיילוויז פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרען אַדמיניסטראַטיוו, און דער עלטסטער האָט בעדאַרפֿט בעשטימט ווערען פֿון ירושלים. די גאַנצע מלוכה איז צעטיילט געוואָרען אויף צוועלף פּראָווינצען, און איבער איטליכער פּראָווינץ איז געשטעלט געוואָרען אַ פֿערוואַלטער (נציב). איטליכע פּראָווינץ האָט געמוזט צושטעלען אין משך פֿון אַ חדש צייט אַלע פּראָדוקטען, וואָס זענען נויטיג פֿאַר׳ן קעניגליכען הויף. דער אויבערשטער איבער אַלע נציבים איז געווען עזריה בן נתן, וואָס האָט געוואוינט אין ירושלים, אין קעניגליכען הויף. חוץ די אָבצאָהלונגען מיט נאַטורפּראָדוקטען, האָט די בעפֿעלקערונג געהאַט צו צאָהלען נאָך געלד-אָבצאָהלונגען (מס). דער הויפּט-פֿערוואַלטער איבער די דאָזיגע אָבצאָהלונגען (על המס) איז געווען אדנירם.

צווישען די העכסטע בעאַמטע אין שלמה׳ס צייטען, זענען געווען עטליכע, וואָס האָבען געדיענט נאָך פֿאַר דוד׳ן. בניהו, וואָס איז געווען פֿאַר דוד׳ס צייטען דער הויפּט-קאָמאַנדיר איבער דער לייב-וואַך, איז איצט געוואָרען דער אויבערשטער איבער׳ן גאַנצען חיל אַנשטאָט דעם פֿערשטאָרבענעם יואָב. אַנשטאָט אביתר׳ן איז געוואָרען כהן-גדול צדוק, וואָס איז פֿריהער געווען ׳א כהן אין גבעון; נאָך צדוק׳ס טויט איז געוואָרען כהן-גדול זיין זוהן עזריה. צדוק רעכענט זיך פֿאַר דעם עלטער-פֿאָטער פֿון די כהנים אין ירושלים, וואָס האָבען געשפּיעלט

אַ װיכטיגע ראָל אין די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען. פּונקט אַזױ װי דוד, האָט שלמה אױך געהאַט בײַ זיך שרײַבער, אַ סעקרעטאַר און יועצים.

די ענטװיקלונג פֿון אינדוסטריע.

§ 74. האַנד־בײַ־האַנד מיט דער ענטװיקלונג פֿון דער ציװילער פֿערװאַלטונג האָבען זיך פֿערשפּרײט אַלײן מער האַנדעל און מלאכות. דער תנ"ך זאָגט, אַז אין שלמה'ס צײַטען האָבען די בני־ישראל געלעבט רוהיג, „איטליכער אונטער זײַן װײַנשטאָק און אונטער זײַן פֿײַגענבױם" (איש תחת גפנו ותחת תאנתו). דער דאָזיגער בילדליכער אױסדרוק דאַרף ניט פֿערשטאַנען װערען אין דעם זין, אַז דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿערנומען אױסשליסליך מיט ערד־אַרבײַט. אמת טאַקי, אַז ערד־אַרבײַט איז געװען דער יסוד פֿון דער פֿאָלקס־װירטשאַפֿט אין דער מלוכה פֿון ישראל; נאָר גלײַכצײַטיג האָט זיך דעמאָלט אױך אָנגעהױבען צו ענטװיקלען דער אינעװײניגסטער און אױסװײניגסטער האַנדעל. אין יענער צײַט זײַנען די בני־ישראל אַרײַנגעטראָטען אין בעזונדערס נאָהענטע בעציהונגען מיט די צװײ גרעסטע מזרחדיגע קולטור־פֿעלקער — מיט עגיפּטען און מיט פֿעניציען. שלמה האָט חתונה געהאַט מיט דעם עגיפּטישען פּרעה'ס טאָכטער. די דאָזיגע פּערזענליכע בעציהונגען צװישען די מלכים פֿון ישראל און מצרים, האָבען געפֿירט צו אָפֿטע האַנדעלס־בעציהונגען צװישען די בײדע פֿעלקער. פֿון עגיפּטען האָט מען אַרײַנגעפֿירט אין כנען פֿערד און קריגס־רײַטװעגען אין אַזאַ גרױסער צאָהל, אַז שלמה האָט געמוזט אױסבױען בעזונדערע שטעדט, כדי עס דאָרט אױפֿצושטעלען. נאָר די הױפּט־בעדײַטונג פֿון ארץ־ישראל איז בעשטאַנען דערין, װאָס דורך איהר איז געגאַנגען דער קאַראַװאַנען־װעג צװישען בבל און מצרים, צװישען אַזיען און אַפֿריקע. שלמה האָט געהײסען אױסבױען אױף די װעגען אין פֿערשײדענע פּונקטען אײַנפֿאָהר־הײַזער, װאו די קאַראַװאַנען זאָלען זיך קאָנען אָבשטעלען, און סקלאַדען פֿאַר די סחורות; דאָ האָבען זיך, װי עס װײַזט אױס, געפֿונען די טאַמאָזשנעס, װאו מ'פֿלעגט נעהמען אָבצאָהלונגען פֿאַר די דורכגעפֿירטע סחורות. דערפֿון האָט די מלוכה װידער געהאַט הכנסות.

אױב אַ דאַנק די בעציהונגען מיט עגיפּטען האָט זיך ענטװיקעלט דער יבשה־האַנדעל פֿון די בני־ישראל, האָבען די בעציהונגען מיט פֿעניציען צוערשט צוגעװעהנט די בני־ישראל צו פֿאָהרען מיט שיפֿען איבערן ים און צום ים־האַנדעל. שלמה האָט געשלאָסען אַ בונד מיט חירמ'ן, דעם קעניג פֿון דער רײַכער האַנדעלס־שטאָדט צ ו ר, און דערפֿון האָבען געהאַט נוצען בײדע מלוכות. די אײַנװאױנער פֿון צור האָבען אַרײַנגעפֿירט אין ארץ־ישראל צעדערן פֿון באַרג לבנון און געשיקט אַהין בױמײַסטערס און מױערער. די בני־ישראל אָבער האָבען, מיט דער הילף פֿון די צורים, פֿערברײטערט זײער ים־האַנדעל. די סוחרים פֿון בײדע לענדער האָבען אױסגעבױט גרױסע שיפֿען און זענען געפֿאָהרען אױף זי אין אופֿיר, דאָס לאַנד פֿון גאָלד (דאָס איז אַ מדינה אין אינדיען אָדער אין

דרום-אַראַביען). די שיפֿען פֿלעגען אָפּפֿאָרען פֿון האַפֿען אילות מיט דער חורבּט עציון-גבר, אויפֿן בּרעג פֿון רויטען ים (ים-סוף). דער דאָזיגער האַפֿען האָט געהערט צו דעם דרום-כּנעניישען לאַנד פֿון די בּני-אדום, וואָס דוד האָט עס געהאַט איינגענומען. פֿון דער דאָזיגער שטאָדט פֿלעגט דער פֿעראייניגטער פֿלאָט פֿון די בּני-ישראל און פֿון די צורים זיך לאָזען פּאַזע די בּרעגען פֿון ים-סוף קיין דרומית-מזרחית, צו די ים-שטעדט פֿון אַראַביען און אינדיען, וואָס ליגען פֿון בּיידע זייטען פֿון אַראַבּישען ים-אויסגוס. איטליכע נסיעה אַזעלכע פֿלעגט געדויערן דריי יאָהר. צוריקגעקעהרט פֿון דער נסיעה, פֿלעגט דער פֿלאָט בּרענגען גאָלד און אַנדערע איידעלע מעטאַלען, העלפֿאַנד-בּיין, טייערע סאָרטען האָלץ, געשמאַקע געווירץ און אַלערהאַנד לוקסוס-זאַכען. אַלע די דאָזיגע ווערטפֿולע סחורות פֿלעגט מען איבּערפֿירען אויף קעמלען פֿון דעם האַפֿען אילות קיין ירושלים דורכן מדבּר. די בּני-ישראל זענען שטאַרק געפֿעלען געוואָרען די אַלע טייערע חפֿצים, און די רייכערע קלאַסען האָבען זיך צוגעוועהנט בּיסלעכווייז צו לוקסוס. „דער קעניג שלמה — זאָגט דער תּנ״ך — האָט געבּראַכט דערצו, אַז זילבּער איז געווען אין ירושלים אַזוי פֿיעל, ווי שטיינער, און צעדערן אַזוי אַזוי פֿיעל, ווי סיקאָמאָרען (קליינע בּוימעלעך) אין טאָל״. די רייכע שטאָדטישע קולטור האָט זיך אָנגעהויבּען צו ענטוויקלען אין ארץ-ישראל אויפֿן חשבּון פֿון פּשוטן דאָרפֿישען אַרט לעבּען. די פּאַטריאַרכאַלישע לעבּענס-אָרדנונג האָט אָבּגעטראָטען איהר אָרט פֿאַר דער קולטורעלער.

בּנין בּית-המקדש.

§ 75. שוין פֿון די ערשטע יאָהרען אָן, זינט שלמה איז געוואָרען קעניג, האָט ער געשטרעבּט צו מאַכען ירושלים פֿאַר אַ שענע שטאָדט, ניט ערגער פֿאַר אַלע אַנדערע מזרחדיגע הויפּט-שטעדט. און זיין גאַנץ לעבּען לאַנג האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם.

קודם כּל איז שלמה צוגעטראָטען צום בּויען דעם בּית-המקדש אין ירושלים, ווי זיין פֿאָטער, לויט ווי דער תּנ״ך דערצעהלט, האָט איהם געהאַט איבּערגעגעבּען בּצוואה. בּיז אַהער איז דער טעמפּעל אין ירושלים געווען נאָר אַ בּעשיידענער געצעלט אָדער אוהל, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פֿון דוד'ס צעדערן-פּאַלאַץ (בּית ארזים). דאָס איז געווען דער רעשט פֿון פֿריהערדיגען וואַנדער-לעבּען אין מיטען דעם נייעם קולטורעלען צושטאַנד. שלמה האָט בּעשלאָסען צו בּויען אויפֿן בּאַרג מוריה, אין צפֿונית-מזרחית-ווינקעל פֿון ירושלים, אַ טעמפּעל מיט אַ נייעם פּאַלאַץ. פֿאַר די אַלע געבּיידעס איז נויטיג געווען אַ סך שטיינער, האָלץ און מעטאַל. שטיינער זענען געווען לרוב אין כּנען גופֿא. צעהנדליגער טויזענדער אַרבּייטער, וואָס שלמה האָט זיי צונויפֿגעקליבּען צווישען די אונטערטעניגע כּנענישע פֿעלקער, האָבּען אויסגעהאַקט שטיינער אין די בּערג און האָבּען זיי אַרומגעהאַקט אין די נויטיגע רעגעלמעסיגע פֿאָרמען; אַנדערע אַרבּייטער האָבּען גע-

בראַכט די אַרומגעהאַקטע שטיינער קיין ירושלים. בכדי צו בעקומען די נויטיגע געהעלץ, איז שלמה אַריין אין פֿערבינדונג מיט חירמ׳ן, דעם קעניג פֿון צור. חירם האָט איינגעשטימט צו געבען שלמה׳ן צעדערן און ציפּאַריסען־בוימער (עצי־ברושים) פֿון לבנון און שיקען זיי איבער׳ן ים קיין יפֿו. מען האָט צונויפֿגעקליבען 30,000 מאַן בני־ישראל, וואָס האָבען געדאַרפֿט האַקען וואַלד אויף דעם באַרג לבנון. זיי זענען געוואָרען איינגעטיילט אויף דריי אָבטיילונגען צו 10,000 מאַן, וואָס איטליכע פֿון זיי האָט געאַרבייט איין חודש און גערוהט צוויי חדשים. חירם האָט שלמה׳ן געשיקט די געהילץ און אויך בוי־מייסטערס און מויערער. דערפֿאַר האָט שלמה געגעבען חירמ׳ן יעהרליך, כל זמן די אַרבייט האָט געדויערט, אַ בעשטימטען סכום תבואה, בוימל און וויין. חוץ דעם האָט חירם געגעבען דאָס גאָלד, וואָס איז נויטיג געוועזען אויף צו בעפּוצען דעם בית־המקדש פֿון אינעווייניג; דערפֿאַר האָט שלמה איהם אָבגעטרעטען צוואַנציג שטעדט אין צפֿון־זייט פֿון ארץ־ישראל, וואָס גרעניצט זיך מיט׳ן לאַנד פֿון די פֿעניציער. (די דאָזיגע געגענד, וואָס איז געוואָרען בעזעצט פֿון די פֿעניציער, האָט בעקומען דעם נאָמען „גליל הגוים“, דאָס הייסט אַ פּראָווינץ פֿון פֿרעמדע פֿעלקער, און שפּעטער פּשוט גליל.)

אַז דער בוי־מאַטעריאַל איז געווען צוגעגרייט, איז מען צוגעטראָטען צו בויען דעם בית־המקדש. דעם בית־המקדש האָט מען געבויט פֿון אַרומגעהאַקטע שטיינער (אבני־גזית), און פֿון אינעווייניג האָט מען בעדעקט די ווענד מיט ברעטער פֿון צעדער־האָלץ, וואָס אויף זיי זענען געווען אויסגעשניצט פֿערשיידענע בלומען, פּאַלמען־בוימער און כרובים (פֿיגורען מיט פֿונאַנדערגעלאָזטע פֿליגלען); די גאַנצע שניצעריי אויף די ווענד איז געוואָרען בעדעקט מיט גאָלד. דער בית־המקדש איז געווען פֿונאַנדערגעטיילט אויף צוויי אָבטיילונגען: אַן אינעווייניגסטע און אויסווייניגסטע. די אינעווייניגסטע אָבטיילונג האָט געהייסען „דביר“ אָדער קדשי קדשים. דאָרט זענען געשטאַנען צוויי געפֿליגעלטע כרובים פֿון אייל־בערטען־האָלץ, בעדעקט מיט גאָלד; אונטער די פֿונאַנדערגעלאָזטע פֿליגלען פֿון די כרובים איז געשטאַנען דער אָרון־הקודש. אין דביר האָט אַלע מאָל געהערשט אַ סודות־פֿולע האַלב־טונקעלקייט. אין דער אויסווייניגסטער אָבטיילונג, וואָס האָט געהייסען „היכל“, זענען געשטאַנען מזבחות אויף מקריב זיין קטורת, אַ מנורה, אַ שלחן מיט די הייליגע ברויט (לחם הפּנים) און אַנדערע כלים, אַלץ פֿון ריינעם גאָלד. פּאַזע די ווענד פֿון היכל איז געגאַנגען אַ גאַלעריי מיט צוויי מאַסיווע קופּערנע זיילען. מיט דער דאָזיגער גאַלעריי האָט זיך געגרעניצט אַ גרויסער הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער. אין הויף האָבען זיך געפֿונען: אַ גרויסער קופּערנער מזבח, אַ קופּערנער האַנדפֿאַס (כיור) פֿאַר די כהנים צו וואַשען די הענד, וואָס איז מחמת זיין גרויס אָנגערופֿען געוואָרען „קופּערנער ים“ (ים־הנחשת), און אַלע איבעריגע זאַכען, וואָס זענען נויטיג צוליעב ברענגען קרבנות.

די דאָזיגע גרויסאַרטיגע געביי האָט זיך געצויגן אין משך פֿון עטליכע יאָהר: זי איז פֿערענדיגט געוואָרען אין יאָהר 1000 פֿאַר קריסטוס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער יום-טוב פֿון חנוכת-הבית. אין חודש תשרי, דעם חודש פֿון די ימים-טובים, זענען קיין ירושלים אָנגעקומען מאַסען בני-ישראל פֿון אַלע קאַנטען פֿון דער מלוכה. אין דעם נייעם בית-המקדש, אויפֿ'ן באַרג מוריה, האָט מען אַריבערגעטראָגען דעם אָרון און די הייליגע כלים פֿון דעם פֿריהערדיגען משכן, וואָס איז געשטאַנען אויפֿ'ן באַרג ציון, אין עיר-דוד. די כהנים האָבען אַריינגעטראָגען דעם אָרון-הקודש מיט די לוחות אין „דביר" און האָבען איהם אַוועקגעשטעלט דאָרט אונטער די אויסגעשפּרייטע פֿליגלען פֿון די גאָלדענע כרובים.

דער האַלבער חושך, וואָס האָט געהערשט אין דעם קדשי-קדשים, האָט בעשאַפֿען אַ סודות-פֿולע בילד. דער „דביר" האָט דערמאָנט אָן יאַהווע'ס אַלטען וואוינונגס-אָרט, דעם באַרג סיני.

דער קעניג האָט זיך געווענדעט מיט'ן פּנים צום הייליגטום און האָט געזאָגט: „יאַהווע האָט בעשטימט צו וואוינען אין אַ געדיכטען וואָלקען. אָט האָב איך אויסגעבויט אַ הויז פֿאַר דיר צו וואוינען, אַן אָרט פֿאַר דיין אייביגער וואוינונג". דערנאָך איז דער קעניג מיט'ן פֿאָלק אַריבערגעגאַנגען אין די אויסווייניגסטע חדרים פֿון בית-המקדש און אין הויף, וואו עס איז געשטאַנען דער מזבח. דאָ האָט אַלץ געשיינט און געפֿינקעלט פֿון די ווענד און די זיילען, וואָס זענען געווען בעדעקט מיט גאָלד, און פֿון די גלענצענדע טייערע כלים. די כהנים האָבען געבראַכט קרבנות, און די לויים האָבען געזונגען הייליגע שירים און געשפּיעלט אויף האַרפֿען. דאָס פֿאָלק איז געווען בעצויבערט פֿון אַלצדינג, וואָס ער האָט געזעהן, און האָט געקוקט מיט יראת-הכבוד אויף דעם גרויסאַרטיגען בית-המקדש, וואָס זיין גלייכען איז נאָך ביי די בני-ישראל ניט געווען. עטליכע טעג האָט געדויערט דער יום-טוב פֿון חנוכת הבית. אַז דער יום-טוב האָט זיך געענדיגט, איז זיך דאָס פֿאָלק צעפֿאָהרען.

דער גלאַנץ פֿון הויף און די בעלאַסטונג פֿון פֿאָלק.

§ 76. אַז דער בית-המקדש איז פֿאַרטיג געוואָרען, האָט מען אָנגעהויבען בויען אַ פּאַלאַץ פֿאַר'ן קעניג (בית-המלך). דעם פּאַלאַץ פֿאַר שלמה'ן האָבען אויסגעבויט פֿעניציִשע מייסטערס. ער איז געשטאַנען ניט ווייט פֿונ'ם בית-המקדש, און איז בעשטאַנען פֿון עטליכע געביידעס, וואָס זענען געווען פֿעראייניגט צווישען זיך דורך אינעווייניגסטע גענג. צום פּאַלאַץ האָט געהערט אַן אַלעע, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען דער וואַלד לבנון (יער הלבנון), וויל זי האָט זיך געצויגען צווישען צוויי רייהען צעדער-זיילען. דאָ איז געשטאַנען די קעניגליכע וואַך מיט שווערדען און מיט גאָלדענע שילדען. אין דעם געריכטס-זאַל פֿון פּאַלאַץ איז געשטאַנען אַ קעניגליכער שטוהל פֿון העלפֿאַנד-ביין, בע-

דעקט מיט גאָלד. דאָ פלעגט דער קעניג פסק'ענען דין־תורה'ס, און צונעמען שלוחים פון פרעמדע מלוכות. ביי די זייטען פון דעם הויפּט־פּאַלאַץ האָבען זיך געפונען צוויי געביידעס: אין איינעם האָט געוואוינט דער קעניג אַליין, אין אַנדערן — זיין הויפּט־פרוי, די טאָכטער פון עגיפּטישען פּרעה, מיט איהר מויטע. אין איינעם פון די דאָזיגע געביידעס איז, מסתמא, געווען דער קעניגליכער האַרעם. דער קוואַרטאַל, וואו עס האָט זיך געפונען דער בית־המקדש און דער קעניגליכער פּאַלאַץ, איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער. חוץ דעם בית־המקדש און דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, זענען, ווי עס ווייזט אויס, געווען אין ירושלים נאָך שענע געביידעס, וואָס עס האָבען אויסגעבויט רייכע לייט. די הויפּט־שטאָדט פון דער מלוכה פון ישראל איז געוואָרען אַ רוישיגע און אַ שענע שטאָדט. אין די שלש רגלים פלעגען זיך צונויפקלייבען מאַסען בני־ישראל פון אַלע שטעדט, כדי מתפלל צו זיין אין בית־המקדש און צו ברענגען קרבנות. רייכע סוחרים פלעגען קומען צופאָהרען אין ירושלים צוליעב מסחר, און חשובע אויסלענדער פלעגען קומען, כדי צו בעקוקען דעם בית־המקדש, און אַנדערע מערקווירדיגע זאַכען.

איין מאָל — דערצעהלט דער תנ"ך — איז געקומען צו פאָהרען אין ירושלים מיט אַ גרויסער סוויטע די קעניגין פון לאַנד שבא (מלכת־שבא), וואָס געפינט זיך אין דרום־ערב אָדער (לויט דער אַבעסינישער מסורה) אין עטיאָפּיען (כוש). זי האָט זיך אָנגעהערט וועגען שלמה'ס חכמה און וועגען דעם גלאַנץ פון זיין הויף, און האָט געוואָלט פּערזענליך זיך איבערצייגען, צי די אַלע קלאַנגען זענען ריכטיג. דער קעניג האָט פריינדליך אויפגענומען די פרעמדע קעניגין און האָט פערענטפערט אַלע איהרע פראַגען און רעטענישען. די מלכת־שבא איז שטאַרק אַריין אין התפעלות איבער אַלץ, וואָס זי האָט געזעהן און געהערט, און האָט געזאָגט צו שלמה'ן: „דו ביזט אַ כך קלוגער און רייכער, ווי מען האָט מיר דערצעהלט. גליקליך זענען דיינע אונטערטאַנען, וואָס קאָנען שטענדיג דיך זעהן און הערען דיין חכמה!" זי האָט געשאָנקען דעם קעניג אַ כך גאָלד, אבנים טובות און געשמאַקע געווירצען, האָט פון איהם אויך בעקומען רייכע מתנות און האָט זיך אומגעקעהרט צו זיך אַהיים.

נאָר, ניט קוקענדיג אויף דעם אויסווייניגסטען גלאַנץ פון שלמה'ס מלוכה, אויף דער שטאַרקער ענטוויקלונג פון שטאָדט־לעבען און קולטור, — פונדעסטוועגען איז דאָס פאָלק געווען דורכאויס ווייט פון עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד. דעם פאָלק האָט דער אויסווייניגסטער גלאַנץ טייער אָבגעקאָסט. די גרויסע סוחרים און אונטערנעהמער זענען טאַקע רייך געוואָרען פונ'ם מסחר, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין לאַנד, נאָר די גאַנצע מאַסע פון דער דאָרפס־בעפעלקערונג און פון דער אָרימער שטאָדטישער בעפעלקערונג האָט ניט געהאַט פון דער נייער אָרדנונג קיין שום אַנדער זאַך, חוץ נייע לאַסטען און האָרעוואַניע. די

מאסע איז געווען געדריקט פון די צו־גרויסע נאטור־ און געלד־אבצאהלונגען, וואס מען האט ביי אידר געגומען אויף אויסצוהאלטען דעם קעניגליכען הויף, דעם קעניגס דיענער און די פיעל בעאמטע, ווי אויך אויף בויען די עפענטליכע געביידעס. דאס אידישע פאלק, וואס האט נאך גאר ניט לאנג געפיהרט א פאטריארכאלישע לעבען, איז נאך ניט געוועהנט געווען צו אזא ענטוויקעלטער ציוויליזאציע, וואס קאסט אזוי טייער. די צוואנגס־ארבייטען און די אבצאהלונגען אויף בויען דעם בית־המקדש און די קעניגליכע פאלאצען האבען אין א משך פון א סך יאהרען אויסגעשעפט די עקאנאמישע קרעפטען פון לאנד. און אויף אויסהאלטען דאס פערשווענדערישע לעבען אין קעניגליכען הויף, האט דאס פאלק געמוזט געבען שטענדיג פון דאס־ניי געלד. שלמה האט געלעבט מיט'ן לוקסוס פון אנאריענטאלישען הערשער. אין זיין הארעם זענען געווען פרויען און קעבסווייבער פון פערשיידענע לענדער און פעלקער: פון מצרים, עמון, מואב, פעניציען. אין „שיר השירים" ווערט דערמאנט, אז שלמה האט געהאט 60 קעניגינען, 80 קעבסווייבער און שקלאפינען אהן א צאהל" (ששים המה מלכות ושמנים פילגשים ועלמות אין מספר). אין ספר „מלכים" ווערט געזאגט מיט א גוזמא, אז ער האט געהאט טויזענד פרויען. אט די גאנצע הויף־בעפעלקערונג האט געמוזט די ארימע פאלקס־מאסע אויסהאלטען דורך אידרע אבצאהלונגען.

נאר לא די וואס דער קעניג האט ארויפגעלעגט שווערע לאסטען אויפ'ן פאלק דורך די סך אבצאהלונגען, האט זיין הויף נאך בעליידיגט די רעליגיעזע־נאציאנאלע געפיהלען פון פאלק. דער קעניג האט ערלויבט זיינע פרויען עפענטליך דיענען זייערע געצענ־בילדער. די פעניציער און אנדערע אויסלענדער, וואס האבען געוואוינט אין ירושלים, האבען געמאכט מזבחות אויף די במות פאר די פערשיידענע בעלים. אויף דעם הר־הזיתים האט מען אויסגעבויט מזבחות פאר אסטארטע (עשתרת), די געטין פון די צידונים, פאר כמוש, דעם גאט פון מואב, און פאר מולך, דעם גאט פון עמון. דער קעניג אליין פלעגט אפטמאלס בייוואוינען דעם געצענ־דיענסט פון זיינע פרעמד־לענדישע פרויען. די, וואס זענען געטריי געווען יאהווע, זענען געווען אויפגעבראכט איבער די דאזיגע מעשים פון קעניג. און פאר דעם טייל פון דער בעפעלקערונג, וואס האט זיך נאך ניט אזוי פעסט געהאלטען פאר דעם גלויבען אין יאהווע, פלעגט דאס דיענען אלס שלעכטער ביישפיעל. אויף אזא אופן האט דער אייגענער קעניג, וואס האט אויסגעבויט דעם בית־המקדש אין ירושלים, דורך זיין אייגענער אויפפיהרונג און דורך זיין גוטער בעציהונג צו די פרעמדע קולטען, אבגעשוואכט די נאציאנאלע אמונה.

פאליטישע שוויריגקייטען.

§ 77. די פעהלערן, וואס שלמה איז בעגאנגען, האבען אין גיכען געבראכט צו טרויעריגע רעזולטאטען. צום סוף פון שלמה'ס קיניגען האבען זיך ווידער

צונויפֿגעקליבען איבער האַרצונג פֿון דער מלוכה פֿון ישׂראל פֿינסטערע כמאַרעס. עס איז געוואַקסען די אונצופֿרידענהייט אין פֿאָלק, און די גרעניץ־פֿעלקער, וואָס האָבען געציטערט פֿאַר די בני־ישׂראל אין דוד׳ס צייטען, האָבען ווידער אמאָל אָנגעהויבען אויפֿצוהויבען די קעפּ, מחמת זיי האָבען גערעכענט, אַז די בני־ישׂראל האָבען שוין אָנגעוואָרען זייער פֿריהערדיגען קריגערישען גייסט.

אַלס דער אויסדריקער פֿון דער אינעווייניגסטער אונצופֿרידענהייט פֿון פֿאָלק ערשיינט ירבעם בן־נבט פֿון דער שטאָדט צרדה אין שבט אֶפֿרים. דאָס איז געווען אַן ענערגישער מענש און אַ גרויסער אוהב־כּבוד. אַ קורצע צייט האָט ירבעם געדינט אַלס אויפֿזעהער איבער די עפֿענטליכע געביידעס אין ירושלים. מחמת די פֿעהיגקייטען, וואָס ירבעם האָט אַרויסגעוויזען אין דינסט, האָט שלמה איהם געגעבען אַ העכערע שטעל: ער האָט איהם געמאַכט פֿאַר אַ שטייער־פֿערוואַלטער איבער דעם שבט מנשה און שבט אֶפֿרים. נאָר ירבעם האָט זיך בענוצט מיט זיין העכער שטעל, כּדי צוצוגרייטען אַן אויפֿשטאַנד קעגען קעניג.

אין ערגיץ איז די אונצופֿרידענהייט מיט דער עקזיסטירענדער מלוכה־אָרדנונג ניט געווען אַזוי גרויס, ווי צווישען די בני־אֶפֿרים, וואָס זענען פֿון שטענדיג אָן ניט געווען צופֿרידען מיט דער איבערהערשאַפֿט פֿונ׳ם שבט יהודה. ירבעם, אַלס מיטגליד פֿון שבט אֶפֿרים, איז אין דעם פּרט ניט אָבגעשטאַנען פֿון זיין שבט; חוץ דעם, אַלס רודף־כּבוד, וואָס האָט געחלומ׳ט וועגען מאַכט, האָט ער זיך נאָך געמיהט צו פֿערשטאַרקערן די אונצופֿרידענהייט ביי די בני־אֶפֿרים און אויפֿצובונטעווען זיי קעגען שלמה׳ן, מחמת ער האָט געהאָפֿט אַריינצוכאַפּען שפּעטער די ממשלה אין זיינע הענד. צוליעב דעם צוועק איז ער זיך אויך צונויפֿגעגאַנגען מיט דעם נביא אחיה פֿון שילה (אחיה השילני), וואָס האָט אַגיטירט קעגען שלמה׳ן, ווייל יענער איז עובר געווען קעגען דער אמונה דערמיט, וואָס ער האָט אונטערשטיצט דעם געצענדינסט. אחיה האָט אונטערשטיצט ירבעמ׳ס פּלענער און האָט איהם פֿאָרויסגעזאָגט אַן ערפֿאָלג. דער תּנ״ך דערצעהלט, אַז דער נביא האָט ירבעמ׳ן צו וויסען געגעבען וועגען דער צוקונפֿט דורך פֿאָלגענדען רמז. איין מאָל האָט אחיה בעגעגענט ירבעמ׳ן אין וועג; האָט ער אָבגעריסען ביי איהם זיין איבער־בגד און, האָט עס צעריסען אויף צוועלף שטיקער. צעהן שטיקער האָט דער נביא צוריק אָבגעגעבען ירבעמ׳ן און האָט געזאָגט: „נעהם די דאָזיגע צעהן שטיקער. וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פֿון ישׂראל: איך וועל צערייסען שלמה׳ס מלוכה און וועל דיר אָבגעבען צעהן שבטים. נאָר איין שבט וועט בלייבען ביי הויז דוד״. ערמוטיגט דורך דער דאָזיגער נבואה, האָט ירבעם געוואָלט בראש פֿון די בני־אֶפֿרים מורד זיין קעגען שלמה׳ן. נאָר שלמה האָט זיך דערוואוסט פֿון דער מעשה און האָט געשיקט קריגס־לייט און בעפֿוילען זיי צו טויטען דעם מורד במלכות. יעמאָלט איז ירבעם אַנטלאָפֿען געוואָרען קיין מצרים.

אין מצרים האָט אין יענער צייט אָנגעהויבען צו קיניגען אַ נייע דינאַסטיע.

דער ערשטער קעניג פֿון דער דאָזיגער דינאַסטיע שישק (שעשאָנק) האָט איבער־געריסן דעם בונד, וואָס איז געווען געשלאָסן צווישן שלמה׳ן און דעם פֿריִערדיגן עגיפּטישן קעניג. אַזוי ווי שישק האָט געוואָלט אָבשוואַכן די מאַכט פֿונם קעניג פֿון ישׂראל, האָט ער דעריבער פֿרײַנדליך אויפֿגענומען דעם מורד, ירבעם׳ן.

אין דער זעלביגער צײַט האָט דער עגיפּטישער קעניג אונטערשטיצט נאָך איין פֿערזאָן, וואָס האָט מורד געווען קעגן דעם קעניג שלמה. דאָס איז געווען הדד, אַ מיטגליד פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע פֿון אֶדום. הדד איז אַנטלאָפֿן געוואָרן קיין מצרים, בשעת ער איז נאָך געווען יונג, בשעת די אֲדוֹמים זענען געוואָרן בעזיגט פֿון דוד׳ן און יואָבֿ׳ן און האָבן געמוזט צאָהלען צינז דער מלוכה פֿון ישׂראל. דער בן־מלך פֿון אֶדום האָט, אָפֿנים, געטראַכט וועגן דער בעפֿרײַאונג פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד. כּל זמן אין עגיפּטן האָט געהערשט די דינאַסטיע, וואָס איז געווען פֿרײַנדליך געזינען צו די בני־ישׂראל, האָט הדד ניט געקאָנט געפֿינען קיין אונטערשטיצונג פֿאַר זײַנע פּאַטריאָטישע שטרעבונגען. נאָר אַז שישק איז אַרויף אויפֿ׳ן טראָן, האָט זיך פֿאַר איהם געעפֿנט די מעגליכקייט אויפֿצוהייבן אַנ׳אויפֿשטאַנד. אונטערשטיצט פֿון דעם נײַעם עגיפּטישן פּרעה, האָט הדד זיך אומגעקעהרט צוריק אין זײַן פֿאָטערלאַנד, האָט דאָרט אַרויסגע־רופֿען אַנ׳אויפֿשטאַנד קעגן דער פֿרעמד־הערשאַפֿט און בראש פֿון אֲדוֹמישע באַנדעס פֿלעגט ער בעפֿאַלען די בני־ישׂראל.

פֿאַר דער צײַט, וואָס שלמה האָט געקיניגט, האָבן די בני־ישׂראל ניט געפֿיהרט קיין קריג, און דעריבער איז זייער פֿריהערדיגער קריגערישער גײַסט שוואַכער געוואָרן. דאָס האָבן אויסגענוצט זייערע שכנים, וואָס זענען געווען פֿײַנדליך געזינען קעגען זיי. אין דער זעלביגער צײַט, ווען די אֲדוֹמים פֿלעגען בעפֿאַלען די בני־ישׂראל פֿון דרום־זײַט, זענען אויך אויפֿגעשטאַנען די אֲרמים פֿון צפֿון־זײַט. רזון, איינער פֿון די הויפּטלײַט פֿון אַרמישען קעניג הדד־עזר, וואָס איז אַנומעלט בעזיגט געוואָרן פֿון דוד׳ן (§ 67), האָט מורד געווען קעגען זײַן האַר. ער האָט צונויפֿגעקליבן אַרום זיך אַ גאַנצע באַנדע מורדים, האָט אײַנגענומען די שטאָדט דמשק און האָט זיך ערקלערט פֿאַר אַנ׳אומאָבהענגיגען קעניג. פֿון דאָרט האָט רזון געמאַכט אָנפֿאַלען אויף די בני־ישׂראל. שלמה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום קריגערישע פֿעהיגקייטען, האָט צו ווייניג געזאָרגט פֿאַר די פֿערטיידיגונג קעגען די דאָזיגע אָנפֿאַלען, און מחמת דעם האָט ער געלאָזען פֿאַר זײַנע יורשים געפֿעהרליכע פּאָליטישע שוויריגקײַטען.

שלמה האָט ניט דערלעבט דעם אומגליק, וואָס האָט גאָר אין גיכען געטראָ־פֿען מיט דער מלוכה פֿון ישׂראל. ער איז געשטאָרבן בערך אין יאָהר 977, נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט כּמעט 40 יאָהר. מ׳האָט איהם מקבר געווען אין קעניגליכען קבֿרים־הויז פֿון הויז דוד, אויפֿ׳ן באַרג ציון.

מקורים: ספר מלכים א׳, קאַפּ. ג׳—י״א; קדמוניות היהודים, ספר ח׳, קאַפּ. א׳—ג׳.

פיערטער קאפיטעל.

די צעשפאלטונג און דער אנהויב פון די צוויי מלוכות (977—928).

די צעטיילונג פון דער מלוכה. — ירבעם און זיין רעפארם. — רחבעם און זיינע יורשים. — דינאסטישע מהומות אין קעניגרייך ישראל.

די צעטיילונג פון דער מלוכה.

§ 78. באלד נאך שלמה׳ס טויט האט אויסגעבראכען די קאטאסטראפע, וואס האט זיך שוין פון לאנג אן צוגעגרייט. דער געזעצליכער קרוין־יורש איז געוועזען שלמה׳ס זוהן, רחבעם, פון אן עמוני׳שער פרוי, נעמה. רחבעם איז אלט געוועזען א יאהר פערציג, בשעת זיין פאטער איז געשטארבען. ער האט, אפנים, קיין שום בעזונדערע מעלות ניט געהאט: ניט דוד׳ס גבורה, ניט שלמה׳ס חכמה. דער שבט יהודה און א גרויסער טייל פון שבט בנימין, וואס זענען געוועזען געטריי דוד׳ס הויז און וואס ירושלים איז געוועזען פאר זיי א רעליגיעזער און א פאליטישער צענטער, זענען באלד גרייט געוועזען צו אנערקענען רחבעם׳ן פאר א קעניג. נאר די איבעריגע שבטים, בפרט די בני־אפרים, זענען נאך ניט געוועזען פעסט ביי דער דעה. צווישען זיי איז נאך אלץ געוועזען שטארק פערשפרייט די אונצופרידענקייט מיט דער ארדנונג, וואס האט געהערשט, בשעת דער פריהערדיגער קעניג האט געלעבט; אפשר איז נאך געוועזען פריש ביי זיי אין זכרון די שטרענגקייט, מיט וועלכער שלמה האט אונטערדריקט אין יסאמע אנהויב ירבעם׳ס אויפשטאנד. דאס אלץ האט געבראכט די צפונ׳דיגע שבטים דערצו, אז זיי זאלען שטרעבען זיך אויסצוטיילען בעזונדער און אראבווארפען פון זיך די איבערהערשאפט פונ׳ם שבט יהודה.

דערווייל האט ירבעם, וואס האט זיך געהאט בעהאלטען אין עגיפטען, דערהערט, אז שלמה איז טויט. ער האט זיך תיכף אומגעקעהרט צוריק אהיים און האט אנגעהויבען פיהרען ווייטער די אגיטאציע קעגען דוד׳ס הויז. דער צענטער פון דער דאזיגער רעוואלוציאנערער אגיטאציע איז געוועזען שכם, איינע פון די גרעסטע שטעדט אין דער נחלה פון שבט אפרים. אין דער זעלביגער צייט, בשעת די בני־יהודה און די בני־בנימין האבען שוין געהאט אנערקענט רחבעם׳ן פאר א קעניג, האבען ערשט די עלטסטע פון די צפונ׳דיגע שבטים צונויפגעקליבען זיך אין שכם, כדי זיך אנ׳עצה צו האלטען וועגען דער וואהל פון א קעניג. אהין האט אויך בעדארפט קומען פון ירושלים רחבעם מיט זיינע יועצים. היות ווי דאס פאלק איז ניט געגאנגען צום קעניג, איז דער קעניג געגאנגען צום פאלק.

לכתחלה זענען די פארשטעהער פון די צפונ׳דיגע שבטים געוועזען נוטה צו אנערקענען רחבעם׳ן פאר א קעניג מיט דעם תנאי, אז ער זאל אראבנעהמען פון פאלק די שווערע שטייערן, וואס שלמה האט ארויפגעלעגט אויף זיינע אונ־ טערטאנען. ס׳איז אויך מעגליך, אז גלייכצייטיג האט דאס פאלק געפאדערט

פֿערשײדענע רעפֿאָרמעס און איבערבעסערונגען אין דער מלוכה־פֿערוואַלטונג. „דײַן פֿאָטער — האָבן געזאָגט די עלטסטע צו רחבֿעמ׳ען — האָט אַרויפֿגעלעגט אויף אונז אַ שווערן יאָך; פֿערגרינגער דעם דאָזיגן יאָך, און מיר וועלן דיר דינען“. דער שטאָלצער רחבֿעם איז געוואָרן אויפֿגעבראַכט איבער די דאָזיגע ענטשיידענע פֿאָדערונגען פֿון פֿאָלק. נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און צוגעזאָגט אין דרײַ טעג אַרום געבן אַ תּשובֿה. ער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיט זײַנע יועצים. די עלטערע יועצים, וואָס האָבן געדינט נאָך שלמה׳ן און זענען געוועזן געניטערע מענטשן, האָבן פֿאָרגעלעגט רחבֿעמ׳ען, ער זאָל נאָכגעבן די פֿאָדערונגען פֿון פֿאָלק; פֿערקערט, די יונגערע הויפֿס־לײַט, וואָס האָבן געוואָלט אָנטון אַ נחת־רוח דעם שטאָלצן קעניג, האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז דעם פֿאָלק אָבזאָגן. רחבֿעם האָט אָנגענומען די לעצטע עצה. אַז די פֿאָלקס־פֿאָרשטעהער זענען אין דרײַ טעג אַרום געקומען צו איהם, האָט ער זיי געזאָגט, ווי דער תּנ״ך דערצעהלט, פֿאָלגענדעס: „מײַן פֿאָטער האָט אויף אײַך אַרויפֿגעלעגט אַ שווערן יאָך, און איך וועל נאָך דעם יאָך שווערער מאַכען; מײַן פֿאָטער האָט אײַך געשטראָפֿט מיט בײַטשען, און איך וועל אײַך שטראָפֿען מיט עקדישען“ (בײַטשען מיט אײַזערנע שפּיצען אויף די עקען). (אָבי העמיס עליכם על כּבד ואני אסיף על עלכם, אבי יסר אתכם בשוטים ואני איסר אתכם בעקרבים.) יעמאָלט זענען די בני־ישׂראל געוואָרן אויפֿגעבראַכט. עס האָט זיך געלאָזט הערען דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער רוף: „וואָס האָבן מיר פֿאַר אַ שײַכות מיט דוד׳ס הויז? איטליכער אין זײַנע געצעלטען, ישׂראל!“ ירבֿעם האָט זיך געשטעלט בראש פֿון די מורדים. רחבֿעם האָט אַרויסגעשיקט צום פֿאָלק דעם איבערשטען שטײַער־פֿערוואַלטער, כּדי ער זאָל דאָס פֿאָלק בערוהיגען; נאָר דאָס פֿאָלק האָט איהם פֿערשטײניגט. רחבֿעם גופֿא האָט קוים געראַטעוועט זײַן לעבען; ער איז אַנטלאָפֿען געוואָרן אין אַ רײַטוואָגען קיין ירושלים.

נאָך דער מעשה האָבן די צעהן שבֿטים פֿון ישׂראל, דאָס הייסט די בני־אפֿרים, אַלע צפֿונדיגע שבֿטים און די שבֿטים פֿון עבֿר־הירדן, זיך אינגאַנצען אָבגעטיילט פֿון דוד׳ס דינאַסטיע און האָבן געקרוינט ירבֿעמ׳ען פֿאַר אַ קעניג איבער זיך. רחבֿעמ׳ען זענען געבליבען געטרײַ די צוויי דרומדיגע שבֿטים: יהודה און בנימין. אַז רחבֿעם האָט זיך אומגעקעהרט קיין ירושלים, האָט ער צונויפֿגעקליבען אַ גרויסען חיל פֿון די בני־יהודה און בני־בנימין, כּדי צו געהן מלחמה האַלטען מיט די בני־ישׂראל. נאָר שמעיה הנבֿיא, דער „איש־האלהים“, האָט זיך געווענדט צום קעניג און צום פֿאָלק מיט די ווערטער: „איהר זאָלט ניט געהן מלחמה האַלטען מיט אײַערע ברידער, די בני־ישׂראל, נאָר קעהרט זיך אום איטליכער אין זײַן שטוב, ווארום אַלץ איז געשעהן לויט גאָטס רצון“. און די קריגסלײַט זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. דער קאַמפּף פֿון די ביידע טיילען פֿון דער מלוכה איז אויף דערווײַל אָבגעשטעלט געוואָרן.

אויף אַזאַ אופֿן איז די מלוכה פֿון ישׂראל, וואָס איז געוועזן פֿעראייניגט כּמעט הונדערט יאָהר, פֿונאַנדערגעפֿאַלען אויף צוויי מלוכות: אויף אַ דרומדיגער און צפֿונדיגער (977). די דרומדיגע מלוכה האָט געהייסען יהודה, און איהר קעניג האָט געשטאַמט פֿון דוד׳ס משפּחה; די צפֿונדיגע, וואָס האָט געהאַט אַ

סך א גרעסערן שטח, האָט געדיינט אפֿרים אָדער ישׂראל, און אויך די מלוכה פֿון די עשׂרת השבטים. און איהר ערשטער קעניג איז געווען ירבעם.

ירבעם און זיין רעפֿאָרם.

§ 79. ירבעם האָט אויסגעקליבען די שטאָדט שכם פֿאַר זיין הויפּט-שטאָדט. דער שבט אפֿרים איז געווען דער גרעסטער און דער שטאַרקסטער שבט אין דער מלוכה פֿון די עשׂרת השבטים, און דערפֿאַר האָט געדאַרפֿט זיין די הויפּט-שטאָדט אין זיין נחלה. אויף א קורצע צייט האָט ירבעם פֿערלאָזט שכם און בעזעצט זיך אין פּנואל, ניט ווייט פֿון מחנים; צוליעב וואָס דאָס איז געשעהן, איז נאָך ביז איצט ניט אינגאַנצען קלאָר. ס'קאָן זיין, אז דאָס איז געשעהן איבער דעם קריג מיט רחבעמ'ן, אָדער מיט דעם צוועק, כדי צוצוציהען נעהענטער די שבטים פֿון עבר-הירדן צו דער נייער דינאַסטיע.

פֿונדעסטוועגען האָט ירבעם ניט געקאָנט זיך פֿיהלען אינגאַנצען רוהיג אויף זיין טראָן. די צפֿונ'דיגע שבטים האָבען זיך אָבגעטיילט פֿון די דרומ'דיגע בלויז אין פּאָליטישער הינזיכט, נאָר ניט אין גייסטיגער; זיי האָבען זיך טאַקע אָבגעזאָגט פֿון דוד'ס דינאַסטיע, אָבער די הויפּט-שטאָדט פֿון דער לעצטער, ירושלים, איז אָפֿיציעל נאָך געבליבען דער אָפֿיציעלער צענטער פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק, ווארום דאָרט האָט זיך געפֿונען דער בית-המקדש, וואָס איז הייליג געווען פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק. און ירבעם האָט מורא געהאַט, אז א סך פֿון זיינע אונטערטאַנען, אז זיי וועלען געהן עולה לרגל זיין קיין ירושלים, וועלען זיי ווידער אַריבערגעהן אויף'ן צד פֿון געזעצליכען קרוין-יורש. דעריבער האָט ירבעם בעשלאָסען אינגאַנצען אָבצוציהען זיין פֿאָלק פֿון דעם הייליגטום אין יהודה. ער האָט גוט געוואוסט, אז די עשׂרת-השבטים זענען שוין פֿון לאַנג אָן ניט צופֿרידען דערמיט, וואָס דער בית-המקדש געפֿינט זיך אין דער הויפּט-שטאָדט פֿון יהודה, און ניט אין דער נחלה פֿון די צענטראַלע אָדער צפֿונ'דיגע שבטים; צווייטענס, האָט דאָס פֿאָלק נאָך ניט געקאָנט אָבגעוועהנען זיך פֿון די אַלטע שבטים- און אָרטליכע קולטען, וואָס צו זיי האָט זיך דער גרעסטער טייל פֿון פֿאָלק צוגעוועהנט אין דער צייט פֿון די שופֿטים. דער מענש פֿון המון האָט געוואָלט האָבען זיין רעליגיעזען הייליגטום נאָהענט ביי זיך, אויף'ן נאָהענטסטען בערגיל אָדער אין נאָהענטסטען וועלדיל; חוץ דעם, האָט ער ליעב געהאַט צו דינען צו א גאָט, וואָס זאָל זיין פֿאָרגעשטעלט אין וואָסער עס איז זיכט-באַרער געשטאַלט.

די דאָזיגע שטימונג פֿונם גרעסטען טייל פֿון פֿאָלק האָט ירבעם אויסגענוצט צוליעב דער רעליגיעז-פּאָליטישער איבערקעהרעניש, וואָס ער האָט פֿער-טראַכט. ער האָט דערקלערט, אז דאָס פֿאָלק דאַרף מעהר ניט געהן עולה רגל זיין קיין ירושלים. אנשטאָט ירושלים האָט ער דערקלערט פֿאַר הייליג צוויי שטעדט אין קעניגרייך ישׂראל: בית-אל אויף דער דרום-גרעניץ און דן אויף דער צפֿון-גרעניץ. בית-אל (וואָס טייטש „גאָטס הויז") האָט שוין פֿון כמה דורות געהאַט זיין אָרטליכען קולט, ווארום דאָרט איז געשטאַנען — מסתמא נעבען מזבח — א הייליגער שטיין (מצבה), וואָס אין פֿאָלקס-זכרון איז ער געווען פֿערבונדען מיט'ן נאָמען פֿון יעקב אבינו (§ 15). און דן איז נאָך אין דער צייט

פֿון די שופֿטים געווען אַ האַלב-היידנישער טעמפּעל מיט אַן אָראַקעל פֿון יאַהווע (אפֿוד). ירבֿעם האָט אויסגעבויט אַ גרויסען טעמפּעל אין בית-אל און אַ קלע-נערן אין דן, האָט אַוועקגעשטעלט דאָרט צוויי בילדער פֿון יאַהווע אין דער געשטאַלט פֿון גאָלדענע קעלבער און האָט בעפֿוילען דעם פֿאָלק זיי צו דינען. ירבֿעם האָט אויסגעקליבען די פֿיגור פֿון אַן אָקס אָדער אַ קאַלב, אַפּנים, דער-פֿאַר, וואָס ער האָט זיך געפֿונען אונטער דער ווירקונג פֿונ'ם אַפּיס-קולט, וואָס ער האָט געזעהן בשעת ער איז געווען אין עגיפּטען. דער פּשוט'ער המון-עם האָט אָבער געזעהן אין די דאָזיגע רעפֿאָרמען ירבֿעמ'ס ניט קיין נייע זאַך און ניט קיין איבערגענומענע פֿון פֿרעמדע, נאָר, אַדרבה, אַ צוריקקעהר צום אַלטען גאָטעסדינסט פֿון ישראל, וואָס האָט דערלויבט אַלערליי אָבבילדונגען און איז ניט געווען כנגד די אָרטליכע קולטען. אַ גרויסער טייל פֿון פֿאָלק האָט מיט גרויס חשק בעזוכט די נייע טעמפּלען. אַזוי ווי די לויים, דער אַלטער גייסט-ליכער שטאַנד, האָבען ניט געוואָלט דינען אין די דאָזיגע טעמפּלען, האָט ירבֿעם בעשטימט פֿאַר כהנים פּשוט'ע ישראלים. אָפֿטמאָלס אין די גרויסע ימים-טובֿים, פֿלעגט ער אַליין פֿערטרעטען די שטעל פֿון אַ כהן ביים מזבח אין בית-אל. חוץ דעם, האָט ער דערלויבט בויען מזבחות אומעטום אויף בערגלעך (במות), ווי מ'האָט דאָס געטאָן אַמאָל אין די צייטען פֿון די שופֿטים. אַזוי האָבען אָנגעהויבען צו פֿערשפּרייטען זיך אין דער מלוכה פֿון די עשרת-השבֿטים היידנישע מנהגים. אַ סך לויים און אַנדערע פֿרומע לייט האָבען מחמת דעם פֿערלאָזט די דאָזיגע מלוכה און זענען אַוועק קיין יהודה און ירושלים, און זענען געוואָרען רחבֿעמ'ס אונטערטאַנען.

רחבֿעם און זיינע יורשים.

§ 80. רחבֿעם, וואָס האָט געקעניגט אין ירושלים, האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט רוהיג צוזעהן, וואָס די עשרת-השבֿטים האָבען זיך אָבגעטיילט פֿון דוד'ס דינאַסטיע. ער האָט געפֿיהרט אָפֿטע קריג מיט ירבֿעמען, נאָר צוריק איינעמען די פֿערלאָרענע פּראָווינצען האָט ער ניט געקאָנט. אַזוי ווי ער איז געווען פֿון פֿערשיידענע זייטען אַרומגערינגעלט מיט פֿיינדליכע שכנים, האָט ער מעהר פֿון אַלץ געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די פֿערטיידיגונגס-מיטלען פֿון דער מלוכה זאָלען פֿערשטאַרקט ווערען. ער האָט אַ סך שטעדט פֿון יהודה אומגעבויט אַלס פֿעסטונגען, בכדי צו פֿערטיידיגען דאָס לאַנד קעגען אָנפֿאַלען פֿון פֿיינד. נאָר די דאָזיגע פֿעסטונגען האָבען ניט געקאָנט פֿערטיידיגען יהודה קעגען דער מאַכט פֿון מצרים, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף איהר.

אין פֿינפֿטען יאָהר פֿון רחבֿעמ'ס קעניגען (972) האָט דער עגיפּטישער קעניג שישק אונטערגענומען אַ קריג קעגען סיריען און פּאַלעסטינע. דער עגיפּטישער חיל איז אַריינגעדרונגען פֿון דרום-זייט; האָט גלייך איינגענומען אַ סך שטעדט פֿון יהודה און איז אַריינגעטראָטען אין ירושלים. דער עגיפּטישער קעניג האָט ניט געהאַט בדעה איינצונעהמען יהודה, אָדער מאַכען זי פֿאַר אַן אָבהענגיגער מלוכה, און דעריבער האָט ער זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט צוגענומען אַ סך טייערע חפֿצים פֿון בית-המקדש און פֿון קעניגליכען פּאַלאַץ, וואָס רחבֿעם האָט זיי איהם געגעבען אַלס אויסקויף. מיט דעם דאָזיגען רייכען רויב איז דער

עגיפּטישער חיל אַוועק ווײַטער קײן צפון און האָט אײַנגענומען אויך אַ סך שטעדט אין קעניגרײַך ישראל.

אַז שישק האָט זיך אומגעקערט צוריק אין מצרים, האָט ער געהײסן אויסשניצן אויף דער וואַנט פֿון זײַן פּאַלאַץ אין טעבען די אָבבילדונג אין די בעשרײַבונג פֿון דעם דאָזיגן קריג. צווישן די חורבות פֿונם גרויסן קאַרנאַקער טעמפּעל אין דער אַלטער הויפּט-שטאָט פֿון די פּרעהס זענען נאָך ביז הײַנטיגן טאָג געבליבן אויף אַ וואַנט בילדער, וואָס שילדערן פֿערשידענע מאָמענטן פֿון שישקס קריגס-צוג, און אַ היעראָגליפֿישע רשימה פֿון די שטעדט, וואָס ער האָט אײַנגענומען. דערפֿון, וואָס אין דער דאָזיגער רשימה זענען פֿאַראַן ניט בלויז שטעדט פֿון יהודה, נאָר אויך פֿון ישראל, מוז מען אָננעהמען, אַז דער אָנפֿאַל פֿון די עגיפּטער איז ניט געוואָרען אַרויסגערופֿען דורך אַ פּאָליטישען בונד, צווישען שישק און ירבֿעמן. דאָס איז מער ניט געווען אַ געוועהנליכער רויבערישער אָנפֿאַל, וואָס איז געוואָרען אונטערנומען מיט דעם מיין בערימטע צו מאַכען זײַן קריגס-מאַכט און צונויפֿצוקלײַבען אַ סך רויב.

דער עגיפּטישער אָנפֿאַל האָט, ווי עס ווײַזט אויס, אויף אַ צײַט אָבגעשוואַכט די קרעפֿטען פֿון בײדע מלוכות — הן פֿון יהודה, הן פֿון ישראל. נאָר אַז זיי האָבען זיך אָבגעכאַפּט נאָך דער מפּלה, האָבען זיי ווידער אַמאָל אָנגעהויבען פֿיהרען קריג אײנע מיט דער אַנדערער. אין משך פֿון די לעצטע צוועלף יאָהר, וואָס רחבֿעם האָט נאָך געקעניגט, און אין די דרײַ יאָהר, וואָס זײַן זוהן אבֿים (960—957) האָט געקעניגט, האָבען די קריג צווישען די בני-אפֿרים און די בני-יהודה כמעט ניט אויפֿגעהערט. סיהאָב פֿלעגט דאָס זײַן קלײנע געשלעגערײַען נעבען די גרעניצען. מעהר ניט אײן מאָל איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט. דער ספֿר „דבֿרי הימים“ דערצעהלט, אַז אַ גרויסער חיל פֿון יהודה, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון קעניג אבֿים, האָט אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון איבער דעם חיל פֿון ירבֿעם, ניט ווײַט פֿון באַרג צמרים, אין דער נחלה פֿון אפֿריםֿ. די בני-יהודה האָבען אָבגענומען בײַ די בני-ישראל עטליכע שטעדט, צווישען זיי אויך די הייליגע שטאָדט בית-אל, וואָס איז אָבער אין אַ קורצער צײַט אַרום צוריק איבערגעגאַנגען צום קעניגרײַך ישראל. דער נצחון פֿון די בני-יהודה קאָן דערקלערט ווערען אפֿשר דערמיט, וואָס זיי האָבען געשלאָסען יעמאָלט אַ בונד מיט די אַרמים פֿון קעניגרײַך דמשק. אַזוי ווי די אַרמים האָבען געוואוינט נעבען דער צפֿון- און מזרח-גרעניץ פֿון קעניגרײַך ישראל, האָבען זיי געמאַכט אָהן אָפּט אָנפֿאַלען, און די דאָזיגע אָנפֿאַלען זענען געווען זעהר גינסטיג פֿאַר יהודה, ווײַל זיי האָבען אָבגעצויגען די קרעפֿטען פֿון די עשרת השבֿטים פֿון דרום קײן צפֿון.

דער תנ״ך שרײַבט, אַז סײַ רחבֿעם און סײַ אבֿים זענען ניט געווען גענוג גאָטספֿאָרכטיג. זיי האָבען געירשענט פֿון שלמהן אַלע זײַנע חסרונות, יניט האָבענדיג זײַנע מעלות. בײדע האָבען זיי געהאַט גרויסע האַרעמס, וואו עס האָבען זיך געפֿונען אויך געצענדינערינס און האָבען ניט פֿערבאָטען די פֿערשפּרײטונג פֿון די הײדנישע קולטען אין לאַנד. נאָר אבֿימס יורש, אסא, וואָס האָט געקעניגט זעהר לאַנג (957—918), איז געווען געטרײַ דער אמונה: ער האָט אויסגעראָט די פֿרעמדלענדישע קולטען און האָט ווידער אײַנגעשטעלט אין דער מלוכה דעם נאַציאָנאַלען קולט פֿון יאַהווע.

הינאַסטישע מהומות אין קעניגרײַך ישראל.

§ 31. ירבֿעם, דער קעניג פֿון די עשרת השבֿטים, האָט איבערגעלעבט די

בײדע ערשטע מלכים פון יהודה. ער איז געשטארבען, נאכדעם ווי ער האט געקעניגט 22 יאהר (955). אויפן טראן איז ארויף זיין זוהן נדב. אין זיינע צייטען האבען זיך אנגעהויבען דינאסטישע מהומות, וואס האבען געדויערט כמעט א פערטיל יאהרהונדערט ניט אזוי ווי אין יהודה, וואו דודס דינאסטיע האט זיך איינגעפעסטיגט איין מאל פאר אלע מאל, האט די מלוכה פון ישראל נאך ניט געהאט קיין פעסטאיינגעשטעלטע דינאסטיע. ירבעם איז געווארען א קעניג א דאנק זיינע פערזענליכע פערדיענסטען; נאר ביי זיין יורש, וואס האט ניט געהאט אזעלכע פערדיענסטען, האבען חשובע לייט, און בפרט די אנפיהרער פונ'ם חיל, געוואלט אבנעהמען די קרוין. די צייט איז געווען אנ'אונרוהיגע. די נייע מלוכה האט געמוזט פיהרען א קאמפף פאר איהר עקסיסטענץ מיט די פיינדליכע שכנים. אין אזעלכע פאלען פיהרט די אונבעזיכערטקייט פון דער קעניגליכער דינאסטיע נאטירליכערהייד צו א מיליטערישער דיקטאטור, דערצו, אז דעם טראן זאלען ארייגכאפען אמאל איינער און אמאל דער אנדערער פון די קריגס-הויפטלייט. אזוי איז אויך געווען אין קעניגרייך ישראל. בשעת נדב מיט זיין חיל האט בעלעגערט די פלשתישע שטאדט גבתון, האט איינער פון די הויפט-לייט, בעשא פון שבט יששכר, געמאכט א פערשווערונג קעגען קעניג, האט איהם געטויט און דערנאך אומגעבראכט אלע מיטגלידער פון ירבעם'ס פאמיליע. בעשא האט זיך דערקלערט פאר א קעניג איבער די עשרת השבטים (954) און האט געמאכט פאר זיין הויפט-שטאדט די שטאדט תרצה, אין צפון-זייט פון דער נחלה פון אפרים.

בעשא האט געקעניגט 24 יאהר און אין אלצדינג האט ער זיך געהאלטען פאר ירבעם'ס פאליטיק. ער האט ווידער אנגעהויבען פיהרען קריג מיט יהודה, וואו יעמאלט האט געקעניגט אסא. ער האט געשלאסען א בונד מיט די ארמים און האט אבגעמאכט מיט זיי, אז זיי זאלען ניט בעאונרוהיגען איהם אין צפון-זייט, און דערנאך האט ער געווענדט אלע זיינע קריגס-קרעפטען אין דרום-זייט, קעגען יהודה. ער האט איינגענומען די שטאדט פון די בני-בנימין רמה, ניט ווייט פון ירושלים, האט זי ארומגערינגעלט מיט שטארקע מויערן און האט אויף אזא אופן פערשטעלט די בני-יהודה דעם האנדעלסוועג קיין צפון, וואס איז געגאנגען דורך דער דאזיגער שטאדט. אז דער קעניג אסא האט דער-זעהן זיך אזוי פערצאמט, האט ער גענומען א סך גאלד און זילבער פון די אוצרות פון בית-המקדש, אבגעשיקט עס פאר א מתנה דעם ארמישען קעניג בן-הדד, וואס האט געוואוינט אין דמשק, און האט געהייסען איהם זאגען: „זאל זיין א בונד צווישען מיר און דיר, ווי עס איז געווען צווישען מיין פאטער

און דיין פֿאָטער. צערייס דיין בונד מיט בעשא — און זאָל ער אַוועקגיין פֿון מיר!" דער אַרמישער קעניג האָט זיך געלאָזט איבעררעדען דורך די רייכע מתנות און איז אַריבער אויף׳ן צד פֿון די בני־יהודה. ער האָט זיך אַריינגעריסען אין די גרעניץ־לענדער פֿון די בני־ישׂראל, אין די נחלאות פֿון דן און נפֿתלי; און האָט פֿערוויסט דאָרט עטליכע שטעדט. יעמאָלט האָט בעשא געמוזט אָבטרעטען פֿון רמה, בכדי צו פֿערטיידיגען די צפֿונדיגע פּראָווינצען פֿון זיין מלוכה. אָסא איז ווידער געקומען צו זיך. ער האָט בעפֿוילען איינצוברעכען די מויערן, וואָס בעשא האָט אויסגעבויט אַרום רמה. פֿון די שטיינער און געהילץ פֿון די איינגעבראָכענע מויערן, האָט ער אויסגעבויט פֿעסטונגען אין צוויי גרעניץ־שטעדט פֿון זיין מלוכה — אין מצפה און אין גבעה.

דער ספֿר „דברי הימים" דערצעהלט, אַז אָסא האָט אויך פֿערטריבען די ליביער און עטיאָפּיער (לובים וכושים), וואָס האָבען געמאַכט אַן אָנפֿאַל אויף יהודה פֿון דער מדבר אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון זרח. (ס׳איז פֿאַראַן אַ יסוד אָנצונעהמען, אַז דער דאָזיגער זרח איז דאָס דער אייגענער, וואָס דער עגיפּטישער פּרעה אָזאָרקאָן פֿון דער ליבישער דינאַסטיע, איינער פֿון שישק׳ס יורשים).

אין דער צייט, ווען די קליינע מלוכה פֿון יהודה איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען און האָט זיך בערוהיגט, האָט די גרויסע צפֿונדיגע מלוכה איבערגעלעבט נייע מהומות. בעשא׳ס זוהן און יורש, א ל ה, איז געווען אַן אומטויגליכער רעגירער. ער האָט ווינציג געטראַכט וועגען די בעדערפֿענישען פֿון דער מלוכה, נאָר ער האָט פֿערבראַכט אַלע זיינע טעג אין נאַרנישע טון און שיכורן אינאיינעם מיט זיינע הויפֿ־לייט. אין צווייטען יאָהר פֿון זיין קיניגען האָט מען קעגען אים געמאַכט אַ פֿערשווערונג. ז מ ר י, דער הויפּט־מאַן איבער די קריגס־וועגען, האָט געטויט אלה׳ן, בשעת יענער איז געלעגען שיכור אין זיין פּאַלאַץ, און איז אַליין געוואָרען קעניג (930). אין יענער צייט האָט דער חיל פֿון די בני־ישׂראל ווידער בעלעגערט די פּלשתישע שטאָדט גבתון אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון ע מ ר י. אַז אין חיל האָט מען זיך דערוואוסט וועגען דער הויף־רעוואָלוציע אין דער הויפּט־שטאָדט, האָט דער חיל געמאַכט פֿאַר אַ קעניג דעם קריגס־פֿיהרער עמרי, איז אָבגעטראָטען פֿון גבתון און געלאָזט זיך געהן קיין תרצה, וואו דער קרוין־רויבער זמרי האָט זיך געהאַט איינגעשלאָסען. עמרי׳ס קריגס־לייט האָבען איינגענומען תרצה דורך אַ שטורם. אַז זמרי האָט דערזעהן, אַז אַלץ איז פֿערפֿאַלען, האָט ער אונטערגעצונדען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און איז אַליין אומגעקומען אין פֿייער.

נאָר די מהומות האָבען זיך דערמיט נאָך ניט געענדיגט. אַ גרויסער טייל פֿון פֿאָלק איז ניט צופֿרידען געווען מיט דער וואַהל, וואָס דער חיל האָט געמאַכט, און האָט ניט געוואָלט אָנערקענען עמרי פֿאַר אַ קעניג. די דאָזיגע פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פֿון ת ב נ י ב ן ג נ ת. אַ יאָהר צוויי האָט געדויערט דער קאַמפּף פֿון די ביידע פּאַרטייען. עמרי׳ס פּאַרטיי האָט געזיגט. עמרי איז אַרויף אויף׳ן טראָן (928), האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אַנאַרכיע און האָט געגרינדעט אַ דינאַסטיע, וואָס איהר איז געווען בעשערט צו עפֿענען אַ נייע ערא אין דער געשיכטע פֿון קעניגרייך ישׂראל.

מקורים: ספֿר מלכים א׳, קאַפּ. י״ב–ט״ז; דברי־הימים־ב׳, קאַפּ. י׳ ט״ז; קדמוניות היהודים ספֿר ח׳, קאַפּ. ד׳–ח׳.

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

צווייטער טייל.

די עלטסטע געשיכטע (ב).

פון דער צייט פון די מלוכות שומרון און יהודה ביז'ן אונטערגאַנג
פון מלכות יהודה.

ווילנע, תר"ף—1920.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס, 13.

אינהאלט פון צווייטען טייל.

די עלטסטע געשיכטע (ב).

די אידען צווישען די קולטורפעלקער פון מזרח.

פערטע אבטיילונג.

די צייט פון די צוויי מלוכות שומרון און יהודה.

זייט

אַלגעמיינער איבערבליק 5

דאָס הויז עמרי אין שומרון און דער בונד צווישען ביידע מלוכות (קאַפּיט. I) 8

דאָס הויז יהוא אין שומרון און דער אָנהויב פון דער שריפטליכער נבואה (קאַפּיט. II) 0

די קולטור און דאָס גייסטיגע לעבען פון די אידען (קאַפּיט. III) . . 42

דער אָנפאַל פון אשור און דער אונטערגאַנג פון קעניגרייך ישראל (קאַפּיט. IV) . . 60

פינפטע אָבטיילונג.

דאָס אידישע פאָלק אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון אשור און בבל.

אַלגעמיינער איבערבליק 75

דאָס קעניגרייך יהודה אונטער דער איבערהערשאַפט פון אשור (קאַפּ. I) 79

דער קאַמף מיט בבל און דער אונטערגאַנג פון קעניגרייך יהודה (קאַפּיט. II) 103

דרוקפעהלער
צום צווייטען טייל.

זייט	שורה		געדרוקט:	דאַרף זיין:
20	10	פון אונטן	וואַנער	וואַנען
37	2	„	צענטראַליזאַציע	דעצענטראַליזאַציע
41	13	פון אויבן	דאָזיגען	זינדיגען
61	זענען אומגעשטעלט די שורות 1—13 פון אונטן. לייענען באַדאַרף מען אין פאָלגענדען סדר: 6—10 שורה, 11, 1—5, 12, 13.			

פֿיערטע אָבטיילונג.

די צייט פֿון די צוויי מלוכות: שומרון און יהודה (928—720).

אַלגעמיינער איבערבליק

§ 32. דער דורות־לאַנגער שטרייט צווישען די שבֿטים פֿון ישראל און דערנאָך דער קאַמפּף פֿאַר דער אויבערהערשאַפֿט צווישען צפֿון און דרום, צווישען אפֿרים און יהודה — האָבען געפֿיהרט דערצו, אַז אין דער עלטסטער געשיכטע האָט זיך דער נאַציאָנאַלער צענטער כּסדר רעגעלמעסיג געביטען. אין דער „העראָאישער צייט" האָט פֿערנומען דעם ערשטען אָרט צווישען די שבֿטים דאָס „הויז יוסף" („בית־יוסף"), דאָס הייסט די צענטראַלע שבֿטים אפֿרים און מנשה. אַז עס האָט זיך איינגעשטעלט די קעניגליכע מאַכט, געהט די אויבערהערשאַפֿט אַריבער צוערשט צום שבֿט בנימין, און דערנאָך צו יהודה, וואָס גיט דעם פֿעראייניגטען פֿאָלק זיין דינאַסטיע, זיין הויפּט־שטאָדט און זיין בית־המקדש. דער שווער־פּונקט פֿון פּאָליטישען און רעליגיעזען לעבען ווערט צייטווייליג אַריבערגעטראָגען קיין דרום. אַלס פּועל־יוצא דערפֿון איז געקומען דער „ניט־שטאַנדהאַפֿטיגער גלייכגעוויכט". דאָס, וואָס די פּאָליטישע מאַכט האָט זיך צופֿיעל אָבגערוקט אויף איין זייט, רופֿט אַרויס, נאָך שלמה'ס צייט, אַ צעשפּאַלטונג, וואָס ענדיגט זיך מיט דער צעטיילונג פֿון דער מלוכה. דער דורות־לאַנגער שטרייט וועגען דער אויבערהערשאַפֿט צווישען אפֿרים און יהודה ווערט געלעזט ואויף אַזאַ אופֿן, אַז נאָך אַ הונדערטיאָהריגער פֿעראייניגונג, טיילען זיך די צדדים פֿונאַנדער: די שבֿטים פֿון צענטער, צפֿון־זייט און עבֿר־הירדן בילדען אַ באַזונדערן פּאָליטישען צענטער אין דער נחלה פֿון אפֿרים. לכתחלה, אין משך פֿון אַ האַלבען יאָהרהונדערט (977—928), ציהט זיך נאָך דער קאַמפּף צווישען די ביידע טיילען פֿון דער מלוכה, און דערביי האָט יהודה שטענדיג די אויבערהאַנד איבער אפֿרים, וואָס ליידט פֿון דינאַסטישע מהומות; נאָר שפּעטער הערט אויף די אַנאַרכיע אין צפֿון, די צעשפּאַלטונג ווערט אַ געזעצליכע זאַך — און ביידע מלוכות ווערען גלייכבערעכטיגט. דער דאָזיגער מאָמענט הויבט זיך אָן פֿונ'ם קעניג עמרי, וואָס האָט געגרינדעט שומרון און די נייע דינאַסטיע פֿון ישראל.

דאָ גיט זיך די ראָד פֿון דער געשיכטע ווידער אַ דרעה: די בכורה געהט ווידער אַריבער, לויט דעם אָנגעוויזענעם געזעץ פֿון היסטאָרישען סדר, צו אֶפֿרים, הגם אין אַנאַנדער פֿאָרם, ווי אין דער העראָאישער צייט. די מלוכה פֿון ישׂראל, וואָס ווערט פֿון איצט אָן גערופֿען אויך „שמרון", האָט זיך בערוהיגט און געשטאַרקט פֿאַר די ערשטע מלכים פֿון עמרי׳ס הויז און הויבט אָן שפּיעלען אין כנען אַ וויכטיגערע ראָל, איידער די מלוכה פֿון יהודה. אַזוי ווי די מלוכה פֿון ישׂראל איז געווען גרעסער פֿאַר דער מלוכה פֿון יהודה און האָט זיך געגרעניצט מיט די הויפּטליכע מלוכות פֿון פֿאָדעראַזיען — אַרם, אַסיריען (אַשור) און פֿעניציען, דעריבער האָט די ערשטע גענומען אַ גרעסערן אָנטייל אין די געשעהענישען פֿון דער דענסטמאָלדיגער וועלט-געשיכטע, איידער די לעצטע. דאָס הויז עמרי איז דעמאָלט געווען מעהר בעוואוסט אין אַזיען, ווי דאָס הויז דוד; שמרון האָט אַריבערגעשײַנט ירושלים. עמרי׳ס יורש, אַחאָב, שפּיעלט די אייגענע ראָל אין אֶפֿרים, וואָס שלמה המלך אין יהודה. יהושפֿט, דער קעניג פֿון יהודה, פֿעראייניגט זיך מיט אַחאָב׳ן, כדי צו העלפֿען איהם אין זיין קריג קעגען אַרם. אַ דאַנק אַחאָב׳ס פֿרוי, די פֿעניציערין איזבל, דרינגט אַריין די פֿעניצישע קולטור אין שמרון. אין רעליגיעזען זין איז די פֿעניצישע קולטור שעדליך, דערפֿאַר אָבער אין עקאָנאָמישען און סאָציאַלען זין איז זי נוצליך.

אין קעניגרייך ישׂראל איז צו בעמערקען אַ רייכקייט און פֿערשיידענאַרטיגקייט פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען, פֿערקעהרט, אין קעניגרייך יהודה הערשט אַ קאָנסערוואַטיווע איינפֿאָרמיגקייט. אין ערשטען — בעוועגונג, שאַפֿונג פֿון נייע לעבענס-פֿאָרמען, אין צווייטען — שטילשטאַנד און אונבעוועגליכקייט פֿון די אַלטע פֿאָרמען. אין קעניגרייך ישׂראל בעווייזען זיך די גרויסע נביאים אליהו און אלישע, וואָס זייער טעטיגקייט איז געווענדט קעגען די שעדליכע פּעולות פֿון דעם פֿרעמדלענדישען איינפֿלוס.

נאָר דאָס קעניגרייך ישׂראל האָט געהאַט אויך זיינע אָרגאַנישע פֿעהלער, וואָס האָבען שפּעטער געפֿיהרט צו זיין אונטערגאַנג. מחמת די אונאויפֿהערליכע מלחמות מיט די שכנים, בפֿרט מיט די אַרמים, איז דעם פֿאָלקס וואוילשטאַנד שטאַרק געשעדיגט געוואָרען, און די עקזיסטענץ פֿון דער דינאַסטיע איז שטענדיג געשטאַנען אין סכנה. מחמת דעם, וואָס מ׳האָט בעדאַרפֿט שטענדיג זיך פֿערטיידיגען קעגען מלחמות, פֿלעגט די פֿערוואַלטונג איבערגעהן אין די הענד פֿון די קריגס-לייט, און יענע האָבען געקאָנט אויסנוצען זייער מאַכט צוליעב זייערע פּערזענליכע צוועקען און אַריינכאַפּען דעם קעניגליכען טראָן. אויף אַזאַ אופֿן איז געקומען צו דער מאַכט עמרי׳ס דינאַסטיע, און אויף דעם זעלביגען אופֿן איז זי אונטערגעגאַנגען. דער קריגס-פֿיהרער יהוא, וואָס איז געוואָרען אונטערשטיצט פֿון דער פּאַרטיי פֿון די נביאים און פֿון די רעליגיעזע קנאים, האָט פֿערטיליגט עמרי׳ס פֿאַמיליע און האָט געגרינדעט זיין אייגענע דינאַסטיע (בערך

אין יאהר 886). פאר דעם פירטען קעניג פון יהוא'ס דינאסטיע, ירבעם II, דערגרייכט דאס קעניגרייך ישראל זיין העכסטע בליהונגס-מדרגה.

נאר דאס איז געווען דער לעצטער אויפפלאקערן פון די כחות אין לאנד, וואָרום אין דער זעלביגער צייט ווערט שוין צייטיג די קראפט, וואס האט געדארפט ערנידעריגען ישראל און צולעצט אידם פערניכטען. אויף דער געשיכטליכער סצענע טרעט ארויס די מעכטיגע אסיריען (אשור). די דאזיגע גרויסע מלוכה, וואס שטרעבט איינצושלינגען און צו פערניכטען די ארומיגע נאציעס, כאפט אריין אויך שמרון אין איהר נעץ. נאך ירבעם II, הויבט זיך אן אין קעניגרייך ישראל א צייט פון מהומות. די אפטע און איבערגעוואלדיגע בייטען פון די דינאסטיעס, דער קלאסען-קאמפף און די מחלוקות צווישען די פאליטישע און רעליגיעזע פארטייען שעפען אויס די קרעפטען פון דער מלוכה אינעווייניג, און די אייזערנע קלעפ מצד אסיריען פערענדיגען דעם חורבן פון אויסווייניג. עס שטעהען אויף דעמאלט נייע בעגייסטערטע נביאים, וואס האבען פעראייביגט זייער טעטיגקייט אין זייערע כתבים (עמוס, הושע און אנדערע), און בעמיהען זיך צו בעווייזען דעם פאלק, אז דער אויסווייניגסטער חורבן איז א פועל-יוצא פונ'ם אינעווייניגסטען. זיי שטרעבען אויסצוליימערן דעם קולט פון יאהווע און פערשטארקען דעם מאראלישען עלעמענט אין דער רעליגיע; זיי פרובען צו פערברייטערן דעם גייסטיגען האריזאנט פון פאלק און אויפלעבען די מלוכה אויף נייע יסודות,—נאר עס איז שוין צו שפעט. נאך א לאנגען קאמפף, פאלט דאס קעניגרייך ישראל אונטער אשור'ס מעכטיגע קלעפ און פערשווינדט פון דער געשיכטליכער ארענע (720).

דער שטורם האט אבגעבראכען די צווייגען פונ'ם אידישען בוים, האט אבגעריסען און פונאנדערגעשליידערט אויף אלע קאנטען די בלעטער, נאר דער שטאם איז נאך געבליבען. דאס קעניגרייך יהודה, הגם עס איז געווען קלענער פאר'ן קעניגרייך ישראל בנוגע צום פאליטישען לעבען, פונדעסטוועגען האט עס געהאט אין פערגלייך מיט אידם צוויי מעלות: דאס, וואס די דינאסטיע איז געווען א שטענדיגע (דוד'ס הויז), און דאס, וואס עס האט ניט געהאט קיין שטארקע קריגערישע שכנים (די פלשתישע פעדעראציע האט שוין לאנג געהאט אנגעוואהרען איהר פאליטישע בעדייטונג). די דאזיגע צוויי בעזונדערהייטען האבען געמאכט איינפארמיג דאס לעבען פון די בני-יהודה אין דער צייט, וואס מיר בעשרייבען, נאר דערפאר האט דאס פאלק געלעבט לפי ערך רוהיג—מיט'ן הויז עמרי האבען די מלכים פון יהודה געלעבט בשלום, און א געוויסע צייט האבען זיי זיך אפילו מתחתן געווען צווישען זיך. די פעניציִשע מנהגים זענען אריינגעדרונגען אויך אין יהודה; נאר אזוי ווי זיי פלעגען אנקומען אהין שוין דורך א דריטער האנד, דורך שמרון, האבען זיי ניט געקאנט אזוי שטארק פערשפרייטען זיך, ווי אין דער צפונדיגער מלוכה. די איבערקעהרעניש, וואס איבער איהר איז אומגעקומען עמרי'ס דינאסטיע, אין שמרון, האט זיך אויך אבגערופען אויפ'ן

קעניגרייך יהודה; אַחאָבֿ'ס שוועסטער, עתליה, דעם קעניג אחזיהו'ס מוטער, וואָס איז געוואָרען רעזידענטין, בשעת דער פּרינץ יואָש. דער צוקונפֿטיגער קעניג איז געווען נאָך יונג, — איז געוואָרען דערהרגעט; יעמאָלט איז געוואָרען צוריסען דער בונד צווישען ביידע מלוכות. פֿאַר דער צייט פֿון יהוא'ס דינאַסטיע פֿלעגען אַמאָל פֿאָרקומען סכסוכים צווישען זיי, נאָר ניט אויף לאַנג. פֿלעגט דער פּאָליטישער גלייכגעוויכט געשטערט ווערען. די אַסירישע אָנפֿאַלען, וואָס האָבען חרוב געמאַכט די צפֿונדיגע מלוכה, האָבען אין דרומ'דיגען מעהר ניט אַרויסגערופֿען אינעווייניגסטע מהומות. צום סוף פֿון דער עפּאָכע דרינגט אַריין די קולטורעלע ווירקונג פֿון אַשור אויך קיין יהודה און פֿערכאַפּט די רייכע קלאַסען פֿון פֿאָלק און איינעם פֿון די מלכים (אָחז). נאָר אין ירושלים איז מען געווען מעהר צוגעגרייט צום קאַמפּף קעגען די פֿרעמדלענדישע גייסטיגע שטרעבונגען, איידער אין שמרון. דאָ שטעהט אין איין שורה מיט'ן קעניג דער נביא, וואָס איז צו גלייכער צייט אי אַ בעגייסטערטער רעליגיעזער דרשן, אי אַן ענערגישער פּאָליטישער טוער (ישעיה). עס ערשיינט אַ רעליגיעזע ליטעראַטור, וואָס איז געגרינדעט אויף מסורות־אָבֿות און וואָס ווערט געהיט און ענטוויקעלט אין די נביאים־שולען אַלס אַ רעליגיעזער חיילינגטום. פֿון די דאָזיגע התחלות פֿון אַן איינענאַרטיגער גייסטיגער קולטור האָבען בעדאַרפֿט מיט דער צייט אַרויסקומען יענע קרעפֿטען, וואָס האָבען אָבגעהיט און וועלען אָבהיטען דעם יתר הפּליטה פֿונ'ם יודענטום צווישען די שטורמען פֿון דער וועלט־געשיכטע.

ערשטער קאַפּיטעל

דאָס הויז עמרי אין שומרון און דער בונד צווישען ביידע מלוכות

(בערך אין די יאָהרען 928—880).

עמרי און די גרינדונג פֿון שמרון. — אַחאָבֿ און איזבל; די פֿרעמדע קולטען. אליהו הנביא. — די מלחמות מיט די אַרמים. — אַחאָבֿ און יהושפט; אַחאָבֿ'ס טויט. — אַחאָבֿ'ס קינדער; די התנגדות פֿון די נביאים. — יהוא'ס איבערקעהרעניש און דער אונטערגאַנג פֿון הויז עמרי. — עתליה און די איבערקעהרעניש אין יהודה.

עמרי און די גרינדונג פֿון שמרון.

§ 83. נאָך דעם קאַמפּף מיט יהודה, וואָס האָט געדויערט אַ האַלבען יאָהרהונדערט, און נאָך אַ לאַנגער אינעווייניגסטער אַנאַרכיע, האָט דאָס קע־

קיניגרייך ישראל זיך איינגעפעסטיגט און בערוהיגט פאר׳ן קעניג עמרי (בערך אין די יאהרען 928—922). עמרי איז געוועזען ניט בלויז א מוטיגער קריגס־פיהרער, נאר אויך א קלוגער פערוואלטער. חוץ דעם, וואס ער האט געגרינדעט א נייע דינאסטיע, האט ער אויך געגרינדעט א נייע הויפט־שטאדט, אנשטאט די פריהערדיגע צייטווייליגע רעזידענץ־שטעדט שכם און תרצה. ניט ווייט פון די דאזיגע ביידע שטעדט, אין דרום־ווייט פונ׳ם געביט פונ׳ם אפרים, האט זיך געפונען א שענער בערגיל, וואס איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט א קייט פון בערג און טאלען און וואס האט אנגעהערט איינעם א רייכען מענשען, שמר. דעם קעניג עמרי איז געפעלען געווארען דער דאזיגער ארט, וואס איז געוועזען בעפעסטיגט שוין פון דער נאטור; ער האט געקויפט דארט א נחלה, אויסגעבויט א קעניגליכען פאלאץ און אנדערע בנינים. אויף אזא אופן איז געגרינדעט געווארען און שפעטער אויסגעוואקסען מדרגתדווייז א שטאדט, וואס האט בעקומען דעם נאמען שמרון (נאך דעם פריהערדיגען בעל־הבית). שמרון איז געווארען די הויפט־שטאדט פון קעניגרייך ישראל און איז עס געבליבען אין משך פון צוויי הונדערט יאהר, ביז די דאזיגע מלוכה איז געפאלען. דער נאמען פון דער הויפט־שטאדט האט זיך אויף אזויפיעל צונויפגעגאסען מיט׳ן נאמען פון דער מלוכה, אז אויך די לעצטע האט זיך אנגערופען שמרון.

דער ערשטער קעניג פון שמרון האט אנגעווענדט זיין גאנצע מיה דערויף, בכדי צו פערפעסטיגען דעם שלום און ארדנונג אין דער מלוכה, וואס די מהומות האבען זי אבגעשוואכט. ער האט ניט געפיהרט קיין מלחמה מיט׳ן קעניגרייך יהודה, ווי די מלכים, וואס זענען געוועזען פאר איהם. ווי עס ווייזט אויס, האט זיך שוין פאר זיינע צייטען איינגעשטעלט צווישען די ביידע מלוכות א פאליטישער בונד, וואס האט זיך געשטעלט דעם ציעל, מיט פעראייניגטע קרעפטען זיך צו פערטיידיגען קעגען די אנפאלען פון אויסווייניגסטע פיינד. דער דאזיגער בונד צווישען די ביידע ברידערליכע פעלקער איז נאך שטארקער געווארען אין די צייטען פון עמרי׳ס נאהענטסטע יורשים. אין דער זעלביגער צייט האט דער קעניג פון שמרון געשלאסען נאך א בונד, וואס האט שטארק געווירקט אויפ׳ן גורל פון קעניגרייך ישראל. עמרי איז אריינגעטראטען אין פריינדשאפטליכע בעציהונגען מיט דער פעניצישער מלוכה און האט אפילו חתונה געמאכט זיין זוהן אחאב׳ן מיט איזבל, דער טאכטער פון פעניצישען קעניג און כהן אתבעל. (אתבעל ווערט אפילו אנגערופען אין תנ״ך דער קעניג פון צידון, נאר צידון בעטייט אפטמאלס פעניציען בכלל). די פעניציער האבען אנגעהויבען זיך בעזעצען פריי אין קעניגרייך ישראל און ענטוויקלען דארט די קולטור; נאר זיי האבען אויך אריינגעבראכט אין לאנד זייער היידנישען קולט און זייערע מיאוסע מדות, וואס האבען געהאט א שעדליכע ווירקונג אויף די בני־ישראל.

נאכדעם ווי עמרי איז געוועזען בעזיכערט אין דער פריינדשאפט פון זיינע נאהענטסטע שכנים — פעניציען און יהודה, האט ער זיך געווענדט קעגען זיינע

פֿיינד אין עבֿר-הירדן. ער איז אַרויס אין מלחמה קעגען מואָב און האָט אָבגענומען ביי זיי אַ סך שטעדט. אַנאַלטע אויפֿשריפֿט אויף דער מצבֿה פֿון מישע מלך מואָבֿ, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אין IX יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס, זאָגט: „עמרי, דער קעניג פֿון ישׂראל, האָט אונטערדריקט מואָבֿ אַ סך טעג... ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד מדבֿה, און (זיין פֿאָלק) האָט דאָרט געוואוינט... אין די טעג פֿון זיין זוהן, פֿערציג יאָהר". ווי עס איז צו זעהן פֿון די וויטערדיגע געשעהענישען, האָבען די בני-מואָבֿ געצאָהלט דעם קעניג פֿון ישׂראל אַ יעהרליכען צינז.

נאָר דאָס פֿאָלק ישׂראל האָט געהאַט נאָך אַ פֿיינד, וואָס איהם האָט עס ניט געקאָנט גובֿר זיין און וואָס האָט אין משך פֿון (אַ סך יאָהרען בעאונרוהיגט שמרון מיט זיינע שטענדיגע אָנפֿאַלען. דאָס איז געווען ארם, וואָס איז בעשטאַנען פֿון עטליכע פֿירשטענטימער, וואָס דעם ערשטען אָרט צווישען זיי האָט פֿערנומען דאָס קעניגרייך דמשק. די קריגערישע ארמים האָבען אָנגעטאָן דער צפֿונ'דיגער מלוכה אַ סך צרות, פּונקט אַזוי ווי אַנומעלט די פּלשתים — די דרומ'דיגע און צענטראַלע געגענדען פֿון כנען. עמרי האָט ניט געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען אַנטקעגען דעם חיל פֿון אַרמישען קעניג, בן-הדד, וואָס האָט געמאַכט אַנאָנפֿאַל אויף זיין לאַנד (§ 81). ער האָט געמוזט שלום מאַכען מיט דמשק אויף האַרבע תנאים. די האַנדעלס-קאַראַוואַנען פֿון די אַרמים האָבען בעקומען דאָס רעכט דורכצוגעהן פֿריי דורכ'ן קעניגרייך ישׂראל; אַפֿילו אין דער הויפּט-שטאָדט גופֿא, אין שמרון, האָט מען די אַרמים אָבגעטראָטען אַ בעזונדערן קוואַרטאַל, וואו זיי האָבען געוואוינט און געהאַנדעלט.

אַחאָבֿ און איזבל; די פֿרעמדע קולטען.

§ 84. אַז עמרי איז געשטאָרבען, איז אין שמרון געוואָרען אַ קעניג אַחאָבֿ (922—901). פֿאַר זיינע צייטען איז די מלוכה פֿון די עשׂרת השבֿטים זעהר גרויס געוואָרען. אַחאָבֿ קאָן אין אַ סך פּרטים צוגעגליכען ווערען צו שלמה המלך. ער האָט זיך ניט אויסגעצייכענט ניט דורך אַ קריגערישען גייסט און ניט דורך אַ שטאַרקען ווילען; ער האָט אָנגעווענדט די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער פֿרידליכער קולטורעלער ענטוויקלונג פֿון דער מלוכה און אויפֿ'ן אויסווייניגסטען גלאַנץ פֿון הויף. נאָכגעמאַכט האָט אַחאָבֿ פֿעניציען, דעם געבאָרען-לאַנד פֿון זיין פֿרוי איזבל. די קעניגין האָט זיך אויסגעצייכענט דורך איהר דעספּאָטישען כאַראַקטער; זי האָט אויך געהאַט די ענערגיע און ווילענס-קראַפֿט, וואָס האָבען געפֿעהלט אַחאָבֿ'ן.

בכלל האָט דאָס קעניגליכע פּאָר געשטרעבט צו פֿערגיכערן די קולטורעלע צוזאַמענגיסונג פֿון די בני-ישׂראל מיט די פֿעניציער. אַ סך פֿעניצישע סוחרים און כהנים האָבען זיך בעזעצט אין ארץ-ישׂראל. גיך האָבען זיך פֿערשפּרייט צווישען די בני-ישׂראל די פֿעניצישע מנהגים: די נטיה צו לוקסוס און צו אַ פֿרעהליכען,

פריצות׳דיגען לעבען, היידנישע פארמען פון גאטעסדיענסט און די רעליגיעזע בעגריפען, וואס זענען דערמיט פערקניפט. דער קעניגליכער הויף האט געדיענט פאר א מוסטער פון דעם דאזיגען ארט לעבען, וואס איז אזוי פרעמד געוועזן דעם פאלקסגייסט. אחאב האט זיך ניט בעגנוגענט מיט זיין פאלאץ אין שמרון, ער האט אויסגעבויט פאר זיך אין טאל יזרעאל נאך א גרויסארטיגען פאלאץ, וואס זיינע ווענט זענען געוועזן בעצירט מיט פיגורען פון העלפאנד־ביין. דער דאזיגער פאלאץ איז געוועזן בעוואוסט ביים פאלק אונטער דעם נאמען „הויז פון העלפאנד־ביין" (בית־השן). די קעניגין איזבל האט געהאט אין איהר סוויטע א סך פעניצישע כהנים. לויט איהר וואונש, האט אחאב אויסגעבויט אין שמרון א טעמפעל לכבוד דעם בעל פון צור (מעלקארט); דארט האט זיך אויך געפונען א הייליגער בוים (אשרה), דער סימבאל פון דער געטין אסטארטע (עשתרת). לויט ווי דער תנ״ך דערצעהלט, האבען אין טעמפעל פון בעל געדיענט 450 כהנים, און ביים מזבח פון אסטארטע — 400. די דאזיגע כהנים האבען געבראכט קרבנות לויט די פעניצישע מנהגים. זייער גאטעסדיענסט פלעגט זיין בעגלייט דורך משונה׳דיגע קערפער־בעוועגונגען, ווילדע געשרייען און טענץ; אנדערע פלעגען, פאר רעליגיעזער התלהבות (פונקט ווי די שפעטערדיגע מוסולמאנישע דערווישען), זיך צעשניידען מיט מעסערן דאס לייב ביז בלוט. א סך בני־ישראל זענען צוגעשטאנען צו דעם דאזיגען גראבען קולט, וואס איז געוועזן אזוי להיפך צו זייער פשוט׳ן און לויטערן נאציאנאלען קולט.

דער תנ״ך זאגט, אז נאר א קליינער מיעוט פון פאלק, כך־הכל 7000 מאן, „האבען ניט געבויגט זייערע קניע פאר׳ן בעל". (שבעת אלפים כל הברכים אשר לא כרעו לבעל.). נאר, ווי עס ווייזט אויס, זענען אזעלכע, וואס זענען געווען איינגאנצען איבערגעגעבען דעם בעל, ווי די פעניציערין איזבל, אויך געווען ווייניג. דער גרעסטער רוב פון פאלק „איז געשפרונגען איבער ביידע שוועלען" (פוסחים על שתי הסעפים), ווי עס האט זיך אויסגעדריקט אליהו הנביא. זיי האבען בעזוכט סיי דעם בעל׳ס, סיי יאהווע׳ס טעמפעל און האבען אפגעהיט ביידע קולטען. לויט די פארשטעלונגען פון דעם דאזיגען רוב, וואס צו איהם האט געהערט אויך אחאב, האט זיך יאהווע נאך אליין גערעכענט פאר׳ן אויבערשטען נאציאנאלען גאט פון ישראל, וואס איהם מוז מען דיענען. הגם אחאב איז געווען איבערגעגעבען דעם געצען־דיענסט, פונדעסטוועגען האט ער זיינע קינדער געגעבען נעמען פון יאהוועס כבוד וועגען: צוויי זיינע זיהן און זיין טאכטער האבען געטראגען די נעמען: אחזיה, יהורם און עתליה (די ענד־זילבע „יה" און די פארזילבע „יהו" זענען פערקירצט פון יהוה). נאר דער ריינער מאנאטעאיזם איז געווען נאך אזוי שוואך ענטוויקעלט ביים אידישען פאלק, אזוי מטושטש זענען נאך געווען די פארשטעלונגען וועגען דער אונבעדינגטער און אלוועלטליכער בעדייטונג פון דער גאטהייט, אז א סך פון יאהוועס פערעהרער האבען געהאלטען פאר מעגליך גלייכצייטיג צו דיענען סיי איהם און

פֿײַ דעם בעל. אַזאַ מין צווייפֿמישונג פֿון צוויי קולטען איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך בײַ די אַלטע פֿעלקער. דערמיט האָט דאָס פֿאָלק בעפֿרידיגט זײַן רעליגיעזע בעדערפֿעניש, און האָט גאָרנית בעמערקט, אַז עס מישט צונויף צוויי רעליגיעזע וועלט־אָנשויאונגען, וואָס זענען סותר איינע די אַנדערע. די רעליגיע פֿלעגט דעמאָלט ערשײַנען געוועהנליך פֿאַר'ן גײַסט פֿונ'ם מאמין אין דער געשטאַלט פֿון אַ צערעמאָניע, און ניט אַלס לעהרע — און, צונויפֿמישענדיג די פֿאָרמען, האָט ער ניט געפֿיהלט, אַז ער מישט צונויף די עצם זאַכען.

נאָר דער מיעוט פֿון פֿאָלק האָט פֿערשטאַנען די גאַנצע פֿאַלשקײַט פֿון דעם דאָזיגען רעליגיעזען דואַליזם. דער דאָזיגער מיעוט האָט אַרויסגעגעבען גאָטספֿאָרכטיגע לײַט, וואָס האָבען אָבגעהיט די אַלטע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און פֿלעגען אָפֿט אַרויסטרעטען מיט צאָרנדיגע רייד קעגען דעם פֿאַלשען און אונזיטליכען געצענדיענסט. דאָס פֿאָלק האָט אָנגערופֿען די דאָזיגע מענער „נביאים פֿון יאַהווע“ (נביאי ה׳), להבדיל פֿון די היידנישע כהנים און מכשפֿים, וואָס מען האָט זיי גערופֿען די נביאים פֿון בעל (נביאי־בעל). די קעניגין איזבל האָט אונטערשטיצט די נביאים פֿון בעל און האָט גערודפֿ'ט די נביאים פֿון יאַהווע. דער תנ"ך זאָגט, אַז זי האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל — אויסצוהרג'ענען אַלע די דאָזיגע נביאים, וואָס האָבען פֿערטיידיגט די אַלטע אמונה פֿון ישראל. אַ סך געטרײַע אָנהענגער פֿון נאַציאָנאַלען קולט זענען אומגעקומען, אַנדערע זענען אַנטלאָפֿען און האָבען זיך בעהאַלטען אין די הייהלען און בערג־שפּאַלטען, וואוהין זייערע אָנהענגער פֿלעגען זיי בעהאַלטענערהייד אונטערטראָגען שפּײַז. אַזוי האָט דער הויז־פֿערוואַלטער פֿון קעניגליכען הויף (אשר על הבית) בעהאַלטען אין אַ הייהל הונדערט נביאים און האָט זיי געבראַכט אַהין ברויט און וואַסער.

די רעאַקציע קעגען דער פֿרעמלענדישער ווירקונג האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס עס האָבען זיך געבילדעט אייגענאַרטיגע סעקטען. איינינגע געטרײַע איבערגעבענע צו יאַהווע (מקנאי קנאת ה׳), וואָס האָבען געהאַלטען די געזעלשאַפֿט פֿאַר לחלוטין פֿערדאָרבען, פֿלעגען זיך פֿון איהר דערווײַטערן, בכדי צו פֿיהרען אַ ריינעם און זיטליכען לעבען. די סעקטע רכבים, וואָס בראש פֿון איהר איז געשטאַנען יונדב בן־רכב, האָבען פֿערוואָרפֿען אינגאַנצען יעדע קולטור, וואָס איז געגרינדעט אויף ערד־אַרבײַט אָדער מלאכות. די רכבים האָבען געוואוינט אין געצעלטען און, אַזוי ווי די אַלטע עברים, האָבען זיי זיך פֿערנומען מיט האָדעווען בהמות. בײַ זיי איז ניט דערלויבט געווען צו טרינקען ווײַן, צו בויען זיך הײַזער אויף וואוינען דאָרט, בעאַרבײַטען אַ פֿעלד אָדער אַ ווײַנגאָרטען. אַנאַנדער גרופּע פֿון קנאים, וואָס האָבען זיך אָנגערופֿען נזירים (אָבגעשיידטע), האָט געפֿיהרט אַנ'אַסקעטישען לעבען אין די שטעדט און דערפֿער. די נזירים פֿלעגען זיך אָבזאָגען פֿון ווײַן און אַנדערע לוקסוס־זאַכען און האָבען פֿערלאָזט בײַ זיך לאַנגע האָר. צווישען די רכבים און נזירים האָבען די נביאים געהאַט זייערע איבערגעבענסטע אָנהענגער.

§ 83. בראש פון די נביאים פון יאהווע, וואס האבען געקעמפפט קעגען דעם קולט פון בעל, איז געשטאנען א בעגייסטערטער מאן מיט'ן נאמען אליהו (דאס הייסט מיין גאט — ה'), א געבוירטיגער פון דער שטאדט תשבי אין גלעד. דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פונ'ם רייניעם יאהוויזם, איז אליהו אויפגעשטאנען קעגען דער פאלשקייט און רשעות, וואס האבען געהערשט ארום איהם. איהם זענען געווען פערהאסט סיי די פעניציאישע קולטור מיט איהרע פערדארבענע מדות און סיי דער אויפפיהר פון יענע, וואס הגם זיי האבען אפיציעל אנערקענט יאהווע פאר'ן גאט פון ישראל, פונדעסטוועגען האבען זיי געבויט מזבחות פאר'ן בעל. אליהו איז געווען גלייכצייטיג אי א שטרענגער אסקעט אי א היציגער קעמפפער, אי א נזיר, וואס שיידט זיך אב פון דער וועלט, אי א פאלקס-טריבון. דא פלעגט ער ארומוואגלען אין מדבר, ווייט פון דער פערדארבענער געזעלשאפט, דא פלעגט ער מיט אמאל, ווי א שטורמווינד, קומען צו פליהען קיין שמרון און פלעגט מוסר'ן דעם קעניג און דאס פאלק פאר זייערע זינד.

דעם פשוט'ען המון-עם פלעגט אליהו צוציהען צו זיך דורך זיין אויסוויניגסטער געשטאלט און דורך זיין ארט לעבען: ער פלעגט געהן אנגעטאן אין א גראבען הארענעם איבער-בגד, האט געטראגען זעהר לאנגע האר, זעהר אפט פלעגט ער זיך אבזאגען פון צו געברויכען פלייש און וויין, אין בכלל פון אלע בעקוועמליכקייטען און פיזישע פערגעניגענס. א סך האבען איהם גערעכענט פאר א קדוש, וואס איז מסוגל צו בעווייזען מופתים, און צווישען פאלק האבען זיך פערשפרייט פערשיידענע לעגענדעס וועגען זיינע מעשי-נסים. מ'האט דערצעהלט, אז בשעת אליהו האט זיך געהאט בעהאלטען אין דער מדבר, ניט ווייט פון ירדן, פאר די רדיפות פון דער קעניגין איזבל קעגען די נביאים פון יאהווע, — האבען איהם דעמאלט ראבען אלע טאג געבראכט שפייז אין דער פריה און ביי-נאכט. וואוינענדיג ביי איינע אנ'ארימע אלמנה, האט דער נביא מחיה מתים געווען איהר זוהן. איין מאל איז אין לאנד געווען א הונגער, און ביי דער אלמנה איז געבליבען נאר א הייפעל מעהל און א ביסעל בוימיל, וואס דערפון האט מען געקאנט אויסבאקען פלאדענס אויף איין מאלצייט; אליהו האט פאראויסגעזאגט דער אלמנה, אז דערפון וועט זי קאנען באקען פלאדענס און דערנעהרען זיך א לאנגע צייט, ביז עס וועט צייטיג ווערען די נייע תבואה — און די דאזיגע נבואה איז מקוים געווארען.

אליהו פלעגט זאגען דעם קעניג גלייך אין פנים דעם גאנצען אמת. אזוי ווי דאס פאלק האט געהאט גרויס אבשיי פאר איהם, האט מען איהם גאר-נישט געקאנט טון פאר זיין דרייסטען ארויסטרעטען קעגען קעניג. דער נביא פלעגט שטראפען אחאב'ן אי פאר זיין רעליגיעזער ווידערשפעניגקייט, אי פאר

זיינע זיטליכע עבירות. אַנ׳ענטשיידענער שטרייט איז פאָרגעקומען צווישען דעם נביא און דעם קעניג איבער פאָלגענדער מעשה.

ניט ווייט פון אַחאָב׳ס פּאַלאַץ אין יזרעאל האָט זיך געפונען אַ שעהנער ווייַנגאָרטען פון אַ דאָרטיגען איינוואוינער, נבות (כרם-נבות היזרעאלי). דער קעניג האָט געוואָלט פלאַנצען פאַר זיך אַ גאָרטען אַרום זיין פּאַלאַץ און האָט געבעטען נבות׳ן, ער זאָל איהם פערקויפען זיין ווייַנגאָרטען אָדער בייטען זיך מיט איהם אויף אַנ׳אַנדער ווייַנגאָרטען; נאָר נבות האָט ניט געוואָלט אָבטרעטען דעם גאָרטען, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין פאָטער. דאָס האָט אַזוי פיעל צער פערשאַפט דעם כאַראַקטער-שוואַכען אַחאָב׳ן, אַז ער האָט זיך געלעגט אין בעט און האָט אויפגעהערט צו עסען. די קעניגין איזבל איז געקומען צו איהם און האָט געפרעגט: „פאַרוואָס ביזטו אַזוי אַראָבגעפאַלען ביי זיך און עסט גאָרניט?“ דער קעניג האָט איהר דערצעהלט די מעשה. איזבל איז אין כעס געוואָרען איבער איהר מאַנס שוואַכקייט און האָט אויסגערופען: „אַזוי רעגירסטו דאָס צו פערווירקליכען דיין קעניגליכע מאַכט אין ישראל! שטעה אויף, זעץ זיך עסען און שטאַרק זיך, און איך וועל דיר שוין געבען נבות׳ס ווייַנגאָרטען“. כדי צו פערווירקליכען איהר פּלאַן, האָט איזבל אָנגעווענדט פאַל־גענדע פאַלשקייט. זי האָט געדונגען צוויי עדות, וואָס האָבען בעשולדיגט נבות׳ן דערין, אַז ער האָט געערדט שלעכטס קעגען גאָט און קעגען קעניג. לויט דעם פסק-דין פון דעם געריכט, איז נבות אָבגעמשפט געוואָרען אויף סקילה (פערשטייניגען), און אַחאָב האָט, אויף אַזאַ אופן, בעקומען דעם ווייַנגאָרטען. אַז אליהו האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם דאָזיגען פערברעכען, איז ער גע־קומען צו אַחאָב׳ן און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „דו האָסט געטויט אַ מענ־שען און דו ירש׳ענסט נאָך זיין נחלה! אַזוי זאָגט גאָט: אויף דעם זעלביגען אָרט, וואו די הינט האָבען געלעקט נבות׳ס בלוט, וועלען זיי לעקען דיין אייגען בלוט; איך וועל פערטיליגען דיין הויז, ווי איך האָב פערטיליגט דאָס הויז פון ירבעם בן-נבט און פון בעשא בן-אחיה“. אַזוי האָט געזאָגט דער נביא און איז אַוועק. לכתחלה האָט דער קעניג געהאַט חרטה אויף זיינע מעשים, נאָר באַלד האָט ער פערגעסען דעם נביא׳ס ווערטער.

ס׳פלעגען זיין מאָמענטען, ווען אונטער דער ווירקונג פון פּלוצלינגדיגע אומ־גליקען, פלעגען דער קעניג און דאָס פאָלק זיין נוטה ווידער איינצופיהרען דעם קולט פון יאַהווע, — און דעמאָלט פלעגט אליהו ערשיינען אין זיין גאַנ־צער גרויסקייט אַלס נאַציאָנאַלער העלד. איין מאָל איז אין שמרון דריי יאָהר נאָכאַנאַנד ניט געגאַנגען קיין רעגען, די תבואות זענען ניט געוואַקסען, און דאָס פאָלק האָט געליטען פון הונגער. אַ בעדייטענדער טייל פון פאָלק האָט דאָס בעטראַכט פאַר אַ סימן, אַז יאַהווע איז אין כעס אויף דאָס לאַנד און שיקט דעריבער אומגליקען איבער זיינע איינוואוינער פאַר זייערע זינד. מ׳האָט געמוזט ווי עס איז אויסבעטען מחילה ביי דעם דערצאָרנטען גאָט. מ׳האָט געהאָפט,

אַז דאָס קאָן טון נאָר בלויז אליהו הנביא, נאָר ער איז דאַן ניט געווען אין שמרון. איין מאָל איז אַחאָב געטראָפֿן איבער'ן לאַנד און האָט אָנגעטראָפֿן אליהו'ן. דערזעענדיג איהם, האָט אַחאָב אויסגערופֿען: „ביזטו עס, דער פֿאַר־דאַרבער פֿון ישׂראל (עוכר־ישׂראל)?" מיט די דאָזיגע ווערטער האָט דער קעניג געגעבען צו פֿערשטעהן דעם נביא, אַז ער רעכענט איהם, וואָס ער איז יאַהוועס שליח, פֿאַר פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר'ן פֿאָלקס־אומגליק, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָבוועלענדען, ווען מ'זאָל מתפּלל זיין צו גאָט. אליהו האָט געענטפֿערט: „ניט איך בין שולדיג אין די אומגליקען פֿון ישׂראל, נאָר דו און דיין הויזגעזינד, וואָרים איהר האָט פֿערלאָזט יאַהוועס געבאָטען און איהר זייט געגאַנגען נאָך די בעלים". דער נביא האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז צוליעב דעם, כּדי אָבצוּווענדען די צרה, איז ניט גענוג בלויז פֿון אויסווייניג זיך אונטערצוגעבען פֿאַר יאַהווע'ן, נאָר ס'איז נויטיג, אַז דער קעניג און דאָס פֿאָלק זאָלען זיך אינגאַנצען אָבזאָגען פֿון צו דינען דעם בעל.

אונטער דער ווירקונג פֿון די פּורעניות, וואָס דאָס פֿאָלק האָט איצטער גע־ליטען, האָט אַחאָב מסכּים געווען אויף אַלע פֿאָדערונגען פֿונ'ם נביא. אליהו האָט אָנגעהויבען פֿיהרען אַן ענטשיידענעם קאַמפּף מיט די אָנהענגער פֿון היידנישען קולט — און האָט אַ סך פֿון זיי איבערגעצייגען אויף זיין זייט. דאָס, וואָס עס האָבען זיך אָנגעהויבען רעגענס און דער הונגער האָט אויפֿגעהערט, האָט איבערצייגט אַ בעדייטענדען טייל פֿון פֿאָלק, אַז די רעליגיע פֿון יאַהווע שטעהט העכער פֿאַר'ן קולט פֿון בעל. די נאַציאָנאַלע רעליגיע איז ווידער איינגעפֿיהרט געוואָרען, נאָר ניט אויף לאַנג און ניט אומעטום, ווי עס איז צו זעהן פֿון די שפּעטערדיגע געשעהעניששען.

דער תּנ"ך שילדערט די גאַנצע מעשׂה אין פֿאָלגענדע פּאָעטישע שטריכען.

אליהו האָט געפֿאָדערט פֿון אַחאָב'ן, ער זאָל צונויפֿרופֿען אַלע כּהנים אָדער „נביאים" פֿון בעל אויפֿ'ן באַרג כּרמל, וואו ער אליהו וועט בעווייזען פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק, ווער עס איז דער אמת'ער גאָט: יאַהווע אָדער בעל. דער קעניג האָט מסכּים געווען דערויף. אין בעשטימטען טאָג האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אויפֿ'ן באַרג כּרמל 450 כּהנים פֿון בעל, 400 כּהנים פֿון דער „אשׁרה" און אַ גרויסע מאַסע פֿון פֿאָלק; אויך אַחאָב און אליהו זענען געקומען. מ'האָט אוועקגעשטעלט צוויי מזבּחות: איינעם פֿאַר בעל. דעם אַנדערן פֿאַר יאַהווע. אליהו האָט זיך געווענדעט צום פֿאָלק און האָט געזאָגט: „ביז וואַנען נאָך וועט איהר שפּרינגען איבער ביידע שוועלען (פּוסחים על שׁתּי הסעפּים)? אויב יאַהווע איז אַ גאָט, טאָ געהט נאָך איהם, און אויב בעל איז אַ גאָט, טאָ געהט נאָכ'ן בעל". דאָס פֿאָלק האָט געשוויגען. דעמאָלט האָט אליהו געזאָגט צו די כּהנים פֿון בעל: „זאָל מען אונז געבען צוויי קעלבער; איינעם קוילעט איהר און לעגט

אַרויף אויף אייער מזבח, איבער די האָלץ, נאָר לעגט נישט אונטער קיין פֿייער, און דעם אַנדערן וועל איך אַרויפֿלעגען אויף מיין מזבח, איבער די האָלץ, און וועל אויך קיין פֿייער נישט אונטערלעגען. איהר רופֿט צו אייער גאָט, און איך וועל רופֿען צו מיינעם. און עס וועט זיין, אַז דער גאָט, וואָס וועט ענטפֿערן מיט פֿייער (וועט אַראָבשיקען אַ פֿייער אויפֿ'ן קרבן), וועט ער זיין (אַן־אמת'ער) גאָט". די כהנים האָבען מסכּים געווען דערויף. זיי האָבען אַרויפֿגעלעגט דעם קרבן אויפֿ'ן מזבח און פֿון פֿריה־מאָרגען ביז'ן האַלבען טאָג אַריין האָבען זיי געשריען: „בעל, בעל, דערהער אונז!" — נאָר קיין פֿייער האָט זיך נישט געוויזען. אליהו האָט זיך גערייצט מיט זיי און האָט צו זיי געזאָגט: „העכער רופֿט צו אייער גאָט; אפֿשר איז ער פֿערנומען, אָדער ער איז אין וועג אָדער ער שלאָפֿט; שריַיט — און ער וועט זיך אויפֿכאַפּען!" די כהנים האָבען אָנגעהויבען שרייען נאָך העכער, ווילד טאַנצען אַרום מזבח, און אַז זיי האָבען זיך צעהיצט, האָבען זיי אָנגעהויבען צו רייסען זייער לייב מיט די נעגעל און שטעכען זיך מיט שווערדען, ביז עס האָט פֿון זיי געראָנען בלוט; נאָר בעל איז געבליבען טויב און שטום. דעמאָלט האָט אליהו אַרויפֿגעלעגט זיין קרבן אויף אַ בעזונדערן מזבח, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פֿון שטיינער, און האָט אָנגעהויבען מתפּלל זיין: „גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקב, זאָלען אַלע זיך דערוויסען, אַז דו ביזט אַ גאָט, און איך בין דיין קנעכט, און אַז איך רעד און טו אַלץ אויף דיין וואָרט. ענטפֿער מיר, יאַהווע, ענטפֿער מיר!" ווי נאָר אליהו האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אַ בליץ און האָט פֿערבּרענט דעם קרבן אויף יאַהוועס מזבח. דאָס פֿערזאַמעלטע פֿאָלק האָט זיך איבערצייגט, אַז דער קולט פֿון בעל איז פֿאַלש, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די כהנים פֿון בעל און האָט, אויפֿ'ן בעפֿעהל פֿון אליהו'ן, זיי אַלע געטויט און זייערע קערפּער אַריינגעוואָרפֿען אין טייך קישון. דערווייל איז דער געוויטער שטאַרקער געוואָרען, פֿון די געדיכטע וואָלקענס האָט געגאָסען אַ רעגען, און די טרוקענע צייט האָט אויפֿגעהערט.

נאָך דער מעשה איז אחאב שוין גרייט געווען צו דינען יאַהווע; נאָר אַז די בלוט־גיריגע קעניגין איזבל האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז געשעהן, האָט זי געשוואָרען, אַז זי וועט טויטען אליהו'ן דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿערטיליגט איהרע כהנים. אליהו איז אַנטלאָפֿען קיין יהודה און פֿון דאָרט אין מדבר; ער איז אַוועק וויַיט ביז צום הייליגען באַרג חורב (סיני). דאָ האָט דער נביא לאַנג געוואָגעלט, זיך בעהאַלטענדיג אין הייהלען און בערג־שפּאַלטען. דאָ האָבען זיך איהם בעוויזען וואונדערבאַרע ערשיינונגען, וואָס האָבען געשטימט מיט זיין בעגייסטערטער רעליגיעזער שטימונג.

די מלחמות מיט די ארמים.

§ 86. אין די לעצטע יאָהרען פֿון זיין קיניגען איז אַחאָב געווען פֿערנומען מיט מלחמות קעגען די אַרמים. לכתחלה זענען דאָס געווען ניט קיין אָנפֿאַלס-קריג, נאָר פֿערטיידיגונגס-קריג. אַחאָב, וואָס איז געווען לויט זיין טבע אַ ווייכער מענש און אַ רודף-שלום, האָט ניט געשטרעבט צו קיין עראָבערונגען. נאָר זיין שכן, דער אַרמישער קעניג בן-הדד II, האָט געהאַט שוין צו-גרויסע קריגערישע נטיות. דאָס הויפּטליכע אַרמישע קעניגרייך, וואָס זיין הויפּט-שטאָדט איז געווען דמשק, האָט אין יענער צייט דערגרייכט צו אַ ניט-געוועהנליכער מאַכט; אַלע קלענערע אַרמישע פֿירשטען זענען געווען אונטערטעניג דעם גרויסען קעניג פֿון דמשק.

אַזוי ווי בן-הדד האָט נאָך געדענקט זיין פֿאָטערס נצחונות איבער עמרי, דעריבער האָט ער בעשלאָסען פֿון דאָס-ניי מאַכען אַן אָנפֿאַל אויף שמרון. ער האָט זיך געלאָזט געהן, אינאיינעם מיט אַלע אונטערטעניגע פֿירשטען און מיט אַ גרויסען חיל, אין לאַנד פֿון ישראל און האָט בעלעגערט די הויפּט-שטאָדט שמרון. אַחאָב איז דערשראָקען געוואָרען, אַז ער האָט דערזעהן דעם פֿיינד, און איז שוין גרייט געווען זיך אונטערגעבען איהם; נאָר בן-הדד האָט אַרויסגע-שטעלט אַזעלכע ערנידעריגענדע תנאים, אַז דער קעניג פֿון ישראל האָט ניט געקאָנט זיך בעשליסען זיי אָנצונעהמען. אַחאָב האָט צונויפֿגעקליבען אַלע עלטסטע פֿון שמרון אויף אַ בעראַטונג. די עלסטע זענען בעשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל זיך פֿערטיידיגען קעגען חוצפּה'דיגען פֿיינד ביז דער לעצטער מעגליכקייט. דעמאָלט האָט אַחאָב געענטפֿערט בן-הדד'ן, אַז ער וויל ניט איבערגעבען די שטאָדט אויף די געשטעלטע תנאים. אַז דער קעניג פֿון אַרם האָט בעקומען אַזאַ מין ענטפֿער, איז ער אַריין אין כעס און שטאַרק און האָט אויסגעשריען: „איך שווער, אַז עס וועט ניט קלעקען די גאַנצע ערד פֿון שמרון, בשעת מיינע קריגס-לייט וועלען זי פֿונאַנדערטראָגען הויפֿענסווייז!“ אַחאָב האָט געהייסען איהם ענט-פֿערן: „זאָל זיך ניט ריהמען דער, וואָס גורט זיך אָן (פֿאַר דער שלאַכט), ווי דער, וואָס גורט זיך אָב (נאָך דער שלאַכט)!“ (אל יתהלל חוגר כמפּתח). אַחאָב האָט גענומען מיט זיך זיין חיל, וואָס ער האָט געהאַט אין שטאָדט, און איז אָנגעפֿאַלען אויף דעם אַרמישען לאַגער אין דער צייט, ווען דער אַרמישער קעניג מיט זיינע פֿערבינדעטע האָבען גע'שכור'ט אין זייערע געצעלטען. די אַרמים זענען ניט געווען צוגעגרייט צו דעם אָנפֿאַל און האָבען געמאַכט פּליטה; אַ סך פֿון זיי האָבען די בני-ישראל געטויט. בן-הדד אַליין האָט זיך קוים גע-ראַטעוועט רייטענדיג אויף זיין פֿערד.

אין אַ יאָהר אַרום זענען די אַרמים ווידער געקומען אין לאַנד פֿון ישראל און האָבען אויפֿגעשלאָגען זייער לאַגער אין טאָל יזרעאל, ניט ווייט פֿון אפקה. בן-הדד'ס יועצים האָבען געזאָגט צו איהם אַזוי: „דער גאָט פֿון ישראל איז אַ גאָט פֿון בערג און ניט קיין גאָט פֿון טאָלען; דעריבער האָבען די בני-ישראל

אײנער גיבור געװען (אויף די בערג, װאָס אַרום שמרון), נאָר אויב מיר װעלן אַרויסטרעטן קעגן זיי אין פֿרייען פֿעלד, װעלן מיר זיי מנצח זײַן". געשטאַרקט דורך דער דאָזיגער האָפֿענונג, האָט בן־הדד אויסגעשטעלט זײַן צאָהל־רײַכן חיל אויף אַ גרויסן שטח; אים קעגנאיבער האָבן זיך אויסגעשטעלט די בני־ישׂראל אין צוויי אָבטײלונגען, װאָס האָבן פֿון דערװײַטנס אויסגעזען, אין פֿערגלײַך מיט'ן אַרמישן חיל, װי צוויי טשערעדעס ציגען. זעקס טעג זענען געשטאַנען די אַרמעען אײנע קעגן דער אַנדערער, ערשט אויפֿ'ן זיבעטן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט. די בני־ישׂראל האָבן זיך מוטיג געשלאָגן און האָבן אויסגעהרג'עט אַ סך פֿײַנד; די איבעריגע אַרמים מיט זייער קעניג זענען אַנטלאָפֿן קיין אפֿקה. דאָרט זענען אויף זיי אײַנגעפֿאַלן די שטאָדט־מויערן און האָבן דערשטיקט אונטער זייערע חורבות עטליכע טויזענד מאַן. בן־הדד האָט זיך באַהאַלטן ערגיץ אין אַ שטוב און האָט געציטערט פֿאַר שרעק. זײַנע מקורבים האָבן אים דאַן געגעבן אַן עצה צו בעטן בײַ אחאב'ן, ער זאָל אים לאָזן לעבן, „װאָרום — האָבן זיי געזאָגט — מיר האָבן געהערט, אַז די מלכים פֿון ישׂראל זענען לײַטזעליגע מלכים". בן־הדד'ס שלוחים זענען געקומען צו אחאב'ן אין צעריסענע קליידער, מיט שטריק אויפֿ'ן האַלז, אַלס סימן פֿון הכנעה, און האָבן צו אים אַזוי געזאָגט: „דײַן קנעכט, בן־הדד, בעט, אַז דו זאָלסט אים לאָזן לעבן". דער גוט־מוטיגער אחאב האָט געהייסן ברענגען בן־הדד'ן צו זיך, האָט אים אַרײַנגעזעצט צו זיך אין רײַטוואָגן און איז זיך בעגאַנגען מיט אים לײַטזעליג. בן־הדד האָט צוגעזאָגט אָבצוגעבן צוריק אחאב'ן די שטעדט, װאָס די אַרמים האָבן אָבגענומען פֿאַר עמרי'ס צײַטן, און אָבגעבן די בני־ישׂראל אַ האַנדעלס־קוואַרטאַל אין דמשק, פּונקט אַזוי װי עמרי האָט אַמאָל אָבגעגעבן די אַרמים אין שמרון. מ'האָט געמאַכט שלום צווישן זיך, און דער אַרמישער קעניג איז געוואָרען באַפֿרייט.

אחאב'ס מענשען־פֿרײַנדליכקייט איז הײַנטיג'ס מאָל געוועזן אַ גרויסער פּאָליטישער פֿעהלער. אײנער אַ נביא האָט געמאַכט פֿאָרוואורפֿען אחאב'ן, פֿאַר־װאָס ער האָט אָבגעלאָזט דעם ערגסטן שונא פֿון ישׂראל, װאָס װעט בײַ דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט װידער אָנפֿאַלן אויפֿ'ן לאַנד. און אַזוי איז עס טאַקע געוועזן. בן־הדד האָט ניט געהאַלטן אַלע זײַנע צוזאָגען; חוץ אַנדערע זאַכען, האָט ער ניט צוריק אָבגעגעבן אחאב'ן די גלעד'ישע שטאָדט רמות (רמות־גלעד). פֿאַר'ן כבוד פֿון דעם קעניגרײַך ישׂראל האָט ניט געפּאַסט, אַז אחאב זאָל דאָס שווײַגען בן־הדד'ן, װאָס ער האָט ניט געהאַלטן װאָרט. און אחאב האָט טאַקע גענומען זיך צוגרייטן צו אַ נײַעם קריג מיט די אַרמים, און צוליעב דעם האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט יהושפֿט, דעם קעניג פֿון יהודה[1].

---

[1]) אײניגע אַסיריאָלאָגען און תנ"ך־קריטיקער האַלטען, אַז אין אחאב'ס צײַטען זאָל פֿאָרגעקומען אַ געוויסע געשעהעניש, װאָס איז פֿערשריבען אויף אײנעם פֿון די אַסירישע

אחאב און יהושפט; אחאב'ס טויט.

§ 87. אין דער זעלביגער צייט, ווען אחאב האט געקיניגט אין שמרון, איז אין יהודה געווען קעניג יהושפט, דער זוהן פון אסא (בערך אין די יאהרען 913—895). דער תנ"ך רופט אן יהושפט'ס צייט א גליקליכע און א רוהיגע. אין יהודה זענען דאן ניט פארגעקומען יענע קריג און דער אינעווייניגסטער קאמפף, וואס האבען חרוב געמאכט דעם וואוילשטאנד פון שמרון. קיין שטארקע אויסווייניגסטע פיינד האט יהודה דענסטמאל ניט געהאט. די אדומים זענען געווען אינגאנצען אבהענגיג פון יהודה. איינער פון זייערע מלכים האט בעוואלטעט איבער'ן לאנד אלס פערוואלטער, וואס איז געשטעלט געווען פון קעניג פון יהודה. די אדומים האבען אפילו געפרובט מורד זיין קעגען יהודה און האבען זיך צוליעב דעם פעראייניגט מיט מואב און מיט עמון (וועגען דעם דערצעהלט איינקלאר דער ספר דברי-הימים), נאר עס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען. אזוי ווי יהושפט איז געווען דער אויבערהאר איבער אדום, האט ער געוואלט ווידער אנהויבען פיהרען דעם ים-האנדעל מיט אינדיען, ווי דאס איז געווען אין די צייטען פון שלמה המלך. ער האט בעפוילען צו בויען שיפען

דענקמעלער. די קליינעס-אויפשריפט, וואס טראגט דעם נאמען פון קעניג שלמנאסר II (אין ניינטען יאהרהונדערט) דערצעהלט, אז נעבען קארקאר אין סוריען האט דער דאזיגער קעניג מנצח געווען דעם חיל פון די פערבינדעטע מלכים פון פאדער-אזיען, וואס צווישען זיי זענען געווען אויך בן-הדד, דער קעניג פון דמשק, און אחאב, דער קעניג פון ישראל. היות ווי די שלאכט ביי קארקאר איז לויט'ן חשבון פון די אסיריאלאגען פארגעקומען אין יאהר 854 פאר קריסטוס, הייסט דאס, אז אחאב האט אויך געקיניגט אין יענער צייט, דאס הייסט מיט א האלבען יאהרהונדערט שפעטער, ווי דאס איז אנגענומען לויט דער אידישער כראנא-לאגיע. נאר די היסטארישע ריכטיגקייט פון דער דערמאנטער אסירישער אויפשריפט איז נאך ניט אויף אזויפיעל בעוויזען, אז מען זאל אויף דעם סמך קאנען אומענדערן די איינגעשטעלטע כראנאלאגיע, הגם די לעצטע, וואס איז זיך סומך בלויז אויף ביבלישע ידיעות, איז נאר גענוי פון אונגעפעהר. ווי גרעץ און רענאן האבען שוין בעמערקט, איז שווער צו גלויבען, אז פאר אחאב'ס צייטען זאל האבען עקסיסטירט א בונד צווישען דמשק און שמרון, וואס האבען שטענ-דיג געפיהרט צווישען זיך מלחמה; אויב ס'וואלט יא געווען עפיס וואס, וואלט אזא וויכטיגע בעשעהעניש דערמאנט געווען אין תנ"ך. בכלל איז עס ניט מעגליך, אז שוין אין העלפט פון ניינטען יאהרהונדערט האט שוין אסיריען געהאט א דירעקטע ווירקונג אויפ'ן גורל פון ישראל; ווי עס איז בעוואוסט, הויבט זיך אן די דאזיגע ווירקונג ערשט אין העלפט פון אכטען יאהרהונדערט. מען מוז דעריבער משער זיין, אז די דערמאנטע אסירישע אויפשריפט גיט ניט איבער גענוי די פאקטען, נאר די מישט צונויף דאס שפעטערדיגע מיט'ן פריהערדיגען. דאס אייגענע מוז מען זאגען בנוגע צו אנאנדער קליינעס-אויפשריפט, וואס דערצעהלט וועגען דעם צינז, וואס עס האט געצאהלט אסיריען יהוא, וואס איז געווען קעניג פון ישראל נאך אחאב'ס הויז.

אין דער חורבה עציון־גבר ביים האַפן פון אילות, ביים רויטן ים (ים־סוף) און זיי אָבשיקן, נאָר אַ שטורם האָט צעבראָכן די ראָזיגע שיפן און יהושפטס אונטערנעמונג האָט זיך אָבגעשטעלט.

בנוגע צו די אינערליכע ענינים האָט יהושפט זיך געהאַלטן פאַר דער פּאָלימיק פון זיין פאָטער אָסא: ער האָט געשטיצט דעם נאַציאָנאַלן קולט פון יאַהווע, וואָס זיין צענטער איז געווען דער בית־המקדש אין ירושלים. נאָר פונ־דעסטוועגן האָבן נאָך אַלץ עקסיסטירט די פּראָווינציעלע קולטן, דער אַזוי אָנגערופענער „דינסט אויף די בערגלעך" (במות). יהושפט, פונקט אַזוי ווי אָסא, האָט געקעמפט קעגן דעם. דער ספר דברי־הימים שילדערט אפילו אים אַלס וועדער אַ פרומען און דערצעהלט, אַז ער האָט בעפוילען די נביאים צו לערנען מיט'ן פאָלק די תורה. נאָר פונדעסטוועגן האָט די פרומקייט ניט געשטערט יהושפט'ן צו שליסן פריינדשאַפט מיט'ן זינדיגען אַחאָב'ן און אפילו זיך מתחתן זיין מיט אים. עתליה, אַחאָב'ס טאָכטער, האָט חתונה געהאַט מיט יהושפטס זוהן, יהורם. דער דאָזיגער שדוך האָט שפּעטער אַ סך שאָדען געבראַכט דעם קעניגרייך יהודה און דעם קעניגליכען הויז.

אַז אַחאָב האָט זיך געגרייט צו פיהרען קריג מיט די אַרמים, בכדי אָבצו־נעהמען ביי זיי רמות־גלעד, האָט ער פאָרגעלעגט יהושפט'ן, ער זאָל אויך נעהמען אַנ'אָנטייל אין דער מלחמה. יהושפט האָט מסכים געווען דערויף, ער האָט געשיקט צו אַחאָב'ן זיין פוס־פאָלק און רייטערייַ און איז אַליין געקומען קיין שמרון. נאָר אײדער מען איז אַרויס אין קריג, האָט ער געוואָלט דערגעהן ביי די נביאים פון יאַהווע, צי וועלען זיי דעם קריג אויספיהרען. אַחאָב האָט צונויפ־געקליבען די נביאים פון שמרון, וואָס האָבען געהערט צו דער הויף־פּאַרטיי און האָט ביי זיי געפרעגט: צי זאָל ער געהן אָדער ניט געהן מלחמה האַלטען מיט די אַרמים? די נביאים, וואָס האָבען געוואָלט חנפ'נען דעם קעניג, האָבען אים געגעבען אַנ'עצה, ער זאָל געהן, און האָבען נביאות געזאָגט, אַז ער וועט גע־ווים געווינען דעם קריג. איינער פון זיי, צדקיה בן־כנענה, האָט זיך געמאַכט אייזערנע הערנער (קרני ברזל) און האָט געזאָגט צום קעניג: „אַזוי האָט געזאָגט יאַהווע: מיט די דאָזיגע (הערנער) וועסטו שטעכען אַרם, ביז וואַנער דו וועסט זיי פאַרטיליגען". (באלה תנגח את ארם עד כלותם). הגם, ווי יהושפט איז געווען מסופק, צי זענען די דאָזיגע נביאות טאַקע אמת'ע, דעריבער האָט ער געפרעגט ביי אַחאָב'ן, צי איז ניט פאַרהאַן אין שמרון נאָך ערגיץ אַ נביא פון יאַהווע. „ס'איז פאַרהאַן נאָך איין נביא — האָט געענטפערט אַחאָב — רופען רופט מען אים מיכיהו בן ימלה; נאָר איך קאָן אים ניט ליידען, „מחמת שטענדיג זאָגט ער מיר שלעכטע נביאות". נאָר פונדעסטוועגען האָט דער קעניג באַלד געהייסען רופען דעם דאָזיגען נביא. מיכיהו, וואָס האָט געהערט צו דער אונאָבהענגיגער פּאַרטיי פון אליהו און פון די פרומע לייט, איז געקומען צו געהן אויפ'ן פּלאַץ, נעבען דעם טויער פון שמרון, וואו די מלכים זענען געזעסען אויף זייערע קעניגליכע

שטורעמען. אז אחאב האט געפרעגט מיכיהו, צי זאל ער געהן מלחמה האלטען, האט יענער לכתחלה געענטפערט, אז יא. נאר פון דעם נביא'ס איראנישען טאן האט דער קעניג פערשטאנען, אז ער מיינט גאר אנדערש. און אחאב האט איבערגערופען: „וויפיעל מאל האב איך דיך בעשווארען, אז דו זאלסט מיר זאגען נאר דעם אמת אין נאמען פון יאהוועה!" יעמאלט האט דער נביא געזאגט: „איך זעה גאנץ ישראל צעזייהט און צעשפרייט איבער די בערג, ווי א טשערעדע, וואס האט קיין פאסטוך ניט. און גאט זאגט: זיי האבען ניט קיין האר; זאלען זיי זיך אומקעהרען בשלום איטליכער אין זיין שטוב". פאר די דאזיגע דרייסטע נבואה האט מיכיהו בעקומען א פאטש אין באק פונ'ם פאלשען נביא צדקיה, און אחאב האט בעפוילען אריינצוזעצען מיכיהו'ן אין תפיסה אויף ברויט און וואסער און צו האלטען איהם דארט, ביז דער קריג וועט זיך ענדיגען.

נאר די שלעכטע נבואה איז מקוים געווארען. דער פעראייניגטער חיל פון אחאב'ן און יהושפט'ן איז צוגעטראטען צו רמות און זיך צונויפגעטראפען מיט'ן חיל פון בן-הדד. ס'איז פארגעקומען אן'ענטשיידענע שלאכט. בן-הדד האט געהייסען זיינע בויגענשיסער צילען נאר אויפ'ן קעניג אחאב'ן. אחאב האט זיך איבערגעטאן, כדי די ארמישע קריגסלייט זאלען איהם ניט דערקענען; נאר צופעליג האט איהם געטראפען מיט זיין פייל איינער פון די ארמישע קריגסלייט. דער קעניג איז פערוואונדעט געווארען אויף טויט. ער האט געהייסען דעם פיהרער פון זיין רייטוואגען, ער זאל איהם אוועקפיהרען פון שלאכט-פעלד, נאר ס'איז ניט מעגליך געוועזען זיך דורכצושלאגען א וועג דורך די פיינדליכע רייהען. אחאב איז אבגעלאפען מיט בלוט אין זיין רייטוואגען און קעגען אבענד איז ער געשטארבען. יעמאלט האט זיך געלאזט הערען צווישען חיל דער אויסרוף: „זאל איטליכער זיך אומקעהרען אין זיין לאנד און אין זיין שטאדט!" יהושפט האט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים, און אחאב'ס קערפער האט מען אוועקגעפיהרט אויף דעם פערבלוטיגטען רייטוואגען קיין שמרון און מקבר געוועזען איהם דארט.

אחאב'ס קינדער; די התנגדות פון די נביאים.

§ 88. נאך אחאב'ס טויט איז געווארען א קעניג אין שמרון זיין זוהן א ח ז י ה. נאר אחזיה האט געקעניגט ניט לאנג (901—899). באלד נאכדעם ווי ער איז געווארען קעניג, איז ער איין מאל ארויסגעפאלען פונ'ם פענסטער פון זיין פאלאץ און האט זיך זעהר שטארק צעשלאגען. אזוי ווי ער האט נאכגעמאכט די היידנישע מנהגים, האט ער געשיקט שלוחים אין דער פלשתי'שער שטאדט עקרון, כדי צו פרעגען די כהנים פון דעם ארטליכען אבגאט בעל-זבוב, צי וועט ער געזונד ווערען פון זיין קרענק. דעם קעניגס אויפפיהר איז שטארק ניט געפעלען געווארען דעם בעסטען טייל פון פאלק, און אליהו הנביא (איז דעריבער שטארק אין כעס געווען. „שוין זשע איז קיין גאט אין ישראל ניטא, אז איהר געהט

פֿרעגן בײַ בעל־זבוב?" — האָט אליהו מיט צאָרן געפֿרעגט די שלוחים פֿון קעניג. וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט אין וועג. באַלד איז אחזיה געשטאָרבן — און נאָך אים איז געוואָרן קעניג זײַן ברודער יהורם (899—887).

בערך אין יענער צײַט איז געשטאָרבן אליהו הנביא. אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער געהאַט נעבן זיך זײַן געטרײַען תלמיד, וואָס ער האָט אים צוגעגרייט צו זײַן ממלא מקום. דאָס איז געווען אלישע בן שפֿט. איין מאָל — דערצײלט דער תנ"ך — האָט אלישע געאַקערט מיט אָקסן אויף אַ פֿעלד. פּלוצלינג איז צו אים צוגעגאַנגען אליהו און האָט אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן זײַן אויבער־בגד. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער הייליגט אים פֿאַר אַ נביא. אלישע איז אַוועק נאָך אליהו'ן, האָט אים באַגלייט אומעטום און האָט אים באַדינט ביז זײַן טויט. פֿאַר יורמ'ס צײַטן האָט אלישע געהאַט דעם זעלבן גײַסטיקן אויטאָריטעט, ווי אליהו אין אַחאָבֿ'ס צײַטן. נאָר דעם תלמיד איז אויסגעקומען איבערצולעבן שווערערע צײַטן, איידער דעם לערער. דער פּאָליטישער מצבֿ פֿון דער מלוכה איז ערגער געוואָרן און איז געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה.

נאָך אַחאָבֿ'ס טויט האָבן זיך אָפּגעריסן פֿונ'ם קעניגרײַך ישראל די מואָבֿים, וואָס דער קעניג עמרי האָט זיי אונטערטעניג געמאַכט. מישע, דער קעניג פֿון מואָבֿ, האָט דערקלערט זײַן לאַנד פֿאַר אומאָפּהענגיג און האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו צאָלן דעם קעניג פֿון ישראל צינז, וואָס איז באַשטאַנען פֿון גרויסע סטאַדעס אָקסן און שאָף. (די בני־מואָבֿ, וואָס האָבן געוואוינט אין עבֿר־הירדן, האָבן זיך פֿאַרנומען דער עיקר מיט האָדעווען בהמות). דער נײַער קעניג פֿון ישראל, יורם, האָט באַשלאָסן צו באַשטראָפֿן דעם מורד. צוליעב דעם האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט'ן קעניג פֿון יהודה, יהושפֿט'ן. יהושפֿט איז געקומען צו הילף יורמ'ן מיט זײַן חיל; צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען דער חיל פֿונ'ם קעניג פֿון אדום, וואָס איז געווען אונטערטעניג יהודה.

די פֿאַרבינדעטע אַרמעען האָבן זיך געלאָזט גיין קיין מואָבֿ דורך דעם מדבר אדום, וואו זיי האָבן געליטן פֿון דוחק אין וואַסער. לויט ווי דער תנ"ך דערצײלט, איז דאָ פֿאָרגעקומען דער ערשטער סכסוך צווישן דעם קעניג יורם און אלישע הנביא. דער פֿרומער יהושפֿט האָט געפֿרעגט, צי איז דאָ ערגיץ ניט פֿאַראַן אַ נביא פֿון יאַהווע, וואָס זאָל קאָנען פֿאָראויסזאָגן, צי עס וועט זיך באַלד באַווייזן וואַסער און צי וועלן זיי די מלחמה געווינען. מ'האָט אים אָנגעוויזן אויף אלישע'ן. יהושפֿט און יורם זענען אַוועק צו אים. דער נביא, וואָס האָט געוואוסט, אַז יורם איז אַ געצנדינער, האָט אים באַגעגנט זייער בייז. „וואָס ווילסטו האָבן פֿון מיר? — האָט ער אָנגעשריען אויפֿ'ן קעניג. גיי צו די נביאים פֿון דײַן פֿאָטער און פֿון דײַן מוטער!" נאָר דערנאָך איז אלישע געוואָרן ווייכער און האָט געזאָגט, אַז ער טוט צוליעב יהושפֿט'ן און וועט דערפֿילן די בקשה פֿון קעניג פֿון ישראל. דער נביא האָט פֿאָראויסגעזאָגט די

פֿערבינדעטע, אז אין גיכן וועלן זיי בעקומען וואסער און זיי וועלן די מואבים מנצח זיין.

באלד דערויף זענען די פֿערבינדעטע אריינגעדרונגען אין מואב און האבן אנגעהויבן צו פֿערוויסטן דאס לאנד. זיי האבן צעשטערט שטעדט און דערפֿער, צעטרעטן און מיט שטיינער אנגעשאטן די פֿעלדער, פֿערשאטן די ברונעמער און אויסגעריסן די ביימער. מישע איז מיט די רעשטן פֿון זיין חיל אנטלאפֿן געווארן אין די מואבישע פֿעסטונג קיר־חרושת. דא האבן איהם בעלעגערט די פֿערבינדעטע. מישע האט געפרובט זיך דורכשלאגן מיט זיין חיל דורך די קריגסלייט, וואס האבן ארומגערינגעלט די שטאדט. נאר איהם האט זיך דאס ניט איינגעגעבן. פֿאר יאוש האט דער קעניג פֿון מואב גענומען זיין עלטסטן זוהן און פֿאר די אויגן פֿון די בעלעגערער האט ער איהם געבראכט פֿאר א קרבן דעם אבגאט כמוש, מחמת ער האט געמיינט דערמיט צו געפֿינען חן אין די אויגן פֿונ'ם אבגאט פֿון זיין שבט. דאס האט געמאכט א שלעכטן רושם אויף די בני־ישראל. אין גיכן האט ערגיץ אן אומגליקליכער צופֿאל (מסתמא, א פעסט, וואס האט אויסגעבראכן אין לאגער) געצוואונגען די פֿערבינדעטע אבצוטרעטן פֿון דער מואבישער פֿעסטונג. די מואבים זענען, אפֿנים, געווארן אונאבהענגיג, הגם זייער לאנד איז געווען פֿערוויסט. שפעטער האבן זיי דורך אפטע היבערישע אנפֿאלן נקמה גענומען פֿון די בני־ישראל פֿאר דער פֿריהערדיגער אונטערדריקונג.

יורמ'ן האבן זיך ניט איינגעגעבן אויך זיינע מלחמות מיט די ארמים. איין מאל זענען די ארמים, אונטער דער אנפֿיהרונג פֿון בן־הדד, אריינגעדרונגען אין לאנד און האבן בעלעגערט שמרון. אין שמרון האט זיך מחמת דעם אנגעהויבן אזא שרעקליכער הונגער, אז, לויט ווי דער תנ"ך דערצעהלט, האבן די פֿרויען געגעסן די פֿלייש פֿון זייערע אייגענע קינדער.

אז דער קעניג יורם איז איין מאל געגאנגען איבער'ן גאס, איז איין פֿרוי צוגעפֿאלן צו איהם מיט תחנונים: „העלף, אדוני קעניג!“ נאר דער קעניג האט געענטפֿערט: „אז יהוה העלפֿט דיר ניט, ווי זשע קאן איך דיר העלפֿען? צי פֿון שייער אדער פֿון קעלער (המן הגורן או מן היקב)? נאר דא האט זיך דער קעניג דערוואוסט, אז דער הונגער האט געבראכט די פֿרוי דערצו, אז זי האט אויפֿגעגעסן די פֿלייש פֿון איהר געשטארבענעם קינד. דעמאלט האט יורם פֿאר גרויל צעריסן אויף זיך זיינע קליידער און האט אויסגעשריען: „איך שווער, נאך היינט וועט אלישע'ס קאפ ניט בלייבן אויף זיינע פלייצעס!“ ווי אמאל אחאב, פונקט אזוי האט איצט יורם בעשולדיגט דעם נביא פֿאר די צרות, וואס יהוה האט געשיקט איפֿ'ן לאנד. נאר אלישע האט בערוהיגט דעם קעניגס שליח, וואס איז צו איהם געקומען, און האט פֿאראויסגעזאגט, אז אין גיכן וועט די בעלאגערונג אראבגענומען ווערן. און אזוי איז טאקע געווען. פלוצלינג האבן זיך די בעלאגערער דערוואוסט, אז אויף ארם זענען אנגעפֿאלען

די חתים און עגיפטער. זיי האָבען באַלד אויפגעהויבען די בעלעגערונג פון שמרון, האָבען געלאָזען שטעהן זייער גאַנצען לאַגער און אַלצדינג, וואָס האָט זיך געפונען, און זענען אַוועק אין זייער לאַנד.

נאָר באַלד האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ מלחמה צווישען די צוויי פיינדליכע מלוכות. דער אַרמיישער קעניג בן־הדד II איז געשטאָרבען, און אויף זיין אָרט איז געוואָרען קעניג חזאל. דער נייער אַרמיישער קעניג איז אַרויס אין קריג מיט די בני־ישראל, בכדי אָבצונעהמען פון זיי די שטעדט, וואָס די אַרמיים האָבען זיי אָבגעגעבען פאַר דער צייט פון בן־הדד. חזאל'ס און יורם'ס אַרמעען זענען זיך צונויפגעקומען נעבען דער שטאָדט רמות, וואָס איבער איהר איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען די מחלוקת, און האָבען דאָרט אויפגעשלאָגען זייערע לאַגערן איינע קעגען דער אַנדערער. אין איין געשלעג איז יורם, דער קעניג פון ישראל, שווער פערוואונדעט געוואָרען און האָט געמוזט אַוועקפאָהרען אין זיין פאַלאַץ אין יזרעאל, כדי צו היילען זיינע וואונדען. אַלס אָנפיהרער פון חיל פון ישראל איז בעשטימט געוואָרען דער הויפט־מאַן יהוא בן־נמשי, וואָס האָט אַמאָל געדיענט אין אַחאָב'ס סוויטע און איז געווען אַ גרויסער רודף־כבוד.

אין אַ געוויסען טייל פון פאָלק האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען אַן אונצופרידענקייט מיט דער דינאַסטיע פון עמרי. איצטער, נאָך יורם'ס מפלות, איז די דאָזיגע אונצופרידענקייט נאָך שטאַרקער געוואָרען. די נאַציאָנאַלע פאַרטיי האָט דערקלערט אַלע אונגליקען אין לאַנד דערמיט, וואָס מען דערלאָזט די פרעמדע קולטען, און דאָס קעניגליכע הויז שטיצט זיי. די קעניגין איזבל האָט אַפילו נאָך איהר מאַנס טויט ניט אויפגעהערט צו האָבען אַ ווירקונג אויף די מלוכה־ענינים. דער כאַראַקטער־שוואַכער יורם האָט זיך געמוזט אונטערגעבען דעם אייזערנעם ווילען פון זיין מוטער און מסכים זיין צו איהר אַנטי־נאַציאָנאַלער און אַנטי־רעליגיעזער פאָליטיק. די פרומע לייט און די נביאים האָבען זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אונמעגליך ווידער אויפצולעבען די נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייט און דעם אמת'ען גלויבען, כל זמן די מאַכט וועט בלייבען אין די הענד פון אַחאָב'ס און איזבל'ס קינדער. און דעריבער האָבען זיי אויסגענוצט די אונצופרידענקייט, וואָס האָט געהערשט צווישען פאָלק, בכדי צו בעשאַפען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע קעגען עמרי'ס דינאַסטיע און אַרויסרופען אַ מלוכה־איבערקערעניש. בראש פון דער דאָזיגער אָפּאָזיציע איז געשטאַנען אלישע.

הגם אלישע איז געווען אַ תלמיד מובהק פון אליהו, פונדעסטוועגען האָט ער געהאַט אַן אַנדער אופן פון פראָפּאַגאַנדע. אליהו איז געווען אַ היילינגער, אַ פרוש, אַ בעגייסטערטער דרשן; אלישע, פערקעהרט, איז געווען מעהר עיקר, אַ אַגיטאַטאָר, אַ פאָליטיקער, אַן אָנפיהרער פון אַן אָפּאָזיציאָנעלער פאַרטיי. דער ערשטער האָט נאָך געהאַט אַרויסצופיהרען דעם קעניג אויף אַ ריכטיגען וועג, דער לעצטער האָט די דאָזיגע האָפנונג אָנגעוואָהרען און האָט געהאַלטען, אַז די איינציגע רעטונג איז צו מאַכען אַ מלוכה־איבערקערעניש.

כדי צו פערווירקליכען די דאזיגע איבערקעהרעניש, איז אלישע אריינגעטראטען אין א געהיימער פערבינדונג מיט'ן הויפט-מאן יהוא. אזוי ווי יהוא האט מיטגעפיהלט דער פארטיי פון די נביאים און צו גלייכצייטיג האט ער געשטרעבט צו מאכט, דעריבער האט ער שוין לאנג געטראכט וועגען דעם, ווי ארויסצוווארפען דעם שוואכען יורמ'ן און פערנעהמען זיין ארט. און אז דער פערוואונדעטער יורם איז אין מיט'ן קריג מיט די ארמים אוועקגעפאהרען קיין יזרעאל און האט איבערגעגעבען יהוא'ן די קאמאנדע איבער'ן גאנצען חיל,— יעמאלט איז געקומען די צייט, ווען עס האט געקאנט פערווירקליכט ווערען יהוא'ס פלאן און דעם נביאים געהיימער פערלאנג.

יהוא'ס איבערקעהרעניש און דער אונטערגאנג פון הויז עמרי.

§ 89. איין מאל איז אין לאגער פון די בני-ישראל נעבען רמות-גלעד געקומען איינער פון די תלמידים פון אלישע הנביא מיט א געהיימער שליחות צום הויפט-מאן יהוא. דעם נביא'ס שליח איז אנגעקומען אין לאגער, האט ארויסגערופען יהוא'ן און איז מיט איהם אוועק אין א באהאלטענעם חדר. דא האט דער שליח גענומען א קריגעל בוימל, האט געזאלבט יהוא'ס קאפ און האט געזאגט: „אין גאטס נאמען דערקלער איך דיך פאר א קעניג פון ישראל. פערטיליג דאס הויזגעזינד פון דיין האר אחאב'ן און זיי זיך נוקם פאר'ן בלוט פון די נביאים, וואס זיי האבען פערגאסען“. מיט די ווערטער איז דער שליח ארויס פון חדר און איז פערשוואונדען געווארען.

אז יהוא האט זיך צוריק אומגעקעהרט צו זיינע חברים, האבען זיי ביי איהם געפרעגט: „צוליעב וואס איז געקומען דער דאזיגער מענש?“ — לכתחלה האט יהוא געוואלט ארויסמאכען זיך פון צו ענטפערן גלייך, דערנאך האט ער זיי אויסגעזאגט דעם אמת. דעמאלט האבען די הויפט-לייט אנגעהויבען בלאזען אין שופרות און האבען אויסגערופען: „יהוא איז א קעניג געווארען!“ דער חיל איז צוגעשטאנען צו זיינע אויבערשטע און האט אנערקענט דעם נייעם קעניג. [illegible]האט בעשלאסען תיכף זיך לאזען געהן קיין יזרעאל און פערכאפען יורמ'ן, איידער ס'וועט איהם אנקומען די בשורה וועגען דער איבערקעהרעניש אין חיל. און יהוא איז אוועק אפריהער אהין מיט אן אבטיילונג פון קריגס-לייט.

דער וועכטער, וואס איז געשטאנען אויפ'ן טורם פון קעניגליכען פאלאץ, האט דערזעהן פון דערווייטענס דעם חיל, וואס דערנעהנטערט זיך צום פאלאץ, און האט וועגען דעם צו וויסען געגעבען דעם קעניג. יורם האט געשיקט איין שליח, דערנאך א צווייטען, בכדי צו דערגעהן, וואס דא קומט פאר, נאר די שלוחים זענען ניט צוריקגעקומען. דעמאלט איז דער קעניג שוין געווארען אונרוהיג און איז אליין ארויסגעפאהרען אנטקעגען יהוא'ן; מיט איהם איז געווען אויך זיין פלימעניק אחזיה, דער קעניג פון יהודה, וואס איז געווען ביי איהם צו גאסט. נעבען געוועזענעם נבות'ס וויינגארטען האט יורם באגעגענט זיין

הויפּט-מאַן און האָט בײַ איהם געפֿרעגט: „צי געהט אַלץ בשורה?“ נאָר יהוא האָט איהם געענטפֿערט: „ווי קאָן זײַן אַלץ בשורה, אַז אומעטום איז פֿערשפּרייט דײַן מוטערס לידערליכקייט און כשוף?!“ פֿון דעם דאָזיגען ענטפֿער האָט יורם שוין פֿערשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין גוטער סימן, און האָט אויסגערופֿען: „פֿערראַט, אחזיה!“ ער האָט געהייסען אומקעהרען זײַן רייטוואָגען אויף אַדרונטער — און בײַדע מלכים האָבען זיך געלאָזט לויפֿען. נאָר יהוא האָט איבערגעשאָסען אויף זיי מיט פֿײַלען — און יורם איז געפֿאַלען טויט אין זײַן רייטוואָגען. אויך דער קעניג פֿון יהודה איז געוואָרען פֿערוואונדעט.

נאָכדעם, ווי יהוא האָט געטויט יורמ׳ן, איז ער אַוועק אין פּאַלאַץ פֿון יזרעאל, וואו עס האָט געוואוינט דעם קעניגס מוטער, איזבל. אַז איזבל האָט איהם דערזעהן, האָט זי צו איהם איבערגערופֿען דורכ׳ן פֿענסטער: „וואָס מאַכט זמרי, דער מערדער פֿון דײַן האַר?“ (זמרי׳ס נאָמען האָט יעמאָלט געדינט פֿאַר אַ כלל-נאָמען פֿון איטליכען קעניגס-מערדער, זעה § 81). יהוא איז אַרײַן אין כעס און האָט בעפֿויהלען עטליכע דינער פֿון הויף אַרויסצושלעפּען איזבל אויפ׳ן גאַס. די דינער האָבען געפֿאָלגט און האָבען מיט אכזריות דערהרג׳עט די אַלטע קעניגין. איהר טויטען קערפּער האָבען אויף דער העלפֿט אויפֿגעפֿרעסען הינט, און נאָר דאָס, וואָס איז געבליבען, האָט יהוא געהייסען בעגראָבען. אַזוי האָט געענדיגט איהר לעבען די הויפּט-אָנפֿיהרערין פֿון דער אַנטי-נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון קעניגרייך ישראל.

נאָר דערמיט האָט זיך די דינאַסטישע איבערקעהרעניש נאָך ניט געענדיגט. מ׳האָט געדאַרפֿט נאָך אײַננעהמען די הויפּט-שטאָדט שמרון, וואו עס האָבען זיך געפֿונען אַ סך מיטגלידער פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע און הויפּט-לײַט. יהוא האָט געשיקט אַ בריעף צו די שרים און עלטסטע פֿון שמרון מיט דער איראָנישער פֿאָדערונג — זיי זאָלען קרוינען פֿאַר אַ קעניג איינעם פֿון די פּרינצען און זאָלען פֿערטיידיגען „דאָס הויז פֿון זייער האַר“. די איבערגעשראָקענע שרים און עלטסטע האָבען געענטפֿערט, אַז זיי גיבען זיך אונטער איינגאַנצען יהוא׳ן און וואַרטען אויף זײַנע בעפֿעהלען. דעמאָלט האָט יהוא געפֿאָדערט פֿון זיי אין אַ צווייטען בריעף, אַז זיי זאָלען טויטען אַלע מיטגלידער פֿון אחאב׳ס הויזגעזינד. די דאָזיגע פֿאָדערונג איז דערפֿילט געוואָרען: בײַ אַלע מיטגלידער פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע, איינגאַנצען 70 מאַן, האָט מען אָבגעהאַקט די קעפּ און אַוועקגעשיקט זיי אין קערב צו יהוא קיין יזרעאל.

נאָכדעם, אַז יהוא האָט אָבגעטאָן די דאָזיגע שרעקליכע מעשה, איז ער אַליין אַוועק קיין שמרון. אונטערוועגס האָט ער זיך אָנגעגעגענט מיט יהונדב בן-רכב, דעם אָנפֿיהרער פֿון דער סעקטע רכבים (§ 84), און האָט זיך בעגריסט מיט איהם, ווי מיט זײַנעם אַ געזינונגס-חבר, וואָס איז געטריי איבערגעגעבען יאַהוועה. יהוא האָט אײַנגעלאַדען יהונדב׳ן צו זיך אין רייטוואָגען און האָט איהם גענומען מיט זיך קיין שמרון, כדי איהם צו בעווײַזען זײַן געטרײַשאַפֿט צו

יאהוע. אז יהוא איז אנגעקומען אין שמרון, האט ער געטויט אלע לעבענגעבליבענע קרובים אחאב׳ס און זיינע הויפּט־לייט, וואס זענען געווען איבערגעגעבען דער אלטער אָרדנונג.

די דינאסטישע איבערקערעניש איז געשעהן: דאס הויז עמרי איז אומגעקומען אין יהוא, וואס איז געוואָרען אונטערשטיצט פֿון דער נאציאנאלער פּארטיי, איז געוואָרען א קעניג איבער ישראל. איצט האט מען בעדאַרפֿט מאַכען יענע אינעווייניגסטע, רעליגיעזע איבערקעהרעניש, וואס צוליעב איהר איז די פּארטיי פֿון די נביאים אריינגעטראָטען אין פֿערבינדונג מיט יהוא. כדי דאס צו דערגרייכען האט דער נייער קעניג אנגעווענדעט אזא מין קונץ. ער האט מודיע געווען, אז ער וויל מאַכען א גרויסען יום־טוב לכבוד דעם בעל, און האט צונויפֿגערופֿען אין טעמפּעל פֿון שמרון אלע כהנים און גלויביגע פֿון בעל. אין בעשטימטען טאָג, אז דער טעמפּעל איז געווען פֿול געפּאַקט מיט די כהנים און דיענער פֿון בעל, האט יהוא ארומגערינגעלט דעם טעמפּעל מיט מיליטער און האט געהייסען קיינעם ניט ארויסלאָזען פֿון דאָרט. דערנאָך האט ער געהייסען זיינע דיענער, זיי זאָלען אויסהרג׳ענען אלעמען, וואס האבען זיך געפֿונען אין טעמפּעל. אז די דיענער האבען אָבגעטאָן די דאָזיגע בלוטיגע טאַט, האבען זיי ארויסגעשלעפּט פֿון טעמפּעל דעם געצענבילד פֿון בעל און האבען איהם פֿערברענט. זיי האבען צעשטערט דעם טעמפּעל און דעם מזבח פֿון בעל, פֿערניכטעט אלע געצענבילדער, וואס האבען זיך דאָרט געפֿונען, און האבען אליין פֿערוואנדעלט אין א הויפֿען אש (886); מ׳האט שטרענג פֿערבאָטען צו דיענען די געטער פֿון די פֿעניציער. נאָר דער דינסט צו די גאָלדענע קעלבער אין בית־אל און אין דן האט נאָך אליין ווייטער עקזיסטירט. דער המון־עם האט זיך פֿאָרגעשטעלט, אז דאס זענען די בילדער פֿון יאַהוועה און ניט פֿון פֿרעמדע געטער. דער דאָזיגער קולט איז, לויט די בעגריפֿען פֿון יענער צייט, ניט געגאַנגען להיפּוך צום עצם פֿון יאַהוויזם; די פֿאָרמען פֿינ׳ם לעצטען זענען אין יענער צייט ניט געווען אינגאַנצען אויסגעאַרבייט.

עתליה און די איבערקעהרעניש אין יהודה.

§ 90. אין דער זעלביגער צייט, בשעת יהוא האט פֿערטיליגט אחאב׳ס הויז אין שמרון, האט איין פֿרוי פֿון דער זעלבער קעניגליכער פֿאַמיליע געהערשט אין יהודה, וואו זי האט געשפּיעלט די ראָל פֿון אַ צווייטער איזבל. דאס איז געווען עתליה, אַ טאָכטער פֿון אחאב און איזבל און אַ פֿרוי פֿון יהורם, דעם קעניג פֿון יהודה. יהורם איז געוואָרען קעניג נאָכ׳ן טויט פֿון זיין פֿאָטער, יהושפֿט (894). ער איז געווען זעהר אַ שלעכטער רעגירער. אין זיינע צייטען האט אדום זיך אָבגעטיילט פֿון יהודה און איז געוואָרען אַ זעלבשטענדיגע מלוכה. יהורם איז בראש פֿון זיין רייטעריי ארויס אין מלחמה קעגען די אדומים און האט זיי מנצח געווען אפֿילו, נאָר צוריק אומקעהרען די אָבגעריסענע פּראָווינץ

האָט ער ניט געקאָנט. דאָס, וואָס אדום האָט זיך אָבגעריסען, האָט פֿאַרמאַכט פֿאַר די בני-יהודה דעם וועג צום ים-סוף און האָט געמאַכט אַ סוף צו זייער ים-האַנדעל מיט אַראַביען און אינדיען. די שכנים פֿון מערבֿ-זייט, די פּלשתּים, האָבען ווידער אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ. איין מאָל, דערצעהלט דער ספֿר דבֿרי-הימים, זענען די אַריינגעדרונגען אין יהודה אינאיינעם מיט די „אַראַבער, וואָס וואוינען נעבען די כּושים", האָבען בערויבט דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און האָבען גענומען געפֿאַנגען מיטגלידער פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע. דאָס האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פֿון אַ פּשוטען רויבערישען אָנפֿאַל, נאָר פֿונדעסטוועגען האָט דאָס בעוויזען, אַז די מלוכה איז אָבגעשוואַכט געוואָרען.

אין די לעצטע יאָהרען פֿון זיין קעניגען האָט יורם געליטען פֿון עפּיס אַ „קרענק אין די געדערים", און פֿון דער דאָזיגער קרענק איז ער געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער האָט געקעניגט 8 יאָהר (887).

זיין יונגער זוהן און יורש, אחזיה, האָט געקעניגט נאָר איין יאָהר. ווי ס'איז שוין דערצעהלט געוואָרען אויבען, איז ער געווען צו גאַסט ביי זיין פֿעטער יורם בן-אַחאָבֿ אין יזרעאל, אין יענעם מאָמענט, ווען ס'איז געשעהן יהוא'ס בלוטיגע מרידה. דעמאָלט איז אחזיה געוואָרען שווער פֿערוואונדעט, אַזוי אַז ער איז דערפֿאָהרען נאָר בּיז צו דער שטאָדט מגידו און דאָרט איז ער געשטאָרבען. זיין טויטען קערפּער האָט מען געבראַכט קיין ירושלים און בעגראָבען אין קעניגליכען קבֿרים-הויז.

נאָך אחזיה'ס פּלוצלינגדיגען טויט איז זיין מוטער עתליה געוואָרען פֿערוואַלטערין פֿון יהודה (886). זי האָט געדאַרפֿט רעגירען, בּיז עס וועט אונטערוואַקסען איינער פֿון אחזיה'ס זיהן; נאָר עתליה, וואָס האָט שטאַרק ליעב געהאַט כּבֿוד, איז ניט געווען צופֿרידען מיט דער דאָזיגער בעשיידענער ראָל, נאָר זי האָט געשטרעבט צו אַ שטענדיגער מאַכט. זי האָט בעפֿוילען איהרע לייבוועכטער צו טויטען אַלע די מיטגלידער פֿון דוד'ס משפּחה, וואָס האָבען נאָך געקאָנט ירש'ענען די קרוין. לעבען געבליבען איז נאָר אחזיה'ס זוהן, יואש, אַ ברוסט-קינד. אחזיה'ס שוועסטער, יהושבֿע, די פֿרוי פֿון כּהן-גדול יהוידע, האָט אַרויסגע'גנבֿ'עט איהר קליינעם פּלימעניק יואָשן אינאיינעם מיט זיין אַם און האָט זיי בעהאַלטען אין איינעם פֿון די חדרים פֿון בית-המקדש.

זעקס יאָהר האָט עתליה געקעניגט אין יהודה (886—880). זי האָט רעגירט, ווי עס האָט געפּאַסט פֿאַר איזבֿל'ס אַ טאָכטער. זי האָט געשטרעבט צו פֿערפֿעסטיגען אין ירושלים דעם דיענסט פֿון בעל, וואָס איז אָקאָרשט אָבגעשאַפֿט געוואָרען אין שומרון. אין דער הייליגער שטאָדט, וואו עס איז געשטאַנען דער בית-המקדש, איז אויסגעבויט געוואָרען אַ „הויז פֿון בעל", מיט סטאַטועס פֿון געטער און אַ מזבח; אַ כּהן אין דעם דאָזיגען היידנישען טעמפּעל איז געווען אַ געוויסער מתּן.

די אידישע געשיכטע

די קעניגין האָט, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט איהר פּאַרטיי צווישען די העכסטע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. נאָר דער גרעסטער רוב פון פאָלק איז געווען איבערגעבראַכט איבער די אונגעזעצליכע מעשׂים. באַלד האָט זיך געבילדעט אין ירושלים אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציעל אַראָבצוואַרפען עתליה און אַרויפצוזעצען אויפ'ן טראָן דעם געזעצליכען יורש, דעם יונגען יואש. בראש פון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער כהן-גדול יהוידע, וואָס אונטער זיין השגחה איז דער יונגער פּרינץ דערצויגען געוואָרען.

אַז יואש איז אַלט געוואָרען זיבען יאָהר, האָט יהוידע בעשלאָסען אויסצופיהרען די געפּלאַנטע איבערקעהרעניש. צוליעב דעם האָט ער זיך פערבינדען מיט די הויפּט-לייט פון דער הויפּישער וואַך. איינמאָל, אין אַ שבת, האָט יהוידע אָבגעגעבען אַ געהיימען בעפעהל, אַרומצורינגלען דעם בית-המקדש מיט וואַך און ניט אַריינלאָזען אַהין קיינעם פון דער קעניגינס אָנהענגער. דערנאָך האָט ער אַרויסגעפיהרט דעם זיבען-יאָהריגען יהואש פון די אינעווייניגסטע חדרים פון בית-המקדש, האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכען אָרט, אַרויפגעלעגט אויף זיין קאָפּ די קרוין און ערקלערט איהם פאַר קעניג. אונטער טרומייטען-שאַלען האָט דאָס פערזאַמעלטע פאָלק אויסגערופען: „לעבען זאָל דער קעניג!“ אַז עתליה האָט דערהערט דעם טומעל אין בית-המקדש, איז זי געקומען צו לויפען אַהין פון איהר פּאַלאַץ און האָט דערזעהן דעם יונגען פּרינץ, ווי ער איז געשטאַנען מיט דער קרוין אויפ'ן קאָפּ. זי האָט פערשטאַנען, אַז מ'האָט קעגען איהר מורד געווען, און האָט אויסגערופען: „אַנ'אויפשטאַנד, אַנ'אויפשטאַנד!“ דעמאָלט האָט דער כהן-גדול געהייסען די הויפּטלייט פון דער וואַך, די זאָלען אַרויספיהרען די קעניגין פון בית-המקדש און איהר גאָרנישט ניט טון, ביז זי וועט אַרויסגעהן פון מקום קדוש. נאָר ווי נאָר עתליה איז אַרויסגעגאַנגען און האָט געלאָזט זיך געהן צום פּאַלאַץ, האָבען די קריגס-לייט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהר און האָבען זי געטויט (880). דאָס פאָלק האָט זיך אַריינגעריסען אין „היכל פון בעל“, האָט צעשטערט דאָרט אַלע מזבחות און בילדער און דערהרגעט דעם כהן מתּין. יואש איז געבליבען קעניג, נאָר ביז ער איז אויסגעוואַקסען, האָט אין זיין נאָמען פערוואַלטעט דער כהן-גדול יהוידע.

אויף אַזאַ אופן, איז אין משך פון צעהן יאָהר צייט צוריק איינגעפיהרט געוואָרען, סיי אין קעניגרייך ישראל, סיי אין קעניגרייך יהודה, די נאַציאָנאַלע רעליגיע און די נאַציאָנאַלע מלוכה-פערוואַלטונג.

מקורים: מלכים א', קאַפּ. ט"ז–כ"ב; מלכים ב', קאַפּ. א'–י"א; קדמוניות היהודים, ספר ט', קאַפּ. ט'–י"ב; ספר ט', א'–ז'.

ש. דובנאָוו

צווייטער קאַפּיטעל.

די הויז יהוא אין שומרון און דער אָנהויב פון דער שריפטליכער נבואה (880—769).

יהוא, יהואחז, יהואָש. — יואָש און אמציה אין יהודה. — עוזיה און די בלי־הונגס־צייט אין יהודה. — ירבעם II און די בליהונגס־צייט פון שומרון. — עמוס, א נייער טיפּ פון א נביא.

יהוא, יהואחז, יהואָש.

§ 91. עמרי׳ס דינאַסטיע איז געפאַלען אין דער צייט, בשעת דאָס קעניגרייך ישראל האָט געהאַלטען מלחמה מיט די אַרמים. אינאיינעם מיט דער קרוין, וואָס יהוא האָט אָבגענומען פון הויז עמרי, האָט ער אויך איבערגענומען בירושה די נויטווענדיגקייט שטענדיג צו פערטיידיגען דאָס לאַנד קעגען די אויסווייניגסטע שונאים. די דאָזיגע אויפגאַבע אָבער איז געווען איבער זיינע כחות. די 28 יאָהר, וואָס יהוא האָט געקיניגט (887—860), האָבען די בני־ישראל איבערגעלעבט זעהר א שלעכטע צייט. דעם גרינדער פון דער נייער דינאַסטיע האָט זיך אָפּשר איינגעגעבען ווידער איינצופיהרען דעם נאַציאָנאַלען רעזשים אין אינעווייניגסטען לעבען פון דער מלוכה, אָבער ניט צו פערבעסערן אודר לאַגע צווישען די אַנדערע מלוכות. פערקעהרט, פאַר יהוא׳ס צייטען איז די לאַגע נאָך ערגער געוואָרען.

נאָך דער בלוטיגער איבערקעהרעניש, וואָס האָט פערטיליגט דאָס הויז אחאָב, וואָס איז געשטאַנען אין מחותנ׳שאַפט מיט די פעניציער, איז אָהן א שום ספק איבערגעריסען געוואָרען דער פּאָליטישער בונד צווישען פעניציען און שומרון. די אַלטע פריינד האָט, הייסט עס, דאָס קעניגרייך ישראל אָנגעוואָרען; די פיינד אָבער זענען געבליבען די אַלטע. דער נייער אַרמישער קעניג חזאל האָט געפיהרט נאָך ענערגישער דעם קאַמפף קעגען שומרון, איידער די פריהערדיגע מלכים, און האָט אָנגעטאָן א סך צרות די בני־ישראל.

אין תנ״ך איז פאַראַן א שענע מסורה וועגען דעם, ווי אַזוי אלישע האָט פאָראויסגעזאָגט דעם טרויעריגען מזל פון זיין פאָטערלאַנד. אַז חזאל איז געווען נאָך א פּשוט׳ער הויפּט־מאַן אין דמשק, איז ער איינמאָל געקומען צו אלישע׳ן, וואָס ער האָט איהם געהאַלטען פאַר א קדוש און א נביא, כּדי צו דערגעהן, מיט וואָס וועט זיך אויסלאָזען די קרענק פון׳ם קעניג בן־הדד II. דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז דער קראַנקער קעניג וועט שטאַרבען, און זיין אָרט וועט פערנעהמען חזאל; דערביי האָט זיך דער נביא צעוויינט. „וואָס

װײנסטו מײַן האַר?" — האָט געפֿרעגט חזהאל. „װײַל איך װײס — האָט געענטפֿערט אלישע — װיפֿיל צרות דו װעסט אָנטון די בני־ישׂראל: זײערע פֿעסטונגען װעסטו פֿערברענען, זײערע יונגע לײַט — מיט׳ן שװערד טױטען, צעקלאַפּען די קעפּ זײערע ברוסט־קינדער און צערײַסען זײערע טראָגעדיגע פֿרױען".

די דאָזיגע מסורה בעװײַזט, װאָס פֿאַר אַ רושם עס איז געבליבען אױפֿ׳ן פֿאָלק ישׂראל פֿון די אַרמישע אָנפֿאַלען אין יענער צײַט. חזהאל׳ס חיל האָט, דער עיקר, פֿערװיסט די געגענדען אין עבר־הירדן, גלעד און בשן (ס׳קאָן זײַן בשותּפֿות מיט די עמונים), האָט אונטערדריקט די דאָרטיגע שבטים ראובן, גד און מנשה און פֿלעגט אָפּטון יענע אַכזריות׳דיגע מעשׂים, װאָס װערען דערצעהלט אין דער דערמאָנטער מסורה.

נאָך ערגער איז געװען די לאַגע פֿון דער מלוכה אין דער צײַט פֿון יהוא׳ס זוהן, יהואחז (845—860). אין יענער צײַט פֿלעגען חזהאל און זײַן זוהן בן־הדד III שױן אַרײַנדרינגען אַפֿילו אין די אינעװײניגסטע פּראָװינצען, װאָס זענען געלעגען אין מערב־זײַט פֿון ירדן. דער פּועל־יוצא פֿון די דאָזיגע אָנפֿאַלען איז געװען דאָס, װאָס שמרונ׳ס קריגס־מאַכט איז אינגאַנצען געפֿאַלען. װי דער תּנ״ך דערצעהלט, איז בײַ יהואחז׳ן געבליבען נאָר אַ קלײנער חיל פֿון 10,000 מאַן פֿוספֿאָלק, 50 רײַטער און 10 קריגס־רײַטװעגען.

ערשט אין די צײַטען פֿון יהואחז׳ס זוהן, דעם קעניג יהואָש (830—845), האָט זיך דאָס קעניגרײַך ישׂראל אַ ביסעל אָבגעכאַפּט נאָך די מפּלות, װאָס עס האָט בעקומען. יהואָש האָט צעשלאָגען די ארמים נעבען אפֿקה, אין טאָל יזרעאל, און האָט װידער אָבגענומען בײַ זײ אַ סך פֿון די שטעדט, װאָס זײ האָבען געהאַט אײַנגענומען. פֿאַר די בני־ישׂראל איז געװען גינסטיג דער אומשטאַנד, װאָס אין יענער צײַט האָט אַסיריען אָנגעהױבען אַלײן אָפֿטער מאַכען אָנפֿאַלען אױף דער מלוכה פֿון ארם. אין דעם דאָזיגען אומגלײַכען שטרײַט האָבען זיך די כּחות פֿון אַרם אַלײן מעהר אױסגעשעפּט; די מלכים פֿון דמשק איז אױסגעקומען צו טראַכטען װעגען דעם, װי צו פֿערטײדיגען זײערע אײגענע לענדער, און זײ האָבען מעהר ניט געקאָנט מיט דער פֿריהערדיגער ענערגיע פֿיהרען זײערע מלחמות קעגען שמרון.

װעגען דער אינעװײניגסטער לאַגע פֿון קעניגרײַך ישׂראל אין די צײַטען פֿון די ערשטע מלכים פֿון הויז יהוא איז כּמעט װי גאָרנישט ניט בעװאוסט. מ׳מוז משער זײַן, אַז בנוגע צו דער אינעװײניגסטער פֿערװאַלטונג און צו דער רעליגיע איז די װירקונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטײ געװען שטאַרקער, װי אין די צײַטען פֿונ׳ם הויז עמרי. אלישע הנביא איז נאָך מסתּמא אַ לאַנגע צײַט געשטאַנען בראש פֿון דער דאָזיגער פּאַרטײ. ער איז געשטאָרבען זעהר אַלט, אין דער צײַט פֿון קעניג יהואָש. פּונקט אַזױ װי אליהו, אַזױ איז אױך אלישע געבליבען אין פֿאָלקס זכּרון אַלס אַ הײליגער מאַן און אַ בעל־מופֿת. נאָר דער אמת׳ער היסטאָרישער פֿערדינסט אלישע׳ס בעשטעהט דערין, װאָס ער האָט

געקעמפּפט קעגען דער פֿרעמדער ווירקונג און האָט מיטגעהאָלפֿען ווידער אײַנצושטעלען דעם נאַציאָנאַלען גאָטעסדיענסט.

יואָש און אמציה אין יהודה.

§ 92. אין קעניגרײַך יהודה האָט געזאָרגט וועגען דער פֿערפֿעסטיגונג פֿון דער רעליגיע און דער זעלבשטענדיגער קולטור דער פֿעטער און אַפּיטראָפּוס פֿונם יונגען קעניג יואָש, דער כהן-גדול יהוידע. כל זמן יהוידע האָט געלעבט, איז דער יונגער קעניג געווען אינגאַנצען אונטער דער ווירקונג פֿון די כהנים. די דאָזיגע ווירקונג האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף דער טעטיגקייט אין דער ערשטער העלפֿט פֿון זײַן קיניגען. אַז יואָש איז געוואָרען פֿול-יאָהריג (בערך אין יאָהר 870), האָט ער געהייסען די כהנים צוטרעטען צום פֿערריכטען דעם בית-המקדש (לחזק את בדק הבית). צוליעב דעם צוועק האָט מען געקליבען נדבות איבערן גאַנצען לאַנד. אין ירושלים פֿלעגען די מנדבים אַראָבלאָזען זייערע נדבות אין אַ בעזונדער קעסטיל, וואָס איז געשטאַנען אין הויף פֿון בית-המקדש, נעבען מזבח. פֿאַר די צונויפֿגעקליבענע געלד האָט מען געקויפֿט בוי-מאַטעריאַל, גע-דונגען בוי-מייסטערס און מויערער. צי האָט מען הערפֿירט דעם רעמאָנט פֿון בית-המקדש ביזן סוף, דאָס איז ניט בעוואוסט. ס'איז מעגליך, אַז דערין האָט געשטערט דער פּלוצלינגדיגער אָנפֿאַל פֿון די אַרמים.

נאָך אַן אײַנגעגעבענעם אָנפֿאַל אויף שמרון, איז דער קעניג חזהאל אַרײַנגעדרונגען אויך אין יהודה, וואוהין די אַרמים זענען ביז יענער צייט קיין מאָל ניט געקומען. דער שונא האָט שוין געהאַט אײַנגענומען די געוועזענע פּלשתישע שטאָדט גת און האָט זיך געלאָזט געהן קיין ירושלים. נאָר יואָש האָט ניט דערלאָזען צו אַ געשלעג. ער האָט גענומען פֿון די אוצרות פֿון בית-המקדש אַ סך געלד און זילבער און האָט עם אָבגעשיקט דעם קעניג חזהאל. בעקומען די דאָזיגע אָבצאָהלונג, האָט זיך דער אַרמישער קעניג צוריק אומגעקעהרט אין זײַן לאַנד.

נאָך יהוידעס טויט האָט יואָש אויפֿגעהערט צו לעבען בשלום מיט די כהנים, וואָס האָבען , אַפּנים, פֿערכאַפּט אַ צו-גרויסע מאַכט אין די מלוכה-ענינים. ס'איז פֿאָרגעקומען די געוועהנליכע צוזאַמענשטויסונג צווישען דער קעניגליכער מאַכט און די פֿאָרשטעהער פֿון דער ריינער טעאָקראַטיע. דער תנ"ך (וואָס שטעהט אויפֿן צד פֿון די טעאָקראַטען) דערצעהלט, אַז יואָש האָט זיך אונטערגעגעבען דער ווירקונג פֿון וועלטליכע שרים און האָט אָנגעהויבען צו שטיצען די, וואָס זענען עובר געווען אויף גאָטס חוקים. יעמאָלט איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע מחלוקת צווישען איהם און דעם כהן-גדול זכריה, יהוידעס זוהן. זכריה האָט דערמאָנט יואָשן, אַז ער אַליין האָט צו פֿערדאַנקען זײַן קרוין דעם כהן-גדול, און האָט פֿאַר אַלעמען אין די אויגען געשראָקען דעם קעניג מיט גאָטס צאָרן. דער קעניג איז אַרײַן אין כעס און האָט געהייסען טויטען זכריהן אין הויף פֿון בית-המקדש. פֿאַרן טויט האָט זכריה געזאָגט:

„גאָט זעט זעהן און וועט נקמה נעהמען!" דעם קעניגס אַכזריות'דיגע טאַט האָט אױפֿגעװעקט אַן־אױנצופֿרידענקײט ניט בלױז צװישען די כהנים, נאָר אױך צװישען אײניגע פֿערזאָנען, װאָס זענען געשטאַנען נאָהענט צום קעניגליכען הױף. ס'האָט זיך געבילדעט אַ פֿערשװערונג — און צװײ הױפֿ־לײט האָבען דערהרג'עט יואָש'ן און האָבען זיך נוקם געװען, אױף אַזאַ אופֿן, פֿאַר'ן בלוט פֿון יהוידע'ס זוהן (843).

יואָש'עס זוהן און יורש, **אמציה** (815—843), האָט קודם כל געטױט זײן פֿאָטערס מערדער. נאָר אױך ער האָט ניט געקאָנט אײנשטעלען אַ פֿעסטע אָרדנונג אין לאַנד. דער נײער קעניג האָט געפֿיהרט אַ סך מלחמות מיט זײנע שכנים. צוערשט איז ער אַרױס מלחמה האַלטען מיט די אדומים, װאָס האָבען זיך אָבגעזאָגט צו דיענען יהודה נאָך פֿאַר דער צײט פֿון קעניג יהורם. די אדומים האָבען זיך בעפֿעסטיגט אין זײערע אונצוגענגליכע בערג; נאָר אמציה איז אַרײנגעדרונגען אין דער דאָזיגער בערגיגער געגענד. אין דער שלאַכט אין זאַלץ־טאָל (גיא המלח) האָט ער געשלאָגען די אדומים און האָט אײנגענומען אין שטורם זײער דױפּטליכע פֿעסטונג סלע (פּעטרא, „פֿעלז").

נאָך זײן נצחון איבער די אדומים האָט אמציה אָבגעטאָן אַן־אױנזיניגע מעשה: ער האָט אַרױסגערופֿען אױף מלחמה יהואָש, דעם קעניג פֿון ישראל. װאָס איז געװען די סבה פֿון דער פֿײנדשאַפֿט צװישען די בײדע מלכים, דאָס דערצעהלט דער תנ"ך ניט. זינט דאָס הױז עמרי איז געפֿאַלען, האָט אױפֿגעהערט די פֿרײנדשאַפֿט צװישען שמרון און יהודה, װאָס איז געגרינדעט געװען אױף דער קרובה־שאַפֿט פֿון די דינאַסטיעס. אין דער צײט פֿון די מלכים פֿון הױז יהוא האָט זיך אָבער, װידער אױפֿגעװעקט די אַלטע התנגדות צװישען די בײדע ברידערליכע מלוכות, און בײ דעם דריטען קעניג פֿון הױז יהוא איז עס געקומען צו אַ צוזאַמענשטױס. יהואָש האָט זיך געפֿיהלט שטאַרק בעלײדיגט דערמיט, װאָס אמציה האָט איהם אַרױסגערופֿען אױף אַ מלחמה: ער איז דאָך געװען אַ הערשער איבער דער גרױסער מלוכה פֿון ישראל און האָט זיך געהאַלטען העכער פֿאַר'ן קעניג פֿונ'ם קלײנעם קעניגרײך יהודה. לױט װי דער תנ"ך דערצעהלט, האָט יואָש געענטפֿערט אמציה'ן מיט אַ משל װעגען דאָרן־בױם, װאָס האָט געװאָלט זיך פֿערגלײכען מיט אַ צעדער־בױם פֿון לבנון, נאָר ער איז צעטראָטען געװאָרען פֿון די װאַלד־חיות. „דו האָסט געשלאָגען די אדומים — האָט יואָש געלאָזט זאָגען אמציה'ן — און דו ביזט גרױס געװאָרען בײ זיך אין די אױגען, זיץ בעסער בכבוד'ערהײד בײ זיך אין דער הײם און נעהם ניט אַרױף קײן צרה אױף זיך און אױף די בני־יהודה". אמציה האָט ניט געפֿאָלגט און איז אַרױסגעטראָטען מיט זײן חיל קעגען דעם קעניג פֿון ישראל. נעבען בית־שמש איז פֿאָרגעקומען אַ שלאַכט צװישען די בני־יהודה און די בני־ישראל. די בני־יהודה זענען געשלאָגען געװאָרען; אמציה אַלײן איז גענומען געװאָרען געפֿאַנגען. דער חיל פֿון ישראל איז צוגעטראָטען צו ירושלים און האָט צעשטערט אַ טײל

פֿון די שטאָדטישע מויערן. נאָר מ׳האָט געגעבען יהואָש׳ן אַ רייכען אויסקויף פֿון די אוצרות פֿון בית־המקדש, און ער האָט באַפֿרייט אמציה׳ן פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט און האָט זיך אומגעקעהרט קיין שמרון.

די דאָזיגע מפּלה, וואָס איז אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך אמציה׳ס אומזיניגע מאַט, האָט דערוועקט ביי דער ירושלים׳ער באַפֿעלקערונג אַ שטאַרקע אונצופֿרידענקייט קעגען קעניג. אין דער הויפּט־שטאָדט האָט אויסגעבראָכען אַן אויפֿשטאַנד. אמציה איז אַנטלאָפֿען קיין לכיש, נאָר די מורדים האָבען איהם דאָרט געכאַפּט און געטויט.

פֿאַר׳ן קרוין־ירש איז אָנערקענט געוואָרען אמציה׳ס 16־יאָהריגער זוהן, עזריה אָדער עזיה. אין די ערשטע יאָהרען (בערך אין די יאָהרען 815—805) האָבען, ווי עס ווייזט אויס, פֿערוואַלטעט אין דעם נאָמען פֿונ׳ם יונגען פּרינץ איניגע איינפֿלוסרייכע ירושלים׳ער שׂרים. אין יענער צייט האָט זיך יהודה געפֿונען אין זעהר אַ טרויעריגען צושטאַנד. אַזוי ווי דער בונד מיט שמרון איז געווען איבערגעריסען, האָט יהודה זיך געמוזט פֿערלאָזען אויף די אייגענע כּחות אין׳ם קאַמפּף מיט אויסווייניגסטע פֿיינד און האָט אפֿילו ניט געקאָנט אויסנוצען אמציה׳ס נצחון איבער די אדומים. די לעצטע האָבען גענומען נקמה פֿאַר דער מפּלה, וואָס זיי האָבען ניט לאַנג בעקומען, פֿלעגען מאַכען רויבערישע אָנפֿאַלען אויף יהודה, פֿלעגען רויבען, טויטען, נעהמען געפֿאַנגען מענשען און פֿערקויפֿען זיי פֿאַר קנעכט די איינוואוינער פֿון ווייטע לענדער. די דאָזיגע מהומות האָבען אויפֿגעהערט נאָר דעמאָלט, ווען דער קעניג עזיה האָט אַליין איבערגענומען די ממשלה אין זיינע הענד.

עזיה און די בליהונגס־צייט פֿון יהודה.

§ 93. עוזה׳ס קיניגען, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט (805—755), איז געווען פֿאַר יהודה אַ צייט פֿון אויסווייניגסטען גלאַנץ און אינעווייניגסטען וואוילשטאַנד. דער נייער קעניג האָט באַלד אויסגעהיילט די וואונדען, וואָס די מלוכה האָט בעקומען פֿאַר דער צייט פֿון די פֿריהערדיגע צוויי מלכים. בכדי צו פֿערטיידיגען דאָס לאַנד קעגען די אָנפֿאַלען מצד די פֿיינד, האָט דער קעניג פֿערגרעסערט זיין אַרמעע און האָט אויסגעבויט עטליכע פֿעסטונגען אויף דער גרעניץ פֿון דער מלוכה. ער האָט ווידער אויפֿגעבויט דעם טייל פֿון די מויערן פֿון ירושלים, וואָס איז צעשטערט געוואָרען אין דער צייט פֿון אמציה, האָט אויפֿגעבויט דאָרט אויך טורעמס, אויפֿגעשטעלט מאַשינעס, וואָס שליידערן גרויסע שטיינער און פֿיילען (חשבנות מחשבת חושב להיות על המגדלים ועל הפּנות לירוא בחצים ובאבנים גדלות). די קריגס־לייט האָבען בעקומען נייע שילדען, שפּיזען און קיוועס. מ׳האָט פֿערגרעסערט די צאָהל פֿון די קריגס־רייטוועגען און פֿערד, וואָס מען האָט געבראַכט פֿון מצרים.

נאכדעם ווי עוזיה האט פון דאס־ניי איינגעארדענט זיין חיל, האט ער זיך געווענדט קעגען די אויסווייניגסטע פיינד, וואס האבען ניט געלאזען רוהען יהודה אין דער לעצטער צייט. ער האט פון דאס־ניי אונטערטעניג געמאכט די אדומים און האט ווידער איינגענומען די האפען־שטאדט אילות, אויפ'ן ברעג פון רויטען ים (ים־סוף). דאס האט געגעבען די מעגליכקייט די בני־יהודה ווידער זיך אומצוקעהרען צום ים־האנדעל מיט אראביען און אינדיען, וואס האט זיך אבגעשטעלט נאך יהושפט'ס טויט. עוזיה האט אויך עטליכע מאל מנצח געווען די פלשתים און די אראבער, וואס פלעגען בעפאלען דאס לאנד פון מערב־זייט און דרום־זייט. ביי די פלשתים האט ער אבגענומען עטליכע שטעדט, צווישען זיי אויך אשדוד.

אין דער זעלביגער צייט, האט דער קעניג (וואס האט ליעב געהאט ערד־ארבייט און האט אליין געהאט גרויסע מאיאנטקעס אין פערשיעדענע ערטער) געזארגט פאר דער ענטוויקלונג פון דער ערד־ארבייט און אינדוסטריע. יהודה האט אין יענער צייט געפיהרט א גרויסען האנדעל מיט פעניציען און עגיפטען. די רייכטימער פון די דאזיגע צוויי קולטור־לענדער האבען זיך צונויפגעפלאסען אין דעם קליינעם לאנד פון יהודה און האבען דערוועקט ביי דער בעפעלקערונג א נטיה צו לוקסוס און פערשווענדונג. „און דאס לאנד איז פיל געווארען מיט זילבער און מיט גאלד — זאגט ישעיה הנביא, וואס האט געלעבט אין יענער צייט — און עס איז קיין סוף ניטא צו זיינע אוצרות; און דאס לאנד איז פיל געווארען מיט פערד — און עס איז קיין סוף ניטא צו זיינע רייטוועגען“. (ותמלא ארצו כסף ואין קצה לאוצרותיו ותמלא ארצו סוסים ואין קצה למרכבותיו.)

די דאזיגע ליכטיגע צייט איז אבער פערטונקעלט געווארען דורך עטליכע טרויעריגע געשעהענישען. אין אנהויב פון עוזיה'ס קעניגען האבען געטראפען אין לאנד צוויי אונגליקען: א שטארקע ערדציטערניש (רעש), וואס האט ארומגענומען גאנץ פאלעסטינע, האט צעשטערט א סך הייזער אין פערשיעדענע ערטער פון יהודה און אומגעבראכט א סך מענשען; דערנאך איז אנגעפאלען א מחנה היישעריקען און האבען אויפגעפרעסען אלע תבואות אויף די פעלדער און די פירות אין די גערטענער און וויינגערטענער. די דעמאלטיגע נביאים (עמוס, יואל) האבען גערעכענט די דאזיגע אונגליקען פאר סימנים פון גאטס צארן.

אין דער צווייטער העלפט פון עוזיה'ס קעניגען האט זיך איבערגעחזר'ט די זעלביגע צוזאמענשטויסונג צווישען דעם קעניג און די כהנים, וואס האט זיך אנגעהויבען נאך אין דער צייט פון זיין זיידען, יואש. דאס מאל האט זיך דער קעניג דערלויבט זיך אריינצומישען אין דער עבודה פון בית־המקדש. איין מאל — דערצעהלט דער תנ"ך — איז עוזיה אריין אין בית־המקדש און האט געוואלט מקטיר זיין די קטורת נעבען מזבח, — וואס לויט'ן געזעץ האבען געמעגט נאר די כהנים. די כהנים האבען געפאדערט פון קעניג, ער זאל ארויסגעהן פון בית־המקדש און זאל ניט פערשוועכען דעם הייליגטום. נאר עוזיה האט ניט געפאלגט און האט זיך אוועקגעשטעלט נעבען מזבח הקטורת. פלוצלינג האבען די, וואס

זענען געשטאַנען אַרום, בעמערקט, אַז אויפֿן קעניגס שטערן האָט זיך באַוויזען אַ צרעת. דער מצורע איז באַלד אַרויס פֿון בית-המקדש. דאָס פֿאָלק האָט דאָס געהאַלטען פֿאַר אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר דעם קעניגס חלול הקודש. עוזיה האָט זיינע גאַנצע לעצטע יאָהרען געליטען פֿון דער דאָזיגער שרעקליכער קראַנק-הייט, און האָט געמוזט וואוינען אין אַן אָפּגעזונדערטען חדר. איבער דער מלוכה האָט פֿערוואַלטעט אין יענער צייט זיין זוהן, דער קרוין-ירש **יותם**.

ירבעם II און די בליהונגס-צייט פֿון שמרון.

§ 94. נאָך לאַנגע יאָהרען פֿון צרות און מלחמות אָהן אַנאויפֿהער, האָט אייך די מלוכה פֿון ישראל זיך בערוהיגט און דערגרייכט צו אַ הויכער מדרגה פֿון מאַכט אין די צייטען פֿון ירבעם II, דעם זוהן פֿון יהואש, דעם פֿערטען קעניג פֿון הויז יהוא. ירבעם II, וואָס האָט געקעניגט זעהר אַ לאַנגע צייט (769—830), האָט מיט ערפֿאָלג געקעמפֿט קעגען די אונטערדריקער פֿון פֿאָלק ישראל, האָט זיי אונטערטעניג געמאַכט און פֿערברייטערט די גרעניצען פֿון זיין מלוכה. ער האָט מנצח געווען אין צפֿון-זייט די ארמים און איז אַריינגעדרונגען אַפֿילו אין זייער הויפּט-שטאָדט דמשק. אַזוי ווי די ארמים זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך די אָנפֿאַלען פֿון זייערע מעכטיגע שכנים — די אַסירער, דעריבער האָבען זיי ניט געקאָנט אַנטקעגענשטעלען זיך קעגען די בני-ישראל און האָבען געמוזט צוריק אָפּגעבען אַלע שטעדט פֿון ישראל, וואָס זיי האָבען זיי געהאַט פֿריהער איינגענומען. מיט דעם איינענעם ערפֿאָלג האָט ירבעם II מלחמה גע-האַלטען אין מורח-זייט פֿון ירדן מיט די מואבים און אַנדערע פֿיינדליכע שבטים. דער נביא **יונה בן-אמתי** פֿון גת-החפֿר האָט צוגעגעבען מיט דעם קעניג, ער זאָל אונטערנעהמען די דאָזיגע מלחמות, וואָס האָבען געהאַט דעם ציעל צו פֿער-ברייטערן די גרעניצען פֿון קעניגרייך ישראל. אַ דאַנק ירבעם II-טענס נצחונות, האָט זיך דאָס קעניגרייך ישראל פֿערשפּרייט, ווי אין די אַלטע צייטען, פֿון באַרג לבנון ביז צום ים-המלח.

פֿערזיכערטע קעגען אויסווייניגסטע אָנפֿאַלען, האָבען די איינוואוינער פֿון קעניגרייך ישראל געקאָנט לעבען רוהיג און זיך אָפּגעבען זייערע פֿריהליכע פּרנסות. דער האַנדעל מיט די פֿעניציער האָט רייך געמאַכט דאָס לאַנד. שמרון איז אויסגעפּוצט געוואָרען מיט פּאַלאַצען פֿון רייכע לייט. דער לוקסוס האָט זיך פֿערשפּרייט אין דער הויפּט-שטאָדט נאָך מעהר, איידער אין איזבלס און אחאבס צייטען. דער קעניג ירבעם II האָט געהאַט צוויי פּאַלאַצען: אַ זומערדיגען און אַ ווינטערדיגען. די גבירים און חשובֿ'ע לייט פֿלעגען זיך אויסבויען הייזער פֿון גלאַטע, צוגעהאַקטע פֿירקאַנטיגע שטיינער און פֿלעגען בעדעקען די הייזער מיט שניצערייען פֿון העלפֿאַנד-ביין. זיי פֿלעגען טראָגען קליידער פֿון טייערע געוואַנט, עסען טייערע מאכלים, טרינקען אַלטע ווייַנען, שמירען זיך די הויט מיט שמעקענדיגע אייל. אין די פּאַלאַצען פֿון די גבירים אין שמרון פֿלעגט

שטענדיג זיין ששון ושמחה. מעהר פון אלעמען זענען די פרויען געווען איבערגעגעבן צום לוקסוס און צו תענוגים.

נאר דאס איז נאר איין זייט פון דעם בילד. ווי דאס קומט פאר אומעטום, איז אין גלייכער מאס ווי עס זענען געוואקסען די קאפיטאלען פון די העכערע קלאסען, איז אויך געוואקסען די ארימקייט פון דער ארבייטענדער מאסע. דער אונגעהויערער עקאנאמישער געגענזאץ האט געהאט זיינע געוועהנליכע טרויעריגע פעולות אין סאציאלען לעבען. א סך פלעגען אנקלייבען זייערע עשירות דורך פאלשקייט און גוואלדטאטען, דורך אונטערדריקען דעם שוואכען און בערויבען דעם ארימאן. די רייכע פלעגען אפטמאלס לייהען געלד די ארימע לייט, און אז די בעלי-חובות זענען ניט געווען אימשטאנד צום טערמין צו בעצאהלען דעם חוב, פלעגען די קרעדיטארען אבנעהמען ביי זיי זייער לעצט שטיקעל אייגענס אדער צונעהמען זיי גופא פאר קנעכט. אין ניט-געראטענע יאהרען פלעגען די גבירים פערקויפען די ארימע לייט תבואה פון זייערע שפייכלערס פאר טייערע מקחים; די סוחרים פלעגען אבנארען די קונים, געברויכענדיג א פאלשע וואג און א פאלשע מאס. די שופטים און איבערשטע זענען געשטאנען אויפן צד פון די ושטארקע און ניט פון די שוואכע; זיי פלעגען נעהמען שוחד ביי די אונטערדריקער און פלעגען זיך ניט צוהערען צו די אנקלאגען פון די אונטערדריקטע. די מדות זענען פערדארבען געווארען — און מיט זיי אינאיינעם די רעליגיעזע השגות. מען האט געדיענט ניט בלויז די אלטע אבבילדונגען פונים גאט פון ישראל, אין דער געשטאלט פון די גאלדענע קעלבער, נאר אויך די געצענבילדער פון בעל און אסטארטע (עשתרת). די כהנים ביי די מזבחות האבען זיך אויך געיאגט נאר נאך עשירות און תענוגים און האבען געוויזען דעם פאלק א שלעכטען ביישפיעל.

אויף אזא אופן האט זיך, אין די צייטען פון די מלכים עוזיה און ירבעם II, איינגעשטעלט אין ביידע מלוכות כמעט איין און די זעלביגע קולטורעל-עקאנאמישע ארדנונג. ביידע מלוכות האבען זיך דערנעהנטערט צום טיפ פון בליהענדיגע מזרחדיגע מלוכות, וואו די אויבערוויגנסטע שטאדטישע קולטור, הגם זי פערברייטערט דעם גייסטיגען געזיכטס-קרייז פון דער נאציע, נאר אין דער זעלבער צייט פערדארבט זי די ריינקייט פון די מדות און טראגט ארויין עלעמענטען פון חורבן. די דאזיגע סימנים פון חורבן טרעטען ארויס אבער אין קעניגרייך ישראל א סך בולטער, ווי אין קעניגרייך יהודה. אין ירושלים זענען די רעליגיעזע טראדיציעס געווען שטארקער, איידער אין שמרון. די אפיציעלע צענטראליזאציע פון קולט אין בית-המקדש האט אין א געוויסער מאס אבגעהיט די גייסטיגע אייגענארטיגקייט פון פאלק (די פראווינציעלע מזבחות אויף די „במות" האבען עקסיסטירט אין יהודה בלויז אין דער געשטאלט פון ניט-לעגאלע אויסנאהמען), אין דער צייט, ווען די צענטראליזאציע פון קולט אין קעניגרייך ישראל, וואו ס'האבען אין א סך ערטער געזעצליך עקסיסטירט טעמפלען מיט פער=

שיידענע האלב־היידנישע פֿארמען פֿון גאטעסדינסט, האט געווירקט להיפּוך, צום אבשוואכען דעם נאציאנאלען גייסט. און אין יענע צייטען פֿלעגט די אָב־שוואכונג פֿון דער רעליגיע ארויסרופֿען א פֿערדאָרבענדייט פֿון די מדות. אט פֿאַרוואָס אין קעניגרייך ישראל האבען דעמאלט בעזאנדערס הויך געהערט זיך די שטראָף־רייד פֿון די נביאים, וואס האבען געקעמפֿט פֿאר'ן רייניגען גלויבען און פֿאר דער העכסטער מאראל.

עמוס, א נייער טיפּ פֿון א נביא.

§ 95. אין משך פֿון עטליכע יאָהרהונדערטען האט דאס אידישע פֿאלק כסדר געהאט זיינע נביאים. זינט שמואל'ס צייטען האבען זיי שטענדיג אָבגעהיט די העכסטע גייסטיגע אינטערעסען פֿון דער נאציע און האבען פּראָטעסטירט קעגען רעליגיעזע טעות'ען און קעגען דער סאציאלער אונגערעכטיגקייט. נאר דער טיפּ פֿון נביא און די אופֿנים פֿון זיין פּראָפּאגאנדע האבען זיך מדרגות'ווייז געביטען און זענען געוואָרען אלץ פֿערוויקעלטער, פֿולקומענער. די ערשטע נביאים האבען, דער עיקר, געדיענט אלס אנזאגער פֿון צוקונפֿטיגע געשעהענישען (רואה); די מלכים פֿלעגען זיך מיט זיי בעטצען אלס אראקעלן, יועצים און גייסטליכע (שמואל, נתן, גד). שפּעטער טרעטען שוין די נביאים ארויס אלס פֿאלקס־טריבונען, הגם פֿון פֿאלק ווערען זיי נאך בעטראכט אלס בעלי־מופֿת. אלס פֿאלקס־פֿארשטעהער קעמפֿפֿען זיי קעגען אנטי־נאציאנאלען רעזשים (אליהו) און אמאל רופֿען זיי ארויס אפֿילו א פּאליטישע איבערקערעניש (אלישע).

נאר צולעצט קומט אויף א נביא פֿון העכסטען טיפּ. דאס איז דער נביא, וואס שטעלט זיך אונז פֿאר אלס לערער און בעגייסטערטער דרשן. ער מוסר'ט א מאל די מלכים און שרים, אמאל דעם גאנצען פֿאלק; ער דעקט אויף די ליגענס און אונרעכט אין אלע ווינקעלעך פֿון לעבען; ער ענטוויקעלט נייע סאָציאלע אידעאלען; ער עפֿענט אויף פֿאר זיינע צוהערער ברייטע האריזאנטען. ער שאפֿט ניט קיין מופֿתים, כדי צוצוציהען צו זיך דעם המון, ער רעדט ניט מיט משלים, נאר מיט דער היציגקייט פֿון א בעגייסטערטען שליח זאגט ער ארויס ערהאבענע רעליגיעזע, זיטליכע און פּאליטישע אמת'ען. די רעדעס פֿון די דאזיגע בעגייסטערטע מענשען זענען פֿערשריבען געוואָרען און זענען געבליבען אין די ספֿרים פֿון תנ"ך ביז היינטיגען טאג. די נבואה שבעל פּה איז איבערגעגאנגען אין נבואה שבכתב. איינער פֿון די ערשטע נביאים פֿון דעם דאָזיגען טיפּ איז געוועזען עמוס פֿון תקוע, א שטעדטיל ניט ווייט פֿון בית־לחם־יהודה.

עמוס איז געוועזען א פֿרידליכער דאָרפֿס־איינוואוינער, וואס האט געהיט זיינע טשערעדעס אין מיטען די בערג פֿון יהודה. אין די צייטען פֿון ירבעם II האט ער זיך אריבערגעקליבען אין בית־אל. בית־אל איז אין יענער צייט געווען דער הויפּטליכער רעליגיעזער צענטער פֿון קעניגרייך ישראל; און די גרויסע

ימים-טובים פּלעגען ירבעם מיט זײַנע שׂרים קומען צו פּאַדרען אין די דאָזיגע הײליגע שטאָדט. דאָ האָט עמוס געקאָנט זיך גוט צוקוקען צו דער רעליגיעזער און קולטורעלער פֿערדאָרבענקײַט, װאָס האָט זיך אײַנגעװאָרצעלט אין די העכערע שיכטען פֿון דער געזעלשאַפֿט. ער איז געװען בעזונדערס אויפֿגעבראַכט קעגען דעם פֿערשװענדערישען לעבען פֿון די גבירים, קעגען דער געלד-גיריגקײַט און אונגערעכטיגקײַט פֿון די בעאַמטע, קעגען דער פּאָליטישער קורצזיכטיגקײַט פֿון די רעגירער, װאָס האָבען אויסגענוצט די אָנגעקומענע רוהיגע צײַט נאָר דערויף, כּדי זיך איבערצוגעבען פֿערשײדענע תּענוגים, און האָבען ניט בעמערקט דעם קריגס-שטורם, װאָס האָט זיך פֿון דערװײַטענס אָנגערוקט... עמוס, װאָס האָט דאָס אַלצדינג פֿערשטאַנען מיט זײַן טיעפֿען שׂכל, האָט אָנגעהויבען אין זעהר שאַרפֿע רעדעס צו שטראָפֿען זײַנע ברידער פֿאַר זײערע זינד. ער האָט געטאַדעלט די געלדגיריגקײַט און די פֿערשװענדערײַ פֿון די רײַכע, די אַכזריות פֿון די שטאַרקע, די שלעכטע מדות; ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לאַנד װעט װערען אונגליקליך, אויב דאָס פֿאָלק װעט זיך ניט בעסערן.

די כּהנים פֿון בית-אל זענען ניט געפֿעלען געװאָרען די רעדעס פֿון דעם נײַעם נביא. אײנער פֿון זײ, אמציה, האָט געמסר'ט דעם קעניג ירבעם, אַז עמוס הנביא טרעט אַרויס װי אַ מורד במלכות און ער רודערט אויף די געמיטער, מחמת ער זאָגט נביאות, אַז דאָס לאַנד װעט אונטערגעהן. אמציה האָט פֿאָר-געלעגט עמוס'ן, ער זאָל פֿערלאָזען בית-אל, אַװעקגעהן אין לאַנד יהודה און דאָרט זאָגען נביאות. „אָבער אין בית-אל — זאָגט ער — זאָלסטו זיך ניט דער-װעגען מעהר צו זאָגען נביאות, װאָרום דאָ איז דעם קעניגס הײליגטום און אַ קעניגליכע הויף" (כּי מקדש מלך הוא ובית ממלכה הוא.) נאָר עמוס האָט דערויף געענטפֿערט: „איך בין ניט קײן נביא און ניט קײן זוהן פֿון אַ נביא; איך בין אַ פּאַסטוך און קלײַב ניקאָמאָרען; נאָר גאָט האָט מיך צוגענומען פֿון די טשערעדעס שאָף און האָט געזאָגט: געה זאָג נביאות פֿאַר מײַן פֿאָלק ישׂראל!" (לא נביא אנכי ולא בן-נביא כּי בוקר אנכי ובולס שקמים. ויקחני ה' מאחרי הצאן ויאמר אלי ה' לך הנבא לעמי ישׂראל).

און ער האָט װײַטער געהאַלטען זײַנע פֿײַערדיגע רעדעס מיט דער בעגײַ-סטערונג פֿון אַ מענשען, װאָס איז איבערצײַגט, אַז דורך זײַן מויל רעדט גאָט: „אַ לײב שרײַט — װער זשע װעט ניט דערשראָקען װערען? גאָט רעדט — װער װעט ניט נביאות זאָגען? גאָט טוט קײן זאַך ניט, אײדער ער ענטפּלעקט זײַן סוד זײַנע קנעכט, די נביאים" (אריה שאג מי לא יירא ה' דבר מי לא ינבא. כּי לא יעשׂה ה' דבר כּי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים).

אין עמוס'עס רעדעס בעמערקט זיך דאָס ערשטע מאָל דער איבערגאַנג פֿון דער השגה װעגען יאַהװע אַלס אַ נאַציאָנאַלען גאָט צו אַן אוניװערסאַלען. לויט דעם געדאַנק פֿון נביא, איז יאַהװע דער הערשער ניט בלויז פֿון אידישען פֿאָלק, נאָר אויך פֿון אַלע פֿעלקער; ער איז ניט נאָר דער גאָט פֿון אײן

שבט, ווי אַ בעל אָדער אַ כּמוש, נאָר דער גאָט פֿון דער וועלט. „צי דען זייט איהר, בני־ישׂראל, פֿאַר מיר ניט די אייגענע, וואָס די בני־כּושיים — זאָגט יאַהוועה דורך דעם נביא'ס מויל. (און אויב) איך האָב אַרויסגעפֿיהרט די בני־ישׂראל פֿון מצרים, (איז האָב איך דאָך אויך אַרויסגעפֿיהרט) די פּלשתּים פֿון כּפתּור און די אַרמים פֿון קיר". (קאַפּ. ט', 7). דער נביא לייקענט ניט אָב די אידעע, אַז ישׂראל איז אַן אויסדערוועהלט פֿאָלק, נאָר ער בעהויפּטעט, אַז דאָס איז ניט קיין זכות פֿאַר איהם, נאָר אַ שווערער און פֿעראַנטוואָרטליכער חוב איז אַרויפֿגעלעגט געוואָרען אויף איהם. „נאָר אייך האָב איך (יאַהוועה) דערקענט (אויסדערוועהלט) צווישען אַלע פֿעלקער אויף דער ערד; דעריבער וועל איך אייך בעשטראָפֿען (שטרענגער) פֿאַר אייערע זינד". אין גאָט'ס נאָמען מוסר'ט עמוס אַלע לענדער און פֿעלקער — דמשק, צור, אדום, עמון, מואב, ישׂראל און יהודה — דערהויפּט פֿאַר זיטליכע פֿעהלערן. נאָר אין דער צייט, ווען פֿאַר די היידנישע פֿעלקער ווערט בעשטימט אַ שטראָף נאָר פֿאַר זייער אַכזריות און אונמענשליכקייט אין די מלחמות מיט זייערע שונאים („עמוס", קאַפּ. א'—ב'), — ווערט פֿאַר יהודה און ישׂראל פֿעררעכענט פֿאַר אַ זינד איטליכס מאָל, ווען זיי זינדיגען איבער די געזעצען פֿון העכערער גערעכטיגקייט און זיטליכקייט אין געזעלשאַפֿטליכען און פּערזענליכען לעבען. די זינד פֿון די בני־יהודה בעשטעהט דערין, „וואָס זיי האָבען פֿערוואָרפֿען די תורה פֿון גאָט און זיי האָבען ניט אָבגעהיט זיינע חוקים", און די זינד פֿון די בני־ישׂראל דערין, „וואָס זיי פֿערקויפֿען אַ צדיק פֿאַר געלד, און אַן אביון פֿאַר אַ פּאָר שיך, וואָס זיי שטרעבען (צו פֿערכאַפּען) דאָס שטיקעל ערד, וואו דער אָרימאַן וויל זיין קאָפּ אָנשפּאַרען, און פֿיהרען אַראָב פֿון וועג די ענוים (שוואַכע)". (על מכרם בכסף צדיק ואביון בעבור נעלים. השואפים על עפר־ארץ בראש דלים ודרך ענוים יטו.)

זענענדיג איבערגעבראַכט קעגען דער סאָציאַלער אונגערעכטיגקייט און פֿערדאָרבענע מדות, זאָגט עמוס: „וועה געשריען אויף די רוהיגע אין ציון און אויף די זאָרגלויזע אויפֿ'ן באַרג שמרון... וועה געשריען אויף די, וואָס ליגען אויף בעטען פֿון העלפֿאַנד־ביין און ציהען זיך אויס אויף זייערע געלעגערס, עסען אָבגעפּיטערטע שאָף פֿון די סטאַדעס און קעלבער פֿון די שטאַלען, צימבלען אויף גיטאַרעס, טרינקען וויין פֿון גרויסע בעכערס, שמירען זיך מיט די בעסטע אייל — און זיי אַרט גאָר ניט דער בראָך פֿון (הויז) יוסף. (עמוס קאַפּ. ו').

צו די פֿרויען פֿון העכערען קלאַס ווענדט זיך עמוס מיט פֿאָלגענדע ווערטער, וואָס זענען זעהר ווייט פֿון חניפֿה: „הערט אויס דאָס וואָרט, איהר קיה פֿון בשן, וואָס (געפֿינען זיך) אויפֿ'ן באַרג שמרון, וואָס איהר בעראויבט די אָרימע לייט, וואָס איהר אונטערדריקט די אביונים, וואָס איהר זאָגט אייערע האַרען: ברענגט אַהער — און מיר וועלען טרינקען!... ס'וועלען קומען צייטען, און מ'וועט אייך אַוועקפֿיהרען אויף שיפֿען (אין גלות), און אייער רעשט — אין קליינע פֿישער־שיפֿלעך". („עמוס", קאַפּ. ד').

אפלאכענדיג פון דער איבערגענוגסטער פרומקייט פון די בני-ישראל, בעווייזט דער נביא, אז גאט האלט טייער ניט די צערעמאניעס, נאר די מדות טובות: „איך האב פיינט, מיר זענען מיאוס — זאגט גאט — אייערע ימים-טובים — איך קאן ניט איבערטראגען דעם ריח פון די קטורת פון אייערע פערזאמלונגען. טו אב פון מיר דעם ברומען פון דיינע לידער, איך זאל ניט הערען די קלאנגען פון גיטארעס! זאל בעסער די גערעכטיגקייט פליסען, ווי א וואסער (אומעטום), זאל דער יושר זיך פונאנדערגיסען, ווי א מעכטיגער שטראם!" („עמוס", קאפ. ה')

„סוועלען קומען צייטען — און איך וועל שיקען א הונגער אויף דער ערד, נאר ניט א הונגער נאך ברויט און ניט א דארשט נאך וואסער, נאר א דארשט צו הערען גאטס ווארט. און די מענשען וועלען וואגלען פון ים צו ים, פון צפון ביז מזרח, און וועלען זוכען גאטס ווארט, נאר זיי וועלען עס ניט געפינען („עמוס, קאפ. ח')."

בכלל שטעלט דער נביא העכער דאס לאנד יהודה פון דעם דאזיגען קעניגרייך ישראל. אין ערשטען און אין דער געזעצליכער דינאסטיע דודס זעהט ער דעם שורש פון דער נאציע, וואס וועט בלייבען נאך אלע פאליטישע קאטאסטראפעס. „איך וועל צעשפרייטען די בני-ישראל צווישען די פעלקער — זאגט גאט, — נאר דעם גאנצען הויז יעקב וועל איך ניט פערטיליגען... איך וועל ווידער אויפשטעלען דודס איינגעפאלענע ביידיל" (אקים סכת דוד הנפלת).

עמוס האט נביאות געזאגט אין בית-אל צוויי יאהר פאר דער ערדציטערניש (שנתים ימים לפני הרעש), וואס האט געשעדיגט די בעפעלקערונג פון פאלעסטינע אין די צייטען פון ירבעם II און עוזיה. די דאזיגע קאטאסטראפע און די היישעריקען, וואס זענען נאכדעם אנגעפלויגען און האבען אויסגעראט אלע תבואות אויף די פעלדער, האבען אויף א צייט פערשטארקט ביים פאלק דעם רעליגיעזען געפיהל און האבען פערפעסטיגט דעם אויטאריטעט פון די נביאים. ווי עס ווייזט אויס, געהערען צו דעם דאזיגען מאמענט אויך די רעדעס פון דעם חעניג בעוואוסטען נביא יואל בן פתואל, וואס האט געווירקט אין יהודה.

אין העלע פאעטישע בילדער שילדערט יואל די צרות, וואס די היישעריקען האבען אנגעמאכט, און שטעלט דאס ארויס אלס א שטראף פון גאט פאר די זינד פון פאלק; נאר ער בעגנוגענט זיך ניט נאר מיט שטראף-רייד, ער בעמיהט זיך אויך צו ערמוטיגען דאס אונגליקליכע פאלק, אויפצוהויבען זיין נידערגעשלאגענעם געמיט. דער נביא זעהט פאראויס די צייט פון אן אלגעמיינער גייסטיגער אויפלעבונג. „און עס וועט זיין דערנאך — זאגט גאט — וועל איך אויסגיסען מיין גייסט אויף איטליכס פלייש, און עס וועלען נביאות זאגען אייערע זיהן און אייערע טעכטער, אייערע אלטע לייט וועלען זעהן חלומות, און אייערע בחורים וועלען זעהן זעהונגען". (יואל, קאפ. ג')

מקורים: מלכים ב', קאפ. י', י"ב—מ"ו; דברי הימים, קאפ. כ"ד—כ"ו; ספר עמוס און יואל; קדמוניות היהודים, ספר ט', קאפ. ח'—י"א.

דריטער קאַפּיטעל.

די קולטור און דאָס גייסטיגע לעבען פון די יודען פאַר דער צייט פון די צוויי מלוכות

דער אנהויב פון תורה שבכתב. — דער עקאָנאָמישער און הויזליכער לעבענס-פיהר. — די געזעלשאַפט און די מלוכה. — **דער רעליגיעזער סיהר.**

דער אָנהויב פון תורה שבכתב.

§ 96. אין משך פון אַ כך יאָהרהונדערטען איז די גאַנצע גייסטיגע שאַפונג פון אידישען פאָלק בעשטאַנען אין מסורות שבעל-פה. די ספּורים וועגען דעם, ווי די וועלט האָט זיך אָנגעהויבען, ווי עס זענען געוואָרען לענדער און פעלקער; די מסורות וועגען פערגאַנגענעם לעבען פון אידישען פאָלק, וועגען זיינע האָלדונגען, גבורות, עראָבערונגען, וועגען זיינע גבורים, לעהרער און מלכים; געזעצע, די געטליכע געבאָטען און געזעצען, די אמונות און מנהגים, — דאָס אַלץ איז געוואָרען אָנגעהויט אין זכרון פון פאָלק און פלעגט איבערגעגעבען ווערען בעל-פה פון דור צו דור. די צום מייסט בעוואוסטע פון די דאָזיגע ספּורים האָבען זיך פערשפּרייט אין דער געשטאַלט פון פאָלקס-ליעדער; די הויפּטליכע מצוות, ווי למשל, די עשרת הדברות, פלעגט מען לערנען אויף אויסווייניג און נאָך גאָר אין די פריהע צייטען פלעגט מען זיי אויסקריצען מיט שריפטליכע צייכענס אויף שטיינערנע טאָוולען. די כהנים, לויים און נביאים האָבען דער עיקר אָנגעהיט די דאָזיגע מסורות שבעל-פה, וואָס איז געווען דער גייסטיגער קאַפּיטאַל פון דער נאַציע.

נאָר וואָס מעהר דאָס אידישע פאָלק האָט זיך ענטוויקעלט און זיין לעבען איז פערפלאָנטערטער געוואָרען, האָבען אַלץ מעהר זיך אָנגעהויבען אָנצוקלייבען אַזעלכע מסורות, און דער זכרון פון די מענשען איז שוין מעהר ניט געווען ביכולת תופס צו זיין אַלצדינג, וואָס די גאַנצע רייה פון דורות האָט אָנגעקליבען. יעמאָלט האָט זיך בעוויזען די שריפט, אַלס אַ שטענדיגער געצייג פון גייסטיגער שאַפונג. ביסלעכווייז זענען די מסורות שבעל-פה פערשריבען געוואָרען מיט דעם צוועק, בכדי זיי זאָלען פערבלייבען אויף אייביג פאַר די שפּעטערדיגע דורות.

די קונסט פון שרייבען האָבען די אידען געוואוסט נאָך אין דוד'ס און שלמה'ס צייטען. די דאָזיגע מלכים האָבען ביידע געהאַט „מזכירים", דאָס הייסט סעקרעטאַרען אָדער כראָניקען-שרייבער, וואָס פלעגען פערשרייבען אַלץ, וואָס האָט זיך געטראָפען לויט זייערע אָפיציעלע פליכטען, און, חוץ דעם, די געשעהעני-

שוין פון יענער צייט. ס׳איז קיין ספק ניט, אז אזעלכע כראניקען (דברי־הימים) האט מען געפירט אויך ביי די שפעטערדיגע מלכים, אין ביידע מלוכות. דאס קאן מען זעהן דערפון, וואס דער שפעטערדיגער מחבר פון ספר „מלכים" איז זיך אפט סומך אויף די „דברי הימים למלכי ישראל" און „דברי הימים למלכי יהודה", ווי אויף מקורים, וואו די געשעהענישען ווערען גענויער ארומגערעדט.

וואס מעהר די שרייב־קונסט האט זיך ענטוויקעלט, איז צייטיג געווארען די בעדערפעניש צו פערשרייבען די אלטע מסורות — היסטארישע און רעליגיעזע — וואס ביז אהער זענען זיי געהיט געווארען אין זכרון פון די גייסטיגע פאלקס־פיהרער אדער אין די פאלקס־לעגענדעס און ליעדער. פריהער פון אלץ זענען, ווי עס ווייזט אויס, פערשריבען געווארען די פאלקס־ליעדער און ספורים. זיי זענען פערשריבען געווארען אין צוויי ביכער, וואס שפעטער האבען זיך אויף זיי סומך געווען די מחברים פון דער „תורה" און „נביאים ראשונים": „ספר מלחמות ה'" און „ספר הישר" (דאס בוך פון גערעכטען אדער, לויט דער מעהר וואהרשיינליכער אויסטייטשונג, „דאס בוך פון די ליעדער"). דארט האבען זיך געפונען: די שירת דבורה, די טרויער־ליעד, אין וועלכער דוד האט בעוויינט שאולס טויט, און נאך עלטערע ליעדער, וואס האבען בעזונגען די וואגלונגען פון די בני־ישראל אין דער מדבר אין משה'ס צייטען, זייערע נצחונות ביים טייך ארנון איבער די אמורים, די עראבערונג פון כנען אין יהושע'ס צייטען און כדומה נאך אזעלכע וויכטיגע היסטארישע מאמענטען[1]. אין די דאזיגע ביכער איז קאנצענטרירט דער העראאישער עפאס פון אידישען פאלק. די עפישע ליעדער און ספורים, אינאיינעם מיט א סך מסורות שבעל־פה, האבען געדיענט אלס מאטעריאל פאר די שפעטערדיגע כראניקען־שרייבער.

מען קאן ניט גענוי בעשטימען די צייט, ווען עס זענען צונויפגעשטעלט געווארען די עלטסטע טיילען פון דער „תורה" (חומש) און די היסטארישע ביכער, וואס זענען מיט איהר פערבונדען — די נביאים ראשונים. נאר ריכטיגער פון אלץ מוז מען רעכענען די השערה, אז די עלטסטע טיילען פון די דאזיגע ביכער זענען צונויפגעשטעלט געווארען אין פעריאד פון די צוויי מלוכות, צווישען X און VIII יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, ווען די ענטוויקלונג פון דער שרייב־קונסט האט געגעבען א נייע ריכטונג דער טעטיגקייט פון די נביאים. די נביאים און זייערע תלמידים (בני־הנביאים) פלעגען לערנען די אלטע נאציאנאלע און רעליגיעזע מסורות און מאכען אויף זיי פירושים[2]. פשוט'ע עפישע ספורים זענען פערוואנדעלט געווארען אין ערצעהלונגען, וואס זענען פול מיט א טיעפען מוסר־השכל. די פעראיינצעלטע זכרונות פון פאלק וועגען זיין עבר

---

1) במדבר, כ"א, 14, 17, 27; יהושע, י', 12—13; שמואל ב', א', 18.

2) זעה, למשל, עמוס, ג', 1—22; ה', 25; ט' 7 (ביישפיעלען, ווי אזוי היסטארישע טראדיציעס ווערען אויסגעטייטשט, כדי זיך אראפצונעהמען א מוסר פון זיי).

זענען געוואָרען איבערגעאַרבייט אין אַ צוזאַמענהענגענדער היסטאָרישער ערצעהלונג, מיט אַ דייטליכער רעליגיעזער בעפאַרבונג.

די דאָזיגע אידעאישע איבעראַרבייטונג פון די אַלטע טראַדיציעס איז פאָרגעקומען גלייכצייטיג אי אין קעניגרייך יהודה אי אין קעניגרייך ישראל. די אָבגעריסענע מסורות שבעל-פה און די אַלטע כתבים זענען געוואָרען געבראַכט אין אַ סיסטעמאַטישער אָרדנונג און דערקלערט, און אַזוי האָבען זיי בעקומען די ליטעראַרישע פאָרם פון שריפטליכע טעקסטען, וואָס בילדען דעם מיטעלפונקט פון די ערשטע כתבי-הקודש.

אַזוי האָבען זיך בעקומען די אָריגינעלסטע טיילען פון די ערשטע פיער חומשים[3]. די ספורים וועגען בריאת העולם, וועגען לעבען פון די ערשטע מענשען, וועגען מבול און דור-הפלגה, וואָס זענען פערשפרייט ניט בלויז צווישען אידען, נאָר אויך צווישען אַלע סעמיטען פון פאָדער-אַזיען, האָבען אין די דאָזיגע ביכער בעקומען אַ טיעפען רעליגיעזען זין און אַ שענע פאָעטישע פאָרם[4]. אין די ערצעהלונגען וועגען לעבען פון די אָבות ווערט דורכגעפיהרט דער געדאַנק, אַז פון שנים קדמוניות האָט יאהווע געשלאָסען אַ בונד מיט די אָבות פון אידישען פאָלק, און אַז דאָס לעצטע האָט געזעצליכע רעכט אויף דער ערד פון כנען[5].

נאָך בולטער ווערט דורכגעפיהרט די דאָזיגע נאַציאָנאַל-רעליגיעזע אידעע אין דער ערצעהלונג וועגען דעם לעבען פון די בני-ישראל אין מצרים און זייערע וואַנדערונגען אין דער מדבר. אין העלע פאַרבען ווערט דאָ געשילדערט די ריזיגע פערזענליכקייט פון משה'ן, דעם גרויסען מחוקק פון פאָלק; די תורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, איז דער יסוד פון דער אידישער אמונה און געזעצגעבונג[6]. די עלטסטע טיילען פון דער דאָזיגער געזעצגעבונג זענען די עשרת הדברות און דער „ספר הברית", און אין דער צייט, וועגען וועלכער מיר רעדען, זענען זיי געוואָרען אַריינגעשטעלט אין טעקסט פון דער תורה[7]. דער גרעסטער רוב פון די חוקים, וואָס זענען פערשריבען געוואָרען אין „ספר הברית", זענען, ווי עס ווייזט אויס, גענומען געוואָרען פון אַלטען געוועהנהייטס-רעכט פון די עברים.

די ווייטערדיגע ספרים („יהושע", „שופטים", די ערשטע קאַפּיטלען פון „שמואל"), וואָס זענען שייך צו דער העראָאישער עפּאָכע, זענען אַ געמישעכץ פון פאַקטישע כראָניקען און פאָעטישע ערצעהלונגען. נאָר די איינצעלנע פאַק-

[3] זעהט ספר „דברים" אָדער „משנה תורה" זעה ווייטער § 110.

[4] זעה אויבען §§ 2—7.

[5] אויבען §§ 3—20.

[6] אויבען §§ 21—34.

[7] אויבען, §§ 28 און 35.

טען זענען צונויפֿגעבונדען צווישען זיך. ווערען בעטראַכט פֿון איין שטאַנדפּונקט, פֿאַרשטעהט זיך, פֿון רעליגיעזען, פּונקט אַזוי ווי אין די כראָניקען פֿון דער צייט פֿון די מלכים.

אַזוי האָט זיך געבילדעט, לפֿי ערך אין VIII און IX יאָהרהונדערט, דער קערנפּונקט פֿון היסטאָרישען און געזעצגעבערישען טייל פֿון תנ״ך. דער דאָזיגער קערן איז נאָך געווען ווייט פֿון יענער ענדגילטיגער, פֿאָלקאָמענער פֿאָרם, וואָס די אַנגעוויזענע טיילען האָבען בעקומען אין דער שפּעטערדיגער רעדאַקציע פֿון עזרא און די סופֿרים; נאָר אַ יסוד צום גרויסען שריפֿטליכען ווערק איז שוין אָפּגעשטעלט געוואָרען, און איצטער האָט ער געדאַרפֿט נאָר ווייטער ענטוויקלען זיך.

פֿון VIII יאָהרהונדערט איז צוגעקומען צום היסטאָרישען און געזעצגעבערישען טייל פֿון תנ״ך נאָך אַ טייל — די שריפֿטען פֿון די נביאים. עמוס, וואָס האָט געלעבט אין ירבעם II-טענס צייטען, איז געווען דער ערשטער נביא, וואָס זיינע רעדעס זענען געוואָרען צונויפֿגעקליבען און פֿאַרשריבען. נאָך איהם קומט אַ נייע שורה נביאים, וואָס האָבען איבערגעלאָזט זייערע ערהאַבענע ווערק אויף דורי דורות. ס'איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז די עלטסטע רעליגיעזע זמירות, וואָס די לויים האָבען געזונגען אין די טעמפּלען, זענען דעמאָלט געוואָרען צונויפֿגעקליבען און האָבען געבילדעט דעם יסוד פֿון ספֿר „תהלים".

די דאָזיגע שריפֿטליכע דענקמעלער כאַראַקטעריזירען ניט בלויז די צייט, וואָס ווערט אין זיי בעשריבען, נאָר אויך יענע שפּעטערדיגע צייט, ווען זיי זענען געוואָרען צונויפֿגעשטעלט. זיי גיבען אונז ניט נאָר אַ היסטאָרישען מאַטעריאַל, נאָר זיי שילדערן אויך די קולטור און דעם לעבענספֿיהר פֿון יענער צייט. בשעת די שפּעטערדיגע דורות האָבען געשילדערט די אַלטע, אָפֿטמאָלס אַפֿילו פֿאַר־היסטאָרישע צייט, — האָבען זיי ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלען דעם דאָזיגען עבר אַנדערש, ווי אין יענע קאָנקרעטע פֿאָרמען פֿונ'ם היינט. סיי די מסורות שבעל־פּה און סיי די מסורות שבכתב האָבען געמוזט איבערגעאַרבייט ווערען לויט די בעגריפֿען פֿון דער נייערער צייט. אויב אַפֿילו דער עצם פֿון דער אַלטער טראַדיציע איז פֿאַרבליבען אין זכרון פֿון שפּעטערדיגען דור אין זיין ריינער געשטאַלט, — האָבען פֿונדעסטוועגען איהר אויסווייניגסטע פֿאָרם, די סביבה, די זייטיגע אומשטאַנדען געמוזט טראָגען אויף זיך די חתימה פֿון יענער צייט, ווען זי איז פֿאַרשריבען געוואָרען, און יענעם אָרט, וואו זי איז פֿאַרשריבען געוואָרען. אויפֿ'ן סמך פֿון די ליטעראַרישע דענקמעלער, וואָס זענען פֿאַרבליבען ביז אונזערע צייטען, קאָנען מיר, דעריבער, זיך אָבגעבען אַ דין־וחשבון וועגען דעם, וואָס פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונגען די נאַציע האָט געהאַט וועגען איהר עבר, און בכלל ווי איז געווען איהר קולטורעלער און גייסטיגער מצב אין דער צייט, ווען די דאָזיגע דענקמעלער זענען ערשיענען.

ש. דובנאָוו

דער עקאָנאָמישער און הויזליכער לעבענספּיהר.

§ 97. זינט די אידען האָבען איינגענומען כנען און זענען געוואָרען אַ ישוב-פאָלק, איז ערדאַרבייט געוואָרען זייער הויפּט-פּרנסה. ס'איז ביסלעכווייז אָבגעשוואַכט געוואָרען די תשוקה צו אַ פרייען וואַנדער-לעבען און פּאַסטיכערייַ. נאָר אין דער געגענד, וואָס אין עבר-הירדן, און אין עטליכע ערטער פון יהודה, האָבען די איינוואוינער זיך פערנומען דער עיקר מיט האָדעווען בהמות. אין אַלע אַנדערע ערטער אָבער שטעהט ערדאַרבייט אויפ'ן ערשטען פּלאַץ. פון דער נאַטור אַליין איז דער מענש, לויט דער מיינונג פון די אַלטע אידען, בעשטימט דערויף, ער זאָל בעאַרבייטען זיין פעלד. דער אידעאַל פון אַנאַלטען אידען איז געווען צו „זיצען אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייַגענבוים". דער ערד-באָדען פון פּאַלעסטינע איז ניט געווען גאַר פרוכטבאַר, און דאָרט, וואו די ערד איז אין משך פון אַ לאַנגער צייט ניט בעאַרבייט געוואָרען, פלעגט זי פערוואַנדעלט ווערען אין אַ ווילדע וויסטעניש. נאָר דעם ערדאַרבייטערס מיה און פראַצע האָט פערוואַנדעלט דאָס דאָזיגע לאַנד אין אַ בליהענדען גאָרטען. די טאָלען און נידערונגען זענען געווען בעדעקט מיט רייכע פעלדער פון גערשטען און ווייץ; אויף די בערג האָבען געגרינט וויינגערטענער, גערטענער און איילבערטען-חעלדלען. ערדאַרבייט, וויינגערטנערייַ און גערטנערייַ האָבען געבליהט ניט בלויז אין די דערפער, נאָר אויך אין די שטעדט. פון ערדאַרבייטער קומען אַרויס די גרעסטע און חשוב'סטע לייט. דער קעניג שאול איז געווען אַן ערדאַרבייטער, איידער ער איז געוואָרען אַ קעניג. אלישע הנביא האָט זיך פערנומען מיט ערדאַרבייט, און עמוס — מיט האָדעווען בהמות און פלאַנצען סיקאָמאָרען (שקמים).

אין פּאַלעסטינע ווערען די תבואות צייטיג אין אָנהויב פריהיאָהר-צייט, און דער תבואות-שניט קומט פאָר אין סוף פריה-יאָהר; סוף זומער אָדער אָנהויב הערבסט פלעגען די ווייַנטרויבען צונויפגעקליבען ווערען און די געדראָשענע תבואה אַריינגעפיהרט אין די שפּייַכלערס.

צו די דאָזיגע הויפּט-מאָמענטען פון לאַנדווירטשאַפטליכען לעבען זענען געווען צוגעפּאַסט די גרויסע יעהרליכע ימים-טובים: פסח — דער יום-טוב, ווען די תבואות ווערען צייטיג; שבועות — דער יום-טוב פון דער שניט-צייט און סכות — דער יום-טוב פון „אַריינפיהרען אין שפּייַכלערס און ווייַנקעלער" (חג האסיף מגורן ומיקב). די רעליגיעז-היסטאָרישע בעדייטונג האָט אין דער צייט, וואָס מיר בעשרייבען, בעקומען, אפּנים, נאָר פסח, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ זכר פאַר יציאת-מצרים[8]. דער עסען מצות האָט געהאַט אַ צווייַענדיגע בעדייַטונג: דאָס האָט געדיענט פאַר אַ סימבאָל, אַז די תבואות זענען צייטיג געוואָרען, און פאַר אַ זכר פון דער אייַלעניש ביים אַרויסגאַנג פון מצרים, בשעת די אידען האָבען

[8] „ספר הבריה", אין ספר „שמות", קאַפּ. ג"ג, 14—19; פערגלייך אויבען, § 42.

נים בעווייזען אויסבאַקען זיך געוויערטע ברויט און האָבען אויף ניך אויסגע-באַקט ניט-געוויערטע.

צו די עלטסטע חוקים פון דער אידישער רעליגיע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר'ן עקאָנאָמישען לעבען פון דער בעפעלקערונג, — געהערט די שבת-רוה. אין די צוויי רעדאַקציעס פון די עשרת הדברות ווערט פערשיידען דערקלערט דער טעם, פאַרוואָס מען מוז רוהען אום שבת. לויט איין נוסח, דאַרף דער שבת דערמאָנען אָן דעם, אַז גאָט האָט בעשאַפען די וועלט אין זעקס טעג און האָט גערוהט דעם זיבעטען טאָג; לויט דעם אנדער נוסח — איז די שבת-רוה איינגעשטעלט געוואָרען צום זכר דערפון, וואָס אידען זענען בע-פרייט געוואָרען פון דער עגיפּטישער קנעכטשאַפט. נאָר ריכטיגער פון אַלץ איז בעשטימט דער גרונד-מאָטיוו פון שבת אין עלטסטען טייל פון תנ"ך, וואו עס איז געזאָגט: „זעקס טעג מעגסטו טון דיין אַרבייט, און דעם זיבעטען טאָג זאָלסטו רוהען, בכדי עס זאָל רוהען אויך דיין אָקס און דיין אייזעל, און בכדי עס זאָל זיך אויסרוהען דער זוהן פון דיין דינסט און דער פרעמדער" (ספר הברית, שמות כ"ג, 12). דאָ שטעלט זיך דער געזעץ אַ ציעל צו בעשיצען די שוואַכע און אונטערדריקטע. אין די אַזוי אַנגערופענע „צווייטע עשרת הדברות" (ספר „שמות" ל"ד, 17—26) ווערט אַרויסגעשטעלט אויפ'ן ערשטען פּלאַץ אַ לאַנדווירטשאַפטליכער מאָטיוו: „זאָלסט רוהען דעם זיבעטען טאָג; זאָלסט רוהען סיי אין דער אַקער-צייט, סיי אין דער שניט-צייט".

אפילו די ערד גופא האָט אויך געמוזט פון צייט צו צייט זיבען יאָהר איין יאָהר זיך „אויסרוהען" (חוק השמיטה). „זעקס יאָהר — זאָגט אַן אַלטער געזעץ — מעגסטו פערזייהען דיין פעלד און צונויפקלייבען איהר תבואה; דעם זיבעטען יאָהר זאָלסטו זי פערלאָזען (תשמטנה ונטשתה), בכדי די אָרימע לייט פון דיין פאָלק זאָלען עסען (איהרע נאַטירליכע פירות), און דעם רעשט זאָלען אויפעסען די חיות פון פעלד. אַזוי זאָלסטו אויך טון מיט דיין וויינגאָרטען און מיט דיין אייל-בערט-גאָרטען[9]). דער דאָזיגער אידעאַלער געזעץ איז מסתמא געווען געגרינ-דעט סיי אויף די לאַנדווירטשאַפטליכע בעדירפענישען פון דער דעמאָלטדיגער פּאַלעסטינע, סיי אויף דעם געוועהנהייטס-רעכט, וואָס איז געווען דערפון געדרונגען.

דאָרט וואו ערדאַרבייט איז געווען די הערשענדע פרנסה, איז דער אָרט לעבען פון די איינוואוינער געווען פשוט און בעשיידען. הייזער האָט מען גע-בויט פון האָלץ און לייהם; דער פלאַכער דאַך פון הויז איז געוואָרען בעשמירט מיט לייהם, און אין וואַרימע זומער-נעכט פלעגען די איינוואוינער דאָרט שלאָפען. סירוב הייזער האָבען געהאַט ניט מעהר פון איין גאָרען; נאָר אין די הייזער פון פערמעגליכע לייט פלעגט זיין אַ מאָל אַ דאַכשטיבעל (עליה). איינעווייניג האָבען די שטיבער אויך געהאַט אַ פשוטע איינריכטונג. אַחוץ אין די מעבעל

[9]) דאָרט כ"ג, 10—11

אינים שטיבעל פֿון אלישע הנביא, וואָס איז געקומען צו גאַסט אין אַ פֿערמעגליך הויז, בעשטאַנען פֿון אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול און אַ לאָמפּ[10]. די געוועהנליכע בעקליידונג פֿון די אַלטע איז געווען אַן׳אונטער־בגד און אַן׳איבער־בגד (מעיל). אַלס שפּייז האָט געדיענט ברויט פֿון ווייצענער און גערשטענער מעהל, מעהל־פּלעצלעך, געבאַקס אויף בוימיל און פּירות. פֿלייש פֿלעגט דער דאָרפֿס־איינוואוינער געניסען נאָר אין אַ יום־טוב, בשעת ער פֿלעגט ברענגען זיינע בהמות פֿאַר קרבנות אויפֿ׳ן מזבח אויף די במות אָדער אין בית־המקדש; אַ טייל פֿון די דאָזיגע קרבנות פֿלעגט ווערען פֿערברענט אויפֿ׳ן מזבח, אַ טייל פֿלעגען בעקומען די כהנים, און די איבעריגע פֿלייש פֿלעגען אויפֿעסען דער בעל־הבית און זיין הויזגעזינד. די איינוואוינער פֿון יענע שטעדט, וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ מזבח, האָבען געקאָנט עסען פֿלייש אויך אָפֿטער.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך די פּשוט׳ע לאַנדווירטשאַפֿטליכע אָרדנונג אומגעביטען. דער האַנדעל האָט אָנגעהויבען אַרויסשטופּען די ערדאַרבייט. אין די פֿריהערדיגע צייטען האָבען די בני־ישראל געהאַלטען, אַז דער האַנדעל פּאַסט נאָר ניט פֿאַר זיי: זיי האָבען דעם דאָזיגען עסק איבערגעלאָזט פֿאַר די כנענים אָדער פֿעניציער, „וואָס האַלטען אין זייערע הענד פֿאַלשע וואָגשאָלען און האָבען ליעב צו אונטערדריקען" (כנען בידו מאזני מרמה לעשק אהב[11]). נאָר די דאָזיגע פּאַטריאַרכאַלישע צייטען זענען פֿאַרבייגעגאַנגען, און אַ בעדייטענדער טייל פֿון פֿאָלק איז אַ דאַנק די אומשטאַנדען אַריינגעצויגען געוואָרען אין האַנדעל און האַנדווערקעריי. זינט שלמה׳ס צייטען אָן האָבען די מלכים אַליין אונטערגעהאַלטען דעם האַנדעל; זיי האָבען געשיקט קאַראַוואַנען און האַנדעלס־שיפֿען אין די ווייטע לענדער, אַמאָל מיט דער הילף פֿון די פֿעניציער און אַמאָל זעלבשטענדיג. אין די צייטען פֿון אַחאָב און יהושפֿט האָט דער האַנדעל שוין געבליהט אין ביידע מלוכות.

דאָס אַליין האָט געווירקט דערויף, אַז די שטעדט האָבען זיך אַליין מעהר ענטוויקעלט. ס׳איז אויפֿגעקומען דער קאַפּיטאַל, וואָס האָט דאָ אויך אַרויסגעוויזען זיינע חסרונות. ס׳האָט זיך בעוויזען אַ געלד־האַנדעל, פֿערשיידענע הלואה־אָפּעראַציעס, וואָכער־געשעפֿט. אַ לוה, וואָס האָט צום בעשטימטען טערמין ניט אויסגעצאָהלט זיין חוב, האָט דער מלוה געהאַט דאָס רעכט צו מאַכען פֿאַר אַ קנעכט, ווי דאָס איז געווען אַ מנהג ביי אַלע אַלטע פֿעלקער. ס׳איז אַליין גרעסער געוואָרען דער געגענזאַץ צווישען די געזעלשאַפֿטליכע שטאַנדען, דער תהום צווישען אָרים און רייך איז אַליין טיעפֿער געוואָרען. ווייניגע קאַפּיטאַליסטען פֿלעגען אַריינכאַפּען אין זייערע הענד געוויסע חלקים ערד. די גבירים פֿלעגען

10) ספר מלכים ב׳, קאַפּ. ד׳. 10.

11) „הושע", קאַפּ. י״ב, פּסוק 8.

זיך אויסבויען דיזער פון ארומגעהאַקטע שטיינער און פלעגען אפט פיהרען א לוקסוס-רייכען לעבען.

די גרויסע לעהרער פון פאלק, די נביאים, פלעגען פראטעסטירען געגען דער דאזיגער ארדנונג אין נאמען פון די העכסטע געזעצען פון מענשען-ליעבע און מאראל[12]. אזעלכע גערעכטע געזעצען האבען זיך געפונען אין דעם אלטען „ספר הברית“: „ווען דו וועסט לייהען געלד א נ'אָרימאן פון דיין פאלק, זאלסט זיך ניט בעגעהן מיט איהם, ווי א שטרענגער בעל-חוב (לא תהיה לו כנשה); דו זאלסט אויף איהם קיין צינזען ניט ארויפלעגען. ווען דו וועסט נעהמען פאר א משכון די קלייד פון דיין (ארימען) חבר, זאלסטו זי איהם צוריקגעבען פאר זונען-אונטערגאנג; ווארום דאס איז דאך זיין איינציגע דעק-טוך, דאס איז די בעקליידונג פון זיין לייב: אין וואס זשע וועט ער שלאפען?“[13].

נאר דאס לעבען איז געגאנגען קעגען די דאזיגע ערהאבענע פאדערונגען פונים געזעץ; די פייערדיגע פראטעסטען פון די נביאים האבען ניט געקאנט אבשטעלען דעם עקאנאמישען פראצעס, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך דעם, וואס ישראל האט גענומען אנטייל אין דעם אינטערנאציאנאלען האנדעל פון די דעמאלטדיגע קולטורעלע מזרח-פעלקער.

דאס פאמיליען-לעבען ביי די אלטע אידען איז אין א סך פרטים געשטאנען העכער, ווי ביי די ארומיגע פעלקער. נאר ווינציגע פלעגען נעהמען א סך ווייבער, ס'רוב פלעגט איטליכער פון זיי נעהמען נאר איין ווייב. נאר די מלכים האבען געהאט דאס רעכט צו נעהמען א סך ווייבער, — ומסתמא צוליעב דעם, כדי די דינאסטיע זאל זיך פערמעהרען און שטארקען. נאר אפילו די מלכים, נאך שלמה'ן, האבען זיך ניט שטענדיג בענוצט מיט דעם דאזיגען רעכט. מעהר זעלטען געוועזען אזעלכע, וואס האבען געהאט צוויי ווייבער, געוועהנליך, איינע א הויפט-ווייב און די אנדערע א נעבען- אדער קעבס-ווייב (פילגש). די קעבס-ווייבער פלעגט מען נעהמען צווישען די שקלאפינס אדער קריגס-געפאנגענע פרויען. אז איינער פלעגט האבען צוויי גלייכבערעכטיגטע ווייבער, פלעגען אין דער משפחה אפט פארקומען מחלוקות: די אונגעליעבטע ווייב פלעגט מקנא זיין די געליעבטע, די, וואס האט ניט קיין קינדער, פלעגט מקנא זיין די, וואס האט יא קינדער[14].

דער חתן פלעגט געוועהנליך אבקויפען די כלה ביי איהרע עלטערן פאר געלד אדער חפצים (מוהר), ווי דאס איז איינגעפיהרט אויך איצט ביי די מזרח-דיגע פעלקער (ביי די טאטערן רופט זיך דאס „קאלים“, ביי די קאווקאזער „מאהארי“, וואס קלינגט כמעט, ווי דער אידישער „מוהר“ ודומה). אנשטאט געלד אדער

---

12) אויבען, §§ 94—95.

13) ספר „שמות“, קאפ. כ', 24—26.

14) שמואל א', א', 5—6; בראשית כ"ט, 31—33. פאר דער שפעטערדיגער געזעץ פערגל. דברים כ"א, 10. 15.

חפֿצים האָט דער חתן אויך געקאָנט אָפּאַרבײטען בײ זײן צוקונפֿטיגען שווער[15]. אין גאָר די אַלטע צײטען זענען פֿאָרגעקומען ניט זעלטען שדוכים צווישען גאָר נאָענטע קרובים; מען האָט, למשל, געמאָגט חתונה האָבען מיט א שטיפֿ־שוועסטער אָדער שוועסטער־קינד, אָדער האָבען אין איין צײט צווײ שוועסטערן פֿאַר ווײבער. נאָר שפּעטער זענען אַזעלכע שדוכים געאַסר׳ט געוואָרען[16].

די עלטערן האָבען געהאַט אַנ׳אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער זײערע קינדער; פֿאַר באַלײדיגען דעם פֿאָטער אָדער די מוטער מיט א וואָרט אָדער שלאָגען זײ — האָט געקומט טויט־שטראָף[17].

דער פֿאָטער האָט געמעגט פֿערקויפֿען זײן טאָכטער פֿאַר א דינסט (אמה).

די קנעכטשאַפֿט האָט זיך בײ אידען ניט אַרויסגעוויזען אין אַזוינע גראָבע פֿאָרמען, ווי בײ אַנדערע פֿעלקער. די קנעכט און די דינסטען האָבען זיך גערעכענט פֿאַר מיטגלידער פֿון דער משפּחה, און זײערע רעכט זענען געווען באַשטימט דורך געוויסע געזעצען. א אידישער קנעכט (עבד־עברי), למשל, האָט געדאַרפֿט דינען זײן בעל־הבית נאָר זעקס יאָהר, דעם זיבעטען יאָהר איז דער בעל־הבית געווען מחויב אידם אַרויסצולאָזען פֿרײ. ווי איז אָבער, אַז דער קנעכט האָט נאָך די זעקס יאָהר ניט געוואָלט אַוועקגעהן פֿון זײנע בעלי־בתים, יעמאָלט פֿלעגט מען מיט אידם אָפּטון פֿאָלגענדע צערעמאָניע. מ׳פֿלעגט אַוועקשטעלען דעם געטרײען קנעכט נעבען טיר פֿון הויז, וואו ער האָט געדינט, און דורכשטעכען אידם דעם אויער מיט אַנ׳עגבער נעבען בײשטידעל פֿון דער טיר. דאָס איז געווען א סימן, אַז דער קנעכט בלײבט אויף אײביג צוגעדעפּט צו דעם דאָזיגען הויז. נאָך דער דאָזיגער צערעמאָניע איז דער קנעכט געוואָרען אַנ׳אײביגער אײגענטום פֿון זײן בעל־הבית[18]. בכלל האָט שקלאַפֿערײ בײ די בני־ישראל ניט געטראָגען דעם כאַראַקטער פֿון א מלוכה־אײנריכטונג, ווי בײ די גריכען און רוימער. זי איז געווען אײן פּרט פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, וואָס האָט געקאָנט בטל ווערען גאָר אָהן א היזק פֿאַר דער לעצטער.

די געזעלשאַפֿט און די מלוכה.

§ 98. בירגערליכע גלײכבערעכטיגונג האָבען געהאַט אַלע פֿרײע מאַנסבילען, וואָס זענען געוואָרען פֿול־יאָהריג. פֿול־בערעכטיגט פֿלעגט, אפֿנים, ווערען איטליכער מאַנסביל, ווען ער פֿלעגט אַלט ווערען 20 יאָהר, דאָס הײסט ווען ער האָט שוין געטויגט פֿאַר׳ן קריגס־דינסט; בערך אין יענעם עלטער

15) שמות, כ״ב, 15—16; בראשית, כ״ט, 18—27; שמואל א׳, י״ח, 17, 27 און א סך אַנד.

16) בראשית, כ׳, 12; כ״ט, 19; שמואל ב׳, ג׳ 13; ויקרא, י״ז, 9, 18.

17) שמות, כ״א, 15—17.

18) שמות, כ״א, 2—11.

פלעגען אויך די יונגע לייט חתונה האבען און פלעגען גרינדען זייער אייגענע פאמיליע; דורכדעם פלעגען זיי ווערען זעלבשטענדיגע מיטגלידער פון דער עדה[19].

קיין שארפע קאסטען-אונטערשיידען האבען ניט עקסיסטירט אין דער אידישער געזעלשאפט. אפילו דער קלאס פון גרים, אדער אויסלענדער, איז, לויט זיין רעכטליכער לאגע, געווען געשטעלט ניט ערגער פון דער ארטיגער בעפעלקערונג. פרעמדע האבען געהאט דאס רעכט אויף געוויסע תנאים אריינצוטרעטען אין „גאנצע געמיינדע" (לבוא בקהל ה'), חוץ איינציגע אויסנאהמען[20]. די פרעמדע, וואס האבען אנגענומען דעם אידישען גלויבען, האבען בעקומען פולע בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג. נאר אויך די גרים, וואס האבען ניט אנגענומען דעם אידישען גלויבען, זענען אויך געשטאנען אונטער'ן שוץ פון געזעץ. אין די כתבי הקודש איז ניט איין מאל געזאגט: „דעם פרעמדען זאלט איהר ניט אונטערדריקען; ווארום איהר ווייסט דאך די נשמה פון א פרעמדען, איהר אליין זייט דאך געווען גרים אין לאנד מצרים[21]. דער געזעץ בעפעהלט זיך צו בעציהען צו פרעמדע מיט סימפאטיע, און גלייכט זיי צו די שוואכע מיטגלידער פון דער אידישער געזעלשאפט גופא: צו ארימע לייט, אלמנות און יתומים; גלייך מיט די לעצטע האבען די גרים געמעגט קלייבען די רעשטען פון תבואה-שניט (לקט, שכחה, פאה וכדומה) אויף די פעלדער פון פערמעגליכע לייט און בעקומען מתנות-אביונים[22].

איטליכע שטאדט מיט די דערפער ארום איהר — „די שטאדט מיט איהרע טעכטער" (עיר ובנותיה), לויט דער ביבלישער טערמינאלאגיע — איז געווען די געזעלשאפטס-איינהייט. פריהער, אין דער פאטריארכאלישער צייט, איז דער שבט געווען די איינהייט; אין דער צייט פון די מלכים איז די צעטיילונג אויף שבטים פערביטען געווארען דורך א טעריטאריאלע צעטיילונג: די שטאדטישע געמיינדע האט פערנומען דעם ארט פון שבט. פונדעסטוועגען איז אפילו אין יענער צייט פערבליבען נאך דער אלטער פאטריארכאלישער מנהג, לויט וועלכען אלע משפטים אין דער געזעלשאפט פלעגען איבערגעגעבען ווערען צו די עלטסטע פון דער געמיינדע (זקנים, אונגעפעהר ווי די שייכען ביי די אראבער). אין איטליכער שטאדט איז די פערזאמלונג פון די זקנים געווען די געריכטס-קאלעגיע[23].

בשעת'ן פונאנדערקלייבען די דין-תורה'ס פלעגען די ריכטער זיצען ביים

[19] ויקרא, כ"ז, 3; במדבר א', ג' און 11.

[20] דברים, כ"ג, 4, 8—9. (א שפעטערדיגער געזעץ-בוך, וואס אין איהם זענען פערבליבען איינציגע יסודות פונ'ם אלטען געוועהנהייטס-רעכט).

[21] שמות, כ"ב, 20; כ"ג, 9; ויקרא, י"ט, 33—34.

[22] דברים, כ"ד, 17—22 און י"ד. 29 (רעשטען פון אלטען געוועהנהייטס-רעכט); פערגל. ויקרא כ"ה, 35.

[23] דברים, י"ט, כ"א, כ"ב, כ"ה (זעה די פריהערדיגע אנמערקונג)

טויער פון שטאָדט (אצל שער העיר), דאָס הייסט אין ערשטען קווארטאל באלד ביים אריינפאָהר אין שטאָדט, אויף א פרייען פלאַץ; נאָר די רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס האָבען געדארפט פאָרקומען ביים פראָצעס, ווי, למשל, א שבועה, פלעגען אויסגעפיהרט ווערען נעבען אָרטיגען מזבח אָדער אין טעמפעל. אלס דינים האָבען געדיענט, אינאיינעם מיט די זקנים, אויך די כהנים און לויים[24]. לכתחלה האָבען די כהנים, ווי עס ווייזט אויס, מעהר ניט אין איינינע ספעציעלע פאלען געקאָנט זיין דינים, נאָר שפּעטער איז זייער מאַכט געוואַקסען. די דאָזיגע אָרטליכע ריכטער האָבען געמשפּט סיי אין ציווילע ענינים (דיני־ממונות) סיי אין קרימינעלע (דיני־נפשות). נאָר אין בעזונדערס וויכטיגע ענינים פלעגט מען זיך ווענדען מיט דין־תורה'ס צום קעניג.

דער קעניג איז געוועזען דער אויבערשטער הויפּטמאַן פון חיל, דער אויבערשטער פערוואלטער און ריכטער און צום טייל אויך דער אויבערשטער כהן.

לכתחלה האָט די קעניגליכע מאַכט געטראָגען נאָר א מיליטערישען כאַראַקטער (שאול און דוד), וואָרום ענטשטאַנען איז זי דאָך מחמת דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט געפיהלט א בעדערפעניש זיך צו פעראייניגען קעגען די אויסווייניגסטע פיינד. דער קעניג איז געוועזען דער פיהרער פון דער פאָלקס־מיליציע, חוץ דעם האָט ער געהאַט זיין בעשטענדיגע וואַך־אַבטיילונג. די דאָזיגע אַבטיילונג איז געוואָרען דער מיטעלפונקט פון א בעשטענדיגען חיל, וואָס האָט זיך געטיילט אויף רייטעריי און פוספאָלק (פאַר שלמה'ן אין די ווייטערדיגע מלכים). דעם צווייטען אָרט נאָך קעניג האָט פערנומען דער אויבערשטער קריגס־פיהרער (שר הצבא). דיענען אין מיליטער האָבען געמוזט אַלע פולבערעכטיגטע בירגער, וואָס האָבען געהאַט וועלכע עס איז נחלאות; דערמיט קאָן דערקלערט ווערען, וואָס אין תנ"ך ווערט בעצייכענט דורך דעם וואָרט „איש חיל" אי א קריגסמאַן, אי א פערמעגליכער בעל־הבית. וואָס מעהר די קריגס־מאַכט פון דער מלוכה איז געוואַקסען, אַלץ גרעסער איז געוואָרען די צאָהל פון בעפעסטיגטע שטעדט, וואו עס האָבען זיך געפונען גאַרניזאָנען. אין די צייטען פון די שופטים און אין שמואל'ס צייטען האָבען די בני־ישראל געמוזט זיך בעהאַלטען אין די הייהלען אין בערג־שפּאַלטען, בכדי זיך צו פערטיידיגען קעגען די אָנפאַלען פון רויבערישע פיינד; אָבער אין די צייטען פון די מלכים האָט די בעפעלקערונג געקאָנט זיך ראַטעווען אין די פעסטונגס־מויערן. די מלכים פון די בני־ישראל האָבען זעלטען ווען געפיהרט מלחמות, כדי צו פערכאַפּען פרעמדע לענדער; נאָר פערטיידיגונגס־קריג זענען געוועזען זעהר אָפט, מחמת די אַנדערע פעלקער זענען געוועזען זעהר נוטה צו פערכאַפּען פאַלעסטינע.

בכדי אויפצוהאַלטען דעם קעניגליכען הויף, זענען געוואָרען איינגעשטעלט ספּעציעלע אָבצאָהלונגען מיט נאַטור־פּראָדוקטען און געלד. ס'זענען געווען אויך

---

[24]) שמות, כ"ב, 7—8; דברים, י"ז, 8—9 און אז. וו.

געוויסע קעניגליכע נחלאות, וואס האבען געגעבען הכנסה. דער קעניג עזיה ווערט געשילדערט אין ספר „דברי הימים“ אלס א רייכער ערד־אייגענטימער. „ער האט געהאט א סך סטאדעס אין דער נידערונג (שפלה) און אין טאל, א סך ערד־ארבייטער און וויינגערטענער אויף די בערג און אויף כרמל“[25].

אין אזעלכע פאלען, ווען אין דער קעניגליכער קאסע פלעגט גאר שמאל ווערען, פלעגען די מלכים פון יהודה נעהמען די געלד אויף קריגס־הוצאות אדער אויף בעצאהלען קאנטריבוציע פון די אוצרות פון בית־המקדש אין ירושלים, וואו עס פלעגט אויך ליגען די געלד, וואס דאס פאלק האט אבגעשפארט, ווי אין די איצטיגע שפאר־קאסען (רחבעם, אסא, יואש, אמציה).

די קעניגליכע מאכט האט ביים אידישען פאלק קיין מאל ניט געטראגען קיין דעספאטישען כאראקטער. צווישען קעניג און זיינע אונטערטאנען האבען געוועהנליך עקזיסטירט פאטריארכאלישע בעציהונגען. דאס פאלק פלעגט פריי בעאורטיילען די טעטיגקייט פון זיינע מלכים, און די נביאים האבען דרייסט געזאגט זיי דעם אמת גלייך אין די אויגען, און פלעגען אפען טאדלען זיי פאר זייערע שלעכטע מעשים. אז נבות פון יזרעאל האט ניט געוואלט אבטרעטען זיין וויינגארטען אחאב'ן, איז דער קעניג זעהר פערצוויפעלט געווען, ווארום ניט דער מנהג, ניט דער געזעץ, האבען ניט געגעבען דעם קעניג קיין מעגליכקייט איבער־געוואלד צוצונעהמען די אייגענס פון א פרידליכען בירגער[26]. נאר די רמאות און דער פערברעכען פון דער קעניגין איזבל האבען אחאב'ן געמאכט פאר א בעל־הבית איבער נבות'ס אייגענס. די פעניציערין איזבל, וואס איז דערצויגען געווארען אין גייסט פון מזרח'דיגען דעספאטיזם, האט ניט פערשטאנען דעם מאראלישען יסוד פון דער קעניגליכער מאכט ביים פאלק ישראל, און דעריבער האט זי מיט שפאט געזאגט צו אחאב'ן: „שוין זשע רעגענסטו אויף אזא אופן (דאס הייסט אויספיהרענדיג זיך לויט די פרינציפען פון מאראל און גערעכטיגקייט) צו פערווירקליכען די קעניגליכע מאכט אין ישראל?“ נאר דער דאזיגער דעספאטיזם האט זיך ניט איינגעווארצעלט ביי די אידישע מלכים; אפילו די אויסלענדער פלעגען זאגען, אז „די מלכים פון ישראל זענען לייטזעליגע מלכים“[27].

צום קעניג פלעגט מען זיך ווענדען אין דין־תורה'ס, ווי צום העכסטען ריכטער. דער שוואכער פלעגט זיך בעקלאגען פאר איהם אויפ'ן שטארקען, דער בעליידיגטער — אויף זיין בעליידיגער. צו איהם פלעגט מען אויך אפעלירען קעגען די אונגערעכטע בעשלוסען פון די ארטליכע געריכטען[28].

די ציווילע און בפרט די קרימינעלע געזעצען אין יענער צייט זענען געווען

---

25) דברי הימים ב׳, קאפ. כ״ו, 10.

26) מלכים א׳, כ״א; אויבען, § 35.

27) דארט גופא, קאפ. כ׳, 31.

28) שמואל ב׳, י״ד; ט״ו, 2; מלכים א׳, ג׳, 9, 15 און; מלכים ב׳, ו׳, 16, 1,6.

געגרינדעט אויפֿן געוועהנהייטס־רעכט. ביים פֿאָלק האָט נאָך עקסיסטירט דער אַלטער מנהג פֿון דער „בלוטיגער נקמה“, וואָס האָט געגעבען דאָס רעכט דעם קרוב פֿון אַ דערהרג'עטען פערזענליך צו פֿערפֿאָלגען און צו טויטען דעם מערדער. נאָר די געזעצגעבונג האָט בעדייטענד שוואַכער געמאַכט די אַכזריות פֿון דעם מנהג. אויב דער מערדער האָט אָבגעטאָן זיין פֿערברעכען בשוגג, יעמאָלט האָט ער געקאָנט זיך ראַטעווען אין אַ טעמפּעל, נעבען אַ מזבח, אָדער אין ספּעציעל דערצו בעשטימטע שטעדט (ערי־מקלט), וואו דער גואל־הדם האָט ניט געהאַט דאָס רעכט איהם אָנצורירען. נאָר אַ מערדער במזיד האָט דער „גואל־הדם“ געקאָנט אַפילו „פֿון מזבח פֿירען צום טויט“ (מעם מזבחי תקחנו למות[29]. אין משך פֿון דער צייט איז די ראָל פֿון „גואל־הדם“ אין קרימינעלע ענינים מדרגות'וויז אַריבערגעגאַנגען פֿון דער פּערזאָן צו דער געזעלשאַפֿט און צו זיין ספּעציעלען אָרגאַן — צום געריכט. אין אויסנאַהמליכע פֿאַלען פֿלעגט דער געריכט אין זיינע אורטיילען זיך האַלטען אַלטען פֿאַר'ן פּרינציפּ פֿון בעשטראָפֿונג: „אויג פֿאַר אויג, צאָהן פֿאַר צאָהן, לעבען פֿאַר לעבען“ (עין תחת עין, שן תחת שן, נפש תחת נפש). מיטוב אָבער פֿלעגט מען אויפֿ'ן שולדיגען אַרויפֿלעגען אַ געלד־קנס[30]. פֿאַר די פֿערברעכען קעגען די הויפּט־געבאָטען פֿון דער רעליגיע, און אויך פֿאַר חלול השם און בעליידיגען דעם קעניג — פֿלעגט מען בעשטראָפֿען מיט טויט. די עלטסטע פֿאָרם פֿון טויט־שטראָף איז געווען פֿערשטייניגען (סקילה), וואָס פֿלעגט פֿאָרקומען עפֿענטליך פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק הינטער'ן שטאָדט[31].

אין אַלע מלוכות פֿון אַלטערטום פֿלעגט געוועהנליך דער קעניג זיין אויך אַ כהן־גדול, לכל הפחות ידידיש. אַזאַ מין ראָל פֿלעגען אָפֿטמאָל אָנאייגענען זיך אויך די אידישע מלכים; שאול און דוד, למשל, האָבען אין פֿייערליכע צופֿאַלען אַליין געבראַכט קרבנות, אַלס „געזאַלבטע פֿון גאָט“ (משיחי ה'[32]. נאָר שפּעטער זענען געבליבען פֿאַר אויבערשטע כהנים נאָר די מלכים פֿון די עשרת השבטים. ירבעם I האָט צוגעגעבען דער גאַנצער גייסטליכער היעראַרכיע אַ פּאָליטישען כאַראַקטער; דער טעמפּעל אין בית־אל האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ קעניגליכען, און די כהנים, וואָס האָבען דאָרט געדיענט — פֿאַר קעניגליכע בעאַמטע[33]. אין יהודה אָבער, וואו די טעאָקראַטיע האָט זיך מעהר איינגעוואָרצעלט, האָט די גייסטליכקייט פּראַקטיש ניט אָנערקענט, אַז דער קעניג האָט דאָס רעכט צו זיין אַ כהן — און דער קעניג עוזיה האָט אַלעמען אויפֿגעבראַכט דורך דעם.

29) שמות, כ"א, 13—14; במדבר, ל"ה; דברים י"ט; מלכים א', קאַפּ. ב', 28 וכו'

30) שמות, כ"א—כ"ב אין פֿערשיידענע ערטער.

31) במדבר, ט"ו, 30—36; מלכים א', כ"א, 13.

32) שמואל א', י"ד, 33 וכו'; שמואל ב', ו', 13 און אַנד.

33) מלכים א', י"ב, 31 וכו'; עמוס, ז', 13 („מקדש מלך“).

וואס ער האט איינמאל דערוועגט זיך צו פערטרעטען די שטעל פון א כהן-גדול אין בית-המקדש פון ירושלים.

דער רעליגיעזער פיהר.

§ 93. אין דער רעליגיע פון די אלטע אידען פערנעהמט דעם ערשטען ארט ניט די דאגמאטען (עיקרי הדת), נאר דער קולט (עבודה). לויט זיינע אויס-וויינסטע פארמען, איז דער קולט פון יאהווע געוועזען אין יענע צייטען זעהר ענהליך אויף די קולטען פון די שכנישע כנענישע פעלקער, נאר ער איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט אנאנדערן, א העכערן גייסט.

דער אפיציעלער צענטער פון גאטעסדיענסט אין קעניגרייך יהודה איז געוועזען די הויפט-שטאדט ירושלים, און אין קעניגרייך ישראל — די פראווינץ-שטאדט אויפן דרום-גרעניץ, בית-אל. נאר אין דיביידע מלוכות זענען געוועזען, חוץ די ראזיגע הויפט-צענטרען, נאך איינציגע ערטער פארן גאטעסדיענסט, נאר מיט א קלענערער בעדייטונג. אין די פראווינץ-שטעדט פון יהודה האבען עקסיסטירט נאר מזבחות אויף די במות (בערגלעך); נאר קיין בעזונדערע טעמפלען, וואס מען זאל זיי וועלען פערגלייכען מיט'ן בית-המקדש אין ירושלים, זענען ניט געוועזען, — און אין די גרויסע יעהרליכע ימים-טובים (שלש רגלים) פלעגט א בעדייטענדער טייל פון פאלק זיך צונויפקלייבען אין ירושלים, צו דיענען גאט[34]. אין קעניג-רייך ישראל אבער האבען עקסיסטירט, חוץ דעם אלטען קעניגליכען טעמפעל אין בית-אל, נאך טעמפלען פאר יאהווע אין דער הויפט-שטאדט שמרון, אין גלגל, דן און אין אנדערע ערטער[35]. דער גאטעסדיענסט אויף די במות און אין די וועלדלעך איז דא געוועזען מעהר פערשפרייט, איידער אין קעניגרייך יהודה, און איז געוועזען נעהנטער צו די פארמען פון היידנישען קולט. די מזבחות אין די דערפער פלעגט מען מאכען אויף בערגלעך פון א הויפען שטיינער; מען פלעגט זיי אויך מאכען אין די וועלדלעך אונטער'ן שאטען פון א דעמב, אדער א פאלמען-בוים.

שפעטער האט מען נאך צו דער נאטור מוסיף געוועזען די קונסט. מ'האט אנגעהויבען בויען גרויסע מזבחות מיט פערשיידענע פערצירונגען און רענקמעלער (מצבות) נעבען זיי. דארט, וואו עס זענען ניט געוועזען קיין גרויסע בוימער, פלעגט מען אויעקשטעלען נעבען מזבח א קינסטליכען בוים, וואס איבען איז ער געוועזען גרעבער, ווי אונטען (אשרה). אין די טעמפלען פון קעניגרייך ישראל זענען געוועזען ארייננעשטעלט גאלדענע סטאטועס פון יאהווע אין דער געשטאלט פון אקסען[36]. אפילו אין ירושלים האט זיך געפונען, ביז קעניג חזקיה'ס צייטען, א

---

[34] מלכים א', י"ד, 23; ט"ו, 14; כ"ב, 44; מלכים ב', י"ב

[35] עמוס, ה' 5; ח', 14; הושע, ה', 5 און אנד.

[36] ספר מלכים אין פערשיידענע ערטער.

קיפּערנע שלאַנג, וואָס איז געוועזן דער סימבאָל פון אַ גאָטהייט, וואָס היילט קראַנקהייטען[37].

די הויפּט־פאָרמען פון גאָטעסדיענסט זענען געוועזן תּפלות און קרבּנות. דער מענש אין אַלטערטום האָט געבעטען גאָטס גנאָדה אויף זיך דורך געבעט צו גאָט און מתּנות, וואָס ער האָט איהם געבראַכט. די קרבּנות ביי אידען (פּונקט אַזוי ווי ביי די אַלטע גריכען) האָבען געהאַט אַ סימבּאָלישע בעדייטונג: די פלייש פון דער בהמה, וואָס אַ טייל פון איהר האָט מען פערברענט אויפ'ן מזבּח פון גאָטס כּבוד וועגען, איז מחמת דעם געוואָרען ריין און כּשר. די בלוט פונ'ם קרבּן פלעגט מען איינגאַנצען אויסגיסען אויפ'ן מזבּח, וואָרום די בני־ישראל איז אסור געוועזן צו עסען די פלייש מיט בלוט[38]. אויפ'ן מזבּח פלעגט מען אויך גיסען בּוימיל און ווין.

בּעזונדערס פלעגען זיך אויסצייכענען מיט זייער פייערליכקייט די היילינגע פאַמיליען־מאָלצייטען אין גרויסע ימים־טובים. אַ געזעץ, וואָס איז געגרינדעט אויף אַן אַלטען מנהג, האָט בעשטימט: „דריי מאָל אין יאָהר זאָלען זיך בעווייזען אַלע מאַנסבּילען פאַר'ן פּנים פון יאַהווע — און ניט מיט ליידיגע הענד". (שלש פּעמים בּשנה יראה כּל זכורך את פּני ה' אלהיך... ולא יראה את פּני ה' ריקם[39]). צו פּסח פלעגט מען ברענגען קרבּנות פון די בּכּורים פון די שאָף און רינדער; די פלייש פונ'ם „קרבּן־פּסח" פלעגט מען עסען צוזאַמען מיט די מצות, וואָס זענען לכתחלה געוועזן איינגעפיהרט פאַר אַ סימן פאַר'ן צייטיג ווערען פון די תּבואות אין פריה־יאָהר, און שפּעטער — צום זכר פאַר יציאת מצרים (§ 97). אין דעם זומערדיגען „שניט־יום־טוב" (חג־הקציר) פלעגט מען צולעגען צום פלייש פון די קרבּנות ניט קיין מצות, נאָר געוויערטען ברויט. דער הויפּט־ליכער יום־טוב איז געוועזן, ווי שוין געזאָגט, דער האַרבסטיגער „חג־האסיף". אַלס סימבּאָל פאַר דעם דאָזיגען יום־טוב האָבען געדיענט די פּירות פון די בּוימער און פּאַלמען־צווייגען, וואָס מען פלעגט ברענגען אין בּית־המקדש. אין דער צייט פון די דאָזיגע ימים־טובים פלעגען פאָרקומען פרעהליכע פאָלקס־מאָלצייטען אַרום די טעמפּלען און די מזבּחות. איטליכע זעלבּשטענדיגע משפּחה פלעגט איינלאַדען צו איהר טיש אָרימע לייט, אַלמנות, יתומים און אויסלענדער (גרים). אַלע האָבען געגעסען און געטרונקען און זענען זיך משמח געוועזן „פאַר יאַהווע" (לפני ה'). די ימים־טובים פון די ערד־אַרבּייטער זענען געוואָרען רעליגיעזע פייערליכקייטען.

ביי אַ טעמפּעל אָדער אַ מזבּח האָט געמוזט זיין אַ כּהן. די כּהנים פלעגען די קרבּנות קוילען און דערפאַר פלעגען זיי בעקומען פון איטליכען קרבּן אַ בעשטימטען טייל. חוץ דעם פלעגען זיי בעקומען פון די בני־ישראל אַנדערע

[37] מלכים ב', י"ח, 4.

[38] ויקרא, י"ז, 14; שמואל א', י"ד, 32 וכו'.

[39] שמות, כ"ג, 14 וכו'; ויקרא כ"ג; דברים, ט"ז און אא.

מתּנות, אין דער געשטאַלט פֿון לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָדוקטען; שפּעטער האָט דער געזעץ גענוי בעשטימט, ווי גרויס די דאָזיגע מתּנות דאַרפֿען זיין.

די כּהונה פֿלעגט איבערגעהן בירושה פֿון פֿאָטער צום זוהן. לויט ווי דער תּנ״ך דערציילט, שטאַמען אָב אַלע כּהנים פֿון אַהרונ׳ען, משה רבּנו׳ס ברודער, פֿונ׳ם שבט לוי. נאָר אין קעניגרייך ישׂראל האָבען זיך בעוויזען כּהנים, וואָס געהערען ניט צו די בני־אַהרון אָדער צו די לוייִם[40].

אין די צייטען פֿון די שופֿטים און פֿון די ערשטע מלכים האָבען די כּהנים געשפּיעלט די ראָל פֿון צוקונפֿטס־אָנזאָגער אָדער אָראַקעלן, און אויך זענען זיי געווען די אָפֿיציעלע לעהרער פֿון פֿאָלק; נאָר מיט דער צייט זענען די דאָזיגע צוויי פֿונקציעס איבערגעגאַנגען צו די נביאים, וואָס זענען געוואָרען די אמת׳ע לעהרער פֿון פֿאָלק. די כּהנים האָבען מעהר ניט בעהאַלטען זייער אויטאָריטעט אין פֿראַגען, וואָס זענען שייך צו אויסווייניגסטע צערעמאָניעס, דהיינו, די געזעצען העגען „טהור“ און „טמא“, וועגען שפּייז, געטראַנק וכדומה. פּונקט אַזוי ווי די כּהנים פֿון אַנדערע פֿעלקער, האָבען זיי געהאַט אויך ידיעות אין מעדיצין און פֿלעגען היילען פֿערשיידענע קרענק[41].

חוץ דעם געזעלשאַפֿטליכען גאָטעסדיענסט, האָט אויך עקסיסטירט נאָך אַ רעליגיעזער היימליכער געברויך. זי איז בעשטאַנען פֿון אַ סך מנהגים און צערעמאָניעס, וואָס האָבען זיך איינגעוואָרצעלט ביים פֿאָלק פֿון אַלטע צייטען אָן. צווישען אַנדערע, געהערט אַהערצו אויך די מילה. ס׳איז מעגליך, אַז דער מנהג פֿון מילה האָט זיך איינגעשטעלט גאָר אין די אַלטע צייטען אַלס אַ מיטעל צו פֿערהיטען געוויסע געשלעכטס־קראַנקהייטען, און ערשט שפּעטער האָט ער בעקומען אַ רעליגיעזע בעשטעטיגונג. די ניט־געמל׳טע האָבען, ווי עס ווייזט אויס, ניט געטאָרט חתונה האָבען און אַריינטרעטען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די מאמינים[42].

די צערעמאָניעס, וואָס האָבען געדאַרפֿט פֿאָרקומען בשעת אַ געבורט, חתונה אָדער טויט, זענען געווען זעהר פּשוט׳ע. נאָכ׳ן טויטען פֿלעגט מען וויינען אויפֿ׳ן קול און זאָגען קלאָג־לידער, און צוליעב דעם פֿלעגט מען איינלאַדען ספּעציעלע ווייבער, „קלאָגערינס“ (מקוננות). אַלס סימן פֿון אבלות פֿלעגט מען בעשיטען זיך דעם קאָפּ מיט אַש, אָנטון אַ זאַק אַנשטאָט אַנ׳אויבער־בגד, זיך אַרומגאַרטלען מיט אַ פּשוט׳ען שטריק. דעם בר־מינן פֿלעגט מען נאָר זעלטען־ווען באַלזאַמירען; געוועהנליך פֿלעגט מען איהם איינוויקלען אין תּכריכים און מקבּר זיין אין דער ערד. איינציגע קבֿרים פֿלעגען זיך געפֿינען אונטער אַ בוים, אונטער אַ שטיין אָדער אַ הויפֿען שטיינער; נאָך ס׳האָבען אויך עקסיסטירט

---

40) מלכים א׳, י״ב, 31.

41) ויקרא, קאַפּ. י״ג—ט״ו; דבֿרים, י״ז, 8 ושׂו׳.

42) בראשית, י״ז, 10; כ״א. 3; שמות, ד׳, 26.

פאַמיליען-סקלעפּען, אויסגעהאַקט אין פעלזען, אָדער אין היילען. די פאָרשטע-לונגען וועגען דער „יענער וועלט" זענען געווען נאָך ניט קלאָר און מטושטש. מ'האָט געגלויבט, אַז דער געשטאָרבענער פאַראייניגט זיך אין קבר מיט זיינע פאָר-עלטערן, אַז עס עקסיסטירט אַנאַלאָגישער וואוינאָרט פאַר די מתים — „שאול"[43]. אין די פאָלקס-מנהגים זענען נאָך פאַרבליבען רעשטען פון טויטען-פאַרעהרונג, אין דער געשטאַלט פון „מתים-מאַלצייטען" (זבחי מתים). עס האָבען עקסיסטירט הייליגע קברים, וואו מען פלעגט געהן מתפלל זיין. מען פלעגט אויך אַרויסרופען טויטע, כדי צו דערגעהן פון זיי די צוקונפט (נעקראָמאַנטיע), נאָר דאָס פלעגט פאַרקומען זעהר זעלטען (די ערצעהלונג וועגען די בעלת-אוב אין עין-דור). די תורה האָט געאַסר'ט אַלע די דאָזיגע אָבערגלויבענס, אין וועל-כע דאָס פאָלק האָט געגלויבט. כשוף, גלויבען אין דעמאָנען און רוחות ווערט געגליכען צו געצענדיענסט[44].

קעמפפענדיג קעגען די אָבערגלויבישע מנהגים פון פאָלק, האָט די רעליגיע פון יאַהווע איבערגעלאָזט אַ סך פון זיי, נאָר זי האָט זיי צוגעגעבען אַ מעהר פאַרשטאַנדיגע באַדייטונג, זי האָט זיי צוגעפּאַסט און צונויפגעגאָסען מיט איהר וועלט-אָנשויאונג. אַזוי זענען געוואָרען בעשטעטיגט פון געזעץ פאַרשיידענע קמיעות, וואָס מען האָט געברויכט פריהער פאַר אַ מיטעל זיך צו פאַרהיטען פון מזיקים, — דהינו, די ציצית אויף די עקען פון די קליידער, בינדען (טטפות) אויפ'ן שטערן, תפלין אויף די הענד, מזוזות אויף די ביישטידלעך פון די טירען. אין דער תורה האָבען די דאָזיגע קמיעות בעקומען די באַדייטונג פון אָנדענקונגס-צייכענס, וואָס האָבען בעדאַרפט אונטערהאַלטען ביים מענשען די רעליגיעזע שטימונג און דערמאָנען איהם אָן גאָטס מצוות[45].

בנוגע צו די עיקרי הדת איז די אידישע רעליגיע אין דער צייט פון די צוויי מלוכות געווען צונויפגעמישט פון פאַרשיידענאַרטיגע אָנשויאונגען, פון אַ העכערן און נידעריגען מין. דער מענש פון המון האָט ניט פאַרשטאַנען די רעליגיע אַזוי, ווי דער אָנהענגער פון די נביאים; דער ערשטער פלעגט צומישען צום יאַהוויזם היידנישע פאָרשטעלונגען; דער לעצטער האָט זיך געמיהט אויס-צולייטערן דעם יאַהוויזם פון יעדער מישונג פון היידענטום. פון דער געגענזייטיגער ווירקונג פון אָט די ביידע ריכטונגען האָט זיך צונויפגעשטעלט די היסטאָרישע ענטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיע. דער פּרינציפּ פון „נאַציאָנאַלען גאָט" האָט נאָך אַליין געהערשט אין דער וועלט-אָנשויאונג פונ'ם פאָלק: יאַהווע איז דער גאָט פון ישראל, און ישראל איז יאַהוועס פאָלק. נאָר דער דאָזיגער פּרינ-

---

43) בראשית, ל"ז, 35; ישעיה, י"ד; ל"ח, 10.

44) שמות, כ"ב, 17; ויקרא און דברים אין פאַרשיידענע ערטער.

45) שמות, י"ג, 13; במדבר, ט"ו, 38—39; דברים, ו', 8—9; י"א, 18, כ"ב, 12 (אַלטע מנהגים).

ציט האט זיך ביסלעכווייז אויסגעלייטערט. פריהער האט מען געהאלטען, אז יאהווע איז א פשוט'ער שדך־גאט פון ישראל, פונקט אזוי ווי כמוש ביי מואב אדער די פערשיידענע בעלים ביי די פעלקער פון כנען, און אז זיין ווירקונגס־קרייז איז בעגרענצט. נאר ביסלעכווייז איז אויסגעוואקסען די איבערצייגונג, אז יאהווע איז העכער פון אלע שבט־געטער פון די אנדערע פעלקער, אז זיין קראפט בעווייזט זיך ניט נאר אין די סטיכישע נאטור־ערשיינונגען, נאר אויך אין אלע ווינקעלעך פונ'ם מענשליכען לעבען. די פרעמדע געטער, די היידנישע געצענבילדער און די ארטליכע אדער הויזליכע אבבילדונגען פון דער גאטהייט זענען אלץ מעהר פערבלאסט און פערשוואונדען געווארען פאר דער גרויסקייט פון יאהווע. יאהווע ווערט נאך אלץ פארגעשטעלט אלס א מענש: מ'שרייבט אידם צו מענשליכע ליידענשאפט און א מענשליכע געשטאלט. דער פשוט'ער המון־עם האט זיך ניט געקאנט בעגעהן אהן א בילד פון יאהווע, וואס ער זאל עס קאנען אנטאפען מיט די הענד. נאר די בעסערע מענשען האבען אנגעהויבען צו ווערען מעהר אויפגעקלערט; זיי האבען פערשפרייט דעם געדאנק, אז יאהווע קאן מען ניט פארשטעלען אין קיין בילד, אז הגם ער איז דער נאציאנאלער גאט פון ישראל, נאר ער איז אויך צו גלייכער צייט דער איינציגער גאט פון דער וועלט, דער בעשעפער פון דער נאטור און פון די מענשען. מיט די דאזיגע עיקרים האבען זיי פעראייניגט א גאנצע סיסטעם פון מאראל: נאט פאדערט פון זיינע דינער ניט אזוי די אויסערפילונג פון אויסווייניגסטע צערעמאניעס, ווי לויטערקייט פון דער נשמה און פערווירקליכונג פון די הויכע מאראלישע געזעצען. ניט דער קולט, נאר די מאראל איז דער מיטעלפונקט פון דער רעליגיע.

די דאזיגע געדאנקען, וואס די נביאים האבען אנגעהויבען צו ענטוויקלען אין קעניגרייך ישראל, ערב זיין פאלען,— זענען געווארען ווייטער געפיהרט אין קעניגרייך יהודה. און שפעטער האבען זיי געבראכט הערצו, אז די אידישע רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג זאל זיך אינגאנצען אומבייטען

ש. דובנאָוו

פֿיערטער קאַפּיטעל.

דער אָנפֿאַל מצד אשור און דער אונטערגאַנג פֿון קעניגרייך ישׂראל (728—769).

דער בײַט פֿון די דינאַסטיעס און דער אָנפֿאַל מצד אשור. — הושע הנביא. — דער בונד קעגען אשור און יהודה (אחז). — דער אונטערגאַנג פֿון קעניגרייך ישׂראל. — דער אָנהויב פֿון ישעיה הנביא׳ס טעטיגקייט.

דער בײַט פֿון די דינאַסטיעס און דער אָנפֿאַל מצד אשור.

§ 100. די לאַנגע צײַט, וואָס ירבעם II האָט געקעניגט, איז געווען דער לעצטער רוהיגער מאָמענט אין׳ם לעבען פֿון קעניגרייך ישׂראל. נאָך ירבעמ׳ס טויט (769) האָט זיך אָנגעהויבען אַ צײַט פֿון מהומות.

ירבעם II־טענס זוהן, זכריה, האָט געקעניגט נאָר אַ האַלב יאָהר. אַ געוויסער שלום בן יבש האָט מורד געווען קעגען זכריה׳ן און האָט איהם געטויט. נאָכ׳ן טויט פֿון דעם דאָזיגען קעניג האָט אויפֿגעהערט צו עקסיסטירען יהוא׳ס דינאַסטיע, וואָס האָט געקעניגט אין משך פֿון העכער הונדערט יאָהר. געקומען איז זי צו דער מאַכט אין אַ צײַט פֿון מהומות, און אַראָב איז זי אויך פֿון טראָן אַ דאַנק אַנאַרכיע־ערקעדרענישׁ, און נײַע, נאָך גרעסערע מהומות זענען נאָך פֿאָרגעשטאַנען.

זכריה׳ס מערדער שלום האָט פֿערכאַפּט דעם טראָן אין שמרון, נאָר אין אַ חודש אַרום איז ער אויך געפֿאַלען פֿון די הענד פֿון פֿערשווערער, וואָס בראש פֿון זיי איז געשטאַנען דער אײַנוואוינער פֿון דער שטאָדט תרצה (מסתמא אַ קריגס־הויפּטמאַן) מנחם בן גדי. מנחמ׳ס אָנהענגער אין שמרון האָבען אויסגערופֿען איהם פֿאַר אַ קעניג (768). אַ בעדײַטענדער טייל פֿון פֿאָלק איז געווען קעגען דעם קרוין־רויבער, און מחמת דעם איז אַרויסגערופֿען געוואָרען אַ בירגער־קריג. די אײַנוואוינער פֿון דער שטאָדט תפּסח האָבען ניט געוואָלט אַרײַנלאָזען דעם נײַעם קעניג. מנחם האָט בעלעגערט די שטאָדט, געצוואונגען זי אונטערצוגעבען זיך איהם, האָט אויסגעהרגעט אַלע אײַנוואוינער און ניט פֿערשוינט אַפֿילו טראָגעדיגע פֿרויען.

ס׳האָט שוין געהאַלטען דערבײַ, עס זאָל אויסברעכען אַ בירגער־קריג מיט אַלע זײַנע שרעקענס, נאָר פּלוצלינג זענען די אַסירער אָנגעפֿאַלען אויפ׳ן קעניגרייך ישׂראל, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ נײַער ווענדונג אין די פּאָליטישע געשעהענישען.

אין משך פון צוויי יאָרהונדערטער האָט דאָס קעניגרייך ישׂראל געמוזט שטענדיג פערטיידיגען זיך קעגען זיינע פיינדליכע שכנים, די ארמים פון קעניגרייך דמשק. נאָר דאָס איז געווען אַ פיינד, וואָס מיט איהם האָט מען געקאָנט קעמפפען, ווי מיט אַ גלייכער קראַפט, — און שמרון האָט געקאָנט אַלע מאָל פערטיידיגען אין דעם דאָזיגען קאַמפף איהר אומאָבהענגיגקייט. די לאַגע האָט זיך אָבער געביטען, זינט אין שכנות פון שמרון האָט זיך באַוויזען אַ סך אַ מעכטיגערער פיינד, וואָס האָט איינגעבראָכען די קראַפט פון ארם און האָט געווענדט זיין קוק אויפ'ן קעניגרייך ישׂראל. דאָס איז געווען די וועלט-מלוכה א ש ו ר (אַסיריען), וואָס האָט פערנומען דעם איבערשטען טייל פון מעסאָפּאָטאַמיען (דעם דרומדיגען טייל האָט פערנומען בבל).

נאָך אַ יאָרהונדערטער-לאַנגער ענטוויקלונג האָט אשור, אַ דאַנק זיינע קריגערישע מלכים, פערברייטערט זיינע גרעניצען און איז געוואָרען די מעכטיגסטע מלוכה אין פאָדער-אזיען. נאָכדעם, ווי די אַסירער האָבען איינגענומען אַ סך לענדער אין ארמעניען, קליין-אזיען, מדי (מידיען), פרס (פערסיען) און בבל, האָבען זיי זיך אַ לאָז געטאָן קיין מערב צו, צו די ברעגען פון מיטעללענדישען ים. זיי האָבען געוואָלט פערכאַפּען דעם שכנישען דמשק, מיט וועלכען זיי האָבען שוין פון לאַנג אָן געשטריטען, דאָס רייכע ברעג-לאַנד פעניציען, די קעניגרייכען ישׂראל און יהודה און צוקומען צולעצט ביז עגיפּטען. די אַסירישע הערשער פלעגען זיך אָנרופען „גרויסע מלכים" און האָבען געשטרעבט איינצונעהמען די גאַנצע וועלט; פיהרען גרויסע מלחמות און איינגעהמען וואָס מעהר לענדער און פעלקער — דאָרין איז, לויט זייער מיינונג, בעשטאַנען די גאַנצע אויפגאַבע פון אַ מושל.

הויפּט-שטאָדט פון דער דאָזיגער מלוכה איז געווען די אַלטע שטאָדט נ י נ ו ה, וואָס איז געלעגען אויפ'ן ברעג פון חדקל (טיגריס). נינוה איז געווען בעריהמט דורך איהרע סך איינוואוינער, דורך איהר רייכקייט, דורך איהרע גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען און געצען-טעמפּלען. די רעליגיע פון די אַסירער איז בעשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבען געדיענט די שטערען אין הימעל (סאַבעאיזם) און די סטיכיעס פון דער נאַטור. זייערע הויפּט-געטער זענען געווען בל, דער פאָטער פון די געטער, א י ש ת אַ ר, די געטין פון פרוכטבאַרקייט, אשור, אַנו און אַנדערע. די הויפּט-געטער האָבען זיך גערעכענט פאַר בעשיצער פון קריג, וואָס מען קאָן זיי מאַכען לייטזעליג דורך בלוטיגע קרבנות.

די אַסירישע קריגס-לייט האָבען זיך אומעטום גערעכענט פאַר אונברחמנותדיגע, פאַר אונבעזיגליכע. ישעיה הנביא בעשרייבט אַזוי אַן אַסירישען קריגסמאַן: „ער געהט געשווינד און גרינג, ער ווערט ניט מיד און ער ווערט ניט שוואַך; ער דרעמלט ניט און שלאָפט ניט. דער גאַרטעל פון זיינע לענדען ווערט קיינמאָל ניט אָראָבגענומען, די שנירעל פון זיין שוך ווערט קיינמאָל ניט אָבגעבונדען. זיינע פיילען זענען אָנגעשאַרפט, זיין בויגען אָנגע-

צויגען. די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זענען גלייך צו אַ פייערשטיין, און זיינע רייטוועגען — צו אַ שטורמווינד. זיין געשריי איז גלייך צום ברומען פון אַ לייב: ער טוט ברומען, כאַפּען זיין פאַנג, אַוועקשלעפּען מיט אים — און קיינער קאָן ניט מציל זיין". די אַסירער זענען געווען עראָבערער לויט זייער פּראָפעסיע; זייער גאַנצע קולטור איז געווען דורכגעדרונגען מיט די פּרינציפּען פון קריג און געוואַלט.

אַט די דאָזיגע מעכטיגע עראָבערער האָבען געוואָרפען אַן אויג אויפ'ן קעניגרייך ישראל. אין דער זעלביגער צייט, בשעת דער קרוין-רויבער מנחם האָט געפּרובּט צו פערפעסטיגען זיך אויפ'ן טראָן דורך רציחות, איז דער אַסירישער קעניג פּול (אָדער פּולו) אַריינגעדרונגען מיט אַ גרויסען חיל אין לאַנד פון די צפון'דיגע שבטים און האָט זיך דערנעהנטערט צו שמרון. מנחמ'ן איז אויסגעקומען צו שטעהן צווישען צוויי פייערן — צווישען זיינע מתנגדים אין פאָלק גופא און צווישען דעם אויסווייניגסטען פיינד. ער האָט בעשלאָסען בעסער צו זוכען שטיצע ביי דעם לעצטערן. ער האָט געגעבען פּול'ן אַ סך געלד, כדי דער אַסירישער קעניג זאָל לאָזען דאָס לאַנד צו רוה און זאָל בעשטעטיגען אים, מנחמ'ן, פאַר אַ קעניג איבער ישראל. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט אויף אָנערקענען די איבערהערשאַפט פון אַסיריען איבער דעם קעניגרייך ישראל. דאָס געלד, וואָס מנחם האָט געגעבען דעם אַסירישען קעניג, האָט אויסגעמאַכט אַ סומע פון טויזענד כּכּרים זילבער, און דאָס האָט ער צונויפגענומען אַלס בעזונדערע שטייער פון אַלע פערמעגליכע אונטערטאַנען זיינע, צו 50 שקלים פון איטליכען. דער אַסירישער קעניג איז געוואָרען צופרידען געשטעלט מיט דער דאָזיגער סומע, און איז זיך אַוועק אין זיין לאַנד.

מנחם האָט געקעניגט 10 יאָהר — ביז 757. די דינאַסטיע פון דעם דאָזיגען ניט-בעליעבטען קעניג האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטען. מנחמ'ס זוהן פּקחיה האָט געקעניגט נאָר צוויי יאָהר און איז דערהרג'עט געוואָרען דורך אַ פערשווערונג. דער הויפּט-פערשווערער איז געווען פּקח בן-רמליהו, דעם קעניגס אַדיוטאַנט. מיט דער הילף פון 50 גלעדים האָט פּקח געטויט פּקחיה'ן אין זיין פּאַלאַץ אין שמרון און איז געוואָרען קעניג אַנשטאָט אים (755).

די פּאַרטיי, וואָס האָט אַרויפגעזעצט פּקח'ן אויפ'ן טראָן, האָט ניט געוואָלט לעבען בשלום מיט אשור, אַזוי ווי מנחם. זי האָט געשטרעבט אַרונטערצוּוואַרפען דעם יאָך פון אשור, און צוליעב דעם זענען די בני-ישראל אַריינגעטראָטען אין אַ בונד מיט די פעלקער, וואָס זענען געווען אונטערדריקט פון אשור: אַרמים און פעניציער. פּקח און זיינע אָנהענגער האָבען געהאָפט אַריינציציהען אין דעם דאָזיגען בונד אויך יהודה און מצרים, מחמת די עגיפּטישע פּרעה'ס זענען געווען פעראינטערעסירט דערין, אַז פּאַלעסטינע, וואָס איז דער שליסעל צו עגיפּטען — זאָל ניט אַריינפאַלען אין אשורס הענד. אויף אַזאַ אופן איז דער פּאָליטישער קנויל אַלץ מעהר פערפּלאָנטערט געוואָרען. די מהומה

איז געוואָרען שטאַרקער. ס׳איז נעהנטער געקומען דער מאָמענט פון גאַנץ־דענעם קאַמפף און פון דער לעצטער קאַטאַסטראָפע.

הושע הנביא.

§ 101. אין יענער אונרוהיגער צייט האָט געזאָגט נביאות אין קעניגרייך ישראל אַ בעגייסטערטער נביא, הושע בן בארי. זיין טעטיגקייט אַלס נביא האָט הושע אָנגעהויבען נאָך אין ירבעם II־טענס צייטען. אונטער דער גלענצענדער אויסווייניגסטער לאַגע, האָט הושע, פונקט ווי דער פריהערדיגער נביא עמוס, בעמערקט סימנים פון אינווייניגסטער צופּולקייט. ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז די הויז יהוא וועט אונטערגעהן, און דאָס איז טאַקע געשעהן אין זיינע צייטען. אַזוי ווי הושע איז געשטאַנען נאָהענט צו די העכערע ספערען פון שומרון, האָט ער אפשר אַפריהער געוואוסט וועגען דער איבערקעהרעניש, וואָס ווערט צוגעגרייט. דער אונטערגאַנג פון יהוא׳ס דינאַסטיע איז פאַר דעם נביא אַ געשעהעניש פון דער העכסטער גערעכטיגקייט: אַ דינאַסטיע, וואָס איז ענטשטאַנען אין מיטען דער בלוטפערגיסונג אין יזרעאל, האָט געמוזט אומקומען אין טייכען בלוט (קאַפּ. א׳, 4).

באַלד האָט הושע דערלעבט צו זעהן אַ גאַנצע רייה פון איבערקעהרענישען. דער בירגער־קריג אין קעניגרייך ישראל, דער גיכער בייט פון די מלכים, וואָס העַרען אַרויפגעזעצט אויפ׳ן טראָן און אַראָבגעוואָרפען דורך די קעמפפענדע פּאַרטייען, די צעלאָזענע געלוסטען פון פערשיידענע הויף־כבוד און אוואַנטיוריסטען, דער אַסירישער אָנפאַל און די פּאָליטישע צעשפּאַלטונג, וואָס איז דורכדעם אַרויסגערופען געוואָרען, די אונרוהען וועגען דעם בונד קעגען אשור,—דאָס אַלץ האָט געפונען אַן אָבקלאַנג אין הושע׳ס ליידענשאַפטליכע רעדעס. מיט ביטערניש רעדט ער וועגען די מלכים פון שומרון, וואָס בעווייזען זיך, „ווי שוים אויפ׳ן פלאַך פון וואַסער“ (כקצף על פני המים), וועגען „דער לאַסט פונ׳ם מלך און די שרים“. „איך גיב דיר אַ קעניג אין מיין צאָרן, און נעהם איהם צו אין מיין גרימצאָרן“—זאָגט דער נביא אין גאָטס נאָמען. הושע שילדערט העל די פערלאָרענקייט פון פאָלק און פון זיינע פּאָליטישע פירער אין יענער מהומה־צייט. „אפרים איז געוואָרען ווי אַ נאַרישע טויב, אָהן פערשטאַנד (ויהי אפרים כיונה פותה אין לב): אָט רופען זיי צו מצרים, אָט געהען זיי צו אשור... האָט דערזעהן אפרים זיין קרענק און יהודה — זיין וואונד,—און ער איז אַוועק צו אשור, האָט געשיקט צום קעניג, וואָס וועט זיך פאַר איהם איינשטעלען, נאָר ער קאָן ניט אייך אויסהיילען, ער קאָן אייער וואונד ניט פערגרינגערן... אפרים ווייהט אַ ווינט און יאָגט זיך נאָכ׳ן מזרח־ווינט (אפרים רעה רוח ורודף קדים); איטליכען טאָג פערמעהרט ער ליגענס און רויב: ער שליסט אַ בונד מיט אשור און (אין דער זעלביגער צייט) פירט ער בוימל קיין מצרים“.

דער נביא פֿיהלט פֿאָראויס, אַז דער פּועל־יוצא פֿון דעם דאָזיגען פּאָליטישען שאָקלען זיך וועט זיין דער אונטערגאַנג פֿון קעניגרייך ישראל. נאָר פֿאַר די הויפּט־סבה, וואָס איבער איהר זענען אָנגעקומען אַלע פּורעניות אויף שמרון, רעכענט ער די רעליגיעזע זינד פֿון פֿאָלק. ער פֿערגלייכט אָפֿט דאָס פֿאָלק ישראל מיט אַ לידערליכער פֿרויענצימער, וואָס פֿערלאָזט איהר מאַן, יאַהווע, און לויפֿט נאָך איהרע געליעבטע, די בעלים. יאַהווע איז אין כעס אויף דער פֿאַלשער פֿרוי, נאָר ער האָט זי ליעב און וואַרט, אַז זי וועט צו איהם צוריקקומען. דאָס, וואָס הושע רופֿט אָן „געהן נאָך די בעלים", איז דאָס ניט געווען קיין פֿרעמדער געצענדיענסט אין אייגענטליכען זין פֿון וואָרט, וואָרום אין יענער צייט האָבען די בני־ישראל שוין מעהר ניט געדיענט קיין פֿרעמדע געצען. דער נביא מיינט דאָ מעהר ניט די היידנישע פֿאָרמען, וואָס עס האָט אָנגענומען דער קולט פֿון יאַהווע אין קעניגרייך ישראל. ער שטעהט אויף קעגען די אָבבילדונגען פֿון יאַהווע, קעגען די פֿרעהליכע מאָלצייטען און אויס־געלאַסענקייט, וואָס פֿלעגען פֿאָרקומען ביים גאָטעסדיענסט, קעגען דער געלד־גיריגקייט און די מדות רעות פֿון די כהנים. „מיין פֿאָלק פֿרעגט אָן ביי אַ האָלץ (אַ הילצענער אָבבילדונג פֿון יאַהווע) און אַ שטעקען זאָגט איהם נביאות, וואָרום דער גייסט פֿון זנות האָט איהם פֿערפֿיהרט, און ער קעהרט זיך אָב פֿון זיין גאָט. אויף די שפּיצען בערג ברענגען זיי קרבנות און אויף די הויכקייטען רויכערן זיי קטורת, אונטער איטליכען דעמב, אונטער איטליכען טאָפּאָלען־בוים, אונטער איטליכען טערעבינטען־בוים (תחת אלון ולבנה ואלה), וואו עס איז פֿאַרהאַן אַ גוטער שאָטען... אויב דו, ישראל, ביזט אַראָב פֿון גלייכען וועג, זאָל יהודה ניט שולדיג זיין; און געהט ניט קיין גלגל, געהט ניט אַרויף קיין בית־און („דאָס הויז פֿון אונרעכט" — אַ בעליידיגענדער נאָמען פֿאַר בית־אל, וואו עס איז געווען דער הויפּטליכער טעמפּעל, „גאָטס הויז")... פֿערלאָזען האָט דיך דיין קאַלב (די סטאַטוע פֿון קאַלב אין טעמפּעל, שמרון). וואָרום אַ מייסטער האָט איהם געמאַכט, און ער איז גאָר ניט קיין גאָט. צו שערבלעך וועט ווערען דער קאַלב פֿון שמרון".

הושע דערמאָנט דעם פֿאָלק זיין היסטאָרישע יוגענד, די צייט פֿון יציאת־מצרים און דער וואַנדערונג אין מדבר. „אַז ישראל איז געווען יונג, האָב איך איהם ליעב געהאַט — זאָגט גאָט דורכ'ן נביא'ס מויל; פֿון מצרים האָב איך אַרויסגערופֿען מיין זוהן... ווי אַ יונגע פֿרוכט אויפ'ן פֿייגענבוים, האָב איך זייערע עלטערן דערזעהן; נאָר שוין דאָרט זענען זיי אַוועק צום בעל־פּעור און האָבען זיך איבערגעגעבען צו דער שאַנד".

דער נביא זאָגט פֿאָראויס דער אונגעטרייער נאַציע, אַז זי וועט אינגאַנ־צען אונטערגעהן; נאָר אַמאָל זאָגט ער צו, אַז זי וועט ווידער איבערלעבען, ווען זי וועט זיך צוריק „אומקעהרען צו גאָט". „קעהר זיך צוריק, ישראל, צו יאַהווע דיין גאָט, וואָרום דו ביזט געשטרויכעלט געוואָרען דורך דיינע זינד...

זאָגט צו גאָט: קוק ניט אויף די זינד און נעהם אין בעטראַכט נאָר דאָס גוטע... אשור וועט אונז ניט העלפֿען, אויף פֿערד וועלען מיר ניט רייטען און מיר וועלען ניט אָנרופֿען „גאָט“ דאָס, וואָס מיר האָבען מיט אונזערע הענד געמאַכט (ולא נאמר עוד אלהינו למעשה-ידינו). דעמאָלט וועל איך (גאָט) אויסהיילען זייער פֿערווילדערונג און איך וועל זיי ווידער ליעב בעקומען, וואָרום מיין צאָרן איבער זיי וועט אָבגעהן. איך וועל זיין ווי אַ טוי פֿאַר ישראל, ער וועט בליהען, ווי אַ רויז און וועט זיינע וואָרצלען טיעף לאָזען, ווי דער לבנון“.

נאָר הושע'ס פֿינסטערע פֿאָרגעפֿיהלען האָבען זיך, צום אונגליק, אַרויסגעוויזען ריכטיגער, איידער זיינע חלומות וועגען אַ ישועה: דאָס קעניגרייך ישראל איז געשטאַנען ביים שוועל פֿון אָבגרונד, און די אויפֿלעבונג איז געווען אונמעגליך.

דער בונד קעגען אשור און יהודה (אחז).

§ 102. בערך אין דער העלפֿט פֿון VIII יאָהרהונדערט האָבען די פֿעלקער פֿון סיריען און פּאַלעסטינע אָנגעהויבען צו שליסען צווישען זיך פֿערטיידיגונגס-בונדען קעגען זייער געמיינזאַמען אונטערדריקער — דעם „גרויסען קעניג“ פֿון אשור. בראש פֿון אַזאַ בונד זענען געשטאַנען ר צ י ן, דער קעניג פֿון דמשק און פקח בן-רמליהו, דער קעניג פֿון ישראל. בכדי צו פֿערגרעסערען זייערע קרעפֿטען, האָבען רצין און פקח געפּרובט אַריינציהען אין זייער בונד אויך דאָס קעניגרייך יהודה; נאָר דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָהרען פֿון י ו ת ם, דעם זוהן פֿון עוזיה, קעניג פֿון יהודה (754—739). יותם איז געוואָרען קעניג נאָך בשעת זיין פֿאָטער האָט געלעבט (§ 93), און ער האָט ווייטער געפֿיהרט דעם פֿאָטערס פּאָליטיק. ער האָט נאָך מעהר בעפֿעסטיגט ירושלים, בעזונדערס אין איבערשטען טייל, וואו עס איז געשטאַנען דער בית-המקדש; ער האָט אויך אויסגעבויט טורעמס און פֿעסטונגען אין אַלע הויך-געלעגענע ערטער פֿון זיין קעניגרייך.

אשור איז אין יענע צייטען נאָך ניט דערגאַנגען ביז צו די גרעניצען פֿון יהודה. דעריבער, אַז אין די שכנישע מלוכות איז ענטשטאַנען אַ בעוועגונג מיט דעם צוועק צו גרינדען אַן אַלגעמיינעם בונד קעגען אשור, איז דאָס קעניגרייך יהודה געבליבען אָן אַ זייט פֿון דער גאַנצער בעוועגונג. אַזוי ווי יותם איז געווען אַ זעלבשטענדיגער מושל, דעריבער האָט ער ניט געוואָלט אַריינמישען זיך אין געפֿעהרליכען קריג, וואָס די אָבהענגיגע מלוכות האָבען אונטערנומען קעגען אשור. אין די לעצטע יאָהרען פֿון יותמ'ס קיניגען האָבען פקח און רצין, ווי עס ווייזט אויס, געפּרובט צורעדען איהם, ער זאָל נעהמען אַנטהייל אין אַלגעמיינעם קריגס-בונד. נאָר די האָבען גאָרנישט ניט געפּועלט. די האַרטנעקיגע פֿערטיידיגונג האָט ... די האָדינע פֿערעקשנטע נייטראַליטעט האָט שטאַרק אויפֿגעבראַכט די פֿער-

בינדעטע מלכים, וואס האבען פאראויסגעזעהן, אז אויב די בני־יהודה וועלען ניט זיין מיט זיי, וועלען זיי זיין קעגען זיי ביי דער ערשטער צוזאמענשטויסונג מיט די אסירער. בכדי זיך נוקם צו זיין אין די בני־יהודה אדער צו צווינגען זיי צוצושטעהן צום בונד, זענען פקח און רצין אריינגעדרונגען מיט א גרויסען חיל אין לאנד פון יהודה און האבען אנגעהויבען אנמאכען דארט גרויסע פערוויסטונגען.

אין דעם דאזיגען קריטישען מאמענט איז דער קעניג יותם געשטארבען, און אויף זיין ארט איז געווארען קעניג זיין זוהן אחז (739—724). דער יונגער אחז, וואס איז אויסגעוואקסען צווישען דעם פערדארבענעם הויפישען אדעל אין ירושלים, איז געווען גאר ווייניג צוגעגרייט צו פערוואלטען איבער דער מלוכה אין אזא שווערער צייט. ער האט ליעב געהאט א פרעהליך לעבען, לוקסוס און אויסוויינינגסטען גלאנץ, און איז געווען שטארק נוטה צום געצענדינסט, אויך איז ער ווייניגער פון אלץ געווען א קריגס־מאן. נעהמען אנטייל אין קריגס־בונד קעגען אשור האט זיך אויסגעוויזען אחז'ן פאר זעהר געפעהרליך.

אין אשור האט יעמאלט געקעניגט דער מוטיגער תגלת־פלאסר II, וואס ער האט דערפיהרט ביז צום אויסערסטען גראד די קריגערישע פאליטיק פון דער גרויסער מלוכה.

דערווייל האבען די פערבינדעטע מלכים, פקח און רצין, זיך דערנעהנטערט מיט זייער חיל צו ירושלים און האבען געהאט בדעה אראבצו־ווארפען אחז'ן פון טרון און אויף זיין שטעל ארויפזעצען זייערען אנהענגער, א געוויסען בן־טבאל. אז אחז און זיינע הויפס־לייט האבען זיך וועגען דעם דערוואוסט, האבען זיי זיך שטארק איבערגעשראקען, און „זייערע הערצער (ווי ישעיה הנביא דריקט זיך אויס) האבען געציטערט, ווי עס ציטערן בוימער אין וואלד פאר א שטורם". די לאגע האט זיך נאך פערערגערט דורכדעם, וואס עס זענען אויסגעבראכען נאך אונרוהען אין דרום־זייט פון דער מלוכה. די אדומים, וואס האבען פון שנים־קדמוניות געצאהלט צינז דעם קעניגרייך פון יהודה, האבען אויסגענוצט איצט די שוועריגע לאגע פונם קעניגרייך און האבען אבגענומען די האפען־שטאדט אילת, ביים רויטען ים, דעם אויסגאנגס־פונקט פאר'ן ים־האנדעל פון די בני־יהודה.

דער קעניג אחז איז אינגאנצען צעטומעלט געווארען. כדי צו ראטעווען זיך פון דער פערצווייפעלטער לאגע, האט ער געשיקט זאגען תגלת־פלאסר, דעם קעניג פון אשור, פאלגענדעס: „איך בין דיין קנעכט און דיין זוהן. קום און ראטעווע מיך פון די הענד פון קעניג פון ישראל און פון קעניג פון ארם, וואס פיהרען מלחמה קעגען מיר". ער האט אויך געשיקט, אלס מתנה פאר תגלת־פלאסר, א בעדייטענדען סכום גאלד און זילבער. דער אסירישער קעניג איז זעהר צופרידען געווען דערמיט, וואס אחז, אנשטאט זיך צו פעראייניגען מיט אשורס פיינד, איז ער גאר געקומען בהכנעה בעטען ביי איהם שוץ.

תגלת=פלאָסר האָט באַלד געלאָזט זיך געהן מיט זיין גרויסען חיל אין די לענדער פון די ביידע מלכים — פקח און רצין — וואָס האָבען קעגען איהם מורד געווען.

אַז די פערבינדעטע מלכים האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם אָנפאַל מצד אשור, האָבען זיי פערלאָזט דאָס לאַנד פון יהודה, און האָבען זיך איילינג אומגעקעהרט אימליכער אין זיין לאַנד. נאָר עס איז שוין געווען שפּעט. תגלת=פלאָסר האָט איינגענומען די שטאָדט דמשק און פערטריבען אידרע איינוואוינער אין דער וויטער אַסירישער פראָווינץ קיר; דעם קעניג רצין האָט ער גענומען געפאַנגען און האָט איהם געטויט. מיט'ן איינעהמען דמשק האָבען, אַפנים, די אַסירער פערענדיגט די עראָבערונג פון ארם, וואָס זיי האָבען שוין זינט לאַנג אָנגעהויבען: ארם איז פעראייניגט געוואָרען מיט אַסיריען — און האָט שפּעטער בעקומען דעם נאָמען סיריען (סוריא), וואָס איז פערקירצט פון „אַסיריען“.

דערנאָך איז דער מעכטיגער קריגס=פיהרער אַריינגעטראָטען אין קעניגרייך ישראל און האָט איינגענומען אין מזרח=זייט גאַנץ גלעד, און אין צפון=זייט — דאָס לאַנד פון די שבטים: נפתלי, זבלון און אשר. די דאָזיגע לענדער האָט תגלת=פלאָסר צוגענומען פאַר זיין מלוכה, און די איינוואוינער האָט ער פערטריבען אין געפאַנגענשאַפט און בעזעצט זיי אין די וויטע פראָווינצען פון דער אַסירישער מלוכה. אויף אַזאַ אופן איז פון קעניגרייך ישראל אָבגעריסען געוואָרען מיט=אַ=מאָל אַ העלפט פון זיין לאַנד. (735 אָדער 734).

פקח איז געבליבען קעניג נאָר איבער דעם געביט פון אפרים און פון נאָך פיער אָדער פינף שבטים; די הויפּט=שטאָדט איז געבליבען, ווי פריהער, שמרון. דאָס איבערגעבליבענע לאַנד האָט אויך געמוזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פונ'ם אַסירישען קעניג און צאָהלען איהם צינז. דאָס פאָלק איז געווען אונצופרידען מיט פקח'ן, וואָס האָט דורך זיין אויפשטאַנד אַריינגעבראַכט דאָס לאַנד אין אַזאַ צרה. קעגען איהם איז געוואָרען אַ פערשווערונג. דער הויפּט=פערשווערער, הושע בן אלה, האָט געטויט פקח'ן און מיט דער הילף פון די אַסירער איז ער געוואָרען קעניג איבער ישראל. דער נייער קעניג האָט זיך מתחייב געווען צו זיין געטריי דעם קעניג פון אשור.

נאָך זיינע נצחונות אין פּאַלעסטינע און סיריען, האָט תגלת=פלאָסר צייטווייליג געוואוינט אין דמשק. דאָ האָט דער שטאָלצער מושל פון אַזיען אויפגענומען די מלכים פון די אַרומיגע קליינע מלוכות, וואָס זענען געקומען אויסדריקען איהם זייערע אונטערטעניגקייטס=געפיהלען און האָבען איהם געבראַכט מתנות. צווישען די מלכים, וואָס זענען געקומען צו תגלת=פלאָסר קיין דמשק, איז געווען אויך אחז, דער קעניג פון יהודה. אחז האָט מיט'ן גיטען ווילען אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון אשור, און אין זיין הכנעה האָט ער קיין גרעניצען ניט געוואוסט. אויף איהם, אַלס אַ קעניג פון אַ קליינער מלוכה, האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק דער „גרויסער קעניג“, דער מושל איבער אַ סך פעלקער, דער

גלאַנץ פֿון דיין היף און די פּייערלעכע צערעמאָניעס, וואָס קומען דאָרט פֿאָר. אין דמשק איז אחז'ן אויסגעקומען צו זעהן דעם אסירישען אַרט לעבען און זייערע רעליגיעזע מנהגים, און אַ סך פֿון זיי זענען איהם זעהר געפֿעלען געוואָרען. בעזונדערס איז איהם געפֿעלען געוואָרען דער היידנישער מזבח, וואָס אויף איהם האָט דער זיגער געבראַכט קרבנות פֿאַר דעם קריגס-גאָט. אחז האָט געשיקט פֿון דמשק אַ מאָדעל פֿון דעם דאָזיגען מזבח קיין ירושלים און האָט בעפֿוילען דעם כהן-גדול אוריה, אויסבויען דאָרט אויך אַזעלכען. אוריה האָט געפֿאָלגט. דעם נייעם מזבח האָט מען אַוועקגעשטעלט אין הויף פֿון בית-המקדש, אויף'ן אָרט פֿון שלמה'ס קופּערנעם מזבח, וואָס איז געוואָרען אריבערגערוקט אויף אַן אַנדער אָרט.

אַז אחז איז געקומען צוריק קיין ירושלים, האָט ער אַליין אָנגעהויבען צו ברענגען קרבנות אויף'ן „גרויסען מזבח“, ווי דאָס האָבען געטאָן די אסירישע מלכים, וואָס האָבען זיך געהאַלטען, אַז זיי שטאַמען אַרויס פֿון געטער. ער האָט איינגעפֿיהרט אין ירושלים דעם דיענסט צו די שטערען, ווי אין בבל; צוליעב דעם האָט מען אויסגעבויט בעזונדערע קליינע מזבחות אויף'ן פּלאַכען דאַך פֿונ'ם קעניגליכען פּאַלאַץ. בײַם אַרײַנגאַנג אין בית-המקדש האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ רייטוואַגען מיט פֿערד לכבוד דעם זונען-גאָט. אחז איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אין זיין נאָכמאַכען די היידנישע מנהגים, אַז איין מאָל, בשעת ער האָט זיך געריכט אויף אַ נעת צרה, האָט ער פֿערברענט זיינעם אַ זוהן אויף'ן מזבח פֿונ'ם אָבגאָט מולך, בכדי איבערצובעטען די דערצאָרנטע גאָטהייט. אחז'ס שלעכטע מעשים האָבען נאָכגעטאָן אַ סך שרים פֿון יהודה. די רעליגיע און די מדות זענען אַלץ מעהר פֿערדאָרבען געוואָרען, און עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז דאָס קעניגרייך יהודה זאָל קומען צו דער מדרגה פֿון קעניגרייך ישראל. צום גליק איז אחז, נאָכדעם, ווי ער האָט געקעניגט 16 יאָהר, געשטאָרבען, און אויף זיין אָרט איז געוואָרען קעניג זיין זוהן, דער קלוגער און גאָטס-פֿאָרכטיגער חזקיה (724), וואָס האָט אָנגעהויבען צו רעגירען אין נאַציאָנאַל-רעליגיעזען גייסט. אין די ערשטע יאָהרען פֿון חזקיה'ס קיניגען איז פֿאָרגעקומען די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט אינגאַנצען פֿערניכטעט דאָס קעניגרייך ישראל.

דער אונטערגאַנג פֿון קעניגרייך ישראל.

§ 103. נאָך יענער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט געטראָפֿען מיט'ן קעניגרייך ישראל, בשעת תגלת-פּלאָסר האָט אָבגענומען אַ גאַנצע העלפֿט פֿון זיין טעריטאָריע, — האָבען די בני-ישראל איינע יאָהר בהכנעה אַריבערגעטראָגען דעם אסירישען יאָך. דער נייער קעניג, הושע בן אלה, פֿלעגט אַלע יאָהר צאָהלען דעם אסירישען מושל די בעשטימטע צינז, און יענער האָט איהם געלאָזען צו רוה. נאָר הושע'ן איז שווער געווען אַריבערצוטראָגען דאָס, וואָס זיין מלוכה

איז אונטערדריקט, און ער האט געווארט אויף א געלעגענהייט, בכדי זיך ארויסצורייסן פון אונטער דעם פרעמדען יאך.

אז תגלת-פלאסר איז געשטארבען (727), האבען זיך אין סיריען און פאלעסטינע ווידער אנגעהויבען אונרוהען. די פעניציער אין צור און עטליכע אנדערע פעלקער האבען מורד געווען קעגען דער אויבערהערשאפט פון אשור. די אויפגעשטאנענע פעלקער האבען שטארק געהאפט אויף אשורס מעכטיגען פיינד — מצרים.

די אלגעמיינע בעוועגונג האט אריינגעצויגען אויך הושע'ן. ער איז אריינגעטראטען אין געהיימע פערהאנדלונגען מיט'ן עגיפטישען קעניג סוא (סאבאקאן), בכדי צו שליסען מיט איהם א פערטיידיגונגס-בונד קעגען אשור. פערלאזענדיג זיך אויף דער הילף מצד עגיפטען, האט הושע אויפגעהערט צו שיקען דעם יעהרליכען צינז צום יורש פון תגלת-פלאסר, דעם קעניג שלמנאסר V. נאר הושע האט זיך אפגענארט אין חשבון. אז שלמנאסר איז מיט א גרויסען חיל אריינגעדרונגען אין לאנד פון ישראל, כדי צו בעשטראפען דעם קעניג, וואס האט קעגען איהם מורד געווען, — האבען די עגיפטער אפילו ניט געפרובט קומען צו הילף די בני-ישראל. די אסירער האבען איינגענומען די שטעדט פון די בני-ישראל, איינע נאך דער אנדערער, זענען באלד צוגעקומען ביז שמרון און האבען זי בעלעגערט. ווי ס'ווייזט אויס, האבען די אסירער געכאפט הושע'ן, נאך איידער זיי האבען בעלעגערט די הויפט-שטאדט, און האבען איהם, אלס מורד-במלכות, אריינגעווארפען אין תפיסה (724). נאר די בעלעגערטע איינוואוינער פון שמרון האבען זיך פערצווייפעלט פערטיידיגט קעגען די פיינד. דריי יאהר האבען די אסירער בעלעגערט די הויפט-שטאדט פון ישראל, וואס איז געווען גוט בעפעסטיגט הן פון דער נאטור, הן קונסטליך. די שטאדט איז געווארען איינגענומען ערשט נאך שלמנאסר'ס טויט, פאר זיין יורש סרגון (721).

נאכדעם, ווי דער אסירישער קעניג האט איינגענומען שמרון, האט ער בעשלאסען מיט איין מאל צו פערניכטען דאס קעניגרייך ישראל. צוליעב דעם האט ער אנגעווענדעט דעם געוועהנליכען מיטעל, וואס די אסירער פלעגען געברויכען, ווען זיי פלעגען איינגעהמען פיינדליכע פעלקער. ער האט מיטגעשלעפט מיט זיך אין געפאנגענשאפט צעהנדליגער טויזענד בני-ישראל און האט זיי בעזעצט אין די ווייטע מקומות פון זיין מלוכה: „אין חלח, חבור, ביים טייך גוזן און אין די שטעדט פון מדי" (ווי דער תנ"ך ווייזט אן אונבעשטימט). אין אן אויבערגעבליבענער אויפשריפט סרגונ'ס ווערט דערצעהלט, אז פון שמרון אליין זענען ארויסגעטריבען געווארען 27,280 איינוואוינער. לויט ווי מ'קאן ארויסזעהן פון די איינענע קליינעס-שריפטען, קאן מען משער זיין, אז אין א יאהר ארום נאכ'ן איינעהמען שמרון (720) האט מען ווידער ענטדעקט צווישען די בני-ישראל, וואס זענען געבליבען אין לאנד, א פרוב צו מאכען אן אויפשטאנד. מחמת דעם האט מען ווידער פערטריבען א סך בני-ישראל אין ווייטע לענדער.

אויף אַזאַ אופֿן האָבן שמרון און אַנדערע שטעדט פֿון ישראל אָנגע־וואָרען דעם גרעסטן טייל פֿון זייערע אײַנוואוינער. די בני־ישראל, וואָס זענען פֿאַרטריבן געוואָרן אין די ווײַטע לענדער, האָבן זיך ביסלעכווײַז צו־אויפֿגעמישט מיט די דאָרטיקע היידנישע פֿעלקער און זענען שפּעטער אײַנגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן צווישן זיי. אין די ליידיק־געוואָרענע שטעדט פֿון ישראל האָט דער אַסירישער קעניג אַריבערגעפֿירט אַסיריער, בבֿלים און כותים. די דאָזיקע ניי־אָנגעקומענע אײַנוואוינער זענען געווען געצענדינער, נאָר מיט דער צײַט האָבן זיי איבערגענומען אייניקע מנהגים און אמונות פֿון די בני־ישראל. זיי האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די אָרטיקע בני־ישראל און האָבן געבילדעט שפּעטער־צו אַ האַלב־אידיש, האַלב היידניש־פֿאָלק, וואָס איז באַוואוסט אונטער'ן נאָמען שמרונים (סאַמאַריטאַנער, כותים).

אין תנ"ך ווערט דערצײלט פֿאָלגענדעס וועגן דעם ענטשטעהן פֿון דעם דאָזיגן געמישטן שמרונישן פֿאָלק. די ערשטע צײַט, נאָכדעם ווי די אַסיריער האָבן זיך באַזעצט אין געוועזענעם קעניגרײַך ישראל, האָבן זיי אַ סך געליטן פֿון די לייבן, וואָס האָבן זיך באַוויזן מאַסנווײַז אין פֿאַרוויסטן לאַנד. און זיי האָבן גערעכנט, אַז דאָס שטראָפֿט יאַהווע, „דער גאָט פֿון לאַנד" (אלהי הארץ) די נײַע אײַנוואוינער, פֿאַרוואָס זיי דינען איהם ניט. אַז מען האָט דאָס מודיע געווען דעם קעניג פֿון אשור, האָט ער באַפֿוילן צוריק־אָפּצושיקן קיין שמרון איינעם פֿון די פֿאַרטריבענע כהנים, בכדי ער זאָל אויס־לערנען די נײַע אײַנוואוינער, ווי זיך צו פֿירען „לויט די מנהגים פֿונ'ם גאָט פֿון לאַנד". דער צוגעשיקטער כהן האָט זיך באַזעצט אין דער געוועזענער היי־ליגער שטאָדט בית־אל און האָט אָנגעהויבן צוגעוועהנען די פֿרעמדע צום קולט פֿון יאַהווע. נאָר די אַסיריער, בבֿלים, כותים האָבן, אָננעהמענדיג דעם קולט פֿון ישראל, אויך אָבגעהיט די היידנישע קולטען, צו וועלכע זיי זענען געווען צוגעוועהנט בײַ זיך אין דער היים. אַזוי איז ענטשטאַנען די געמישטע רעליגיע פֿון די שמרונים.

מ'מוז אָננעהמען, אַז אין דער דאָזיגער רעליגיע זענען געווען מעהר אידישע עלעמענטן, ווארום די קאָלאָניסטן האָבן זיך בכלל אָנגעאייגנט די שפּראַך און די מנהגים פֿון די אָרטיגע אײַנוואוינער און שפּעטער האָבן זיי געוואָלט אפֿילו זיך צונויפֿגיסען מיט די בני־יהודה פֿון דער שכנישער מלוכה. נאָר דאָס זענען שוין ניט געווען קיין אמת'ע אידען לויט דער ראַסע און לויט דער רעליגיע.

אַזוי איז אונטערגעגאַנגען די מלוכה פֿון ישראל אָדער פֿון די עשרת השבטים, וואָס האָט עקסיסטירט, נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אָבגעטיילט פֿון יהודה, בערך דריטהאַלבן הונדערט יאָהר. ס'איז אונטערגעגאַנגען ניט נאָר די מלוכה, נאָר אויך דאָס פֿאָלק, וואָס האָט זי באַזעסן. נאָר אַ קליינער טייל פֿון די

בני־ישראל, ווי מען מוז משער זיין, האָבען אײנגאַנצען בעהאַלטען זייער גלויבען און פֿאָלקסטום, מחמת זיי האָבען זיך איבערגעקליבען אין קעניגרייך יהודה.

דאָס אַנומעלט שטאַרקע און קולטורעלע קעניגרייך ישראל איז געפֿאַלען, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע אויאַטישע פֿעלקער, פֿאַר אַ קרבן פֿון אשור׳ס עראָבערונגס־פּאָליטיק. נאָר אויב די דאָזיגע אויסווייניגסטע סבות האָבען אַרויסגערופֿען דעם אונטערגאַנג פֿון קעניגרייך ישראל, איז דעם אונטערגאַנג פֿונ׳ם פֿאָלק ישראל האָבען מיטגעהאָלפֿען טיפֿערע, אינעווייניגסטע סבות. דאָס פֿאָלק ישראל האָט ניט בעוויזען אויסצואַרבייטען קיין שטאַרקען נאַציאָנאַלען גייסטיגען טיפּ, וואָס זאָל זיין ניט מסוגל זיך צו אַסימילירען, — וואָרום נאָך דער צעשפּאַלטונג פֿון ירבעם I, איז ישראל געווען אָבגעריסען פֿון יהודה און, פֿערקעהרט, אַרומגערינגעלט מיט היידנישע פֿעלקער (ארמים, פֿעניציער און אַנדערע), וואָס מיט זיי האָבען די בני־ישראל שטענדיג געהאַט מגע־ומשא. צווישען די בני־ישראל איז שטענדיג שטאַרק געווען אַנטינאַציאָנאַלע שטרעמונג, וואָס האָט געוואָלט דערנעהנטערן די רעליגיע און קולטור פֿון פֿאָלק צום אַלגעמיינעם טיפּ פֿון די דעמאָלטיגע מזרח׳דיגע רעליגיעס און קולטורען. די נביאים האָבען אָנגעהויבען אַ קאַמפּף קעגען דער דאָזיגער ריכטונג, וואָס האָט אונטערגעגראָבען די היסטאָרישע יסודות פֿונ׳ם פֿאָלקס־לעבען; נאָר זייערע רייד האָבען זיך ביים פֿאָלק ניט איינגעוואָרצעלט. און דאָ איז מיט אַמאָל אָנגעפֿאַלען אויף די בני־ישראל די אומבעוויגליכע מאַכט פֿון די אַסירער. די מלוכה איז נאָך אַ פֿערצווייפֿעלטען ווידערשטאַנד געפֿאַלען; דאָס פֿאָלק אָבער, וואָס האָט זיך נאָך ניט בעפֿעסטיגט אין זיין נאַציאָנאַלען גייסט, האָט ניט געקאָנט איינהיטען זיין נאַציאָנאַלען טיפּ אין דעם פֿעלקער־שטרוים, וואָס האָט איהם איינגעשלונגען. די בני־ישראל זענען אונטערגעגאַנגען, האָבען זיך אויסגעמישט אין דעם דאָזיגען שטרוים, פּונקט ווי עס זענען אונטערגעגאַנגען איינס נאָכ׳ן אַנדערן אַ סך פֿעלקער פֿון דער אַלטער וועלט, וואָס פֿלעגען קומען אין צוזאַמענשטויסונג מיט אַזעלכע וועלט־מלוכות, ווי אשור, בבל, פּרס און רוים.

דער אָנהויב פֿון ישעיה הנביאס טעטיגקייט.

§ 101. אויף דער גרעניץ פֿון צוויי עפּאָכען, בשעת איין העלפֿט פֿונ׳ם אידישען פֿאָלק איז אונטערגעגאַנגען און די אַנדערע העלפֿט האָט אויסגעקוקט און געוואַרט אויף אַ ישועה, — האָט זיך אין ירושלים בעוויזען דער גרעסטער אידישער נביא, ישעיה בן אמוץ. אין מיטען דעם רעש פֿון מלחמות, וואָס האָבען אַרומגעכאַפּט גאַנץ פֿאָדער־אַזיען, אין מיטען פֿאַלען פֿון מלוכות און פֿעלקער, האָט דער דאָזיגער מעכטיגער נביא גערופֿען די אידישע נאַציע צו אויפֿלעבונג. ניט נאָר מיט זיין וואָרט, נאָר אויך מיט זיין טאַט האָט ער זיך בעטייליגט אין בעפֿרייאונגס־פּראָצעס, וואָס האָט געראַטעוועט יהודה פֿונ׳ם שרעקליכען גורל, וואָס עס האָט געהאַט דאָס קעניגרייך ישראל.

לויט זיין אָפּשטאַמונג האָט ישעיה געהערט צום העכסטען קלאַס פֿון דער ירושלים'ער געזעלשאַפֿט און איז געשטאַנען נאָהענט צו די הויפֿ- און רעגירונגס-קרייזען. ער איז געווען צוגלייך אי אַ טיפֿזיניגער חכם און אַ באַגייסטערטער פּאָעט, אי אַ ווייט-זיכטיגער און ענערגישער פּאָליטישער טוער.

זיין ערשטע נבואה, וואָס האָט ענטפּלעקט ישעיה'ן זיין הייליגען באַרוף, באַלאַנגט צום יאָהר, ווען דער קעניג עוזיה איז געשטאָרבען. נאָר אויפֿ'ן וועג פֿון אָפֿענער פּאָליטישער טעטיגקייט איז ישעיה אַרויסגעטראָטען ערשט, בשעת אחז האָט אָנגעהויבען קיניגען. בשעת ירושלים איז געווען אויפֿגערודערט מחמת דעם, וואָס ס'האָבען זיך דערנעהנטערט די פֿערבינדעטע אַרמעען פֿון פּקח און רצין, — האָט ישעיה דערמוטיגט דאָס פֿאָלק און בערוהיגט אחז'ן, וואָס האָט אין טומעל ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: צו פֿערטיידיגען די הויפּט-שטאָדט, צי פֿיהרען פֿערהאַנדלונגען מיט אשור. „האָב קיין מורא ניט — האָט צו איהם געזאָגט דער נביא — און פֿערליר ניט דעם מוט פֿאַר די דאָזיגע צוויי רויכערדיגע האָלץ-שייטען — רצין פֿון ארם און דעם זוהן פֿון רמליהו". ישעיה האָט פֿאָראויסגע-זעהן, אַז די פֿערבינדעטע וועלען באַלד אַראָפּנעהמען די באַלעגערונג פֿון ירושלים און אַז זייערע לענדער וועלען אַריינפֿאַלען אין די הענד פֿון אַסירישען קעניג. נאָר ער האָט ניט מסכים געווען אויף אחז'ס פּלאַן צו רופֿען צו הילף די אַסירייער. די הכנעה'דיגע פּאָליטיק פֿון אחז'ן, וואָס האָט אָנערקענט די איבער-הערשאַפֿט פֿון תגלת-פּלאסר, האָט באַליידיגט דעם נביא. ער האָט גע'טענ'עט אַז יהודה דאַרף זיך ניט אַריינמישען אין דער אומבעשטענדיגער פּאָליטיק פֿון אַ גרויסער מלוכה, וואָס לכתחלה שלינגט זי איין די קלענערע נאַציעס, און דערנאָך געהט זי אַליין אונטער; אַז דאָס אידישע פֿאָלק דאַרף שטעהן אָבגע-זונדערט און פֿערנעהמען זיך נאָר מיט'ן פֿערבעסערען די אינעווייניגסטע ענינים פֿון דער מלוכה. אָנווייזענדיג אויף דעם חורבן פֿון קעניגרייך ישראל, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען, האָט ישעיה געשראָקען, אַז יהודה וועט אויך האָבען דעם אייגענעם סוף. ישראל איז געוואָרען אַ שפּיעל-באַל פֿאַר די פּאָ-ליטישע סטיכיעס; דאָס אייגענע וועט אויך זיין מיט יהודה, ווען ער וועט זיך ניט אומקעהרען צו די אייביגע גייסטיגע יסודות פֿון זיין נאַציאָנאַלען לעבען. אשור איז מעהר ניט אַ שטעקען אין דער האַנד פֿון דערצאָרנטען גאָט. צי קאָן זיך די האַק שטעלען העכער פֿאַר דעם, וואָס האַקט מיט איהר; צי קאָן די זעג זיך דערהויבען איבער דעם, וואָס זעגט מיט איהר? (היתפאר הגרזן על החוצב בו, אם יתגדל המשור על מניפו?). דער קורצזיכטיגער אחז האָט מורא גע-האַט פֿאַר דעם דאָזיגען שטעקען, און ניט פֿאַר גאָט, וואָס ביי איהם אין די הענד איז אשור מעהר ניט געווען אַ בלינד געצייג. דער נביא האָט פֿאָראויסגע-זעהן, אַז לעתיד וועט אונטערגעהן דער שטאָלצער אשור, פֿאַר וועמען אַלע פֿעלקער האָבען אַזוי געציטערט.

בעזונדערס צאָרנדיג האָבען געקלונגען ישעיהס רייד אין יענער צייט, בשעת אחז, נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען שטיצע מצד תגלת-פלאָסר, האָט אָנגעהויבען איינצופיהרען אין קעניגרייך יהודה אַסירישע פּראַנדקעס. דער נביא שטראָפט דאָס פאָלק דערפאַר, וואָס עס מאַכט נאָך די מנהגים פון די געצענדיענער, וואָס די מזלות זענען פערדאָרבען, וואָס עס הערשט אַ סאָציאַלע אונגערעכטיגקייט. „סוועט זיין אַ טאָג ביי גאָט... יענאָלט וועלען די געצען פערשווינדען. די וועלען אַוועק אין די שפּאַלטען פון די בערג און אין די היילען פון דער ערד, אויס פחד פאַר גאָט און פאַר'ן גלאַנץ פון זיין הערליכקייט, אַז ער וועט אויפשטעהן צו פערטיליגען די ערד. אין יענעם טאָג וועט דער מענש אַוועקוואַרפען זיינע זילבערנע און גאָלדענע געצען, וואָס ער האָט געמאַכט צו דיענען זיי, אין די לעכער פון מיילוואָרפען און פלעדערמייז" (ישעיה, קאַפּ. ב׳, 12, 18, 20).

„ווי אָבטריניג איז געוואָרען די געטריייע שטאָדט!— רופט אויס דער נביא אין אַנאַנדער רעדע (איכה היתה לזונה קריה נאמנה). אַמאָל איז זי פול געווען מיט גערעכטיגקייט, רעכטשאַפענהייט האָט אין איהר געוואוינט,— און איצטער זענען דאָרט מערדער. דיינע שרים זענען אָבטריניגע און חברים פון גנבים; זיי האָבען ליעב שוחד און יאָגען זיך נאָך געצאָהלט; פאַר יתומים שטעלען זיי זיך ניט איין און דער משפט פון די אַלמנות דערגעהט צו זיי ניט" (ישעיה, קאַפּ. א׳, 21, 23).

דער נביא איז בעזונדערס אויפגעבראַכט קעגען די מענשען, וואָס דערווערבען זיך רייכטימער אויף אַנאַנעדערליכען אופן. „וועה געשריען אויף די, וואָס רוקען צו (זייער) הויז צו אַ (פרעמדענס) הויז און פעלד צו פעלד, אַזוי אַז עס בלייבט קיין אָרט ניט פאַר אַנדערע, און שטרעבען צו בלייבען אַליין אויף דער ערד (הוי מגיעי בית בבית שדה בשדה יקריבו עד אפס מקום והושבתם לבדכם בקרב הארץ). וועה געשריען אויף די, וואָס שטעהען אויף אין דער פריה און זוכען בערוישענדע געטראַנקען; וואָס זיצען שפּעט ביינאַכט און ווערען דערהיצט פון וויין; וואָס טרינקען ביים שפּיעל פון האַרפען, פייקלען און פליייטען, און אויף גאָטס ווערק קוקען זיי ניט און בעמערקען ניט די מעשים פון זיינע הענד" (ישעיה, קאַפּ. ה׳, 8, 11, 12).

דער נביא רעדט מיט פעראַכטונג וועגען דער ... פון די ירושלמ'ער פרויען צו לוקסוס און פוץ. „אַזוי ווי די טעכטער פון ציון זענען שטאָלץ געוואָרען און געהען אויסגעשטרעקט די העלזער, פערציהענדיג די אויגען; געהען דרעהענדיג זיך און קלינגענדיג מיט די קייטעלעך אויף די פיס,— דערייבער וועט גאָט מאַכען פליכעדיג די קאָפּ פון די טעכטער פון ציון און וועט זיי אָבדעקען צום שאַנד" (ישעיה, ג׳, 16, 17).

פונקט אַזוי ווי עמוס הנביא, טאַדעלט ישעיה די, וואָס זענען „עובר אויפ'ן געזעץ פון „ואהבת לרעך כמוך", און אין דערזעלביגער צייט מיהען זיך

זיך צו געפֿעלן ווערן גאָט דורך קרבנות און תּפֿלות". „צוליעב וואָס האָרף איך אייערע פֿיעל קרבנות? — זאָגט גאָט. אַז איהר בעווייזט זיך פֿאַר מיין פּנים אין בית־המקדש), ווער בעט ביי אייך צו טרעטען מיינע הויפֿען? איהר זאָלט מעהר ניט ברענגען קיין פֿאַלשע מנחות! אייער קטורת איז מיר אַנ׳עקעל; אייערע ימים־טובים און פֿערזאַמלונגען האָב איך פֿיינט. אַפֿילו ווען איהר זאָלט אַ סך תּפֿלה טון, וועל איך אייך ניט דערהערען, ווארום אייערע הענד זענען פֿול מיט בלוט... וואַשט זיך אויס, רייניגט זיך אָב, הערט אויף צו טון אייערע שלעכטע מעשׂים, הערט אויף שלעכט צו זיין! לערנט זיך גוטס צו טון, שטרעבט צו גערעכטיגקייט, האַלט אונטער די דערשלאָגענע, שטעלט זיך איין פֿאַר יתומים, פֿערטיידיגט אַלמנות!" (ישעיה, קאַפּ. א׳, 11—13, 15—17).

ישעיה הנביא האָט דערלעבט די צעשטערונג פֿון שומרון און דעם ענדגילטיגען אונטערגאַנג פֿון קעניגרייך ישׂראל. ער האָט שוין לאַנג פֿאָראויסגעזעהן די דאָזיגע אונפֿערמיידליכע קאַטאַסטראָפֿע. ביי אחז׳ס רעגירונג האָט ער פֿאָראויסגעזאָגט אויך דעם קעניגרייך יהודה דעם אייגענעם שרעקליכען סוף. נאָר באַלד ווי חזקיה איז געוואָרען קעניג, האָט דער נביא אומגעביטען זיין מיינונג, און האָט אָנגעהויבען האָפֿען אויף בעסערע צייטען. אין דער צייט פֿון חזקיה׳ס קעניגען האָט זיך ישעיה׳ס טעטיגקייט פֿונאַנדערגעוויקעלט אין איהר גאַנצער ברייט. ישעיה איז געוואָרען דעם יונגען קעניג׳ס נאָהענסטער בעל־יועץ און דער אויפֿטוער פֿון יענע אינעווייניגסטע רעפֿאָרמען, וואָס האָבען בעניצט דאָס קעניגרייך יהודה און האָבען עס געראַטעוועט פֿון שומרון׳ס טרויעריגען סוף.

פינפטע אבטיילונג.

דאס יודישע פאלק אין דער צייט פון דער הערשאפט פון אשור און בבל.

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 105. נאכ'ן אונטערגאנג פונ'ם קעניגרייך ישראל, האט זיך דאס גאנצע נאציאנאלע לעבען פונ'ם יודענטום קאנצענטרירט אין קעניגרייך יהודה. סיריען און א גרויסער טייל פון פאלעסטינע — די געוועזענע לענדער פון ארם און שמרון — זענען שוין געווען אין די הענד פון די אסירער, און דאס קעניגרייך יהודה האט אונדירעקט זיך געגרעניצט מיט די לענדער פון די דאזיגע מושלים איבער האלבאזיען. דאס קעניגרייך יהודה איז שוין דעמאלט ניט געווען די קליינע פערוואָרפענע מדינה, וואס איהר גאנץ פאליטיש לעבען איז בעשטאנען נאר אין בונדען אדער סכסוכים מיט די ארומיגע קליינע פעלקער. זי איז איצט אריינגעצויגען געווארען אין שטרוים פון די וועלט-געשעהענישען און האט אין זיך אבגעשפיגעלט אלע פאליטישע און קולטורעלע בעוועגונגען, וואס האבען צעהודערט פאדער-אזיען.

זינט דער צייט פון אחז אין תגלת-פלאסר איז דאס קעניגרייך יהודה אריינגעצויגען געווארען אין דעם „ווירקונגס-קרייז" פון אסיריען — און דאס האט געהאט פאר איהם אונגעהויער וויכטיגע רעזולטאטען, סאציאלע און גייסטיגע. זינט יענער צייט איז די אינעווייניגסטע פאליטיק פון יהודה ענג פערבינדען מיט דער אויסווייניגסטער, די אידישע געשיכטע — מיט דער אלגעמיינער. די אנדער-האלבען הונדערט-יאהריגע געשיכטע פון קעניגרייך יהודה — זינט דעם אנהויב פון דער אסירישער ווירקונג, ביז עס האט זיך פערפעסטיגט די ממשלה פון בבל (735—597) — איז פול מיט'ן קאמפף פון פאליטישע און רעליגיעזע פארטייען; אויפשטאנדען און איינשטילונגען, רעפארמעס און רעאקציעס, אויפהויבונג און פאלען פונ'ם נאציאנאלען גייסט — קומען דארט פארט כסדר אין א רעגעלמעסיגער ארדנונג.

נאכדעם ווי אחז האט אנערקענט די אויבערהערשאפט פון אשור, האט ער און זיינע שרים גענומען איינפיהרען די אסירישע קולטור אין ירושלים. נאר באלד קומט אן א רעאקציע. דער אונטערגאנג פון שמרון, וואס האט זיך אונטערגעגעבען אונטער א פרעמדען איינפלוס, האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די בני-יהודה. בשעת דער יונגער חזקיה, אחזס זוהן, האט אנ־געהויבען קיניגען (695—724). אין ירושלים האט בעקומען די איבערהאנד די

נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ישעיה הנביא און אַנדערע נביאים. חזקיה האָט זיך געשטיצט אויף דער דאָזיקער פּאַרטיי און האָט איינגעפֿירט אַ רייה אינעווייניגסטע רעפֿאָרמעס, וואָס זענען אָבער ניט פֿערענדיגט געוואָרען.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון חזקיהס קיניגען מאַכט דאָס קעניגרייך יהודה אַ פּרוּוו אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך די אָבהענגיגקייט פֿון אשור מיט דער הילף פֿון מצרים און אַנדערע פֿיינד פֿון דער וועלט־מלוכה (705). דער דאָזיגער פּרוּוו איז גורם אַן אָנפֿאַל אויפֿ׳ן לאַנד מצד סנחריב, דעם קעניג פֿון אשור, און דער דאָזיגער אָנפֿאַל ענדיגט זיך ניט מיטן חורבן פֿון ירושלים נאָר אַ דאַנק אַ צופֿאַל (701).

נאָך אַ קורצער הפֿסקה, בעקומט אשור ווידער די איבערהערשאַפֿט, און אין דער צייט, בשעת עס האָט רעגירט חזקיהס זוהן מנשה (640—680), לעבט דאָס פֿאָלק איבער אַנעפּאָכע פֿון אַ שווערער רעאַקציע, וואָס שטרעבט צו פֿערשטאַרקען דעם אַנטי־נאַציאָנאַלען גייסט. די אָנהענגער פֿון די פֿרעמדע פֿאַראַנדקעס און פֿון היידנישען קולט בעקומען די איבערהאַנד ביים הויף און אין דער רעגירונג; די פּאַרטיי פֿון די אַסימילאַטאָרען שטיפּט אַרויס די פּאַרטיי פֿון די נאַציאָנאַליסטען.

ערשט אין דער צייט פֿון מנשהס איינִיקעל, יאשיהו (638—608) האָט זיך דער לעצטער פּאַרטיי ווידער איינגעגעבען צו פֿערכאַפּען די ממשלה. דאָס וואָס די אַסירישע מלוכה האָט אָנגעהויבען פֿונאַנדערצופֿאַלען, פֿון איין זייט, און די רייד פֿון די נביאים — פֿון דער אַנדער זייט, האָבען אויפֿגעוועקט ביי די בני־יהודה אַן אויפֿלעבונג פֿון נאַציאָנאַלען גייסט, בעלעבען פֿון דאָס־ניי אַ שטרעבונג צו פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט און קולטורעלער אייגענאַרטיגקייט. בעגייסטערט דורך די נביאים (ירמיה און אַנדערע) און דורך די כתבי־הקודש (משנה־תורה), האָט דער קעניג יאשיהו דורכגעפֿירט אַ גאַנצע רייה ראַדיקאַלע רעפֿאָרמען אין רעליגיעזען קולט און האָט אים אויסגעלייטערט פֿון יעדער היידנישער צומישונג.

אין די לעצטע יאָהרען פֿון יאשיהוס קיניגען צעפֿאַלט די אַסירישע מאָנאַרכיע ענדגילטיג אונטער די מעכטיגע קלעפּ פֿון בבל, מדי (מעדיען) און מצרים. מצרים וויל בעקומען זיין חלק אין דער ירושה, וואָס איז געבליבען נאָך דער אָבגעשטאָרבענער מאָנאַרכיע, און שטרעבט אַריינצוכאַפּען סיריען און פּאַלעסטינע. דער קעניג יאשיהו פֿערטיידיגט זיך קעגען דעם עגיפּטישען אָנפֿאַל, וואָס האָט געהאַט דעם ציעל צו פֿערבייטען די אַסירישע איבערהערשאַפֿט איבער יהודה דורך דער עגיפּטישער. נאָר זיין קריג קעגען דעם פּרעה נכה (נעכאָ) האָט זיך געענדיגט מיט אַ מפּלה פֿון די בני־יהודה נעבען מגדה, וואו דער קעניג יאשיהו גופֿא איז געשטאָרבען (608).

עטליכע יאָהר איז דאָס לאַנד פֿון יהודה געוועזען אונטער דער ממשלה פֿון מצרים. דער נייער קעניג פֿון יהודה, יהויקים, דער זוהן פֿון יאשיהו

(596—607), איז געוועזן געשטעלט פון עגיפטישען קעניג, און אין א קורצער צייט מאכט ער צו־נישט אלע רעזולטאטען פון יאשיהו'ס נאציאנאלער פאליטיק. עס ברעכט אויס א קאמפף צווישען דער נייער רעגירונגס־פארטיי, וואס שטרעבט צו אסימילאציע, און צווישען דער פארטיי פון די נביאים, וואס שטרעבט צו נאציאנאלער זעלבשטענדיגקייט און וואס האט בעקומען א פאליטישע מאכט.

דערווייל געהט די געשיכטע מיט איהר אונאויפהערליכען גאנג. בבל, וואס איז אויסגעוואקסען אויף די חורבות פון אשור, האט ארויסגעשטופט פון פאדער־אזיען דעם עגיפטישען פרעה און אלע אנדערע פרעטענדענטען — און בעקומט אליין אינגאנצען די ירושה פון דער אונטערגעגאנגענער מלוכה. דער קעניג פון יהודה איז געצוואונגען צו אנערקענען די אויבערהערשאפט פון נבוכדנצר, דעם מושל פון דער נייער וועלט־מלוכה (600). מחמת דעם זענען אויסגעבראכען אין יהודה אונרוהען. דאס ברענגט דערצו, אז נבוכדנצר דרינגט אריין אין לאנד, נעהמט געפאנגען יהויכין, דעם קעניג פון יהודה, יהויקימ'ס יורש, און די פארשטעהער פון דער ירושלימער אריסטאקראטיע און פערשיקט זיי קיין בבל (797). פאר א קעניג פון יהודה בעשטימט נבוכדנצר צדקיה, דעם יונגסטען זוהן יאשיהו'ס.

דער 11־יאהריגער קיניגען פון צדקיה (586—597), איז געוועזן די שמערצענספולע גסיסה־צייט פון קעניגרייך יהודה. דער קאמפף מיט'ן אויסווייניגסטען שונא און די אינעווייניגסטע מחלוקות פון די פארטייען שוואכען אב דאס לאנד און ברענגען עס צום אונטערגאנג. נאך א לאנגען הערואישען ווידערשטאנד פאלט דאס קעניגרייך יהודה, ירושלים און דער בית־המקדש ווערען חרוב, די קעניגליכע ממשלה הערט אויף און א בעדייטענדער טייל פון פאלק ווערט אבגעפיהרט אין געפאנגענשאפט קיין בבל (586). דאס לאנד, וואס איז פערוויסט געווארען פון נבוכדנצר'ן, ווערט א פראווינץ פון דער באבילאנישער מאנארכיע; דארט בלייבט נאר דער פראסטער המון־עם, און דער צייט ווען דער אדעל פון פאלק ווערט פערשמאכט אין גלות.

ס'וואלט געקאנט אויסזעהן, אז דאס לאנד יהודה וועט דעם דאזיגען קלאפ ניט איבערלעבען, אז אויף איהר ווארט אויך דער סוף פון שמרון און די איבעריגע לענדער, וואס זענען איינגעשלונגען געווארען פון די גרויסע מלוכות. נאר אויסגעלאזען האט זיך אנדערש. די קאטאסטראפע האט ניט פערטיליגט די אידישע נאציע, נאר, אדרבה, זי האט געמאכט אין איהר א גייסטיגע איבערקעהרעניש, וואס אין איהר האבען זיך בעוויזען סימנים פון אויפלעבונג.

די דאזיגע איבערקעהרעניש איז שוין געוועזן לאנג צוגעגרייט דורך די רייד פון די נביאים. די גרונד־אידעע פון דער תורה, וואס די נביאים האבען געלערנט, איז בעשטאנען דערין, אז די לעבענס־קראפט פון דער נאציע ליגט ניט אין איהר אויסווייניגסטער מאכט, נאר אין איהר גייסט, ניט אין דער פאליטישער פעסטיגקייט פון דער מלוכה, נאר אין די מדות טובות פון דער פערזענליכקייט

אין פון דער געזעלשאפט, אין דעם פערזענליכען אין לעבען די הויכע אידעאלען פון אמת און גוטסקייט. נאציעס, וואס זענען שטארק בלויז אין מיליטערישען און פאליטישען זין, פאלען מיט דער צייט און ווערען פערשלונגען פון נאך שטארקערע פעלקער; א נאציע אבער, וואס איז הגם פאליטיש שוואך, נאר זי איז שטארק דורך איהר גייסט, וואס איז פעראייניגט דורך די אידעאלען פון איהר געהויבענער רעליגיע, פון איהר מאראלישער און זעלבשטאנדיגער קולטור — אזא נאציע וועט בעהאלטען איהר לעבענס־קראפט און איינהייט ביי אללע מעגליכע תנאים. די נביאים האבען געשטרעבט צו פערוואנדלען דאס אידישע פאלק אין א גייסטיגע נאציע, בכדי צו פערהיטען זי קעגען דער צעשטערענדער ווירקונג פון גרויסע מאנארכיעס, ווי אשור און בבל, וואס בעמיהען זיך אבצומעקען די פערזענליכקייט פון די פעלקער, וואס זיי האבען איינגענומען.

די שטרעבונג צו נאציאנאלער אייגענארטיגקייט, וואס פריהער האט מען עס געקאנט בעמערקען נאר ביי איינציגע פערזאנען, האט ארומגענומען א בעדייטענדען טייל פון פאלק אין דער צייט פון גלות־בבל (586—538). זענענדיג אבגעריסען פון זייער געבארען־לאנד, האבען די אידען דערפיהלט, אז זיי פערבינדט די געמיינזאמקייט פון זייער גוף, רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג און זיטליכע אידעאלען. די דאזיגע שטריכען פון גייסטיגער קרובהשאפט האבען אויסגעטיילט די אידען פון דער מאסע פון די ארומיגע פעלקער און האבען זיי געהאלפען צו בעהאלטען זייער נאציאנאלע אייגענארטיגקייט. די נביאים פון דער גלות־צייט (יחזקאל און דער מחבר פון די לעצטע 26 קאפיטלען פון ספר „ישעיה“) האבען מיט זייערע דרשות מיטגעווירקט, אז די גייסטיגע אויפלעבונג פון דער נאציע זאל געשעהן וואס גיכער.

אויסגעלייטערט דורך די פורעניות און יסורים, אויפגעקלערט דורך זיין זעלבסטבעוואוסטזיין — האט דאס אידישע פאלק אין גיכען זיך דערווארט אויף זיין פאליטישער בעפרייאונג. דאס, וואס בבל איז אונטערגעגאנגען און די אויבערהערשאפט איבער אזיען איז אריבער צום פערסישען קעניג כורש (כרש מלך פרס), האט געבראכט דערצו, אז א בעדייטענדער טייל פון די געפאנגענע אידען האבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין זייער געבארען־לאנד (537). נאך א הפסקה פון א האלבען יאהרהונדערט, האט זיך פון דאס־ניי אנגעהויבען דאס פאליטישע לעבען פון אידישען פאלק, הגם ניט אין דער געשטאלט פון א זעלבשטענדיגען „קעניגרייך“, נאר אלס אויטאנאמע טעאקראטישע רעפובליק, וואס געפינט זיך אונטער דער ממשלה פון פרס. אונבעדייטענד פאליטיש, ענטוויקעלט זיך און שטארקט זיך די אידישע נאציע גייסטיג אלץ מעהר — און צולעצט ווערט זי אזא היסטארישע קראפט, וואס קיינע וועלט־שטורמען זענען ניט אין שטאנד איהר בייצוקומען.

ערשטער קאפיטעל

דאס קעניגרייך יהודה אונטער דער איבערהערשאפט פון אשור (720—608).

הזקיה'ס רעפארמעס. — דער אויפשטאנד קעגען אסיריען. — סנחריב'ס אנפאל. — דאס גייסטיגע לעבען אין חזקיה'ס צייטען. — די רעאקציע אין מנשה'ס צייטען. — יאשיהו און די רעסטאווראציע פון דער תורה (משנה תורה). — דער פאל פון אסיריען און דער קאמפף מיט עגיפטען.

חזקיה'ס רעפארמעס.

§ 106. אין אנ'אונרוהיגער און טרויעריגער צייט איז חזקיה, דער זוהן פון אחז, געווארען קעניג פון יהודה (724). דאס קעניגרייך ישראל האט דאן-מאל אנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפטען אין'ם קאמפף פאר דער פרייהייט און האט קוים געצאנקט אונטער די מעכטיגע קלעפ פון אשור. שמרון איז געפאלען, איהר בעפעלקערונג איז געווארען פערטריבען אין ווייטע לענדער. די צעהן'דיגע מלוכה, וואס איז אמאל געוועזען א טייל פון דער פעראייניגטער אידישער מלוכה, האט אויף שטענדיג אויפגעהערט צו עקסיסטירען און איז געווארען פערוואנדעלט אין א האלב-ווילדע, ווענעג-בעפעלקערטע אסירישע פראווינץ. גאנץ געבליבען איז נאר דאס קעניגרייך יהודה, וואס האט נאך פאר אחז'ס צייטען אנערקענט איבער זיך די איבערהערשאפט פון אסיריען. מען מוז אננעהמען, אז א בעדייטענדער טייל פון די איינוואוינער פון שמרון זענען אנטרונען געוואָרען פאר שווערד און געפאנגענשאפט אין דאס לאנד יהודה און האבען אויף אזא אופן פערגרעסערט זיין בעפעלקערונג.

דאס פאלק פון יהודה איז איצט געוועזען יענער רעשט פון ישראל (שארית-ישראל), יענער גאנץ געבליבענער שטאם פונ'ם נאציאנאלען בוים, וואס אויף איהם האבען אויפגעלעגט זייערע האפנונגען די נביאים און די אנהענגער פון זייער תורה. די רעליגיעזע געשטימטע בני-יהודה האבען געמוזט איינזעהן א השגחה פרטית דערין, וואס די הייליגע שטאדט ירושלים מיט'ן בית-המקדש און דאס לאנד, וואס האט געצויגען צו דעם דאזיגען צענטר, זענען געבליבען גאנץ אין דער עריעלביגער צייט, ווען עס איז חרוב געווארען די שוועסטער-מלוכה, וואס האט זיך אנומעלט אפגעריסען פון הויז דוד און פון דער הייליגער הויפט-שטאדט. די בעדייטונג פון דוד'ס דינאסטיע און פון בית-המקדש אין ירושלים איז אויסגעוואקסען אין די אויגען פון פאלק. אלע בליקען זענען געווען געווענדט צום יונגען קעניג חזקיה, וואס בשעת ער איז נאך געוועזען יונג, האט שוין ישעיה פאראויסגעזאגט איהם א גלענצענדע צוקונפט.

ס'איז ניט בעוואוסט, צי האט זיך חזקיה אויסגעארבעט אונטער'ן איינפלוס פון די נביאים, אדער די שרעקליכע געשעהענישען, וואס זענען פאר-

געקומען אַרום אידם, האָבען שפּעטער געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז די תּורה פון די נביאים איז אמת, — אין יעדען פאַל איז דער נייער קעניג געוועזן דער שאַרפסטער היפּוך פון זיין פאָטער אחז. חזקיהו איז דערווידער געוועזן אחזים אַנטי-רעליגיעזע און אַנטי-נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

נאָכדעם, ווי חזקיהו האָט איבערגענומען די ממשלה, האָט ער זיך מיט בעגייסטערונג גענומען אויסראָטען דעם אַסירישען געצען-דינסט, וואָס זיין פאָטער האָט איינגעפיהרט. ער האָט אויסגערייניגט דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און דעם בית-המקדש אין ירושלים פון די סטאַטועס און מזבחות פון די היידנישע אָבגעטער, וואָס זענען דאָרט אַוועקגעשטעלט געוועזן. ער האָט אויך בעפוילען צו צעברעכען די קופּערנע פיגור פון שלאַנג (נחושתן), וואָס דאָס פאָלק האָט אָהר געדיענט, אַלס אַ סימבאָל פון אַ גאָט, וואָס היילט קראַנקהייטען; לויט'ן פאָלקס-גלויבען האָט די דאָזיגע קופּערנע שלאַנג עקזיסטירט כלומר'שט זינט משה'ס צייטען. אַזוי ווי חזקיהו האָט געוואָלט איינשטעלען אַנ'איינהייטליכען גאָטעסדינסט, דעריבער האָט ער פערבאָטען צו ברענגען קרבנות אויף די מזבחות אין דער פּראָווינץ, וואָס זענען געוועזן אויסגעבויט אויף במות אָדער אין וועלדלעך. ער האָט געפאָדערט, אַז אין די שלש רגלים זאָלען אַלע אידען, לויט דעם אַלטען געזעץ, קומען אין ירושלים עולה רגל זיין. די דאָזיגע רעפאָרם האָט בעגעגענט אַ סך שוועריגקייטען, וואָרום די איינוואוינער פון ווייטגעלעגענע ערטער האָבען ניט געקאָנט קומען דריי מאָל אין יאָהר קיין ירושלים. נאָר מיט די דאָזיגע שוועריגקייטען האָט מען בעדאַרפט ווי עס איז דורכקומען, כדי צו דערגרייכען יענעם הויכען ציעל פון גייסטיגער אויפלעבונג, וואָס דער קעניג חזקיהו האָט זיך געשטעלט.

מען האָט ווידער איינגעשטעלט די צערעמאָניעס ביים גאָטעסדינסט, לויט די אַלטע געזעצען, וואָס זענען געוועזן פערשריבען אין די עלטסטע ביכער פון דער „תּורה“; די כהנים האָבען געבראַכט קרבנות אויפ'ן מזבח, און די לויים האָבען געזונגען אין כאָרען קאַפּיטלעך תהלים, בעגלייטענדיג זייער געזאַנג דורך שפּיעל אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. בעזונדערס גרויסאַרטיג האָט מען געפייערט פסח, ווען אין ירושלים פלעגט זיך צונויפקלייבען דאָס פאָלק פון אַלע עקען לאַנד. אין דער צייט פון אַזעלכע יום-טוב'דיגע פערזאַמלונגען פלעגט דער קעניג זיך פריינדליך דערנעהנטערן צום המון, פלעגט מתפלל זיין און זיך משמח זיין אינאיינעם מיט'ן פאָלק.

אַט די אַלע רעפאָרמעס האָבען ניט געקאָנט געמאַכט ווערען אָהן דעם טעטיגען אָנטהייל פון נביאים, און בעזונדערס פון ישעיה בן אמוץ. ישעיה, וואָס אין אחזים צייטען האָט ער געהערט צו דער אָפּאָזיציע, האָט אין חזקיה'ס צייטען בעקומען אַ גרויסען איינפלוס אויף די מלוכה-ענינים. ער האָט בעגייסטערט דעם קעניג צו זיינע רעליגיעזע רעפאָרמעס, ער איז געוועזן זיין קלוגער בעל-יועץ אין די פראַגען פון אויסווייניגסטער פּאָליטיק.

נאר די חורבנות פון דער פארטיי פון די נביאים האט בעגעגענט א ווידער־שטאנד מצד אנאנדער פארטיי, וואס איז בעשטאנען פון אלטע הויפס־לייט און רייכע שרים, וואס זענען ניט געוועזען צופרידען דערמיט, וואס אחוס רעזשים איז אפגעשאפט געווארען. די דאזיגע לייט האבען ניט געוואלט זיך אפזאגען פון דעם פרעהליכען ארט לעבען און פון די תענוגים, וואס צו זיי זענען זיי געוועהנט געווארען א דאנק דעם האלב־הײדנישען קולט, און אומקעהרען זיך צו דער שטרענגער מאראל פון די נביאים און צו דעם אבסטראקטען קולט פון יאהווע. זיי האבען זיך געמיהט צו ווירקען אויפ'ן קעניג אין אנטי־נאציאנאלען גייסט, אדער זיי האבען דירעקט געווירקט קעגען זיינע בעסטע רעפארמען. איינער פון חזקיהו'ס מקורבים, דער פערוואלטער פון קעניגליכען הויף, שבנה, האט ארייגעכאפט צו זיך א גרויסע מאכט און האט מיט אלע מעגליכקייטען געזוכט צו שטערען די פארטיי פון די נביאים אין איהר טעטיגקייט.

ישעיה פלעגט אין פלאמענדיגע רעדעס שטראפען די ירושלמ'ער שרים, פארוואס זיי זענען עובר אויף די געבאטען פון זייער אמונה און מאכען נאך דעם אונזיטליכען לעבען פון די אסירישע שרים. ער איז שארף אנגעפאלען אויף שבנה'ן, וואס האט אויסגענוצט זיין מאכט צום שלעכטען, — און שפעטער, אז די פאליטישע לאגע איז שווירעגער געווארען, האט ער געפאדערט, אז מען זאל איהם אפזאגען פון שטעל. דער קעניג חזקיהו האט ניט געהאט אזא שטארקען ווילען, אז ער זאל איין מאל פאר אלע מאל צושטעהן צו דער פארטיי פון די נביאים קעגען דער פארטיי פון די שרים. ער איז געשטאנען צווישען ביידע פארטייען, און מחמת דעם איז ער ניט געוועזען אין שטאנד צו דערפיהרען ביז סוף די אינעווייניגסטע רעפארמען, וואס ער האט אנגעהויבען. הערשט נאך האבען אין דער צווייטער העלפט פון זיין קיניגען אויסגעבראכען פאליטישע מהומות, וואס זענען ארויסגערופען געווארען דורך פרובען צו מאכען א מרידה קעגען די אסירער.

דער אויפשטאנד קעגען אסירען.

§ 107. בערך א פערטיל יאהרהונדערט איז פארביי־געגאנגען, זינט דאס קעניגרייך יהודה האט אנגעהויבען צו צאהלען צינז אסירען. א בעדייטענ־דער טייל פון פאלק איז געוועזען אונצופרידען דערמיט, וואס דאס פאטערלאנד איז אפהענגיג פון אשור, און נאך דער שלעכטער סוף, וואס שמרון האט געהאט איינ'ם אונגליקליכען קאמפף מיט אשור, האט איבערגעשראקען די בני־יהודה און האט זיי אפגעהאלטען פון א מרידה. נאר מיט דער צייט זענען די דאזיגע אבשרעקענדע זכרונות אפגעשוואכט געווארען, און די בעוועגונג קעגען דער אסירישער איבערהערשאפט איז אין פאלק שטארקער געווארען.

איניגע שוואכע פרובען צו מאכען אן אויפשטאנד האבען זיך בעוויזען צוערשט, ווי עס ווייזט אוס, אין יאהר 711. אין יענער צייט האבען מורד

געווען קעגן אשור די איינוואוינער פון די פלשתישע שטעדט; דער צענטער פון אויפשטאנד איז געווען די שטאט אשדוד, וואס ליגט אין שכנות פון יהודה. די פלשתים האבן זיך איינגעשטעלט אויף א מרידה, ווייל זיי האבן אויסגערעכנט צו בעקומען הילף פון עגיפטען. אז סרגון, דער קעניג פון אשור, איז דאס דערגאנגען, האט ער אוועקגעשיקט קיין אשדוד א חיל אונטער דער אנפירונג פון תרתן (אויף אסיריש בעטייט דער דאזיגער נאמען „דער גרויסער קריגס־פירער"). אין ירושלים האט מען מיט אומגעדולד געווארט דערויף, ווי ווערט זיך דער דאזיגער קריג אויסלאזען. די יעניגע אידען, וואס זענען געווען אומצופרידען מיט דער פרעמדהערשאפט, זענען געווען גרייט נאכצוטאנצען די פלשתים; אנדערע אפשר האבן אגיטירט דערפאר, מען זאל שליסען א בונד מיט די פלשתים און עגיפטען קעגען דעם געמיינזאמען פיינד.

די פארטיי פון די נביאים איז שארף ארויסגעטראטען קעגען דעם דאזיגען געפעהרליכען אויפטו. איינמאל האט ישעיה ארויסגענומען זיין אויבער־בגד און האט גענומען אומגעהן איבער די גאסען פון ירושלים האלב־נאקעט און בארפוס. אז מ'האט ביי איהם געפרעגט דעם טעם פון זיין מאדנעם אויפפיהר, האט ער געענטפערט, אז ער וויל בעווייזען, ווי דער אסירישער קעניג וועט פיהרען אין געפאנגענשאפט די עגיפטער און זייערע פערבינדעטע. ווי מען האט עס געקאנט פאראויסזעהן לכתחלה, איז אשדוד באלד איינגענומען געווארען פון די אסירער, דער פלשתישער אויפשטאנד איז געווארען אונטערדריקט, עגיפטען האט קיין הילף ניט געגעבען — און די פארטיי פון די מורדים אין קעניגרייך יהודה איז אויף א געוויסער צייט שטיל געווארען.

גרעסער איז געווארען די בעוועגונג צווישען די פעלקער פון פאדעראזיען, וואס האבן זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון אסיריען, אין יאהר 705, נאך דעם געוואלד־טויט פון קעניג סרגון. דעם ערשטען סיגנאל צום אויפשטאנד האט געגעבען בבל, איינע פון די הויפטליכע אסירישע פראווינצען, וואס האט תמיד געקעמפפט קעגען אשור פאר איהר זעלבשטענדיגקייט. א קריגערישער באבילאנישער קריגס־הויפט־מאן, מראדך־בלאדן, האט אויסגענוצט די מהומות, וואס זענען אויסגעבראכען אין הויף פון נינוה נאך סרגונ'ס טויט, און האט דערקלערט זיך פאר א קעניג פון בבל. ער האט געשיקט שלוחים קיין ירושלים צו חזקיה'ן און האט איהם געוואלט צורעדען, ער זאל אויך מורד זיין קעגען אשור.

אונטער דער ווירקונג פון דער קריגערישער פארטיי פון די שרים און הויפּס־לייט, האט חזקיה בעשלאסען אויסצונוצען די דאזיגע גינסטיגע געלעגענהייט, כדי צו ווערען אומאפהענגיג. ער האט נאכגעטאן די שכנישע פעלקער — די פלשתים פון עקרון און אשקלון און די פעניציער פון צידון — און האט זיך אפגעזאגט פון צו צאהלען צינז אסיריען. כל זמן סרגונ'ס יורש, סנחריב, איז געווען פערנומען מיט איינשטילען די מרידה אין בבל, האט חזקיה זיך ענערגיש געגרייט צו דער מלחמה. אזוי ווי ער האט מורא געהאט, אז דער אויפשטאנד

אין בבל וועט זיך ניט איינגעבען, דעריבער האט ער געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דעם אנדער גרויסען געגנער פון אשור, מיט עגיפטען. די אידישע שלוחים זענען געקומען מיט מתנות קיין עגיפטען, צום קעניג פון דער עטיאפישער דינאסטיע תרהקה (טאהארקו, תרהקה מלך כוש). די שלוחים האבען בעקומען א צוזאג, אז ווי נאר די אסירער וועלען אנפאלען אויף יהודה, וועלען די עגיפטישע רייטער קומען צו-הילף די אידען. דערווייל האט חזקיה אנגענומען אלע מיטלען, וואס זענען נויטיג צו פערטיידיגען ירושלים, אויב דער שונא וועט מאכען אן אנפאל. ארום די אלטע מויערן האט ער אויסגעבויט נייע, האט בעפעסטיגט ביידע מויערן מיט טורעמס, האט אויסגעגראבען ארום זיי גריבער, צוגעגרייט א סך געוועהר, אריינגעפיהרט וואסער אין שטאדט און די קוועלען אין די ברונעמער חוץ לשטאדט האט ער געדיימען פערשיטען, כדי דער שונא זאל אין דער צייט פון בעלעגערונג ניט האבען קיין וואסער צום טרינקען.

אזוי ווי דער קעניג האט זיך אינגאנצען אונטערגעגעבען דעם איינפלוס פון דער הויפישער פארטיי, דעריבער האט ער ניט געקוקט אויף די התראות פון זיין פריהערדיגען קלוגען בעל-יועץ, ישעיה הנביא. ישעיה האט מיט א שווערען הארצען געקוקט אויף די קריגס-הכנות אין ירושלים. ער האט מורא געהאט, אז די קורצזיכטיגע פאטריאטען וועלען חרוב מאכען דאס לאנד, אנשטאט עס צו ראטעווען. אלס הויסער קעמפפער פאר די העכערע נאציאנאלע אינטערעסען, האט דער נביא געטאדעלט יעדע אקטיווע פאליטיק, וואס שטעלט איין אין סכנה די עקסיסטענץ גופא פון פאלק. אז חזקיה האט פריינדליך אויפגענומען די שלוחים פון מראדך-בלאדן און האט זיי בעוויזען די אוצרות פון זיין פאלאץ, האט ישעיה געמאכט איהם שארפע פארווארפען און האט פאראויסגעזאגט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען בבל וועט ווערען דער ערגסטער פיינד פון יהודה. די, וואס האבען גערעכענט צו בעקומען הילף פון עגיפטען, האט ישעיה בעוויזען, אז די דאזיגע האפנונג האט קיין יסוד ניט. „וועה געשריען אויף די,— זאגט ער — וואס געהען קיין מצרים נאך הילף, פערלאזען זיך אויף פערד, אויף די פיעל קריגס-רייטוועגען, אויף דער אונענדליכער צאהל פון די רייטער — און ווענדען זיך ניט צום הייליגטום פון ישראל און פרעגען ניט ביי גאט. נאר די עגיפטער זענען מענשען און ניט קיין געטער, און זייערע פערד זענען פון פלייש און ניט קיין גייסט, — און גאט וועט אויסשטרעקען זיין האנד, און ס'וועט געשטרויכעלט ווערען דער העלפער און ס'וועט פאלען דער, וואס ווערט געהאלפען, און ביידע אינאיינעם וועלען זיי אונטערגעהן" (ישעיה, קאפ. ל"א, 1).

ישעיה האט ליידענשאפטליך געשטראפט דעם קעניג'ס יועצים און שרים, וואס האבען זיך בעצויגען לייכטזיניג צום גורל פון פאלק, און אליין האבען זיי געהוליעט, ניט קוקענדיג אויף דער סכנה, וואס איז אנגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער. נאר באלד איז געקומען א סוף אי צו דעם געפעהרליכען פאר-

ליטישען שפּיעל פון די, או צו דער וואָרגלאָזיגקייט פון יענע: ס'איז אָנגעקומען די שרעקליכע בשורה, אַז סנחריב מיט זיין חיל דערנענטערט זיך.

סנחריב'ס אָנפאַל.

§ 108. נאָכדעם, ווי סנחריב האָט איינגעשטילט די מרידה אין בבל (703), האָט ער זיך געלאָזט געהן בראש פון א גרויסען חיל קעגען די אויפגעשטאַנענע פעלקער פון סיריען און פאַלעסטינע. זיין לעצטע שטרעבונג איז געווען איינצונעהמען עגיפּטען, דעם שטענדיגען פיינד פון אשור, וואָס האָט תמיד אונטערגערייצט די דאָזיגע פעלקער מורד צו זיין קעגען דער אַסירישער אויבערהערשאַפט. נאָכדעם, ווי סנחריב'ס חיל האָט אָבגעהאַלטען א רייה נצחונות אין סיריען און פעניציען, איז ער אַריינגעדרונגען אין לאַנד פון די פלשתים. דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף אַנ'ערנסטען ווידערשטאַנד. די עגיפּטער פון דער דעלטאַ פון נילוס זענען אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען די אַסירער, און ביי אלתקו, נעבען דער פלישתישער טעריטאָריע, איז פאָרגעקומען א גרויסע שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז די עגיפּטער האָבען געמוזט אַנטלויפען. די פלשתים האָבען לכתחלה בעקומען שטיצע פון די עגיפּטער, און דערפאַר האָבען זיי זיך געהאַלטען שטייף קעגען סנחריב'ן. נאָר אַז די אַסירער האָבען איינגענומען זייער הויפּט-שטאָדט עקרון, האָבען זיי זיך אויך אונטערגעגעבען.

מלכות-יהודה איז געבליבען איינע אַליין אָהן פערבינדעטע, פנים אל פנים מיט סנחריב'ס שרעקליכען חיל. די אַסירער זענען שוין אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה און האָבען איינגענומען איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער. זיי האָבען אָהן רחמנות חרוב געמאַכט די איינגענומענע שטעדט און דערפער, בערויבט און גענומען געפאַנגען די איינוואוינער. דער שונא האָט זיך שוין דערנעהנטערט צו דער הויפּט-שטאָדט און האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער ניט ווייט פון איהר, אונטער דער שטאָדט לכיש. דער קעניג חזקיהו און די איינוואוינער פון ירושלים האָבען זיך דערשראָקען. אזוי ווי חזקיה האָט געוואָלט מציל זיין די הויפּט-שטאָדט פון חורבן, דעריבער האָט ער בעשלאָסען, נאָך א לאַנגען און שווערען ישוב-הדעת, זיך אונטערצוגעבען. ער האָט געשיקט קיין לכיש צו סנחריב'ן שלוחים, וואָס האָבען געזאָגט אין חזקיה'ס נאָמען: „איך האָב געזינדיגט; געה אוועק פון מיר, און איך וועל בעצאָהלען אַלצדינג, וואָס דו וועסט אויף מיר אַרויפלעגען". סנחריב האָט אַרויפגעלעגט אויפ'ן אידישען קעניג א גרויסע קאָנטריבוציע, וואָס איז בעשטאַנען פון 300 ככר זילבער און 30 ככר גאָלד. חזקיה האָט בעצאָהלט די קאָנטריבוציע, און דערויף האָט ער פערבויכט די רייכטימער, וואָס האָבען זיך געפונען אין בית-המקדש און אין קעניגליכען פּאַלאַץ. ער האָט געמוזט אַפילו צוליעב דעם אַראָפּרייסען די גאָלדענע בלעכען און צירונגען, וואָס מיט זיי זענען געווען בעדעקט די טירען פון היכל.

דערווײַל האָבן חזקיה׳ס פֿערבינדעטע, די עגיפּטער, באַוויזן צו קומען צו זיך נאָך זייער מפּלה בײַ אלתקו און האָבן זיך ווידער געגרייט אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן די אַסירער. אַז סנחריב האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער געוואָרפֿן אַ חשד אויף חזקיהו, אַז ער מאַכט זיך נאָר כּלומרשט, ווי ער בעט שלום, און דער אמת׳ן אָבער וויל ער נאָר געווינען צײַט, ביז די עגיפּטער וועלן קומען צו־הילף. יעמאָלט האָט סנחריב געשיקט קיין ירושלים שלוחים מיט דער שטרענגסטער פֿאָדערונג — אונגעזאַמט אַנידערצולייגן די געווער און איבערגעבן ירושלים. די שלוחים זענען געווען: תרתן — דער קריגס־הויפּט־מאַן; רבֿ כּרים — דער אויבערשטער איבער די קעניגליכע סריסים און רבֿשקה — דער שר המשקים.

די אַסירישע שלוחים האָבן זיך דערנעהנטערט צו ירושלים אין דער באַגלייטונג פֿון אַ מיליטערישער אָבטיילונג, האָבן זיך געשטעלט אויף אַ הויכען אָרט, ניט ווײַט פֿון די פֿעסטונגס־מויערן, און האָבן געפֿאָדערט, אַז חזקיה זאָל אַרויסגעהן צו זיי, בכדי צו פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען. דער קעניג האָט געשיקט דעם נײַעם פֿערוואַלטער איבער׳ן הויף, אליקים׳ן, וואָס האָט איינגענומען שבֿנה׳ס שטעלע, און נאָך צוויי שרים. די שלוחים פֿון ביידע צדדים זענען זיך צונויפֿגעקומען נעבען די שטאָדט־מויערן. אויף די מויערן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די איבערגעשראָקענע אײַנוואוינער פֿון ירושלים, בכדי צו זעהן, וואָס דאָ וועט פֿאָרקומען.

איינער פֿון די אַסירישע שלוחים, רבֿשקה, האָט זיך געווענדט צו די אידישע שרים מיט פֿאָלגענדע ווערטער: „זאָגט חזקיה׳ן אין נאָמען פֿון גרויסען קעניג פֿון אשור: אויף וועמען האָסטו זיך פֿערלאָזען, בשעת דו האָסט מורד געווען קעגן מיר? דו האַלטסט, אַז פֿאַר אַ קריג זענען נויטיג נאָר ווערטער; ניין, צוליעב דעם איז נויטיג פֿערשטאַנד און מוט. אומזיסט האָסטו געהאָפֿט אויף מצרים, דעם דאָזיגען צעבראָכענעם שטעקען, וואָס אויף איהם איז אַ סכנה זיך אָנצושפּאַרען, וואָרום ער קאָן זיך אַרײַנשטעכען אין האַנד און זי דורכשטעכען. צי דען קאָנסטו זיך מעסטען מיט קרעפֿטען אַפֿילו מיט איינעם פֿון די קלענסטע פֿירשטען, וואָס דינען מײַן הערשער?“ (מלכים ב׳, קאַפּיטעל י״ח, 19—21, 24).

אין דעם דאָזיגען אויפֿרייצענדען טאָן האָט גערעדט רבֿשקה נאָך לאַנג, און האָט מיט אַ כּיון גערעדט הויך אויפ׳ן קול און אין העברעאישער שפּראַך, בכדי עס זאָלען הערען און פֿערשטעהן די אײַנוואוינער פֿון ירושלים, וואָס זענען געשטאַנען אויף די מויערן. חזקיה׳ס שלוחים האָבן געבעטען רבֿשקה׳ן, ער זאָל רעדען אַראַמיש און ניט שרעקען די מענשען, וואָס שטעהען אויף די מויערן; נאָר רבֿשקה האָט דערקלערט, אַז דער קעניג סנחריב האָט איהם געשיקט ניט נאָר צום אידישען קעניג, נאָר אויך צו די אײַנוואוינער פֿון ירושלים. און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די איבערגעשראָקענע ירושלמ׳ער אײַנוואוינער און האָט געזאָגט הויך אויפ׳ן קול:

— זאָל דער קעניג חזקיה אייך נישט איינרעדען, ווארום ער וועט אייך נישט מציל זיין פֿון דעם אַסירישען קעניג׳ס הענד. זאָל ער אייך נישט טרייסטען מיט פּוסטע האָפֿנונגען, אַז יהוה וועט אייך העלפֿען און אַז די שטאָדט וועט נישט אַריינפֿאַלען אין די הענד פֿון אַסירישען קעניג. צי דען האָבען די געטער פֿון אַנדערע פֿעלקער געראַטעוועט זייערע לענדער פֿון אונזערע הענד? וואו זענען די געטער פֿון חמת, ארפד, ספרוים, הנע און עוה? צי האָבען זיי געראַטעוועט שמרון פֿון אונזער ממשלה? פֿאָלגט נישט חזקיה׳ן, מאַכט שלום מיט מיר און קומט אַרויס צו מיר, — און דאַן זאָל איטליכער עסען בשלום די פֿרוכטען פֿון זיין ווייַנשטאָק און פֿון זיין פֿייַגענבוים, און זאָל טרינקען די וואַסער פֿון זיין ברונים, ביז איך וועל קומען און וועל אייך אַריבערפֿיהרען אין אַ לאַנד, וואָס איז פּונקט אַזוי פֿרוכטבאַר ווי אייער לאַנד" (ישעיה, קאַפּ. ל״ח, 29—35).

די אידען, וואָס זענען געשטאַנען אויף די מויערן, האָבען גאָרנישט נישט געענטפֿערט, ווארום אַזוי האָט זיי חזקיה געהייסען בעפֿויהלען. אַז די אידישע שלוחים האָבען זיך אומגעקערט און האָבען איבערגעגעבען חזקיה׳ן רבשקה׳ס ווערטער, איז דער קעניג אַראָבגעפֿאַלען ביי זיך. ער האָט געשיקט דעם פֿערוואַלטער איבער זיין הויף אליקים׳ן, אַ שרייבער און איינע עלטסטע כהנים צו ישעיה הנביא מיט דער בקשה, ער זאָל מתפּלל זיין צו גאָט, אַז גאָט זאָל מציל זיין ירושלים. ישעיה איז לכתחלה געווען אַ געגנער פֿון דער מרידה קעגען אשור; איצטער אָבער איז ער געשטאַנען אויפֿ׳ן צד פֿון די פּאַטריאָטען, וואָס האָבען נישט געוואָלט מיט׳ן גוטען ווילען איבערגעבען די הויפּט-שטאָדט דעם אַני־שונא. דעריבער האָט דער נביא בערוהיגט חזקיה׳ס שלוחים, האָט געגעבען אַן עצה נישט מורא צו האָבען פֿאַר די סטראַשונקעס פֿון די אַסירער און האָט פֿאָראויסגעזאָגט, אַז דער שונא וועט אין גיכען אומקומען.

דערווייל איז דער עטיאָפּיש-עגיפּטישער קעניג תרהקה אַרויסגעטראָטען מיט זיין חיל קעגען די אַסירער. אַז סנחריב האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז ער אַרויסגעטראָטען מיט זיין גאַנצען חיל פֿון זיין הויפּט-קוואַרטיר אין לכיש צו די גרעניצען פֿון מצרים, קעגען תרהקה. אַז די אַסירישע שלוחים האָבען זיך אומגעקערט קיין לכיש, האָבען זיי דאָרט זייער קעניג שוין נישט געטראָפֿען. פֿון אונטערוועגס האָט סנחריב געשיקט צו חזקיה׳ן אַ בריעף מיט נייע סטראַשונקעס און אַ פֿאָדערונג אונגעזאַמט איבערצוגעבען ירושלים.

חזקיה, וואָס איז געוואָרען ערמוטיגט דורך די קלאַנגען, אַז דער שונא איז אַרויסגעטראָטען פֿון לכיש, האָט זיך אָבגעזאָגט צו ערפֿילען די דאָזיגע פֿאָדערונג. אינאיינעם מיט׳ן פֿאָלק האָט דער קעניג מתפּלל געווען אין בית-המקדש פֿאַר דער רעטונג פֿון פֿאָטערלאַנד. ישעיה האָט געהייסען איבערגעבען אידם אַ נבואה, וואָס איז געווען צונויפֿגעשטעלט אַלס אַן ענטפֿער אויף סנחריב׳ס עזות׳דיגער פֿאָדערונג:

„עס פֿערלאַנגט דיך, עס לאַכט זיך אויס פֿון דיר די יונגע טאָכטער ציון, עס שאָקעלט מיטן קאָפּ איבער דיר די טאָכטער פֿון ירושלים. וועמען האָסטו געלעסטערט און באַליידיגט, קעגען וועמען האָסטו דיין שטים אויפֿגעהויבען? דו האָסט אויפֿגעהויבען דיינע (חוצפּהדיגע) אויגען נאָך אויבען, צום הייליגען פֿון ישראל. דורך דיינע שלוחים האָסטו גאָט געלעסטערט און האָסט זיך געטראַכט: מיט מיינע פֿיעל רייטוועגען בין איך אַרויף אויף די הויכקייטען פֿון די בערג, אויפֿן שפּיץ פֿון לבנון און דאָב אָבגעהאַקט די וואַקסיגע צעדערן, די בעסטע ציפּרעסען; איך האָב אויסגעגראָבען טייכלעך און געטרונקען וואַסער אין פֿרעמדע לענדער, איך קאָן אויסטריקענען מיט די פֿוס־זוילען (פֿון מיינע קריגס־לייט) אַלע טייכען פֿון מצרים! — נאָר צי דען האָסטו ניט געהערט (זאָגט גאָט), וואָס איך האָב געטאָן אין די לאַנג־פֿערגאַנגענע צייטען? דאָס האָב איך געטראַכט פֿריער, אַז די בעפֿעסטיגטע שטעדט זענען געוואָרען פֿערוואַנדעלט אין חורבות, אַז זייערע איינוואוינער זענען געוואָרען אָהן כחות, צעבראָכען, צו שאַנד און צו שפּאָט... איך ווייס, וואו דו זיצט און וואוהין דו געהסט, איך ווייס דיין מרידה קעגען מיר. און אָט וועל איך אַריינלעגען מיין רינג אין דיין נאָז און מיין צוים אין דיין מויל און וועל דיך אומקעהרען צוריק אויף דעם וועג, אויף וועלכען דו ביזט געקומען... וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט וועגען אַסירישען קעניג: ער וועט ניט אַריינגעהן אין די דאָזיגע שטאָדט און וועט ניט אַרויסלאָזען קעגען איהר קיין פֿייל, ניט אַרויסשטעלען קעגען איהר קיין שילד און וועט ניט אַרומרינגלען זי מיט אַ וואַל. אין דעם וועג, אין וועלכען ער איז געקומען, וועט ער זיך אומקעהרען און וועט אין דער דאָזיגער שטאָדט ניט אַריינטרעטען“. (ישעיה, קאַפּ. ל״ז, 22—34).

דעם נביא׳ס האָפֿנונג איז מקוים געוואָרען פֿריהער, אײדער מ׳האָט זיך געקאָנט ריכטען דערויף. אין קעניגרייך יהודה האָט זיך פֿערשפּרייט די בשורה, אַז סנחריב׳ס גרויסער חיל, וואָס איז געגאַנגען אַנטקעגען עגיפּטען, קעהרט זיך אום גלייך צוריק (701). צווישען די אידען האָט זיך פֿערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז גאָט האָט געשיקט אַ פּעסט אויף די אַסירער און אַ מלאך פֿון גאָט האָט פֿערטיליגט אין זייער לאַגער 185,000 מאַן אין איין נאַכט. אין עגיפּטען האָט מען דערצעהלט, אַז אין איין נאַכט האָט אַן אומגעהייערע מאַסע פֿעלד־מייז צערייסט די אַמוניציע און די געוועהר פֿון די אַסירער, וואָס זענען מחמת דעם געצווינגען געווען אָבצוטרעטען פֿון דער עגיפּטישער גרעניץ. סנחריב האָט זיך אומגעקעהרט קיין נינוה, און ירושלים איז ניצול געוואָרען[1].

[1] די כראָנאָלאָגיע פֿון די געשעהענישען אינ׳ם קריג מיט סנחריב׳ן, וואָס איז דאָ פֿעסטגעשטעלט געוואָרען אויפֿ׳ן סמך פֿון די נייסטע דאַטען פֿון דער אַסיריאָלאָגיע, אונטערשיידען זיך אין עפּיס פֿון דער טראַדיציאָנעלער כראָנאָלאָגיע. לויט דער לעצטער געהערט סנחריב׳ס קריג קעגען יהודה און מצרים צו די יאָהרען 711—710; לויט די דאַטען פֿון די אַסירישע

די דאָזיגע אונגעריכטע רעטונג האָט געמאַכט א גרויסען איינדרוק אין ירושלים און האָט אַרויסגערופען א שטאַרקע שטייגערונג פונ'ם רעליגיעזען גייסט. נאָך א לאַנגער צייט פון מהומות האָט דאָס פאָלק פריי אָבגעאָטעמט. די אידישע שטעדט, וואָס סנחריב האָט חרוב געמאַכט, זענען ווידער אויסגעבויט געוואָרען. דאָס לאַנד איז מחדשותדוייז געקומען צו זיך נאָך די קלעפּ, וואָס עס האָט בעקומען. דאָס פאָלק האָט געלעכצט נאָך יענער רוהיגער אינעווייניגסטער ענטוויקלונג, וואָס די נביאים האָבען איהם געפּרעדיגט.

דאָס גייסטיגע לעבען אין חזקיה'ס צייטען.

§ 109. די גייסטיגע טעטיגקייט פונ'ם פאָלק, וואָס איז איבערגעריסען געוואָרען דורך די קריגס-מהומות, האָט זיך אָנגעהויבען אויפ'ס ניי נאָך מיט א גרעסערער קראַפט, נאָכדעם, ווי דאָס לאַנד האָט זיך בערוהיגט. די פּאַרטיי פון די נביאים, וואָס איהרע אָנהענגער האָבען זיך אָנגערופען „גאָטספאָרכטיגע" (יראי ה') אָדער „ענוים", האָט בעקומען נאָך א גרעסערען איינפלוס ביים הויף און צווישען דער געזעלשאַפט. דער אַלטער ישעיה הנביא איז געווען דער העכסטער גייסטיגער פיהרער פון דער נאַציע, איהר לעהרער און אָראַקעל. צו זיינע בעגייסטערטע רייד האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט דער קעניג און דאָס פאָלק. אין זיינע רעדעס פלעגט ישעיה ענטוויקלען יענע הויכע אידעאַלען פון געזעלשאַפטליכען לעבען און מלוכה-פערוואַלטונג, וואָס עד היום נאָך הלומ'ן וועגען זיי די איידעלסטע פאָרשטעהער פון דער דענקענדער מענשהייט. אַזוי שטעלט זיך פאָר ישעיה הנביא דעם אידעאַל פון א מושל:

דענקמעלער איז דאָס פאָרגעקומען אין יאָהר 701, וואָרום סנחריב האָט געקאָנט געוועזען קעניג נאָר אין יאָהר 705, נאָך סרגונ'ס טויט און בערך אין יאָהר 703 האָט ער איינגעשטילט די מרידה פון מראדך בלאדן, און דערנאָך ערשט איז ער אַרויסגעטראָטען קעגען יהודה. די אַלטע דאַטע (711) איז שייך ניט צום קריגס-צוג פון סנחריב, נאָר פון תרתן, וואָס סרגון האָט איהם געשיקט אין דער פלשתישער שטאָדט אשדוד, דאָס הייסט צום אָנהויב פון דער אַנטי-אַסירישער בעוועגונג אין יהודה, ווי עס איז דערצעהלט געוואָרען אין טעקסט. — אויף דעם סמך פונ'ם אָנגעוויזענעם סדר פון די געשעהענישען, וואָס ווערט בעשטעטיגט פון די אַלטע אַסירישע אויפשריפטען, האַלטען די שפּעטערדיגע פאָרשער, אַז די באַבילאָנישע שליחות פון מראדך בלאדן קיין ירושלים איז שייך ניט צום סוף פונ'ם קריג מיט סנחריב'ן, נאָר צום אָנהויב, צום מאָמענט, ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך צוגעגרייט אין יהודה. לויט'ן עצם איז די ערצעהלונג פון תנ"ך דאָס אויך ניט סותר, מחמת, ווי עס איז געדרונגען פון תנ"ך, געהערט דער דער-מאָנטער עפּיזאָד, אין צוזאַמענהאַנג מיט חזקיה'ס קראַנקהייט, צו דער צייט, וואָס פאַר'ן סוף קריג (מלכים ב', כ', 6, 12 ; ישעיה, ל"ח, 6 ; ל"ט 1). דער חלוק איז נאָר אין דער צאָהל פון די יאָהרען, וואָס חזקיה האָט געלעבט נאָך דער דאָזיגער מעשה (15 לויט'ן אַלטען חשבון, אָדער 8 לויט'ן נייעם).

„און ס׳וועט אַרויסשפּראָצן אַ צווייג פֿון ישי׳ס שטאַם (דוד׳ס דינאַסטיע), און אַן אויסוואוקס וועט פֿון זײַנע וואָרצלען אויפֿבליִען. און עס וועט רוען אויף אים (אויפֿ׳ן קעניג) גאָטס גײַסט, אַ גײַסט פֿון קלוגשאַפֿט און פֿאַרשטאַנד, אַ גײַסט פֿון וויסן און גאָטס־פֿאָרכטיקייט... און ער וועט משפּט׳ן אָרימע לויט׳ן אמת, און די ענוים אויף דער ערד — לויט׳ן יושר... מיט׳ן הויך פֿון זײַנע ליפּצען וועט ער טויטן דעם רשע. און גערעכטיקייט וועט זײַן אַ גאַרטל צו זײַנע לענדן... און עס וועט וואוינען אַ וואָלף מיט אַ שעפּעלע, און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט ליגן אינאיינעם: און אַ קאַלב און אַ לייב און אַן אָקס וועלן זײַן אינאיינעם, און אַ קליינער יונגל וועט זיי פֿירן. אַ קו וועט זיך ווײדן אינאיינעם מיט אַ בער, אינאיינעם וועלן ליגן זייערע יונגע, און אַ לייב וועט עסן שטרוי, ווי אַ רינד. און עס וועט זיך שפּילן אַ ברוסטקינד נעבן לאָך פֿון אַ ווײַפּער־שלאַנג, און אַ וויקל־קינד וועט זײַן האַנט אַרויפֿלייגן אויפֿ׳ן נעסט פֿון אַן עקדיש. זיי וועלן קיין בייז ניט טון און וועלן ניט מזיק זײַן אויף מײַן גאַנצן הייליקן באַרג, וואָרום די ערד וועט זײַן פֿול מיט ערקענטעניש פֿון גאָט, ווי די וואַסערן, וואָס בעדעקן דעם ים (ישעיה, קאַפּ. י״א).

פֿאַר דעם נביא׳ס בליק ערשײַנט ניט דער אידעאַל פֿון אַ רויבערישער מיליטערישער מלוכה, וואָס נעמט אײַן די וועלט מיט׳ן שווערד, נאָר אַן אידעאַל פֿון אַ פֿרידלעכן פֿאָלק, וואָס ווערט רעגירט אין׳ם גײַסט פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס שטרעבט אויסצוגלײַכן די שוואַכע מיט די שטאַרקע, אחדות און שלום צו שאַפֿן צווישן די אינטערעסן, אָפּצושאַפֿן די קלאַסן־סתירות. דאָס קעניגרײַך יהודה דאַרף ניט קאָנקורירן מיט אשור, די „שטילע וואַסערן פֿון שלוח" (מי השלח ההולכים לאט) דאַרפֿן ניט שטרעבן זיך צו פֿאַרגלײַכן מיט די „מעכטיקע פֿילע וואַסערן פֿון פרת" (מי הנהר העצומים והרבים), וואָס פֿאַרפֿלייצן די ערד אויף אַ ווײַטן שטח. די אידישע מלוכה דאַרף זײַן אַ רעכטלעכע מלוכה, וואָס איז שטאַרק פֿון אינעווייניג, און ניט קיין וועלט־מאַכט, וואָס איר קראַפֿט באַשטייט אין געוואַלד, איר רעכט — איז פֿויסט־רעכט. דער דאָזיגער אידעאַל פֿאַרשפּרייט זיך ווײַט איבער די גרעניצן פֿון נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס אידישע פֿאָלק דאַרף ווערן ראוי דערצו, עס זאָל קאָנען דינען פֿאַר אַ מוסטער די אַנדערע פֿעלקער און אַרײַנטרעטן אין אַן ענגער גײַסטיגער פֿאַרבינדונג מיט זיי.

„און עס וועט זײַן אין סוף פֿון די טעג (אין די שפּעטערדיגע צײַטן) — זאָגט ישעיה׳ס נבואה — וועט זײַן באַפֿעסטיגט גאָטס באַרג אין דער שפּיץ פֿון אַלע בערג, און צו אים וועלן שטרעבן אַלע פֿעלקער. און עס וועלן גיין אַ סך פֿעלקער און וועלן זאָגן: קומט און לאָמיר אַרויפֿגיין אויף גאָטס באַרג, צום הויז פֿון גאָט פֿון יעקב — און זאָל ער אונז לערנען זײַנע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זײַנע שטעגן. וואָרום פֿון ציון וועט אַרויסגיין די

תּורה און גאָטס וואָרט — פֿון ירושלים. דאַן וועט ער (דאָס אידישע פֿאָלק) משפּטן צווישן פֿעלקער און ער וועט שטראָפֿן אַ סך אומות און די וועלן איבער־שמידן זייערע שווערדן אין אַקער־אײַזנס און זייערע שפּיזן — אין שנייד־מעסערס. סוועט ניט אויפֿהייבן איין פֿאָלק קעגן אַנדערן אַ שווערד און זיי וועלן מעהר ניט לערנען זיך מלחמה האַלטען". (ישעיה, קאַפּ. ב', 2—4).

די זעלביגע נבֿואה וועגן אַלגעמיינעם שלום און וועגן דער הערשאַפֿט פֿון די גייסטיגע יסודות אין דער מענשהייט חזרט זיך איבער, כמעט אין די אייגענע ווערטער, אין ספֿר פֿון נאָך אַ נבֿיא אין חזקיהוס צײַטען, מיכה המורשתי. פּונקט אַזוי ווי ישעיה, וואָס האָט געלעבט אין זײַן צײַט און וואָס איז אפֿשר געווען זײַן רבי — האָט מיכה נבֿיאות געזאָגט ניט בלויז אין די רוהיגע צײַטען פֿון דער אידישער מלוכה, נאָר אויך אין די אומרוהיגע צײַטען. מעהר פֿון אַלץ פֿאַלט מיכה אָן אויף די ירושלמ'ער שרים, וואָס האָבען געפֿיהרט די פֿערוואַל־טונג ניט לויט די מלוכה־אינטערעסען, נאָר לויט זייערע אייגענע ניצען. ער שטעלט די גוטע מדות אונערמעסליך העכער פֿאַר דער אויסווייניגסטער פֿרומקייט.

„ווי זאָל איך ערשיינען פֿאַר'ן אייביגען, ווי זאָל איך זיך בויגען פֿאַר'ן העכסטען גאָט? צי זאָל איך קומען פֿאַר אידם מיט עולות, מיט יאָהריגע קעל־בער? צי וועלען זײַן בײַ גאָט אָנגענומען טויזענדער באַראַנעס, צעהנדליגער טוי־זענדער טײַכען בוימיל? צי זאָל איך אָפּגעבען מײַן בכור פֿאַר מײַן פֿערברעכען, די פֿרוכט פֿון מײַן לײַב — פֿאַר דער זינד פֿון מײַן נשמה? ס'איז דיר געזאָגט געוואָרען, אַ מענש, וואָס איז גוטס און וואָס פֿאָדערט גאָט פֿון דיר: נאָר טון גערעכטיגקייט, ליעב האָבען גוטס און פֿיהרען זיך בעשיידען בנוגע צו דײַן גאָט". (מיכה, קאַפּ. ו', 6—8).

מחמת דעם, וואָס דאָס גייסטיגע לעבען איז אַזוי הויך געשטאַנען אין חזקיהוס צײַטען, איז אַ סבֿרה, אַז גראָד אין יענער צײַט זענען פֿערפֿאַסט גע־וואָרען אָדער צונויפֿגעקליבען אַ סך שריפֿטען, וואָס זענען שפּעטער אַרײַן אין תּנ"ך. צו אַ בעזונדערער אויפֿבליהונג האָט דערגרייכט אין יענער צײַט די לי־טעראַטור פֿון די רעליגיעזע הימנען אָדער קאַפּיטלעך תּהלים. חזקיה'ן גופֿא ווערט צוגעשריבען אַזאַ מין קאַפּיטעל תּהלים, וואָס ער האָט פֿערפֿאַסט אַלס אַ לויב־געזאַנג, בשעת ער איז איין מאָל געזונד געוואָרען נאָך אַ שווערער קרענק.

„איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל בלוט־יונג דורכגעהן דורך די
טויערן פֿון שאול (אין דער ערד), אַז איך האָב שוין אָנגעוואָרען דעם
רעשט פֿון מײַנע יאָהרען. איך האָב געטראַכט: איך וועל שוין מעהר
ניט דערזעהן גאָט אין לאַנד פֿון די לעבעדיגע, איך וועל קיין מענשען
מעהר ניט ערבליקען אויף דער וועלט. מײַן דור איז אַוועק פֿון מיר און
האָט זיך פֿערבאָרגען, ווי אַ געצעלט (ווערט אַוועקגעטראָגען) פֿון אַ
פּאַסטוך; מײַן לעבען איז אָפּגעשניטען, ווי אַ פֿאָדים פֿון אַ וועבער...
ווי אַ שוואַלב האָב איך געצוויטשערט, ווי אַ טויב האָב איך געגירט; מײַנע

אויגען האבען זיך אויפגעהויבען נאך אויבען: א גאט, שטעל זיך איין פאר מיר, העלף מיר!... און אט האסטו ארויסגעצויגען מיין נשמה פונ'ם אבגרונד פון ניט-זיין, דו האסט פון דיר אבגעשלידערט אלע מיינע זינד, ווארום ניט דער שאול קאן דיר דאנקען, ניט דער טויט קאן דיך לויבען; די, וואס נידערן אראב אין גרוב, האפען מעהר ניט אויף דיין וואהר-האפטיגקייט. א לעבעדיגער, נאר ער קאן דיר דאנקען, ווי איך היינט; א פאטער קאן זיינע קינדער צו וויסען געבען וועגען דיין וואהרהאפטיגקייט. גאט האט מיר געהאלפען, און אלע טעג פון אונזער לעבען וועלען מיר זינגען לויב-לידער אין גאטס הויז". (ישעיה, קאפ. ל"ח, 10—20).

אין דעם גייסט זענען דעמאלט צונויפגעשטעלט געווארען א סך קאפיטלעך תהלים, וואס די לוויים-כארען פלעגען זינגען אין בית-המקדש. די קאפיטלעך תהלים פלעגען זיין פערשיידענע לויט זייער אינהאלט: ס'זענען געווען קלאג-לידער, טרויער-לידער און לויב-לידער. איבער דעם, וואס יהודה איז ניצול געווארען פון די חילות פון סנחריב זענען מסתמא פערפאסט געווארען א סך אזעלכע לויב-לידער. אין דער דאזיגער רעליגיעזער ליריק איז ניטא קיין שום געקינצעלטעס, געמאכטעס; דאס גיסט אויס דער משורר זיין הארץ, וואס רייסט זיך צו גאט, צום מקור פון אייביגער ליעבשאפט און גערעכטיגקייט.

נאר די גייסטיגע טעטיגקייט פון יענער צייט האט זיך ארויסגעוויזען ניט בלויז אין דער נאציאנאלער נבואה און אין דער רעליגיעזער פאעזיע. „די מע-נער פון חזקיה (אנשי חזקיה),—דאס הייסט א קרייזעל פון געבילדעטע מענשען, וואס האבען זיך צונויפגעקליבען ארום דעם קעניג,—האבען אויך צונויפגעשטעלט משלים, דאס הייסט גלייכווערטער און כללים פאר'ן געוועהנליכען לעבען. די דאזיגע משלים, וואס דאס גאנצע פאלק האט זיי איבערגענומען, האט מען צו-געשריבען אלטע חכמים, דער עיקר, שלמה המלך; אלס מחברים פון אייניגע ווערען אנגערופען די ווייניג באוואוסטע נעמען פון אגור בן יקה, איתיאל און אנדערע. די דאזיגע משלים זענען אי טיעפזיניג לויט זייער אינהאלט, אי זייער סטיל איז שען און קורץ. אט זענען אייניגע ביישפיעלען:

„ווי וואלקענס און א שטורם אהן א רעגען, אזוי איז אויך דער מענש, וואס גרויסט זיך מיט א פאלשער מתנה. גיה זעלטען אין הויז פון דיין חבר, אנדערש וועסטו איהם דערעסען ווערען—און ער וועט דיך פיינט בעקומען. אזוי ווי שניי אין זומער און א רעגען אין שניט-צייט—פונקט אזוי פאסט ניט קיין כבוד פאר א טפש. ענטפער ניט קיין נארען אויף זיין נארישקייט, כדי דו זאלסט ניט געגליכען ווערען צו איהם. דער פוילער זאגט: א שאקאל איז אויפ'ן וועג, א לייב איז אין גאס (דאס הייסט, טראכט אויס פערשיידענע שטערענישען). א גוטע פרוי איז א קרוין פאר'ן מאן, א שלעכטע פרוי—ווי א פוילעניש אין זיינע ביינער.

אַ קלוגע פרוי בויט אויס איהר הויז, אַ נאַרישע פרוי — צעשטערט עס מיט איהרע אייגענע הענד". (משלי, אין פערשיידענע ערטער).

סטרעפען זיך אויך אזא מין משלים:

„פאַרביי דעם פעלד פון אַ פוילען בין איך געגאַנגען, און פאַרביי אַ ווייַנגאָרטען פון אַ ניט-פערשטאַנדיגען. אַלץ איז דאָרט פערוואַקסען מיט ווילדע גראָז, מיט דערנער איז בעדעקט דער גאַנצער פלאַך (פון פעלד), און דער שטיינערנער פאַרקאַן אַרום איז איינגעפאַלען. און איך האָב זיך צוגעקוקט, בעטראַכט זיך און האָב אַרויסגענומען פאָלגענדען מוסר השכל: אַ ביסעלע שלאָפען, אַ ביסעל צו דרעמלען, אַ ביסעלע ליגען צונויפגעלעגט די הענד — און דער דלות וועט קומען (מיט אַמאָל), ווי אַ רייזענדער, און דער נויט — ווי אַ בעוואָפענטער מאַן". (משלי, קאַפּ. כ"ד, 30—34).

די רעאַקציע אין מנשה׳ס צייטען.

§ 110. די רעפאָרמעס, וואָס דער קעניג חזקיה האָט איינגעפירט, וואָלטען געקאָנט זיך איינפעסטיגען אין פאָלק, אויב דער קעניג וואָלט געלאָזען נאָך זיך אַ יורש, וואָס איז דערצויגען אין זיין גייסט און וואָס איז פעהיג ווייטער צו פיהרען זיין אַרבייט. נאָר, צום אומגליק פון לאַנד, איז חזקיה געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט 30 יאָהר, און אַנשטאָט איהם האָט געדאַרפט ווערען קעניג זיין זוהן מנשה (695—640), וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען נאָר 12 יאָהר. היות, ווי דער קרוין-יורש איז געווען נאָך אַזוי יונג, האָבען די ערשטע צייטען פערוואַלטעט איבער דער מלוכה די הויפ-לייט, וואָס זייער גרעסטער רוב האָט געהערט צו דער פאַרטיי פון די מתנגדים צו די רעפאָרמעס. צו זיי זענען, אַפנים, צוגעשטאַנען, אחוז׳ס אַלטע יועצים, וואָס אין חזקיה׳ס צייטען האָבען זיי אָנגעוואָרען זייער בעדייטונג און האָבען זיך געמיהט צוריק צו בעקומען די ממשלה פאַר די צייטען פון זיין יורש. די דאָזיגע לייט, וואָס זענען געוואָרען דאָ ניט לאַנג צוריקגעשטופט דורך דער פאַרטיי פון די נביאים, האָבען איצט בעשלאָסען ווידער אויפצולעבען אחוז׳ס אַנטי-נאַציאָנאַלע פאָליטיק. זיי האָבען אַריינגענומען דעם יונגען קעניג אין זייערע הענד און לכתחלה האָבען זיי גופא פערוואַלטעט אַנשטאָט איהם און דערווייל האָבען זיי איהם צוגעוועהנט רעגירען אין דעם גייסט, ווי זיי האָט זיך עס געוואָלט.

אַז מנשה איז אויסגעוואַקסען, האָבען זיך די בעציהונגען פון אשור צום קעניגרייך יהודה פערערגערט. נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפען מיט סנחריב׳ס חיל אין חזקיה׳ס צייטען, האָבען די אַסירער אַ לאַנגע צייט זיך ניט געוויזען אין סיריען און פאַלעסטינע, און דאָס קעניגרייך יהודה האָט גאָר ווינציג געפיהלט איהר אָפּהענגיגקייט פון דער גרויסער מלוכה. נאָר אין יאָהר 681 איז סנחריב געשטאָרבען (דער תנ"ך דערצעהלט, אַז זיינע צוויי זיהן האָבען

איהם רעדוצירט, און אויך זיין אזט איז געווארען קעניג זיין זוהן אסר-חדון. דער נייער מושל פון סאדער-אזיען האט געווענדט זיין בליק קיין מערב. ער האט ווייטער אונטערגענומען דעם קריגס-צוג קיין עגיפטען, וואס אונטער סנחריב'ן איז ער איבערגעריסען געווארען דורך דער פלוצלינגדיגער קאטאסטראפע. אינטערוועגס האט אסר-חדון איינגענומען א טייל פון פעניציען (צידון), און נאך א לאנגען קאמפף האט ער ארויסגעטריבען פון עגיפטען דעם עטיאפישען קעניג תרהקה און אויף א צייט האט ער בעפעסטיגט די אסירישע ממשלה איבער א גרויסען טייל פון לאנד. די דאזיגע נצחונות פון אסיריען האבען געמוזט פעס-טער צונויפבינדען יהודה צו אשור. די געגנער פון דער אסירישער איבערהער-שאפט האבען שוין ניט געקאנט האפען אויף הילף מצד עגיפטען, און האבען געמוזט בהכנעה זיך איינבויגען אונטער דער מאכט פון דער גרויסער מלוכה, וואס איהר ממשלה האט זיך פערשפרייט פון די ברעגען פון חדקל ביז די ברעגען פון נילוס. אויף אזא אופן איז יהודה, נאך א קורצער הפסקה, ווידער איינגעפאלען אין רשות פון אסיריען. די ווירקונג פון אסיריען איז געווען ניט בלויז א פאליטישע, נאר אויך א קולטורעלע.

אט די צווייענדיגע ווירקונג, אי מצד די ירושלמ'ער שרים אי מצד דער אסירישער קולטור, האבען בעוואויגען מנשה'ן, ער זאל גיין אין די וועגען פון זיין זיידען אחז. דערמיט, וואס אשור האט זיך אונטערטעניג געמאכט די נאציע, האט ער אויך אונטערדריקט, ערנידעריגט איהר נאציאנאלען גייסט. די נצחונות פון דער הייזנישער מלוכה האבען גורם געווען, אז אין די אויגען פון א סך אידען האט זיך די מאכט פון יאהווע ארויסגעוויזען קלענער. חזקיה'ס רעליגיעזע רעפארמען, וואס האבען געשטרעבט אויסצולייטערן און פערפעסטיגען דעם קולט פון יאהווע, האבען בעגעגנט א התנגדות מצד מנשה'ס רעגירונג, וואס האט געהאלטען, אז מען בעדארף צונויפמישען די פרעמדע קולטען מיט'ן אידישען.

מנשה האט אנגעהויבען דערמיט, וואס ער האט אבגעשאפט דעם געזעץ, לויט וועלכען מען האט געטארט ברענגען קרבנות נאר אין בית-המקדש אין ירושלים, וואס איז געווען שווערליג פאר די איינוואוינער פון דער פראווינץ. ער האט ווידער ערלויבט צו בויען אומעטום מזבחות אויף די במות און צו ברענגען דארט קרבנות. די אלט-כנענישע געצענדינערישע מנהגים האבען בעקומען די אייגענע רעכט, ווי די אידישע מנהגים. אין ירושלים האט געהערשט א געמישעכץ פון אלערליי רעליגיעזע קולטען. מ'האט דארט געבויט מזבחות פאר'ן בעל און געצענבילדער פון אשרה, און מזבחות צום דינען די שטערען. געצענבילדער און היידנישע מזבחות זענען אויסגעבויט געווארען אפילו אויף די פלעצער און הויפען, וואס ארום דעם בית-המקדש. אין טאל הנם (גי-הנם), הינטער שטאדט, איז געשטאנען א מזבח, וואס אויף איהם האט מען געבראכט פאר קרבנות צום מולך קליינע קינדער. עטליכע פון די דאזיגע היידנישע קולטען זענען געווען

צונויפגעבונדען מיט אויסערסטער אויסגעלאסענקייט און גראבע אבערגלויבענס. אין לאנד האבען זיך פערמעהרט אויסגעלאסענע פריסטערינס, מכשפים און טויטען-בעשווערער (בעלי-אוב). דער גאנצער דעמאלטיגער ארט לעבען מאכט אנ'איינ-דרוק, ווי די מענשען האבען זיך געלאזט ווילדעווען אהן אנאיינהאלט, ווי זיי וואלטען געהאט פערלארען דעם באדען אונטער די פיס.

די פארטיי פון די נביאים האט געטריבען קעמפפען קעגען דער דאזיגער גראבער רעאקציע, נאר ס'האט גארניכט געהאלפען. די, וואס האבען אויפגעהויבען זייער שטים צו פראטעסטירען קעגען דעם דאזיגען היידנישען לעבענס-פיהר, האבען געהאט אויסצושטעהן שרעקליכע רדיפות מצד דעם קעניג און די פערדארבענע שרים. דער גרויסער ישעיה הנביא איז שוין געווען דענסטמאל געשטארבען (ס'איז פאראהאן אין תלמוד אנ'אלטע אגדה, וואו עס ווערט דערצעהלט, אז ישעיה האט זיך געהאט בעהאלטען פאר די רדיפות אין דער הוילונג פון א דעמב, נאר דער קעניג מנשה האט איהם דארט געפינען און האט געהייסען איבערזעגען דעם נביא אינאיינעם מיט'ן בוים). נאר ישעיה'ס תלמידים האבען ניט געשוינט זייער לעבען און האבען געשטראפט דעם קעניג פאר זיינע פערברעכענס און געסטראשעט מיט גאט'ס צארן. נאר זיי האט מען רודף געווען אהן רחמנות: מ'האט זיי געטויט, ווי מורדים במלכות. דער תנ"ך זאגט, אז „מנשה האט פערגאסען א סך אונשולדיג בלוט, אזוי אז ער האט דערמיט פול געמאכט ירושלים פון איין עק ביז'ן אנדערן".

אין ספר „דברי-הימים" ווערט דערצעהלט, אז אין דער צווייטער העלפט פון מנשה'ס קיניגען, האבען איהם גענומען געפאנגען די אסירישע קריגס-הויפט-לייט און האבען איהם אוועקגעפיהרט געשמידט אין קייטען קיין בבל. נאכדעם, ווי דער קעניג איז פון דארט צוריקגעקומען, האט ער תשובה געטאן אויף זיינע זינד, האט צעשטערט א סך היידנישע מזבחות אין ירושלים און האט גענומען בעפעסטיגען די מויערן פון שטאדט[2]. די דאזיגע ערצעהלונג, וואס איז סותר די עלטערע ערצעהלונג, וואס געפינט זיך אין ספר „מלכים"[3], איז אפשר א מטושטש'ער אפקלאנג פון די מלחמות, וואס עס האט געפיהרט אויף די גרעניצען פון פאלעסטינע און סוריען דער קעניג, וואס האט געקיניגט נאך אסר-חדון, דער קעניג אסורבאניפאל (668—626). ס'איז מעגליך, אז אין דער צייט פון א מלחמה, האט דער אסירישער קעניג ארויפגעלעגט א שטראף אויף מנשה'ן, ווייל ער האט איהם חושד געווען, אז ער איז איהם ניט געטריי. נאר, אין יעדען פאל, קיין פערענדערונגען בנוגע צו דער אינעווייניגסטער פאליטיק האט די דאזיגע מעשה ניט ארויסגערופען.

---

[2] דברי-הימים ב' קאפ. ל"ג

[3] מלכים ב', קאפ. כ"א.

די רעליגיעזע רעאקציע, וואס האט זיך באפעסטיגט אונטער דער הערשאפט פון מנשה, איז געווען נאך געפערליכער דערמיט, וואס מנשה האט געקיניגט זעהר לאנג, בערך א האלבען יאהרהונדערט. נאך מנשה'ס טויט האט די נאציאנאלע פארטיי אויך ניט געקאנט האפען אויף בעסערע צייטען, מחמת דער זוהן און יורש מנשה'ס, אמון (638—640), האט זיך אין אלץ געהאלטען פאר דער פאליטיק פון זיין פאטער. נאר א הויפישע רעוואלוציע, וואס האט איינגעריכט אויסגערא בען, האט געמאכט א סוף צו דעם רעזשים, וואס איז געווען אזוי שעדליך פאר'ן לאנד. איבער אנ'אונבאוואוסטער סבה האבען אייניגע הויפס-לייט, וואס זענען געווען אונצופרידען מיט'ן נייעם קעניג, דערהרג'עט אמונ'ען אין זיין פאלאץ. דאס פאלק איז געווארען אויפגעבראכט קעגען די מערדער און האט זיי געטויט. פאר א קעניג פון יהודה איז אויסגעקליבען געווארען אמונ'ס אכט-יאהריגער זוהן, יאשיהו (608—638).

יאשיהו און די רעסטאווראציע פון דער תורה (משנה-תורה).

§ 111. אין משך פון די ערשטע צעהן יאהר, זינט יאשיהו האט געקיניגט, בשעת אין לאנד האבען רעגירט אינ'ם נאמען פונ'ם יונגען קעניג די ירושלמ'ער שרים, — זענען אין די מזרח-לענדער פארגעקומען געשעהענישען, וואס האבען אין א בעדייטענדער מאס אפגעשוואכט די מאכט פון דער אסירישער מאנארכיע. עגיפטען האט אראבגעווארפען פון זיך דעם יאך פון אשור, האט זיך פעראייניגט אונטער דער ממשלה פון קעניג פסאמעטיך I (610—645) און האט פון דאס-נייע אנגעהויבען צו בעאונרוהיגען איהר פיינד מדורי-דורות, דורך אנפאלען אויף דער פאלעסטיניש-סירישער גרעניץ. מדי (מעדיען) האט געשטרעבט זיך אפצורייסען פון אסיריען און ווערען א זעלבשטענדיגע מלוכה אויף דעם מזרח-קאנט פון מעסאפאטאמיען.

די מאס פון די אונגליקען דאבען נאך פיל געמאכט די ווילדע באנדעס סקיטען, וואס זענען געקומען אויף אסיריען פון די ווייטע סטעפעס פון דרומית-מזרחית-ווינקעל פון אייראפע, דורך קאווקאז און ארמעניען (630—640). ווי דוי-שעריקען, זענען אונצעהליגע מחנות פון די ראזיגע ווילדע מענשען אנגעפאלען אויף די לענדער פון פאדער-אזיען, האבען געטויט און גענומען געפאנגען מענשען, חרוב געמאכט אונטערוועגס שטעדט און דערפער, אויסגעריבט די סטאדעס און פערוויסט די פעלדער. דער ראזיגער אנפאל מצד די ווילדע האט אנגעמאכט אין אשור א גרויסען חורבן. פון אשור האבען זיך די סקיטען געלאזט געהן קיין עגיפטען, פארבייגעהענדיג פעניציען און יהודה. דער קעניג פסאמעטיך האט זיך אויסגעקויפט פון די הורדע: רייכע מתנות און דערמיט האט ער מציל געווען עגיפטען פון חורבן. נאר אין אייניגע גרעניץ-געביטען פון יהודה און אין די לענדער פון די פלשתים האבען, ווי עס ווייזט אויס, די סקיטען פארבייגעהענדיג אנגעמאכט חורבנות.

צו דעם אָנפאַל פון די סקיטען, וואָס האָט דעמאָלט אויפגערודערט אַלע פעלקער פון פאָדער-אַזיען, האָבען מסתמא אַ שייכות די נביאות פון דעם ירושלימ׳ער נביא צפניה, וואָס האָט געלעבט אין די צייטען פון קעניג יאשיהו. צפניה האָט איינגעזעהן אין דער דאָזיגער פעלקער-וואַנדערונג אַ סימן פון אַן אַלוועלטליכער איבערקעהרעניש. „ס׳איז נאָהענט דער גרויסער טאָג פון גאָט — זאָגט ער. דאָס וועט זיין אַ טאָג פון צאָרן, פון צרות און פון צער, אַ טאָג פון פינסטערניש און חושך, אַ טאָג פון שרעק און פערוויסטונג, אַ טאָג פון שופרות-קלאַנגען און שלאַכט-רופען קעגען בעפעסטיגטע שטעדט און הויכע טורעמס". (צפניה, קאַפּ. א׳, 14—16).

צפניה זאָגט נביאות, אַז דאָס אַלמעכטיגע אַסיריען מיט איהר שטאָלצער הויפּט-שטאָדט וועלען אונטערגעהן. „אָט איז דאָס די פרעהליכע שטאָדט, וואָס לעבט רוהיג, אָהן זאָרג, וואָס זאָגט: איך נאָר — און חוץ מיר קיינער ניט! ווי איז זי געוואָרען צו אַ מדבר, אַ לאַגער-אָרט פאַר ווילדע חיות! איטליכער, וואָס געהט פאַרביי איהר, פייפט, מאַכט מיט׳ן האַנד". (צפניה, קאַפּ. ב׳, 15).

איטליכער סטיכישער אונגליק, וואָס פלעגט אַרויסווייזען די שוואַכקייט און די אונזיכערקייט פון די מעכטיגסטע אָרגאַניזאַציעס, האָט געהאַט בכח אַרויסצורופען ביים מענשען פון די אַלטע דורות אַ נטיה צו רעליגיעזע התפעלות. דער קולט פון דער גראָבער קראַפט, וואָס די אַסירישע מאָנאַרכיע איז געווען איהר פערזאָניפיצירונג, האָט געמוזט אָנוועהרען אַ טייל פון זיין אָנציהונגס-קראַפט, — בשעת די מאַכט פון דער דאָזיגער מאָנאַרכיע האָט געהאַלטען ביים פאַלען. ס׳האָט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען זיך דער געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן אַ קראַפט אַ העכערע און אַ מעהר דויערדיגע, איידער די מאַכט פון געוועהר: די קראַפט פון גאָט און פון גייסט. דער שיין פון די פאַלשע געטער פון אַסיריען, דער אויבענאויפיגער גלאַנץ פונ׳ם היידענטום זענען פערטונקעלט געוואָרען, — און אין אידישען פאָלק האָט אויפגעוואַכט אַ תשוקה צו זיין ערהאַבענער נאַציאָנאַלער רעליגיע, וואָס איז געווען אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט דורך די פרעמדע היידנישע קולטען.

די דאָזיגע שטימונג האָבען געוועקט ביים פאָלק די נייע נביאים, וואָס האָבען זיך באַוויזען אין יאשיהו׳ס צייטען. בראש פון די נייע נביאים איז געשטאַנען אַ מאַן, וואָס זיין נאָמען איז פערבונדען מיט אַלע בעדייטונגס-פולע געשעהענישען פאַר דער לעצטער צייט, וואָס דאָס קעניגרייך יהודה האָט עקזיסטירט. דאָס איז געווען ירמיה, דער זוהן פון חלקיהו הכהן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין דער קליינער שטאָדט ענתות, ניט ווייט פון ירושלים.

ירמיה האָט זיך באַוויזען אין ירושלים און האָט אָנגעהויבען נביאות זאָגען אין 13-טען יאָהר פון יאשיהו׳ס קיניגען (626). ער איז געווען דעמאָלט נאָך זעהר יונג, און זעהר בעשיידען איז ער צוגעטראָטען צו ערפילען דאָס, וואָס ער האָט געפיהלט אַלס זיין היילגסטען חוב. נאָר וואָס ווייטער, איז זיין מוט

אַלײן געװאַקסען, און אַלײן העכער האָבען געקלונגען זײנע רײד, װאָס האָבען גערופֿען דאָס פֿאָלק צו טון תשובה און צו גײסטיגער אױפֿלעבונג. ירמיה, װאָס איז געװען ערצױגען אױף די אידעען פֿון די פֿריהערדיגע נביאים, בעזונ־דערס פֿון ישעיה הנביא, האָט אַרױפֿגעלעגט אױף די דאָזיגע אידעען זײן אײ־גענעם, פֿערזענליכען חותם. זײנע רעדעס צײכענען זיך אױס מיט אַ בעזונדערען טראַגישען פּאַטאָס, זײ זענען פֿיל מיט לײדענשאַפֿט, אָנגעזאַפּט מיט צרות און מיט טרערען. גאָטס װאָרט איז געװען פֿערבאָרגען — לױט זײן אײגענעם אױס־דרוק — אין זײן האַרצען, „װי אַ ברענענדיגע פֿלאַם", װאָס האָט געברענט די נשמה פֿון נביא און האָט פֿון זיך אַלײן אַרױסגעריסען זיך אױף אױסװײניג. אַזעלכע רײד האָבען געמוזט בעזונדערס שטאַרק װירקען אױף דער דערװעקונג פֿון נאַצי־אָנאַלען גײסט און פֿון רעליגיעזען געװיסען בײם פֿאָלק.

אונטער דער װירקונג פֿון די אַלגעמײנע פּאָליטישע איבערקעהרענישען, פֿון אײן זײט, און פֿון די הײסע רײד פֿון די נביאים — פֿון דער אַנדערער, האָט זיך געבילדעט בײם ירושלמ׳ער הױף אַ פּאַרטײ, װאָס האָט געשטרעבט װידער אײנצופֿיהרען דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלען רעזשים, װאָס איז אָבגעשאַפֿט געװאָרען פֿאַר מנשה׳ס צײטען. אַז יאשיהו איז עלטער געװאָרען, איז ער אַלײן אױך בּיסלעכװײז דורכגעדרונגען געװאָרען מיט די אָנשױאונגען פֿון דער פּאַרטײ פֿון די נביאים און האָט אָנגעהױבען טראַכטען װעגען אינעװײניגסטע רעפֿאָרמען אין גײסט פֿון זײן עלטער־זײדען חזקיהו.

דעם 18־טען יאָהר פֿון זײן קיניגען (621) האָט יאשיהו אַרױסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז אַלע ספּעציעלע נדבות, װאָס זענען צונױפֿגעקליבען געװאָרען אין בית־המקדש, זאָלען װערען פֿערברױכט אױף צו פֿערריכטען די טײלען פֿון בית־המקדש, װאָס זענען פֿון אַלטקײט צעבראָכען געװאָרען. דעם קעניגס בעפֿעהל האָבען אױסגעפֿילט דער סעקרעטאַר אָדער „שרײבער" (סופֿר) פֿון קעניג, שפֿן, אַנ׳אָנהענגער פֿון די נביאים און דער כהן־גדול חלקיהו. אַז מ׳איז צוגעטראָטען איבערצובױען דעם בית־המקדש, האָט מען געפֿונען אין אײנעם פֿון זײנע חדרים אַנ׳אונבעװאוסטען ספֿר, װאו מען האָט געפֿונען פֿערשריבען די אַלטע געזעצען און לערען פֿון משה רבנו. דער כהן־גדול חלקיהו, װאָס האָט געפֿונען דעם דאָזיגען כתב־יד, האָט עס איבערגעגעבען שפֿן מיט די װערטער: „אָט איז אַ ספֿר־התורה, װאָס איך האָב געפֿונען אין גאָטס הױז". שפֿן האָט איבערגעגעבען דעם ספֿר דעם קעניג יאשיהו און האָט עס פֿאָרגעלײענט פֿאַר איהם. דער אינ־האַלט פֿון בוך האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אױפֿ׳ן קעניג.

לױט דער אױסלעגונג און לױט׳ן טאָן איז דער נײ־געפֿונענער כתב־יד געװען, װי די הײליגע ספֿרים, װאָס זענען בײז אַצט געװען בעקאַנט צװישען אידען יודעי־ספֿר. דאָס איז געװען ניט קײן טרוקענע זאַמלונג פֿון געזעצען און רעליגיעזע פֿאָרשריפֿטען און ניט קײן זאַמעלבוך פֿון היסטאָרישע לעגענדעס. דער געפֿונענער ספֿר איז געװען אױסגעלעגט אין דער פֿאָרם פֿון

א צוואה, וואָס האָט ענטהאַלטען די בעלעהרונגען, וואָס דער גרויסער מחוקק משה האָט געגעבען אין די פערזאַמלונגען פון די בני־ישראל פאַר זיין טויט אין עבר־הירדן. פיהלענדיג, אַז דער טויט איז נאָהענט, ווילט משה צו איבער־צייגען די בני־ישראל, זיי זאָלען פאָלגען גאָטס געבאָטען און ניט נאָכמאַכען די מנהגים פון די היידנישע פעלקער, וואָס צווישען זיי וועט זיי אויסקומען צו לעבען, נאָכדעם, ווי זיי וועלען אַריין אין כנען. די מצוות און די חוקים, וואָס בעלאַנגען צום רעליגיעזען, זיטליכען און סאָציאַלען געביט, ווערען אויסגעלעגט ניט אַלס אָפיציעלע „מצות עשה" אָדער „לא תעשה", נאָר אין דער פאָרם פון בעלעהרונגען, מיט אַ גענויער ערקלערונג פונ'ם זין פון איטליכען געזעץ.

די הויפּט־אידעע פונ'ם גאַנצען בוך בעשטעהט דערין, וואָס עס איז פאַראַן אַן איינציגער גאָט, אַ משולם בתכלית השלמות, אַ טוב ומטיב, וואָס האָט אויסדערוועהלט דאָס אידישע פאָלק צווישען אַלע פעלקער און האָט איהם מוסר געווען די גרויסע אמת'ען פון גלויבען, גוטס און מענשען־ליעבע. דער דאָזיגער גאָט, יאַהווע, וואַרט פאַר'ן פאָלק, ווי אַ גוטער פאָטער פאַר זיינע קינדער, און פאָדערט פון איהם נאָר געטריישאַפט צו די געגעבענע געבאָטען. די לעצטע שטעלען־פאַר אַ גאַנצע רייה כללים, וואָס זיכערן די רוהע און וואוילשטאַנד הן פון יחיד הן פון קבוץ. איינפאַכקייט פון די מדות, ליטערקייט אין גלויבען, ליעבע צו אַנדערע מענשען, בעזונדערס די זאָרג פאַר שוואַכע און שוצלאָזע מיטגלידער פון כלל — אָט דאָס זענען די הויפּט־יסודות פון משה'ס געזעצגעבונג. דאָס איז אַ גאַנצע סיסטעם פון עטיק און סאָציאַלער געזעצגעבונג, וואָס לויט איהר ערהאַבענעם, אידעאַלען כאַראַקטער, האָט זי ניט קיין גלייכע צו זיך אין אַלע געזעץ־ביכער פון דער וועלט. און צו גלייכער צייט איז דאָס ניט קיין אוטאָפּיע, נאָר אַ ניכטערער קלאָרער אמת, וואָס איטליכער איז מסוגל עס גרינג צו פערשטעהן.

„דער געבאָט, וואָס איך גיב דיר היינט — זאָגט משה צום פאָלק — איז ניט אונדערגרייכבאַר פאַר דיר און ניט ווייט פון דיר. עס איז ניט אין הימעל, אַז דו זאָלסט קאָנען זאָגען: ווער וועט אַרויף אויפ'ן הימעל און וועט נעהמען פאַר אונז דעם געבאָט און וועט עס אונז לאָזען הערען, און מיר וועלען עס ערפילען. עס איז אויך ניט אויף יענער זייט ים, אַז עמיצער זאָל קאָנען זאָגען: ווער וועט אַריבערפאָהרען אויף יענער זייט ים און וועט עס נעהמען פאַר אונז און וועט עס אונז לאָזען הערען, און מיר וועלען עס ערפילען. נאָהענט צו דיר איז די דאָזיגע זאַך (דער געבאָט), עס איז אין דיין מויל און אין דיין האַרצען און פון דיר ווענדט זיך עס צו ערפילען". (דברים, קאַפּ. ל', 11—14).

אין אַזאַ רירענדען טאָן פון אַ פאָטער, וואָס זאָגט מוסר זיין קינד, איז אויפגעשריבען דער גאַנצער ספר, וואָס חלקיהו האָט געפונען אין בית־המקדש.

זענען פאַראַן אינ'ם ספר צוזאָגען פון שכר פאַר היטען די מצוות. עס
ט זיך אין איהם אויך אַ תוכחה, וואו עס ווערען אָנגעזאָגט די צרות

און ליידען, מיט וועלכע עס וועלען בעשטראפט ווערען יענע יחידים און גאנצע דורות, וואס וועלען ניט היטען גאטס געבאטען. גאטס שטראף וועט זיך אויס־דריקען, לויט משה'ס צוואה, אין דער געשטאלט פון פאלקס־אונגליקען, דעם פערפאל פון דער מלוכה און אפילו פון איהר ענדגילטיגען אונטערגאנג.

בכלל, האט דער היילינגער ספר, וואס איז געפונען געווארען אין בית־המקדש, געטראגען אויף זיך דעם חותם פון די נביאים, וואס זענען געווען די תלמידים פון ישעיה און ירמיה, און ער האט ווי בעשטעטיגט דאס, וואס די דאזיגע נביאים האבען אפען גערעדט אין זייערע עפענטליכע רעדעס. צום דאזיגען ספר האט מען שפעטער צוגעגעבען הוספות און רעדאקטירט, און ער איז אריינגענומען געווארען אין דער תורה אונטער דעם נאמען „דברים“ אדער „משנה־תורה“, ווארום אין איהר ווערט איבערגע'חזר'ט און מאטיווירט א גרויסער טייל פון די מצוות און חוקים, וואס געפינען זיך דאגמאטיש אויסגעלעגט אין די איבעריגע טיילען פון דער תורה.

אז דער קעניג יאשיהו האט איבערגעלייענט דעם כתב־יד, וואס איז געפונען געווארען אין בית־המקדש, איז ער געווארען טיעף אויפגערעגט. ער האט איצט פולקום פערשטאנען, ווי ווייט דאס אידישע פאלק איז אבגעטראטען פון די געבאטען פון דער אלטער רעליגיע, וואס משה רבנו האט איהם געגעבען. ער איז געווען איבערראשט, ווען ער האט בעמערקט, אז דער אלטער מחוקק בעשטעטיגט און גאטס נאמען אלצדינג, וואס די נייע נביאים רעדען איצט. דערין, וואס דאס קעניגרייך ישראל איז אונטערגעגאנגען און וואס יהודה קומט אליין מעהר אראב, האט דער קעניג איינגעזעהן, אז עס הויבען אן מקוים צו ווערען יענע קללות, וואס זענען אויסגערעכענט געווארען אין דער תורה. ער האט מורא געהאט, טאמער וועלען אין גיכען מקוים ווערען אויך די איבעריגע קללות, מיט וועלכע דער גרויסער מחוקק האט פערשאלטען די, וואס זענען עובר אויפ'ן געזעץ.

שטארק בעאונרוהיגט מחמת דעם, האט יאשיה געשיקט שפנ'ען, חלקיה'ן און אנדערע זיינע מקורבים צו דער נביאה חולדה, וואס האט געוואוינט אין ירושלים. די שלוחים האבען געפרעגט ביי דער נביאה אין דעם קעניגס נאמען: צי בעדארף דאס לאנד זיך ריכטען אויף א באלדיגער שטראף פון גאט פאר די זינד פון זיינע איינוואוינער, וואס זענען עובר געווען אויף די אלטע געזעצען, וואס גאט האט די געגעבען דורך משה'ן? די נביאה האט געענטפערט, אז גאט האט שוין לאנג בעשלאסען צו בעשטראפען דאס אידישע פאלק פאר זיין געצענדיענסט; נאר אזוי ווי דער קעניג יאשיהו האט תשובה געטאן, דעריבער וועלען אין זיינע צייטען ניט געשעהן די צרות, וואס זענען צוגעגרייט פאר יהודה.

יאשיהו האט זיך א ביסעל בערוהיגט נאך דער דאזיגער נביאה און האט צונויפגערופען אין בית־המקדש די עלטסטע פון פאלק, פון הויפט־שטאדט און

פֿון דער פּראָווינץ. דער קעניג האָט זיך געשטעלט אויף אַ בימה, אַרום איהם האָבען זיך געשטעלט די כהנים און די נביאים: און דער קעניג האָט פֿאָרגעלייענט דעם ניי-געפֿונענעם הייליגען ספר און האָט בעוואויגען אַלע פֿערזאַמעלטע, זיי זאָלען שוואָרען, אַז זיי וועלען היטען די געזעצען, וואָס זענען פֿערשריבען אין דעם דאָזיגען ספר. דאָס פֿאָלק האָט צוגעזאָגט. דערנאָך האָט דער קעניג גענומען זיך ענערגיש אויסראָטען דעם געצענדיענסט און די אונגעזעצליכע פֿאָרמען פֿונ'ם קולט פֿון יאַהווע. די מזבחות, סטאַטועןן און מצבות פֿון די הייִדנישע אָבגעטער זענען צעשטערט געוואָרען; די געטשקע פֿון אשרה האָט מען אַרויסגעוואָרפֿען פֿון בית-המקדש און פֿערברענט הינטער שטאָדט, אין טאָל קדרון. דער רייטוואָגען פֿונ'ם זונען-גאָט מיט די פֿערד, וואָס איז געשטאַנען נעבען איינגאַנג פֿון בית-המקדש, איז געוואָרען פֿערניכטעט. די מזבחות פֿון יאַהווע אויף די במות, ניט ווייט פֿון ירושלים און אין די פּראָווינץ-שטעדט, זענען אָבגעשאַפֿט געוואָרען. די פּריסטער און פּריסטערינס פֿון די געצען, די מכשפֿים און מכשפֿות זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פֿון לאַנד. יאשיהו האָט אויסגעוואָרצעלט די הייִדנישע קולטען אין לאַנד מיט אַ סך מעהר ענערגיע, איידער זיין עלטער-זיידע חזקיה. ער איז אַפֿילו אַריינגעדרונגען אין געוועזענעם קעניגרייך ישראל און האָט חרוב געמאַכט אין דער שטאָדט בית-אל, וואָס ליגט אויפֿ'ן גרעניץ, דעם אַלטען טעמפּעל מיט די גאָלדענע קעלבער, וואָס ירבעם I האָט איהם אַמאָלט אויסגעבויט. די כהנים, וואָס האָבען דאָרט געדיענט, האָט ער געהייסען טויטען.

אזוי איז אין יהודה פֿון דאָס-ניי איינגעפֿיהרט געוואָרען די נאַציאָנאַלע רעליגיע און די נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג. דאָס איז געווען די ערשטע רעפֿאָרם, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אונטער דער ווירקונג פֿון אַ הייליגען ספר, דאָס הייסט אויפֿ'ן סמך פֿון קלאָר פֿאָרמולירטע און פֿערעפֿענטליכטע חוקים. אַ טייל פֿון די כתבי-הקודש האָט מען פֿערעפֿענטליכט אין אַ פּאָפּולערער אויסלעגונג און מ'האָט עס איבערגעגעבען דעם גאַנצען פֿאָלק. די אידעען פֿון די נביאים האָבען בעקומען אַ ממשותדיגע, קאָנקרעטע פֿאָרם אין אַ ריינע רעליגיעזע, זיטליכע און סאָציאַלע געזעצען, וואָס זענען אַריין אין דעם ספר „משנה-תורה“. דאָס איז געווען די התחלה פֿון יענער מאַכט, וואָס עס האָבען בעקומען איבער'ן פֿאָלק דער געזעץ, דער ספר, וואָס דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון דער ווייטערדיגער געשיכטע פֿון יודענטום.

דער פֿערפֿאַל פֿון אסיריען און דער קאַמפּף מיט עגיפּטען.

§ 112. דערווייל איז די אַסירישע מאָנאַרכיע אַליין מעהר צעפֿאַלען געוואָרען. איין מדינה נאָך דער אַנדערער האָט זיך אָבגעטיילט פֿון דער גרויסער מלוכה, בפֿרט נאָכ'ן טויט פֿון איהר לעצטען שטאַרקען קעניג, אַסורבאַניפּאַל. מדי (מעדיען) איז געוואָרען אומאָבהענגיג פֿון אַסיריען פֿאַר די צייטען פֿון איהר מוטיגען קעניג, קיאַקסאַר. בבל איז געוואָרען זעלבשטענדיג אַ דאַנק

די גבורות פון נבופלאסר, א געוועזענעם אסירישען היפט־מאן, ווער האט זיך ערקלערט פאר א קעניג פון באבילאניען און האט בעפעסטיגט זיין ממשלה אין בבל (625—605). די לעצטע אסירישע מלכים זענען ניט געווען ביכולת אבצושטעלען דעם דאזיגען פראצעס, וואס האט פונאנדערגעטיילט די גרויסע מלוכה אויף אירע בעשטאנד־טיילען. נינוה האט שוין אנגעוואוירען איהר פריהערדיגע מאכט און האט ניט געקאנט מעהר דיקטירען געזעצען די קעניגרייכען און פעלקער, פון די ברעגען פון חדקל ביז די ברעגען פון נילוס.

די דאזיגע שוואכקייט פון דער הערשענדער מלוכה האט אויסגענוצט, אפנים, אויך יאשיהו, דער קעניג פון יהודה. ער האט איינגענומען און פעראייניגט מיט זיין לאנד איניגע געגענדען פונ'ם געוועזענעם קעניגרייך ישראל, וואס איז איצט געווען אן אסירישע פראווינץ. די מאכט פון די אסירישע פערוואלטער איז געווען זעהר שוואך אין דער דאזיגער ענטלעגענער פראווינץ, וואס איז געווען אזוי ווייט פון צענטער, און יאשיהו האט געקאנט אהן א בעזונדערער שוועריגקייט איינעהמען א סך „שטעדט פון שמרון“. אויבען איז שוין אנגעוויזען געווארען, אז די רעפארם פון קולט האט יאשיהו אויסגעברייט אויך אויף בית־אל, די אלטע הייליגע שטאדט פון קעניגרייך ישראל, וואס האט זיך געפונען ביי דער גרעניץ פון יהודה. דער ספר „דברי־הימים“ בעהויפטעט, אז דער קעניג פון יהודה האט פערניכטעט דעם היידנישען קולט אין דער גאנצער געוועזענער געגענד פון אפרים, וואס איז געווען בעזעצט פונ'ם מישפאלק שמרונים. ס'קאן זיין, אז יאשיהו האט געחלומ'ט וועגען ווידער אויפשטעלען די אידישע מלוכה אין איהר אלטער גרייס. נאר דא האט ער בעגעגענט א הינדערניש מצד דער מלוכה, וואס איז אמאל געווען א פערבינדעטע פון יהודה, — מצד עגיפטען.

זינט פסאמעטיכס צייטען איז עגיפטען געווארען אלץ שטארקער און האט זיך שוין מעהר ניט בעגנוגענט דערמיט, זיך צו פערטיידיגען קעגען אשור, נאר זי האט אויך געמאכט אויף איהם אנפאלען. די עגיפטער האבען געשטרעבט איינצונעהמען סיריען, וואס איז מיט 800 יאהר צוריק געווען אן־עגיפטישע פראווינץ. פסאמעטיכ'ס זוהן, דער פרעה נכו (609—594), פאראויס־זעהענדיג, אז אשור וועט אין גיכען אונטערגעהן, האט בעשלאסען מיט געוואלד נעהמען א חלק אין דער ירושה, וואס וועט בלייבען נאך דער אבשטארבענדער גרויסער מלוכה, און האט זיך געלאזט געהן מיט א גרויסען חיל צו די ברעגען פון פרת. כדי צו דערגרייכען צום ציעל, האבען די עגיפטער בעדארפט דורכ־געהן דורך די געוועזענע געגענדען פון ישראל, וואס דער קעניג יאשיהו האט זיי געהאט ניט לאנג איינגענומען.

יאשיהו האט בעשלאסען ניט דורכצולאזען די עגיפטער, ווארום ער האט מורא געהאט, טאמער וועלען זיי, נאכדעם ווי זיי וועלען איינעהמען סיריען, פאדערן, אז אויך יהודה זאל זיין זיי אונטערטעניג. פערלאזענדיג זיך אויף גאטס הילף, איז דער קעניג פון יהודה ארויסגעטראטען מיט א חיל קעגען דעם פרעה

נכו און האָט איהם פֿערצאַמט דעם וועג. אומיסט האָט נכו זיך געבעטען בײַ יאשיה׳ן, ער זאָל איהם דורכלאָזען, און האָט איהם פֿערזיכערט, אַז ער גערט נישט קעגען די אידען, נאָר קעגען די אַסירער; יאשיהו האָט זיך ניט געלאָזט בײַגען. אין טאָל מגדו, ניט ווײַט פֿון באַרג כרמל, האָבען זיך צונויפֿגעטראָפֿען בײדע אַרמעען — און עס איז פֿאָרגעקומען אַ שלאַכט. די שלאַכט האָט זיך געענדיגט אונגליקליך פֿאַר די אידען: דער אידישער חיל איז געשלאָגען געוואָרען, און דער קעניג יאשיהו גופֿא איז טויטליך פֿערוואונדעט געוואָרען (608). די דינער האָבען באַלד אַבגעפֿיהרט דעם שטאַרבענדען קעניג אין ירושלים. די אײנוואוינער פֿון דער הויפּט־שטאָדט האָבען בעגעגענט דעם טויטען קערפּער פֿון זייער קעניג מיט געשריי און געוויין. דער ספֿר „דברי־הימים“ דערצעהלט, אַז ירמיה הנביא האָט פֿערפֿאַסט איבער טויט פֿונ׳ם פֿרומען קעניג אַ קלאָג־ליעד, וואָס שפּעטער האָט עס דאָס פֿאָלק געזונגען נאָך אַ לאַנגע צײַט.

יאשיהו האָט איבערגעלאָזט דרײַ זיהן: אֶליקים, שלום און מתניה. דער עלטסטער פּרינץ אֶליקים איז געוועזען אַ שלעכטער און אַן אײַנגעוויליגער מענש, און דאָס פֿאָלק האָט איהם ניט ליעב געהאַט. דעריבער איז אויסגעקליבען געוואָרען פֿאַר אַ קעניג זײַן יונגערער ברודער, שלום, דער ליעבלינג פֿון דער פּאַרטיי פֿון די נביאים; בײַם קרוינען זיך האָט ער בעקומען אַ נײַעם נאָמען: יהואחז. נאָר די אידען זענען שוין ניט פֿרײַ געוועזען צו וועהלען געמען זיי ווילען. נאָך דער מפּלה בײַ מגדו זענען זיי אַרונטערגעפֿאַלען אונטער דער ממשלה פֿון עגיפּטען. נאָך זײַן נצחון איבער די אידען האָט זיך נכו, דער קעניג פֿון עגיפּטען, געלאָזט געהן צום טײַך פּרת און האָט אײַנגענומען סיריען. דאָהין, אין דער שטאָדט רבלה, האָט געמוזט קומען דער נײַ־אויסגעקליבענער קעניג פֿון יהודה, בכדי צו בעטען נכו, ער זאָל איהם בעשטעטיגען פֿאַר אַ קעניג. נאָר יהואחז איז ניט געפֿעלען געוואָרען דעם עגיפּטישען זיגער. נכו האָט בעפֿוילען צו שמידען יהואחז׳ן אין קייטען און פֿערשיקען איהם קיין מצרים, וואו ער איז זײַן גאַנץ לעבען פֿערבליבען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ירמיה הנביא זאָגט וועגען דעם: „ווײנט ניט איבער דעם געשטאָרבענעם (יאשיהו), נאָר ווײנט איבער דעם, וואָס געהט אַוועק אין געפֿאַנגענשאַפֿט (יהואחז׳ן), וואָרום ער וועט זיך צוריק ניט אומקעהרען און וועט ניט זעהן מעהר זײַן געבאָרען־לאַנד“. אַנשטאָט יהואחז׳ן האָט נכו בעשטעטיגט פֿאַר אַ קעניג פֿון יהודה זײַן עלטערן ברודער, וואָס בײַם בעשטײַגען דעם טראָן האָט מען אומגעביטען זײַן נאָמען אויף יהויקים (607)[4].

---

4) מיהאָט, אפֿנים, עקסיסטירט אַ מנהג צו נעמען אַ נײַעם נאָמען דעם קעניג בײַם בעשטײַגען דעם טראָן. צו דעם נײַעם נאָמען פֿלעגט צוקומען די פֿאָרזילבע פֿונ׳ם געטליכען נאָמען „יה“ — אויב דער קעניג האָט שוין פֿריהער ניט געהאַט אַזאַ נאָמען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט „יה“. אַזוי איז אויך געווען מיט די דרײַ זיהן יאשיהו׳ס. אליקים האָט בעקומען

דער עגיפּטישער קעניג האָט אַרויפגעלעגט אויפן קעניגרייך יהודה אַ בעדייטענדען געלד־קנס, אַלס שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך אַנטקעגען געשטעלט קעגען אידם ביי מגדו. יהויקים איז געצוואונגען געוועזען אויפצומאָנען ביים פאָלק די דאָזיגע קאָנטריבוציע מיט דער הילף פון שטרענגע צוואַנגס־מיטלען.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער קאַמפּף מיט בבל און דער אונטערגאַנג פונ'ם קעניגרייך יהודה

יהויקים אונטער דער איבערהערשאַפט פון מצרים. — דער קאַמפּף מיט מלכות בבל. — צדקיהו און ירמיה הנביא. — מהומות אין יהודה. — די מרידה און חורבן ירושלים. — דער פערוואַלטער גדליה. — די עמיגראַציע קיין עגיפּטען.

יהויקים אונטער דער איבערהערשאַפט פון מצרים.

§ 113. דער טרויעריגער אויסגאַנג פון דער שלאַכט ביי מגדו און די עגיפּטישע איבערהערשאַפט איבער סיריען און פּאַלעסטינע, האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק אויף די בני־יהודה. דאָס פאָלק, וואָס האָט כמעט זיך שוין געהאַט באַפרייט פון אַסירישען יאָך, האָט זיך ניט געריכט, אַז עס וועט אַזוי גיך ווידער אַרונטער אונטער אַ נייעם יאָך — דעם עגיפּטישען. נאָכדעם, ווי דאָס פאָלק האָט זיך אין יאשיהו'ס צייטען איינגעקערט צום קולט פון יאַהוועה, האָט עס געהאָפט, אַז עס וועט זיין אויך פּאָליטיש זעלבשטענדיג. דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין די ווערטער פון „משנה תורה“, אַז גאָט וועט פערטיידיגען זיין געטריי פאָלק פון אַלע צרות און אומגליקען. און דאָך האָט עס געזעהן, אַז דער פרומער קעניג יאשיהו, וואָס איז געוועזען געטריי איבערגעגעבען יאַהוועה, איז געפאַלען אין קאַמפּף פאַר דער אומאָבהענגיגקייט פון זיין מלוכה, און אַז דאָס קעניגרייך יהודה איז פון דאָס־ניי אונטערטעניג די פרעמדע.

דעם נאָמען יהויקים, שלום איז אָנגערופען געוואָרען יהואחז, מתניה איז אָנגערופען געוואָרען צדקיהו. (דאָ איז פון „יה“ געוואָרען די ענדזילבע „יהו“). פון די זינדיגע מלכים פלעגט מען, פערקערט, אָבנעהמען די דאָזיגע עהרען־פאָרזילבע, למשל, אחזיה נאָמען איז פריהער געוועזען יהואחז (אַזוי ווערט ער באַצייכענט אין די אַסירישע אויפשריפטען). מנשה און אָמון האָבען אויך ניט באַקומען צוגעלעגט צו זייערע נעמען די הייליגע ענדזילבע, אָדער מען האָט עס ביי די שפּעטער אָבגענומען.

דאָס האָט אויסגערופֿן אין די רעגירענדע ספֿערן פֿון ירושלים און ביי א געוויסן טייל פֿון פֿאָלק א רעליגיעזע רעאַקציע. דער נייער קעניג יהויקים האָט ניט סימפּאַטיזירט מיט די רעפֿאָרמען פֿון זיין פֿאָטער. לויט זיין טבֿע האָט ער זיך ניט געקאָנט צופֿרידנשטעלן מיט דער רעליגיעזער און זיטליכער שטרענגקייט פֿון די נביאים'ס תּורה, וואָס האָט באַגרענעצט דעם קעניג אין דער ממשלה. דער קעניג האָט פֿיינט געהאַט פֿרומקייט. ער האָט ליעב געהאַט א פֿרעהליך לעבן, אַנאונבאַגרענעצטע ממשלה, פֿיעלפֿאַרמיגקייט און פּראַכט ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס. יהויקים האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס ביים פֿאָלק איז געפֿאַלן דער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער גייסט, און האָט אָפּגעשאַפֿט די שטרענגע געזעצן פֿון יאשיהו'ס צייטן און האָט ווידער ערלויבט איינצופֿירן פֿרעמדע קולטן. ווידער האָבן זיך באַוויזן אין ירושלים און אין אַנדערע שטעדט מזבחות מיט אָפּבילדונגען פֿון די געטער, ווידער אַמאָל האָט מען אָנגעהויבן צומישן צום ריינעם קולט פֿון יאַהווע פֿערשיידענע היידנישע פֿאָרמען. צו די פֿריהערדיגע קולטן איז צוגעקומען נאָך איינער א נייער: דער קולט פֿון דער געטין נעיטאַ, וואָס מען פֿלעגט רופֿן „די קעניגין פֿון הימעל" (מלכת השמים); אויף די מזבחות אין ירושלים האָט מען געבראַכט קרבנות דער דאָזיגער געטין.

אין די ענינים פֿון פֿערוואַלטונג האָבן געהערשט ווילדווילען און דעספּאָטיזם. יהויקים האָט געטראַכט מעהר וועגן זיינע באַקוועמליכקייטן, איידער וועגן דעם נוצן פֿון דער מלוכה. ער האָט זיך געבויט א נייעם גרויסאַרטיגן פּאַלאַץ אין ירושלים און האָט געצוואונגען אידישע בירגער צו אַרבייטן פֿאַר איהם, ווי זיינע קנעכט. דעם קעניג האָבן נאָכגעטאָן די שרים. געוואַלד-טאַטן און פֿאַלשקייט האָבן פֿערנומען דעם אָרט פֿון גערעכטיגקייט און געזעצליכקייט. די מדות זענען געפֿאַלן אינאיינעם מיט דער רעליגיע.

קעגן דער דאָזיגער רעליגיעזער רעאַקציע, וואָס איז געווען צונויפֿגעבונדן מיט געזעלשאַפֿטליכער פֿערדאָרבענהייט, האָבן געקעמפֿט אָהן אויפֿהער די אמת'ע פֿאָלקס-פֿריינד, די נביאים און זייערע אָנהענגער. די נביאים, מיט ירמיה בראש, פֿלעגן דרייסט טאַדלען דעם קעניג, די שרים און אַלע אָנהענגער פֿון דער פֿרעמדער קולטור, האָבן אויפֿגעוויזן זייערע שלעכטע מעשים, געסטראַשעט מיט גאָטס שטראָף; זיי האָבן גערופֿן צו טון תשובה. די נביאים האָבן זיך ניט ווינציג אָנגעליטן פֿאַר זייער דרייסטקייט: מען פֿלעגט זיי וואַרפֿן אין תפיסה, פֿערטרייבן און אַפֿילו הרג'ענען. איין נביא, אוריה, אין אָנהויב פֿון יהויקים'ס קיניגן, האָט נביאות געזאָגט, אַז דאָס לאַנד וועט חרוב ווערן, אויב דער קעניג און דאָס פֿאָלק וועלן ניט תשובה טון. אַז יהויקים האָט זיך דערוואוסט וועגן די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע נביאות, האָט ער געהייסן כאַפּן אוריה'ן. נאָר אוריה האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן קיין עגיפּטן. יעמאָלט האָט יהויקים געשיקט קיין עגיפּטן איינעם פֿון זיינע שרים, וואָס האָט אויפֿגעזוכט דעם אַנטלאָפֿענעם און האָט איהם געבראַכט צוריק קיין

ירושלים. אויף יהויקימ'ס בעפעהל, האט מען אוריה'ן געקעפט, און זיין קערפער האט מען אריינגעווארפען אין בית־הקברות פון פשוט'ען המון.

נאר מעהר פון אלעמען האט געהאט אויסצושטעהן געפאהרען דער אונערמידליכער ירמיהו הנביא. פאר יאשיהו'ס צייטען, אז די ממשלה האט זיך געפונען אין די הענד פון דער נאציאנאלער פארטיי, איז ירמיה געווען איינער פון די געטרייסטע אנהענגער פון דער רעגירונג; נאר אונטער דער נייער רעגירונג יהויקימ'ס, וואס האט זיך געהאלטען פאר דער אנטי־רעליגיעזער פאליטיק, האט ער זיך געשטעלט בראש פון דער אפאזיציע. ער האט קיין מורא ניט געהאט צו זאגען דעם קעניג און דעם פאלק דעם ביטערן אמת און האט נביאות געזאגט, אז גאט וועט אין זיין צארן איבערגעבען יהודה אין די הענד פון די פיינד. בעזונדערס פלעגט ער אנפאלען אין זיינע רעדעס אויף די צביעקעס, וואס פלעגען וועלען בעשעהנען זייערע אונזיטליכע מעשים דורך אן אויסווייניגסטער פרומקייט און האבען געמיינט, אז גאט וועט פערטיידיגען ירושלים צוליעב דעם בית־המקדש. אזעלכע לייט האבען זיך געפונען ס'רוב צווישען די כהנים און די הויפס־לייט, און ירמיה פלעגט זיי אנרופען „פאלשע נביאים" (נביאי השקר). „פערלאזט זיך ניט — פלעגט זיי זאגען ירמיהו — אויף די פאלשע רייד: דא איז גאטס היכל! איהר גנב'עט, איהר מארדעט און זייט אויסגעלאסען, איהר זאגט ליגען, איהר דיענט דעם בעל און פרעמדע געטער, — און דערנאך קומט איהר און שטעלט זיך פאר גאט אין דעם דאזיגען הויז, וואס גאטס נאמען איז אויף איהם גערופען, און זאגט: מיר זענען געראטעוועט. און דערנאך טוט איהר אב אלע עולות. צי דען איז דאס הויז, וואס מיין נאמען איז אויף איהם גערופען, געווארען א רויבער־היהל? געדט קיין שילה, וואו מיין נאמען האט געוואוינט אמאל, און זעהט, וואס מיט איהר איז געווארען פאר די זינד פון די בני־ישראל! איהר טוט די זעלביגע עבירות — און גאט וועט זיך בעגעהן מיט'ן בית־המקדש אין ירושלים, ווי ער איז זיך בעגאנגען מיט'ן טעמפעל אין שילה; ער וועט אייך פערשטויסען פון זיך, ווי ער האט פערשטויסען דעם שבט אפרים" (ירמיה, קאפ. ז' 4, 9—16).

איינמאל, אז ירמיה האט געהאלטען אזא מין רעדע פאר'ן איינגאנג פונ'ם בית־המקדש, זענען זיינע צוהערער שטארק אריין אין כעס. זיי האבען איינגעזעהן אין דעם נביא'ס ווערטער א פערברעך קעגען פאטריאטיזם און א חלול־הקדש. א המון פון כהנים און פאלשע נביאים האבען ארומגערינגעלט דעם נביא און האבען געשריען: „דו מוזט שטארבען, ווארום דו האסט געזאגט, אז דער בית־המקדש אין ירושלים וועט חרוב ווערען, ווי דער טעמפעל אין שילו!" אויפ'ן פלאץ פאר'ן בית־המקדש האט זיך צונויפגעקליבען א גרויסער המון. איבער דעם טומעל זענען געקומען צולויפען די שרים פון קעניגליכען פאלאץ; צווישען זיי איז געווען אחיקם, דער זוהן פון שפן, וואס איז געזען דער יועץ פון קעניג יאשיהו. ביים טויער פון בית־המקדש איז פארגעקומען א זיצונג

פֿון די עלטסטע, כּדי צו משמטן דעם בעשולדיגטען נביא. די פֿהנים און די פֿאַלשע נביאים האָבען געשטעניעט, אַז ירמיה׳ן קומט פֿאַר זיינע רייד טויט־שטראָף. ירמיה האָט זיך געווענדט צו די שרים און צום פֿאָלק, און האָט דרייסט געזאָגט: „גאָט האָט מיר בעפֿוילען צו רעדען דאָס אַלץ, וואָס איהר האָט געהערט. פֿערבעסערט אייערע מעשׂים, פֿאָלגט גאָט — און ער וועט אָב־ווענדען דעם אונגליק, וואָס ער האָט פֿאַר אייך בעשטימט. איך אָבער בין אין אייערע הענד; טוט מיט מיר וואָס איהר ווילט; נאָר זייט וויסען, אַז אויב איהר וועט מיך טויטען, וועט איהר פֿערגיסען אונשולדיג בלוט!" איינינע שופֿטים האָבען דערמאָנט דער פֿערזאַמלונג, אַז אויך אין אַלטע צייטען האָבען די נביאים געהאַט פֿולע פֿרייהייט צו שטראָפֿען אין גאָטס נאָמען. זיין בעפֿרייאונג האָט ירמיה געהאַט צו פֿערדאַנקען זיינע פֿריינד אין בעזונדערס אחיקם׳ן. נאָר באַלד האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען מהומות — און דער נביא האָט ווידער געמוזט אַריינטרעטען אין קאַמפֿף מיט די הערשענדע קלאַסען.

דער קאַמפֿף מיט מלכות־בבל.

§ 114. אין די ערשטע יאָהרען פֿון יהויקים׳ס קעניגען איז די אַסירישע מאָנאַרכיע אינגאַנצען פֿונאַנדערגעפֿאַלען. די מעדיער און די באַבילאָניער האָבען מחריב געווען איהר גרויסאַרטיגע הויפּט־שטאָדט נינוה, און דער לעצטער קעניג פֿון נינוה, סאַראַק (דער לעגענדאַרישער סאַרדאַנאַפּאַל) איז, ווי עס דער־צעהלט אַ שפּעטערדיגע גריכישע מסורה, אומגעקומען אין פֿייער ביי דער שׂרפֿה פֿון זיין פּאַלאַץ (606 אָדער 605).

דער נביא נחום, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, שילדערט מיט אַ נצחון־געפֿיהל דאָס פֿאַלען פֿון דער דעספּאָטישער מלוכה:

„ס׳איז אויפֿגעשטאַנען אויף דיר (נינוה) אַ צעשטערער. פֿערהיט די
פֿעסטונג, בעוואַך דעם וועג, גורט אָן די לענדען, שטאַרק זיך מיט קראַפֿט.
דער שילד פֿון די גבורים איז פֿערבלוטיגט, די קריגס־לייט — אין פּורפּור־
קליידער, איבער די גאַסען לויפֿען גיך די רייטוועגען, קלאַפּען אויף די
פֿלעצער; זייער געשטאַלט איז, ווי אַ פֿייער, זיי פֿלאַקערן, ווי די בליצ־
צען. ער (דער הויפּט־מאַן) רופֿט אַרוים די מוטיגע קריגס־לייט, נאָר זיי
שטרויכלען געהענדיג, זיי איילען צו די מויערן פֿון שטאָדט און גרייטען
זיך צו פֿערטיידיגען זיי. די טויערן פֿון די טייכען ווערען געעפֿענט —
און דער פּאַלאַץ פֿערלירט דעם מוט... אַלע לויפֿען: „שטעהט, שטעהט!" —
נאָר קיינער וועט זיי ניט אומקעהרען. צערויבט דאָס זילבער, צערויבט
דאָס גאָלד, וואָרום עס איז קיין סוף ניטאָ צו די אוצרות. צעראַבירט,
פֿערוויסט און חרוב איז זי (נינוה)... וואו איז זי איצט, וואָס איז געווען
אַ לאַגער־אָרט פֿאַר לייבען, אַ ווייד פֿאַר לעמפּערטען?... ס׳שלאָפֿען דיינע
פּאַסטוכער, דו קעניג פֿון אשור, עס רוהען דיינע גבורים, עס רוהט

דײַן פֿאָלק (צעשפּרייט) איבער די בערג, און קיינער קאָן איהם ניט צונויפֿקלײַבען. צו דײַן בראָך איז קײן היילונג ניטאָ, צו דײַן וואונד איז קײן ערלײַכטערונג ניטאָ. די, וואָס וועלען הערען די בשורה וועגען דיר, וועלען פּאַטשען מיט די הענד, וואָרום וועמען האָט דײַן בייזקייט ניט אָנגעריהרט?" (נחום, קאַפּ. ב׳, 4—7, 9—12; קאַפּ. ג׳, 18, 19).

די זיגער האָבען צעטיילט צווישען זיך די אַסירישע מלוכה אַזוי, אַז די מעדיער האָבען בעקומען די צפֿונ׳דיגע און מזרח׳דיגע געגענדען, און די באַבילאָניער — דרום־מעסאָפּאָטאַמיען און סיריען. דעריבער איז געוואָרען אונפֿערמײַדליך אַ קריג צווישען בבל, וואָס האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ געזעצליכער ירשו׳טע פֿון סיריען, און עגיפּטען, וואָס האָט געהאַט מיט אַ קורצער צײַט פֿריהער פֿערכאַפּט סיריען מיט געוואַלד. אין יענער צײַט איז געשטאָרבען נבופּלאַסר, דער קעניג פֿון בבל, און נאָך איהם איז געוואָרען קעניג זײַן זוהן, נאַבו־קודורוסור אָדער נבוכדנצר, ווי דער תנ״ך רופֿט איהם אָן. ווי נאָר נבוכדנצר איז אַרויף אויפֿ׳ן טראָן, האָט ער באַלד ערקלערט אַ קריג דעם עגיפּטישען קעניג נכו. בײַ דער שטאָדט כרכמיש, אויפֿ׳ן ברעג פֿון אויבערשטען פּרת, איז פֿאָרגעקומען אַן ענטשיידענע שלאַכט צווישען די באַבילאָניער און עגיפּטער. די לעצטע זענען געשלאָגען געוואָרען — און האָבען געמוזט איבערלאָזען סיריען פֿאַר די נײַע מושלים.

אינאיינעם מיט סיריען האָט אויך דאָס קעניגרײַך יהודה געמוזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפֿט פֿון באַבילאָנישען קעניג, וואָרום יהודה איז דאָך געווען אַ טייל פֿון דער סיריאָ־פּאַלעסטינישער פּראָווינץ. אויב נאָך דער שלאַכט בײַ מגדו איז יהודה געוואָרען אָבהענגיג פֿון מצרים, איז עס איצט, נאָך דער שלאַכט בײַ כרכמיש, געוואָרען אָבהענגיג פֿון בבל. בבל האָט זיך געגרייט יעמאָלט צו ווערען אין אָריענט דאָס אייגענע, וואָס אשור איז געווען, דאָס הייסט, אַ גרויסע מיליטערישע מאָנאַרכיע, וואָס שטרעבט אַרײַנצוכאַפּען אַלע אַרומיגע קליינע מלוכות און מאַכען זיי פֿאַר איהרע פּראָווינצען.

יהודה, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געוואָרען אָבהענגיג צײַטווײַליג פֿון מצרים, האָט געמוזט אויפֿשטעהן קעגען דער בעשטענדיגער אָבהענגיגקייט פֿון בבל. אין ירושלים האָט זיך געבילדעט אַ פּאַרטיי פֿון קריגערישע פּאַטריאָטען, וואָס האָבען געפֿאָדערט, מען זאָל זיך ניט אונטערגעבען דעם קעניג פֿון בבל. צו דער דאָזיגער פּאַרטיי האָט אויך געהערט דער ירושלמ׳ער הויף, וואָס האָט גערעכענט אויף הילף מצד עגיפּטען אין דער מלחמה קעגען בבל. נאָר די נביאים האָבען ניט איינגעשטימט אויף דער דאָזיגער פּאָליטיק, וואָס איז געווען געדרונגען פֿון דער מאָמענטאַנער צערייצטקייט. זיי, די נביאים, די אמת׳ע פֿאָלקס־פֿרײַנד, זענען געווען ווײַטזיכטיגער; זיי האָבען פֿאָראויסגעזעהן, אַז דער אונגלײַכער קאַמפּף קעגען בבל קאָן אײַנגאַנצען חרוב מאַכען יהודה, ווי דער קאַמפּף קעגען אשור האָט חרוב געמאַכט שמרון. פֿערקעהרט, האָבען זיי פֿערשטאַנען,

אז אויב די אידען וועלען זיך אונטערגעבען, וועט די מלוכה בלייבען גאנץ, דהגם זי וועט זיין אבהענגיג פון בבל. געטריי זייער גרונד־אידעע, האבען די נביאים זיך ניט גערעכענט מיט דער אויסווייניגסטער פאָליטישער מאַכט פון דער מלוכה: פאַר זיי איז דער מקור פון נאַציאָנאַלען לעבען געווען אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג. חוץ דעם האָבען זיי, אַלס טיעף רעליגיעזע מענשען, איינגעזעהן אין די נצחונות פון בבל אַ השגחה פּרטית, וואָס קעגען איהר איז עס אונמעגליך און אפילו אַ זינד צו קעמפּפען.

אָט דערפאַר האָט ירמיהו געזוכט צו איבערצייגען די רעגירונג און דאָס פאָלק, אַז זיי זאָלען אָנערקענען די באַבילאָנישע איבערהערשאַפט און זאָלען ניט אַנטקעגענשטעלען זיך קעגען נבוכדנצר, וואָס איז נאָר אַ בלינדע געצייג פון יאַהוועס ווילען, — בכדי עס זאָל ניט ווערען ערגער. ירמיה האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אויב די אידען וועלען זיך אַנטקעגענשטעלען, וועט ירושלים חרוב ווערען דורך די באַבילאָניער, ווי שמרון דורך די אַסירער. דערביי האָט דער נביא גערופען דאָס פאָלק צו טון תשובה און אָבזאָגען זיך פון יענע זינד, וואָס פאַר זיי האָט גאָט געשיקט אויף דאָס לאַנד אַזא שווערען נסיון.

דערווייל האָט נבוכדנצרס חיל, קומענדיג פון סוריען, דערנעהנטערט זיך צו יהודה. אין ירושלים איז די מהומה און אונרוה געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. צוליעב דער צרה, וואָס האָט זיך גענעהנט, האָט מען בעשטימט אַ תענית־צבור מיט אַ גאָטעסדיענסט אין בית־המקדש, אין אַ טאָג פון ניינטען חודש (ווינטער).

ירמיה האָט בעשלאָסען אויסצונוצען די דאָזיגע געלעגענהייט צוליעב זיין אגיטאַציע. ער האָט געהייסען זיין תלמיד, ברוך בן נריה, ער זאָל פאַרשרייבען אַלע די נבואות וועגען דעם גורל פון קעניגרייך יהודה, וואָס ער, ירמיה, האָט געזאָגט, זינט דער קעניג יאשיהו איז אַרויף אויפ'ן טראָן ביז דער לעצטער צייט. און עס פאָרלייענען פאַר'ן גאַנצען פאָלק, אין טאָג פון תענית. ירמיה איז געווען איבערצייגט, אַז אויב דאָס פאָלק וועט פערגלייכען די פריהערדיגע נבואות, וואָס זענען מקוים געוואָרען, מיט די איצטיגע נבואות, וועט עס זיך איבערצייגען, אַז זיי זענען אמת'ע.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון תענית, און די גאַנצע ירושלמ'ער בעפעלקערונג האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אין בית־המקדש. יעמאָלט איז געקומען ברוך און האָט פאַר אַלעמען פאָרגעלייענט די נבואות פון ירמיה הנביא. דאָס פאָלק איז געוואָרען אויפגערודערט. אַז די הויפּס־לייט האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָבען זיי געלאָזט רופען ברוכ'ן און האָבען איהם געהייסען נאָך אַמאָל איבערלייענען פאַר זיי דעם כתב־יד. אַז די שרים האָבען אויסגעהערט די נבואות, זענען זיי געוואָרען אויפגעבראַכט און האָבען עס איבערגעגעבען דעם קעניג יהויקים. דער קעניג האָט געהייסען, מען זאָל איהם פאָרלייענען דעם כתב־יד. אַרומגערינגעלט מיט זיינע הויפּס־לייט, איז דער קעניג הויזיג גע־

זעצען זיך און צוגעהערט צום לייענען. ווייל עס איז געווען קאלט, איז דעם קעניג געשטאנען אן אויוועלע (אח). ווי מען האט אזוי געלייענט דעם כתב-יד, פלעגט דער קעניג אפרייסען איטליכען אפגעלייענטען בלאט און פלעגט איהם אריינווארפען אין אויוועלע, וואו זיי זענען איינס נאך'ן אנדערן פערברענט געווארען. דערנאך האט יהויקים בעפוילען צו כאפען און ברענגען פאר איהם ירמיה'ן און ברוך'ן; נאר די פריינד פון די נביאים האבען בעוויזען צו בעהאלטען זיי, און דעם קעניגס קנעכט האבען זיי ניט געקאנט געפינען.

באלד אבער האט דער קעניג, וואס האט אזוי רוהיג אויסגעהערט די נבואה, איינגאנצען פערלארען דעם מוט, אז ער האט זיך דערוואוסט, אז דער באבילאנישער חיל דערנעהנטערט זיך צו ירושלים. די קריגס-פארטיי האט זיך איבערצייגט, אז זי איז מאכטלאז; אומזיסט איז אויך געווען די האפנונג אויף הילף מצד עגיפטען. דיות ווי יהויקים האט ניט געוואלט דערלאזען דעם שונא ביז די טויערן פון ירושלים, דעריבער האט ער זיך אונטערגעגעבען נבוכדנצר'ן (600)— און יהודה האט געמוזט צאהלען צינז בבל.

אין משך פון דריי יאהר האט יהויקים געצאהלט צינז נבוכדנצר'ן; דערנאך אבער האט ער אויסגענוצט די נייע מלחמה פון בבל קעגען עגיפטען און פעניציען און האט זיך אפגעזאגט פון צו צאהלען צינז. יהויקים האט, אפנים, אויסגערעכענט, אז אלע פעלקער וועלען מורד זיין קעגען דעם באבילאנישען מושל און אז זיין מאכט וועט אפגעשוואכט ווערען. נאר ער האט געהאט א טעות אין חשבון. לא די וואס ער האט זיך ניט דערשלאגען, אז יהודה זאל ווערען אומאבהענגיג, נאר ער האט אויך געבראכט א שרעקליכען אונגליק אויפ'ן לאנד. נבוכדנצר, וואס איז געווען פערנומען אין קריג קעגען די פעניציער, האט צוערשט געשיקט אין יהודה לייכטע אפטיילונגען, בכדי צו פערוויסטען די גרענעצען; אליין אבער האט ער זיך געגרייט געהן אהין מיט א גרויסען חיל, ווי נאר דער אנגעהויבענער קריג מיט עגיפטען וועט זיך ענדיגען.

אין דער דאזיגער מהומה-צייט איז געשטארבען דער קעניג יהויקים. די ירושלמ'ער איינוואוינער האבען אויסגעקליבען פאר א קעניג זיין 18-יאהריגען זוהן יהויכין אדער יכניה (597). די פערוואלטונג האט אריינגענומען אין די הענד דעם יונגען קעניגס מוטער, נחושתא, און אליין איז געגאנגען, ווי פריהער, פאר יהויקים'ן. דער נייער קעניג אבער האט געקיניגט ניט מעהר פון דריי חדשים. נבוכדנצר, וואס האט בעוויזען שוין איינצונעהמען א סך געביטען אין פעניציען און פאלעסטינע, איז אריינגעדרונגען אין יהודה, האט פערכאפט א סך שטעדט און איז צוגעטראטען צו ירושלים, בכדי זי צו בעלעגערן.

אז די בעלעגערונג האט זיך אנגעהויבען, האבען די קעניגין און יהויכין זיך איבערצייגט, אז די הויפט-שטאדט וועט ניט קאנען בעשטעהן קעגען דער שרעקליכער מאכט פון די באבילאניער. יהויכין און זיין מוטער, מיט זייער סוויטע, זענען ארויס פון ירושלים און זענען אוועק אין באבילאנישען לאגער,

בכדי אויסצודריקען פערזענליך זייער הכנעה נבוכדנצר'ן און איינצושטילען זיין כעס. נאר דער שטאלצער זיגער האט זיך ניט געלאזט איינבעטען. ער האט געהייסען פערהאלטען דעם קעניג יהויכין און זיין מוטער, און אבשיקען זיי אין געפאנגענשאפט קיין בבל, די הויפט־שטאדט פון דער באבילאנישער מאנארכיע. אינאיינעם מיט זיי האט נבוכדנצר פערטריבען אין גלות קיין בבל א סך פאר־שטעהער פון די אידישע אריסטאקראטישע משפחות, כהנים און געווערר־מייסטערס (החרש והמסגר), וואס זענען געווען געגנער פון דער באבילאנישער אויבער־הערשאפט. לויט ווי דער תנ"ך דערצעהלט, האט די צאהל פון די פערטריבענע דערגרייכט ביז 10,000 מאן. חוץ דעם, האט נבוכדנצר פערנומען א סך גאלד און זילבער פון ירושלים'ער פאלאץ און פון בית־המקדש. אויף אזא אופן האט ירושלים מיט אמאל אנגעוואוירען אירע חשוב'סטע לייט און א בעדייטענדען טייל פון אירע רייכטימער. איבער יהודה האט נבוכדנצר בעשטימט פאר א קעניג יאשיהו'ס יונגסטען זוהן, מתניה, וואס מען האט משנה געווען זיין נאמען אויף צדקיה. דער נייער קעניג האט געגעבען א שבועה, אז ער וועט זיין געטריי נבוכדנצר'ן.

צדקיהו און ירמיה הנביא; מהומות אין יהודה.

§ 115. עלף יאהר האט צדקיה געקיניגט (597—586), און די גאנצע צייט איז דאס קעניגרייך יהודה פול געווען מיט גרויסע אינעווייניגסטע אונ־רוהען און מהומות. צדקיה איז געווען א מענש מיט א שוואכען כאראקטער און אהן ענערגיע, און איז בכלל ניט געווען פעהיג צו רעגירען אין אזא צייט פון מהומות. ער איז תמיד געווען אין ספק, וואס זאל ער טוהן: אמאל האט ער געהאלטען מיט דער קריגס־פארטיי און איז געווען דערפאר, אז מען זאל זיך אנטקעגענשטעלען די באבילאניער; און אמאל האט ער געהאלטען מיט דער פרידענס־פארטיי. ער איז געווען שטארק איינגעגליבט אין ירמיה הנביא, וואס פלעגט האלטען אין איין טענ'ען, אז מען מוז מיט געדולד אריבערטראגען די אויבערהערשאפט פון די באבילאניער, בכדי עס זאל ניט קומען צו נאך אנ'ערגערער צרה; נאר, אין דערזועלביגער צייט, איז ער געווען נוטה אויפ'ן צד פון די שרים, וואס האבען געוואלט מורד זיין קעגען נבוכדנצר'ן און בעפרייען דאס לאנד פון זיין שווערען יאך. צדקיה האט קיין אייגענעם ווילען ניט געהאט, ער איז געווען נאר א געצייג אמאל ביי איין פארטיי און אמאל ביי דער אנדערער.

אין די ערשטע יאהרען פון צדקיה'ס קיניגען, האט זיך אנגעהויבען צווישען די פאלעסטינישע פעלקער א בעוועגונג קעגען בבל. איין מאל זענען געקומען קיין ירושלים שלוחים פון די מואבים, עמונים און צורים און האבען פארגעלעגט דעם קעניג צדקיהו, ער זאל מיט זיי שליסען א בונד, בכדי אינאיינעם צו קעמפפען קעגען דעם באבילאנישען מושל (בערך אין יאהר 593). ירמיה הנביא,

וואָס האָט געוואָלט מחרה זיין דעם פֿאָלק פֿאַר דעם דאָזיגן געפֿערליכן בונד, איז איינמאָל אַרויס אויפֿן גאַס אין אַ מאָדנעם פּוץ: אויפֿן האַלז ביי איהם זענען געהאַנגען קייטן און אַ הילצערנער יאָך. ירמיה האָט באַוויזן דעם דאָזיגן סימבאָל פֿון קנעכטשאַפֿט די פֿרעמדלענדישע שלוחים, וואָס זענען געקומען קיין ירושלים, און האָט אָנגעזאָגט, אַז פּונקט אַזאַ יאָך און אַזוינע קייטן וועט נבוכדנצר אַרויפֿלעגן אויף אַלע פֿעלקער, וואָס וועלן קעגן איהם מורד זיין. דערנאָך האָט זיך דער נביא געווענדט צו צדקיה און צו די ירושלמ'ער שׂרים און האָט געזאָגט, אַז פֿאַר די אידען איז בעסער אַריבערצוטראָגן די איבערהערשאַפֿט פֿון באַבילאָנישן קעניג, איידער מורד צו זיין קעגן איהם און פֿערטיליגט ווערן אינגאַנצען. נאָר די אָנהענגער פֿון אויפֿשטאַנד האָבען געהאַט זייערע אייגענע נביאים. איינער פֿון די דאָזיגע קריגערישע נביאים, חנניה, האָט באַהויפּטעט אין גאָטס נאָמען, אַז אין צוויי יאָהר אַרום וועט די ממשלה פֿון בבל בטל ווערן, דער פֿערטריבענער קעניג יהויכין און די איבעריגע פֿערטריבענע וועלען זיך אומקעהרען פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט — און יהודה וועט באַפֿרייט ווערן. כּדי צו פֿערשטאַרקען זיין נבואה דורך אַ סימבאָל, האָט חנניה פֿאַר די אויגען פֿון גאַנצען המון, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבען אין בית-המקדש, אַראָפּגענומען דעם יאָך פֿון ירמיה'ס האַלז און האָט איהם צעבראָכען, מיט די ווערטער: „אַזוי וועט ווערען אַראָפּגענומען נבוכדנצר'ס יאָך פֿון האַלז פֿון אַלע פֿעלקער". דערויף האָט ירמיה געענטפֿערט: „דו האָסט צעבראָכען אַ הילצערנעם יאָך, נאָר דורך דעם גרייטסטו זיך צו אַן אייזערנעם. גאָט וועט אַרויפֿלעגן אַן אייזערנעם יאָך אויפֿן האַלז פֿון אַלע פֿעלקער, כּדי זיי זאָלען דינען נבוכדנצר'ן". דערמיט האָט דער נביא געוואָלט זאָגען, אַז אויב יהודה וועט מורד זיין קעגן נבוכדנצר'ן, קאָן זי ווערען אינגאַנצען אויס מלוכה און פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ פֿערקנעכטעטע פּראָווינץ פֿון בבל.

ירמיה'ס התראות האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געווירקט. דאָס מאָל האָבען די פֿאָרזיכטיגע און איינגעהאַלטענע געהאַט איבערהאַנד איבער דער קריגס-פּאַרטיי; און פֿונ'ם בונד קעגן בבל האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזען. צדקיה איז דערנאָך אַפֿילו אַליין געפֿאָהרען קיין בבל, כּדי אַרויסצוזאָגען נבוכדנצר'ן זיינע הכנעה-געפֿיהלען.

פֿונדעסטוועגען איז אין ירושלים די אויפֿרעגונג פֿון די געמיטער ניט איינגעשטילט געוואָרען. ס'איז געווען צו שטאַרק די שׂנאה צום באַבילאָנישען קעניג, וואָס האָט פֿערטריבען אין גלות דעם בעסטען טייל פֿון דער אידישער אַריסטאָקראַטיע, און דער פֿערלאַנג צו קעמפֿען פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון פֿאָטערלאַנד איז געווען צו פֿייערדיג, — אַז די פּאָליטיק פֿון דער פֿרידענס-פּאַרטיי זאָל זיך קאָנען האַלטען אַ לאַנגע צייט.

בעזונדערס האָבען אונטערגעהאַלטען די דאָזיגע פּאַטריאָטישע שטימונג ביי די ירושלמים זייערע קרובים און גוטע פֿריינד, וואָס האָבען זיך געפֿינען אין

געפאנגענשאפט אין בבל. די באבילאנישע פערטריבענע, וואס האבן געגארט זיך אומצוקערן אהיים, האבן געחלומ'ט וועגן באלדיגער באפרייאונג פון פאטערלאנד, כדי זיי זאלן קאנען זיך אומקערן פון גלות. די אנדערע פון די פערטריבענע האבן געפירט שטילערהייד פערהאנדלונגען מיט זייערע פריינד אין ירושלים וועגן ארגאניזירען א מרידה קעגען נבוכדנצר'ן. אומזיסט האט מזהיר געווען די געפאנגענע דער יונגער יחזקאל הנביא, וואס האט געלעבט צווישען זיי. יחזקאל האט צוגערעדט די פערטריבענע, אז זיי זאלען אריבערטראגען דעם גלות בהכנעה, ווארום עס איז א פערדיענטע שטראף פון גאט פאר זייערע פריהערדיגע זינד. ער האט פאראויסגעזאגט, אז א סך פון די איינוואוינער, וואס זענען געבליבען אין יהודה, וועלען אויך אין גיכען פערטריבען ווערען אין גלות, און אז גאט וועט בעקומען רחמנות אויף זיין פאלק ערשט דאן, ווען די נשמה פון פאלק וועט ווערען אויסגעלייטערט דורך יסורים און ליידען. נאר די אידען פון בבל האבן פונקט אזוי וועניג אכט געגעבען אויף יחזקאל'ס ווערטער, ווי די ירושלמים אויף ירמיה'ס ווערטער.

אז ירמיה האט זיך דערוואוסט וועגען די פלענער פון די גולי-בבל, האט ער זיי צוגעשיקט א בריעף, אין וועלכען ער האט זיך געמיהט זיי צו איבער-צייגען, אז זיי זאלען בלייבען רוהיג אויפ'ן ארט, וואו דער מזל האט זיי פער-טריבען. „בויט אייך הייזער און וואוינט אין זיי, פלאנצט גערטנער, און עסט זייערע פירות. זארגט פאר'ן וואוילשטאנד פון דער שטאדט, וואוהין גאט האט אייך פערטריבען, און זייט מתפלל פאר איהר צו גאט, ווארום אז דער שטאדט וועט גוט געהן, וועט אייך אויך זיין גוט. אז עס וועט אריבער אין בבל זיבעציג יאהר, וועט גאט אייך אומקערען פון געפאנגענשאפט... וועגען קעניג, וואס זיצט אויף דוד'ס שטוהל, און וועגען אלע איינוואוינער פון ירושלים האט גאט אזוי געזאגט: „איך וועל שיקען אויף זיי שווערד, הונגער און פעסט און וועל זיי מאכען צו שאנד און צו שפאט ביי די פעלקער, צווישען וועלכע איך וועל זיי צעשטרייען". (ירמיה, קאפ. כ"ט, 5, 7, 10, 16, 17).

דער דאזיגער בריעף האט ארויסגערופען אנ'אויפרעגונג אין א כעם צווישען די אידען אין בבל, מחמת ער האט צעשטערט זייער הייליגסטען פערלאנג. איינער פון זייערע עלטסטע, שמעיה, האט געשיקט א בריעף קיין ירושלים צו צפניה הכהן מיט דער פאדערונג, צו בעשטראפען שטרענג ירמיה'ן פאר זיינע „אונזיניגע רייד". אין ירושלים איז מען אויך געווען שטארק אויפגעבראכט קעגען ירמיה'ן, מ'האט איהם גערופען בוגד און פריינד פון נבוכדנצר. ירמיה האט שרעקליך געליטען דערפון, זעהענדיג, אז דאס פאלק פערשטעהט איהם ניט. ער האט היים געליעבט דאס פאטערלאנד און האט געוואוסט, אז די מרידה קעגען נבוכדנצר'ן וועט פיהרען דאס לאנד צום אונטערגאנג. נאר די היציגע אנהענגער פון דער מרידה האבען, פון זייער זייט, ניט געקאנט איינשטימען אויף א פאליטיק פון הכנעה און נארנישט טון. און אזעלכע טראגישע מאמענטען בעקומט דער

געפיהל די איבערדאנד איבער'ן שכל, און דאס פאלק, לעכצענדיג נאך פרייהייט, ווארפט זיך אין קאמפף מיט דער דעה — אדער זיגען אדער שטארבען.

די מרידה און חורבן ירושלים.

§ 116. אין יאהר 588 איז צולעצט אנגעקומען דער מאמענט, ווען די אנגעשטרענגטע שטרעבונגען פון די אידישע פאטריאטען, וואס האבען געהערט צו דער קריגס־פארטיי, האבען זיך געקאנט פאקטיש ארויסווייזען. דער נייער עגיפטישער פרעה חפרע (אפריס) האט אונטערגענומען א קריג קעגען נבוכדנצר'ן מיט דעם מיין אפצוגעהמען ביי איהם סיריען. אין יענער צייט האט דער באבילאנישער קעניג געפיהרט קריג קעגען צור און צידון, וואו די פעניציער האבען זיך פערטיידיגט, ווי די העלדען. די פאלעסטינישע פעלקער האבען ווידער אמאל אנגעהויבען זיך גרייטען צו א מלחמה קעגען דער אונערזעטליכער בבל, דער שטאלצער הערשערין איבער אזיען. דער גייסט פון דער מרידה איז געווארען שטארקער אויך אין יהודה. צווישען יהודה און מצרים האבען זיך געפיהרט לעבהאפטע אונטערהאנדלונגען מכח א בונד קעגען נבוכדנצר'ן. אין יהודה האט מען אנגעהויבען ענערגיש זיך גרייטען צו א'נ'אויפשטאנד.

נאכדעם, ווי צדקיה איז אלט יאהר כסדר געווען געטריי נבוכדנצר'ן, האט ער איצט אויפגעהערט צו שיקען איהם צינז און האט ערקלערט זיין לאנד פאר אונאבהענגיג. אז דער באבילאנישער קעניג האט זיך דערוואוסט וועגען דער מרידה פון די אידען, איז ער געווארען מורא'דיג אין כעס. ער איז יעמאלט געשטאנען מיט זיין גרויסען חיל אמאל אין סיריען און אמאל נעבען די ברעגען פון פעניציען און האט זיך געגרייט ארויסצוטרעטען קעגען די עגיפטער און איינצושטילען דעם אויפשטאנד אין פאלעסטינע. נבוכדנצר'ס הויפט־קווארטיר האט זיך געפונען אין רבלה, אויפ'ן ברעג פון אראנט. פון דארט האט ער געשיקט א גרויסען חיל אין דאס אויפגעשטאנענע לאנד מיט א בעפעהל עס מחריב צו זיין. דער באבילאנישער חיל איז אריינגעדרונגען אין יהודה, האט גענומען אין שטורם א סך בעפעסטיגטע שטעדט, צעראבירט און גענימען געפאנגען די איינוואוינער. בשעת דער שונא פלעגט זיך דערנעהנטערן, זענען א סך איינוואוינער פון דער פראווינץ אנטלאפען געווארען קיין ירושלים און האבען פערגרעסערט נאך אויף אזא אופן די בעפעלקערונג פון דער הויפט־שטאדט, וואס איז סיי ווי געווען געדיכט. ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז ירושלים איז אונמעגליך איינצונעהמען, מחמת זי ליגט אויף בערג און זי איז געווען שטארק בעפעסטיגט, — און די איינוואוינער האבען דעריבער בעשלאסען זיך פערטיידיגען ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

ווינטער־צייט, בערך אין יאנואר מאנאט 587 (עשרה בטבת — צעהן טעג אין טבת), האט דער חיל פון נבוכדנצר בעלעגערט ירושלים און האט אויסגעבויט ארום איהם א בעלעגערונגס־וואל. די ירושלמים האבען זיך גענומען פאר

די געוועזענע. די רײַכע האָבן באַפֿרײַט אַלע זייערע אידישע קנעכט. דאָס איז געוואָרן געטאָן לויט ירמיהוס פֿאָדערונג און אויף דעם קעניגס באַפֿעל, כּדי מקיים צו זײַן דעם אַלטן געזעץ, וואָס באַפֿעלט אַרויסצולאָזן פֿרײַ די אידישע קנעכט נאָך זעקס יאָר דינען. דערבײַ האָט מען מסתּמא אויסגערעכנט צוציִען די פֿרײַגעלאָזטע קנעכט צום מיליטער־דינסט.

די אידן האָבן זיך מוטיק פֿאַרטיידיקט. אַ גאַנץ יאָר האָט דער שונא באַלאַגערט די הויפּט־שטאָט, נאָר ס'האָט קיין פּעולה ניט געהאַט. פּלוצלינג האָט נבוכדנצר באַקומען אַ ידיעה, אַז חפֿרע, דער קעניג פֿון מצרים, גייט קעגן אים מיט אַ גרויסן חיל. די באַבילאָניער זענען אײַליק אָפּגעטראָטן פֿון ירושלים און האָבן זיך געלאָזט גיין קעגן די עגיפּטער.

די באַפֿעלקערונג פֿון ירושלים האָט געיובלט, מחמת זי האָט דערין אײַנגעזען דעם אָנהויב פֿון דעם שונאס מפּלה. די ירושלמער רײַכע לײַט האָבן געמיינט, אַז די סכּנה איז שוין פֿאַרבײַ, און האָבן צוריק צוגענומען די קנעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט באַפֿרײַט. ירמיה האָט זיי שאַרף געטאַדלט פֿאַר דער דאָזיקער מעשׂה, וואָס גייט כּנגד דער רעליגיע און מענשלעכקייט. ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט, אַז די באַבילאָניער וועלן באַלד צוריק־קומען. די ירושלמים האָבן פֿײַנט געהאַט דעם נביא פֿאַר די שלעכטע נבֿיאות. איינמאָל האָט דער נביא געוואָלט אַרויסגיין פֿון ירושלים, כּדי צו באַזוכן זײַן געבוירן־שטאָט ענתות. בײַם טויער פֿון שטאָט האָט אים פֿאַרהאַלטן אַ הויפּט־מאַן פֿון דער שטאָטישער וואַך, ווײַל ער האָט אים חושד געווען, אַז ער וויל אַריבער צו די פֿײַנד. אויפֿן באַפֿעל פֿון די שׂרים, האָט מען ירמיהון אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה, וואָס איז צײַטווײַליק געווען אין אַ קעלער בײַם שרײַבער יונתן.

דערווײַל האָט דער באַבילאָנישער חיל נובֿר געווען עגיפּטן און האָט זיך אומגעקערט צו דער באַלעגערונג פֿון ירושלים. די שטורמען פֿון שונא זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און אַלץ שווערער איז געוואָרן צו פֿאַרטיידיקן די שטאָט. יעמאָלט האָט די באַפֿעלקערונג פֿאַרלאָרן דעם מוט.

דער קעניג צדקיה איז אויך געוואָרן אומרויִק און ער האָט געהייסן ברענגען שטילערהייד ירמיהון פֿון דער תּפֿיסה אין פּאַלאַץ און האָט געבעטן בײַ אים, ער זאָל פֿאָרויסזאָגן דעם סוף פֿון דער מלחמה. דער נביא האָט געענטפֿערט, אַז די שטאָט וועט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון פֿײַנד. אויף ירמיהוס בקשה, האָט דער קעניג באַפֿוילן אים אַריבערצושיקן פֿונעם קעלער, וואו ער איז פֿריִער געזעסן, אין אַ חדר פֿון דער הויפֿישער וואַך (חצר המטרה), וואו עס איז אים, פֿאַרשטייט זיך, גרינגער געווען. נאָר אויך דאָ האָט דער נביא ניט אויפֿגעהערט צו טענהן, אַז די שטאָט וועט חרובֿ ווערן, אויב זי וועט זיך ניט אונטערגעבן נבוכדנצרן. דעמאָלט האָבן די שׂרים געזאָגט צום קעניג: „ירמיה איז חייבֿ מיתה, וואָרום מיט זײַנע נבֿואות שוואַכט ער אָפּ דעם

גייסט פֿון די קריגס־לייט". דער קעניג האָט דערויף געענטפֿערט: „ער איז אין אייערע הענט; קעגען אייך קאָן איך גאָרנישט ניט טון". אויפֿ'ן בעפֿעהל פֿון די שׂרים, האָט מען ירמיה'ן אַריינגעוואָרפֿען אין אַ גרוב, וואָס איז געווען פֿול מיט ליים. דער נביא וואָלט דאָרט געשטאָרבען, אויב ס'וואָלט איבער איהם ניט רחמנות געקראָגען אַ הויפֿישער קנעכט, עבד מלך הכושי. דער דאָזיגער קנעכט האָט איבערגעגעבען דעם קעניג וועגען דער סכנה, אין וועלכער ירמיה געפֿינט זיך; מיט דעם קעניגס ערלויבניש האָט מען דעם נביא אַרויסגעצויגען פֿון גרוב מיט שטריק און מ'האָט איהם ווידער אַריינגעזעצט אין חדר פֿון דער הויפֿישער וואַך.

אין ירושלים איז די מהומה שטאַרקער געוואָרען פֿון טאָג צו טאָג. ס'האָט זיך צו ביסלעכווייז אָנגעהויבען אויסלאָזען די תּבואה, וואָס מ'האָט צונויפֿגעקליבען; אין שטאָדט, וואָס איז געווען איבערפֿילט מיט מענשען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ הונגער. די קריגס־לייט אויף די מויערן זענען אומגעקומען פֿון די פֿיינד'ס פֿיילען, און אין די הייזער און אויף די גאַסען פֿון ירושלים פֿלעגען מענשען שטאַרבען פֿון הונגער און פֿון פּעסט. מאַנסלייט און ווייבער פֿלעגען אַרומבלאָנדזשען, ווי די שאָטענס, איבער די גאַסען און פֿאַלען אָפּטמאָלס פֿאַר אָבצעהרונג; קינדער פֿלעגען מיט געוויין שרייען: גיט ברויט! ס'פֿלעגט טרעפֿען, אַז צאַרטע מאַמעס פֿלעגען קאָכען דאָס פֿלייש פֿון זייערע געשטאָרבענע קינדער, כּדי צו שטילען דערמיט דעם הונגער. די אויסגעמאַטערטע אידישע קריגס־לייט האָבען ניט געקאָנט מיט'ן פֿריהערדיגען מוט פֿערטיידיגען די בעפֿעסטיגונגען.

צולעצט, אין חודש תּמוז (שבֿעה־עשׂר בתּמוז) האָבען די באַבילאָנישע קריגס־לייט אין איין אָרט איינגעבראָכען די מויערן פֿון ירושלים און האָבען זיך אַריינגעריסען אין שטאָדט. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שחיטה. די אַכזריות'דיגע באַבילאָניער האָבען אויסגעהרג'עט אַלע אידען, וואָס זענען געקומען זיי אין וועג, ניט געשוינט ניט קיין ווייבער, ניט קיין קינדער. אינאַיינעם מיט די באַבילאָניער זענען אויך אַריינגעדרונגען די רויבערישע אדומים, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו זיי, און האָבען צעראַבירט דאָס אייגענס פֿון די אידען. דער קעניג צדקיה מיט איניגע שׂרים און קריגס־לייט זענען בייַ־נאַכט אַנטלאָפֿען געוואָרען פֿון הויפּט־שטאָדט, צום ירדן צו. נאָר ניט ווייט פֿון יריחו האָבען זיי דעריאָגט באַבילאָנישע רייטער. צדקיה'ן און זיינע זיהן האָט מען אָבגעפֿיהרט קיין רבֿלה, וואו ס'האָט זיך געפֿונען נבֿוכדנצר'ס הויפּט־קוואַרטיר. דער באַבילאָנישער קעניג איז זיך בעגאַנגען זעהר אַכזריות'דיג מיט'ן קעניג פֿון יהודה. ער האָט בעפֿוילען צו טויטען צדקיה'ס זיהן פֿאַר'ן פֿאָטערס אויגען. און דערנאָך האָט ער געהייסען אויסשטעכען די אויגען צדקיה'ן, שמידען איהם אין קייטען און אָבפֿיהרען קיין בבל.

* נאָר דער צאָרן פֿונ'ם זיגער איז נאָך דערמיט ניט איינגעשטילט געוואָרען. נבֿוכדנצר האָט געשיקט דעם הויפּט־מאַן פֿון זיין לייב־וואַך, נבֿוזראדן, און

האָט איהם בעפאָהלען אינגאַנצען חרוב צו מאַכען ירושלים. דער גרויזאַמער הויפּט־מאַן איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָט צוגענומען אַלע אוצרות פון בית־המקדש, אַלע טייערע כלים און צירונגען פונ'ם היילגטום און האָט זיי אָבגע־שיקט קיין בבל. צווישען זיבטען און צעהנטען טאָג אין חודש אָב (תשעה באב) האָט ער פערברענט דעם בית־המקדש, וואָס איז געשטאַנען פון שלמה המלכ'ס צייטען אָן, דעם קעניגליכען פּאַלאַץ און אַנדערע גרויסע געביידעס. און אַ סך איינוואוינער האָט ער אויסגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט. דעם כהן־גדול שריה, זיין געהילפען צפניה און די העכסטע שרים, אינגאַנצען 60 מאַן, האָט נבוזראדן אָבגעשיקט קיין רבלה, וואו מ'האָט זיי געטויט פאַר די אויגען פון נבוכדנצר. די איבעריגע אידישע געפאַנגענע, וואָס האָבען געהערט ס'רוב צו די העכערע קלאַסען, האָט מען אָבגעשיקט קיין בבל. ירושלים איז געבליבען וויסט און אָהן איינוואוינער, און נאָר אין דער פּראָווינץ זענען געבליבען די אָרימע שטאָדטישע און דאָרפישע איינוואוינער.

ירמיה הנביא האָבען די פיינד געפונען אינ'ם חדר פון דער הויפישער וואַך אין האָבען איהם אויך גענומען געפאַנגען. נאָר אויף נבוכדנצר'ס בעפעהל, האָט מען איהם בעפרייט, וואָרום עס איז געווען בעוואוסט, אַז ער איז שטענדיג געשטאַנען דערפאַר, מ'זאָל זיך אונטערגעבען דעם באַבילאָנישען קעניג. דער נביא איז געווען שטאַרק דערשלאָגען איבער דעם אונגליק, וואָס עס האָט געטראָפען זיין פאַטערלאַנד, הגם ער האָט זיך דערויף שוין לאַנג גערכנט.

לויט דער טראַדיציע, האָט ירמיה אָנגעשריבען די טרויער־ליעד „איכה", אין וועלכער אַן אויסגעצייכענטער פּאָעט אָדער נביא פון יענער צייט בעוויינט דעם חורבן ירושלים. אין דער דאָזיגער מגלה, וואָס ווערט נאָך איצט געלייענט אין אַלע שולען אין טאָג פון חורבן בית־המקדש (תשעה באב), הערט זיך דער טיעפער קרעכץ פון דער געפאַלענער אומה, וואָס שטעהט אויף פון קבר, פון אַלץ, וואָס איז איהר געווען טייער. פאָלגענדע פסוקים פון „איכה" קאָנען געבען אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגען דעם כאַראַקטער פון דער גאַנצער מגלה:

„ווי איז געבליבען זיצען איינזאַם די שטאָדט מיט די פיעל איינ־וואוינער! זי איז געוואָרען, ווי אַן אַלמנה. די גרויסע צווישען פעלקער, די הערשערין איבער מדינות — מוז צאָהלען צינז. וויינען טוט זי ביי־נאַכט, און די טרערען רינען איבער איהרע באַקען; זי האָט קיין טרייסטער ניט צווישען איהרע פריינד; אַלע איהרע נאָהענטע האָבען קעגען איהר בוגד געווען, זענען געוואָרען איהרע פיינד. ציונ'ס וועגען טרויערן, ווייל קיינער געהט אויף זיי ניט צו די ימים־טובים; אַלע איהרע טויערן זענען וויסט, איהרע כהנים זיפצען, איהרע בתולות זענען טרויע־ריג, — און איהר איז ביטער" (איכה, קאַפּ. א', 1, 2, 4). — „אָ, ווי האָט גאָט אין זיין צאָרן פערפינסטערט דעם גלאַנץ פון דער טאָכטער ציונ'ס (פון דער אידישער נאַציע)!... איהר קעניג און איהרע שרים זענען ביי פרעמדע

פעלקער, ס'איז קיין תורה ניטא, אויך אידרע נביאים האבען ניט בעקומען קיין נבואה פון גאט. ס'זיצען אויף דער ערד און שווייגען די זקנים פון ציון, האבען בעשאטען די קעפ מיט שטויב, האבען זיך אנגעגורט מיט זעק; ס'האבען אראבגעלאזט צו דער ערד זייערע קעפ די בתולות פון ירושלים. ס'זענען אויסגעגאנגען פון טרערען מיינע אויגען, מיינע געדערים זענען איינגעשרומפט איבער דעם בראך פון מיין פאלק. מיט וואס זאל איך דיך פערגלייכען, דו טאכטער פון ירושלים? צו וואס זאל איך דיך צוגלייכען, אום דיך צו טרייסטען; ווארום גרויס, ווי דער ים, איז דיין בראך: ווער קאן דיך היילען? אלע, וואס געהען פארביי, פאטשען מיט די הענד און שאקלען מיט'ן קאפ: „צי דאס איז די שטאדט, וואס אויף איהר האט מען געזאגט, אז זי איז א פולקומענע שענקייט, א פרייד פון דער גאנצער וועלט?" (איכה, קאפ. ב', 1, 9—11, 13, 15). — „עס האבען ניט געגלויבט די מלכים פון דער ערד און אלע איינוואוינער פון דער וועלט, אז ס'וועט אריינקומען א בעדריקער און פיינד אין די טויערן פון ירושלים... (קאפ. ד', 12). געדענק, א גאט, וואס מיט אונז איז געווארען, לוג און זעה אונזער שאנד! אונזער נחלה איז איבער צו פרעמדע, אונזערע וואוינונגען — צו נכרים... (קאפ. ה', 1). דו מויער פון ציון, פערגיס טייכען טרערען טאג און נאכט, זאלסט זיך קיין רוה ניט געבען. שטעה אויף און זינג ביי-נאכט (קלאג-לידער), גיס אויס דיין הארץ, ווי וואסער, פאר גאט. זעה, גאט און לוג, וועמען דו האסט אזוי אנגעטאן! דו האסט צונויפגערופען, ווי אויף א יום-טוב, מיינע שרעקליכע פיינד פון ארום, און עס איז קיין פליט ושריד ניט געבליבען אין טאג פון גאטס צארן. אלע, וואס איך האב אויסגעהאדעוועט און אויפגעצויגען, האט דער פיינד פערטיליגט". (קאפ. ב', 18—20, 22).

דער פערוואלטער גדליה; די עמיגראציע קיין עגיפטען.

§ 117. נאכ'ן חורבן ירושלים און דעם גלות פון די חשוב'ע אידען קיין בבל, איז אין יהודה געבליבען דער עיקר דער המון עם — ערדארבייטער און וויינגערטנער. נבוכדנצר האט ניט געוואלט איינגאנצען חרוב מאכען דאס ערא-בערטע לאנד, און דעריבער האט ער ערלויבט די איבערגעבליבענע איינוואוינער בעהאלטען זייערע נחלאות, בכדי זיי זאלען בעארבייטען די ערד און זאלען ניט דערלאזען, אז דאס לאנד זאל פערווילדעט ווערען. פאר א פערוואלטער איבער דער דאזיגער פרידליכער ארבייטער-בעפעלקערונג איז בעשטימט געווארען גדליה, א זוהן פון יענעם אחיקם, וואס האט ניט איין מאל געראטעוועט ירמיה'ן פון טויט. גדליה איז געוועזען א פריינד און אנהענגער פון ירמיה און האט געהערט צו יענער פארטיי, וואס האט זיך אונטערגעגעבען דער ממשלה

פֿון בבל, אַלס אַ נויטווענדיגער, אונפֿערמיידליכער זאַך, — אין דעריבער האָט נבוכדנצר אויסגעקליבען איהם פֿאַר אַ פֿערוואַלטער איבער יהודה.

ירמיה הנביא גופא האָט נבוכדנצר פֿאָרגעשלאָגען: אָדער צו געהן קיין בבל און וואוינען דאָרט אונטער'ן קעניגס שוץ, אָדער בלייבען אין יהודה און זיין גדליה'ס אַ יועץ אין דער פֿערוואַלטונג. ירמיה האָט זיך אָבגעזאָגט פֿונ'ם כבוד, וואָס דער פֿיינד פֿון זיין פֿאָלק האָט געוואָלט איהם בעווייזען; ער האָט בעסער געוואָלט בלייבען אין יהודה, און איז געוואָרען גדליה'ס אַ יועץ.

הזות ווי ירושלים איז געווען חרוב, דעריבער האָט גדליה אויסגעקליבען פֿאַר זיין רעזידענץ די שטאָדט מ צ פ ה, ניט ווייט פֿון ירושלים. אין דער דאָזיגער שטאָדט האָט אַמאָל, לויט ווי דער תנ"ך דערצעהלט, געווירקט און געמאַכט פֿאָלקס-פֿערזאַמלונגען שמואל הנביא, און דאָ האָט דער פֿערוואַלטער געהאָפֿט צו בעפֿעסטיגען אַ נייעם רעליגיעזען און אַדמיניסטראַטיווען צענטר פֿאַר'ן רעשט פֿון דער נאַציע. דאָ, וואו עס איז אויסגעקליבען געוואָרען דער ע ר ש ט ע ר אידישער קעניג (1055), האָט געפֿונען אויף אַ ווײַלע אַ מקום-מנוחה די שוואַכע אידישע רעגירונג נאָכ'ן פֿאַלען פֿונ'ם ל ע צ ט ע ן אידישען קעניג, צדקיה.

אונטער גדליה'ס פֿערוואַלטונג האָט יהודה אָנגעהויבען ביסלעכווייז קומען צו זיך נאָך די קלעפּ, וואָס זי האָט בעקומען. די דאָרפֿישע איינוואוינער, וואָס זענען אַנטלאָפֿען געוואָרען פֿאַר די פֿיינד, האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין זייערע דערפֿער, און האָבען ווידער אָנגעהויבען צו בעאַרבייטען די ערד. די אידישע מיליטערישע אָבטיילונגען, וואָס האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען אין די בערג, זענען געקומען צו גדליה'ן, האָבען צוגעזאָגט צו פֿיהרען אַ פֿרידליכען לעבען און האָבען בעקומען די נחלאות, וואָס די גולי-בבל האָבען פֿערלאָזט. צווישען זיי איז געווען אַ גרויסע אָבטיילונג אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿונ'ם הויפּט-מאַן י ו ח נ ן ב ן ק ר ח. ס'האָבען זיך אומגעקעהרט אין זייער פֿאָטערלאַנד אַפֿילו די אידען, וואָס זענען אין דער צייט פֿון דער מלחמה אַנטלאָפֿען געוואָרען קיין מואב, עמון, אדום און אַנדערע אַרומיגע לענדער.

נאָר ניט אַלע אידישע קריגס-לייט, וואָס זענען געקומען קיין מצפה, האָבען זיך באמת אונטערגעגעבען די באַבילאָניער. צווישען די אָנגעקומענע הויפּט-לייט האָט זיך געפֿונען אַ געוועזענער ירושלמ'ער שר, פֿון דער קעניגליכער פֿאַמיליע, מיט'ן נאָמען י ש מ ע א ל ב ן נ ת נ י ה. אָט דער שטאָלצער פּרינץ — צי איבער פֿערזענליכער קנאה צום פֿערוואַלטער, וואָס האָט ניט געהערט צום קעניגליכען הויז, צי ווייל ער האָט געוואָלט אויסרופֿען פֿון דאָס-ניי אַ מרידה קעגען דער ממשלה פֿון בבל — האָט זיך פֿאָרגענומען צו טויטען גדליה'ן. אונטערגעהעצט האָט ישמעאל'ן צו דעם דאָזיגען פֿערברעכען בעלים, דער קעניג פֿון עמון, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען נאָכ'ן חורבן ירושלים. אין דער פֿערשווערונג האָבען זיך אויך בעטייליגט איניגע פֿריינד ישמעאל'ס, געוועזענע ירושלמ'ער שרים און הויפּט-לייט. יוחנן בן קרח האָט געמסר'ט גדליה'ן וועגען

ישמעאל'ס געפערליכע פלענער; נאר דער פערוואלטער האט געגלויבט אין דער ערליכקייט פונ'ם פרינץ, וואס האט ניט לאנג צוגעזאגט זיך אינטערצוגעבען דער נייער ארדנונג, און דעריבער האט ער זיך ניט געהיט.

איין מאל האט גדליה געמאכט אין מצפה א גרויסען מאלצייט לכבוד א פאלקס־יום־טוב. צווישען די איינגעלאדענע זענען געווען אויך ישמעאל און זיינע חברים. בשעת דער מאלצייט, האבען ישמעאל און די אנדערע פערשווערער פלוצלינג ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און האבען דערהרג'עט דער פערוואלטער גדליה, אלע אידען, וואס זענען דארט געווען, און אלע באבילאניער פונ'ם ארטיגען גארניזאן. דערנאך האט ישמעאל'ס באנדע אנגעהויבען ראבירען אין מצפה און איהר סביבה. זיי האבען גענומען געפאנגען א סך אידען, צווישען דעם אויך צדקיהו'ס טעכטער, וואס זענען געבליבען נאכ'ן חורבן ירושלים אונטער גדליהו'ס השגחה, און זיי האבען זיך געלאזט געהן צום ירדן, בכדי אריבערצוגעהן צו די בני־עמון. איינער פונ'ם דערהרג'עטען גדליהו'ס פריינד, יוחנן בן קרח, האט זיך נאכגעיאגט מיט אנ'אבטיילונג קריגס־לייט נאך ישמעאל'ס באנדע און האט זי אנגעיאגט ביי גבעון. יוחנן האט איבערגעוואלד אבגענומען ביי ישמעאל'ן די מענשען, וואס יענער האט פערנומען אין געפאנגענשאפט, נאר ישמעאל גופא האט בעוויזען צו אנטלויפען, אינאיינעם מיט אכט חברים, אין לאנד פון די בני־עמון.

די לאגע פון יוחנן און די מענשען, וואס זענען מיט איהם געבליבען, איז געווען א פערצווייפעלטע. זיי האבען מורא געהאט, אז טאמער דערוויסט זיך נבוכדנצר וועגען דער ערמארדונג פונ'ם פערוואלטער, וועט ער זיך נוקם זיין אין אלע אידען, וואס זענען געבליבען אין מצפה, און וועט אנמאכען א נייעם חורבן אין לאנד. דעריבער האבען זיי פערטראכט אריבערצוקלייבען זיך קיין עגיפטען און האבען געבעטען ירמיה הנביא, ער זאל זיי אנווייזען, וואס זאלען זיי טון. ירמיה האט מורא געהאט, אז טאמער געהט יוחננ'ס גרופע ארויס פון לאנד, יעמאלט וועט אין יהודה ניט בלייבען קיין איין געבילדעטער בירגער, וואס זאל זיין פעהיג פערוואלטען איבער'ן המון, און דאן וועט דאס פאלק אינגאנצען פערווילדערט ווערען. דעריבער האט ער מיט אלע כחות געמיהט זיך איינצוהאלטען יוחנן מיט זיינע מענשען אין פאטערלאנד. ער האט ערקלערט, אז גאט האט פערבאטען צו געהן קיין מצרים. „אויב איהר וועט אבער געהן אהין, — האט ער געזאגט צו זיי, — דאן וועט דער שווערד, וואס פאר איהם האט איהר מורא, אייך טרעפען אפילו דארט. און דער הונגער, וואס בעאונרוהיגט אייך דא, וועט אייך נאכיאגען אהין, — און איהר וועט אומקומען".

נאר יוחנן און זיינע אנהענגער האבען ניט געפאלגט דעם נביא'ס רייד. זיי האבען בעסער געוואלט זיך אריבערקלייבען אין דער פרעמד, איידער לעבען אין סכנה ביי זיך אין פאטערלאנד. זיי האבען גענומען מיט זיך א סך אידישע משפחות פון מצפה און אנדערע ערטער און זענען אוועק קיין מצרים. ירמיה

און זיין תלמיד ברוך זענען געצוואונגען געווען צו געהן מיט זיי אינאיינעם. אויף אזא אופן האט זיך א הייפעל אידען אומגעקעהרט אין יענעם לאנד, פון וואנען זייערע בעפרייטע עלטערען זענען מיט 7 אַהער אַלט יאָהרהונדערט צוריק ארויסגעגאַנגען. דער עגיפּטישער פּרעה חפרע האט אָבגעגעבען די אידען אויף וואוינען די שטאָדט טאַפנים (תחפנחס), ניט ווייט פון דעם קאַראַוואַנען־וועג, וואָס פיהרט פון עגיפּטען קיין פּאַלעסטינע און סיריען. חוץ דעם האָבען אין מעמפיס און אַנדערע עגיפּטישע שטעדט געוואוינט אידען, וואָס האָבען זיך אהין אַריבערגעקליבען בשעת דער מלחמה קעגען בבל.

אַט די אַלע אידען האָבען געהאָפט, אז די עגיפּטער וועלען פערניכטען די ממשלה פון נבוכדנצר אין פּאַלעסטינע און וועלען זיי אומקעהרען צוריק אין פאָטערלאַנד. צווישען די אָרטיגע איינוואוינער און די אידען האָבען זיך, ווי עס ווייזט אויס, איינגעשטעלט פריינדשאַפטליכע בעציהונגען. א טייל פון די עמיגראַנטען האט איבערגענומען עגיפּטישע מנהגים און אמונות, צווישען דעם אויך — דעם אָרטליכען קולט פון דער „הימעלס־קעניגין". ירמיה האט געמאַכט שאַרפע פאָרוואורפען די דאָזיגע לייט, וואָס אפילו דער אונגליק האט ניט געקאָנט זיי פערבעסערן. ביז זיינע לעצטע טעג האט דער גרויסער נביא ניט אויפגעהערט צו בעלעהרען זיינע ברידער און אַרויספיהרען זיי אויפ'ן אמת'ן וועג. ער האט זיי געזאָגט, אַז די אונגליקען, וואָס האָבען געטראָפען מיט דער אידישער נאַציע, מוזען זי אויסלייטערן, אײדעלער מאַכען, און דעמאָלט וועט גאָט רחמנות האָבען אויף די אידען, וואָס זענען צעשפּרייט אין גלות, און וועט זיי צוריקפיהרען אין זייער לאַנד. ירמיה האט ניט דערלעבט ביז יענער בעסערער צייט: ער איז געשטאָרבען אין עגיפּטען.

דערווייל איז די לאַגע אין יהודה אַלץ ערגער געוואָרען. נאָכדעם, ווי גדליה, דער פערוואַלטער איז דערהרג'עט געוואָרען, איז נבוכדנצר שטאַרק אין כעס געוואָרען און האט ווידער געשיקט קיין יהודה, זיין הויפּט־מאַן נבוזראדן, וואָס האט גענומען געפאַנגען און אָבגעשיקט קיין בבל נאָך עטליכע הונדערט משפחות (581). יהודה האט אין א סך ערטער אָנגעוואָרען דעם גרעסטען טייל פון איהר בעפעלקערונג. איינינע אידרע געגענדען זענען אינגאַנצען געבליבען וויסט; אַנשטאָט מענשען, האָבען דאָרט געבלאָנדזשעט ווילדע חיות. בעזונדערס איז וויסט געוואָרען ירושלים. צווישען די חורבות פון דער געוועזענער הויפּט־שטאָדט האט מען ביי־נאַכט געקאָנט הערען דעם געשריי פון שאַקאַלען, די חיות פון מדבר. די אידישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען; נאָר דאָס אידישע פאָלק האט געלעבט. איהם איז נאָך בעשערט געווען בעפרייט צו ווערען פונ'ם צייטווייליגען גלות און זיך אויפכאַפּען צו א נייעם לעבען.

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאלמאנאָוויטש.

דריטער טייל.

די אלטע געשיכטע (א).

פון גלות-בבל ביז דער בעפרייאונג פון מלכות יהודה
דורך די חשמונאים.

ווילנע, תר"ף—1920.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס, 13.

אינהאלט פון דריטען טייל.

די אַלטע געשיכטע (א):

ערשטע אָבטיילונג.

גלות־בבל און די פערסישע הערשאַפט (586—332 פאַר קריסט).

זייט

אַלגעמיינער איבערבליק 5

גלות־בבל (קאַפּיט. I) 10

די ערשטע רעסטאַווראַציע: זרובבל און ישוע בן יוצדק הכהן (קאַפּיט. II) 29

די צווייטע רעסטאַווראַציע: עזרא און נחמיה (קאַפּיט. III) 38

די אידישע טעאָקראַטיע און די ענטוויקלונג פון דער יהדות (קאַפּיט. IV) 53

צווייטע אָבטיילונג.

די גריכישע איבערהערשאַפט: די תלמיים און סעלייקידען (332—140 פאַר קריסט).

אַלגעמיינער איבערבליק 83

די מאַקעדאָנישע עראָבערונג און די ממשלה פון דער תלמיים (קאַפּיט. I) 87

די גריכיש־סירישע איבערהערשאַפט איבער מלכות־יהודה (קאַפּיט. II) 116

דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים און די מלחמות פון יהודה המכבי (קאַפּיט. III) 135

די מלחמות פאַר די אונאָבהענגיגקייט: יונתן און שמעון 153

דרוקפעהלער

צום דריטען טייל.

זײט	שורה		געדרוקט:	דאַרף זיין:
5	10	פון אויבען	אין דאָס	איז דאָס
17	2	״	בע ענוגענט זיך	בעגענוגענט זיך ניט
27	1	פון אונטען	פערשיסער	פערסישער
29	2	פון אויבען	זבכרול	זרבבל
59	7	״	גאָטעסדיענס	גאָטעסדיענסט
59	6	פון אונטען	זיין	איהר
65	15	פון אויבען	אויף	אויך
94	13	פון אונטען	אַטעניאָן	אַנטעניאָן

ערשטע אבטיילונג.

גלות-בבל און די פערסישע הערשאפט.

(586—332 פאר קריסט).

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 1. נאכדעם, ווי דאס קעניגרייך יהודה איז געפאלען אונטער די קלעפ פון מלכות-בבל, האט זיך געענדיגט דער יוגענד-פעריאד פון אידישען פאלק. אנגעהויבען האט זיך דער דאזיגער פעריאד, בשעת די וואנדערנדע בני-ישראל זענען אריין אין כנען, און געענדיגט האט ער זיך, בשעת מ'האט אוועקגעפירט די געפאנגענע אידען קיין בבל. צווישען די דאזיגע צוויי מאמענטען ציהט זיך אנ'עפאכע פון 800 יאהר. אין משך פון דער צייט אין דאס וואנדער-פאלק געווארען לכתחלה א ישוב-פאלק, און דערנאך א פאליטישע נאציע, וואס האט ארויסגעוויזען א פעהיגקייט צו א מעכטיגער גייסטיגער שאפונג, און צולעצט ווידער — א צעשפרייטע, וואנדערנדע מאסע.

דאס איז געווען א שטורמישע יוגענד, וואס האט זיך אויסגעצייכענט דורך גרויסע בעוועגונגען און איבערקעהרענישען אין סאציאלען און גייסטיגען לעבען, דורך נצחונות און מפלות, דורך געניאלע אויסדרוקען פונ'ם שאפונגס-גייסט און קינדערשע טעות'ן. ס'איז געווארען איינגענומען א טעריטאריע אויף די ברעגען פון ירדן, צווישען די צוויי וועלט-מלוכות — מצרים און מעסאפאטאמיען; די שבטים פון ישראל, וואס האבען זיך דארט בעזעצט, האבען זיך פאמעליך צונויפגעשמאלצען אין איין פאלק; ס'איז פארביי'געלאפען, ווי א גלענצענדער מעטעאר, די צייט פון די ערשטע מלכים — און די פעראייניגטע מלוכה איז צעשפאלטען געווארען אויף צוויי טיילען, מחמת ס'האט געהערשט צווישען פאלק א גייסטיגער סעפאראטיזם, און איטליכער שבט האט געוואלט זיין פאר-זיך; ס'איז שארפער געווארען דער פאליטישער קאמפף אינעווייניג אין כנען און פון אויסווייניג; עס האבען ערקלונגען די אונשטערבליכע רעדעס פון די נביאים, די אמת'ע שאפער פון דער אלטער יהדות; אשור — דער מושל בכפה — האט איינגעשלונגען דאס צפונדיגע קעניגרייך ישראל מיט זיינע איינוואוינער, און אין אנדערהאלבען יאהר-

הונדערט יאָרים האָט אשורים יורש, בבל, חרוב געמאַכט אויך דאָס דרום׳דיגע קעניגרייך יהודה, האָט צעשלײַדערט אויף אַלע עקען וועלט און אוועקגעפֿירט אין גלות דעם בעסטען טייל פֿון די אידען. און איצטער איז די געפֿאַנגענע נאַציע געוועסען ביי די וואַסערן פֿון בבל און האָט בעווײַנט איהר פֿערלאָרענע יוגענד.

אונטער די שווערסטע נסיונות איז פֿאָרגעקומען אין לעבען פֿון אידישען פֿאָלק דער איבערגאַנג פֿון יוגענד צום בגרות-פּעריאָד. דער האַלב-הונדערט-יאָהריגער גלות-בבל (586—537) איז דאָס געווען די איבערגאַנגס-צייט. דאָס פֿאָלק „ישראל" פֿונ׳ם קעניגרייך שמרון האָט די נסיונות ניט געקאָנט בײַשטעהן — און איז אומגעקומען אין אַסירישען שטורים, וואָס האָט איהם פֿערפּליצט. דאָס פֿאָלק פֿון יהודה איז אָבער גלענצענד בײַגעקומען דעם שווערען נסיון און האָט בעוויזען, אַז עס זענען פֿאַראַן אייזערנע אָרגאַניזמען, וואָס דער האַמער פֿון דער געשיכטע שמידט זיי נאָך פֿעסטער צונויף, אַנשטאָט זיי צו צעברעקלען. די אידען האָבען אַפֿילו אין גלות בעהאַלטען זייער נאַציאָנאַל-רעליגיעזע איינהייט, און האָבען דערוואַרט זיך שפּעטער אַפֿילו אויף אַ פּאָליטישער אויפֿלעבונג, הגם אין אַ געמינערטער געשטאַלט.

דער פּראָצעס פֿון גייסטיגער בענײַאונג, וואָס האָט געראַטעוועט די נאַציע, איז פֿאָרגעקומען ניט אין לאַנד יהודה, וואָס איז געווען חרוב ומוחרב און וואו ס׳איז דער עיקר פֿערבליבען נאָכדעם ווי די מלוכה איז אונטערגעגאַנגען, — מעהר ניט די אָרימע דאָרפֿישע בעפֿעלקערונג (דלת-הארץ), נאָר אין „גלות-לאַנד" בבל, וואוהין ס׳איז פֿערטריבען געוואָרען די גאַנצע גייסטיגע און יחוס-אַריסטאָקראַטיע פֿון פֿאָלק. אָבגעריסען פֿון פֿאָטערלאַנד אין פֿאָרט פֿעראייניגט דורך געמיינזאַמע געפֿיהלען, אמונות, מנהגים און האָפֿנונגען אויף דער צוקונפֿט, — האָבען די אידישע פֿערטריבענע ערשט דאַ בעגומען די טיעפֿע אידעע פֿון די נביאים: אַז דער עצם קראַפֿט פֿון דער נאַציע ליגט נאָר אין איהר גייסטיגער אחדות. זיי האָבען געוואוינט אויף די ברעגען פֿון פּרת ענג פֿערבונדען צווישען זיך, האָבען זיך ניט צונויפֿגעמישט מיט די אָרטיגע איינוואוינער און מיט זייער אייגענאַרטיגע קולטור. אין דער פֿרעמד איז שטאַרקער געוואָרען דער אינסטינקט פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסטאיינהיטונג, און צווישען די גולי-בבל האָט געהערשט מעהר אחדות, איידער פֿריהער צווישען די פֿרייע איינוואוינער פֿון ירושלים. די גייסטיגע שאַפֿונג לא די, וואָס זי איז ניט אָרימער געוואָרען, נאָר זי האָט זיך אַפֿילו פֿערשטאַרקט אין גלות. דער נביא פֿון דער „עמיגראַציע", יחזקאל, און בעזונדערס „ישעיה, דער צווייטער" האָבען געשאַפֿען די גלענצענדסטע ווערק אין דער ליטעראַטור פֿון די נביאים. אין די רעדעס פֿונ׳ם ערשטען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט דער פֿערצווייפֿלטער אינערליכסטער קאַמפּף פֿונ׳ם ערשטען דור פֿון די פֿערטריבענע און די שטרע־בונגען פֿון די בעסטע מענשען צו אַ גייסטיגער אויפֿלעבונג. אין די רעדעס

די אידישע געשיכטע

פֿונם לעצטען קלינגט דער פֿרישער און מונטערער רוף ווידער אויפֿצושטעלען דעם חורב'ען סאָציאַלען געביי אין דער פֿערלאָזענער היים.

ווידער אויפֿלעבען די אידישע מלוכה איז געוואָרען מעגליך אַ דאַנק דעם, וואָס מלכות-בבל איז אונטערגעגאַנגען. די צווייטע וועלט-מאַכט נאָך אַשורען איז געפֿאַלען — די איבערהערשאַפֿט איז אַריבער צו פּערסיען, וואָס דעם אָנהויב פֿון איהר ממשלה האָט בעפֿעסטיגט דער גרויסער עראָבערער קירוש (כורש מלך פּרס). די נייע וועלט-מלוכה האָט אַריינגעצויגען מלכות-יהודה אין איהר מאַכט-ספֿערע. נאָר די ממשלה פֿון פּערסיען האָט זיך ניט אָנגעהויבען אַזוי, ווי די ממשלה פֿון די פֿריהערדיגע צוויי וועלט-מלוכות — אשור און בבל. די פּערסער זענען די ערשטע צייט געווען ניט די אונטערדריקער פֿון די אידען, נאָר זייערע בעפֿרייער. כורש, דער נייער מושל פֿון אַזיען, האָט בעקומען בירושה פֿון בבל דאָס חורב'ע לאַנד יהודה, וואָס האָט געהאַט אָנגעוואָרען דעם בעסטען טייל פֿון זיינע איינוואוינער און וואָס ערטערווייז האָבען עס געהאַט פֿערנומען די אַרומיגע שכנים. כורש האָט געגעבען די מעגליכקייט די צעזייטע און צע-שפּרייטע אידען זיך אומצוקעהרען אין זייער געבאָרען-לאַנד און עס ווידער איינ-צואָרדנען אויף די יסודות פֿון אַן אַוטאָנאָמער פּערסישער פּראָווינץ. אַ טייל פֿון די פֿערטריבענע האָבען דאָס באַלד אויסגענוצט; דער אַנדערער טייל איז אָפֿילו דערווייל געבליבען זיצען און בבל און אין פּערסיען, נאָר ער האָט אונטערגע-האַלטען שטענדיגע בעציהונגען מיט פּאַלעסטינע און האָט געשיקט אַהין פֿון צייט צו צייט נייע גרופּפּען עמיגראַנטען.

אויף אַזאַ אופֿן האָט די איבערהערשאַפֿט פֿון פּערסיען געבראַכט די אידען אַ בעפֿרייאונג פֿון זייער פֿאָטערלאַנד און די אויפֿלעבונג פֿון דער נאַציע. דאָס פּאָליטישע לעבען איז דערווייל נאָר טיילווייז צוריק איינגעפֿיהרט געוואָרען: מלכות-יהודה איז ניט געוואָרען אַ זעלבשטענדיגע מלוכה מיט אַ נאַציאָנאַלער דינאַסטיע בראש, נאָר זי איז געוואָרען אַ טעאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס האָט געהערט צו דער סירישער סאַטראַפּיע פֿון דער פּערסישער מאָנאַרכיע. נאָר די דאָזיגע פּאָליטישע אָבהענגיגקייט איז ניט געווען זעהר שווער פֿאַר מלכות-יהודה, וואָס האָט געהאַט אַ ברייטע אינעווייניגסטע זעלבסטפֿערוואַלטונג. אמת טאַקע, אַז די פּערסישע איבערהערשאַפֿט האָט אָבגענומען ביים אידישען פֿאָלק אַ גע-וויסען טייל פֿון פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט, דערפֿאַר אָבער האָט זי עם בע-פֿרייט פֿון דער זאָרג צו בעשיצען זיין טעריטאָריע קעגען אויסווייניגסטע פֿיינד. אויף אַ לאַנגער צייט איז מלכות-יהודה געווען בעפֿרייט פֿונם געוועהנליכען מילי-טעריש-פּאָליטישען רעזשים, וואָס ווערט אַרויסגערופֿען דורך דער נויטווענדיגקייט צו פֿערטיידיגען דאָס לאַנד, — און די פֿאָלקס-ענערגיע, וואָס איז אויף אַזאַ אופֿן פֿריי געוואָרען, האָט געקאָנט געפֿינען אַן אויספֿלוס אין סאָציאַלען און גייסטי-גען געביט.

דער ערשטער יאָרהונדערט פון דער פערסישער איבערהערשאַפט קאָן
אָנגערופען ווערן דער יאָרהונדערט פון דער „רעסטאַווראַציע". לכתחילה איז
געוואָרן בעזעצט דער צענטער — ירושלים און די סביבה, צו ביסלעכווייז ווערן
אויסגעבויט צוריק די חרובע שטעדט און דער בית-המקדש, און מ'האָט איינ-
געשטעלט אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואָס איז אָבער דערווייל נאָך שוואַך.
די דאָזיגע ערשטע רעסטאַווראַציע, וואָס איז פערבונדען מיט די נעמען
פון זרבבל און ישוע, האָט געדויערט אַנערך 20 יאָהר (537—516). אין פער-
ציג יאָהר אַרום איז נויטיג געווען אַ צווייטע רעסטאַווראַציע, וואָס
האָט פערברייטערט און פערפעסטיגט די נאַציאָנאַל-גייסטליכע אָרדנונג אין מלכות-
יהודה; זי איז פערבונדען מיט די נעמען פון עזרא און נחמיה (458—420). די
אָנפיהרער פון אַט די ביידע רעסטאַווראַציעס זענען אידען, וואָס זענען געקומען
פון בבל, (עולי-גולה), וואו די אידישע קאָלאָניע איז געווען טיעף דורכגעדרונגען
מיט אַ נאַציאָנאַל-רעליגיעזען גייסט און פון וואַנען דאָס אידישע לאַנד האָט
געקאָנט שעפּען פרישע גייסטיגע קרעפטען. אין לעצטען יאָרהונדערט פון דער
פערסישער איבערהערשאַפט (420—332) פערפעסטיגט זיך אין מלכות-יהודה ענד-
גילטיג אַ טעאָקראַטישע זעלבסטפערוואַלטונג, וואָס איז געווען מעהר
פון אַלץ צוגעפּאַסט סיי צו דער פּאָליטישער לאַגע פון אידישען פאָלק און
סיי צו זיין קולטורעלען צושטאַנד אין יענער צייט.

די צייט פון דער פערסישער איבערהערשאַפט, וואָס איז געווען אָהן בע-
דייטונג אין פּאָליטישער הינזיכט, איז זעהר פרוכטבאַר בנוגע צו דער קולטורעלער
שאַפונג. דער פּראָצעס פון נאַציאָנאַל-גייסטיגער בעפעסטיגונג, וואָס האָט זיך אָנ-
געהויבען אין דער צייט פון גלות-בבל, דויערט נאָך ווייטער און גיט גרויסע
רעזולטאַטען. דער קריטישער איבערגאַנגס-מאָמענט צווישען דער יוגענד- און בגרות-
צייט איז פערענדיגט, און ס'איז אָנגעקומען אַ צייט פון אַ גלייכער און נאָרמאַ-
לער ענטוויקלונג.

דעם פאָלקס וועלט-אָנשויאונג שטעלט זיך איין ענדגילטיג. דער בעדינג-
טער מאָנאָטעאיזם, וואָס האָט געהערשט צווישען דער מאַסע אין דער
צייט פון ערשטען בית-המקדש און וואָס לויט איהם האָבען עקסיסטירט צוגלייך
מיט'ן אידישען נאַציאָנאַלען גאָט יאַהווע נאָך געטער פון אַנדערע שבטים, טרעט
אָב זיין אָרט דעם אַבסאָלוטען מאָנאָטעאיזם, וואָס רעכענט יאַהווע פאַר'ן
איינציגען גאָט פון דער וועלט, און די אידען — פאַר זיין אויסדערוועהלט פאָלק,
וואָס דאַרף פערשפּרייטען זיין נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט. די נביאים פון
„גלות-בבל" (בעזונדערס ישעיה, דער צווייטער) האָבען פערבונדען מיט דער דאָ-
זיגער אידעען-איבערקעהרעניש די פאָרשטעלונג וועגען דער הויכער רעליגיעז-
עטישער מיסיע פון די אידען צווישען אַנדערע פעלקער.

נאָר די ווירקליכקייט האָט בעוויזען, אַז די דאָזיגע אידעע וועגען אוניווער-
סאַליזם געהערט צו יענע הויכע אידעאַלען, וואָס זייער פערווירקליכונג איז מעג-

ליך נאר אין דער ווייטער צוקונפט. איידער דאס אידישע פאלק האט געקאנט אויסקלערן די וועלט, האט עס אליין געמוזט שטארק ווערן אלס א גייסטיגע פערזענליכקייט. נאך א שווערן פאליטישן קריזיס איז די אידן פארגעשטאנען זיך צו פאראייניגן אויף אן אומה, שאפן א פעסטע געזעלשאפטליכע און רעליגיעזע דיסציפלין, וואס זאל ניט לאזן זיי צעשמאלצן ווערן צווישן די שכנישע נאציעס. דעם ארט פון די גרויסע אידעאלאגן — די נביאים האבן איצט פארנומען פראקטישע טוער — די כהנים און סופרים. די טעטיגקייט פון עזרא, נחמיה און די הורות, וואס נאך זיי, איז געווענדט אינגאנצן דערויף צו פאראייניגן און אפזונדערן די נאציע מיט דער הילף פון דער רעליגיע און קולט.

דערביי האט מען געדארפט בדרך ניט צווינגען דאס פאלק צו טון בלינדערהייד אלצדינג, וואס די כהנים און סופרים וועלן הייסן, נאר מען האט געוואלט עס לערנען, ווי אזוי בעוואוסט אנצואייגענען זיך די יסודות פון דער יהדות. ס'איז אויפגעקומען א שטרעבונג צונויפצוקלייבן די תורה שבכתב, איבערצואארבייטן זי און סיסטעמאטיזירן, און צו פארשפרייטן רעליגיעזע ידיעות צווישן פאלק. די גייסטיגע רייכטימער, וואס זענען פריהער אנגעקליבן געווארן, זענען איצט געווארן קאפיטאליזירט; ס'זענען אויך צוגעקומען נייע שאפונגס-פראדוקטן, וואס זענען אריין אין אלע טיילן פון תנ"ך, בעזונדערס אין דריטן טייל, וואס איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען כתובים (האגיאגראפען). אין עזראס צייטן איז צוגעקומען צו דער תורה דער ספר „תורת כהנים" (דער ספר „ויקרא" און טיילן פון ספר „שמות" און „במדבר"). זינט יענער צייט, פארנעמען זיך די סופרים מיט אויספארשן די תורה, און די מאסע געפינט אין איהר בעלעהרונג. מען לייענט די תורה עפענטליך אין פאלקס-פארזאמלונגען. דאס פאלק אייגענט זיך אן מעהר אדער ווייניגער בעוואוסט די יסודות פון אמונה, קולט און עטיק, וואס זענען אויסגעארבייט געווארן פון זיינע בעסטע מענשען, און ביי איהם ארבייט זיך אויס מדרגות'ווייז א בעשטימטע וועלט-אנשויאונג.

דאס אידישע פאלק בעקומט אליין מעהר די טיפישע שטריכן פון א גייסטיגער נאציע, וואס איז אין שטאנד צו פארטיידיגן איהר קולטורעלע אייגנארטיגקייט אין א פיעל גרעסערער מאס, איידער איהר פאליטישע זעלבשטענדיגקייט. און צום סוף פון דער פערסישער איבערהערשאפט האט דאס אידישע פאלק בעוויזן אויף אזוי פיעל זיך צו בעשטימען און פארפעסטיגן אין נאציאנאל-קולטורעלן זין, אז עס האט געקאנט שפעטער זיך אנטקעגענשטעלן דעם שטורם און דראנג פון דער העלעניסטישער קולטור, וואס איז אריינגעדרונגען אין פאלעסטינע.

ש. דובנאוו

ערשטער קאפיטעל

גלות בבל (586—537).

די אידישע פערטריבענע אין נבוכדנצרס צייטען. — די ענטוויקלונג פון תורה שבכתב. — יחזקאל הנביא! — פרושים נצחונות און די האפנונגען פון די אידען. — דער נביא פון דער אויסלעזונג (ישעיה דער צווייטער). — דער אונטערגאנג פון בבל און די בעפרייאונג פון די אידען. —

די אידישע פערטריבענע אין נבוכדנצרס צייטען.

§ 2. די ערשטע אידען, וואס האבען זיך בעזעצט אין בבל, זענען געווען יענע חשובע ירושלמים, וואס נבוכדנצר האט פערשיקט אין דער הויפט-שטאדט פון זיין מלוכה אינאיינעם מיט דעם אראבגעווארפענעם קעניג יהויכין, נאך מיט צעהן יאהר פריהער, איידער דאס קעניגרייך יהודה איז געפאלען (597)[1]. די דאזיגע ערשטע געפאנגענע האבען בעטראכט זייער גלות, ווי עפיס צייטווייליגעס, און האבען גאר ניט געטראכט, אז זיי וועט אויסקומען לאנג צו בלייבען אין דער פרעמד. לא די וואס זיי האבען געחלומ'ט, אז זיי וועלען אין גיכען זיך אומקערען אהיים, נאר זיי האבען אויך ענערגיש אגיטירט אין דעם זין און האבען געפירט שטילערהייד אונטערהאנדלונגען מיט זייערע גוטע פריינד אין לאנד יהודה, בכדי ארויסצורופען אנאלגעמיינע מרידה קעגען נבוכדנצר[2]. אז די דאזיגע מרידה איז אויסגעבראכען (אין צדקיה'ס צייטען), איז ביי די פערטריבענע שטארקער געווארען די האפנונג, אז דאס פאטערלאנד וועט ווערען בעפרייט. איטליכען טאג האבען זיי זיך געריכט צוריקצוקערען אהיים, און דעריבער האבען זיי קיין חשק ניט געהאט איינצואָרדנען זיך אין פרעמדען לאנד, וואס זיי האבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף א צייטווייליגע דירה. זיי האבען דעריבער געלעבט אבגעזונדערט, ענג פערבונדען צווישען זיך, און אין זייערע געדאנקען האבען זיי זיך ניט געשיידט מיט זייער היים.

אזא מין צושטאנד פון אנגעשטרענגטער ערווארטונג האט געדויערט בערך 10 יאהר, ביז'ן חורבן ירושלים (586). די בשורה וועגען דער דאזיגער קאטא-סטראפע האט נאך שטארקער געטראפען די פערטריבענע, וואס ווינציגער זיי

---

1) זעה אלגעמיינע אידישע געשיכטע, I, § 114.

2) דארט גופא, § 115.

האָבען זיך אויף איהר געריכט. באַלד זענען אָנגעקומען קיין בבל נייע צאָהלרייכע פּאַרטיעס פערטריבענע פון לאַנד יהודה. דעם אונגליקליכען קעניג צדקיה, וואָס נבוכדנצר האָט ביי איהם אויסגעשטאָכען די אויגען אין רבלה, האָט מען געבראַכט צו פיהרען אין קייטען קיין בבל און אַריינגעוואָרפען איהם אין תּפיסה, וואו ער האָט זיך געמאַטערט ביז טויט. אין די הערצער פון די פערטריבענע איז פערלאָשען געוואָרען די האָפנונג אויף אַ באַלדיגער פּאָליטישער אויסלייזונג.

נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען דאָס נאַציאָנאַל-רעליגיעזע געפיהל. די געמיינזאַמע צרות האָבען נאָך שטאַרקער פעראייניגט די מיטגלידער פון דער פעריתומ'טער נאַציאָנאַלער פאַמיליע; ס'האָט זיך געשטאַרקט דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענבונד צווישען די פערטריבענע. די אידישע קאָלאָניעס אין בבל האָבען זיך פערגרעסערט, ווייל ס'זענען צוגעקומען אַלץ נייע מענשען, און זיי האָבען אָנגעהויבען אָרגאַניזירען זיך אין רעליגיעזע געמיינדעס, אויף יסודות פון אינעווייניגסטער אַווטאָנאָמיע, — און די דאָזיגע אַווטאָנאָמיע האָט געראַטעוועט די נאַציע, וואָס איז אָבגעריסען געוואָרען פון איהר טעריטאָריע.

די פערטריבענע האָבען איצט געפאָלגט דער עצה, וואָס ירמיה האָט זיי שוין לאַנג געהאַט געגעבען[3], און האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ ישוב-לעבען אין בבל. זיי האָבען געבויט זיך הייזער, געפלאַנצט גערטנער, בעאַרבייט די פעלדער; אַ סך האָבען גענומען אַנטהייל אין האַנדעל און אינדוסטריע, וואָס זענען געווען מעהר ענטוויקעלט אין באַבילאָניען, איידער אין מלכות-יהודה.

נבוכדנצר האָט, ווי עס ווייזט אויס, געגעבען די עמיגראַנטען בעדייטענדע פרייהייט אויף אויסקלייבען זיך וואוינונגס-ערטער און פרנסות אין די גרעניצען פון לאַנד. דאָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך איינצואָרדנען אין גרופּעס אָדער געמיינדעם אויף אַ לפי-ערך קליינעם שטח אויף די דרומדיגע ברעגען פון פרת און פון די טייכען, וואָס פאַלען אין איהם אַריין. פּונקט אַזוי ווי די פערטריבענע פון יהויכינ'ס פּאַרטיע, אַזוי האָבען זיך אויך די שפּעטערדיגע גולי-בבל געהאַלטען אָבגעזונדערט פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג. ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ שבטים-געמיינדע-אָרדנונג, וואָס האָט פערביטען די פריהערדיגע מלוכה-אָרגאַניזאַציע. די פערטריבענע האָבען זיך גרופּירט טיילווייז לויט זייערע פריהערדיגע וואוינערטער אין פּאַלעסטינע. ס'האָבען עקסיסטירט קהלות פון געוועזענע איינוואוינער פון בית-לחם, יריחו, רמה, ענתות און אַנדערע אידישע שטעדט. די פערטריבענע פון ירושלים האָבען זיך געטיילט דער עיקר לויט די משפּחות, וואָס איטליכע פון זיי האָט געהאַט אַ געמיינזאַמען עלטער-פאָטער. די יחוס-בריעף פון איטליכער משפּחה פלעגען ווערען געפיהרט זעהר גענוי און פלעגען ווערען געהיט אונטער דער השגחה פון איהרע פאָרשטעהער אָדער עלטסטע. די דאָזיגע עלטסטע האָבען פערוואַלטעט איבער די אינעווייניגסטע ענינים

---

[3] דאָרט גופא.

פֿון זייערע געמיינדעס אין די גרעניצען פֿון דער אויטאָנאָמיע, וואָס זיי איז געגעבען געוואָרען.

ס'איז פֿאַראַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז מיט די דאָזיגע אידישע געמיינדעס אין בבל האָבען זיך פֿעראייניגט אין יענער צייט איינציגע גאַנץ געבליבענע רעשטען פֿון די בני־ישראל, וואָס זענען פֿערטריבען געוואָרען פֿון דער מלוכה פֿון די עשרת השבטים. דער גרעסטער רוב פֿון די בני־ישראל, וואָס זענען אין VIII יאָהרהונדערט פֿערטריבען געוואָרען אין טיעף־אַסיריען, האָבען זיך צונויפֿגעמישט מיט די אָרטיגע פֿעלקער. נאָר אַ מיעוט פֿון זיי, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין די מערבֿדיגע פּראָווינצען פֿון אשור, וואָס אין נבוכדנצר'ס צייטען זענען זיי פֿעראייניגט געוואָרען מיט בבל, — האָבען געקאָנט בעהאַלטען זייער נאַציאָנאַליטעט אין משך פֿון 130 יאָהר, ביז ס'זענען אָנגעקומען קיין בבל די פֿערטריבענע פֿון מלכות־יהודה. און אָט דער דאָזיגער גאַנץ־געבליבענער טייל פֿון די בני־ישראל האָט זיך ווידער פֿעראייניגט מיט די אידען פֿון קעניגרייך יהודה, וואָס האָבען זיך בעזעצט מיט זיי אין שכנות. „ישראל“ און „יהודה“ וואָס זענען ביי זיך *אין דער היים* פֿיינדליך געווען איינער צום אַנדערען, האָבען זיך דערנעהנטערט *אין דער פֿרעמד*, און האָבען זיך דערנאָך צונויפֿגעגאָסען, הגם אין אַ געמינערטער צאָהל. די נביאים פֿון יענער צייט (יחזקאל און אַנדערע) האָבען איינגעזעהן אין דעם דאָזיגען פֿאַקט דעם אָנהויב פֿון דער גאולה פֿון צעזייטען און צעשפּרייטען אידישען פֿאָלק און האָבען פֿאָראויסגעזאָגט, אַז די ענדגילטיגע פֿעראייניגונג פֿון „הויז יהודה“ און „הויז אפֿרים“ וועט פֿאָרקומען גאָר אין גיכען.

די געמיינדע־אויטאָנאָמיע האָט פֿערביטען די פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט, און דעם אָרט פֿון די קעניגליכע בעאַמטע האָבען פֿערנומען די ראשי־המשפחה. אין דעם רעליגיעזען גייסט האָט זיך אויך געמוזט אומבייטען די גייסטליכע אָרדנונג. נאָכ'ן חורבן פֿון ירושלים און פֿון בית־המקדש, איז דער אָפֿיציעלער קולט מיט די קרבנות אָבגעשאַפֿט געוואָרען אַפֿילו אין פּאַלעסטינע. אין דער פֿרעמד האָט קיינער גאָרניט געקאָנט טראַכטען וועגען ברענגען קרבנות פֿון בהמות אָדער ערד־פּראָדוקטען, וואָס זענען ניט אויסגעוואַקסען אין כנען. דער קולט פֿון די שלש־רגלים איז געווען צונויפֿגעגאָסען מיט'ן לאַנדווירטשאַפֿטליכען לעבענס־פֿיהר פֿון פּאַלעסטינע, און חוץ פּאַלעסטינע האָט ער אָנגעוואָרען זיין הויפּטליכע בעדייטונג. און אַזוי האָבען זיך איינגעשטעלט ביי די גולי־בבל אַנשטאָט דעם קולט און בית־המקדש, רעליגיעזע פֿערזאַמלונגען, און דער בעשיידענער שבת האָט בעקומען די בעדייטונג פֿון די גרויסע יערליכע ימים־טובים. אין די רעליגיעזע פֿערזאַמלונגען, וואָס פֿלעגען פֿאָרקומען געוועהנליך אום שבת, פֿלעגט מען דאַווענען, לייענען די תורה און הערען די דרשות פֿון די נביאים.

ביים דאַווענען פֿלעגען די אידען זיך שטעלען מיט'ן פּנים צו ירושלים, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אין זייערע געדאַנקען אַריבערטראָגען אין דעם חרובֿ'ען

בית=המקדש. פיער טעג אין יאהר זענען בעשטימט געוואָרען פאַר תעניות=צבור און טרויער=טעג צו דעם זכר פון חורבן ירושלים: צעהן טעג אין טבת, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די בעלעגערונג פון ירושלים; זיבצעהן טעג אין תמוז, ווען די שטאָדט=מויערן זענען איינגעבראָכען געוואָרען; ניין טעג אין אָב, ווען דער בית=המקדש איז פערברענט געוואָרען, און צום גדליה, ווען דער פער=וואַלטער גדליה איז דערהרג'עט געוואָרען.

די רעליגיעזע פערזאַמלונגען האָבען מיטגעהאָלפען דער גייסטיגער פעראייניגונג פון די געמיינדע=מיטגלידער. דאָ האָבען די פערטריבענע געבעט און געליינט אויף זייער אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך, האָבען געהערט די בעגייסטערטע רעדעס פון זייערע דרשנים און נביאים, וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען ביי זיי די האָפ=נונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. חוץ שבת, ווען מען האָט געמוזט רוהען פון דער אַרבייט, האָבען די אידען נאָך אָבגעהיט אַנדערע מנהגים, וואָס זענען גע=ווען אַ סימן מובדל, אַז דער, וואָס היט זיי אָב, געהערט צו דער אידישער נאַציע, ווי למשל, מילה און איניגע געזעצען וועגען שפּייז. בכלל האָבען די אידען זיך געמיהט אין זייער אַרט לעבען זיך אָבצוזונדערן פון דער היידנישער בעפעלקערונג, וואָס האָט זיי אַרומגערינגעלט.

פערטריבען פון פאָטערלאַנד, האָבען די אידען אין בבל געלעבט מיט זכרונות וועגען איהם. זייער פייערדיגע תשוקה צום פאָטערלאַנד איז שפּעטער בעזונגען געוואָרען אין רירענדע קאַפּיטלעך תהלים, וואָס איינער פון זיי איז געבליבען אויף שטענדיג דער הימן פונ'ם אידישען נאַציאָנאַלען טרויער:

„ביי די טייכען פון בבל זענען מיר געזעסען און האָבען געוויינט, דערמאָנענדיג ציון. אויף די ערבות, וואָס וואַקסען דאָרט, האָבען מיר אויפגעהאַנגען אונזערע האַרפּען. דאָרט האָבען געפאָדערט פון אונז אונ=זערע פאַנגער לידער, און די שפּאָטער — פרייד: „זינגט אונז פון ציונ'ס לידער!“ — נאָר ווי זאָלען מיר זינגען גאָט'ס ליעד אין אַ פרעמדען לאַנד? אויב איך וועל דיך פערגעסען, אָ ירושלים, זאָל אָבטריקענען מיין רעכטע האַנד. זאָל זיך צוקלעפּען מיין צונג צו מיין גומען, אויב איך וועל דיך ניט געדענקען, אויב איך וועל ניט שטעלען ירושלים העכער פון אַלע מיינע פריידען. דערמאָן, אָ גאָט די בני=אדום דעם טאָג פון ירושלים, ווען זיי האָבען געשריען: צעשטערט, צעשטערט (די שטאָדט) ביז'ן גרונד! טאָכטער פון בבל, דו רויבערין! וואויל איז צו דעם, וועל=כער וועט דיר אָבצאָהלען פאַר דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט אונז אָנגעטאָן! וואויל איז צו דעם, ווער ס'וועט נעהמען און צעשמעטערן דיינע קליינע קינדער אָן פעלזן!“ (תהלים, קאַפּ. קל"ז).

3. ענטוויקלונג פון תורה שבכתב; יחזקאל הנביא.

§ 3. די ענערגיע פון פאָלק, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אין איהר פאָ=

ליטישער אנטוויקלונג, איז אינגאנצען איבערגעטראָגען געוואָרען אויף דער גייסטיגער שאַפונג. פון דיזער פּאַטערלאַנד האָבען די פערטריבענע מיטגענומען איינציגע הייליגע ספרים, וואָס די האַנד פונים צעשטערער האָט זיי ניט אָנגע-רירט. די דאָזיגע הייליגע ספרים האָבען מסתמא ענטהאַלטען די עלטסטע טיילען פון חומש, פון די כראָניקען, רעליגיעזע שירים און משלים⁴). חוץ די דאָזיגע געשריבענע ספרים, האָבען עקזיסטירט נאָך א סך מסורות שבעל-פה מיט א היסטאָרישען און רעליגיעזען אינהאַלט, וואָס זענען געבליבען אין זכרון פון דעם פאָלקס גייסטיגע פאַרשטעהער.

אין גלות האָט זיך בעדאַרפט אַרויסווייזען צווישען די אידען מיט א בעזונדער שטאַרקייט די שטרעבונג — פון איין זייט צו שטוהרען די הייליגע ספרים און מגלות, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון דער היים (מען מיז גע-דענקען, אַז די ערשטע פערטריבענע האָבען געהערט צו די העכסט געבילדעטע קלאַסען פון פאָלק), און פון דער אַנדער זייט — צו פעראייביגען די מסורות שבעל-פה אין שריפטליכע ווערק, בכדי זיי זאָלען ניט פערגעסען ווערען. די ערשטע בעדערפעניש האָט מען בעפרידיגט דערמיט, וואָס מען פלעגט לייענען קאַפּיטלען פון דער תורה אין די רעליגיעזע פערזאַמלונגען; די צווייטע אויפ-גאַבע האָט ערפילט דער עיקר די גייסטליכקייט. די געבילדעטע כהנים און לויים, וואָס זענען, נאָך דעם חורבן און נאָך דעם גלות אין דער פרעמד, בע-פרייט געוואָרען פון דער עבודה אין בית-המקדש, האָבען געהאַט איצט א סך פרייע צייט אויף בעאַרבייטען שריפטליך יענע מסורות שבעל-פה, וואָס זיי האָבען זיי געהיט.

א געניאַלער געשיכטס-שרייבער, וואָס האָט געלעבט אין יענע צייטען, האָט פערפאַסט אויפ'ן סמך פון אַלטע כראָניקען א פראַגמאַטישע געשיכטע פונ'ם אידישען פאָלק אין דער צייט פון די מלכים ביז גלות-בבל (דעם ספר „מלכים" א' און ב'). ס'איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז גראַד אין יענער צייט זענען פערשריבען געוואָרען, אַלס הוספה צו די פריהערדיגע „געזעץ-ביכער", יענע טיילען פון דער תורה, וואָס האָבען א דירעקטע שייכות צו דער עבודה אין בית-המקדש און בכלל צו דער צערעמאָניען-סיסטעם (ספר תורת כהנים, בעזונדערס דער ספר „ויקרא"). דאָ איז איבער דער ערשטער, עלטסטער שיכט פון דער תורה-שבכתב אָנגעוואַקסען א נייע שיכט. די געלעהרטע אָדער „סופרים" האָבען צוערשט בעקומען א בעדייטונג גראַד אין דער דאָזיגער עפּאָכע. הערפון האָט זיך גענומען יענע פערשטאַרקטע ענטוויקלונג פון דער אידישער ליטע-ראַטור, וואָס דאָס איז דער הויפּט-שטריך פון דער וויטערדיגער „עפּאָכע פון די סופרים".

נאָר אין א סך א גרעסערער מאָס, ווי דאָס געשריבענע וואָרט, האָט

4) דאָרט גופא, §§ 96, 109, 111.

געווירקט אויף די פֿערטריבענע אידען דאָס לעבעדיגע מינדליכע וואָרט פֿון די נביאים, וואָס האָבען זיך געפֿונען צווישען זיי. דער פֿאַקט, וואָס די פֿריהערדיגע נבואות בנוגע צו דעם טרויעריגען סוף פֿון מלכות־יהודה זענען מקוים געוואָרען, האָט איינגעפֿליסט דעם פֿאָלק צוטרוי צו די ווערטער פֿון די נייע נביאים, וואָס האָבען אינאיינעם מיט זייערע ברידער איבערגעטראָגען דעם שווערען יאָך פֿון גלות. דער עלטסטער נביא פֿון יענער צייט איז געווען יחזקאל[5], וואָס האָט געהערט צו אַ מיוחסדיגער משפּחה פֿון כהנים. ער האָט געוואוינט נעבען טייך כבר, וואָס פֿליסט אַריין אין פּרת, צווישען די געפֿאַנגענע פֿון יהויכינ'ס פּאַרטיע, וואָס איז פֿערשיקט געוואָרען אין יאָהר 597. אָבגעריסען פֿון פֿאָטערלאַנד אין יענער צייט, ווען ירושלים און דער בית־המקדש זענען נאָך געשטאַנען, האָט יחזקאל פֿונדעסטוועגען זיך ניט איינגערעדט, אַזוי ווי זיינע חברים אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט, אַז מלכות־יהודה קאָן מנצח זיין אינ'ם קאַמפּף קעגען נבוכדנצר'ן. די ערשטע צייטען האָט ער פֿערנומען צווישען די פּאָליטישע פּאַטריאָטען, וואָס זענען פֿערשיקט געווען קיין בבל, די זעלביגע לאַגע, וואָס ירמיה האָט פֿערנומען צווישען זייערע געזינונגס־חברים אין מלכות־יהודה. יחזקאל'ס ערשטע רעדעס, וואָס זענען שייך צו די צעהן יאָהר, וואָס צווישען גלות־יהויכין און חורבן־ירושלים, טראָגען דעריבער אַ כאַראַקטער פֿון אָפּאָזיציאָנעלע שטראָף־רייד. דער נביא פֿלעגט מבטל זיין די פֿאַלשע האָפֿנונגען פֿון זיינע לאַנדסלייט און האָט געטענהט, אַז פֿאַר דעם פֿאָלקס זינד וועט ירושלים אין גיכען חרוב ווערען, מלכות־יהודה וועט ווערען פֿערקנעכטעט און דער קעניג צדקיהו און זיינע שׂרים וועלען אַוועק אין גלות. אין דער מרידה, וואָס צדקיה האָט אויפֿגעהויבען, האָט ער איינגעזעהן ניט קיין נאַציאָנאַלע גבורה, נאָר אַ צוועקלויזע בגידה בנוגע צו נבוכדנצר'ן און אַ פֿערדאַרבליכען שריט פֿאַר דער אידישער מלוכה. אַזוי ווי יחזקאל האָט פֿאָראויסגעזעהן, אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז ניט אויסצומיידען, דעריבער האָט ער געוואָלט צוגרייטען זיינע לאַנדסלייט, אָבציהען זיי פֿון די פּרוכטלויזע פּאָליטישע ליידענשאַפֿטען און אַרויסרופֿען זייער גייסטיגע ענערגיע, וואָס וואָלט געקאָנט געבען זיי די קראַפֿט איבערצוטראָגען דעם פֿאָרשטעהענדען קלאַפּ.

נאָר אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז געשעהן, און די בשורה וועגען דעם האָט דערוועקט יאוש־געפֿיהלען ביי די גולי־בבל, האָט דער נביא איבערגעביטען דעם טאָן און דעם אינהאַלט פֿון זיינע רעדעס. ער האָט אויפֿגעהערט צו שטראָפֿען און צו סטראַשען, און האָט אָנגעהויבען איינצופֿליסען מוט און צו טרייסטען זיינע בעטריבטע ברידער. די געוועזענע פּאָליטישע פּאַטריאָטען האָבען ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלען די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פֿון דער נאַציע אין גלות, צעזייט און צעשפּרייט, אָהן אַ מלוכה, אָהן אַ קעניג, אָהן אַ בית־המקדש.

---

[5] דאָרט גופֿא, §§ 115.

אין זייער יאוש האָבען זיי גע׳טענ׳עט: „אונזערע זינד הענגען, ווי אַ שווערע משא איבער אונז, און מיר קומען אום אונטער דער שווערקייט". זיי האָבען אָנגעווענדט אויף זיך דעם אַלטען גלייכוואָרט: „די עלטערן האָבען געגעסען הערבע ווײַנטרויבען, און די ציינער פֿון די קינדער זענען הייליג געוואָרען". דערויף האָט זיי יחזקאל געענטפֿערט:

„ס׳קומט אום נאָר די זינדיגע נשמה; דער זוהן טראָגט ניט קיין אחריות פֿאַר די זינד פֿון זיין פֿאָטער, און דער פֿאָטער איז ניט ערב פֿאַר זיין זוהן; די גערעכטיגקייט פֿונ׳ם צדיק וועט בלייבען בײַ איהם, און די שלעכטיגקייט פֿונ׳ם רשע — בײַ איהם.

„ווען בײַ עמיצען וועט געבוירען ווערען אַ זוהן, וואָס וועט זעהן אַלע זינד פֿון זיין פֿאָטער, נאָר ער וועט איהם ניט נאָכמאַכען; ווען ער (דער זוהן) האָט אויף די במות ניט געגעסען, ניט אויפֿגעהויבען די אויגען צו די געצענבילדער פֿון הויז ישראל (שמרון), די ווייב פֿון זיין חבר האָט ער ניט פֿעראונרייניגט, קיינעם ניט אָבגענאַרט, ניט גענומען קיין שוחד און ניט גע׳ראַבירט, גע׳עבען דעם הונגעריגען פֿון זיין ברויט און דעם נאַקעטען מיט קליידונג באַדעקט; ווען ער האָט ניט אַרויפֿגע-לעגט זיין האַנד אויפֿ׳ן אָרימאַן, קיין וואָכער און צינזען ניט גענומען און גאָט׳ס געזעצען אָבגעהיט, — ער וועט ניט אומקומען פֿאַר זיין פֿאָטער׳ס זינד... און אַפֿילו דער זינדיגער גופֿא, ווען ער וועט טון תשובה אויף זיינע זינד, וואָס ער האָט בעגאַנגען, און ער וועט נעהמען אָבהיטען אַלע געזעצען גאָט׳ס, און וועט שאַפֿען אמת און לײַטזעליגקייט, — איז וועט אויך ער לעבען, און וועט ניט שטאַרבען... צי דען פֿערלאַנג איך דעם טויט פֿונ׳ם זינדיגער? — זאָגט גאָט. ניין, איך וויל, ער זאָל תשובה טון אויף זיינע מעשים און זאָל לעבען... וואַרפֿט-זשע אַראָב פֿון זיך אַלע אייערע זינד, בעשאַפֿט זיך אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט, — און צו-ליעב וואָס זאָלט איהר שטאַרבען?" (ספֿר יחזקאל, קאַפּ. י"ח, 20, 14, 17, 21—31).

אין יחזקאל׳ס רייד איז דאָס ערשטע מאָל געוואָרען בעגרינדעט דער יסוד פֿון אינדיווידואַליזם אין דער רעליגיע, אַז איטליכער יחיד טראָגט די אחריות פֿאַר זיין אויפֿפֿיהר אויף זיך אַליין. דער דאָזיגער פּרינציפּ איז לכתחלה געווען פֿרעמד דער אידישער וועלט-אָנשויאונג, לויט וועלכער איטליכע רעליגיעזע מצוה אָדער עבירה האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטליכען אַקט (כל ישראל ערבים זה לזה). יחזקאל האָט מבטל געווען דעם יסוד פֿון אַלגעמיינער ערבות און גלויבען און מאָראַל: פֿאַר איהם איז די רעליגיעזע איינהייט די פּערזאָן, און ניט די געזעלשאַפֿט. איבעריגענס, לייקענט ער ניט אָב לחלוטין די געזעלשאַפֿטליכקייט, נאָר ער שטעלט זי אַוועק נידעריגער פֿאַר דעם אינדיווידואַליזם. די רעכטשאַפֿענקייט פֿון די איינצעלנע יחידים איז נויטיג

צוליעב דעם, כדי די נאציע, אַלס כלל, זאָל איבערלעבען, און ניט פערקערט. דער נביא באַגעגענט זיך דערמיט, וואָס ער וויל אויסבעסערן די מדות. ער קעמפפט אויך דירעקט קעגען יענעם יאוש און פאַלען פונ'ם נאַציאָנאַלען גייסט, וואָס האָט באַפאַלען די אידישע פערטריבענע די ערשטע צייט נאָכ'ן חורבן ירושלים. די אונטערדריקטע שטימונג אין פאָלק און דער בעגייסטערטער גלויבען פונ'ם נביא זענען העל פאַרגעשטעלט אין יחזקאל'ס וועלטען-שענער פאַנטאַזישער נבואה וועגען די טויטע ביינער (קאַפּ. ל"ז):

„עס איז געווען אויף מיר גאָטס האַנד, און גאָט האָט מיך אַרויסגעפירט אין גייסט און האָט מיך געלאָזען שטעהן אין אַ טאָל, וואָס איז פול געווען מיט ביינער. און ער האָט מיך געפירט אַרום און אַרום זיי, און זעה: זעהר פיעל זענען זיי אויפ'ן פלאַך פונ'ם טאָל, און טריקען זענען זיי זעהר. און ער האָט געזאָגט צו מיר: „מענשען-זוהן, צי וועלען די דאָזיגע ביינער איבערלעבען?" — און איך האָב געענטפערט: „מיין האַר און גאָט, נאָר דו אַליין ווייסט דאָס!" — און ער האָט צו מיר געזאָגט: „זאָג נביאות איבער די טריקענע ביינער און זאָג זיי: „איהר טריקענע ביינער, הערט גאָטס וואָרט! אָט וועל איך אַריינפיהרען אין אייך אַ גייסט — און איהר וועט איבערלעבען. און איך וועל אייך געבען אָדערן, וועל אַרויפלעגען אויף אייך פלייש, און וועל אַרומציהען אייך מיט אַ הויט". און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי מיר איז בעפוילען געוואָרען. און ווי נאָר איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין נבואה, האָט זיך דערהערט אַ רעש, און די ביינער האָבען אָנגעהויבען צו דערנעהנטערן זיך צו אַנאַנד. און איך האָב דערזעהן: אָט זענען פאַראַן אויף זיי אָדערן, און פלייש איז אויסגעוואַקסען, און פון אויבען האָט אַ הויט זיי בעדעקט; נאָר קיין גייסט איז אין זיי ניט געווען. און (גאָט) האָט צו מיר געזאָגט: „זאָג נביאות וועגען גייסט און זאָג: פון פיער ווינטען קום, אַ גייסט, בלאָז אויף די דאָזיגע דערהרגעטע, און זאָלען זיי לעבעדיג ווערען!" און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי מיר איז בעפוילען געוואָרען, און עס איז אַריין אין זיי אַ גייסט, און זיי האָבען אויפגעלעבט און געשטעלט זיך אויף די פיס, זעהר אַ גרויסער חיל.

„און ער האָט צו מיר געזאָגט: „מענשען-זוהן, די דאָזיגע ביינער זענען דאָס הויז ישראל. אָט זיי זאָגען: אויסגעטריקענט זענען געוואָרען אונזערע ביינער, פערלאָרען איז אונזער האָפענונג, אָבגעשניטען זענען מיר. דעריבער זאָג זיי נביאות און זאָג צו זיי אַזוי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט: „איך עפען אויף אייערע קברים און וועל אייך אַרויספיהרען פון אייערע קברים, מיין פאָלק, און וועל אייך ברענגען אין לאַנד פון ישראל... און וועל אַריינלעגען אין אייך מיין גייסט — און איהר וועט אָבלעבען, און

איך וועל אייך געבען מנוחה אין אייער לאַנד — און איהר וועט וויסען, אַז איך, גאָט, ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי האָב איך געטהאָן".

יחזקאל האָט זיך געמיהט צו איבערצייגען זיינע צוהערער, אַז די דאָזיגע גליקליכע צוקונפט וועט פערווירקליכט ווערען, ווען די אידען וועלען אָבקומען פאַר זייערע זינד אין גלות און וועלען פיהלען אַ דאָרשט נאָך אינעווייניגסטער בעניאונג. די אויסווייניגסטע אויסלייזונג דאַרף פיהרען צו אַן אינעווייניגסטער אויפלעבונג.

„איך וועל אייך נעהמען פון צווישען די פעלקער — זאָגט גאָט דורכ'ן מויל פונ'ם נביא — און וועל אייך צונויפקלייבען פון אַלע לענדער און וועל אייך ברענגען אין אייער לאַנד. און איך וועל שפריצען אויף אייך ריינע וואַסער, און איהר וועט זיין ריין. און וועל אייך געבען אַ ניי־האַרץ, און אַ נייעם גייסט וועל איך אין אייך אַריינלעגען; איך וועל אַרויסנעהמען פון אייער גוף דאָס שטיינערנע האַרץ און וועל אייך געבען אַ האַרץ פון פלייש... און איהר וועט לעבען אין לאַנד, וואָס איך האָב געגעבען אייערע עלטערן; איהר וועט זיין מיין פאָלק, און איך וועל זיין אייער גאָט... איך וועל בעפעלקערן די שטעדט, און בעבויט וועלען ווערען די חורבות, און די פערוויסטע ערד וועט בעאַרבייט ווערען, און אַלע וועלען זאָגען: אָט די דאָזיגע וויסטע ערד איז געוואָרען אַ גן־עדן. די חרוב'ע און פערוויסטע שטעדט וועלען ווידער פערוואַנדעלט ווערען אין בעפעסטיגטע ערטער" (קאַפּ. ל"ו, 24—35).

לויט דעם נביא'ס פאָרשטעלונג האָט די בענייטע אידישע מלוכה געדאַרפט טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ שטרענגער טעאָקראַטיע. עס האָט געדאַרפט זיין ניט אַזוי אַ פּאָליטישע, ווי אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט. ירושלים וועט זיין די גייסטיגע הויפּט־שטאָדט, וואָרום אין איהר וועט זיך געפינען דער בית־המקדש. אין די לעצטע קאַפּיטלען פון ספר „יחזקאל" איז פאָרגעשטעלט אַ גענויער פּלאַן פונ'ם צוקונפטיגען בית־המקדש אין ירושלים, מיט דער בעשרייבונג פון זיין אויסווייניגסטען און אינעווייניגסטען אויסזעהן. אין דער נייער ירושלים גיט אָב דער נביא דעם ערשטען אָרט די כהנים פון הויז צדוק, וואָס האָבען זיך קיינמאָל ניט מטמא געווען דורך געצענדיענסט. די קרבנות, די צערעמאָניעס אין בית־המקדש, רעליגיעזע פייערליכקייטען און ימים־טובים — דאָס זענען די הויפּט־פּונקטען פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס יחזקאל האָט אויפגעצייכענט פאַר דער דאָזיגער בענייטער גייסטליכער מלוכה. אין די דאָזיגע אידעאַלען פונ'ם נביא האָט זיך אַרויסגעוויזען זיין אָבשטאַמונג פון כהנים.

לויט'ן טאָן אונטערשיידען זיך אויך יחזקאל'ס רעדעס פון די רעדעס פון די פריהערדיגע נביאים: אין זיי הערשט אַ מיסטישע שטימונג. ער זאָגט נביאות וועגען משיח'ס צייטען און וועגען קץ; די צוקונפט איז אין די דאָזיגע רייד איינגעהילט אין אַ סודות־פולער פינסטערניש. דאָס איז געווען ניט אויסצומיידען

אין אזא צייט, בשעת אלץ ארום איז געווען אזוי פאנטאסטיש און פיל מיט רעטענישען, בשעת בלויז א טיעפער גלויבען האט געקאנט אבציהען די געמיטער פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט. די ערהאבענע רעדעס יחזקאל'ס וועגען משיח'ס צייטען האבען געגעבען די אידען קראפט איבערצוטראגען די ליידען איבער דעם, וואס מען האט זיי פערטריבען פון זייער לאנד, און האבען אונטערגעהאלטען אין זיי דעם גלויבען אין א בעסערער צוקונפט.

כורש'ס נצחונות און די האפענונגען פון די אידען.

§ 4. נבוכדנצר האט געקיניגט העכער 40 יאהר, ביז'ן יאהר 562. אין זיינע צייטען האט בבל בעפעסטיגט איהר איבערהערשאפט אין פאדעראזיען. מעדיען (מדי), וואס האט אויך גענומען א חלק אין דער ירושה פון אשור, האט אפילו געפרובט פערשפרייטען איהר ממשלה איבער קליין-אזיען, נאר ס'האט זיך איהר ניט איינגעגעבען, און זי האט זיך געמוזט אבזאגען פון דער עראבערונגס-פאליטיק. די אלטע שונאים פון די מעסאפאטאמישע מאנארכיעס, די עגיפטער, האט נבוכדנצר אויך מנצח געווען, און זיי האבען זיך בערוהיגט.

די לעצטע יאהרען פון זיין קיניגען האט נבוכדנצר פערברייכט אויף בעפעסטיגען זיין הויפט-שטאדט און אויסצוצירען זי מיט גרויסארטיגע בנינים. דערביי האבען געארבייט טויזענדער געפאנגענע פון מצרים, סיריען און פאלעסטינע. בבל, פונקט אזוי ווי די אלטע נינוה, איז געווארען איינע פון די שענסטע שטעדט אין דער דעמאלטיגער וועלט. אין צענטער פון שטאדט האט זיך דערהויבען א ריזיגער זיבען-גארענדיגער טורם פינ'ם גאט בל, וואס אויף זיין שפיץ איז געשטאנען א גאלדענע סטאטוע פינ'ם דאזיגען גאט. דער קעניגליכער פאלאץ איז געווען ארומגערינגעלט מיט „הענגענדיגע גערטענער", וואס זענען געשטאנען אויף הויכע אנגעשאטענע בערגלעך. די הויפט-שטאדט איז געווען ארומגערינגעלט מיט צווייענדיגע מויערן, וואס זענען געווען אזוי דיק, אז אויף זיי האבען געקאנט פאהרען פיר צוויי ברייטע פוהרען. פערשענערט איז געווארען בבל נאך דורך הונדערטער שענע טויערן, טעמפלען און אנדערע געביידעס. און בשעת דער באבילאנישער קעניג האט דאס אלץ געבויט, האט ער גארניט געטראכט, אז אין א דרייסיג יאהר ארום וועט זיין שענע הויפט-שטאדט אריינפאלען אין די הענד פון שונאים און וועט האבען דעם זעלביגען סוף, וואס נינוה.

דינאסטישע מהומות האבען זיך אנגעהויבען אין בבל באלד נאך נבוכדנצר'ס טויט. זיין זוהן, אויל-מראדך (אוילאראדאם) האט געקיניגט אינגאנצען צוויי יאהר (560—562). פאר די אידען האט אויל-מראדך פאר דער קורצער צייט, וואס ער האט געקיניגט, געמאכט געוויסע הנחות. אזוי האט ער בעפרייט דעם געוועזענעם קעניג פון יהודה, יהויכין, וואס איז געלעגען 37 יאהר אין תפיסה, האט איהם דערנעהנטערט צו זיך און אבגעגעבען איהם א כבוד'יגען ארט ביי זיין

דורך. ס׳איז ניט באַוואוסט, וואָס פֿאַר אַ טובֿות וואָלט אויל-מראָדך נאָך געטאָן פֿאַר אידען, אויב ער וואָלט לענגער געקעניגט. נאָר נאָך אַ רעגירונג פֿון צוויי יאָהר האָט איהם אַראָבגעוואָרפֿען זיין שוואָגער נעריגליסאַר, וואָס האָט פֿערכאַפּט דעם טראָן. דער קרוין-רויבער האָט געקעניגט נאָר פֿיער יאָהר. נאָך איהם איז געוואָרען קעניג זיין יונגער זוהן, נאָר ער איז געוואָרען דערהרג׳עט פֿון די אונצופֿרידענע באַבילאָנישע שרים, וואָס האָבען געמאַכט פֿאַר אַ קעניג איינעם פֿון זייער קאָמפּאַניע — נאַבונאַיד (נאַבאָנאַד, 555). דער נייער קעניג איז ניט געווען ניט קיין פֿעהיגער רעגירער, ניט קיין קריגס-העלד; ער האָט נאָר געזאָרגט וועגען בויען נייע שענע געביידעס אין דער הויפּט-שטאָדט און אין דער פּראָווינץ און וועגען פֿערריכטען אַלטע טעמפּלען. דערווייל איז גראָד אין זיין צייט צעשטערט געוואָרען דער פּאָליטישער גלייכגעוויכט אין פֿאָדער-אַזיען, וואָס האָט זיך געהאַט פֿריהער איינגעשטעלט, און אויף בבל זענען אָנגעפֿאַלען די פּערסער.

אין דער העלפֿט פֿון VI יאָהרהונדערט איז דער יונגער קעניג פֿון פּרס און עילם קירוס (קורוש, כורש), וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער איבערהערשאַפֿט פֿונ׳ם גרויסען קעניג פֿון מעדיען אַסטיאַגעס, אַרויסגעטראָטען אין אַ מלחמה קעגען זיין מושל, און האָט איהם מנצח געווען. נאָכדעם, ווי כורש האָט איינגענומען די הויפּט-שטאָדט פֿון מעדיען, עקבאַטאַנאַ (אחמתה), און אַ סך פּראָווינציעלע שטעדט, האָט ער זיך ערקלערט פֿאַר׳ן קעניג פֿון דער פֿעראייניגטער פּערסישער אימפּעריע (פּרס ומדי), (550).

אין זיין זיגעס-צוג האָט זיך דער זיגער דערנעהענטערט צו די גרעניצען פֿון דער לידישער מלוכה, אין קליין-אַזיען. דער בעריהמטער לידישער קעניג קרעזוס האָט באַלד געשלאָסען אַ פֿערטיידיגונגס-בונד מיט עגיפּטען און די גריכען פֿון לאַקעדעמאָניען, כדי אַלע אינאיינעם צו קעמפֿפֿען קעגען די פּערסער. צו דעם דאָזיגען בונד איז צוגעשטאַנען אויך נאַבונאַיד. נאָר קרעזוס האָט ניט געוואַרט ביז די פֿערבינדעטע וועלען קומען, איז אַליין אַריבער דעם טייך האַליס און איז צוריק קעגען דעם פּערסישען חיל. כורש האָט אינגאַנצען צעקלאַפּט די לידער, האָט איינגעשלאָסען קרעזוסן אין זיין הויפּט-שטאָדט סאַרדעס און האָט איינגענומען די שטאָדט נאָך אַ קורצער צייט און האָט פֿעראייניגט מיט זיין לאַנד גאַנץ קליין-אַזיען ביז׳ן עגעאישען ים (546). דערנאָך האָט כורש אָנגעהויבען זיך גרייטען ענערגיש צום קריג מיט די באַבילאָניער. אַ גרויסע פּערסישע אַרמעע איז אָנגעפֿאַלען אויף די באַבילאָנישע פּראָווינצען, און ס׳איז געווען בעשיינפּערליך, אַז די אַמאָל מעכטיגע און איצט געפֿאַלענע אימפּעריע וועט ניט קאָנען בעשטעהן קעגען דעם דאָזיגען אָנפֿאַל.

די ידיעות וועגען כורש׳ס נצחונות האָבען אַרויסגערופֿען אַ גערודער אין גאַנץ פֿאָדער-אַזיען. אַ בעזונדערס שטאַרקען איינדרוק האָבען די דאָזיגע ידיעות געמאַכט אויף די אידישע פֿערטריבענע, וואָס האָבען זיך געפֿונען אין בבל.

נאך אזא לאנגער צייט, וואס זיי האבען זיך געפונען אין גלות, האבען שוין א סך אידען אויפגעהערט צו האפען אויף א גיכער אויסלייזונג — און מיט א מאל האט א שיין געטאן א שטראהל פון האפנונג. די קלאנגען וועגען כורש'ס גרויסמוטיגקייט, וועגען זיינע מענשליכע בעציהונגען צו די איינגענומענע פעלקער און זיין סבלנות צו אנדערע רעליגיעס — האבען נאך פערשטארקט די דאזיגע האפנונג. די פערטריבענע אידען האבען געהאט א יסוד צו טראכטען, אז נאכדעם, ווי כורש וועט איינעהמען בבל, וועט ער ארויבנעהמען פון זיי די שרעקליכע שטראף, וואס נבוכדנצר האט אויף זיי ארויפגעלעגט, און וועט זיי ערלויבען זיך אומצוקעהרען צוריק קיין פאלעסטינע, נאכדעם ווי זי וועט ווערען אנשטאט א באבילאנישער א פערסישע פראווינץ.

דער נביא פון דער אויפלעבונג (ישעיה דער צווייטער).

§ 5. די אפקלאנגען פון די דאזיגע בעגייסטערטע שטרעבונגען צו אויפלעבונג און פון דער געהויבענער נאציאנאלער שטימונג, וואס האט געהערשט דעמאלט צווישען די אידען אין בבל — זענען דערגאנגען צו אונז אין די רעדעס פון אנאנאנימען נביא, וואס זיינע ווערק — איינע פון די בעסטע שאפונגען פון די נביאים — פערנעהמען דעם צווייטען טייל פון ספר „ישעיה" (קאפיטלען מ'—ס'ו). מחמת דעם, איז אנגענומען אין דער וויסענשאפט אנצורופען דעם „גרויסען אנאנים" מיט'ן נאמען ישעיה דער צווייטער.

דער דאזיגער נביא, וואס האט געלעבט צווישען די גולי-בבל, איז געווען אינגאנצען דורכגעדרונגען מיט'ן אידעאל פון פאליטישער און גייסטיגער בעפרייאונג פון זיין נאציע. אויב אין יחזקאל'ס רעדעס האט זיך אפגעשפיגעלט די לאנגע נאכט פון גלות, מיט אידרע מיסטישע זעהונגען און רוחות, — איז אין די נביאות פון ישעיה דעם צווייטען שיינט דער אפגלאנץ פונ'ם אויפגעהענדען מארגענשטערן, ס'הערט זיך דער ערפרישענדער רוף צו בעפרייאונג, צו א נייעם לעבען, צו א ברייטער טעטיגקייט. דער נביא הערט גאט'ס שטים, וואס איז געווענדט צו די פיהרער פון אידישען פאלק:

„טרייסט, טרייסט מיין פאלק! רעדט צום הארצען פון ירושלים
און זאגט איהר אן, אז געענדיגט איז די צייט פון איהר געפאנגענשאפט,
אז איהר זינד איז בעזייליגט געווארען... א קול רופט: אין דער מדבר
(צווישען בבל און יהודה) מאכט א וועג פאר גאט, גלייכט אויס אין
דער סטעפ א שטעג פאר אונזער גאט!... געהט ארויס פון בבל, איילט
פון כשדים מיט געזאנג, זאגט: גאט האט בעפרייט זיין קנעכט יעקב"
(קאפיטעל מ').

ערפילען גאט'ס ווילען אין דער דאזיגער איבערקעהרעניש האט געדארפט דער עראבערער כורש.

„אַזוי האָט געזאָגט גאָט וועגן זיין משיח כורש: איך האָב גע-שטאַרקט זיין רעכטע האַנט, האָב אים אונטערטעניג געמאַכט פעלקער, פונאַנדערגעגורט די לענדען (אַבגענומען די געווער) ביי מלכים, געעפנט פאַר אים טירען און אָראָפּגענומען די שלעסער פון טויערן (פון שטעדט)... (און דאָס אַלץ האָב איך געטאָן) צוליעב מיין קנעכט יעקב און מיין אויסדערוועהלטען ישראל. און זאָלען אַלע וויסען פון מזרח ביז מערב, אַז ס'איז ניטאָ חוץ מיר — איך בין גאָט — און מעהר קיינער ניט. איך שאַף ליכט און מאַך פינסטערניש, איך מאַך שלום און טו שלעכטס... איך האָב געבילדעט די ערד און האָב בעשאַפען דעם מענשען אויף איהר, מיינע הענד האָבען אויסגעשפּרייט די הימעל-אויסשפּרייטונג, און איך האָב פונאַנדערגעשטעלט איהרע חילות (די שטערען). איך האָב אויפגעהויבען אים (כורש'ן) צוליעב'ן אמת, און איך וועל אויסגלייכען אַלע זיינע וועגען; ער וועט אויפבויען מיין שטאָדט, און מיינע פערטריבענע וועט ער אָבלאָזען" (קאַפּיטעל 45).

אין אַלע נבואות פון ישעיה דעם צווייטען ווערט ענטוויקעלט פאָל-גענדע לאָגישע אידעען-רייהע. די אידישע נאַציע איז שוין אָבגעקומען פאַר איהרע זינד און, ליידט יושר, דאַרף זי בעפרייט ווערען. א פערמיטלער אין דעם דאָזיגען בעפרייאונגס-ווערק דאַרף זיין כורש. פיעל אידען וועלען ניט פער-שטעהן, פאַרוואָס איז עפּים אַזאַ שליחות אַרויפגעלעגט געוואָרען ניט אויף אַ אידען, נאָר אויף אַ פרעמדען. נאָר דער נביא ערקלערט, אַז גאָט האָט מיט אַ כיון אויסגעקליבען דעם גרויסען עראָבערער, וואָס האָט געווירקט אויפ'ן גורל פון אַ סך מלכים און מלוכות, בכדי ער זאָל בעפרייען זיין פאָלק. די ערשטע טערטע וועלט וועט איינזעהן, אַז דער זעלבינער גאָט, וואָס האָט איבערגעגעבען מעכטיגע מלוכות אין כורש'ס הענד, האָט געמאַכט דעם לעצטען פאַר אַ גע-צייג פון דער אויפלעבונג פון דער קליינער אידישער נאַציע; אַז די שטאָלצע בבל איז געפאַלען צוליעב דעם, בכדי די אידישע געפאַנגענע זאָלען בעפרייט ווערען. דערפון וועלען אַלע קומען צו דער מסקנא, אַז דער גאָט פון די אידען איז אויך דער גאָט פון אַנדערע פעלקער. פאַרוואָס-זשע איז דאָס? — דערפאַר, וויל דער אידישער גאָט איז ניט אַ מעשה ידי אדם, געמאַכט פון מענשען'ס הענד, אַזוי ווי די אָבגעטער פון די אַנדערע פעלקער, נאָר ער אַליין איז דער בעשעפער פון הימעל און ערד, דער רעגירער איבער וועלט און מענשען, דאָס קען נאָר בעגרייפען ווערען דורכ'ן שכל פון די אויסדערוועהלטע.

„מיט וועמען וועט איהר פערגלייכען גאָט, וואָס פאַר אַ געשטאַלט וועט איהר פאַר אים אויסטראַכטען? (שוין-זשע וועט איהר אים פערגליי-כען) מיט דעם געצענבילד, וואָס אַ מייסטער האָט אָבגעגאָסען, און אַ שמיד האָט מיט גאָלד בעשלאָגען, האָט צוגעמאַכט צו אים זילבערנע קיי-טען?... צי דען ווייסט איהר ניט, צי דען האָט איהר ניט געהערט?

צי דען איז אייך שוין לאנג ניט אנגעזאגט געווארען? גאט איז דער, וואס זיצט איבער'ן קרייז פון דער ערד, און אירע איינוואוינער זענען פאר איהם דאס אייגענע, וואס היישעריקען; דער וואס האט אויסגעשפרייט דעם הימעל, ווי א טעפּיך, און האט איהם אויפגעשלאגען ווי א געצעלט אויף צו וואוינען: ער פערוואנדעלט פירשטען אין גארנישט און ערדישע רעגירער אין תהו (כאאס)" (קאפ. מ').

הייסט עס, אז די אידעע פון א וועלט-בעשעפער, די אידעע פון העכסטען עצם, וואס רעגירט איבער'ן גורל פון דער מענשהייט און די פארשטעלונג וועגען יאהווע, דעם ספּעציעלען בעשיצער פון ישראל — גיסען זיך דא צונויף אין איין אידעע פון א וועלט-גאט. דער נאציאנאלער גאט פון די אידען ווערט אן אוניווערסאלער, איינציגער גאט. ס'איז ניטא קיין גאט, חוץ יאהווע, און ישראל איז פון איהם אויסדערוועהלט געווארען און דארף זיין נאמען פערשפּרייטען איבער דער וועלט — דאס איז דער לאזונג, וואס איז געדרונגען פון ישעיה II אלע רעדעס. „גאטס קנעכט“ — דאס איז זיין ליעבלינגס-עפּיטעט, וואס ער ווענדט איהם אן אפט צום אידישען פאלק. דאס דאזיגע פאלק, וואס איז בערופען צו פערווירקליכען דעם אידעאל פון העכסטען אמת און גערעכטיגקייט, האט געמוזט איבערלעבען פּורעניות און ערנידערונגען, און אויסשטעהן רדיפות צווישען אלע פעלקער, נאר סוף כל סוף וועט עס טריאומפירען: עס וועט זיין א „ליכט פאר די פעלקער“, דער פאהנען-טרעגער פונם אמת פאר דער גאנצער מענשהייט. ס'איז, אויף אזא אופן, אריבערגעווארפען א בריק צווישען נאציאנאליזם און אוניווערסאליזם. דאס אידישע פאלק, הגם עס איז א בעזונדערע נאציע, ארבייט צוגלייך צום נוצען פון דער מענשהייט. עס בעהאלט ניט עגאאיסטיש זיינע גייסטיגע אוצרות, נאר עס צעטיילט זיי צווישען אלעמען, ווער עס נויטיגט זיך אין זיי, ווארום דאס איז זיין מיסיע. דער גלות-בבל האט געדארפט מיטווירקען, אז די נאציאנאלע רעליגיע זאל איבערגעהן אין אן אוניווערסאלע: דאס איז א שול פאר א פאלק-א מיסיאנער, וואס האט געדארפט א סך אויסשטעהן, מיט פיעלען זיך צוזאמענשטויסען, בכדי גוט צו ערפילען זיין מיסיע.

דער נביא שטעלט זיך אבער ניט אב אויף דעם דאזיגען אידעאל פון א ריין-גייסטיגער נאציע. איהם ציהט אן אין דער נאהענטער צוקונפט די פערספּעקטיווע אויף א פּאליטישער אויפלעבונג פון אידישען פאלק. אויסגעלייטערט דורך די צרות, דארף די נאציע אומקעהרען זיך אין פאטערלאנד און דארט בעווייזען דער וועלט א מוסטער פון גייסטיגער מאכט ביי א לפי-ערך-דיגער פּאליטישער שוואכקייט. דער נביא זאגט צו דער בעפרייטער נאציע ניט א מיליטערישע מאכט, ניט די ממשלה איבער אנדערע פעלקער דורכ'ן שווערד און געוואלד-טאטען, נאר די עראבערונג פונ'ם פערשטאנד און הארץ דורך פערשפרייטען די אידעען פון גוטס און אמת.

אין דער רעליגיע גיט ישעיה דער צווייטער אָב דעם ערשטען אָרט ניט, ווי יחזקאל הנביא, די אויסווייניגסטע צערעמאָניעס, נאָר די מדות טובות. אין שאַרפֿע ווערטער טאַדעלט ער די אויסווייניגסטע תשובה, וואָס דריקט זיך אויס נאָר אין תעניתים און תפֿלות, און אין דערזעלביגער צייט בעסערט ניט דער בעל-תשובה זיינע מדות. אין ישעיה II-טענס נביאות וועגען דער צוקונפֿטיגער בענייטער מלכות-יהודה פֿערנעהמט ניט דער בנין בית-המקדש אַזאַ ווילטיגען אָרט, ווי אין יחזקאלס נבואות. דעם ערשטען איז אויך פֿרעמד דעם לעצטענס געפֿעלדיגער מיסטיציזם. אין ישעיה II-טענס רעדעס איז מעהר פֿאַרהאַן אַ ליכטיגע, לעבענס-פֿריידיגע שטימונג: אין זיי קלינגט אַ מונטערער רוף צו טעטיגקייט, און ניט צו פּאַסיווער ערוואַרטונג.

„וואַך אויף, וואַך אויף, קליידע זיך אָן מיט גבורה, ציון; טו אָן דיינע גלענצענדע קליידער, ירושלים, דו הייליגע שטאָדט, וואָרום מעהר וועט אין דיר ניט אַריינגעהן קיין ערל וטמא! שאָקעל אַראָב פֿון זיך דעם שטויב, שטעה אויף און שטאַרק דיך, ירושלים! בינד פֿונאַנדער די קייטען אויף דיין האַלז, דו געפֿאַנגענע טאָכטער פֿון ציון!“

„ציון זאָגט: פֿערלאָזען האָט מיך יאַהווע, מיין גאָט האָט מיך פֿערגעסען. נאָר צי קאָן פֿערגעסען אַ פֿרוי איהר קינד און ניט רחמנות האָבען אויף איהר לייבס-פֿרוכט? ווען אַפֿילו זי זאָל פֿערגעסען, וועל איך (גאָט) דיך ניט פֿערגעסען. אָט איילען שוין צו דיר דיינע קינדער, און דיינע צעשטערער געהען אַוועק פֿון דיר. הויב אויף דיינע אויגען און קוק זיך אַרום: זיי אַלע (דיינע קינדער) האָבען זיך צונויפֿגעקליבען און זענען געקומען צו דיר... זיי וועלען אויפֿבויען דיינע חורבות, און מ'וועט זיין ענג אין דיר מחמת די פֿיעלע איינוואוינער“.

„ווי שען זענען אויף די בערג די פֿיס פֿונ'ם מבשר, וואָס זאָגט אָן שלום, וואָס רופֿט אויס גליק און רעטונג, וואָס זאָגט צו ציון: דיין גאָט איז קעניג געוואָרען! דיינע היטער האָבען אויפֿגעהויבען זייערע שטימען און זינגען אינאיינעם, וואָרום אויג אין אויג זעהען זיי, אַז גאָט קעהרט זיך אום קיין ציון“. (קאַפּ. נ״ב, מ״ט).

דער אונטערגאַנג פֿון בבל און די בעפֿרייאונג פֿון די אידען.

§ 6. די אָנגעשטרענגטע ערוואַרטונגען פֿון די אידען, וואָס זענען געוואָרען אַרויסגערופֿען דורך די קלאַנגען וועגען כורשים נצחונות, זענען אין גיכען מקוים געוואָרען, הגם ניט אין דער אידעאַלער פֿאָרם, וואָס אין איהר האָט דער בעגייסטערטער כח-הדמיון פֿון די נביאים זיך פֿאָרגעשטעלט די דאָזיגע איבערקעהרעניש. אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך קריג קעגען לידיען האָט כורש זיך געלאָזט געהן מיט זיין חיל צו דער הויפּט-שטאָדט פֿון באַבילאָניען, נאָכדעם

ווי ער האט פריהער איינגענומען די באבילאנישע פראווינצען. אין יאהר 539 איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען די פערסער און די באבילאניער ניט ווייט פון סיפאר. די דאזיגע גרויסע שטאדט האט זיך אונטערגעגעבען די פערסער. דער זארגלאזער באבילאנישער קעניג נאבונאיד האט ניט ארויסגעוויזען קיין געהעריגען ווידערשטאנד קעגען דעם שונא. א טייל פון דער באבילאנישער בעפעלקערונג האט, ווי עס ווייזט אויס, מורה געווען קעגען דעם שוואכען קעניג און האט בעגריסט דעם פערסישען זיגער. די פערסער זענען אונטער דער אנפיהרונג פון גאבריאס (אוגבאר) אריינגעטראטען אהן א קאמפף אין בבל. נאבונאיד'ן האט מען אראבגעווארפען פון זיין מלוכה.

אין גיכען, אין חודש מרחשון, איז אנגעקומען אין דער הויפט־שטאדט כורש גופא. ער האט ערקלערט בבל פאר זיינע א קעניגליכע רעזידענץ און האט דארט אוועקגעשטעלט זיינעם א פערוואלטער. כורש האט זיך פערהאלטען זעהר ליבעראליג צו די בעזיגטע און אפילו ארויסגעוויזען יראת־הכבוד צו זייערע נאציאנאלע געטער, הגם אליין איז ער געווען א מאמין אין דער רעליגיע פון ארמוזד.

דאס זענען די היסטארישע אויספיהרונגען פון די ערצעהלונגען וועגען פאלען פון בבל, וואס זענען געפונען געווארען אין די עלטסטע קלינעס־אויפשריפטען און אין די באבילאנישע כראניקען. אין אנאנדער געשטאלט דערצעהלען וועגען דעם די גריכישע מקורים (העראדאטוס און קסענאפאן). לויט זייערע ווערטער האבען די באבילאניער בעגעגענט כורש'ן מיט געוועהר אין די הענד. נאכדעם, ווי זיי זענען בעזיגט געווארען אין די ערשטע געשלעגען, האבען זיי זיך איינגעשלאסען אין בבל, מחמת זיי האבען געהאפט, אז דער שונא וועט ניט קאנען איינגעהמען די דאזיגע שטאדט, וואס איז ארומגערינגעלט מיט דיקע מויערן און שטארק בעפעסטיגט. כורש האט לאנג בעלעגערט בבל אהן ערפאלג. נאר דערנאך האט ער געפונען א מיטעל, ווי אזוי איינצונעהמען די שטאדט. ער האט אבגעפיהרט די וואסער פון פרת, וואס איז דורכגעפלאסען דורך די הויפט־שטאדט, אין א גרויסער אזערע, וואס איז געווארען אויסגעגראבען הינטער'ן שטאדט. איין מאל, אז די באבילאניער האבען זיך זארגלאז משמח געווען צוליעב זייער'ן א יום־טוב, האבען די פערסער אומבעמערקט זיך אריינגעשלייכט איבער דעם גרונד פון פרת אין דער שטאדט און האבען זי איינגענומען.

צום טייל ערהנליך צו דעם איז די ערצעהלונג פון די שפעטערדיגע אידישע מסורות, וואס זענען אריין אין ספר „דניאל“. אין דער דאזיגער לעגענדארישער ערצעהלונג זענען אומגעענדערט הן די כראנאלאגיע, הן די נעמען פון די פערזאנען. דער לעצטער באבילאנישער קעניג, וואס די פערסער האבען אוהם אראבגעווארפען, איז אנגערופען דא בלשצר (בילסאר־אוסור איז, לויט די אויפשריפטען, געווען נאבונאיד'ס א זוהן). דער דאזיגער קעניג האט אמאל געמאכט א גרויסען מאלצייט פאר זיינע שרים און האט געהייסען ברענגען די

פּאַלאַץ די כּלים, וואָס אַמאָל האָט זיי נבוכדנצר אַרויסגעפֿירט פֿון בית־המקדש אין ירושלים. בשעת דער קעניג און זײַנע געסט זענען געזעסן אַרום טיש און האָבן געטרונקען ווײַן פֿון די הייליגע בעכערס, האָט זיך באַוויזן אויף דער וואַנד קעגן טיש אַ סודות־פֿולע האַנט און האָט דאָרט אויפֿגעשריבן עפּיס אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער. דער קעניג האָט זיך דערשראָקן און האָט געלאָזט רופֿן זײַנע מאַגן, כּדי זיי זאָלן דערקלערן די אויפֿשריפֿט, נאָר די מאַגן האָבן עס ניט געקאָנט. דאַן האָט מען גערופֿן דעם אידישן חכם דניאל. דניאל האָט באַלד דערקלערט די אויפֿשריפֿט און האָט געזאָגט: „דאָ זענען אויפֿגעשריבן פֿאָלגענדע (אַראַמישע) ווערטער: מנא מנא תקל ופֿרסין. דאָס באַטײַט: ס'איז געציילט, געוואויגן און צעטיילט. ס'זענען געציילט די טעג פֿון דײַן קיניגן, ס'זענען אָפּגעוואויגן אויף אַ וואָגשאָל אַלע דײַנע שלעכטע מעשׂים, און דײַן מלוכה איז צעטיילט צווישן די מעדיער און פּערסער". די דאָזיקע נבואה איז מקוים געוואָרן: דיזעלביקע נאַכט איז בלשצר, דער קעניג פֿון בבל, דערהרגעט געוואָרן. זײַן ממשלה איז איבערגעגאַנגען צו דריוש מלך מדי.

אין דער דאָזיקער פּאָעטישער ערצעהלונג האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט די פֿאָרשטעלונג פֿון פֿאָלק וועגן דעם, אַז דער אונטערגאַנג פֿון דער אַלמעכטיגער בבל איז דאָס געקומען, ווי אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר'ן חורב מאַכן ירושלים און פֿאַר פֿאַרשוועכן דעם בית־המקדש.

די אידישע פֿערטריבענע, וואָס האָבן געוואוינט אין בבל, האָבן מיט גרויס פֿרייד באַגעגנט דעם גרויסן פּערסישן קעניג, וואָס אין אים האָבן זיי געזען זייער גואל פֿון דער פֿופֿציג־יאָריגער קנעכטשאַפֿט. נאָך פֿריִער, אַפּנים, זענען דערגאַנגען צו כּורש'ן קלאַנגען וועגן דעם, אַז די אידן לייגן אויף אים גרויסע האָפֿנונגען, און אַז די אידישע נביאים האָבן אים געלויבט, ווי אַ שליח פֿון גאָט. נאָכדעם, ווי בבל איז איינגענומען געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך שטאַרקער די סימפּאַטיע פֿון די פֿערטריבענע צום זיגער. כּורש, וואָס איז געווען בכלל גרויסמוטיג בנוגע צו בעזיגטע און טאָלעראַנט בנוגע צו פֿרעמדע רעליגיעס, האָט געמוזט הויך שאַצן די סימפּאַטיעס פֿון דער אונטערדריקטער נאַציע, וואָס האָט געהאָפֿט דורך אים באַפֿרײַט צו ווערן (און וואָס האָט אפֿשר — דורך אירע פֿאָרשטעהער — געבעטן אים וועגן דעם). דערפֿאַר, האָט עס אים אין פּאָליטישער הינזיכט געלוינט צו ערלויבן די אידן זיך אומקערן אין פֿאָטערלאַנד, און געבן זיי די מעגליכקייט ווידער ברענגען אָרדנונג אין דער חרובֿער פּאַלעסטינע, וואָס זאָל בלײַבן אַ פּערסישע פּראָווינץ. פּאַלעסטינע, וואָס וואָלט געווען באַוואוינט פֿון אַ דאַנקבאַרן און איבערגעבענעם פֿאָלק, וואָלט געדינט כּורש'ן פֿאַר אַ וויכטיגן שוץ קעגן די פֿײַנדליכע אָנפֿאַלן מצד די עגיפּטער, וואָס מיט זיי האָט ער זיך געגרייט פֿירן מלחמה. דאָס אַליין האָט געמוזט באַוועגן דעם פּערסישן עראָבערער צו ער־

פילען דעם הייסען פערלאנג פון די אידישע פערטריבענע, וואס ער האט געפונען אין בבל.

אין יאהר 538 האט כורש ארויסגעגעבען די אידען אערלויבניש זיך אומצוקעהרען אין זייער פאטערלאנד, צוריק אויפצובויען ירושלים און דעם בית־המקדש. אין תנ"ך ווערט דערצעהלט, אז כורש האט ארויסגעגעבען וועגען דעם א ספעציעלע שריפטליכע פעראָרדנונג, וואס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער גאנצער פערסישער אימפעריע. פאר'ן ערשטען פערוואלטער פון לאנד יהודה האט דער פערסישער מאנארך בעשטימט א געוויסען ששבצר, וואס איינגע רעכענען איהם פאר א פערסער, און אנדערע — פאר א אידען.

אומצוציען זיך מיט דער ערקלערטער פרייהייט האבען געקאנט אבער די ערשטע צייטען ניט אלע פערטריבענע אידען. ס'איז ניט געווען גרינג פאר א צאהלרייכער בעפעלקערונג, וואס האט זיך איינגעלעבט אין בבל אין משך פון 60 אדער 50 יאהר, צו פערלאזען די נייע היים, זייערע הייזער, פעלדער און גערטנער און זיך איבערקלייבען אין דער וויטער פאלעסטינע. א סך האבען זיך אבגעשטעלט, מחמת זיי האבען מורא געהאט, אז אין חרוב'ען פאטערלאנד וועט זיך זיי ערגער לעבען, איידער אין „גלות־לאנד". פונדעסטוועגען האבען זיך איינגעפונען ביז 50,000 מאן אזעלכע, וואס זענען גערן געווען זיך אומצוקעהרען אין זייער געבאָרען־לאנד[6]. צווישען זיי זענען געווען א סך כהנים און לויים. בראש פון די שבי־גולה זענען געשטאנען א פרינץ פון דוד'ס הויז, זרבבל (אַנ'איינקעל פון קעניג יהויכין, וואס איז געשטארבען אין בבל), און דער כהן ישוע בן יהוצדק, אנ'איינקעל פון כהן־גדול שריה, וואס נבוכדנצר האט איהם דערהרג'עט[7]. די דאזיגע צוויי פיהרער, וואס איינער פון זיי איז געווען א געזעצליכער יורש פון דער קעניגליכער ממשלה, און דער אנדערער איז געווען א פארשטעהער פון דער גייסטליכער דינאסטיע פון מלכות־יהודה, — האבען בעקומען פון כורש'ן בעשטימטע פאלמאכטען[8].

[6]) לויט די יחוס־בריעף פון ספר „עזרא" איז די ערשטע פארטיע פון די שבי־גולה בעשטאנען פון 42,360 פרייע מענשען, 7337 שקלאפען און שקלאפינען און 200 זינגער. מחמת עס איז ניט בעשטימט, וואס עס בעטייט די ערשטע צאהל: צי די צאהל פון נפשות אדער די צאהל פון די משפחות, — דעריבער זענען פאראן א סך היסטאריקער, וואס זענען משער, אז אינגאנצען האבען זיך צוריקגעקעהרט ביז 200,000 מענשען.

[7]) לויט'ן סדר הדורות פון ספר דברי־הימים א', קאפ. ה' 40; זעה די אלגעמיינע אידישע געשיכטע, I, S 116.

[8]) ס'איז נאך ניט אויסגעקלערט, וואס פאר א שייכות עס האט געהאט ששבצר, וואס איז געווען דער ערשטער אידישער „פירשט" (נשיא, פחה), צו זרבבל'ן, וואס ווערט אין תנ"ך אויך אנגערופען „דער פערוואלטער פון יהודה" (פחת יהודה). איינגע פארשער זענען משער, אז ששבצר איז נאר דער פערסישער נאמען זרבבל'ס; אנדערע נעהמען אן, אז זרבבל איז

אין ספר „עזרא" (קאַפּ. ה') ווערט דערצעהלט, אַז כורש האָט באַפוילען צוריק אָבצוגעבען די אידען די הייליגע כלים, וואָס נבוכדנצר האָט אַוועקגערויבט פון בית־המקדש, און האָט אַפילו געהייסען אַרויסגעבען פון דער מלוכה־קאַסע (מסתמא פון די הכנסות פון דער אידישער פּראָווינץ) אַ בעשטימטע סומע געלד אויף די הוצאות צום בויען דעם בית־המקדש. די אידען, וואָס זענען געבליבען אין בבל, האָבען אונטערשטיצט די שבי־גולה מיט געלד, לאַסט־בהמות און שפּייז־פּראָדוקטען. דער נאַציאָנאַלער געפיהל איז געוועזען שטאַרק אויך ביי די, וואָס זענען געבליבען; זיי האָבען געקוקט אויפ'ן בית־המקדש, ווי אויף זייער רעליגיעזען צענטער, און דאָס לאַנד יהודה האָבען זיי בעטראַכט, ווי זייער אמת'ן פאָטערלאַנד, וואוהין אַ סך פון זיי האָבען געהאָפט שפּעטער זיך אומצוקעהרען.

אין יאָהר 537 האָבען זיך מאַסען אידען געלאָזט געהן פון בבל צוריק אין פאָטערלאַנד, וואָס נאָך אידם האָבען אַזוי שטאַרק געבענקט צוויי דורות פון די פערטריבענע. די פּלוצלינגדיגע בעפרייאונג פון קנעכטשאַפט האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, ווי אַ נס מן השמים אָדער אַ צויבערפולער חלום. אַ שפּעטערדיגער קאַפּיטעל תהלים גיט איבער די פרעהליכע שטימונג פון די שבי־גולה.

אַז גאָט האָט אומגעקעהרט ציון'ס געפאַנגענשאַפט,
זענען מיר, ווי אין חלום געוועזען;
דאַן איז מיט פרייד־געלעכטער פול געוואָרען אונזער מויל,
און אונזער האַרץ — מיט געזאַנג.
דעמאָלט פלעגט מען רעדען צווישען די פעלקער:
„גאָט האָט גרויסעס געטאָן מיט די דאָזיגע!"
גאָט האָט מיט אונז גרויסעס געטאָן,
פריידען פול זענען מיר געוועזען!

געוועזען פחה נאָך ששבצר'ן, וואָס איז באמת געוועזען אַ פערוואַלטער די ערשטע יאָהרען פון דער רעסטאַווראַציע.

צווייטער קאפיטעל.

די ערשטע רעסטאווראציע; זרובבל און ישוע.

(537—516 און ווייטער).

דער צושטאנד פון לאנד יהודה. — די בעניי־אונג פון דער עבודה און די ערשטע שוועריגקייטען. — דער נייער בית־המקדש. — חגי און זכריה. — א טונקעלע צייט. — די לעגענדע וועגען אסתר המלכה.

דער צושטאנד פון יהודה.

§ 7. אין א טרויעריגען צושטאנד האט זיך געפונען דאס לאנד יהודה אין יענער צייט, ווען די ערשטע פארטיע פון די שבי־גולה האט זיך צוריקגעקעהרט אהין. דער צענטער פון לאנד — ירושלים און די סביבה — איז געוועזן כמעט אהן איינוואוינער און האט נאך געטראגען אויף זיך סימנים פון חורבן, וואס נבוכדנצר האט געלאזען נאך זיך. אין דער פראווינץ האבען געוואוינט צעווארפען די ארימע אידישע דארפס־איינוואוינער, וואס דער באבילאנישער עראבערער האט דארט איבערגעלאזט. זיי האבען איינגענומען ניט די גאנצע טעריטאריע פון לאנד יהודה. א בעדייטענדען טייל פון דער דאזיגער טעריטאריע האבען פערכאפט די שכנישע פעלקער, וואס האבען אייגענוצט די שוואכקייט פון די ארטיגע איינוואוינער. די אלטע שונאים פון אידישען פאלק, די אדומים, האבען איינגענומען דעם דרום־קאנט פון מלכות־יהודה, דעם פעלזען־רייכען „נגב", וואס האט זיך געגרעניצט מיט זייער לאנד, און האבען געשטרעבט צו פערכאפען נאך געגענדען. די עמונים, וואס האבען געוואוינט אין מזרח־זייט, אויף יענער זייט ירדן, זענען, ווי עס ווייזט אויס, גרופענווייז אריינגעדרונגען אין מלכות־יהודה און האבען זיך דארט בעזעצט[1]. אין צפון־זייט, אין געוועזענעם קעניגרייך ישראל, האבען געוואוינט די שמרונים, וואס זענען געוועזן א מישפאלק פון די אלטע בני־ישראל מיט די אסירער[2]. אזוי געמישט איז אויך געוועזן די רעליגיע פון די שמרונים: זיי האבען אבגעהיט דעם האלבהיידנישען קולט פון יאהווע, וואס האט געהערשט אין געוועזענעם קעניגרייך ישראל, און דערביי האבען זיי צוגעמישט די מנהגים פון זייערע עלטערן. סיי לויט

[1] נאך אין דער צייט פון חורבן־ירושלים האט דער עמונישער קעניג בעלים געהאט בעציהונגען מיט ישמעאל בן נתניה, דעם מערדער פון גדליה (אלג. איד געש. I § 117).

[2] דארט גופא, § 103.

זייער ראַסע, סיי לויט זייער רעליגיע זענען די שומרונים געווען נאָר האַלבע אידען.

אַרומגערינגעלט פֿון אַזעלכע שכנים, האָבען די אידען געדאַרפֿט אָנווענדען ניט ווייניג מיה און מאַטעריניש, כּדי ווידער צו ווערען די בעלי-בתים איבער זייער פֿריהערדיגער טעריטאָריע און אײַנשטעלען די צעשטערטע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג. זי איז אויסגעקומען פֿון איין זייט אַרויסצושטופּען די פֿרעמדע פֿון די אידישע געגענדען, וואָס יענע האָבען פֿערכאַפּט, און פֿון דער אַנדער זייט — ווידער אויפֿבויען ירושלים און די אַנדערע שטעדט, וואָס זענען געווען חרוב. די ערשטע צייטען האָבען זיי ניט געקאָנט אויסערפֿילען די דאָזיגע שווערע אויפֿגאַבע אָהן דער הילף מצד דער פּערסישער רעגירונג. נאָר, ווי ס׳ווייזט אויס, איז די דאָזיגע הילף געווען אומבעדייטענד. די נייע עראָבערער האָבען נאָך ניט בעוויזען אײַנצושטעלען אָרדנונג אין דער נייער פּאַלעסטינישער פּראָווינץ, וואָס זיי האָבען אײַנגענומען. אין ס׳איז ניט בעוואוסט, אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט די הילף, וואָס זיי האָבען געגעבען די אידען. לויט איין ידיעה, וואָס מיר געפֿינען אין תנ״ך, האָט גענומען א טעטיגען אָנטייל אין דער רעסטאַוראַציע דער אידישער פֿערוואַלטער ששבצר, וואָס כּורש האָט אים בעשטימט (§ 6). אַן אַנדער מסורה שרייבט צו די דאָזיגע ראָל פֿון פֿירער צווייען פֿון די שבי-גולה: דעם פּרינץ זרבבל און דעם כּהן ישוע. פֿאַר זיכער קאָן מען אָננעהמען נאָר דאָס, אַז די ערשטע פּאַרטיע פֿון די שבי-גולה האָבען זיך בעזעצט אין ירושלים גופֿא און אין דער נאָהענטסטער אומגעגענד. און האָבען אויף אַזאַ אופֿן געבילדעט א קליינע קאָלאָניע פֿאַר זיך.

די בענייאונג פֿון דער עבודה און די ערשטע שוועריגקייטען.

§ 8. איינע פֿון די ערשטע זאָרגען פֿון די צוריקגעקומענע אידען איז געווען — ווידער אָנצוהויבען דעם גאָטעסדינסט אין ירושלים. דאָס האָט געפֿאָדערט דער אָנגעשטרענגטער רעליגיעזער געפֿיהל פֿון פֿאָלק, וואָס האָט סימבאָליש צונויפֿגעבונדען זיין בעפֿרייאונג מיט יאַהווע׳ס ווידערקעהר אין זיין הייליגער שטאָדט און אין זיין בית-המקדש. אַז עס איז אָנגעקומען דער זיבעטער חודש, תשרי, ווען עס פֿאַלען די גרויסע האַרבסטיגע ימים-טובים, האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אין ירושלים א סך מענשען פֿון די אַרומיגע שטעדט. אויף יענעם אָרט, וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען דער מזבח אין בית-המקדש, איז אויסגעבויט געוואָרען א נייער מזבח, און מען האָט ווידער אָנגעהויבען ברענגען קרבּנות, וואָס זינט דעם חורבן-ירושלים האָט מען עס אָבגעשאַפֿט.

באַלד נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען זיך צו גרייטען צום בויען א נייעם בית-המקדש, אויפֿן אָרט פֿונ׳ם חורבּ׳ן. מען האָט געשלאָסען אָבמאַכען מיט די צורים און צידונים, וואָס האָבען זיך מתחייב געווען צוצושטעלען, פֿאַר

געצאָהלט אין געלד און נאַטור-פּראָדוקטען, צעדערן-האָלץ פון לבנון; מען האָט אויך געדונגען אַרבייטער אויף אויסהאַקען און אַרומהאַקען שטיינער פון די בערג.

אַז די דאָזיגע הכנות זענען פאַרטיג געוואָרען, איז מען צוגעטראָטען צום לעגען דעם פונדאַמענט פונ'ם נייעם בית-המקדש. דאָס איז געווען אין פריהיאָהר-חודש איר, אין צווייטען יאָהר זינט די געפאַנגענע האָבען זיך אומגעקעהרט אין זייער געבאָרען-לאַנד. די פיהרער און עלטסטע פון פערשיעדענע געמיינדעס זענען אָנגעקומען קיין ירושלים אויפ'ן יום-טוב פון יסוד-בית-המקדש. די כהנים האָבען זיך פון דאָס-ניי באַקליידעט אין זייערע הייליגע קליידער; די לויים פון דער משפחה אסף האָבען געזונגען דאַנקליעדער מענינא-דיומא, וואָס ביז איצט זענען זיי פערבליבען אין ספר תהלים, און ווייט אַרום האָט מען געקאָנט הערען די פריידענס-געשרייען פון פאָלק. צווישען דעם דאָזיגען פריידליכען המון זענען געשטאַנען ישישים און האָבען געוויינט אויפ'ן קול: די דאָזיגע ישישים האָבען נאָך געזעהן דעם ערשטען בית-המקדש און זיין גאַנצער פּראַכט, און איצטער, ווען זיי האָבען פערגליכען דעם נאַר-וואָס אָנגעהויבענעם בעשיידענעם בנין מיט'ן אַלטען בית-המקדש, האָבען זיי ניט געקאָנט איינהאַלטען זייערע טרערען. „און דאָס פאָלק — דערצעהלט דער תנ"ך — האָט ניט געקאָנט אונטערשיידען די פריידענס-געשרייען פונ'ם הויכען געוויין".

נאָך ווייטער בויען דעם בית-המקדש איז ניט מעגליך געווען איבער די אונטריגעס מצד די „פיינד פון יהודה און בנימין". דאָס זענען געווען די שכנישע פעלקער, וואָס האָבען פערנומען א טייל פון דער אידישער טעריטאָריע און וואָס האָבען ניט געוואָלט, אַז אין ירושלים זאָל זיך בילדען א נייער צענטער פאַר'ן אידישען פאָלק.

אויך די שמרונים האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס פיינד פון די אידען. בשעת זרבבל און די אידישע עלטסטע האָבען אָנגעהויבען בויען דעם בית-המקדש, זענען געקומען צו זיי שלוחים פון די שמרונים און האָבען ערקלערט, אַז זיי, די שמרונים, ווילען אויך דיענען דעם גאָט פון ישראל, און דעריבער ווילען זיי נעהמען א חלק אין בויען דעם בית-המקדש. ווי עס ווייזט אויס, איז דער דאָזיגער פערלאַנג פון די שמרונים אַרויסגערופען געוואָרען ניט פון זייער פרומקייט, נאָר מחמת זיי האָבען גערעכענט, אַז דער בונד מיט די אידען קאָן זיי ברענגען טובות אין פּאָליטישער הינזיכט. זרבבל און די עלטסטע האָבען בעשלאָסען צו פערוואַרפען דעם פאָרשלאַג פון די שמרונים. זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט דער בונד מיט די האַלב-היידנישע שכנים ווידער ברענגען דערצו, עס זאָלען זיך פערשפּרייטען צווישען די אידען פערקעהרטע רעליגיעזע השגות און פערדאָרבענע מדות. די שמרונים זענען אין כעס געוואָרען דעריבער, וואָס מען האָט זיי אָבגעזאָגט, און האָבען אָנגעהויבען מיט גרויס רשעות רודף זיין די ירושלמ'ער געמיינדע און שטערען אַלע אידישע אונטערנעהמונגען, אַמאָל דורך גוואַלד, אַמאָל דורך רמאות. זיי פלעגען אונ-

טערהעצען אויך די פערסישע בעאַמטע קעגען די אידען, און אַז יענע פלעגען זיך ווענדען מיט זייערע אָנקלאַגען צו דער העכערער פערסישער רעגירונג, האָבען זיך די שומרונים געמיהט דורך שוחד און אינטריגעס מאַכען צו-נישט זייער השתדלות.

אין משך פון יענער צייט האָבען די אידען געדאַרפט אויסצושטעהן נאָך שווערע נסיונות. כורש איז געשטאָרבען און נאָך איהם איז געוואָרען קעניג זיין זוהן קאַמביזעס (529—522). קוים איז דער נייער קעניג אַריפגעשטיגען אויף זיין טראָן, איז ער שוין אַרויס אין מלחמה קעגען עגיפטען און עטיאָפיען. אַבטיילונגען פון דער גרויסער פערסישער אַרמעע זענען דורכגעגאַנגען דורך פאַלעסטינע, און דאָס לאַנד האָט איבערגעטראָגען אַלע פורעניות פון אַ קריגס-צייט. די שכנישע האַלב-ווילדע פעלקער האָבען בעאונרוהיגט די אידען דורך זייערע אָנפאַלען און אויסגענוצט די קריגס-מהומות, בכדי אָבצוטון אַלערליי געוואַלדטאַטען. אויף שוץ מצד דער פערסישער רעגירונג איז שווער געווען זיך צו ריכטען: זי איז געווען פערנומען מיט איהרע אייגענע עסקים. נאָכדעם, ווי קאַמביזעס האָט זיך אומגעקעהרט פון בעריהמטען עגיפטישען קריג, איז ער געשטאָרבען אין סיריען און דעם פערסישען טראָן האָט פערכאַפט גומאַטאַ (דער פאַלשער סמערדיז); די מלוכה-אָרדנונג איז דורך דעם שטאַרק געשעדיגט געוואָרען.

חוץ דעם, וואָס מלכות-יהודה איז געווען פאָליטיש שוואַך, איז צוגעקומען נאָך אַ צרה. איניגע יאָהר נאָכאַנאַנד זענען געווען אין לאַנד ניט-גערעטענישען, צום טייל מחמת דעם, וואָס די ערד איז געווען פערלאָזען און וואָס די נייע קאָלאָניסטען זענען ניט געווען צוגעפאַסט צו די תנאים פון דער אָרטליכער ערדאַרבייט. די פערדיענסטען זענען געווען שוואַכע; דער האַנדעל האָט ניט געקאָנט זיך ענטוויקלען, מחמת די קאַראַוואַנען-וועגען זענען געווען מסוכנדיגע איבער די שטענדיגע מהומות און קריג אין פערסיען. ירושלים האָט זיך נאָר פאַמעליך דערהויבען פון די חורבות, און איהר בעפעלקערונג איז געווען זעהר אונבעדייטענד. די שטימונג ביים פאָלק איז געווען אַ געדריקטע, די אבלות פון גלות האָט כמעט ווי ווייטער געדויערט. די תעניות-צבור, וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרען אין בבל (§ 2), פלעגט מען אָבהיטען, ווי פריהער.

דער נייער בית-המקדש; חגי און זכריה.

§ 9. אַ גינסטיגערע צייט איז אָנגעקומען פאַר אידען, בשעת **דאַריוס היסטאַספעס** (דריוש, 521—485) איז געוואָרען קעניג אין פערסיען. דריוש האָט איינגעשטעלט צוריק די מלוכה-אָרדנונג אין פערסיען און איהרע פראָווינצען. ער איז, אפנים, געווען גוט-גינציג צו אידען, און פונקט אַזוי ווי כורש, איז ער געווען גרייט צו העלפען ווידער אויפצובויען ירושלים, אַלס אַ אידישען **רעליגיעזען** צענטער.

אין אָנהויב פון דריושס קעניגען זענען אין ירושלים ארויסגעטראָטען צוויי נביאים, חגי און זכריה, וואָס האָבען אָנגעהויבען ענערגיש צו אגיטירען צווישען פאָלק, מען זאָל זיך נעהמען פאַר'ן בויען דעם בית-המקדש. די דאָזיגע נביאים האָבען בעוויזען, אַז די אָרימקייט פון פאָלק און זיין טרויעריגע פאָליטישע לאַגע קאָנען ניט פערענטפער'ן דאָס, וואָס „גאָט'ס הויז" איז נאָך ניט אויסגעבויט. אדרבה, די דאָזיגע טרויעריגע לאַגע איז א פועל-יוצא פון דער גלייכגילטיגקייט צו דער היילינגער זאַך.

געווענדעט צו די פיהרער פון פאָלק, זרובבל און ישוע, האָט חגי געזאָגט:

„אָט דאָס פאָלק טענה'ט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו בויען גאָט'ס הויז. נאָר ווי שטעהט עס אייך אָן צו זיצען בעקוועם אין אייערע הייזער, בשעת דאָס דאָזיגע הויז איז חרוב?... גיט-זשע אַכטונג אויף אייערע וועגען. איהר זייט א סך און נעהמט צונויף ווינציג; איהר עסט — און ווערט ניט זאַט; איהר טרינקט — און ניט גענוג; איהר קליידט זיך אָן, נאָר אייך איז ניט וואַרים, און דער וואָס פערדינט, לעגט זיין פערדינסט אין א לעכערדיגען בייטעל... פאַרוואָס איז דאָס? — דערפאַר איז דאָס — זאָגט גאָט — וואָס מיין הויז איז חרוב, אין דער צייט, ווען איהר לויפט איטליכער אין זיין הויז. דעריבער האַלט איין דער הימעל זיין טוי, און די ערד — איהר פרוכט. און איך האָב אַרויסגערופען א טריקעניש אויף דער ערד, אויף די בערג, אויף דעם קאָרן, אויף דער ווייַנטרויבען-זאַפט, אויפ'ן בוימיל און אויף אַלץ, וואָס די ערד ברענגט אַרויס, און אויפ'ן מענשען, און אויף בהמות, און אויף אַלע האַנדווערק" (חגי, קאַפּ. א', 2—6, 9—12).

דאָס בעגייסטערטע וואָרט פון די נביאים האָט געווירקט. זרובבל, ישוע און אַנדערע עלטסטע פון פאָלק, האָבען זיך גענומען מיט גרויס חשק פאַר'ן בנין בית-המקדש. די אַרבייטען האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען אין צווייטען יאָהר פון דריושס קעניגען און האָבען געדויערט בערך א יאָהר פינף.

אין משך פון יענער צייט האָבען די פאָלקס-פיהרער געמוזט אָנשטרענגען זייערע אַלע כחות, בכדי צו דערפיהרען ביז'ן סוף די אָנגעהויבענע אַרבייט און אָבצושאַפען די מניעות, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג.

דער תנ"ך דערצעהלט, אַז איין מאָל, בשעת מען האָט געהאַלטען אין בויען דעם בית-המקדש, איז געקומען קיין ירושלים דער פערסישער פערוואַלטער איבער דער סאַטראַפּיע עבר-נהרה (יענע זייט טייך, דאָס הייסט סיריען) תתני מיט זיין סוויטע. ער האָט זיך פערוואונדערט, דערזעהענדיג די גרויסאַרטיגע געביידע, וואָס מען האָט געבויט. ער האָט געפרעגט ביי די אידישע עלטסטע: ווער האָט זיי דערלויבט צו בויען די דאָזיגע געביידע? האָט מען איהם געענטפערט, אַז די דאָזיגע ערלויבניש האָבען די אידען, וואָס זענען געקומען פון בבל, בעקומען נאָך פון כורש'ן, און אַז אָנגעהויבען בויען דעם בית-המקדש האָט מען שוין לאַנג. נאָך, אַז ששבצר איז געווען פערוואַלטער אי-

בערך לאַנד יהודה. אַז תתני האָט אויסגעהערט די דאָזיגע ערקלערונג, האָט ער נישט אָבגעשטעלט די ווייטערדיגע אַרבייט, נאָר ער האָט אונגעזאַמט מודיע געווען וועגען אַלץ דריוש'ן. דער קעניג האָט געהייסען זוכען אין די אַרכיוועז,— און באַלד האָט מען געפונען אין דער מעדישער שטאָדט אחמתא (עקבאַטאַנאַ) כורש'ס פעראָרדנונג וועגען בויען „גאָט'ס הויז" אין ירושלים. יעמאָלט האָט דער סאַטראַפ תתני בעקומען אַ בעפעהל פון דריוש'ן — אַז לאָ די וואָס ער זאָל נישט שטערען בויען דעם בית-המקדש, נאָר ער זאָל אַפילו העלפען דערין, מיט וואָס נאָר ער וועט קאָנען.

דער בנין בית-המקדש איז פערענדיגט געוואָרען אין זעקסטען יאָהר פון דריוש'ס קיניגען (516), דעם דריטען טאָג פון חודש אָדר, אין זיבעציג יאָהר אַרום נאָכ'ן חורבן בית ראשון (דערפאַר ווערט לויט דער טראַדיציע דער גלות-בבל גערעכענט זיבעציג יאָהר). ישוע און זרבבל האָבען געמאַכט אַ פייערליכע חנוכת-הבית, און באַלד האָט מען פרעהליך אָבגעהאַלטען פסח, און אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק האָט זיך צונויפגעקליבען קיין ירושלים.

ביים אידישען פאָלק האָט מען געקאָנט פון דאָס-ניי בעמערקען אַ גייסטיגע אויפלעבונג. די נביאים חגי און זכריה האָבען מיט זייערע רעדעס בעגייסטערט די ירושלמים און איינגעפליסט ביי זיי האָפענונג אויף אַ ליכטיגער צוקונפט. חגי פלעגט זאָגען, אַז דער נייער, דער צווייטער בית-המקדש וועט זיין גרעסער פאַר'ן ערשטען בית-המקדש, הגם יענער איז געווען גרויסאַרטיגער געבויט. דער נביא האָט אָנגערופען זרבבל'ן גאָט'ס אויסדערוועהלטער און האָט אים פאָראויסגעזאָגט אַ מזלדיגע גלענצענדע צוקונפט. מיט נאָך מעהר סודות און רמזים רעדט זכריה, ער רעדט שטענדיג וועגען משיח'ס צייטען. סרוב בעשטעהען זיינע רעדעס פון פאָעטישע זעהונגען, וואָס דערמאָנען צום טייל אָן די נבואות פון יחזקאל. אין איין זעהונג זאָגט אָן אַ מלאך דעם נביא, ער זאָל איבערגעבען זרבבל'ן פאָלגענדע ווערטער פון גאָט: „נישט מיט אַ חיל און נישט מיט כח, נאָר מיט מיין גייסט (וועסטו מנצח זיין)!"... דער נביא האָט דערמיט געמיינט, אַז מלכות-יהודה וועט אויסגעלייזט ווערען נישט דורך וועלטליכע, נאָר דורך גייסטיגע געוועהר. זכריה שטעלט תמיד דעם כהן-גדול ישוע און איין שורה מיט זרבבל'ן, וואָס קומט אַרויס פון מלכות בית-דוד. פאַר דעם נביא'ס אויג שוועבט אַ מטושטש'ער בילד פון אַ צוקונפטיגען קעניג פון הויז דוד, וואָס וועט רעגירען איבער מלכות-יהודה אינאיינעם מיט'ן כהן-גדול, וואָס קומט אַרויס פון צדוק'ס משפחה. זכריה זעהט פאָראויס צייטען פון רוה און גליק פאַר'ן בעפרייטען פאָלק:

„אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איך האָב זיך אומגעקעהרט קיין ציון און האָב זיך בעזעצט אין ירושלים, און ירושלים וועט אָנגערופען ווערען די שטאָדט פון אמת, און גאָטס באַרג — דער הייליגער באַרג. ס'וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען עס וועלען זיצען זקנים און זקנות אויף די גאַסען

פֿון ירושלים, און איטליכער וועט זיך אָנשפּאַרען אויף אַ שטעקען מחמת זייערע אַלטע יאָהרען, און די גאַסען פֿון שטאָדט וועלען פֿיל ווערען מיט מיידלעך און יונגלעך, וואָס וועלען זיך שפּילען אויף די דאָזיגע גאַסען".

בשעת צווישען די כהנים איז אויפֿגעקומען די פֿראַגע, צי מען בעדאַרף אָבהיטען די תענתים, וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרען צום זכר פֿון חורבן בית-ראשון, — האָט זכריה געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די דאָזיגע תענתים וועלען ווערען צו ימים-טובים. נאָר דערביי האָט ער, פּונקט ווי די אַלטע נביאים, בעמיהט זיך צו איבערצייגען דעם פֿאָלק, אַז ניט דורך אויסווייניגסטע פֿרומקייט קאָן קומען די גאולה, נאָר דורך גוטע מעשים. „אָט וואָס טוט: רעדט אמת צו אַנאַנד און שאַפֿט שלום און גערעכטיגקייט אין אייערע שטעדט; טראַכט ניט בייז קעגען אַנאַנד אין אייערע הערצער, און האָט ניט ליעב קיין פֿאַלשע שבועה, וואָרום דאָס אַלין האָב איך פֿיינט, — זאָגט גאָט".

דער בנין פֿון צווייטען בית-המקדש האָט אויף אַ געוויסער צייט אויפֿגעהויבען דעם גייסט פֿון פֿאָלק, נאָר די ליכטיגע האָפֿנונגען פֿון די נביאים זענען נאָך ניט אַזוי גיך מקוים געוואָרען. די טעג פֿון פֿרייהייט און גליק זענען פֿאַר מלכות-יהודה נאָך ניט אָנגעקומען. זי איז, ווי פֿריהער, געבליבען אַן אָרימע פּראָווינץ, וואָס געפֿינט זיך אונטער דער ממשלה פֿון פּערסישע סאַטראַפּען. זרבבל האָט זיך ניט דערוואַרט אויף אַ קעניגליכער קרוין. נאָכדעם, ווי דער בית-המקדש איז אויפֿגעבויט געוואָרען, איז זרבבל פּלוצלינג אַראָב פֿון סצענע, און וועגען איהם ווערט אין תנ"ך מעהר ניט דערמאָנט. אַ שפּעטערדיגע אידישע מסורה דערצעהלט, אַז זרבבל האָט זיך אומגעקעהרט קיין בבל און איז דאָרט געבליבען. ס'איז פֿאַראַן אַ השערה, וואָס איז קרוב לאמת, אַז זרבבל איז דערווייטערט געוואָרען, מחמת די פּערסישע רעגירונג האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט פּרעטענדירען אויפֿ'ן קעניגליכען שטול אין מלכות-יהודה. די פֿערוואַלטונג איבער דער ירושלמ'ער געמיינדע איז געבליבען ביים כהן-גדול ישוע און נאָך זיין טויט איז זי איבער צו זיין זוהן יהויקים.

אַ טונקעלע צייט; די לעגענדע וועגען אסתר המלכה.

§ 10. די ווייטערדיגע געשיכטע פֿון די אידען, אין דער צייט פֿון דריוש און זיין יורש קסערקסעס I (465—485), בלייבט אינגאַנצען אומבעקאַנט. גראָד אין יענער צייט, ווען פּערסיען הויבט אָן זיך אַרויסצורוקען אין דער וועלט-געשיכטע, אַ דאַנק די בערימטע גריכיש-פּערסישע קריג, — איז וועגען דער לאַגע פֿון די אידען אין דער דאָזיגער אימפּעריע ווערט גאָרנישט ניט דערמאָנט אין די קראָניקען. ס'איז געבליבען נאָר אַ טונקעלע אָנווייזונג, אַז אין אָנהויב פֿון אחשורוש (קסערקסעס) קיניגען האָבען „די שונאים פֿון די אידען" געשריבען אָנרעדען רכילות אויף זיי אין אַ בריעף צום פּערסישען קעניג (עזרא, קאַפּ.

ד׳, 6). אין אַ שפּעטערדיגען מקור, וואָס איהר מחבר איז אונבעוואוסט (מגלת אסתר), ווערט דערצעהלט, אַז אין יענער צייט זענען די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין פּערסיען, געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה, און ווי אַזוי זיי זענען ניצול געוואָרען.

אין דער מגלת־אסתר ווערט דערצעהלט פאָלגענדעס: ביים הויף פון קעניג אחשורוש[3], האָט זיך געפונען אַ חשוב׳ער שר מיט׳ן נאָמען המן, וואָס האָט פיינט געהאַט אידען. אַזוי ווי המן איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביים קעניג, האָט ער דאָס אויסגענוצט און האָט אָנגערעדט אויף די אידען פאַר׳ן קעניג, אַז זיי לעבען אָבגעזונדערט, האָבען בעזונדערע געזעצען און היטען ניט אָב די מלוכה־געזעצען. דעם אידען־פיינד האָט זיך איינגעגעבען איינצורעדען דעם קעניג, ער זאָל אַרויסגעבען אַ פעראָרדנונג צו ערלויבען די פּערמער צו רויבען און טויטען די אידען, וואָס וואוינען אין אַלע שטעדט פון דער פּערסישער מלוכה. די אידען אין פּערסיען זענען געשטאַנען אין סכנה אינגאַנצען פערטי־ליגט צו ווערען. יעמאָלט איז אַרויסגעטראָטען צו פערטיידיגען דאָס געיודפּטע פאָלק מרדכי, איינער פון די חשוב׳סטע אידען אין שושן, וואָס איז געווען נאָהענט צום קעניגליכען הויף און וואָס האָט אַמאָל געטאָן דעם קעניג אַ גרויסע טובה.

מרדכי האָט געהאַט אַ קרובה, אַ יתומה, וואָס ער האָט אויפגעהאָדעוועט, מיט׳ן נאָמען אסתר. מחמת איהר שענקייט איז אסתר אָנגעקומען אין הויף און איז געוואָרען אחשורושים ליעבלינגס־פרוי. אַז אסתר האָט זיך דערוואוסט פון מרדכי וועגען דער שרעקליכער הריגה, וואָס גרייט זיך אויף איהר פאָלק, האָט זי אָנגעווענדט איהר גאַנצע ווירקונג אויפ׳ן קעניג, כּדי צו פערוואָהרענען דעם אונגליק. זי האָט געבעטען דעם קעניג, ער זאָל אָבשאַפען די פעראָרד־נונג וועגען אויסהרג׳ענען אַלע אידען און האָט איהם געמסר׳ט וועגען אַלע פערברעכערישע מעשׂים המנ׳ס. אחשורוש האָט זיך איבערצייגט אין דער ריכ־טיגקייט פון איהרע ווערטער, האָט זיך דערמאָנט וועגען מרדכי׳ס פערדינסטען, און האָט דעריבער ערפילט דעם פערלאַנג פון דער קעניגין. ער האָט געהייסען המנ׳ען אויפהענגען, און די אידען האָט ער ערלויבט אומעטום צו אָרגאַניזירען זעלבסטשוץ קעגען די פיינד, וואָס האָבען זיך געגרייט אָנצופאַלען אויף זיי. געענדיגט האָט זיך דערמיט, וואָס אין טאָג, וואָס המן האָט איהם בעשטימט אויף אויסהרג׳ענען די אידען (13 טעג אין אָדר), זענען די לעצטע מיט גע־וועהר אין די הענד אָנגעפאַלען אויף זייערע פיינד און האָבען זיי פערטיליגט

[3] יוסף פלאַוויוס („קדמוניות היהודים") און דער תרגום פון די שבעים זקנים (סעפּ־טואַגינטאַ) רופען אָן אחשורוש׳ן ארטאַקסעקסעס; נאָר די שפּעטערדיגע פאָרשונגען האָבען בעוויזען, אַז די געשעהעניש, וואָס ווערט דערצעהלט אין מגלת־אסתר, קאָן זיך בע־צידען ניכער צו קסערקסעס׳ס צייטען.

סיי אין דער פּראָווינץ, סיי אין דער הויפּט-שטאָדט שושן. אַלס אַ זכר דערפֿון, וואָס די פּערסישע אידען זענען ניצול געוואָרען פֿון סכנה, איז געוואָרען פֿעסטגעשטעלט דער יערליכער יום-טוב פּורים, וואָס דאָס אידישע פֿאָלק פּייערט איהם נאָך עד היום פֿיערצעהן טעג אין אָדר.

די אָנגערופֿענע מגלת-אסתר, וואו עס ווערט גענוי דערצעהלט די גאַנצע מעשה, טראָגט אויף זיך געוויסע סימנים, וואָס בעווייזען, אַז זי איז שפּעטער פֿערפֿאַסט געוואָרען. די נייע היסטאָרישע קריטיק האָט איינגעפֿינען, אַז אין אַ סך פּרטים איז די ערצעהלונג פֿון מגלת-אסתר ענהליך אויף די געשעהענישען פֿון דער שפּעטערדיגער מאַקאַבעאישער עפּאָכע, בשעת די רדיפֿות, וואָס דער אַכזריותדיגער סירישער קעניג אנטיוכוס עפּיפֿאַנעס האָט אויפֿגעהויבען קעגען די אידען, זענען אָבגעשטעלט געוואָרען אַ דאַנק דעם מוטיגען ווידערשטאַנד מצד די אידען, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון די ברידער חשמונאים[4]. אויפֿן סמך פֿון דער דאָזיגער אויסווייניגסטער ענהליכקייט, זענען די פֿאָרשער געקומען צו דער מסקנא, אַז די גאַנצע ערצעהלונג פֿון מגלת-אסתר איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע, און אַז זי איז נאָר אַן אַלעגאָרישער ראָמאַן, וואָס בעשרייבט די טוער פֿון דער שפּעטערדיגער עפּאָכע אין אויסגעטראַכטע געשטאַלטען פֿון דער לאַנג-פֿערגאַנגענער צייט. נאָר דער דאָזיגער הנחה איז סותר דער פֿאַקט, וואָס לכבוד דער געשעהעניש, וואָס ווערט דערצעהלט אין מגלת-אסתר, איז פֿון דורי-דורות איינגעשטעלט דער יום-טוב פּורים[5]. מען קאָן ניט אָננעהמען, אַז אַ פֿאָלק זאָל איינפֿיהרען ביי זיך אַ נאַציאָנאַלען יום-טוב לכבוד אַן אויסגעטראַכטער מעשה. ס'איז קיין ספק ניט, אַז עפּיס אַזוינס, וואָס איז נאָהענט דערצו, וואָס איז דערצעהלט אין „מגלת-אסתר", איז טאַקע אין דער אמת'ן פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון דער פּערסישער ממשלה, בערך אין V יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס. נאָר אין משך פֿון דער צייט האָט די פֿאָלקס-פֿאַנטאַזיע אויסגעציערט די דאָזיגע געשעהעניש מיט פֿערשיידענע לעגענדעס און פּאָעטישע גוזמאות. אין אַזאַ לעגענדאַרישער פֿאָרם איז די דאָזיגע היסטאָרישע געשעהעניש דערצעהלט אין מגלת-אסתר, וואָס איז פֿערפֿאַסט געוואָרען אין דער שפּעטערדיגער מאַקאַבעאישער צייט, דערביי האָט דער מחבר צונויפֿגעמישט אמתע פֿאַקטען מיט פֿאָלקס-אגדות און האָט עס בעלויכטען אין גייסט פֿון די אָנשויאונגען, וואָס האָבען געהערשט אין זיין צייט.

---

[4] זעה אונטען, § 39 און ווייטער.

[5] וועגען פּורים אָדער „מרדכי'ס טאָג" ווערט דערמאָנט שוין אין צווייטען בוך „המכבים" (קאַפּ. ט"ו). ביי יוסף פֿלאַוויוס (קדמוניות היהודים) ווערט דערצעהלט די מעשה פֿון מרדכי און אסתר כמעט אַזוי, ווי אין „מגלת-אסתר"

ש. דובנאָוו

דריטער קאַפּיטעל.

די צווייטע רעסטאווראַציע; עזרא און נחמיה (458—420).

אונאָרדנונגען און פֿעראָרימונג. — מלאכי הנביא. — עזרא הסופר און דער קאַמפּף קעגען די געמישטע שידוכים. — נחמיה און די בעפֿעסטיגונג פֿון ירושלים. — נחמיה'ס און עזרא'ס רעפֿאָרמען. — נחמיה דאָס צווייטע מאָל אין ירושלים. — אָבזונדערונג פֿון די שמרונים.

אונאָרדנונגען און פֿעראָרימונג; מלאכי הנביא.

§ 11. די ערשטע רעסטאווראַציע, וואָס זרובבל און ישוע האָבען געשאַפֿען, קאָן פֿערגליכען ווערען צום ערשטען אויפֿאַקערן אַ פֿערלאָזענע פֿעלד, וואָס קאָן נאָך ניט גאַראַנטירען די פֿרוכטבאַרקייט. מיט'ן אויפֿבויען דעם בית־המקדש אין ירושלים האָט מען נאָך ניט געקאָנט אָבשאַפֿען יענע אונאָרדנונגען, וואָס זענען געווען געדרונגען דערפֿון, וואָס דער געזעלשאַפֿטליכער און עקאָנאָמישער לעבענספֿיהר פֿון פֿאָלק איז נאָך ניט געווען איינגעשטעלט. אזוי ווי דאָס לאַנד יהודה איז געווען פּאָליטיש אָבהענגיג פֿון פּערסיען, דעריבער האָט זיך גענויטיגט אין אַ ברייטער און פֿעסטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל אַרומנעהמען אַלע צווייגען פֿון פֿאָלקס־לעבען; נאָר צוליעב דעם זענען נויטיג געווען שעפֿער און אָרגאַניזאַטאָרען. אין דער צייט, וואָס באַלד נאָך דער רעסטאווראַציע, איז ניט צו זעהן אַזעלכע גרויסע טוער.

די אידען האָבען געבילדעט אַ רעליגיעזע געמיינדע, וואָס איז געווען פֿערוואַלטעט פֿון כהנים, וואָס בראש פֿון זיי איז געשטאַנען דער כהן־גדול. נאָך יהויקים'ן, דעם זוהן פֿון ישוע, האָט דעם דאָזיגען פּאָסטען פֿערנומען דעם לעצטענ'ס אייניקעל, אלישיב (בערך אין יאָהר 460). מיט דער דאָזיגער גייסטליכער אַריסטאָקראַטיע איז געווען ענג פֿערבונדען די געלד־אַריסטאָקראַטיע. די עקאָנאָמישע אונגלייכהייט האָט זיך שוין דעמאָלט קלאָר אַרויסגעוויזען: קעגען דעם הייפֿעל גבירים איז געשטאַנען די אונגעהייערע גרויסע אָרימע מאַסע. די גבירים האָבען אויסגענוצט זייער נאָהענטקייט צו דער רעגירונג צוליעב אונטערדריקען די אָרימע קלאַסען. אין ניט־געראָטענע יאָהרען פֿלעגען די אָרימע לייט פֿערקויפֿען די גבירים אָדער פֿערזעצען אַלס משכנות זייערע פֿעלדער, ווייַנגערטנער, הייזער, אָפֿטמאָלס אַפֿילו זייערע קינדער, בכדי צו בעקומען בתור הלואה תבואה אויף זיך צו דערנעהרען אָדער געלד אויף צו צאָהלען שטייערן דעם פּערסישען סאַטראַפּ.

דער ערשטער דור פֿון די אידען, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט פֿון דער

באַבילאָנישער געפֿאַנגענשאַפֿט און כורש'ס צייטען (בני-הגולה), האָבען זיך געהאַלטען אָבגעזונדערט פֿון די אידען, וואָס זענען געבליבען אין פּאַלעסטינע; די לעצטע זענען בעשטאַנען מרוב פֿון די נידעריגע קלאַסען. נאָר די ווייטערדיגע דורות האָבען זיך שוין צונויפֿגעוואַקסען, די שבֿי-גולה און די היימישע אידען האָבען זיך מתחתן געווען צווישען זיך, און די געמיינדע-אָרגאַניזאַציע האָט זיי פֿעראייניגט אינגאַנצען. די דאָזיגע צונויפֿגיסונג איז ניט געבליבען אָהן רעזולטאַטען פֿאַר ביידע צדדים. די פּאַלעסטינער אידען זענען געשטאַנען אין גייסטיגער הינזיכט נידעריגער פֿאַר די באַבילאָנישע, וואָס זענען אויסגעלייטערט געוואָרען אין „טיגעל פֿון די אונגליקען" (כור-העוני); די ערשטע האָבען נאָך אַליין געהאַט אין זייער רעליגיעזען פֿיהל רעשטען פֿון אַלטע האַלב-היידנישע השגות און מנהגים, וואָס זיי האָבען געירשעט, הגם אין אַן אָבגעשוואַכטער געשטאַלט, פֿון זייערע עלטערן.

נאָר די שבֿי-גולה האָט זיך איינגעגעבען אויפֿהויבען ביז אַ געוויסער מדרגה די דאָזיגע מאַסע און אויסלייטערן איהרע רעליגיעזע השגות. דער נייער בית-המקדש, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרען אין ירושלים, איז געוואָרען דער צענטער פֿון'ם גאָטעסדיענסט, און דער אַלטער קולט אויף די „במות" איז בטל געוואָרען. אַ צאָהלרייכע גייסטליכקייט — די כהנים און לויים — האָבען זיך קאָנצענטרירט אין דער הייליגער שטאָדט, אַרום בית-המקדש. דער געזעצליכער קולט פֿון דער תורה און יחזקאל'ס תורת-כהנים (3 §) האָט אַרויסגעשטופּט די פֿאָלקס-מנהגים, וואָס האָבען מיט איהם ניט געשטימט. דער אידישער געמיינדע איז ניט גרינג געווען אויסצוהאַלטען די עבֿודה אין בית-המקדש. ס'איז אויסגעקומען צוצושטעלען די בהמות פֿאַר'ן קרבן-תמיד איטליכען טאָג און פֿאַר די קרבנות אין די ימים-טובֿים און אויסהאַלטען אַ צאָהלרייכען שטאַט פֿון כהנים און לויים. דאָס האָט אויסגעמאַכט אַ בעדייטענדע אָבצאָהלונג, וואָס איז געווען איבער די כּחות פֿאַר'ן אָרימען קלאַס, וואָס זענען איהם אויף סיי ווי סיי געלעגען אַנדערע שטייערן. די מתנות-כהונה (דער מעשׂר פֿון תבֿואה פֿאַר די לויים וכדומה) פֿלעגט מען ברענגען זעהר ווייניג, און מחמת דעם איז די לאַגע פֿון די כהנים געווען ניט גאַר קיין גוטע.

מיט דער צייט זענען אַריינגעדרונגען אין דער אידישער געמיינדע אויך פֿרעמדע עלעמענטען. אַ סך היידען פֿון די אַרומיגע קליינע שבֿטים פֿלעגען אָננעהמען דעם אידישען גלויבען, און אַזעלכע גרים האָבען געהאַט די אייגענע רעכט, וואָס די געבאָרענע אידען. נאָר מחמת דעם, וואָס די אידישע געמיינדע איז געוואַקסען אין כּמות, איז זי אָבער דערפֿאַר געפֿאַלען אין איכות. די גרים זענען געווען אַ בריק, וואָס איז געווען אַריבערגעוואָרפֿען צווישען די אידען און די אַרומיגע פֿעלקער; זיי האָבען זיך מתחתן געווען מיט די מיטגלידער פֿון זייער שבֿט, וואָס זענען נאָך געבליבען היידען. זיי האָבען פֿערפֿיהרט אויך די געבאָרענע אידען, וואָס האָבען אויך אָנגעהויבען זיך מתחתן זיין מיט די היידען

און נעהמען זיך היידנישע פֿרויען. אין אידישע משפחות פֿלעגט מען אָפֿט בעגעגענען עמוניִשע, אשדודישע און שמרונישע פֿרויען. דאָס האָט מען געקאָנט מערקען בעזונדערס צווישען די אידישע אריסטאָקראַטען און גבירים, וואָס האָבען גענומען אַנטייל אין דער פֿערוואַלטונג און האָבען געקאָנט זיך דערנעהנטערן צו די חשובֿ'ע און איינפֿלוסרייכע פֿאָרשטעהער פֿון די שכניִשע פֿעלקער. אָזעלכע געמישטע שדוכים האָבען איינגעשטעלט אין אַ גרויסער סכנה די ריינקייט פֿון דער אידישער ראַסע און רעליגיע. דאָס אידישע פֿאָלק איז נאָך אויף אַזוי פֿיעל ניט שטאַרק געווען נאַציאָנאַל און גייסטיג, אַז עס זאָל קאָנען אַסימילירען די דאָזיגע פֿרעמדע עלעמענטען און ניט אונטערגעבען זיך זייער ווירקונג. דאָס אידישע פֿאָלק האָט זיך דעמאָלט גענויטיגט אין אַ שטרענגער נאַציאָנאַלער אָבזונדערונג; אַנדערש איז עס געשטאַנען אין סכנה צעשמאָלצען צו ווערען צווישען די אַנדערע פֿעלקער, און די יהדות — צו פֿערוואַנדעלט ווערען אין עפּיס אַן אונבעשטימטע פֿאָרם פֿון מאָנאָטעאיזם, וואָס האָט ניט קיין פּראַקטישע רעליגיעזיטליכע יסודות.

קעגען דער דאָזיגער סכנה זענען אויפֿגעשטאַנען די בעסטע קרעפֿטען פֿון פֿאָלק. ס'האָט זיך בעוויזען אַ נאַציאָנאַלע אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציעל צו פֿערהיטען דאָס אידישע פֿאָלק פֿון דער סכנה זיך צו אַסימילירען. מטושטש'ע אָבקלאַנגען פֿון דעם דעמאָלטיגען קולטור־קאַמפּף זענען דערגאַנגען צו אונז אין די וועניגע רעדעס פֿונ'ם נביא, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען מלאכי. דער נביא וואַרפֿט פֿאָר זיינע מיטבירגער, פֿאַרוואָס זיי זענען עובֿר אויפֿ'ן געבאָט פֿון היייליגקייט, וואָס איז געגעבען געוואָרען דעם אידישען פֿאָלק, דאָס הייסט דעם געבאָט פֿון ריינקייט פֿון ראַסע און רעליגיע. „יהודה איז פֿאַלש געוואָרען, און מיאוס'ע מעשים זענען אָבגעטאָן געוואָרען אין ישראל און ירושלים, וואָרום יהודה האָט פֿערשוועכט גאָטס היייליגטום דערמיט, וואָס ער האָט ליעב בעקומען און איז געוואָרען אַ מאַן פֿון אַ טאָכטער פֿון אַ פֿרעמדען גאָט". דער נביא שטעהט אויף קעגען די געמישטע שדוכים און שטראָפֿט בעזונדערס די, וואָס גט'ען זיך מיט אידישע פֿרויען, כּדי צו האָבען חתונה מיט פֿרעמדע, קעגען געזעץ. „אַ זוהן גיט אָב כּבֿוד זיין פֿאָטער, און אַ קנעכט — זיין האַר. נאָר אויב איך בין אַ פֿאָטער — זאָגט גאָט — איז וואו איז דער כּבֿוד, וואָס איהר גיט מיר אָב? און אויב איך בין אַ בעל־הבית, איז וואו איז די מורא פֿאַר מיר?"

מלאכי טאַדעלט בעזונדערס שאַרף די כּהנים און לויים, וואָס בעציהען זיך ניט ערנסט צו דער עבֿודה אין בית־המקדש און אויך צו זייער חובֿ אַלס גלויבענס־לעהרער. ניט אַזוי ווי די אַלטע נביאים, האַלט ער, אַז די כּהנים אין בית־המקדש דאַרפֿען שפּיעלען די העכסטע, די פֿיהרענדע ראָל אין דער געזעלשאַפֿט. „די ליפּצען פֿון כּהן דאַרפֿען אָבהיטען וויסענשאַפֿט, און תּורה זוכט ביי איהם, וואָרום ער איז גאָט'ס שליח". „איהר אָבער — ווענדט ער זיך

צו דער גייסטליכקייט — זייט אראב פון וועג, האט פארפירט א סך קעגן געזעץ, — און אט דערפאר וועל איך אייך מאכן פאראכטעט און ערנידעריגט צווישען פאלק". מיט באדייטונגס-פולע ווערטער ענדיגט זיך די נבואה פון מלאכי:

„איך וועל שיקן מיין מלאך, וואס וועט אפרייניגן דעם וועג פאר מיר, און פלוצלינג וועט קומען אין בית-המקדש דער האר, וואס אויף איהם ווארט איהר, און דער שליח פון בונד (מלאך הברית), וועמען איהר פארלאנגט. און ווער וועט איבערטראגן דעם טאג, ווען ער וועט קומען, און ווער וועט אויסהאלטן, ווען ער וועט ערשיינען? ווארום ער איז, ווי דער פייער פון די גיסער און ווי די זייף פון די וועשער. און ער וועט זיך זעצן איבערשמעלצן און לייטערן זילבער, און ער וועט אויסלייטערן די זיהן פון לוי און וועט זיי איבערשמעלצן, ווי גאלד און זילבער. איך וועל זיך דערנענטערן צו אייך צוליבן משפט, איך וועל זיין א גיכער שטראפער פון מכשפים, פון אויסגעלאסענע, פון די, וואס שווערען פאלש, וואס בערויבען דעם געדונגענעם ארבייטער אין זיין לוין, וואס אונטערדריקען אן אלמנה און א יתום און וואס שטויסען אפ א גר".

דער שליח פון גאט, וואס וועגען איהם האט מלאכי גערעדט, האט זיך באלד בעוויזען און האט זיך גענומען פאר דער „אויסלייטערונג" פונ'ם אידישען פאלק. נאר דאס איז שוין ניט געוועזן קיין נביא. די נבואה האט איבערגעלעבט אירע לעצטע טעג, און מלאכי רעכענט זיך פאר'ן לעצטען פון די ביבלישע נביאים. אזוי ווי די דעמאלטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג איז געווען שוואך, איז דעריבער נויטיג געווען א מענש, וואס זאל פאראייניגען דאס ווארט מיט דער טאט, רעדעס — מיט א פראקטישער דיסציפלין. ס'איז נויטיג געווען אן אונטערנעהמענדער געזעלשאפטליכער טוער, אן ענערגישער רעפארמאטאר. אין לאנד יהודה איז אזא מענש ניט געווען; — ער איז געקומען אהין פון דער אידישער קאלאניע אין בבל, וואו עס איז פון לאנג-אן געווען פארבארגען א סך בעהאלטענע גייסטיגע קרעפטען און נאציאנאלע ענערגיע.

עזרא הסופר און דער קאמפף קעגען די געמישטע שדוכים.

§ 12. עזרא האט געלעבט אין בבל און האט אבגעשטאמט פון כהנים. ער איז געווען א געלעהרטער אדער א „סופר", און אין די שפעטערדיגע צייטען האט מען איהם פערגליכען צו משה רבנו. ער האט טיעף אויסשטודירט די אידישע ליטעראטור און האט געשטרעבט צו פערשפרייטען זי אין איבער-געשריבענע מגלות, וואס ער אליין האט, אפנים, זיי געשריבען מיט די אייגענע הענד. „עזרא — הייסט אין דער תנ"ך — האט אנגעגרייט זיין הארץ צו לערנען גאט'ס תורה, און האט זי מקיים געווען, און האט אויך מיט די אידען געלערנט תורה און אמת".

עזרא האָט קלאָר און דײַטליך פֿערשטאַנען, אַז די אידישע נאַציע װעט נאָר דאַן זײַן שטאַרק, װען זי װעט אין איהר אינעװײניגסטען לעבען זיך פֿיהרען לױט איהר נאַציאָנאַלער תּורה. אין דער דאָזיגער ריכטונג האָט ער געװירקט צװישען די אידישע געמײנדען אין בבל און פּערסיען.

אַז ער האָט דערהערט, װי עס איז אַראָבגעקומען די אידישע געמײנדע אין ירושלים, האָט ער בעשלאָסען זיך אַריבערצוקלײַבען אַהין, בכדי אױסצוהעלפֿען בײַם פֿאָלק, אַ שטרעבונג צו אַ גײַסטיגער אױפֿלעבונג. בכדי צו װירקען מיט ערפֿאָלג אין מלכות־יהודה און צו רעפֿאָרמירען אַלע צװײַגען פֿון געזעלשאַפֿטליכען און פֿאַמיליען־לעבען אין גײַסט פֿון תּורת־משה, האָט עזרא געמוזט האָבען אַ געװיסע װעלטליכע מאַכט און אַ כּח־הרשאה מצד דער פּערסישער רעגירונג. גראַד אַזאַ כּח־הרשאה האָט זיך איהם אײַנגעגעבען צו בעקומען פֿונ'ם פּערסישען קעניג אַרטאַקסערקסעס I לאָנגימאַנוס (465—425). עזרא האָט בעקומען דאָס רעכט צו בעשטימען אין מלכות־יהודה שופֿטים און לערנען מיט זײ, װי אַזױ צו משפּט'ן לױט די געזעצען פֿון דער יהדות. חוץ דעם, איז איהם דערלױבט געװאָרען צו קלײַבען נדבֿות צװישען די באַבילאָנישע אידען לטובֿת דעם בית־המקדש אָדער לטובֿת די פֿעראָרימטע פּאַלעסטינישע אידען, און נעהמען מיט זיך קײן ארץ־ישראל יענע אידען, װאָס װילען זיך אַהין אַריבערקלײַבען. אַזעלכע האָבען זיך צונױפֿגעקליבען אַרום אַנדערהאַלבען טױזענד מאַנסבילען; צו זײ זענען צוגעשטאַנען אַ גרופּע לױים און בעדינטע פֿון בית־המקדש.

אַלס אַ זאַמעל־פּונקט פֿאַר דעם דאָזיגען גאַנצען קאַראַװאַן איז בעשטימט געװאָרען די געגענד אױפֿ'ן ברעג פֿון טײַך אַהװאָ. דאָרט האָט עזרא געהײסען די פֿערזאַמעלטע פֿאַסטען און מתפּלל זײַן, אַז די נסיעה זאָל אַריבער בשלום, מחמת ס'האָט איהם ניט געפּאַסט צו בעטען בײַ אַרטאַקסערקסעס אַ מיליטערישע שוץ־אָבטײלונג פֿאַר די װאַנדערער. נאָר אַלס אַ שמירה פֿאַר זײ האָבען געקאָנט אױך דינען די אָפֿענע בריעף (פּרשגן הנשתּון), װאָס עזרא האָט בעקומען פֿון קעניג, צו די סאַטראַפּען פֿון „עבֿר נהרה", דאָס הײסט מעסאָפּאָטאַמיען און סיריען, װאָס זענען געלעגען אױפֿ'ן װעג קײן פּאַלעסטינע און װאָס זענען געװען צונױפֿגעבונדען מיט איהר און אַדמיניסטראַטיװער בעציהונג. דער תּנ"ך איז מוסיף, אַז עזרא האָט געפֿיהרט קײן ירושלים אױך טײַערע מתּנות פֿונ'ם קעניג און פֿון די באַבילאָנישע אידען לטובֿת דעם בית־המקדש.

צװעלף טעג אין ניסן האָט זיך עזרא מיט זײַנע חבֿרים געלאָזט אין װעג אַרײַן און דעם ערשטען אָבֿ זענען זײ בשלום אָנגעקומען אין ירושלים (458). עזרא האָט אױסגערוהט זיך דרײַ טעג, און דערנאָך האָט ער איבערגעגעבען די געבראַכטע מתּנות אין בית־המקדש, און די פּערסישע בעאַמטע האָט ער פֿאָרגעװיזען אַרטאַקסערקסעס בעפֿעהלען װעגען אײַנפֿיהרען אַ נײַע געזעל-

שאַפֿטליכע אָרדנונג אין פּאָליטישע און וועגען דער ראָל, וואָס איהם, עזרא׳ן, איז בעשטימט געוואָרען אין דער דאָזיגער רעפֿאָרם.

צו עזרא הסופר זענען צוגעשטאַנען די פֿאָרשטעהער פֿון דער ירושלמ׳ער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וואָס זענען געווען אויפֿגעבראַכט קעגען דער הנהגה פֿון די אַסימילאַטאָרען. מיט פֿון די דאָזיגע געזינגס־חברים זיינע האָט עזרא זיך דערוואוסט, אַז דער מצב איז נאָך אַ סך ערגער, איידער ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער גייסט איז אויף אַוויפֿיעל אָבגעשוואַכט געוואָרען ביי די פֿערשיידענע שיכטען פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿט, אַז דער קיום פֿון פֿאָלק שטעהט אין סכנה. איינער פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, שכניה בן־יחיאל, האָט זיך געווענדט צו עזרא מיט פֿאָלגענדע ווערטער: „מיר האָבען טאַקע פֿערזינדיגט קעגען גאָט דערמיט, וואָס מיר האָבען גענומען פֿרעמדע פֿרויען; נאָר פֿאַר אונז איז נאָך פֿאַראַן אַ האָפֿנונג. לאָמיר זיך מתחייב זיין דאָ פֿאַר גאָט, אַז מיר וועלען אַוועקשיקען פֿון אונז אַלע אַזעלכע פֿרויען און די קינדער, וואָס זענען פֿון זיי געבאָרען, לויט דער אָנווייזונג פֿון מיין האַר און פֿון די, וואָס היטען אָב געטריי גאָט׳ס מצוות. זאָל געטאָן ווערען לויט׳ן געזעץ. שטעה אויף, וואָרום אויף דיר ליגט די זאַך, און מיר וועלען זיין מיט דיר. שטאַרק זיך און טו!“ — עזרא האָט געפֿאָלגט דעם דאָזיגען רוף און דאָ אויפֿ׳ן אָרט האָט ער אָבגענומען אַ שבועה פֿון אַלעמען, וואָס זענען געשטאַנען דערביי, אַז זיי וועלען ווירקען אין גייסט פֿון דער רעליגיע און פֿאָלקסטום.

אין גיכען האָט עזרא צונויפֿגערופֿען אין ירושלים אַ גרויסע פֿאָלקספֿערזאַמלונג פֿון די אָרטיגע און אַרומיגע איינוואוינער. די פֿערזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען 20 טעג אין כסלו, אויפֿ׳ן פּלאַץ פֿאַר׳ן בית־המקדש. ס׳האָט געגאָסען אַ שלאַקס־רעגען, און די פֿערזאַמעלטע האָבען, לויט ווי דער תנ״ך דריקט זיך אויס, געציטערט פֿון קעלט און אויפֿרעגונג. עזרא האָט ערקלערט זיי זיין פֿאָדערונג — זיי זאָלען אַוועקלאָזען די פֿרעמדע פֿרויען און זאָלען זיך בכלל אָבזונדערן פֿון די פֿרעמדע. דאָס פֿאָלק האָט הויך אויפֿ׳ן קול אויסגעדריקט זיין הסכמה דערצו, נאָר עס האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָלען איינגעשטעלט ווערען ספּעציעלע ועדים פֿון די עלטסטע און שופֿטים פֿון איטליכער געמיינדע, וואָס זאָלען פֿונאַנדערקלייבען אַלע פֿאַלען פֿון גט׳ען. אין גיכען האָט אין ירושלים זיך געבילדעט, אונטער עזרא׳ס אָנפֿיהרונג, אַ ועד פֿון די ראשי־המשפּחות, וואָס האָט בעדאַרפֿט אויספֿאָרשען אַלע פֿאַלען פֿון געמישטע שדוכים און מיטהעלפֿען, אַז זיי זאָלען זיך פֿונאַנדערגעהן. מ׳האָט צונויפֿגעשטעלט די רעגיסטערס פֿון די משפּחות, וואו ס׳האָבען זיך געפֿונען פֿרעמדע פֿרויען, און אין די דאָזיגע רעגיסטערס זענען אַריין אַ סך מיוחסדיגע משפּחות ניט בלויז פֿון ישראלים, נאָר אויך פֿון כהנים און לויים. וואָס ווייטער איז געווען — דאָס דערצעהלט דער תנ״ך ניט. נאָר ווי ס׳ווייזט אויס, האָבען עזרא׳ס אָנשטרענגונגען פֿאָרט גע־

האלפען. די פרעמדע פרויען זענען דערוויטערט געווארען פון א סך אידישע משפחות.

דאס איז געוועזען זעהר א שטרענגע מאסרעגעל, וואס האט צעשטערט דעם שלום-בית פון א סך משפחות און צעריסען א סך פריינדשאפטליכע בע-ציהונגען. נאר דער דאזיגער שווערער קרבן איז נויטיג געוועזען בכדי צו פער-שטארקען די אידישע נאציע. פון אידישען פאלק האבען געמוזט אבגעטיילט ווערען די פרעמדע עלעמענטען, בכדי צו פערהיטען די ריינקייט פון דער ראסע און פון דער רעליגיע און צו פערזיכערן דעם קיום פון דער נאציע.

נחמיה און די בעפעסטיגונג פון ירושלים.

§ 13. דער קאמפף, וואס האט זיך אנגעהויבען אין מלכות-יהודה קעגען די געמישטע שדוכים און קעגען דער דערנעהנטערונג מיט די פרעמדע, האט ארויסגערופען ביי די שכנישע פעלקער א שטארקע צערייצטקייט. די פרעמדע פרויען, וואס זענען דערוויטערט געווארען פון לאנד יהודה, האבען זיך אומ-געקעהרט צוריק צו זיך אהיים און האבען בעוואויגען זייערע שטאם-ברידער, זיי זאלען זיך נוקם זיין פאר דער חרפה, וואס די אידען האבען אנגעטאן זייערע פרויען.

אין יענער צייט זענען פארגעקומען מהומות אין דער סירישער סאטראפיע, וואס צו איהר האט געהערט אויך פאלעסטינע. דער סירישער סאטראפ מעגאַ-ביז, האט מורד געווען קעגען דעם קעניג ארטאקסערקסעס (ארתחשסתא) און האט מיט איהם מלחמה געהאלטען אין משך פון עטליכע יאהר, בכדי אבצו-רייסען זיין פראווינץ פון פערסיען. די דאזיגע מהומות האבען אויסגענוצט די שכנישע שבטים, וואס זענען געוועזען פיינדליך געזונען צו די אידען. זיי האבען זיך אריינגעריסען אין ירושלים — וואס איז נאך דאן געוועזען שלעכט בעפעס-טיגט און האט געהאט ווייניג איינוואוינער, — האבען צעשטערט די רעשטען פון די שטאדט-מויערן און פערברענט די שטאדט-טויערן. די עמונים, אשדודים און שמרונים האבען בעקומען א פרייען צוטריט אין דער הויפט-שטאדט, און האבען דארט בעלי-בתעוועט, ווי ביי זיך אין דער היים.

דאס אלין האט שטארק אויפגערעגט די ירושלמ'ער פאטריאטען, עזרא'ס מיטארבייטער. זיי האבען זיך איבערצייגט, אז בכדי פון אינעווייניג אבצוזונדערן דאס פאלק, מוז מען עס אבזונדערן פון אויסווייניג; אז ירושלים מוז ווערען א בעפעסטיגטע, איינגעשלאסענע שטאדט, וואוהין די פרעמדע זאלען ניט קא-נען זיך אריינרייסען. די אידישע פאטריאטען האבען זינט יענער צייט ניט אויפ-געהערט צו טראכטען וועגען דעם, ווי אזוי ארומצורינגלען ירושלים מיט מויערן. עזרא, וואס האט אנגעהויבען צו רעפארמירען די געזעלשאפטליכע ארדנונג אין גייסט פון דער אידישער רעליגיע און פאלקסטום, האט זיך גענויטיגט אין א געהילפע, וואס זאל בעזיצען פאליטישע און צום טייל דיפלאמאטישע פעהיגקייטען

און וואס זאל קאנען פערפעסטיגען די אויסוויינינגסטע לאגע פון דער אידישער נאציע צווישען די ארומיגע פעלקער. אזא מענש האט זיך ווידער אמאל בעוויזען צווישען די גולי-בבל. דאס איז געווען נחמיה בן-חכליה, וואס איז געווען א שר-המשקים אין שושן, דער הויפט-שטאדט פון פערסיען, ביים קעניג ארטאקסערקסעס I.

ס'איז ניט בעוואוסט, צי די ירושלמ'ער פאטריאטען האבען זיך געווענדט צו זייער איינפלוסרייכען פאלקס-חבר דורך א שליח-מיוחד, אדער צי איהם איז צופעליג דערגאנגען די ידיעה וועגען דעם מצב אין לאנד יהודה. ווי דאס זאל ניט זיין, איז אז נחמיה האט זיך דערוואוסט פון זיין ברודער חנני און נאך עטליכע ירושלמים, וואס זענען געקומען קיין שושן, וועגען דער טרויעריגער לאגע פון דער הייליגער שטאדט, האט איהם אנגענומען א גרויסער טרויער. לעבענדיג אין דער פרעמד, האט ער קיינמאל ניט פערגעסען אן דעם געבארענלאנד פון זיינע עלטערן און אן די אינטערעסען פון זיינע ברידער, וואס האבען דארט געוואוינט. דער דאזיגער פערסישער שר איז געווען א היימער אידישער פאטריאט. א געניטער הויפס-מאן, האט ער בעזעסען די פעהיגקייטען פון א דיפלאמאט און א שטאאטס-מאן — און אז עס איז געקומען די ענטשיידענע שעה, האט ער בעשלאסען צו ווידמען זיינע קרעפטען און פעהיגקייטען צו דיענען זיין אייגענער נאציע.

נחמיה'ן האט זיך איינגעגעבען צו בעקומען פון ארטאקסערקסעס, ביי וועמען ער האט נושא-חן געווען, אנערלויבניש ניט בלויז אויף אבצופאדערען אויף א לענגערער צייט אין לאנד יהודה, נאר אויך אנ'אויסערארדענטליכע הרשאה איינצופיהרען אנ'ארדנונג אין די ענינים פונ'ם דאזיגען לאנד. דער קעניג האט איהם ערלויבט אויפצובויען די האלב-חרוב'ע ירושלים און אידרע פעסטונגס-מויערן. די פערסישע סאטראפען און פערוואלטער איבער סוריען און פאלעסטינע איז בעפוילען געווארען, זיי זאלען אונטערשטיצען נחמיה'ס אונטערנעהמונג און פערזארגען איהם מיט בוי-מאטעריאל פון די קעניגליכע וועלדער. אין פאלעסטינע האט נחמיה בעקומען דעם טיטעל פון א צייטווייליגען פערוואלטער אדער פאשא (פחה), וואס האט די מאכט פון א דיקטאטאר.

אין פריהיאהר 445 („אין 20-טען יאהר פון ארטאקסערקסעס קיניגען") איז נחמיה אנגעקומען פון שושן קיין ירושלים. אין משך פון די ערשטע דריי נעכט איז ער געגאנגען, בעגלייט פון א קליינער סוויטע, ארומגעפאהרען איבער'ן שטאדט און האט מיט טרויער געקוקט אויף די צעשטערטע מויערן און פערברענטע טויערן. דערנאך האט ער מודיע געווען די עלטסטע פון פאלק און די כהנים וועגען זיין אפיציעלער הרשאה און האט זיי איינגעלאדען, זיי זאלען איהם ענערגיש מיטהעלפען אין דער פאטריאטישער ארבייט צו בעפעסטיגען די הויפט-שטאדט. אויף נחמיה'ס רוף האבען זיך אבגערופען א סך אידען, ישראלים און כהנים, מיוחס'דיגע לייט און מענשען פון המון, ירושלמים און איינוואוינער

פֿון פּראָווינץ. ס'האָט זיך געבילדעט אַ גאַנצע אַרמעע פֿרייוויליגע אַרבייטער, וואָס איז צעטיילט געווען אויף גרופּעס. איטלעכע גרופּע האָט אויף זיך גע־נומען אויפֿצובויען אַ באַשטימטען טייל פֿון די פֿעסטונגס־מויערן.

ווי נאָר די אַרבייטען האָבען זיך אָנגעהויבען, האָבען די אָנפֿיהרער פֿון די שכניִשע פֿעלקער אָנגעהויבען קעגען צו אינטריגען קעגען נחמיה'ן און זיינע מיט־אַרבייטער. דאָס זענען געווען דער שמרוני סנבלט, דער עמוני טוביה און דער אַראַבער גשם. די דאָזיגע לייט און זייערע קרובים האָבען פֿריהער געהאַט אַ צוטריט אין ירושלים און די לעצטע צייט האָבען זיי איינגענומען דאָרט אַ הערשענדע שטעלונג; מיט די פֿאָרשטעהער פֿון דער אידישער אַריסטאָקראַטיע זענען זיי געשטאַנען אין פֿריינדשאַפֿטליכע באַציהונגען און האָבען זיך אַפֿילו מתחתן געווען מיט זיי. אויב ירושלים וואָלט געוואָרען באַפֿעסטיגט און די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי וואָלט שטאַרקער געוואָרען, יעמאָלט וואָלט געקומען אַ סוף צום בעלי־בת'עווען פֿון די פֿרעמדע, — און דאָס האָבען זיי ניט געוואָלט דער־לאָזען. זיי האָבען פֿיינט בעקומען די אידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי און האָבען זיך געמיהט מיט אַלע מיטלען צו שטערען איהר און איהר פֿיהרער נחמיה. זיי האָבען אַפֿילו געטראַשעט צו מסר'ן דעם פּערסישען קעניג אויף די אידען, אַז זיי ווילען קעגען איהם מורד זיין, און צוליעב דעם באַפֿעסטיגען זיי זייער הויפּט־שטאָדט. נאָר נחמיה האָט אויסגעניצט זיין אָפֿיציעלע הרשאה און האָט פֿערשטאַנען צו מאַכען צו נישט אַלע שווינדלערייען פֿון די פֿיינד און האָט געפֿיהרט ווייטער די אַרבייט.

סנבלט און טוביה, וואָס זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פֿון ירושלים — אַז זיי האָבען געזעהן, ווי די אידען בויען די מויערן, האָבען זיי געלאַכט און געשפּאָט איבער זיי און האָבען געזאָגט: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בנין! ס'וועט קומען אַ פֿוקס און וועט איינוואַרפֿען זייער גאַנצען שטיינערנעם מויער!” אַז אָבער די מויערן זענען שוין געווען בעדייטענד הויך און די פֿריהערדיגע איינ־געבראָכענע שטעלען זענען פֿערמויערט געוואָרען, האָבען די אידען־פֿיינד באַ־שלאָסען איבערגעוואַלד אָבצושטעלען די אַרבייט. נחמיה'ן האָט מען אָנגעזאָגט, אַז די עמונים, שמרונים און אַנדערע שכנים גרייטען זיך אָנצופֿאַלען אויף ירושלים. נאָר די דאָזיגע ידיעה האָט בעוואויגען די בויער צו זיין פֿאָרזיכטיגער. נחמיה האָט בעוואָפֿענט אַלע אַרבייטער און האָט געשטעלט איין טייל פֿון זיי היטען די מויערן אין פֿערשיידענע פּונקטען, אין דער צייט, ווען דער צווייטער טייל האָט געאַרבייט.

נאָך אַן אָנגעשטרענגטער אַרבייט, וואָס האָט געדויערט כמעט צוויי חדשים, זענען די פֿעסטונגס־מויערן אַרום ירושלים פֿאַרטיג געוואָרען, און אין גיכען זענען אויך ווידער אויפֿגעבויט געוואָרען די טויערן פֿון שטאָדט. ביי די טויערן האָט מען געשטעלט אַ וואַך. די פֿערוואַלטונג איבער דער שמירה פֿון שטאָדט האָט נחמיה איבערגעגעבען זיין ברודער חנני און דעם פֿעסטונגס־הויפּטמאַן חנניה.

די טויערן פלעגט מען ביי־נאכט פערשליסען און עפענען נאר אין דער פריה, „אז די זון האט שוין געווארימט". די אידישע הויפט־שטאדט, וואס איז פריהער געווען אזוי שיין, איז איצט געווארען א בעפעסטיגטע און פערשלאסענע שטאדט, און די ארומיגע פעלקער האבען זיך שוין געשראקען פאר איהר.

נחמיה'ס און עזרא'ס רעפארמען.

§ 14. נאכדעם, ווי ירושלים איז פון אויסווייניג בעפעסטיגט געווארען, האבען נחמיה און די אידישע עלטסטע אנגעהויבען צו זארגען וועגען פערגרעסערן איהר בעפעלקערונג. ס'איז געווארען בעשלאסען, אז פון איטליכע צעהן פראווינציעלע איינוואוינער זאל איינער, אויף וועמען ס'וועט אויספאלען דער גורל, זיך בעזעצען אין דער הויפט־שטאדט. א סך האבען זיך חוץ דעם גורל, פרייוויליג בעזעצט אין ירושלים, וואו די איינוואוינער האבען זיך געפיהלט זיכערער, איידער אין דער פראווינץ. נחמיה האט זיך געמיהט אויך צוצוציהען אין דער הויפט־שטאדט אלע לויים און זינגער פון בית־המקדש, וואס האבען פריהער געוואוינט חוץ'ן שטאדט.

א סך זארג האט פערשאפט נחמיה'ן דער עקאנאמישער קלאסען־קאמפף, וואס האט געהערשט אין מלכות־יהודה און וואס האט געשטערט דער נאציאנאלער פעראייניגונג. אין ירושלים און דער סביבה האבען געוואוינט א סך ארימע לייט, וואס זענען געווארען שטארק אונטערדריקט פון די פערמעגליכע קלאסען. די גבירים פלעגען ארויסגעבען די נצרכים הלואות אין געלד אדער תבואה און נעהמען פאר משכנות זייערע פעלדער, וויינגערטנער, הייזער און אפילו זייערע קינדער. בדלות געשטעלט דורך א שורה ניט־געראטענע יאהרען און בערויבט פון די פערסישע בעאמטע און דערצו נאך אונטערדריקט פון זייערע קרעדיטארען, — האבען די ארימע לייט זיך בעקלאגט פאר נחמיה'ן אבער זייער ביטערן מזל.

נחמיה האט אויסגענוצט זיין מאכט, כדי צו פערגרינגער'ן דעם גורל פון די ארימע לייט. ער האט צונויפגערופען די רייכע קרעדיטארען און האט זיי אויפגעוויזען, ווי אונגערעכט זיי בעגעהען זיך, אונטערדריקענדיג זייערע ארימע ברידער. „מיר — האט געטענה'ט נחמיה אויפגערעגט — האבען אויסגעלייזט פון קנעכטשאפט די אידען — וואס זענען פערקויפט געווען צו אנדערע פעלקער, און איצט מאכט איהר אליין פאר קנעכט אייערע אייגענע ברידער!" ער האט אויפגעוויזען די גבירים, אז צוליעב דער פעראייניגונג פון אלע פאלקס־קלאסען, צוליעב'ן פאטריאטיזם, מוזען זיי מקריב זיין זייערע פערזענליכע חשבונות. דערביי האט נחמיה דער ערשטער בעוויזען א ביישפיעל און האט ערקלערט, אז ער איז מוחל די ארימע לייט די הלואות, וואס ער האט זיי געגעבען פריהער אין געלד און תבואה. מחמת דער ארימקייט פון פאלק האט נחמיה נאך פריהער זיך אפגעזאגט פון דער אבצאהלונג אין געלד און פראדוקטען, וואס די

אידען האָבען בעראַפּט צאָהלען איהם אַלס קעניגליכען פערוואַלטער, און זיינע בעדיענטע (לחם הפחה). נחמיה'ס בייספּיעל און זיינע רייד האָבען געווירקט אויף די רייכע אידען. זיי האָבען צוגעזאָגט אַרויסצולאָזען פריי זייערע קנעכט, צוריק אָבצוגעבען די בעלי-חובות די פערמשכנ'טע הייזער, פעלדער און גערטענער און ניט איינצומאָנען די חובות. אויף נחמיה'ס פאָדערונג האָבען זיי געמוזט בעשטעטיגען זייער צוזאָג דורך אַ שבועה.

צוועלף יאָהר האָט נחמיה פערוואַלטעט איבער דאָס לאַנד יהודה, און פאַר דער צייט האָט ער בעוויזען איינצושטעלען אַ בעשטימטע אָרדנונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען. נאָר כדי די דאָזיגע אָרדנונג זאָל זיך בעפעסטיגען אויף לאַנגע יאָהרען, איז נויטיג געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל אָנערקענען, אַז זי איז נויטווענדיג און אַז זי איז ענג פערבונדען מיט די יסודות פון זיין אמונה. צוליעב דעם האָט נחמיה זיך גענויטיגט אין הילף מצד עזרא הסופר, און זינט יענע צייטען אַרבייטען שוין די ביידע גרויסע מענער אינאיינעם.

ביידע אידישע פיהרער טיילען פונאַנדער צווישען זיך די אַרבייט. עזרא גיט זיך אָב איינגאַנצען צו פערשפּרייטען די „תורת-משה“ צווישען פאָלק, און נחמיה, אַלס פערוואַלטער, נעהמט אָן מיטלען, אַז די דאָזיגע תורה זאָל ווערען איינגאַנצען פּראַקטיש דורכגעפיהרט אין לעבען. דאָס פאָלק ווערט צוגעגרייט דערצו, אַז עס זאָל בעוואוסט זיך אָנאייגענען יענע „תורה פון לעבען“, וואָס פריהער האָבען געוואוסט פון איהר נאָר די כהנים און סופרים. וועגען דער דאָזיגער רעפאָרמאַטאָרישער טעטיגקייט פון עזרא און נחמיה ווערט דערצעהלט אין תנ"ך פאָלגענדעס.

איין מאָל אום ראש השנה (צווישען יאָהר 444 און 443) האָט דאָס פאָלק זיך צונויפגעקליבען אויף איינעם פון די פּלעצער פון ירושלים, קעגענאיבער דעם „וואַסער-טויער“ (שער-המים) און האָט געפאָדערט פון עזרא'ן, ער זאָל פאָרלייענען פאַר'ן גאַנצען עולם „דעם ספר תורת-משה“, וואָס גאָט האָט געגעבען ישראל. עזרא איז, אפנים, שוין געווען צוגעגרייט צו דער דאָזיגער פאָדערונג. ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ הויכער הילצערנער בימה, אַרום האָבען זיך געשטעלט די כהנים און די סופרים, און ער האָט פאָרגעלייענט בקול רם אַ סך קאַפּיטלען פון חומש. דער לייענען האָט געדויערט פון פריהמאָרגען ביז האַלבען טאָג. דאָס פאָלק האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט שטעהענדיג לכבוד די כתבי-הקדש. ס'האָט זיך איבערגע'חזר'ט דאָס אייגענע, וואָס עס איז פאָרגעקומען, בשעת מען האָט פערעפענטליכט די משנה-תורה אין קעניג יאשיהו'ס צייטען[1]. דער לייענען האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אויף די פערזאַמעלטע. זיי האָבען זיך איבערצייגט, ווי ווייט אָבגעשטאַנען עס איז זייער לעבען פון יענע הייליגע רעליגיעז-זיטליכע געבאָטען, וואָס זענען פערשריבען אין די פאָר-

---

1) אַלגעמיינע אידישע געשיכטע, I, § 111.

געליינטע היילּיגע מגלות. א סך האָבען געוויינט אויפ'ן קול. נאָר עזרא און נחמיה האָבען בערוהיגט דאָס פאָלק און האָבען געזאָגט: „דער היינטיגער טאָג איז געהייליגט דעם אייביגען גאָט אייער'ן; זייט ניט טרויעריג און וויינט ניט; געהט עסט פעטע שפייז און טרינקט זיסע געטראַנקען (אכלו משמנים ושתו ממתקים), און שיקט מתנות די, וואָס האָבען ניט צוגעגרייט". דאָס פאָלק האָט געפאָלגט דער עצה און האָט פערבראַכט דעם איבעריגען טייל פון טאָג אין פריילּיכע מאַלצייטען.

אויפ'ן אנדער טאָג האָבען זיך צונויפגעקליבען ביי עזרא'ן די ראשי-המשפחות. עזרא האָט זיי אויסגעטייטשט די תורה, בעזונדערס די בעדייטונג פון די צערעמאָניעס אין ימים-טובים, ווי עס ווייזט אויס, אין דעם גייסט, ווי דאָס איז געשריבען אין ספר „ויקרא" אָדער „תורת-כהנים". מעהר פון אלץ זענען געוואָרען גענומען אין אַכט די געזעצען און צערעמאָניעס, וואָס זענען שייך צום אַכט-טאָגיגען יום-טוב סכות, וואָס איז געווען פריהער בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „חג האסיף", דאָס-הייסט, דער יום-טוב לכבוד דעם אראָבנעהמען די תבואות פון די פעלדער. דאָס מאָל האָט מען געפייערט סכות מיט אלע צערעמאָניעס, ווי עס שטעהט געשריבען אין דער תורה. אלע אידען האָבען זיך אויסגעבויט ביידלעך (סכות), איינע אויף די דעכער פון זייערע הייזער, די אנדערע — אויף זייערע הויפען. איניגע האָבען געבויט סכות אין די ווייטע הויפען פון בית-המקדש אָדער אויף די שטאָדטישע פלעצער. די סכות זענען געווען בעצירט מיט בלעטער און צוויינען פון איילבוימער, מירטען און פאַלמען, וואָס מען האָט געבראַכט צו פיהרען פון די וועלדער.

נאָך יום-טוב האָבען זיך די עפענטליכע לעזונגען פון דאָס-ניי אנגע-הויבען. 24 טעג אין תשרי איז געוואָרען בעשטימט פאַר א תענית. אין דער פאָלקס-פערזאַמלונג האָט מען ווידער געליינט קאַפּיטלען פון דער תורה, דער-נאָך האָבען אלע פערזאַמעלטע זיך מתודה געווען אויף זייערע זינד און האָבען תשובה געטאָן. די לויים האָבען אין זייערע דרשות געשילדערט די הויפטליכע געשעהעניסען אין'ם עבר פון דער אידישער נאַציע, אירע גרויסע גבורות און גרויסע פעהלער'ן, וואָס האָבען געבראַכט דערצו, אז מלכות-יהודה איז אונ-טערטעניג געוואָרען א פרעמדען פאָלק.

לסוף איז פאָרגעקומען דער שלוס-אַקט פון אלע די דאָזיגע דעמאָנסטראַ-ציעס. די וועלטליכע און גייסטליכע פאָרשטעהער פון דער ירושלמ'ער געמיינדע האָבען זיך אונטערגעשריבען אויף אַנ'אָבמאַך, וואו זיי האָבען זיך מתחייב גע-ווען צו היטען אלע געזעצען און געבאָטען, וואָס גאָט האָט געגעבען דורך משה'ן און וואָס שטעהען געשריבען אין דעם פולשטענדיגען ספר-התורה, וואָס עזרא האָט זיי פאָרגעליינט. דאָס איבעריגע פאָלק האָט בעשטעטיגט די דאָזיגע התחייבות דורך א שבועה, וואָס עס האָט געגעבען הויך אויפ'ן קול. אין דעם שריפטליכען אָבמאַך האָבען זיך געפונען, צווישען אנדערע, פאָל-

גענדע הויפט-התחייבות'ען 1) ניט טון קיין שדוכים מיט די הײדען. 2) שטרענג אפהיטען די שבת-רוה און ניט פירען קיין שום משא-ומתן אום שבת. 3) אפהיטען דעם געזעץ וועגען שמיטה-יאהר, ווען די ערד טאר ניט בעארבייט ווערען און ס'ווערען בטל אלע חובות. 4) צאהלען א בעזונדער אבצאהלונג פון א דריטעל שקל פון קאפ אויף אויסהאלטען דעם בית-המקדש און די קרבנות. 5) געבען די כהנים און לויים א געוויסען טייל פון די אראבגענומענע תבואות: די פריה-צייטיגע פירות (בכורים) און א צעהנט-חלק פון די תבואות און פירות פאר די לויים (מעשר ראשון). די דאזיגע אלע תבואות און פירות האט מען בעדארפט צונויפקלייבען אין בעזונדערע שייערן ביים בית-המקדש און פונאנדערטיילען זיי צווישען די כהנים און לויים, לויט די געזעצען.

נחמיה דאס צווייטע מאל אין ירושלים.

§ 15. עזרא'ס און נחמיה'ס רעפארמען, וואס האבען געשטרעבט צו בעפעסטיגען די נאציאנאל-גייסטיגע אייגענארטיגקייט פון אידישען פאלק, האבען זיך ניט מיט אמאל איינגעווארצעלט ביים פאלק. כל-זמן נחמיה האט פערנומען דעם פאסטען פון א פערוואלטער איבער דאס לאנד יהודה, האט ער אונטערגעהאלטען די רעפארמירטע ארדנונג מיט'ן אויטאריטעט פון זיין מאכט. נאר אז מען האט אים, נאך א 12-יאהריגער פערוואלטונג, אבגערופען אין דער הויפט-שטאדט פון פערסיען, צום הויף פון ארטאקסערקסעס (433), איז די נייע ארדנונג אין מלכות-יהודה, וואס איז בעשאפען געווארען מיט אזויפיעל מיה, ווידער צעשטערט געווארען. די אריסטאקראטישע פארטיי, וואס איז געווען נוטה צו די פרעמדע און וואס אין נחמיה'ס צייטען איז זי געווארען אבגעשטופט אויפ'ן הינטערגרונד, — האט איצט בעקומען אן איינפלוס און איז שטארקער געווארען, מחמת זי איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט די שכנ'ישע הײדנישע פירשטען און מיט איינפלוסרייכע פערסישע בעאמטע. אין ירושלים האבען זיך ווידער בעוויזען פרעמדע פירשטען. דער כהן-גדול אלישיב האט אבגעגעבען זיין קרוב טוביה העמוני א בעזונדערען ארט אין בית-המקדש, און אויף אזא אופן האט דער ביזער שונא פון אידישען פאלק געקאנט אפטון זיינע שלעכטע מעשים אונטער'ן דאך פון הייליגטום. די אבצאהלונגען פאר'ן בית-המקדש און פאר די כהנים פלעגט מען ברענגען ניט אקוראט, מ'פלעגט בפרהסיה מחלל שבת זיין. שבת האט מען בעשטימט פאר א מארק-טאג, און דעמאלט פלעגען זיך צונויפפאהרען אין ירושלים די איינוואוינער פון די ארומיגע דערפער מיט זייערע פראדוקטען, און צורישע הענדלער פלעגען אויף די גאסען האנדלען מיט פיש און מיט אנדערע פראדוקטען. ווידער האבען זיך פערמעהרט די געמישטע שדוכים צווישען אידען מיט ניט-אידען. אין דעם פרט האט געגעבען א שלעכטען ביישפיעל דער אייניקעל פון כהן-גדול אלישיב גופא, וואס האט חתונה געהאט מיט סנבלט השמרוני'ס א טאכטער.

אַז נחמיה האָט זיך דערוואוסט וועגן דער טרויעריגער לאַגע אין מלכות-יהודה, איז ער ווידער אַוועקגעפאָהרען אַהין, מיט דער ערלויבניש פון קעניג אַרטאַקסערקסעס און מיט דער פריהערדיגער הרשאה. באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָט ער אָנגעהויבען אויסריינוגען די געמיינדעס פון די אַנטי-נאַציאָנאַלע עלעמענטען. קודם כל, האָט ער פערטריבען פון דער לשכה אין בית-המקדש טוביה העמוני, האָט אַרויסגעוואָרפען פון דאָרטען זיינע זאַכען און האָט געהייסען אויסריינוגען די לשכה און בעהאַלטען דאָרט זאַכען, וואָס זענען שייך צו דער עבודה אין בית-המקדש. אלישיב'ס איינקעל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ שמרונ'ישער פרוי, האָט נחמיה אויך אויסגעשלאָסען פון דער געמיינדע. דערנאָך האָט ער אָנגענומען מיטלען צו פערזיכערן, אַז דער בית-המקדש און די כהנים זאָלען בעקומען זייערע אָבצאָהלונגען. וועגען שבת-רוה איז ערקלערט געוואָרען, אַז אַלע איינוואוינער פון ירושלים זענען מחויב עס אָבצוהיטען. אויף נחמיה'ס בעפעהלען, זענען די טויערן פון ירושלים געבליבען פערשלאָסען פון פרייטאָג פאַר-נאַכט ביז שבת צו-נאַכט, בכדי פאַר דער צייט זאָל מען קיין סחורות אין שטאָדט ניט אַריינפיהרען. די אָרטיגע איינוואוינער האָט מען פערזאָגט, ניט צו פערנעהמען זיך מיט משא-ומתן אום שבת. פאַר די, וואָס וועלען דעם פערבאָט ניט היטען, איז בעשטימט געוואָרען אַ שטרענגע שטראָף. נחמיה האָט געפונען עטליכע אידישע משפחות, וואָס האָבען ביי זיך נאָך געהאַט פרעמדע פרויען. אין אַזעלכע פאַמיליעס האָבען די קינדער אָפט גערעדט ניט אויף העברעאיש, נאָר אויף דער שפראַך פון זייערע פרעמדע מוטערס — עמוניש און אשדודיש. נחמיה האָט שטאַרק געזידעלט און אפילו בעשטראָפט די פאָטערס פון אַזעלכע פאַמיליעס; דערנאָך האָט ער ביי זיי גענומען אַ שבועה, אַז זיי וועלען זיך מעהר ניט מתחתן זיין מיט פרעמדע. זינט יענער צייט האָבען די געמישטע שדוכים ביסלעכווייז אויפגעהערט אין מלכות-יהודה.

אַזוי האָט זיך פערענדיגט די גרויסע רעפאָרם, וואָס עזרא און נחמיה האָבען אונטערגענומען. עס האָט זיך פערענדיגט דער פּראָצעס פון אָבזונדערן דאָס אידישע פאָלק פון די שכנ'ישע שבטים. לויט די תנאים פון יענער צייט איז דאָס געווען נויטווענדיג, מחמת דעם, וואָס דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם איז אויסגעריינוגט געוואָרען און האָט בעקומען יענע שטאַנדהאַפטיגקייט, וועלכע דאָס אידישע פאָלק ווייזט אַרויס זינט יענער צייט אין אַלע שטורמישע און געפעהרליכע מאָמענטען פון דער געשיכטע.

די אָבזונדערונג פון די שמרונים.

§ 16. די נאַציאָנאַלע רעפאָרם, וואָס עזרא און נחמיה האָבען דורכגעפיהרט, האָט אָבגעשטויסען פון דער ירושלמ'ער געמיינדע די פאָרשטעהער פון דער אַסימילאַציאָנס-פּאַרטיי, וואָס האָבען געהאַט פערבינדונגען מיט די פרעמדע. אַזעלכע אונצופרידענע זענען צום טייל פערטריבען געוואָרען פון ירושלים.

צום טייל זענען זיי פריוויליג אַרויס פון דאָרט און זענען צוגעשטאַנען צו די שכנים — די שמרונים, וואָס צווישען זיי האָבען אַ סך געהאַט נאָהענטע מחותנים.

די שמרונים האָבען אינגאַנצען אָנגעוואָרען די האָפענונג אויף אַ רעליגיעזען בונד מיט די אידען, וואָס האָבען אַזוי שטאַרק געהאַלטען פון ראַסען־ריינקייט. ביי זיי איז אויפגעקומען אַ שטרעבונג — זיך אויסצוטיילען אין אַ באַזונדערע רעליגיעזע געמיינדע, וואָס זאָל זיין ניט אָבהענגיג פון דער אידישער און פון איהר צענטער — דעם בית־המקדש אין ירושלים. כדי צו באַפרידיגען די דאָזיגע רעליגיעזע בעדערפעניש פון די שמרונים, האָט זייער פיהרער סנבלט בעשלאָסען אויסצובויען פאַר זיי אַ באַזונדערן טעמפעל, וואָס זאָל קאָנען זיך פערגלייכען מיטן בית־המקדש אין ירושלים. דער נייער טעמפעל איז געוואָרען אויסגעבויט ניט ווייט פון דער אַלטער שטאָדט שכם אויפן באַרג גריזים, וואָס אין דער תורה ווערט ער אָנגערופען „דער באַרג פון די ברכות“. פאַר אַ כהן־גדול איז בעשטימט געוואָרען סנבלט'ס איידעם, יענער איניקעל פון ירושלמער כהן־גדול אלישיב, וואָס נחמיה האָט איהם אויסגעשלאָסען פון דער אידישער געמיינדע[2]. אַנדערע כהנים, וואָס זענען אַנטלאָפען פון ירושלים, און סופרים, וואָס האָבען בעקומען אַ שלעכטען נאָמען ביי זיך אין דער היים, זענען געוואָרען שמרונישע גייסטליכע.

דער רעליגיעזער קולט פון די שמרונים האָט זיך געבילדעט פון אַ געמישעכץ פון אידישע און אַלטע האַלב־היידנישע עלעמענטען. די חמשה חומשי תורה האָבען די שמרונים אָנערקענט פאַר זייער הייליגען קאָדעקס. אין אַ שפעטערדיגער צייט האָבען זיי נאָך מוסיף געווען דעם ספר „יהושע“, אין אַ פיל שטענדיגען פערענדערטען טעקסט, וואָס איז פיל מיט אויסגעטראַכטע לעגענדעס וועגען דער געשיכטע פון די שמרונים (יהושע'ן האָבען די שמרונים בעזונדערס געעהרט, מחמת ער שטאַמט אַרויס פון שבט אפרים, און זיי, די שמרונים, האָבען זיך אויך גערעכענט, אַז זיי קומען אַרויס פון שבט אפרים). דער אַלטער טעקסט פון דער שמרונישער תורה האָט זיך ווינציג וואָס אָבגעשיידט פון דער אידישער, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען דורך עזרא הסופר. שפעטער אָבער זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען טענדענציעזע שנויים. די ספרי־הנביאים, וואָס דאָס קעניגרייך שמרון ווערט שטאַרק פערורטיילט, האָבען די שמרונים כלל ניט אָנערקענט. אויף אַזאַ אופן איז זיי געבליבען פרעמד דער ערהאַבענסטער טייל פון דער ביבלישער רעליגיעז־עטישער וועלט־אָנשויאונג.

צו די שמרונים זענען, ווי עס ווייזט אויס, צוגעשטאַנען אַ טייל פון די איינוואוינער פון צפון־יהודה, וואָס פאַר זיי איז צו שווער געווען די בענט־

---

[2]) דער נאָמען פון דעם דאָזיגען איניקעל איז געווען מנשה, אויב מען זאָל גלויבען דער שפעטערדיגער ערצעהלונג פון יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס איז כראָנאָלאָגיש ניט ריכטיג (קדמוניות, XI, 8).

רעאליזירונג פונ'ם גאטעסדיענסט אין ירושלים, וואס עזרא און נחמיה האבען איינגעפיהרט. מיט דער צייט איז פון די שמרונים אויסגעוואקסען א גאנץ צאהל־רייך פאלק, וואס איז געוועזען א דם־שונא דעם אידישען פאלק. די דאזיגע האלבע אידען האבען זיך גערעכענט פאר די יורשים פון געוועזענעם קעניגרייך אפרים אדער שמרון, און מחמת דעם האבען זיי געירש'עט אויך די אלטע שנאה פון אפרים צו יהודה. און נאך א סך יאהרהונדערטען וועט געדויערן די פיינדשאפט צווישען די צוויי צווייגען פון כנעניש'ען יודענטום, וואס האבען זיך צעשפאלטען און האבען מעהר ניט געקאנט זיך צונויפוואקסען.

פיערטער קאפיטעל.

די אידישע טעאקראטיע און די ענטוויקלונג פון דער יהדות.

דער צווייטער יאהרהונדערט פון דער פערסישער הערשאפט. — די תורה, אלס די אידישע קאנסטיטוציע. — די ממשלה פון די כהנים און די כנסת־הגדולה. — דער גייסטיגער און קולטורעלער לעבענספיהר. — דער צונויפקלייבען און איבער־ארבייטען די ליטעראטור. — די רעליגיעזע ליריק. — די רעליגיעזע פילאזאפיע. — כללים פאר'ן לעבען און מאראל. — די ווירקונג פונ'ם פארסיזם.

דער צווייטער יאהרהונדערט פון דער פערסישער הערשאפט.

§ 17. זעהר ווייניג ידיעות זענען פערבליבען אין דער געשיכטע וועגען דער אויסווייניגסטער לאגע פון מלכות־יהודה אין משך פון צווייטען יאהרהונדערט פון דער פערסישער איבערהערשאפט (420—332). די לעצטע ביבלישע כראניקען הערען אויף מיט דער עפאכע פון עזרא און נחמיה. דערנאך ציהט זיך אין דער אידישער געשיכטע עפיס א טונקעלע צייט, וואו מען בעגעגענט ניט ניט קיין גרויסע מענשען, ניט קיין גרויסע געשעהענישען. די דאזיגע תקופה שטעלט זיך פאר די שפעטערדיגע דורות איינגעהילט אין א נעפיל פון מטושטש'ע לעגענדעס, ווארום די פאקטישע כראניקען, וואס זענען שייך צו איהר, זענען צו אונז ניט דערגאנגען. אין די דענקמעלער און כראניקען פון אנדערע פעלקער ווערט וועגען דער דעמאלטיגער מלכות־יהודה כמעט ווי ניט דערמאנט, ווארום זי האט אין יענער צייט כמעט ניט געשפיעלט קיין פאליטישע ראָל. א קליינע פראווינץ פון דער גרויסער פערסישער מאנארכיע, וואס איז רעגירט געווארען פון די אכעמענידען (כורש'ס דינאסטיע), — האט מלכות־יהודה ניט גענומען קיין אקטיווען אנטייל אין די פאליטישע בעוועגונגען, וואס האבען אויפגערודערט יעמאלט פאדער־אזיען, דרום־איראפע (גריכענלאנד, איטאליען) און

צפון-אַפֿריקאַ. די דאָזיקע בעוועגונגען און מלחמות האָבּען אַמאָל געקאָנט זיך אָבּשפּיגלען אויף איהר בּלויז אונדירעקט, אויף וויפיעל זיי האָבּען זיך דער-נעהנטערט צו איהר טעריטאָריע.

אין דער צייט פֿון אַרטאַקסערקסעס II מנעמאָן (358—404), האָבּען זיך אַיפּ'ס-ניי אָנגעהויבּען די אונאויפהערליכע קריג צווישען פּערסיען און עגיפּטען, וואָס האָט ניט אויפגעהערט מורד צו זיין קעגען דער איבּערהערשאַפֿט פֿון די אַכעמענידען. אין לאַנד יהודה פֿלעגען זיך אָבּשטעלען די פּערסישע מיליטער-אָבּטיילונגען, וואָס זענען געגאַנגען איינצושטילען עגיפּטען, און דאָס לאַנד האָט מסתמא ניט ווינציג געליטען פֿון די מהומות פֿון דער קריגס-צייט.

פֿאַר אַרטאַקסערקסעס III-ענס צייטען (337—358) האָבּען מורד געווען קעגען דער פּערסישער איבּערהערשאַפֿט אַ טייל פֿון סיריען און פֿעניציען (צידון). די מרידה האָט דערשטיקט אַרטאַקסערקסעס'ס בּעריהמטער קריגס-הויפּטמאַן, דער סריס בּאַגאָאַס. מיט דער דאָזיגער געשעהעניש פֿערבּינדט מען די שפּעטער-דיגע ידיעה פֿון די כראָניקען, אַז דעמאָלט האָבּען געליטען אויך די אידען, בּעזונדערס די איינוואוינער פֿון דער שטאָדט יריחו, וואָס האָבּען, אפֿנים, זיך בּעטייליגט אין דער סיריש-פֿעניצישער מרידה. יריחו איז צעשטערט געוואָרען און איהרע איינוואוינער זענען פֿערטריבּען געוואָרען קיין הירקאַניען, וואָס ליגט אין דרום-זייט פֿון קאַספּישען ים[1].

מיט'ן נאָמען פֿונ'ם פּערסישען קריגס-הויפּטמאַן בּאַגאָאַס איז פֿערבּונדען נאָך אַ געשעהעניש, וואָס האָט איבּערגעלאָזען נאָך זיך אַ טרויעריגע אָנדענ-קונג אין מלכות-יהודה[2].

אין יענער צייט איז געווען כהן-גדול אין ירושלים יוחנן, אלישיב'ס אַני-איניקעל. יוחנן'ס בּרודער, יהושע, האָט מיט איהם פֿערפֿיהרט אַ שטרייט וועגען דער כהונה-גדולה. ער האָט זיך בּעפֿריינדעט מיט בּאַגאָאַס'ן, און יענער האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָבּנעהמען די כהונה-גדולה פֿון יוחנן און וועט עס איבּערגעבּען איהם, יהושע'ן. דער כהן-גדול איז געווען אויפגעבּראַכט איבּער די נידעריגע אינטריגעס פֿון זיין בּרודער. איין מאָל איז אַרויס אַ שטרייט צווישען

---

1) לויט די כראָניקען פֿון איוסעביוס און סאָלינוס (אין III יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג). איינער פֿון די פּערסישע קריגס-הויפּטלייט פֿון יענער צייט איז געווען אָראָפֿערנוס, וואָס האָט געשטאַמט פֿון קליינאזישע סאַטראַפּען. דאָס, וואָס דער דאָזיגער נאָמען איז ענליך אויפ'ן נאָמען האָלאָפֿערנוס, דעם העלד פֿון ספר „יהודית", וואָס געהערט צו די „כתובים אחרונים" — לאָזט משער זיין, אַז די געשעהענישען פֿון דער צייט, פֿון וועלכער מיר רעדען דאָ, האָבּען געדיענט אַלס מאַטעריאַל פֿאַר דער נאַציאָנאַל-עפּישער ערצעהלונג פֿון די „כתובים אחרונים, וואָס מען האָט עס בּעצויגען אויף דער פֿריהערדיגער צייט.

2) די איז פֿערבּליבּען אין אַ האַלבּ-לעגענדאַרישער פֿאָרם אין „קדמוניות היהודים" פֿון יאָסעפֿוס-פֿלאַוויוס (XI, 7).

די ברידער אין בית־המקדש גופא, און דער צווייטער יוחנן האָט אויפֿן אָרט דערהרגעט זיין ברודער, דעם בוגד. יענמאָלט איז באַגאָאַס געקומען מיט אַ מיליטער־אָפּטיילונג קיין ירושלים און האָט זיך אַריינגעריסען אין בית־המקדש. אַז די כהנים האָבען איהם געוואָלט אָפּשטעלען, בעטענדיג איהם, ער זאָל ניט פֿערשוועכען דעם הייליגטום, האָט ער מיט כעס אויסגערופֿען: „שוין־זשע בין איך ווייניגער ריין, איידער יענער, וואָס האָט געטויט זיין ברודער אין בית־המקדש?“ באַגאָאַס האָט אַרויפֿגעלעגט אויף די אידען אַ שווערען קנס: פֿאַר יעדען שעפּס, וואָס מען וועט ברענגען טעגליך פֿאַר אַ קרבן אויפֿן מזבח (קרבן תמיד), האָבען די ירושלמים געמוזט צאָהלען דער פּערסישער רעגירונג אַן אָפּצאָהלונג פֿון 50 דראַכמעס. זיבען יאָהר איז אויסגעקומען דעם פֿאָלק צו צאָהלען דעם דאָזיגען שווערען צינז.

נאָר אַזעלכע צופֿאַלען, ווען די פּערסישע רעגירונג האָט זיך אַריינגעמישט אין די אינעווייניגסטע ענינים פֿון לאַנד יהודה, בעגעגענען מיר לפֿי־ערך ווייניג. די צענטראַלע רעגירונג אין פּערסיען איז יענמאָלט געווען זעהר שוואַך. די סאַטראַפּען זענען געווען זעלבשטענדיגע מושלים אין זייערע פּראָווינצען און האָבען אָפֿט געמאַכט אויפֿשטאַנדען קעגען זייערע מלכים, און דאָס האָט זעהר אָפּגעשוואַכט די כחות פֿון דער מלוכה. פֿון שטענדיג אָן איז מלכות־יהודה געווען אַ טייל פֿון דער סירישער סאַטראַפּיע. אין ירושלים איז נאָך נחמיה׳ן ניט געווען קיין בעזונדער פֿערוואַלטער אָדער פּחה. ירושלים האָט מען, אַפּנים, אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט צוגערעכענט צו דער שכנישער שמרונישער פּראָווינץ. די אָבהענגיגקייט פֿון מלכות־יהודה צו פּערסיען האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס די דאָזיגע אָבהענגיגקייט איז אָפֿיציעל אָנערקענט געוואָרען און וואָס די אידען האָבען געצאָהלט אַ בעשטימטען צינז אַן פּערסיען. אין אַלץ איבעריגע האָבען די אידען געהאַט אַ ברייטע זעלבסטפֿערוואַלטונג.

די תורה, אַלס די אידישע קאָנסטיטוציע.

§ 18. דער יסוד פֿון דער אידישער זעלבסטפֿערוואַלטונג, די קאָנסטיטוציע פֿון לאַנד, איז געוואָרען די תורה (דער חומש) אין דער גרייס, ווי עזרא הסופֿר האָט זי איינגעשטעלט. סיי די ביבלישע, סיי די שפּעטערדיגע תלמודישע מסורות רידמען עזרא׳ן, אַז ער האָט ווידער בעגרינדעט און פֿערשפּרייט דעם „געזעץ“. אין באמת, היסטאָריש, איז ניט צו בעשטרייטען, אַז עזרא און די סופֿרים־שול, וואָס ער האָט געשאַפֿען, האָבען ענדגילטיג פֿעסטגעשטעלט די פֿאָרם פֿון דער תורה־שבכתב. די נייעסטע פֿאָרשער זענען משער ניט אָהן אַ יסוד, אַז אין עזרא׳ס רעדאַקציע איז צוערשט איינגעשלאָסען געוואָרען אין דער תורה די אָבטיילונג, וואָס ווערט אָנגערופֿען תורת־כהנים. דער ספֿר תורת־כהנים איז אַריין דער עיקר אין ספֿר „ויקרא“ און צום טייל אין ספֿר „במדבר“. אויב אין דער עפּאָכע פֿון די צוויי קעניגרייכען האָבען עקסיסטירט

שוין די עלטסטע היסטאָרישע און געזעצגעבערישע טיילען פֿון דער תורה[3]; אײב שפּעטער, אין קעניג יאשיהו׳ס צייטען, האָבען די נביאים פֿערעפֿענטליכט אידער ערדאַבענסטען סאָציאַל־עטישען טייל — די משנה־תורה[4], — איז אין עזרא׳ס און נחמיה׳ס צייטען אין פֿולער מאָס פּראַקטיש אָנגעווענדט געוואָרען דער ספר „תורת־כהנים", וואָס לויט איהם ווערט גערעכענט פֿאַר׳ן צענטער פֿון קולט דער בית־המקדש און בראש פֿון דעם פֿאָלקס־זעלבסטפֿערוואַלטונג דאַרף שטעהן דער כהן־גדול. אַט די שטרענג טעאָקראַטישע געזעצגעבונג איז געווען פֿולקום צוגע־פּאַסט צו דער לאַגע פֿון מלכות־יהודה אונטער דער פּערסישער איבערהערשאַפֿט.

דעם אידעאַל פֿון דער טעאָקראַטיע האָט יחזקאל הנביא אויסגעאַרבייט נאָך אין גלות־בבל[5]. אין זיינע נבואות האָט דער נביא געזעהן די גייסטליכע ירושלים, מיט׳ן כהן־גדול בראש פֿון דער הנהגה, מיט זעהר אַ פֿערפֿלאָכטענען קולט אין בית־המקדש און מיט אַ סך רעליגיעזע צערעמאָניעס. די טעאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וואָס יחזקאל האָט אויסגעצייכענט, איז זעהר נאָהענט צו יענער, וואָס איז מעהר בפּרטיות׳דיג פֿאָרגעשטעלט אין ספר „ויקרא" און וואָס האָט בעקומען אַ פּראַקטישע פֿערווירקליכונג זינט עזרא׳ס צייטען[6]. ביז׳ן גלות־בבל האָבען די טעאָקראַטישע שטרעבונגען בעגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד דער קע־ניגליכער מאַכט. אָבער אין דער צייט פֿון דער פּערסישער הערשאַפֿט, אַז קיין מלכים זענען אין מלכות־יהודה מעהר ניט געווען, האָבען די דאָזיגע שטרעבונגען געקאָנט אינגאַנצען פֿערווירקליכט ווערען. מלכות־יהודה איז איצט געווען מעהר אַ גייסטליכע, אײדער אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. אין הסכם דערמיט זענען פֿערענדערט געוואָרען סיי די כללים פֿון דער געזעצגעבונג, סיי די אַלטע מסורות. אין געוויסע טיילען פֿון חומש טרעט ישראל אַרויס ניט אַלס פֿאָלק, נאָר אַלס רעליגיעזע געמיינדע, וואָס גרופּירט זיך אַרום דעם „אוהל־מועד". צו דער נייער לעבענס־אָרדנונג זענען צוגעפּאַסט געוואָרען די לעגענדאַרישע פֿאָרשטע־לונגען וועגען דער פֿאָרהיסטאָרישער צייט פֿו׳ן פֿאָלקס־לעבען; מחמת דעם האָט די געזעצגעבונג אויסגעוויזען ווי אַנ׳אייביגע, אומפֿערענדערליכע.

דער יסוד פֿון דער דאָזיגער טעאָקראַטישער אָרדנונג איז די אידעע פֿון הייליגקייט, קדושה. „זייט הייליג, וואָרום הייליג בין איך, דער אייביגער, אייער גאָט!"[7]. די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט ווערט געווענדט אויף דער רע־ליגיעזער אָדער ריטועלער קדושה, וואָס דריקט זיך אויס אין די צערעמאָ־ניעס פֿון קערפּערליכער „ריינונג" און אין אָבהיטען מעסיגונג ביים בעפֿרידיגען

---

3) אַלג. איד. געשיכטע I, § 96.

4) דאָרט גופא, § 111.

5) אויבען § 3.

6) פֿערגלייך ספר „יחזקאל", קאַפּ. מ״ד–מ״ו און ספר „ויקרא", קאַפּ. ח׳, ט׳, י״א–כ״ג, כ״ה.

7) ויקרא, קאַפּ. י״ט, 2.

פיזיאלאגישע בעדערפענישען. פאר כהנים און לויים זענען אין דעם פרט איינגעשטעלט געווארען שטרענגערע כללים, איידער פאר ישראלים. צו די אלגעמיין-גילטיגע נארמען געהערען די געזעצען וועגען כשרע און טריפע מינים עסענווארג, וועגען די מדרגות פון קרובה'שאפט ביים חתונה האבען (אסורי נשואין), וועגען דער הויזליכער און געשלעכטליכער היגיענע. א סך פון די דאזיגע געזעצען האבען דעם צוועק צוגעוועהנען דעם מענשען צו זיין איינגעהאלטען און ריין, כדי צו היטען זיין געזונדהייט און אונטערהאלטען ביי איהם די שטארקייט פון קערפער און פרישקייט פון גייסט. אין זיי בעווייזט זיך א שטרעבונג ניט צום אסקעטיזם, וואס איז אינגאנצען פרעמד דער ביבלישער וועלט-אנשויאונג, נאר צו א געזונדער היגיענישער מעסיגקייט. צו גלייכער צייט פאדערט דער געזעץ א מאראלישע הייליגקייט, ער פאדערט, אז עס זאלען פערווירקליכט ווערען יענע ערהאבענע זיטליכע אידעאלען, וואס די נביאים האבען זיי ארויסגעשטעלט. ביי די אלטע נביאים ווערען די ריטועלע און מאראלישע הייליגקייט, די צערעמאניעס און די עטיק — אפטמאלס ארויסגעשטעלט, ווי זיי וואלטען סותר געווען איינע די אנדערע; אין ספר „תורת-כהנים“ אבער זענען זיי ענג פערבונדען צווישען זיך. אין איין און דעמזעלביגען קאפיטעל ווערט גערעדט וועגען קרבנות, אינווייניגסטע צערעמאניעס — און וועגען ליעבען אנדערע מענשען, פערטיידיגען א שוואכען, וועגען גערעכטיגקייט און סאציאלער גלייכהייט.

די רעפארם, וואס איז געמאכט געווארען אין עזרא'ס צייט, האט געבראכט דערצו, אז די פאליטישע דיסציפלין איז געווארען פערוואנדעלט אין א רעליגיעזער. די רעליגיע האט בעגרעניצט מיט בעשטימטע כללים אויך די אלטע פאלקס-מנהגים, וואס האבען זיך איינגעווארצעלט אינ'ם לעבענספיהר; מען האט צוגעפאסט די דאזיגע מנהגים אלץ מעהר צום קולט אין בית-המקדש. די שלש רגלים: פסח, שבועות, סכות, וואס האבען פריהער געטראגען א כאראקטער פון לאנדווירטשאפטליכע ימים-טובים, האבען איצט בעקומען א ריטועל-רעליגיעזען כאראקטער[8]. דער פריהערדיגער פאטריארכאלישער מנהג צו ברענגען אין בית-המקדש לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען און מאכען דארט פאמיליען-מאלצייטען (זבח-משפחה) איז נאך פערבליבען, נאר אויפ'ן ערשטען פלאץ שטעהען איצט די צערעמאניעס ביים מקריב זיין די קרבנות; דער כהן בעקומט איצט די הויפט-בעדייטונג. צווישען די יעהרליכע ימים-טובים בעקומען אין יענער צייט א בעזונדערע בעדייטונג צוויי ימים-טובים, וואס בעווייזען, אז זיי זענען שפעטער איינגעשטעלט געווארען. דאס זענען דער „יום-תרועה“ (דער טאג פון שופר בלאזען) — דעם ערשטען טאג אין תשרי, און יום-כפור — צעהן טאג אין תשרי[9]

8) ויקרא, קאפ. כ"ב, 4—22, 34 ווייט.

9) דארט גופא, 24—33; „במדבר“ קאפ. כט, 1—11. אינ'ם „ספר הברית“ (שמות, קאפ.

דער ערשטער פון די דאָזיגע ימים־טובים איז אויסגעקומען אין אָנהויב יאָהר, און דעריבער האָט ער בעקומען דעם נאָמען „ראש השנה“. זיין עלטערער נאָמען ווייזט אָן אויפ׳ן אַלטען מנהג — צו בלאָזען שופר אינ׳ם דאָזיגען טאָג. פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיגער מנהג און וואָס האָט ער געדאַרפט בעטייטען — דאָס איז נאָך ניט גענוג אויפגעקלערט. על־פי השערה קאָן מען מעהר ניט ערקלערען די דאָזיגע צערעמאָניע דורך דעם פאַקט, וואָס איז שוין איבען (§ 14) דערצעהלט געוואָרען: אַז דעם ערשטען טאָג אין תשרי איז פאָרגעקומען די גרויסע פאָלקס־פערזאַמלונג, וואו עזרא האָט צוערשט געלייענט און ערקלערט די תורה.

א מעהר בעשטימטע בעדייטונג האָט געהאַט יום־כפור. דאָס איז געווען אַ טאָג, ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט געמוזט פאַסטען און תשובה טון אויף זיינע זינד, אַ טאָג פון לחלוטינדיגער רוה (שבת שבתון) און ריינוגנג. דאָ האָט די דאָגמע פון רעליגיעזער הייליגקייט געפונען איהר העכסטען אויסדרוק. דער פערשוועכען די הייליגקייט ברענגט צו זינד; נאָר דורך תשובה און כפרת־עוון ווערט די קדושה ווידער איינגעשטעלט. אַלס מיטלען פאַר כפרת־עוון דינען צוערשט זיכטבאַרע סימבאָלען — קרבנות אין פייערליכע צערעמאָניעס אין בית־המקדש, און דערנאָך — תפלה אין אינעווייניגסטע אויסלייטערונג פון דער נשמה.

ש ב ת, וואָס איז לכתחלה איינגעשטעלט געוואָרען אַלס אַ רוהע־טאָג[10], הערט אויך איצט אַ מיטעל צו פערהייליגען די פערזענליכקייט. דער מענש טוט זיך אויס פון אַלע ענייני־חול און בעקומט די מעגליכקייט זיך אינגאַנצען אריינצוטון אין גייסטיגע אינטערעסען. פון דעם דאָזיגען שטאַנדפונקט האָבען די שטרענגע סיגים און גדרים, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען, בכדי איינצוהיטען שבת־רוה (שבות), געהאַט אַ גרויסע ערציהערישע בעדייטונג פאַר׳ן פאָלק.

דער קולט פון די קרבנות האָט זיך שטאַרק פערברייטערט אין יענער צייט. ס׳האָבען עקסיסטירט אַ סך פערשיידענע מינים קרבנות פאַר פערשיידענע פערזאָנען און צופאַלען. קרבנות פלעגען ווערען געבראַכט פון בהמות, עופות, מעהל, פירות, בוימיל און שמעקענדיגע געווירצען (קטורת). ס׳זענען געווען קרבנות, וואָס מען האָט זיי געדאַרפט אינגאַנצען פערברענען (קרבן־עולה), אויף כפרה פאַר די זינד אָדער פאַר עובר זיין אַ לאו (חטאת און אשם), פרידענס־קרבנות (שלמים) וכדומה. מען פלעגט ברענגען פערשיידענע קרבנות אינ׳ם נאָמען פון גאַנצע געמיינדעס און איינצעלנע פערזאָנען, פרויען און מאַנסבילען, ישראלים און כהנים, מענשען פון המון־עם און מיוחסדיגע לייט[11]. צוויי מאָל אין טאָג,

כא—כג) און אין די עלטסטע טיילן פון דער תורה ווערט ניט דערמאָנט וועגן די דאָזיגע צוויי ימים־טובים.

10) אלגעמ. איד. געשיכטע I, § 97.

11) ויקרא, קאַפּ. א׳—ז׳ און אַנד.

אין דער פריה און פאר-נאכט, פלעגט מען ברענגען קרבנות אויפ'ן מזבח אין בית-המקדש אינ'ם נאמען פון דער גאנצער געמיינדע (קרבן-תמיד). אום דער וואכען פלעגט דער „קרבן-תמיד" בעשטעהן פון צוויי יונגע שאף און א בעשטימטען סכום מעהל און בוימל. יום-טוב-צייט פלעגט דער דאזיגער געמיינדע-קרבן בעשטעהן פון א סך בהמות, רינדער און שאף, מיט ציגאבען[12].

אויף אזא אופן איז דער קולט פון די קרבנות, וואס האט געהאט זיינע ווארצלען אין די פרימיטיווע פארמען פון נאמעסדיענס, געבליבען אין רעליגיעזען לעבען פון די אידען. נאר די תורה האט בעדייטענד אויסגעלייטערט דעם דאזיגען קולט, בעפרייט פון דער היידנישער שאלעכץ און צוגעפאסט אידם צו איהר וועלט-אנשויאונג. דער קרבן איז דא נים א דירעקטער מיטעל אויף צו געפינען גענאד אין גאט'ס אויגען; דאס איז גיכער א מיטעל צו פערהייליגען דורך דעם אויטאריטעט פון דער רעליגיע די וואכעדיגע לעבענס-אקטען. דאס איז א סימבאל פון אויסלייטערן און הייליגען דאס לעבען,— א סימבאל, וואס האט די בעדייטונג פון אנאיבערגאנגס-שטאפעל פון די פרימיטיווע פארשטעלונגען וועגען גאט צו יענע הויכע אידעאלען פון גאטס-ערקענטעניש און מאראלישער קדושה, וואס זענען אזוי העל אויסגעשטעלט אין משנה-תורה און אין דער תורה פון די נביאים.

קולט און מאראל, די אויסווייניגסטע צערעמאניע און נשמה-ריינקייט (קדושה)—דאס זענען די בעשטאנדטיילען פון דער רעליגיע לויט'ן גייסט פון דער תורה. אט די דאזיגע ביידע עלעמענטען זענען געווען היסטאריש נויטווענדיג. אויב די יהדות וואלט בעשטאנען נאר אין די אויסווייניגסטע צערעמאניעס אהן א מאראלישען אינהאלט, וואלט זי געווען, ווי א גוף אהן א נשמה, און וואלט זיך דערנעהנטערט צום היידענטום; פערקעהרט, א מאראל אהן אויסווייניגסטע צערעמאניעס וואלט געבראכט דערצו, אז עס זאל בטל ווערען יענע רעליגיעזע און נאציאנאלע דיסציפלין, וואס האט פעראייניגט דאס אידישע פאלק און האט געשאפען פון אידם א געשלאסענע גייסטיגע ארמעע. די ריין-עטישע אידעאלען פון די נביאים האבען געקאנט בעשאפען א וועלט-אנשויאונג פאר די העכסטע גייסטער; דער פראקטישער קאדעקס פון דער תורה האט געשאפען א לעבעדיגע און לעבענס-פעהיגע נאציאנאלע מאכט, וואס איז אין שטאנד איינצושטעלען זיך פאר זיין פערזענליכקייט ביי אלע אונגינסטיגע תנאים.

די ממשלה פון די כהנים און די כנסת הגדולה.

§ 19. אזוי ווי די אידישע נאציע האט בעקומען די פארם פון א גייסטליכער געמיינדע, וואס ווערט פערוואלטעט לויט די געטליכע געזעצען פון דער תורה,—דעריבער זענען אידרע אנפיהרער געווארען די כהנים. די טעאקראַ-

(12) במדבר, קאפ. כ"ח—ל' און אנד.

טיע האָט געמאַכט צו אַ „היעראָקראַטיע“ — דאָס־הייסט צו אַ ממשלה פֿון די כהנים. אין ערשטען יאָהרהונדערט פֿון דער פּערסישער איבערהערשאַפֿט בעגעגענט מען נאָך אין מלכות־יהודה סיי אַ וועלטליכע און סיי אַ גייסטליכע מאַכט. לכתחלה שטעהט אויף אַ גלייכער מדרגה מיט׳ן כהן־גדול ישוע דער וועלטליכער פֿערוואַלטער זרבבל, און שפּעטער פֿערשטעלט דער פֿערוואַלטער נחמיה מיט זיין דיקטאַטאָרישער ממשלה אינגאַנצען דעם שוואַכען אויטאָריטעט פֿון ישוע׳ס איינִיקעל. נאָר נאָך נחמיה׳ן זעהען מיר שוין ניט קיין וועלטליכע פֿערוואַלטער אידען. דער אָפֿיציעלער איבערשטער איבער׳ן פֿאָלק איז דער כהן־גדול אין ירושלים; ער איז דער פֿערמיטלער צווישען די אידען און דער פּערסישער רעגירונג. די כהונה־גדולה געהט איבער בירושה אין דער כהנים־משפּחה פֿון צדוק, וואָס צו איהר האָט געהערט אויך ישוע[13]. צדוק׳ס דינאַסטיע (בני־צדוק) פֿערנעהמט דעם אָרט פֿון דוד׳ס קעניגליכער דינאַסטיע. די כהנים־גדולים, ווי אַמאָל די מלכים, ווערען אָנגערופֿען „געזאַלבטע“ (כהן משוח אין דער תורה), וואָרום זיי ווערען אַרויפֿגעזעצט אויף זייער פּאָסטען דורכ׳ן אַקט פֿון זאַלבונג; זיי טראָגען אַ קרוין און אַ פּורפּור־מאַנטיע.

נאָך דער דאָזיגער העכסטער מאַכט, קומען די עלטסטע אָדער חשוב׳ע לייט (זקנים), וואָס נאָך אין עזרא׳ס צייטען האָבען זיי גענומען אַנטייל אין דער זעלבסטפֿערוואַלטונג. די ירושלמ׳ער זקנים זענען געווען, ווי עס ווייזט אויס, די צענטראַלע רעגירונג פֿון לאַנד, און אין די פּראָווינציעלע געמיינדעס זענען די אַדמיניסטראַציע און דער געריכט געווען אין די הענד פֿון די אָרטיגע זקנים. די עלטסטע האָבען זיך גענומען פֿון די רייהען פֿון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, דער וועלטליכער און גייסטליכער.

נאָר חוץ דער העכסטער גייסטליכקייט און דער וועלטליכער אַריסטאָקראַטיע, איז געווען נאָך אַ קלאַס מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ בעדייטענדע ווירקונג אויפֿ׳ן גייסטיגען און געזעלשאַפֿטליכען לעבען פֿון די אידען. דאָס זענען געווען די סופֿרים, וואָס האָבען ווייטער געפֿיהרט די אַרבייט, וואָס עזרא האָט אָנגעהויבען בנוגע צו דער פֿאָלקס־בילדונג. זייער ווירקונג איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון יענער גייסטיגער בעוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען געוויסע שיכטען פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿט נאָך עזרא׳ס רעפֿאָרמעס. די עפֿענטליכע לייענישען פֿון די כתבי־הקדש האָבען געגעבען דעם פֿאָלק די מעגליכקייט זיך בעוואוסט-

---

[13]) אין דער עפּאָכע פֿון דער פּערסישער איבערהערשאַפֿט זענען בעקאַנט — עטליכע בלויז נאָך זייערע נעמען — פֿאָלגענדע כהנים־גדולים פֿון צדוק׳ס משפּחה: ישוע בן יהוצדק, זיין זוהן יהויקים, זיין אייניקעל אלישיב, אוראייניקעל — יהוידע (?), יוחנן, וואָס ער רעכענט זיך פֿאַר דעם לעצטענס אייניקעל (§ 17) און יוחנן׳ס זוהן ידוע, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט, ווען די פּערסישע ממשלה איז געפֿאַלען.

זײַנע אָנצואייגענען די יסודות פֿון זײַן אמונה. קענטשאַפֿט און אַנגעלייענטקייט („קלוגשאַפֿט", חכמה) זענען צום העכסטן געשאַצט געוואָרן.

די סופֿרים זענען געאַכט געוואָרן אין דער געזעלשאַפֿט און האָבן באַקומען אַ געוויסע מאַכט איבער איהר. צווישען די סופֿרים האָבן זיך געפֿינען ניט בלויז כהנים, נאָר אויך ישראלים. זיי האָבן געבילדעט אין מלכות-יהודה אַ פֿרייע דעמאָקראַטישע גייסטלעכקייט, וואָס האָט קאָנקורירט מיט דער אָפֿיציעלער גייסטלעכקייט, מיט די כהנים אין בית-המקדש. וואָס פֿאַר אַ ראָל די סופֿרים האָבן געשפּיעלט אין דער אידישער זעלבסטפֿערוואַלטונג און בכלל וואָס פֿאַר אַנ׳איינריכטונגען זענען געוואָרן אַרויסגערופֿען צום לעבען דורך דער דאָזיגער זעלבסטפֿערוואַלטונג, — וועגען דעם זענען קיין גענויע היסטאָרישע ידיעות ניטאָ. נאָר אין די שפּעטערדיגע תלמודישע קוועלען זענען פֿערבליבען מסורות, וואָס גיבען אַ פֿאָרשטעלונג וועגען דער דעמאָלטיגער רעכטלעכער אָרדנונג אין מלכות-יהודה. הגם די דאָזיגע ידיעות זענען לעגענדאַרישע, פֿונדעסטוועגען זענען זיי, ווי עס ווייזט אויס, ניט ווייט פֿון דערווירקליכקייט.

די גרויסע פֿאָלקס-פֿערזאַמלונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין עזרא׳ס און נחמיה׳ס צייטען אויף צו פֿערעפֿענטליכען די תורה, אַלס די געטליכע קאָנסטיטוציע, האָט איבערגעלאָזען, לויט ווי די טראַדיציעס גיבען איבער, אַ טיעפֿען רושם ניט בלויז אין גייסטיגען לעבען פֿון די אידען, נאָר אויך אין דער אָרדנונג פֿון זייער זעלבסטפֿערוואַלטונג. די דאָזיגע אויסעראָרדענטליכע פֿערזאַמלונג איז אין משך פֿון דער צייט פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שטענדיגער פֿערזאַמלונג פֿון פֿאָלקס-פֿאָרשטעהער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 120 ביז 70 מענשען און וואָס האָט געשפּיעלט די ראָל פֿון אַ העכסטער געזעצגעבערישער און געריכטליכער איינריכטונג אין לאַנד. בראש פֿון דער דאָזיגער פֿערזאַמלונג פֿון פֿאָלקס-פֿאָרשטעהער, גייסטליכע און וועלטליכע, איז געשטאַנען דער כהן-גדול, — צי פֿאַקטיש אַלס איהר דירעקטער פֿאָרזיצענדער, אָדער יורידיש, אַלס אָפֿיציעלער איבערשטער פֿון די אידען. די קאָלעגיאַלע איינריכטונג, וואָס האָט זיך געבילדעט אויף אַזאַ אופֿן, האָט באַקומען דעם נאָמען „גרויסע פֿערזאַמלונג" (כנסת-הגדולה), און איהרע מיטגלידער, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער קענטשאַפֿט און אינטערנעהמונגס-גייסט זענען מיט אַ צייט שפּעטער געווען באַוואוסט ביים פֿאָלק אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „אנשי כנסת הגדולה".

אין „פּרקי אבות", דער עטישער מסכתא פֿון תלמוד, ווערט געבראַכט אײנ׳ס נאָמען פֿון די אנשי כנסת-הגדולה פֿאָלגענדע מימרא: „זייט אָפּגעהיט אין געריכטליכע ענינים, ערציהט אַ סך תלמידים און מאַכט אַ צוים אַרום דער תורה". (הוו מתונים בדין והעמידו תלמידים הרבה ועשו סיג לתורה). אין דער דאָזיגער מימרא זענען אָנגעמערקט די דריי הויפּט-צווייגען פֿון דער טעטיגקייט פֿון דער כנסת-הגדולה: די געריכטליכע, ערציהערישע און רעליגיאָז-געזעצגעבערישע.

לויט ווי דער תנ"ך דערצעהלט, איז שוין עזרא צוגעטראָטען צום איינ-אָרדנען רעגעלמעסיגע בתי-דינים אין מלכות-יהודה; די כנסת-הגדולה האָט, ווי עס ווייזט אויס, פערענדיגט די דאָזיגע אַרבייט און האָט אויסגעאַרבייט אַ סך פּראַקטישע ערקלערונגען און הוספות צו די אַלגעמיינע יסודות פון די יורידישע געזעצען, וואָס זענען אָנגעוויזען אין דער תורה. דער צווייטער טעטיגקייטס-צווייג פון דער כנסת-הגדולה איז געווען געווענדט אויף צו פערשפּרייטען צווישען פאָלק די תורה פון דער יהדות. מענשען, וואָס זענען געווען פעהיג צו פער-שטעהן די תורה, האָבען זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבען פון די סופרים, און די פאָלקס-מאַסע פלעגט ווערען בעקאַנט מיט די הייליגע ביכער דורך די עפענט-ליכע לייענישען אויף די פערזאַמלונגען. דער דריטער פונקט פון דער מימרא: „מאַכט אַ צוים אַרום דער תורה", כאַראַקטעריזירט די געזעצגעבערישע טעטיגקייט פון דער כנסת-הגדולה. אַ סך געזעצען פון דער תורה זענען ניט געווען גענוג קלאָר צוליעב דער פּראַקטישער אָנווענדונג, אָדער מען האָט זיי געקאָנט פערשיידען אויסטייטשען. חוץ דעם, האָבען מחמת די נייע לעבענס-תנאים, די נייע בירגערליכע און רעכטליכע פערהעלטענישען געמוזט צוקומען ענטשפּרעכענדע הוספות אין דער געזעצגעבונג. ס'איז קיין ספק ניט, אַז ס'האָבען עקזיסטירט אויך אַלטע מסורות שבעל-פה, וואָס האָבען געבילדעט הוספות צו דער תורה שבכתב און פלעגען ווערען אָבגעהיט אין זכרון פון די כהנים און סופרים. די כנסת-הגדולה האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די דאָזיגע מסורות שבעל-פה זאָלען בעקומען די קראַפט פון געזעצען; זי האָט געמאַכט פירושים אויף די גרונד-געזעצען פון דער תורה לויט די פאָדערונגען פון דער צייט און האָט אַרויסגעגעבען אַלס הוספות צו זיי נייע געזעצען, גדרים וסיגים, כדי אָבצוהיטען, אַז מען זאָל אויף זיי ניט עובר זיין.

לויט דער טראַדיציע, האָבען סיי די אנשי כנסת-הגדולה, סיי עזרא און די סופרים (דברי סופרים) איינגעפירט אַ גאַנצע רייה געזעצען, וואָס האָבען שפּעטער בעקומען אַ וויכטיגע בעדייטונג אין רעליגיעזען לעבען פון די אידען. דורך די דאָזיגע געזעצען איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ בעשטימטע אָרדנונג פון יענעם ריין-גייסטיגען גאָטעסדיענסט, וואָס איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט די קרבנות אין בית-המקדש און האָט שפּעטער פערנומען זייער אָרט. די תפילות האָבען אין יענער עפּאָכע צוערשט פערנומען אַ בעדייטענדען אָרט אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק. לויט דער טראַדיציע, האָט מען אין יענער צייט אָנגעהויבען טעגליך צו זאָגען די הויפּט-תפילה שמע ישראל (קריאת-שמע) און די ערשטע פון די „18 ברכות" (שמונה-עשרה) מיט דער „קדושה". אין יענער צייט זענען אויך אויסגעאַרבייט געוואָרען, אַלס הוספות צו דער תורה, די כללים וועגען די מלאכות, וואָס מען טאָר און מען טאָר ניט טאָן אום שבת, וועגען היגי-ענישער און סאַניטאַרישער „ריינקייט" (טהרות) וכדומה.

ס'איז זעהר מעגליך, אַז בנוגע צו די פּרטים שטימען ניט די תּלמודישע מסורות וועגן דער כּנסת־הגדולה מיט דער ווירקליכקייט, און אַז די שפּעטערדיגע תּקנות האָבן די חכמי־התּלמוד גערעכענט פֿאַר פֿריהערדיגע. נאָר על־כּל־פּנים איז קיין ספק ניט, אַז אַ העכסטע געזעצגעבערישע אַנשטאַלט, אַ מין כּנסת־הגדולה, האָט געוויס עקסיסטירט דעמאָלט אין מלכות־יהודה. אַנדערש וואָלט די זעלבסטפֿערוואַלטונג פֿון פֿאָלק ניט מעגליך געווען. ס'איז אויך קיין ספק ניט, אַז חוץ די כּהנים און די וועלטליכע אַריסטאָקראַטען, האָבען אין דער דאָזיגער געזעצגעבערישער פֿערזאַמלונג גענומען אַנטייל אויך די סופֿרים, אַלס געלערנטע יוריסטען. אַ דאַנק דעם, איז די פֿערוואַלטונג פֿון די כּהנים־גדולים אין מלכות־יהודה ניט פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הערשאַפֿט פֿון אַ געשלאָסענער קאַסטע פֿון כּהנים, ווי אין אַנדערע טעאָקראַטיעס. מלכות־יהודה איז דעמאָלט געווען אַ גייסטליכע רעפּובליק, וואו בעזונדערס הויך איז געשאַצט געוואָרען דער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיזם, וואָס האָט אויך די מיטגלידער פֿון די נידעריגע קלאַסען געעפֿענט אַ פֿרייען צוטריט אין די העכערע געזעלשאַפֿט־קרייזען. די פֿאָלקסמאַסע איז אַלץ מעהר ציוויליזירט געוואָרען. דערמיט קאָן דערקלערט ווערען דער פֿאַקט, וואָס די אידישע פֿאָלקס־מאַסע, וואָס אין עזרא'ס און נחמיה'ס צייטען איז זי נאָך געווען פּאָליטיש און גייסטיג אונצייטיג — איז שפּעטער, אין דער צייט פֿון גריכישער הערשאַפֿט, שוין געווען אַ שטאַרקע און גוט דיסציפּלינירטע גייסטיגע אַרמעע, וואָס איז געווען פֿעהיג זיך אַנטקעגענצושטעלען געגען דעם דראַנג פֿון דער העלענישער קולטור.

דער גייסטיגער און קולטורעלער לעבענס־פֿיהר.

§ 20. פּונקט אַזוי ווי די פּריוואַט־געלעהרטע, די סופֿרים, האָבען קאָנקורירט מיט דער אָפֿיציעלער גייסטליכקייט, אַזוי האָבען אויך די סינאַגאָגעס (שולען, בתּי־כּנסיות) קאָנקורירט מיטן בית־המקדש. בתּי־כּנסיות, אין דער געשטאַלט פֿון פּריוואַטע רעליגיעזע פֿערזאַמלונגען, זענען אויפֿגעקומען צוערשט אין דער צייט פֿון גלות־בבל, צווישען די פֿערטריבענע, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין פֿאָטערלאַנד און ניט קיין בית־המקדש (§ 2). נאָר אַפֿילו נאָכדעם, ווי דער בית־המקדש איז ווידער אויפֿגעבויט געוואָרען, איז נאָך אַלץ געווען זעהר גרויס די בעדערפֿעניש אין רעליגיעזע פֿערזאַמלונגען פֿאַר געמיינדעס אָדער קרייזלעך. אין אַזעלכע פֿערזאַמלונגען האָבען זיך גענויטיגט קודם כּל די איינוואוינער פֿון דער פּראָווינץ, וואָס האָבען געקאָנט בעזוכען דעם בית־המקדש אין ירושלים נאָר זעלטען־ווען, אין די שלש־רגלים. פֿון דער אַנדערער זייט, איז דאָס פֿאָלק געוואָרען אַלץ מעהר בעוואוסט רעליגיעז, און דעריבער האָט עס זיך גענויטיגט אַלץ מעהר אין בתּי־כּנסיות, וואו די מיטגלידער האָבען געקאָנט ענגער זיך צונויפֿשליסען אין גייסטיגער הינזיכט, איידער אין בית־המקדש מיט זיין אָפֿיציעלען שטאַט כּהנים און מיט די גרויסאַרטיגע לוויים־כאָרען און מיט די צע-

רעמאָניעס ביים ברענגען די קרבנות. די בתי־כנסיות זענען דאָס געווען יענע „פֿערזאַמלונגען פֿון די פֿרומע" (קהל חסידים), וואָס וועגען זיי ווערט אָפֿט דערמאָנט אין תהלים. דאָרט האָט מען ניט נאָר געדאַוונט, נאָר אויך געלערנט. דאָ פֿלעגט מען אין בעשטימטע צייטען לייענען געוויסע קאַפּיטלען פֿון דער תורה, און צום שלוס — קאַפּיטלען פֿון די נביאים (הפֿטורה). דער דאַוונען פֿלעגט בעשטעהן פֿון זינגען רעליגיעזע שירים אָדער קאַפּיטלען תהלים; יערין פֿלעגט נעהמען אָנטייל דער גאַנצער עולם. ס'איז מעגליך, אַז שוין דעמאָלט פֿלעגט מען זאָגען עטליכע פֿון די צונויפֿגעשטעלטע תפֿלות, וואָס, לויט דער טראַדיציע, האָט זיי איינגעאַרבייט די כנסת־הגדולה (§ 19). די סינאַגאָגעס האָבען, אויף אַזאַ אופֿן, אונטערגעהאַלטען אין פֿאָלק דאָס רעליגיעזע געפֿיהל און האָבען פֿערשפּרייט די קענטעניש פֿון די כתבֿי־הקדש. זיי האָבען געהאַט אין נאַציאָנאַלען לעבען פֿון די אידען אַ גרויסע ערציהערישע בעדייטונג.

מען מוז משער זיין, אַז די דעמאָקראַטישע גייסטליכקייט פֿון די סופֿרים האָט פֿערנומען אין די סינאַגאָגעס און רעליגיעזע קרייזען יענעם אָרט, וואָס די כהנים פֿון די בני־אהרן און די לויים האָבען פֿערנומען אין בית־המקדש. די סופֿרים זענען געווען די אמת'ע לעהרער פֿון פֿאָלק. זיי האָבען זייער קענטשאַפֿט ניט בעהאַלטען, אַזוי ווי די כהנים, זיי האָבען דערפֿון ניט געמאַכט קיין סתרי־תורה, וואָס אַ פּשוט'ער מענש קאָן דאָס ניט פֿערשטעהן, אדרבה — זיי האָבען געשטרעבט צו פֿערשפּרייטען די קענטענישען אין אַלע פֿאָלקס־שיכטען. אַ דאַנק זיי איז אָפֿטמאָלס ניט געווען צו מערקען קיין אונטערשייד צווישען דער גייסטליכקייט און די וועלטליכע מענשען. די כתבֿי־הקדש פֿלעגען פֿאַרלייענען פֿאַר'ן עולם ניט בלויז די ספּעציאַליסטען־סופֿרים, נאָר אויך געוועהנליכע מענשען פֿון עולם.

בכדי צו פֿערגרינגערן די וועלטליכע מענשען צו לייענען די כתבֿי־הקדש, איז אויפֿגעקומען צו מאַכען פּשוט'ער די אותיות פֿונ'ם אלף־בית. דער אַלטערטימליכער העברעאיש־פֿעניציש'ער כתבֿ איז בעשטאַנען פֿון רונדע און עקיגע אותיות, וואָס זענען געווען זעהר פֿערפּלאָנטערט און ניט בעקוועם צום לייענען. אַנשטאָט דעם דאָזיגען כתבֿ האָט מען אָנגעהויבען צו געברויכען אין יענע צייט אַ נייעם קוואַדראַט־ אָדער אַסירישען כתבֿ (כתבֿ־מרובע אָדער אשורי)[14], וואָס צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס די אותיות זיינען יענע זעהר פּשוט'ע. דער נייער פֿעראיינפֿאַכטער כתבֿ פֿון אַראַמיישען טיפּ האָט צוביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט דעם אַלט־העברעאישען, און דאָס האָט בעדייטענד גרינגער

14) לויט דער טראַדיציע, האָט עזרא גופֿא איינגעפֿיהרט דעם דאָזיגען כתבֿ (תלמוד־בבלי סנהדרין, כ"א—כ"ב). אין דער שפּעטערדיגער צייט פֿלעגט מען דעם כתבֿ־אשורי נוצען ביים שרייבען ספֿרי־תורה'ס, און אַז עס איז אויפֿגעקומען די בוכדרוקעריי, איז ער אויך אַריבער, מיט אונבעדייטענדע שנויים, אין די געדרוקטע ביכער.

געמאכט דעם פאלק זיך וואס מעהר אויסצולערנען לייענען און שרייבען. נאר די שומרונים האבען אויף שטענדיג בעהאלטען די אותיות פונ'ם אלטען כתב.

די אלטע העברעאישע שפראך פלעגט מען געברויכען דער עיקר אין דער ליטעראטור און ביים גאטעסדיענסט. נאר אלס געברויכס-שפראך האט זי אין יענער צייט שוין אנגעהויבען אבטרעטען דעם ארט דעם אראמישען דיאלעקט, וואס האט געהערשט אין סיריען און פאלעסטינע. די דאזיגע ערשיינונג איז, ווי עס ווייזט אויס, ארויסגערופען געווארען דורך א לעבענס-נויטווענדיגקייט. אנדערש קאן מען זיך ניט ערקלערען, פארוואס די נאציאנאלע שפראך איז אבגעשוואכט געווארען גראד אין יענער צייט, ווען אלע אנדערע נאציאנאלע פאקטארען אין אידישען פאלק זענען אזוי שטארק געווארען. דער אראמישער דיאלעקט איז אריבערגעפיהרט געווארען קיין מלכות-יהודה דורך די שבי-גולה, וואס זענען געקומען פון בבל, נאך אין דער צייט פון ביידע רעסטאווראציעס — פון זרובבל און עזרא. ער האט אויך געדיענט אלס די אפיציעלע שפראך ביי די בעציהונגען מיט די פערסישע סאטראפען און בעאמטע. די דאזיגע אינטערנאציאנאלע שפראך פון פאדער-אזיען איז געווען, לסוף, נויטווענדיג אויף צוליעב אונטערהאלטען די האנדעלס-פערבינדונגען מיט די שכנישע פעלקער, וואס האבען גערעדט אראמיש.

אין עזרא'ס און נחמיה'ס צייטען איז צווישען די אידען און די שכנישע פעלקער אויפגעשטעלט געווארען אן אונדורכדרינגליכע וואנד. די אידען האבען געדארפט זיך אבזונדערן, כל-זמן זיי זענען ניט שטארק געווארען אין נאציאנאל-רעליגיעזען זין אויף אזוי פיעל, אז זיי זאלען זיך ניט צונויפגיסען מיט די ארומיגע פעלקער. נאר שפעטער, אז דאס דאזיגע ציעל איז געווארען דערגרייכט, האט מען אבגעשוואכט די פריהערדיגע שטרענגקייט פון דער אבזונדערונג. די אידען האבען אנגעהויבען צונעהמען צו זיך מיט מעהר חשק פרעמדע, מחמת זיי זענען געווען בעזיכערט, אז די לעצטע, אלס ווייניגער קולטורעלע מענשען, וועלען זיך אסימילירען מיט'ן אידישען פאלק און ניט פערקעהרט. דער אידישער געזעץ האט זיך פערהאלטען זעהר טאלעראנט צו אזעלכע פרעמדע. די אנדערש-גלויביגע פלעגען אפט אננעהמען דעם אידישען גלויבען פרייוויליג, נאר ס'ווערט ניט דערצעהלט פון יענער צייט וועגען דעם, אז מען זאל ווען עס איז האבען געצוואונגען פרעמדע אנצונעהמען דעם אידישען גלויבען. דורך אזא צוואוקס פון אויסלענדער איז די בעפעלקערונג פון לאנד יהודה, וואס איז פריהער געווען קליין אין צאהל, גיך אויסגעוואקסען, און אין אנהויב פון דער גריכישער ממשלה האט זי דערגרייכט צו א בעדייטענדער גרייס.

נאר דאס אידישע פאלק האט געוואוינט ניט בלויז אין לאנד יהודה. שוין אין יענער צייט האט עקזיסטירט א צאהלרייכע „דיאספארע" (גולה, גלותא), דאס-הייסט, אידישע געמיינדעס, וואס זענען געווען צושפרייט אין אנדערע לענדער. א סך אידען האבען געוואוינט אין באבילאניען, וואס איז געווען דער

צווייטער רעליגיעזער צענטער פון פאָלק און האָט אָפּט געשיקט קיין ארץ־ישראל גרויסע נאַציאָנאַלע טוער. צווישען מלכות־יהודה און באַבילאָניען האָבען עקסיסטירט שטענדיגע פערבינדונגען. די באַבילאָנישע אידען פלעגען שיקען די אָבצאָהלונגען, וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרען פאַר'ן בית־המקדש אין ירושלים און די פרומסטע צווישען זיי פלעגען קומען עולה לרגל זיין קיין ירושלים צו שלש־רגלים, בכדי צו נעהמען אַנטייל אין דעם גאָטעסדיענסט אין בית־המקדש.

ס'האָבען עקסיסטירט אידישע געמיינדעס אויך אין עגיפּטען און סיריען; נאָר וועגען זייערע בעציהונגען צו ארץ־ישראל איז גאָרנישט ניט בעוואוסט ביז דער עפּאָכע פון דער גריכישער הערשאַפט.

דער צונויפקלייבען און איבערארבייטען די ליטעראַטור.

§ 21. אַלטע מסורות, וואָס זענען פערבליבען אין דער אידישער ליטעראַטור[15], דערצעהלען, אַז אין דער עפּאָכע פון עזרא און נחמיה, פון די סופרים און פון דער כנסת־הגדולה, זענען פערפאַסט געוואָרען, אָדער געבראַכט אין אָרדנונג און רעדאַקטירט, א סך ספרים פון תנ"ך. אין די דאָזיגע טראַדיציעס האָרען זיך די מטושטש'ע אָבקלאַנגען פון יענער אינטענסיווער ליטעראַרישער טעטיגקייט, וואָס אַ התחלה פון איהר האָבען געמאַכט עזרא און די סופרים־שול אין V און IV יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. בכלל שטימען איין כמעט די אַלטע מסורות מיט די מסקנות פון די נייע וויסענשאַפטליך־קריטישע פאָרשונגען. ביז גלות־בבל זענען מעהר ניט געווען בעזונדערע, ניט צונויפגעבונדענע שטיקער פון תנ"ך: די היסטאָרישע טיילען בעזונדער, די געזעצגעבונג בעזונדער, און די ספרים פון די נביאים בעזונדער[16]. אין משך פון יאָהרהונדערטען זענען אָנגעוואַקסען אַלץ מעהר כתבים, און צווישען די פערטריבענע אין בבל האָט זיך בעוויזען אַ שטרעבונג זיי צונויפצוקלייבען (§ 3). בעזונדערס אַ סך האָט איבערגעטאָן עזרא אין'ם צונויפקלייבען און פעראייניגען די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, און דערנאָך איז די זאַך רעגעלמעסיג אָרגאַניזירט געוואָרען דורך די סופרים, וואָס נאָך זיין צייט.

אַ בעדייטענדער טייל פון דער ביבלישער ליטעראַטור איז געוואָרען איבערגעאַרבייט און געבראַכט אין אָרדנונג אין דער עפּאָכע פון דער פּערסישער איבערהערשאַפט. די רעדאַקציע פון די סופרים האָט פעסטגעשטעלט די ענדגילטיגע פאָרם פון אַ סך ביכער, אַזוי אַז אין די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען זענען מעהר ניט געמאַכט געוואָרען קליינע שנויים. ביים רעדאַקטירען די תורה

---

15) השמונאים ב', קאַפּ. ב', 13—14; תלמוד־בבלי, בבא בתרא ט"ו; מדרש ל"ז און אַנדערע.

16) אַלג. איד. געשיכטע I, §§ 96, 109, 111.

האָט מען גענומען אין באַטראַכט יענעם טייל (דעם ספֿר תורת=כּהנים), וואָס עזרא האָט באַאַרבייט און פֿערפֿענטליכט (§ 18).

די רעדאַקטאָרען האָבען אַריינגעשטעלט אין׳ם טעקסט פֿון די עלטסטע טיילען פֿון דער תורה הוספֿות און ערקלערונגען, וואָס האָבען באַלויכטען די פֿאַקטען אין׳ם גייסט פֿונ׳ם נייעם רעליגיעזען רעזשים. למשל, איז געשריבען, אַז שוין אין „אוהל=מועד“, אין דעם לעגענדאַרישען וואַנדער=פּעריאָד פֿון דער אידישער געשיכטע, האָבען די כּהנים פֿערנומען דעם ערשטען אָרט. די שפּעטערדיגע תּקנות וועגען דעם, ווי אַזוי אָפּצוהיטען שבּת און יום=טוב, די כּללים פֿון ריינקייט און „קדושה“ האָט מען פֿאָרגעשטעלט אַזוי, ווי זיי וואָלטען געווען איינגעפֿירט שוין פֿון אַלטע צייטען אָן. דערצו פֿלעגט מען ברענגען ביישפּיעלען פֿונ׳ם לעבען פֿון די אָבות פֿון דער אידישער נאַציע. אויף דעם זעלבּיגען אופֿן זענען אויך רעדאַקטירט אַלע כראָניקען=ביכער, וואָס באַציהען זיך צו דער צייט, ווען כּנען איז איינגענומען געוואָרען, צו דער צייט פֿון די שופֿטים און מלכים. מען האָט אַריינגעטראָגען אַהין אַ שטרענגען היסטאָרישען פּראַגמאַטיזם, לויט וועלכען די פּעריאָדען און געשעהענישען זענען אָבגעשאַצט לויט די פּרינציפּען פֿון דער נאַציאָנאַל=רעליגיעזער אָרדנונג, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין דער עפּאָכע פֿון די סופֿרים. שמואל הנבֿיא, למשל, בשעת ער טאַדעלט דעם פֿערלאַנג פֿון די בני=ישׂראל אויסצוקלייבען פֿאַר אַ קעניג אַ קריגס=מאַן, זאָגט זיך אַרויס אין׳ם גייסט פֿון דער טעאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען אין מלכות=יהודה נאָך עזרא׳ס און נחמיה׳ס צייטען.

אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ באַשריבען, איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוּב צו פֿערפֿאַסען אַ נייע געשיכטע פֿון די מלכים פֿון יהודה און ישׂראל, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אָנשויאונגען, וואָס האָבען דעמאָלט געהערשט. אין די צוויי ביכער „דברי=הימים“ ווערט דערצעהלט די געשיכטע פֿונ׳ם אידישען פֿאָלק פֿון שאול׳ס צייט ביז׳ן סוף פֿון גלות=בבל; פֿאַר דער דאָזיגער ערצעהלונג געהט אַ לאַנגער סדר=הדורות פֿון די שבֿטים פֿון ישׂראל און פֿון די פֿאַמיליען=גרויפּעס פֿון די עלטסטע צייטען אָן. דער מחבר פֿון „דברי=הימים“ האָט איבערגעאַרבייט די ספֿרים „מלכים“ און אַנדערע אַלטע כראָניקען, וואָס זענען צו אונז ניט דערגאַנגען. אין זיין באַשרייבונג זוכט ער שטענדיג אַרויסצושטעלען „יהודה“ העכער פֿאַר „ישׂראל“; ער דערמאָנט שטענדיג צום גוטען די געזעצליכע דינאַסטיע דוד׳ס, און טאַדעלט די מלכים פֿון די עשׂרת=השבֿטים; אויפֿ׳ן ערשטען פּלאַץ שטעלט ער אַרויס די כּהנים פֿון בית=המקדש און בכלל באַאַרבייט ער דעם מאַטעריאַל לויט זיינע איבערצייגונגען. דעם גרעסטען טייל פֿונ׳ם ספֿר „דברי=הימים“ פֿערנעהמען לעגענדעס און שטראָף=רייד, בלויז דער קלענערער טייל ניט איבער היסטאָרישע געשעהענישען. לויט זיין כאַראַקטער איז דער ספֿר „דברי=הימים“ אַ מין פּירוש אָדער מדרש אויף ספֿר „מלכים“.

אין דערזעלביגער צייט זענען אויך פֿערפֿאַסט געוואָרען די לעצטע, לויט

דער כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, ביבלישע כראָניקען — די ביכער „עזרא" און „נחמיה". ס'איז מעגליך, אַז אויך די דאָזיגע צװײ ספרים האָט פֿערפֿאַסט דער מחבר פֿון ספר „דברי-הימים". די לעצטע דרײַ ביכער זענען ערשט אין דער שפּעטערדיגער צײַט אַרײַנגענומען געװאָרען אין תנ"ך און שטעהען דאָרט צום סוף.

די רעדאַקטירונג פֿון די כתבים פֿון די נביאים איז בעשטאַנען, דער עיקר, דערין, װאָס מען האָט פֿון די רעדעס פֿון איטליכען נביא בעזונדער געמאַכט א בעזונדערן ספר. אין יענעם פֿאַל, װען דער מחבר איז ניט געװען בעװאוסט, האָט מען אַרײַנגעשטעלט זײַנע רעדעס אין'ם ספר פֿון אַן'אַנדערן א בעװאוסטען נביא (למשל, דער צװײטער טײל פֿון ספר „ישעיה" און ספר „זכריה"). חוץ דעם, האָט מען אויסגעגליכען און פֿערריכט דעם טעקסט פֿון די נביאים'ס רעדעס, פֿונאַנדערגעטײלט דעם מאַטעריאַל אין קאַפּיטלען, װאָס מען פֿלעגט אַװעקשטעלען אין א געװיסען סדר, לויט'ן אינהאַלט אָדער לויט דער כראָנאָלאָגיע.

אויף אַזאַ אופן זענען בערך אין IV יאָהרהונדערט פֿאַר דער קריסטליכער צײַטרעכנונג, צונויפֿגעשטעלט געװאָרען און געבראַכט אין אָרדנונג די ערשטע דרײַ אָבטײלונגען פֿון תנ"ך. די ערשטע אָבטײלונג איז בעשטאַנען פֿון די פֿינף חומשים (חמשה חומשי תורה). די צװײטע ענטהאַלט די כראָניקען-ביכער: יהושע, שופטים, שמואל און מלכים (די טראַדיציאָנעלע „נביאים ראשונים"). אין דער דריטער אָבטײלונג זענען אַרײַן די ספרים פֿון די נביאים (נביאים אחרונים), װאָס זענען געגאַנגען אין פֿאָלגענדען סדר: ישעיה, ירמיה, און יחזקאל, דער־נאָך די 12 קלײנע ספרים פֿון די נביאים פֿון יהודה און ישראל (תרי עשר): הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי.

אויב מען זאָל אורטײלען לויט די בעמערקונגען, װאָס מיר געפֿינען אין די פֿאַרהאַנענע ביכער, װײַזט אויס, אַז א סך אידישע שריפֿטליכע װערק זענען פֿערלאָרען געגאַנגען דערפֿאַר, װאָס מען האָט זײ ניט אַרײַנגענומען צװישען די „כתבי-הקודש", מחמת זײער אינהאַלט איז מעהר א װעלטליכער, אײדער גײַסט־ליכער. עטליכע זענען געװאָרען אַרײַנגענומען אַהין ערשט שפּעטער, בשעת עס איז צונויפֿגעשטעלט געװאָרען די לעצטע אָבטײלונג פֿון תנ"ך, װאָס איז בעװאוסט אונטער'ן נאָמען כתובים.

אויף אַזאַ אופן איז דאָס אַלץ, װאָס איז פֿערבליבען אין די ערשטע אָב־טײלונגען פֿון תנ"ך אונטער'ן נאָמען „תורה און נביאים", א רעשט פֿון דער גײַסטיגער שאַפֿונג פֿונ'ם אידישען פֿאָלק אין משך פֿון א גאַנצער רײ יאָהר־הונדערטען. דער פֿערדינסט פֿון די סופרים בעשטעהט דערין, װאָס זײ האָבען קאַפּיטאַליזירט דעם דאָזיגען גאַנץ-געבליבענעם גײַסטיגען רײַכטום, װאָס איז דער־נאָך געװאָרען א קװאַל פֿון בעלעהרונג פֿאַר דער מענשהײט. פֿאַר'ן אידישען פֿאָלק אָבער האָט דער צונויפֿשטעלען און אין אָרדנונג ברענגען זײַן ליטעראַטור געהאַט אונבערעכענבאַרע פּועל-יוצאים. פֿון דעמאָלט אָן װערט די יהדות פֿאַר א סך מענשען ניט א זאַך, װאָס אין איהר מוז מען בלינד גלויבען, נאָר א מקור

פֿון ערקענטעניש. פֿון פֿאָרשונג. אויף איין מדרגה מיט דער רעליגיעזער פֿרומקייט שטעהט די רעליגיעזע וויסענשאַפֿט. ניט דער כהן האָט געפֿיהרט דאָס גייסטיגע לעבען פֿון פֿאָלק, נאָר די תורה, וואָס ענטהאַלט אין זיך הן כללים פֿון קולט, הן סאָציאַלע געזעצגעבונג, הן אַנ'ערהאַבענע סיסטעם פֿון מאָראַל, הן היגיענע, הן פֿילאָזאָפֿיע. די יהדות שלעפֿערט ניט אין דעם געדאַנק, נאָר זי וועקט איהם. דערפֿון נעהמט זיך יענע ניט-געוועהנליכע אינטעלעקטועלע קראַפֿט, יענע גייסטיגע ענערגיע, וואָס איז שפּעטער, אין משך פֿון יאָהרהונדערטען, געווען דער סימן-מובהק פֿון דער אידישער נאַציע.

די רעליגיעזע ליריק.

§ 22. די געבילדעטע אידען פֿאַר דער צייט, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, האָבען ניט נאָר צונויפֿגעקליבען און אויסגעפֿאָרשט די אַלטע ליטעראַטור. אָבהיטענדיג די פֿרוכטען פֿון זיין פֿריהערדיגער שאַפֿונג, אויסנוצענדיג די אינטעלעקטועלע רייכטימער, וואָס די פֿריהערדיגע דורות האָבען בעשאַפֿען, — האָט דאָס פֿאָלק געשאַפֿען אויך נייע גייסטיגע ווערטען. דער אידישער זשעני האָט אַלץ ווייטער געשאַפֿען, הגם אין אַנ'אַנדער פֿאָרם, ווי פֿריהער. דעם אָרט פֿונ'ם נביא פֿערנעהמט איצט דער געלעהרטער, פּאָעט און חכם. די געלעהרטע אָדער יוריסטען — דאָס זענען געווען די סופֿרים, וואָס וועגען זיי איז גערעדט געוואָרען אויבען. די פּאָעזיע און די פֿילאָזאָפֿיע האָבען שטענדיג אַ רעליגיעזען אינהאַלט, נאָר אַמאָל שטייגען זיי איבער די גרעניצען פֿון דער רעליגיע אָדער, ריכטיגער געזאָגט, זיי פֿערברייטערן די דאָזיגע רעליגיע ביז צו אַ וועלט-אַנשויאונג, וואָס נעהמט אַלצדינג אַרום.

אַ לירישע שטימונג איז פֿון שטענדיג אָן געווען אַ סימן מובהק פֿון דער אידישער שאַפֿונג. די דרשות פֿון די נביאים זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ ליידענשאַפֿטליכען ליריזם; דאָס זענען געווען בעגייסטערטע פּאָעטישע רעדעס, וואָס זענען אַמאָל שטראָפֿענדע און דערצאָרנטע, אַמאָל ערמוטיגענדע, פֿול מיט רירענדע נחמות. בשעת די פּאָליטישע מהומות, וואָס האָבען געהערשט אין דער עפּאָכע פֿון די מלכים, האָבען זיך איינגעשטילט, און דאָס קעניגרייך יהודה איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גייסטליכע רעפּובליק, איז די לירישע שאַפֿונג איבערגעטראָגען געוואָרען פֿון סאָציאַלען און פּאָליטישען געביט אין געביט פֿון ריינער רעליגיע, אינדיווידועלע געפֿיהלען און געדאַנקען.

אין דער צייט פֿון בית-שני האָט בעזונדערס געבליהט יענער מין פֿון רעליגיעזער ליריק, וואָס אויפֿגעקומען איז ער אין אַ פֿריהערדיגער צייט[17]. דער גרעסטער חלק פֿון די מזמורים, וואָס זענען אַריין אין ספֿר „תהלים", איז פֿערפֿאַסט אינ'ם פּעריאָד פֿון דער פּערסישער ממשלה און אין דעם פּעריאָד, וואָס גלייך דערנאָך, בשעת די גריכען האָבען פֿערנומען די איבערהערשאַפֿט. די דאָזיגע

17) דאָרט גופֿא, § 109.

איינגעארטיגע רעליגיעז-פאעטישע שאפונג האט זיך ענטוויקעלט און פערשטארקט אין יענער צייט, דער עיקר, מחמת דעם, וואס א בעזונדערע בעדייטונג האבען בעקומען די תפלות אין די בתי-כנסיות, אלס א הוספה צום קולט פון די קרבנות אין צום בית-המקדש. פאר די מאמינים איז עס געווארען א בעדערפעניש אויסצוגיסען זייער הארץ אין יענע „פערזאמלונגען פון די פרומע", וואס זענען געוועזען פעראייניגט ניט אזוי דורך דער אויסווייניגסטער צערעמאניע, ווי דורך דער אינעווייניגסטער שטימונג.

אין דער פרידליכער אידישער טעאקראטיע, וואו עס האט געהערשט דער געטליכער געזעץ, האט מען געדיענט צו גאט, אלס צו יענער העכסטער מאכט, וואס איז צוגעבונדען פאר דעם פאלקס שטארקייט. ניט א קעניג, ניט א קריגס-הויפט-מאן, ניט א העלד, נאר גאט איז דער פיהרער פון ישראל; א נאציע, וואס שטיצט זיך אויף אזא גייסטיגען יסוד, רעכענט זיך פאר אונפערטיליגבאר. פאלגענדער קאפיטעל תהלים איז מעהר א נאציאנאלער, איידער א רעליגיעזער הימן:

אונזער שוץ, אונזער שטארקייט איז גאט,
אונז צו העלפען אין ענגשאפט בערייט;
ווען די ערד ווערט צעטרייסעלט — מיר האבען ניט מורא,
ווען די בערג פאלען איין אין דעם הארצען פון ים.
זאלען ברומען און שטורמען די וואסערען זיינע,
פון זיין גרויסקייט די בערג זאלען ציטערן כלה!
אט דער טייך, וועמענס שטראמען גאטס שטאדט מאכען פרעהען,
וואו דעם אויבערשטענס היילינגע וואוינונגען שטעהען.
און אז גאט איז אין איהר, דעמאלט וועט זי ניט פאלען;
אז דער מארגען וועט קומען, וועט גאט איהר דאן העלפען.
פעלקער ברויזען, געפאלען די קעניגרייכען זענען.
ס'האט ערקלונגען זיין שטים — איז צעגאנגען די ערד.
גאט צבאות איז מיט אונז, אונזער שילד — יעקב'ס גאט.

(תהלים קאפ. מ"ו)

פון דעם דאזיגען נאציאנאלען הימן קאן מען זעהן, אז דער איד איז טיעף איינגעגלויבט, אז זיין פרידליכע טעאקראטישע רעפובליק געפינט זיך דירעקט אונטער גאט'ס השגחה, וואס וועט זי היטען און שיצען, ווען אפילו אלע קעניגרייכען און פעלקער זאלען אונטערגעהן. א בירגער פון אזא רעפובליק דארף האבען ניט א קריגערישען מוט, נאר א גייסטיגע קראפט, דארף האבען די געוועהר פון גלויבען און געדאנק:

גאט איז מיין ליכט און מיין הילף, פאר וועמען האב איך מורא?
גאט איז מיין לעבענס-שוץ, פאר וועמען האב איך זיך צו שרעקען?
אז שלעכטע מענשען טועען זיך צו מיר דערנעהנטערן, צו עסען מיין פלייש,

טײַנע בעדריקער און פֿײַנד — זײ שטרויכלען און פֿאַלען.
אויב סוועט מיך אַ מחנה בעלעגערן, וועט מײַן האַרץ זיך ניט שרעקען;
אויב סוועט אַ קריג אויף מיר אויפֿשטעהן — איך דאַן בין איך זיכער.
אײנס בעט איך בײַ גאָט, דאָס איז מײַן בקשה:
צו זיצען אין גאָטס הויז מײַן גאַנץ לעבען לאַנג,
צו זעהן די שענקײַט פֿון גאָט און בעזוכען זײַן טעמפעל.
ער וועט מיך אין זײַן בײַדעל בעהאַלטען אין אונגליקסטאָג,
פֿערבאָרגען מיך וועט ער טיעף אין געצעלט זײַנעם...

(תהלים, קאַפּ. כ"ז)

אַ גײַסטיגע השלמה ווערט דערגרײַכט דורך אַ רעליגיעזער טיעפֿער בע-טראַכטונג (התפּלות), דורך פֿערטיעפֿען זיך אין דאָס געטליכע וואָרט. די ליע-בע צום ספֿר האָט געפֿונען איהר אויסדרוק אין פֿאָלגענדע פּסוקים:

גאָטס תּורה איז גאַנץ, זי ערקוויקט די נשמה,
גאָטס געבאָט איז אמת, עס מאַכט קלוג דעם נאַרען.
גאָטס בעפֿעהלען זענען געראַכט, זײ דערפֿרעהען דאָס האַרץ.
גאָטס געזעץ איז קלאָר, ער דערלײַכט די אויגען.

אײנפֿאַכקײַט און ערליכקײַט — דאָס איז דער אידעאַל פֿון אַ פֿרומען אי-דען. ניט צו פֿרעהליכע מאָלצײַטען און תּענוגים שטרעבט ער, נאָר צו שלום-בית, צו אַרבײַט און צו רײַנער ליעבע:

וואויל איז צו דעם, וואָס דיענט גאָט, וואָס געהט אין זײַנע וועגען!
די מיה פֿון די הענד טוסטו עסען, וואויל און גוט איז צו דיר!
דײַן פֿרוי, ווי אַ פֿרוכטבאַרער ווײַנשטאָק אין דײַן הויז;
דײַנע קינדער, ווי אײלבערטען-צווײַגען אַרום דײַן טיש.
אַזוי איז געבענשט אַ גאָטספֿאַרכטיגער מאַן!

(תהלים, קאַפּ. קכ"ח)

די פֿערשיעדענע מאָטיווען פֿון דער אידישער ליריק זענען ענג פֿערבונ-דען מיט די נאַציאָנאַלע. דער עבֿר פֿון דער אידישער נאַציע, איהר גרויסקײַט און פֿאַלען, איהרע פֿרײַדען און לײַדען זענען דאָ געשילדערט אין העלע פֿאַ-עטישע בילדער און מיט אַ טיעפֿען געפֿיהל. דער אידעאַל פֿון דער נאַציאָ-נאַלער אויפֿלעבונג גיסט זיך צונויף מיט דער פֿאָרשטעלונג וועגען אַ שטאַר-קער און זיכערער גײַסטליכער רעפּובליק. די מחברים פֿון די קאַפּיטלען תּהלים דערמאָנען זיך מיט האַרצקלעמעניש וועגען דער גלענצענדער בליהונגס-צײַט פֿונ'ם הויז דוד, נאָר אין זײַערע חלומות וועגען דער צוקונפֿט מאָלט זיך זײ ניט די איבערהערשאַפֿט פֿונ'ם קעניג, נאָר די איבערהערשאַפֿט פֿון פֿאָלק. די נאַציע און דאָס פֿאָטערלאַנד, ישראל און ציון — אָט וואָס עס בעפֿליגעלט זײַער בע-גײַסטערונג. דער פּראָדוקט פֿון דער דאָזיגער בעגײַסטערונג זענען יענע „לידער פֿון די טרעפּ" (שירי המעלות, תּהלים, קאַפּ. ק"כ—קל"ד), וואו עס שפּיגעלט זיך אָפּ

סיי די פּאַטריאָטישע שטימונג פון די אידען, וואָס קעהרען זיך צוריק פון בבל, סיי די אויפרעגונג פון די בויער פון בית־המקדש אין ירושלים, כיי די בע־גייסטערונג פון די דאָרפס־איינוואוינער, וואָס געהען אויף די שלש־רגלים קיין ירושלים:

איך פרעה זיך, אַז מען זאָגט מיר, לאָמיר געהן אין גאָטס הויז!
געשטאַנען זענען אונזערע פיס ביי דיינע טויערן, ירושלים, —
ירושלים, וואָס איז געבויט, ווי אַ שטאָדט,
וואָס אין איהר זענען אינאיינעם בעהעפט (די הייזער);
אַהין זענען געגאַנגען די שבטים, די שבטים פון גאָט,
די פאָרשטעהער פון ישראל, צו דאַנקען גאָטס נאָמען.
דאָרט זענען געשטאַנען די שטולען פון געריכט, די שטולען פון הויז דוד.
ווינשט פרידען ירושלים, זאָלען גליקליך זיין די, וואָס האָבען דיך ליעב!
זאָל זיין שלום אין דיינע מויערן און רוה אין דיינע פּאַלאַצען!
פון מיינע ברידערס און גוטע פריינדס וועגען זאָג איך: שלום צו דיר!
פון וועגען אונזער גאָטס הויז ווינש איך דיר אַל דאָס גוטס"
(תהלים, קאַפּ. קכ"ב)

סיי די פּערזענליכע, סיי די נאַציאָנאַלע מאָטיווען האָבען אין דער דעמאָלטי־גער פּאָעזיע אַ רעליגיעזע בעאַרבייטונג; נאָר דאָס פערטיעפט נאָך דאָס גע־פיהל און בעפליגעלט דעם געדאַנק. דאָ דערהויבט זיך דער גייסט צו אַ ניט־דערגרייכבאַרער הויך. די פּאָעזיע ווערט רעליגיע, און די רעליגיע פּאָעזיע און אפילו פילאָזאָפיע. דאָס איז בעזונדערס צו זעהן אין די לירישע נאַטור־בעשריי־בונגען, וואָס צו זיי איז קיין גלייכען ניטאָ אין דער גאַנצער אַלטער ליטעראַטור. דער קאַפּיטעל ק"ד איז אַנערדאַבענער הימן דער נאַטור, וואָס ענטהאַלט אין זיך סיי די פערגעטערונג פון דער רעליגיע, סיי דעם צויבער פון דער פּאָעזיע, סיי די טיעפקייט פון פילאָזאָפישען פאַנטעאיזם:

גאָט הילט זיך איין אין ליכטיגקייט, ווי אין אַ קלייד, שפּרייט אויס
די הימלען, ווי אַ טעפּיך;
ער בויט אין די וואַסערן זיינע וואוינונגען, ער מאַכט די וואָלקען פאַר
זיין רייטוואַגען
און טראָגט זיך אויף די פליגלען פונ'ם ווינד.
ער מאַכט פאַר זיינע שלוחים די ווינטען, פאַר זיינע דיענער — דעם
פלאַם־פייער.
ער האָט בעפעסטיגט די ערד אויף איהרע גרונדפעסטען, אום זי זאָל
אייביג פון אָרט זיך ניט רירען.
דעם אַבגרונד האָסטו מיט אַ קלייד בעדעקט, אויף די בערג שטעהען
וואַסערן.
פון דיין געשריי לויפען זיי, פון דיין דונער־שטים איילען זיי;

זיי שטייגען אויף די בערג, זיי נידערן אין די טאָלען, אינ'ם אָרט,
וואו דו האָסט זיי בעשטימט.
אַ גרענעץ האָסטו געמאַכט, זיי זאָלען ניט אַריבער און פֿערפֿליצען
די ערד.
ער לאָזט פֿליסען די קוואַלען צו די טייכלעך, צווישען די בערג געהען זיי;
זיי טרענקען אָן אַלע חיות פֿון פֿעלד, די ווילדע שטילען זייער דאָרשט.
איבער זיי רוהען די פֿויגלען פֿון הימעל, פֿון צווישען די צווייגען לאָזען
זיך הערען זייערע שטימען...
עס זעטיגען זיך גאָטס בוימער, די צעדערן פֿון לבנון, וואָס ער האָט
געפֿלאַנצט;
וואָס דאָרט בויען די פֿויגעל נעסטען, דער בוטשאַן האָט אויף ציפּרע-
סען-בוימער זיין הויז.
די הויכע בערג — פֿאַר די אינדען, די פֿעלזען — אַ שוץ פֿאַר די קראָליקעס.
ער האָט בעשאַפֿען די לבנה צוליעב די צייטען, די זון וויים איהר
אונטערגאַנג.
ער מאַכט פֿינסטער, סווערט נאַכט — דאַן ווירעמען זיך אַלע חיות פֿון
וואַלד.
די טיגערן שרייען נאָך רויב, בעטען ביי גאָט זייער שפּייז;
שיינט אויף די זון — און זיי פֿערשווינדען און לאַגערן אין זייערע
הייהלען.
סגעהט אַרויס דער מענש צו זיין אַרבייט און צו זיין דיענסט ביז
אויף דער נאַכט.
ווי גרויס זענען דיינע ווערק, אָ גאָט! אַלע האָסטו מיט קלוגשאַפֿט
בעשאַפֿען,
פֿול איז די ערד מיט דיינע בעשעפֿענישען!...

די רעליגיעזע פֿילאָזאָפֿיע.

§ 23. אינאיינעם מיט דער טיפֿער פּאָעזיע פֿון תהלים, בעווייזט זיך
אויך אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור אַ רעליגיעז-פֿילאָזאָפֿישע ריכ-
טונג. דער רעליגיעזער געוויסען איז נאָך ניט ביי אַלעמען געווען רוהיג. אַנדערע
האָבען געמאַטערט ספקות און ניט פֿערענטפֿערטע פֿראַגען. אין תנ"ך איז פֿער-
בליבען ניט בלויז דער הימן פֿון דעם טריומפֿירענדען גלויבען, נאָר אויך דער
געשריי פֿון די קטני-אמנה, פֿון די צווייפֿלער, וואָס זוכען דעם אמת.
די יהדות איז געווען געגרינדעט אויף דער דאָגמע, אַז גאָט איז שטרענג
גערעכט, אַז ער צאָהלט איטליכען נאָך זיינע פֿערדיענסטען, — און פֿונדעסט-
וועגען איז געווען אַזאַ פּונקט, וואו די דאָזיגע דאָגמע האָט, אין פֿלוג, אָנ-
געוואָרען איהר קראַפֿט. די אַלטע אידען האָבען געהאַט ניט אַ מיסטישע,

נאָר אַ קאָנקרעטע פֿאָרשטעלונג וועגן „שכר ועונש". אין יענער צייט זענען זיי געווען נאָך ווייט פֿון די באַגריפֿן וועגן עולם־הבא, וועגן יענער וועלט, און זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז דער שכר אָדער עונש קומט פֿאָר אין קאָנקרעטע פֿאָרמען, נאָך אויף דער וועלט. אַ צדיק האָט, לויט דער שיטה פֿון דער אַלטער יהדות, באַדאַרפֿט זיין גליקלעך, מאַטעריעל אָדער גייסטיק, און פּערזענלעכן, פֿאַמיליען־ אָדער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן; אַ רשע אָבער, וואָס איז עובֿר אויף די געטלעכע געבאָטן, האָט באַדאַרפֿט ליידן אין דער אָדער יענער פֿאָרם.

די העכערע גייסטער, וואָס זענען מסוגל צו באַנעמען, אַז גליק און ליידן זענען נאָר רעלאַטיווע באַגריפֿן, האָבן נאָך געקאָנט תּופֿס זיין די דאָזיקע שיטה און צופּאַסן זי, דורך אַבסטראַקטע טעאָלאָגישע פּירושים, מיטן יסוד פֿון דער געטלעכער גערעכטיקייט. נאָר פֿאַר מענשן, וואָס טראַכטן פּראַקטיש, איז געווען באַשיינפּערלעך, אַז די דאָזיקע שיטה שטייט אין אַ סתּירה מיט דערווירקלעכקייט. אין דער ווירקלעכקייט זענען געווען אַ סך פֿאַלן, ווען דער צדיק האָט געליטן צרות, און דער רשע האָט געלעבט גוט (צדיק ורע לו, רשע וטוב לו), — און אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגן זיך איבערחזרן ניט בלויז אינעם גורל פֿון איינצעלנע יחידים, נאָר אויך פֿון גאַנצע קיבוצים, שטאַנדן, אַפֿילו נאַציעס. דאָ שטייט אויף נאַטירלעכערווייז די פֿראַגע: וווּ איז דאָ דער געטלעכער יושר? וווּ איז דער שכר לויט די פֿאַרדינסטן? אויב ס׳וואָלט יעמאָלט עקסיסטירט דער באַגריף וועגן עולם־הבא, איז דאַן וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז דער שכר איז אָנגעגרייט אויף יענער וועלט; נאָר די ביבלישע יהדות האָט אָנערקענט, אַז דער שכר דאַרף אָבגעצאָהלט ווערן אויף דער וועלט. מחמת דעם איז געבליבן אַ „תּיקו", אַ קשיא אָהן אַ תּירוץ, וואָס האָט פֿאַרטומעלט אָפֿט דעם געוויסן פֿון די מאמינים. די פֿראַגע: „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", האָט געפֿונען אָנאָפּקלאַנג אַפֿילו אין תּהלים, וווּ דער מאמין דריקט אויס זיינע ספֿקות אין פֿאָלגענדע ווערטער:

„איך זעה דעם גליק פֿון די רשעים: זיי האָבן קיין ליידן ניט ביים טויט, און (ביים לעבן) זענען זיי געזונד און שטאַרק. וווּ מענשן האָרעווען, זענען זיי ניטאָ, און אינאיינעם מיט מענשן ווערן זיי ניט געפּלאָגט. דערפֿאַר האָט זיי אַ האָפֿערדיגקייט אַרומגעכאַפּט... זיי דערהייבן קעגן הימעל זייער מויל, און זייער צונג געהט איבער דער ערד. און דאָס פֿאָלק טראַכט: צי ווייס גאָט, צי האָט דער אייבערשטער אַ פֿאַרשטאַנד? וואָרום אָט די דאָזיגע רשעים זענען גליקלעך אויף דער וועלט און האָבן דערגרייכט צו שטאַרקייט. הייסט עס (זאָגט דער צדיק), נאָר אומזיסט האָב איך מיין האַרץ געלייטערט און געוואַשן אין ריינקייט מיינע הענד, אויב אַלע טאָג בעקום איך פּלאָגען און אַלע מאָרגען — שטראָף... און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, כּדי דאָס צו באַגרייפֿן,

נאָר ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזען שווער, — ביז וואַנען איך בין אַרײַן אין גאָטס הייליגטום און האָב בעמערקט זייער (די רשעים'ס) סוף. דו האָסט זיי נאָר אַוועקגעשטעלט אויף אַ גליטשיגען אָרט, בכדי זיי צו וואַרפען אין פערדאַרבעניש. ווי זענען זיי אין איין כהרף־עין פערוויסט געוואָרען, פערשוואונדען, פערטיליגט פון שרעק!... אַז מײַן האַרץ האָט געקאָכט און מײַן אינעווייניגסטעס האָט זיך געריסען, דאַן בין איך געוועזען אונוויסענד און האָב ניט פערשטאַנען, בין געגליכען געוועזען צו אַ בהמה פאַר דיר. פון איצט אָן בין איך שטענדיג נעבען דיר, דו האַלטסט מיך פאַר מײַן רעכטע האַנד. דו פירסט מיך מיט דײַן עצה און וועסט מיך פירען צו רוהם. וועמען דאַרף איך אויפ'ן הימעל? גלײַך מיט דיר וויל איך קיינעם ניט אויף דער ערד! אַז מײַן קערפער און האַרץ גערט אויס, ביזטו אַליין, אַ גאָט, מײַן שוץ אויף אייביג" (קאַפּ. ע"ג).

דאַ בערוהיגט דער צווייפלער זײַן רעליגיעזען געוויסען דורך אַ טעאָלאָגישען און פסיכאָלאָגישען אַנאַליז, וואָס ברענגט איהם צו דער איבערצייגונג, אַז ניט די אויסווייניגסטע לאַגע פונם מענשען שאַפט דעם גליק, נאָר דער אינעווייניגסטער בעוואוסטזײַן. נאָר אַזאַ בערוהיגונג איז ניט אַלע מאָל גרינג צו בעקומען. דאָס בעווײַזט דער ספר „איוב", אַ טיעפזיניגעס מאָראַל־פילאָזאָפישעס בוך, וואָס איז געשריבען אין דער פאָרם פון דיאַלאָגען (שמועסען) און וואָס אין שפּעטערדיגער צײַט איז ער אַרײַנגענומען געוואָרען צווישען די כתבי־הקדש[18].

איוב איז אַנ'אמת פרומער מאַן און צייכענט זיך אויס מיט זײַנע מדות־טובות, און פונדעסטוועגען קומט איהם אויס אויסצושטעהן אַ סך צרות: זײַן עשירות איז צעריבט געוואָרען, זײַן משפחה צעשטערט, און ער גופא איז געוואָרען געשטראָפט מיט אַ שרעקליכער צרעת. דער אונגליקליכער צדיק זעצט זיך אויף דער ערד און הויבט אָן צו בעקלאָגען זיך פאַר זײַנע פרײַנד, וואָס זענען געקומען איהם צו טרייסטען, אויף זײַן ביטערן מזל. ער פערשילט דעם טאָג, וואָס ער איז געבוירען געוואָרען, און מיט שרעק זאָגט ער אַרויס זײַנע ספקות אין דער געטליכער גערעכטיגקייט. איך — זאָגט איוב — האָב געדיענט גאָט און געהיט זײַנע געבאָטען, געראַטעוועט דעם אָרימאַן פון צער, דעם יתום און די אַלמנה פון אונטערדריקונגען; „איך בין געוועזען אַנ'אויג פאַר אַ בלינדען און אַ פוס פאַר אַ לאָהמען". און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אויסלעבען מײַנע יאָהרען בשלום, — צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז איך בין דער אומגליקליכסטער אין דער וועלט. און דאַ שטעלט ער די האַרבע שאלה:

18) נאָך אין תלמוד ווערט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דער ספר „איוב" איז מעהר ניט ווי אַ משל (אַלעגאָריע): איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה; בבא בתרא, ט"ו.

„פֿאַרוואָס זאָלן די רשעים לעבן, שטאַרקן זיך און אַלט ווערן, זייערע קינדער בעפֿעסטיגט ווערן, זייערע הייזער פֿערזיכערט קעגען אונגליקען? זיי זענען זיך משמח מיט פּויקען און צימבלען, פֿערברענגען אין גליק זייערע טעג און נידערן צום קבֿר אין גרויב אין איין אויגענבליק (אָהן קראַנק צו זיין)... פֿאַרוואָס שטאַרבט איינער אין פֿולן גליק, גאַנץ רוהיג און צופֿרידען, און אַן אַנדערער שטאַרבט מיט אַ פֿערביטערטער נשמה, און האָט קיינמאָל קיין גוטס ניט אָבגעשמעקט?" (איוב, קאַפּ. כ"א, 7—9, 12, 23, 25).

די פֿריינד הויבן אָן טרייסטען איובֿ'ן און בעווייזען איהם, אַז גאָט, וואָס האָט איהם געשטראָפֿט, קאָן איהם צוריק אומקעהרען זיין פֿריהערדיגען גליק. נאָר אַז איובֿ הדיקט אוים שאַרף זיין יאוש, מיהען זיי זיך איהם צו איבערציינגען, אַז הזות ווי גאָט איז לחלוטין גערעכט, — איז ווײַבאַלד אַז ער שטראָפֿט יאָ וועלכען עס איז מענשען, איז דערפֿון געדרונגען, אַז דער דאָזיגער מענש איז געווען זינדיג, און בכלל קאָן קיין ילוד־אשה, לויט זיין טבֿע נאָך, ניט זיין אַ מושלם. איובֿ איז געווען אויפֿגעבראַכט קעגען דעם דאָזיגען דאָגמאַטישען אויספֿיהר, און האָט בעוויזען, אַז ער פֿיהלט זיך אונשולדיג און גערעכט, אַז אויב גאָט האָט בעשאַפֿען דעם מענשען שוואַך און ניט פֿאָלקאָמען, איז בעדאַרף ער ניט פֿאָדערן פֿון איהם, ער זאָל זיין אַ מושלם, און שטראָפֿען איהם פֿאַר זיין שוואַכקייט. דאָ דערגרעהט דער פּראָטעסט פֿונ'ם פּעסימיסט אַזוי ווייט, אַז ער לייקענט אָב אינגאַנצען דעם זיטליכען יסוד פֿון דער רעליגיע:

„ווער וועט זאָגען צו גאָט: וואָס טוסטו?... ווי דען קאָן איך קעגען איהם טענ'ען, אויסקלייבענדיג די ווערטער? ווארום אפֿילו ווען איך בין גערעכט, קאָן איך אויך ניט פֿאָדערן, נאָר איך מוז בעטען מיין שופֿט... ער קאָן אין שטורם מיך פֿערטיליגען... ווי גערעכט איך זאָל ניט זיין, מיין מויל (דער פֿאַקט גופֿא פֿון פּראָטעסט) בעשולדיגט מיך; איך בין אונשולדיג, און ער אָנערקענט מיך פֿאַר שולדיג... דעריבער זאָג איך איינס: ער ברענגט אום גלייך דעם צדיק מיט דעם רשע... ווי דען קאָן אַ מענש, וואָס איז גלייך צו מיר, שטרייטען מיט איהם? צווישען אונז איז דאָך ניטאָ קיין שופֿט־פֿערמיטלער, וואָס זאָל די האַנד אויפֿלעגען אויף אונז ביידען" (קאַפּ. ט')

אַז איובֿ'ס פּראָטעסט דערגרייכט צום העכסטען פּונקט, דעמאָלט טרעט קעגען איהם שאַרף אַרויס דער יונגסטער פֿון די פֿריינד, אליהוא. דער נייער אָפּאָנענט איז אויפֿגעבראַכט סיי קעגען איובֿ'ס אינטעלעקטועלער העזה און סיי קעגען די שוואַכע ענטפֿערן פֿון זיינע אַלטע פֿריינד. ער בעווייזט, אַז פֿאַר דעם אַלמעכטיגען בורא־עולם, וואָס איז אונבעדינגט גערעכט, זענען ניט גילטיג אַלע די קליינע, רעלאַטיווע מאָסען פֿון גערעכטיגקייט, וואָס אַ מענש קאָן זיי תופֿס זיין. דער מושל איבער דער וועלט און נאַטור דאַרף ניט אָבגעבען

קען דין-ודחשבון פאר זיינע מעשים דעם מענשען, איינעם פון זיינע קלענסטע ברואים:

„גיב א קוק אויפ'ן הימעל און זעה, ווארף א בליק אויף די וואלקענס, וואס זענען אזוי הויך איבער דיר. אויב דו זינדיגסט, וואס וועסטו ווירקען אויף אידם, און אויב דיינע פערברעכענס זענען א סך, וואס וועסטו אידם טון? אויב דו ביזט פרום, וואס וועסטו אידם געבען, אדער וואס קאן ער נעהמען פון דיין האנד? ביים מענשען בלייבט כמו זיין שלעכטקייט, כמו זיין גוטסקייט". (קאפ. ל"ה).

נאך א בירערן ענטפער בעקומט איוב „פון שטורם ארויס", אין נאטור׳ס נאמען. גאט ווייזט אידם אן אויף די גרויסארטיגע נאטור-ערשיינונגען, אויף דער אונבעגרייפליכער קראפט פון די סטיכיעס און צוגלייך אויף דער געזעצמעסיגקייט פון דער וועלט-ארדנונג, — בכדי אידם צו בעווייזען, ווי קליין דער מענש מיט זיינע תביעות איז. אויף אזא אופן ווערען די ספקות פונ'ם פילאזאף׳ישען גייסט ניט געלעזט, נאר פערשטיקט. קעגען יסוד פון פעסימיזם ווערט ארויסגעשטעלט דער פרינציפ פון הכנעה און בטחון. איוב ווערט אנט-שוויגען און אנערקענט זיין מאכטלאזיגקייט, — און דער מחבר פונ'ם ביבלישען בוך איז מוסיף, אז שפעטער האט גאט אידם אומגעקערט צוריק זיין געזונד און זיין עשירות.

כללים פארן לעבען און מאראל.

§ 24. אזוי זעהען מיר, אז דער פילאזאפישער פראטעסט קעגען די פלומרשטע אונגערעכטיגקייטען פון דער וועלט-ארדנונג ווערען דערשטיקט דורך דער העכסטער מאכט, וואס רופט דעם מענשען צו הכנעה. די הארבע שאלות וועגען גערעכטען שכר און עונש, וועגען גוטס און שלעכטס אויף דער וועלט, וועגען ווילענספרייהייט און נויטווענדיגקייט אין דער מענשליכער אויפפירונג (בחירה וידיעה) — בלייבען דערווייל אהן א דירעקטען ענטפער. אין דעם פרט מוז דער מענש גלויבען, נאר סובלייבט איבער נאך א געוויסער געביט, וואו סווירקט די מענשליכע ערקענטעניש. די רעליגיעזע פילאזאפיע און די מעטאפי-זישע שפעקולאציע מוזען זיך אבשטעלען ביי א געוויסער גרעניץ, נאר די פראק-טישע פילאזאפיע איז פריי אין איהר ענטוויקלונג. די לעבענס-„חכמה", וואס דריקט זיך אויס אין מאראלישע כללים, משלים און גלייכווערטלעך, איז כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, ווען קענטשאפט איז צום העכסטען גע-שאצט געווארען. קורצע אפאריזמען און גלייכווערטלעך, אלס א פראדוקט פון דער פאלקס-שאפונג, זענען פערשפרייט געוועזען אויך פריהער[19], נאר איצט בעווייזען זיך חוץ די אלטע, נאך א סך נייע משלים, אפטמאלס אין דער

---

[19] אלג. איד. געשיכטע I, § 109.

פאָרם פון גאַנצע מאמרים, וואָס זיינען זיי איז צו בעמערקען אַ בעשטימטע סיסטעם. דאָ ווערט צום מיינסט געלויבט די „חכמה“, וואָס אונטער דעם קאָן מען פערשטעהן אַמאָל קענטשאַפט, אַמאָל מדות־טובות אָדער מאָראַלישע שטימונג. אין קאַפּיטעל ח׳ פונ׳ם זאַמעלבוך „משלי“, וואָס פאַר זיין מחבר רעכענט זיך דער לעגענדאַרישער חכם, שלמה המלך, איז די חכמה פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס שטעהט אויפ׳ן שייד־וועג און רופט צו זיך די מענשען. זי זאָגט צו די מענשען אמת, אינעווייניגסטען גליק און יושר, וואָס זענען טייערער פאַר אַלע זילבערנע אוצרות און תענוגי עולם־הזה. זי ערקלערט, אַז זי בעגייסטערט די מלכים און שופטים און אַז זי איז אפילו דער געציייג, וואָס מיט זיין הילף האָט גאָט די וועלט בעשאַפען[20]. די חכמה איז ענג פערבונדען מיט זיטליכקייט (מוסר) פון איין זייט, און מיט אמת׳ער פרומקייט — פון דער אַנדער זייט. אונוויסענקייט ווערט גערעכענט איינס און דאָס זעלבע, וואָס אונזיטליכקייט, אונערהערליכקייט און חלול־הקודש (אויל, כסיל, רשע ולדומה ווערען געברויכט כמעט ווי סינאָנימען, שמות נרדפים).

אין די פיעל מימרות פונ׳ם ספר „משלי“, הגם זיי זענען פערשיידענאַרטיג און בונט, פינדעסטוועגען ווערט הערגעפירט אין זיי איין גאַנצע פּראַקטישע פילאָזאָפיע, וואָס איז געגרינדעט אויפ׳ן געזונדען מענשען־פערשטאַנד און אויף אַ גרויסער לעבענס־געניטקייט. די מאָראַל ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט ניט אַלס עפּיס מיסטישעס, נאָר אַלס די הויגיענע פון דער נשמה און פון גוף, וואָס איז נויטווענדיג פאַר איטליכען מענשען. פלייסיג זיין אין דער אַרבייט, אָבהאַלטען זיך פון איבערפליסיגע תענוגים, האַלטען זיך פעסט פאַר די יסודות פון פאַמיליען־לעבען, געטריי זיין אין פריינדשאַפט, די יונגע זאָלען פאָלגען די עלטערע, אָבהיטען די געזעלשאַפטליכע דיסציפּלין, ערהרליך זיין אין האַנדעל, זאָגען אמת, רחמנות האָבען אויף שוואַכע — דאָס זענען די הויפּט־יסודות פון דער דאָזיגער מאָראַל. זי איז אַ פועל־יוצא ניט פון אַבסטראַקטע, פון קאָם אויסגעטראַכטע השערות, נאָר פון טיעפע בעאָבאַכטונגען פון לעבען, פון אַ פיינעם פערשטעהן, וואָס איז טאַקט־פול און פאַסיג. זי זאָגט ניט קיין מוסר, זי טיילט מיט נאָר נוצליכע ידיעות:

„זאָל דיך לויבען אַן אַנדערער, און ניט דיין מויל, אַ פרעמדער, נאָר ניט דיין צונג“. — „אפילו אַ נאַר, ווען ער שווייגט, קאָן אויסזעהן, ווי אַ קלוגער. ווער ס׳פערמאַכט זיין מויל, — דער איז אַ פערשטאַנדיגער מענש“. — „בעסער טרוקענע ברויט, אַבי רוהיג (און שטיל), איידער אַ הויז, וואָס איז פול מיט פליישיגע מאכלים, ווען מען קריגט זיך“. — „פינקט ווי צו אַ חזיר אַ גאָלדענע נאָזבאַנד, אַזוי פאַסט זיך שעהנקייט

---

20) משלי ח׳, 22—31.

צו א נאַרישער פרוי". — „אַן אָרימאַן האָט פיינט אַפילו א נאָהענטער מענש, א רייכער אָבער האָט א סך פריינד".

צום סוף פון זאַמעלבוך „משלי" איז פאַראַן א לויב-ליעד לכבוד דער „גוטער פרוי" (אשת-חיל); די פסוקים פונם ליעד געהען נאָכ'ן אלף-בית. לויט דעם דאָזיגען ליעד קאָן מען בעקומען א געוויסע פאָרשטעלונג וועגען דעם פאַמיליען-לעבען פון די דעמאָלטיגע אידען. אָט איז דאָס ליעד:

ווער קאָן געפינען א טעטיגע פרוי? טייערער פון פערל איז איהר פרייז.

עס איז זיכער מיט איהר דעם מאַנס האַרץ, און קיין פערדינסט וועט איהם ניט פעהלען.

זי בעצאָהלט איהם מיט גוטס, און ניט מיט שלעכטס אלע טעג פון איהר לעבען.

זי שאַפט וואָל און לייוונט און אַרבייט גערן מיט די הענד.

זי איז געוועזען אויף די האַנדעלסשיפען[21], פון ווייט ברענגט זי איהר ברויט.

זי שטעהט אויף ביי-נאַכט, צעטיילט שפייז איהר הויזגעזינד און חלקים איהרע דיענסטען.

זי האָט א טראַכט געטאָן וועגען א פעלד — און האָט געקויפט, מיט דער אַרבייט פון איהרע הענד האָט זי געפלאַנצט א ווייַנגאָרטען.

זי האָט פערשטאַנען, אַז איהר געשעפט איז גוט, און ביי-נאַכט לעשט זיך ניט אויס איהר ליכט:

די אָרעמס האָט זי איינגעשפאַרט צום שפינראָד, און די הענד שטיצען אונטער דעם וועבשטול.

איהר האַנד האָט זי אויסגעשטרעקט דעם אָרימאַן און איהר אָרם (מיט הילף) — דעם אביון...

זי האָט זיך געמאַכט טעפיכען, איהר קליידונג איז פון ביסאָך און פורפור-געוואַנט.

איהר מאַן איז בעוואוסט ביי די טויערן[22], ווען ער זיצט צווישען די עלטסטע פון לאַנד.

זי האָט געמאַכט א געוואַנט און האָט עס פערקויפט, און א גאַרטעל האָט זי געגעבען דעם כנעני[23].

21) ריכטיג איז, בעשיינפערליך, צו לייענען „באניות", אנשטאָט „כאניות".

22) דער זיצונגס-אָרט פון די שופטים און די שטעדט.

23) פון דעם דאָזיגען אויסדרוק און נאָך עטליכע אַנדערע, קאָן מען קומען צו דער מסקנא, אַז די אידען האָבען דעמאָלט געהאַט האַנדעלס-בעציהונגען מיט אַנדערע פעלקער, בע-

שטאַרק און שיין איז איהר קלייד, און פֿרעהליך קוקט זי אויפֿן קו־
מענדיגען טאָג.

איהר מויל עפֿענט זי מיט חכמה, און אַ לעהרע פֿון גענאָד איז
אויף איהר צונג.

זי פּאַסט אויף אויף דער פֿיהרונג פֿון הויז, און קיין ברויט אומזיסט
עסט זי ניט.

עס שטעהען אויף איהרע קינדער און בענשען זי, און איהר מאַן
לויבט זי.

אַ סך טעכטער האָבען גרויסעס אויפֿגעטאָן, נאָר דו ביזט זיי אַלעמען
אַריבערגעשטיגען.

ליגען איז דער חן, גאָרניש איז די שיינקייט; נאָר אַ גאָטספֿאָרכטיגע
פֿרוי דאַרף ווערען געלויבט.

גיט איהר פֿון די פֿריכטען פֿון איהרע הענד און לויבט ביי די טויערן
איהרע מעשים!

די אַלע איבען־אָנגעוויזענע פֿערשידענאַרטיגע ליטעראַטור־ווערק, וואָס זענען געשאַפֿען געוואָרען אין דער פּערסישער און אין דער שפּעטערדיגער גריכיש־סירישער עפּאָכע, זענען נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער ניט אַריינגענומען געוואָרען צווישען די כתבי־הקדש, וואָס זענען בעשטאַנען דעמאָלט נאָר פֿון דער תורה, כּראָניקען און נביאים. ערשט אין דער שפּעטערדיגער צייט זענען די דאָזיגע ווערק, מיט נאָך עטליכע ווערק פֿון די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען, אַריינגענומען געוואָרען אין דעם טייל פֿון תנ"ך, וואָס האָט בעקומען דעם נאָמען „כתובים".

די ווירקונג פֿון פּרסיזם.

§ 25. ווי אָבגעזונדערט און אייגענאַרטיג אַ נאַציע זאָל ניט זיין אין איהר אינעווייניגסטען לעבען, פֿונדעסטוועגען קען זי ניט אויסמיידען, אין אַ גרע־סערען אָדער קלענערען גראַד, די ווירקונג פֿון יענער קולטורעלער סביבה, וואָס רינגעלט זי אַרום. די קראַפֿט פֿונ'ם אייגענאַרטיגען פֿאָלק בעשטעהט נאָר דערין, וואָס בשעת עס נעהמט אָן פֿרעמדע אַנשויאונגען און מנהגים, שמעלצט עס די צונויף מיט זיינע אייגענע מנהגים, פֿערענדערט זיי און פּאַסט זיי צו צו זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג. פּונקט אַזאַ ערשיינונג בעמערקען מיר אין דער אידישער געשיכטע אין דער צייט פֿון דער פּערסישער איבערהערשאַפֿט.

אין דעם זעלביגען מאָמענט, ווען די דאָזיגע איבערהערשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבען, איז אין פּערסיען פֿאָרגעקומען אַ גרויסע רעליגיעזע איבערקעהרעניש.

וונרעדס מיט די פּעניציער (כנענים), וואָס פֿלעגען קומען צו פֿאָהרען מיט סחורות קיין ירושלים (זעה „נחמיה", קאַפּ. י"ג, 16 און אַנדרע).

ס'איז אויפגעקומען אַ רעליגיע, וואָס לויט איהר אַבסטראַקטען, גייסטיגען כאַראַקטער איז זי געווען ווייט פון גראָבען געצענדיענסט און לפי־ערך נעהענטער צום וועלט־בעגריף פון דער יהדות. די רעליגיע, וואָס, לויט דער טראַדיציע, האָט זי געגרינדעט זאַראַטוסטראַ (זאָראָאַסטר) — דער פּערסישער משה, — האָט איינגעשטעלט די הערשאַפט פון צוויי שאַפענדע כחות: אַהור־מאַזד און אַנגראָ־מיין (אָרמוזד און אַרימאַן, הורמיז און אחרימון), וואָס האָבען פערקערפּערט ליכט און פינסטערניש, לעבען און טויט, גוטס און שלעכטס. אונטער זייער ביידענס ממשלה שטעהען גאַנצע מחנות גייסטער, ליכטיגע און פינסטערע, מלאכים (איזעדען) און שדים (דעוועס). די געצענבילדער און מיטישע העלדען פונ'ם אַלטען היידענטום האָבען אָבגעטראָטען זייער אָרט די רוחות און סטיכיעס (פייערדיענסט).

דער גייסטיגער כאַראַקטער פונ'ם פּ ר ס י ז ם אָדער „מאַזדאַאיזם“ האָט גע־מוזט ציצהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אידען, בעזונדערס פון די, וואָס האָבען געוואוינט אין בבל און פּרס. דער דואַליזם פון דער גאָטהייט און פון דער נאַטור איז אַודאי סותר געווען דעם שטרענגען מאָנאָיזם פון די אידען, וואָס האָבען זיך פאָרגעשטעלט די וועלט אַלס אַנ'איינהייט. אַנ'אונדייטליכען פּראָטעסט קעגען דעם דאָזיגען דואַליזם קאָן מען בעמערקען אין די ווערטער פונ'ם גרויסען אַנאָנימען נביא, וואָס האָט געלעבט אין כורש'ס צייטען: „זאָלען וויסען אַלע, פון מזרח ביז מערב, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט, חוץ מיר: איך בין גאָט און מעהר קיינער ניט. איך מאַך ליכט און שאַף פינסטערניש, מאַך שלום און בעשאַף שלעכטס; איך, גאָט, טו דאָס אַלץ“ (ישעיה, קאַפּ. מ"ה, 6—7). דאָ ווערט אַרויסגעשטעלט גאָטס איינציגער ווילען, וואָס שאַפט אַלץ און רעגירט בעוואוסט איבער אַלץ, קעגען דעם טונקעלן קאַמפּף פון די פיינדליכע קרעפטען, וואָס איינע פון זיי שטרעבט צו ליכטיגקייט און גוטס, און די אַנדערע — צו חושך און בייז. פונדעסטוועגען האָבען די אָנשויאונגען פון פּרסיזם אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף דער וועלט־אָנשויאונג און אויפ'ן קולט פון די אידען און, אין אַ ביסעל אומגעענדערטער פאָרם, האָבען זיי זיך איינגעוואָרצעלט אין אידישען לעבען.

אין אַ געוויסער מאָס האָט דער פּרסיזם געווירקט דערויף, ס'זאָלען זיך אויסאַרבייטען ביי אידען געוויסע אמונות וועגען מ ל א כ י ם און ש ד י ם. שוין אין ספר „יחזקאל“ ווערען געשילדערט בעפליגעלטע, פייערדיגע ברואים, וואָס רינגלען אַרום גאָטס כסא־הכבוד. אינ'ם ספר „איוב“ (קאַפּ. א'—ב') ווערען געשילדערט די צוויי סותר'דיגע קרעפטען, וואָס שטעהען פאַר גאָט אין הימעל: די מלאכים אָדער „גאָטס קינדער“ (בני־האלהים) און דער ש ט ן, דער בייזער דעמאָן, דער גייסט פון צעשטערונג, וואָס זעהט אין דער וועלט נאָר בייז, און אין מענשען — נאָר נידערטרעכטיגקייט און שווינדלעריי. דער דאָזיגער בייזער רוח פיהרט אויס אַזעלכע שליחות, וואָס ברענגען מענשען קראַנקהייטען, חורבן און

דלות. שפּעטער האָט די תּורה וועגן מלאכים און שדים זיך ווייט פֿאַרשפּרייט צווישן אידן און האָט געפֿונען איהר אויסדרוק אין פֿאַרשיידענע ספֿרים, וואָס זענען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין דער צייט פֿון דער גריכיש-רוימישער הערשאַפֿט. אין די זעהונגען פֿון ספֿר „דניאל", למשל, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין אָנהייב פֿון דער חשמונאים-צייט, געפֿינען מיר שוין גאַנצע מחנות מלאכים און רוחות, וואָס זענען צעטיילט לויט אַ געוויסן סדר אין פֿאַרשיידענע אַבטיילונגען: עירין קדישין (הייליגע שומרים) און שרים, וואָס איטליכער פֿון זיי האָט זיך זיין שליחות.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע מיסטישע פֿאָרשטעלונגען האָט זיך אפֿשר שפּעטער אַנטוויקלט צווישן די אידן דער גלויבן אין השארת הנפֿש און עולם-הבא, וואָס אין דער אַלט-ביבלישער צייט איז ער נאָך אין דער יהדות ניט באַשטעטיגט געוואָרן און איז נאָר שפּעטער אַריין אין איהר. די תּורה וועגן גן-עדן און גיהנם און בפֿרט וועגן תּחית-המתים האָט זיך גענומען אַפּנים, אין יענער עפּאָכע, בשעת עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסע געגענזייטיגע ווירקונג צווישן פּרסיזם און יהדות. מען קען ניט זאָגן, אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַ מקרה-זאַך, וואָס די געזעצן וועגן „טהרות" און עטליכע צערעמאָניעס ביי די קרבנות, וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרן אין עזרא'ס „תּורת-כּהנים", זענען שטאַרק ענליך אויף דער צערעמאָניען-סיסטעם פֿון פּרסיזם. אויך די פּערסער האָבן געהאַט צערעמאָניעס פֿון רייניגונג פֿאַר מענשען, וואָס האָבן אָנגערירט אַ טויטן קערפּער, פֿאַר פֿרויען נאָך קינפּעט און פֿאַר באַשטימטע קראַנקהייטן וכדומה. דער מזבח פֿאַר'ן קרבן תּמיד אין צווייטן בית-המקדש, וואו עס האָט שטענדיג געברענט אַ פֿייער (אש תּמיד, ויקרא, קאַפּ. ו', 6) דערמאָנט אָן דעם הויפּטליכן פּערסישן קולט פֿון פֿייער.

מען קען, פֿאַרשטעהט זיך, ניט אָננעהמען מיט אַ פֿולקאָמער געוויסהייט, אַז דער פּרסיזם האָט געווירקט אויף דער ענטשטעהונג גופֿא פֿון די דאָזיגע אמונות און מנהגים, נאָר ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז די דאָזיגע ווירקונג האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף זייער אַנטוויקלונג אין יהדות. קערנדלעך פֿון אַ סך אמונות האָבן זיך געפֿונען אויך אין דער אַלטער יהדות, נאָר דורך דער באַריהרונג מיט גלייכע עלעמענטן אין דער פֿרעמדער רעליגיע און אין פֿרעמדן לעבנס-פֿיהר, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין אַ באַשטימטער ריכטונג. אין דער עפּאָכע פֿון דער פּערסישער איבערהערשאַפֿט זענען די דאָזיגע מיסטישע אמונות נאָך שוואַך אויסגעדריקט, ערשט אין די שפּעטערדיגע עפּאָכעס האָבן זיי געטראָגן ממשות'דיגע פּירות.

צווייטע אָבטיילונג.

די גריכישע איבערהערשאַפֿט (די תּלמיים און סעלייקידען).
(332—140 פֿאַר דער קריסטל. צייטרעכ.)

אַלגעמיינער איבערבליק.

§ 26. אין משך פֿון די ערשטע טויזענד יאָהר, זינט דאָס אידישע פֿאָלק האָט עקסיסטירט (XV—IV יאָהרה. פֿאַר קר.), האָט עס געהאַט צו טון אויסשליסליך מיט די פֿעלקער פֿון מזרח. עס איז געקומען אין בערירונג מיט אַלע גרויסע מזרחדיגע מאָנאַרכיעס, וואָס האָבען איינע די אַנדערע פֿערביטען אויף דער סצענע פֿון דער וועלט־געשיכטע: מיט מצרים, אשור, בבל און פרס, — האָט אריבערגעטראָגען אַ סך אינעווייניגסטע און אויסווייניגסטע שטורמען, און פֿונדעסטוועגען האָט דער קרעפֿטיגער שטאַם פֿון דער נאַציע אויסגעהאַלטען אַלע שטורמווינטען, איז געבליבען פֿעסט איינגעוואָרצעלט און האָט אַרויסגעלאָזט נייע צווייגען אַנשטאָט די אָבגעבראָכענע.

בשעת דאָס אידישע פֿאָלק איז אַריינגעטראָטען אין צווייטען יאָהרטויזענד פֿון זיין היסטאָרישען לעבען, געפֿינט ער זיך שוין אין אַנאַנדער סביבה: פֿון אַלע זייטען רינגלען איהם אַרום די פֿעלקער פֿון מערב, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אָנגעאייגענט די מערבדיגע קולטור. לכתחלה פֿאַלט עס אַריין אינ'ם ווירקונגס־קרייז פֿון די גריכען און העלעניזירטע מזרחדיגע פֿעלקער, און שפּעטער — אין נעץ פֿון דער רוימישער ממשלה, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דריי ערדטיילען. אַט דער נייער פּעריאָד — די איבערהערשאַפֿט פֿונ'ם מערב איבער'ן מזרח הייבט זיך אָן, זינט אלכּסנדר מוקדון איז אַריין אין אזיען (332 פֿאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג), און געדויערט כּמעט ביז'ן אונטערגאַנג פֿון דער רוימישער אימפּעריע (V יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטר.).

אַ לאַנגע צייט האָבען זיך ענטוויקעלט די העלענען און די אידען אין פֿערשיידענע ערד־טיילען און האָבען גאָרנישט ניט געוואוסט איינע פֿון די אַנדערע. אין דער צייט, וואָס מלכות־יהודה האָט זיך אויסגערוהט, נאָך די אשוריש־באַבילאָנישע קאַטאַסטראָפֿעס, אונטער דער ממשלה פֿון דער פּערסישער אימפּעריע, זענען צווישען דער דאָזיגער אימפּעריע און דעם קליינעם גריכענלאַנד פֿאָרגעקומען אַ רייה בלוטיגע מלחמות (500—470), וואו ס'האָבען מנצח געווען די נעבילדעטע און פּאָליטיש פֿרייע גריכען; זיי האָבען מציל געווען איירופּע פֿון דער ממשלה פֿון אזיען.

ש. דובנאָוו

יעמאָלט איז אָנגעקומען די בליהונגס־צייט פון דער גריכישער קולטור אין אַטען (אתונא). פעריקלעס און סאָקראַטעס האָבען געלעבט אין דער זעלבער צייט, וואָס נחמיה און עזרא, — נאָר ווי גרויס איז דער חילוק צווישען דעם, וואָס קומט פאָר ביי ביידע פעלקער אין יענער צייט! אין אַטען פערפעסטיגט זיך אַ וועלט־ליכע רעפובליק, אויף די יסודות פון דעמאָקראַטישער פרייהייט; אין ירושלים — אַ גייסטיגע רעפובליק מיט אַ דינאַסטיע פון כהנים־גדולים בראש, וואָס איז געגרינדעט אויף די יסודות פון אַ שטרענגער טעאָקראַטיע. אין אַטען — פאָ־ליטישע, זיטליכע און אינדיווידועלע פרייהייט, אַ בונטע אויסמישעניש פון אמונות און קולטען, ס׳פעהלט אויס אַ פעראייניגענדע נאַציאָנאַל־גייסטיגע דיסציפלין; אין ירושלים — די ממשלה פון רעליגיעזען געזעץ, זיטליכען חוב אין טעאָקראַטישען שלחן־ערוך. דאָרט — אַ סענסואַליסטישער פאָליטעאיזם, פערשיידענע מדות, אַ קולט פון שענקייט, אַ לעבענסלוסטיגע פאָעזיע, פלאַסטישע קונסטען, קענטשאַפט אַלס אַ מקור פון תענוגים, דער עסטעטישער עלעמענט פערנעהמט דאָרט בעשטימט אַ גרעסערן אָרט, ווי דער עטישער; דאָ — אַ ספּיריטואַליסטישער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבען, אַלס דער צענטער פון לעבען, קענטשאַפט, אַלס אַ מיטעל צו ערקענען די גאָטהייט, איינגעהאַלטען זיין, ווי אַ דאָגמע פון דער מאָראַל, די רעליגיעזע ליריק פון תהלים, די לעבענס־קלוגשאַפט פון פיעלגעניטע זקנים, די הערשאַפט פונ׳ם עטישען פרינציפ איבער דעם עסטעטישען. דאָרט זענען די פ י ל א ז א פ ע ן; דאָ — די ס ו פ ר י ם; דאָרט — מענשען, וואָס שפּיעלען זיך מיט׳ן אמת, ווי אַ־ אינטעלעקטועלען שפּיעלצייג; דאָ — מענשען, וואָס האָבען געפינען אָדער זוכען דעם אמת, בכדי צו געפינען אַ מורה־דרך אין לעבען. אמת טאַקע, סאָקראַטעס האָט געפרובט פעראייניגען די וויסענשאַפט מיט דער מאָראַל, אָבשוואַכען די גראָבע ערשיינונגען פונ׳ם פּאָליטעאיזם און אוועקשטעלען אַנשטאָט דעם אינ־ דיווידועלען קולט דעם סאָציאַלען קולט פון גוטע מדות. און דעם דאָזיגען פּרט איז די גריכישע פילאָזאָפיע כמעט ווי צונויפגעגאַנגען זיך מיט דער אידישער וועלט־אָנשויאונג. נאָר די עטישע ריכטונג פון סאָקראַטעס, וואָס די אַטענער האָבען איהם פער׳משפּט, האָבען געקאָנט איפנעהמען נאָר די העכסטע גייסטער. אָבער אין לעבען פון העלענישען פאָלק האָט זי זיך ניט איינגעוואָרצעלט. צווישען די העלענען און אידען האָט עקסיסטירט אַ גאַנצער תהום אין זייער אַרט דענקען, אין בענעהמען די וועלט, אין אַרט לעבען, שטרעבונגען און גוסט.

און אָט הויבט זיך אויף אַנ׳אונגעהויערע היסטאָרישע כוואַליע און פיהרט צונויף די דאָזיגע ביידע שטרעמונגען, וואָס זענען ביז אַהער געגאַנגען אין פער־ שיידענע וועגען, צו פערשיידענע ציעלען. דער גרויסער גריכישער עראָבערער אַלכּסנדר פון מאַקעדאָניען (אלכסנדר מוקדון) צעשטערט די אייביגע גרעניצען, וואָס האָבען אָבגעטיילט דעם גראָהען מזרח פונ׳ם יונגען מערב. פּונקט אַזוי ווי די אייראָפּעער האָבען שפּעטער ענטדעקט און קאָלאָניזירט אַמעריקע, אַזוי האָבען אויך די אַלטע גריכען, אין אַלכּסנדר׳ס צייט און שפּעטער, אין די צייטען פון

די סעליוקידען און תלמיים (פטאלאמייער), בעדעקט מיט זייערע קאלאניעס דעם גאנצען שטח פון פאדער-אזיען און צפון-אפריקא, וואס פאר זיי איז עס געווען „א נייע וועלט". די גריכישע קולטור האט זיך גיך פערשפרייט איבער'ן מזרח; די ווינציג קולטורעלע ארטיגע פעלקער זענען העלעניזירט געווארען און האבען זיך צונויפגעמישט מיט די גראבערער; פעלקער אבער מיט א מעהר שטאנדהאפטיגער קולטור האבען בעקומען א גרעסערן אדער קלענערן איינפלוס מצד דעם העלעניזם.

די ערשטע צייטען האט אויך די אידישע נאציע, וואס איז אפילו געווען גייסטיג פעסט ביי זיך, ניט געקאנט אויסמיידען די ווירקונג מצד דעם העלעניזם. דער איינפלוס פון דער העלענישער קולטור אויף דער יהדות האט זיך אנגעהויבען ניט אין לאנד יהודה, נאר אין עגיפטען, אין דער צייט פון די תלמיים. אין עגיפטען האט זיך געבילדעט אין III יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג א גרויסע אידישע קאלאניע, מיט איהר גייסטיגען און אינדוסטריעלען צענטער אין דער העלעניזירטער אלכסנדריא. דא האבען זיך די ביידע קולטורען — די גריכישע און די אידישע — בעגעגענט לפי-ערך אויף א פרידליכען אופן. ס'האט זיך בעוויזען אפילו א נטיה צו געגענזייטיגער ווירקונג. די אידען האבען זיך אנגעאייגענט די גריכישע שפראך און האבען זי אנגענומען, אלס א געברייכס-שפראך; די געבילדעטע לייט זענען געווען נתפעל פון די ווערק פון דער גריכישער ליטעראטור, — און אין דער זעלביגער צייט איז די אידישע תורה איבערזעצט געווארען אויף גריכיש און האט אויפגעעפענט פאר די העלענען די אוצרות פונ'ם אידישען גייסט.

נאר אין דער זעלביגער צייט, וואס די געבילדעטע אידען און העלענען האבען זיך דערנעהנטערט אויפ'ן גייסטיגען געביט, איז אויך פארגעקומען די העלעניזירונג פון די האלב-געבילדעטע מאסען דורך איבערנעהמען די אויסווייניגסטע גריכישע קולטור. א סך אידען איז געפעלען געווארען דאס פערשייטע לעבען פון די גריכען, וואס זענען ניט געווען געבונדען מיט די רעליגיעז-זיטליכע געבאטען; זיי איז געפעלען געווארען זייער קולט פון שענקייט און תענוגים, וואס איז אנגענעהמער פון דעם אידישען קולט פון זיטליכען חוב און איינגעהאלטענקייט, — בקצור, זיי איז געפעלען געווען גראד דאס, וואס איז סותר דעם גייסט פון יהדות, אלס א פראקטישער וועלט-אנשויאונג. דא האט זיך טאקע ארויסגעוויזען די סכנה, וואס איז געלעגען אין דער בעגעגעניש פון די צוויי סותר'דיגע קולטורען — און עס איז פארגעקומען א שארפע צוזאמענשטויסונג.

פארגעקומען איז זי אין לאנד יהודה, וואס איז אריבערגעגאנגען (בערך אין יאהר 200), נאך דער הונדערט-יאהריגער ממשלה פון די עגיפטישע תלמיים, צו דער גריכיש-סירישער איבערהערשאפט. די ווירקונג פונ'ם סירישען העלעניזם אין מלכות-יהודה האט זיך אויסגעדריקט דערין, וואס א געוויסען טייל פון דער אידישער געזעלשאפט איז שטארק געפעלען געווארען דער אויסווייניגסטער קול-

טורעלער גלאנץ פונ'ם גריכישען לעבען. אין ירושלים האט זיך געבילדעט א שטארקע אידישע פארטיי פון העלעניסטען, וואס זענען געווען אנהענגער פון דער אסימילאציע. דער ארט לעבען פון די דאזיגע לייט איז געווען כותר דעם גייסט פון יהדות און האט ארויסגערופען דעם כעס פון דער נאציאנאליסטישער פארטיי אדער חסידים. ס'האבען זיך בעוויזען סימנים פון א געפערליכער צעשפאל־טונג. די פארטיי פון די העלעניסטען איז אלץ געווארען שטארקער און איז דערגאנגען דערצו, אז זי האט אפילו דורכגעפיהרט אידרע כהנים־גדולים (יאזאן, מענעלוים), וואס טרעטען אריין אין פערבינדונג מיט'ן סירישען דעספאט אנטיוכוס עפיפאנעס, בכדי צו העלעניזירען די אידען. דער בעסטער טייל פונ'ם פאלק שטעלט זיך ארויס קעגען דעם, און דאס רופט ארויס אכזריות'דיגע רדיפות מצד אנטיוכוס'ן אויף דער אידישער רעליגיע. ס'פאלען א סך קרבנות אויף קדוש־השם....

נאר דא בעוויזט זיך די קראפט פונ'ם אידישען גייסט: ס'קומט פאר דער בערידהמטער אויפשטאנד פון די פאטריאטען, אונטער דער אנפיהרונג פון דער העלדישער משפחה חשמונאים (168). לכתחלה שטרעבען די פאטריאטען נאר צו בעפרייען דאס פאלק פון רעליגיעזען דרוק; נאר צו ביסלעכווייז וואקסט די בעוועגונג אויס און ווערט אלץ שטארקער און שטרעבט צו דער פאליטישער בעפרייאונג פון דער נאציע. דער 28־יאהריגער העלדישער קאמפף פון די חשמונאים אדער מכבים ברענגט דערצו, אז מלכות־יהודה ווערט פאליטיש אונאבהענגיג (140). די נאציע איז בעפרייט געווארען פונ'ם פרעמדען יאך, און די יהדות האט מנצח געווען אינ'ם קאמפף מיט'ן אלמעכטיגען העלעניזם.

דאס איז דער אלגעמיינער סך־הכל פון דער צוויידונדערט־יאהריגער עפאכע פון דער גריכישער איבערהערשאפט. אין אלע דריי ערדטיילען איז די גריכישע קולטור געווען א מושלת בכפה. אלע פעלקער זענען געווען אידר אונטער־טעניג; אומעטום האבען די כוואליעס פונ'ם העלענישען דראנג צונויפגעמישט און פערניכטעט די קעניגרייכען און נאציעס. און אין מיטען דעם דאזיגען שטורמדיגען ים, אין א קליינער מדינה, וואס לויט אידר געאגראפישער לאגע איז זי געווען דער מיטעלפונקט פון אלע דריי ערדטיילען, האט געלעבט א קליינעם פאלק, וואס אויף איהם האט די שטורמישע קולטורעלע סטיכיע געמאכט אומזיסטע אנפאלען. די יהדות האט שטאלץ געקוקט אין די אויגען דעם העלעניזם און האט ווי גערעדט: „איך וועל זיך ניט אונטערגעבען, ווארום איך בין עלטער און שטארקער פון דיר. דו נעהמסט איין די וועלט, און מיר איז גענוג די ממשלה איבער איין קליינינקער נאציע. נאר ס'וועט קומען א צייט, ווען די וועלט, וואס דו האסט איינגענומען, וועט קומען צו מיר, אנ'אנרוהיגע און בענ־קענדע, און וועט פרעגען: וואו איז דער אמת?"....

די אידישע געשיכטע

ערשטער קאַפּיטעל

די מאַקעדאָנישע ערָאָבערונג און די מֶמשָלָה פון די תַלמִיים.

(332—198).

אלכסנדר מוקדון. — די אידען אינ'ם קאַמפּף פון די דיאַדאָכען (אלכסנדר מוקדונ'ס יורשים). — תלמי (פּטאָלאָמיי) I און II. — תלמי און יוסף בן־טוביה. — דער איבערגאַנג פון דער ממשלה איבער מלכות־יהודה פון די תלמיים צו די סעלייקידען. — דאָס אינעווייניגסטע לעבען פון די אידען. — די ליטעראַרישע שאַפונג. — משלי בן־סירא. — די גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך.

אלכסנדר מוקדון.

§ 27. אין צוויי שלאַכטען, ביי גראַניקוס און איסוס (334—333), האָט אלכסנדר פון מאַקעדאָניען געגעבען דעם טויט־קלאַפּ דער פערעלטערטער פּערסישער מאָנאַרכיע. די פּערסישע אויבערהערשאַפט איבער פאָדער־אַזיען, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט מיט צוויי יאָהרהונדערטען פריהער, איז צעשטערט געוואָרען. דער גריכישער זיגער האָט איינגענומען איין מדינה נאָך דער אַנדערער און האָט אָבגעריינ'גט דעם אָרט פאַר אַ נייער וועלט־מאַכט. פון מעסאָפּאָטאַמיען און סיריען האָט אלכסנדר זיך געלאָזט געהן קיין פעניציען און פּאַלעסטינע. נאָך אַ בעלעגערונג פון זיבען חדשים האָט זיך איהם אונטערגעגעבען די גרויסע שטאָדט צור, און נאָך אַ בעלעגערונג פון צוויי חדשים — די געוועזענע פּלשתישע שטאָדט עזה (332). אַזוי ווי אלכסנדר איז געגאַנגען פּאַזע ברעג ים, מחמת ער האָט זיך געאיילט קיין עגיפּטען, דעריבער האָט ער זיך ניט געקאָנט אויף לאַנג אָבשטעלען אין דער אינעווייניגסטער פּאַלעסטינע. נאָך איידער ער האָט איינגענומען צור, האָט ער געהייסען זיין קריגס־הויפּטמאַן פּאַרמעניאָן איינעהמען סיריען און פּאַלעסטינע — פון לבנון ביז'ן ים־המלח. פּאַרמעניאָן האָט אָהן שוועריגקייטען אויסגעפיהרט דעם דאָזיגען בעפעהל. ירושלים האָט זיך אונטערגעגעבען דעם מאַקעדאָנישען ערָאָבערער אָהן אַ קאַמפּף.

שטילערהייד איז פאָרגעקומען דער איבערגאַנג פון דער פּערסישער אויבערהערשאַפט צו דער גריכישער, און קיין זאַך האָט כמעט ניט פאָראויסגעזאָגט די גרויסע היסטאָרישע איבערקעהרעניש. לכל הפחות וויים די געשיכטע מעהר קיין זאַך ניט וועגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענעם רעטענישפוּלען איבערגאַנגס מאָמענט. אַ סך דערצעהלט וועגען דעם נאָר די שפּעטערדיגע פאָלקס־לעגענדע. אידישע ספרים זענען אינטערעסאַנט, נאָר מען קאָן זיי קוים געטרויען: דער

קערנדיל פון אמת ווערט דאָ פערלאָרען צווישען אַ גאַנצען הויפען אויסגעטראַכטע מעשיות, צום טייל פּאָעטישע, צום טייל פּאָליטיש-טענדענציעזע.

די סאַמע בעוואוסטע אידישע לעגענדע[1] דערצעהלט, אַז אין דער צייט, וואָס אלכסנדר האָט בעלעגערט צור, האָט ער געשיקט שלוחים צום כהן-גדול ידוע אין האָט געפאָדערט פון איהם, ער זאָל זיך אונטערגעבען די מאַקעדאָניער און שיקען זיי הילף. דער כהן-גדול האָט אָבגעזאָגט די שלוחים, מחמת ער האָט ניט געוואָלט עובר זיין די שבועה, וואָס ער האָט געגעבען דעם פערסישען קעניג דריוש, איהם צו זיין געטריי. דאָס האָט צערייצט אלכסנדר'ן, און נאָכדעם, ווי ער האָט איינגענומען צור און עזה, האָט ער זיך איילינג געלאָזט געהן קיין ירושלים, בכדי צו בעשטראָפען איהרע איינוואוינער.

אַז דער כהן-גדול האָט דערזעהן, אַז די סכנה איז נאָהענט, האָט ער בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען דעם זיגער. בכדי איינצושטילען אלכסנדר'ס כעס, איז ידוע אַרויס פון ירושלים אנטקעגען איהם, אָנגעטאָן אין זיינע הייליגע קליידער, און דער בעגלייטונג פון די כהנים און אַ סך ירושלמ'ער בירגער. אַז אלכסנדר האָט דערזעהן די אידישע דעפּוטאַציע, איז ער נשתומם געוואָרען, ווייל ער האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ פייערליכער בעגעגעניש. ער האָט דער ערשטער זיך געבוקט פאַר'ן כהן-גדול, און דער צייט, וואָס די אידען האָבען בקול רם בעגריסט דעם מאַקעדאָנישען קעניג. די הויפּטלייט, וואָס האָבען זיך געפונען אין דעם קעניגס סוויטע, האָבען זיך געוואונדערט איבער זיין אויפפיהרונג, און איינער פון זיי, פּאַרמעניאָן, האָט געפרעגט ביי אלכסנדר'ן: ווי קומט עס, אַז ער, דער מעכטיגער וועלט-בעהערשער, האָט זיך געבוקט פאַר'ן אידישען כהן-גדול און ניט געוואַרט, אַז יענער זאָל זיך פאַר איהם בוקען? דער קעניג האָט געענטפערט: „איך האָב זיך געבוקט ניט פאַר דעם דאָזיגען מענשען, נאָר צו יענעם גאָט, וואָס האָט איהם געמאַכט פאַר זיין כהן-גדול. די געשטאַלט פון דעם דאָזיגען זקן, אין דער זעלביגער קליידונג, האָט זיך מיר בעוויזען אין חלום נאָך אין יענער צייט, בשעת איך בין געווען אין דער מאַקעדאָנישער שטאָדט דיאָס און האָב אַרומגעטראַכט דעם פּלאַן, ווי אַזוי איינצונעהמען אַזיען. יעמאָלט האָט ער מיר געגעבען אַן עצה אונגעזאַמט אַריבערגעהן (דעם העלעספּאָנט) און האָט מיר פאָראויסגעזאָגט דעם נצחון איבער די פּערסער". באַלד נאָכדעם האָט אלכסנדר גענומען דעם כהן-גדול פאַר'ן האַנד, איז אַריינגעטראָטען אין ירושלים און האָט געבראַכט אַ קרבן אויפ'ן מזבח.

אויפ'ן אַנדער טאָג האָט ער מודיע געווען די אידען, אַז ער ערלויבט זיי צו לעבען פריי, לויט זייערע אַלטע געזעצען און מנהגים. די שטייערן, וואָס

---

[1] זי איז פערבליבען ביי יוסף פלאוויוס („קדמוניות", קאפּ. י"א, 8), און אין אַ פערענדערטער פאָרם — אין תלמוד, יומא, ס"ט; מגלת תענית, פּרק ט', און מדרש „ויקרא רבא". פּרק י"ג, צום סוף

זיי האבען פריהער געצאהלט די פערסער, מוזען זיי איצט צאהלען דעם מאקעדאנישען פערוואלטער, נאר אין שמיטה־יאהרען, ווען די פעלדער ווערען ניט בעארבייט, זענען די איינוואוינער פריי פון די אבצאהלונגען. די אייגענע הנחות האט ער צוגעזאגט אויך די אידען, וואס האבען געוואוינט אין באבילאניען און מעדיען. חוץ דעם האט אלכסנדר פארגעלעגט די אידען, זיי זאלען שיקען יונגע לייט צו דיענען אין זיין חיל, און א סך האבען דערויף מסכים געווען.

דער פאקט גופא, אז אלכסנדר האט בעזוכט ירושלים, קאן טאקע זיין אנאמת׳ער; ס׳איז אבער ניט בעוואוסט, ווי וויים ריכטיג עס זענען די פרטים פונ׳ם געבראכטען ספור. על־כל־פנים איז ניט צו בעשטרייטען, אז די ערשטע בעגעגעניש פון די גריכען מיט די אידען איז געווען א פריידליכע. אלכסנדר דער גרויסער פלעגט בכלל ניט צווינגען די איינגענומענע פעלקער, זיי זאלען אננעהמען די גריכישע ציוויליזאציע, נאר ער האט זיך געמיהט זי צונויפפארען מיט דער מזרח׳דיגער. ער האט אומעטום ארויסגעוויזען סבלנות בנוגע צו די געזעצען און מנהגים פון אונטערטעניגע נאציעס. פונקט אזוי איז ער זיך בעגאנגען אויך מיט די אידען.

נאכדעם, ווי מלכות־יהודה איז געווארען איינגענומען פון די גריכען, איז זי צוגערעכענט געווארען צו דער פראווינץ, וואס האט געהייסען קעלעסיריען (חילת־סוריא). די לעצטע האט זיך דעמאלט געצויגען פון בארג לבנון ביז צום ים־המלח און האט ארומגענומען די גאנצע געגענד, וואס ווערט בעוואסערט פונ׳ם ירדן. זי האט אויך געהייסען דרום־סיריען, בכדי אבצושיידען זי פון דער צפוני׳דיגער מעסאפאטאמישער סיריען, וואס האט זיך געגרעניצט מיט׳ן באסיין פון פרת. דער פערוואלטער פון דער דאזיגער פראווינץ פלעגט זיצען אין שמרון, מחמת זי איז געווען א בעפעסטיגטע שטאדט, וואס איז געלעגען אין סאמע צענטער פון דער פראווינץ.

דער ערשטער גריכישער פערוואלטער איז געווען אנדראמאכאס. א טונקעלע ידיעה, וואס איז געבליבען אין די גריכישע כראניקען דערצעהלט, אז די שמרונים האבען מורד געווען קעגען אנדראמאכאס׳ן, האבען געכאפט איהם און פערברענט לעבעדיגערהייד. אלכסנדר איז אין יענער צייט געווען אין עגיפטען. נאכדעם, ווי ער האט זיך אומגעקעהרט קיין סיריען, האט ער הארט בעשטראפט די אויפטוער פון דער מרידה און האט בעזעצט די שטאדט שמרון מיט מאקעדאניער (331). צו די אידען אבער, וואס האבען אנערקענט זיין ממשלה, האט ער זיך גוט פערהאלטען און האט אפילו צוגעגעבען צו זייער טעריטאריע עטליכע געגענדען נעבען דער גרעניץ, וואס האבען געהערט פריהער צו די שמרונים.

א גרויסע היסטארישע בעדייטונג האט בעקומען אלכסנדר׳ס א צווייטע טאט: די גרינדונג פון דער שטאדט אלכסנדריא אין מצרים, אויפ׳ן ברעג פון מיטעללענדישען ים. באלד ווי עס איז געגרינדעט געווארען די דאזיגע שטאדט,

וואָס איז אין גיכען געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פון מצרים און דער צענטער פון דער העלענישער בילדונג אין אָריענט, האָבען זיך דאָרט בּעזעצט, אינאיינעם מיט גריכען און אָרטיגע תּושבים, אויך אידען. די לעצטע האָבען בּעקומען אַלע בּירגערליכע רעכט, צוגלייך מיט די מאַקעדאָנישע קאָלאָניסטען. אַזוי איז אויפגעלעגט געוואָרען אַ פונדאַמענט צו אַ אידישער קאָלאָניע, וואָס איז שפּעטער שטאַרק אויסגעוואַקסען און האָט בּעקומען די בּעדייטונג פון אַ גרויסען קולטור־צענטער פאַר די אידען, וואָס האָבען געלעבּט אין גלות, אין דער עפּאָכע פון דער גריכיש־רוימישער איבּערהערשאַפט.

די אידען אינ׳ם קאַמפּף פון די דיאַדאָכען (אלכסנדר מוקדונ׳ס יורשים).

§ 28. נאָכדעם, ווי אלכסנדר דער גרויסער האָט איינגענומען גאַנץ מערב־אַזיען און צפון־אַפריקאַ, איז ער צוגעטראָטען צום איינאָרדנען זיין אומגעהויערע אימפּעריע. די איינגענומענע אָרטיגע תּושבים האָט ער געגעבען אַ פולשטענדיגע אינעווייניגסטע זעלבּסטפערוואַלטונג, ער האָט מעהר ניט געזאָרגט דערפאַר, אַז אויך אַ פרידליכען אופן זאָלען זיך צונויפגיסען די גריכישע עלעמענטען מיט די אָריענטאַלישע. נאָר פּלוצלינג, אין מיטען די דאָזיגע וויגען איינאָרדנען די וועלט־מאָנאַרכיע, איז אלכסנדר געשטאָרבען אין בבל, 33 יאָהר אַלט (323). עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פיעל־יאָהריגער קאַמפּף צווישען די דיאַדאָכען, דאָס הייסט אלכסנדר׳ס הויפּטלייט אָדער „יורשים“, וואָס האָבען צעטיילט צווישען זיך זיין מאָנאַרכיע אין דריי ערדטיילען.

אין מזרח האָבען זיך פערפעסטיגט צוויי פון די הויפּט־דיאַדאָכען: תּלמי המלך (פּטאָלאָמיי לאַגוס) אין עגיפּטען און סעלייקוס אין באַבּילאָניען. מלכות־יהודה איז געלעגען נעהנטער צו די גרעניצען פון עגיפּטען, איידער צו באַבּילאָניען, און מחמת דעם האָט תּלמי דער ערשטער אָבּגענומען דאָס לאַנד יהודה ביים פערוואַלטער פון קעלעסיריען לאַאָמעדאָן (320).

אין יענער צייט האָט אלכסנדר׳ס עלטסטער קריגס־הויפּטמאַן, אַנטיגנוס, פערטראַכט איינצונעהמען גאַנץ אַזיען און האָט אָנגעהויבען אַרויסצושטופּען אַלע איבּעריגע פערוואַלטער פון זייערע לענדער. קעגען איהם האָט זיך געבּילדעט אַ קריגס־בּונד, וואָס אין איהם זענען אַריין תּלמי און סעלייקוס. נאָך לאַנג־דויערנדיגע מלחמות האָט תּלמי אָבּגעהאַלטען אַ נצחון נעבּען דער פּאַלעסטינישער האַפען־שטאָדט עזה (312) און האָט פון דאָס־ניי איינגענומען קעלעסיריען אינאיינעם מיט מלכות־יהודה. די גריכישע כראָניקען בּעהויפּטען, אַז תּלמי איז אַריינגעדרונגען אין ירושלים אום שבת, בשעת די אידען, וואָס האָבען שטרענג אָבּגעהיט זייער רעליגיע, האָבען ניט געוואָלט נעהמען זיך פאַר די געוועהר, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך איהם איינגעגעבען איינצונעהמען די שטאָדט אָהן אַ ווידערשטאַנד.

דער נצחון פון די פערבינדעטע ביי עזה האט געגעבן די מעגליכקייט סעלייקוסן פון דאס-ניי צו פערכאפען די באבילאנישע סאטראפיע אדער מעסאפאטאמיען. אזוי האט זיך איינגעשטעלט אינם צענטער פון דער געוועזענער פערסישער אימפעריע דאס קעניגרייך פון די סעלייקידען, וואס איהר אנהויב, דעם יאהר 312, איז אנגענומען געווען צו רעכענען פאר אנאנהויב פון א נייער צייטרעכענונג. „די סעלייקידישע צייטרעכענונג", וואס איז געווען פערבינדען מיט דער בעפעסטיגונג פון דער גריכישער ממשלה אין אזיען, האבען שפעטער געברויכט די אזיאטישע גריכען און אידען אין משך פון עטליכע יאהרהונדערטען. ביי די אידען האט זי געהייסען „די צייטרעכענונג פאר דאקומענטען" (מנין שטרות), ווארום מען פלעגט זי געברויכען סרוב אין שריפטליכע אפמאכען און קאנטראקטען

נאך מיטן נצחון ביי עזה האבען זיך די קריג צווישען די דיאדאכען נאך ניט געענדיגט. אנטיגונוס און זיין זוהן דימיטריוס פאליארקעטעס האבען פון דאס-ניי אנגעהויבען מאכען ווייטערע אנפאלען, מחמת זיי האבען געוואלט שאפען א פעראייניגטע אימפעריע אין אריענט. קעגען זיי האט זיך געבילדעט א נייער בונד, וואס דאט נאך א גאנצער רייה פון מלחמות אבגעהאלטען א גלענצענדען נצחון ביי איפסאס, אין פריגיען (301): אנטיגונוס איז אומגעקומען אין דער דאזיגער שלאכט. דער הויפט-זיגער ביי איפסאס איז געווען סעלייקוס, וואס האט בעקומען דעם צונאמען ניקאטאר (זיגער). צו זיינע לענדער זענען צוגעקומען סיריען און קליין-אזיען. דא, אויפ'ן ארט, וואו דער טייך אראנטעס פאלט אריין אין מיטעללענדישען ים, האט סעלייקוס געגרינדעט די שטאדט אנטיוכיא, וואס איז געווארען די הויפט-שטאדט פונ'ם גרויסען גריכיש-סירישען קעניגרייך און האט שפעטער געהאט א צאהלרייכע אידישע בעפעלקערונג.

קעלעסיריען מיט מלכות-יהודה, וואס האבען זיך געגרעניצט מיט סיריען, זענען געבליבען אין די הענד פונ'ם עגיפטישען קעניג תלמי. נאך סעלייקוס I און זיינע יורשים האבען גערעכענט, אז געזעצליך געהערט די דאזיגע פראווינץ צו זיי, און האבען דעריבער געפיהרט לאנגדויערנדיגע מלחמות מיט די תלמיים.

תלמי I און II.

§ 29. וואס איז פארגעקומען אין מלכות-יהודה פאר דער צייט פון די דאזיגע קריגס-שטורמען, וואס האבען צעטרייסעלט דעם גאנצען אריענט? די אידען האבען געזעהן, „ווי עס האבען געשטורמט די פעלקער, און געפאלען זענען קעניגרייכען"; ארום זיי האט געזידט און געקאכט די גרויסע פעלקער-שלאכט, און „עס האט זיך געביטען דער פנים פון דער ערד"; זיי זענען אריבער פון דער פערסישער ממשלה אמאל צו די סירישע, אמאל צו די עגיפטישע גריכען.

נאר קיין אקטיווען אנטייל האבען זיי ניט גענומען אין אלע די איבערקערענישען. אז די קריגס־שטורמען האבען זיך איינגעשטילט (301), איז מלכות־יהודה שוין געשטאנען אונטער דער ממשלה פונ'ם ניי־עגיפטישען קעניגרייך פון די תלמיים; אין דער הויפט־שטאדט פון דער דאזיגער מלוכה האט זיך געבילדעט א צאהלרייכע אידישע קאלאניע. יענע אידען אבער, וואס האבען פריהער געוואוינט אין פערסיען גופא, אין באבילאניען און סיריען, האבען זיך איינגעפונען אין דער גרויסער אימפעריע פון די סעלייקידען, וואס איז געגרינדעט געווארען אויף די חורבות פון דער פערסישער מאנארכיע.

מיט דער עגיפטישער איבערהערשאפט האבען די אידען גאר גיך זיך איינגעלעבט, ווארום זי האט, לכל הפחות די ערשטע צייט, ניט געשטערט זייער אינעווייניגסטע פרייהייט מעהר, ווי די פריהערדיגע פערסישע איבערהערשאפט. תלמי I לאגוס, וואס האט בעקומען דעם צונאמען סאטער, האט אין דער צייט פון דער מלחמה צווישען די דיאדאכען פערכאפט ירושלים און אוועקגעפיהרט א סך געפאנגענע אידען קיין עגיפטען; נאר אז די דאזיגע מלחמות האבען זיך געענדיגט, איז ער געווארען א פריידליכער רעגירער, וואס האט זיך גוט פערהאלטען צו די אונטערטעניגע פעלקער.

אין מלכות־יהודה איז געבליבען די פריהערדיגע פערוואלטונגס־ארדנונג, נאר איינעגע פארמען איהרע זענען אין א געוויסער מאס אומגעביטען געווארען. בראש פון פאלק איז געשטאנען דער כהן־גדול פון ירושלים, וואס האט פערוואלטעט איבער די ענינים פון מלכות־יהודה, מיט דער הילף פון א ראט פון זקנים (אויף גריכיש „גערוזיא"). דער כהן־גדול האט זיך גערעכענט, אלס דער אפיציעלער איבערשטער פון אידישען פאלק (עטנארך) און אלס זיין פארשטעהער פאר דער עגיפטישער רעגירונג. ער האט געמוזט דירעקט צושטעלען אין דער קעניגליכער קאסע א יעהרליכע אבצאהלונג פון די אידען, וואס אין דער העלפט פון III יאהרהונדערט האט זי בעטראפען צוואנציג טאלענטען זילבער. אין ערשטען יאהרהונדערט פון דער גריכישער איבערהערשאפט זענען געוועזען כהנים־גדולים (לויט יוסף פלאוויוס) איינער נאכ'ן אנדערן פאלגענדע מיטגלידער פון דער אלטער דינאסטיע פון די בני־צדוק: דער שוין דערמאנטער ידוע, וואס האט געלעבט אין אלכסנדר מוקדונ'ס צייטען; זיין זוהן חוניו I; חוניו'ס זיהן: שמעון I און אלעזר (פאר דער צייט פון די ערשטע צוויי תלמיים) און שמעונ'ס זוהן חוניו II.

אויב אין מלכות־יהודה איז די אינעווייניגסטע ארדנונג כמעט ווי ניט אומגעביטען געווארען, איז דערפאר אבער זענען אויסער איהר פארגעקומען א סך שנויים. דער הויפט־שנוי איז בעשטאנען דערין, וואס ס'האט זיך געבילדעט א גרויסער אידישער צענטער אין דער הויפט־שטאדט פון דער נייער עגיפטען — אין אלכסנדריא. שוין אין דער צייט פון אלכסנדר מוקדון האבען אידען אנגעהויבען בעזעצען זיך אין אלכסנדריא, נאך מעהר זענען צוגעקומען נאך אלכסנדר'ס

טויט. אין דער צייט פון דער מלחמה צווישען די דיאַדאָכען האָט תּלמי פֿער־שיקט אַהין אַ סך קריגס־געפֿאַנגענע איינוואוינער פֿון מלכות־ יהודה. ס׳איז מעגליך, אַז אַנדערע אידען זענען אַליין אַנטלאָפֿען געוואָרען קיין עגיפּטען פֿון סיריען און פּאַלעסטינע, וואו עס האָט געברענט די מלחמה. אַז עס האָט זיך איינגעשטעלט רוה, האָבען אַ סך אידען אָנגעהויבען פֿרייוויליג עמיגרירען קיין אַלכּסנדריאַ, וואו די אימיגראַנטען האָבען געקאָנט ענטוויקלען אַ ברייטע אינדוסטריעלע טעטיגקייט. תּלמי I האָט אונטערשטיצט די דאָזיגע אימיגראַציע. ס׳איז פֿאַרהאַן אַ מסורה, אַז ער האָט אָנגעטרויט אפילו אידישע קריגס־לייט צו בעשיצען די בעפֿעסטיגטע שטעדט אין עגיפּטען.

אין אַלכּסנדריאַ האָבען די אידען לכתחלה זיך בעזעצט מאַסענווייז אין איין שטאָדט־קוואַרטאַל, כּדי זיך ניט צונויפֿצומישען מיט די אָרטיגע איינוואוינער. פֿונדעסטוועגען האָט זיך גאַר גיך אָבגערופֿען די ווירקונג פֿון דער גריכישער קול־טור אויפֿן לעבען פֿון די אידען אין אַלכּסנדריאַ. זיי האָבען געלעבט אפילו אָבגעזונדערט פֿון די קאָפּטען, די אַלטע עגיפּטישע איינוואוינער, דערפֿאַר אָבער האָבען זיי זיך גרינג דערנעהנטערט צו די געבילדעטע גריכען. די אַרמישע שפּראַך, וואָס אויף איהר האָבען גערעדט דעמאָלט אַלע אידען פֿון פֿאָדער־אַזיען, איז אַלץ מעהר אַרויסגעשטופּט געוואָרען דורך דער גריכישער שפּראַך. אויף גריכיש זענען אויך שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אפילו די הויפּטליכע ביכער פֿון תּנ״ך.

אַן אַלטע לעגענדע דערצעהלט, אַז די כּתבי־הקודש זענען איבערזעצט גע־וואָרען אויף גריכיש אין דער צייט פֿון תּלמי II פֿילאַדעלפֿוס (283—247). ווי עס וועט ווייטער דערקלערט ווערען, איז די דאָזיגע לעגענדע אין אַ סך פּרטים היסטאָריש ניט גענוי. נאָר אין יעדען פֿאַל איז צום סוף פֿון ער־שטען יאָהרהונדערט, זינט די תּלמיים האָבען געהערשט, געמאַכט געוואָרען דער אָנהויב צום איבערזעצען דעם תּנ״ך אויף גריכיש.

די לעגענדע שטרייכט אונטער, אַז תּלמי II האָט זיך בכלל פֿערהאַלטען ניט־געוועהנליך גוט צו די אידען. ס׳ווערט דערצעהלט, אַז דער נייער קעניג האָט פֿריינעלאָזט אַלע אידען, וואָס מען האָט איבערגעוואַלד אַריבערגעשיקט קיין עגיפּטען; אין זיין פֿאָטערס צייטען האָבען זיך די דאָזיגע אידען זיך געפֿונען אין מיליטער, אַלס קריגס־געפֿאַנגענע, אָדער האָבען זיך געמאַטערט אין קנעכט־שאַפֿט ביי פּריוואַטע בעלי־בתּים. ס׳איז זעהר מעגליך, אַז הגם ווי תּלמי II האָט שטענדיג געפֿיהרט מלחמות מיט די סירישע סעלייקידען צוליעב קעלע־סיריען און מלכות־יהודה, איז דעריבער האָט ער געמיהט זיך צוצוציהען צו זיך די אידישע בעפֿעלקערונג דורך אַלערליי הנחות און פּריווילעגיעס, כּדי זיי אָבצוציהען הורכדעם פֿון זיינע פֿיינד. דאָס איז געווען ניט אַזוי איבער טעמים פֿון מענשען־ליעבע, ווי פֿון פּאָליטישער קלוגשאַפֿט, וואָס האָט געהאַט איהרע

וואַרצלען אין די דעמאָלטיגע אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען אין אָריענט, — ווי עס האָבען בעוויזען די שפּעטערדיגע געשעהענישען.

תלמי און יוסף בן־טוביה.

§ 30. די באַציהונגען פון מלכות־יהודה צו דער עגיפּטישער איבערהערשאַפט זענען געוואָרען מעהר פערפלאָנטערט אין דער צייט פונ'ם דריטען קעניג פון דער תלמישער דינאַסטיע, וואָס האָט בעקומען דעם צונאָמען אייערגעטעס (221—247). דער דאָזיגער קעניג האָט זיך פערהאַלטען פריינדליך צו אידען, פונקט אַזוי ווי די פריהערדיגע מלכים. נאָר אין די העכסטע ספערען פון ירושלים האָט זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אַ נטיה צו סיריען, וואָס האָט נאָך אַלײן געפיהרט מלחמה מיט עגיפּטען צוליעב קעלעסיריען און וואָס איהרע מושלים האָבען זיך געמיהט אַריבערציהען אויף זייער צד די איינפלוסרייכע מענשען פון מלכות־יהודה. לכל הפּחות נאָר דערמיט קאָן מען ערקלערען די מאָדנע אויפפיהרונג פונ'ם דעמאָלטיגען ירושלמ'ער כהן־גדול חוניו II, וואָס האָט מיט אַמאָל זיך אָבגעזאָגט צו צאָהלען עגיפּטען די איינגעשטעלטע יעהרליכע שטייער פון 20 טאַלענטען. צי מחמת אַ פּערזענליכען סכסוך, וואָס איז אַרויסגעקומען צווישען חוניו II מיט די תלמיים, אָדער מחמת די סעלייקידען האָבען איהם צוגעזאָגט גרויסע הנחות, האָט ער געקאָנט צושטעהן צו דער פּאַרטיי, וואָס האָט בעסער געוואָלט זיין אונטערטעניג סיריען, איידער עגיפּטען. די דאָזיגע פּאַרטיי איז, אפנים, געווען נאָך זעהר קליין; דער גרעסטער רוב פון פאָלק דאַבען גאָרנישט ניט געהאַט קעגען דער איבערהערשאַפט פון די תלמיים, וואָס האָט געזיכערט די אינעווייניגסטע פרייהייט פון מלכות יהודה.

בשעת חוניו האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו צאָהלען צינז, איז תלמי שטאַרק אין כעס געוואָרען. דער קעניג האָט געשיקט אין ירושלים אַ שליח, מיט'ן נאָמען אַטעניאָן, מיט דער פאָדערונג אָבצוצאָהלען דעם געזעצליכען צינז; באם ניט, האָט ער געסטראַשעט צו צעטיילען די אידישע לענדער צווישען די גריכישע סאָלדאַטען. נאָר דער כהן־גדול האָט גאָרנישט ניט געוואָלט הערען. חוניו'ס עקשנות האָט געקאָנט ברענגען אַ גרויסע צרה אויף מלכות־יהודה. ביים פאָלק איז געוואַקסען אַן אומצופרידענקייט קעגען דעם כהן־גדול און זיין פּאַרטיי, וואָס האָבען געוואָלט איינשטעלען דאָס פאָטערלאַנד אין סכנה. עס האָט געהאַלטען דערביי, עס זאָל זיך פונאַנדערפלאַקערן אַ בירגער־קריג, נאָך איידער דער עגיפּטישער חיל וועט אָנקומען. נאָר דאָ האָט זיך געפונען אַ מענש, וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצופיהרען דאָס לאַנד פון דער געפעהרליכער לאַגע.

חוניו האָט געהאַט אַ יונגען פּלימעניק, יוסף בן־טוביה, וואָס איז געווען אַן ענערגישער און אַ קלוגער מענש. אינ'ם סכסוך פונ'ם כהן־גדול מיט דער עגיפּטישער רעגירונג, האָט יוסף זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון דער רעגירונג. ער איז אַוועק צו זיין שליטן [illegible] אין האָט איהם געמאַכט פאַר־

זאַרפֿען אינ'ם נאָמען פֿון פֿאָלק און האָט איהם געגעבען אַן עצה, ער זאָל פֿאָהרען קיין עגיפּטען און בעטען ענטשולדיגונג בײַם קעניג. חוניו האָט געענטפֿערט, אַז ער איז בעסער גרייט זיך אָבצוזאָגען פֿון דער כהונה, איידער צו פֿאָהרען קיין אַלכּסנדריא. יעמאָלט האָט יוסף געפֿאָדערט, אַז דער פֿעטער זאָל איהם אַליין ערלויבען הרכּפֿאָהרען זיך קיין אַלכּסנדריא, בכדי צו פֿיהרען אינטערהאַנדלונגען מיט'ן קעניג. אַז יוסף האָט בעקומען די ערלויבניש דערויף, האָט ער צונויפֿגערופֿען אין בית-המקדש אַ פֿאָלקס-פֿערזאַמלונג און האָט בערוהיגט די ירושלמ'ער און צוגעזאָגט זיי, אַז ער וועט איינאָרדנען די גאַנצע זאַך און וועט איבערצייגען דעם קעניג, אַז די אידען זענען איהם געטריי. אין דער זעלביגער צייט האָט ער דורך רייכע מתנות געוואונען די פֿריינדשאַפֿט פֿונ'ם עגיפּטישען שליח אַנטעניאָן, איידער יענער איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין אַלכּסנדריא, בכדי ער זאָל איהם העלפֿען בײַם הויף.

יוסף האָט געליהען געלד אויף דער נסיעה בײַ זײַנע רייכע פֿריינד און שמרון, האָט געמאַכט די נויטיגע הכנות און איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין עגיפּטען. אונטערוועגס האָט ער זיך צופֿעליג געטראָפֿען מיט די איבערשטע און עלטסטע פֿון די סירא-פּאַלעסטינישע שטעדט, וואָס פֿלעגען אַלע יאָהר פֿאָהרען קיין אַלכּסנדריא, בכדי צו נעהמען אין חכירה די קעניגליכע שטייערן אין זייערע שטעדט. די רייכע חוכרים האָבען זיך פֿערהאַלטען מיט פֿעראַכטונג צו יוסף'ן, און ער האָט נאָר געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי אַליין צו ווערען אַ חוכר און דערשלאָגען זיך אויף אַזאַ אופֿן צו רײַכקייט און מאַכט.

אַז יוסף איז אָנגעקומען קיין עגיפּטען, האָט דער שליח אַנטעניאָן, וואָס האָט זיך שוין פֿריהער געהאַט אומגעקעהרט אַהין, בעוויזען צו מאַכען איהם בעליעבט אין תלמיים אויגען. בײַם הויף האָט מען יוסף'ן, אַלס אַ פֿריינד פֿון דער עגיפּטישער רעגירונג, גוט אויפֿגענומען. דורך גוטע רייד און חניפֿה האָט זיך איהם אײַנגעגעבען אײַנצונעמען צו בערוהיגען דעם קעניג בנוגע צו דעם „קאַפּריז" פֿונ'ם אַלטען כהן-גדול און צו איבערצייגען איהם, אַז דאָס אידישע פֿאָלק איז איהם געטריי.

אַז יוסף איז שוין געוועזען אַן אָנגעלעגטער גאַסט בײַם הויף, איז ער צוגעטראָטען צום פֿערווירקליכען זײַן פֿינאַנציעלען פּלאַן. אַז עס איז אָנגעקומען דער טאָג פֿון די טאָרגעס וועגען דער חכירה פֿון די שטייערן, און די סירישע חוכרים האָבען אָנגעהויבען באָטען מקחים פֿאַר דער חכירה אין קעלעסיריען, פֿעניציען, שמרון און מלכות-יהודה, האָט יוסף ערקלערט, אַז ער גיט צוויי מאָל אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל מען האָט פֿאָרגעלעגט, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַכט טויזענד טאַלענטען — און די חכירה איז פֿערבליבען פֿאַר איהם. אַז דער קעניג האָט באַלד נאָכדעם געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַנ'ערבות יוסף קאָן פֿאָרשטעלען אויף צו פֿערזיכערן די חכירה, האָט יוסף געענטפֿערט, אַז ערב זײַן פֿאַר איהם קאָנען דער קעניג און די קעניגין פֿון עגיפּטען. דער דאָזיגער דרייסטער

ענטפּער איז געפעלען געוואָרען, יוסף איז געוואָרען בעפרייט פון ערבות און בעשטימט פאַר'ן הויפּט-חוכר פון די שטייערן אין פּאַלעסטינע.

אַלס פינאַנציעלער אַגענט, האָט יוסף אין גיכען גלענצענד אויסערפילט זיין אויפגאַבע. פון קעניג האָט ער בעקומען אַנ'אָבטיילונג פון צוויי טויזענד קריגס-לייט, אויף דעם פאַל, טאָמער וועט נויטיג זיין אויפצומאָנען די שטייערן איבערגעוואַלד, און איז אַרויסגעפאָהרען פון אלכסנדריא אין זיין שטייער-ראַיאָן. די הייד'נישע איינוואוינער פון אַשקלון האָבען בעגעגענט מיט געלעכטער דעם נייעם אידישען חוכר און האָבען זיך אָבגעזאָגט צו צאָהלען אידם די פעסט-געשטעלטע שטייערן. יעמאָלט האָט יוסף געדיינען טויטען צוואַנציג חשובֿ-סטע בירגער פון שטאָדט, אַלס די אויפטוער פון די אונאָרדנונגען, האָט קאָנ-פיסקירט זייער פערמעגען און אָבגעשיקט עם אין דער קעניגליכער קאַסע. אַזוי האָט ער אויך געטאָן אין סקיטאָפּאָליס (בית-שאָן). מחמת דער דאָזיגער שטרענג-קייט האָבען אַלע מורא געקראָגען פאַר אידם — און אַלע איבעריגע שטעדט, וואו יוסף מיט זיין אָבטיילונג זענען דורכגעפאָהרען, האָבען אָהן שום טענות אויסגעצאָהלט די שטייערן, וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט. דער נייער שטייער-קלייבער האָט פערמעהרט די הכנסות פון דער קרוין, פלעגט צייטענווייז שיקען טייערע מתנות דעם קעניג און דער קעניגין קיין אלכסנדריא, און דורך דעם האָט ער נאָך מעהר פערפעסטיגט זיין אָפיציעלע לאַגע. אין דערזעלביגער צייט האָט ער אויך ניט פערגעסען זיינע אייגענע אינטערעסען: זיין רייכקייט איז אַלץ געוואַקסען, און זיין מאַכט אין דעם גרויסען שטייער-ראַיאָן איז געווען כמעט גלייך צו דער מאַכט פון אַ קעניגליכען פערוואַלטער. אין מלכות-יהודה האָט יוסף אינגאַנצען אָבגעשטופּט אָן אַ זייט דעם כהן-גדול און איז אַליין געוואָרען דער איינציגער איינפלוסרייכער פערמיטלער צווישען פאָלק און דער עגיפּטישער רעגירונג.

22 יאָהר האָט יוסף בן-טוביה פערוואַלטעט איבער'ן קלייבען די שטייערן אין קעלעסיריען און פּאַלעסטינע, און האָט געהאַט בכלל אַ בעדייטענדען איינ-פלוס אויף דער פערוואַלטונג אין די דאָזיגע עגיפּטישע פּראָווינצען. אין וואָס דער דאָזיגער איינפלוס האָט זיך אויסגעדריקט אין פּאָליטישען לעבען פון מלכות-יהודה — איז ניט בעוואוסט. די ידיעות, וואָס די כראָניקען ברענגען וועגען יוסף'ן, זענען פול מיט אַנעקדאָטישע שטריכען, זענען כראָנאָלאָגיש ניט גענוי און ניט גענוג צונויפגעבונדען מיט די שפּעטערדיגע געשעהענישען[2]. נאָר ס'איז קיין ספק ניט, אַז דער עצם פון דעם דאָזיגען עפּיזאָד טראָגט אַ היסטאָרישען כאַ-ראַקטער. די סיכסעם פון חכירות, וואָס איז געוואָרען איינגעפיהרט אין מלכות-יהודה, האָט געהאַט אַ חידקינג ניט בלויז אויף דער פערוואַלטונגס-אָרדנונג אין

[2] זעה די גענויע ערצעהלונג אין „קדמוניות היהודים" פון יוסיפוס פלאַוויוס, קאַפּ. י"ב, 4, וואו עס זענען צונויפגעמישט תלמי III און תלמי V אין דעם גאַנצען עפּיזאָד.

לאנד, נאר אויך דער ענטוויקלונג פון דער אויסווייניגסטער קולטור. ס'האט זיך ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם, ס'זענען פערברייטערט געווארען די אינטערנאציאנאלע עקאנאמישע פערבינדונגען, די אידען האבען זיך גיך אנגעאייגענט די קאסמאפאליטישע גריכישע קולטור — מיט איין ווארט, ס'איז געלעגט געווארען א פונדאמענט פאר יענער העלעניסטישער ריכטונג אין מלכות־יהודה, וואס האט אין דעם פאלגענדען יאהרהונדערט געשפיעלט אזא בעדייטענדע ראָל אין דער געשיכטע פונ'ם דאזיגען לאנד.

דער איבערגאנג פון דער ממשלה איבער מלכות־יהודה פון די תלמיים צו די סעלייקידען.

§ 31. דער קאמף צווישען עגיפטען און סיריען צוליעב קעלעסיריען האט דערגרייכט צו דער שארפסטער פארם אין דער צייט פון תלמי IV פילאפאטאר (221—204). פאר די צייטען פון דעם דאזיגען קעניג האט די דינאסטיע פון די תלמיים שוין אנגעהויבען אראבלאזען זיך אין פאלען, מחמת דעם, וואס די מושלים זענען געווען שטארק נוטה צו לוקסוס, צו אנ'אויסגעלאסענעם לעבען און צו דעספאטיזם.

און אין דערזעלביגער צייט האט די דינאסטיע פון די סעלייקידען ארויסגעריקט א שטארקען און ענערגישען קעניג, וואס האט געשטרעבט צו מאכען זיין מלוכה פאר א וועלט־קעניגרייך. דאס איז געווען **אנטיוכוס** III **דער גרויסער** (223—187). אנטיוכוס האט זיך בענוצט דערמיט, וואס טעאדאטוס, דער עגיפטישער פערוואלטער אין קעלעסיריען און פאלעסטינע, האט מורד געווען קעגען זיין קעניג, און האט אהין אריינגעשיקט זיין חיל און פערנומען דארט עטליכע שטעדט. נאר אין יאהר 217 איז תלמי פילאפאטאר ארויסגעטראטען קעגען איהם מיט זיין חיל און האט איהם געגעבען א גרויסע מפלה ביי **ראפיא**.

א שפעטערדיגע לעגענדע[3] דערצעהלט, אז נאך דעם דאזיגען נצחון איז תלמי IV אריינגעטראטען אין ירושלים, און ניט קוקענדיג אויף די בקשות פון די כהנים, האט ער זיך אריינגעריסען אין קדשי־קדשים פון בית־המקדש, וואוהין קיין מענש, חוץ'ן כהן־גדול, האט ניט געטארט אריינגעהן; נאר דארט איז ער געפאלען אין חלשות, און מ'האט איהם געמוזט ארויסטראגען אויף די הענד. די ירושלמים האבען בעהויפטעט, אז דאס האט ער בעקומען א שטראף דערפאר, וואס ער האט פערשוועכט דעם הייליגטום. נאר תלמי איז מחמת דער מעשה געווארען שטארק איבערגעבראכט קעגען די אידען, און אז ער האט זיך אומגעקעהרט קיין עגיפטען, האט ער אנגעהויבען אונטערדריקען זיינע אידישע אונטערטאנען. ער האט בעגרעניצט די בירגערליכע רעכט פון די עגיפטישע אידען

[3] ספר חשמונאים

און האָט אויפגעהויבען רדיפות קעגען דער אידישער רעליגיע. ערשט שפּעטער האָט ער אָבגעשטעלט זיינע געוואַלדטאַטען. די דאָזיגע לעגענדאַרישע ערצעהלונג האָט אפשר מעהר ניט ווי איין קערנדיל אמת אין זיך, דאָס־הייסט, אָט וואָס: אַז זינט תלמי IV־ענס צייטען זענען שוין ערגער געוואָרען די בעציהונגען פון די עגיפּטישע מושלים צו די אידען.

דערמיט קאָן ערקלערט ווערען מסתמא דער פאַקט, וואָס אין מלכות־יהודה האָט זיך פערגרעסערט די סימפּאַטיע צו די סעלייקידען. אין ירושלים האָט אָנגעהויבען ניט דייטליך אַרויסצוטרעטען דער קאַמפף פון די פּאָליטישע פּאַר־טייען. דער ליעבלינג פונ'ם הויף אין אַלכסנדריא, דער קעניגליכער חוכר יוסף בן־טוביה, איז, פערשטעהט זיך, געשטאַנען אינגאַנצען פאַר דער איבערהערשאַפט פון עגיפּטען. נאָר אין זיין משפחה זענען אַרויסגעקומען מחלוקות, וואָס האָבען געבראַכט צו פּאָליטישע שוועריגקייטען.

יוסף האָט געהאַט זיבען זיהן פון זיין ערשטער פרוי און אַ זעכסטען זוהן, וואָס האָט געהייסען הורקנוס, פון זיין פּלימעניצע. די ערצעהלונג וועגען הורקנוס'עס אָבשטאַמונג בעווייזט, אַז די אידישע גבירים האָבען געהאַט שוין אָנגענומען די פערשיידענע מדות פון די העלענען. הוות, ווי יוסף פלעגט אָפט קומען צו פאָהרען קיין אַלכסנדריא און בעזוכען דעם קעניגליכען הויף, האָט ער, אַפּנים, זיך אָנגעזאַייגענט די אוניזיטליכע נטיות פון די הויפס־לייט. איין מאָל, ביי אַ מאָלצייט אין הויף, האָט זיך ביי איהם דערוועקט אַ תאוה צו אַ שענער טענצערין און ער האָט אויסגעזאָגט דעם דאָזיגען סוד זיינעם אַ ברודער, וואָס איז אויך גראָד דענסטמאָל געקומען צו פאָהרען קיין אַלכסנדריא מיט זיינער אַ טאָכטער, אַ יונגער מיידעל, מיט'ן נאָמען שלימית. בכדי אָבצוהיטען יוסף'ן פון אַ חטא, האָט דער ברודער חתונה געמאַכט מיט איהם זיין טאָכטער — און הורקנוס איז דאָס געוועזען שלימית'ס זוהן. דעם דאָזיגען זוהן האָט יוסף ליעב געהאַט מעהר פון אַלע זיינע איבעריגע זיהן, און אַז יענער איז אויסגעוואַקסען, האָט ער אָנגעהויבען שיקען איהם צום קעניגליכען הויף אין אַלכסנדריא, בכדי ער זאָל איהם דאָרט פערטרעטען. הורקנוס האָט שטאַרק נושא חן געווען ביים קעניג און ביי די הויפס־לייט; ער האָט בעקומען גרויס חשק צו לוקסוס און האָט גיך פערשווענדעט די געלד, וואָס זיין פאָטער האָט זיך איינגעגעבען צונויפ־צוקלייבען אין משך פון אַ לאַנגער צייט. די עלטערע ברידער האָבען פיינט געהאַט הורקנוס'ן. איינמאָל האָבען זיי אפילו צונויפגערעדט זיך איהם צו הרג'ענען, נאָר ער האָט זיך פערהיט פון דער סכנה און האָט געטויט צוויי פון זיינע ברידער.

נאָך יוסף'ס טויט זענען די מחלוקות אין זיין משפחה נאָך שטאַרקער געוואָרען, און האָבען געבראַכט דערצו, אַז עס האָבען זיך געבילדעט צוויי פיינד־ליכע פּאָליטישע גרופּעס. הורקנוס, וואָס האָט אפשר געירש'ט נאָכ'ן פאָטער דעם אָפיציעלען פּאָסטען פון אַ חוכר, איז געשטאַנען בראש פון די אָנהענגער פון עגיפּטען.

זיינע ברידער אָבער, וואָס האָבען געהאַט דעם צונאָמען בני־טוביה (נאָך זייער זיידענס נאָמען), זענען געשטאַנען פֿאַר סיריען און די סעלייקידען. צו די בני־טוביה איז צוגעשטאַנען אויך דער נייער כהן־גדול שמעון II, אַ זוהן פֿון יענעם חוניו II, וואָס האָט געפֿירט אַן אַנטי־עגיפּטישע פּאָליטיק נאָך אין דער צייט פֿון תּלמי אייערגעטעס.

אין יענער צייט (204) איז געשטאָרבען פּילאָפּאַטאָר און האָט געלאָזען נאָך זיך אַ יונגען יורש, תּלמי V עפּיפֿאַנעס. דער סירישער קעניג אַנטיוכוס דער גרויסער האָט ווידער אויסגענוצט די שוועריגע לאַגע פֿון עגיפּטען און האָט אויף דאָס־ניי אָנגעהויבען דעם קריג צוליעב קעלעסיריען. דאָס מאָל האָט זיך איהם איינגעגעבען איינצונעהמען די גאַנצע טעריטאָריע פֿון מלכות־יהודה (בערך אין יאָהר 201). די עגיפּטישע רעגירונג האָט אָנגעשטרענגט אירע לעצטע כּחות, בּכדי זיך אַנטקעגענצושטעלען אַנטקעגען דעם פֿיינד. זי האָט אַרויסגעשיקט קעגען אַנטיוכוס'ן דעם קריגס־הויפּטמאַן סקאָפּאַס מיט אַ סך געדונגענע זעלנער. סקאָפּאַס מיט זיין חיל האָט זיך אַריינגעריסען אין ירושלים און האָט געלאָזען זיין גאַרניזאָן אין דער שטאָדטישער פֿעסטונג.

נאָר אויך אַנטיוכוס האָט ניט געשלאָפֿען. ער האָט צונויפֿגעקליבען אַ גרויסען חיל און איז אַרויסגעטראָטען קעגען די עגיפּטער. נעבען די קוואַלען פֿון ירדן, ניט ווייט פֿון דער שטאָדט פּאַניאָן אָדער פּאַנעאַס (וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ טעמפּעל פֿונ'ם גריכישען גאָט פּאַן), איז פֿאָרגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט, אין וועלכער סקאָפּאַס'עס אַרמעע איז געשלאָגען געוואָרען (198). אַנטיוכוס האָט פֿערטריבען די עגיפּטער פֿון קעלעסיריען און איז געוואָרען הערשער איבער דער גאַנצער געגענד, וואָס צו איהר האָט געהערט אויך מלכות־יהודה. די ירושלמים, וואָס צווישען זיי האָט בעקומען די איבערהאַנד די סעלייקידישע פּאַרטיי, האָבען פֿרייוויליג אַריינגעלאָזט די סירער אין דער הייליגער שטאָדט, האָבען געגעבען זיי פּראָוויאַנט, וויפֿיעל זיי האָבען נויטיג געהאַט, און האָבען געהאָלפֿען זיי פֿערטרייבען פֿון דער ירושלמ'ער פֿעסטונג דעם עגיפּטישען גאַרניזאָן, וואָס סקאָפּאַס האָט געלאָזען. ס'זענען פֿאַרהאַן דאָקומענטאַלע ידיעות (הגם נאָך ניט גענוג בעגלויבּיגטע), אַז בשעת אַנטיוכוס איז אַריינגעטראָטען אין ירושלים, זענען איהם אַנטקעגען אַרויס די עלטסטע און די חשובֿע לייט צווישען די אידען און האָבען איהם גלענצענד אויפֿגענומען.

אַנטיוכוס III האָט פֿערשטאַנען אָפּצושאַצען די פֿריינדשאַפֿט פֿון די אידען, וואָס האָט איהם גרינגער געמאַכט איינצונעהמען דאָס לאַנד. בּכדי צו פֿערפֿעסטיגען די דאָזיגע פֿריינדשאַפֿט און בּכדי צו בעווייזען די אידען, אַז די ממשלה פֿון די סעלייקידען איז בעסער פֿאַר זיי, איידער די ממשלה פֿון די תּלמיים, האָט אַנטיוכוס געשאָנקען זיי אַ סך הנחות און פּריווילעגיעס. ס'זענען פֿערבליבען דריי פֿעראָרדנונגען אַנטיוכוס'עס, וואָס בעווייזען, ווי ווייט ער האָט זיך געמיהט נאָכצוגעבען די איינוואוינער פֿון מלכות־יהודה. אין דער ערשטער

פֿעראָרדנונג האָט דער קעניג בעפֿוילען ארויסצוגעבען די ירושלמים פֿון דער קעניגליכער קאַסע שטיצע אויף צוריק אויפֿצובויען די טיילען שטאָדט, וואָס זענען צעשטערט געוואָרען אין דער צייט פֿון מלחמה, אויף פֿעררייכטען דעם בית-המקדש און די גאַלעריִען, וואָס אַרום איהם, און אויף ברענגען קרבנות אין בית-המקדש. די אידען איז געגעבען געוואָרען דאָס רעכט צו פֿיהרען זייער פֿערוואַלטונג לויט זייערע אייגענע געזעצען; די מיטגלידער פֿונ'ם ראַט פֿון די זקנים, די כהנים און סופֿרים זענען בעפֿרייט געוואָרען פֿון צו צאָהלען שטייערן, און פֿאַר די איבעריגע איינוואוינער זענען די שטייערן בעדייטענד פֿערקלענערט געוואָרען. אין דער צווייטער פֿעראָרדנונג אנטיאכוס'עס ווערט פֿערבאָטען איטליכען פֿרעמדען אַריינצוטרעטען אין די הייליגע חדרים פֿון בית-המקדש, וואו אפֿילו קיין איד, חוץ'ן כהן-גדול, האָט, לויט'ן אידישען דין, ניט געטאָרט אַריינגעהן. אין דער דריטער פֿעראָרדנונג בעפֿיהלט דער קעניג אַריבערצופֿיהרען אין די אונרוהיגע פּראָווינצען לידיען און פֿריגיען (אין קליין-אזיען) צוויי טויזענד אידישע משפּחות פֿון מעסאָפּאָטאַמיען און באַבילאָניען; די דאָזיגע פֿעראָרדנונג ווערט דער-קלערט דערמיט, וואָס די אידען האָבען שוין אַרויסגעוויזען זייער געטריישאַפֿט דער סירישער רעגירונג, און בלי-ספק וועלען זיי זיין געטרייע היטער פֿון דער סעלייקידישער מאַכט אין די דאָזיגע אונרוהיגע פּראָווינצען. אויך דאָ האָבען די אידישע קאָלאָניסטען בעקומען דאָס רעכט אויף אַ פֿרייער זעלבסטפֿערוואַלטונג און בעדייטענדע הנחות בנוגע צו שטייערן.

אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך די סעלייקידישע ממשלה איבער מלכות-יהודה אָנגעהויבען מיט זעהר גוטע סמנים, און קיין זאַך האָט נאָך ניט געוויזען אויף יענע צרות, וואָס דעם אידישען פֿאָלק איז אויסגעקומען שפּעטער אויסצושטעהן מצד דער דאָזיגער איבערהערשאַפֿט.

ווי נאָר די איבערהערשאַפֿט פֿון די סעלייקידען האָט זיך איינגעפֿעסטיגט אין מלכות-יהודה, האָט די עגיפּטישע פּאַרטיי אין ירושלים, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר די תלמיים, אָנגעוואָרען אינגאַנצען דעם באָדען אונטער די פֿיס. איינער פֿון די אָנפֿיהרער פֿון דער דאָזיגער פּאַרטיי, הורקנוס בן-יוסף, האָט געמוזט פֿערלאָזען ירושלים. ער האָט זיך אַריבערגעקליבען אין דער געגענד פֿון עבר-הירדן, נעבען השבון, ניט ווייט פֿון די גרעניצען פֿון אַראַביען, האָט זיך אויס-געבויט דאָרט אין אַ פֿעלז אַ בעפֿעסטיגטען שלאָס, מיט'ן נאָמען „טירת" און פֿון דאָרט פֿלעגט ער מיט זיינע מענשען מאַכען אָנפֿאַלען אויף די שכנישע אַראַבער. אין משך פֿון זיבען יאָהר האָט ער געהערשט איבער דער דאָזיגער ווילדער געגענד. נאָר שפּעטער האָט די סירישע רעגירונג אָנגעהויבען צו מטרא-שען דעם דאָזיגען דרייסטען רויבער. אַזוי ווי הורקנוס האָט מורא געהאַט פֿאַר דער סירישער רעגירונג און האָט פֿאַר זיך קיין אויסוועג ניט געזעהן, האָט ער זיך גענומען דאָס לעבען. זיין גאַנצען פֿערמעגען האָט קאָנפֿיסקירט דער סירישער קעניג אנטיאכוס IV., אַ זון פֿון אנטיאכוס III.

§ 32. די גרויסע פאליטישע איבערקערענישען, וואס זענען פארגעקומען אין מזרח אין III און IV יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, האבען זעהר ווינציג אומגעביטען די ארדנונג פונים אינעווייניגסטען לעבען אין מלכות-יהודה. די טעאקראטיע, וואס האט זיך פעסט איינגעשטעלט נאך אין דער צייט פון דער פערסישער איבערהערשאפט, האט זיך אויך געהאלטען אין דער צייט פון די תלמיים. די פרייהייט פון דער זעלבסטפערוואלטונג איז, ווי עס ווייזט אויס, אפילו נאך פערברייטערט געווארען. דער כהן-גדול אין ירושלים און דער ראט פון די זקנים אדער תושב'ע לייט, טרעט ארויס פאר דער גריכישער רעגירונג אלס די געזעצליכע רעגירונג פון מלכות-יהודה. די וועלטליכע ממשלה פונים כהן-גדול, און בפרט זיין מאכט צונויפצוקלייבען די קרוינישע שטייערן, האט זיך ניט שטענדיג געפאסט מיט זיין הויכען גייסטליכען פאסטען; נאר אין א טעאקראטיע איז ניט אויסצומיידען אזא צונויפמישונג פון קודש מיט חול, פון הייליגקייט מיט געשעפט.

לויט די אבגעריסענע ידיעות, וואס זענען פערבליבען אין דער ליטעראטור, איז זעהר שווער צו אורטיילען וועגען כאראקטער פון דער פאליטישער און גייסטליכער טעטיגקייט פון די כהנים-גדולים אין דעם פעריאד, וואס ווערט דא בעטראכט. די טעאקראטיע האט ארויסגערוקט כיי גוטע און סיי שלעכטע רעגירער. אין דער אידישער טראדיציע איז געבליבען נאר איין ליכטיגער בילד פון א כהן-גדול, וואס האט בעקומען א שם מחמת זיין פרוכטבארער טעטיגקייט לטובת זיין נאציע. זיין נאמען איז געווען שמעון. אין דער עפאכע, וואס ווערט דא בעשריבען, האבען געלעבט צוויי כהנים-גדולים, וואס האבען געהייסען שמעון: איינער האט געלעבט, בשעת עס האט זיך אנגעהויבען די איבערהערשאפט פון די תלמיים (בערך אין יאהר 300), און דער אנדערער — צום סוף פון דער תלמיישער הערשאפט, בשעת מלכות-יהודה איז אריבער צו די סעליוקידען (בערך אין יאהר 200). ווען מען זאל צוזאמענשטעלען פערשיידענע היסטארישע ידיעות דאן מוז מען קומען צו דער מסקנא, אז דער שמעון, וואס ווערט געריהמט אין די אידישע מסורות און וואס ווערט אנגערופען שמעון הצדיק, איז דא דער כהן-גדול שמעון II, א זוהן פון דערמאנטען חוניו II. אין „פרקי-אבות" ווערט שמעון הצדיק אנגערופען אלס איינער פון די לעצטע פארשטעהער פון דער כנסת-הגדולה (משירי אנשי כנסת-הגדולה), דאס הייסט, פון יענעם ראט פון עלטסטע אדער סענאט, וואס האט אונטער דער אנפיהרונג פון די כהנים-גדולים פערוואלטעט איבער מלכות-יהודה אין דער צייט פון דער פערסישער און גריכישער איבערהערשאפט. אזא כאראקטעריסטיק פאסט זיך לחלוטין פאר שמעון II, וואס איז געשטאנען אויף דער גרעניץ צווישען דער הערשאפט פון די תלמיים און פון די סעליוקידען. דער דאזיגער שמעון איז טאקע געווען דער

עצטער פֿאַרשטעהער פֿון דער אַלטער רײַן טעאָקראַטישער אָרדנונג, וואָס האָט זיך געהאַלטען מעהר פֿון דרײַ יאָהרהונדערטען. אין דער צײַט פֿון זײַן יורש אָניו III, האָבען זיך שוין אָנגעהויבען מחלקות אין דער משפּחה פֿונ'ם כהן־גדול, און די דאָזיגע מחלקות האָבען געבראַכט דערצו, אַז די כהנים־דינאַסטיע פֿון די בני־צדוק איז געפֿאַלען, און עס האָט זיך אײַנגעשטעלט די וועלטליכע ממשלה פֿון די חשמונאים, וואָס האָבען געשאַפֿען אַן אומאָבהענגיגע אידישע מלוכה.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען (§ 31), האָט שמעון II געהערט צו דער פּאָליטישער פּאַרטײַ, וואָס איז געשטאַנען דערפֿאַר, אַז מלכות־יהודה זאָל אַריבער צו דער ממשלה פֿון די סעלייקידען, און וואָס דאָט בעגריסט אנטיוכוס III, בשעת ער איז אַרײַנגעטראָטען אין ירושלים. אַלס בעלוינונג פֿאַר דער דאָזיגער געטרײַשאַפֿט האָט אנטיוכוס געשאָנקען פֿערשיידענע הנחות די אײַנוואוינער פֿון ירושלים און די כהנים. די ממשלה פֿינ'ם כהן־גדול איז גרעסער געוואָרען. אין שמעון II־ענס רשות האָבען זיך, אַפּנים, געפֿונען יענע סומעס געלד, וואָס אנטיוכוס האָט בעפֿוילען אַרויסצוגעבען פֿון דער קעניגליכער קאַסע אויף פֿערריכטען דעם בית־המקדש און פֿערשענערן ירושלים. לויט ווי עס דערצעהלט יהושע בן־סירא, וואָס האָט געלעבט אין יענער צײַט, איז פֿאַר דער צײַט פֿון שמעון כהן־גדול דער בית־המקדש פֿערריכט און בעפֿעסטיגט געוואָרען; די שטאָדט־מויערן זענען געווען אַזוי ווײַט בעפֿעסטיגט, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ירושלים איז פֿערזיכערט קעגען פֿײַנדליכע אָנפֿאַלען; חוץ דעם, איז אויסגעגראָבען געוואָרען אַ גרויסער קאַנאַל, „וואָס איז געווען פֿול מיט וואַסער, ווי אַ ים“, אויף הערבײַפֿיהרען די וואַסער פֿון די קוואַלען, וואָס געפֿינען זיך חוץ שטאָדט, אין שטאָדט אַרײַן פֿאַר'ן געבױיך פֿון די אײַנוואוינער אָדער ספּעציעל פֿאַר טבֿלות אין בית־המקדש.

דער גאָטעסדיענסט אין בית־המקדש איז געווען ניט־געוועהנליך גרויסאַרטיג. יהושע בן־סירא האָט אונז איבערגעלאָזט אַ גלענצענדע פּאָעטישע שילדערונג פֿון אַ יום־טוב אין בית־המקדש, וואָס אין צענטער פֿון איהם שטעהט שמעון כהן־גדול:

ווי שען איז ער געווען, אַז ער האָט אַרויסגעקוקט פֿון געצעלט
און אַרויסגעטראָטען פֿון הינטער דעם פּרוכת!
ער איז געגליכען צום מאָרגענשטערן, וואָס גלענצט הינטער די וואָלקענס,
ווי די לבֿנה אין איהר פֿולען שײַן אין די טעג פֿון יום־טוב (פּסח).
ער איז ווי די זון, וואָס גיסט איהרע שטראַהלען אויף אַ קעניגליכען פּאַלאַץ,
און ווי אַ רעגענבויגען, וואָס בעווײַזט זיך אין די וואָלקענס;
ווי די בליטען אויף די צווײַגען אין די טעג פֿונ'ם יום־טוב (אין פֿריהלינג)
און ווי אַ ליליע, וואָס האָט זיך אײַנגעבויגען איבער'ן וואַסער־שטרוים...

אַט הילט ער זיך אײַן אין זײַנע עהרענקלײדער,
און טוט אָן די טײַערע געוואַנטען;
ער שטײַגט אַרויף אויפ'ן דערהויבענעם מזבח,
ער נעהמט די שטיקער פֿון זײַנע ברידערס הענד,
און שטעהט איבער דעם פֿונאַנדערגעלעגטען פֿײַער,
אַרומגערינגעלט, ווי מיט אַ קראַנץ, פֿון זײַנע ברידער, די יונגע צעדערן פֿון לבנון.
עס רינגלען איהם אַרום די זיהן פֿון אהרן אין זייער פּראַכט,
געגליכען צו די ווײַדענבוימער אויפ'ן ברעג טײַך.
אין זײַערע הענד רויכערנדיגע קרבנות פֿאַר גאָט,
פֿאַר דער גאַנצער פֿערזאַמלונג פֿון ישראל.
אַט האָט ער געענדיגט די עבודה אויפ'ן מזבח,
און די זיהן פֿון אהרן, די כהנים, בלאָזען אין שופֿרות —
און רופֿען אויס הויך, בכדי צו דערמאָנען דעם אויבערשטען
אַלע שטערבליכע פֿאַלען תּכף מיט זייער פּנים צו דער ערד,
און בוקען זיך פֿאַר'ן אויבערשטען, דעם הייליגען פֿון ישראל.
עס האָבען ערקלונגען די שטימען פֿון די זינגערס און האָבען אָנגעצונדען די הערצער פֿון פֿאָלק.
עס האָבען געוויבעלט אַלע מענשען פֿון דער ערד...
אַז ער האָט געענדיגט די עבודה אויפ'ן מזבח, לויט די געזעצען,
געהט ער (דער כהן-גדול) אַראָב און הויבט אויף זײַנע בײדע הענד
איבער דער גאַנצער פֿערזאַמלונג פֿון ישראל;
אין זײַן מויל — אַ ברכה, —
און ער בענשט אין גאָטס נאָמען.
און דאָס פֿאָלק, שטעהענדיג אויף די קניע, הערט אויס די ברכה[4].

די דאָזיגע בעשרײַבונג גיט אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג וועגען דער עבודה אין בית-המקדש אין יענער צײַט. די שפּעטערדיגע תּלמודישע לעגענדעס דערצעהלען אויך אַ סך וועגען דעם רעליגיעזען לעבען און וועגען דער פּריכטבאַרער טעטיגקײַט פֿון שמעון הצדיק און וועגען דעם גלענצענדען צושטאַנד פֿון דער עבודה אין זײַנע צײַטען. דעם פֿאָלקס זכרון האָט זיך מיט ליעבשאַפֿט אומגעקעהרט צו דער דאָזיגער פֿרידליכער עפּאָכע, וואָס איז געווען פֿאַר דער שטורמישער מרידה פֿון די חשמונאים, און צו דעם לעצטען גרויסען פֿאָרשטעהער פֿון דער כהנים-משפּחה פֿון די בני-צדוק. דער תּלמוד גיט אָב שמעון הצדיק דעם ערשטען פּלאַץ צווישען די גדולי-ישראל, נאָך די טויער פֿון דעם ביבלישען פּעריאָד. פֿון איהם ווערט געבראַכט פֿאָלגענדע מימרא: „אויף דרײַ זאַכען האַלט זיך

[4] משלי בן-סירא, קאַפּ. נ'.

די וועלט: אויף דער תורה, אויף דער עבודה און אויף גמילת־חסדים" (דאס הייסט, אויף דער וויסענשאפט, גלויבען און גוטע מדות).

די ליטעראַרישע שאַפונג.

§ 33. וואס פאר א ווירקונג האט דער העללעניזם געהאט אויף די אידען פאר דער צייט פון דער הערשאפט פון די תלמיים, און צי האט זיך די דאזיגע ווירקונג אבגעשפיגעלט אין דער ליטעראטור? — דאס איז קיין ספק ניט, אז בשעת עס האבען זיך בעגעגענט אזעלכע צוויי ענטוויקעלטע קולטורען, ווי די אידישע און די העללענישע, האט זיך געמוזט בעווייזען צווישען זיי סיי א קאנקורענץ, סיי א געגענזייטיגע ווירקונג. ווי שטארק עס איז ניט געוועזען די נאציאנאלע אבגעזונדערטקייט אין מלכות־יהודה זינט עזרא'ס צייטען, זענען פונדעסטוועגען אריינגעדרונגען די אידעען פון דער שכנישער קולטור־וועלט צווישען דער אידישער אינטעלעקטועלער אריסטאקראטיע. דער העללעניזם האט די ערשטע צייט נאך ניט אנגערירט די פראקטישע יסודות פון דער יהדות, ווי דאס איז געוועזען צו בעמערקען שפעטער, אין דער צייט פון די סעלייקידען, ער האט מעהר ניט געהאט א טעאָרעטישע ווירקונג: ער האט פערברייטערט דעם געזיכטסקרייז פון די דענקענדע מענשען, געגעבען זיי נייע דענקונגס- און שאפונגס־פארמען, געוועקט דעם שכל און געפיהרט דעם זוכענדען גייסט אין נייע, ביז אהער אונבעקאנטע געגענדען.

די רעזולטאטען פון דער ווירקונג פון העללעניזם וואלט מען געקאנט בעסער פון אליין ארויסזעהן אין די ליטעראטור־ווערק פון יענער צייט, אויב ס'וואלט זיך איינגעגעבען פעסטצושטעלען גענוי, וואסערע ווערק געהערען גראדע צו יענער צייט. צום בעדויערן, גיט אונז ניט די היסטארישע וויסענשאפט, חוץ איניגע אויסנאהמען, קיין ריכטיגע פאקטען, נאר בלויז מעהר אדער ווייניגער בעגרינדעטע השערות. דעם היסטאריקער קומט דא אויס צו בעשטימען די צייט, ווען די אדער יענע ווערק זענען פערפאסט געווארען, לויט דעם, אויף וויפיעל אין זיי איז צו בעמערקען די ווירקונג פונ'ם העללעניזם. אויף דעם סמך איז אויפגעבויט די השערה, אז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון די תלמיים זענען פערפאסט געווארען צוויי ווערק, וואס געהערען אריין אין דער לעצטער אבטיילונג פון תנ"ך (כתובים) און וואס לויט דער טראדיציע האט זיי פערפאסט שלמה המלך: דאס איז שיר השירים און קהלת[5].

5) די פראגע וועגען דעם, ווען די דאזיגע ביידע ביכער זענען געשריבען געווארען, בעזונדערס דער ערשטער, איז נאך ביז איצט ניט פערענטפערט געווארען אין דער ביבלישער קריטיק. בנוגע צום ספר „שיר השירים" איז דער רוב פון די פארשער נוטה אנצונעהמען, אז ער איז א פראדוקט פון דער עלטסטער אידישער פאעזיע און איז פערפאסט געווארען נאך אין קעניגרייך ישראל, בערך אין ניינטען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט-

„שיר־השירים“ איז אן אידילישע פאעמע, וואס בעזינגט די ליעבע פון א שענער פאסטוכין שולמית צו איהר „פריינד“, א פאסטוך. שולמית איז צוגענומען געווארען אין הויף פון קעניג שלמה. די פאעמע איז דעריבער פול מיט דראמאטישע עפיזאדען, וואו די ליעבענדע רעדען זיך דורך מיט אנאנד אדער מיט די ארומיגע. אין די דאזיגע לירישע בעשרייבונגען און דיאלאגען האט זיך אבגעשפיגעלט די ליכטיגע, לעבענס־לוסטיגע שטימונג פונ'ם העלעניזם, וואס איז אריבערגעטראגען אין מלכות־יהודה, נאר דארט איז זי אויסגעלייטערט, פעראיידעלט געווארען. אין „שיר־השירים“ קאן מען הערען אבקלאנגען פון די גריכישע ליריקער טעאקריט און אנאקרעאן, צונויפגעמישט מיט די הארציגע טענער פון דער אידישער ליריק. דאס איז די איינציגע ווערק פון תנ"ך, וואו עס ווערט בעזינגען די נאטור און די ראמאנטישע ליעבע. זי האט קיין שום רעליגיעזע פארבונג ניט,— און אין תנ"ך איז זי אריינגענומען געווארען נאר דערפאר, וואס שפעטער האט מען זי אנגענומען פאר א רעליגיעזע אלעגאריע (כל הספרים קדש ושיר השירים קדש קדשים).

וואסערע עס זאלען ניט זיין די איינפלוסען פון אויסווייניג, וואס האבען מיטגעהאלפען דערצו, אז אין מלכות־יהודה זאל אויפקומען די עראטישע פאעזיע, אלס א נייער ארט שרייבען,—אבער דער אינהאלט גופא פון „שיר־השירים“ איז טיעף אריגינעל און טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פונ'ם אידישען גייסט. אין דער דאזיגער פאעמע איז אפילו די תאוה פעראיידעלט און אויסגעלייטערט א דאנק דער ריהרענדער נאאיוויטעט פון די פערליעבטע און דער דארפישער איינפאכקייט פון דער סביבה. די ליעבע פון שולמית מיידט אויס דעם געפילדער און טאראראם פונ'ם שטאדט־לעבען, דעם אויבענאויפיגען גלאנץ פון די הויפען; זי וועלט זיך אנ'ארט אין די ענטלעגענע „וויינגערטענער“ פון „עין־גדי“, זי רופט „אין פעלד, אין דארף“, אויף די בערגלעך, בעדעקטע מיט שמעקענדיגע בלומען. זי פערגייסטיגט די נאטור און ווערט אליין דורך איהר פערגייסטיגט. אין דער דאזיגער קליינער פאעמע, וואס איז דער איינציג פערבליבענער רעשט פון דער

רעכנונג. נאך די פארמאלע יסודות פון דער דאזיגער השערה (דאס, וואס דער מחבר פון „שיר השירים“ איז נוטה צו טאדלען דעם לוקסוס אין שלמה'ס הויף, וואס ער שטעלט אנטקעגען ירושלים די שטאדט תרצה, וואס איז געווען צייטווייליג די הויפט־שטאדט פון קעניגרייך ישראל אין ערשטען יאהרהונדערט פון זיין עקסיסטענץ, וכדומה) זענען צופיעל ניט גענוג, אז מען זאל קאנען פעסטשטעלען אזא אלטע צייט. שוין דער פאקט, וואס דער ספר „שיר השירים“ געהט אריין צווישען די כתובים, אינאיינעם מיט אנדערע שפעטערדיגע ווערק, וואס מען האלט זיי פאר שלמה המלכ'ס ווערק, בעווייזט, אז ער איז שפעטער פערפאסט געווארען.—וואס איז שייך צום ספר „קהלת“, איז די מיינונג פונ'ם גרעסטען רוב געלעהרטע, אז ער איז פערפאסט געווארען אין די ערשטע יאהרהונדערטען פון דער גריכישער אויבערהערשאפט, און בלויז עטליכע האלטען, אז ער איז פערפאסט געווארען נאך שפעטער.

אידישער עראָטישער ליריק, איז אויף אזויפיעל ענג צונויפגעבונדען די פּאָעזיע פון דער נאַטור מיט דער פּאָעזיע פון דער ליעבע, אַז די ליעבע גופא בעקומט עפּיס אַן ערהאַבענעם פאַנטאַסטישען כאַראַקטער און ווערט אַ געטליכע, אַ הייליגע. שולמית רופט זיך אַליין „די ליליע פון שרון" און „די רויז פון די טאָלען".

איהר געליעבטער זאָגט צו איהר:

שטעה אויף, מיין פריינדין, מיין שענע, און קום!
דער ווינטער איז פאַרביי, די רעגענס־צייט איז אַוועק,
בלומען האָבען זיך בעוויזען אויף דער ערד;
ס'איז אָנגעקומען די צייט פון דער נאַכטיגאַל,
און די שטים פון דער טורטעל־טויב הערט זיך אין אונזער לאַנד.
די פייגען זענען רייף געוואָרען, דער וויינשטאָק בליהט און שמעקט,
שטעה אויף, מיין פריינדין, מיין שענע, און קום!

. . . .

ביז ס'וועט בלאָזען דער מאָרגען־ווינטעל און ס'וועלען אַנטלויפען די שאָטענס,
וועל איך אַרויפגעהן אויפ'ן באַרג פון מור און אויפ'ן בערגיל פון ווייהראַך.

מיט מיר פון לבנון, כלה, מיט מיר פון לבנון וועסטו געהן,
וועסט קוקען פונ'ם שפּיץ פון אמנה, פונ'ם שפּיץ פון שניר און חרמון,
פון די הייהלען פון לייבען, פון בערג פון די לעמפּערטען

און שולמית ענטפערט:

קום, מיין פריינד, אין די פעלדער, צו נעכטיגען אין די דערפער.
לאָמיר זיך פעדערן אין די וויינגערטענער,
לאָמיר זעהן, צי האָט שוין דער וויינשטאָק אויפגעבליהט, צי האָבען די קנאָספּען זיך געעפענט,

און צי די מילגרוימען וואַקסען שוין.
דאָרט וועל איך דיר מיין ליעבע שענקען.

די שטימונג פון דער העלדין, וואָס איז אַ טאָכטער פון דער נאַטור, ווערט אָפט אַנטקעגענגעשטעלט קעגען דער שטימונג פון די „טעכטער פון ירושלים". איהר ליעבע איז אַ שעמעוודיגע, אַ צניעות'דיגע, און אפילו די אָפּענהאַרציגסטע ערקלערונגען פון די העלדען פון דער פּאָעמאַ צייכענען זיך אויס דורך זייער נאַאיווער גראַציע. צום סוף פּאָעמאַ ווערט געזאָגט: „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליעבע... איהרע פייערען זענען פייערדיגע, זיי זענען אַ פלאַם פון גאָט. פיעל וואַסערן קאָנען ניט פערלעשען די ליעבע און טייכען וועלען זי ניט פערפלייצען".

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט מען אין דער שפּעטערדיגער צייט אַריינגענומען „שיר־השירים" צווישען די כתבי־הקדש, און די אידען פלעגען עס

אויסטייטשען, ווי אַנאַלעגאַריע, וואו די אידישע נאַציע (שולמית) גיבט אויס איהר האַרץ פאַר׳ן רבונו של עולם. אויף אַזאַ אופן האָט זיך די דאָזיגע ווערק דערנעהנטערט צו דער רעליגיעזער ליריק, וואָס איז אַזוי אָריגינעל אויסגעדריקט אין ספר „תהלים“.

א דירעקטער היפוך צום „שיר השירים“ איז דער ספר „קהלת“, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפען פילאָזאָפישען סקעפטיציזם. נאָר צווישען די דאָזיגע ביידע ווערק איז פאַרהאַן אַ געוויסער פסיכאָלאָגישער צוזאַמענבונד. דאָס איז שוין בעמערקט געוואָרען אין אַ מאמר פון אגדתא (וועגען דער טראַדיציע, אַז שלמה המלך זאָל האָבען פערפאַסט ביידע ספרים): „אַז דער מענש איז יונג, זינגט ער לידער, און אַז ער ווערט אַלט, איז ער אַלצדינג מבטל“. אויב אין „שיר השירים“ הערשט די לעבענסלוסטיגע שטימונג פון דער יוגענדצייט, עס שיינט דער פריהלינג אין דער נאַטור, און אַ יונגעם לעבען טוט בליהען, — איז אָבער דערפאַר אין „קהלת“ אויסגעדריקט דער טיעפער יאוש פון דער עלטער, די טרויעריגע שטימונג פון אַ מענשען, וואָס איז איבערזעטיגט פיזיש און גייסטיג און וואָס האָט אין לעבען ניט געפונען ניט קיין מאַטעריעלען גליק, ניט קיין גייסטיגע בערוהיגונג. דאָס איז די פילאָזאָפיע פון סקעפטיציזם, וואָס איז געדרונגען פון איבערזעטיגונג מיט תענוגים, פונקט אַזוי ווי אין ספר „איוב“ איז אויסגעדריקט די פילאָזאָפיע פון פעסימיזם, וואָס איז געקומען פון שווערער נויט און צרות. דער סקעפטיציזם פון קהלת איז שייך דער עיקר צו אינטעלעקטועלע פּראָבלעמען, אויב׳ם פעסימיזם — צו עטישע פּראָבלעמען. דער ערשטער רעכענט זיך ניט מיט דער רעליגיע, מחמת זי איז אַ געפיהלס־זאַך, דער צווייטער אָנערקענט זי יאָ, נאָר ער מאַטערט זיך איבער די עטישע סתירות, וואָס געפינען זיך אין איהר. דאָ איז אַ פּראָטעסט פונ׳ם שכל און געזונדען מענשען־פערשטאַנד קעגען דער ניט־על־פי־שכלדיגער הנהגה פון דער וועלט; דאָרט — אַ געשריי פונ׳ם פערטומעלטען געוויסען פונ׳ם מאמין. אין קהלת איז כמעט דער רעליגיעזער מאָמענט פערשוואונדען. דאָ הויבט זיך אָן דאָס ערשטע מאָל די פערוועלטליכונג פונ׳ם אידישען געדאַנק. דער מחבר פונ׳ם ספר האָט אַלצדינג פערזוכט, אַלצדינג אויסגעפּרובט; ער האָט זיך שטענדיג געוואָרפען צווישען פיזישע און גייסטיגע תענוגים, האָט געלעבט אין לוקסוס, אַ סך געגעסען און געטרונקען און זיך אַמיזירט; דערנאָך האָט ער ליעב בעקומען „חכמה“, בערייכערט זיין שכל מיט קענטענישען — און סוף־כל־סוף איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלץ איז „הבל הבלים הכל הבל“. מען קאָן ניט וויסען, וואו איז דער אמת און וואו דער שקר, וואָס איז גוטס און וואָס איז שלעכטס, וואָרום זיי זענען אומעטום אויסגעמישט אינאיינעם, אומעטום זענען פאַרהאַן סתירות, קשיות, וואָס אויף זיי איז קיין תירוץ ניטאָ, — און סוף־כל־סוף קומט דער טויט, וואָס שוינט קיינעם ניט, וואָס גלייכט אויס דעם צדיק מיט׳ן רשע, דעם חכם און דעם נאַרען, דעם גליקליכען און דעם אונגליקליכען. דאָס לעבען

דאָס קען רעאַלען ווערט ניט, וואָרום דער מענש ווערט אַ שפּילצייג אין דער האַנד פון אַלע צופעליגקייטען און צולעצט פאַלט ער אַריין אין די הענד פון טויט. דער שכל איז געגעבען געוואָרען דעם מענשען נאָר בכדי איהם צו פערביטערן דאָס לעבען. די נאַטור איז בלינד און געפינט זיך אונטער דער ממשלה פון שטענדיגע געזעצען, וואָס דער ווילען פון מענשען קאָן בשום אופן זיי ניט ענדערן. טאָ צוליעב וואָס איז די גאַנצע מיה פון לעבען, אַלע זיינע שטורמען און שטרעבונגען? וואָס איז דער חילוק צווישען מענשען און בהמה? דער גורל פון די מענשען און דער גורל פון די בהמות איז דאָך „דער

איין און דער זעלביגער: וואָרום סיי די און סיי יענע שטאַרבען, און איין גייסט איז ביי אַלעמען, און דער מענש שטעהט ניט העכער פאַר דער בהמה, וואָרום אַלץ איז הבל. אַלצדינג געהט אין איין אָרט: אַלץ איז געוואָרען פון שטויב און אין שטויב וועט עס זיך אומקעהרען. ווער ווייס, צי דערהויבט זיך דער גייסט פון די מענשען נאָך אויבען און דער גייסט פון די בהמות, צי נידערט ער אַראָב נאָך אונטען, אין דער ערד"?

(קאַפּ. ג', 18—20).

מחמת דער דאָזיגער פערצווייפעלטער לאַגע קומט דער מחבר פון „קהלת" גאַנץ אָפט צוריק צום געדאַנק, אַז בעסער פון אַלץ איז גאָרניט טראַכטען וועגען די העכסטע פּראָבלעמען פון לעבען, נאָר געניסען פון לעבען, כל־זמן מען לעבט, זיך צופרידענשטעלען מיט די קורצע אויגענבליקען פון גליק, וואָס עס גיט און ניט פערגיפטען זיי מיט ספקות און „פערפלוכטע פראַגען". (קאַפּ. ב', 24, 11; ה', 17; ו', 9; ט', 7, 11; י"א, 9). פון סקעפּטיציזם געפינט דער מחבר אַ רעטונג אין עפּיקורעאיזם. נאָר אין דער צייט, וואָס דער גריכישער גרינדער פון דער דאָזיגער שטה, וואָס האָט געלעבט מסתמא אין איין צייט מיט איהם, (בערך אין III יאָהרהונדערט פאַר קריסט.), געפינט, אַז דאָס איז די ריכטיגע און נאָרמאַלע לעבענס־פילאָזאָפיע, — האַלט דער מחבר פון „קהלת", אַז די עפּיקורעאישע וועלט־אַנשויאונג איז מעהר ניט אַ לעצטער נויט־מיטעל, אַ שלאָפטרונק צו פערטויבען די קראַנקהאַפטיגע שטרעבונגען פונ'ם זוכענדען שכל. ער פעראורטיילט שאַרף די ביכער־וויסענשאַפט פון זיין צייט. „מעהר פון אַלץ, זאָגט ער, היט זיך, מיין זוהן, צו מאַכען אַ סך ספרים אָהן אַ סוף, וואָרום צו־פיעל קליגען זיך מאַכט מיעד דעם קערפּער" (קאַפּ. י"ב, 12). און אומעטום דריקט ער אויס זיין מסקנא, צו וועלכער ער קומט, מיט'ן מאמר המוסגר: „הבל הבלים הכל הבל".

א ספר מיט אַזאַ אינהאַלט וואָלט אייגענטליך ניט בעדאַרפט אַריינגענומען ווערען צווישען די כתבי־הקדש. נאָר מען האָט געהאַלטען, אַז דער ספר איז זעהר אַלט (אויפ'ן סמך פון אייניגע אויסדרוקען אין טעקסט האָט די אידישע טראַדיציע אָנגענומען, אַז שלמה המלך איז זיין מחבר), און חוץ דעם איז צום סוף פון ספר פאַראַן אַ פסוק אין אַ שטרענג רעליגיעזען גייסט: „דאָס לעצטע

ווארט איז: האב פארכט פאר גאט און היט אב זיינע געבאטען, ווארום דאס איז דער גאנצער מענש (דער גאנצער זין פון לעבען)". אין תלמוד און מדרש זענען פערבליבען בעמערקונגען, אז די געלעהרטע האבען ניט אהן ספקות און פקפוקים אריינגענומען דעם ספר „קהלת" צווישען די כתבי־הקדש, מחמת „אין אידם זענען פארהאן א סך סתירות", און אז אפילו שפעטער איז ער, לויט'ן געזעץ, געווען ווייניגער הייליג, ווי די איבעריגע ספרים פון תנ"ך[6].

משלי בן־סירא.

§ 34. בערך אין די יאהרען צווישען 190 און 170, באלד נאכדעם, ווי די סעלייקידען האבען פערביטען די תלמיים אין דער איבערהערשאפט איבער מלכות־יהודה, איז ערשינען א מערקווירדיגע ווערק, וואס איז ניט אריינגענומען געווארען אין תנ"ך און איז פערבליבען צווישען די „אפאקריפען" (בעהאלטענע ביכער, ספרים חצוניים), מסתמא דערפאר, ווייל דער מחבר האט ניט געפונען פאר נויטיג צו בעהאלטען זיין נאמען אונטער א פסעוודאנים פון א בערימטען חכם פון אלטערטום. דאס איז דער ספר „משלי" אדער „חכמת־יהושע בן־סירא", וואס האט געלעבט אין ירושלים אין דער צייט פון כהן־גדול שמעון II. דער מחבר פונ'ם ספר האט, אפנים, געהערט צום שטאנד פון די סופרים אדער געלעהרטע. נאר חוץ ספעציעלע רעליגיעזע קענטעניש, האט ער געהאט אויך א גרויסע וועלטליכע בילדונג און א רייכע לעבענס־געניטקייט. „ווער עס האט קיין ערפאהרונג ניט געהאט — זאגט ער — דער ווייס ווייניג; נאר ווער עס האט א סך געבלאנדזשעט, יענער קאן זיך אנאייגענען א סך חכמה. פיעלעס האב איך געזעהן, וואנדערנדיג פון איין ארט אויפ'ן אנדערן, און איך האב געוואוסט מעהר, איידער איך האב גערעדט. אפטמאל איז מיר געשטאנען דער טויט פאר די אויגען, נאר דאס (די געניטקייט) האט מיך געראטעוועט"[7].

די משלים פון יהושע בן־סירא דערמאנען, לויט זייער פארם, דעם ספר „משלי שלמה", און עס איז בעשיינפערליך, אז דער מחבר פונ'ם ערשטען האט נאכגעמאכט דעם לעצטען; נאר לויט דער פערשיידענארטיגקייט און רייכקייט פון זיין אינהאלט שטעהט ער נאך העכער פון זיין מוסטער. צווישען דער לעבענסלוסטיגער ראמאנטישער ליריק פון „שיר־השירים" און דעם סקעפטיציזם פון „קהלת" פערנעהמען די קלוגע משלים פון בן־סירא דעם מיטעלסטען ארט, פונקט אזוי ווי די „משלי־שלמה" שטעהען צווישען דער רעליגיעזער ליריק פונ'ם

---

6) שבת ל'; מגלה, ז'; משנה ידים, פ"ג, מ"ה; עדיות, ה' ג'.

7) משלי בן־סירא, ל"ד, 10—12 אדער ל"ו לויט דעם נייעם קריטיש־פערריכטען טעקסט (די ניי ענטדעקטע שטיקער פונ'ם העברעאישען אריגינאל פון „בן־סירא" זענען אבגעדרוקט אין „השלח", כרך ג' און ט' [1898, 1902]).

ספר „תהלים" און דעם פּעסימיזם פון ספר „איוב"[8]. בן-סירא—ניט ער ווערט נתפּעל פונים לעבען, ניט ער איז אויפגעבראַכט קעגען אידם: ער קוקט אויף איהם ניכטער און גיט עצות, ווי אזוי צו פערלעבען די טעג מיט'ן גרעסטען נוצען. ער איז אַ ניכטערער אוטיליטאַריסט, וואָס שטעלט דעם פּראַקטישען פערשטאַנד העכער פונים פילאָזאָפישען דענקען און פון דעם געפיהלס-לעבען. „חכמה" און „יראת שמים" געהען ביי איהם שטענדיג האַנד אין האַנד, פילאָזאָפיע און רעליגיע זענען איינס און דאָס זעלבע; ביידע שטעלען זיך אָב ביי אַ בעשטימטער גרעניץ, וואָס אַריבער איהר איז אוננוציג און ניט פערשטאַנדיג צו געהן:

„פרעג ניט דאָס, וואָס איז העכער פון דיין פערשטאַנד, און זיך ניט דאָס, וואָס איז פון דיר בעהאַלטען: טראַכט זיך אַריין נאָר דערין, וואָס דיר איז צוגענגליך. וואָס האָט מען פאַר אַ נוצען פונ'ם אַריינדרינגען אין די סודות פון דער בריאה?... כּיי ווי סיי זענען אַ סך זאַכען בעוויזען געוואָרען דעם מענשליכען שכל. דער כח-הדמיון האָט אַ סך מענשען אַראָבגעפיהרט פון וועג, און די שטאָלצקייט פונ'ם שכל האָט געבראַכט צום פאַלען" (קאַפּ. ג', 20 און ווייטער).

בן-סירא'ס מאָראַלישע און לעבענס-כללים זענען צוגעפּאַסט צו אַלע צופאַלען אין לעבען. אין זיין מאָראַל דערשען די יסודות פון חוב און איינגעהאַלטענקייט, ס'ווערט פעסטגעשטעלט דער פּרינציפּ פון פרייען ווילען, וואָס אָהן דעם איז ניט מעגליך קיין זיטליכע אחריות פונ'ם מענשען פאַר זיינע מעשים:

„זאָג ניט: איך האָב געזינדיגט, ווייל גאָט האָט געוואָלט... גאָט האָט לכתחלה בעשאַפען דעם מענשען, און דערנאָך האָט ער איהם געלאָזען געהן, וואוהין ער וויל. פאַר דיר איז פייער און וואַסער: קאָנסט אויסשטרעקען די האַנד, וואוהין דו ווילסט. פאַר'ן מענשען שטעהט לעבען און טויט, און וואָס איהם געפעלט, דאָס וועט איהם געגעבען ווערען" (קאַפּ. ט"ו, 11—17).

בן-סירא לערנט מעסיגקייט פונקט אזוי, ווי דער ספר „משלי שלמה", נאָר בן-סירא איז נאָך מוסיף איינציגע פּרטים, גענומען פון לעבען. געהמענדיג אין אַכט די פערשייטע מדות פון די גריכען, וואָס זענען אַריינגעדרונגען צום טייל אויך צווישען די העכערע קלאַסען פון די אידען, פאָדערט ער בעזונדערס שטרענגע צניעות אין געזעלשאַפטליכער הינזיכט. ער איז מתרה די מאַנסבילען, זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון לייכטזיניגע פרויען, בעזונדערס פון זינגערינס און טענצערינס, און גיט אַן עצה, מען זאָל שטרענג אַכטונג געבען אויף די מיידלעך.

[8] אויבען §§ 22—24.

אין דער קינדער־ערציהונג שטעהט ער פֿאַר אַ שטרענגער דיסציפּלין: די קינדער מוזען אונבעדינגט פֿאָלגען עלטערע מענשען און מוזען בעשטראָפֿט ווערען פֿאַר׳ן ניט פֿאָלגען (קאַפּ. ז׳, ט׳ און אַנדערע). דאָס לעבען איז ניט קיין שפּיעלכעל, נאָר אַ שווערע און פֿערפּלאָנטערטע אויפֿגאַבע, און צו איהר לעזונג מוז מען דעם מענשען צוגרייטען.

נאָר הגם בן־סירא פֿעראורטיילט ליכטזיניגקייט און אַלערהאַנד איבער־פֿליסיגקייטען, פֿונדעסטוועגען איז ער גאַנץ ווייט פֿון אָבזאָגען זיך, ווי אַ נזיר, פֿון אַלע תענוגים פֿון דער וועלט; אדרבה, ער גיט אַנ׳עצה אויסצונוצען זיי מיט׳ן גרעסטען נוצען פֿאַר זיך; מעסיג זיין אין די תענוגים — הייסט פֿערשטעהן ארויסצוציהען פֿון זיי נאָר די גוטע זייט, אָהן זייערע שלעכטע רעזולטאַטען. „די בעסטע רייכקייט איז די געזונדהייט פֿון קערפּער; די בעסטע פֿרייד — אַ גוטער צושטאַנד פֿון געמיט" (קאַפּ. ל׳, 16). ער טאַדעלט גלייך סיי קאַרגקייט, סיי פֿערשווענדעריי. ער פּרעדיגט ענוות, נאָר אין דער זעלביגער צייט פֿאָדערט ער פֿון דער פּערזענליכקייט אויך זעלבסטאַכטונג. „מיין זוהן, אויך אין ענוות זאָלסטו זיך אַכטען, וויפֿיעל דו פֿערדיענסט... וואָרום ווער וועט עס אַכטען יענעם, וואָס אַכט זיך אַליין ניט?" (קאַפּ. י׳, 33—34). אין די לעבענס־פֿראַגען פּרעדיגט בן־סירא פֿאָרזיכטיגקייט און מעסיגונג און זעהר אָפֿט — יענעם „גאָלדענעם מיטען", וואָס איז דער הויפּט־פּרינציפּ פֿאַר פּראַקטישע מענשען, וואָס פֿערנעהמען זיך ניט דערמיט, וואָס עס דאַרף זיין, נאָר דערמיט, וואָס עס איז.

בן־סירא׳ס ספֿר פֿערנעהמט זיך דער עיקר מיט׳ן יחיד און אַלע צושטאַנדען פֿון זיין לעבען. דער נאַציאָנאַלער עלעמענט פֿערנעהמט דאָרט בלויז דעם צווייטען אָרט. אין טעקסט פֿון בוך ווערט אגב־אורחא דערמאָנט וועגען דעם, אַז ישראל איז אַנ׳אויסדערוועהלט פֿאָלק (למשל: „איבער אַלע פֿעלקער האָט גאָט געשטעלט הערשער, ישראל אָבער איז די נחלה פֿון גאָט אַליין", קאַפּ. י״ז, 14); ס׳איז אויך פֿאַרהאַן אַ תפֿלה וועגען דעם, אַז דאָס אידישע פֿאָלק זאָל אויסגעלייזט ווערען פֿון זיינע אונטערדריקער, די היידען, אַז די הייליגע שטאָדט ירושלים זאָל אין גיכען פֿייערן אַ נצחון און אַז עס זאָלען מקוים ווערען די אַלטע נבואות (קאַפּ. ל״ו).

אינגאַנצען אָבגעגעבען דעם נאַציאָנאַלען עפּאָס זענען די לעצטע זעקס קאַפּיטלען פֿון בן־סירא׳ס ספֿר. דאָ „לויבט דער מחבר די מעשים פֿון די נביאים" און וואַרפֿט אַ קורצען איבערבליק אויף דער געשיכטע פֿון אידישען פֿאָלק, פֿון נח׳ן ביז דער צייט פֿון כהן־גדול שמעון II. ער בעלייכט די היסטאָרישע געשעהענישען אינ׳ם גייסט פֿון דער טעאָקראַטיע פֿון זיין צייט. ער לויבט שמואל הנביא, נאָר ער דערמאָנט ניט וועגען ערשטען קעניג שאול, וואָס איז אַרויס־געשטופּט געוואָרען דורך דוד׳ס דינאַסטיע. אין דער לעצטער געפֿינט ער נאָר דריי גערעכטע מלכים: דוד, חזקיהו און יאשיהו. נאָך זרבבל, ישוע און נחמיה (וועגען עזרא׳ן ווערט ניט דערמאָנט) געהט דער מחבר גלייך אַריבער צו שמעון

כהן-גדול, וואָס האָט געלעבט אין זײַן צײַט, און גיט די גלענצענדע כאַראַקטעריסטיק פֿון זײַן פּערזענלעכקײַט און פֿון דער עבֿודה אין בית-המקדש, וואָס איז איבערגעבראַכט געוואָרן (§ 32).

דער ספֿר פֿון יהושע בן-סירא איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף העברעיִש אינעם סטיל פֿון דעם ספֿר „משלי“, און אין אַ האַלב יאָרהונדערט אַרום איז ער געוואָרן איבערגעזעצט אויף גריכיש. איבערגעזעצט האָט אים דעם מחבר'ס אייניקל, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן קײַן עגיפּטן בערך אין יאָר 132 (פֿאַר דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג). אין דער הקדמה איז דער איבערזעצער אַלײן מודה, אַז אין דער איבערזעצונג זענען פֿאַראַן אַ סך חסרונות און אונגענויִקײַטן.

שפּעטער-צו איז דער העברעיִשער טעקסט פֿאַרלאָרן געגאַנגען. גאַנץ געבליבן זענען נאָר די דערמאָנטע גריכישע איבערזעצונג און נאָך אַן איבערזעצונג אויף אַרמיִש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אָדער פֿונעם העברעיִשן אָריגינאַל אָדער פֿון דער גריכישער איבערזעצונג. פֿאַר דער ערשטער השערה באַווײַזט דאָס, וואָס די אַרמיִשע איבערזעצונג אונטערשיידט זיך אין אַ סך ערטער פֿון דער גריכישער און איז, ווי עס ווײַזט אויס, נעהנטער צום אָריגינאַל. מיטגעווירקט דערצו, אַז דער העברעיִשער אָריגינאַל-טעקסט זאָל פֿאַרלאָרן גיין, האָט דאָס, וואָס דער ספֿר „בן-סירא“ איז ניט אַרײַנגענומען געוואָרן אין תנ"ך, וואָס דער לעצטער טייל פֿון אים (כתובֿים) איז נאָך דעמאָלט ניט געשלאָסן געוואָרן. היות, ווי דער מחבר האָט זײַן נאָמען ניט פֿאַרהוילן, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס איז אַ נײַער ספֿר, און דערפֿאַר האָט מען אים ניט אַרײַנגענומען צווישן די כתבֿי-הקודש, וואו עס זענען אַרײַן נאָר די ספֿרים, וואָס זענען באמת געווען אַלט אָדער מען האָט זיי גערעכנט פֿאַר אַלטע. אַזוי איז דער ספֿר „משלי בן-סירא“ פֿאַרבליבן צווישן די „ספֿרים חיצוניים“.

גאָר אין דער לעצטער צײַט (זינט דעם יאָר 1896) האָבן די געלערנטע געפֿונען כתבֿ-ידן, וואָס ענטהאַלטן אַ סך שטיקער פֿון ספֿר „בן-סירא“ אין העברעיִש. דעם גרעסטן טייל פֿון די דאָזיקע פֿאַראײַנצלטע כתבֿ-ידן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין XI—XII יאָרהונדערט פֿון דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג, האָט מען געפֿונען אין אַ „גניזה“, דאָס הייסט, אַ סקלאַד פֿון אַלט-געוואָרענע און אָבגעניצעוועטע כתבֿ-ידן בײַ אַ שול אין קאַהירע. ביז אַהער האָט זיך די געלערנטע אײַנגעגעבן אויפֿצוזוכן און ווידער אויפֿצושטעלן דעם העברעיִשן טעקסט כמעט פֿון אַ העלפֿט פֿון גאַנצן ספֿר „בן-סירא“: אויסדריקן אָדער ווערטער, וואָס פֿעלן, ווערן ערגענצט לויט דער גריכישער אָדער אַרמיִשער איבערזעצונג. ס'איז פֿאַראַן אַ סמך אָנצונעמען, אַז די געפֿונענע פֿראַגמענטן זענען אַ טייל פֿונעם העברעיִשן אָריגינאַל-טעקסט, וואָס מען האָט גערעכנט פֿאַר פֿאַרלאָרן. איבעריגנס, איז דער דאָזיקער טעקסט, וואָס מען האַלט אים פֿאַרן אָריגינאַל, ערטערווײַז פֿאַרדאָרבן דורך די גרײַזן

און הוספות מצד די איבערשרייבער, און די פראגע, פון וואנען ער האט זיך גענומען, איז נאך דערווייל אנאפענע.

די גריכישע איבערזעצונג פון תנ״ך.

§ 35. אין דער צייט, ווען אין מלכות־יהודה זענען, אונטער דער אונ־דירעקטער ווירקונג פונ׳ם העלעניזם, פערברייטערט געווארען די ראמען פון גייסטיגען שאפען, און דער וועלטליכער עלעמענט אין דער ליטעראטור שטעלט זיך אוועק אין איין רייה מיט׳ן רעליגיעזען, — איז פארגעקומען אינ׳ם צענטער פונ׳ם העלעניזם, אין דער „וועלט־הויפטשטאדט“ אלכסנדריא א פראצעס פון דירעקט איבערנעהמען די גריכישע קולטור מצד די אידען און די אידישע קולטור מצד די גריכען. בשעת די דאזיגע צוויי קולטור־נאציעס, וואס זענען יאהרהונדערטען לאנג געווען אבגעשיידט אין פרעמד איינע פון דער אנדערער, האבען זיך בעגעגענט, האבען זיי געמוזט אנהויבען צו פיהלען א פערלאנג זיך נעהנטער צו בעקאנען מיט אנאנד. פונקט אזוי ווי פאר׳ן אידען איז אלץ געווען פרעמד אין גריכישען לעבען און וועלט־אנשויאונג, אזוי האט זיך אויך דעם גריכען אויסגעדאכט אלץ ניי און ניט־געוועהנליך אין דער אידישער לעבענס־ארדנונג, אין דער אידישער רעליגיע און עטיק.

די אידען, וואס האבען געוואוינט אין עגיפטען, האבען בעוויזען שוין אויף אוויפיעל זיך אנצואייגענען די שפראך פון דער הערשענדער נאציע, אז די געבילדעטע צווישען זיי האבען פערשטאנען די ווערק פון דער גריכישער ליטעראטור. די גריכען אבער האבען ניט געקאנט די העברעאישע שפראך, ווארום אפילו אין פאלעסטינע איז זי ארויסגעשטופט געווארען אין געברויך דורכ׳ן ארמישען דיאלעקט, — און דעריבער האבען זיי ניט געקאנט בעקאנט ווערען מיט דער אידישער ליטעראטור. די געבילדעטע אידען פון אלכסנדריא האבען, פון זייער צד, שטארק חשק געהאט צו בעווייזען זייערע העלענישע שכנים, וואס האבען שטאלצירט אזוי מיט זייער קולטור, די גרויסקייט פון דער יהדות און די רייכקייט פון דער אידישער ליטעראטור און האבען געהאפט אויף אזא אופן איינצופליסען צו זיך אכטונג און אפשר אויך ווירקען אויף דער וועלט־אנשויאונג פון די געבילדעטע היידען.

דערצו איז נאך צוגעקומען א פראקטישע נויטווענדיגקייט. וואס מעהר אין עגיפטען האט זיך פערבּרייטערט די גריכישע שפראך, אלס געברויכס־ און ליטעראטור־שפראך, אלץ ווייניגער האבען די אידען גופא געקענט העברעאיש. פערשטעהן די תורה אין אריגינאל האבען געקאנט נאר די געלעהרטע, און פאר׳ן פאלק האט מען געמוזט ערקלערען זי אויף גריכיש. דערפאר האט מען מורא געהאט, אז די פאלקס־מאסע וועט לחלוטין פערגעסען לייענען די הייליגע ביכער, אויב זיי וועלען ניט איבערזעצט ווערען אויף דער געברויכס־שפראך.

דער פּועל־יוצא פֿון אָט אָ די אַלע סבֿרות איז געווען די איבערזעצונג פֿון תּנ״ך אויף גריכיש.

קודם־כּל האָט מען איבערזעצט אויף גריכיש די תּורה אָדער חומש, אַלס דעם יסוד פֿון תּנ״ך. אין „בריעף פֿון אַריסטעאַס“, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַלכּסנדריאַ אין II יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס, געפֿינט זיך אַ פֿאַנטאַסטישע ערצעהלונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געמאַכט געוואָרן די דאָזיגע איבערזעצונג. דער עצם אינהאַלט פֿון דער דאָזיגער ערצעהלונג איז פֿאָלגענדער.

דער קעניג תּלמי II פֿילאַדעלפֿוס האָט זיך דערוואוסט פֿון זיין ביבליאָטעקאַר, דימעטריוס פֿאַלעריוס, וועגען די גרויסע מעלות פֿון די אידישע כּתבֿי־הקודש און האָט געוואָלט בעקומען אַ פּינקטליכע גריכישע איבערזעצונג פֿאַר זיין רייכער ביבליאָטעק, וואו עס זענען געווען צונויפֿגעקליבען די ליטעראַטור־ווערק פֿון אַלע פֿעלקער. ער האָט געשיקט שלוחים קיין ירושלים צום כּהן־גדול אלעזר בעטען ער זאָל שיקען קיין אַלכּסנדריאַ געבילדעטע סופֿרים, וואָס זענען פֿעהיג צו איבערזעצען די תּורה אויף גריכיש. דער כּהן־גדול האָט ערפֿילט דעם קעניגס פֿערלאַנג און האָט געשיקט צו איהם 72 געלעהרטע, וואָס האָבען געוואוסט סיי אידיש סיי גריכיש און האָבען געבראַכט מיט זיך דעם טעקסט פֿון חומש. ביים הויף פֿון קעניג תּלמי האָט מען די געלעהרטע זעהר גוט אויפֿגענומען. דער קעניג האָט מיט זיי אַ סך געשמועסט וועגען פֿראַגען פֿון פֿילאָזאָפֿיע, עטיק און פּאָליטיק, און האָט זיך געוואונדערט איבער זייער קלוגשאַפֿט. דערנאָך האָט מען די איבערזעצער אָבגעגעבען אַ בעזונדער הויז אויפֿ׳ן אינזעל פֿאַראָס נעבען אַלכּסנדריאַ, און דאָרט, ביחידות, האָבען זיי געאַרבייט פֿלייסיג אויף דער איבערזעצונג פֿון חומש. איטליכער פֿון זיי האָט איבערזעצט דעם אידישען טעקסט בעזונדער: נאָר די קאַפּיטלען, וואָס איטליכער האָט איבערזעצט פֿאַר אַ טאָג צייט, פֿלעגען דערנאָך אַלע אינאיינעם איבערקוקען, און דערנאָך ערשט פֿלעגט ווערען פֿעסטגעשטעלט די גענויע פֿאָרם פֿון דער איבערזעצונג. (אַנאַנדער לעגענדע איז מוסיף, אַז על־פּי־נס האָבען זיך אַלע איבערזעצונגען אַרויסגעוויזען גלייך). די אַרבייט איז געוואָרען פֿערענדיגט אין 72 טעג. אַז מען האָט דערנאָך פֿאָרגעלייענט די איבערזעצונג אין אַ פֿערזאַמלונג פֿון פֿאָרשטעהער פֿון דער אַלכּסנדריער אידישער קהלה, האָבען אַלע אין איין קול געלויבט די פּינקטליכקייט און דעם שענעם סטיל פֿון דער איבערזעצונג. דערנאָך האָט מען דעם נייעם גריכישען חומש בעוויזען דעם קעניג, וואָס האָט זיך געוואונדערט איבער דער טיעפֿקייט פֿון משה׳ס געזעצגעבונג און האָט געהייסען אַוועקלעגען די דאָזיגע ביכער אין דער קעניגליכער ביבליאָטעק. דערנאָך האָט מען די איבערזעצער געגעבען רייכע מתּנות און אָבגעלאָזט זיי קיין מלכות־יהודה.

די היסטאָרישע פֿאָרשונגען, נאָכדעם, ווי זיי האָבען אָבגעוואָרפֿען פֿון דער דאָזיגער ערצעהלונג איהר לעגענדאַרישע שאָלעכץ, האָבען בעשטעטיגט, אַז די

גריכישע איבערזעצונג פון חומש איז טאקע ערשיינען אין אלכסנדריא אין III יאהרהונדערט פאר קריסטוס (צווישען 250—200). אין II יאהרהונדערט זענען איבערזעצט געווארען די נביאים און א טייל פון די עלטסטע כתובים.

די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה איז געווען א גרויסע געשעהעניש סיי אין דער אידישער געשיכטע, סיי אין דער געשיכטע פון דער גריכיש-רוימישער ציוויליזאציע. די אידען פון אלכסנדריא האבען איינגעזעהן דערין דעם אנהויב פונ'ם נצחון פון יהדות. נאך א לאנגע צייט דערנאך פלעגען זיי אלע יאהר מאכען א יום-טוב איפ'ן אינזעל פאראס אין יענעם טאג, ווען עס איז, לויט דער טראדיציע, פערענדיגט געווארען די איבערזעצונג פון דער תורה. די פאלעסטינישע אידען אבער, לכל הפחות, אין דער שפעטערדיגער צייט, האבען געקוקט שלעכט אויף דער איבערזעצונג און האבען זי בעטראכט כמעט ווי א חלול-הקדש. אין תלמוד ווערט געזאגט, אז יענער טאג, ווען די „פינף זקנים" האבען איבערזעצט פאר תלמי המלך די תורה אויף גריכיש, איז געווען פונקט אזוי שווער פאר אידען, ווי דער טאג, ווען עס איז געמאכט געווארען דער גאלדענער קאלב (קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל). אין אן אנדער גירסא ווערט געזאגט, אז דעמאלט איז געווען דריי טעג פינסטערניש אויף דער וועלט. דער טעם איז געווען, מחמת די תורה קאן מען ניט גענוי איבערגעבען אויף גריכיש (אין התורה יכולה להתרגם כל צרכה). די געשיכטע בעווייזט אבער, אז די גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך, ביי אלע אירע חסרונות, האט א סך מיטגעווירקט, אז דער תנ"ך זאל זיך פערשפרייטען צווישען די אידען אין די גלות-לענדער, און אויך אז די אידישע אידעען זאלען אריינדרינגען צווישען די געבילדעטע הייד ען. די דאזיגע איבערזעצונג, וואס האט בעקומען, לויט דער דערמאנטער טראדיציע, דעם נאמען „די איבערזעצונג פון די שבעים זקנים" (תרגום השבעים, סעפטואגינטא), האט געשפיעלט א בעדייטענדע ראל שפעטער צו, אין יענעם מאמענט, ווען די גריכיש-רוימישע וועלט איז איבערגעגאנגען צום קריסטענטום.

דער גריכישער סטיל פון דעם תרגום השבעים בעווייזט אונשטרייטיג, אז די איבערזעצונג האבען געמאכט אידען. אין דער שפראך זענען פאראן א סך העברעאישע אויסדרוקס-פארמען, כאילו א מין צונויפמישונג פון די צוויי דיאלעקטען — דעם מזרחדיגען און מערבדיגען. בכלל איז דער העברעאישער אריגינאל-טעקסט איבערגעגעבען געווארען ווארט אין ווארט, אזוי אז ערטערווייז איז די איבערזעצונג מסתמא געווען שווער צו לייענען פאר מענשען, וואס ווייסען ניט די בעזונדערהייטען פונ'ם העברעאישען סטיל. בלויז אין עטליכע ערטער זענען די איבערזעצער אבגעטראטען פונ'ם העברעאישען אריגינאל, בכדי אויסצומיידען אזעלכע צווידייטיגע אויסדרוקען, וואס מען קאן זיי פאלש אויסטייטשען. אזוי, למשל, זענען איבערגעגעבען געווארען אין א מעהר אבסטראקטער פארם די אויסדרוקען, וואס גאט ווערט פערגליכען צו א מענשען (אנטראפאמארפיזמען),

אין עפּיס אומגעענדערט זענען די ערטער, וואָס וואָלטען געווען אינפּערשטענדליך פאַר געבילדעטע מענשען. צווישען אַנדערע, איז אין ספר „ויקרא" אין דעם רייסטער פון די טרפ'ע בדמות פערביטען געוואָרען דער נאָמען „לאַגאָס" (האָז, — אַרנבת), וואָס איז געווען דער צונאָמען פון דעם ערשטען תלמי, דורך דעם נאָמען „דאַזיפּאַס" (האָרפּוסיג).

צווייטער קאַפּיטעל.

די גריכיש־סירישע איבערהערשאַפט איבער מלכות־יהודה (198—168).

אנטיוכוס III און סעלייקוס IV. — די העלעניסטען און די חסידים. — יאזאָן און דער נצחון פון די העלעניסטען. — מענעלויס און דער בירגערקריג. — רעליגיעזע רדיפות; טעראָר. — די ליטעראַטור אין דער צייט פון די רדיפות.

אנטיוכוס III און סעלייקוס IV.

§ 36. נאָכדעם, ווי מלכות־יהודה איז איבערגעגאַנגען צו דער ממשלה פון די סעלייקידען, איז דאָס אידישע פאָלק אַרײַנגעריסען געוואָרען אין סאַמע מיטען שטורים פון דער העלענישער ציוויליזאַציע. די גריכיש־סירישע אימפּעריע פון די סעלייקידען, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסען טייל פון פאָדער־אַזיען, האָט אין אַ געוויסער מאָס פערווירקליכט אלכסנדר מוקדונ'ס חלום וועגען אַן אַלוועלטליכער גריכישער מאָנאַרכיע. סיריען איז געווען די מוטער־לאַנד פון מזרח־דיגען העלענעטום, אין דער צייט, ווען עגיפּטען איז נאָר געווען זײַן קאָלאָניע. לויט זײַן געאָגראַפישער לאַגע, איז דאָס לאַנד יהודה געווען ענגער פערבונדען מיט סיריען, איידער מיט עגיפּטען. און טאַקע דערפאַר האָט מלכות־יהודה אונטער דער ממשלה פון די תלמיים געשפּיעלט בלויז אַ פּאַסיווע ראָל אין די פּאָליטישע באַוועגונגען אין אָריענט, אונטער די סעלייקידען אָבער איז זי אַרײַנגעצויגען געוואָרען אין סאַמע צענטער פון די דאָזיגע באַוועגונגען — און איז באַלד גענייטיגט געווען איבערצוגעהן צו אַן אַקטיווער פּאָליטיק.

אַז די ירושלמים האָבען באַגריסט דעם קעניג אנטיוכוס III דעם גרויסען, בשעת ער איז אַרײַנגעטראָטען אין דער הייליגער שטאָדט (§ 31), האָבען זיי נאָך ניט געקאָנט וויסען, וואָס פאַר אַ מזל עס וועט האָבען זייער לאַנד אונטער דער איבערהערשאַפט פון די סעלייקידען. אנטיוכוס האָט געלאָזען די אידען

פֿולע פֿרײַהײט פֿון זעלבסטפֿערוואַלטונג, פּונקט אַזוי ווי זײ האָבן געהאַט אין די צײַטן פֿון די תּלמײם, און האָט נאָך פֿאַרברײטערט זײער פֿרײַהײט דורך נײַע הנחות און פּריוויליעגיעס. מען האָט געקאָנט זיך רעכטן, אַז אונטער'ן שוץ פֿון דער שטאַרקער אימפּעריע פֿון די סעלײקידען, וועט דאָס פֿאָלק אויך ווײַטער גענעסן אויטאָנאָמיע און רו. נאָר די דאָזיגע האָפֿענונג איז ניט מקוים געוואָרן. שוין אין עטליכע יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי די סירישע מאָנאַרכיע האָט אַרײַנגענומען מלכות-יהודה, האָט זי בעקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ, וואָס האָט אײַנגעבראָכן איהר מאַכט.

אַנטיאָכוס III האָט זיך דערוועגט צו קעמפֿן קעגן דער זיגרײַכער רוימישער רעפּובליק, וואָס האָט דעמאָלט ענטוויקעלט איהר מיליטערישע מאַכט אין די בערימטע פּונישע קריג און האָט געשטרעבט אַרײַנצוכאַפּן די גריכישע גלילות, וואָס זענען פֿונאַנדערגעוואָרפֿן געווען אַרום דעם מיטעללענדישן ים. אין דער שלאַכט בײַ מאַגנעזיאַ (190) האָט אַנטיאָכוס בעקומען אַ שרעקליכע מפּלה. ער האָט געמוזט אָבטרעטן די רוימער קלײן-אַזיען ביז די טאַורישע בערג, אַרויסגעבן זײ זײַן פֿלאָט און אויסצאָהלען זײ אַ גרויסע קריגס-קאָנטריבוציע. אַלס אַ משכּון פֿאַר דער דאָזיגער קאָנטריבוציע האָט ער געמוזט שיקן קײן רוים, צווישן אַנדערע יונגע אַדעל-לײַט, אויך זײַנעם אַ זוהן, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ שרעקליכע ראָל אין דער אידישער געשיכטע אונטער'ן נאָמען אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס. זוכענדיג מיטלען אויף צו בעצאָהלען רוים די שווערע קאָנטריבוציע, האָט אַנטיאָכוס אײן מאָל געפּרובט אָבצונעהמען די רײַכטימער פֿון אַ הײדנישן טעמפּעל אין עלי-מאַאיס, וואָס ליגט אין מזרח-מעסאָפּאָטאַמיען. נאָר די אָרטיגע אײַנוואוינער זענען געוואָרן אויפֿגעבראַכט איבער אַזאַ חלול-הקדש און האָבן דערהרג'עט דעם קעניג אין זײַן סוויטע (187). אַנשטאָט איהם איז געוואָרן קעניג אין סיריען זײַן זוהן, סעלײקוס IV (175—187).

סעלײקוס IV האָט געמוזט טראָגן אויף זיך אַלע שווערע רעזולטאַטן פֿון זײַן פֿאָטערס באַנקראָט. היות, ווי ער האָט געמוזט צאָהלען די קריגס-קאָנטריבוציע אַן רוים, איז ער פּאַקטיש געווען איהר אונטערטעניג. דערפֿון האָבן געליטן אַלע פֿעלקער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער סירישער ממשלה; מען האָט אויף זײ אַרויפֿגעלעגט שטענדיגע און אויסעראָרדענטליכע שטײַערן, וואָס די קעניגליכע בעאַמטע אָדער הוכּרים פֿלעגן זײ אײַנמאָנען אויפֿ'ן שטרענגסטן אופֿן. אָפֿטמאָלס פֿלעגן די בעאַמטע, מיט'ן הסכּם פֿון דער העכערער רעגירונג, אָנווענדן אָפֿן געוואַלד איבער די פֿרידליכע בירגער, בכדי צו בעקומען געלד. אַזאַ צופֿאַל האָט אויך געטראָפֿן אין ירושלים.

אין יענער צײַט איז געווען כּהן-גדול אין ירושלים חוניו III, שמעון II-ענס יורש. אונטער איהם האָט געדינט אַ געוויסער שמעון, פֿון שבט בנימין, וואָס האָט פֿאַרנומען די שטעל פֿון אַ פֿערוואַלטער אָדער אויפֿזעהער

אין בית-המקדש. איבער עפּיס אַ מעשה איז אויסגעבראָכען אַ שטרייט צווישען שמעונען און דעם כהן-גדול, און מחמת דעם האָט מען דעם ערשטען, ווי עס ווייזט אויס, אָבגעזאָגט פון זיין שטעל, אַלס אויפזעער אין בית-המקדש. היות ווי שמעון האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין דעם כהן-גדול, איז ער אַוועק צום פערוואַלטער איבער קעלעסיריען, טראַזיוּאַס, און האָט איהם געמסר'ט, אַז אין בית-המקדש געפינען זיך גרויסע רייכטימער, וואָס וואָלטען גוט צו-נוץ געקומען פאַר דער קעניגליכער קאַסע. דער פערוואַלטער האָט געגעבען צו וויסען דעם סעלייקוס IV, און דער קעניג, וואָס האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד, האָט געשיקט קיין ירושלים זיין מלוכה-קאַסיר העליאָדאָרוס מיט אַ בעפעהל צוצונעהמען די אוצרות פון בית-המקדש. דער כהן-גדול האָט געבעטען ביי העליאָדאָרוס'ן, ער זאָל ניט אָנריהרען די קאַסע פון בית-המקדש, וואָס עס האָט זיך געפונען דאָרט געלד, וואָס פריוואַטע פערזאָנען, בעזונדערס אלמנות און יתומים, האָבען אָבגעלעגט; נאָר דער קעניגליכער שליח האָט זיך ניט געלאָזט איינבעטען. העליאָדאָרוס איז אַריינגעדרונגען אין היילינטום, בכדי אויסצופיהרען זיין פּלאַן, נאָר דאָ האָט איהם עפּיס וואָס אונגעריכטערהייד אָבגעשטעלט. צווישען פאָלק, וואָס איז נוטה צו פאַנטאַסטישע בילדער, האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ווי נאָר העליאָדאָרוס איז אַריבער דעם שוועל פון היילינטום, זענען אַרויס אַנטקעגען איהם אַ מעכטיגער רייטער אויף אַ פערד און צוויי יונגע לייט, וואָס האָבען אומגעוואָרפען דעם עזות'דיגען מחלל הקדש אויף דער ערד און געשמיסען איהם אָהן רחמנות. העליאָדאָרוס'ן, אַ שיער ניט געשטאָרבענעם פון שרעק, האָט מען אויף אַ טראָגבעט אַוועקגעטראָגען פון בית-המקדש, און ער האָט געמוזט אַוועקפאָהרען פון ירושלים מיט גאָרניט.

נאָר דער בוגד שמעון איז ניט אָבגעשראָקען געוואָרען דורך דעם, וואָס זיין פּלאַן האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, און האָט ניט אויפגעהערט צו פיהרען זיינע אינטריגעס קעגען חוניו. ער האָט געמסר'ט דעם קעניג, אַז דער כהן-גדול איז שולדיג דערין, וואָס העליאָדאָרוס'ן האָט זיך זיין שליחות ניט איינגעגעבען, און האָט בכלל אַרויסגעשטעלט חוניו, אַלס אַ פיינד פון דער סירישער רעגירונג. דעמאָלט איז חוניו אַליין אַוועק צום קעניג, בכדי צו ערקלערען איהם דעם אמת'ן מצב און צוריק אויפצושטעלען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואָס איז געשטערט געוואָרען.

נאָר באַלד איז די לאַגע אין מלכות-יהודה נאָך ערגער געוואָרען. סעלייקוס IV איז געשטאָרבען, און קעניג פון סיריען איז געוואָרען זיין ברודער אנטיוכוס IV, וואָס האָט זיך אין יענער צייט אומגעקעהרט פון רוים (164—175). דער דאָזיגער בייט פון די מלכים האָט קיין גוטס ניט געבראַכט די אידען.

אנטיוכוס איז געווען לייכטזיניג, ווי אַ גריך, און דעספּאָטיש, ווי אַ רוימער. אין דער געשיכטע האָט ער בעקומען צוויי צונעמען: עפּיפאַנעס (דער גלענצענדער) און עפּימאַנעס (דער ווילדער, משוגע'נער) — און דערמיט איז אָנ-

געווען אויף זיין צווייאיגען כאראקטער: דעם חשק צו אויסווייניגסטען גלאנץ און די משוגעת׳ן פון א טיראן. אנטיוכוס האט געשטרעבט ארויפצוציהען אויף אלע נאציעס, וואס האבען זיך געפינען אונטער זיין ממשלה, דעם אויסווייניגסטען גלאנץ פון דער גריכישער קולטור. און אין דער דאזיגער שטרעבונג, וואס פלעגט אפט ביי איהם אויסקומען ווי א ווילדער קאפריז, האט ער זיך ניט אבגעשטעלט פאר קיין שום מיטלען. פון דער אנדער זייט, האט דער קולטור-קאמפף, וואס איז דעמאלט אויסגעבראכען צווישען די אידען גופא, געגעבען דעם סירישען מושל די געלעגענהייט זיך אריינצומישען אין זייערע אינעווייניגסטע ענינים. און אויף אזא אופן איז פארגעקומען יענע שרעקליכע צוזאמענשטויסונג, וואס האט געבראכט צו איינעם פון די גרעסטע קריזיסען אין דער אידישער געשיכטע.

די העלעניסטען און די חסידים.

§ 37. אין דער צייט, וואס די תלמידים האבען געהערשט, איז דער פראצעס פון העלעניזירונג אדער פערשפרייטונג פון דער גריכישער קולטור, געווען נאך שוואך אין מלכות-יהודה, וואס איז געווען פערבונדען מיט עגיפטען נאר פאליטיש, בלויז פון אויסווייניג. א סך א וויכטיגערע בעדייטונג האט בעקומען דער דאזיגער פראצעס אין אידישען לעבען, נאכדעם ווי מלכות-יהודה איז אריבער אונטער דער ממשלה פון סיריען, און דאס לאנד איז געקומען אין דירעקטער פערבינדונג מיט די מזרחדיגע צענטרען פונ׳ם העלעניזום.

א סך תנאים אין בירגערליכען און עקאנאמישען לעבען האבען מיטגעהאלפען, אז די גריכישע קולטור זאל זיך גיך פערשפרייטען. די ים-שטעדט פון פאלעסטינע (עזה, יפו, אשקלון, עכו אדער פטאלאמאאידע) זענען געווען בעוואוינט דער עיקר פון גריכען. גריכיש איז געווארען די אינטערנאציאנאלע שפראך אין פאדער-אזיען און האט ארויסגעשטופט די פריהערדיגע ארמישע שפראך. גריכיש איז געווען די שפראך פון דער האנדעלס-וועלט און פון די אפיציעלע כפערען, און מחמת דעם האט זי געמוזט זיך פערשפרייטען אויך צווישען אידען, לכל-הפחות, צווישען די העכערע און מיטעלע קלאסען פון פאלק. און די אלגעמיינע געברויכס-שפראך האט שוין בעשאפען א באדען פאר דער דערנעהנטערונג פון פערשיידענע נאציעס און פאר׳ן איינפיהרען די גריכישע קולטור אין געוויסע קרייזען פון דער אידישער געזעלשאפט.

די ערשטע צייט איז צו בעמערקען אין די העכערע שיכטען פון דער אידישער געזעלשאפט א שטרעבונג איבערצונעהמען יענע אויסווייניגסטע זייטען פון דער גריכישער קולטור, וואס האבען בעדארפט אויסזעהן בעזונדערס אנציהענד פאר מענשען, וועמען עס איז שווער געווען אריבערצוטראגען דעם שטרענגען זיטליכען רעזשים פון דער יהדות אדער די סך אויסווייניגסטע רעליגיעזע צערעמאניעס. א געוויסען טייל פון דער אידישער יוגענד האט געמוזט

געפֿעלען וועלען דאָס אָפֿענע און פֿריילעכע לעבען פֿון די גריכען, זייערע עפֿענטליכע שפּיעלען, טעאַטערן און שוישפּיעלען, די פֿיזישע איבונגען אין ראַנגלערייען פֿון די יונגע לייט אין די „גימנאַזיעס" אָדער אַרומגעצאַמטע פּלעצער, דער יאָגען זיך אויף פֿערד. אַ סך אידען האָבען געוואָלט, אַז די גאַסען פֿון דער הייליגער שטאָדט ירושלים זאָלען זיין גלייך צו די גאַסען פֿון אלכסנדריא אָדער אנטיוכיא; אַז דעם אָרט פֿון געשלאָסענעם פֿאַמיליען-לעבען זאָל פֿאַרנעהמען אַ פֿרייעס און אָפֿענעס לעבען; אַז אין די עפֿענטליכע פּלעצער זאָלען די וועלטליכע פֿערגעניגענס זיך רעכענען פּונקט אַזוי געזעצליך, ווי די רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אין פֿלוג האָט געקאָנט אויסזעהען, אַז אַזאַ שטרעבונג אַריינצופֿיהרען נייע פֿאָרמען אין אידישען לעבען קאָן ברענגען אַ געוויסען נוצען, יעדענפֿאַלס קאָן זי ניט שאַדען. דער העלענישער קולט פֿון שענקייט און תענוגים וואָלט געקאָנט אַ ביסעל ווייכער מאַכען די שטרענגקייט פֿון די אידישע מדות און מאַכען שענער זייער איינפֿאַרביגעס, איינגעשלאָסענעם לעבען. נאָר אין דער אמת'ען איז עס אַנדערש אַרויסגעקומען. די ה ע ל ע נ י ס ט ע ן — אַזוי האָבען זיך אָנגערופֿען די אָנהענגער פֿון דער גריכישער קולטור אין מלכות-יהודה — האָבען אָנגעהויבען דערפֿון, וואָס זיי האָבען איבערגענומען אינשולדיגע גריכישע שפּיעלען און פֿערגעניגענס, און געענדיגט האָבען זיי דערמיט, וואָס זיי האָבען אָנגעוואָרען אַ בעדייטענדען טייל פֿון זייערע גוטע מדות און פֿון זייערע רעליגיעזע טראַדיציעס. אויף די עפֿענטליכע שפּיעלען, למשל, פֿלעגען די אידישע יונגע לייט, לויט'ן גריכישען מנהג, אַרויסטרעטען נאַקעטערהייד און האָבען אינגאַנצען דערשטיקט ביי זיך דעם געפֿיהל פֿון שעמעוודיגקייט און צניעות. בכדי די גריכען זאָלען איבער זיי ניט שפּאָטען, פֿלעגען זיי דורך פֿערשיידענע אָפּעראַציעס זוכען צו מאַכען, אַז מען זאָל ניט דערקענען, אַז זיי זענען געמל'ט. נאָכמאַכענדיג בלינדערהייד די פֿרעמדע, זענען די העלעניסטען אויך אין אַנדערע לעבענס-ספֿערען דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו שעמען פֿאַר אַלצדינג, וואָס שיידט זיי אָב אַלס אידען, האָבען אָנגעוואָרען זייער נאַציאָנאַלע פּערזענליכקייט און זענען דעמאָראַליזירט געוואָרען. זיי האָבען אָנגעהויבען פֿון אַן איבענאויפֿיגער אויסווייניגסטער אַסימילאַציע, און געענדיגט האָבען זיי מיט אַ טיעפֿער אינעווייניגסטער אַסימילאַציע, וואָס האָט געבראַכט זיי שפּעטער אַפֿילו דערצו, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פֿון די העכסטע אינטערעסען פֿון זייער נאַציע.

קעגען דער דאָזיגער סכנה זענען אַרויסגעטראָטען די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿט. עס האָט זיך בעוויזען אַ פּאַרטיי פֿון קנאים פֿאַר'ן גלויבען, וואָס האָבען געהייסען חסידים אָדער „פֿרומע", וואָס האָבען געמיהט זיך, דורך אַ שטרענגער רעליגיעזער דיסציפּלין, אָבצוהאַלטען די געזעלשאַפֿט פֿון איבערצוגעבען זיך דער פֿרעמדער קולטור. די חסידים האָבען ווייטער געפֿיהרט די פּאָליטיק פֿון עזרא און די סופֿרים, און מיט אַלע זייערע קרעפֿטען זענען זיי געווען קעגען דעם, אַז עס זאָלען אַריינדרינגען די פֿרעמדע

מנהגים צווישען די אידען; קעגען דער עקסטרעמער אסימילאציע האבען זיי ארויסגעשטעלט אן עקסטרעמע נאציאנאלע אבזונדערונג. ס'איז פערבאטען געווארען צו דערנעהנטערן זיך צו די גריכען, עסען זייער שפייז, אנטיילנעהמען אין זייערע פערזאמלונגען, בפרט אבער — אין די עפענטליכע שפילען. שטרענג זענען אבגעהיט געווארען די פיעל געזעצען וועגען שבת און ימים־טובים, די אלע קליינע צערעמאניעס און מנהגים, וואס האבען רעגולירט אלע זייטען פון פערזענליכען, פאמיליען־ און געזעלשאפטליכען לעבען. איטליכען, וואס האט נאר עובר געווען אויף די דאזיגע געזעצען און מנהגים, פלעגט מען בעטראכטען, ווי א בוגד, ווי איינעם, וואס איז גרייט אריבערצולויפען אין א פרעמדען לאגער.

ביי א נארמאלען צושטאנד וואלט דער קאמפף פון די ביידע עקסטרעמע פארטייען — די העלעניסטען און חסידים — ניט ארומגענומען די ברייטע שיכטען פון דער געזעלשאפט, וואלט ניט געקאנט אויפרודערן דאס גאנצע פאלקס־לעבען, פון אויבען ביז אונטען, אין בכל אופן, וואלט עס געבליבען אן אינער־ווייניגסטער ענין פון אידישען פאלק און וואלט זיך אויסגעלאזען אזוי, ווי עס האבען זיך אויסגעלאזען א סך אנדערע קולטור־קריזיסען אין דער אידישער געשיכטע. נאר דא האבען זיך אריינגעמישט אויסווייניגסטע פאליטישע געשעהענישען, וואס האבען פערפלאנטערט דעם קולטור־קאמפף און פערוואנדעלט איהם אין א בירגער־קריג. איינע פון די שטרייטענדע פארטייען, די העלעניסטישע, האט ניט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון צו זוכען אונטערשטיצונג ביי דער סירישער רעגירונג, וואס איז דעמאלט בעזונדערס שטארק געווען פערנומען מיט'ן געדאנק צו העלעניזירען די אידען. די דאזיגע אונזיניגע און ניט־עהרליכע טאט פון די אסימילאטארען האט געבראכט צו די טרויעריגסטע רעזולטאטען.

יאזאן און דער נצחון פון די העלעניסטען.

§ 38. די שפאלטונג, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורכ'ן קולטור־קאמפף, האט זיך ארויסגעוויזען אויך אין דער משפחה פונ'ם כהן־גדול, וואס איז געשטאנען בראש פונ'ם אידישען פאלק. א ברודער פונ'ם כהן־גדול חוניו III, ישוע, האט געהערט צו דער פארטיי העלעניסטען, און איז אפשר געווען איינער פון איהרע פיהרער. ער האט אומגעביטען זיין אידישען נאמען אויף א גריכישען — יאסאן אדער יאזאן. יאזאן האט, ווי עס ווייזט אויס, לכתחלה ניט געוואלט איבערגעוואלד העלעניזירען די אידען, נאר ער האט געהאפט מדרגות'וויז איינפלאנצען ביי זיי א חשק איבערצונעהמען פערשיידענע גריכישע מנהגים, לעבענס־געוועהנהייטען און בעקוועמליכקייטען; נאר שפעטער־צו איז ער אוועק צו ווייט אין דער דאזיגער ריכטונג. הוות, ווי ער האט בעגעגענט א ווידערשטאנד צו זיינע שטרעבונגען מצד דער קאנסערוואטיווער פארטיי, דעריבער האט ער בעשלאסען צו בעזייטיגען זיין ברודער פון דער ממשלה, כדי צו פערנעהמען זיין ארט און איינציפיהרען זיינע קולטורעלע רעפארמעס אפיציעל,

מיט דער הילף פֿון דער סירישער רעגירונג. חוץ פּאַרטײ־אינטערעסען, האָט יאַזאָן, אַפּנים, געהאַט הערבײַ אין זינען אויך בעפֿרידיגען זײַן אײגענעם שטרעבען צו כּבֿוד. סײַ דאָס, סײַ יענס, האָט איהם בעוואויגען צו ווערען אַ בוגד קעגען זײַן נאַציע.

יאַזאָן האָט פֿאָרגעלעגט דעם קעניג אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס אַ גרויסע סומע געלד — צי דאָס איז געווען אַן אײַנמאָליגער צינז אָדער מען האָט בעדאַרפֿט פֿערגרעסערן די יערליכע אָבצאָהלונגען, וואָס מלכות־יהודה האָט געצאָהלט — בכדי דער קעניג זאָל איהם בעשטעטיגען אַלס כהן־גדול אַנשטאָט חוניון. צו גלײַכער צײַט האָט ער פֿאָרגעלעגט אַנטיוכוס'ן אויסצובויען אין ירושלים אַ בנין פֿאַר גימנאַסטישע שפּיעלען און איבונגען און מאַכען אַ פּלאַץ פֿאַר די עפֿענטליכע ראַנגלערײַען פֿון יונגע לײַט. יענע אײַנוואוינער פֿון ירושלים, וואָס וועלען נעהמען אַנ'אָנטהײל אין די דאָזיגע שפּיעלען, האָט יאַזאָן געבעטען, אַז דער קעניג זאָל זײ שענקען די רעכט פֿון „אַנטיוכישע בירגער", דאָס הייסט, די אײגענע רעכט, וואָס די גריכען. היות, ווי די דאָזיגע פֿאָרשלאָגען האָבען פֿולקום אײַנגעשטימט מיט די אינטערעסען און פֿערלאַנגען פֿון אַנטיוכוס'ן גופֿא, דעריבער האָט ער קײַן שהיות ניט געמאַכט און האָט ערפֿילט יאַזאָנ'ס בקשה. חוניון'ן האָט מען אַראָבגעזעצט פֿון זײַן אָרט, און פֿאַר אַ כהן־גדול איז בעשטימט געוואָרען זײַן ברודער — דער העלעניסט (174).

נאָכדעם, ווי יאַזאָן האָט בעקומען די ממשלה, האָט ער אײַנגעפֿיהרט אין ירושלים נײַע פּאָראָנדיקעס, אין'ם גײַסט פֿון דער העלעניסטישער פּאַרטײ. דער רעליגיעזער קולט אין בית־המקדש איז ניט אומגעביטען געוואָרען, נאָר ניט ווײַט פֿון'ם אידישען הײליגטום איז אויסגעבויט געוואָרען אַ נײַער טעמפּעל — אַ „גימנאַזיע", וואו עס האָט געהערשט דער גריכישער קולט פֿון שפּיעלען און פֿערגעניגענס. אידישע יונגע לײַט פֿלעגען מאַסענווײַז צונויפֿקלײַבען זיך אויפֿ'ן פּלאַץ, לערנען זיך פֿעכטען און וואַרפֿען דיסקען (קײַלעכדיגע שטיקער מעטאַל) און אָנטײלנעהמען אין פֿערשײדענע גימנאַסטישע שפּיעלען און האָבען אַפילו ניט געשעמט זיך אַרויסצוטרעטען נאַקעטערהײד פֿאַר'ן גאַנצען עולם מענשען. אַפילו יונגע כהנים פֿלעגען אָפטמאָלס פֿערלאָזען די עבודה בײַם מזבח און אַוועקגעהן אויפֿ'ן שכונות'דיגען פּלאַץ, בכדי צו נעהמען אַנ'אָנטהײל אין די פֿרעהליכע גריכישע שפּיעלען. דאָס אַלץ האָט טיעף בעלײדיגט סײַ דעם רעליגיעזען, סײַ דעם זיטליכען געפֿיהל פֿון די פֿרומע אידען.

נאָר יאַזאָנ'ען האָבען ניט געאַרט די פּראָטעסטען פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטײ, און ער האָט אַלץ ווײַטער געפֿיהרט זײַן פּאָליטיק פֿון העלעניזירען דאָס פֿאָלק. אײן מאָל ווען אין צור פֿאָרגעקומען די יום־טובֿ'דיגע אָלימפּישע שפּיעלען פֿון די גריכען. אַנטיוכוס איז געווען דערבײַ. אַהין האָט יאַזאָן געשיקט עטליכע אידישע יונגע לײַט מיט אַ בעדײַטענדער סומע געלד אויף צו קויפֿען מתנות לכּבֿוד דעם פֿעניצישען אָבגאָט הערקולעס. נאָר די שלוחים האָבען

ניט געוואגט צו ערפילען דעם דאזיגען בעפעהל, מחמת דאס וואלט געוועזן גלייך ווי די וואלטען גענומען אנ'אנטייל אין געצענדיענסט, און האבען אבגעגעבען די געלד אין דער קעניגליכער קאסע אויף בויען דערפאר קריגס-שיפען.

די כראניקען דערצעהלען, אז, בשעת אנטיוכוס איז געוועזן אין פעניציען, איז ער אריינגעפאהרען אין דער האפענשטאדט יפו און האט בעזוכט ירושלים. יאזאן האט איהם אויפגענומען מיט גרויס פאראד. אנטיוכוס איז אריינגעטראטען אין ירושלים מיט א פאקעל-צוג, און די שטאדט-איינוואוינער האבען איהם בעגריסט. יאזאן האט אלצדינג געטאן, בכדי צו געווינען פאר זיך דעם קעניג, וואס האט איהם געגעבען די ממשלה כנגד דער קאנסטיטוציע פון מלכות-יהודה. נאר יאזאן האט באלד דערשמעקט, ווי ווייט ניט זיכער עס איז די מאכט, וואס איז געוועזן געגרינדעט אויף אנטיוכוס'עס קאפריז און וואס ער האט בעקומען קעגען דעם געזעצליכען ווילען פון פאלק.

מענעלוים און דער בירגער-קריג.

§ 29. דריי יאהר איז יאזאן געוועזן כהן-גדול, הייות, ווי די סירישע ממשלה האט זיך אריינגעמישט, ווען איהר האט זיך געוואלט, אין די ענינים פון דער אידישער זעלבסטפערוואלטונג, דעריבער איז דער געפיהל פון געזעצליכקייט אזוי אבגעשוואכט געווען אין די העכערע שיכטען פון פאלק, אז אויף דער כהונה-גדולה האט געהאט די העזה צו פרעטענדירען אזא מענש, וואס איז גאר אפילו קיין כהן ניט געווען. איינער א געוויסער מענעלוים, וואס האט אבגעשטאמט פון שבט בנימין, האט בעשלאסען אבצונעהמען די כהונה-גדולה ביי יאזאנען[1]. דער נייער פרעטענדענט האט געהערט צו דער פארטיי פון די עקסטרעמע העלעניסטען, וואס בראש פון זיי איז געשטאנען די משפחה פון די בני-טוביה, דאס הייסט די אייניקלעך פון די עלטסטע זיהן פון געוועזענעם חוכר יוסף בן-טוביה. נאר איהם האבען, אפנים, געטריבען ניט אזוי די אינטערעסען פון זיין פארטיי, ווי די אייגענע תשוקה צו כבוד.

ער האט דערגרייכט זיין צוועק דורך א צוויי-איגער בגידה: א פערזענליכער און נאציאנאלער. די כראניק דערצעהלט, אז יאזאן, וואס האט קיין שום חשד ניט געהאט קעגען מענעלוים'ן, האט איין מאל געשיקט דורך איהם קיין אנטיוכיא די צינז, וואס ער פלעגט אלע יאהר דארפען צאהלען. דער פאלשער

---

1) לויט ווי עס ווערט דערצעהלט אינ'ם ספר חשמונאים ב' (קאפ. ד', 23), איז מענעלוים געווען א ברודער פונ'ם אויפזעהער אין בית-המקדש, שמעון, וואס איז געוועזן שולדיג דערין, וואס דער בית-המקדש איז צעראבירט געווארען אין דער צייט פון סעלייקוס IV (אויבען § 36). די ידיעה פון יוסף פלאוויוס (קדמוניות, קאפ. י"ב, 5), אז מענעלוים איז געווען יאזאנ'ס א יונגערער ברודער און האט פריהער געהייסען הוניו, איז, אפנים, גענומען, פון זעהר אנ'אונזיכערען מקור.

שליח האָט געפֿונען חן אין אנטיוכוס'עס אויגען, און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז יענער איז אַן אוהב־כסף, האָט ער איהם פֿאָרגעלעגט פֿאַר דער כהונה־גדולה מיט 300 טאַלענטען זילבער מעהר, ווי יאַזאָן. ס'קאָן זיין, אַז מענעלויס האָט נאָך צוגעזאָגט אנטיוכוס'ן, אַז בנוגע צו דער העלעניזירונג פֿון די אידען, וועט ער אַרבייטען נאָך ענערגישער, איידער יאַזאָן. דער קעניג האָט דערויף מסכים געווען. יאַזאָן איז געוואָרען אַראָבגעזעצט פֿון זיין שטעל און האָט געמוזט אַנטלויפֿען אין לאַנד פֿון די עמונים (171), און כהן־גדול איז געוואָרען אַזאַ מענש, וואָס, לויט דער מיינונג פֿונ'ם כראָניקען־שרייבער, האָט ער ניט געהאַט קיין איינע פֿון די מעלות, וואָס אַן'אמת'ער כהן־גדול דאַרף האָבען, נאָר בלויז „די אכזריות פֿון אַ טיראַן און די ווילדקייט פֿון אַ חיה־רעה". די אַסימילאַציע, וואָס יאַזאָנ'ס פּאַרטיי איז פֿאַר איהר געשטאַנען, האָט געמאַכט נאָך ווייטערדיגע שריט און איז איבערגעגאַנגען אין אַן'אָפֿענער נאַציאָנאַלער בגידה.

אַזוי ווי דער נייער כהן־גדול האָט אָהן איפֿהער געשטרעבט צו אַלץ אַ גרעסערער מאַכט, האָט ער צוגעזאָגט אנטיוכוס'ן אַזעלכע זאַכען, וואָס ער האָט דערנאָך ניט געקאָנט אויספֿיהרען. איין מאָל האָט דער קעניג געפֿאָדערט דורך זאָסטראַטעס'ן, דעם קאָמענדאַנט פֿון דער ירושלמ'ער פֿעסטונג, דעם צינז, וואָס מענעלויס האָט צוגעזאָגט. נאָר דער לעצטער האָט ניט געהאַט וואָס צו צאָהלען. יעמאָלט האָט מען איהם אַרויסגערופֿען קיין אנטיוכיא, ער זאָל געבען אַן'ערקלערונג דעריבער. פֿאַר זיין פֿערטרעטער אין ירושלים האָט ער געלאָזען זיין ברודער ליזימאַכוס'ן און איז אַוועקגעפֿאָהרען, און האָט גענומען מיט זיך אַ סך טייערע כלים פֿון בית־המקדש. אַז מענעלויס איז אָנגעקומען קיין אנטיוכיא, האָט ער דאָרט ניט געטראָפֿען דעם קעניג, וואָס איז אַוועק אין קריג קעגען די קיליקיער, וואָס האָבען קעגען איהם מורד געווען. מענעלויס האָט געמוזט אָנקומען צום קעניגליכען פֿערוואַלטער אַנדראָניקוס'ן. איהם האָט זיך איינגעגעבען אונטערצוקויפֿען דעם פֿערוואַלטער מיט רייכע מתנות פֿון די אוצרות פֿון בית־המקדש, וואָס ער האָט געבראַכט.

וועגען די דאָזיגע מעשים מענעלויס'ס האָט זיך דערוואוסט דער געוועזענער כהן־גדול חוניו III, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין דאַפֿנאַ, אַ פֿאָרשטאָדט פֿון אַנטיוכיא. דער זקן איז געוואָרען אויפֿגעבראַכט קעגען מענעלויס'ן און האָט איהם בעשולדיגט דערין, וואָס ער האָט בערויבט דעם היילגטום פֿון ירושלים און האָט אונטערגעקויפֿט אַנדראָניקוס'ן. הוות, ווי חוניו האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלען די, וועמען ער בעשולדיגט, נעהמען נקמה פֿון איהם, דעריבער איז ער ניט אַרויסגעפֿאָהרען פֿון דאַפֿנע, וואָס איז געווען אַן'עיר־מקלט, מחמת דאָרט האָט זיך געפֿונען אַ בערימטער טעמפעל פֿון די גריכישע געטער אַפּאָלאָ און אַרטעמיס. נאָר אַנדראָניקוס'ן, מענעלויס'ס חבר צו זיינע פֿאַלשקייטען, האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצונאַרען חוניו'ן פֿון זיין בעהעלטעניש און איהם צו טויטען. דער כראָניקען־שרייבער איז מוסיף, אַז ניט בלויז די אידען, וואָס האָבען גע־

וואוינט אין אנטיוכיא, נאָר אַפילו די גריכען זענען געווען אויפגעבראַכט איבער דעם דאָזיגען מאָרד. אַז דער קעניג אנטיוכוס האָט זיך אומגעקעהרט פון קיליקיען, האָט מען גע׳מסר׳ט פאַר איהם אויף אנדראָניקוס׳ן, און דער קעניג האָט געהייסען איהם טויטען אויפ׳ן זעלבען אָרט, וואו ס׳איז דערהרג׳עט געוואָרען דער אַלטער חוניו. נאָר דער הויפּט־אויפטוער פון דעם פּערברעכען, מענעלויס, האָט קיין שטראָף ניט בעקומען און איז אפילו געבליבען כהן־גדול. איהם האָט זיך, אַפנים, איינגעגעבען איבערצובעטען אנטיוכוס׳ן מיט טייערע מתנות און חניפה־רייד.

דערווייל האָבען זיך אָנגעהויבען אין ירושלים אונאָרדנונגען צווישען פאָלק. מענעלויס׳ס ברודער און שטעלפערטרעטער, ליזימאַכוס, האָט ניט אויפגעהערט צו ראַבעווען די אוצרות פון בית־המקדש, בכדי עס אָבצושיקען אַלס צינז קיין אנטיוכיא. ס׳איז זעהר מעגליך, אַז ליזימאַכוס האָט זיך ניט אָבגעהאַלטען פון צו נעהמען אויך די געלד, וואָס פּריוואַט־פּערזאָנען האָבען איינגעלעגט אין בית־המקדש. אַט די אַלע גזלות און חלול־הקדש, וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען, האָבען צולעצט אַרויסגעבראַכט דאָס פאָלק פון געדולד. דער דערצאָרנטער המון האָט זיך געלאָזט געהן צום בית־המקדש, קעגען ליזימאַכוס׳ן, מיט פלעקער און מיט שטיינער. האָט ער פונאַנדערגעטריבען די מיליטערישע אָבטיילונג, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען קעגען איהם, און ליזימאַכוס׳ן גופא דערהרג׳עט.

נאָך דער מעשה זענען דריי פאָרשטעהער פונ׳ם ירושלמ׳ער ראַט פון די זקנים („גערוזיא“) אַוועק קיין צור, וואו אנטיוכוס האָט זיך דעמאָלט געפינען, בכדי איהם צו דערקלערען די סבות, פאַרוואָס דאָס פאָלק האָט מורד געווען, און אַרויסצושטעלען מענעלויס׳ן, אַלס דעם אמת׳ן שולדיגען פון אַלע צרות. אנטיוכוס איז אָבער שוין געווען איינגענומען קעגען די ירושלמים, און לא די וואָס ער האָט פריינגעשפּראָכען מענעלויס׳ן, נאָר ער האָט נאָך געהייסען טויטען די דריי פאָרשטעהער פון דער גערוזיא, אַלס פאָרשטעהער פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די דאָזיגע אָפענע אונגערעכטיגקייט האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די אידען און האָט זיי ענדגילטיג איבערצייגט, אַז דער סירישער קעניג איז דער הויפּט־פיינד פונ׳ם אידישען פאָלק.

פון צור איז אנטיוכוס אַוועק האַלטען מלחמה מיט עגיפּטען, סיריענ׳ס אַלטען שונא (170). פּלוצלינג האָט זיך אין מלכות־יהודה פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער סירישער קעניג איז כלומר׳שט אומגעקומען אין דער דאָזיגער מלחמה. דאָס פאָלק איז געוואָרען מלא שמחה. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מענעלויס׳ס טיראַניע האָט שוין מעהר ניט אויף וואָס זיך צו האַלטען, און עס קומט שוין צו איהר אַ סוף. דער פערטריבענער יאַזאָן איז געוואָרען ערמוטיגט דורך די דאָזיגע קלאַנגען, איז גיך אַוועק קיין ירושלים און בראש פון אַן אָבטיילונג פון טויזענד מאַן איז ער אַריינגעדרונגען אין שטאָדט. מענעלויס האָט זיך דערשראָקען און האָט זיך איינגעשלאָסען אין ירושלמ׳ער פעסטונג, אונטער׳ן שוץ פון סירישען גאַרניזאָן. יאַזאָן האָט, ווי עס ווייזט אויס, בעקומען שטיצע מצד

אַ געוויסען טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג, וואָס האָט געוואָלט האָבען פאַר אַ כהן-גדול בעסער איהם, וואָס איז געוועזן אַ מעסיגער העלעניסט, איידער דעם שווינדלער און פערדעטער מענעלויס'ן.

נאָר ניט לאַנג האָט יאַזאָן געוועלטיגט אין ירושלים. ס'האָט זיך אַרויס-געוויזען פאַר פאַלש דער קלאַנג, אַז אנטיוכוס איז אומגעקומען. דער סירישער קעניג האָט זיך דערהאַלטען וועגען די אונרוהען אין ירושלים און האָט גיך געלאָזט זיך געהן אַהין. יאַזאָן איז אַנטלאָפען געוואָרען פון דער הויפט-שטאָדט אין לאַנד פון די עמונים. נאָר אַזוי ווי אויך דאָרט האָט ער קיין מקום-מנוחה ניט געפונען, האָט ער גענומען וואָגלען פון לאַנד צו לאַנד, ביז וואַנען ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין לאַקעדעמאָן, וואו ער איז געשטאָרבען.

דערווייל איז אנטיוכוס מיט זיין חיל אַריינגעדרונגען אין ירושלים און האָט מיט אכזריות נקמה גענומען פון די איינוואוינער פאַר דער מרידה. טויזענדער אידען זענען דער'הרג'עט געוואָרען מיט דער הילף פון מענעלויס'ן. צווישען אַנ-דערע זאַכען זענען אַוועקגעגז'לט געוואָרען די דריי הויפט-צירונגען פון די אינעווייניגסטע חדרים פון היילינטום: דער מזבח-הקטרת, דער שלחן פאַר'ן „לחם הפנים" און די מנורה — אַלע די דאָזיגע זאַכען זענען געוועזן פון ריינעם גאָלד. נאָך דער דאָזיגער מעשה איז אנטיוכוס אַוועק צוריק קיין אנטיוכיא, איבערלאָזענדיג אין די הערצער פון די אידען אַ פייערדיגע שנאה צו דער סירישער טיראַניע. מענעלויס איז געבליבען בראש פון דער נאַציע, וואָס האָט איהם פיינט געהאַט; נאָר דערפאַר האָט איהם געשיצט די געוועהר פונ'ם סירישען גאַרניזאָן אין ירושלים, וואָס איז נאָך מעהר פערשטאַרקט געוואָרען.

רעליגיעזע רדיפות; טעראָר

§ 40. די סירישע ממשלה איז פאַר'ן פאָלק געוואָרען אַלץ שווערער אויבערצוטראָגען, און אַ סך אידען האָבען איצט מיט האַרצקלעמעניש דערמאָנט זיך וועגען יענער פרייהייט, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט, בשעת די תלמיים האָבען געהערשט. ס'איז מעגליך, אַז אין דער צייט, וואָס די פּאַרטיי העלעניסטען האָט זיך געשטיצט אויף דער סירישער ממשלה, וואָס איז געוועזן פיינדליך געזאָנען צו דער יהדות, האָט די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי גע'חלומ'ט וועגען אַראָב-וואַרפען די סירישע ממשלה מיט דער הילף פון עגיפטען. אין ירושלים האָט מען מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעקוקט צום קריג, וואָס איז דעמאָלט פאָרגע-קומען צווישען סיריען און עגיפטען, און מען פלעגט בעגעגענען מיט פרייד איטליכע מפלה פון אנטיוכוס'ן. אויב אין יאָהר 170 האָט די פרייד, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך פאַלשע קלאַנגען, אַרויסגעוויזען זיך פאַר פריהצייטיג, איז דערפאַר אָבער אין צוויי יאָהר אַרום, אַז דער קריג האָט זיך ווידער אָנגעהויבען, האָבען די אידען טאַקע דערוואַרט זיך די מפלה פון זייער טיראַן. אין יאָהר 168 האָט אנטיוכוס עפיפאַנעס אונטערנומען אַ צווייטען קריג קעגען עגיפטען;

נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף דער אונבעזיגליכער קראַפֿט פֿון רוים. אַזוי ווי די רוימישע רעגירונג האָט געמיהט זיך אונטערצוהאַלטען דעם פּאָליטישען גלייכגעוויכט אין מזרח, דעריבער האָט זי זיך איינגעשטעלט פֿאַר עגיפּטען, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז די סירישע מאָנאַרכיע זאָל ווערען צו שטאַרק.

אַז דער סירישער קעניג איז געשטאַנען שוין פֿאַר די טויערן פֿון אַלכּסנדריא, זענען פּלוצלינג געקומען אין זיין לאַגער רוימישע שלוחים, בראש מיט דעם הויפּט־מאַן פּאָפּיליוס לענאַ. פּאָפּיליוס לענאַ האָט איהם איבערגעגעבען אַ דעקרעט פֿון רוימישען סענאַט, וואָס האָט געפֿאָדערט, אַז אנטיוכוס זאָל אומגעזאַמט אויפֿהערען צו פֿיהרען קריג מיט עגיפּטען, אויב ער וויל נאָר ניט אָנערקענט ווערען פֿאַר אַ פֿיינד פֿון רוימישען פֿאָלק. דער איבערגעשראָקענער אנטיוכוס האָט געבעטען, אַז מען זאָל איהם ערלויבען צו בעקלערען די זאַך. נאָר דער שטאָלצער רוימער האָט איהם געענטפֿערט מיט אַ קורצען אולטימאַטום: מיט זיין שטעקען האָט ער געמאַכט אַנ'עיגול אין זאַמד אַרום אנטיוכוס'ן און האָט געזאָגט: דאָ זאָלסטו זיך בעקלערען (דאָס הייסט, ניט אַרויסגעהענדיג פֿונ'ם עיגול)! אנטיוכוס, וואָס איז אַנימעלט געוועזען אין רוים און וואָס האָט דעריבער געוואוסט אויס ערפֿאַהרונג, וואָס דאָס בעטייט אַזוינס אַ סטראַשונעק מצד די רוימער, האָט געמוזט אָבטרעטען. ער איז געוועזען אַפּילו צערייצט, נאָר ער האָט פֿערלאָזען עגיפּטען און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק אין זיין לאַנד.

צי האָט זיך דער קעניג דערוואוסט וועגען דער שמחה פֿון די ירושלמ'ער איינוואוינער איבער דער מפּלה, וואָס ער האָט געהאַט, און וועגען דעם, אַז אַ געוויסער טייל פֿון פֿאָלק איז נוטה אויפֿ'ן צד פֿון די עגיפּטער, אָדער מעגלויים האָט איהם געמסר'ט, אַז אין דער אידישער הויפּט־שטאָדט וויל מען קענען איהם מורד זיין? יעדענפֿאַלס האָט ער געוואָלט, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פֿון דעם אומגליקליכען קריג, אויסלאָזען זיין כּעס צו די אידען. ער האָט בעשלאָסען ענדגילטיג איינצושטילען די דאָזיגע פּראָווינץ, מבטל זיין אין איהר די זעלבסטפֿערוואַלטונג און איינפֿיהרען דאָרט העלעניסטישע פּאַראַנדקעס, ווי אין אַלע איבעריגע געגענדען פֿון זיין מלוכה.

מיט אַזאַ בעפֿעהל איז געשיקט געוואָרען קיין ירושלים דער אויבערשטער שטייערקלייבער אַ פּ אָ ל אָ נ י ו ס, אין דער בעגלייטונג פֿון אַ גרויסער מיליטערישער אָבטיילונג. איידער עס איז איינגעשטעלט געוואָרען די נייע אָרדנונג, האָבען די סירער געמאַכט אַ בלוטיגען אָנפֿאַל אויף די אידען. איין מאָל, אום שבת, זענען די סאָלדאַטען פֿון אַפּאָלאָניוס אָנגעפֿאַלען אויף דער פֿרידליכער בעפֿעלקערונג פֿון דער הויפּט־שטאָדט, האָבען אויסגעהרג'עט די מאַנסלייט, וואָס זיי האָבען בעגעגענט אויפֿ'ן גאַס, גענומען געפֿאַנגען פֿרויען און קינדער, גערויבט האָב־און־גוטס, צעשטערט הייזער. די איבערגעשראָקענע איינוואוינער האָבען מאַסענווייז פֿערלאָזען די שטאָדט, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען אויף צעראַ־

בירונג. אַנשטאַט זיי האָבען זיך דאָרט בעזעצט סירער און גריכען. דער שטאָדט-קוואַרטאַל, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „עיר-דוד" (דוד'ס שטאָדט), איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שטאַרקער פֿעסטונג, וואָס האָט בעקומען דעם גריכישען נאָמען אַקראַ, און דאָרט איז אַריינגעזעצט געוואָרען אַ גרויסער סירישער גאַרניזאָן. מצד דער דאָזיגער פֿעסטונג, וואָס איז איטליכע רגע געווען גרייט אַרויסצולאָזען ווילדע באַנדעס סאָלדאַטען אויף „איינצושטילען" די בעפֿעלקערונג, איז געווען אַ שטענדיגע סכנה פֿאַר דער הויפּט-שטאָדט און פֿאַר'ן גאַנצען לאַנד. אַקראַ איז געווען דער הויפּטליכער שטיץ-פּונקט פֿאַר דער סירישער ממשלה אין מלכות-יהודה אויך שפּעטער, פֿאַר דער צייט פֿון די בעפֿרייאונגס-קריג.

דער פּאָגראָם אין ירושלים איז געווען נאָר אַ פֿאָרשפּיעל צום פֿול-שטענדיגען פּאָגראָם פֿון דער נאַציע. אנטיוכוס עפּיפֿאַנעס האָט פֿערשטאַנען, אַז די הויפּט-קראַפֿט פֿון די אידען ליגט בעהאַלטען אין זייער שטרענגער רעליגיעזער דיסציפּלין, אין זייער אייגענאַרטיגער נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס גיט זיי די מעגליכקייט זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען יעדען פּרוב פֿון העלעניזירונג. כדי צו פֿערניכטען דאָס אידישע פֿאָלק, אַלס נאַציע, אָדער גייסטליך-בירגערליכע געמיינדע און צונויפֿגיסען איהם מיט דער הערשענדער גריכישער נאַציע, האָט מען בעדאַרפֿט מבטל זיין זיין אינעווייניגסטע אויטאָנאָמיע, זיין גייסטליכע קאָנסטיטוציע. און היות, ווי די לעצטע געפֿינט זיך דאָך אין דער תורה, דעריבער האָט מען בעדאַרפֿט אָבשאַפֿען דעם דאָזיגען אַלמעכטיגען געזעצבוך פֿון רעליגיע, מאָראַל און געזעלשאַפֿטליכקייט. און מחמת דעם טאַקע איז אנטיוכוס אַריבער פֿון אויסווייניגסטען קאַמפֿף צום אינעווייניגסטען; פֿון רדיפֿות קעגען די אידען — צו רדיפֿות קעגען דער יהדות. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, וואו ער האָט, לויט ווי דער ספר חשמונאים א' דערצעהלט, געפֿאָדערט, „אַז אַלע פֿעלקער, וואָס זענען אונטערטעניג דער סירישער מאָנאַרכיע, זאָלען ווערען איין פֿאָלק, אַז איטליכער זאָל זיך אָבזאָגען פֿון זיינע בעזונדערע מנהגים".

פֿאַר מלכות-יהודה איז בעפֿוילען געוואָרען איינצופֿיהרען גאָר אַ נייע אָרדנונג. די אידישע קאָנסטיטוציע, וואָס איז פֿערשריבען אין דער תורה, איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען; די יהדות איז בטל געוואָרען אָפֿיציעל אין גאַנצען לאַנד און צוגלייך אויך די עבודה אין בית-המקדש. ס'איז פֿערבאָטען געוואָרען אונטער טויט-שטראָף צו היטען די אידישע געזעצען, בעזונדערס וועגען שבת, מילה און טרפֿות. אַנשטאַט דער עבודה אין בית-המקדש, וואָס איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען, האָט מען אַרויפֿגעלעגט אויף די אידען אַ חוב צו היטען דעם גריכישען מלוכה-קולט. אין אַלע שטעדט פֿון לאַנד יהודה פֿלעגט מען בויען היידנישע טעמפּלען און מזבחות, וואו די איינוואוינער זענען מחויב געווען צו ברענגען קרבנות צו די גריכישע אָבגעטער. ס'זענען בעשטימט געוואָרען בעזונדערע אויפֿזעהער, וואָס זיי איז בעפֿוילען געוואָרען אויפֿצופּאַסען, אַז די קעניגליכע בעפֿעהלען זאָלען ערפֿילט ווערען. יענע אידען, וואָס האָבען ניט געוואָלט פֿרייוויליג זיך

אונטערגעבען דעם פרעמדען קולט, זענען געצוואונגען געווארען דערצו איבער געוואלד, און אויב די זענען געווען שטארק פערעקשנ'ט, פלעגט מען זיי בעשטראפען מיט טויט. אויב מען פלעגט כאפען עמיצען ביים האלטען שבת אדער מאכען א ברית ביי זיין קינד, פלעגט מען איהם, לויט דעם קעניגליכען בעפעהל, אב'משפט'ן אויף טויט. ספרי-תורה'ס פלעגט מען פערברענען אדער מטמא זיין.

דער טעראר האט דערגרייכט זיין העכסטען פונקט, בשעת מען האט, אין חודש כסלו פון יאהר 168, אויפגעבויט איבער'ן גרויסען מזבח אין בית-המקדש א נייעם מזבח לכבוד דעם אלימפישען אבגאט צייס. אין מיטען זייער הייליגטום האבען די אויפגעבראכטע אידען דערזעהן דעם „אבשרעקענדיגען עקעל" (שקוץ משומם) פונ'ם היידענטום, וואס פאר איהם פלעגט מען ברענגען קרבנות.

אויף אזא רעזולטאט האבען מסתמא אפילו די אידישע העלעניסטען ניט גערעכנט זיך, ולכל הפחות דער רוב פון זיי. לפי-ערך קליין איז געווען די צאהל פון יענע, וואס האבען זיך פרייוויליג אבגעזאגט פון דער אידישער רעליגיע און נאציאנאליטעט. ס'רוב האבען אידען פערלאזען זייער גלויבען, נאר מחמת מען האט זיי געצוואונגען דורך שרעקליכע כטראשונקעס. א סך אידען פלעגט מען צווינגען איבערגעוואלד צו נעהמען אנ'אנטייל אין די חגאות און קרבנות לכבוד די גריכישע געטער. אויף די פרעהליכע חגאות פון באקכוס, דעם גאט פון וויין און פרעהליכקייט, פלעגט מען ארויסשלעפען די אידען אויף די קעפ קראנצען פון ווילדען וויינשטאק, לויט דעם גריכישען מנהג. מען פלעגט זיי אויך צווינגען צו עסען חזיר-פלייש, וואס האט בעדארפט בעטייטען, אז דער וואס עסט זאגט זיך אב פון דער אידישער אבגעזונדערטקייט. איינינע פלעגען זיך אונטערגעבען דער געוואלד, נאר אנדערע פלעגען זיך הארטנאקיג אנטקעגענשטעלען און פלעגען אפטמאלס בעצאהלען מיט זייער לעבען פאר זייער שטאנדהאפטיגקייט. ס'האבען זיך געפונען דעמאלט א סך, וואס האבען געליטען על קדוש-השם.

א לעגענדע דערצעהלט, אז איין מאל האבען זיך א מאסע אידען בעהאלטען אין א הייהל הינטער'ן שטאדט, בכדי צו האלטען דארט שבת. די סיריער האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען ארומגערינגעלט די הייהל און האבען מיט אכזריות דערהרג'עט אלע אידען, וואס האבען זיך דארט געפונען. לויט אנאנדער נוסח, האבען די סיריער אונטערגעלעגט פייער אין הייהל, און די בעהאלטענע זענען פערברענט געווארען אדער דערשטיקט פון רויך.

אויך דערצעהלט מען וועגען איינעם א זקן אלעזר, אז נאכדעם, ווי די קעניגליכע אויפזעהער האבען אומזיסט געפרובט צו צווינגען איהם, ער זאל עסען חזיר, האבען זיי געבעטען איהם, ער זאל אויפעסען עפענטליך כאטש א שטיק כשר'ע פלייש, בלויז צוליעב דעם, אז דאס פאלק זאל מיינען, אז ער האט כלומר'שט אבגעשמעקט חזיר-פלייש. נאר דער זקן האט זיך קאטע-

גאַריש אָפּגעזאָגט צו ווײַזען זײַנע ברידער, אַז ער איז כּלומרשט אָפּגעטראָטען פֿון זײַן גלויבען — און איז געשטאָרבען אונטער די שרעקליכסטע עינויים.

אין שפּעטערדיגע צײַטען האָט די פֿאָלקס-לעגענדע באַזונדערס שטאַרק געריהמט די העלדישקייט פֿון איין אידישער פֿרוי און אירע זיבען זיהן, וואָס זענען געשטאָרבען אויף קידוש-השם (חנה און אירע זיבען זיהן). סווערט דערצעהלט, אַז דער קעניג האָט פּערזענליך איינגערעדט איטליכען זוהן באַזונדער, ער זאָל זיך אָפּזאָגען פֿון אידישען גלויבען, און אַלס סימן דערפֿון זאָל ער אויפֿעסען אַ שטיק חזיר-פֿלייש; נאָר די ברידער האָבען איינער נאָכ'ן אַנדערן זיך אָפּגעזאָגט צו ערפֿילען דעם קעניגליכען באַפֿעהל. מען האָט זיי געפּייניגט אָהן רחמנות פֿאַר זייער מוטערס אויגען, מען האָט פֿון זיי די הויט געריסען, לעבעדיגערהייד אויפֿ'ן פֿייער געבראָטען — נאָר די העלדישע מוטער האָט נאָר אויפֿגעמונטערט אירע קינדער און האָט זיי אַלץ צוגערעדט, זיי זאָלען געדולדיג איבערטראָגען אַלע יסורים און ניט אָבטרעטען פֿון זייער גלויבען. נאָך די ברידער, וואָס פֿון זיי איז באַזונדערס שטאַנדהאַפֿטיג געווען דער יינגסטער, איז אויך זייער מוטער געטויט געוואָרען. אַזוי איז געשטאָרבען אַט די גרויסע העלדין, וואָס האָט איהר מוטער-געפֿיהל געבראַכט אַלס אַ קרבן פֿאַר די נאַציאָנאַל-רעליגיעזע אידעאַלען פֿון איהר פֿאָלק.

אין יענער צײַט איז צוערשט אין אידישען פֿאָלק אויפֿגעקומען יענער העראָאיזם פֿון מאַרטירטום (שטאַרבען אויף קידוש-השם), וואָס איז דער סימן מובהק פֿון אַ סך שפּעטערדיגע עפּאָכעס פֿון דער אידישער געשיכטע. דאָס אידישע פֿאָלק האָט באַוויזען דער וועלט אַ מוסטער, ווי אַזוי עס קאָנען ניט בלויז איינציגע יחידים, נאָר אפֿילו גאַנצע מאַסען באַוואוסט לײַדען צוליעב אַ אידעע, מקריב זײַן אַלע גיטער פֿון דער וועלט, אויסשטעהן עינויים און אפֿילו שטאַרבען, אַבי נאָר ניט אָפּזאָגען זיך דערפֿון, וואָס זיי האַלטען פֿאַר אמת און הייליג. בעסער פֿערלירען דאָס לעבען, איידער דעם זין פֿון לעבען — דאָס איז דער לאָזונג, וואָס האָט געפֿיהרט זינט יענער צײַט טויזענדער גלויבענדע און איבערצייגטע מענשען אויף תליות, עשאַפֿאָטען, אויף שייטער-הויפֿענס צוליעב רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע אידעאַלען.

נאָר דאָס געדרודפּטע פֿאָלק האָט זיך ניט באַגנוגענט דערמיט, וואָס עס האָט געבראַכט קרבנות אויף קידוש-השם. עס האָט אַרויסגערוקט אויך מענשען, וואָס האָבען זיך געגרייט צום אַקטיווען קאַמפּף, צו אַ גרויסער נקמה פֿאַר זײַנע געשענדעטע רעכט, פֿאַר די פֿערשוועכטע הייליגטימער, פֿאַר טויזענדער דערהרג'עטע און פֿערמוטשעטע קרבנות פֿונ'ם סירישען ווילדווילען. די דאָזיגע מוטיגע פּאַטריאָטען, בפֿרט פֿון דער פּאַרטיי „חסידים", האָבען פֿערלאָזען ירושלים און די גרויסע שטעדט, וואו דער פֿיינד האָט געפֿייערט זײַן נצחון, און האָבען זיך הערווייטערט אין די מדבריות, באַהאַלטען זיך אין די הייהלען און אין די שפּאַלטען פֿון די בערג פֿון לאַנד יהודה. אָפֿט פֿלעגען זיי אַרויסגעהן פֿון זייערע באַ-

העלטענישען און דורך זייטענוועגען זיך אריינגנב׳ען אין שטעדט און דערפער. דא האבען די וואנדערנדע אגיטאטארען בעגייסטערט דאס פאלק, בעשטארקט זיין גלויבען און ערמוטיגט די קטני־אמנה, געריפען צום הייליגען קאמפף קעגען היידנישען דעספאטיזם, און האבען אויף אזא אופן צוגעגרייט דעם פאלקס־אויפשטאנד. א שטארקע אויפרעגונג איז געווען אין גאנץ לאנד יהודה. אנטיוכוס׳עס דעספאטיזם האט אויפגעוועקט די שלאפעדיגע ענערגיע פון פאלק. דער נאציאנאל־רעליגיעזער געפיהל איז זעהר אנגעשטרענגט געווען. די נאציע, ארויסגעבראכט פון געדולד, האט זיך געגרייט אויפצושטעהן קעגען איהרע אונטערדריקער.

די ליטעראטור אין דער צייט פון די רדיפות.

§ 41. טונקעלע אבקלאנגען פון יענער שרעקליכער עפאכע, וואס איז שפעטער בעשריבען געווארען אין די ביכער „חשמונאים“, זענען דערגאנגען צו אונז אויך אין איינינע ווערק פון דער פאלקס־שאפונג, וואס זענען פערבליבען אין תנ״ך. דער גרויסער נאציאנאלער אונגליק האט געפונען זיין אבקלאנג אין דער רעליגיעזער ליריק פון ספר „תהלים“. דער קרעכצען פון געפייניגטען פאלק הערט זיך אין פאלגענדען קאפיטעל תהלים, וואס שילדערט העל דעם ווילדען פון די גריכישע דעספאטען אין מלכות־יהודה:

פארוואס, א גאט, האסטו פערלאזען אונז אויף אייביג,
עס ברענט דיין צארן קעגען די שאף פון דיין וויד?..
הויב אויף דיינע טריט צו די אייביגע חורבות,
צו אלץ, וואס דער פיינד האט צעשטערט אין הייליגטום.
ס׳האבען געשריען די פיינד אין דיינע פערזאמלונגען,
האבען געשטעלט זייערע צייכענס, ווי (גאטס) צייכענס...
ווי עמיצער הויבט אויף א האק אויף געדיכטע צווייגען,
אזוי האבען זיי געהאקט אלע שניצערייען (פון בית־המקדש).
מיט האמערס און מיט העק טוען זיי קלאפען.
זיי האבען פערברענט אין פייער דיין הייליגטום,
ביז צו דער ערד האבען זיי פערשוועכט דיין נאמענס וואוינונג...
זיי האבען פערברענט אלע גאטס פערזאמלונגען אין לאנד.
מיר זעהען שוין ניט מעהר אונזערע מופתים,
מיר האבען ניט קיין נביא, וואס זאל וויכען, ביז וואנען,
ביז וואנען נאך, א גאט, וועט דער אונטערדריקער לעסטערען?
צי וועט אייביג דער פיינד דיין נאמען פערשוועכען?...

(קאפ. ע״ד)

דער זעלביגער טרויער, בעגלייט דורך א פאטריאטישען רוף צום קאמפף קעגען די פיינד פון פאטערלאנד, קלינגט אויך אין אנאנדער קאפיטעל תהלים (קאפ. ע״ט):

ש. דובנאָוו

אָ גאָט, ס'זענען געקומען פֿעלקער אין דײַן אַרב,
האָבען מטמא געוועזען דײַן הײליגען היכל,
געמאַכט ירושלים צו הויפֿענס חורבות,
האָבען אָבגעגעבען די קערפּערס פֿון דײַנע קנעכט
אויף צו פֿרעסען די פֿויגלען פֿון הימעל,
און די קערפּערס פֿון דײַנע חסידים — די חיות פֿון דער ערד
האָבען פֿערגאָסען זייער בלוט, ווי וואַסער, אַרום ירושלים...
מיר זענען געוואָרען צו שאַנד פֿאַר אונזערע שכנים..
גיס אויס דײַן צאָרן אויף די פֿעלקער, וואָס קאָנען דיך ניט
אויף קענונדרײַכען, וואָס רופֿען דײַן נאָמען ניט אָן,
וואָרים זיי האָבען אויפֿגעגעסען יעקב און זײַן וואוינונג האָבען זיי
פֿערוויסט!

צו דער דאָזיגער פֿינסטערער עפּאָכע געהערט אויך אַ בוך, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען צום טייל אויף העברעאיש, צום טייל אויף אַרמיש און וואָס ענטהאַלט אַ רייה „זעהונגען“ און נבואות אין אַ מיסטישער פֿאָרם. דער מחבר פֿון דעם דאָזיגען ספר האָט, בעשיינפּערליך, געהערט צו דער פּאַרטיי חסידים און פֿײַערדיגע פּאַטריאָטען. צערודערט פֿון אַלע שרעקליכע מעשים פֿון אַנטיוכוס IV-טענס רעזשים, האָט ער זיך פֿערטיעפֿט אין זײַנע מחשבות און האָט אַליין געקלערט וועגען היסטאָרישען גורל פֿון דער אידישער נאַציע. די פֿרוכט פֿון זײַנע מחשבות איז געוועזען אַ רייה אויספֿירונגען, וואָס ער האָט בעשלאָסען צו פֿערעפֿענטליכען, בכדי אויפֿצוהויבען דעם געפֿאַלענעם גייסט פֿון זײַנע צייט־חברים און אײַנפּלאַנצען אין זיי אַ האָפֿענונג אויף אַ בעסערער צוקונפֿט.

דער אונבעוואוסטער מחבר האָט אויפֿגעשריבען זײַנע געדאַנקען און פֿאַנטאַזיעס אונטער'ן נאָמען פֿונ'ם אַלטען חכם דניאל, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פֿון גלות־בבל. די ערשטע העלפֿט פֿון זײַן ספר (קאַפּ. א'—ו') איז פֿערנומען מיט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון איינינע מאָמענטען פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, וואָס זענען שטאַרק ענליך אויף די געשעהענישען אין די צייטען פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס. צוערשט ווערט דערצעהלט וועגען דעם, אַז אויף נבוכדנצר'ס בעפֿעהל האָט מען געבראַכט קיין בבל פֿיער אידישע יונגע לייט, דניאל און זײַנע חברים, חנניה, מישאל און עזריה, און מען האָט זיי געלאָזען ערציהען זיך אין קעניגליכען הויף. דאָ האָט מען זייערע אידישע נעמען אומגעביטען אויף באַבילאָנישע, און עסען פֿלעגט מען זיי געבען פֿון קעניגליכען טיש. נאָר די פֿרומע יונגע לייט האָבען זיך ניט צוגערירט צום פֿלייש און וויין פֿון די הײדען, און האָבען זיך דערנעהרט נאָר פֿון פּירות און פֿון וואַסער.

דערנאָך ווערט דערצעהלט די געשיכטע, ווי אַזוי דניאל'ס דרײַ חברים זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרען, בשעת מען האָט געוואָלט זיי טויטען איבער זייער גלויבען. נבוכדנצר האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, אַז אַלע אײַנוואוינער

פֿון זיין מלוכה זאָלען קימען בּיקען זיך פֿאַר'ן גרויסען גאָלדענעם געצענבּילד, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט אין טאָל דורא. דניאל'ס דריי חברים האָבּען זיך אָבּגעזאָגט צו ערפֿילען דעם דאָזיגען בּעפֿעהל, און מחמת דעם האָט מען זיי אַריינגעוואָרפֿען אין אַ בּרענענדיגען קאַלך־אויווען. נאָר צו דער גרויסער ערשטוינונג פֿון די צושויער, האָט די פֿלאַם ניט אָנגערירט די יונגע לייט, ניט אָבּגעשמאַליעט אפֿילו זייערע האָר, און זיי זענען אַרויס גאַנץ פֿון פֿייער.

פֿון דער אַנדער זייט ווערט דערצעהלט, ווי גאָט האָט בּעשטראָפֿט דעם צעשטערער פֿון ירושלים נבוכדנצר'ן און האָט איהם אויף עטליכע יאָהר פֿערוואַנדעלט אין אַ חיה־רעה, און דערנאָך — זיין יורש בּלשאצר, וואָס האָט בּשעת אַ מאָלצייט מטמא געווען די הייליגע כּלים פֿון בּית־המקדש[2].

פֿון די דאָזיגע אַלע ערצעהלונגען איז געווען געדרונגען, אַז די אַלטע צדיקים פֿלעגען אפֿילו אין דער צייט פֿון רדיפֿות מצד די געצענדיענער ניט אָבּזאָגען זיך פֿון זייער גלויבען, ניט בּיקען זיך צו געצענבּילדער און ניט עסען טרפֿות, און אַז די מעכטיגסטע פֿיינד פֿון אידישען פֿאָלק זענען סוף־כּל־סוף בּעשטראָפֿט געוואָרען פֿון גאָט. הייסט עס, אַז אויך אנטיוכוס עפּיפֿאַנעס וועט סוף־כּל־סוף בּעקומען זיין שטראָף, אויבּ נאָר די אידען וועלען ניט נאָכגעבּען און וועלען בּלייבּען געטריי זייער רעליגיע און זייער נאַציאָנאַליטעט.

אין צווייטען טייל פֿון ספֿר „דניאל" געהט איבּער דער אַלטער בּאַבּילאָנישער נביא צו דער עפּאָכע פֿון דער גריכישער ממשלה, און עס הילט זיך, ווי ער וואָלט פֿאָראויסזעהן איהרע געשעהענישען פֿאַר אַ סך יאָהרהונדערטען. ער זאָגט פֿאָרויס, וואָס עס וועט זיין מיט קעניגרייכען און פֿעלקער, און זיינע נבואות זענען געזאָגט אין דער פֿאָרם פֿון סודות־פֿולע זעהונגען, פֿאַנטאַסטישע בּילדער און טונקעלע רעטענישען. אונטער דעם נעפֿעלדיגען דעקטוך פֿון „זעהונגען" בּעהאַלט זיך דאָ אַן אייגענאַרטיגע געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיע. דער מחבר טראַכט זיך טיעף אַריין אין זין פֿון די היסטאָרישע געשעהענישען און קלאַסיפֿיצירט זיי לויט די עפּאָכען. ער שטעלט פֿעסט אַ צוזאַמענהאַנג צווישען דער אידישער און דער אַלוועלטליכער געשיכטע, דערמיט וואָס ער בּעווייזט, ווי אין משך פֿון יאָהרהונדערטען האָבּען זיך געבּיטען די פֿרעמדע מלוכות, וואָס האָבּען געהערשט איבּער מלכות־יהודה. שוין אין איינער פֿון די ערשטע זעהונגען (נבוכדנצר'ס חלום, קאַפּ. ג') איז אָנגעמערקט די טיילונג פֿון דער געשיכטע אויף פֿיער עפּאָכען אָדער „קעניגרייכען": בּאַבּילאָנישע (מלכות־בּבל), מעדישע (מלכות־מדי), פּערסישע (מלכות־פּרס) און מאַקעדאָנישע אָדער גריכישע (מלכות־יון). דאָס גריכישע קעניגרייך ווערט געשילדערט אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען בּעזונדערס גענוי. עס ווערט צעטיילט אויף צוויי הויפּט־טיילען: דעם דרומדיגען (מלך הנגב, עגיפּטען) און דעם צפֿונדיגען (מלך הצפֿון, סיריען). די „מלכים פֿון דרום" (תלמיים) פֿירען

---

2) זעה אויבּען § 6.

שטענדיג מלחמה מיט די „מלכים פון צפון“ (סעלייקידען). צולעצט בעקומט איינער פון די מלכים פון צפון (אנטיוכוס עפיפאנעס) פיינט אידען (עם הקדש, „דאס הייליגע פאלק“). ער פירט צוויי מאל קריג קעגען עגיפטען, איין מאל געווינט ער, דאס אנדערע מאל ניט.

„...און ס'וועלען קומען קעגען איהם (אנטיוכוס'ן) שיפען פון די כתים (רוימער), און ער וועט אראפפאלען ביי זיך און ער וועט ווערען אין כעס אויף דעם הייליגען בונד (ברית-קודש, די תורה), און ער וועט זיך צונויפרעדען מיט די אפטריניגע פון הייליגען בונד (מענעלוים און זיין פארטיי) און ער וועט אוועקשטעלען פערוואלטער, וואס וועלען פערשוועכען דעם הייליגטום, און וועלען אבשטעלען דעם תמיד (דעם טעגליכען קרבן אין בית-המקדש) און וועלען אוועקשטעלען (אין בית-המקדש) א שרעקענדען עקעל (שקוץ משמם, דעם מזבח פון צייס). די, וואס וועלען עובר זיין אויפ'ן בונד, וועט ער מיט גלאטע רייד צוציהען צו זיך, נאר מענשען, וואס ווייסען זייער גאט, וועלען זיך שטארקען און וועלען ווירקען. און די פערשטאנדיגע (חסידים) וועלען א סך ארויספיהרען אויפ'ן וועג, הגם זיי וועלען ליידען א געוויסע צייט פון שווערד און פייער, געפאנגענשאפט און רויב... און דער קעניג וועט טון לויט זיין ווילען, און וועט זיך שטעלען העכער פון איטליכען גאט, און קעגען דעם גאט פון די געטער וועט ער רעדען עוות'דיגע רייד און וועט האבען ערפאלג, ביז וואנען דער צארן וועט פול ווערען, ווארום דאס, וואס איז בעשטימט, וועט געשעהן“. (ספר דניאל, קאפ. י"א, 30—36).

אין די דאזיגע רעטענישפולע זעהונגען זענען די געשעהענישען פון יענער צייט ארויסגעשטעלט געווארען, ווי עפיס אזוינס, וואס איז שוין לאנג פאראויסגעזאגט געווארען. אבער אפטמאלס זאגט דער מחבר אויס דעם סוד פון זיין כח-נבואה. צום סוף פון בוך זאגט ער פאראויס אין נאמען פונ'ם אלטען דניאל, אז אין גיכען וועט נעהמען א סוף צו די צרות, פון די אידען. פון דער צייט, זינט דער קרבן תמיד איז אבגעשאפט געווארען און זינט עס איז אריינגעשטעלט געווארען אין בית-המקדש דער „שקוץ משמם“, דאס הייסט דער מזבח פון צייס, ביז דער צייט, ווען דער בית-המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערען, — דארפען פארבייגעהן 1335 טעג, וואס דערפון זענען שוין 1290 טעג (בערך פיערטהאלבען יאהר) פארבייגעגאנגען (ומעת הוסר התמיד ולתת שקוץ שמם ימים אלף מאתים ותשעים. אשרי המחכה ויגיע לימים אלף שלש מאות וחמשה). דערפון קאן מען זעהן, אז דער ספר איז אנגעשריבען בערך אין יאהר 165, אז עס האט זיך שוין אנגעהויבען דער קאמפף פון די אידען פאר זייער אונאבהענגיגקייט. דער מחבר האט איבערגעלעבט די טרויעריגע צייט פון די רדיפות און האט דערנאך געזעהן דעם אנהויב פון נצחון פון דער נאציאנאלער פארטיי און די ערשטע גבורות פון די חשמונאים, וואס האבען געבראכט צום

"ריינינגען" דעם בית-המקדש. ער האט טיעף געגלויבט דערין, אז גאט מישט זיך אריין אין דער הנהגה פון דער וועלט. אין דער צוקונפט, נאכדעם ווי אלע "קעניגרייכען" וועלען פאלען, האט זיך איהם פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע אנ'אייביגע קעניגרייך, וואו די ממשלה וועט געהערען דעם "הייליגען פאלק" (עם הקדש) — דעם אידישען. די, וואס ליידען איצט, וועלען "ירש'ן דאס קעניגרייך"; אפילו די, וואס זענען געפאלען אויף קדוש-השם, וועלען אויפשטעהן צום לעבען, בכדי צו נעהמען אנ'אנטהייל אין דעם נצחון. אין דער פערזאן פון אנטיוכוס'ן האט די טומאה פונ'ם היידענטום דערגרייכט צו איהר העכסטען פונקט; נאך איהם קומט אן די הערשאפט פון משיח'ן — דאס הייסט, פונ'ם אידישען פאלק. די דאזיגע שטראהלענדע חלומות האבען בעלויכטען די געדיכטע פינסטערניש פונ'ם דעמאלטיגען לעבען און האבען אונטערגעהאלטען אינ'ם ליידענדען פאלק מוט און האפענונג.

דריטער קאפיטעל.

דער אויפשטאנד פון די חשמונאים און די מלחמות פון יהודה המכבי

(160—167).

מתתיהו השמונאי און דער אנהויב פונ'ם אויפשטאנד. — יהודה המכבי, זיינע ערשטע נצחונות און די ריינינגונג פון בית-המקדש. — די מלחמה אין גליל און גלעד. — די מלחמה פאר דער צייט פון אנטיוכוס V און דער צייטווייליגער שלום. — דמיטריוס I און דער כהן-גדול אלקימוס. — "דער טאג פון נקנור". — יהודה המכבי'ס טויט.

מתתיהו חשמונאי און דער אנהויב פונ'ם אויפשטאנד.

§ 42. אין יאהר 168 פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג איז דאס לאנד יהודה געווען חרוב ומוחרב. דער גרעסטער רוב איינוואוינער האבען פערלאזען ירושלים און איבערגעלאזט די שטאדט אין רשות פון די גריכען און פון די אידען-העלעניסטען פון מענעלויס'ס פארטיי. אין דער פעסטונג אקרא איז גע- שטאנען א שטארקע סירישע גארניזאן, און אין דעם פערשוועכטען בית- המקדש איז די עבודה צו יאהוועו פערביטען געווארען דורך דעם דיענסט צו

ציים. איבער׳ן גאַנצען לאַנד פלעגען אַרומנישטערן אנטיוכוס עפיפאַנעס׳ס בע־אַמטע און האָבען געפאָדערט פון די אידען, זיי זאָלען אָבהיטען דעם קעניגס אכזריות׳דיגע בעפעהלען: דאָס הייסט, זיך אָבזאָגען פון זייער גלויבען און פאָלקסטום. און אין די מדבריות און אין די בערג־שפאַלטען פלעגען אַרומוואָגלען אידישע פאַטריאָטען, וואָס זענען געווען אויפגעבראַכט איבער די געוואַלדטאַטען פונ׳ם קעניג דעם דעספאָט און זענען גרייט געווען אויפצוהויבען אַ מרידה קעגען די בעדריקער פון זייער פאָטערלאַנד.

אין דער דאָזיגער מהומה־צייט האָט געלעבט אין אַ בערג־שטעדטיל, מודעין, ניט ווייט פון ירושלים, אַנ׳אַלטער כהן מתתיהו בן־יוחנן, פון דער משפחה חשמונאים. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אָט דעם פייערדיגען פאַטריאָטיזם, וואָס איז מסוגל אין דער צייט פון אַנ׳אויסווייניגסטען דריק איבערצוגעהן, מחמת דער ערשטער בעסטער סבה, פון מחשבות צו מעשים. מיט דעם אייגענעם פאַטריאָטיזם און מיט אַ טיפער שנאה צו די סירישע אונטערדריקער זענען געווען דורכגעדרונגען אויך זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן. אָטאָ די גאַנצע פאַמיליע, וואָס צו איהר זענען צוגעשטאַנען אויך אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה חשמונאים, האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין מודעין און אין איהר סביבה, און דער עלטסטער פון דער פאַמיליע, מתתיהו, האָט געשפיעלט די ראָל פון אַ פאַטריאַרך צווישען די אָרטיגע אידען.

איין מאָל זענען אין מודעין אָנגעקומען סירישע בעאַמטע, האָבען אויפגעבויט דאָרט אַ הייד׳נישען מזבח און האָבען אָנגעהויבען נויטען די איינוואוינער צו נעהמען אַנ׳אָנטייל אינ׳ם געצענדיענסט, לויט דעם בעפעהל פון אנטיוכוס׳ן. איניגע אידען, וואָס זענען געווען ניט פעסט אין זייער גלויבען אָדער ניט גענוג דרייסט, האָבען זיך אונטערגעגעבען די פאָדערונגען פון די בעאַמטע, נאָר אַלע איבעריגע האָבען זיך מוטיג אַנטקעגענגעשטעלט. דעמאָלט האָבען זיך די בעאַמטע געווענדט צו מתתיהו׳ן, אַלס צום בכבוד׳סטען מענשען אין שטאָדט, און האָבען איהם געוואָלט צורעדען, ער זאָל זיך בעטייליגען אינ׳ם געצענדיענסט און בעווייזען דערמיט זיינע פאָלקס־חברים, אַז מען מוז פאָלגען דעם קעניגס בעפעהל. דערביי האָבען זיי ערקלערט, אַז לויט׳ן געזעץ איז די גריכישע רעליגיע די רעליגיע פון דער מלוכה, און אַז אַלע בירגער פון דער סירישער אימפעריע מוזען זי דעריבער האַלטען; אַלע אַנדערש־גלויביגע פעלקער פאָלגען דעם דאָזיגען געזעץ און אפילו אַ סך אידען. נאָר מתתיהו האָט שטאָלץ געענטפערט: „זאָלען אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אונטער דעם קעניגס ממשלה, פאָלגען איהם און אָבטרעטען איטליכער פון דער רעליגיע פון זיינע עלטערן, — נאָר איך, מיינע זיהן און מיינע ברידער וועלען טהון, ווי אונזערע עלטערן האָבען אונז געבאָטען. מיר וועלען ניט פאָלגען דעם קעניגס געזעצען, מיר וועלען ניט אָבטרעטען פון אונזער אמונה ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס".

און אַז באַלד נאָכדעם איז אַרויסגעטראָטען אויף דעם שטאָדט-פּלאַץ אַנ׳אָבטריניגער איד און איז צוגעגאַנגען צום היידנישען מזבח מיט׳ן מיין צו ברענגען אַ קרבן, האָט מתתיהו ניט געקאָנט איינהאַלטען זיין גרימצאָרן. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום חוצפה׳דיגען אָבטריניגען און דערהרג׳עט איהם אויפ׳ן אָרט. אינאיינעם מיט זיינע זיהן און אַ הייפעל הייסטע קנאים, איז ער אויך אָנגעפאַלען אויפ׳ן העכסטען קעניגליכען בעאַמטען, אָדער דעם הויפטמאַן פון דער סירישער אָבטיילונג (אַפּעלעס), האָט איהם געטויט און דעם היידנישען מזבח אין מודעין האָט ער צעשטערט (167).

נאָך דער דאָזיגער ערשטער גבורה, וואָס איז געוועזען דער ערשטער אויפפלאַקערן פונ׳ם פאָלקס-צאָרן, האָט די פאַמיליע פון די חשמונאים שוין ניט געקאָנט בלייבען זיצען צונויפגעלעגט די הענד. מתתיהו האָט צונויפגעקליבען אַלע זיינע פריינד און געזינונגס-חברים און איז אַוועק מיט זיי אין די בערג. דאָרט האָט ער בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען אָבטיילונגען מורדים פון יענע גרופּעס חסידים און פּאַטריאָטען, וואָס האָבען אַרומגעוואָגעלט איבער׳ן לאַנד, פלעגען אָפטמאָל׳כ האָבען קליינע צוזאַמענשטויסונגען מיט די סירער, נאָר מחמת זיי האָט געפעהל׳ט אַ פיהרער, האָבען זיי ניט געקאָנט פיהרען קיין רעגעלמעסיגען קאַמפף. געשטערט צו פיהרען דעם קאַמפף מיט ערפאָלג האָט אויך דאָס, וואָס די חסידים זענען געוועזען צו-שטאַרק פרום. ס׳פלעגט טרעפען, אַז די סירער פלעגען מיט אַ כיון אָנפאַלען אויף די איינצעלנע הייפלעך אידען אום שבת און פלעגען זיי פערטיליגען נאָר דערפאַר, ווייל די אידען פלעגען מחמת זייער צו-גרויסער פרומקייט ניט וועלען פערטיידיגען זיך אום שבת מיט געוועהר אין די הענד. איבער דער סכנה-צייט, האָבען די חשמונאים בעשלאָסען פערטיידיגען זיך אפילו אום שבת און בכלל פיהרען קריג אומעטום, וואו ס׳זענען פאַראַן שאַנסען אויף ערפאָלג. די אָבטיילונג פון די חשמונאים איז אַלץ גרעסער געוואָרען. טויזענדער פּאַטריאָטען זענען צו זיי צוגעשטאַנען, מחמת זייער הייסען פערלאַנג אַרויסצוטרעטען אין שטרייט פאַר זייער גלויבען און פרייהייט. די דאָזיגע העלדענמוטיגע אָבטיילונג פלעגט, אונטער דער אָנפיהרונג פון מתתיהו און זיינע זיהן, אַרומגעהן איבער׳ן לאַנד, צעשטערען אונטערוועגס די היידנישע מזבחות, הרג׳ען די אָבטריניגע אידען, אָנפאַלען אויף קליינע גרופּעס סירער, וואָס זיי פלעגען אָנטרעפען, און בעגייסטערן דאָס פאָלק צום קאַמפף מיט די אונטערדריקער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען דער אויפשטאַנד.

נאָר דער ערשטער איפּטוער פון דער דאָזיגער פאָלקס-בעוועגונג האָט ניט דערלעבט ביז יענער צייט, ווען זי האָט אָבגעהאַלטען איהר נצחון. דער אַלטער מתתיהו איז געשטאָרבען באַלד נאָכדעם, ווי די מרידה האָט זיך אָנגעהויבען (166), און מען האָט איהם מקבר געוועזען אין זיין געבאָרען-שטאָדט מודעין. פאַר׳ן טויט האָט ער געלאָזען אַ צוואה זיינע זיהן — ווייטער צו פיהרען דעם הייליגען נאַציאָנאַלען קאַמפף. פאַר׳ן עלטסטען פון דער משפחה האָט ער גע־

מאַכט זײַן זוהן שמעון'ען, און אויפֿ'ן יינגערן ברודער, דעם דרייסטען און קריגערישען יהודה'ן, האָט ער אָנגעוויזען, ווי אויף דעם צוקונפֿטיגען אָנפֿיהרער אינ'ם בעפֿרייאונגס־קריג.

יהודה המכבי, זיינע ערשטע נצחונות און די ריינונג פֿון בית־המקדש.

§ 43. בראש פֿון דער העלדענמוטיגער אַבטיילונג אידישע קעמפֿער האָט זיך געשטעלט דער קריגערישסטער פֿון אַלע זיהן מתתיהו'ס, יהודה, מיט'ן צונאָמען המכבי[1]. די אידישע נאַציע האָט אין משך פֿון אַ סך יאָהרהונדערטען ניט געבוירען אַזאַ גרויסען העלד, אַזאַ מיליטערישען זשעני, ווי יהודה המכבי. אין איהם האָט ווי אויפֿגעלעבט די גאַנצע אַלטע גבורה פֿון דוד המלך און זיינע לעגענדאַרישע גבורים, די גבורה איינאייניגעם מיט דער נאַציאָנאַלער בעגייסטערונג פֿון אַ פֿרייהייטס־קעמפֿער. דער כראָניקען־שרייבער כאַראַקטעריזירט יהודה'ן, אַלס „אַ יונגען לייב, וואָס ברומט איבער זיין רויב". דער סוד פֿון יענער לייבען־מוט, וואָס האָט איהם אָפֿטמאָלס בעוואויגען בלויז מיט אַ הייפֿעל העלדענמוטיגע ושטרייטער אָנצופֿאַלען אויף גאַנצע אַרמעען פֿון פֿיינד, איז געלעגען בעהאַלטען אין יענער נאַציאָנאַלער בעגייסטערונג, וואָס האָט אויך אין דער גייסטער צייט פֿערהאָלפֿען צום נצחון אַזעלכע העלדען־בעפֿרייער, ווי וואַשינגטאָן און גאַריבאַלדי: אין אַזעלכע פֿאַלען גיט די גייסטעס־קראַפֿט, די ענערגיע פֿונ'ם מאָראַלישען צאָרן און דער דאָרשט נאָך פֿרייהייט אַ הייפֿעל קעמפֿער דעם נצחון איבער אַ גאַנצער אַרמעע פֿון פֿערדאַכטע אינטערדריקער, וואָס האָבען נאָר אַ גראָבע פֿיזישע קראַפֿט אָהן אַ זיטליכען אינהאַלט.

גלייך פֿון אָנהויב אָן האָבען יהודה המכבי און זיינע דרייסטע אָנהענגער געהאַט גליק. אַז אַפּאָלאָניוס, דער סירישער פֿערוואַלטער אין פּאַלעסטינע (§ 40), האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם אויפֿשטאַנד, וואָס די חשמונאים האָבען אויפֿגעהויבען, האָט ער זיך געלאָזט געהן פֿון שומרון מיט אַ בעדייטענדען חיל קעגען די מורדים. יהודה מיט זיין אַבטיילונג איז אַרויס אַנטקעגען דעם פֿיינד און האָט איהם מנצח געווען; אַפּאָלאָניוס אַליין איז געפֿאַלען אין שטרייט.

---

1) דער זין פֿון דעם דאָזיגען צונאָמען איז נאָך עד היום ניט קלאָר. ס'איז פֿאַרהאַן אַנ'אַלטע השערה, אַז דער וואָרט „מכבי" געהמט זיך פֿון די ראשי־תבות פֿונ'ם פּסוק: מי כמוכה באלים יהוה, וואָס איז געווען דער לאָזונג פֿון די אידישע קעמפֿער. נאָר בכדי מען זאָל זיך קאָנען סומך זיין דערויף, האָט מען בעדאַרפֿט פֿריהער בעווייזען, אַז אַזאַ לאָזונג האָט טאַקע עקזיסטירט, גאָר דאָס גראָד איז ניט בעוויזען. גיכער וואָלט מען בעדאַרפֿט שרייבען „מקבי" פֿונ'ם וואָרט „מקבה" — האַמער (פּונקט אַזוי איז געווען צווישען די אַלטע פֿראַנצויזישע קריגס־העלדען איינער קאַרל מאַרטעל, דאָס־הייסט, דער האַמער).

יהודה האט אראבגענומען פון איהם זיין שווערד און האט עס צוגעבונדען צו זיין גארטיל; זינט יענער צייט פלעגט ער אין אלע שלאכטען געברויכען דעם דאזיגען שווערד.

באלד נאכדעם איז קעגען יהודה'ן ארויסגעטראטען דער ערשטער סירישער קריגס־הויפטמאן אין פאלעסטינע, סערא ן. די צוזאמענטרעפונג איז פארגעקומען נעבען בית־חרון, איינינע שעה רייזע אין צפונית־מערבית־זייט פון ירושלים. אז די קליינע אידישע אבטיילונג האט דערזעהן דעם שטארקען חיל פונ'ם שונא, האט זי זיך געוואוסט דערשראקען; נאר יהודה האט אויפגעמונטערט זיינע קריגס־לייט דורך א פייערדיגער רעדע, און האט דערמאנט זיי, אז זיי שטרייטען פאר גאט און פאר זייער פאלק קעגען די רשעים און אונטערדריקער און אז גאט מוז געבען דעם נצחון די, וואס קעמפפען פאר א גערעכטע זאך. דעמאלט האבען די אידען זיך א ווארף געטאן אויפ'ן סירישען חיל און האבען איהם געשלאגען און צעטריבען; דער רעשט פון סעראנ'ס חיל איז אנטלאפען געווארען אין דער געגענד, וואס האט אמאל געהערט צו די פלשתים (166).

די דאזיגע צוויי נצחונות האבען, פון איין זייט, צוגעגעבען מוט די אידען, און פון דער אנדער זייט, האבען זיי שטארק בעאונרוהיגט די סירישע רעגירונג. די בשורה, וועגען דעם אויפשטאנד אין מלכות־יהודה איז דערגאנגען צום קעניג אנטיוכוס און האט איהם בעוואויגען אנצונעהמען ענטשלאסענע מיטלען אויף צו דערשטיקען די מרידה. אנטיוכוס אליין האט ניט געקאנט געהן קיין מלכות־יהודה, מחמת ער האט געמוזט געהן קריג האלטען אין דער געוועזענער פערסיען, קעגען די פארטער. פאר דער צייט, וואס ער וועט ניט זיין אין דער היים, האט דער קעניג בעשטימט דעם קריגס־הויפטמאן ליזיאס פאר'ן פערוואלטער איבער דער מלוכה און פאר אנאפטרופוס איבער זיין יונגען זוהן אנטיוכוס V, און האט איהם געהייסען שיקען א גרויסע ארמעע, בכדי איינצושטילען דאס לאנד יהודה. דער איינשטילונגס־פלאן איז בעשטאנען דערין, אז מען זאל פערטיליגען אדער פערטרייבען פון לאנד די ווידערשפעניגע אידישע איינוואוינער און עטזיילען דאס גאנצע לאנד צווישען פרעמדע קאלאניסטען. די פערווירקליכונג פון דעם דאזיגען שרעקליכען פלאן האט ליזיאס ארויפגעלעגט אויפ'ן נייעם פערוואלטער פון קעלעסיריען, תלמי. דער לעצטער האט געשיקט קיין מלכות־יהודה א חיל פון פיעל טויזענד מאן אונטער דער אנפיהרונג פון צוויי אויסגעצייכענטע קריגס־הויפטלייט, ניקנור און גארגיאס. די געניטע סירישע הויפט־לייט זענען געווען אזוי זיכער אין זייער נצחון, אז זיי האבען לכתחלה צוגעלאזען אין זייער לאגער פאלעסטינישע שקלאפען־הענדלער, וואס זענען געקומען מיט א סך געלד, בכדי אבצוקויפען די אידען, וואס וועלען אריינפאלען אין געפאנגענשאפט.

א שרעק האט אנגענומען די אידישע בעפעלקערונג, אז דער דאזיגער מורא'דיגער חיל האט זיך דערנעהנטערט. די אידישע אבטיילונגען האבען זיך צונויפ־

געקליבען אין מצפה, דער אַלטער הייליגער שטאָדט פֿונ׳ם שבט בנימין, וואָס האָט איצט פֿערביטען די שכנ׳ישע ירושלים, וואָס איז געווען פֿערנומען פֿון געצענדיענער. דאָ האָט מען געמאַכט אַ פֿייערליכען גאָטעסדיענסט מיט אַ תענית און תפלות; דאָס פֿאָלק האָט הייס געבעטען ביי גאָט הילף. דאָ האָט אויך יהודה מיט זיינע רייד בעגייסטערט די קריגס-לייט, זיי זאָלען זיין גרייט צו פֿערטיידיגען דעם גלויבען און פֿאָטערלאַנד. ער האָט דערוויטערט דערנאָך פֿון זיין חיל אַלע שרעקעדיגע און שוואַכהאַרציגע, און ביי איהם אין רשות זענען געבליבען אַ מאַן 6000, וואָס זענען פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרען אויף רעגעל-מעסיגע אָבטיילונגען, וואָס איטליכע פֿון זיי האָט געהאַט איהר בעזונדערן קאָמאַנדיר.

דעם שונא׳ס חיל אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון גאָרגיאַס האָט זיך געפֿונען נעבען עמוים (די אַראַבישע אַמוואַס, 3 מייל פֿון ירושלים). אַזוי ווי גאָרגיאַס האָט געוואָלט פּלוצלינג אָנפֿאַלען אויף די אידען, דעריבער האָט ער זיך געלאָזט געהן ביי-נאַכט צו מצפה נאָר מיט איין טייל פֿונ׳ם חיל און די איבעריגע טיילען האָט ער געלאָזען אין לאַגער נעבען עמוים. אַז יהודה האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, איז ער איהם ניט צו־יס אַנטקעגען, נאָר ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט זיין חיל אין דער אַנדערער זייט, צום לאַגער פֿון די סוריער, וואָס גאָרגיאַס האָט פֿערלאָזען, און דאָ איז ער פּלוצלינג אויף זיי אָנגעפֿאַלען. די סוריער זענען צום טייל געפֿאַלען אין שלאַכט, צום טייל זענען זיי זיך צעלאָפֿען. דער-וויל האָט גאָרגיאַס מיט זיין פֿאָרערשטען חיל זיך אומגעקעהרט פֿון מצפה, מחמת ער האָט דאָרט דעם אידישען חיל ניט געטראָפֿען. בשעת ער האָט זיך דער-נעהנטערט צו עמוים, האָט ער דערזעהן זיין חרוב׳ען לאַגער און דאָרט גופֿא האָט ער בעגעגענט די זיגער, וואָס זענען ווידער גרייט געווען אַריינצוטרעטען אין קאַמפף. גאָרגיאַס האָט זיך ניט ענטשלאָסען אויף אַ קאַמפף און איז גיך אָבגעטראָטען מיט זיין אָבטיילונג אין לאַנד פֿון די פּלשתים און האָט איבערגעלאָזט יהודה׳ן זיין גאַנצען לאַגער, וואו עס האָט זיך אויך געפֿונען די געלד, וואָס די שקלאַפֿען-הענדלער האָבען צוגעגרייט אויף קויפֿען די געפֿאַנגענע אידען (165—166).

באַלד (אין האַרבסט פֿון יאָהר 165) איז אָנגעקומען אין מלכות-יהודה, מיט נאָך אַ גרעסערן חיל, ליזיאַס גופֿא, דער פֿערוואַלטער פֿון דער מלוכה. ער האָט אויסגעקליבען אַנאַנדער וועג און איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד ניט פֿון צפֿון-זייט, נאָר פֿון דרום-זייט, פֿון מדבר-אדום. נעבען בית-צור, אין דרום-זייט פֿון ירושלים, האָבען זיך צונויפֿגעטראָפֿען ליזיאַס׳ס און יהודה המכבי׳ס חיל. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער שונא האָט געהאַט אַ פֿיעל גרעסערן חיל, פֿונ-דעסטוועגען האָבען די אידען אויך איצט אָבגעהאַלטען אַ פֿולקומען זיג; ליזיאַס איז געווען געצוואונגען אומצוקעהרען זיך קיין אנטיוכיא, כדי צונויפֿצוקלייבען אַ נייעם חיל אויף איינצושטילען דאָס לאַנד יהודה

אַלע די דאָזיגע נצחונות האָבען אָבגערייניגט יהודה'ס חיל אַ וועג קיין ירושלים. אַהין האָט זיך יהודה געלאָזט געהן מיט זיינע מוטיגע קריגס-לייט. אָהן שוועריגקייט האָבען זיי איינגענומען די הויפּט-שטאָדט מיט'ן באַרג פֿון בית-המקדש (הר-הבית); נאָר די פֿעסטונג אַקרא, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער סירישער גאַרניזאָן, איז געבליבען נאָך אין די הענד פֿון די שונאים. יהודה האָט אַרומגערינגעלט די דאָזיגע פֿעסטונג מיט זיין בעוואָפֿענטער אָבטיילונג און האָט דאָרט געהאַלטען בעלעגערט די סירער, און אָהן מניעות האָט ער געקאָנט צוטרעטען ווידער איינצושטעלען דעם נאַציאָנאַלען הייליגטום אין ירושלים.

אַ טרויעריגע בילד האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די אויגען פֿון די אידישע קריגס-לייט, אַז זיי זענען אַרויף אויפ'ן הר-הבית. זיי האָבען דערזעהן דעם בית-המקדש—האַלב חרוב און צעראַבירט, דעם הויפּט-מזבח — פֿערשוועכט דורך דעם געצענדיענסט; די טויערן — פֿערברענט, די אינעווייניגסטע חדרים פֿון בית-המקדש — פּוסט און די הויפֿען — בעוואַקסען מיט גראָז. אַז יהודה און זיינע חברים האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען זיך צעוויינט אויפ'ן קול; נאָר ס'איז קיין צייט ניט געווען צו טרויערן נאָך דעם פֿערגאַנגענעם: מען האָט געמוזט אַרבייטען פֿאַר דער צוקונפֿט.

מען איז באַלד צוגעטראָטען צום רייניגען און ווידער פֿעררייכטען דעם בית-המקדש. דעם היידנישען מזבח, וואָס איז געווען אויסגעבויט איבער דעם אידישען מזבח, האָט מען אינגאַנצען צעשטערט, און די שטיינער פֿון איהם האָט מען אַרויסגעוואָרפֿען אין אַן „אונרייניגעם אָרט" (מקום-הטומאה). דעם הייליגען מזבח אָבער, וואָס האָט געדיענט פֿאַר איהם אַלס פֿונדאַמענט, האָט מען צענומען, און זיינע שטיינער האָט מען אָבגעלעגט אין אַ בעזונדער אָרט, „ביז וואַנען עס וועט אויפֿשטעהן אַ נביא און וועט בעשליסען, וואָס מיט זיי צו טהון". אויף דעם אָרט האָט מען אויסגעבויט אַ מזבח פֿון גאַנצע שטיינער, וואָס „קיין אייזען האָט זיי ניט אָנגעריהרט". אָנשטאָט די צערויבטע כלים פֿון בית-המקדש האָט מען געמאַכט נייע פֿונ'ם גאָלד און זילבער, וואָס איז אַריינגעפֿאַלען אַלס רויב צו די אידישע קריגסלייט אין דער צייט פֿון די אָקאָרשט פֿערענדיגטע מלחמות.

אַז די אינעווייניגסטע און אויסווייניגסטע חדרים פֿון בית-המקדש זענען שוין געוואָרען אויסגערייניגט, ווי עס בעדאַרף צו זיין, האָט זיך אָנגעהויבען די צערעמאָניע פֿון „חנוכת-הבית". 25 טעג אין כסלו, דעם זעלביגען טאָג, וואָס פֿאַר דריי יאָהרען האָט מען דעמאָלט איינגעפֿיהרט דעם דיענסט פֿון צייס אין בית-המקדש, — האָט מען איינגעאָרדענט אַ פֿייערליכען גאָטעסדיענסט און מען האָט געבראַכט קרבנות פֿאַר דעם גאָט פֿון ישראל, און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען די „חנוכת-הבית" פֿונ'ם בית-המקדש. אַכט טאָג צייט האָט געדויערט דער יום-טוב, וואָס האָט געהאַט מעהר אַ נאַציאָנאַלע, איידער אַ רעליגיעזע בעדייטונג. איטליכען אָבענד פֿלעגט מען אָנצינדען ביים אַריינגאַנג אין בית-המקדש אַ כך ליכט. מען האָט אויך איינגעשטעלט אַ דין, אַז אויך להבא זאָל מען

יעדערליך פֿייערן די דאָזיגע אַכט טעג, אַלס אָנאָנדענקען פֿאַר די געשעהענישען, וואָס האָבען געבראַכט צום ריינינגען דעם בית-המקדש און צום איינהיטען די נאַציאָנאַלע פֿרייהייט. דער דאָזיגער יום-טוב ווערט אָנגערופֿען חנוכה, אַלס זכר פֿון דער חנוכת-הבית פֿון בית-המקדש.

אין תלמוד איז פֿאַרבליבען אַ פֿאָלקס-לעגענדע, וואָס דערצעהלט, אַז בשעת די חשמונאים האָבען געזוכט אין די חדרים פֿון בית-המקדש הייליגען בוימל אויף אָנצוצינדען די מנורה, האָבען זיי געפֿונען נאָר איין קליינעם פֿאַרגעסענעם קריגעל. נאָר ס'איז געשעהן אַ נס, און די ביסעל בוימל האָט געקלעקט אויף אָנצוצינדען די מנורה אין משך פֿון אַלע אַכט טעג. די דאָזיגע מעשה וועגען „נס-חנוכה" איז צווישען אונזערע פֿאָלקס-מאַסען מעהר באַוואוסט, ווי די אמת'ע היסטאָרישע געשעהענישען, ווי די גרויסע גבורות פֿון די חשמונאים.

די מלחמה אין גליל און אין גלעד (164).

§ 44. נאָך די ערשטע נצחונות פֿון די חשמונאים, האָט זיך דער צענטראַלער טייל פֿון לאַנד יהודה, חוץ דער פֿעסטונג אַקראַ אין ירושלים, געפֿונען אין די הענד פֿון די אידישע פּאַטריאָטען. יהודה האָט געמאַכט דעם הר-הבית פֿאַר אַ שטאַרקע פֿעסטונג און האָט אַהין אַריינגעזעצט אַ שטענדיגען גאַרניזאָן, וואָס האָט באַדאַרפֿט ניט דערלאָזען דעם סירישען גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַקראַ, אַריבערגעהן אין די אַנדערע טיילען פֿון שטאָדט. ער האָט אויך באַפֿעסטיגט די שטאָדט בית-צור, אויפֿ'ן גרעניץ פֿון אדום, וואו ניט לאַנג איז פֿאָרגעקומען די שלאַכט מיט ליזיאַס'ן. די דאָזיגע פֿעסטונג האָט געדאַרפֿט פֿערטיידיגען דאָס לאַנד קעגען די אָנפֿאַלען פֿון די פֿיינד דורך דער דרומדיגער גרעניץ.

אַדאַנק די אַלע מיטלען און אויך מחמת דעם, וואָס די דעמאָלטיגע סירישע רעגירונג האָט זיך געפֿונען אין אַ שווערינגער לאַגע, האָט דער רעגולערער סירישער מיליטער ניט באַאונרוהיגט דאָס לאַנד יהודה כמעט אין משך פֿון צוויי יאָהר נאָך ליזיאַס'ס מפּלה ביי בית-צור. נאָר די אידישע קריגסלייט האָבען ניט געקאָנט זיצען מיט צונויפֿגעלעגטע הענד: צווישען די שכנישע קליינע פֿעלקער און אין די נאָהענטסטע שטעדט, וואו עס האָבען געוואוינט גריכען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פֿיינדליכע באַוועגונג קעגען אידען, און קעגען דעם האָט מען באַדאַרפֿט אַרויסשטעלען אַן ענערגישען ווידערשטאַנד.

די פֿעניציער און די גריכען אין פּאַלעסטינע, וואָס זענען געוואָרען באַאונרוהיגט דורך די ערפֿאָלגען פֿון די אידישע מורדים, האָבען אָנגעהויבען רודף זיין די אידען, וואָס האָבען געוואוינט צווישען זיי. די גריכען און העלעניזירטע אָרטיגע איינוואוינער האָבען זיך אויף אַזאַ אופֿן נוקם געווען פֿאַר די מפּלות פֿון זייערע פֿאָלקס-ברידער אין צענטער פֿון מלכות-יהודה. די אַרומיגע רויבערישע

שבטים האָבען אויסגענוצט די מהומה, וואָס האָט געהערשט אין פּאַלעסטינע, בכדי צו מאַכען רויבערישע אָנפאַלען.

יהודה המכבי האָט מען אָנגעזאָגט, אַז די אײנוואױנער פֿון צור, פּטאָלעמאַאידע (עכו) און פֿון גאַנץ צפֿון־פּאַלעסטינע, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען גליל, בעדריקען שטאַרק די אידען, וואָס וואױנען צווישען זײ. דעמאָלט האָט ער געשיקט קײן גליל זײן ברודער שמעונ'ען מיט אַ חיל פֿון 3000 מאַן. שמעון האָט אין אײניגע שלאַכטען געשלאָגען די הײדען פֿון גליל, האָט בעפֿרײט די אָרטיגע אידישע אײנוואױנער און האָט זײ אָװעקגעפֿיהרט קײן מלכות־יהודה, וואו זײ האָבען געקאָנט לעבען בשלוה.

אין יענער צײט זענען אָנגעקומען בעאונרוהיגענדע ידיעות פֿון גלעד, דער געגענד אין מזרח־זײט, אין עבר־הירדן. דאָרט האָבען די עמונים און אַנדערע שבטים, אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון דעם סירער טימאָטוס, ערטערװײז געהרג'עט אידען און ערטערװײז האָבען זײ זײ בעלעגערט. בעזונדערס מסוכנ'דיג איז געווען די לאַגע פֿון די אידען, וואָס זענען געווען בעלעגערט אין דער פֿעסטונג דאַטעמאַ (דימון). אַז יהודה המכבי האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, איז ער אײנאײנעם מיט זײן ברודער יונתן אַריבער דעם ירדן בראש פֿון אַ גרויסען חיל; זײ זענען אָנגעפֿאַלען אויף די גלעדער הײדען, וואָס האָבען זיך געגרײט צו שטורמען די פֿעסטונג דאַטעמאַ, און האָבען בעפֿרײט די דאָרטיגע בעלעגערטע אידען. די עמונים זענען ווי געהעריג בעשטראָפֿט געוואָרען; אַ כך שטעדט זײערע האָט מען חרוב געמאַכט.

נאָך דעם האָבען זײ ווײטער אָנגעהויבען דעם קריג אין דעם צפֿונ'דיגען טײל פֿון עבר־הירדן, אין בשן. טימאָטוס'ס חיל, פֿערשטאַרקט דורך אַראַבישען באַנדען, האָט זיך אָבגעשטעלט הינטער דעם טײך ירמוק. יהודה איז אײליג אַװעק אַהין, איז אַריבער דעם טיפֿען טײך, אָנגעפֿאַלען אויפֿ'ן שונא און האָט איהם פֿערטריבען ביז קרנים. דערנאָך האָט ער אײנגענומען די דאָזיגע שטאָדט און פֿערברענט דאָרט דעם הײדנישען טעמפּעל, וואו עס האָבען זיך געהאַט אײנגעשלאָסען אַ כך פֿון די אַנטלאָפֿענע. נאָך אַ גאַנצער רײה נײע נצחונות איז יהודה המכבי'ס חיל צוריק אַריבער דעם ירדן, האָט גענומען מיט זיך די בעפֿרײטע גלעד'ער אידען מיט זײערע ווײבער און קינדער און געבראַכט זײ קײן ירושלים. די אידען פֿון גלעד און פֿון גליל האָבען זיך בעזעצט אין ירושלים, וואו זײ האָבען זיך געפֿונען אונטער'ן שוץ פֿון אַ שטאַרקען גאַרניזאָן, וואָס האָט געלאַגערט אין דער פֿעסטונג אויפֿ'ן הר־הבית.

ניט ווינציגער זיגרײך זענען געווען יהודה'ס מלחמות קעגען די שכנים פֿון דרום און דרומית־מערבית — די אדומים און די אײנוואױנער פֿון די ים־שטעדט. די אידישע קריגסלײט זענען אָנגעפֿאַלען אויף חברון, וואו דעמאָלט האָבען זיך געהאַט אײנגעפֿעסטיגט די אדומים, און אויף דער געוועזענער פּלשתי'שער שטאָדט אשדוד און האָבען זײ צעשטערט. די אידען, וואָס ניט לאַנג זענען

זיי געוועזן גערודפֿט, האָבן בעוויזן, אַז זיי זענען בכח זיך אַנטקעגנצושטעלן ניט בלויז קעגן דעם סירישן יאָך, נאָר אויך דעם פֿײַנדליכן בונד פֿון די שכנישע פֿעלקער.

נאָר איין שלאַכט האָבן די אידן ניט געוואונען אין יענער צייט. בשעת יהודה און יונתן זענען געוועזן אין גלעד און שמעון אין גליל, זענען געשטאַנען בראש פֿון דעם מיליטער, וואָס איז געבליבן אין מלכות־יהודה, די קריגס־הויפּטלײַט יוסף און עזריה. הוות ווי יוסף און עזריה האָבן זיך אָנגעהערט וועגן די גבורות פֿון די ברידער חשמונאים אין די גרעניץ־לענדער, האָבן זיי אויך בעשלאָסן אָפּטון אַ העלדענטאַט: זיי האָבן זיך געלאָזט גייען מיט זייער חיל צו דער שטאָדט יבנה (יאַמניאַ), וואָס איז געלעגן ניט ווייט פֿון ברעג ים, בכדי צו מאַכן אַן אָנפֿאַל אויף די סירער, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. נאָר דאָ זענען די אידן מיט אַ גרויסן אָנווער געוואָרן צוריקגעשלאָגן דורך דעם חיל פֿונ'ם הויפּטמאַן גאָרגיאַס, וואָס זינט דער מפּלה בײַ עמוס האָט ער זיך געפֿונען אין געוועזענעם לאַנד פֿון די פּלשתים. די כּראָניקען־שרײַבער ערקלערן, אַז דער דאָזיגער קריג איז ניט געוואונען געוואָרן דערפֿאַר, וואָס מען האָט איהם געפֿירט אָהן דעם וויסן פֿון יהודה'ן, וואָרום נאָר „דורך זיי (די חשמונאים) האָט געדאַרפֿט קומען די ישועה פֿאַר ישראל".

די מלחמה פֿאַר דער צייט פֿון אנטיוכוס V און דער צייטווייליגער שלום.

45. דערווייל זענען אין די העכסטע רעגירונגס־קרייזן פֿון סיריען פֿאָרגעקומען גרויסע שנויים. אנטיוכוס עפּיפֿאַנעס האָט אין זײַנע מלחמות מיט פּערסיען אויך ניט געהאַט קיין הצלחה, פּונקט ווי זײַנע קריגס־הויפּטלײַט אין מלכות־יהודה. נאָך אַ ניט־געלונגענעם פּרוב אויסצורויבען די אוצרות פֿון אַ הײדנישען טעמפּעל אין פּערסיען, האָט זיך אנטיוכוס אומגעקעהרט צוריק אין זײַן הויפּטשטאָדט, נאָר אונטערוועגס איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבען (164). די לעצטע טעג פֿונ'ם טיראַן זענען פֿערפֿינסטערט געוואָרן דורך די בשורות וועגן די נצחונות פֿון די פֿערהאַסטע אידען. די טראַדיציע איז מוסיף, אַז אנטיוכוס איז געשטאָרבען אין שרעקליכע עינויים (אָדער אין אַן אָנפֿאַל פֿון משוגעת), און אַז פֿאַר'ן טויט האָט ער חרטה געקראָגן דערויף, וואָס ער האָט אַזוי געפּײַניגט דאָס אידישע פֿאָלק. די לעצטע ידיעה איז אָבער מסתּמא מעהר אַ מוסר־השכל, איידער אַ היסטאָרישער פֿאַקט.

אנטיוכוס IV־ענס טויט האָט אַרויסגערופֿען אַ מהומה צווישען די הויפֿישע קרייזען אין אַנטיוכיאַ. דער קרוין־יורש איז געווען דער יונגער זוהן פֿון פֿערשטאָרבענעם, אנטיוכוס V אויפּאַטאָר. פֿאַר אַנאַפּטרופּוס איבער דעם דאָזיגען יורש און פֿאַר אַ פֿערוואַלטער איבער דער מלוכה, ביז יענער וועט אויסוואַקסען,

איז, לויט אנטיוכוס׳ס צואה, בעשטימט געוואָרען דער סירישער קריגס-הויפּטמאַן פיליפּוס. נאָר דער פריהערדיגער צייטווייליגער פערוואַלטער איבער דער מלוכה, ליזיאַס, האָט ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון זיינע הענד די ממשלה און די אפּטרופּסות איבער דעם יונגען קעניג. הוית, ווי ליזיאַס האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס, האָט ער זיך הערשלאָגען דערצו, אַז פאַקטיש איז די ממשלה גע- בליבען ביי איהם. דער דאָזיגער אינעווייניגסטער קאַמפּף אין אנטיוכיא האָט אָפּ- געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג פון די געשעהענישען אין מלכות-יהודה. ליזיאַס פלעגט אַליין אָבלעגען זיין קריגס-צוג אין דעם דאָזיגען אידערשפּעניגען לאַנד, מחמת ער האָט מורא געהאַט, אַז פאַר דער צייט, וואָס ער וועט ניט זיין אין אנטיוכיא, וועט זיין קאָנקורענט, פיליפּוס, אַריינכאַפּען די ממשלה.

נאָר צולעצט איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען ווייטער אָבלעגען די מלחמה איז שוין ניט מעהר מעגליך געווען. יהודה המכבי׳ס זיגרייכער חיל האָט בעלעגערט די פעסטונג אַקרא, מחמת ער האָט געוואָלט אַרויסשטופּען דעם סירישען גאַרניזאָן פון ירושלים. דאָס האָט אַרויסגעוואָרפען אַ שרעק אויף די סירישע קריגסלייט און בעזונדערס אויף די אידען-העלעניסטען פון מענעלוים׳ס פּאַרטיי, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער זייער שוץ. עטליכע פון די בעלעגערטע אין אַקרא האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצוכאַפּען זיך פון דער פעסטונג און צו אַנטלויפען קיין אנטיוכיא. דאָרט האָבען זיי זיך ביטער בעקלאָגט דערויף, וואָס די רעגירונג האָט פערלאָזען אידהרע פערטיידיגער און אַנהענגער אין מלכות-יהודה, וואָס זי האָט געגעבען די מורדים די מעגליכקייט צו בעפעסטיגען בית-צור און דעם הר-הבית און וואָס זי שטערט ניט זייער שטרעבונג אינגאַנצען אַראָבצו-וואַרפען די סירישע איבערהערשאַפט. די אידען-העלעניסטען האָבען מוסיף געווען, אַז זייערע געזינונגס-חברים האָבען אויסצושטעהן רדיפות מצד די מורדים, וואָס שיטען אַלע די, וואָס פאָלגען דעם קעניגס בעפעהל, קאָנפיסקירען זייער האָב-און-גוטס און אויף אַזאַ אופן טוען זיי זיי אָן צרות פאַר זייער געטריישאַפט דעם סירישען קעניג.

ערשט דעמאָלט האָט די רעגירונג פערשטאַנען, ווי ווייט די מרידה איז אַוועק אין מלכות-יהודה, און דער פערוואַלטער ליזיאַס האָט אָנגעהויבען ערנסטיש זיך גרייטען צו אַ מלחמה. ס׳איז צונויפגעקליבען געוואָרען אַ גרויסער חיל פון פוס-פאָלק און רייטערייי מיט קריגס-העלפאַנדען. ליזיאַס אַליין האָט איבער-גענומען די קאָמאַנדע איבער דעם דאָזיגען חיל און האָט זיך געלאָזט געהן קיין מלכות-יהודה און גענומען מיט זיך אויך דעם יונגען אנטיוכוס V (163).

די סירער זענען אויך דאָס-מאָל אַריינגעדרונגען אין מלכות-יהודה פון דרום-זייט און האָבען בעלעגערט די פעסטונג בית-צור. דער אידישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, האָט זיך געשלאָגען העלדיש, נאָר ער האָט ניט געקאָנט בעשטעהן קעגען דעם אונגעהויערן חיל פון ליזיאַס׳ן און האָט גע-

מיט אונטערגעבען די פעסטונג, מעהר ניט פאַר זיך האָבען די אידישע קריגס־לייט אויסגערעדט אַ תנאי, מען זאָל זיי לאָזען פריי דורכגעהן.

אַז יהודה המכבי האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער אָבגעשטעלט די בעלעגערונג פון אַקרא און איז אַרויס מיט זיין חיל פון ירושלים אַנטקעגען דעם שונא. ביי בית־זכריה, צווישען ירושלים און בית־צור, האָבען זיך בעגעגענט ביידע אַרמעען, און ס'איז פאָרגעקומען אַ הויפּט־שלאַכט. יהודה'ס חיל האָט אויך דאָ אַרויסגעוויזען זיין געוועהנליכען מוט, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט גובר זיין דעם אונצעהליגען סירישען חיל. איינער פון יהודה'ס ברידער, אלעזר, האָט געוואָלט בעווייזען אַ גבורה און האָט געדאַכט דורכדעם מיט אַמאָל פערשאַפען דעם נצחון די זייניגע. דערזעהענדיג פאַר זיך צווישען דער פיינדליכער אַרמעע אַ הויכען און שטאַרק אויסגעפוצטען העלפאַנד, וואָס אויף איהם איז געריטען עפּיס אַ יונגער קריגס־הויפּטמאַן, האָט ער אָנגענומען דעם דאָזיגען מענשען פאַר'ן קעניג. און אלעזר האָט גענומען שניידען אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג דורך די רייהען פון די פיינד, האָט זיך אונטערגעוואָרפען אונטער די פיס פונ'ם העלפאַנד און דורכגעשטאָכען איהם מיט זיין שווערד. די מוראדיג גרויסע חיה האָט געגעבען אַ פאַל אַנידער אויף דער ערד, נאָר דורך איהר שווערקייט האָט זי דערשטיקט אויף טויט דעם מוטיגען שטרייטער.

אַזעלכע העלדישע מעשים פון איינציגע פערזאָנען האָבען אָבער ניט געקאָנט פערשאַפען די אידען דעם נצחון. נאָך אַ האַרטנאַקיגען קאַמפּף איז יהודה המכבי'ס חיל געצוואונגען געווען אָבצוטרעטען צוריק קיין ירושלים. דער שונא האָט זיך געלאָזען נאָך איהם און באַלד האָט ער זיך בעוויזען נעבען די מויערן פון ציון און האָט בעלעגערט די פעסטונג אויפ'ן הר־הבית. די לאַגע פון די בעלעגערטע איז געווען אַ געפעהרליכע. עס האָט אויסגעפעהלט ביי זיי עסענוואַרג, ווארום דעמאָלט איז געווען אַ שמיטה־יאָהר, די פעלדער אין לאַנד יהודה זענען ניט בעאַרבייט געוואָרען און אין לאַנד איז ווייניג געווען צוגעגרייט תבואות.

ס'האָט אויסגעוויזען, אַז ווי נאָר ציון וועט צעשטערט ווערען, וועלען פערפאַלען ווערען אַלע גלענצענדע רעזולטאַטען פונ'ם אויפשטאַנד, און דאָס לאַנד יהודה וועט ווידער אַרונטערפאַלען אונטער דער טיראַניע פון די סירער. נאָר ס'האָט זיך אויסגעלאָזען אַנדערש. ליזיאַס, וואָס איז שוין געווען נאָהענט צום נצחון, האָט דערהערט פּלוצלינג, אַז אין אנטיוכיא גרייט מען זיך צו אַ מלוכה־איבערקעהרעניש, מחמת אַהין געהט זיין קאָנקורענט פיליפּוס, וואָס וויל צונעהמען פאַר זיך די איבערהערשאַפט אַלס געזעצליכער אפּוטרופּוס פונ'ם יונגען קעניג. ביי אַזאַ מעמד האָט ליזיאַס שוין מעהר ניט געקאָנט ווייטער פיהרען די מלחמה אין מלכות־יהודה: ער האָט געמוזט זיך אײַלען אין די הויפּט־שטאָדט פון סיריען. און דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגען די אידען צו שליסען שלום אויף

ועהר גוטע תנאים, לויט זייער דעמאָלטיגען מצב. די אידען האָבען זיין פאַרשלאָג אָנגענומען (163). לויט דעם דאָזיגען שלום-אָבמאַך, האָבען די אידען בעקומען א פאָלקאָמע רעליגיעזע פרייהייט, די רעכט אונגעשטערט אָבצוהיטען זייערע מנהגים און צערעמאָניעס, זיי האָבען מעהר ניט בעדאַרפט אָנערקענען די איבערהערשאַפט פון סיריען. אַלס א סימן פון זייער פאָליטישער אונטערטעניגקייט האָבען די אידען בעדאַרפט צעשטערען די בעפעסטיגונגען פון דעם הר-הבית; נאָר, פון דער אַנדערער זייט, האָבען זיי בעקומען פונ'ם פערוואַלטער א גאַראַנטיע פאַר זייער גייסטיגער אויטאָנאָמיע. דער כהן-גדול — דער בוגד מענעלאוס, וואָס איז בעשטימט געוואָרען דורך אנטיוכוס עפיפאַנעס, איז אָראָבגעזעצט געוואָרען פון זיין שטעל.

באַלד אָבער, ווי עס ווערט דערצעהלט אין די כראָניקען, האָט דער קעניג געוואָרפען אַן אומ'חן אויף מענעלאוס'ן, און אויפ'ן בעפעהל פון אנטיוכוס V. אָדער ליזיאַס'ן האָט מען איהם געטויט. ווי נאָר מען האָט אויפגעהערט איבער געוואַלד צו העלעניזירען די אידען און רודפ'ן זייער רעליגיע, האָט געמוזט פאַלען דער מענש, וואָס איז געווען איינער פון די הויפט-שולדיגע אינ'ם דאָזיגען אכזריות'דיגען רעזשים, וואָס האָט אַרויסגערופען א געפעהרליכען פאָלקס-אויפשטאַנד.

אויף אַזאַ אופן, זיינען אָפיציעל אָבגעשאַפט געוואָרען אַלע פעראָרדנונגען פון אנטיוכוס עפיפאַנעס קעגען דער יהדות, און ס'איז ווידער איינגעשטעלט געוואָרען די אָרדנונג, וואָס האָט עקזיסטירט ביז דער עפאָכע פון די רדיפות. דער פינף-יאָהריגער העלדישער קאַמף פון די חשמונאים איז ניט אַוועק אומזיסט: די סירישע רעגירונג האָט זיך איבערצייגט, אַז די פאָליטיק פון איבערגעוואַלדיגער העלעניזירונג און רעליגיעזע רדיפות איז מעהר געפעהרליך פאַר די פערפאָלגער, מחמת די דאָזיגע אונזיניגע פאָליטיק האָט שיער ניט געבראַכט דערצו, אַז דאָס לאַנד יהודה זאָל זיך אָבטיילען פון דער אימפעריע פון די סעלייקידען. פון דער אַנדערער זייט, האָבען די אידישע פאַטריאָטען בעדאַרפט זיך דערווייל בעגנוגענען מיט דעם רעזולטאַט, וואָס זיי האָבען דערגרייכט — וואָס די רדיפות האָבען אויפגעהערט. נאָר אויף להבא האָבען זיי געחלומ'ט וועגען עפיס-וואָס גרעסערעם פאַר זייער פאָטערלאַנד, און זייערע חלומות זיינען טאַקע מקוים געוואָרען.

דמיטריוס I און דער כהן-גדול אַלקימוס.

§ 46. באַלד נאָכדעם, ווי ליזיאַס מיט אנטיוכוס'ן האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה מיט יהודה המכבי, איז אין סיריען פאָרגעקומען א גרויסע דינאַסטישע איבערקעהרעניש, וואָס האָט זיך אויך אָבגערופען אויף די ענינים פון לאַנד יהודה. דמיטריוס, א זוהן פון קעניג סעלייקוס IV און א פלימעניק פון אנטיוכוס עפיפאַנעס, איז אַנטלאָפען געוואָרען פון רום, וואו ער האָט זיך גע-

פֿינען אַלס משכּון פֿון דער סירישער רעגירונג. ער איז אַרויס אויפֿ'ן פֿעניציִשען ברעג פֿון מיטעללענדישען ים, האָט אַריבערגעצויגען צו זיך אַ טייל פֿון דער אַרמעע און האָט אויסגעשטעלט זיינע תּביעות, אַז איהם קומט די סירישע קרוין. מיט דער הילף פֿון זיינע אָנהענגער איז ער אַריינגעטראָטען אין אַנטיוכיא און איז געוואָרען אויסגערופֿען אַלס קעניג, אונטער'ן נאָמען דמיטריוס I סאָטער (162). דעם פֿריהערדיגען יונגען קעניג אַנטיוכוס V און זיין אַפּטרופּוס ליזיאַס האָט ער געהייסען טייטען. דער רוימישער סענאַט איז לכתּחלה געווען אויפֿגעבראַכט דעריבער, וואָס דער סירישער פּרינץ איז אַנטלאָפֿען געוואָרען, נאָך דערנאָך האָט ער געגעבען זיין הסכּמה דעם געשעהענעם פֿאַקט און האָט אָנערקענט דמיטריוס'ן פֿאַר אַ געזעצליכען קעניג. ער האָט מעהר ניט בעהאַלטען זיין פֿריהערדיגען פּראָטעקטאָראַט איבער דער דינאַסטיע פֿון די סעלייקידען.

אין יענער צייט האָבען זיך די אינעווייניגסטע ענינים אין מלכות־יהודה ווידער אַמאָל איבערגעאַנדערשט. נאָכדעם, ווי דער שלום־אָפּמאַך מיט ליזיאַס'ן האָט ווידער איינגעשטעלט פֿרייהייט פֿון רעליגיע אין לאַנד, האָט זיך פֿון דאָס־ניי אָנגעהויבען אַ קאַמפּף צווישען די העללעניסטען און חסידים. די טריומפֿירענדע פּאַרטיי פֿון די חשמונאים האָט ניט געקאָנט לעבען בשלום מיט די אידען־העללעניסטען, וואָס האָבען בעוויזען דורך זייערע מעשים, ווי גרינג מען קאָן אַריבערגעהן פֿון אַסימילאַציע צו נאַציאָנאַלער בגידה. ס'האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגען סבלנות מצד נאַציאָנאַליסטען־פּאַטריאָטען בנוגע צו אַ פּאַרטיי, וואָס אַ סך פֿאָרשטעהער פֿון איהר זענען דאָ ניט לאַנג געשטאַנען אין די רייהען פֿון די פֿיינד און בוגדים פֿון דער נאַציע.

די פּאַרטיי פֿון די העללעניסטען אָבער האָט זיך נאָך ניט גערעכענט פֿאַר בעזיגט. אמת טאַקע, איהרע עקסטרעמע פֿאָרשטעהער פֿון מענעלויס'ס פֿראַקציע האָבען בעקומען אַ מפּלה, אָבער די געמעסיגטע העללעניסטען האָבען געשטרעבט צו פֿרייהייט אין זייערע מעשים און אפֿילו צו מאַכט. בראש פֿון אָטאָ די געמעסיגטע אַסימילאַטאָרען איז געשטאַנען אַלקימוס (אויף העברעאיש יהויקים), פֿון דער משפּחה פֿון די כּהנים־גדולים. בכדי צו בעקומען די ממשלה אין איהרע הענד, האָט אַלקימוס'ס פּאַרטיי געווענדט זיך מיט אַ השתּדלות צו דער סירישער רעגירונג, אַז עס זאָל ווידער איינגעשטעלט ווערען די כּהונה־גדולה, וואָס נאָך מענעלויס'ס פֿאַלען איז די אָפּגעשאַפֿט געוואָרען, און אַז דער כּהן־גדול זאָל ווידער ווערען דער גייסטליכער און וועלטליכער רעגירער איבער די אידען און זאָל זיין דער פֿערמיטלער צווישען זיי און דער סירישער אויבער־העררשאַפֿט. אַלס אַ קאַנדידאַט אויף דער כּהונה־גדולה איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַלקימוס, וואָס האָט געהאַט דערויף געזעצליכע רעכט לויט זיין אָפּשטאַמונג. אַלקימוס איז אַוועק קיין אַנטיוכיא, בכדי פּערזענליך זיך משתּדל צו זיין, אַז מען זאָל איהם בעשטימען פֿאַר אַ כּהן־גדול. דערביי האָט ער זיך בעקלאָגט פֿאַר'ן קעניג דמיטריוס I דעריבער, וואָס די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי פֿון

די חשמונאים אונטערדריקט די העלעניסטען, און האט אנגעוויזען דערויף, אז עס איז נויטיג איינצושטעלען א געזעצליכע מאכט און ארדנונג אין לאנד, וואס איז צעטרייסעלט געווארען דורך די מהומות.

דער קעניג האט געמוזט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון אלקימוס'ן, איבערלאזען די ממשלה איבער דאס לאנד יהודה. יהודה המכבי'ן און זיינע אנהענגער — וואלט בעטייט אנערקענען פאר געזעצמעסיג די רעוואלוציאנערע רעגירונג, וואס האט דערגרייכט צו דער דאזיגער ממשלה דורך אנאויפשטאנד און וואס האט נאך געדאלטען אין הארצען א שנאה קעגען די סיריער. בכדי איינצושטעלען אין דעם אונרוהיגען לאנד א געזעצליכע ארדנונג, האט מען בעדארפט אוועקשטעלען בראש פון פאלק אזא מענשען, וואס זאל זיין אנאנהענגער פון דער סירישער רעגירונג. און דעריבער האט דער קעניג בעשטימט אלקימוס'ן פאר א כהן־גדול און האט איהם געהייסען איינפיהרען די אלטע ארדנונג אין מלכות־יהודה. אזוי ווי מען האט זיך געקאנט ריכטען, אז די פארטיי פון די חשמונאים וועט ארויסווייזען א ווידערשטאנד, דעריבער האט דמיטריוס געשיקט קיין ירושלים זיין קריגס־הויפטמאן באקכידעס מיט א חיל, בכדי ער זאל, ווען עס וועט נויטיג זיין, איבער געוואלד אריינזעצען אלקימוס'ן אויף זיין שטעל.

אונטער'ן שוץ פונ'ם סירישען חיל האט אלקימוס זיך דערנעהנטערט צו ירושלים. לכתחלה האט ער ניט ארויסגעוויזען קיין ענטשלאסענע אנטי־נאציאנאלע מיינונגען, נאר אדרבה, ער האט פערזיכערט דעם פאלק, אז ער איז גרייט צו דינען זיינע נאציאנאלע אינטערעסען. א בעדייטענדער טייל פון פאלק און אפילו א סך חסידים זענען געווען נוטה צו גלויבען די דאזיגע הבטחות און האבען בעטראכט אלקימוס'ן אלס דעם געזעצליכען כהן־גדול פון הויז אהרן, וואס איז בערופען איינצושטעלען שלום אין לאנד נאך די לאנג־יאהריגע מהומות. נאכדעם, ווי די קנאים האבען זיך דערשלאגען צו רעליגיעזער פרייהייט, האבען זיי גערעכענט, אז זיי האבען דערגרייכט צום ענדציעל פון זייער קאמפף, און האבען געמיינט, אז נאכדעם, ווי עס איז בעשטימט געווארען א נייער כהן־גדול, וועט זיך אנהויבען ווידער איינשטעלען די רעליגיעזע אווטאנאמיע אין מלכות־יהודה. אויף אזא אופן האט אלקימוס געקאנט אריינטרעטען אין ירושלים אהן א ווידערשטאנד, און דא איז צו איהם צוגעשטאנען א גרופע געלערנטע סופרים און חסידים.

נאר יהודה המכבי און זיין פארטיי פון די פאטריאטען האבען ניט געגלויבט, אז עס איז מעגליך א פולקומע אווטאנאמיע אהן פאליטישער פרייהייט. זיי האבען ניט געטרויט דעם כהן־גדול, וואס איז בעשטימט געווארען דורך די סיריער, און דאבען ניט געגלויבט, אז ער וועט איינשטעלען שלום; זיי האבען מורא געהאט, אז דער דאזיגער שלום זאל ניט ברענגען צו א נייער אונטערדריקונג פונ'ם אידישען פאלק.

אַז זייער מורא האָט געהאַט אַ יסוד, האָט זיך אַרויסגעוויזען גיכער איידער מען האָט זיך געקאָנט ריכטען. ווי נאָר אַלקימוס האָט זיך איינגעפֿעסטיגט אויף זיין שטעל, האָט ער געהייסען טויטען זעכציג מאַן פֿון דער פּאַרטיי חסידים, מסתמא פֿאַר זייערע פֿריהערדיגע פֿיינדליכע מעשים קעגען די העלעניסטען. דער נייער כהן־גדול האָט געוואָלט מיט דעם דאָזיגען אַקט, פֿון איין זייט, אַרויסווייזען זיין איבערגעגעבענקייט דער סירישער רעגירונג, און פֿון דער אַנדערער זייט — אַרייניאָגען אַ שרעק דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. נאָר אין לעצטען פּרט האָט ער דערגרייכט פּונקט דעם היפּוך דערפֿון, וואָס ער האָט געוואָלט: מיט זיינע אכזריות'דיגע מעשים האָט ער אָבגעשטויסען פֿון זיך אַפֿילו די יעניגע וואָס האָבען איהם פֿריהער געטרויט, און פֿאַר איהם איז געבליבען נאָר איין וועג: זוכען שטיצע ביי דער סירישער רעגירונג און ביי דער העלעניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פֿאַר דער צייט שטאַרק שיטער געוואָרען.

באַקכידעס איז אין יענער צייט שוין אַוועק פֿון ירושלים און האָט איבערגעלאָזען דאָרט אַ טייל פֿון זיין חיל אויף היטען אַלקימוס'ן; נאָר די דאָזיגע וואַך איז געווען ווינציג. יהודה המכבי, וואָס איז מיט זיין געטריישן חיל אַוועק פֿון ירושלים, בשעת אַלקימוס איז אָנגעקומען, האָט ווידער אויפֿגעהויבען אַ מרידה אין דער פּראָווינץ. דאָס מאָל האָט ער גערופֿען דאָס פֿאָלק צום קאַמפּף קעגען די אינעווייניגסטע פֿיינד — קעגען די העלעניסטען, וואָס האָבען איינגעשטעלט די אַלטע אָרדנונג מיט דער הילף פֿון די סירישע זעלנער. און אַ סך ערשטערע האָבען יהודה'ס קריגסלייט שטאַרק גערודפֿ'ט די העלעניסטען, אַלס בוגדים קעגען דער נאַציע. אַז אַלקימוס האָט דערזעהן, אַז ער און זיין פּאַרטיי געפֿינען זיך אין סכנה, האָט ער זיך ווידער אַמאָל געווענדעט צום קעניג דימיטריוס מיט אַ בקשה, איהם צו שיקען הילף. דער קעניג האָט אומגעזאַמט אַרויסגעשיקט קיין מלכות־יהודה אַ חיל אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿונ'ם הויפּטמאַן נקנור (161).

„דער טאָג פֿון נקנור“; יהודה המכבים טויט.

§ 47. נקנור איז געקומען קיין מלכות־יהודה מיט'ן בעפֿעהל איינצושטילען די פֿערביסענע רעוואָלוציאָנערען פֿון דער פּאַרטיי פֿון די חשמונאים און פֿערהעלפֿען צום נצחון דער „אָרדנונגס־פּאַרטיי“, וואָס איז געווען געטריי דער סירישער רעגירונג. לכתחילה האָט נקנור געוואָלט אַריינגנאַרען יהודה'ן מיט דער אויסריד פֿון פֿרידענס־פֿערהאַנדלונגען; נאָר אַז דער דאָזיגער פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבען, האָט ער אָנגעהויבען די מלחמה. אונטערוועגס קיין ירושלים, ביי כפר־שלם, האָט נקנור געהאַט דעם ערשטען געשלעג מיט יהודה'ס חיל, און דאָ האָבען די סירער בעקומען אַ מפלה. אין ירושלים, וואו ס'האָט געהערשט אַלקימוס'עס פּאַרטיי, האָט מען אויפֿגענומען נקנור'ן פֿריינדליך; נאָר אויפֿגערייצט דורך זיין לעצטער מפלה, איז יענער זיך בעגאַנגען זעהר אונפֿריינדליך מיט די פֿאָרשטעהער פֿון שטאָדט. אַז די כהנים און די אידישע עלטסטע דאָ־

בעת איהם בעגריסט ביים בית-המקדש, האָט ער זיך איזדיעקוועט איבער זיי און האָט זיי געסטראַשעט, אַז ער וועט שפּעטער פֿאַרברענען דעם בית-המקדש, אויב זיי וועלען ניט אַרויסגעבען יהודה'ן און זיין חיל די סיריער. נקנור האָט, משמעות, ווינציג געגלויבט, אַז די ירושלמים זענען טאַקע באמת געטריי דער סירישער רעגירונג, און האָט זיי חושד געווען, אַז זיי פֿיהלען מיט דער מרידה.

באַלד נאָכדעם איז נקנור אַוועק מיט זיין חיל, וואָס איז נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרען דורך נייע אַבטיילונגען, וואָס זענען געשיקט געוואָרען פֿון סיריען, קיין בית-חורון, וואו עס האָט זיך געפֿינען יהודה'ס לאַגער. דאָ, נעבען דאָרף אדסה (חדשה), איז 13 טעג אין חודש אָדר פֿון יאָהר 161 פֿאָרגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ פֿולקומען נצחון פֿון די אידען. נקנור איז געפֿאַלען אין אָנהויב פֿון דער שלאַכט, און אַז דער פֿיהרער איז שוין ניט געווען, זענען די קריגסלייט אַנטלאָפֿען געוואָרען. די אידען האָבען זיי נאָכגעיאָגט און האָבען דערהרג'עט די, וועמען זיי האָבען געכאַפּט. דער דאָזיגער נצחון האָט פֿאַרשאַפֿט די פּאַטריאָטען אַ גרויסע פֿרייד: דאָ איז געשלאָגען געוואָרען דער פֿיינד, וואָס האָט נאָך ערב דער שלאַכט זיך איזדיעקעוועט גראָב איבער די הייליגסטע געפֿיהלען פֿון דער אידישער נאַציע און האָט העזה'דיג געסטראַשעט דעם גרויסען נאַציאָנאַלען הייליגטום. אַלס זכר וועגען דעם נצחון איבער נקנור'ן איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען דעם 13-טען אָדר (ערב פּורים) פֿאַר אַ יום-טוב. און נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער, פֿלעגט מען אין לאַנד יהודה אָבהיטען דעם דאָזיגען היסטאָרישען יום-טוב, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „יום-נקנור".

אויף אַ געוויסער צייט איז אַלקימוס'עס פּאַרטיי דערווייטערט געוואָרען פֿון דער ממשלה, און בראש פֿון פֿאָלק זענען ווידער געשטאַנען יהודה המכבי און זיינע אָנהענגער. איצט האָט זיך ענדגילטיג אַרויסגעוויזען דער פּאָליטישער אונטערשייד צווישען די ביידע פּאַרטייען, וואָס פֿריהער האָבען זיי געפֿיהרט צווישען זיך בלויז אַ קולטור-קאַמפּף: איינע איז געשטאַנען אויף'ן צד פֿון דער סירישער רעגירונג, די אַנדערע האָט געשטרעבט צו אַ פֿולקומענער אויטאָנאָמיע. ס'איז קלאָר געוואָרען, אַז די בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צוליעב דער בעפֿרייאונג פֿון רעליגיעזען דרוק, וועט געהן ווייטער, ביז דער פּאָליטישער בעפֿרייאונג. צו דער לעצטער זענען די חשמונאים געגאַנגען אָהן אָבהאַלט, דורך דער קראַפֿט פֿון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט.

כּדי צוצוגרייטען די תּנאים, ביי וועלכע ס'זאָל זיין מעגליך אַראָבצו-וואַרפֿען די סירישע ממשלה, האָט יהודה בעשלאָסען צו ווענדען זיך נאָך הילף צו דער מעכטיגער רוימישער רעפּובליק, וואָס אין יענע צייטען האָט זי געהאַט די גרעסטע דעה אין די ענינים פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

פֿון דעמאָלט אָן, זינט ס׳איז פֿאָרגעקומען דער צוזאַמענשטויס צווישען די רוימער מיט אנטיוכוס דעם גרויסען, האָבען די ערשטע אײנגעשטעלט אַ מין פּראָטעקטאָראַט איבער דער מלוכה פֿון די סעלעוקידען. די סירישע פּרינצען פֿלעגען אָפֿט וואוינען אין רוים, אַלס משכנות, און די רעפּובליקאַנישע רעגירונג פֿלעגט שטרענג אַכטונג געבען אויף אַלצדינג, וואָס עס קומט פֿאָר אין הויף פֿון די סעלעוקידען און אין זייער קעניגרייך. בשעת די סירער פֿלעגען וועלען אײנעמען נײַע לענדער, פֿלעגען די רוימער זיי ניט דערלאָזען דערצו, און די סירישע מלכים פֿלעגען ניט־ווילענדיג זיך מוזען אונטערגעבען (אויבען, § 40). אַזוי ווי רוים האָט ניט געוואָלט, אַז די סירישע ממשלה איבער׳ן מזרח זאָל זיך פֿערשטאַרקען, דעריבער האָט זי געמוזט אונטערשטיצען די שטרעבונגען מצד די פֿעלקער, וואָס זענען געווען אונטערטעניג דער דאָזיגער מאָנאַרכיע, צו ווערען זעלבשטענדיג, ובכן אויך דעם אויפֿשטאַנד פֿון די חשמונאים.

יהודה האָט דאָס געוואוסט, און דעריבער האָט ער געשיקט קיין רוים צוויי שלוחים מיט׳ן פֿאָרשלאָג, אַז די רעפּובליק זאָל שליסען מיט די אידען אַ שוץ־בונד. דער סענאַט האָט גערן אָנגענומען דעם דאָזיגען פֿאָרשלאָג, וואָס איז געווען בהסכם מיט די פּאָליטישע פּלענער פֿון דער רעפּובליק אין אָריענט און וואָס האָט אײַנגעשלאָסען אין איהר ווירקונגס־קרײַז אויך דאָס לאַנד יהודה. לויט דעם „פֿרײַנדשאַפֿטליכען אָבמאַך“, וואָס איז געוואָרען געשלאָסען, האָבען זיך בײדע צדדים מתחייב געווען צו העלפֿען אײנער דעם אַנדערען אין פֿאַל פֿון אַ קריג (אין אָריענט), „לויט ווי דער מצב וועט דאָס פֿאָדערן“ (160—161). בשעת די אידישע פֿיהרער זענען דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעטראָטען אין פֿרײַנדשאַפֿטליכע באַציהונגען מיט רוים, בכדי צו בעקומען אומאָבהענגיגקײַט פֿאַר זייער נאַציע, — איז זיי געווים אַפֿילו אין זינען ניט אַרײַנגעפֿאַלען, אַז די דאָזיגע אומערזעטליכע וועלט־מלוכה וועט אין הונדערט יאָהר אַרום אַליין אַרויפֿלעגען איהר האַנד אויף דער אומאָבהענגיגקײַט פֿון די אידען...

דער געשלאָסענער בונד האָט באַלד געבראַכט דערצו, אַז דער רוימישער סענאַט האָט פֿאָרגעלעגט דעם קעניג דמיטריוס I, ער זאָל אָבשטעלען די מלחמה קעגען די אידען. נאָר די דאָזיגע התראה איז געקומען שוין צו־שפּעט. באַלד נאָכדעם, ווי דמיטריוס האָט בעקומען די ידיעה, אַז ניקנור האָט בעקומען די מפּלה, האָט ער אַוועקגעשיקט קיין מלכות־יהודה אַ חיל פֿון 20 טויזענד מאַן אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון באַקכידעס. זעהר גיך האָט באַקכידעס דערנעהנטערט זיך צו ירושלים. יהודה האָט ניט בעוויזען זיך צוצוגרייטען, מחמת ער האָט זיך ניט גערעכנט, אַז די פֿײַנד וועלען אַזוי גיך קומען, און דעריבער האָט ער געקאָנט אַרויסשטעלען בלויז 3000 מאַן. דער גרעסטער רוב פֿון די דאָזיגע קריגס־לײַט האָבען ניט געהאַט דעם מוט אַרײַנצוטרעטען אין אַן אָפֿענעם געשלעג מיט די סירער און זענען בעשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל אָבטרעטען צוריק, בכדי אָנצוקלײַבען אַ שטאַרקערע אַרמעע. נאָר דער אומערשראָקענער יהודה

דאָס אַפילו ניט געוואָלט הערען וועגען שענדליכען אָבטרעטען. „אויבּ ס'איז געקומען פֿאַר אונז די צייט (צו שטאַרבּען) — זאָגט ער — טאָ לאָמיר שטאַרבּען, ווי מענער, פֿאַר אונזערע בּרידער, נאָר לאָמיר קיין פֿלעק ניט אַרויפֿלעגען אויף אונזער כּבוד". פֿון זיין גאַנצען חיל האָבּען 800 שטרייטער מסכּים געווען צו געהן מיט איהם. מיט'ן דאָזיגען היפֿעל מוטיגע לייט איז יהודה בּעפֿאַלען דעם שונא בּיי אלאַס (ליש, אָדער אדאַס). ער האָט שוין געהאַט געשלאָגען דעם רעכטען פֿליגעל פֿונ'ם פֿיינד'ס חיל, וואו ס'האָט זיך געפֿונען בּאַקכידעס גופֿא; נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז ער איז אַרומגערינגעלט דורך קריגסלייט פֿון לינקען פֿליגעל. דער מוטיגער קליינער חיל יהודה'ס האָט זיך געשלאָגען העלדענמוטיג, נאָר ער איז אַלץ קלענער געוואָרען. צולעצט איז געפֿאַלען אין שלאַכט מיט'ן שווערד אין דער האַנד אויך דער גרויסער פֿיהרער (אין פֿריהיאָהר 160). יהודה'ס בּרידער האָט זיך איינגעבּעטען בּלויז אויפֿצוזוכען זיין טויטען קערפּער, וואָס זיי האָבּען אָבגעפֿיהרט קיין מודיעין און מקבּר געווען אין פֿאַמיליען-סקלעפּ פֿון די חשמונאים. אַלע אידען האָבּען בּעוויינט דעם טויט פֿונ'ם גרויסען העלד, וואָס האָט געראַטעוועט דעם פֿאָלקס פֿרייהייט און וואָס איז געפֿאַלען אין מיטען זיין גרויסער טאַט אין דעם מאָמענט, בּשעת די דאָזיגע פֿרייהייט איז ווידער געשטאַנען אין סכּנה.

פֿערטער קאַפּיטעל.

די מלחמות פֿאַר דער אונאָבּהענגיגקייט; יונתן און שמעון (160—140)

יונתן. די מלחמה מיט בּאַקכידעס'ן און דער צייטווייליגער שלום. — אַלכּסנדר בּאַלאַס; יונתן כּהן-גדול. — דמיטריוס II; די פֿערבּרייטערונג פֿון דער טעריטאָריע און אויטאָנאָמיע פֿון מלכות-יהודה. — די ווייטערדיגע פֿערשטאַרקונג פֿון מלכות-יהודה בּיז יונתנ'ס טויט. — שמעון און די בּעפֿרייאונג פֿון מלכות-יהודה.

יונתן, די מלחמה מיט בּאַקכידעס'ן און דער צייטווייליגער שלום.

§ 48. יהודה המכּבּי איז געשטאָרבּען אין יענעם איבּערגאַנגס-מאָמענט בּשעת די אידען האָבּען שוין אָנגעהויבּען קעמפֿען פֿאַר זייער פּאָליטישער פֿרייהייט נאָכדעם, ווי צו רעליגיעזער פֿרייהייט האָבּען זיי שוין געהאַט דערגרייכט. דאָס ערשטע איז געווען אַ סך שווערער פֿאַר דאָס לעצטע. אינ'ם קאַמפּ-

קעגען רעליגיעזען דריק האָבען אָנטייל גענומען א סך אַזעלכע, וואָס די רדיפות פֿון אנטיוכוס IV האָבען זיי דירעקט אָנגערירט. די גראָבע געוואַלד, וואָס מען פֿלעגט אָנטון דעם געוויסען פֿון די גלויבינגע, האָט זיי בעוואויגען צו שטעלען זיך אונטער דער פֿאָהן פֿון די חשמונאים, און דער דאָזיגער האַרטנאַקיגער ווידערשטאַנד פֿון די מאַסען, וואָס זענען געווען בעגייסטערט דורכ'ן גלויבען, האָט געבראַכט צו שלום מיט ליזיאַס'ן אין יאָהר 163, וואָס האָט אָפֿיציעל ווידער איינגעשטעלט די רעליגיעזע אַוטאָנאָמיע פֿון די אידען. נאָכדעם אָבער, ווי דאָס פֿאָלק האָט בעקומען די מעגליכקייט צו האַלטען פֿריי זיין אמונה, האָט זיין גרעסטער רוב גאָרנישט ניט געהאַט קעגען דער סירישער ממשלה. א סך חסידים האָבען געהאַלטען, אַז די מרידה האָט דערגרייכט איהר צוועק, און זענען געווען גרייט אַפֿילו צו אָנערקענען די ממשלה פֿון כהן־גדול אַלקימוס, אַבי ער זאָל נאָר זוכען שטיצע ביי זיין פֿאָלק און ניט אין די געוועהר פֿון די סירער.

נאָר די פּאַרטיי פֿון די העלדען־חשמונאים האָט פֿערשטאַנען, אַז מען טאָר זיך ניט אָבשטעלען אויף דעם דערגרייכטען בעשיידענעם רעזולטאַט, נאָר מען מוז געהן ווייטער — ביז צו דער ערָאָבערונג פֿון נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע. זיי האָבען פֿערשטאַנען, אַז נאָר אַזאַ אַוטאָנאָמיע וואָלט געקאָנט פֿערזיכערן די נאַציע קעגען אַזעלכע מהומות, ווי די, וואָס זי האָט אַקאָרשט איבערגעלעבט. יהודה המכבי האָט אָנגעהויבען קורץ פֿאַר זיין טויט אַרבייטען אין דער דאָזיגער ריכטונג. נאָר דהות, ווי ער האָט ניט געפֿינען קיין מיטגעפֿיהל ביי דער פֿאָלקסמאַסע, וואָס האָט געגאַרט נאָך רוה נאָך די פֿיעל־יאָהריגע מלחמות, דעריבער האָט ער געמוזט זיך בעגנוגען מיט די קרעפֿטען פֿון זיין קליינעם חיל — און איז געפֿאַלען אין אונגלייכען שטרייט.

יהודה'ס טויט האָט צייטווייליג אַרויסגערופֿען א טומעל אין די רייהען פֿון די עקסטרעמע פּאַטריאָטען און האָט געבראַכט צום נצחון פֿון דער פּאַרטיי געמעסיגטע אָדער רודפי־שלום, וואָס זענען געווען אָנהענגער פֿון דער געזעצליכער סירישער ממשלה. אַלקימוס האָט זיך אויפֿ'ס ניי איינגעפֿעסטיגט אין ירושלים, אַלס כהן־גדול און פּאַרזיצענדער פֿונ'ם ראַט פֿון די זקנים (גערוזיא). די דאָזיגע אַריסטאָקראַטישע אָליגאַרכיע (ממשלה פֿון ווייניג מענשען) האָט געזאָרגט נאָר פֿאַר אָרדנונג און רוה אין לאַנד; איהר פּראָגראַם איז געווען — הכנעה'דיגע אונטערגעבענקייט דער סירישער רעגירונג, וואָס האָט צוריקגעגעבען דער נאַציע איהר רעליגיעזע פֿרייהייט. זי האָט דעריבער געקוקט אויף דער פּאַרטיי פֿון די חשמונאים, ווי אויף א באַנדע מורדים, וואָס קאָנען מיט זייערע מעשים מעהר ניט צורייצען די סירישע רעגירונג און אַרויפֿשלעפּען א נייעם אונגליק אויף דאָס לאַנד יהודה.

אַזוי האָט אויך געקוקט אויף דער זאַך דער פֿערוואַלטער באַקכידעס, וואָס איז געבליבען אין מלכות־יהודה נאָך זיין נצחון ביי אַלאַס (ליש), בכדי איינצושטעלען „די געזעצליכע אָרדנונג“. ער האָט גערודפ'ט, ווי געפֿעהרליכע רע־

וואָלוציאָנערן, די אָנהענגער פון יהודה המכבי, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט אויסגעבויט אַ גאַנצע ריי פעסטונגען אין די שטעדט (יריחו, עמוס, בית־חורון, בית־צור און אַנדערע) און האָט דאָרט פונאַנגעשטעלט סירישע גאַרניזאָנען; ער פלעגט נעהמען קינדער פון חשובֿע אידישע משפחות און אָבשיקען זיי אַלס משכנות אין ירושלמ׳ער פעסטונג אַקראַ, כּדי צו זיין זיכער, אַז די אידען וועלען ניט מורד זיין קעגען דער סירישער איבערהערשאַפט.

באַקבידעס׳ס רדיפות האָבען בעוואויגען די פּאַרטיי פון די „קנאים" זיך ענגער צו שליסען, כּדי זיך צו פערטיידיגען. די רעשטען פון חיל פון די חשמונאים און די פּאַטריאָטען, וואָס האָבען זיי מיטגעפיהלט, האָבען אויסגעקליבען פאַר אַ פיהרער יהודה׳ס יונגערן ברודער, יונתן, — און די דאָזיגע וואַהל האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר זעהר געלונגען. יונתן האָט ניט געהאַט דעם לייבען־מוט און די היציגע התלהבות פון זיין פערשטאָרבענעם ברודער; ער האָט אָבער געהאַט אַנדערע מעלות, וואָס זענען געווען מעהר צוגעפּאַסט צום נייעם פּאָליטישען מאָמענט. ער איז געווען זעהר פאָרזיכטיג און פלעגט גענוי אַרומטראַכטען איטליכען שריט זיינעם. אויב יהודה האָט געקאָנט גיך אָנגעצונדען ווערען, איינשטעלען זיך אין סכנה און געהן גלייך צו זיין ציעל, דערפאַר אָבער האָט יונתן פערשטאַנען געדולדיג אָבצוּוואַרטען דעם מאָמענט, ווען מען קאָן עפּיס אויפטון מיט דער קלענסטער ריזיקע און מיט די גרעסטע שאַנסען אויף הצלחה. ער איז געווען ניט בלויז אַ קריגסמאַן, נאָר אויך אַ פּאָליטיקער, אַ דיפּלאָמאַט, וואָס האָט פערשטאַנען אויסצונוצען צוליעב זיינע צוועקען אַלע פעהלערן פון זיינע שונאים. אַדאַנק די דאָזיגע פעהיגקייטען פון איהר נייעם פיהרער, האָט די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי פון די חשמונאים ניט בלויז געקאָנט בלייבען פעסט אין קריטישען מאָמענט, נאָר אַפילו שפּעטער פערשטאַרקען זיך און דערגרייכען צו דער ממשלה.

היות ווי יונתנ׳ס חיל, מחמת ער איז געווען צו קליין, האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט זיך אַנטקעגענצושטעלען אַקטיוו קעגען באַקבידעס׳ן. דעריבער איז ער אַוועק אין מדבר תקוע, וואָס ליגט ניט ווייט פונ׳ם אָרט, וואו דער ירדן פאַלט אַריין אין ים־המלח. אין די דאָזיגע ווילדע סטעפּעס, וואו עד־היום וואַנדערען אַרום די בעדואינען, האָבען אַרומגעוואָגעלט די אָבטיילונגען פון די אידען און האָבען געוואַרט אויף אַ בעסערע צייט, כּדי ווייטער צו פיהרען זייער פּאַטריאָטישען קאַמפּף. יונתן און זיינע קריגסלייט האָבען גענומען מיט זיך פון מלכות־יהודה זייערע פרויען און קינדער, און אויך זייער האָב־און־גוטס, וואָס באַקבידעס האָט געקאָנט עס קאָנפיסקירען, אַלס דאָס איינענס פון מורדים במלכות. כּדי ס׳זאָל איהם זיין גרינגער צו בעוועגען זיך, האָט יונתן אָבגעשיקט, אונטער דער השגחה פון זיין ברודער יוחנן, אַלצדינג צום בעפריינדעטען אַראַבישען שבט בני־נביות, וואָס האָבען געוואוינט אויף יענער זייט ירדן. אונ־

טערונגס, געבען מידבא (אין מזרח־זייט פון ירדן), זענען אויף יוחנן אָנגעפאַלען רויבער פון שבט בני־אַמרי (יאַמבּרי), דאָבען אים געטויט און צעראַבירט זיין געפעק. דעמאָלט זענען יונתן און זיין ברודער שמעון אַריבער דעם ירדן בראש פון זייער חיל, זענען פּלוצלינג אָנגעפאַלען אויף די רויבער, בשעת יענע האָבען געפּייערט עפּיס אַ חתונה, און האָבען זיך אָן זיי נוקם געווען דאַרט פאַר'ן טויט פון זייער ברודער. בשעת זיי האָבען זיך אומגעקערט צוריק, האָבען זיי זיך אָנגעטראָפען אויפ'ן ברעג פון ירדן מיט באַקכידעס'ס חיל. נאָך אַ קורצען ווידערשטאַנד, זענען יונתן און זיינע קריגסלייט אַריינגעשפּרונגען אין ירדן און געלאָזט זיך אַריבערשווימען אויף יענער זייט. באַקכידעס'עס חיל אָבער, וואָס איז געווען שווער בעוואָפענט, האָט ניט געקאָנט נאָכיאָגען זיך נאָך זיי און איז געבליבען אויפ'ן אַנדער ברעג.

באַלד איז אַלקימוס געשטאָרבען (159). דער פּלוצלינגדיגער טויט פונ'ם כהן־גדול דעם העלעניסט ווערט אַרויסגעשטעלט אין דער פאָלקס־טראַדיציע אַלס אַ שטראָף פון גאָט, וואָס דאָט געטראָפען דעם רשע גראַד אין יענעם מאָמענט, בשעת ער דאָט געהאַט צעשטערט די אַלטע וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם אינעווייניגסטען הויף פון בית־המקדש, בכדי צו פערגרינגערן די היידען צוצוקומען צום הייליגטום. דעמאָלט איז באַקכידעס, וואָס איז געזעסען אין ירושלים דער עיקר צוליעב דעם, בכדי אונטערצוהאַלטען דעם כהן־גדול, וואָס די פּאַטריאָטען האָבען אים פיינט געהאַט, אַוועק צוריק קיין אנטיוכיא.

יונתן האָט אויסגענוצט די צייט, וואָס באַקכידעס איז ניט געווען, און האָט אָנגעהויבען אַלץ מעהר צונויפקלייבען אַרום זיך אָנהענגער פון פאָלק. ער האָט אָנגעהויבען אָפען צו קעמפפען קעגען די העלעניסטען און אָנהענגער פון דער סירישער רעגירונג, וואָס האָבען איצט אָנגעוואָרען זייערע בעשיצער. די העלעניסטען האָבען זיך געווענדט מיט טענות אין אנטיוכיא און האָבען געבעטען, מען זאָל אַרויסשיקען חיל אויף איינצושטילען די פּאַטריאָטען.

נאָכדעם, ווי באַקכידעס איז ווידער געקומען מיט זיין חיל אין מלכות־יהודה, האָט ער בעגעגענט אַן ענערגישען ווידערשטאַנד מצד יונתן און זיין ברודער שמעון, וואָס האָבען שוין בעוויזען בעדייטענד צו פערשטאַרקען זייער חיל. די סירייער האָבען ניט געקאָנט מיט ערפאָלג קעמפפען קעגען פיינד, וואָס האָט זיך ניט געשלאָגען מיט זיי אין אָפענעם פעלד, נאָר ער פלעגט אויסמאַטערן זיי דורך זיינע פּלוצלינגדיגע קליינע אָנפאַלען. באַקכידעס האָט זיך לסוף איינגעמודעט דורך די דאָזיגע קליינע צוזאַמענשטויסען, וואָס האָבען גאָר קיין סוף ניט גענומען. אים איז דערעסען געוואָרען דער אַריינמישען זיך אין די מחלוקות'ן פון די אידישע פּאַרטייען, און ער איז שטאַרק געווען אונצופרידען מיט די העלעניסטען, וואָס האָבען אים אַרויסגערופען. דעריבער האָט ער גערן אָנגענומען יונתנ'ס פאָרשלאָג וועגען דעם, אַז ביידע צדדים זאָלען אָבשטעלען די מלחמה (157). מען האָט געשלאָסען שלום, וואָס זיינע תנאים זענען געווען אונגעפעהר פאָל־

גענדע: די פּאַרטיי פון די חשמונאים אָנערקענט די איבערהערשאַפט פון סיריען, און די סירישע רעגירונג דערלויבט איהר צו טון, וואָס זי וויל, אַבי איהר טעטיגקייט זאָל ניט אַריבער די גרענעצען פון אַנאינעווייניגסטען קולטור־קאַמפף; די סירישע רעגירונג מישט זיך ניט אַריין אין דעם דאָזיגען קאַמפף און אַפילו קיין כהן־גדול אָנשטאָט אלקימוס'ן בעשטימט ניט די רעגירונג, נאָר דאָס פאָלק קלייבט איהם אויס.

דער פּועל־יוצא פונ'ם דאָזיגען אָבמאַך איז געווען דאָס, וואָס אין משך פון עטליכע יאָהר איז די שטעל פון כהן־גדול ניט געווען פערנומען, מחמת צווישען די פיהרער פון פאָלק איז קיין אחדות ניט געווען בנוגע צו דעם פּונקט. אין דער אידישער זעלבסטפערוואַלטונג האָט זיך די ממשלה צעשפּאָלטען: אין ירושלים האָט געהערשט די אָליגאַרכיע פון די אידישע אַריסטאָקראַטען, וואָס האָט זיך געפונען אונטער'ן שוץ פון סירישען גאַרניזאָן; יונתן און זיינע אָנהענגער האָבען זיך פערפעסטיגט אין מכמש, אין צפון־זייט פון ירושלים, און דאָ האָט די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי געהאַט איהר צענטער פון זעלבסטפערוואַלטונג. באַקכידעס איז אויף שטענדיג אַוועק פון מלכות־יהודה.

אויף אַזאַ אופן האָט די סירישע רעגירונג געמאַכט די אידען נאָך איין הנחה. פריהער האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון צו בעגרענעצען די פרייהייט פון רעליגיע, און איצטער האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון אַריינצומישען זיך אינ'ם אינעווייניגסטען קאַמפף פון די אידישע פּאַרטייען — די העלעניסטען און די נאַציאָנאַליסטען — און האָט איבערגעלאָזט דעם נצחון יענער פּאַרטיי, וואָס האָט מעהר אָנהענגער צווישען פאָלק.

אלכסנדר באַלאַס און יונתן כהן־גדול.

§ 49. בערך אַ יאָהר פיער נאָכ'ן שלום מיט באַקכידעס'ן איז אין מלכות־יהודה געווען רוהיג, לפי־ערך. קיין צוזאַמענשטויסען מיט די סירער זענען ניט פאָרגעקומען, אויך דער פּאַרטיי־קאַמפף האָט אָנגעוואָהרען זיין פריהערדיגען שאַרפען כאַראַקטער. נאָכדעם, ווי די העלעניסטען האָבען אָנגעוואָהרען די שטיצע מצד דער סירישער רעגירונג, האָבען זיי צו ביסלעכווייז אָנגעהויבען פערלירען זייער פּאָליטישען איינפלוס, מחמת דער גרעסטער רוב פון אידישען פאָלק איז געווען קעגען זיי. אָבער די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי פון די חשמונאים איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער. יונתן האָט דערווייל זיך אָבגעהאַלטען פון אַניאָנפאַלונגס־פּאָליטיק קעגען סיריען, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער אַלץ געשטרעבט צו זיין ציעל: צו דער פּאָליטישער בעפרייאונג פון זיין נאַציע. ער איז געגאַנגען צום דאָזיגען ציעל פּאַמעליך, נאָר זיכער, אויסניצענדיג איטליכע געלעגענהייט צו בעפעסטיגען און פערברייטערן די אידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. אַ גאַנצע רייה פון אַזעלכע גינסטיגע צופאַלען האָבען געגעבען יונתנ'ן די מעגליכקייט צו פערווירקליכען זיין אויפגאַבע אַ סך גיכער, איידער ער האָט גערעכענט.

אין יענער צײַט, האָט זיך אין סיריען ווידער אָנגעהויבן פֿון דאָס־נײַ א קאַמפּף פֿאַר דער קרוין, וואָס האָט געבראַכט צו לאַנג־יאָריגע דינאַסטישע מהומות, וואָס האָבן ביז גאָר אויסגעשעפּט די קרעפֿטן פֿון דער דאָזיגער מלוכה. די אַלטע שונאים פֿון די סעלעווקידען, די מלכים פֿון עגיפּטן און פֿון קליין־אַזיען, האָבן גערן אונטערגעהאַלטן די דאָזיגע מהומות און געגעבן הילף פֿערשידענע שווינדלער, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן אַלס פּרעטענדענטן אויפֿ'ן סירישן טראָן. אַ דאַנק אַזעלכע פּאָליטישע אינטריגעס האָט זיך באַוויזן אין יאָהר 153 אַ פּרעטענדענט, וואָס האָט געוואָלט אָפּנעמען די קעניגליכע מאַכט בײַ דמיטריוס I. דאָס איז געווען אַ יונגער מאַן פֿון נידעריגער אָבשטאַמונג, אַ געבוירענער פֿון קליין־אַזיען, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פֿאַר אַ זוהן פֿון אנטיוכוס עפּיפֿאַנעס. וואָס אײַך איהם איז ער געווען ענהליך לויט זײַן אויסווייניגסטען אויסזעהן. זײַן אמת'ער נאָמען איז געווען באַלאַס, און אַלס פּרינץ פֿלעגט ער זיך אָנרופֿען אַלכּסנדר. מיט דער הילף פֿון זײַנע בעשיצער איז אַלכּסנדר באַלאַס מיט זײַן חיל אַרײַנגעדרונגען אין סיריען און האָט אָנגעהויבן אַנערבּיטערטען קאַמפּף קעגען קעניג דמיטריוס. הזות, ווי דמיטריוס האָט נויטיג געהאַט מיליטער, דעריבער האָט ער אָבגערופֿען זײַנע גאַרניזאָנען פֿון די אידישע פֿעסטונגען, חוץ צוויי — ירושלים און בית־צור.

נאָר דאָ איז פֿאַר'ן קעניג אויפֿגעשטאַנען אַ נײַע סכנה; דער פֿיהרער פֿון די אידען, יונתן, האָט געקאָנט אָדער אינגאַנצען אָבטיילען זיך פֿון סיריען, אויסנוצענדיג דאָס, וואָס אין מלכות־יהודה איז פֿאַראַן ווינציג מיליטער, אָדער ער האָט געקאָנט אַריבער אויפֿ'ן צד פֿונ'ם נײַעם פּרעטענדענט, אויב יענער וועט איהם פֿאָרלעגען גינסטיגע תנאים. דמיטריוס האָט זיך דעריבער געפֿעדערט פֿאַר זײַן קאָנקורענט און האָט זיך בעמיהט צוצוציהען צו זיך די אידען און זייער פֿיהרער. ער האָט בעשטימט יונתנ'ן פֿאַר'ן קאָמאַנדיר איבער זײַן חיל אין מלכות־יהודה, און אַלס סימן, אַז ער געטרויט די אידען, האָט ער געהייסן בעפֿרײַען די מיטגלידער פֿון די חשובֿע אידישע משפּחות, וואָס זענען געווען פֿערהאַלטען אַלס משכּנות אין דער פֿעסטונג אַקרא. אַלס אַ קעניגליכער בעפֿולמעכטיגטער, איז יונתן תּיכּף אַרײַנגעטראָטן אין ירושלים, וואָס אַ לאַנגע צײַט האָט ער אַהין ניט געקאָנט אַרײַן, און האָט זיך גענומען בעפֿעסטיגען דעם באַרג ציון, וואָס האָט בעדאַרפֿט פֿערטיידיגען דעם בית־המקדש.

און באַלד איז געשעהן דאָס, וואָס דמיטריוס האָט דערפֿאַר מורא געהאַט. דער פּרעטענדענט אַלכּסנדר באַלאַס, וואָס האָט בעדאַרפֿט האָבן פֿערבינדעטע, האָט געמיהט זיך צוצוציהען צו זיך דעם פֿיהרער פֿון די אידען דורך נאָך גרעסערע הבטחות. ער האָט בעשטימט יונתן פֿאַר אַ כּהן־גדול, האָט געשיקט איהם במתנה אַ פּורפּור־מאַנטעל מיט אַ גאָלדענער קרוין און האָט געבעטען, ער זאָל שליסען מיט איהם אַ בונד און געבען איהם הילף. יונתן האָט טאַקע באַלד אָנגענומען די כּהונה־גדולה, וואָס שוין לאַנג האָט ער אַפּנים צו איהר

געשטערצט. אום סוכות פון יאָהר 153 איז ער דאָס ערשטע מאָל געקומען אין בית-המקדש, אָנגעטאָן אין די פּראַכט-קליידער פון אַ כהן-גדול. דאָס האָט בעטייט, אַז אָפיציעל איז די ממשלה איבער פון דער פּאַרטיי העלעניסטען, וואָס האָבען אין דער מהומה-צייט איבערגעוואַלד אַריינגעכאַפּט די כהונה-גדולה, צו דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי און צו איהרע אָנפיהרער — די חשמונאים. ס'איז קלאָר געווען, אַז פאַר דער טובה פון לאַנד יהודה און פאַר'ן נצחון פון דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג איז געווען גינסטיגער דער בונד מיט'ן פּרעטענדענט, איידער מיט דמיטריוס'ן, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג, דורך באַקכידעס'ן, אונטערדריקט די חשמונאים. אָט דערפאַר איז יונתן איבער אויפ'ן צד פון אלכסנדר'ן און האָט אפילו ניט געוואָלט קוקען אויף די נייע גלענצענדע פאָרשלאָגען, וואָס דמיטריוס האָט צוגעשיקט, וואָס האָבען צוגעזאָגט די אידען אַ ברייטע אויטאָנאָמיע און פרייהייט פון אָבצאָהלונגען. מען מוז אָננעהמען, אַז דער פיהרער פון די אידען האָט געהאַט אַ יסוד ניט צו געטרויען די דאָזיגע צוזאָגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין אַ קריטישען אויגענבליק, אָדער ער האָט גערעכענט, אַז דמיטריוס האָט דאָ סיי ווי סיי פאַרשפּיעלט.

דער פאָרגעפיהל האָט יונתנ'ען טאַקע ניט אָבגענאַרט: נאָך אַ צוויי-יאָהריגען קריג, איז דמיטריוס אומגעקומען אין'ם קאַמפּף מיט'ן פּרעטענדענט, און אלכסנדר איז געוואָרען ערקלערט אַלס קעניג פון סיריען (150).

ובכן האָט יונתן, אַ דאַנק דעם גליקליכען ציפאַל און זיין פּאָליטישען פערשטאַנד, דערגרייכט צו אַזאַ מעמד, וואָס יהודה המכבי האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגען נאָך אַלע זיינע גבורות. אַ מיטגליד פון דער רעוואָלוציאָנערער משפחה פון די חשמונאים האָט בעקומען די כהונה-גדולה, איז געוואָרען דער אָפיציעלער מושל פון פאָלק און איז געווען כמעט אונאָבהענגיג פון סירישען קעניג. אלכסנדר באַלאַס פלעגט איהם בעטראַכטען ניט אַלס אונטערטעניגען פירשטען, נאָר אַלס זיינעם אַנ'איינפלוסרייכען פערבינדעטען. ער האָט איינגעלאַדען יונתנ'ען אויף זיין חתונה, וואָר ער האָט געמאַכט מיט דער טאָכטער פונ'ם עגיפּטישען קעניג תלמי פילאָמעטאָר. דאָ איז דער אידישער פיהרער געזעסען אינאיינעם מיט'ן קעניג פון סיריען, און מען האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד, אַלס דעם רעגירער פון אַ בעפריינדעטער נאַציע. אַ דעפּוטאַציע פון די העלעניסטען איז געקומען קיין פּטאָלעמאַאידע און האָט געטריבט אָנ'מסר'ן אויף יונתנ'ען פאַר אלכסנדר'ן, נאָר דער לעצטער האָט אין זייערע מסירות ניט געגלויבט. דער קעניג האָט בעשטימט יונתנ'ען פאַר אַ „סטראַטעג" און „מערידאַרך", דאָס הייסט פאַר'ן מיליטערישען און ציווילען פערוואַלטער איבער מלכות-יהודה, און האָט אויף אַזאַ אופן בעשטעטיגט פאַר איהם די מאַכט, וואָס ער האָט שוין פאַקטיש געהאַט.

דמיטריוס II; די פֿערברייטערונג פֿון דער טעריטאָריע און פֿון דער אויטאָנאָמיע פֿון מלכות־יהודה.

§ 50. אין משך פֿון איינינע יאָהר האָט יונתן רוהיג פֿערוואַלטעט איבער מלכות־יהודה, אַלס כהן־גדול און אָפֿיציעל אָנערקענטער פֿאָלקס־פֿיהרער (עטנאַרך). דאָס לאַנד, וואָס ניט לאַנג איז עס געוועזען פֿערשקלאַפֿט, איז שוין געוועזען אויף דער העלפֿט אומאָבהענגיג. נאָר מדרגות־ווייז איז עס געגאַנגען צו זיין פֿיל־קומענער פּאָליטישער אומאָבהענגיגקייט, און דערצו האָבען ניט ווייניג מיטגעהאָלפֿען די דינאַסטישע מהומות אין סוריען, וואָס האָט געהאַלטען ביים פֿינאַנדערפֿאַלען. אַלכּסנדר באַלאַס איז ניט געוועזען קיין פֿעהיגער רעגירער; ער האָט מעהר ניט ליעב געהאַט אַ פֿרעהליך לעבען, פּונקט ווי דער גרעסטער רוב פֿון די גריכיש־סירישע אַריסטאָקראַטען אין יענער צייט. קעגען איהם האָט מורד געווען, אין יאָהר 147, דער געזעצליכער קרוין־יורש דמיטריוס II, דמיטריוס I־ענס אַ זוהן. דער פֿערוואַלטער פֿון קעלעסיריען, אַפּאָלאָניוס, איז אַריבער אויפֿ'ן צד פֿון דמיטריוס'ן, נאָר יונתן איז געבליבען געטריי זיין בונד מיט אַלכּסנדר'ן. מחמת דעם איז אַרויסגעקומען אַ קריג צווישען יונתן און אַפּאָלאָניוס. די אידען האָבען אָבגעהאַלטען אַ נצחון: יונתן האָט צעשלאָגען אַפּאָלאָניוס'ס חיל ביי אַ ש ד ו ד, האָט צעשטערט די שטאָדט און דעם טעמפּעל פֿון דגון, וואָס האָט זיך דאָרט געפֿונען, האָט פֿערטריבען דעם סירישען גאַרניזאָן פֿון י פ ו, און מיט טריומף זיך אומגעקעהרט קיין ירושלים. אַלס דאַנק פֿאַר דער דאָזיגער הילף, האָט אַלכּסנדר געשאָנקען יונתנ'ען די אַלטע פּלשתישע שטאָדט ע ק ר ו ן.

נאָר יונתנ'ס הילף האָט ניט געקאָנט איינהאַלטען אויפֿ'ן טראָן אַלכּסנדר'ן, וואָס קעגען איהם האָבען מורד געווען אַ סך בירגער פֿון אנטיוכיא און אַ טייל פֿון דער אַרמעע. אפֿילו זיין שוועהר, דער עגיפּטישער קעניג תלמי VI, איז אַריבער אויפֿ'ן צד פֿון דמיטריוס און האָט איהם אָבגעגעבען זיין טאָכטער, וואָס ער האָט די אָבגענומען ביי אַלכּסנדר'ן. אַלכּסנדר האָט בעקומען אַ מפּלה אין אַ שלאַכט מיט דמיטריוס'ן און תלמי'ן און איז אַנטלאָפֿען קיין אַראַביען, און דאָרט איז ער באַלד דערהרג'עט געוואָרען. דמיטריוס II איז געוואָרען קעניג פֿון סיריען (145).

נאָר יונתן האָט נאָך אַלץ ניט אָנערקענט דעם נייעם קעניג. ער האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, גערעכענט דעם דאָזיגען מאָמענט פֿאַר גינסטיג צו דערגרייכען נאָך אַ גרעסערע אומאָבהענגיגקייט — און האָט אָנגעהויבען בעלעגערן די פֿעסטונג אַקרא אין ירושלים, וואו ס'איז געשטאַנען דער סירישער חיל און וואו די העלעניסטען פֿלעגען זיך בעהאַלטען. העדיוּת האָט מען געקוקט אין אנטיוכיא, ווי אויף אַ רעוואָלוציאָנערען אַקט, און אויך די העלעניסטען, וואָס זענען אַנטלאָפֿען געוואָרען פֿון לאַנד יהודה, האָבען אַרויסגעשטעלט יונתנ'ס אונטערנעהמונג אַלס אַ וועלכע. דעמאָלט האָט דמיטריוס אַרויסגעפֿאָדערט יונתנ'ען קיין פּטאָלאָמאַאידע.

ער זאָל זיך פֿערענטפֿערן. דער פֿירער פֿון די אידען איז אַוועק צום קעניגס אָהן מורא, נאָר די בעלעגערונג פֿון אַקרא האָט ער ניט אָפּגענומען. ער האָט געוואוסט, אַז ביי זיין איצטיגער שוואַכער לאַגע נויטיגט זיך דער סירישער קעניג אין פֿריינדשאַפֿט מצד די אידען און וועט מיט זיי איצט קיין קריג ניט פֿירען.

און ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען, אַז יונתן איז געווען גערעכט. דמיטריוס האָט איהם אויפֿגענומען בכבוד גדול, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מעכטיגען מושל. יונתן האָט געבעטען דעם קעניג, ער זאָל בעפֿרייען דאָס לאַנד יהודה פֿון די אָבצאָהלונגען און ער זאָל צוגעבען צו איהם דריי שכנ'ישע געביטען פֿון לאַנד פֿון די שומרונים (אפרים, לוד און רמתים). און פֿאַר דער לעצטער הנחה האָט יונתן זיך מתחייב געווען אַריינטראָגען אין דער קעניגליכער קאַסע 300 טאַלענטען. דמיטריוס האָט ערפֿילט די בקשה פֿונ'ם אידישען פֿירער, מחמת ער האָט מעהר ניט געוואָלט, ער זאָל זיין איהם געטריי און קומען איהם צו הילף אין צייט פֿון אַ נויט.

און אין גיכען האָט דמיטריוס טאַקע בעדאַרפֿט האָבען די דאָזיגע הילף. קעגען איהם איז אַרויסגעטראָטען אַ נייער פּרעטענדענט. טריפֿאָן, דער געוועזענער הויפּט-מאַן פֿון אלכסנדר באַלאַס, איז געוואָרען דער אפּוטרופּוס פֿון דעם לעצטענ'ס יונגען זוהן אנטיוכוס VI, און אין נאָמען פֿונ'ם דאָזיגען פּרעטענדענט האָט ער אָנגעהויבען אויפֿרודערן דאָס פֿאָלק קעגען דמיטריוס'ן. אין אנטיוכיא האָט זיך געגרייט אַ גאַסען-רעוואָלוציע. דעמאָלט האָט דמיטריוס זיך געווענדט נאָך הילף צו יונתנ'ען, און דער לעצטער האָט געשיקט קיין אנטיוכיא אַן אָבטיילונג פֿון דריי טויזענד אידישע קריגסלייט. מיט זייער הילף האָט זיך דמיטריוס'ן איינגעגעבען צו דערשטיקען דעם פֿאָלקס-אויפֿשטאַנד. אַזוי האָבען זיך די צייטען אומגעביטען. מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, בשעת עס האָט געהערשט דער טעראָר פֿון אנטיוכוס עפּיפֿאַנעס, וואָלט קיינער ניט געגלויבט, אַז עס איז נאָהענט די צייט, ווען די אידען וועט אויסקומען צו ראַטעווען דעם טראָן פֿון די סעלייקידען אין דער הויפּט-שטאָדט גופֿא פֿון סיריען.

די ווייטערדיגע פֿערשטאַרקונג פֿון מלכות-יהודה ביז יונתנ'ס טויט.

§ 51. בשעת דמיטריוס II האָט זיך געפֿונען אין סכנה און האָט זיך גענויטיגט אין הילף מצד די אידען, האָט ער צוגעזאָגט צו פֿערברייטערן ווייטער אויטאָנאָמיע און איבערגעבען צו יונתנ'ען אין די הענד די ירושלמ'ער פֿעסטונג עקרא און אַנדערע פֿעסטונגען, וואו ס'האָבען זיך געפֿונען סירישע גאַרניזאָנען. נאָר ווי די סכנה איז פֿאַרביי געגאַנגען, אַדאַנק יונתנ'ס הילף, האָט דער קעניג

פֿערגעסען זײַנע הבטחות און האָט אָנגעהויבען אַפֿילו בעציהען זיך פֿײַנדליך צום אידישען פֿיהרער. איבער דער דאָזיגער פֿאַלשקייט איז יונתן שטאַרק אויסגעבראַכט געוואָרען און האָט בעשלאָסען, בײַ דער ערשטער בעקוועמער געלעגענהייט, צו צערײַסען זײַן בונד מיט דמיטריוסן.

אַזאַ געלעגענהייט איז טאַקע באַלד געווען. דעם יונגען פּרעטענדענט אַנטיאָכוס VI און זײַן אַפּטראָפּוס טריפֿאָן האָט זיך אײַנגעגעבען צוציצוהען אויף זייער צד אַ בעדייטענדען טייל פֿון דער קעניגליכער אַרמעע און אײַנצונעמען אַנטיאָכיאַ (144). אין סיריען און אידישע קאָלאָניעס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שאַרפֿער קאַמפֿ צווישען דמיטריוס II און זײַנע קאָנקורענטען, טריפֿאָן און אַנטיאָכוס VI, אַלס די יורשים פֿון אַלכסנדר באַלאַס, זענען אַרײַנגעטראָטען אין פֿערהאַנדלונגען מיט דעם געוועזענעם פֿערבינדעטען פֿונ'ם דאָזיגען קעניג, יונתן, און האָבען איהם פֿאָרגעלעגט צו בענײַען דעם בונד אויף גינסטיגע תנאים פֿאַר בײדע צדדים. לויט'ן אָבמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען, האָט דער כהן-גדול און פֿיהרער פֿון די אידען בעקומען אַלע רעכט און פֿרייהייטען, וואָס ער האָט געוואָלט בעקומען פֿון דמיטריוס (חוץ אַקראַ און די פֿעסטונגען), און ער האָט זיך מתחייב געווען צו שטיצען מיט מיליטער דעם קנאַבען-קעניג אַנטיאָכוס VI. זײַן ברודער שמעון איז בעשטימט געוואָרען אַלס „סטראַטעג“, דאָס הייסט, קאָמאַנדיר פֿונ'ם מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿ'ן פּאַלעסטינער ברעג פֿון מיטעלענדישען ים. די ברידער חשמונאים האָבען בעקומען אַ כח-הרשאה אָבצורײַסען דאָס לאַנד יהודה און די שכנישע געגענדען פֿון דמיטריוס II-ענס חיל. דאָס האָט זיי געגעבען אַ גרויסע מאַכט אין גאַנץ פּאַלעסטינע, — און זיי האָבען עס אויסגענוצט סײַ צוליעב די אינטערעסען פֿון זייערע פֿערבינדעטע, סײַ צוליעב דער טובה פֿון זייער פֿאָטערלאַנד.

די מלחמה האָט זיך געפֿיהרט אין צוויי פּונקטען: אין דער פּלשתישער געגענד נעבען ים און אין גליל. אין ערשטען פּונקט האָט יונתן, בראש פֿון סירישע און אידישע אָבטהיילונגען, אײַנגענומען פֿאַר אַנטיאָכוס VI די שטעדט אשקלון און עזה. אין גליל האָט ער אָבגעהאַלטען אַ נצחון איבער דמיטריוס'ס אַרמעע, ניט ווייט פֿון ים-כנרת (געניסאַרעטער אָזערע). הערנאָך האָט ער געפֿיהרט זײַן חיל קיין צפֿונית-מזרחית, אַהינטער די בערג לבנון, האָט אָבגעשטופּט דעם פֿײַנדליכען חיל פֿון דער גרעניץ און, איבער דמשק, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ירושלים. דאָ האָט יונתן צונויפֿגערופֿען די אידישע עלטסטע און האָט בעשלאָסען אײנאײנעם מיט זיי צו בעפֿעסטיגען די הויפּט-שטאָדט און אײניגע פּראָווינץ-שטעדט. ער האָט געהייסען אויפֿהויבען העכער די מויערן אַרום ירושלים און אויסבויען צווישען אַקראַ און דעם הר-הבית אַ הויכע מויער, בכדי אָבצושיידען דעם הייליגען טייל שטאָדט פֿון סירישען גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַקראַ.

אין דער װעלביגער צײַט האָט שמעון געװאָרגט װעגן באַפֿעסטיגן די גרענ־ניצן פֿון מלכות־יהודה. נאָך אַ לאַנג־דױערנדיגער בעלעגערונג האָט ער אײַנגענומען די חרומדיגע הױפּט־פֿעסטונג בית־צור, האָט פֿאַרטריבן פֿון דאָרט דעם סיריִשן גאַרניזאָן דמיטריוס II־ענס, און אַנשטאָט אים האָט ער אַװעקגעשטעלט אַ אידישן. שמעון האָט אױך אײַנגענומען יפו און האָט געמאַכט די דאָזיגע ים־שטאָדט, װאָס געפֿינט זיך אַזױ נאָהענט צו ירושלים, פֿאַר אַ אידישע פֿעסטונג. אַזױ האָבן די ברידער חשמונאים פֿאַרטריבן די סיריער מיט דער הילף פֿון די סיריער גופֿא, און האָבן אױך אַזאַ אױפֿן צוגעגרײט אַ באָדן פֿאַר דער פֿולקומענער אונאָפּהענגיקײט פֿון מלכות־יהודה.

די כראָניקען װײַזן מוסיף, אַז אין יענער צײַט האָט יונתן געשיקט שלוחים צום רױמישן סענאַט מיט דער שליחות צו באַנײַען דעם פֿרײַנדשאַפֿטליכן בונד מיט רױם, װאָס יהודה המכבי האָט נאָך געהאַט געשלאָסן; די דאָזיגע שליחות האָט זיך פֿולקום אײַנגעגעבן. אױב די דאָזיגע ידיעה איז ריכטיג, מוז מען משער זײַן, אַז דער פּאָליטיש װײַטזיכטיגער פֿירער פֿון די אידן האָט געװאָלט זײַן באַזיכערט מיט דער שטיצע מצד דער רױמישער רעפּובליק, בשעת ער האָט זיך געגרײט צו דערקלערן זײַן לאַנד אַלס אונאָפּהענגיג. אין באמת טאַקע האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז אַ צוזאַמענשטױס מיט׳ן „פֿאַרבינדעטען״ סיריען איז געװען ניט אױסצומײַדן, מחמת די אינטערעסן פֿון בײדע פֿאַרבינדעטע, װי עס האָט זיך פֿריִער אָדער שפּעטער געמוזט אַרױסװײַזן, זענען געװען סותרדיגע צו אַנאַנד. בשעת יונתן און שמעון פֿלעגן אײַננעמען אַלס קעניגליכע באַפֿולמעכטיגטע פֿאַרשײדענע געגענדען פֿון פּאַלעסטינע פֿאַר אנטיוכוס VI, פֿלעגן זײ פּראַקטיש פֿאַראײניגן אײניגע טײלן פֿון דער עראָבערטער טעריטאָריע מיט דעם לאַנד יהודה. ס׳איז געװען קלאָר, אַז די אידן שטרעבן ניט בלױז צו באַקומען פּאָליטישע זעלבשטענדיגקײט, נאָר אױך צו פֿאַרברײטערן זײער טעריטאָריע.

דאָס האָט סוף־כּל־סוף באַמערקט אנטיוכוס׳עס אַפּוטראָפּוס, טריפֿאָן, װאָס איז געװען אַ פֿאַלשער און אַכזריות׳דיגער מענש. דעריבער איז װי נאָר ס׳איז עפּעס שטילער געװאָרן די מלחמה מיט דמיטריוס II, האָט טריפֿאָן זיך געװענדט קעגן זײַן אײגענעם, כּלומרשטיגן פֿאַרבינדעטן, יונתן. היות, װי ער האָט געװאוסט, װי שװער עס איז מנצח צו זײַן יונתן׳ען אין אָפֿענער שלאַכט, דעריבער האָט ער אָנגעװענדט קעגן אים אַ נידערטרעכטיגע רמאות. ער איז אַװעק מיט זײַן חיל קײן פּאַלעסטינע און האָט אױפֿגעשלאָגן זײַן לאַגער נעבן סקיטאָפּאָליס (בית־שאָן). יונתן האָט זיך געריכט אױף אַ צוזאַמענשטױס, און דעריבער איז ער מיט זײַן אַרמײע אַרױס אים אַנטקעגן. נאָר אומגעריכטערהײט האָט טריפֿאָן אים באַגעגנט זײער פֿרײַנדליך. דער סיריִשער הױפּטמאַן האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, װי ער װאונדערט זיך, כּלומרשט, װאָס יונתן גרײט זיך װי צו אַ

קריג, בשעת צווישען די געטרייע פערבינדעטע איז גאר קיין שטרייט ניט פאר־געקומען. ער האט איינגערעדט יונתנ'ען, ער זאל פונאנדערלאזען זיין ארמעע און מיט א קליינער אבטיילונג געהן מיט איהם, מיט טריפאנ'ען, קיין פטאלא־מאאידע (עכו), בכדי צו פיהרען אינטערהאנדלונגען וועגען אבטרעטען די אידען די דאזיגע שטאדט און אנדערע פעסטונגען. יונתן האט געגלויבט דעם פאלשען סוריער און איז אוועק מיט איהם. נאר ווי זיי זענען געקומען קיין פטאלא־מאאידע, האט מען יונתנ'ען אריינגעזעצט אין תפיסה, אלס א קריגסגעפאנגענעם, און זיין סוויטע האט מען אומגעבראכט (143).

אז שמעון חשמונאי האט זיך דערוואוסט וועגען אונגליק, וואס האט גע־טראפען מיט זיין ברודער, איז ער באלד געקומען קיין ירושלים. דאס פאלק, וואס איז געווען איבערגעבראכט איבער דער פאלשקייט פון די סוריער, האט מיט פרייד בעגעגענט דעם לעצטען מיטגליד פון דער משפחה חשמונאים און האט פראקלאמירט שמעונ'ען פאר'ן פערוואלטער איבער'ן לאנד. שמעון האט בע־דארפט פערענדיגען די בעפרייאונג פון פאלק. נאר קודם כל האט ער געוואלט זיך אברעכענען מיט'ן פאלשען פערבינדעטען און פרובען אדער צו בעפרייען יונתנ'ען פון געפאנגענשאפט, אדער נקמה נעהמען פאר איהם.

טריפאן איז מיט זיין חיל געגאנגען צו די גרעניצען פון מלכות־יהודה און האט געפיהרט מיט זיך דעם געפאנגענעם יונתן אין קייטען. איהם אנטקעגען איז ארויסגעטראטען שמעון מיט זיין חיל און האט איהם פערשטעלט די וועג ביי אדידא (חדידה), אין מערב־זייט פון ירושלים. דא האט טריפאן אבגעטאן א נייע נידערטרעכטיגע פאלשקייט. ער האט געשיקט זאגען שמעונ'ען, אז ער איז גרייט צו בעפרייען זיין ברודער, אויב ער וועט נאר בעקומען אנ'אויסקויף פון הונדערט טאלענטען און צוויי זיהן יונתנ'ס פאר א משכון. הגם שמעון האט ווייניג געגלויבט אין די הבטחות פונ'ם פאלשען סוריער, פונדעסטוועגען האט ער איהם צוגעשיקט די געלד, וואס ער האט געפאדערט, און יונתנ'ס זיהן, בכדי מען זאל איהם ניט קאנען פארווארפען, אז ער האט ניט געטאן אלצדינג, וואס עס איז מעגליך געווען, צוליעב בעפרייען זיין ברודער. נאר טריפאן האט אויך דאס מאל אבגענארט. ער האט געפיהרט זיין ארמעע קיין ירושלים דורך דער דרומדיגער גרעניץ; נאר ווייטער געהן האט ער ניט געקאנט, מחמת ביי־נאכט איז ארויסגעפאלען א טיעפער שניי. דעמאלט איז טריפאן אבגעטראטען אין מזרח־זייט, קיין גלעד, און דארט האט ער אויסגעלאזען זיין כעס פאר דער ניט־איינגעגעבענער מלחמה אויף זיין געפאנגענעם: לויט זיין בעפעהל, האט מען יונתנ'ען דערהרג'עט אין באסקאם (בסמקה) אין עבר־הירדן (143). נאכדעם, ווי טריפאן איז אוועק קיין סיריען, האט שמעון געהיימען איבערפיהרען דעם טויטען קערפער פון זיין ברודער קיין מודיעין און מקבר זיין איהם דארט אין פאמיליען־קלעפ פון די חשמונאים.

שמעון און די בעפֿרייאונג פֿון מלכות־יהודה.

§ 52. יונתן איז אומגעקומען אין דעם מאָמענט, בשעת ביז צו דער פֿאָלקאָמענער בעפֿרייאונג פֿון מלכות־יהודה איז געבליבען נאָר איין שריט צו טון. און שמעון האָט דעם דאָזיגען שריט געמאַכט. ער האָט בעפֿעסטיגט ירושלים און ענדגילטיג פֿעראייניגט מיט דער אידישער טעריטאָריע די האַפֿען־שטאָדט יפֿו און פֿון דאָרט פֿערטריבען די סיריער. די מדינות, וואָס האָבען זיך געשטאַרקט אין סיריען, האָבען איהם באַלד געגעבען די מעגליכקייט צו פֿערגעזעצליכען זיינע עראָבערונגען.

דער פֿאַלשער טריפֿאָן, וואָס ביז איצט פֿלעגט ער אַרויסטרעטען אַלס אַפּאָטראָפּוס פֿון אנטיוכוס VI, האָט דערהרג'עט דעם דאָזיגען פּרינץ, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער זיין השגחה, און האָט אויף זיך אַליין אָנגעטאָן די קעניגליכע קרוין. שמעון, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָבגעזאָגט פֿונ'ם בונד מיט דעם דאָזיגען קרוין־רויבער, איז אַריבער אויפֿ'ן צד פֿון געזעצליכען קעניג, דמיטריוס II, נאָר איבערגעגאַנגען איז ער ניט אַלס אָבהענגיגער פֿירשט, נאָר אַלס פֿרייער פֿערבינדעטער. דמיטריוס, וואָס איז געווען געענגט פֿון אַלע זייטען און האָט פֿאַקטיש אָנגעוואָרען די ממשלה איבער מלכות־יהודה, איז געווען גערן צו שליסען אַ בונד מיט שמעונ'ען און צו בעפֿרייען אויף שטענדיג די אידען פֿון צו צאָהלען צינז דער סירישער רעגירונג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען די סעלייקידען האָבען אָפֿיציעל זיך אָבגעזאָגט פֿון זייער איבערהערשאַפֿט איבער מלכות־יהודה. „דער יאָך פֿון די הײדען איז אַראָבגענומען געוואָרען פֿון ישראל“ — זאָגט דער כראָניקען־שרייבער. זינט יענעם מאָמענט (170־טער יאָהר פֿון דער סעלייקידישער צייטרעכענונג, דאָס הייסט 142 פֿאַר קריסטוס) האָט זיך אָנגעהויבען די אונאָבהענגיגקייט פֿון מלכות־יהודה.

אין גיכען איז געפֿאַלען דער לעצטער שטיצפּונקט פֿאַר דער סירישער ממשלה אין מלכות־יהודה. דער סירישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער ירושלמ'ער פֿעסטונג אַקרא, איז בעלעגערט געוואָרען; שמעונ'ס חיל האָט אַרומגערינגעלט די פֿעסטונג און האָט ניט דורכגעלאָזען צו־פֿיהרען אַהין קיין עסענוואַרג. דער הונגער האָט געצוואונגען די כריער זיך אונטערצוגעבען. די שטאָלצע פֿעסטונג, וואָס איז דרייסיג יאָהר נאָכאַנאַנד געווען אַ סכנה פֿאַר דער אידישער פֿרייהייט, איז אויסגערייניגט געוואָרען פֿון די פֿרעמדע. 23 טעג אין חודש אייר (אין מאי 142) זענען די ירושלמים פֿייערליך אַריינגעטראָטען אין אַקרא, און דער דאָזיגער טאָג איז אויך להבא בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ נאַציאָנאַלען יום־טוב.

דער 25־יאָהריגער העלדישער קאַמפּף פֿון די אידען האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אַזאַ ערפֿאָלג, וואָס די ערשטע איפּטוער פֿון דעם דאָזיגען קאַמפּף האָבען זיך גאָר ניט געריכט דערויף. די נאַציע האָט זיך דערשלאָגען ניט בלויז

צו אַ רעליגיעזער, נאָר אויך צו אַ פּאָליטישער פֿרייהייט. איצט האָט מען בעדאַרפֿט זאָרגען וועגען דעם, ווי אַזוי צו פֿעסטיגען די ערובערטע פֿרייהייט און איינצושטעלען אין לאַנד אַ נייע פּאָליטישע אָרדנונג. פֿאַקטיש איז די העלדישע משפּחה פֿון די חשמונאים שוין געשטאַנען בראש פֿון פֿאָלק און משך פֿון דער גאַנצער צייט, ווען ס'האָבן זיך געצויגן די בעפֿרייאונגס־קריג. די אַלטע דינאַסטיע פֿון די כהנים, די בני־צדוק, זענען געפֿאַלען נאָך דער בגידה פֿון איהר פֿאָרשטעהער יאַזאָן, וואָס ער איז געווען שולדיג אין די ערשטע רעליגיעזע רדיפֿות אין מלכות־יהודה. נאָכדעם, ווי די רעליגיעזע פֿרייהייט איז ווידער איינגעשטעלט געוואָרען, האָט איבערגענומען די כהונה־גדולה (נאָך יאַלקימס'ן, וואָס איז געווען כהן־גדול אַ קורצע צייט) יונתן, דער פֿאָרשטעהער פֿון אַ נייער דינאַסטיע פֿון כהנים. און דערנאָך, בשעת די חשמונאים האָבען ערובערט פֿאַר מלכות־יהודה אויך פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט, האָט זייער משפּחה על־פּי־הכרח געמוזט ווערען די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע דינאַסטיע. אויף אַזאַ אופֿן איז די גייסטליכע און וועלטליכע מאַכט איבערגעגעבען געוואָרען צו איין משפּחה. די בעפֿרייטע נאַציע האָט מעהר ניט בעדאַרפֿט לעגאַליזירען די איבערקעהרעניש, וואָס איז שוין געשעהן.

18 טעג אין אלול אין יאָהר 140, איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿערזאַמלונג, וואו ס'האָבען זיך בעטייליגט פֿאָרשטעהער פֿון דער גייסטליכקייט און פֿאָלקס־עלטסטע, און אויף דער דאָזיגער פֿערזאַמלונג איז שמעון חשמונאי אויסגעקליבען געוואָרען פֿאַר אַ כהן־גדול, קריגס־הויפּטמאַן און פֿירשט (נשיא, עטנאַרך) פֿון אידישען פֿאָלק, און ס'איז בעשטימט געוואָרען, אַז די ממשלה זאָל אַריבער אויך בירושה צו זיינע קינדער. דער נשיא־כהן־גדול, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען דורכ'ן פֿאָלקס ווילען, האָט געהאַט אַלע רעכט פֿון אַ מושל: ער האָט בעדאַרפֿט בעשליסען די פֿראַגען וועגען שלום און מלחמה, בעשטימען און אַראָבזעצען בעאַמטע, אונטערחתמ'ען די וויכטיגסטע מלוכה־דאָקומענטען, האָבען די השגחה איבער'ן בית־המקדש און בעשטראָפֿען ווידערשפּעניגע. די נייע קאָנסטיטוציע פֿון מלכות־יהודה, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אָנגענומען, האָט בעשטימט גענוי די רעכט און די התחייבות'ען פֿון דער העכסטער מאַכט. מען האָט זי אויסגעקריצט אויף קופּערנע טאָוולען, און די טאָוולען האָט מען אויפֿגעלעגט אין בית־המקדש.

פֿאַר אַ סימבאָל פֿון דער פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט האָבען געדינט די מטבעות, וואָס מען האָט אָנגעהויבען דעמאָלט צו שמעלצען אין ירושלים. אויף די שקלים און האַלבע שקלים („מחצית השקל") פֿלעגט זיין אויסגעקריצט די ווערטער: „ירושלים הקדושה", דער ווערט פֿון דער מטבע און דער יאָהר, ווען זי איז געמאַכט געוואָרען; די צייט האָט מען גערעכענט זינט דעם יאָהר, וואָס שמעון איז געוואָרען כהן־גדול און נשיא.

די אידישע געשיכטע

כּדי צו פֿערפֿעסטיגען די לאגע פֿון די אידען צווישען די איבעריגע פֿעלקער, האט שמעון בעניײט דעם בונד מיט די רוימער. די אידישע שלוחים, וואס זענען געשיקט געווארען קיין רוים, האט דער סענאט פֿון דער גרויסער רעפּובליק אויפגענומען פֿריינדליך. דער רוימישער סענאט האט גאראנטירט די אידען, אז זייער טעריטאריע וועט בלייבען גאנץ און זייער פּאליטישע אינאפּ־דעהענגיגקייט וועט ניט אנגערירט ווערען, — און וועגען דעם האט מען מודיע גע־ווען דעם קעניג פֿון מצרים, דעם קעניג פֿון סיריען, די מלכים פֿון קליין־אזיען און פֿון אנדערע שכנישע לענדער.